עין
יעקב

D04527197Z
Duke University Libraries

ספר הזה עין יעקב שייך לה' [illegible]

[illegible] רבינאוויץ [illegible]

Mr. J. M. Rabinowitz

High Point N.C.

ספר הספד וקינה שייך

לה"ר שלמה מנשה בן יעקב ראבינאוויץ

המכונה ש"ק

S. M. Robinowitz

High Point N.C.

ספר

עין יעקב

חלק ראשון

כולל כל האגדות מתלמוד בבלי וירושלמי, הנמצאות במסכתות

ברכות, (מסדר זרעים). שבת, (מסדר מועד).

עם פירוש רש"י בשלמותו והחדושים שנתוספו בו, ככל הנמצא

בספר עין יעקב הגדול.

גם איזה מאמרים, מתוספות, מהרש"א, הרי"ף, ועיון יעקב.

גם ציוני הדפים בש"ס, וציוני המקראות בתנ"ך, והגהות הב"ח:

ונוסף על זה פירוש עברי דייטש הנהוג במדינתנו

נעתק ע"י ה"ה יוסף מאיר יעבץ מעתיק המשניות ע"ס

ווארשא

בדפוס ישראל ברוך ב"ר יוסף ז"ל, הכהן אלאפין נ"י.

בשנת תרמ"ו לפ"ק

Энъ Іааковъ

ТОМЪ I

ВАРШАВА

1886 г.

въ Типографіи И. О. Алапина Налевки № 41

א מאימתי קורין את שמע בערבית . **משעה** שהכהנים נכנסים לאכול בתרומתן וכו':

גמ' מכדי כהנים אימת קא אכלי תרומה משעת צאת הכוכבים ליתני משעת צאת הכוכבים מלתא אגב אורחיה קא משמע לן כהנים איממ קא אכלי בתרומה משעת צאת הכוכבים והא קמ"ל דכפרה לא מעכבא . כדתניא (ויקרא כב) ובא השמש וטהר ביאת שמשו מעכבתו מלאכול בתרומה ואין כפרתו מעכבתו מלאכול בתרומה . וממאי דהאי ובא השמש ביאת השמש והאי וטהר טהר יומא דלמא ביאת אורו הוא ומאי וטהר טהר גברא . אמר רבה בר רב שילא א"כ לימא קרא ויטהר מאי וטהר טהר יומא . כדאמרי אינשי איערב שמשא ואדכי יומא . במערבא

דילמא ביאת אורו . ביאור השמש מיהו השמש ויטהר האיש עצמו דבהבאת קרבנותיו ואח"כ יאכל : א"כ . דהאי קרא וטהר לשון טוי הוא לימא קרא ויטהר מאי וטהר : ואדכי . לשון עבר נתדכה

פרק ראשון

א מאימתי. ווען הייבט זיך אן די צייט צוא לייענען קריאת שמע ביא נאכט. פון דער צייט וואס די כהנים גייען אריין עסין זייער תרומה (דאס הייסט כהנים וואס זענען געוועזן טמא. אונ האבען זיך טובל געוועזן פון דעסטוועגין טארין זייא ניט עסין קיין תרומה. ביז די זוהן גייט אונטער. דאס איז ביז עס ווערט געזעהן שטערין אין הימעל) אזוי איז די צייט צוא לייענען קריאת שמע ביי נאכט: אויך ווען עס ווערט געזעהן שטערין אין הימעל ניט פריער. פרעגט די גמרא ווען איז די צייט וואס כהנים (וואס זענען געוועזן טמא) גייען אריין עסין תרומה ווען שטערין ווערין געזעהן. אונ די צייט פון קריאת שמע לייענען ביא נאכט איז אויך ווען שטערין ווערין געזעהן זאל די משנה לערנען (ווען איז די צייט צו לייענען קריאת שמע ביא נאכט) ווען שטערין ווערין געזעהן. צוא וואס דער מאנט די משנה די כהנים ווען זייא מעגין עסין תרומה: ענטפערט די גמרא ביים וועג ווען די משנה לערינט איין דין: דער צייגט זיא נאך אדין, ווייל די ביידע דינים זענען גלייך. כהנים וואס זענען געוועזן טמא אונ האבען זיך טובל געוועזן ווען מעגין זייא עסין תרומה. ווען שטערין ווערין געזעהן אין הימעל. אונ דאס לאזט אונז די משנה הערין אז די קרבנות האלטען אים נישט אויף פון צוא עסין תרומה (אויב דער כהן איז געוועזן אזב אדער אמצורע. דער נאך וויא ער ווערט געזונד דארף ער ציילען זיבען טעג. דעם זיבעטען טאג פארין נאכט איז ער זיך טובל. אונ אויף מארגען דעם אכטען טאג דארף ער ברייגען קרבנות. זאגט די משנה אז דעם זיבעטען טאג ביא נאכט נאך דער טבילה מעג ער עסין תרומה: אונ דארף ניט ווארטען ביז אויף מארגין נאך די קרבנות ברייגגען) אזוי וויא מיר האבען גילערנט עס שטייט אין פסוק ובא השמש וטהר די זוהן וועט אונטער גיין וועט ער זיין ריין: אונ וועט מעגין עסן תרומה. דאס זוהן אונטער גיין האלט איהם אויף פון צוא עסין תרומה. ער טאר ניט עסין תרומה איידער די זוהן גייט אונטער. אבער די קרבנות זיינע האלטען איהם ניט אויף פון צוא עסין תרומה. ער מעג עסין תרומה אפילו איידער ער ברייננגט קרבנות. פרעגט די גמרא פון ואנען ווייסטו אז דער ווארט ובא השמש איז טייטש די זוהן וועט אונטער גיין אונ דער ווארט וטהר איז טייטש דער טאג וועט אוועק גיין (ווארום מען קען ניט טייטשין וטהר ער וועט ריין ווערין. ווייל ער איז נאך ניט ריין ביז נאך די קרבנות ברייננגען) טאמער מיינט מען ובא השמש די זוהן וועט אויף קומען דעם אכטען טאג אונ וואס מיינט מען מיט דעם ווארט וטהר דער מענטש וועט ריין ווערין. דורך די קרבנות וואס ער וועט ברייננגען. דער נאך וועט ער מעגין עסין תרומה. האט רבה בר רב שילא גזאגט אויב די תורה זאל אזוי מיינען זאל דר פסוק זאגן ויטהר מיט אפר באט אויף אים. ער זאל ריין ווערין. דאס הייסט ער זאל ברייננגן קרבנות. ווארום שטייט וטהר. ווטהר מיינט מען ער ווערט ריין פון זיך אליין. ער מוהט

מן העולם השמש : מברייתא . דקאמר לקמן במתניתין משעה שהכהנים נכנסין לאכול בתרומתן : סימן לדבר צאת הכוכבים . שמע מינה אין בפרקין מסכת : בין השמשות . דרבי יהודה מהלך חצי מיל לפני צאת הכוכבים ודרבי יוסי כהרף עין לפני צאת הכוכבים :

שלשה משמרות הוי הלילה . במשמרות עבודת המלאכים ושיר שלשה נחלק לשלשה חלקים ראשונה לכת אחת שניה לכת אחרת שלישית לכת שלישית ומפרק בגמרא קי"ל כרבי אליעזר דקתני' דאמר אנן ק"ש עד סוף האשמורה הראשונה דאיכא משמרות ברקיע ואיכא משמרות בארעא :

ישאג

במערבא הא דרבה בר רב שילא לא שמיע להו ובעו לה מבעיא האי ובא השמש ביאת שמשו הוא ומאי וטהר טהר יומא או דילמא ביאת אורו הוא ומאי וטהר טהר גברא. והדר פשיט לה מברייתא מדקתני בברייתא סימן לדבר צאת הכוכבים שמע מינה ביאת שמשו הוא ומאי וטהר טהר יומא :

(ע"ב) **אמר** רבי יוסי בין השמשות כהרף עין זה נכנס וזה יוצא ואי אפשר לעמוד עליו :

(דף ג) **ב עד** סוף האשמורה דברי רבי אליעזר מאי קסבר רבי אליעזר אי קסבר שלשה משמרות הוי הלילה לימא עד ארבעה שעות ואי קסבר ארבעה משמרות הוי הלילה לימא עד שלשה שעות . לעולם קסבר שלשה משמרות הוי הלילה והא קמ"ל דאיכא משמרות ברקיע ואיכא משמרות בארעא . דתניא רבי אליעזר אומר שלשה משמרות הוי הלילה ועל כל משמר ומשמר יושב הקב"ה ושואג כארי שנא' (ירמיה כה) ה' ממרום ישאג וממעון קדשו יתן

גאר ניט צוא זיין ריין ווערין . געווים מיינט מען דער טאג גייט אוועק . ווערט ער טהור פון זיך אליין צוא עסין תרומה . אזוי וויא מענטשין זאגין דיא זוהן איז אונטער גיגאנגען אונ דער טאג איז אוועק גיגאנגען . אין ארץ ישראל וואס רבה בר רב שילא האט גזאגט האבען זייא ניט גיהערט האבען זייא דאס גיפרעגט דיא ווערטער ובא השמש מיינט מען דיא זוהן איז אונטער גיגאנגען . אונ וויא איז דער טייטש וטהר דער טאג איז אוועק גיגאנגען אדער טאמער מיינט מען דיא זוהן איז אויף גיקומען דעם אנדערען טאג . אונ וויא מיינט מען וטהר דער מענטש וועט ריין ווערין . ער וועט ברענגען קרבנות . דער נאך איז זייא דיא זאך געווים גיווארין פון דיא ברייתא ווייל מען לערנט אין דיא ברייתא אצייכען צוא דער זאך . ווען כהנים עסין תרומה ווען שטערין גייען ארויס אויף דעם הימעל צוא בעצייכטען איז גידרונגען דער פון אז ובא השמש מיינט מען דיא זוהן איז אונטער גיגאנגען אונ וואס מיינט מען וטהר דער טאג איז אוועק גיגאנגען :

אמר : האט רבי יוסי גזאגט דער צווישען טאג אונ נאכט איז אזוי וויא מען גיט אמאך מיט דעם אויג דער גייט אריין . דיא נאכט גייט אריין . אונ דער גייט ארויס . דער טאג גייט ארויס. אונ עס איז ניט מעגלאך צוא שטעלין דארויף . מען זאל עפעס טאהן אין דער צייט ווען דער טאג אונ נאכט שיידין זיך :

ב עד . ביז צום סוף ערשטע טייל נאכט איז צייט צוא לייענען קריאת שמע . אזוי זאגט רבי אליעזר . פרעגט דיא גמרא וויא האלט רבי אליעזר . אויב ער האלט דיא נאכט איז צוא טיילט אין דרייא טייל . איז דא אין יעדער טייל פיר שעה . צוא וואס זאגט רבי אליעזר ביז צום סוף ערשטע טייל זאל ער זאגין ביז פיר שעה אין דער נאכט איז צייט צוא לייענען קריאת שמע . אונ אויב רבי אליעזר האלט דיא נאכט איז צוא טיילט אין פיר טייל . איז דא אין יעדער טייל דרייא שעה . זאל ער זאגין ביז דרייא שעה אין דער נאכט איז צייט צוא לייענען קריאת שמע . ענטפערט דיא גמרא . רבי אליעזר האלט באמת אז דיא נאכט איז צוא טיילט אין דרייא טייל. אונ דם לאזט אונז רבי אליעזר הערין אזוי ווי אויף דעם הימעל איז די נאכט צו טיילט אין דרייא טייל . אונ מען ווייס יעדער טייל בזונדער ווען עס הייבט זיך אן . אזוי איז דיא נאכט צו טיילט אין דרייא טייל אויף דיא ערד . אונ מען ווייס יעדער טייל ווען עס הייבט זיך אן אונ ווען עס לאזט זיך אויס . מיר האבען גילערנט רבי אליעזר זאגט דיא נאכט איז צו א טיילט אין דרייא טייל . אונ אויף יעדער טייל נאכט זיצט גאט אונ ער שרייט אזוי וויא אלייב אויף דעם חורבן

יתן קולו שאוג ישאג על נוהו וסימן לדבר משמרה ראשונה חמור נוער. שניה כלבים צועקים. שלישית תינוק יונק משדי אמו ואשה מספרת עם בעלה. מאי קחשיב ר' אליעזר אי תחלת משמרות קחשיב תחלת משמרה ראשונה סימנא למה לי אורתא הוא אי סוף משמרות קחשיב סוף משמרה אחרונה סימנא למה לי יממא הוא אלא חשיב סוף משמרת ראשונה ותחלת משמרה אחרונה ואמצעית דאמצעיתא ואי בעית אימא כולהו סוף משמרות קחשיב. וכי תימא אחרונה לא צריך למאי נפקא מינה למקרי ק"ש למאן דגני בבית אפל ולא ידע זמן ק"ש אימת כיון דאשה מספרת עם בעלה ותינוק יונק משדי אמו ליקום ולקרי. אמר רב יצחק בר שמואל אמר רב שלשה משמרות הוי הלילה ועל כל משמר ומשמר יושב הקב"ה ושואג כארי ואומר אוי שהחרבתי את ביתי ושרפתי את היכלי והגליתי את בני לבין העו"ג:

ישאג שאוג ישאג. הרי שלשה: ואשה מספרת: כשמגיע קרוב ליום ובני אדם עומדים משינתם והכוכבים יחד מספרים זה עם זה: אורתא הוא. אלא הכוכבים: כולהו סוף משמרות וכו'. סירוגא הוא: ושמר. והמתין כמו לא יאמר אדם לחבירו שמור לי כנגד עו"ג פלוני וכב"ק בפרק השואל

ג תניא אמר רבי יוסי פעם אחת הייתי מהלך בדרך ונכנסתי לחורבה אחת מחורבות ירושלים להתפלל ובא אליהו זכור לטוב ושמר לי על הפתח והמתין לי עד

בית המקדש. אזוי וויא עס איז געזאגט געווארין אין פסוק גאט שרייט פון זיין הייך. פון הימעל. אונ פון זיין הייליגע וואהנונג טוהט ער געבין זיין קול. ער שרייט אונ שרייט אויף זיין וואוננג וואס איז פאר ברענט געווארין. אונ אצייכען צוא דער זאך ווען עס זענען די משמרות ווי דריי אבטיילונגען) אויף די ערד; די ערשטע טייל נאכט ברומט דער אייזיל. די אנדערע טייל נאכט שרייאן הינט; די דריטע טייל נאכט זייגט דאס קינד פון די בריסט פון זיין מוטער. אונ אאשה שמועסט מיט איר מאן; פרעגט די גמרא וואס רעכונט רבי אליעזר. אויף וועלכער צייט גיט רבי אליעזר די צייכונס. אויב ער רעכונט דעם אנהייב פון יעדער טייל; אויף דעם אנהייב פון דאס ערשטע טייל נאכט דארף מען ניט קיין צייכען ווען דאס איז. ווען עס ווערט נאכט איז דער אנהייב פון די ערשטע טייל נאכט. אויב ער רעכונט דעם סוף פון יעדער טייל. אויף דעם סוף פון דאס לעצטע טייל נאכט דארף מען ניט קיין צייכען ווען דאס איז ווען עס ווערט טאג איז דער סוף פון די לעצטע דריטע טייל נאכט. נאר ער רעכונט מער ניט דעם סוף פון די ערשטע טייל. אונ דעם אנהייב פון דעם לעצטין טייל. אונ דעם מיטען פון די מיטעלסטע טייל נאכט. אונ אויב דוא ווילסט וועל איך דיר זאגין. ער רעכונט דעם סוף פון אלע דריי טיילען נאכט; אויב דוא ווילסט וועלין זאגין. דעם סוף פון די לעצטע דריטעל נאכט דארף מען ניט רעכענען. וואס קומט ארויס דער פון וואס ער רעכונט דעם סוף פון די לעצטע דריטעל נאכט. זאגט די גמרא דער וואס שלאפט אין אפינסטערע שטוב אונ ער ווייס ניט די צייט ווען ער זאל לייענען קריאת שמע. אז די אשה שמועסט מיט איר מאן. אונ דאס קינד זייגט פון די בריסט פון זיין מוטער זאל ער אויף שטיין אונ זאל לייענען קריאת שמע. ווייל די צייט לאזט זיך אויס. די לעצטע דריטע טייל נאכט אונ עס ווערט טאג. האט רב יצחק דער זוהן פון שמואל גזאגט פון רבס וועגין די נאכט איז צוא טיילט אין דרייא טייל אונ אויף יעדער טייל זיצט גאט אונ ער שרייט וויא אלייב אונ ער זאגט ווייא איך האב פאר וויסט מיין שטוב אונ איך האב פאר ברענט מיין פאלאסט אונ איך האב פר טריבען מיינע קינדער צווישען די אומות וואס דינען צוא די שטערין:

ג תניא; מיר האבען גילערונט רבי יוסי האט גזאגט איך בין אמאהל גיגאנגען אין וועג אונ איך בין ארייין גיגאנגען אין אויסטע שטוב פון די וויסטע הייזער וואס זענען אין ירושלים צוא דאווענען (בעטין גאט) איז גיקומען אליהו הנביא זיין דער מאנונג זאל זיין צו גוטען

עד שסיימתי תפלתי לאחר שסיימתי תפלת אמר לי שלום עליך רבי אמרתי לו שלום עליך רבי ומורי. אמר לי בני מפני מה נכנסת לחורבה זו אמרתי לו להתפלל אמר לי מפני מה לא התפללת בדרך אמרתי לו מתיירא הייתי שמא יפסיקוני עוברי דרכים. אמר לי היה לך להתפלל תפלה קצרה. באותה שעה למדתי ממנו ג' דברים. למדתי שאין נכנסין לחורבה ולמדתי שמתפללין בדרך ולמדתי שהמתפלל בדרך יתפלל תפלה קצרה. א"ל בני מה קול שמעת בחורבה זו אמרתי לו שמעתי בת קול שמנהמת כיונה ואומרת אוי שהחרבתי את ביתי ושרפתי את היכלי והגליתי את בני לבין העכו"ם. אמר לי בני חייך וחיי ראשך לא שעה זו בלבד אומרת כך אלא בכל יום ויום ג"פ אומרת כך. ולא עוד אלא בכל זמן שישראל נכנסין לבתי כנסיות ולבתי מדרשות ועונין אמן יהא שמיה רבא. מברך הקב"ה מנענע ראשו ואומר אשרי המלך שמקלסין אותו בביתו כך. ומה לו לאב שהגלה את בניו לבין העו"ג ואוי להם לבנים שגלו מעל שלחן אביהם:

במרה עומדת על פתח העיר, וכמו והכיו שמר את הדבר, שומר אמונים: תפלה קצרה. הבינונו כן הסכימו בתוספות: בת קול. לא דיבר רש"י בפירושו כלל במקום זה. אבל במסכת סוטה פרק ואלו נאמרים (דף כט) על מאמר אין מלאכי השרת מכירין בלשון ארמי כתב דבר הידוע בפירוש בת קול מקום הראוי לכתובו הוא באותה סוגיא לכן לא כתבתיו פה. ומצאתי בתוספות בסנהדרין פרק א' דף י"א לשון זה. בת קול י"א שלא היו שומעין קול היוצא מן השמים אלא מתוך אותו קול יוצא קול אחר כמו פעמים שאדם מכה בכח ושומע קול אחר היוצא ממנו למרחוק ואותו קול היו שומעין. לכן היו קורין אותו בת קול ע"כ. וכן מצאתי כתוב בשם רב סעדיה גאון ז"ל: אשרי. כל זמן שהיה קילוס זה

תנו

און ער האט געענטפערט אויף מיר ביז איך האב אויס געלאזין מיין תפלה. דער נאך וויא איך האב אויס געלאזין מיין דאווענען האט אליהו הנביא געזאגט צוא מיר פריד זאל זיין אויף דיר מיין רבי. האב איך געזאגט צוא איהם (צוא אליהו) פריד זאל זיין אויף דיר מיין רבי און מיין לערנער. האט אליהו הנביא געזאגט צוא מיר מיין זוהן פאר וואס ביסטו אריין געגאנגען אין דעם וויסטען ארט. האב איך געזאגט צוא איהם (צוא אליהו הנביא) צוא דאווענען. האט אליהו הנביא געזאגט צוא מיר פאר וואס האסטו ניט געדאווינט אין וועג. האב איך געזאגט צוא איהם (צוא אליהו) איך האב מורא געהאט טאמער דיא מענטשין וואס גייען אין וועג וועלין מיר שטערין מיין דאווענען. האט אליהו צוא מיר געזאגט האסטו געדארפט דאווענען אקורצע תפלה. אין דיא צייט האב איך געלערנט פון איהם (פון אליהו הנביא) דרייא זאכען. איך האב געלערנט אז מען טאר ניט אריין גיין אין אוויסטע שטוב. און איך האב געלערנט אז מען מעג דאווענען אין וועג. און איך האב געלערנט דער וואס דאווינט אין וועג מעג דאווענען אקורצע תפלה. האט אליהו הנביא צוא מיר געזאגט מיין זוהן וואס פאר אשטימע האסטו געהערט אין דיא וויסטע שטוב. האב איך געזאגט צוא איהם (צוא אליהו) איך האב געהערט אקול וואס האט געברומט וויא אטויב און זיא האט געזאגט וויא וואס איך האב וויסט געמאכט מיין שטוב. און איך האב פאר ברענט מיין פאלאסט. און איך האב פאר טריבען מיינע קינדער צווישען דיא פעלקער וואס דינען צו דיא שטערין. האט אליהו הנביא צוא מיר געזאגט מיין זוהן דוא זאלסט אזוי לעבין און דיין קאפ זאל אזוי לעבין. ניט גאר אין דיא צייט אליין האט זיא אזוי געזאגט. נאר אלע טאג יעדען טאג דרייא מאהל זאגט זיא אזוי. און ניט נאר דאס אליין נאר צוא יעדער צייט ווען יודין גייען אריין אין דיא שולען און אין דיא בתי מדרשים. און זייא ענפערין אמן דער נאמען פון גאט זאל זיין גרויס און געלויבט. שאקילט גאט מיט זיין קאפ (כביכול איז טייטש אזוי וויא דאס וואלט געקענט זיין). ווארום גאט איז ניט קיין גוף ער זאל שאקלען מיט דעם קאפ. נאר מען רעט וויא דער שטייגער איז צווישען מענשין צוא ריידען). און ער זאגט וויא וואוהל וואלט געוועזען דעם מלך אז מען וואלט איהם אזוי געלויבט אין זיין שטוב. אין בית המקדש. און וואס איז דען נאך געבליבען צום פאטער אז ער האט פאר טריבען זיינע קינדער צווישען דיא פעלקער וואס דינען צוא דיא שטערין. און וויא צוא זייא צוא דיא קינדער. אז זייא זענען פאר טריבען געווארין פון זייער פאטערס טיש:

ד **תנו** רבנן מפני שלשה דברים אין נכנסין לחורבה מפני חשד ומפני מפולת ומפני מזיקין:

(ע"ב) **ת"ר** ארבעה משמרות הוי הלילה דברי רבי, רבי נתן אומר שלשה מ"ט דרבי נתן דכתיב (שופטים ז) ויבא גדעון ומאה איש אשר אתו בקצה המחנה ראש האשמורת התיכונה תנא אין תיכונה אלא שיש לפניה ולאחריה ורבי מאי תיכונה אחת מן התיכונה שבתיכונות ורבי נתן מי כתיב היכונה שבתיכונות תיכונה כתיב. מאי טעמא דרבי אמר רבי זריקא אמר רבי אמי אמר רבי יהושע בן לוי כתוב אחד אומר (תהלים קיט) חצות לילה אקום להודות לך על משפטי צדקך וכתוב אחר אומר (שם קיט) קדמו עיני אשמורות. הא כיצד ארבעה משמרות הוי הלילה. ורבי נתן סבר לה כר"י דאמר עד שלשה שעות שכן דרך מלכים לעמוד בשלשה שעות שית דליליא ותרתי דיממא

בתוך בית המקדש. זה לשון רש"י: מפני החשד: שלא יאמרו זונה מוכנת לו שם: מפני המפולת. שהומה החורבה רעועה ומסוכן הוא פן תפול החומה עליו: קדמו עיני אשמורות. אלמא חצות לילה שהיה דוד עומד שתי משמרות יש בהם: ורבי נתן. אמר לך הכי קדמו עיני אשמורות דקאמר דוד קודם לשאר מלכים קאמר שדרכן לעמוד בשלש שעות ביום בתחלת שעה שלישית: שית דליליא. חצות לילה הן שש שעות: ותרתי דיממא. שאר מלכים ישנים:

ד תנו. דיא רבנן האבען גילערנט פאר דרייא זאכען טאר מען ניט אריין גיין אין צוריסטע שטוב. מען וועט איהם חושד זיין ער איז דארט מיט אזונה. אונ טאמער וועט זיא איין פאלען. אונ טאמער איז דארט דא שדים:

תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערנט. דיא נאכט איז צוא טיילט אין פיר טייל. אזוי זאגט רבי: רבי נתן זאגט דיא נאכט איז צוא טיילט אין דרייא טייל. וואס איז דער טעם פון רבי נתן וואס ער זאגט אז דיא נאכט איז צוא טיילט אין דרייא טייל. ווארום עס שטייט געשריבען גדעון מיט דיא הונדערט מענטשין וואס מיט איהם זענען גיקומען. אין אנהייב פון דער מחנה. אין אנהייב מיטעלסטע טייל נאכט. מיר האבען גילערנט מען זאגט ניט אמיטעלסטע נאר סיידין עס איז דא איינע פריער אונ איינע שפעטער. איז דאך דרייא טייל: פר וואס זאגט רבי פיר טייל איז דיא נאכט. פון דעם פסוק זעהט מען דאך אז דיא נאכט איז נאר דריי טייל: ענטפערט דיא גמרא וואס מיינט מען דיא מיטעלסטע. איין מיטעלסטע טייל פון דיא צווייא מיטעלסטע טיילען וואס איז דא אין דיא נאכט. ווארום אז דיא נאכט איז פיר טייל איז דאך דא צווייא מיטעלסטע. אונ רבי נתן ענטפערט שטייט דען אין פסוק איין מיטעלסטע פון דיא צווייא מיטעלסטע. עס שטייט גאר דיא מיטעלסטע. זעהט מען אז עס איז ניט מעהר דא נאר איין מיטעלסטע. ווייל דיא נאכט איז נאר דרייא טייל: וואס איז דער טעם פון רבי וואס ער זאגט אז דיא נאכט איז פיר טייל. האט רבי זריקא גזאגט פון רבי אמי וועגין אונ רבי אמי האט גזאגט פון רבי יהושע בן לוים וועגין. איין פסוק זאגט דוד המלך האט גזאגט צוא גאט. האלבע נאכט שטייא איך אויף צוא לויבען דיך אויף דיינע גירעכטיגע משפטים. אונ איין פסוק זאגט מיינע אויגען זענען פריא אויף גיעפענט גיווארין עס איז נאך גיווען צווייא טייל נאכט ביז טאג. וויא איז דאס גיווען. דיא נאכט איז פיר טייל. איז פון האלבע נאכט ביז טאג צווייא טייל נאכט. וויא וועט רבי נתן ענטפערין אויף דיא פסוקים: אז ער זאגט דיא נאכט איז דרייא טייל. איז דאך פון האלבע נאכט ביז טאג נאר איין אונ אהאלבע טייל. אונ אין פסוק שטייט אשמורות. צווייא טייל. ענטפערט דיא גמרא: רבי נתן האלט וויא רבי יהושע וואס רבי יהושע זאגט ביז דרייא שעה אויפען טאג מעג מען לייענען קריאת שמע אין דער פריא. אזוי איז דער שטייגער פון מלכים (קעניגין) אויף צוא שטיין פון שלאף דיא דריטע שעה אויפען טאג. דוד איז דאך אויך גיווען אמלך. האט ער אויך גידארפט שלאפען ביז דיא דריטע שעה אויפען טאג: אז ער איז אויף גישטאנען האלבע נאכט. איז גיווען ביז צוא דער צייט וואס אמלך דארף אויף שטיין צווייא טייל. זעקס שעה פון האלבע נאכט ביז טאג. אונ צווייא שעה פון טאג וואס אנדערע מלכים שלאפען נאך

דימטא הוו להו שתי משמרות. רב אשי אמר משמרה ופלגא נמי משמרות קרי להו:

ה ואמר רבי זריקא אמר רבי אמי אמר רבי יהושע בן לוי אין אומרים בפני המת אלא דבריו של מת אמר רבי אבא בר כהנא לא אמרן אלא בדברי תורה אבל מילי דעלמא לית לן בה ואיכא דאמרי אמר רבי אבא בר כהנא לא אמרן אלא אפילו בדברי תורה וכל שכן מילי דעלמא:

ו כתיב (תהלים קיט) חצות לילה אקום להודות לך וכי דוד בפלגא דליליא הוה קאי מאורתא הוה קאי דכתיב (שם) קדמתי בנשף ואשועה. ומאי משמע דהאי נשף אורתא הוא דכתיב (משלי ז) בנשף בערב יום וגו'. אמר רבי אושעיא דוד הכי קאמר מעולם לא עבר עלי חצות לילה בשינה רבי זירא אמר עד חצות לילה היה מתנמנם כסוס מכאן ואילך היה מתגבר כארי. רב אשי אמר עד חצות לילה היה עוסק בדברי תורה מכאן ואילך בשירות ותשבחות. ונשף אורתא הוא נשף צפרא הוא דכתיב (ש"א ל) ויכם דוד מהנשף ועד הערב למחרתם מאי לאו מצפרא ועד ליליא לא מאורתא ועד אורתא. אי הכי לכתוב מהנשף ועד הנשף או

הוו להו ב' משמרות. של ח' שעות: אלא לדבר הלכה. אסור לספר לפניו שהכל חייבים לספר בהם ובמה דומה והא"ל לועג לרש חרף עושהו אבל מילי דעלמא דאין גנאי למתים בהם לית לן בה: מאורתא. מתחלת הלילה: בנשף בערב יום. בהערב יום קרי נשף: הכי קאמר. האי קרא דחצות לילה מעולם לא עבר עלי חצות לילה בשינה שקודם לכן הייתי עומד: מתנמנם כסוס. עוסק בתורה כשעות מתנמנם כסוס כזה שאינו נרדם לעולם אלא מתנמנם ונעור תמיד: בשירות ותשבחות. דהכי משמע בהאי קרא אקום להודות לך: למחרתם. ליום מחרת של הכייתם בם. ה"נ אי הכי לכתוב מהנשף ועד הנשף או מהערב ועד הערב אלא אמר

דָאס הֵייסְט צְוֵוייא טֵייל. וָוארוּם אַז דִיא נַאכְט אִיז דְרַייא טֵייל אִיז דָאךְ יֶעדֶער טֵייל פִיר שָׁעָה. צְוֵוייא טֵייל אִיז אַכְט שָׁעָה. רַב אַשִׁי זָאגְט מֶען רֶעכֶענְט נָאר בִּיז טָאג. אוּנ פוּן הַאלְבֶּע נַאכְט בִּיז טָאג אִיז נָאךְ רַבִּי נָתָן אֵיין אוּנ אַהַאלְבֶּע טֵייל. נָאר פַאר וָואס זָאגְט דֶער פָּסוּק אַשְׁמוּרוֹת. פִיל טֵייל. וָואס אַמְוֵויינִיגְסְטֶען מֵיינְט מֶען צְוֵוייא טֵייל: אַטֵייל מִיט אַהַאלְבֶּע טֵייל רוּפְט זֵייא אוֹיךְ דֶער פָּסוּק (לָשׁוֹן רַבִּים) פִיל טֵייל. גְלַייךְ וִויא זֵייא וָואלְטֶען גֶיוֶועזְן צְוֵויי טֵייל:

ה וְאָמַר: נָאךְ הָאט גְזָאגְט רַבִּי זְרִיקָא פוּן רַבִּי אַמִּים וֶועגִין אוּנ רַבִּי אַמִּי הָאט גְזָאגְט פוּן רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִים וֶועגִין. מֶען טָאר נִיט שְׁמוּעֶסְן פַאר אַמֵת נָאר דִיא זַאכֶען וָואס גִיהֶער צוּם מֵת. הָאט רַבִּי אַבָּא דֶער זוּהן פוּן בַּר כַּהֲנָא גְזָאגְט עֶס אִיז נִיט מֶעהר גְזָאגְט גִיוָוארִין אַז מֶען טָאר נִיט שְׁמוּעֶסְן פַאר דֶעם מֵת. נָאר לֶערְנֶען טָאר מֶען נִיט פַאר דֶעם מֵת. אָבֶּער וֶועלְטְלִיכֶע זַאכֶען הַארְט אוּנְז נִיט אַז מֶען וֶועט שְׁמוּעֶסְן פַאר דֶעם מֵת. אוּנ אַנְדֶערֶע זָאגִין רַבִּי אַבָּא בַּר כַּהֲנָא הָאט אַזוֹי גְזָאגְט עֶס אִיז נִיט מֶעהר גְזָאגְט גִיוָוארִין אַז מֶען טָאר נִיט שְׁמוּעֶסְן פַאר דֶעם מֵת. אֲפִילוּ לֶערְנֶען טָאר מֶען אוֹיךְ נִיט פַאר דֶעם מֵת. וֶועלְטְלִיכֶע זַאכֶען טָאר מֶען גְעוִויס נִיט שְׁמוּעֶסְן פַאר דֶעם מֵת:

ו כְּתִיב. עֶס שְׁטֵייט אִין תְּהִלִּים דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גְזָאגְט הַאלְבֶּע נַאכְט שְׁטֵייא אִיךְ אוֹיף צוּא לוֹיבֶּען דִיךְ. אִיז דֶען דָוִד אוֹיף גִישְׁטַאנֶען הַאלְבֶּע נַאכְט פוּן אָנְהֵייב נַאכְט פְלֶעגְט עֶר אוֹיף שְׁטֵיין. וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט גְשְׁרִיבֶּען דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גְזָאגְט קִדַּמְתִּי בַנֶּשֶׁף אִיךְ הָאבּ מִיךְ גְעפְרִיהֶערְט אִין אָנְהֵייבּ נַאכְט אוּנ הָאבּ גֶעשְׁרִיגֶען. פוּן וַואנֶען וֵוייס מֶען אַז נֶשֶׁף אִיז טַייטְשׁ נַאכְט. וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט גְשְׁרִיבֶּען בְּנֶשֶׁף בְּעֶרֶב. אִין אָוֶוינְד וֶוען דֶר טָאג וֶוערְט טוּנְקֶעל. עֶנְטְפֶערְט דִי גְמָרָא רַבִּי אוֹשַׁעְיָא הָאט גְזָאגְט. דָוִד הָאט אַזוֹי גְזָאגְט עֶס אִיז קֵיין מָאהל נִיט אַרִיבֶּער גִיגַאנְגֶען אוֹיף מִיר הַאלְבֶּע נַאכְט אִין שְׁלָאף. ווייל אִיךְ פְלֶעג אוֹיף שְׁטֵיין פַאר הַאלְבֶּע נַאכְט. פוּן אָנְהֵייבּ אָוֶוינְד. רַבִּי זֵירָא זָאגְט בִּיז הַאלְבֶּע נַאכְט הָאט עֶר גֶעדְרֵימוּלְט. אַזוֹי וִויא אַפֶּערְד וָואס שְׁלָאפְט קֵיין מָאהל נִיט נָאר עֶר דְרֵימוּלְט אוּנ אִיז אוֹיף. אַזוֹי אִיז דָוִד אוֹיךְ אוֹיף גִיוֶועזְן אוּנ גֶעדְרֵימוּלְט אוּנ גִילֶערְנְט תּוֹרָה. פוּן הַאלְבֶּע נַאכְט אוּנ וַויטֶער הָאט עֶר זִיךְ גִישְׁטַארְקְט וִויא אַלֵייבּ. רַב אַשִׁי זָאגְט בִּיז הַאלְבֶּע נַאכְט הָאט עֶר גִילֶערְנְט. פוּן הַאלְבֶּע נַאכְט אוּנ וַויטֶער הָאט עֶר גִיזוּנְגֶען אוּנ גִילוֹיבְּט גָאט. פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא נֶשֶׁף אִיז טַייטְשׁ נַאכְט. נֶשֶׁף

מהערב ועד הערב . אלא אמר רבא תרי נשפי הוו נשף ליליא ואתא יממא נשף יממא ואתא ליליא . ודוד מי הוה ידע חצות לילה איהו השתא משה רבינו לא הוה ידע דכתיב (שמות יא) כה אמר ה׳ כחצות הלילה וגו׳ . מאי כחצות אילימא דא״ל הקב״ה כחצות ומי איכא ספיקא קמי רקיעא אלא דא״ל למחר בחצות כי השתא ואתא איהו ואמר כחצות אלמא מספקא ליה ודוד הוה ידע . (סנהדרין פרק א) דוד סימנא הוה ליה דאמר רב חנא בר ביזנא אמר ר״ש חסידא כנור היה תלוי למעלה ממטתו של דוד וכיון שהגיע חצות לילה רוח צפונית מנשבת בו והיה מנגן מאליו והיה דוד יושב ועוסק בתורה עד שהגיע עמ״ה וכיון שעלה עמ״ה נכנסו חכמי ישראל אצלו ואומרים לו ארונינו המלך עמך ישראל צריכין פרנסה אמר להם ילכו ויתפרנסו זה מזה אמרו לו אין הקומץ

רב אשי תרי נשפי הוו : נשף יממא . הלך וילך כמו לינשף מדוכתיה (מגילה דף ג׳) וכמו הוי בוקא דאטמא דנשף מדוכתיה טריפה (חולין דף נד) : ואמר כחצות . לפי שלא היה יודע לכוין השעה ולהעמיד דבריו בשעת המאורע : כנור היה תלוי למעלה ממטתו . ונקביו לצד רוח צפונית : כיון שהגיע חצות לילה רוח צפונית מנשבת בו . אחד מן ארבע רוחות מנשבות בכל יום שש שעות ראשונות של יום מנשבת רוח מזרחית בהלוך החמה ושש שעות האחרונות רוח דרומית ובתחלת הלילה רוח מערבית ובחצות הלילה רוח צפונית : אין הקומץ משביע את הארי . מלבון מלא קמצו מלא כף נוהגין אינו משביע

איז טייטש פריא . ווארום עס איז געשריבען דוד האט זייא גישלאגען . פון נשף ביז נאכט . ווען האט ער זייא גישלאגען אויף מארגין וויא זייא האבען דארט גירוהט . וועסטו דען ניט זאגין אז מען מיינט פון פריא ביז נאכט . איז נשף טייטש פריא . ענטפערט דיא גמרא ניין . נשף איז טייטש נאכט . אונ דוד האט זייא גישלאגען . פון איין נאכט ביז דיא אנדערע נאכט אויף מארגין . פרעגט דיא גמרא אויב אזוי אז נשף איז טייטש נאכט . זאל דער פסוק שרייבען דוד האט זייא גישלאגין . פון איין נשף ביז צום אנדערין נשף אדער זאל שטיין פון איין ערב ביז צום אנדערין ערב . פאר וואס שטייט פון נשף ביז ערב . מוז זיין אז נשף איז טייטש פריא . נאר רבא האט אזוי גזאגט . עס איז דא צווייא ערלייא נשפין . נשף איז טייטש אפ גישפרונגען . אוועק גיגאנגען . ווען דיא נאכט גייט אוועק אונ דער טאג קומט . הייסט נשף . ווען דער טאג גייט אוועק אונ דיא נאכט קומט . הייסט אויך נשף . פרעגט די גמרא האט דען דוד גיוואוסט ווען עס איז גיוועזן האלבע נאכט . משה רבינו האט ניט גיוואוסט ווען האלבע נאכט איז . זאל דוד וויסען . עס איז אין דיא תורה געשריבען משה רבינו הט גזאגט אזוי האט גאט גזאגט אזוי וויא האלבע נאכט . וואס מיינט מען אזוי וויא האלבע נאכט . זאל מען זאגין גאט האט גזאגט צוא משה אזוי וויא האלבע נאכט . איז דען דא אספק פאר דעם וואס איז אין הימעל [פאר גאט] ווען האלבע נאכט איז . וואס ער דארף זאגין אזוי וויא האלבע נאכט . נאר גאט האט גזאגט צו משה . מארגין האלבע נאכט אזוי וויא איצט איז . איז משה גיקומען אונ האט גזאגט . אזוי וויא האלבע נאכט . זעהט מען אז צו משה איז גיוועזן אספק ווען האלבע נאכט איז . דריבער האט ער מורא גיהאט צוא זאגין האלבע נאכט טאמער וועט ער ניט קענען דער ווייזין אז די מכה איז גיקומען פונקט האלבע נאכט . אונ דוד הט גיוואוסט ווען האלבע נאכט איז . וויא אזוי קען דאס זיין . ענטפערט דיא גמרא . דוד האט גיהאט אצייכען צו וויסען ווען האלבע נאכט איז . רב חנא בר ביזנא האט גזאגט פון רבי שמעון החסידם ווענין . אפידול האט גיהאנגען איבער דיא בעט פון דוד . וויא עס איז גיקומען האלבע נאכט . האט אצפון ווינט גיבלאזען אין דיא פידול . האט דיא פידול געשפילט פון זיך אליין . האט זיך דוד גיזעצט לערנען תורה . ביז דער מארגין שטערין איז אויף גיקומען . וויא דער מארגין שטערין איז אויף גיקומען . זענען דיא חכמים פון דיא יודען אריין גיגאנגען צוא דוד המלך אונ האבען גזאגט צוא איהם . אונזער העררר אונ קעניג . דיין פאלק יודין דארפען פרנסה . האט דוד המלך גזאגט צוא דיא חכמים : זאלען זייא גיין גישפייזט ווערין איינער פון אנדערין . דיא רייכע זאלען שפייזען דיא ארעמע . האבען דיא חכמים גזאגט צו דוד המלך . איין איישעריק וואס ער איז אקליינע בשעפעניש קען ניט זאט מאכען דעם לייב . אז אלייב

הקומץ משביע את הארי ואין הבור מתמלא מחולייתו
אמר להם לכו ופשטו ידיכם בגדוד מיד יועצים
באחיתופל ונמלכין בסנהדרין ושואלין באורים ותומים .
אמר רב יוסף מאי קרא (דה"א כז) ואחרי אחיתופל
יהוידע בן בניהו ואביתר ושר צבא למלך יואב. אחיתופל
זה יועץ וכן הוא אומר (ש"ב טז) ועצת אחיתופל אשר
יעץ בימים ההם . יהוידע בן בניהו זה סנהדרין וכן
הוא אומר (שם כ) ובניה בן יהוידע על הכרתי ועל
הפלתי . אביתר אלו אורים ותומים. ולמה נקרא שמם
כרתי שכורתים דבריהם פלתי שמופלאים במעשיהם. ולמה
נקרא שמם אורים שמאירים את דבריהם תומים שמשלימים
את דבריהם ואח"כ שר צבא למלך יואב. אמר רב יצחק
בר רב אדא מאי קראה (תהלים נז) עורה כבודי עורה
הנבל וכנור אעירה שחר . רבי זירא אמר משה רבינו

פירוש

את הארי . פי' קומץ לשון ומי בשעלו כתרגום ס
כדמתרגמינן בקומצי' רוצה לומר המגב אחד לא ישבע
הארי : ואין הבור מתמלא מחוליתו . העוקר חוליא
מבור כרויה וחוזר ומשליכה לתוכה אינו מתמלא
בכך אף כאן אם אין לעניים שבנו מזונות ממקום
אחר אין אנו יכולים לפרנסם משלנו : יועצין
באחיתופל . איזו הדרך ילכו והאיך יעשו מלב
ומאורים ותומים מאורב מלחמה : ונמלכין בסנהדרין.
נוטלין מהם רשות כדי שיתפללו עליהם : ושואלין
באורים ותומים . אם יצליחו : ה"ג מאי קרא ואחרי
אחיתופל בניהו בן יהוידע ואביתר ושר צבא למלך
יואב . אחיתופל זה יועץ . בניהו בן יהוידע זה
סנהדרין שהיה אב ב"ד : וכה"א ובניהו בן יהוידע
על הכרתי ועל הפלתי . ראובן וקודם להם שבתחלה
נוטלין רשות ואח"כ שואלין אם יצליחו : ואביתר אלו
אורים ותומים . שכל ימי דוד היה נשאל באביתר
עד מלחמת אבשלום ששאל אביתר ולא עלתה לו
ושאל לצדוק ועלתה לו כדאמרינן בסדר עולם ואז
נסתלק מן הכהונה : כרתי שכורתים דבריהם .
דברים קצובים וגמורים שלא יפחתו ולא יוסיפו :
שר צבא . להוליך אנשי המלחמה : מאי קרא . דכנור
היה תלוי למעלה ממטתו ומעוררו: עורה כבודי. לא תתעכב בשינה כשאר מלכים: העירה שחר. שאר מלכים השחר מעורר אותם ואני
מעורר

וועט אויף עסין איין איישעריק וועט ער דער פון ניט זאט ווערין. אזוי דיא ארעמע לייט
קענען ניט זאט ווערין פון דיא צדקה וואס דיא רייכע וועלען זייא געבין . נאר זייא מוזען
האבין איין אנדערע פרנסה . אונ אגרוב ווערט ניט פול פון זיין שמיק ערד וואס מען האט פון איהם
ארויס גינומען . אז מען גראבט אויס אגרוב אונ מען זאל די זעלביגע ערד צוריק אריין שיטען
וועט דיא גרוב ניט פוהל ווערין. אזוי אויך יודען וועלין ניט האבען פרנסה פון איין אנדער
ארט נאר פון זיך אליין וועט זייא ניט גינוג זיין. האט דוד גזאגט צו דיא חכמים גייט אונ
שפרייט אויס אייערע הענט אין מלחמה ; וועגען זייא באלד גיגאנגען אונ האבען גיהאלטען
אעצה מיט אחיתופל וויא אזוי זייא זאלען פירען דיא מלחמה. אונ האבען גיבעטין ביי דיא
סנהדרין זייא זאלין מתפלל זיין פון זייערט וועגין זייא זאלין מצליח זיין דיא מלחמה . אונ זייא
האבען גיפרעגט ביי דיא אורים ותומים אויב זייא וועלין מצליח זיין , האט רב יוסף גזאגט פון
וועלכין פסוק ווייסען מיר אז דיא יודען האבען אזוי גיטאהן . עס שטייט נאך אחיתופל איז
גיוועזן יהוידע בן בניהו אונ אביתר אונ דער שר הצבא צום מלך איז גיוועזן יואב. אחיתופל
איז גיוועזן אעצה געבער . אזוי זאגט דער פסוק ועצת אחיתופל אשר יעץ בימים ההם. דיא
עצות פון אחיתופל וואס ער האט אעצה גיגעבין אין דיא צייטען . יהוידע בן בניהו איז גיוועזן
דער גרעסטער פון דיא סנהדרין. אזוי זאגט דער פסוק בניהו בן יהוידע איז גיוועזן פריער פאר
דעם כרתי אונ פלתי . פריער איז מען גיוועזן ביי דיא סנהדרין ביי דעם כרתי אונ פלתי. אביתר
האט גיפרעגט בייא דיא אורים ותומים צוא מען וועט מצליח זיין. פאר וואס רופט מען זייא
כרתי . זייא שניידין אפ זייערע רייד . זייערע רייד זענען ריכטיגע . ניט מעהר אונ ניט
וויינגער . אזוי וויא מען שניידט אפ אזאך ; פאר וואס רופט מען זייא פלתי זייא זענען
וואונדערליך מיט זייערע מעשים . פאר וואס רופט מען זייא אורים זיי מאכען לייכטען זייערע
רייד. פר וואס רופט מען זייא תומים זייא פירען אויס זייערע רייד . אזוי וויא זייא זאגען אזוי
ווערט אויס געפירט . דער נאך קומט יואב דער שר הצבא פון מלך אונ גייט מיט די יודין
אין דער מלחמה . האט רבי יצחק בר רב אדא גזאגט פון וועלכין פסוק ווייסען מיר אז אפידול
איז גיהאנגען איבער דיא בעט פון דוד . עס שטייט דוד המלך האט גזאגט דער וועק מיין
כבוד ; דער וועק צו שפילען אויף דעם פידעל אונ מיט דעם פייפיל איך טוה דער וועקין
דעם מארגין שטערין . רבי זירא זאגט משה רבינו האט גיוואוסט ווען עס איז האלבע נאכט

מידע הוה ידע ודוד נמי הוה ידע וכיון דדוד הוה ידע כנור למה ליה לאיתעוריה משנתיה. וכיון דמשה הוה ידע למה ליה למימר כחצות סבר שמא יטעו אצטגניני פרעה ויאמרו משה בדאי הוא והיינו דאמר מר למד לשונך לומר איני יודע שמא תתבדה ותאחז רב אשי אמר בפלגא אורתא דתליסר נגהי ארביסר הוה קאי והכי קאמר משה לישראל אמר הקב"ה למחר כחצות הלילה כי השתא אני יוצא בתוך מצרים:

(תהלים פו) ז לדוד שמרה נפשי כי חסיד אני רבי לוי ורבי יצחק הד אמר כך אמר דוד לפני הקב"ה רבונו של עולם לא חסיד אני שכל מלכי מזרח ומערב ישנים עד שלש שעות ואני חצות לילה אקום להודות לך. ואידך כך אמר דוד לפני הקב"ה רבש"ע לא חסיד אני שכל מלכי מזרח ומערב יושבים אגודות אגודות בכבודם ואני ידי מלוכלכות בדם ובשפיר ובשליא כדי לטהר אשה לבעלה ולא עוד אלא שכל מה שאני עושה אני נמלך במפיבשת רבי ואומר לו מפיבשת רבי יפה דנתי יפה חייבתי יפה זכיתי יפה טהרתי יפה טמאתי ולא בושתי.

אמר

מעורר אני השחר: שמא יטעו אצטגניני פרעה. אם אני יודע לכוין השעה הם אינם יודעים לכוין וקודם שיגיע חצות לילה יהיו סבורים שהגיע ועדיין לא באה המכה ויאמרו משה בדאי הוא הילכך טוב לי לאחוז לשון איני יודע: דאמר מר. במסכת דרך ארץ למד לשונך לומר איני יודע: שמא תתבדה ותאחז. שהוא כאחז ונכשל בדבריך: בתליסר נגהי ארביסר. ליל שעבר שלשה עשר ולמחר יהיה ארבעה עשר: ידי מלוכלכות בדם. שהנשים מראות לו דם נדה לראות אם טמא אם טהור שיש מראות דם (נדה) טהורים באשה: בשפיר. עור הולד שהעצמות והגידים והבשר נגולים בתוכו ויש שפיר שהאשה יושבת עליו ימי טומאה וימי טוהר ויש שאינו חשוב ולד לטמאה: ובשליא. דתנן אין שליא בלא ולד והוא כעין כיס שהולד שוכב בתוכו וקורין לה ויסטידור"ס. זכיתי וחייבתי מיין כד"ע וכד"נ.

אונ דוד האט אויך געוואוסט ווען עס איז האלבע נאכט. אז דוד האט געוואוסט צו וואס האט ער גידארפט דיא פידול איבער זיין בעט זיא זאל איהם אויף וועקין פון שלאף. אונ אז משה האט געוואוסט ווען עס איז האלבע נאכט צו וואס האט ער גזאגט אזוי וויא האלבע נאכט. ער האט גיטראכט אז ער וועט זאגין האלבע נאכט. טאמער דיא שטערין זעהער פון פרעה וועלין ניט וויסען ווען עס איז האלבע נאכט. איידער עס וועט נאך זיין האלבע נאכט. וועלן זיא מיינען עס איז שוין האלבע נאכט. אונ זייא וועלין זעהן די מכה וואס משה האט גזאגט איז נאך ניטא. וועלין זייא זאגין משה איז אליגנער. דאס איז וואס דער תנא האט גזאגט לערין דיין צונג וואס מען וועט איהם פרעגין זאל ער זאגין ער וייס ניט. טאמער וועסטו אמאהל זאגין אליגען וועסטו אנגינומען ווערין פאר אליגנער. רב אשי זאגט אין האלבע נאכט פון דרייצעהנטען טאג אין ניסן וואס גיהער צום פערצעהנטען טאג איז משה גישטאנען אונ אזוי האט גזאגט משה צו די יודען. גאט האט גזאגט מארגין האלבע נאכט אזוי וויא איצט איז וועל איך ארויס גיין אין מצרים צו הרגנן די בכורים:

ז לדוד. דוד האט גזאגט צו גאט היט מיין נפש ווארום איך בין אחסיד: רבי לוי אונ רבי יצחק קריגען. איינער זאגט אזוי האט דוד גזאגט פאר גאט. רבונו של עולם בין איך דען ניט אחסיד. אלע מלכים פון מזרח זייט אונ פון מערב זייט שלאפען ביז דריי שעה אויפן טאג. אונ איך שטיי אויף האלבע נאכט דיך צוא לויבען. אונ דער אנדערער זאגט אזוי האט דוד גזאגט פאר גאט. רבונו של עולם בין איך דען ניט אחסיד. אלע מלכים פון מזרח זייט אונ פון מערב זייט זיצען קאמפאניעס קאמפאניעס אין זייער כבוד. אונ איך מיינע הענט זענען פאר מיאוסט אין בלוט ודם נדה זעהן צו דיא בלוט איז טהור צו טמא. אונ אז אאשה איז מפיל אקינד מוז איך האלטען מיט דיא הענט דיא הויט פון דעם קינד וואס דיא ביינער מיט דיא אדערין אונ מיט די פלייש ווערין אין דיא הויט באשאפען. צוא זעהן וויא לאנג דיא אשה זאל טמא זיין. אונ איך מוז האלטען מיט דיא הענט דעם ארט וואס דאס קינד ליגט אין דעם. כטהר צו זיין אאשה צו איר מאן. אונ אויך נאך מעהר. נאר אלץ וואס איך טוה. פרעג איך אעצה ביי מיין רבי מפיבושת. אונ איך זאג צו איהם מיין רבי מפיבושת. האב איך גוט גיקלערט. האב איך גוט בשולדיגט. האב איך גוט גירעכט גימאכט. האב איך גוט

אמר רבי יהושע בריה דרב אידי מאי קראה (שם קיט) ואדברה בעדותיך נגד מלכים ולא אבוש תנא לא מפיבשת שמו אלא איש בשת שמו ולמה נקרא שמו מפיבשת שהיה מבייש פני דוד בהלכה לפיכך זכה דוד ויצא ממנו כלאב. ואמר רבי יוחנן לא כלאב שמו אלא דניאל שמו ולמה נקרא שמו כלאב שהיה מכלים פני מפיבשת בהלכה ועליו אמר שלמה (משלי כג) בני אם חכם לבך ישמח לבי גם אני ואומר (שם) חכם בני ושמח לבי ואשיבה חורפי דבר. ודוד היכי קרי לנפשיה חסיד והא כתיב (תהלים כז) לולא האמנתי לראות בטוב ה' בארץ חיים ותנא משמיה דרבי יוסי למה נקוד על לולא אמר דוד לפני הקב"ה רבונו ש"ע מובטח אני בך שאתה משלם שכר טוב לצדיקים לעתיד לבא אבל איני יודע אם יש לי חלק ביניהם אם לאו. סבר שמא יגרום החטא כדרבי יעקב בר אידי דרבי יעקב בר אידי רמי כתיב (בראשית כח) והנה

שטמאתי וטהרתי שייך בהלכות טומאה וטהרה: מפיבשת. בדברי הלכה היוצאים מפיו היה בשת דוד שפעמים היה טועה והוא אומר לו טעית: לפיכך. בשביל שהיה דוד מקטין עצמו זכה ויצא ממנו כלאב: אלא דניאל שמו. במקום אחד אומר ומשנהו כלאב לאביגיל אשת נבל הכרמלי ובמקום אחר אומר והשני דניאל לאביגיל בדברי הימים: שהיה מכלים פני מפיבשת. כל אב מכלים פני הרב שהיה אב בהוראה: לולא האמנתי לראות. בטובו בארץ ישראל כנגד שרודפי מירחקו שנאמר כי גרשוני היום מהסתפח בנחלת ה' לאמר לך עבוד אלהים אחרים: נקוד על לולא. לדרוש את הנקודה שהיא ממעטת את משמעות הכתוב לומר שלא דבר ברור היה לראות בטוב ה': לולא. לשון אם לא כמו לולי אלהי אברהם היה לי: שמא יגרום החטא. הרוצא הוא. לעולם

מְטַהֵר גִיוֶוען: הָאבּ אִיךְ גוּט מְטַמֵא גִיוֶוען. אוּנ אִיךְ הָאבּ מִיךְ נִיט גִישֶׁעמְט רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בְּרֵיהּ דְרַב אִידִי הָט גְזָאגְט פוּן וֶועלְכֶין פָּסוּק וֵוייסֶען מִיר דָאס. דָוִד הַמֶלֶךְ הָאט גְזָאגְט אִיךְ הָאבּ גִירֶעט אִין דַיין תּוֹרָה גֶעגֶין מְלָכִים (רַבָּנִים) אוּנ אִיךְ הָאבּ מִיךְ נִיט גִישֶׁעמְט. מִיר הָאבֶּען גִילֶערְנְט נִיט מְפִיבוֹשֶׁת אִיז גִיוֶוען זַיין נָאמֶען נָאר אִישׁ בּוֹשֶׁת אִיז גִיוֶוען זַיין נָאמֶען. פַאר וָואס הָאט מֶען אִיהם גִירוּפֶען מְפִיבוֹשֶׁת וַוייל עֶר פְלֶעגְט פַר שֶׁעמֶען דֶעם פָּנִים פוּן דָוִד מִיט זַיינֶע דִינִים וָואס עֶר הָאט אִיהם גִילֶערְנְט. אַז דָוִד הָט אַמָאהל אַטָעוּת גִיהַאט אִין אַדִין. הָאט אִיהם מְפִיבוֹשֶׁת זַיין רֶבִּי גְזָאגְט חָד דוּא הָאסְט גִיהַאט אַטָעוּת. דַארִיבֶּער הָאט דָוִד זוֹכֶה גִיוֶוען אַז פוּן אִיהם אִיז גִיבָּארֶען גִיוָוארִין אַזוּהן וָואס הָאט גִיהֵייסֶען כִּלְאָב הָאט רַבִּי יוֹחָנָן גְזָאגְט נִיט כִּלְאָב אִיז גִיוֶוען זַיין נָאמֶען. נָאר דָנִיאֵל אִיז גִיוֶוען זַיין נָאמֶען. פַאר וָואס הָט מֶען אִיהם גִירוּפֶען כִּלְאָב וַוייל עֶר הָאט פַאר שֶׁעמְט דֶעם פָּנִים פוּן מְפִיבוֹשֶׁת מִיט זַיינֶע דִינִים. כִּלְאָב אִיז טַייטְשׁ כָּל אָב עֶר הָאט פַאר שֶׁעמְט דֶעם רֶבִּי פוּן זַיין פָאטֶער. אוֹיף אִיהם הָאט שְׁלֹמֹה הַמֶלֶךְ גְזָאגְט מַיין זוּהן אוֹיבּ דַיין הַארְץ אִיז קְלוּג וֶועט זִיךְ מַיין הַארְץ אוֹיךְ פְרֵייעֶן: נָאךְ הָט שְׁלֹמֹה גְזָאגְט קְלִיג דִיךְ מַיין זוּהן אוּנ דֶער פְרֵיי מַיין הַארְץ וֶועל אִיךְ קֶענֶען עֶנְטְפֶערִין צוּ דִי וָואס פַאר שֶׁעמֶען מִיךְ מִיט זֵייעֶרֶע רֵייד. פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא וִויא אַזוֹי הָט דָוִד גִירוּפֶען זִיךְ אַלֵיין חָסִיד עֶס שְׁטֵייט דָאךְ גֶעשְׁרִיבֶּען דָוִד הָאט גְזָאגְט וֶוען אִיךְ וָואלְט נִיט גִיגְלוֹיבְּט צוּא זֶעהְן דִיא גוּטֶס פוּן גָאט אִין דִיא לֶעבֶּעדִיגֶע לַאנְד (דָס אִיז אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל) וָואלְט מֶען מִיךְ שׁוֹין לַאנְג פַאר טְרִיבֶּען פוּן דִיא מוֹרָא פוּן גָאט. אוּנ מִיר הָאבֶּען גִילֶערְנְט פוּן רַבִּי יוֹסִים וֶועגִין פַאר וָואס אִיז גֶעפִּינְטוּלְט אוֹיף דֶעם וָוארְט לוּלֵא וַוייל דָוִד הָט גְזָאגְט פַר גָאט. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ בִּין פַר זִיכֶערְט אִין דִיר אַז דוּא בַּצָאהלְסְט אַגוּטֶען לוֹין צוּ דִי צַדִיקִים אוֹיף עוֹלָם הַבָּא. אָבֶּער אִיךְ וֵויים נִיט אוֹיבּ אִיךְ הָאבּ אַחֵלֶק צְווִישֶׁען זֵייא אָדֶער נֵיין. אִיז דָאךְ דָוִד גִיוֶוען אִין סָפֵק צוּא עֶר וֶועט הָאבֶּען עוֹלָם הַבָּא צוּ נֵיין. וִוי אַזוֹי הָט עֶר זִיךְ גִירוּפֶען חָסִיד: עֶנְטְפֶערְט דִי גְמָרָא דָוִד אִיז טַאקִי גִיוֶוען אַחָסִיד. נָאר עֶר הָט גִיטְרַאכְט (עֶר הָט מוֹרָא גִיהַאט) טָאמֶער וֶועט עֶר זִינְדִיגֶען. אַזוֹי וִויא רַבִּי יַעֲקֹב בַּר אִידִי הָט גְזָאגְט וָוארוּם רַבִּי יַעֲקֹב בַּר אִידִי הָט גִיפְרֶעגְט פוּן אֵיין פָּסוּק אוֹיף דֶעם אַנְדֶערִין עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק גָאט הָט גְזָאגְט צוּ יַעֲקֹב אִיךְ וֶועל זַיין מִיט דִיר אוּנ וֶועל דִיךְ הִיטֶען וואוּ דוּ וֶועסְט גֵיין אוּנ עֶס שְׁטֵייט אִין אַיין אַנְדֶער פָּסוּק יַעֲקֹב הָאט שְׁטַארְק מוֹרָא גִיהַאט. פַר וָוס הָט יַעֲקֹב מוֹרָא גִיהַאט גָאט הָט דָאךְ אִיהם צוּ גְזָאגְט צוּ הִיטֶען. יַעֲקֹב הָאט גְזָאגְט טָאמֶער וֶועט עֶר זִינְדִיגֶען וֶועט אִיהם גָאט נִיט הִיטֶען אַזוֹי וִויא מִיר הָאבֶּען

והנה אנכי עמך ושמרתיך בכל אשר תלך וכתיב (שם לב) ויירא יעקב מאד אמר שמא יגרום החטא כדתניא (שמות טו) עד יעבור עמך ה' עד יעבור עם זו קנית עד יעבור עמך ה' זו ביאה ראשונה עד יעבור עם זו קנית זו ביאה שניה מכאן אמרו חכמים ראויים היו ישראל ליעשות להם נס בימי עזרא כדרך שנעשה להם בימי יהושע בן נון אלא שגרם החטא:

(ע"ג) **ח תניא** חכמים עשו סייג לדבריהם כדי שלא יהא אדם בא מן השדה בערב ואומר אלך לביתי ואוכל קימעא ואשתה קימעא ואישן קימעא ואחר כך אקרא קריאת שמע ואתפלל ותוטפתו שינה ונמצא ישן כל הלילה אבל אדם בא מן השדה בערב נכנס לבית הכנסת אם רגיל לקרות קורא ואם רגיל לשנות שונה וקורא קריאת שמע ומתפלל ואוכל פתו ומברך וכל העובר על דברי חכמים חייב מיתה מאי שנא בכל דוכתא דלא קתני חייב מיתה ומאי שנא הכא דקתני חייב מיתה אי בעית אימא משום דאיכא אונס

מוחזק בידו שהוא חסיד ומה שספק בידו אם יראה בטוב ה' לפי שהיה ירא שמא יחטא ויגרום לו החטא מלראות בטוב ה': ויירא יעקב. שמא אחר ההבטחה חטאתי וכדתניא שהחטא גורם שאין ההבטחה מתקיימת: ביאה ראשונה. שבאו לארץ בימי יהושע: ביאה שניה. כשעלו מגלות בבל בימי עזרא: ראויים היו ישראל ליעשות להם נס. לבא ביד רמה אלא שגרם החטא ולא הלכו אלא ברשות כורש. וכל ימי מלכות פרס נשתעבדו להם לכורש ולאחשורוש ודריוש האחרון ע"כ:

קימעא. מעט: משום אונס שינה. שתוקפתו לעבור על דברי חכמים הוזקק להזהירו

געלערנט. עס שטייט אין פסוק ביז דיין פאלק וועט דורך גיין. גאט. ביז עס וועט דורך גיין די פאלק וואס דו האסט געקויפט. ביז דיין פאלק וועט דורך גיין. גאט. דאס איז דאס ערשטע אריין קומען אין ארץ ישראל. ביז עס וועט דורך גיין דיא פאלק וואס דוא האסט געקויפט. דאס איז דאס אנדערע אריין קומען אין ארץ ישראל. פון דאנען האבען די חכמים גזאגט יודען וואלטען ווערט געווען עס זאל פון זייערט וועגין געטאהן ווערין נסים אין דיא צייט פון עזרא אזוי וויא עס איז פון זייערט וועגין געטאהן געווארען נסים אין דיא צייט פון יהושע בן נון נאר דיא עבירות זייערע האבען געבראכט דער צו אז עס זאל ניט געטאהן ווערין קיין נסים:

ח תניא. מיר האבען געלערנט. דיא חכמים האבן געמאכט אפארצאמונג צו זייערע רייד עס זאל ניט זיין אז אמענטש וועט קומען פארין נאכט פון פעלד וועט ער זאגען איך וועל גיין אהיים אונ וועל עסין אביסול אונ אביסול טרינקען אונ איך וועל אביסול שלאפען דער נאך וועל איך לייענען קריאת שמע אונ וועל דאווענען: אזוי וועט ער זאגין. עס וועט איהם אבער אן נעמען אשלאף אונ ער וועט שלאפען אגאנצע נאכט. אונ וועט ניט האבען קיין קריאת שמע געלייענט אונ ניט געדאווינט. האבען דיא חכמים גזאגט אזוי זאל זיין אז אמענטש וועט קומען פארין נאכט פון פעלד זאל ער גלייך אריין גיין אין שוהל. ניט אהיים אויב ער איז געוואהנט צו לערנען פסוקים זאל ער לערנען תורה נביאים כתובים: אויב ער איז געוואונט צו לערנען משניות לערנט ער משניות אונ ער לייענט קריאת שמע אונ דאווינט אונ ער עסט זיין ברויט אונ בענשט. אונ דער וואס טוהט ניט וויא דיא חכמים זאגין וועט איהם גאט שטראפען אז ער וועט שטארבען פאר דער צייט. פרעגט דיא גמרא פאר וואס אין אלע ארטער. ביי אנדערע זאכען וואס דיא חכמים האבען גזאגט. האט מען ניט גזאגט אז מען וועט ניט טאהן אזוי וועט קומען מיתה אונ פאר וואס דא ביי קריאת שמע זאגט מען אז מען וועט ניט טאהן וויא דיא חכמים האבען געהייסען נאז פון פעלד זאל ער גיין גלייך אין שוהל וועט איהם קומען מיתה. אויב דוא ווילסט וועל איך דיר זאגען ווייל דא האט מען מורא טאמער וועט איהם דער שלאף נייטען ער זאל ניט לייענען קריאת שמע. אגאנצען טאג האט ער גיארבעט. אז ער וועט קומען אהיים וועט ער אביסול עסין אונ אביסול טרינקען וועט איהם שלעפערין. קען זיין ער זאל שלאפען אגאנצע נאכט אונ ניט לייענען קריאת שמע. האט מען איהם גימוזט זאגען אז ער וועט ניט לייענען קריאת שמע קומט איהם מיתה: וועט ער זיך היטען אונ וועט ניט קומען אהיים ביז ער וועט האבען געלייענט קריאת שמע אין שוהל

אונס שינה ואי בעית אימא לאפוקי ממ"ד תפלת ערבית רשות קמ"ל דחובה : אמר מר קורא קריאת שמע ומתפלל מסייע ליה לרבי יוחנן דאמר רבי יוחנן איזהו בן העולם הבא זה הסומך גאולה לתפלה של ערבית רבי יהושע בן לוי אומר תפלות באמצע תקנום במאי קא מיפלגי אי בעית אימא קרא אי בעית אימא סברא אי בעית אימא סברא דרבי יוחנן סבר גאולה מאורתא נמי הוה אלא גאולה מעלייתא לא הוי אלא עד צפרא ורבי יהושע בן לוי סבר כיון דלא הוי אלא כצפרא לא הוי גאולה מעלייתא ואי בעית אימא קרא ושניהם מקרא אחד דרשו דכתיב (דברים ו) בשכבך ובקומך רבי יוחנן סבר מקיש שכיבה לקימה מה קימה קריאת שמע ואחר כך תפלה אף שכיבה נמי קריאת שמע ואחר כך תפלה רבי יהושע בן לוי סבר מקיש שכיבה לקימה מה קימה ק"ש סמוך למטתו אף שכיבה נמי ק"ש סמוך למטתו

מתיב

אימר : ממ"ד. לקמן בפרק תפלת השחר : אמר מר קורא ק"ש. של ערבית תחלה ואחר כך מתפלל : מסייע ליה לרבי יוחנן. דאמר ערבית נמי ק"ש ואח"כ תפלה כדי שיסמוך גאולה לתפלה. ודלא כר"י בן לוי דאמר תפלה ואח"כ ק"ש : זה הסומך. וכ"ש דשחרית דעיקר גאולת מצרים בשחרית הוה דכתיב ממחרת הפסח יצאו בני ישראל וסמיכת גאולה לתפלה רמז דוד בספר תהלים דכתיב ה' צורי וגואלי וסמיך ליה יענך ה' ביום צרה ואמרינן בברכות ירושלמי מי שאינו סומך גאולה לתפלה למה הוא דומה לאוהבו של מלך שבא ודפק על פתחו של מלך יצא המלך ומצאו שהפליג אף הוא הפליג אלא יהיה אדם מקרב להקב"ה אליו ומרצהו בתושבחות וקלוסין של יציאת מצרים והוא מתקרב אליו ובעודו קרוב אליו יש לו להתבוע צרכיו : באמצע תקנום. בין שני ק"ש תקנו כל תפלות של יום דקא סבר תפלת ערבית קודמת לק"ש : גאולה מאורתא לא הוי. הילכך גאולה דאורתא לא חשיבי לאהדורי עלה בסמיכת תפלה : מה קימה ק"ש ואחר כך תפלה. דבשחרית כולהו מודו דבעי סמך :

אונ אז דוא ווילסט וועל איך דיר זאגען דאס קומט צוא ווייזען אז עס איז ניט אזו ווי דער וואס זאגט אז מען וויל ניט דאווענען מעריב מעג מען. לאזט דא דיא גמרא הערין אז מען מוז דאווענען מעריב. אונ אז מען דאווינט ניט קומט מיתה. דער תנא האט גזאגט מען לייענט קריאת שמע אונ מען דאווינט שמונה עשרה איז אראיה צו די רייד פון רבי יוחנן. ווארום רבי יוחנן האט גזאגט וועלכער מענטש האט עולם הבא דער וואס זאגט גאל ישראל אונ דאווינט באלד שמונה עשרה. מוז מען דאך פריער לייענען קריאת שמע מיט דיא ברכות דערנאך שמונה עשרה. רבי יהושע בן לוי זאגט שמונה עשרה פון דער פריא אונ שמונה עשרה פון ביי נאכט דארף זיין אין מיטען. צווישען ביידע מאהל קריאת שמע. אין דער פריא זאל מען לייענען קריאת שמע דער נאך שמונה עשרה. ביי נאכט זאל מען פריער דאווענען שמונה עשרה דער נאך לייענען קריאת שמע. קומט דאך אויס פריער שמונה עשרה דער נאך גאל ישראל. אין וואס קריגט רבי יהושע בן לוי מיט רבי יוחנן אויב דוא ווילסט וועל איך דיר זאגין אז זייא קריגען אין א פסוק. אויב דוא ווילסט וועל איך דיר זאגין אז זייא קריגען אין א שכל. אויב דוא ווילסט וועל איך דיר זאגען אז זייא קריגען אין א שכל. ווארום רבי יוחנן האלט דאס אויס לייזונג פון מצרים איז ביי נאכט אויך גיוועזען נאר דער עיקר אויס לייזונג איז ניט גיוועזען ביז אין דער פריא. דריבער דארף מען זאגען גאל ישראל פאר שמונה עשרה ביי נאכט אונ אין דער פריא. אונ רבי יהושע בן לוי האלט ווייל דאס ארויס גיין פון מצרים איז גיט גיוועזען ביי נאכט נאר אין דער פריא הייסט דאס ניט קיין עיקר אויס לייזונג. דריבער ביי נאכט דארף מען ניט זאגען גאל ישראל פאר שמונה עשרה נאר אין דער פריא דארף מען זאגען גאל ישראל פאר שמונה עשרה. אונ אויב דוא ווילסט וועל איך דיר זאגען אז זייא קריגען אין א פסוק. ביידע רבי יוחנן מיט רבי יהושע בן לוי דרשנען איין פסוק. עס שטייט אין דער תורה מען זאל לייענען קריאת שמע ווען דוא וועסט זיך לייגען אונ ווען דוא וועסט אויף שטיין. רבי יוחנן האלט מען גלייכט דיא קריאת שמע פון לייגען צו דיא קריאת שמע פון אוף שטיין. אזוי וויא דאס אויף שטיין. קריאת שמע דער נאך שמונה עשרה אזוי צום לייגען איז אויך פריער קריאת שמע דער נאך שמונה עשרה. רבי יהושע בן לוי האלט מען גלייכט דיא קריאת שמע פון לייגען צו די קריאת שמע פון אויף שטיין. אזוי וויא אויף שטיין איז קריאת שמע אנט צום בעט ער שטייט אויף פון בעט לייענט ער קריאת שמע דער נאך שמונה עשרה. אזו

מתיב מר בריה דרבינא בערב מברך שתים לפניה ושתים לאחריה ואי אמרת בעי לסמוך הא לא קא סמך גאולה לתפלה דהא בעי למימר השכיבנו אמרי כיון דתקינו רבנן השכיבנו בגאולה אריכתא דמיא דאי לא תימא הכי שחרית היכי מצי סמיך והא אמר רבי יוחנן בתחלה אומר (תהלים נא) ה' שפתי תפתח ולבסוף הוא אומר יהיו לרצון אמרי פי אלא התם כיון דתקינו רבנן למימר ה' שפתי תפתח כתפלה אריכתא דמיא הכא נמי כיון דתקינו רבנן למימר השכיבנו בגאולה אריכתא דמיא:

שלשה פעמים. כנגד שלשה תפלות: דאית ביה תרתי. דאיתא באלפא ביתא ואית בו בכת

(פ"נ) ט אמר רבי אלעזר בר אבינא כל האומר (תהלים קמה) תהלה לדוד ג' פעמים בכל יום מובטח לו שהוא בן העולם הבא מאי טעמא אילימא משום דכתיב ביה אלפא ביתא לימא אשרי תמימי דרך דאתיא בתמניא אפי אלא משום דכתיב ביה (שם) פותח את ידך ומשביע לכל חי רצון לימא הלל הגדול דכתיב ביה (שם קלו) נותן לחם לכל בשר אלא משום דאית ביה תרתי. אמר ר"י כפני מה לא נאמר נו"ן באשרי מפני שיש בה מפלה שנאמר (עמוס ה) נפלה לא תוסיף קום בתולת ישראל במערבא מתרצי לה

ליגען זיך איז אויך קריאת שמע נאנט צום בעט. ער דאוינט שמונה עשרה. אונ איידער ער לייגט זיך לייענט ער קריאת שמע. מר דער זוהן פון רבינא האט אקשיא גיפרעגט. מיר האבען גילערונט ביי נאכט זאגט מען צווייא ברכות פאר קריאת שמע. (המעריב ערבים אונ אוהב עמו ישראל) אונ צווייא ברכות נאך קריאת שמע (גאל ישראל אונ שומר עמו ישראל לעד) אויב דוא וועסט זאגען מען דארף זאגען גאל ישראל נאנט צוא שמונה עשרה מען זאגט דאך ניט גאל ישראל נאנט צוא שמונה עשרה מען דארף דאך זאגען נאך גאל ישראל השכיבנו. זאגט די גמרא איך וועל דיר זאגען ווייל דיא רבנן האבען גיהייסען מען זאל זאגען השכיבנו איז דאס גלייך וויא אלאנגע גאולה. דאס הייסט עס איז גלייך וויא גאל ישראל מיט השכיבנו וואלט גיוועזען איין ברכה אלאנגע. ווארום אז דוא וועסט ניט אזוי זאגען אין דער פריא וויא אזוי קען מען זאגען גאל ישראל נאנט צוא שמונה עשרה. רבי יוחנן הט דאך גזאגט אין אנהייב שמונה עשרה דארף מען זאגען ה' שפתי תפתח מיין גאט דוא זאלסט עפענען מיין מויל צוא לויבען דיך. אונ נאך שמונה עשרה דארף מען זאגען יהיו לרצון אמרי פי עס זאל זיין ליב ווילען צו דיא זאג פון מיין מויל. נאר דארטען ווייל דיא רבנן האבען גיהייסען זאגען ה' שפתי תפתח איז גלייך וויא דאס וואלט גיוועזען איין תפלה אלאנגע. דאס הייסט עס איז גלייך וויא דיא שמונה עשרה וואלט זיך אן גיהויבען פון ה' שפתי תפתח. אזוי אויך ווייל דיא רבנן האבען גיהייסען זאגען השכיבנו איז דאס גלייך וויא אלאנגע גאולה. דאס איז גלייך וויא גאל ישראל מיט השכיבנו וואלט גיוועזען איין ברכה אלאנגע:

ט אמר. רבי אלעזר בר אבינא האט גזאגט ווער עס זאגט תהלה לדוד דרייא מאהל אלע טאג איז ער פאר זיכערט אז ער וועט האבען עולם הבא. וואס איז דער טעם זאל מען זאגען ווייל דאס איז גזאגט מיט דעם אלף בית. זאל מען זאגען אשרי תמימי דרך וואס דאס איז גזאגט מיט אכט אלף בית. נאר וועסטו וועלען זאגען ווייל עס שטייט אין אשרי דער פסוק פותח את ידך ומשביע לכל חי רצון. וואס מען לויבט גאט אז ער שפייזט דיא גאנצע וועלט. זאל מען זאגען דעם גרויסען הלל והודו לה' כי טוב וואס עס שטייט אין איהם נותן לחם לכל בשר גאט גיט ברויט צו אלע פלייש וצוא אלע לעבעדיגע זאכען. נאר דריבער זאל מען זאגען אשרי ווייל אין איהם איז דא צווייא זאכען. עס איז מיט אלף בית. אונ עס איז דא אלויב צו גאט אז ער שפייזט דיא גאנצע וועלט. רבי יוחנן האט גזאגט פאר וואס שטייט ניט דער אות נון אין אשרי ווייל דער אות נון ווייזט אויף פאלען נפל איז טייטש פאלען אזוי וויא עס שטייט נפלה לא תוסיף קום בתולת ישראל. זיא איז גיפאלען אונ זיא וועט ניט

לה הכי נפלה ולא תוסיף לנפול עוד קום בתולת ישראל אמר רב נחמן בר יצחק אפילו הכי חזר דוד וסמכה ברוח הקודש שנאמר (תהלים קמה) סומך ה' לכל הנופלים :

(דף ס) **י אמר** רבי אלעזר בר אבינא גדול מה שנאמר במיכאל יותר ממה שנאמר בגבריאל דאילו במיכאל כתיב (ישעיה ו) ויעף אלי אחד מן השרפים ואלו בגבריאל כתיב (דניאל ט) והאיש גבריאל אשר ראיתי בחזון בתחלה מועף ביעף ומאי משמע דהאי אחד במיכאל כתיב אמר רבי יוחנן אתיא אחד אחד כתיב הכא ויעף אלי אחד מן השרפים וכתיב התם (שם י) והנה מיכאל אחד (מן) השרים הראשונים בא לעזרני תנא מיכאל באחת גבריאל בשתים אליהו בארבע ומלאך המות בשמונה ובשעת המגפה באחת :

(דף ה) **יא אמר** רבי לוי בר חמא אמר (ר"ל) [רבי שמעון בן לקיש] לעולם ירגיז אדם יצר טוב על יצר הרע שנאמר (תהלים ד) רגזו ואל תחטאו . אי אזיל מוטב ואי לא יעסוק בתורה שנאמר אמרו בלבבכם אי אזיל מוטב אי לא יקרא קריאת שמע שנאמר על משכבכם אי אזיל מוטב ואי לא יזכיר לו יום המיתה שנאמר ודומו סלה .

אמר

פירוש

הכנת מזון לכל חי : אפ"ה . אע"פ שהפסיק מ"ן מפני נפלה . הדר ולא אתא לרומזה חזר ורמז סמיכת הנפילה היכף לה :

ויעף אלי אחד מן השרפים . בטיסה אחת לא הגיע בימתים : מועף ביעף . שתי טיסות : באחת . בטיסה אחת :

ירגיז יצר טוב . היעשה מלחמה עם יצר הרע : ודומו סלה . יום הדומיה הוא יום המות

מעהר אויף שטיין דיא ישראל וואס זענען געגליכען צו אבתולה . אין ארץ ישראל האט מען אזוי איין גיזעצט דעם פסוק נפלה זיא איז גיפאלען . אונ זיא וועט שוין ניט מעהר פאלען . שטיי אויף דוא ישראל וואס זענען געגליכען צו אבתולה . רב נחמן בר יצחק האט גזאגט פון דעסטוועגן . אפילו דוד הט ניט גיוואלט שטעלין דעם אות נון ווייל דאס מאכט ונפילה פאלען . האט דוד נאך גיזוכט מיט זיין רוח הקודש אונ האט אן גילעגט דיא יודען מיט דעם אות סמך . אזוי ווי ער הט גזאגט גאט לעהנט אונטער אלע גיפאלענע :

י ואמר . נאך האט רבי אלעזר בר אבינא גזאגט . עס איז גרעסער וואס עס שטייט ביי מיכאל המלאך וויא עס שטייט בייא גבריאל המלאך . ביי דעם מלאך מיכאל שטייט עס איז גיפלויגען צו מיר איינער פון דיא מלאכים . מיט איין פליה איז ער גיקומען . אונ ביי דעם מלאך גבריאל שטייט אונ דער מענטש גבריאל דניאל האט גימיינט אז דאס איז אמענטש) וואס איך האב גיזעהן אין חלום אין אנהייב : מיט צוויי פליהען איז ער גיקומען צו מיר . פון וואנען ווייס מען אז דער איינער מיינט מען מיכאל . האט רבי יוחנן גזאגט מען לערנט אחד אחד דא שטייט עס איז גיפלויגען צו מיר איינער פון דיא מלאכים אונ דארטען שטייט מיכאל איינער פון דיא ערשטע שרים איז גיקומען מיר העלפען . זעהען מיר אז וואו עס שטייט בייא אמלאך דער ווארט אחד איינער . מיינט מען מיכאל . מיכאל פליהט דורך דיא גאנצע וועלט מיט איין פליה : גבריאל מיט צווייא פליה . אליהו מיט פיר פליה . אונ דער מלאך המות מיט אכט פליה . אונ ווען עס איז אמגפה פליהט ער מיט איין פליה :

יא אמר רבי לוי בר חמא אמר רבי שמעון בן לקיש . אמענטש זאל זעהן אז אייביג זאל דער יצר טוב זיין אין כעס אויף דעם יצר הרע . אונ זאל מיט איהם מלחמה האלטען אונ זאל איהם איין נעמען , אזוי וויא עס שטייט איר זאלט צערענען אויף דעם יצר הרע אונ איר זאלט ניט זינדיגען . אויב דער יצר הרע גייט אוועק פון איהם איז גוט . אונ אויב ער גייט ניט אוועק זאל ער לערנען תורה . ווארום עס שטייט איר זאלט זאגען אין אייער הארץ דיא רייד פון דיא תורה . אויב דער יצר הרע גייט אוועק פון איהם איז גוט . אויב ער גייט ניט אוועק זאל ער לייענען קריאת שמע . ווארום עס שטייט אויף אייער גילעגער . דאס איז קריאת שמע וואס מען לייענט ווען מען גייט זיך לייגען . אויב דער יצר הרע גייט אוועק פון איהם איז גוט , אויב ער גייט ניט אוועק זאל ער איהם דער מאנען דעם טאג פון שטארבען .

אמר רבי יצחק כל הקורא קריאת שמע על מטתו כאלו אוחז חרב של שתי פיות בידו שנאמר (תהלים קמט) רוממות אל בגרונם וחרב פיפיות בידם מאי משמע אמר מר זוטרא ואיתימא רב אשי מרישיה דקרא דכתיב יעלזו חסידים בכבוד ירננו על משכבותם וכתיב בתריה רוממות אל בגרונם וחרב פיפיות בידם ואמר רבי יצחק כל הקורא קריאת שמע על מטתו מזיקין בדלין ממנו שנאמר (איוב ה) ובני רשף יגביהו עוף ואין עוף אלא תורה שנאמר (משלי כג) התעיף עיניך בו ואיננו. ואין רשף אלא מזיקין שנאמר (דברים לב) ילחומי רשף וקטב מרירי:

יב ואמר רבי לוי בר חמא אמר ריש לקיש מאי דכתיב (שמות כד) ואתנה לך את לוחות האבן והתורה והמצוה אשר כתבתי להורותם לוחות (האבן) אלו עשרת הדברות. התורה זו מקרא. והמצוה זו משנה. אשר כתבתי אלו נביאים וכתובים. להורותם זו גמרא. מלמד שכלם נתנו למשה מסיני:

שכות דומיה עולמית: אוחז חרב. לגרש את המזיקין: מאי משמע. (סמך) דקריאת שמע: התעיף עיניך. אם תכפיל ותגרת עיניך בתורה: ואיננו. היא מתכלכלת ממך: ובני רשף. העוף מסלק ממך את רשף: קטב מרירי. שם שד צהרים במסכת פסחים:

מקרא. חומש שמצוה לקרות בתורה: זו משנה. שיתעסקו במשנה: זו גמרא. סברת טעמי המשניות שממנו הוראה יוצאה אבל המורים הוראה מן המשנה נקראים מבלי עולם במסכת סוטה:

אמר

וואָרום עס שטייט וואָס מען שווייגט אייביג. רבי יצחק האָט געזאָגט ווער עס לייענט קריאת שמע איידער ער גייט זיך לייגען אויף זיין בעט. איז גלייך ווי ער וואָלט געהאַלטען אין האַנט אַ שווערד וואָס איז שאַרף פון צוויי זייטען צו הרגענען די שדים. וואָרום עס שטייט אַז זיי וועלען דער צייגען די גרויסקייט פון גאָט מיט זייער האַלדז. איז גלייך ווי זיי וואָלטען האַלטען אַ שווערד מיט צוויי שאַרפען אין האַנט. פון וואַנען ווייס מען אַז די לויב מיינט מען קריאת שמע. האָט מר זוטרא געזאָגט. אונד אַנדערע זאָגען רב אשי האָט געזאָגט פון אָנהייב פסוק איז געדרונגען אַז מען מיינט קריאת שמע. וואָרום עס שטייט געשריבען די חסידים וועלען זיך פרייען מיט זייער כבוד וואָס זיי וועלען האָבען זיי וועלען זינגען אויף זייער געלעגער דער נאָך שטייט זיי וועלען דער ציילען די גרויסקייט פון גאָט מיט זייער האַלז. איז דאָס גלייך ווי זיי וואָלטען האַלטען אַ שווערד מיט צווייא שאַרפען אין האַנט. אַז דער פסוק זאָגט על משכבותם אויף זייער געלעגער מיינט מען דאָס קריאת שמע. נאָך האָט רבי יצחק געזאָגט ווער עס לייענט קריאת שמע איידער ער גייט זיך לייגען אויף זיין בעט שיידען זיך אָפּ פון איהם די שדים. וואָרום עס שטייט בני רשף יגביהו עוף זאָגט די גמרא עוף מיינט מען די תורה. וואָרום עס שטייט (התעיף עיניך בו ואיננו) אַז דו וועסט נאָר אַוועק מאַכען דיינע אויגען פון די תורה איז שוין די תורה ניטאָ ביי דיר. וועט זי פון דיר פאַר געסין ווערין (התעיף און עוף איז איין זאַך. אונזי וויא התעיף מיינט מען די תורה. אַזוי עוף מיינט מען אויך די תורה) און רשף מיינט מען שדים. וואָרום עס שטייט ולחומי רשף וקטב מרירי די מלחמה פון די שדים און די פאַר שניידונג פון דעם שד וואָס הייסט מרירי: מיינט דער פסוק אַזוי בני רשף די שדים יגביהו וועלען זיך אויף הייבען. וועלען אָפּ געטאָהן ווערין עוף דורך די תורה. אַז מען וועט לערנען תורה (לייענען קריאת שמע. וואָס דאָס איז אויך תורה) וועלען זיך אָפּ טאָהן די מזיקים פון דעם מענטש:

יב ואמר רבי לוי בר חמא אמר ריש לקיש וואָס מיינט דער פסוק איך וועל געבען צו דיר די שטיינערנע טאָוולען און די תורה מיט די מצות וואָס איך האָב געשריבען צו לערנען מיט זיי. די שטיינערנע טאָוולען מיינט מען די עשרת הדברות. תורה מיינט מען חומש. מצוה מיינט מען משניות. וואָס איך האָב געשריבען מיינט מען נביאים און כתובים. זייא צו לערנען מיינט מען גמרא. לערנט אונז דער פסוק אַז אַלעס (תורה נביאים כתובים משנה גמרא) איז געגעבען געוואָרען צו משה אויף דעם באַרג סיני:

יג אמר (ר"ל) [ורשב"ל] כל העוסק בתורה יסורין בדלין הימנו שנאמר (איוב ה) ובני רשף יגביהו עוף ואין עוף אלא תורה שנאמר (משלי כג) התעיף עיניך בו ואיננו . ואין רשף אלא יסורין שנאמר (דברים לג) ולחומי רשף אמר [ליה] רבי יוחנן הא אפילו תינוקות של בית רבן יודעין אותו שנאמר (שמות טו) ויאמר אם שמוע תשמע לקול ה' אלהיך והישר בעיניו תעשה וגו' אלא [אימא] כל שאפשר לו לעסוק בתורה ואינו עוסק הקדוש ב"ה מביא עליו יסורין מכוערין ועוכרין אותו שנאמר (תהלים לט) נאלמתי דומיה החשיתי מטוב וכאבי נעכר ואין טוב אלא תורה שנאמר (משלי ד) כי לקח טוב נתתי לכם וגו'. אמר רבי זירא ואי תימא רבי חנינא בר פפא בוא וראה שלא כמדת הקדוש ברוך הוא מדת בשר ודם . [מדת בשר ודם] אדם מוכר חפץ לחבירו מוכר עצב ולוקח שמח . אבל הקב"ה אינו כן נתן תורה לישראל ושמח שנאמר כי לקח טוב נתתי לכם ונומר . אמר רבא אמר רב הונא [ואיתימא רב חסדא] אם רואה אדם שיסורין באין עליו יפשפש במעשיו. שנא' (איכה ג) נחפשה דרכינו ונחקורה. פשפש (במעשיו)

ולחומי רשף . כתיב בין רעב למזיקין נדרש לפניו ולאחריו יסורין ומזיקין : אפילו תינוקות של בית רבן יודעים . שהתורה מגינה שלומדים מספר חומש אם שמוע תשמע וגו' כל המחלה אשר שמתי במצרים וגו' ואפילו הקטנים שלא הגיעו לספר איוב כבר למדו : החשיתי מטוב . מן התורה : וכאבי נעכר . מכה עכורה : המוכר עצב . שפירש ממנו דבר חשוב כזה ומתוך דוחקו מוכרו: ובמה. הרי הקדוש ברוך הוא מזהירן מלעזוב אותה ומשבחה

יג אמר . רבי שמעון בן לקיש האט געזאגט ווער עס לערנט תורה שיידין זיך אפ פון איהם יסורים . ווארום עס שטייט אין פסוק ובני רשף יגביהו עוף . עוף מיינט מען דיא תורה ווארום עס שטייט אין פסוק התעיף עיניך בו ואיננו אז דוא וועסט נאר אוועק מאכען דיינע אויגען פון דיא תורה . איז שוין דיא תורה ניטא ביי דיר . זיא וועט פון דיר פאר געסען ווערין והתעיף אונ עוף איז איין זאך . אזו וויא התעיף מיינט מען דיא תורה . אזוי עוף מיינט מען אויך דיא תורה . אונ רשף מיינט מען יסורים . ווארום עס שטייט אין פסוק ולחומי רשף די מלחמה פון דיא יסורים . דער פסוק מיינט אזוי ובני רשף דיא יסורים יגביהו וועלען זיך אויף הייבען . וועלען אפ גיטאהן ווערין עוף דורך די תורה . אז מען וועט לערנען תורה וועלין זיך אפ טאהן דיא יסורים פון דעם מענטש . האט רבי יוחנן געזאגט צו רבי שמעון בן לקיש . אפילו קינדער וואס זענען אין אחדר אונ לערנען נאר תומש ווייסען אויך דיא זאך אז מען לערנט תורה טוהען זיך אפ פון איהם יסורים . ווארום עס שטייט אין פסוק גאט האט געזאגט אויב דו וועסט הערין צו דעם קול פון גאט . אונ דוא וועסט טאהן וואס גאט געפעלט . שטייט ווייטער איך וועל אפ טאהן פון דיר אלע קראנקייט . נאר אזוי זאג יעדער מענטש וואס האט צייט צו לערנען אונ לערנט ניט ברייגגט גאט אויף איהם פארדערבליכע יסורים אונ זייא פר דארבען איהם : ווארום עס שטייט אין פסוק ווייל איך בין פאר שטומט אונ פאר שוויגען געווארען פון גוטס האב איך פארדערבליכע שמערצין. גוטס מיינט מען נאר דיא תורה אזוי וויא עס שטייט אין פסוק איך האב אייך גיגעבין אגוטע לערנונג מיין תורה זאלט איר ניט פאר לאזין .
רבי זירא האט געזאגט . אונ אנדערע זאגין רבי חנינא בר פפא האט געזאגט זעה אז דיא מדות פון גאט איז ניט וויא דיא מדות פון אמענטש . דיא מדה פון אמענטש איז אז אמענטש פר קויפט אזאך צו זיין חבר . דער וואס פאר קויפט איז טרויעריג ; אונ דער וואס קויפט איז פרייליך . אבער גאט איז ניט אזוי . ער האט אוועק גיגעבין דיא תורה צוא דיא יודין אונ ער פרייט זיך . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט זאגט צוא דיא יודין איך האב אייך גיגעבין אגוטע לערנונג איר זאלט ניט פאר לאזין מיין תורה . ווייל גאט בעט די יודען זייא זאלין היטען די תורה . הט דאך גאט הנאה דר פון ווס ער הט אוועק גיגעבין די תורה צו די יודין :
אמר רבא . רבא האט געזאגט פון רב הונאס וועגין . אונ אנדערע זאגין רבא האט געזאגט פון רב חסדאס וועגין אז אמענטש זעהט יסורים קומען אויף איהם . גאט שטראפט איהם זאל ער זוכען אין זיינע מעשים צו ער האט ניט קיין עבירות אזוי וויא עס שטייט אין פסוק לאמיר זוכען אונזערע וועגין אונ לאמיר פארשטין . אז ער האט גיזוכט אונ האט גיפונען עבירות

ומצא יעשה תשובה שנא' (שם) ונשובה עד ה' פשפש ולא מצא יתלה בבטול תורה שנאמר (תהלים לד) אשרי הגבר אשר תיסרנו יה ומתורתך תלמדנו . ואם תלה ולא מצא בידוע שיסורין של אהבה הן שנאמר (משלי ג) כי את אשר יאהב ה' יוכיח . אמר רבא א"ר סחורה א"ר הונא כל שהקב"ה חפץ בו מדכאו ביסורין שנאמר וה' חפץ דכאו החלי יכול אפי' לא קבלן מאהבה ת"ל (ישעיה נג) אם תשים אשם נפשו מה אשם לדעת אף יסורין לדעת. ואם קבלם (עליו מאהבה) מה שכרו יראה זרע יאריך ימים ולא עוד אלא שתלמודו מתקיים בידו שנא' (שם) וחפץ ה' בידו יצלח. פליגי בה ר' יעקב בר אידי ור' (חמא) [אחא] בר חנינא ת"א כל יסורין שיש בהם ביטול תורה אינן יסורין של אהבה שנא' (תהלים לד) אשרי הגבר אשר תיסרנו יה ומתורתך תלמדנו ואידך אמר כל יסורין שיש בהם ביטול תפלה אינן יסורין של אהבה שנאמר (שם סו) ברוך אלהים אשר לא הסיר תפלתי וחסדו מאתי . א"ל רבי אבא בריה דרבי חייא בר אבא הכי אמר (רבי חייא בר) אבא אמר רבי יוחנן אלו ואלו יסורין של אהבה הן שנא'

כי

לכם בלקח טוב אשרי מתנה לכם : פשפש ולא מצא . עבירה בידו שבשבילה יסורין הללו באים לבא : אשרי הגבר וגו' . (לא למדנו) שבשביל יסורין צריך אדם לבא לידי ת"ת : יסורין של אהבה . הקב"ה מיסרו בעה"ז בלא שום עון כדי להרבות שכרו בעולם הבא יותר מכדי זכיותיו : וה' חפץ דכאו החלי . מי שהקב"ה חפץ בו מחלה אותו ביסורין : אשם . קרבן : נפשו . מדעתו :

זאל ער טאהן תשובה אזוי וויא עס שטייט אין פסוק לאמיר אונז אומקערין צו גאט . אז ער האט געזוכט עבירות אונ האט ניט געפונען זאל ער אן איינגען וואל ער וויסען אז די יסורים קומען אויף איהם ווייל ער לערנט ניט קיין תורה אזוי וויא עס שטייט אין פסוק וואוהל צוא דעם מענטשין וואס גאט שטראפט איהם . דורך דיא שטראף וועט ער לערנען תורה . אונ אויב ער האט אזו געהאנגען אז דיא יסורים קומען אויף איהם ווייל ער האט ניט געלערנט אונ ער האט ניט געפונען אז ער האט ניט געלערנט . נאר ער האט אבער יא געלערנט . זאל ער וויסען אז דיא יסורים קומען אויף איהם ווייל גאט האט איהם ליב . וויל ער אים פאר גרעסערין זיין שכר אויף יענע וועלט שטראפט ער איהם אויף דיא וועלט . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק וועמען גאט הט ליב שטראפט ער אים :

אמר : רבא האט געזאגט פון רב סחורהס וועגין אונ רב סחורה האט געזאגט פון רב הונאס וועגין דער מענטש וואס גאט וויל איהם צוא שטויסט ער איהם מיט יסורים . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק וועמען גאט וויל צו שטויסט ער איהם אונ מאכט איהם קראנק . איך וואלט וועלין מיינען אפילו דער מענטש האט ניט אן גינומען דיא יסורים מיט ליבשאפט האט ער אויך שכר . שטייט אין פסוק אויב ער וועט טאהן א קרבן זיין נפש . אזוי וויא א קרבן איז אנדערש נים מכפר סיידין ער ברייננט איהם מיט זיין גוטען ווילען . אזוי יסורים ברייננען אנדערש ניט קיין שכר סיידין ער נעמט אן די יסורים מיט זיין גוטען ווילען אונ אויב ער האט אנגינומען דיא יסורים מיט ליבשאפט וואס וועט אים גאט געבין . ער וועט זעהן זיינע קינדער ער וועט לאנג לעבין . אונ נאך וועט ער האבען זיין לערנען וועט האבען ביי איהם אקיום . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דיא זאך פון גאט ודיא תורהו וועט ביי איהם זיין מיט גליק . עס קריגען אין דער זאך רבי יעקב בר אידי אונ רבי אחא בר חנינא . איינער זאגט דער וואס האט אזעלכע יסורים אז דורך זייא קען ער ניט לערנען . דיא יסורים זענען ניט ווייל גאט האט איהם ליב . ווארום עס שטייט אין פסוק וואוהל דעם מענטש וואס גאט שטראפט איהם : אונ ביי די שטראף קען ער לערנען אויך . אונ דער אנדערער זאגט דער וואס האט אזעלכע יסורים אז דורך זייא קען ער ניט דאווענען . דיא יסורים זענען ניט ווייל גאט האט איהם ליב : ווארום עס שטייט אין פסוק געלויבט איז גאט וואס ער האט ניט אפ געטאהן מיין דאווענען אונ זיין חסד פון מיר . דאס הייסט ער האט ניט געטאהן אויף מיר אזעלכע יסורים אז דורך זייא זאל איך ניט קענען דאווענען . רבי אבא דער זוהן פון רבי חייא בר אבא האט געזאגט . אזוי האט געזאגט רבי חייא בר אבא פון רבי יוחנן וועגין ביידע עהדיי

דבר זה. אשרי הגבר אשר וגו': תלמדנו. כלו' מתורתך אנו למדין אותו: נאמר ברית ביסורין דכתיב אלה דברי הברית. אחר הקללות שבמשנה תורה. אף יסורין ממרקין כל עונותיו של אדם. גרסינן:

כי את אשר יאהב ה' יוכיח אלא כה ת"ל ומתורתך תלמדנו אל תקרי תלמדנו (כד' בסגו"ל) אלא תלמדנו (צ"ל צירי) דבר זה מתורתך תלמדנו כל וחומר משן ועין מה שן ועין שהוא אחד מאבריו של אדם [עבד] יוצא בהם לחירות יסורין שממרקין כל גופו של אדם לא כ"ש והיינו (דאמר רבי לוי) [דרשב"ל דאמר רשב"ל] נאמר ברית במלח ונאמר ברית ביסורין [נאמר ברית במלח דכתיב (ויקרא ב) ולא תשבית מלח ברית ונאמר ברית ביסורין דכתיב (דברים כח) אלה דברי הברית] מה ברית האמור במלח מלח ממתקת את הבשר אף ברית האמור ביסורין יסורין ממרקין [כל] עונותיו של אדם:

יד תניא רבי שמעון בן יוחאי אומר שלש מתנות (טובות) נתן הקדוש ברוך הוא לישראל וכלם לא נתנן אלא על ידי יסורין ואלו הן תורה וארץ ישראל והעולם הבא. תורה מנין דכתיב (תהלים צד) אשרי הגבר אשר תיסרנו יה וגו'. ארץ ישראל מנין דכתיב (דברים ח) וידעת עם לבבך כי כאשר ייסר איש את בנו ה' אלהיך מיסרך. וכתיב בתריה כי ה' אלהיך מביאך אל ארץ טובה. העולם הבא מנין דכתיב (משלי ו) כי

יסורים. סיי דיא יסורים וואס מען קען ניט לערנען דורך זייא. אונ סיי דיא יסורים וואס מען קען ניט באווענען דורך זייא. זענען אלץ יסורים פון ליבשאפט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק וועמען גאט האט ליב שטראפט ער איהם. נאר וואס דען שטייט ומתורתך תלמדנו דו לערנסט איהם פון דיין תורה. אל תקרי תלמדנו. דוא זאלסט ניט לייענען דוא טוהסט איהם לערנען תורה. אלא תלמדנו נאר דוא זאלסט לייענען תלמדנו דיא זאך טוהסטו אונז אפ לערנען פון דיין תורה. דיא זאך אז עס איז וואוהל צוא דעם מענטש וואס דוא שטראפסט איהם. לערנען מיר אפ פון דיין תורה. איך לערין אפ אקל וחומר פון שן ועין; אזוי וויא אז אבעל הבית האקט אוים זיין קנעכט אצאן אדער אאויג. וואס דאס איז נאר איין גליד פון דעם מענטשינס גלידער. גייט אקנעכט ארויס פריי דורך דעם. יסורין וואס זייא צוא ברעכין דעם גאנצען גוף פון מענטש איז דען ניט געווים אז דער מענטש דארף דורך זייא פריי ווערין פון אלע צרות אונ האבען עולם הבא. אונ דאס איז וואס רבי שמעון בן לקיש האט גזאגט. ווארום רבי שמעון בן לקיש האט גזאגט זעם שטייט דער ווארט ברית ביי זאלץ אונ עס שטייט דער ווארט ברית ביי יסורים. עס שטייט דער ווארט ברית ביי זאלץ. ווארום עס שטייט אין פסוק ולא תשבית מלח ברית אלהיך דוא זאלסט ניט פאר שטערין זאלץ פון אקרבן וום דאס איז דער בונד פון גאט. אונ עס שטייט דער ווארט ברית ביי יסורים. ווארום עס שטייט ביי דיא תוכחה אלה דברי הברית דאס זענען דיא רייד פון דעם בונד וואס גאט האט גימאכט מיט דיא יודען. אזוי וויא דער ווארט ברית וואס שטייט ביי זאלץ. זאלץ מאכט גישמאק דיא פלייש. אזוי דער ווארט ברית וואס שטייט ביא יסורים. יסורים מעקן אפ אלע עבירות פון מענטשין אונ מאכען זים זיין רעבין אויף עולם הבא:

יד תניא. מיר האבען גילערונט רבי שמעון בן יוחי זאגט; דריי גוטע מתנות הט גאט גיגעבין צו דיא יודען. אונ דיא אלע דריי מתנות האט מען זייא אנדערש ניט גיגעבען נאר דורך יסורים זאל זייא דער מענטש בעקומען. דאס זענען דיא דריי מתנות. תורה. אונ ארץ ישראל. אונ עולם הבא. פון וואנען ווייס מען אז תורה בעקומט מען אנדערש ניט נאר דורך יסורים. ווארום עס שטייט אין פסוק וואוהל צוא דעם מענטש וואס גאט שטראפט איהם מיט יסורים. ווארום דורך די יסורים לערונסטו איהם דיין תורה. פון וואנען ווייס מען אז ארץ ישראל בעקומט מען אנדערש ניט נאר דורך יסורים. ווארום עס שטייט אין פסוק דו זאלסט וויסען מיט דיין הארץ. אזוי וויא אמענטש שטראפט זיין זוהן אזוי שטראפט דיך גאט. צוא וואס

כי נר מצוה ותורה אור ודרך חיים תוכחות מוסר. תני תנא קמיה דרבי יוחנן כל העוסק בתורה ובגמילות חסדים וקובר את בניו מוחלין לו (על) כל עונותיו. אמר ליה רבי יוחנן בשלמא תורה וגמילות חסדים דכתיב (שם טז) בחסד ואמת יכופר עון חסד זו גמילות חסדים שנאמר (שם כא) רודף צדקה וחסד. אמת זו תורה שנאמר (שם כג) אמת קנה ואל תמכור אלא קובר את בניו (מנלן) [מנין] תנא ליה ההוא סבא משום רבי שמעון בן יוחאי אתיא עון עון כתיב הכא בחסד ואמת יכופר עון וכתיב התם (ירמיה לב) ומשלם עון אבות אל חיק בניהם אחריהם. אמר רבי יוחנן נגעים ובנים אינן יסורין של אהבה. ונגעים לא (הוי יסורין של אהבה) והא (אמר מר) [תניא] כל מי שיש בו אחד מארבעה מראות נגעים הללו אינן אלא מזבח כפרה מזבח כפרה הוו יסורין של אהבה לא הוו ואב"א (ל"ק) הא לן

והא

וזרך חיים. חיי העולם הבא הויין ליה תוכחות מוסר אלהים : ובנים. קא סלקא דעתך דקובר את בניו : ד' מראות נגעים. שאת ותולדתה בהרת ותולדתה בהרת שהיא כשלג שניה לה כסיד היכל שאת כצמר לבן שניה לה כקרום ביצה : הא לן והא לנו. בארץ ישראל שערי תומס מקודשות

שטראפט דיך גאט שטייט נאך דעם פסוק חייל גאט וויל דיך ברייננגען אין דיא גוטע לאנד. פון וואנען וויים מען אז עולם הבא בעקומט מען אנדערש ניט נאר דורך יסורים. ווארום עס שטייט אין פסוק דיא מצוה איז אזוי וויא אליכט. אונ דיא תורה איז דאס בעליכטונג. אונ די וועג צום אייביגען לעבען בעקומט מען דורך שטראף פון יסורים:

תני. א תנא האט גילערנט פאר רבי יוחנן. דער מענטש וואס לערנט תורה אונ טוהט חסד מיט מענטשין אונ ער בגראבט זיינע קינדער איז מען איהם מוחל זיינע אלע עבירות. האט רבי יוחנן גיזאגט צום תנא דורך תורה אונ גמילות חסדים אז מען איז מוחל די עבירות איז רעכט. ווארום עס שטייט אין פסוק דורך חסד אונ אמת ווערט פאר געבין דיא עבירות. חסד מיינט מען גמילות חסדים וואס איין מענטש טוהט מיט דעם אנדערין: אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ער יאגט נאך צו געבין צדקה אונ צו טאן חסד. אמת מיינט מען די תורה אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דוא זאלסט קויפען אמת. אונ זאלסט דעם אמת ניט פאר קויפען. דאס מיינט מען דיא תורה. אז ער קויפט דיא תורה קען ער זיא ניט פאר קויפען. אז ער לערנט זיין תורה וואס ער האט זיא גיקויפט מיט איין אנדערין. בלייבט זיא דאך פון רעסטוועגין ביא איהם אויך. אבער אז א מענטש בגראבט זיינע קינדער פון וואנען וויים מען אז מען איז איהם מוחל זיינע עבירות. האט איין אלטער מאן גילערנט צו רבי יוחנן וואס ער האט גיהערט פון רבי שמעון בן יוחאי אז מען לערנט אפ די ווערטער עון עון איינס פון דאס אנדערע. דא שטייט מיט חסד אונ אמת איז מען מכפר עון. דיא עבירות. אונ דארט שטייט ער בצאהלט דעם עון. דיא זינד פון די עלטערין צו די קינדער. דיא קינדער שטארבין דורך דיא זינד פון דיא עלטערין. אזוי וויא אז מען טוהט חסד אונ מען לערנט תורה איז מען מוחל דיא עבירות. אזוי אז דיא קינדער שטארבין איז מען דיא עלטערין מוחל זייערע עבירות דורך דעם צער:

אמר. רבי יוחנן האט גיזאגט אז איינער האט אנגע. (אזוי ווי עס שטייט אין פרשה תזריע) אונ ער בגראבט זיינע קינדער, דאס איז ניט יסורים פון ליבשאפט. פרעגט די גמרא מיר האבין דאך גילערנט ווער עס האט נאר אפילו איין נגע פון דיא פיר ערליי קאלארין נגעים וואס דיא משנה רעכנט אין מסכת נגעים) איז דיא נגע אויף איהם מכפר אזוי וויא דער מזבח. זענען דאך נגעים מכפר דיא עבירות. ענטפערט דיא גמרא מכפר דיא עבירות זענען נגעים. נאר אז גאט וויל אויף איינעם געבין יסורים צו פאר גרעסערין זיין שכר ווייל ער האט איהם ליב. גיט ער איהם ניט נגעים. נאר אנדערע יסורים. אונ אויב דוא ווילסט וועל איך דיר ענטפערין דאס איז צו אונז אין בבל אז א מענטש האט אנגע מעג ער זיצען ביא זיך אין שטוב. קענען נגעים אויך זיין יסורים פון ליבשאפט. אבער אין ארץ ישראל אז א מענטש האט א נגע מוז ער ארוים גיין וואוהנען אונטער דיא שטאט אונ איז טמא. אזעלכע יסורים איז ניט פון ליבשאפט וועגן.

נגע ומצורע טעון שילוח הוא לכן אין יסורין של אהבה . בבל שאינה טעונין שלוח הוו מזבח כפרה ויסורין של אהבה . ובתוספות הקשו על זה דבזמן רבי יוחנן לא היה נוהג שלוח מחנות ויש מפרשים לענין טומאה שנוהגין בארץ ישראל ולא בבבל : באצבע . תחת בגדיו : דין גרמא . זה עצם של בן עשירי שמת לו : ביר . כמו בר ולר עלה פחות מכשיעורה שאינו מטמא במגע והיה נושאו קשור בסודר לנחמת נפש . ומצאתי כתוב פירוש ר"ה שזה כשהיה בן אחד ובן כמה אינו טמא ונבלא רבה בר"י לא באו ליה יסורין שאינם מאהבה : הוו ליה ומיתו . הוו יסורין של אהבה שהאבילות מכפרת את עונותיו :

גלייה . רבי יוחנן לדרעיה : נפל נהורא . שהיה בשרו מבהיק ביופי היה מאד כדאמרינן בהשוכר

והא להו ואי בעית אימא הא בצנעא והא בפרהסיא . ובנים לא היכי דמי אי לימא דהוו ליה ומיתו והאמר רבי יוחנן דין גרמא דעשיראה ביר אלא הא דלא הוו ליה כלל והא דהוו ליה זמיתו :

(ע"ב) **מן רבי** יוחנן הלש עאל לגביה רבי חנינא אמר ליה חביבין עליך יסורין אמר ליה לא הן ולא שכרן אמר ליה הב לי ידך יהב ליה ידיה ואוקמיה ואמאי לוקים רבי יוחנן לנפשיה דהא רבי חייא בר אבא חלש ועאל לגביה רבי יוחנן ואמר ליה חביבין עליך יסורין אמר ליה לא הן ולא שכרן אמר ליה הב לי ידך יהב ליה ידא ואוקמיה וליקום איהו לנפשיה אמרי אין חבוש מתיר את עצמו מבית האסורין . רבי אלעזר חלש עאל לגביה רבי יוחנן חזא דהוה קא גני בבית אפל גלייה לדרעיה ונפל נהורא חזייה דהוה קא בכי רבי אלעזר אמר

און אז דוא ווילסט וועל איך דיר זאגין אז ער האט אנגע אין דער שטיל אונטער די קליידער וואס קיינער זעהט ניט . איז דאס יסורים פון ליבשאפט . ער ווערט ניט פאר שעמט . אבער אז די נגע איז אויף אזוי אארט וואס אלע זעהן איז דאס ניט יסורים פון ליבשאפט ווענן נאר צו כפר זיין אויף עבירות . פרעגט די גמרא קינדער איז ניט יסורים פון ליבשאפט . ווי מיינט מען . זאל איך זאגין אז מען מיינט ער האט געהאט קינדער אונ זייא זענען געשטארבין . איז דאס ניט יסורים פון ליבשאפט . רבי יוחנן האט דאך געזאגט דאס איז דער ביין פון צעהנטען זוהן וואס איז בייא איהם געשטארבין (רבי יוחנן האט געהאלטין דעם ביינדיל ער זאל זיך דער מאנען זיין צער אונ זאל טרייסטען דער מיט אנדערע מענטשין) אונ אזוי אמענטש ווי רבי יוחנן האט דאך געווים נאר געהאט יסורים פון ליבשאפט . ענטפערט די גמרא דער מענטש וואס האט צער ווייל ער האט גאר ניט געהאט קיין קינדער : דאס איז ניט יסורים פון ליבשאפט . אונ דער מענטש וואס האט צער ווייל ער האט געהאט קינדער אונ זייא זענען געשטארבין . דאס איז יסורים פון ליבשאפט :

מן רבי . יוחנן איז קראנק געווארען איז רבי חנינא אריין געגאנגען צו איהם . האט רבי חנינא געזאגט צוא רבי יוחנן . די יסורים זענען ליב אויף דיר . האט רבי יוחנן געזאגט צוא רבי חנינא איך וויל ניט די יסורים אונ איך וויל ניט זייער שכר . האט רבי חנינא געזאגט צוא רבי יוחנן גיב מיר דיין האנט . האט רבי יוחנן געגעבען זיין האנט צו רבי חנינא האט איהם רבי חנינא אויף געשטעלט פון זיין קריינק . פרעגט די גמרא פאר וואס האט געדארפט רבי יוחנן צו רבי חנינא זאל איהם אויף שטעלען . זאל רבי יוחנן זיך אליין אויף שטעלען ווארום רבי חייא בר אבא איז קראנק געווארען איז רבי יוחנן אריין געגאנגען צו איהם אונ רבי יוחנן האט געזאגט צו רבי חייא די יסורים זענען דיר ליב . האט רבי חייא געזאגט צוא רבי יוחנן איך וויל ניט די יסורים אונ וויל ניט זייער שכר . האט רבי יוחנן געזאגט צוא רבי חייא גיב מיר דיין האנט האט רבי חייא געגעבען זיין האנט צו רבי יוחנן האט רבי יוחנן איהם אויף געשטעלט פון זיין קריינק . קען דאך רבי יוחנן אויך אויף שטעלען אמענטש פון זיין קריינק האט זיך רבי יוחנן אליין בדארפט אויף שטעלען פון זיין קריינק . ניט נווארטען אויף רבי חנינא . ענטפערט די גמרא איך וועל דיר זאגען . אגיבונדענער קען ניט זיך אליין אויף בינדען ארויס צו גיין פון תפיסה . רבי אלעזר איז קראנק געווארען איז רבי יוחנן אריין געגאנגען צו איהם . האט רבי יוחנן געזעהן אז רבי אלעזר שלאפט אין אפינסטערע שטוב . האט רבי יוחנן אויף גידעקט זיין האנט איז געפאלען אליכטיגקייט אין שטוב . האט רבי יוחנן געזעהן אז רבי אלעזר וויינט . האט רבי

אמר ליה מאי קא בכית אי משום תורה דלא אפשת שנינו אחד המרבה ואחד הממעיט ובלבד שיכוין לבו לשמים. ואי משום מזוני לא כל אדם זוכה לשתי שלחנות. אי משום בני דין גרמא דעשיראה ביר. אמר ליה להאי שופרא דבלי בעפרא קא בכינא אמר ליה על דא ודאי קא בכית ובכו תרוייהו. אדהכי והכי אמר ליה חביבין עליך יסורין אמר ליה לא הן ולא שכרן א"ל הב לי ידך יהב ליה ידיה ואוקמיה. רב הונא הוו ליה ארבע מאות דני דחמרא איתקוף עאל לגביה רבי יהודה אחוה דרב סלא חסידא ורבנן. (ואמרי לה רב אדא בר אהבה ורבנן). אמרו ליה ליעיין מר במליה אמר להו ומי חשידנא בעינייכו אמרי ליה מי חשיד קודשא בריך הוא דעביד דינא בלא דינא. אמר להו אי איכא (מאן) דשמיע עלי מילתא לימא אמרי ליה הכי שמיע לן דלא יהיב מר שיבשא לאריסיה אמר להו מי קא שביק לי מידי מיניה הא קא גניב ליה כוליה אמרי ליה היינו דאמרי אינשי בתר גנבא גנוב וטעמא טעים אמר

את הפועלים: אי משום תורה. שלא למדת הרבה כרצונך: אחד המרבה. לענין קרבנות שנויה בשלשה מנחות נאמר בעולת בהמה ריח ניחוח ובמנחה ריח ניחוח ללמדך שאחד המרבה וכו': אי משום מזוני. שאינך עשיר: על דא ודאי קא בכית. על זאת ודאי יש לך לבכות: ובכו. תרויהו: ואוקמיה. תקיפו. החמיצו: ליעיין מר במליה. יפשפש במעשיו: איכא דשמיע. אם יש בכם ששמע עלי דבר שאני צריך להזור בי יודיעני: שיבשא. חלקו בזמורות הגפן שאותכין מהם בשעת הזמיר ותנאי כהם שחולקין ביין כך חולקין בזמורות ובקניס. שריגים מתורגם שבישין: מי שביק לי מידי מיניה. וכי אינו חשוד בעיניכם שהוא גונב לי הרבה יותר מחלקו: בתר גנבא גנוב וכו'. הגונב מן הגנב אף הוא טועם טעם גניבה:

יוחנן גזאגט צו רבי אלעזר אויף וואס וויינסטו. אויב ווייל דוא האסט ניט געלערנט פיל תורה. מיר האבען געלערנט דער וואס לערנט פיל תורה און דער וואס לערנט ווייניג ווייל ער קען ניט מעהר לערנען) זענען ביידע גלייך ביי גאט. נאר זיי זאלען לערנען ווייל גאט האט געהייסען. און אויב דוא וויינסט ווייל דוא ביסט ניט רייך. ניט יעדער מענטש איז זוכה צוא צוויי טישען. תורה מיט עשירות. אויב דוא וויינסט ווייל דוא האסט ניט קיין קינדער דאס איז דער ביינדול פון מיין צעהנטען קינד וואס איז געשטארבען. האט רבי אלעזר גזאגט צוא רבי יוחנן איך וויין אויף דיא שיינקייט דיינע וואס וועט פאר פוילט ווערין אין די ערד. האט רבי יוחנן גזאגט צו רבי אלעזר אויף דעם דארף מען נעווים וויינען האבען זיי ביידע געוויינט. דער ווייל האט רבי יוחנן גזאגט צו רבי אלעזר דיא יסורים זענען דיר ליב האט רבי אלעזר גזאגט צו רבי יוחנן איך וויל ניט דיא יסורים און וויל ניט זייער שכר. האט רבי יוחנן גזאגט צו רבי אלעזר גיב מיר דיין האנט. האט רבי אלעזר גיגעבען זיין האנט צו רבי יוחנן. האט רבי יוחנן אים אויף געשטעלט פון זיין קריינק:

רב. רב הונא האט גיהאט פיר הונדערט פעסער וויין זענען זיי זויער גיווארין. איז אריין גיגאנגען צו איהם רב יהודה דער ברודער פון רב סלא חסידא און נאך רבנן. און אנדערע זאגען רב אדא בר אהבה און דיא רבנן זענען אריין גיגאנגען צו איהם און זיי האבען גזאגט צו רב הונא זאל דער רבי אכטונג געבין אין זיינע זאכען אויב ער האט ניט עפעס איין עבירה. האט רב הונא גזאגט צו זיי בין איך דען חשוד אין אייערע אויגען איך זאל האבען עבירות. האבען דיא רבנן גזאגט צו רב הונא איז דען גאט אין חשד ער זאל שטראפען אז דעם מענטש קומט ניט דער שטראף. האט רב הונא צו זיי גזאגט אויב עס איז דא צווישען אייך ווער עס האט אויף מיר עפעס גיהערט אז איך האב גיטאהן א עבירה. זאל ער זאגען. האבען דיא רבנן גזאגט צו רב הונא אזוי האבען מיר גיהערט אז דער רבי גיט ניט צוא זיין ארים אחלק פון דיא צווייגען וואס מען שנייט אפ פון דיא וויין שטאקין (אריס הייסט אז איינער גיבט אמענטש ער זאל ארבייטען אין זיין פעלד. דאפיר וועט ער איהם געבין א חלק פון אלץ וואס עס וועט וואקסען אין פעלד). זאגט רב הונא צו דיא רבנן. דער אריס לאזט מיר גאר ניט פון דעם וויין גארטען ער גנבת אין גאנצען (דאס הייסט ער נעמט נאך פון מיין העלפט אויך). האבען דיא רבנן גזאגט צוא רב הונא דאס איז וואס מענטשין זאגען אז מען גנבת פון א גנב פאר זוכט מען אויך א טעם פון גנבה. האט רב הונא גזאגט צו

אמר להו קבילנא עלי דיהיבנא ליה איכא דאמרי הדר חלא והוה חמרא ואיכא דאמרי אייקר חלא ואזדבן בדמי דהמרא:

טז תניא אבא בנימין אומר על שני דברים הייתי מצטער כל ימי על תפלתי שתהא לפני מטתי ועל מטתי שתהא נתונה בין צפון לדרום (על הפלתי שתהא לפני מטתי) מאי לפני מטתי אילימא לפני מטתי ממש והאמר ר"י אמר רב ואמרי לה ריב"ל ואמרי לה במתניתא תנא אבא בנימין אומר מנין למתפלל שלא יהא דבר חוצץ בינו לבין הכותל שנאמר (ישעיה לז) ויסב חזקיהו פניו אל הקיר ויתפלל אל ה'. לא תימא לפני מטתי אלא אימא סמוך למטתי. ועל מטתי שתהא נתונה וכו' דאמר רבי חמא בר חנינא ואמרי לה אמר רבי יצחק כל הנותן מטתו בין צפון לדרום הויין ליה בנים זכרים שנאמר (תהלים יז) וצפונך תמלא בטנם ישבעו בנים. רב נחמן בר יצחק אמר אף אין אשתו מפלת נפלים כתיב הכא תמלא בטנם וכתיב התם (בראשית כה) וימלאו ימיה ללדת. תניא אבא בנימין אומר שנים שנכנסו להתפלל וקדם אחד מהם להתפלל ויצא ולא המתין לחבירו טורפין לו

פירוש: סמוך למטתי. כל ימי נזהרתי שלא לעשות מלאכה ושלא לעסוק בתורה כשעמדתי ממטתי עד שאקרא ק"ש ואתפלל. וכתבו בתוספות שמותר לעסוק בתורה קודם תפלה: צפון לדרום. ראשה ומרגלותיה זה לצפון וזה לדרום. ונראה בעיני שהשכינה במזרח או במערב לפיכך נכון להסב דרך השמש לרוחות האחרות: ולפוק. לשון צפון וסיפיה דקרא ישבעו בנים: תמלא בטנם. תמלא ימי

דיא רבנן איך נעם אויף מיר איך זאל איהם געבען אחלק פון דיא צווייגען וואס ער לאזט פאר מיר. אנדערע זאגען עס איז צוריק געווארען פון דיא עסיג ווין. אונ אנדערע זאגען עסיג איז טייער געווארען אונ עס איז פאר קויפט געווארען אין דעם זעלביגען געלט וויא ווין ווערט פאר קויפט. הט רב הונא ניט געהאט קיין שאדין:

טז תניא: מיר האבען געלערנט אבא בנימין זאגט אויף צוויא זאכען האב איך געהאט צער מיינע אלע טעג דאס הייסט אזוי לאנג וויא איך האב געלעבט. מיין תפלה זאל זיין פאר מיין בעט. אונ מיין בעט זאל שטיין צווישען צפון אונ דרום. זאגט די גמרא וואס מיינט אבא בנימין וואס ער זאגט אז דיא תפלה זאל זיין פאר דעם בעט. איך זאל זאגען אז ער מיינט ער זאל שטיין ביי דעם בעט אונ דאווענען. רב יהודה האט דאך גזאגט פון רבס וועגין אונ אנדערע זאגען רבי יהושע בן לוי הט דאס גזאגט. אונ אנדערע זאגען מיר האבען דאס געלערנט אין אברייתא: אבא בנימין זאגט פון וואנען ווייס מען אז עס טאר ניט שטיין קיין זאך צווישען דעם וואס דאווינט אונ דיא וואנט. נאר מען מוז דאווענען ביי דיא וואנט. ווארום עס שטייט חזקיהו האט אומגיקערט זיין פנים צום וואנט אונ האט מתפלל געווען צום גאט: זאגט דיא גמרא זאלסט ניט זאגען פאר דעם בעט האט ער געוואלט דאווענען נאר זאג נאנט צו מיין בעט. דאס הייסט ער האט געוואלט ער זאל אלע טאג דאווענען באלד וויא ער שטייט אויף פון בעט. ער זאל קיין זאך ניט טאהן פאר'ן דאווענען: מיין בעט זאל שטיין צווישען צפון אונ דרום. רבי חמא בר חנינא הט גזאגט אונ אנדערע זאגען רבי יצחק האט דאס גזאגט ווער עס שטעלט זיין בעט צווישען צפון אונ דרום האט ער קינדער זכרים. אזוי וויא עס שטייט אז דוא וועסט שטעלין דיא בעט אין צפון זייט וועסטו דער פילען דעם בויך פון דיין ווייב וזיא וועט מעוברת ווערין זיא וועלין זאט ווערין מיט זיהן. רב נחמן בר יצחק זאגט אז דיא בעט שטייט צווישען צפון אונ דרום וועט זיין ווייב קיין מאהל ניט מפיל זיין קיין נפל. דא שטייט דוא וועסט דער פילען זייער בויך. אונ דארטען שטייט עס זענען דער פילט געווארען אירע טעג צו געווינען. זיא האט אוים געטראגען גאנצע ניין חדשים אונ האט ניט מפיל געווען:

תניא. מיר האבען געלערנט אבא בנימין זאגט צווייא מענטשין זענען אריין געגאנגען אין אשוהל דאווענען אונ איינער האט פריער אפ גידאווינט פאר זיין חבר. אונ איז ארויס געגאנגען פון שוהל אונ ער האט ניט געווארט ביז זיין חבר וועט אויך אפ דאווענען. אונ זיין חבר איז

כו הפלתו בפניו שנאמר (איוב יח) טורף נפשו באפו הלמענך תעזב ארץ ולא עוד אלא שגורם לשכינה שתסתלק מישראל שנאמר (שם) ויעתק צור ממקומו ואין צור אלא הקב"ה שנאמר (דברים לב) צור ילדך תשי ואם המתין לו מה שכרו אמר רב (אסי) [יוסי] בר' חנינא זוכה לברכות הללו שנאמר (ישעיה מח) לוא הקשבת למצותי ויהי כנהר שלומך וגו' ויהי כחול זרעך וגו':

דף ו ע"א (תניא) אבא בנימין אומר אלמלא נתנה רשות לעין לראות אין כל בריה יכולה לעמוד מפני המזיקין אמר אביי אינהו נפישי מינן וקיימי עלן כי כסלא לאוגיא. א"ר הונא כל חד וחד מינן אלפא משמאליה ורבבתא מימיניה שנאמר (תהלים צא) יפול מצדך אלף ורבבה מימינך. אמר רבא האי דוחקא דהוי בכלה מינייהו הוי הני ברכי דשלהי מינייהו (הוי) הני מאני דרבנן דבלו מחופיא דידהו הני כרעי דמנקפי מינייהו

פירוש: טורף נפשו באפו וגו'. לך אומר אתה גרמת לטרוף נפשך באפך ומאי נפשו זו תפלה כמו שנאמר ואשפוך את נפשי לפני ה': הלמענך תעזב ארץ. וכי בשביל היות שבשבילך שיצאת מבהכ"נ והנחת הצבור תסתלק השכינה ויעזוב את המקום כמתפלל לפניו: לוא הקשבת. לשון המתנה הוא: למצותי. בשביל מצותי שאויתי לגמול חסד: לראות. את כל הבריה העומדים לפניו: כי כסלא לאוגיא. כעורות תפירה המקפת את העוגה שעושין תחת הגפנים: כסלא. היא תלם של מענה המקפת סביב (שמינו) את תל העוגה והגפן נטוע בתל: האי דוחקא דכלה (שבת נקראת כלה) פעמים שבני אדם יושבים דוחקים ביום שבת שבאים לשמוע הדרשה ודומים להם כיושבים דחוקים: ברכי דשלהי. ברכים עיפים: הני מאני דרבנן דבלו. בגדי התלמידים שבלים מהרה וכם אינם בני מלאכה שתבלה בגדיהם: מחופיא דידהו. המזיקים באים ויושבים אצלם ומתחככים בהם:

געבליבען אליין אין שוהל. אונ ער האט מורא. נעמט מען ניט צוא דעם ערשטינם תפלה. גאר מען ווארפט אים זיין תפלה אין פנים. אזוי וויא עס שטייט ער איז זיך אליין שולדיג וואס מען האט איהם גיווארפען זיין תפלה אין פנים. דוא האסט גימיינט אז דורך דיר וואס דו ביסט אוועק גיגאנגען פון שוהל אונ האסט דיין חבר אליין געלאזען. וועט גאט פאר לאזען די ערד אונ וועט אויך אוועק גיין. אונ וועט אויך דיין חבר אליין לאזען. ניין. גאט וועט ניט אוועק גיין פון איהם אונ וועט איהם היטען ביז נאך זיין דאוונען. נאך מעהר הט ער גיטאן מיט זיין אוועק גיין אז דורך איהם וועט זיך אפ טאהן די שכינה פון די יודען. אזוי וויא עס שטייט דער צור האט זיך אפ גירוקט פון זיין ארט. צור מיינט מען גאט: אזוי וויא עס שטייט צור ילדך תשי גאט וואס ער האט דיך בשאפען האסטו איהם פאר געסען. אונ אויב ער האט גיווארט אויף זיין חבר ביז ער האט אפ גידאווינט. וואס איז זיין שכר. האט רבי יוסי ברבי חנינא גזאגט ער איז זוכה צו די ברכות. אזוי ווי עס שטייט ווען דוא וואלסט גיווארט אויף דיין חבר ביז ער וועט אפ דאוונען. וואלט איך האב גיהייסען מען זאל טאהן חסד אונ ווארטען. וואלט זיך ציהען דיין פריד אזוי וויא א טייך ואונ וויא ווייטער שטייט אין פסוק. אונ דיינע קינדער וואלטען גיווען אזוי פיל אזוי וויא זאמד ואונ וויא ווייטער שטייט אין פסוק:

ע"ו תניא. מיר האבען גילערנט אבא בנימין זאגט ווען מען וואלט גיגעבען רשות צוא דיא אויג אז זיא זאל זעהן אלע שדים וואס שטייען פאר איהם וואלט קיין בשעפעניש ניט גיקענט בשטיין פאר דיא מזיקים וואס ער וואלט גיזעהן. אביי האט גזאגט דיא שדים זענען מעהר וויא מיר זענען אונ זייא שטייען אויף אונז אזוי וויא דיא קייליכדיגע רינגע וואס איז גימאכט ארום דעם קליינעם בערגיל וואס אויף דעם בערגיל איז גיפלאנצט אוויין שטאק. אזוי זענען דיא שדים ארום אונז. רב הונא האט גזאגט יעדער איינצעלנער פון אונז שטייען טויזענד שדים פון זיין לינקע זייט אונ צעהן טויזענד שדים שטייען פון זיין רעכטע זייט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק עס וועט אוועק פאלען פון דיין לינקע זייט טויזענד שדים אונ צעהן טויזענד שדים ווערין אוועק פאלען פון דיין רעכטע זייט. רבא הט גזאגט דיא איינגשאפט וואס עס איז ווען מען זאגט שבת א דרשה דאס איז פון זייא. פון די שדים. דיא קניא וואס זיי ווערין מיד דאס איז פון זיי. פון דיא שדים. דיא קליידער פון די רבנן וואס זיי ווערין געשווינד

מינייהו האי מאן דבעי למידע להו לייתי קיטמא נהילא ונהדר אפוריא ובצפרא חזי כי כרעי דתרנגולא האי מאן דבעי למחזינהו לייתי שליתא דשונרתא אוכמתא בת אוכמתא בוכרייתא בת בוכרייתא וליקלייה בנורא ולשחקיה ולמלייה לעיניה מיניה וחזי להו ולשדייה בגובתא דפרזלא ולחתמיה בגושפנקא דפרזלא דילמא גנבי מיניה ולחתום פומיה כי היכי דלא ליתזק. רב ביבי בר אביי עבד הכי (חזא) ואתזק ובעו רבנן רחמי עליה ואתסי:

הוסיף. לשון תוסף: שלייתא דשונרתא. שליית הולד של החתול נקבה: בוכרתא. הבכור: לאמה ואף אמה היתה בכורה: ולימלי עיניה מיניה. ישים ממנו מעט בעיניו. כל לשון נתינה בעין קורא בל' גמרא מלוי לפי שבדבר מועט הוא מלא: גובתא דפרזלא. קנה החלול של ברזל: ולחתמיה. לקנה: בגושפנקא דפרזלא. בחותם של ברזל דבמידי דלייר וחתים לית לבו רשותא:

במקום רנה. בבית הכנסת ששם אומרים בלבור שירות ותשבחות בנעימות קול: בעדת אל. בבית מועד שלו: ומנין לי' וכו'. עדה קרויים עשרה שנאמר עד מתי לעדה הרעה הזאת יגו' יצאו יהושע וכלב: בקרב אלהים ישפוט. ואין

יח תניא אבא בנימין אומר אין תפלתו של אדם נשמעת אלא בבית הכנסת שנאמר (מלכים א ח) לשמוע אל הרנה ואל התפלה אשר עבדך מתפלל לפניך בבית הזה. במקום רנה שם תהא תפלה. אמר רבין בר (רב) אדא אמר רבי יצחק מנין שהקב"ה מצוי בבית הכנסת שנאמר (תהלים פב) אלהים נצב בעדת אל. ומנין לשלשה שיושבין בדין ששכינה עמהם שנאמר (שם) בקרב אלהים ישפוט. ומנין לשנים שיושבין ועוסקין בתורה

צעריסען פון זייער רייבען זיך. דיא שדים קומען אונ זעצין זיך ביי די רבנן אונ רייבען זיך אן זייא. צוא רייסען דיא שדים דיא קליידער פון דיא רבנן. אז מען גיט זיך אקלאפ אין פוס. דס איז פון דיא שדים. זייא טוהען אשטויס דעם מענטש טוהט ער זיך אקלאפ אין פוס אן אשטיין אדער אן אוואנט. ווער עס וויל זייא קענען זאל ער נעמען געזיפטע אש אונ זאל ארום שיטען ארום בעט אין דער פריא וועט ער זעהן אויף דיא אש אזוי וויא פיס פון אהאהן. ווער עס וויל זייא זעהן זאל ער נעמען דיא הויט וואס דיא קליינע קעצעל ליגט אין איר ווען זי איז אין איר מוטערס בויך) פון אשווארצע קאץ אונ איר מוטער איז אויך אשווארצע וואס זיא איז ביי איר מוטער דיא ערשטע קינד איר מוטער איז אויך דאס ערשטע קינד ביי איר מוטער אונ דיא הויט זאל ער פאר ברענען אין פייאר אונ זאל דיא הויט צוא שטויסען אויף אש אונ ער זאל אביסעל אש אריין שיטען אין אויג וועט ער זייא זעהען. אונ דיא איבעריגע אש זאל ער אריין שיטען אין אאייזערנע רער ער זאל פאר חתמנן דיא רער מיט אאייזערנע חתימה טאמער וועלען דיא שדים אוועק גנבנן דיא אש פון איהם אונ ער זאל צו מאכען דיא מויל דיא שדים זאלען איהם ניט טאהן קיין שאדין אין זיין גוף. רב ביבי בר אביי האט אזוי גיטאהן האט ער גיזעהן דיא שדים האבען זייא איהם אשאדין גיטאהן אין זיין גוף האבען דיא רבנן תפלה גיטאהן פון זיינעט וועגין איז ער גיזונט גיווארען:

יח תניא. מיר האבען גילערנט אבא בנימין זאגט דיא תפלה פון מענטשין ווערט אנדערש ניט צוא גיהערט נאר אז ער דאווינט אין שוהל. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דוא זאלסט צו הערין דיא גיזאנג אונ דיא גיבעט וואס דיין קנעכט בעט פאר דיר אין דער שטוב. אויף דעם ארט וואס מען זינגט צו גאט דארט זאל מען בעטין צוא גאט. רבין בר רב אדא האט גזאגט. רבי יצחק האט גזאגט פון וואנען ווייס מען אז גאט ווערט גיפונען אין שוהל אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט שטייט אין זיין געטליכע פערזאמלונג. פון וואנען ווייס מען אז צעהן דאווענען רוהט דיא שכינה צווישען זייא. ווארום עס שטייט אין פסוק גאט שטייט ביי זיין געטליכע עדה. אונ צעהן מענטשין ווערט גירופען אעדה. פון וואנען ווייס מען אז דריי מענטשין (דיינים) משפטין אדין איז דיא שכינה צווישען זייא ווארום עס שטייט אין פסוק צווישען דיא דיינים איז דא גאט אונ משפט. פון וואנען ווייס מען אז צוויי מענטשין זיצען אונ לערנען איז דיא שכינה מיט זייא. ווארום עס שטייט אין פסוק ווען דיא צוויי מענטשין וואס האבען מורא פאר גאט האבען גירעט תורה איינער צום אנדערין. האט גאט

בתורה ששכינה עמהם שנא׳ (מלאכי ג) אז נדברו יראי ה׳ איש אל רעהו ויקשב ה׳ וישמע ויכתב ספר זכרון לפניו ליראי ה׳ ולחושבי שמו מאי ולחושבי שמו אמר רב אשי אפילו חשב אדם לעשות מצוה ונאנס ולא עשאה מעלה עליו הכתוב כאילו עשאה . ומנין לאחד שיושב ועוסק בתורה ששכינה עמו שנאמר (שמות כ) בכל המקום אשר אזכיר את שמי אבוא אליך וברכתיך. וכי מאחר דאפילו אחד תרי מיבעיא . תרי מיכתבן מלייהו בספר הזכרונות חד׳ לא מיכתבן מליה (בספר הזכרונות) . וכי מאחר דאפילו תרי תלתא מבעיא . מהו דתימא דינא שלמא בעלמא הוא ולא אתיא שכינה קמ״ל דדין נמי היינו תורה . וכי מאחר דאפילו תלתא עשרה מיבעיא . עשרה קדמא שכינה ואתיא תלתא עד דיתבי :

בית דין קרויים אלהים אלא בשלשה : ויקשב ה׳ וישמע . נמתין להם שם : אשר אזכיר את שמי . אשר יזכר שמי ע״פ מלאכי ודברי : אבוא אליך . לשון יחיד הוא : מיכתבן מילייהו . כדכתיב ויכתב ספר זכרון : קדמא שכינה ואתיא . קודם שיהיו כל העשרה אלהים נצב בעדת אל מעיקרא משמע : עד דיתבי . כדכתיב ישפוט בקרב השופטים .

אמר (רבין) [רבי אבין] בר רב אדא אמר רבי יצחק מנין שהקב״ה מניח תפילין שנאמר (ישעיה סב) נשבע ה׳ בימינו ובזרוע עזו ואין ימינו אלא תורה שנאמר (דברים לג) מימינו אש דת למו ואין עוזו אלא

געוואָרט און האָט צוא געהערט און דאָס איז פאַר שריבען געוואָרען אין אַבוך דאָס זאָל זיין אַאַנדיינקונג פאַר גאָט צו דיא וואָס האָבען מורא פאַר גאָט און צוא דיא וואָס טראַכטען זיין נאָמען וואָס מיינט מען צו דיא וואָס טראַכטען זיין נאָמען . האָט רב אַשי געזאָגט אויב אַמענטש האָט געטראַכט צו טאָהן אַמצוה און עס האָט איהם געטראָפען אַז ער איז געווען גענייט ער זאָל ניט טאָהן דיא מצוה . רעכענט אויף איהם דער פסוק גלייך וויא ער וואָלט זיא געטאָהן. פון וואַנען ווייס מען אַז איינער זיצט און לערנט איז דיא שכינה מיט איהם . וואָרום עס שטייט אין פסוק אויף יעדער אָרט וואָס מיין נאָמען וועט דער מאָנט ווערין . דורך מיין תורה און מצות . וועל איך קומען צו דיר און וועל דיך בענטשין . פרעגט דיא גמרא אַז אַפילו איינער זיצט און לערנט קומט צו איהם דיא שכינה אַז צוויי לערנען קומט דאָך געוויס צוא זייא דיא שכינה . דאָס וועט מען שוין אַליין וויסען אָן דעם פסוק צו וואָס שטייט דער פסוק אָז נדברו יראי ה׳ איש אל רעהו . ענפערט דיא גמרא אַז צוויי זיצען און לערנען ווערט זייערע רייד פאַר שריבען אין אַבוך פאַר אַאַנדיינקונג פאַר גאָט . אַז איינער לערנט ווערט ניט פאַר שריבען זייגע רייד אין אַבוך צו אַאַנדיינקונג פאַר גאָט . פרעגט דיא גמרא אַז אַפילו צוויי זיצען און לערנען איז דיא שכינה מיט זייא . אַז דריי לערנען איז דאָך געוויס דיא שכינה מיט זיי . דאָס וועט מען שוין אַליין וויסען אָן דעם פסוק . צו וואָס שטייט דער פסוק אֱלהים נצב בעדת אל . ענפערט דיא גמרא איך וואָלט וועלין זאָגען אַז דיינים פסקנ׳ן אַדין תורה הייסט דאָס גאָר ניט געלערנט נאָר זייא האָבען געמאַכט שלום צווישען דיא מענטשין וואָס האָבען געקריגט קומט ניט דיא שכינה צו זייא לאָזט אונז דער פסוק הערין אַז פסקנ׳ן אַדין תורה הייסט אויך געלערנט . פרעגט דיא גמרא אַז אַפילו דרייא פסקנ׳ן אַדין תורה אָדער זייא לערנען איז דיא שכינה מיט זייא אַז צעהן לערנען אָדער דאַווענען איז דאָך געוויס דיא שכינה מיט זיי . דאָס וועט מען שוין אַליין וויסען אָן דעם פסוק צו וואָס שטייט דער פסוק אֱלהים נצב בעדת אל . ענפערט דיא גמרא אַז צעהן מענטשין דאַווענען אָדער לערנען קומט דיא שכינה פריער איידער דיא אַלע צעהן קומען . אַז דרייא מענטשין זיצען אַדין צו פסקנ׳ן אָדער צוא לערנען אַז זייא זיצען שוין קומט איצט די שכינה ניט פריער :

אמר . רבי אבין בר רב אדא האָט געזאָגט פון רבי יצחקס וועגין : פון וואַנען ווייס מען אַז גאָט לייגט תפילין : וואָרום עס שטייט אין פסוק גאָט האָט געשוואָרין ביי זיין רעכטע האַנט און ביי זיין שטאַרקין אָרעם . זיין רעכטע האַנט מיינט מען דיא תורה . אַזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאָט האָט געגעבען פון זיין רעכטע האַנט צו דיא יודען אַפייערדיגע תורה .

שהתפילין עוז הם לישראל. דכתיב וראו כל עמי הארץ כי שם ה' נקרא עליך ויראו ממך: מאי כתיב בהו. בשלמא בתפילין דידן כתיב שמע והיה אם שמוע קדש לי כל בכור והיה כי יביאך פרשיות שנצטוו בהם לשום זכרון מצותיו של הקב"ה הוא וזכרון נסה לישראל אלא בדידיה מאי כתיב בהו: האמרת. לשון (הטיבה) [חטיבה] וסגת כמו התאמרו כל פועלי און יתאמרו: בשאר בתי מאי.

אלא תפילין שנאמר (תהלים כט) ה' עוז לעמו יתן. ומנין שהתפילין עוז הם לישראל דכתיב (דברים כח) וראו כל עמי הארץ כי שם ה' נקרא עליך. ותניא רבי אליעזר הגדול אומר אלו תפילין שבראש. אמר ליה רב נחמן בר יצחק לרב חייא בר אבין תפילין דמארי עלמא מה כתיב בהו אמר ליה, (דה"א יז) ומי כעמך ישראל גוי אחד. ומי משבח קב"ה בשבחייהו דישראל אין דכתיב (דברים כו) את ה' האמרת היום וה' האמירך היום אמר להם הקדוש ברוך הוא לישראל אתם עשיתוני חטיבה אחת בעולם ואני אעשה אתכם חטיבה אחת בעולם אתם עשיתוני חטיבה (פי' ציור אחד בעולם כלומר דבר בעיבר שאין כמותו) אחת בעולם דכתיב (שם) שמע ישראל ה' אלהינו ה' אחד אף אני אעשה אתכם חטיבה אחת בעולם דכתיב ומי כעמך ישראל גוי אחד בארץ. אמר ליה רב אחא בריה דרבא לרב אשי תינח בחד ביתא בשאר בתי מאי אמר ליה (דברים ד) כי מי גוי גדול ומי גוי גדול (שם לג) אשריך ישראל (שם ד) או הנסה אלהים (שם כו) ולתתך עליון אי הכי נפישי להו טובא (בתי) אלא כי מי גוי גדול ומי גוי גדול דדמיין להדדי בחד ביתא

זיין שטארקייט מיינט מען תפילין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ה' עוז לעמו יתן גאט וועט געבין שטארקייט צו זיין פאלק. פון וואנען ווייס מען אז תפילין איז א שטארקייט צוא די יודען. ווארום עס שטייט אין פסוק אלע פעלקער פון דער וועלט וועלען זעהן אז דער נאמען פון גאט ווערט גירופען אויף דיר וועלען זייא מורא האבען פאר דיר. אונ מיר האבען גילערנט. רבי אליעזר הגדול זאגט דאס מיינט מען דיא תפילין וואס מען טראגט אויף דעם קאפ. רב נחמן בר יצחק האט גזאגט צו רב חייא בר אבין וואס שטייט געשריבען אין דיא תפילין פון גאט האט רב חייא בר אבין גזאגט צו רב נחמן בר יצחק. דער פסוק שטייט ומי כעמך ישראל גוי אחד. איז דען נאך דא איין פאלק אויף דער וועלט אזוי וויא דיין פאלק ישראל איז. פרעגט דיא גמרא. בארימט זיך דען גאט מיט דעם לויב פון דיא יודען. ענטפערט דיא גמרא יא. ווארום עס שטייט אין פסוק דוא האסט היינט גילויבט גאט אונ גאט האט היינט דיך גילויבט. גאט האט גזאגט צוא דיא יודען איר האט מיך געמאכט פאר איין אויס גיצייכנעטע זאך אויף דער וועלט. אונ איך וועל אייך מאכען פאר איין אויס גיצייכנעטע זאך אויף דער וועלט. איר האט מיך גימאכט פאר איין אויס גיצייכנעטע זאך אויף דער וועלט איר זאגט אז איך בין איין גאט אויף דער וועלט אזוי וויא עס שטייט אין פסוק שמע ישראל ה' אלהינו ה' אחד: הערט צוא יודען גאט איז איינער אויף דער וועלט. איך וועל אייך אויך מאכען פר איין אויס גיצייכנעטע זאך אויף דער וועלט. איך וועל זאגן אז איר זענט איין פאלק אויף דער וועלט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ומי כעמך ישראל גוי אחד בארץ: ווער איז אזוי וויא דיין פאלק ישראל איין איינציג פאלק אויף דער ערד. רב אחא בריה דרבא האט גזאגט צו רב אשי דאס איז רעכט אין איין בית. שטייט דער פסוק ומי כעמך ישראל גוי אחד בארץ. אין תפילין איז אבער דא פיר בתים. אין דיא איבעריגע דריי בתים וואס שטייט. האט רב אשי גזאגט צו רב אחא בריה דרבא. אין איין בית שטייט דער פסוק כי מי גוי גדול. אונ אין איין בית שטייט דער פסוק ומי גוי גדול. אונ אין איין בית שטייט דער פסוק אשריך ישראל. אונ אין איין בית שטייט דער פסוק או הנסה אלהים. אונ אין איין בית שטייט דער פסוק ולתתך עליון. פרעגט דיא גמרא אויב אזוי איז דאך שוין דא פינף בתים. נאר דער פסוק כי מי גוי גדול אונ דער פסוק ומי גוי גדול וואס זענען גלייך איינס צו דאס אנדערע זענען געשריבען אין איין בית. דער פסוק אשריך ישראל אונ דער פסוק ומי כעמך ישראל זענען אויך געשריבען אין איין בית. דער פסוק או הנסה אלהים איז געשריבען אין איין בית. דער פסוק ולתתך

ביתא אשריך ישראל ומי כעמך בחד ביתא או הנסה אלהים בחד ביתא ולתתך עליון בחד ביתא וכולהו כתיבי באדרעיה:

(פ"ג) **כ אמר** רבין בר רב אדא אמר רבי יצחק כל הרגיל לבא לבית הכנסת ולא בא יום אחד הקדוש ברוך הוא משאיל בו שנאמר (ישעיה נ) מי בכם ירא ה' שומע בקול עבדו אשר הלך חשכים ואין נוגה לו אם לדבר מצוה הלך נוגה לו ואם לדבר הרשות הלך אין נוגה לו יבטח בשם ה' מאי טעמא משום דהוה ליה לבטוח בשם ה' ולא בטח. אמר רבי יוחנן בשעה שהקדוש ברוך הוא בא לבית הכנסת ולא מצא בה עשרה מיד הוא כועס. שנאמר (שם) מדוע באתי ואין איש קראתי ואין עונה:

כא אמר רבי חלבו אמר רב הונא כל הקובע מקום לתפלתו אלהי אברהם (יהיה) בעזרו. וכשמת

כתיב בהו בהרי ד' בתים הס: וכלהו כתיבי באדרעיה, וכל אלו המקראות כתובים בבל זרוע בבית א' זה שאוחה של יד אינה אלא בית אחד כדאמ' במנחות וכל הפרשיות כתובות בו:

משאיל בו. מה היכו של פלוני למה לא בא: ירא ה'. שהיה רגיל לבא אליו: אשר הלך חשכים ואין נוגה לו. אשר עתה הלך אל מקום חשך ומנע עצמו מלהשכים לב"ס: ואין עונה. שיעור שיוכלו לענות דבר קדושה: אלוהי אברהם. שקבע מקום

עֶלְיוֹן אִיז גֶעשְׁרִיבֶּען אִין אֵיין בַּיִת. אִיז שׁוֹין פִיר בָּתִּים. אוּנ דִיא אַלֶע פְּסוּקִים זֶענֶען גֶעשְׁרִיבֶּען אוֹיף דִיא תְּפִילִין וָואס אוֹיף דִיא הַאנְט וָואס דִיא גְמָרָא זָאגְט אַז גָאט לֵייגְט תְּפִילִין. וָואר מֶען נִיט מֵיינֶען חַס וְשָׁלוֹם אַז עֶס אִיז אַזֶעלְכֶע תְּפִילִין וִויא מִיר לֵייגֶען. נָאר דִיא גְמָרָא זָאגְט אוּנְז. אַזוֹי וִויא מִיר לֵייגֶען תְּפִילִין אוּנ אִין אוּנְזֶערֶע תְּפִילִין שְׁרַייבֶּען מִיר אַזֶעלְכֶע פְּסוּקִים וָואס פְּרַייזֶען אוּנְז. אַז גָאט אִיז אֵיינֶער: אוּנ מִיר זָאלֶען גִידֵיינְקֶען דִיא נִסִּים וָואס עֶר הָאט מִיט אוּנְז גִיטָאהן. אוּנ מִיר לֵייגֶען דִיא תְּפִילִין אוֹיף דֶעם קָאפּ אוּנ אוֹיף דִיא הַאנְט מִיר זָאלֶען זַיין בְּהֶעפְט צוּ גָאט מִיט אוּנְזֶער שֵׂכֶל אוּנ מִיט אוּנְזֶער הַארְץ. אַזוֹי גָאט לֵייגְט אוֹיךְ אוֹיף אוּנְז אַזֶעלְכֶע פְּסוּקִים וָואס זָאל דֶער וֶועקִין זַיין לִיבְּשַׁאפְט צוּ אוּנְז. אוּנ עֶר בַּארִימְט זִיךְ מִיט אוּנְז, אוּנ עֶר זָאל מִיט אוּנְז וַוייטֶער טָאהן נִסִּים. (ועיין בסוף סימן לא):

כ אָמַר. רָבִין בַּר רַב אַדָא הָאט גִזָאגְט פוּן רַבִּי יִצְחָקס וֶועגִין וֶוער עֶס אִיז גִיוואוֹהנְט צוּא קוּמֶען אַלֶע טָאג אִין שׁוּהל דַאוֶוענֶען אוּנ אֵיין טָאג אִיז עֶר נִיט גִיקוּמֶען. פְרֶעגְט גָאט אוֹיף אִיהם פַאר וָואס עֶר אִיז נִיט גִיקוּמֶען. אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק וֶוער אִיז צְוִוישֶׁען אַייךְ וָואס עֶר הָאט מוֹרָא גִיהַאט פַאר גָאט אוּנ אִיז גִיקוּמֶען אַלֶע טָאג אִין שׁוּהל. אוּנ עֶר הָאט גִיהֶערְט דֶעם קוֹל פוּן דֶעם קְנֶעכְט פוּן גָאט. דָאס הֵייסְט עֶר הָאט גִיהֶערְט אַלֶע טָאג דֶעם קוֹל פוּן דֶעם חַזָן וָואס עֶר אִיז דֶער קְנֶעכְט פוּן גָאט. הַיינְט אִיז עֶר אַוֶועק גִיגַאנְגֶען אִין אַפִינְסְטֶערֶע וֶועג וָואס עֶס אִיז אִיהם נִיט לִיכְטִיג. אוֹיב עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען טָאהן אַמִצְוָה וֶועט אִיהם לִיכְטִיג זַיין. אוּנ אוֹיב עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען אִין זַיינֶע זַאךְ צוּ טָאהן וֶועט אִיהם נִיט לִיכְטִיג זַיין. אֲפִילוּ צוּ גֵיין זוּכֶען פַּרְנָסָה. דוּרְךְ דֶעם קוּמְט עֶר נִיט אִין שׁוּהל דַאוֶוענֶען וֶועט אִיהם אוֹיךְ נִיט לִיכְטִיג זַיין. וָוארוּם וֶועגִין פַּרְנָסָה. זָאל עֶר זִיךְ פַאר זִיכֶערִין אוֹיף דֶעם נָאמֶען פוּן גָאט. פַאר וָואס וֶועט אִיהם נִיט לִיכְטִיג זַיין עֶר הָאט זִיךְ בַּדַארְפְט פַאר זִיכֶערִין אוֹיף דֶעם נָאמֶען פוּן גָאט וָואס גָאט הֵייסְט אַנוֹתֵן לֶחֶם לְכָל בָּשָׂר. עֶר גִיט בְּרוֹיט צוּ אַלֶע בַּשֶׁעפֶענִישׁ) אַז עֶר וֶועט אִיהם גֶעבִּין זַיין פַּרְנָסָה נָאךְ דֶעם דַאוֶוענֶען:. אוּנ עֶר הָאט זִיךְ נִיט פַאר זִיכֶערְט. וֶועט אִיהם נִיט לִיכְטִיג זַיין:

אָמַר. רַבִּי יוֹחָנָן הָאט גִזָאגְט וֶוען גָאט קוּמְט אִין שׁוּהל אוּנ גֶעפִינְט נִיט קֵיין צֶעהְן מֶענְטְשִׁין (עֶרְט עֶר בַּאלְד אִין כַּעַס. אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק פַאר וָואס אַז אִיךְ בִּין גִיקוּמֶען (אִין שׁוּהל) הָאבּ אִיךְ נִיט גִיטְרָאפֶען קֵיין מֶענְטְשׁ. אִיךְ הָאבּ גִירוּפֶען אִיז נִיט גִיוֶוען (קֵיין צֶעהְן מֶענְטְשִׁין) זֵיי זָאלֶען קֶענֶען עֶנְטְפֶערִין בָּרְכוּ אוּנ קְדוּשָׁה:

כא אָמַר. רַבִּי חֶלְבּוֹ הָאט גִזָאגְט פוּן רַב הוּנָאס וֶועגִין וֶוער עֶס הָאט אַאָרְט גִיזֶעצְטֶעט (צוּ) אָרְט וואוּ עֶר זָאל דַאוֶוענֶען. עֶר דַאוֶוענְט אַלֶע מָאהל אוֹיף אֵיין אָרְט. אִיז דֶער גָאט פוּן אַבְרָהָם

לתפלתו: בעזרו. כדרך שהיה עוזר לאברהם: כתיב לענותו. בספר שמואל: וכתיב לכלותו. בדברי הימים: בתחלה. כשבנה הבית נבנה על מנת שלא לענות עוד אויבים לישראל ולבסוף שחטאו נגזר עליהם עימי ותפלתם מגינה עליהם מן הכליון:
אל יפסיע פסיעה גסה. לפי שמראה בעצמו שעיכוב בית הכנסת דומה עליו כמשוי: נרדפה. לשון מרוצה משמע שמרודף רץ: לפרקא. לשמוע הדרשה: מחללי רבנן שבתא. דאמר מר אסור לפסוע פסיעה גסה:

וכשמת אומרין עליו אי חסיד אי עניו מתלמידיו של אברהם אבינו. ואברהם אבינו מנא לן דקבע מקום דכתיב (בראשית יט) וישכם אברהם בבקר אל המקום אשר עמד שם את פני ה' ואין עמידה אלא תפלה שנאמר (תהלים קו) ויעמוד פינחס ויפלל. עוד להלן בפרק זה אמר רבי יוחנן משום רשב"י כל הקובע מקום לתפלתו אויביו נופלים תחתיו שנאמר (ש"ב ז) ושמתי מקום לעמי לישראל ונטעתיו ושכן תחתיו (ולא ירגז עוד) ולא יוסיפו בני עולה לענותו כאשר בראשונה. רב הונא רמי כתיב לענותו וכתיב לכלותו בתחלה לענותו ולבסוף לכלותו:

אמר רבי חלבו אמר רב הונא היוצא מבית הכנסת אל יפסיע פסיעה גסה אמר אביי לא אמרן אלא למיפק אבל למיעל כל שכן דרהיטנא שנאמר (הושע ו) ונדעה נרדפה לדעת את ה' אמר רב (זביד) [זירא] מריש כי הוה חזינא להו לרבנן דקא רהיטי לפרקא בשבתא אמינא קא מחללי רבנן שבתא כיון דשמעתיה להא דאמר רבי (טרפון) ותנחום אמר רבי יהושע בן לוי לעולם ירוץ אדם לדבר מצוה בשבת שנאמר

איז זיין הילף. אַז דער מענטש שטארבט זאגט מען אויף איהם וואו איז דער חסיד וואו איז דער מענטש וואס האט זיך געהאלטען אזוי נידעריג. ער ווערט גערעכענט פון די תלמידים פון אברהם אבינו. פון וואנען ווייס מען אַז אברהם אבינו האט געהאט אַאוים געזעצטען אָרט צו זיינע תפלות וואָרום עס שטייט אין פסוק אברהם איז אויף געשטאנען פריא. אונ ער איז געגאנגען צו דעם אָרט וואס ער איז שוין דארט געשטאנען פאר גאט. אונ דעם וואָרט שטיין מיינט מען ער איז געשטאנען אונ האט תפלה געטאהן. אַזוי וויא עס שטייט אין פסוק פנחס איז געשטאנען אונ האט תפלה געטאהן:

אמר רבי יוחנן האט געזאגט פון רבי שמעון בן יוחאי וועגין ווער עס זעצט אויס אַאָרט צו זיין דאווענען. ער דאוויינט אַלע מאהל אויף איין אָרט: פאלען זיינע פיינד אונטער איהם. אַזוי וויא עס שטייט אין פסוק איך וועל מאכען אַאָרט צו מיין פאלק צוא די יודען איך וועל איהם איין פלאנצען אונ ער וועט רוהען אויף זיין אָרט. אונ ער וועט שוין ניט מעהר ציטערין אונ די שלעכטע מענטשין וועלען איהם שוין ניט מער פייניגען אַזוי וויא זייא האבען איהם געפייניגט אין אנהייב. רב הונא האט געפרעגט עס שטייט מען וועט איהם שוין ניט מעהר פייניגען. אונ עס שטייט מען וועט איהם ניט פאר לענדין. פאר לענדין ניט. אָבער פייניגען יא. אין אנהייב ווען דער בית המקדש איז געבאהט געוואָרען אונ די יודען זענען געווען פרום. האט גאט צו געזאגט אַז מען וועט זייא ניט מעהר פייניגען. דער נאך אַז די יודען האבען געזינדיגט האט נאר גאט צו געזאגט מען זאל זייא ניט פאר לענדין אָבער פייניגען וועט מען זיי:

רב אמר. רבי חלבו האט געזאגט פון רב הונא וועגין אַז מען גייט אַרויס פון שוהל זאל מען ניט טרעטין קיין גרויסע טריט. ווייל עס זעהט אויס וויא ער אַנטלויפט פון שוהל. אביי האט געזאגט ווען איז דאס געזאגט געוואָרען אַז מען זאל ניט גיין גרויסע טריט. נאר אַרויס צוא גיין פון שוהל צו גיין אין גאס. אָבער אַז מען גייט אַרויס פון שוהל צוא גיין אין בית המדרש לערנען איז נאך בעסער מען זאל לויפען. אַזוי וויא עס שטייט אין פסוק מיר זאלען וויסען אונ מיר זאלען נאך יאגען ולויפען צו וויסען גאט:

אמר רבי זירא. רבי זירא האט געזאגט. אין אנהייב אַז איך האב געזעהן די רבנן לויפען צו הערין די דרשה אום שבת האב איך געזאגט די רבנן זענען מחלל שבת ווייל שבת טאר מען ניט לויפען אַז איך האב געהערט וואס רבי תנחום האט געזאגט אַז רבי יהושע בן לוי זאגט אמענטש זאל אייביג לויפען צו טאהן אמצוה אפילו אום שבת. אַזוי וויא עס שטייט אין פסוק

שנאמר (הו׳ יא) אחרי ה׳ ילכו כאריה ישאג אנא נמי (הוה) רהיטנא אמר רבי זירא אגרא דפרקא ריהטא אמר אביי אגרא דכלה דוחקא אמר רבא אגרא דשמעתא סברא . אמר רב פפא אגרא דבי טמיא שתיקותא . אמר רב (ששת) [זוטרא] אגרא דתעניתא צדקתא . (אמר רב ששת) אגרא דהספדא דלויי (אמר רב אשי) אגרא דבי הלולא מילי :

כג **אמר** רבי חלבו אמר רב הונא (כל) המתפלל אחורי בית הכנסת נקרא רשע שנאמר (תהלים יב) סביב רשעים יתהלכון כרום זלות לבני אדם

אמר

נסה בהם שנאמר אם תשיב משבת רגלך : אגרא דפרקא . עיקר קיבול שכר הבריות הרצים לשמוע דרשה מפי חכם הוא שכר המרוצה שהרי רובם אינם מבינים להעמיד גרסא ולומר השמועה לאחר זמן שיקבלו שכר לימוד: אגרא דכלה . שבת שלפני הרגל שהכל נאספים לשמוע הלכות הרגל : אגרא דשמעתא סברא . שהוא יגע וטרח ומתאבל להבין טעמו של דבר : אגרא דבי טמיא . פירוש בית אבל וי״א בית עצמות של מתים : אגרא דתעניתא צדקתא . שמשמן לדקה לערב לפרנסת העניים שהתענו היום : דלויי. להרים קול בלשון בכי ועגמת נפש שיבכו השומעים: מילי . לשמח את החתן בדברים :
אחורי בית הכנסת . כל פתחי בתי כנסיות היו במזרח וככי תניא בתוספתא דמגילה פ׳ ג מעין מקדש ומשכן (שהיה למערב והאחוריים למזרח)

איר זאָלט גיין געשווינד נאָך גאָט . אַזוי געשווינד וויא מען אַנטלויפט אַז מען הערט אַלייב שרייט . וואַז אַלייב שרייט אַנטלויפט מען פון איהם געשווינד . אונ אַפילו אום שבת מעג מען אויך אַנטלויפען . ווייל דאָס איז סכנת נפשות . וואָרום דער לייב אַז ער שרייט איז אַסימן אַז ער איז הונגעריג אונ וויל הרגנן . אַזוי זאָלט איר געשווינד לויפען צו דינען גאָט . אַפילו אום שבת] בין איך שוין אויך גילאָפען אום שבת צו הערין די דרשה :

אמר רבי זירא . רבי זירא האָט גזאָגט אַז מען לויפט הערין אַדרשה . נעמט מען שכר פאַר דעם לויפען בזונדער אונ פאַר דעם הערין דיא דרשה בזונדער · אַביי האָט גזאָגט אַז מען הערט אַדרשה אונ עס איז דאָ פיל מענטשין עס איז אייניג . נעמט מען שכר פאַר דעם הערין דיא דרשה בזונדער ; אונ מען נעמט שכר פאַר דעם צער וואָס ער האָט גיהאַט ווען ער איז גישטאַנען אין איינגעשאַפט . רבא האָט גזאָגט אַז מען הערט אַדרשה אונ ער מאַטערט זיין שכל ער זאָל גוט פאַר שטיין וואָס מען דרשת . נעמט ער צווייא מאָהל שכר . פאַר דעם צוא הערין דיא דרשה בזונדער . אונ פאַר זיך מאַטערין דעם שכל גוט צו פאַר שטיין נעמט ער שכר בזונדער . רב פפא האָט גזאָגט אַז מען גייט צו אַאָבל נעמט מען צווייא מאָהל שכר . פאַר דעם מנחם זיין דעם אָבל נעמט ער שכר בזונדער . אונ פאַר זיין שווייגען וואָס ער רעט ניט געגין גאָט אונ ער איז מודה אַז גאָט איז גירעכט וואָס דער מענטש איז גישטאָרבען נעמט ער שכר בזונדער . רב זוטרא האָט גזאָגט אַז מען פאַסט אונ מען גיט צדקה . נעמט מען שכר פאַר דעם פאַסטען בזונדער . אונ פאַר דיא צדקה געבין בזונדער . ואיך וואָלט חעלען מיינען אַז אויף דיא צדקה קומט איהם ניט קיין שכר . ווייל דאָס געלט האָט ער זיך דאָך איין גישפאָרט דעם טאָג . וואָס ער האָט ניט גיגעסען . איז דאָך דיא צדקה מיט דעם תענית איין זאַך . זאָגט רב זוטרא . אַז דאָס איז צוויי מצות אונ ער נעמט שכר פאַר דעם פאַסטען בזונדער אונ פאַר דיא צדקה בזונדער . רב ששת האָט גזאָגט אַז מען זאָגט אַהספד אויף אַצדיק : אונ מען זאָגט מיט אַהויך קול אונ מיט געוויין אַלע זאָלען הערין אונ אויך וויינען . נעמט מען צוויי מאָהל שכר . פאַר דעם ווס ער וויינט אַליין אויף דעם צדיק וואָס איז גישטאָרבען נעמט ער בזונדער שכר . אונ פאַר דעם וואָס ער מאַכט אַנדערע זאָלען וויינען נעמט ער בזונדער שכר . רב אשי האָט גזאָגט אַז מען איז אויף אַחתונה אונ מען רעט מיט דעם חתן אַזעלכע רייד וואָס דער חתן חערט דער פון פריילאך ער דער מאַנט איהם דיא טובות וואָס גאָט האָט מיט איהם גיטאָהן ביז דעם טאָג אונ ווייטער ; נעמט מען צווייא מאָהל שכר . פאַר דער מצוה ווס ער איז אויף די חתונה . נעמט ער בזונדער שכר . אונ דער פר ווס ער מאַכט פריילאך דעם חתן נעמט ער בזונדער שכר :

כג אמר רבי חלבו האָט גזאָגט פון רב הונאס וועגין ווער עס דאַווינט אינטער דיא שוהל ווערט ער גירופען אַרשע . אַזוי וויא דוד המלך האָט גזאָגט דיא רשעים גייען אַרום די

ומתפלל אחורי בית הכנסת ואינו מהדר פניו לבית הכנסת הרי הוא ככופר במי שהוא גור מהפללין לפניו ומאי דרב הונא מוקים לה אביי בדלא מהדר אפיה לבי כנישתא: טייעא. סוחר ערבי: כדו בר. כבר ראשית: דו. שתי: בר. רשות כי הכיא דאמריק בבוכה סא דעיילי בבר כו': כרום זלות. סיפיה דקרא דלעיל: דברים שעומדים ברומו של עולם. כגון תפלה שעולה למרום: כיון שנצרך אדם לבריות. סא זל בעיניהם: לראשנו. להיות נושה בנו דמתרגמינן כנושה כרשיא:

אמר אביי לא אמרן אלא דלא מהדר אפי לביה כנשתא אבל מהדר אפיה לבי כנישתא לית לן בה. ההוא גברא דקא מצלי אחורי בית הכנסת ולא מהדר אפיה לבי כנישתא חלף אליהו אידמי ליה כטייעא א"ל כדו בר קיימת קמי מרך שלף ספסירא וקטליה אמרו ליה רבנן לרב ביבי (בר אביי) ואמרי לה רב ביבי לרב נחמן (בר יצחק) מאי כרום זלות לבני אדם אמר ליה אלו דברים העומדים ברומו של עולם ובני אדם מזלזלים בהם רבי יוחנן ורבי אליעזר דאמרי תרווייהו כיון שנצרך אדם לבריות פניו משתנות ככרום שנאמר כרום זלות לבני אדם מאי כרום כי אתא רב דימי אמר עוף אחד יש בכרכי הים ושמו כרום וכיון שהחמה זורחת עליו מתהפך לכמה גוונין. רבי אמי ורבי אסי דאמרי תרווייהו כאלו נדון בשתי דינין אש ומים. שנאמר (שם כו) הרכבת אנוש לראשנו באנו באש ובמים:

ואמר רבי חלבו (אמר רב הונא) לעולם יזהר אדם בתפלת המנחה שהרי אליהו לא נענה אלא בתפלת המנחה שנאמר (מ"א יח) ויהי בעלות המנחה ויגש

שוהל אונ זענען מבזה ביי דיא מענטשין די תפלות וואס זייא זענען דיא גרעסטע זאכען אויף דיא וועלט. אביי האט גזאגט ווען איז דאס גזאגט געווארען אז מען דאווינט אינטער דיא שוהל איז מען ארשע. נאר אז ער האט ניט אומגיקערט דעם פנים צו די שוהל. אבער אז ער הט אומגיקערט דעם פנים צו די שוהל מעג מען. אמאל הט אמענטש גידאווינט אינטער דיא שוהל אונ האט ניט אומגיקערט דעם פנים צו דיא שוהל. איז אליהו הנביא פאר ביי גיגאנגען אונ האט זיך פאר שטעלט וויא אראבישער סוחר. האט אליהו גזאגט צוא דעם מענטש דוא שטייסט פאר גאט אזוי וויא עס וואלט גיווען צוויי גאטער. דיא מענטשין פון שוהל דאווענען מיט דעם פנים צו מערב זייט אונ דוא דאווינסט מיט דעם פנים צוא מזרח זייט. האט אליהו ארויס גינומען אשווערד אונ האט איהם גיהרגת. דיא רבנן האבען גזאגט צו רב ביבי בר אביי. אונ אנדערע זאגען רב ביבי האט גזאגט צו רב נחמן בר יצחק וויא איז דער טייטש פון דעם פסוק כרום זלות לבני אדם. הט רב נחמן בר יצחק גזאגט צוא רב ביבי דאס מיינט מען דיא זאכען וואס זענען דיא העכסטע (דיא גרעסטע) פון דער וועלט (כרום איז טייטש דיא הייך) דאס מיינט מען דאס דאווענען אונ מענטשין האלטען דאס דאווענען וואלזייל. רבי יוחנן אונ רבי אליעזר זאגען ביידע אז אמענטש דארף אן קומען צוא מענטשין ווערט איהם זיין פנים פאר ענדערט אזוי וויא דער פנים פון דעם עוף וואס הייסט כרום. אזוי וויא דוד המלך האט גזאגט כרום זלות לבני אדם דער וואס דארף זיך מבזה זיין צוא מענטשין ווערט ער אויס וויא דער עוף כרום. וואס איז דאס פאר אמין פויגעל דער כרום אז רב דימי איז גיקומען האט ער גזאגט עס איז דא אפויגעל אין דיא שטעט פון ים אונ זיין נאמען איז כרום אז דיא זוהן שיינט אויף איהם ווערט אויף איהם פיל ערליי קאלארין. רבי אמי אונ רבי אסי זאגען ביידע דער מענטש וואס דארף אן קומען צו מענטשין זאלען איהם העלפען איז גלייך וויא מען וואלט איהם געמשפט מיט צווייא דינים פייער אונ וואסער. אזוי וויא דוד המלך האט גזאגט אז דוא האסט גימאכט רייטען אמענטש אויף אונז. ער זאל אונז מאנען. אונ מיר זאלען דארפען איהם בעטין וואלטען מיר בעסער גיוואלט קומען אין פייער אונ אין וואסער:

כד ואמר. נאך האט רבי חלבו גזאגט פון רב הונא וועגין אמענטש זאל זיין געהיט ער זאל אלע טאג דאווענען מנחה צוא דער צייט אונ זאל ניט פאר שפעטיגען ווארום אליהו

ויגש אליהו הנביא ויאמר וגו' ענני ה' ענני. ענני שתרד אש מן השמים וענני שלא יאמרו מעשה כשפים הם. רבי יוחנן אמר אף בתפלת ערבית שנאמר (תהלים קמא) תכון תפלתי קטרת לפניך משאת כפי מנחת ערב רב נחמן בר יצחק אמר אף בתפלת שחרית שנאמר (שם ה) ה' בקר תשמע קולי:

עובר בה' קולות. מזלזל בחמשה קולות שניתן בהן התורה את ישראל: אותן קולות דקודם מתן תורה הוו. הנך קולות בתראי היינו הנך דאיירי בהו לעיל וקאמר דנראים היו ואע"פ שהקול אינו נראה זה נראה: מביאים תודה בית ה' כי אשיב את שבות. סיפיה דקרא דחמשה קולות דלעיל הוא. עד כאן. ממה שכתב כה"י כאן. בוכל העם רואים

כה ואמר רבי חלבו אמר רב הונא כל הנהנה מסעודת חתן ואינו משמחו עובר בחמשה קולות שנאמר (ירמיה לג) קול ששון וקול שמחה קול חתן וקול כלה קול אומרים הודו ואם משמחו מה שכרו אמר רבי יהושע בן לוי זוכה לתורה שנתנה בה' קולות שנאמר (שמות יט) ויהי ביום השלישי גו' ויהי קולות וגו' וקול שופר וגו' ויהי קול השופר וגו' והאלהים יעננו בקול איני והכתיב (שם כ) וכל העם רואים את הקולות אותן קולות דקודם מתן תורה הוו. רבי אבהו אמר כאילו הקריב תודה שנאמר (ירמיה לג) מביאים תודה בית ה'. רב נחמן בר יצחק אמר כאילו בנה אחת מחורבות ירושלים שנאמר

הנביא איז אויך ניט געענטפערט געווארען נאר ווען ער האט גידאווינט מנחה אזוי וויא עס שטייט אין פסוק. וויא עס איז נאר אויף גינאנגען דיא צייט צוא דאווענען מנחה האט אליהו הנביא גינענט אונ האט גזאגט ענפער מיר. גאט. ענפער מיר. פאר וואס האט ער גזאגט צווייא מאהל ענפער מיר. איין מאהל זאלסטו מיר ענפערין אז עס זאל אראפ גיין אפייאר פון הימעל; אונ נאך אמאהל זאלסטו מיר ענפערין מען זאל ניט זאגען אז איך האב אראפ געבראכט דעם פייאר מיט כישוף. רבי יוחנן זאגט אמענטש זאל זיין געהיט צוא דאווענען אלע נאכט מעריב צו דער צייט. אזוי וויא דוד המלך האט גזאגט מיין תפלה זאל זיין אן גיברייט פאר דיר אזוי וויא קטורת. די אויפהייבונג פון מיינע הענט מתפלל צו זיין פאר דיר. זאל זיין פאר דיר גירעכענט וויא דיא תפלה פון מנחה אונ וויא דיא תפלה פון מעריב. איז דאך דיא תפלה פון מעריב אזוי גירעכענט ווי די תפלה פון מנחה. רב נחמן בר יצחק זאגט אמענטש זאל זיין געהיט צו דאווענען אלע טאג שחרית צו דער צייט. אזוי וויא דוד המלך האט גזאגט. גאט אין דער פריה זאלסטו צו הערין מיין שטימע:

כה ואמר. נאך האט רבי חלבו גזאגט פון רב הונא וועגין דער וואס איז אויף א חתונה אונ ער האט הנאה פון דיא סעודה וואס אויף דיא חתונה אונ ער מאכט ניט פריילאך דעם חתן. איז ער מבזה די פינף קולות וואס גאט האט מיט זייא גיבענשט דיא יודען. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ביי יודען וועט גיהערט ווערין אקול פון ששון אונ אקול פון שמחה אונ אקול פון אחתן אונ אקול פון אכלה. אונ אקול וואס מען וועט זאגען לויבט צו גאט, איז פינף מאהל קול. אויב מען מאכט פריילאך דעם חתן וואס איז דער שכר האט רבי יהושע בן לוי גזאגט ער איז זוכה צו דיא תורה וואס זיא איז גיגעבען גיווארען דורך פינף קולות. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק. וויא עס איז גיווארען דער דריטער טאג אין דער פריה איז גיוועזן קולות. מיינט מען צוויי קולות. וקול שופר. איז דריי קולות. ויהי קול השופר. איז פיר קולות. והאלהים יעננו בקול. איז פינף קולות. פרעגט דיא גמרא עס איז דאך ניט אזוי דען עס שטייט דאך אין פסוק דם גאנצע פאלק האבען גיזעהן דיא קולות. אז מען זאגט דיא קולות. איז דאך אמווייניגסטען צוויי קולות. איז דאך שוין זיבען קולות. ענפערט דיא גמרא דם מיינט מען. די זעלביגע פינף קולות וואס ביי מתן תורה איז גיוועזן. די תורה דער צייגט אז דיא קולות האט מען גיזעהן. רבי אבהו זאגט אז מען מאכט פריילאך אחתן איז גלייך ווי מען וואלט מקריב גיוועזן אקרבן תודה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק זיי ברענגען אתודה אין דער הויז פון גאט. אין בית המקדש. רב נחמן בר יצחק זאגט אז מען מאכט פריילאך אחתן איז גלייך ווי

את הקולות יוכן על השלמות מה שכתב בפירוש התורה רואין את הנשמע מה שאין אפשר יכולה לדבר וכו' כוונתו לאומר פירושו כמו שמעו שהיה נראה ממש כדרך נס :
בשביל זה . שיברא זה : לצוות . שלוו"ך בלע"ז :
גזילת העני . והלא אף גזילת העשיר גזילה היא אלא גזילת העני שאין לו כלום לגזול ממנו אלא שלא השיב על שלומו :

שנאמר (שם) כי אשיב את שבות הארץ כבראשונה אמר ה' :

כו ואמר רבי חלבו אמר רב הונא כל אדם שיש בו יראת שמים דבריו נשמעים שנאמר (קהלת יב) סוף דבר הכל נשמע את האלהים ירא ואת מצותיו שמור כי זה כל האדם . מאי כי זה כל האדם אמר רבי אלעזר אמר הקדוש ברוך הוא׳ כל העולם כולו לא נברא אלא בשביל זה רבי אבא בר כהנא אמר שקול זה כנגד כל העולם כולו רבי שמעון בן עזאי (ואמרי לה רבי שמעון בן זומא) אומר כל העולם כולו לא נברא אלא לצוות לזה :

כז ואמר רבי חלבו אמר רב הונא כל שיודע בחבירו שהוא רגיל ליתן לו שלום יקדים לו שלום שנאמר (תהלים לד) בקש שלום ורדפהו ואם נתן לו ולא החזיר נקרא גזלן שנאמר (ישעיה ג) ואתם בערתם הכרם גזלת העני בבתיכם :

דף ז **כח אמר** רבי יוחנן משום רבי יוסי (בן זמרא) מנין שהקדוש ברוך הוא מתפלל שנאמר (ישעיה נו) והביאותים אל הר קדשי ושמחתים בבית תפלתי תפלתם

מען וואַלט אויף געבאַהט איין וויסטען אָרט פון די וויסטע אָרטער וואָס איז אין ירושלים. וואָרום עס שטייט אין פסוק נאָך די פינף קולות. איך וועל צוריק קערין אַלע יודען אין די לאַנד אֶרץ ישׂראל אונ זיי וועלען זיצען אין איר אַזוי ווי זיי זענען אין איר געזעסען דעם ערשטין מאָהל . אַזוי זאָגט גאָט. (אַז די יודען וועלען קומען אין אֶרץ ישׂראל וועלען זיי דאָך אויף באַהען אַלע וויסטע אָרטער) :

כו ואמר. נאָך הָט געזאָגט רבי חלבו פון רב הונאס וועגין דער מענטש וואָס איז פרום אונ הָט מורא פַר גאָט . ווערין זיינע רייד געהערט . מען פאָלגט ווי ער זאָגט. אַזוי ווי קהלת זאָגט אונ לויבט דעם מענטש וואָס איז פרום אונ האָט מורא פַר גאָט. דער סוף פון דער זאַך איז אַלץ ווערט געהערט פַר גאָט האָב מורא אונ זיינע מצות היט . וואָרום דאָס איז דער גאַנצער מענטש אויף דער וועלט . וואָס מיינט מען דאָס איז דער גאַנצער מענטש. הָט רבי אלעזר געזאָגט גאָט הָט געזאָגט די גאַנצע וועלט איז ניט מעהר בַשאַפען געוואָרען נאָר פון וועגין דעם צדיק דער צדיק זאָל בַשאַפען ווערין . רבי אבא בר כהנא זאָגט דער צדיק איז געוואויגין קעגין די גאַנצע וועלט . רבי שמעון בן עזאי זאָגט אונ אַנדערע זאָגען רבי שמעון בן זומא זאָגט די גאַנצע וועלט איז ניט מעהר בַשאַפען געוואָרען נאָר צו זיין אַהילף צו דעם צדיק . זיי זאָלען אַרבעטין אונ ער זאָל האָבען אַלץ פערטיגע :

כז ואמר . נאָך הָט רבי חלבו געזאָגט פון רב הונאס וועגין אַז ער ווייס אַז זיין חבר גיט אים אַלע מאָהל שלום (דאָס הייסט ער זאָגט איהם גוט מאָרגען גוט שבת) זאָל ער פריער זאָגען צוא זיין חבר שלום . אַזוי וויא דוד המלך האָט געזאָגט זוך שלום אונ יאָג נאָך עס זאָל זיין שלום . אונ אַז איינער זאָגט צום אַנדערין גוט מאָרגען גוט שבת אונ ער וואַרט ניט ביז יענער וועט צוא איהם זאָגען פריער ווערט שלום צווישען זייא . אונ אויב איינער האָט געגעבען שלום צום אַנדערין . אונ דער אַנדערער האָט ניט געגעבען צוא איהם צוריק שלום ווערט ער גערופען גזלן . אַזוי וויא ישעיה הנביא האָט געזאָגט איר האָט אויס געראַמט דעם ווייַנגאָרטען . די גזלה פון דעם אָרעמאַן איז ביי אייך אין שטוב . וואָס האָט דען דער אָרעם מאַן מען זאָל בייא איהם גזלנען . נאָר מען האָט ביי איהם געגזלט דעם שלום . מען הָט ביי איהם גענומען שלום אונ מען האָט איהם ניט צוריק געגעבען :

כח אמר . רבי יוחנן האָט געזאָגט פון וועגין רבי יוסי . פון וואַנען ווייס מען אַז גאָט בעט ביי זיך אַליין ; אַזוי וויא דער פסוק זאָגט ; גאָט זאָגט איך וועל זייא ברענגען צו מיין הייליגען

הפלתם לא נאמר אלא (בבית) תפלתי מלמד שהקדוש נענע לי בראשו. כמודה בברכתי ומוכו׳ אמן :
ב״ה מצלי . מאי מצלי אמר (רבא) [רב זוטרא בר
טוביה אמר רב] יהי רצון מלפני שיכבשו רחמי את כעסי ויגולו רחמי על מדותי ואתנהג עם בני במדת הרחמים ואכנס להם לפנים משורת הדין . תניא אמר רבי ישמעאל בן אלישע פעם אחת נכנסתי להקטיר קטורת לפני ולפנים וראיתי אכתריאל יה ה׳ צבאות יושב על כסא רם ונשא ואמר לי ישמעאל בני ברכני אמרתי (לפניו) [לו] רבונו של עולם יהי רצון מלפניך שיכבשו רחמיך את כעסך ויגולו רחמיך על מדותיך ותתנהג עם בניך במדת הרחמים ותכנס להם לפנים משורת הדין ונענע לי בראשו (מאי קא) [וקא] משמע לן ברכת הדיוט אל תהי קלה בעיניך . אמר רבי אלעזר אמר רבי חנינא לעולם אל תהי ברכת הדיוט קלה בעיניך שהרי שני גדולי הדור ברכום שני הדיוטים ונתקימה בהם ברכתם אלו הן דוד ודניאל דוד דברכיה ארונה היבוסי דכתיב (ש״ב כד) ויאמר ארונה אל המלך ה׳ אלהיך ירצך . דניאל דברכיה דריוש מלכא דכתיב (דניאל ו) אלהך די אנת פלח ליה בתדירא הוא ישזבינך :

כט אמר רבי יוחנן משום רבי יוסי מנין שאין מרצין לו לאדם בשעת כעסו דכתיב (שמות לג) פני ילכו והניחותי לך . אמר ליה הקדוש ברוך הוא למשה המתן לי

בארג אונ איך וועל זייא דער פרייען אין דער הויז פון מיין גיבעט . פון זייער גיבעט זאגט ניט גאט . נאר גאט זאגט פון מיין גיבעט . לערונגט אונז דער פסוק אז גאט בעט צו זיך אליין : וואס בעט ער . רב זוטרא בר טוביה זאגט רב האט גזאגט גאט בעט עס זאל זיין דער ווילען פון פאר מיר . איך זאל וועלען מיינע רחמנות זאל איין האלטען מיין כעס אונ מיינע רחמנות זאלען ארויף גיין אויף מיינע מדות . מיינע מדות זאלען אלע זיין מיט רחמנות . אונ איך זאל מיך פירען מיט מיינע קינדער מיט דער מדה פון רחמנות . אונ איך זאל אריין גיין מיט מיינע קינדער אינוויינינג פון דעם דין . אריבער איבער דעם דין :

תניא : מיר האבען גילערונט : רבי ישמעאל בן אלישע האט גזאגט . איך בין אמאהל אריין גיגאנגען אין קדשי קדשים צו מקטיר זיין קטורת . אונ איך האב גיזעהן דעם כבוד פון גאט אונ גאט האט גזאגט צו מיר ישמעאל מיין זוהן בענטש מיך : האב איך גזאגט צו גאט . רבונו של עולם . עס זאל זיין דיין ווילען . דיינע רחמנות זאל איין האלטען דיין כעס . אונ דיין רחמנות זאל ארויף גיין אויף דיינע מדות . דוא זאלסט דיך פירען מיט דיינע קינדער מיט דער מדה פון רחמנות . דוא זאלסט אריין גיין מיט דיינע קינדער אינוויינינג פון דעם דין . אריבער איבער דעם דין . האט גאט אשאקיל גיטאהן צוא מיר מיט דעם קאפ . אז ער וועט אזוי טאהן וויא איך האב גיבעטען . וואס דער ציילט אונז רבי ישמעאל אז דיא ברכה פון אפראסטען מענטש זאל ניט זיין גרינג ביי דיר . גאט האט אן גינומען דיא ברכה פון א מענטש . רבי אלעזר האט גזאגט אז רבי חנינא האט גזאגט דיא ברכה פון אפראסטען מענטש זאל קיין מאהל ניט זיין גרינג ביי דיר . ווארום צוויי פראסטע מענטשין האבען גיבענטשט צו צווייא גרעסטע מענטשין פון דור : אונ וויא זייא האבען גיבענטשט אזוי איז געבליבען ביי זייא דיא ברכה . דאס זענען דיא גרעסטע מענטשין . דוד אונ דניאל . ארונה היבוסי הט גיבענטשט צוא דוד . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ארונה האט גזאגט צום מלך דוד דיין גאט זאל בווילינגען וואס דוא וועסט טאהן . דער מלך דריוש האט גיבענטשט צו דניאל אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דיין גאט וואס דוא דינסט צוא איהם שטענדיג ער זאל דיך מציל זיין . אונ אזוי איז גיוועזן :

כט אמר . רבי יוחנן האט גזאגט אז רבי יוסי האט גזאגט פון וואנען ווייס מען אז מען ד ניט בעטין ביי אמענטש ווען ער איז אין כעס אז ער זאל גוט ווערין אזוי ווי עס שטייט

דעת בהמתו (א) אם ידע . במסכת עבודה כוכבים פרק קמא נפ"ק : פ"י קלה . דף הוי

לי עד שיעברו פנים של זעם ואניח לך . ומי איכא ריתחא קמיה דקודשא בריך הוא אין דתניא (תהלים ז) ואל זועם בכל יום וכמה זעמו רגע . וכמה רגע אחד מחמשת רבוא ושמונת אלפים ושמונת מאות ושמונים ושמונה בשעה וזו היא רגע ואין כל בריה יכולה לכוין אותה השעה חוץ מבלעם הרשע דכתיב ביה (במדבר כד) ויודע דעת עליון . השתא דעת בהמתו לא הוה ידע דעת עליון הוי ידע מאי דעת בהמתו דאמרי ליה מ"ט לא רכבת אסוסיא אמר להם ברטיבא שדאי לה מיד אמרה ליה הלא אנכי אתונך במעינא בעלמא אשר רכבת עלי אקראי בעלמא מעודך עד היום הזה . ולא עוד אלא שהיית עושה עמי מעשה אישות בלילה כתיב הכא (שם כב) ההסכן הסכנתי וכתיב התם (מ"א א) ותהי לו סוכנת . אלא מלמד שהיה יודע לכוין אותה שעה שהקדוש ברוך הוא כועס בה . והיינו דאמר להו נביא לישראל (מיכה ו) עמי זכר נא מה יעץ בלק מלך מואב ומה ענה אותו בלעם בן בעור מן השטים עד הגלגל

אין פסוק מיין פנים ווערט אוועק גיין וועל איך דיר פירען . דאס האט גיזאגט צו משה . ווארט ביז עס וועט אוועק גיין דער פנים פון כעס וועל איך דיר פירען . פרעגט דיא גמרא איז דען דא אין כעס . ענטפערט דיא גמרא יא דאס ווערט אין כעס . ווארום מיר האבען גילערנט דאס איז אין כעס אלע טאג . וויא לאנג דויערט דער כעס פון דאס איין רגע . וויא פיל איז א רגע אז מען זאל צוא טיילען דיא שעה אויף פינף מאהל צעהן טויזענד (פופציג טויזענד) אונ אכט טויזענד אונ אכט הונדערט אכט אונ אכציג חלקים ; איין חלק דער פון איז א רגע ; אונ קיין בשעפעניש אויף דער וועלט קען ניט טרעפען דיא רגע ווען דאס איז אין כעס . נאר בלעם האט גיקענט טרעפען דיא רגע ווען גאט איז אין כעס . ווארום עס שטייט אין פסוק אויף בלעם ער וויים דיא דעה פון אויבערשטען . פרעגט דיא גמרא דיא דעה פון זיין בהמה האט ער ניט געוואוסט . האט ער געוואוסט וואס דער אויבערשטער טראכט . וויא אזוי קען דאס זיין ; פרעגט די גמרא וואס מיינט מען ער האט ניט געוואוסט וואס זיין בהמה טראכט די שרים פון מואב וואס זענען גיגאנגען מיט בלעם האבען גזאגט צו בלעם פאר וואס האסטו ניט גריטען אויף א פערד : האט בלעם גזאגט צוא דיא שרים פון מואב איך האב גילאזען דעם פערד אויף דיא גראז ער זאל זיך פיטערין . האט דער אייזיל באלד גזאגט צוא בלעם . איך בין דאך דיין אייזיל . האט בלעם גיענטפערט צו טראגען אויף דיר א משא . אבער ניט צום רייטען . האט דער אייזיל גיענטפערט וואס דוא האסט גריטען אויף מיר . האט בלעם גיענטפערט טרעפענדיג . אז דער פערד איז ניטא ביא מיר . ער איז אויף דעם גראז . רייט איך אויף דיר . ענטפערט דער אייזיל פון דיין יונגענד ביז דעם היינטיגען טאג האסטו דאך אויף קיין פערד ניט גריטען נאר אויף מיר . אונ ניט נאר צום רייטען בין איך ביי דיר . נאר ביא נאכט ביסטו ביי מיר אזוי וויא א מאן ביא זיין ווייב . ווארום דא שטייט דער אייזיל האט גזאגט צוא בלעם ההסכן הסכנתי אונ דארט אין מלכים שטייט ותהי לו סוכנת אזוי וויא דעם ווארט סוכנת מיינט מען זיא איז גיוועזן זיינע ווייב . אזוי וואס דער אייזיל האט גיזאגט ההסכן הסכנתי מיינט מען איך איך בין דיינע ווייב . זעהט מען דאך אז בלעם האט ניט געוואוסט וואס דער אייזיל טראכט צו זאגען . ווארום אז ער וואלט געוואוסט וואס דער אייזיל טראכט צו זאגען . וואלט ער איהם ניט מיט גענומען ער זאל אזוי פאר שעמט ווערין . קען דען זיין ער זאל וויסען דיא דעה פון גאט . נאר דער פסוק ויודע דעת עליון לערנט אונז אז ער האט גיקענט טרעפען דיא צייט ווען גאט איז אין כעס . דאס איז וואס דער נביא האט גזאגט צוא דיא יודען . מיין פאלק גידיינק נאר וואס בלק דער מלך פון מואב האט א עצה גיגעבען אויף דיר אונ וואס בלעם בן בעור האט איהם גיענטפערט . גידיינק וואס דוא האסט גיטאהן אין שטים (האסט מזנה גיוועזן) אונ וואס איך האב מיט דיר גיטאהן אין גלגל ואיך האב דיך אריבער געפירט דעם ירדן טרוקען .

הגלגל למען דעת צדקות ה' מאי למען דעת צדקות ה' אמר רבי אלעזר אמר להם הקב"ה לישראל ראו כמה צדקות עשיתי עמכם שלא כעסתי בימי בלעם הרשע שאלמלא כעסתי לא נשתייר משונאיהם של ישראל שריד ופליט והיינו דקאמר ליה בלעם לבלק (במדבר כג) מה אקוב לא קבה אל ומה אזעום לא זעם ה' מלמד שאותה הימים לא זעם . וכמה זעמו רגע . וכמה רגע אמר רבי אבין ואיתימא רבי אבינא רגע כמימריה ומנא לן דרגע רתח שנאמר (תהלים ל) כי רגע באפו חיים ברצונו ואי בעית אימא מהכא (ישעיה כו) חבי כמעט רגע עד יעבר זעם . ואימת רתח אביי אמר בהנך תלת שעי קמייתא כי חוורא כרבלתא דתרנגולא וקאי אחד כרעא כל שעתא ושעתא נמי קאי הכי כל שעתא אית ביה שורייקי סומקי בההיא שעתא לית ביה שורייקי סומקי . ההוא מינא דהוה בשיבבותיה דרבי יהושע בן לוי הוה קא מצער ליה טובא בקראי יומא חד שקל תרנגולא ואוקמיה בין כרעיה דערסיה ועיין ביה סבר כי מטא ההיא שעתא אלטייה . כי מטא ההיא שעתא ניים אמר שמע מינה לאו אורח ארעא למעבד הכי (תהלים קמה) ורחמיו על כל מעשיו כתיב וכתיב (משלי יז) גם ענוש לצדיק

כרגע דכתיב כי רגע באפו חיים ברצונו : תלת שעי קמייתא . כה' מרגעי שלא שעות לאבותם : לצדיק לא טוב . לענוש את הבריות :

אונ האב דיך גיבראכט אין ארץ ישראל) . דוא זאלסט וויסען דיא צדקות וואס גאט האט מיט דיר גיטאהן . וואס מיינט מען דוא זאלסט וויסען דיא צדקות פון גאט . צדקות איז טייטש פיל צדקות . וועלכע צדקות זענען דא נאך גיוועזען. האט רבי אלעזר גיזאגט גאט האט גיזאגט צוא דיא יודען זעהט וויא פיל ערליי צדקות איך האב גיטאהן מיט אייך . אין דיא טעג וואס בלעם האט אייך גיוואלט שעלטען בין איך ניט גיוועזען אין כעס . ווארום ווען איך וואלט אין כעס גיוועזען וואלט ניט געבליבען פון דיא יודישע פיינט_קיין איבער בלייבונג ומען וויל ניט שעלטין דיא יודען זאגט מען דיא פיינט פון דיא יודען) . דאס איז וואס בלעם האט גיזאגט צו בלק וואס זאל איך שעלטין אז גאט שעלט ניט . וואס זאל איך צערנען אז גאט צערינט ניט . לערנט אונז דער פסוק אז דיא טעג וואס בלעם האט גיוואלט שעלטין דיא יודען איז גאט ניט גיוועזען אין כעס . וויא לאנג דויערט דער כעס פון גאט . איין רגע . וויא לאנג דויערט א רגע . האט רבי אבין גיזאגט אונ אנדערע זאגען רבי אבינא האט גיזאגט . א רגע דויערט וויא מען זאגט ארויס דאס ווארט רגע . פון וואנען ווייס מען אז גאט איז אין כעס א רגע . ווארום דוד המלך האט גיזאגט זיין כעס איז א רגע אונ זיין ווילען איז מען זאל לעבין . אויב דוא ווילסט וועל איך דיר זאגען פון דאנען ווייס מען אז גאט איז אין כעס איין רגע . עס שטייט אין פסוק בעהאלט דיך אויף איין רגע ביז דער כעס וועט אוועק גיין . ווען איז גאט אין כעס . האט אביי גיזאגט אין דיא ערשטע דריי שעה אויפען טאג . אז עס ווערט ווייס דער_קאם פון האהן אונ דער האהן שטייט אויף איין פוס . דיא צייט איז גאט אין כעס . פרעגט די גמרא פיל צייטען אין טאג איז דא אזעלכע וואס דער_קאם פון האהן ווערט ווייס אונ ער שטייט אויף איין פוס . ענטפערט די גמרא צו יעדער צייט איז דא אין די ווייסקייט פון_קאם רויטע פלעקין . אין די צייט . אין דיא ערשטע דריי שעה אויפען טאג איז ניטא_קיין רויטע פלעקין . אאפיקורוס האט גיוואוהנט אין די שכנות פון רבי יהושע בן לוי פלעגט ער זייער פיל מצער זיין רבי יהושע בן לוי מיט קשיות אין פסוקים . איין טאג האט רבי יהושע בן לוי גינומען א האהן אונ האט איהם גישטעלט צווישען דיא פיס פון בעט אונ האט זיך איין גיקוקט אויף דעם האהן . רבי יהושע בן לוי האט גיטראכט אז עס וועט קומען די צייט וום דער_קאם פון דעם האהן וועט ווייס ווערין . די צייט איז דאך גאט אין כעס וועל איך איהם שעלטין . אז עס איז גיקומען די צייט וואס דער_קאם האט גיבארפט ווייס ווערין איז רבי יהושע בן לוי אנשלאפען גיווארען . ווען רבי יהושע בן לוי האט זיך אויף גיוואכט . האט רבי יהושע בן לוי גיזאגט דער פון ווייס איך . עס איז ניט_קיין דרך ארץ ומען בארף ניטו אזוי טאהן . עס שטייט מען זאל רחמנות האבען אויף אלע וואס גאט האט

לצדיק לא טוב . תנא משמיה דרבי מאיר בשעה שהחמה זורחת וכל מלכי מזרח ומערב מניחין עטרותיהם בראשיהם ומשתחוים להחמה מיד כועס הקדוש ברוך הוא :

ל ואמר רבי יוחנן משום רבי יוסי טובה מרדות אחת בלבו של אדם יותר מכמה מלקיות שנא' (הושע ב׳) ורדפה את מאהביה וגו' ואמרה אלכה ואשובה אל אישי הראשון כי טוב לי אז מעתה . וריש לקיש אמר יותר כמאה מלקיות שנאמר (משלי יז) תחת גערה במבין מהכות כסיל מאה :

מרדות אחת. לשון רדוי והכנעה שאדם שם אל לבו מאליו: ורדפה את מאהביה וגו'. וכשהשגחה שאין עוזר משים על לבה לאמר אשובה אל אישי הראשון: תחת גערה במבין. תחת גערה שאדם מבין טובה מהכות כסיל מאה: תחת טעמו למעלה לפי שהוא רבותא לומר שהוא שם דבר שא"ת לשון הפעל לומר תכניע את האדם אלא הכנעה היא בעצמה ולכך שינה את נקודתה לומר שהוא שם דבר: שלשה דברים בקש משה ונתן לו. שהרי לסוף שאלתו כתיב גם את הדבר הזה אשר דברת אעשה: להודיע דרכיו. מנהג מדת משפטו כגון מפני מה צדיק וטוב לו רשע ורע לו צדיק ורע לו

לא ואמר רבי יוחנן משום רבי יוסי שלשה דברים בקש משה מלפני הקב"ה ונתן לו . בקש שתשרה שכינה על ישראל ונתן לו שנאמר (שמות לג) הלוא בלכתך עמנו . בקש שתשרה שכינה על עובדי עבודת כוכבים ונתן לו שנאמר (שם) ונפלינו אני ועמך . בקש להודיעו דרכיו של הקב"ה ונתן לו שנאמר (שם) הודיעני נא את דרכך . אמר לפניו רבונו של עולם מפני מה יש צדיק וטוב לו ויש צדיק ורע לו . יש רשע וטוב לו ויש רשע ורע לו . אמר לו משה צדיק וטוב לו צדיק בן צדיק . צדיק ורע לו צדיק בן רשע . רשע וטוב

בַּשַׁאפְֿעֶן . אוּנ נָאךְ אַפָּסוּק שְׁטֵייט אַז אַצַדִיק שְׁטְרָאפְֿט אֵיינֶעם אִיז נִיט גוּט פַֿאר דֶעם צַדִיק מֶען הָאט גִילֶערוּנְט אַז רַבִּי מֵאִיר זָאגְט וֶוען דִי זוּהן שַׁיינְט אוֹיף . אוּנ אַלֶע קֶענִיגֶען פוּן מִזְרַח זַייט אוּנ פוּן מַעֲרָב זַייט לֵייגֶען אַרוֹיף זֵייעֶרֶע קְרוֹינֶען אוֹיף זֵייעֶרֶע קֶעפּ אוּנ בּוּקְן זִיךְ צוּ דִי זוּהן וֶוערְט גָאט בַּאלְד אִין כַּעַס :

ל וְאָמַר . נָאךְ הָאט גְזָאגְט רַבִּי יוֹחָנָן . רַבִּי יוֹסִי הָט גְזָאגְט אַז אַמֶענְטְשׁ וֶוערְט אַרָאפּ גֶענִידֶערְט בַּיי זִיךְ אִין הַארְצֶען אִיז דָאס בֶּעסֶער צוּא יִרְאַת שָׁמַיִם מֶער וִויא מֶען וָואלְט דֶעם מֶענְטְשׁ גִישְׁלָאגֶען וִויא פִיל מַלְקוֹת . אַזוֹי וִויא דֶער נָבִיא זָאגְט . זִיא וֶועט נָאךְ יָאגֶען אִירֶע גוּטֶע פְֿרַיינְד . אַז זִיא וֶועט זֶעהן זִיא הָאט נִיט קֵיין הִילְף פוּן קֵיינֶעם וֶועט זִיא זָאגֶען אִיךְ וֶועל גֵיין אוּנ וֶועל מִיךְ צוּרִיק קֶערִין צוּ מַיין עֶרְשְׁטִין מַאן . וָוארוּם עֶס אִיז מִיר פְֿרִיעֶר בֶּעסֶער גִיוֶועֶן וִויא אִיצְט . אוּנ רֵישׁ לָקִישׁ זָאגְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט בַּייא זִיךְ אַרָאפּ גֶענִידֶערְט אִיז בֶּעסֶער מֶעהר וִויא הוּנְדֶערְט מַלְקוֹת . אַזוֹי וִויא שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ הָאט גְזָאגְט דֶעם פַֿאר שְׁטֶענְדִיגֶען נֶעם קְלוּגֶען צוּ בְּרֶעכְט אַז מֶען טוּהט אוֹיף אִיהם אַגִישְׁרֵיי . מֶעהר וִויא הוּנְדֶערְט מַלְקוֹת צוּ בְּרֶעכִין דֶעם נַאר :

לא וְאָמַר . נָאךְ הָאט רַבִּי יוֹחָנָן גִיזָאגְט פוּן רַבִּי יוֹסִים וֶועגִין דְרַייא זַאכֶען הָאט מֹשֶׁה גִיבֶּעטִין בַּיי גָאט אוּנ גָאט הָאט אִיהם גִיגֶעבִּין . מֹשֶׁה הָאט גִיבֶּעטִין דִיא שְׁכִינָה זָאל רוּהֶען אוֹיף דִיא יוּדֶען אוּנ גָאט הָאט אִיהם דָאס גִיגֶעבִּין . אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק מֹשֶׁה הָט גִיזָאגְט צוּ גָאט אַז דוּא וֶועסְט גֵיין מִיט אוּנְז . מֹשֶׁה הָאט גִיבֶּעטִין דִיא שְׁכִינָה זָאל נִיט רוּהֶען אוֹיף דִיא וָואס דִינֶען צוּ דִיא שְׁטֶערִין הָאט אִיהם גָאט גִיגֶעבִּין . אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק מֹשֶׁה הָט גִיזָאגְט צוּ גָאט מִיר וֶועלִין זַיין אָפּ גִישֵׁיידְט אִיךְ אוּנ דַיין פָֿאלְק . מֹשֶׁה הָט גִיבֶּעטִין גָאט זָאל אִיהם מַאכֶען וִויסֶען זַיינֶע וֶועגִין (זַיינֶע מִדּוֹת) . הָאט אִיהם גָאט גִיגֶעבִּין . אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק מֹשֶׁה הָאט גִיזָאגְט צוּא גָאט מַאךְ מִיר וִויסֶען דַיינֶע וֶועגִין (דַיינֶע מִדּוֹת) . מֹשֶׁה הָאט גִיזָאגְט פַֿאר גָאט . רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם . פַֿאר וָואס אִיז דָא צַדִיקִים וָואס עֶס אִיז זֵיי גוּט . אוּנ עֶס אִיז דָא צַדִיקִים וָואס עֶס אִיז זֵייא שְׁלֶעכְט . עֶס אִיז דָא רְשָׁעִים וָואס עֶס אִיז זֵייא גוּט . אוּנ עֶס אִיז דָא רְשָׁעִים וָואס עֶס אִיז זֵייא שְׁלֶעכְט . הָאט גָאט גִיזָאגְט צוּ מֹשֶׁהן . מֹשֶׁה . אִיךְ וֶועל דִיר זָאגִין . אַז עֶר אִיז אַצַדִיק אוּנ זַיין פָֿאטֶער אִיז אוֹיךְ גִיוֶועֶן אַצַדִיק . אִיז אִיהם

וטוב לו רשע בן צדיק. רשע ורע לו רשע בן רשע. אמר מר צדיק וטוב לו צדיק בן צדיק. צדיק ורע לו צדיק בן רשע. איני והא כתיב (שמות כ) פוקד עון אבות על בנים וכתיב (דברים כד) ובנים לא יומתו על אבות. (סנהדרין פ"ג) ורמינן קראי אהדדי. ומשנינן לא קשיא הא כשאוחזין מעשה אבותיהם בידיהם. הא כשאין אוחזין מעשה אבותיהם בידיהם. אלא הכי קאמר ליה צדיק וטוב לו צדיק גמור צדיק ורע לו צדיק שאינו גמור. רשע וטוב לו רשע שאינו גמור. רשע ורע לו רשע גמור. ופליגא דרבי מאיר דאמר רבי מאיר שתים נתנו לו ואחת לא נתנו לו שנאמר (שמות לג) והנותי את אשר אחון אף על פי שאינו הגון ורחמתי את אשר ארחם אע"פ שאינו הגון:

רשע וטוב לו: את אשר אחון. את אשר יכשרו רחמי עליו לטובה ואע"פ שאינו כדאי: כשרציתי. בסנה: לא רצית. שנאמר ויסתר משה פניו: ופליגא. דרבי יהושע בן קרחה שהענישו על כך אדרבי שמואל בר נחמני שאמר

לב ויאמר (שמות לג) לא תוכל לראות את פני. תנא משמיה דרבי יהושע בן קרחה אמר ליה הקב"ה למשה כשרציתי לא רצית עכשיו שאתה רוצה איני רוצה ופליגא דרבי שמואל בר נחמני אמר רבי יונתן דארשב"נ אר"י בשכר ג' זכה לג'. בשכר (שם ג) ויסתר משה

גוט. אז ער איז אצדיק אונ זיין פאטער איז געוועז ארשע. איז איהם שלעכט. אז ער איז ארשע אונ זיין פאטער איז געוועז אצדיק. איז איהם גוט. אז ער איז ארשע אונ זיין פאטער איז אויך געוועז ארשע. איז איהם שלעכט:

אמר. דער תנא האט געזאגט אז ער איז אצדיק אונ זיין פאטער איז אויך געוועז אצדיק. איז איהם גוט. אונ אז ער איז אצדיק אונ זיין פאטער איז געוועז ארשע. איז איהם שלעכט. עס איז דאך ניט אזוי. עס שטייט דאך איין פסוק מען געדיינקט די זינד פון פאטער אויף די קינדער. מען שטראפט די קינדער פאר די זינד וואס זייער פאטער האט געטאהן. אונ נאך אפסוק שטייט די קינדער וועלין נישט שטארבין פאר די זינד וואס די פאטערס האבין געטאהן. האבען מיר געפרעגט די פסוקים. איין פסוק איז דאך אקשיא אויף דעם אנדערין. האבען מיר געענטפערט עס איז ניט קיין קשיא. אז די קינדער טוהען אויך וויא זייערע פאטערס האבען געטאהן. זייא זענען אזעלכע רשעים וויא זייערע פאטערס שטראפט מען זייא פאר זייערע זינד אונ פאר זייערע פאטערס זינד אויך. אבער אז די קינדער טוהען ניט די זינד וואס זייערע פאטער האבען געטאהן. זייא זענען צדיקים. שטראפט מען זייא ניט פאר די זינד וואס זייערע פאטערס האבען געטאהן. דארף דאך זיין אז איינער איז אצדיק אונ זיין פאטער איז געוועז ארשע. פון דעסטוועגין זאל איהם גוט זיין. נאר אזוי האט גאט געענטפערט צו משהן: אאמתר צדיק איז איהם גוט. אונ ניט קיין אמתר צדיק איז איהם שלעכט. ניט קיין אמתר רשע איז איהם גוט: אאמתר רשע איז איהם שלעכט. דער תנא קריגט אויף רבי מאיר. ווארום רבי מאיר האט געזאגט צוויא זאכען האט מען געגעבין צו משה רבינו וואס ער האט געבעטין די שכינה זאל רוהען אויף יודין. אונ די שכינה זאל ניט רוהען אויף די גוים דיגער. דאס האט מען איהם געענפערט) אונ איין זאך וואס ער האט געבעטין מען זאל איהם זאגין וועלכין צדיק עס איז גוט. אונ וועלכין צדיק עס איז שלעכט. אונ וועלכין רשע עס איז גוט. אונ וועלכין רשע עס איז שלעכט. דאס האט מען איהם ניט געענפערט. אזוי וויא גאט האט געזאגט איך וועל געבין חן אויף וועמען איך וועל וועלין געבין חן. אפילו ער איז ניט ווערט מען זאל איהם געבין חן. איך וועל רחמנות האבין אויף וועמען איך וועל וועלין רחמנות האבין אפילו ער איז ניט ווערט מען זאל אויף איהם רחמנות האבין

לב ויאמר. גאט האט געזאגט צו משה דוא וועסט ניט קענען זעהן מיין פנים. מיר האבען געלערנט רבי יהושע בן קרחה זאגט גאט האט געזאגט צו משה ווען איך האב געוואלט דוא זאלסט זעהן מיין פנים. בייא דעם סנה. האסטו ניט געוואלט זעהן. אזוי וויא עס שטייט

קבל שכר על זה : לקלסתר פנים. כי קרן עור פניו: ותמונת ה' יביט . זה מגלה להורים קן שנויי

משה פניו זכה לקלסתר פנים. בשכר כי ירא זכה לויראו מגשת אליו . בשכר מהביט זכה לותמונת ה' יביט עד כאן בגמרא : ובואלה שמות רבה פרשה ג' כתוב מאמר זה יותר באורך וז"ל. רבי יהושע בן קרחה ורבי הושעיא אחד מהם אמר לא יפה עשה משה כשהסתיר פניו שאלולי לא הסתיר פניו גלה לו הקדוש ב"ה למשה מה למעלה מה למטה ומה שהיה ומה שעתיד להיות ובסוף בקש לראות שנאמר (שמות לג) הראני נא את כבודך אמר הקב"ה למשה אני באתי להראות לך פנים והסתרת פניך עכשיו אני אומר לך כי לא יראני האדם וחי כשבקשתי לא בקשת ואמר רבי יהושע דסכנין בשם רבי לוי אעפ"כ הראה לו בשכר (שם לג) ויסתר משה פניו ודבר ה' אל משה פנים אל פנים ובשכר כי ירא וייראו מגשת אליו ובשכר מהביט ותמונת ה' יביט ורבי הושעיא רבה אמר יפה עשה שהסתיר פניו א"ל הקב"ה אני באתי להראות לך פנים וחלקת לי כבוד והסתרת פניך הייך שאתה עתיד להיות אצלי בהר ארבעים יום וארבעים לילה לא לאכול ולא לשתות ואתה עתיר ליהנות מזיו השכינה שנאמר (שם לד) ומשה לא ידע כי קרן עור פניו אבל נדב ואביהוא פרעו ראשיהם

אין פסוק ויסתר משה פניו . משה האט פארבארגן זיין פנים ; איצט אז דוא ווילסט זעהן מיין פנים וויל איך דיר ניט ווייזען . אונ רבי יהושע בן קרחה וואס ער זאגט אז גאט הט גישטראפט צו משה פאר וואס ער האט ניט גיוואלט זעהן זיין פנים בייא דעם סנה . קריגט ער אויף דעם וואס רבי שמואל בר נחמני האט גיזאגט אז רבי יונתן האט גיזאגט משה האט גינומעי שכר פאר וואס ער האט ניט גיוואלט זעהן דיא שכינה . פאר דער שכר וואס מען האט איהם נידארפט געבין פאר דרייא זאכען . האט ער זוכה גיוועז צו דרייא זאכען . פאר דעם שכר וואס משה האט פארבארגין זיין פנים אונ האט ניט גיוואלט זעהן דיא שכינה . האט ער זוכה גיוועז זיין פנים זאל לייכטין . פאר דעם שכר וואס ער האט מורא גיהאט צו זעהן די שכינה , האט ער זוכה גיוועז אז מען האט מורא גיהאט צו גינענען צו איהם . פאר דעם שכר וואס ער האט ניט גיוואלט קוקען אויף די שכינה . האט ער זוכה גיוועז צו זעהן דעם גישטאלט פון גאט ;

רבי יהושע בן קרחה אונ רבי הושעיא קריגען . איינער פון דיא צוויי תנאים זאגט אז משה האט ניט גוט גיטאהן וואס ער האט פארבארגין זיין פנים בייא דעם סנה . ווען ער וואלט ניט פארבארגין זיין פנים וואלט גאט געוויזען צו משה וואס איבער דעם הימעל איז . אונ וואס אונטער די ערד איז . אונ וואס עס איז גיוועזען איידער די וועלט איז בשאפען גיווארען . אונ וואס עס וועט זיין . דער נאך האט משה גיבעטין ער וויל זעהן . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק משה האט גיזאגט צו גאט וויז מיר דיין כבוד . האט גאט גיזאגט צו משה איך בין גיקומען צו ווייזען דיר מיין פנים . האסטו פארבארגין דיין פנים אונ האסט ניט גיוואלט זעהן . איצט זאג איך דיר אז עס קען ניט זיין אמענטש זאל מיך זעהן אונ זאל לעבין . ווען איך האב דיר גיוואלט ווייזען האסטו ניט גיוואלט זעהן . רבי יהושע פון סכנין האט גיזאגט פון רבי לוים וועגין פון דעסטוועגין האט איהם גאט געוויזען . פאר דעם שכר וואס משה האט פארבארגין זיין פנים האט גאט גירעט צו משה אפנים געגין אפנים . פאר דעם שכר וואס משה האט מורא גיהאט צו זעהן די שכינה האט מען מורא גיהאט צו גינענען צו איהם . פאר דעם שכר וואס ער האט ניט גיקוקט אויף דיא שכינה . האט ער זוכה גיוועז צו זעהן דעם גישטאלט פון גאט . אונ רבי הושעיא רבה האט גיזאגט משה האט גוט גיטאהן וואס ער האט פארבארגין זיין פנים . גאט האט גיזאגט צו משה איך בין גיקומען דיר ווייזען מיין פנים . האסט דוא מיר גיגעבין כבוד . אונ דוא האסט פארבארגין דיין פנים . איך שווער ביי דיין לעבין אז דו וועסט זיין בייא מיר אויף דעם בארג פערציג טאג אונ פערציג נעכט וועסט דוא ניט עסין אונ ניט טרינקען אונ דוא וועסט הנאה האבין פון די לויטערקייט פון די שכינה . אזוי וויא דער פסוק

ראשיהם וזנו עיניהם מזיו השכינה שנאמר (שם כד) ואל אצילי בני ישראל לא שלח ידו והם לא קבלו על מה שעשו עכ"ל ואלה שמות רבה. (שם לג) והסירותי את כפי וראית את אחורי אמר רב חנא בר ביזנא אמר רבי שמעון חסידא מלמד שהראה הקב"ה למשה קשר של תפילין:

(ע"ב) **לג אמר** רבי יוחנן משום רבי שמעון בן יוחאי מיום שברא הקב"ה את העולם לא היה אדם שקראו לדקב"ה אדון עד שבא אברהם וקראו אדון שנאמר (בראשית טו) ויאמר אדני אלהים במה אדע כי אירשנה. אמר רב אף דניאל לא נענה אלא בשביל

בכבודי פרשה מהשלורך: קשר של תפילין. מלהולע סוף ולמריך לעיל הקב"ה מניח תפילין:

זאגט משה האט ניט געוואוסט אז דיא הויט פון זיין פנים לויכט. אבער נדב אונ אביהוא אז זייא האבען דער זעהן דיא שכינה האבען זייא ניט פארבארגין זייער פנים: נאר זייא האבען אויף גידעקט זייערע קעפ. אונ זיי האבען גישפייזט זייערע אויגען ווייל האבען זיך זאט אנגיקוקט פון די לויטערקייט פון די שכינה. אזוי וויא דער פסוק זאגט צו די גרויסע לייט פון דיא יודען (צו נדב ואביהוא) האט גאט ניט געשיקט זיין האנט (ער האט זיי איצט ניט גישטראפט). זיי האבען ניט אפ גינומען (באלד קיין שטראף) אויף דעם וואס זיי האבען גיטאהן. גאט האט גיזאגט צו משה איך וועל אפ טאהן מיינע הענט (וועסטו זעהן מיין אינטען. רב חמא בר ביזנא האט גיזאגט אז רבי שמעון החסיד האט גיזאגט דער פסוק לערונט אונז אז גאט האט געוויזען צו משה וויא אזוי זיינע תפילין זענען אינטען צו גיבונדען (מיט אאות ד: וויא עס שטייט אין סימן יט) אז גאט גייט אין תפילין. דאס הייסט גאט לייענט אלע מאהל דיא פסוקים וואס אין זייא שטייט די ליבשאפט צו די יודען. ווארום די יודען מיט גאט זענען ביידע דער וואוסט גיווארען אויף דער וועלט מיט איין מאהל. גאט איז דער וואוסט גיווארען אויף דער וועלט דורך דיא יודען וואס ער האט מיט זייא גיטאהן נסים ונפלאות. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דריבער גיב איך אזוי פיל מכות אין מצרים אז דוא זאלסט זעהן אז אין דער גאנצער וועלט איז ניטא אזוי אנאט וויא איך בין. אונ יודען זענען דער וואוסט גיווארען אויף דער וועלט דורך גאט וואס ער האט זייא ארויס גינומען פון מצרים אונ האט זייא גימאכט פאר אפאלק פריער זענען זייא גיוועזען קנעכט אין מצרים. מען האט גאר פארגעסין וועגען זיי זענען. דריבער אין אונזערע תפילין ליגען פרשיות וואס מיר זאגען אז גאט איז איינער אויף דער וועלט. עס איז ניטא קיין גאט אויסער איהם. פון וואנען ווייסען מיר דאס. שטייען באלד געשריבען דיא פרשיות פון יציאת מצרים וקדש. והיה כי יביאך). אונ גאט זאגט אויך אויף יודען ומי גוי גדול. וועד האט יודען גימאכט פאר אגרויסע פאלק. או הנסה אלהים לבוא לקחת גוי מקרב גוי כו'. ווייל גאט האט זיי ארויס גינומען פון מצרים מיט אזעלכע גרויסע וואונדער. זענען זיי גרויס גיווארען אויף דער וועלט. אז די גאנצע וועלט האט דאמאלס מורא גיהאט פאר זייא: דיא תפילין האלטין זיך ביים אפענטשין אויף דעם קאפ ווייל זייא זענען אינטען צו גיבונדען. אזוי האט גאט געוויזען צו משה. אז זיינע תפילין וואס ווייזען אויף די לויב פון יודען. זענען אינטען צו גיבונדען. אז די יודען וועלין ניט אפ גיטאהן ווערין פון איהם אויף אייביג. אפילו זייא וועלין אמאהל זינדיגען. איז דא אדל"ת. אמיר צוריק אריין צו גיין מיט תשובה צו גאט:

לג אמר. רבי יוחנן האט גיזאגט פון רבי שמעון בן יוחאים וועגין פון דעם טאג ווען גאט האט בשאפען דיא וועלט איז ניט גיוועזען קיין מענטש וואס האט גירופען צו גאט מיט דעם נאמען אדון. ער איז דער הערר פון דער וועלט. ווייל קיינער האט ניט גיגלויבט אז גאט האט בשאפען די וועלט. ביז אברהם איז גיקומען אויף דער וועלט אונ האט דער קענט אז גאט האט די וועלט בשאפען. האט ער גירופען מיט דעם נאמען אדון. אזוי ווי דער פסוק זאגט אברהם האט גיזאגט מיין הער גאט מיט וואס ווייס איך אז איך וועל ירשענען די לאנד. רב האט גיזאגט אז

בשביל אברהם שנאמר (דניאל ט) ועתה שמע אלהינו אל תפלת עבדך וגו' למען אדני. למענך מיבעיא ליה אלא למען אברהם שקראך אדון:

לד ואמר רבי יוחנן משום רבי שמעון בן יוחאי מיום שברא הקב"ה את עולמו לא היה אדם שהודה להקדוש ברוך הוא עד שבאת לאה והודתו שנאמר (בראשית כט) הפעם אודה את ה' ראובן אמר רבי (אליעזר) [אלעזר] אמרה לאה ראו מה בין בני לבן חמי דאלו בן חמי אע"ג דמדעתיה זבנה לבכירותיה דכתיב (שם כה) וימכור את בכורתו ליעקב חזי מה כתיב ביה (שם כז) וישטום עשו את יעקב וכתיב (שם) ויאמר הכי קרא שמו יעקב ויעקבני זה פעמים ואלו בני אע"ג דעל כרחיה שקלה יוסף לבכירותיה מיניה דכתיב (דה"א ה) ובחללו יצועי אביו ניתנה בכורתו ליוסף אפילו הכי לא איקנא ביה דכתיב (בראשית לז) וישמע ראובן ויצילהו מידם. רות (ב"ב פ"ק) מאי רות א"ר יוחנן שזכתה ויצא ממנה דוד שריוהו להקב"ה בשירות ותושבחות. ומנא לן דשמא גרים. אמר רבי אלעזר דאמר

בפעם אודה את ה': לפי שראתה ברוח הקודש שיעקב מעמיד י"ב שבטים ולו ד' נשים כיון שילדה בן רביעי הודית על חלקה שהוא יותר מן החשבון המגיע לה: ראו מה בין בני וכו' על שם העתיד קראה שמו כדאמרינן לקמן שמא גרם ומ"ה נקט נמי הוה:

דניאל איז אויך נאר געענטפערט געווארן אין זכות פון אברהם. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דניאל האט געזאגט איצט הער צו אונזער גאט צו די געבעט פון דיין קנעכט פון וועגן מיין האר. איז דאך אקשיא דניאל האט געדארפט זאגן פון דיינעט וועגן. ווארום ער רעט דאך צו גאט דארף ער זאגן הער צו גאט צו די געבעט פון דיין קנעכט פון דיינעטוועגן נאר אזוי האט געמיינט דניאל. דו זאלסט צו הערין מיין געבעט פון וועגן מיין עלטער פאטער אברהם וואס ער האט דיך גערופען אדון:

לד ואמר. נאך האט רבי יוחנן געזאגט פון רבי שמעון בן יוחאים וועגן אז פון דעם טאג וואס גאט האט בשאפען די וועלט איז נית געוועזען איין מענטש וואס זאל דאנקען גאט פאר א טובה וואס ער הט מיט איהם געטאהן ביז לאה איז געקומען אונ האט געדאנקט גאט פאר א טובה וואס ער האט מיט איר געטאהן. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק. לאה האט געזאגט דאס מאהל אז איך האב שוין אפעדמין זוהן וועל איך לויבען גאט פאר די טובה וואס ער הט מיט מיר געטאהן. פר וואס הט לאה גערופען דעם ערשטען זוהן ראובן. האט רבי אלעזר געזאגט לאה הט געזאגט זעהט וואס איז דער חילוק (דער אונטער שיידן) צווישען מיין זוהן אונ מיין שוועהרס זוהן עשו. מיין שוועהרס זוהן עשו. אפילו ער הט פר קויפט די בכורה מיט זיין אייגענעם ווילען. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ער האט פר קויפט זיין בכורה צו יעקב: זעה וואס עס שטייט ביי איהם, עשו הט פיינט געהאט צו יעקב אונ נאך שטייט עשו האט געזאגט אומזיסט רופט מען מיין ברודער יעקב. (יעקב איז טייטש נארען) ער הט מיך גענארט צוויי מאהל. ער האט צו גענומען מיין בכורה; וואס באמת האט ער זיא דאך אליין פאר קויפט: אונ מיין זוהן איז נית אזוי. אפילו יוסף הט צו גענומען פון מיין זוהן די בכורה נית מיט מיין זוהנס ווילען. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ווייל ראובן האט פאר טאהשט די בעט פון זיין פאטער (די בעט פון יעקב איז געשטאנען אין דעם געצעלט פון בלהה. אונ ראובן האט געשטעלט די בעט פון יעקב אין דעם געצעלט פון לאה) האט יעקב צו גענומען די בכורה פון ראובן אונ האט זיא געגעבען צו יוסף: האט דאך ראובן בדארפט זיין אין כעס אויף יוסף: פון דעסטוועגן איז ראובן נית געוועזען אין כעס אויף יוסף. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ראובן הט געהערט אז די ברידער ווילען הרגנען יוסף. האט ער איהם מציל געוועזען פון זייערע הענט. פר וואס האט מען גערופען רות האט רבי יוחנן געזאגט ווייל זיא האט זוכה געוועזען אז פון איר איז ארויס געקומען דוד וואס ער האט זאט געמאכט צו גאט מיט געזאנג אונ לויב (רות איז דער זעלביגער ווארט וויא רוה. זאט מאכען. פון וואנען ווייסען מיר אז דער נאמען פון א מענטש

דאמר קרא (תהלים מו) לכו חזו מפעלות ה' אשר שם שמות בארץ אל תקרי שמות אלא שמות : למה רגשו גוים. מה תועלה להם הלמה דבר קל כולא כעיניו :

פ"א **לה ואמר** רבי יוחנן משום רבי יוסי כל דבור ודבור שיצא מפי הקב"ה לטובה אפילו על תנאי לא חזר בו . מנא לן ממשה רבינו שנאמר (דברים ט) הרף כמני ואשמידם ואמחה את שמם ואעשה אותך לגוי עצום ורב ממנו . ואע"ג דבעי משה רחמי עלה דמלתא ובטלה אפילו הכי אוקמיה בזרעיה שנאמר (דה"א כג) ובני משה גרשום ואליעזר ויהיו בני אליעזר רחביה הראש וגו' ובני רחביה רבו למעלה וגו' . ותני רב יוסף למעלה מס' רבוא . אתיה רביה רביה . כתיב הכא רבו למעלה וכתיב התם (שמות א) פרו וישרצו וירבו :

(פ"ג) **לו ואמר** רבי יוחנן משום רבי שמעון בן יוחאי קשה תרבות רעה בתוך ביתו של אדם יותר ממלחמת גוג ומגוג שנאמר (תה' יס ג) מזמור לדוד בברחו מפני אבשלום בנו וכתיב בתריה ה' מה רבו צרי רבים קמים עלי ואלו גבי מלחמת גוג ומגוג כתיב (שם ב) למה רגשו גוים ולאמים יהגו ריק ואלו מה

וַוייזְט אוֹיף וָואס עֶס וֶועט זַיין מִיט אִיהם. הָט רַבִּי אֶלְעָזָר גְזָאגְט דֶער פָּסוּק זָאגְט גֵייט זֶעהט דִיא וֶוערְק (דִיא מַעֲשִׂים) פוּן גָאט וָואס עֶר הָט גִיטָאהן פַאר וִויסְטוּנְג אוֹיף דֶער וֶועלְט. זָאלְסְט נִיט לֵייעֶנְען שַׁמּוֹת. פַאר וִויסְטוּנְג נָאר זָאלְסְט לֵייעֶנְען שֵׁמוֹת נֶעמֶען. (נִיט גָאט הָט גִיטָאהן דִי פַר וִויסְטוּנְג. נָאר דִי מַעֲשִׂים פוּן גָאט וֶוערִין גִיטָאהן נָאךְ דֶעם נָאמֶען פוּן מֶענְטְשׁ. דֶער נָאמֶען פוּן מֶענְטְשׁ בְּרֵיינְגְט דֶער צוּ אַז גָאט זָאל אַזוֹי טָאהן. (מהרש"א) :

לה וְאָמַר. נָאךְ הָאט גְזָאגְט רַבִּי יוֹחָנָן פוּן רַבִּי יוֹסִים וֶועגִין: אַלֶע וֶוערְטֶער וָואס גֵייעֶן אַרוֹיס פוּן גָאט צוּם גוּטֶען. אֲפִילוּ גָאט הָאט גִירֶעט דִיא וֶוערְטֶער אוֹיף אַתְּנַאי. אַז דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט אַזוֹי טָאהן וֶועט גָאט אִיהם טָאהן אַטוֹבָה. אוּנ דֶער מֶענְטְשׁ הָאט נִיט אַזוֹי גִיטָאהן וִויא גָאט הָאט גִיוָואלְט. פוּן דֶעסְטְוֶועגִין הָאט גָאט נִיט חֲרָטָה גִיהַאט פוּן דִיא טוֹבָה וָואס עֶר הָאט צוּ גְזָאגְט. פוּן וַואנֶען ווייסֶען מִיר אַז עֶס אִיז אַזוֹי. פוּן משֶׁה רַבֵּינוּ. וָוארוּם דֶער פָּסוּק זָאגְט. גָאט הָאט גְזָאגְט צוּ משֶׁה לָאז אָפּ פוּן מִיר וֶועל אִיךְ זֵייא פַאר טִילִיגֶען אוּנ אִיךְ וֶועל אָפּ מֶעקִין זֵייעֶר נָאמֶען אוּנ אִיךְ וֶועל דִיךְ מַאכֶען צוּ אַשְׁטַארְקֶע פָאלְק אַגְרֶעסֶערֶע וִויא דִיא יוּדֶען זֶענֶען. אוּנ אֲפִילוּ משֶׁה הָאט נִיט אָפּ גִילָאזְט פוּן גָאט. משֶׁה הָט תְּפִלָּה גִיטָאהן אוֹיף דִיא גְזֵרָה אוּנ הָאט אִיר מְבַטֵּל גִיוֶוען. פוּן דֶעסְטְוֶועגִין הָאט גָאט אוֹיף גִישְׁטֶעלְט זַיין צוּ זָאג. צוּ דִי קִינְדֶער פוּן משֶׁה רַבֵּינוּ. אַזוֹי וִויא דֶער פָּסוּק זָאגְט דִיא קִינְדֶער פוּן משֶׁה זֶענֶען גִיוֶוען גֵּרְשׁוֹם אוּנ אֱלִיעֶזֶר. דִיא קִינְדֶער פוּן אֱלִיעֶזֶר אִיז גִיוֶוען רְחַבְיָה דֶער עֶלְצְטֶער. אוּנ דִיא קִינְדֶער פוּן רְחַבְיָה הָאבֶּען זִיךְ גִימֶעהְרְט אִין דִיא הֵייךְ. אוּנ רַב יוֹסֵף הָאט גִילֶערְנְט זֵייא הָאבֶען זִיךְ גִימֶעהְרְט הֶעכֶער וִויא זֶעכְצִיג רִבּוֹא. מֶען לֶערְנְט אָפּ דִי צְווֵיי וֶוערְטֶער רְבִיָּה רְבִיָּה. מֶעהרוּנְג אֵיינֶעם פוּן דֶעם אַנְדֶערִין. דָא שְׁטֵייט זֵייא הָאבֶּען זִיךְ גִימֶעהְרְט אִין דִיא הֵייךְ אוּנ דָארְט שְׁטֵייט זֵייא זֶענֶען גִיוֶוען פְרוּכְטבַּאר (זֵייא הָאבֶען גִיהַאט קִינְדֶער). אוּנ זֵייא הָאבֶּען זִיךְ גֶעווימֶעלְט. אוּנ הָאבֶּען זִיךְ גִימֶערְט. דָאס מֶעהרוּנְג אִיז גִיוֶוען בִּיז זֶעכְצִיג רִבּוֹא (זֶעקְס מָאהל הוּנְדֶערְט טוֹיזֶענְד). אַז דָא שְׁטֵייט זֵייא הָאבֶּען זִיךְ גִימֶעהְרְט הֶעכֶער. מֵיינְט מֶען נָאךְ מֶעהר וִויא זֶעכְצִיג רִבּוֹא:

לו וְאָמַר. נָאךְ הָאט גְזָאגְט רַבִּי יוֹחָנָן פוּן רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִים וֶועגִין אַז אַמֶענְטְשׁ דֶער צִיהט אַשְׁלֶעכְטֶען קִינְד בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּבּ. אִיז דָאס עֶרְגֶער וִויא דִיא מִלְחָמָה פוּן גוֹג וּמָגוֹג. אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דָוִד הָאט גִילוֹיבְּט צוּ גָאט וֶוען עֶר אִיז אַנְטְלָאפֶען פַאר זַיין זוּהן אַבְשָׁלוֹם. דֶער נָאךְ שְׁטֵייט דָוִד הָט גִיבֶּעטֶען גָאט וִויא פִיל זֶענֶען מַיינֶע פַיינְד. פִיל שׂוֹנְאִים זֶענֶען אוֹיף גִישְׁטַאנֶען אוֹיף מִיר. אִיז בַּיי אִיהם גִיוֶוען דִיא פַיינְדְשַׁאפְט פוּן זַיין זוּהן גִירֶעכְנְט וִויא עֶר וָואלְט גִיהַאט וִויא פִיל שׂוֹנְאִים. אוּנ בַּיי דֶער מִלְחָמָה פוּן גוֹג וּמָגוֹג שְׁטֵייט דָוִד הַמֶּלֶךְ

מי שלבו נוקפו. היינו מעבירות שבידו: אומר כן. מפרש אל תתחר במרעים אל תתקוטט והוא הדין כן אלא אל תתחר להתחרות במעשיהם לומר העשה כן גם אני: ואומר אל יקנא לבך בחטאים כי אם ביראת ה' כל היום. וה"א לומר אל תתקוטט עם רשעים כי אם ביראת ה' אלא ע"כ אל יקנא לבך לעשות כמוהם: יחילו. יצליחו ותכירו על כן

מה רבו צרי לא כתיב. מזמור לדוד בברחו מפני אבשלום בנו מזמור לדוד קינה לדוד מיבעיא ליה. אמר רבי שמעון בן יוחאי למה הדבר דומה לאדם שיצא עליו שטר חוב קודם שפרעו היה עצב לאחר שפרעו שמח אף כאן דוד כיון שאמר לו הקב"ה (ש"ב יב) הנני מקים עליך רעה מביתך היה עצב אמר שמא עבד או ממזר הוא דלא חייס עלי כיון דחזא דאבשלום הוא שמח משום הכי אמר מזמור אמר סתם ברא דרחים על אבא:

לז ואמר רבי יוחנן משום ר"ש בן יוחאי מותר להתגרות ברשעים בעולם הזה שנאמר (משלי כח) עוזבי תורה יהללו רשע ושומרי תורה יתגרו בם. תניא נמי הכי רבי דוסתאי בר מתון אומר מותר להתגרות ברשעים בעולם הזה שנאמר עוזבי תורה יהללו רשע וגו' ואם לחשך אדם לומר והכתיב (תהלים לז) לדוד אל תתחר במרעים גו' אמור לו מי שלבו נוקפו אומר כן אלא אל תתחר במרעים להיות כמרעים ואל תקנא בעושי עולה להיות בעושי עולה ואומר (משלי כג) אל יקנא לבך בחטאים כי אם ביראת ה' כל היום איני והא א"ר יצחק אם ראית רשע שהשעה משחקת לו אל תתגרה בו שנא' (תהלים י) יחילו דרכיו בכל עת.

ולא

הט געזאגט ווארום שטארמען די פעלקער און די קעניגרייכען טראכטען און ריידען לערע רייד. און עס שטייט ניט אז דוד המלך זאל אויף זייא זאגען אז דיא שונאים זענען פיל. עס שטייט אין פסוק אניזאנג און אלייב הט דוד געזונגען און געלויבט צו גאט ווען ער איז אנטלאפען פאר זיין זוהן אבשלום. פרעגט די גמרא אגיזאנג צו דוד אטרויער הט בעדארפט זיין צו דוד. הט רבי שמעון בן יוחאי געזאגט צו וואס איז דיא זאך גליך. עס איז געוועזן אויף אמענטש אוועקסיל איידער ער האט איהם בעצאהלט איז ער געוועזן טרויעריג. דער נאך וויא ער האט שוין בעצאלט איז ער פרייליך. ביי דוד איז דא אויך אזוי געוועזן אז גאט הט צו איהם געזאגט איך וועל אויף שטעלען אויף דיר אשלעכץ פון דיין שטוב איז דוד געוועזן טרויעריג. דוד האט געזאגט טאמער וועט דאס זיין אקנעכט אדער אממזר וואס ער וועט ניט רחמנות האבען אויף מיר. אז דוד הט געזעהן דאס איז אבשלום האט ער זיך געפרייט. דריבער האט דוד געזאגט אלייב צו גאט. דוד הט געזאגט געוויינליך אזוהן הט רחמנות אויף זיין פאטער:

לז ואמר. נאך הט רבי יוחנן געזאגט פון רבי שמעון בן יוחאים וועגין. מען מעג זיך רייצען מיט רשעים אויף דער וועלט. אזוי וויא שלמה המלך הט געזאגט דיא וואס פר לאזען דיא תורה לויבען דעם רשע און דיא וואס היטען דיא תורה רייצען זיך מיט דעם רשע. מיר האבען אויך אזוי געלערנט. רבי דוסתאי בר מתון זאגט מען מעג זיך רייצען מיט רשעים אויף דער וועלט. אזוי וויא שלמה המלך האט געזאגט דיא וואס פאר לאזען דיא תורה לויבען דעם רשע און דיא וואס היטען דיא תורה וועלען זיך רייצען מיט זייא. אויב אמענטש וועט דיך פרעגין אין דער שטיהל עס שטייט דאך דוד המלך האט געזאגט מען זאל זיך ניט רייצען מיט דיא שלעכטע. זאג איהם ווען דאס הארץ קלאפט. ווער עס האט מורא פאר זיינע עבירות. זאגט אזוי. נאר אזוי מיינט דוד זאלסט דיך ניט רייצען מיט דיא שלעכטע דוא זאלסט זיין אזו וויא דיא שלעכטע זענען. דוא זאלסט ניט האבען קנאה אויף דיא וואס טוהען אונרעכט דוא זאלסט אויך זיין וויא דיא וואס טוהען אונרעכט. נאך זאגט דער פסוק דיין הארץ זאל ניט האבען קיין קנאה אויף די זינדיגע צו זיין וויא זייא זענען. דיין הארץ זאל מקנא זיין אגאנצע טאג אין דיא מענטשין וואס האבען מורא פאר גאט. דוא זאלסט אויך מורא האבען פאר גאט וויא זייא האבען מורא. פרעגט דיא גמרא עס איז דאך ניט אזוי רבי יצחק האט דאך געזאגט אויב דוא האסט געזעהן ארשע וואס דיא צייט איז איהם פרייליך. עס גייט איהם

ולא עוד אלא שזוכה בדין שנאמר (שם) מרום משפטיך מנגדו. ולא עוד אלא שרואה בצריו שנאמר כל צורריו יפיח בהם. לא קשיא הא במילי דידיה הא במילי דשמיא ואי בעית אימא הא והא במילי דשמיא ולא קשיא הא ברשע שהשעה משחקת לו הא ברשע שאין השעה משחקת לו ואי בעית אימא הא והא ברשע שהשעה משחקת לו ולא קשיא הא בצדיק גמור הא בצדיק שאינו גמור. דאמר רב הונא מאי דכתיב (חבקוק א) למה תביט בוגדים תחריש בבלע רשע צדיק ממנו. וכי רשע בולע צדיק והכתיב (תהלים לז) ה' לא יעזבנו בידו וכתיב (משלי יב) לא יאונה לצדיק כל און אלא צדיק ממנו בולע. צדיק גמור אינו בולע. ואי בעית אימא שעה משחקת לו שאני:

לה ואמר רבי יוחנן משום רבי שמעון בן יוחאי גדולה שמושה של תורה יותר מלמודה שנאמר (מ"ב ג) (הי״ש) פה אלישע בן שפט

לא יחיל טובו: מרום משפטיך מנגדו. מה לקים דינך ברחוק הימנו: יפיח בהם. בנפיחתו הוא דוחה אותם לקם:

גדולה שמושה. כתב רש"י בפר' ג' שאכלו שמיש ת"ח הוא הגמרא התלוי בסברא שהיו נוהגים שעם לדברי משנה והיו מתאספים יחד ועוסקים בכך והוא דוגמת הגמרא שסדרו האמוראים ע"כ לשון רש"י בפרק הנזכר. ובירושלמי דנזיר דומא לענין זה. המוצא מת מצוה הרי זה מטפל בו במקומו אימתי בזמן שמצאו חוץ לתחום אבל אם מצאו בתוך התחום הרי זה מביאו למקום בית הקברות וכו'. אמר רבי עקיבא כך היתה תחלת תשמישי לפני חכמים פעם אחת הייתי מהלך בדרך ומצאתי מת מצוה ונטפלתי בו בד' מילין עד שהבאתיו לבית הקברות וקברתיו וכשבאתי לפני רבי אליעזר ורבי יהושע אמרו לי על כל פסיעה ופסיעה שהיית הולך מעלין עליך כאלו היית שופך דמים אמרתי אם בשעה שנתכוונתי לזכות נתחייבתי בשעה שלא נתכוונתי לזכות עאכ"ו מאותה שעה לא זזתי משמש ת"ח הוא היה אומר דלא ישמש חכימיה קטלא חייב:

גוט. זאָלסטו זיך ניט רייצען מיט איהם. אַזוי וויא דָוִד הַמֶּלֶךְ האָט געזאָגט זיינע וועגין וועלען איהם גליקליך זיין צו יעדער צייט. אונ נאָך מעהר גליק האָט ער אַז ער האָט אַמִשְׁפָּט מיט איינעם. איז ער זוכה דעם מִשְׁפָּט. אַזוי וויא דָוִד הַמֶּלֶךְ זאָגט דיינע מִשְׁפָּטִים זענען אויף געהויבן וואָס געטאָהן פון איהם. אונ נאָך מעהר גליק האָט ער. ער זעהט אַנְקָמָה אויף זיינע פיינט. אַזוי וויא דָוִד הַמֶּלֶךְ האָט געזאָגט אויף זיינע אַלע פיינט טוהט ער נאָר אַבְּלאָז שטויסט ער זייא אַוועק פון זיך. ענטפערט די גְמָרָא עס איז ניט קיין קַשְׁיָא אין זיינע זאַכען זאָל ער זיך ניט רייצען מיט רְשָׁעִים. אונ אין דיא זאַכען פון גאָט מעג ער זיך רייצען מיט דיא רְשָׁעִים. אַז דוא ווילסט וועל איך דיר זאָגען ביידע פְּסוּקִים שמועסין פון גאָטליכע זאַכען אונ עס איז ניט קיין קַשְׁיָא. דאָס וואָס מען זאָגט מען זאָל זיך ניט רייצען מיט אַרָשָׁע. שמועסט ביי אַזוי אַרָשָׁע חָס דיא צייט איז איהם פְּרֵייליך. דער גליק זיינער איז גרויס. אונ וואָס מען זאָגט מען מעג זיך רייצען מיט אַרָשָׁע שמועסט ביי אַזוי אַרָשָׁע וואָס דיא צייט איז איהם ניט פְּרֵייליך. דער גליק זיינער איז ניט גרויס. אונ אויב דוא ווילסט וועל איך דיר זאָגען. ביידע פְּסוּקִים שמועסין ביי אַזוי אַרָשָׁע וואָס דיא צייט איז איהם פְּרֵייליך. דער גליק זיינער איז גרויס. אונ עס איז ניט קיין קַשְׁיָא דיא פְּסוּקִים איינער אויף דעם אַנדערין. אַאֶמֶתֶר צַדִיק מעג זיך רייצען מיט אַרָשָׁע. ניט קיין אֶמֶתֶר צַדִיק טאָר זיך ניט רייצען מיט אַרָשָׁע. וואָרום רַב הוּנָא האָט געזאָגט עס שטייט אין פָּסוּק חֲבַקוּק הַנָּבִיא האָט געזאָגט צוא גאָט פַר וואָס קוקסטו אויף דיא פאַלשע מענטשין דוא שווייגסט ווען דער רָשָׁע שלינגט איין דעם מענטש וואָס איז מעהר צַדִיק פון איהם. פרעגט די גְמָרָא שלינגט דען איין אַרָשָׁע דעם צַדִיק. עס שטייט דאָך אין פָּסוּק גאָט וועט ניט פַאר לאָזען דעם צַדִיק ביי דעם רָשָׁע אין האַנט. אונ עס שטייט אין פָּסוּק עס וועט ניט טרעפען דעם צַדִיק קיין אונרעכט. נאָר אַז דער צַדִיק איז נאָר מעהר צַדִיק וויא דער רָשָׁע קען דער רָשָׁע איהם איינשלינגען. אָבער אַז דער צַדִיק איז אַאֶמֶתֶר צַדִיק קען איהם ניט איין שלינגען דער רָשָׁע: אַז דוא ווילסט וועל איך דיר זאָגען ווען די שָׁעָה איז פְּרֵיילאַך ביים דעם רָשָׁע זיין גליק איז גרויס. איז אַנדערש. טאָר מען זיך ניט רייצען מיט איהם:

לה וְאָמַר. רַבִּי יוֹחָנָן האָט געזאָגט פון רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִים וועגין. דאָס באַדינונג וואָס מען באַדינט אַתַּלְמִיד חָכָם איז גרעסער וויא לערנען: אַזוי וויא עס שטייט אין פָּסוּק דאָ וועט געפונען אֱלִישָׁע בֶּן שָׁפָט וואָס ער האָט געגאָסען וואַסער אויף די הענט פון אֵלִיָּהוּ. דָס מיינט מען

שפט אשר יצק מים ע"י אליהו למד לא נאמר אלא יצק מלמד שגדולה שמושה יותר מלמודה :

לט **אמר** ליה רבי יצחק לרב נחמן מאי טעמא לא אתי מר לבי כנישתא לצלויי אמר ליה לא יכילנא אמר ליה לכנפיה למר עשרה וליצלי. אמר ליה טריחא לי מילתא ולימא ליה מר לשליחא דצבורא דלודע ליה לכר בעידנא דמצלי צבורא אמר ליה מאי כולי האי. א"ל דאמר רבי יוחנן משום דבי שמעון בן יוחאי מאי דכתיב (תהלים סט) ואני תפלתי לך ה' עת רצון אימתי עת רצון בשעה שהצבור מתפללים רבי יוסי בר חנינא אמר מהכא (ישעיה מט) כה אמר ה' בעת רצון עניתיך. רבי אחא בר חנינא אמר מהכא (איוב לו) הן אל כביר לא ימאס. וכתיב (תהלים נה) פדה בשלום נפשי מקרב לי כי ברבים היו עמדי. תניא נמי הכי רבי נתן אומר מנין שאין הקדוש ברוך הוא מואס תפלתן של רבים. שנאמר הן אל כביר לא ימאס וכתיב פדה בשלום נפשי מקרב לי וגו'. אמר הקב"ה כל העוסק בתורה ובגמילות חסדים ומתפלל עם הצבור מעלה אני עליו כאלו פדאני לי ולבני מבין עו"ג :

לא יכילנא. הא כחי : עת רצון : אימתי יש שעה שהיא של רצון : כביר לא ימאס. תפלת הרבים לא ימאס : מקרב לי. מהמלחמות הבאות עלי : כי ברבים היו עמדי. שהתפללו עמי : פדה בשלום. זה שעסק בדברי שלום דהיינו תורה דכתיב וכל נתיבותיה שלום. וכן גמילות חסדים נמי שלום הוא שמתוך שגומל חסד בגופו לחבירו הוא מכיר שהוא אוהבו ובא לידי אהבה ושלום :

ער האָט בּאַדינט צו אֵלִיָהוּ הַנָבִיא. עס שטייט ניט ער האָט גילערנט בּיי אֵלִיָהוּ נאָר ער האָט גיגאָסן וואַסער בּיי אֵלִיָהוּ. ער האָט איהם בּאַדינט. דאָס לערנט אונז אַז דאָס בּאַדינונג איז גרעסער וויא דאָס לערנען :

לט **אָמַר**: רַבִּי יִצְחָק האָט גיזאָגט צו רַב נַחְמָן פאַר וואָס קומסטו ניט אין שוהל דאַוונען. האָט רַב נַחְמָן גיזאָגט צו רַבִּי יִצְחָק איך קען ניט. איך בּין שוואַך. איך האָבּ ניט קיין כח צוא גיין אין שוהל: האָט רַב יִצְחָק גיזאָגט צו רַב נַחְמָן זאָל מען צו זאַמען נעמען צעהן מענטשען צוא דיר אַהיים וועט מען דאַוונען. זאָגט רַב נַחְמָן צו רַבִּי יִצְחָק דָס איז בּיי מיר אַשווערע זאַך צו זאַמען צוא נעמען צעהן מענטשין צום דאַוונען. האָט רַבִּי יִצְחָק גיזאָגט צו רַב נַחְמָן. זאָג דעם שַׁמָשׁ ער זאָל דיר מאַכען וויסען דיא צייט ווען דער צִבּוּר דאַווינט. וועסטו דאַוונען אין דער היים דיא זעלבּיגע צייט וואָס דער צִבּוּר דאַווינט אין שוהל. זאָגט רַב נַחְמָן צו רַבִּי יִצְחָק צוא וואָס איז דאָס אַזוי נייטיג. זאָגט רַבִּי יִצְחָק צו רַב נַחְמָן. וואָרום רַבִּי יוֹחָנָן האָט גיזאָגט פון רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאים וועגין. וואָס מיינט דער פָּסוּק וואָס דָוִד הַמֶלֶךְ האָט גיזאָגט איך בּעט צוא דיר גאָט אין דער בּווילינגטער צייט: ווען עס איז אַגוטער ווילען. ווען איז דיא בּווילינגטע צייט ווען אַפאַרזאַמלונג יודען דאַוונען מיט איין מאָהל. רַבִּי יוֹסִי בְּרַבִּי חֲנִינָא זאָגט פון דעם פָּסוּק ווייס מען אַז עס איז דאָ אַבּווילינגטע צייט. יְשַׁעְיָה הַנָבִיא האָט גיזאָגט. אַזוי האָט גאָט גיזאָגט ווען עס וועט זיין אַבּווילינגטע צייט וועל איך דיר ענטפערין. רַבִּי אַחָא בְּרַבִּי חֲנִינָא זאָגט פון דעם פָּסוּק ווייס מען אַז דיא בּווילינגטע צייט איז ווען פיל מענטשין דאַוונען מיט איין מאָהל. איוב האָט גיזאָגט גאָט פאַר מיאוסט ניט ווען פיל מענטשין בּעטין צוא איהם מיט איין מאָהל. אונ נאָך אַפָּסוּק שטייט דָוִד הַמֶלֶךְ האָט גיזאָגט גאָט האָט מיך אויס גילייזט מיט שָׁלוֹם פון אַלע מִלְחָמוֹת וואָס איך האָבּ גיהאַט. ווייל פיל מענטשין האָבּען מיט מיר צו זאַמען מִתְפַּלֵל גיוועזן. מיר האָבּען אויך אַזוי גילערנט. רַבִּי נָתָן זאָגט פון וואַנען ווייס מען אַז גאָט פאַר מיאוסט ניט דיא תְּפִלָה פון פיל מענטשין וואָס דאַוונען צו זאַמען אַזוי וויא עס שטייט איוב האָט גיזאָגט גאָט פאַר מיאוסט ניט ווען פיל מענטשין בּעטין צו איהם מיט איין מאָהל. אונ נאָך אַפָּסוּק שטייט דָוִד הַמֶלֶךְ האָט גיזאָגט גאָט האָט מיך אויס גילייזט מיט שָׁלוֹם פון אַלע מִלְחָמוֹת וואָס איך האָבּ גיהאַט. ווייל פיל מענטשין האָבּען מיט מיר צו זאַמען מִתְפַּלֵל גיוועזן. גאָט האָט גיזאָגט דער וואָס לערנט תּוֹרָה. אונ טוהט גְמִילוּת חֲסָדִים. אונ דאַווינט מיט פיל מענטשין צו זאַמען רעכין איך אויף איהם גלייך וויא ער וואָלט אויס גילייזט מיך מיט מיינע קינדער פון דעם גָלוּת פון דיא שטערין דינער :

(דף ח) **מ אמר** רבי לוי כל מי שיש לו בית הכנסת בעירו ואינו נכנס שם להתפלל נקרא שכן רע שנאמר (ירמיה יב) כה אמר ה' על כל שכני הרעים הנוגעים בנחלה וגו'. ולא עוד אלא שגורם גלות לו ולבניו שנאמר (שם) הנני נותשם מעל אדמתם ואת בית יהודה אתוש מתוכם אמרי ליה לרבי יוחנן איכא סבי בבבל תמה ואמר (דברים יא) למען ירבו ימיכם וימי בניכם על האדמה כתיב אבל בחוצה לארץ לא כיון דאמרי ליה מקדמי ומחשכי לבי כנישתא אמר היינו דאהני להו כדאמר רבי יהושע בן לוי לבניו קדימו וחשיכו ועיילי לבי כנישתא כי היכי דתוריכו חיי. אמר רבי אחא ברבי חנינא מאי קראה (משלי ח) אשרי אדם שומע לי לשקוד על דלתותי יום יום לשמור מזוזות פתחי וכתיב בתריה כי מוצאי מצא חיים. אמר רב חסדא לעולם יכנס אדם שתי פתחים בבית הכנסת ב' פתחים סלקא דעתך אלא אימא שיעור ב' פתחים ואחר כך יתפלל:

(תהלים לב) **מא על** זאת יתפלל כל חסיד אליך לעת מצוא אמר רבי חנינא לעת מצוא זו אשה שנאמר (משלי יח) מצא אשה מצא טוב.

במערבא

הנני נותשם מעל אדמתם . סיפיה דקרא כו' : מקדמי . שחרית : מחשכי ערבית . כלומר מאחרין בבית הכנסת : שיעור . של שני פתחים רוחב יכנס לפנים שלא ישב סמוך לפתח דנראה עליו כמשאוי עיכוב בית הכנסת ויהא מזומן סמוך לפתח לצאת :

יתפלל לעת מצוא . שיהיו מצוים לו כשיצטרך : מא

מ אמר. רבי לוי האט געזאגט ווער עס האט א שוהל אין זיין שטאט און ער גייט ניט דאווענען אין שוהל ווערט ער גירופען א שלעכטער שכן. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אזוי הט גאט געזאגט אויף מיינע אלע שלעכטע שכנים וואס זייא רירען אן מיין נחלה; דאס הייסט מיין שוהל. זייא וואוהנען נאהנט ביי מיין שוהל; און גייען ניט אריין אין איר דאווענען. און ניט גענוג דאס וואס ער ווערט גירופען א שלעכטער שכן. נאר זיין שטראף וועט זיין. ער מיט זיינע קינדער וועלען פאר טריבען ווערין פון זייער לאנד. אזוי וויא דער פסוק זאגט איך וועל זייא אויס רייסען פון זייער ערד און דעם שבט יהודה וועל איך אויס רייסען פון צווישען זייא. מען האט געזאגט צו רבי יוחנן, עס זענען דא אלטע לייט האט זיך רבי יוחנן געוואונדערט און האט געזאגט אין דער תורה שטייט עס וועט זיך מעהרין דיינע טעג און די טעג פון דיינע קינדער אויף די ערד וואס גאט הט געגעבען צו דיר. דאס מיינט מען ארץ ישראל. אבער אין חוץ לארץ וועט זיך ניט מעהרין די טעג; אז מען הט געזאגט צו רבי יוחנן אז די יודען פון בבל גייען אין דער פריה און אויף דער נאכט אין שוהל דאווענען האט רבי יוחנן געזאגט דאס האט זייא געהאלפען זייא זאלען לאנג לעבין. אזוי וויא רבי יהושע בן לוי הט געזאגט צו זיינע קינדער איר זאלט אין דער פריא און אויף דער נאכט גיין אין שוהל אריין איר זאלט לאנג לעבין. רבי אחא ברבי חנינא הט געזאגט פון וועלכין פסוק ווייס מען דאס. אז מען גייט אין שוהל דאווענען לעבט מען לאנג. שלמה המלך הט געזאגט וואוהל דעם מענטש וואס הערט מיך צוא. צו קלאפען אויף מיינע טירען (אויף דיא טירען פון מיין שוהל) אלע טאג צו היטען דיא מזוזות פון מיינע טירען. דער נאך שטייט ווער עס האט מיך געפונען האט גיפונען לעבין - רב חסדא הט געזאגט א מענטש זאל אריין גיין צוויי טירען אין שוהל. וואס מיינט מען צוויי טירען נאר אזוי מיינט מען וויא פיל עס איז דיא ברייט פון צוויי טירען אזוי פיל זאל ער אריין גיין אין שוהל. דער נאך זאל ער דאווענען. ווער זאל ניט זיצען אין שוהל ביי דיא טיר. ווייל עס זעהט אויס אז דאס דאווענען אין שוהל איז ביי איהם א משא. און וואלט גערין געשווינט ענטלויפען:

מא דוד המלך האט געזאגט אויף דיא זאך זאל יעדער פרומער בעטין צוא דיר גאט ער זאל געפינען דיא זאך צו דיא צייט ווען ער וועט זיא דארפען. האט רבי חנינא געזאגט ער זאל בעטין צו גאט אז ווען ער וועט דארפען נעמען א ווייב זאל ער געפינען באלד זיין זיווג

פיסס . סיטוּ מיתה יפה ונוחה : כהיזרא מ׳ . (יבמות ס״ב) במערבא כי נסיב איניש איתתא אמרי ליה הכי כצא או מוצא מצא דכתיב מצא אשה מצא טוב
מוצא דכתיב (קהלת ז) ומוצא אני מר ממות את האשה. רבי נתן אומר לעת מצוא זו תורה דכתיב (משלי ה) כי מוצאי מצא חיים רב נחמן בר יצחק אמר לעת מצוא זו מיתה שנאמר (תהלים סח) למות תוצאות הניא נמי הכי התק״ג מיני מיתות נבראו בעולם שנא׳ למות תוצאות. תוצאות בגימטריא הכי הוה קשה שבכולם אסכרה ניחא שבכולם נשיקה. אסכרה דמי כחיזרא אגבבא

מיט אַגוּטְע וַוייבּ. אַזוֹי וִויא דֶער פָּסוּק זָאגְט אַז עֶר הָאט גֶעפוּנֶען אַאִשָּׁה הָט עֶר גֶעפוּנֶען גוּטְס. אַזוֹי וִויא דִיא גְמָרָא זָאגְט אַמֶענְטְשׁ וֶוערְט גִיבֶּענְשְׁט אִין זַיין שְׁטוּב דוּרְךְ דֶעם זְכוּת פוּן זַיין וַוייבּ. דְרִיבֶּער אִיז אֲפִילוּ אַחָסִיד מוּז אוֹיךְ בֶּעטְין צוּ גָאט אַז עֶר זָאל גֶעפִינֶען אַוַוייבּ אַגוּטְע אוּנ אַפְרוּמֶע. וֶועט עֶר אָפּ גֶעהִיט וֶוערִין פוּן עֲבֵירוֹת. אוּנ וֶועט גִיבֶּענְשְׁט וֶוערִין דוּרְךְ אִיר. אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אַז אַמֶענְטְשׁ נֶעמְט אַוַוייבּ פְרֶעגְט מֶען אִיהם אַזוֹי צוּ הָאבְּטוּ גֶענוּמֶען אַאִשָּׁה וָואס דוּא קֶענְסְט זָאגֶען דֶעם פָּסוּק וָואס הֵייבְּט זִיךְ אָן מִיט דֶעם וָוארְט מָצָא. אָדֶער דוּא בּארְפְסְט זָאגֶען דֶעם פָּסוּק וָואס הֵייבְּט זִיךְ אָן מִיט דֶעם וָוארְט מוֹצֵא. מָצָא אִיז דֶער פָּסוּק מָצָא אִשָּׁה מָצָא טוֹב. אַז עֶר גֶעפִינְט אַגוּטֶע אִשָּׁה הָאט עֶר גֶעפוּנֶען גוּטְס. מוֹצֵא אִיז דֶער פָּסוּק וּמוֹצֵא אֲנִי. אִיךְ גֶעפִין. מַר מִמָּוֶת. בִּיטֶערֶער וִויא דֶער טוֹיט. אֶת הָאִשָּׁה. דִי שְׁלֶעכְטֶע וַוייבּ (נָאר דִיא קַשְׁיָא אִיז וִויא אַזוֹי קֶען אַמֶענְטְשׁ וִויסֶען בַּאלְד נָאךְ דֶער חֲתוּנָה צוּ דִיא וַוייבּ אִיז אַגוּטְע צוּ אַשְׁלֶעכְטֶע. אוּנ נָאךְ אַקַשְׁיָא אִיז צוּ וָואס פְרֶעגְט מֶען אִיהם. עֶס אִיז דָאךְ שׁוֹין נָאךְ דִיא חֲתוּנָה. וִויא דִיא אִשָּׁה אִיז. אַגוּטְע צוּ אַשְׁלֶעכְטֶע אִיז דָאךְ שׁוֹין פַאר פַאלֶען. דֶער תֵּירוּץ אִיז דִיא מֶענְטְשֶׁין פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זֶענֶען גִיקוּמֶען זָאגֶען דֶעם חָתָן מוּסָר. אוֹיבּ דִיא וַוייבּ זָאל זַיין אַגוּטְע אָדֶער אַשְׁלֶעכְטֶע וֶוענְט זִיךְ נָאר אָן דֶעם חָתָן. וָוארוּם צוּ דִי חֲתוּנָה הָאט מֶען אִיהם מוֹחֵל גִיוֶועזְן אַלֶע עֲבֵירוֹת אוּנ אִין פָּסוּק שְׁטֵייט מָצָא אִשָּׁה מָצָא טוֹב וַיָּפֶק רָצוֹן מֵה׳. מֵיינְט דֶער פָּסוּק אַז עֶר וֶועט אוֹיס צִיהֶען דֶעם וִוילֶען פוּן גָאט. עֶר וֶועט זַיין פְרוּם אוּנ וֶועט הִיטֶען תּוֹרָה אוּנ מִצְוֹת. וֶועט עֶר גֶעפִינֶען אַגוּטְע וַוייבּ. דָאס מֵיינְט מֶען אֲפִילוּ זִי אִיז בֶּאֱמֶת אַשְׁלֶעכְטֶע. וֶועט עֶר גֶעפִינֶען אַז זִיא וֶועט זַיין גוּט צוּא אִיהם. גָאט וֶועט אִיר הַאַרְץ גוּט מַאכֶען צוּ אִיהם. אַזוֹי וִויא דֶער פָּסוּק זָאגְט בִּרְצוֹת ה׳ דַרְכֵי אִישׁ אַז גָאט וִויל דִי וֶועגִין פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ גַּם אוֹיְבָיו יַשְׁלִים אִתּוֹ אֲפִילוּ זַיינֶע שׂוֹנְאִים וֶוערִין אִיהם גוּטֶע פְרַיינְד. אָבֶּער אַז עֶר וֶועט נִיט פְרוּם זַיין נָאךְ דֶער חֲתוּנָה. וֶועלֶען אִיהם דִיא זִינְד פוּן פַאר דֶער חֲתוּנָה אוֹיךְ צוּ גִירֶעכֶנְט וֶוערִין. אוּנ אֲפִילוּ זַיין וַוייבּ אִיז בֶּאֱמֶת אַגוּטְע. וֶועט עֶר גֶעפִינֶען אַז זִיא וֶועט זַיין שְׁלֶעכְט צוּ אִיהם. אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט מוֹצֵא אֲנִי מַר מִמָּוֶת אֶת הָאִשָּׁה אִיךְ וֶועל גֶעפִינֶען אַז דִיא אִשָּׁה אִיז בִּיטֶערֶער וִויא דֶער טוֹיט. מֵיינְט דֶער פָּסוּק זִיא אִיז בֶּאֱמֶת אַגוּטְע נָאר דֶער מַאן הָאט אִיר גֶעפוּנֶען אַשְׁלֶעכְטֶע. צוּ אִיהם אִיז זִיא שְׁלֶעכְט. וַוייל גָאט הָאט גֶעמַאכְט אִיר הַאַרְץ זָאל שְׁלֶעכְט זַיין צוּ אִיהם וַוייל עֶר אִיז נִיט פְרוּם. עַיין ברי״ף. רַבִּי נָתָן זָאגְט עֶר זָאל בֶּעטִין צוּ גָאט עֶר זָאל גֶעפִינֶען דִיא תּוֹרָה. גָאט זָאל אִיהם גֶעבִּין פַּרְנָסָה עֶר זָאל הָאבֶּען צַייט צוּא לֶערְנֶען. אוּנ זָאל אִיהם גֶעבִּין שֵׂכֶל עֶר זָאל פַאר שְׁטֵיין וָואס אִין דִיא תּוֹרָה שְׁטֵייט. אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט דִי תּוֹרָה זָאגְט וֶוער עֶס גֶעפִינְט מִיךְ גֶעפִינְט לֶעבִּין. רַב נַחְמָן בַּר יִצְחָק זָאגְט עֶר זָאל בֶּעטִין צוּא גָאט עֶר זָאל הָאבֶּען אַגְרִינְגֶען טוֹיט. אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט מֶען זָאל גֶעפִינֶען דֶעם טוֹיט. וֶועלְכֶען טוֹיט. אַגְרִינְגֶען. מִיר הָאבֶּען אוֹיךְ אַזוֹי גִילֶערְנְט. אַז מֶען בַּארְף בֶּעטִין אוֹיף אַגְרִינְגֶען טוֹיט. נַיין הוּנְדֶערְט מִיט דְרַייא מִינִים מִיתָה. זֶענֶען בַּשַׁאפֶען גִיוָוארֶען אוֹיף דִי וֶועלְט. אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט לַמָּוֶת תּוֹצָאוֹת. תּוֹצָאוֹת בַּאטְרֶעפְט נַיין הוּנְדֶערְט מִיט דְרַייא. דִיא שְׁוֶוערְסְטֶע פוּן אַלֶע מִיתוֹת. אִיז אַסְכָּרָה. דִיא גְרִינְגְסְטֶע פוּן אַלֶע מִיתוֹת. אִיז נְשִׁיקָה. אַסְכָּרָה אִיז גְלַייךְ אַזוֹי וִויא דֶערְגֶער וָוס פַר טְשֶׁעפֶּען זִיךְ אִין וָואל, אַז מֶען וִויל אַרוֹיס נֶעמֶען

אנבבא דעמרא דלאחורי נשרא איכא דאמרי כפיטורי בפי ושט . נשיקה דמיא כמשחל בניתא מחלבא . רבי יוחנן אמר לעת מצוא זו קבורה אמר רבי חנינא מאי קאמר (איוב ג) השמחים אלי גיל ישישו כי ימצאו קבר . אמר רבא בר רב שילא היינו דאמרי אינשי ליבעי איניש רחמי אפילו עד זיבולא בתרייתא שלמא . מר זוטרא אמר לעת מצוא זו בית הכסא אמרי במערבא הא דמר זוטרא עדיפא מכולהו :

מב אמר ליה רבא לרפרם בר פפא לימא לן מר מהני מילי מעלייתא דאמרת משמיה דרב חסדא במילי דבי כנישתא אמר ליה הכי אמר רב חסדא מאי דכתיב (תהלים פז) אוהב ה' שערי ציון מכל משכנות יעקב . אוהב ה' שערים המצויינים בהלכה יותר מבתי כנסיות ומבתי מדרשות . והיינו דאמר רבי חייא בר

באנפי סירין שמכנים בגיהת האגר כשאדם מפן בחזקה ומשליך לאחוריו שא"א שלא ינתק האגר עמה : כפיטורי . יש אוקימים יש בו מקומות שלשה מקבל ברזל ומחברים לוחות הספינה על ידי חבלים ועקלים שתוחבים בנקביו ותוקעין אותו בדוחק לפי שהם גסים כמדת הנקב : פיטורי . חבלים : בפי ושט . הוא הנקב שהוא עגול כפי ושט : כמשחל בניתא מחלבא . כמושך נימת שער מתוך החלב : זיבולא בתרייתא שלמא . שיהא לו שלום כל ימי חייו אף ביום קבורתו עד הבלכת עפר האחרונה שבכיסוי קבורתו : זיבולא . פלא"ה בלע"ז : בית הכסא . היה דר במקום שיש בה"כ סמוך לו לפי שהיתה קרקע של בבל מעלת מים ואין יכולין להפור שם חפירות והיו צריכין לצאת לשדות ולהתרחק מתוך כמאיינין

דיא דערנער אונ אוועק ווארפען זייא אויף אינטען . רייסט זיך מיט אביסול וואל אויך . אנדערע זאגען אזוי ווייא דיא שטריק וואס ווערין אריין גיצויגען אין דיא קייעלבדיגע לאך וואס איז געמאכט אזוי וויא דער ושט פון האלז ; אין ים אוקיינוס איז דא ערטער פון מאגנעט וואס ציהט ארויס אלע אייזען פון שיף . מוז מען די ברעטער פון שיף בהעפטען איינעם צו אנדערין מיט שטריק . אונ מען מאכט דיא שטריק אזוי גראב וויא דיא לאך איז . דיא שטריק זאל גאנץ הענג אריין גיין אין לאך איז זייער שווער דורך צו ציהען דעם שטריק . אזוי שווער גייט ארויס די נשמה פון גוף . מיתת נשיקה מיינט מען די שכינה בעוויזט זיך צום צדיק פאר זיין טויט . אונ ציהט ארויס דיא נשמה פון גוף . דאס איז גלייך וויא מען ציהט ארויס אהאר פון מילך . ווס דער האר האט ניט איינגיזאפט פון דיא מילך . אונ ער גייט ארויס ריין . אזוי האט די נשמה פון צדיק גאר ניט איינגיזאפט פון גוף . אונ זיא גייט ארויס גאר ריין . רבי יוחנן זאגט ער זאל בעטין נאך זיין טויט זאל ער בגראבען ווערין . רבי חנינא האט גזאגט פון וואנען ווייס מען פון פסוק אז עס איז גוט פאר אמענטשין אז ער ווערט בגראבען נאך זיין טויט . וואדום עס שטייט אין פסוק איוב האט גזאגט אזוי וויא זייא פרייען זיך אויף אלע שמחות . אזוי פרייען זייא זיך אז זייא געפינען אקבר צו בגראבען ווערין . האט רבה בר רב שילא גזאגט דאס איז וואס מענטשין זאגען אמענטש זאל בעטין ביי גאט . אז אפילו ביי דעם לעצטען רידעל ערד וואס מען שיט ארויף אויף איהם . זאל נאך זיין שלום . מר זוטרא זאגט לעת מצוא זו בית הכסא ער זאל בעטין אז ער זאל האבען אוואוהנונג אויף אזוי אארט וואס דארט איז דא אבית הכסא . מען האט גזאגט אין ארץ ישראל וואס מר זוטרא האט גזאגט איז בעסער וויא אלע האבען גזאגט . ווארום איז ביי זיי אין בבל זייער נייטיג געווען . ווייל בבל איז זומפיגע ערד אונ מען קען ניט גראבען אין די ערד . עס איז דא באלד וואסער . אז זיי פלעגין דארפען ארויס גיין פלעגין זיי טוהען גיין ווייט אונטער די שטאט אויף די פעלדער] :

מב אמר . רבא האט גזאגט צו רפרם בר פפא זאל אונז דער רבי זאגען פון דיא גוטע זאכען וואס דוא פלעגסט זאגען פון רב חסדאס וועגין אין דיא זאכען פון שוהל . האט רפרם גזאגט צו רבא אזוי האט גזאגט רב חסדא וואס עס שטייט אין פסוק גאט האט ליב די טויערין פון ציון מעהר וויא אלע רוהונגען פון יעקב . דאס מיינט מען גאט האט ליב דיא טויערין וואס אין זייא זיצען תלמידי חכמים אונ לערנען גמרא זייא זאגען וויסען צו פסקנען דינים מעהר וויא ער האט ליב דיא שוהל וואס מען דאווינט דאהט אונ דעם בית המדרש וואס מען לערנט דארט תורה נביאים כתובים אדער משניות . ווייל דער פון קען מען ניט פסקנען קיין דין . דאס איז די

בר אמי משמיה דעולא מיום שחרב בית המקדש אין לו להקב"ה בעולמו אלא ארבע אמות של הלכה בלבד. ואמר אביי מריש הוה גרימנא בגו ביתא ומצלינא בבי כנישתא כיון דשמענא להא דאמר רבי חייא בר אמי משמיה דעולא מיום שחרב בית המקדש אין לו להקב"ה בעולמו אלא ד' אמות של הלכה בלבד לא הוה מצלינא אלא היכא דגריסנא. רב אמי ורב אסי אע"ג דהוו להו תליסר בי כנישתא בטבריא לא מצלו אלא ביני עמודי היכא דהוו גרסי. אמר רבי חייא (בר אמי) משמיה דעולא לעולם ידור אדם במקום רבו שכל זמן ששמעי בן גרא קיים לא נשא שלמה את בת פרעה.

תנויין: ליין ואסיפה לבור: ביני עמודי: שבית המדרש נבנה עליהם מלמעלה. והרמב"ם בביאת מאמר זה אין לו להקב"ה בעולמו וכו' בפתיחת פירוש המשנה מסדר זרעים והאריך בביאורו וכלל כונתו שכל העולם נברא בשביל האדם החכם והטוב ושאר בריות העולם נבראו כלם להיות לו משמשים ותכלית ועי"ז אמרו שאין לו להקב"ה אלא ד' אמות של הלכה שהאדם הוא ארבע אמות כמו שאמנו שבו איש תחתיו מכאן לארבע אמות היוצא הון לתחום יעויין שם: שכל זמן ששמעי בן גרא קיים וכו'. דסמוך למיתת שמעי בן גרא כתיב ויתחתן המלך שלמה את בת פרעה: הא דכייף ליה. אם כפוף הוא לרבו לקבל תוכחתו ידור אצלו ואם לאו טוב להרחק ממנו ויהיה שוגג ואל יהיה מזיד:

והתניא אל ידור לא קשיא הא דכייף ליה הא דלא כייף ליה. ואמר רבי חייא (בר אמי) משמיה דעולא גדול הנהנה מיגיעו יותר מירא שמים דאלו גבי ירא שמים כתיב (תהלים קיב) אשרי איש ירא את ה'. ואלו גבי נהנה מיגיעו כתיב (תהלים קכח) יגיע כפיך כי תאכל אשריך וטוב

זעלביגע וואס רבי חייא בר אמי הט גזאגט פון עולאס וועגין. פון דעם טאג ווס דער בית המקדש איז חרוב געווארען מעהר הט גאט ניט אויף די וועלט. נאר די פיר איילען ווס מען זיצט דארט אונ מען לערנט גמרא צו וויסען אדין:

ואמר. נאך האט אביי גזאגט אין אנהייב פלעג איך לערנען אין מיין שטוב וואו איך וואהן אונ פלעג דאווענען אין שוהל. אז איך האב געהערט וואס רבי חייא בר אמי האט גזאגט פון עולאס וועגין פון דעם טאג וואס דער בית המקדש איז חרוב געווארען הט ניט גאט מעהר אויף דיא וועלט. נאר דיא פיר איילען וואס מען זיצט דארט אונ מען לערנט גמרא צו וויסען אדין האב איך ניט גידאווינט אויף קיין אנדער ארט נאר ווא איך האב גילערנט. רב אמי אונ רב אסי. אפילו זייא האבען גיהאט דרייצעהן שוהלען אין טבריא האבען זייא ניט גידאווינט אין קיין אנדער שוהל נאר צווישען דיא זיילין פון דיא שוהל וואו זיי האבען גילערנט:

אמר. רבי חייא בר אמי האט גזאגט פון עולאס וועגין אמענטש זאל אייביג וואהנען וואו זיין רבי וואוהנט. ווארום די גאנצע צייט וואס שמעי בן גרא דער רבי פון שלמה המלך הט גילעבט האט שלמה המלך ניט גענומען דיא טאכטער פון פרעה פאר אווייב. פרעגט די גמרא מיר האבען דאך גילערנט אז אמענטש זאל ניט וואהנען וואו זיין רבי וואוהנט. ענטפערט דיא גמרא עס איז ניט קיין קשיא אז ער איז איין גיבויגען צו זיין רבי. ער טוהט וואס זיין רבי זאגט איהם. זאל ער וואהנען וואו זיין רבי וואוהנט. אז ער איז ניט איין גיבויגען צו זיין רבי. ער פאלגט ניט וואס זיין רבי לערנט איהם. זאל ער זיך דער ווייטערין פון זיין רבי. אונ זאל ניט וואהנען וואו זיין רבי וואוהנט. נאך הט גזאגט רבי חייא בר אמי פון עולאס וועגין דער וואס לעבט פון זיין ארבעט. אדער פון זיין ערלאכען האנדיל. אונ ער ארבעט ניט מעהר אדער ער האנדילט ניט מעהר. נאר ער זאל האבען צום לעבין. אונ דיא איבעריגע צייט פר בריינגט ער גאר מיט לערנען אונ יראת שמים. איז ער גרעסער חיא דער וואס זיצט אגאנצע טאג אונ לערנט. אונ פרעמדע מענטשין געבין איהם זיין פרנסה. ווארום דער מענטש וואס פרעמדע מענטשין געבין איהם זיין פרנסה. מוז ער זייא געבין אחלק פון זיין תורה אונ מצות. אבער דער וואס לעבט פון זיין ארבעט. אונ דיא איבעריגע צייט לערנט ער אונ טוהט מצות. דער דארף קיינעם ניט געבין קיין חלק. דיא עולם הבא פון זיין תורה אונ מצות נעמט ער גאר אליין. ביי דעם וואס איז אירא שמים אונ זיין פרנסה איז פון פרעמדע שטייט אין פסוק וואוהל דעם מענטש וואס האט מורא פאר גאט. אונ ביי דעם ירא שמים

וטוב לך. אשריך בעולם הזה וטוב לך לעולם הבא. ולגבי ירא שמים לא כתיב ביה וטוב לך:

(פ"ג) מג רב ביבי בר אביי סבר לאשלומינהו לפרשייתא דכולא שתא במעלי יומא דכיפורא. (פסחים דף סח) תנא ליה חייא בר רב מדפתי כתיב (ויקרא כג) ועניתם את נפשותיכם בתשעה לחדש בערב וכי בתשעה מתענין וכו' (פרק שתי הלחם) וסיום המאמר אמר ליה רבי יהושע בן לוי לבניה הזהרו בזקן ששכח תלמודו מחמת אונסו דאמרינן לוחות ושברי לוחות מונחים בארון:

מד אמר להו רבא לבניה כשאתם חותכים בשר אל תחתכו על גב היד איכא דאמרי משום סכנה ואית דאמרי משום קלקול סעודה. ואל תשבו על מטת ארמית ואל העברו אחורי בית הכנסת בשעה שהצבור מתפללין. אל תשבו על מטת ארמית איכא דאמרי

מחמת אונסו. שחלה או שטרד בדוחק מזונותיו הזהרו בו לכבדו: ושברי לוחות מונחים בארון. דכתיב אשר שברת ושמתם בארון אף השברים תשים בארון: משום סכנה. שלא יקוץ ידו: משום קלקול סעודה. אף בחבורה קטנה יצא דם וילכלך את הסעודה

וואס לעבט פון זיין ארבעט שטייט אין פסוק אז דיין ארבעט וועט נאר זיין דוא זאלסט האבען צו עסין. ניט מעהר. אונ דיא איבעריגע צייט וועסטו לערנען תורה אונ טאהן מצות וועט דאס זיין דיין גליק אונ דיר וועט גוט זיין. דוא וועסט זיין גליקליך אויף דיא וועלט. דוא וועסט לעבין רוהיג. אונ דוא וועסט וויסען אז דיר וועט גוט זיין אויף דיא אנדערע וועלט. דוא וועסט ניט דארפען געבין קיין חלק פון דיין עולם הבא. אונ ביי דעם ירא שמים וואס לעבט פון פרעמדע שטייט ניט דיר וועט גוט זיין. ווארום פון זיין גוטס וואס ער וועט האבען אויף יענע וועלט. וועט ער מוזען אוועק געבין אחלק צו דיא פרעמדע מענטשין וואס האבען איהם מפרנס גיוועזן. אונ איין שעה פערגעניגען פון יענע וועלט איז מעהר ווערט וויא דיא גאנצע זיבעציג יאר לעבין פון די וועלט:

מג רב ביבי בר אביי האט גיוואלט מעביר סדרא זיין. אלע סדרות פון אגאנץ יאהר אום ערב יום כפור. האט חייא בר רב פון דפתי גילערנט צו רב ביבי עס שטייט אין פסוק איר זאלט פיינגען אייערע לייבער דעם ניינטען טאג אין חודש תשרי פאר נאכט. פאסט מען דעם ניינטען טאג אין חודש תשרי. מען פאסט דאך דעם צעהנטין טאג אין חודש תשרי. נאר דער וואס עסט אונ טרינקט דעם ניינטען טאג אין חודש תשרי דאס איז ערב יום כפור. איז גלייך וויא ער וואלט געפאסט ערב יום כפור אויך. מוז מען דאך ערב יום כפור עסין. אונ אז דוא וועסט מעביר סדרה זיין ערב יום כפור דיא סדרות פון אגאנץ יאהר. ווען וועסטו עסין:

אמר: רבי יהושע בן לוי האט גזאגט צו זיינע קינדער איר זאלט זיין געהיט צו געבין כבוד דעם אלטען מאן וואס האט פר געסין זיין לערנען דורך אסבה. ווייל ער איז קראנק גיוועזן. אדער ווייל ער ארבעט שווער אויף זיין פרנסה. ווארום מיר זאגען דיא גאנצע לוחות אונ די צו בראכענע לוחות ליגען אין ארון צו זאמען. זענען זיי ביידע גלייך הייליג. אונ דער אלטער מאן ווס הט פר געסין זיין לערנען הייסט אויך צו בראכענע לוחות. מוז מען איהם אויך געבין כבוד אזוי וויא איין אנדערין למדן:

מד אמר. רבא הט גזאגט צו זיינע קינדער אז איר וועט שניידען פלייש זאלט איר ניט שניידען אויף דיא האנט. אנדערע זאגען ווייל עס איז אסכנה. ער זאל ניט אפ האקין דיא האנט אונ אנדערע זאגען טאמער וועט ער איין שניידען דיא האנט. אפילו נאר אביסעל וועט ארויס גיין בלוט אויף דאס עסין. אונ דיא וואס זיצען ביי דעם טיש וועלען זיך מיאוסען צו עסין. וועט ארויס קומען אקריג ביי דעם טיש. אונ איר זאלט ניט זיצען אויף אבעט פון ארמית אונ איר זאלט ניט גיין אינטער דיא שוהל ווען מען דאווינט אין שוהל. וואס מיינט רבא מען זאל ניט זיצען אויף אבעט פון ארמית. אנדערע זאגען רבא מיינט מען זאל ניט

דאמ־יי אל תגנו בלא ק"ש ואיכא דאמרי דלא תנסבו גיורתא . וא"ד ארמית ממש ומשום מעשה דרב פפא . דרב פפא אזל לגבי ארמית (הוציאו) [הוציאה] לו מטה (אמרו) [אמרה] לו שב . אמר (להן) [לה] איני יושב עד שתגביהו את המטה הגביהו את המטה ומצאו שם תינוק מת . מכאן אמרו חכמים אסור לישב על מטת ארמית . ואל תעברו אחורי בהכ"נ בשעה שהציבור מתפללין וכו' :

ויחלים את כמכוונין : ב"א ק"ש. שתהא מטתך דינא: למטה ארמית : ארמית ממש . על מטה ארמית : מעשה דרב פפא שאמרה לו שב על המטה והיה נכה מת מוטל עליה והיתה רוצה להטיל עליו ולומר שישב עליו והרגו :
על גב היד . את יד חברו הוא נושק ודרך הכבוד הוא זה מפני הרוק : אלא בשדה . דאמרי אינשי אזנים לכותל : בדבר אחר . תשמיש :אני צויתי למקודשי . במפלת בבל כתיב אני צויתי את מלכי פרס ומדי לבא ולהשחיתה : הכל מודים .

מה תניא אמר רבי עקיבא בשלשה דברים אוהב אני את המדיים כשחותכין את הבשר אין חותכין אלא על גב השלחן . כשנושקין אין נושקין אלא על גב היד . וכשיועצין אין יועצין אלא בשדה . אמר רב אדא בר אהבה מאי קראה . (בראשית לא) וישלח יעקב ויקרא לרחל וללאה השדה אל צאנו . תניא אמר רבן גמליאל בשלשה דברים אני אוהב את הפרסיים הם צנועים באכילתם וצנועים בבית הכסא וצנועים בדבר אחר . (ישעיה יג) אני צויתי למקודשי תנא רב יוסף אלו הפרסיים המזומנים ומקודשים לגיהנם :

(דף ס) **מן אמר** רבי אבא הכל מודים כשנגאלו ישראל ממצרים לא נגאלו אלא בערב

שְׁלָאפְֿעֶ אָן קְרִיאַת שְׁמַע לֵייעֶנֶען . דִיא בֶּעט זָאל נִיט זַיין וִויא דִי בֶּעט פוּן אַארַמִי . אוּנ אַנְדֶערֶע זָאגֶען רָבָא מֵיינְט מֶען זָאל נִיט חַתוּנָה הָאבֶּען מִיט אַגֶערְבֶע וָואס הָאט זִיךְ מְגַיֵיר גִיוֶועֶן . אוּנ אַנְדֶערֶע זָאגֶען רָבָא מֵיינְט מֶען זָאל נִיט זִיצֶען אוֹיף אַבֶּעט בַּיי אַארַמִית אִין שְׁטוּב חַייל עֶס הָט גִיטְרָאפֶֿען אַמַעֲשֶׂה מִיט רַב פָּפָּא . רַב פָּפָּא אִיז גִיגַאנְגֶען צוּ אַארַמִית אַהֵיים הָאט זִיא אִיהם גִינֶעבֶּען אַבֶּעט אוּנ זִיא הָאט גִזָאגְט צוּ אִיהם זִיץ הָט רַב פָּפָּא גִזָאגְט צוּ דִיא אֲרַמִית אִיךְ וֶועל נִיט זִיצֶען בִּיז דוּא וֶועסְט אוֹיף הֵייבֶּען דִי בֶּעט . הָט זִיא אוֹיף גִיהוֹיבֶּען דִי בֶּעט הָאט מֶען גִיפוּנֶען אוּנְטֶער דִי בֶּעט לִיגְט אַטוֹיט קִינְד . אוּנ דִי אֲרַמִית הָט גִיוָואלְט רַב פָּפָּא זָאל זִיךְ זֶעצֶען אוֹיף דֶעם בֶּעט . וֶועט זִיא זָאגֶען אַז רַב פָּפָּא הָט גִיהַרְגֶ'ת דָם קִינְד . דֶער פוּן הָאבֶּען דִיא חֲכָמִים גִזָאגְט מֶען טָאר נִיט זִיצֶען אוֹיף אַבֶּעט בַּאיי אַארַמִית אִין שְׁטוּב . רַב פָּפָּא הָאט גִזָאגְט צוּ דִיא קִינְדֶער אִיר זָאלְט נִיט גֵיין אִינְטֶער דִיא שׁוּהל וֶוען מֶען דַאוְוינְט אִין שׁוּהל . אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין סִימָן כב :

מה תַּנְיָא . מִיר הָאבְּען גִילֶערְנְט רַבִּי עֲקִיבָא הָט גִזָאגְט מִיט דְרַיי זַאכֶען הָאבּ אִיךְ לִיבּ דִיא מֶענְטְשִׁין פוּן מָדַי . אַז זֵיי שְׁנַיידֶען פְֿלֵייש שְׁנַיידֶען זֵייא נִיט אוֹיף קֵיין אַנְדֶער אָרְט . נָאר אוֹיף דֶעם טִישׁ . אַז זֵייא קוּשֶׁען אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערִין . קוּשְׁעֶן זֵייא נִיט אוֹיף קֵיין אַנְדֶער אָרְט . נָאר יֶענֶעם אוֹיף דִיא הַאנְט . אַז זֵייא וִוילֶען גֶעבִּין אֲעֵצָה אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערִין . גֶעבִּין זֵייא נִיט קֵיין עֵצָה אוֹיף קֵיין אַנְדֶער אָרְט . נָאר אִין פֶעלְד . הָאט רַב אַדָא בַּר אַהֲבָה גִזָאגְט פוּן וֶועלְכִין פָּסוּק וֵוייסֶען מִיר דָאס . עֶס שְׁטֵייט יַעֲקֹב הָט גֶעשִׁיקְט רוּפֶען צוּ רָחֵל אוּנ לֵאָה זֵיי זָאלֶען אַרוֹיס קוּמֶען צוּ אִיהם אִין פֶעלְד צוּ דִיא שֶׁעפְּסִין . אוּנ דָארְט הָט עֶר גִיפְרֶעגְט בַּיי זֵיי אַעֵצָה . צוּ עֶר זָאל אַוֶועק גֵיין פוּן לָבָן . מִיר הָאבֶּען גִילֶערְנְט רַבָּן גַמְלִיאֵל הָט גִזָאגְט מִיט דְרַיי זַאכֶען הָאבּ אִיךְ לִיבּ דִיא מֶענְטְשִׁין פוּן פָּרַס זֵייא זֶענֶען פְרוּם מִיט זֵייעֶר עֶסִין [זֵייא עֶסִין מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ נִיט וִויא פְרֶעסֶערְס] . אוּנ פְרוּם אִין בֵּית הַכִּסֵא : נִיט זִיצֶען וואו מֶענְטְשִׁין גֵייעֶן . אוּנ נִיט זִיךְ אָפּ דֶעקִין צוּ פִיל . אוּנ זֵייא זֶענֶען פְרוּם אִין תַּשְׁמִישׁ הַמִטָּה :

גָאט הָאט גִזָאגְט דוּרְךְ יְשַׁעְיָהוּ הַנָבִיא אִיךְ הָאבּ גִיבֶּאטֶען צוּ מַיינֶע אָן גִיבְּרֵייטֶע . הָאט רַב יוֹסֵף גִילֶערְנְט דָם מֵיינְט מֶען דִיא פַּרְסִיים וָואס זֵייא זֶענֶען אָן גִיבְּרֵייט צוּם גֵיהִנֹם :

מן אָמַר . רַבִּי אַבָּא הָאט גִיזָאגְט אַלֶע זֶענֶען מוֹדֶה אַז דִיא יוּדֶען זֶענֶען אוֹיס גִילֵייזְט

ע"י ח"א ד 4 גיווארען

בערב שנאמר (דברים טז) הוציאך ה' אלהיך ממצרים לילה כשיצאו לא יצאו אלא ביום שנאמר (במדבר לג) ממחרת הפסח יצאו בני ישראל ביד רמה על מה נחלקו על שעת חפזון דרבי אליעזר בן עזריה סבר מאי חפזון חפזון דמצרים ורבי עקיבא סבר מאי חפזון חפזון דישראל . תניא נמי הכי הוציאך ה' אלהיך ממצרים לילה וכי בלילה יצאו והלא לא יצאו אלא ביום שנאמר ממחרת הפסח יצאו בני ישראל ביד רמה אלא מלמד שהתחילה להם גאולה מבערב:

(שמות יא) **מן דבר** נא באזני העם וגו' אמרי דבי רבי ינאי אין נא אלא לשון בקשה א"ל הקדוש ב"ה למשה בבקשה ממך לך ואמור להם בבקשה מכם שאלו ממצרים כלי כסף וכלי זהב שלא יאמר אותו צדיק (בראשית טו) ועבדום וענו אותם קיים בהם (שם) ואחרי כן יצאו ברכוש גדול לא קיים בהם אמרו לו ולואי שנצא בעצמנו משל לאדם שהיה חבוש בבית האסורים והיו אומרים לו בני אדם למחר מוציאין אותך מבית האסורים ונותנים לך ממון הרבה ואומר להם בבקשה מכם הוציאוני מיד ואיני מבקש כלום . (שמות יב) וישאילום . אמר רבי אמי מלמד שהשאילום בעל כרחם . איכא דאמרי בעל

ר"ע גוסיה מוד: שהלילה מתלות ואילך סיתה שמפ הפזון דמצרים לשלחם מן הארץ: מבערב נגאלו שׁ כתנו להם רשות: חפזון דמצרים. מכת בכו"ת שעל ידו נחפזו לשלח לבלתם: חפזון דישראל. לא שמעו להם לצאת עד בוקר:

לוסו

גיווארען פון מצרים. זענען זייא ניט אוים גיבייזט גיווארען פריער וויא ביא נאכט . ביי נאכט האבען דיא מצרים גיגעבין רשות צו דיא יודען ארוים גיין פון מצרים . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט האט דיך אוים גיצויגין פון מצרים ביי נאכט . אונ אז די יודען זענען ארוים גיגאנגען פון מצרים זענען זיי ניט ארוים גיגאנגען פריער וויא אויף מארגין ביי טאג. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אויף מארגין ווי די יודן האבן גיגעסין דעם קרבן פסח זענען זייא ארוים גיגאנגען פון מצרים מיט גרויסקייט . אויף וואס קריגט מען אויף דיא צייט פון איילונג רבי אליעזר בן עזריה זאגט וועמעס איילונג מיינט מען די איילונג פון די מצרים . וואס זייא האבען גיאיילט אויף די יודען זייא זאלען ארוים גיין פון מצרים : אונ דאס איז גיוועזען ביי נאכט . אונ רבי עקיבא זאגט וועמעס איילונג מיינט מען . די איילונג פון דיא יודען מיינט מען . וואס זיי האבען גיאיילט ארוים צו גיין . אונ דאס איז גיוועזען אין דער פריא . מיר האבען אויך אזוי גילערונט גאט האט דיך אוים גיצויגין פון מצרים ביא נאכט . זענען דען דיא יודען ארוים גיגאנגען פון מצרים ביא נאכט . זייא זענען דאך ניט ארוים גיגאנגען פריער ווי ביא טאג [אין דער פריא] אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אויף מארגין וויא די יודען האבען גיגעסין דעם קרבן פסח זענען זיי ארוים גיגאנגען פון מצרים מיט גרויסקייט . נאר דער פסוק לערונט אונז אז דאס אויסלייזונג האט זיך אנגיהויבין ביי נאכט :

מן דבר נא . אין די תורה שטייט גאט האט גיזאגט צו משה . דוא זאלסט ריידען צום פאלק זיי זאלען בארגען איינער פון דעם אנדערין [דיא יודען פון די מצרים] זילבערנע אונ גאלדענע כלים אונ קליידער . דיא תלמידים פון רבי ינאי האבען גיזאגט דערווארט נא . מיינט מען גיבעט. גאט האט גיזאגט צו משה איך בעט פון דיר גייא זאג צו דיא יודען איך בעט פון אייך בארגט פון דיא מצרים זילבערנע כלים אונ גאלדענע כלים דער צדיק אברהם אבינו זאל ניט זאגין מען זאל דינגען מיט דיא יודען מען זאל זיי פייניגען דאס האט גאט מקיים גיוועזען. אונ וואס גאט האט צו גיזאגט אז דיא יודען וועלין ארוים גיין מיט גרוס גוטס דאס האט ער ניט מקיים גיוועזען . האבען די יודען גיזאגט צו משה הלואי זאלין מיר אליין ארוים גיין פון מצרים . אפילו אן גוטס . דס איז גלייך . א מענטש איז גיזעסין אין א תפיסה. האבען מענטשין צו איהם גיזאגט מארגין וועט מען דיך ארוים נעמען פון תפיסה אונ מען וועט דיר געבין פיל געלט . האט ער גיזאגט צו זייא איך בעט פון אייך נעמט מיך ארוים פון תפיסה באלד אונ איך פערלאנג פון אייך גאר קיין געלט ניט . מען האט זיי פאר בארגט . האט רבי אמי גיזאגט דער פסוק לערונט

לערונט

בעל כרחם דמצרים . וא"ר בעל כרחם דישראל מ"ד בעל כרחם דמצרים דכתיב (תהלים סח) ונות בית תחלק שלל . ומאן דאמר בעל כרחם דישראל משום משוי (שמות יב) וינצלו את מצרים . (פ' ע"פ) אמר רב אמי מלמד שעשאוה כמצודה שאין בה דגן . ור"ל אמר עשאוה כמצולה שאין בה דגים :

פירוש: לחזו לדיק . הכי"ם : כמלודה שאין בה דגן . דר"י עופות לגרות דגן שמה על דות כדי שיבאו עופות ונלכדין וכשאין בה דגן אין עוף פונה אליה כך ריקנו המצרים מכל ממונם . וינצלו כתרגומו ורוקינו : כמצולה שאין בה דגים . כמו מצולה ים כלומר בתוך התהום אין מצויין דגים אלא על שפת הים היכא דאיכא מזון : דים לצרה בשעתה . שיתאוננו בשעה שתבא עליהם

(שמות ג) **מה אהיה** אשר אהיה א"ל הקב"ה למשה לך אמור להם לישראל אני הייתי עמכם בשעבוד זה ואני אהיה עמכם בשעבוד מלכיות אמר לפניו רבש"ע דיה לצרה בשעתה. אמר ליה הקב"ה לך אמור להם (שם) אהיה שלחני אליכם . (מ"א יח) ענני ה' ענני אמר רבי אבהו למה אמר אליהו ענני ענני שתי פעמים מלמד שאמר

לערונט אונז מען האט זיי פרבארגט ניט וועלינדיג . אנדערע זאגין די מצרים האבען ניט געוואלט פארבארגין נאר זיי האבען גימוזט פרבארגין . אונ אנדערע זאגין דיא יודען האבען ניט גיוואלט נעמען . נאר זייא האבען גימוזט נעמען ; ווייל גאט האט גיהייסען . ווער עס זאגט אז דיא מצרים האבען גיגעבין ניט וועלינדיג ווארום עס שטייט אין פסוק די איינוואוהנערין פון שטוב . דאס מיינט מען די יודען וואס האבען גיוואוהנט אין מצרים : וואס מצרים ווערט גירופען בית עבדים די שטוב פון קנעכט . זיא האט זיך צו טיילט מיט רויב . דאס וואס יודען האבען גינומען פון מצרים רופט דער פסוק רויב ; ווייל דיא מצרים האבען ניט גיוואלט פאר בארגין נאר זיי האבען גימוזט . הייסט דאס גליך וויא יודען וואלטין בייא זייא גירויבט . אונ ווער עס זאגט אז דיא יודען האבען גיבארגט ניט וועלינדיג . פאר וואס האבען זיי ניט גיוואלט . עס איז זייא שווער גיוועזען צו טראגען . זייא האבען ליידיג גימאכט מצרים . האט רב אמי גיזאגט דער פסוק לערונט אונז זיי האבען אויסגילייידינט מצרים אונ האבען איהר גימאכט אזוי וויא אנעץ וואס אין איהר איז ניטא קיין קארין ודער שטיינער איז אנעץ וואס מען פאנגט אין איהר עופות שיט מען אביין קערנער קארין [אדער אנדערע קערנער] . אז די פויגיל זעהט די קערנער פליהט זיא אביין אין דיא נעץ עסין דיא קערנער . דער ווייל ווערט זיא איגוויניג גיפאנגען . אבער אז זיא זעהט ניט קיין קערנער איגוויניג גייט זיא ניט אביין אין די נעץ . אזוי ליידיג האבען יודען גימאכט מצרים ; אז קיין מעטש האט ניט גיוואלט אביין קומען אין מצרים פאר גרויס ארעמקייט וואס דארט איז גיוועזען . אונ ריש לקיש זאגט זיי האבען אויס גילייידיגט מצרים אונ האבען איהר גימאכט אזוי וויא אטיפע וואסר ווס אין איהר איז ניטא קיין פיש . שיפען זיך ווייניג מענטשין אויף דעם וואסער . אזוי זענען ווייניג מענטשין גיקומען אין מצרים ווייל זיא איז ארעם גיווארען :

מה אהיה אשר אהיה . איך וועל זיין אונ איך וועל זיין . גאט האט גיזאגט צו משה גייא זאג צו דיא יודען איך בין גיוועזען מיט אייך אין די ארבעט אין דעם גלות אונ איך וועל זיין מיט אייך ווען איהר וועט פארטריבען ווערין אין אנדערע פרעמדע לענדער . האט משה גיזאגט צו גאט . רבונו של עולם עס איז גינוג אז די יודען וועלין וויסען פון דיא צרה ווען זיא וועט זיין . צו וואס זאל מען זיי הייגט זאגין אז זיי וועלין נאך אמאהל זיין אין גלות . האט גאט גיזאגט צו משה גיי זאג צו די יודען אז אהיה האט מיך געשיקט צו אייך . [דאס הייסט גאט האט מיך געשיקט צו אייך . וואס ער רופט זיך מיט דעם נאמען אהיה] . איך זאל אייך זאגין אז גאט וועט זיין מיט אייך אונ וועט אייך אויס לייזין פון מצרים : ענני ה ענני . ענפער מיר גאט ענפער מיר . ווען אליהו הנביא האט גיזאגט צו די פאלשע נביאים וועלכער גאט עס וועט געבין פייער צו זיין נביא אויף זיין קרבן . וועט מען וויסען אז ער איז אגאט . האט אליהו הנביא גיבעטין צו גאט אונ האט גיזאגט צוויי מאהל ענפער מיר :

אמר . האט רבי אבהו גיזאגט צו וואס האט אליהו הנביא גיזאגט צוויא מאהל ענפער מיר .

אליהו לפני הקדוש ב"ה רבונו של עולם ענני שתרד אש מן השמים ותאכל כל אשר על המזבח . ועננִי שתסיח דעתם כדי שלא יאמרו מעשה כשפים הם שנאמר (שם) ואתה הסבות את לבם אחורנית :

למה תהליכם עקבית בגבורה קשה : שתסית דעתם . מלבא בלבם מזמה של רשע להכחישני ולומר על ידי כשפים הבאתי האש הזאת : וסיים באשרי . אלמא חדא היא דאשרי כל סופו ס סיומא דלמה רגשו הוא :

מט מכדי האי (תהלים יט) יהיו לרצון אמרי פי משמע לבסוף ומשמע מעיקרא דבעינן למימר מאי טעמא תקינו רבנן לאחר שמונה עשרה ברכות לימרו מעיקרא . אמר רבי יהודה בריה דרבי שמעון בן פזי הואיל ולא אמרו דוד אלא לאחר שמונה עשרה פרשיות לפיכך תקינו רבנן לאחר שמונה עשרה ברכות. הנהו תמני סרי תשסרי הויין אשרי האיש ולמה רגשו חדא פרשתא היא . דאמר רב יהודה בריה דר"ש בן פזי מאה ושלש פרשיות אמר דוד ולא אמר הללויה עד שראה במפלתן של רשעים שנאמר (תהלים קד) יתמו חטאים מן הארץ ורשעים עוד אינם ברכי נפשי את ה' הללויה . הני מאה ושלש מאה וארבע הויין אלא שמע מינה אשרי האיש ולמה רגשו חדא פרשה היא . דאמר רבי שמואל בר נחמני אמר רבי (יונתן) [יוחנן] כל פרשה שהיתה חביבה על דוד פתח בה באשרי וסיים בה

לערונט אונז דער פסוק אז אליהו האט געזאגט פאר גאט . רבונו של עולם . ענפער מיר עס זאל אראפ נידעריך אפייאר פון הימעל אונ עס זאל פאר ברענגען אליץ וואס עס איז אויף דעם מזבח. אונ ענפער מיר דוא זאלסט אפ טאהן זייער דעה זיי זאלין ניט זאגין אז דאס איז כישוף . עס זאל זייא ניט ארויף גיין אין דיא גידאנקען צו זאגין אז דאס איז כישוף. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דוא האסט אפ גיקערט זייער הארץ אויף אינטען . ווען זיי האבען גיזעהן נסים האט זיי גאט ניגעבין אין זינען זייא זאלין ניט גלויבין אין די נסים אונ זאלין ניט תשובה טאהן . איצט האט אליהו הנביא גיבעטין ביי גאט . ער זאל אפ טאהן פון זיי דיא שלעכטע גידאנקען . זייא זאלין ניט זאגין אז דאס איז כישוף. נאר זייא זאלען גלויבען אז דאס האט גאט גיטאהן . וועלין זיי תשובה טאהן ומהר"צ חיות) :

מט מכדי . דיא גמרא פרעגט דיא ווערטער יהיו לרצון אמרי פי עס זאל זיין בוויליגט דיא זאג פון מיין מויל קען מען זאגען נאך דעם דאווענען . אונ מען מיינט עס זאל זיין בוויליגט די זאג פון מיין מויל. וואס איך האב גיזאגט . אונ מען קען זאגין פארין דאווענען: אונ מען מיינט עס זאל זיין בוויליגט די זאג פון מיין מויל וואס איך וועל זאגען. פר וואס האבען די רבנן גיהייסען מען זאל זאגען יהיו לרצון אמרי פי נאך די אכטצעהן ברכות . זאל מען זאגען פריער . פאר די אכטצעהן ברכות . האט רב יהודה דער זוהן פון רבי שמעון בן פזי גיזאגט. ווייל דוד האט ניט גיזאגט דעם יהיו לרצון אמרי פי ביז נאך אכטצעהן קאפיטלאך תהלים . דריבער האבען דיא רבנן אויך גיהייסען זאגען יהיו לרצון אמרי פי נאך די אכטצעהן ברכות. ניט פריער . פרעגט דיא גמרא שטייט דען דער יהיו לרצון אמרי פי נאך אכטצעהן קאפיטלאך דער יהיו לרצון אמרי פי שטייט דאך נאך ניינצעהן קאפיטלאך . ענפערט דיא גמרא דער קאפיטל אשרי האיש אונ דער קאפיטל למה רגשו איז איין קאפיטעל . וואָרום רב יהודה דער זוהן פון רבי שמעון בן פזי הט גיזאגט הונדערט מיט דריי קאפיטלאך הט דוד גיזאגט אונ הט ניט גיזאגט הללויה ביז ער האט גיזעהן (די מפלה) דאס שלעכטס וואס ועט קומען אויף דיא רשעים . האט ער גיזאגט הללויה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דיא זינדיגע וועלען זיך אויס לאזען פון דיא וועלט. אונ רשעים וועלען שוין מעהר ניט זיין . דארויף לויבט מיין נפש צו גאט הללויה. פרעגט דיא גמרא איז דען דאס הונדערט מיט דריי קאפיטלאך דאס איז דאך הונדערט מיט פיר קאפיטלאך. נאר פון דאגען וויסען מיר אז אשרי האיש אונ למה רגשו איז איין קאפיטול . וואָרום רב שמואל בר נחמני האט גיזאגט רבי יונתן האט גיזאגט דער קאפיטול וואס דוד הט איהם ליב גיהאט האט ער איהם אן גיהויבען מיט אשרי אונ האט איהם אויס גילאזען מיט אשרי. ער האט אן גיהויבען מיט אשרי וואָרום עס שטייט אשרי האיש . אונ ער האט אויס גילאזען מיט אשרי . וואָרום עס שטייט אשרי

באשרי. פותח באשרי דכתיב (תהלים א) אשרי האיש וסיים באשרי דכתיב (שם ב) אשרי כל חוסי בו:

(דף י) **ג הנהו** בריוני דהוו בשבבותיה דר"מ והוו קא מצערי ליה טובא הוה קא בעי ר"מ רחמי עלייהו כי היכי דלימותו אמרה ליה ברוריה דביתהו מאי דעתיך משום דכתיב יתמו חטאים מי כתיב חוטאים חטאים כתיב ועוד שפיל לסיפיה דקרא ורשעים עוד אינם כיון דיתמו חטאים ורשעים עוד אינם אלא בעי רחמי עלייהו דלהדרי בתשובה ורשעים עוד אינם בעא רחמי עלייהו והדרי בתשובה. אמר לה ההוא צדוקי לברוריה כתיב (ישעיה נד) רני עקרה לא ילדה משום דלא ילדה רני אמרה ליה שטיא שפיל לסיפיה דקרא כי רבים בני שוממה מבני בעולה אמר ה׳ אלא מאי לא ילדה רני כנסת ישראל שדומה לאשה עקרה

בריוני. פריצים: חטאים כתיב: קרי ביה (חוטאים) חטאים מיכלה יצר הרע: שפיל. השפל עצמך לסוף המקרא כל דבר שהוא בסוף קרוי שפולו של דבר:

כָּל חוֹסֵי בוֹ. אוּנ אַשְׁרֵי כָּל חוֹסֵי בוֹ אִיז דָאךְ נִיט דֶער סוֹף פוּן אַשְׁרֵי הָאִישׁ נָאר דֶער סוֹף פוּן לָמָּה רָגְשׁוּ. אִיז דָאךְ דֶער אָנְהֵייבּ פוּן עֶרְשְׁטִין קַאפִּיטוּל אַשְׁרֵי. אוּנ דֶער סוֹף אִיז נִיט מִיט אַשְׁרֵי. אוּנ דֶעם סוֹף פוּן אַנְדֶערִין קַאפִּיטוּל אִיז אַשְׁרֵי אוּנ דֶער אָנְהֵייבּ אִיז נִיט מִיט אַשְׁרֵי. נָאר מִסְתָּמָא מוּז זַיין אַז אַשְׁרֵי הָאִישׁ מִיט לָמָּה רָגְשׁוּ אִיז אֵיין קַאפִּיטְל:

ג הַנְהוּ. שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשִׁין הָאבֶּען גִיוואוֹהנְט אִין דִיא שְׁכֵנוּת פוּן רַבִּי מֵאִיר. אוּנ זֵייא הָאבֶּען שְׁטַארְק מְצַעֵר גִיוֶועִן צוּ רַבִּי מֵאִיר. הָט רַבִּי מֵאִיר מִתְפַּלֵל גִיוֶועִן זֵיי זָאלֶען שְׁטַארְבֶּען: הָאט בְּרוּרְיָה דִיא וַוייבּ פוּן רַבִּי מֵאִיר גְזָאגְט צוּ רַבִּי מֵאִיר. וָואס אִיז דַיין מֵיינוּנְג פַאר וָואס בִּיסְטוּ מִתְפַּלֵל זֵייא זָאלֶען שְׁטַארְבֶּען. וַוייל עֶס שְׁטֵייט יִתַּמּוּ חַטָּאִים מֵיינְסְטוּ אַז דֶער טַייטְשׁ אִיז דִיא זִינְדִיגֶע וֶועלֶען זִיךְ אוֹיס לָאזֶען. שְׁטֵייט דֶען אִין פָּסוּק חוֹטְאִים. חוֹטְאִים אִיז טַייטְשׁ דִיא זִינְדִיגֶע. דִיא מֶענְטְשִׁין וָואס הָאבֶּען גֶעזִינְדִיגְט. אִין פָּסוּק שְׁטֵייט חַטָּאִים. יִתַּמּוּ חַטָּאִים אִיז טַייטְשׁ דִיא זִינְד וֶועלֶען זִיךְ אוֹיס לָאזֶען. אַלֶע מֶענְטְשִׁין וֶועלֶען תְּשׁוּבָה טָאהן אוּנ עֶס וֶועט נִיט זַיין קֵיין זִינְד. אוּנ נָאךְ וֶועל אִיךְ דִיר זָאגֶען גֵיי אַרָאפּ צוּם סוֹף פָּסוּק. אוּנ רְשָׁעִים וֶועלֶען שׁוֹין נִיט מֶעהר זַיין. אַז אִיךְ וֶועל זָאגֶען חַטָּאִים מֵיינְט מֶען דִיא זִינְדִיגֶער. דִיא מֶענְטְשִׁין וָואס הָאבֶּען גֶעזִינְדִיגְט. חֵטְא אִיז דָאךְ טַייטְשׁ אַזִינְד בְּשׁוֹגֵג. אַז דִיא וָואס הָאבֶּען גֶעזִינְדִיגְט בְּשׁוֹגֵג וֶועלֶען זִיךְ אוֹיס לָאזֶען אוּנ וֶועלֶען נִיט זַיין אוֹיף דִיא וֶועלְט. אִיז דָאךְ גֶעוִויס אַז רְשָׁעִים וָואס הָאבֶּען גֶעזִינְדִיגְט בְּמֵזִיד וֶועלֶען גֶעוִויס נִיט זַיין אוֹיף דִיא וֶועלְט. צוּ וָואס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק וּרְשָׁעִים עוֹד אֵינָם. נָאר גֶעוִויס אִיז חַטָּאִים דֶער טַייטְשׁ דִי זִינְד. אוּנ אַז דִיא זִינְד וֶועט זִיךְ אוֹיס לָאזֶען אַלֶע וֶועלֶען תְּשׁוּבָה טָאהן וֶועלֶען נִיט זַיין קֵיין רְשָׁעִים: נָאר אַלֶע וֶועלֶען זַיין צַדִּיקִים. נָאר זַייא מִתְפַּלֵל אוֹיף זֵייא. זֵייא זָאלֶען תְּשׁוּבָה טָאהן וֶועלֶען זֵייא נִיט זַיין קֵיין רְשָׁעִים: הָאט רַבִּי מֵאִיר מִתְפַּלֵל גִיוֶועִן אוֹיף זֵייא אוּנ זֵייא הָאבֶּען תְּשׁוּבָה גִיטָאהן:

אָמַר. אַאַפִּיקוֹרוֹס הָאט גְזָאגְט צוּ בְּרוּרְיָה (דִיא וַוייבּ פוּן רַבִּי מֵאִיר הָאט גִיהֵייסֶען בְּרוּרְיָה) עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק זִינְג דוּ עֲקָרָה וָואס דוּא הָאסְט נִיט גִיבָּאהְרֶען קֵיין קִינְדֶער. וַוייל זִיא הָאט נִיט גִיבָּאהְרֶען קֵיין קִינְדֶער זָאל זִיא זִינְגֶען. הָט בְּרוּרְיָה גְזָאגְט צוּ דֶעם אַפִּיקוֹרוֹס דוּא שׁוֹטֶה גֵיי אַרָאפּ צוּם סוֹף פָּסוּק גָאט הָט גְזָאגְט אַז דִיא קִינְדֶער פוּן דִיא וָואס אִיז גִיוֶועִן פַאר ווִיסְט אָן אַמַאן. וֶועלֶען זַיין מֶעהר ווִיא דִיא קִינְדֶער פוּן דִיא וָואס הָאט גִיהַאט אַמַאן. דָאס מֵיינְט מֶען דִיא יוּדֶען וָואס וֶועלֶען קוּמֶען אִין יְרוּשָׁלַיִם וָואס יְרוּשָׁלַיִם אִיז גִיוֶועִן בִּיז אִיצְט פַאר ווִיסְט וֶועלֶען זַיין מֶעהר ווִיא דִיא אוּמּוֹת פוּן אַנְדֶערֶע שְׁטֶעט וָואס זֶענֶען קֵיין מָאהל נִיט פַאר ווִיסְט גִיוָוארֶען. נָאר וָואס מֵיינְט מֶען זִיא הָט נִיט גִיבָּאהְרֶען. דָאס פֶערְטַאמְלוּנְג פוּן יוּדֶען דַארְפֶען זִינְגֶען. וַוייל זִיא אִיז גְלַייךְ ווִיא אַאִשָּׁה וָואס הָט נִיט קֵיין קִינְדֶער. וָוארוּם זִיא הָאט נִיט גִיבָּאהְרֶען קֵיין קִינְדֶער צוּם גֵיהִנָּם אַזוֹי ווִיא אִיר זֶענְט. וֶוען יוּדֶען זֶענֶען גִיוֶועִן אִין גָלוּת אַז

עקרה שלא ילדה בנים לגיהנם כוותייכו :

נא אמר ליה ההוא צדוקי לרבי אבהו כתיב (תהלים ג) מזמור לדוד בברחו מפני אבשלום בנו וכתיב (שם נז) (מזמור) [מכתם] לדוד בברחו מפני שאול במערה הי מעשה הוה ברישא מכדי מעשה דשאול הוה ברישא לכתוב ברישא אמר ליה אתון דלא דרשיתון סמוכים קשיא לכו אנן דדרשינן סמוכים לא קשיא לן דאמר רבי יוחנן סמוכים מן התורה מנין שנאמר (שם קיא) סמוכים לעד לעולם עשויים באמת וישר למה נסמכה פרשת אבשלום לפרשת גוג ומגוג שאם יאמר לך אדם כלום יש עבד שמורד ברבו אף אתה אמור לו כלום יש בן שמורד באביו אלא הוה . הכא נמי הוה :

נב אמר רבי יוחנן משום רבי שמעון בן יוחאי מאי דכתיב (משלי לא) פיה פתחה בחכמה ותורת חסד על לשונה כנגד מי אמר שלמה מקרא זה לא אמרו אלא כנגד דוד אביו שדר בחמשה עולמות ואמר שירה דר במעי אמו ואמר שירה שנאמר (תהלים קג) ברכי נפשי את ה' וכל קרבי את שם קדשו . יצא לאויר העולם ונסתכל בכוכבים ובמזלות ואמר

סמוכים וגו'. כדברי תורה כתיב אחרי נאמנים כל פקודיו. סמוכים סמיכת כל פקודיו. עשויים באמת וישר לצורך ולא לדבר ריק : כלום יש עבד שמורד ברבו . ויבא להוכיח את דברי הנביא : אמור לו כלום יש בן וכו' . והא חזינא הכא דהוה : הכא נמי הוה . סופיה להיות ע"כ :
אמר שירה. כנגד כלם אמר שירה לכשנראה רוח הקודש עליו : וכל קרבי . על שם קרבי אמו

וִויא וָואלְטֶען זִיךְ שְׁטַארְק גִימֶעהרְט וָואלְט גִיוֶוען פִיל רְשָׁעִים . הָאט גָאט גֶעמַאכְט זַייא זָאלְ‍ֶן זַיין אִין גָלוּת וֵוייניג מֶענְטְשִׁין . וֶועט זַיין וֵוייניג רְשָׁעִים . אוּנ אִין יְרוּשָׁלַיִם אַז אַלֶע וֶועלֶען זַיין צַדִיקִים וֶועלֶען זַייא זִיךְ מֶעהרִין :

נא אָמַר . אַאַפִּיקוֹרוֹס הָט גִזָאגְט צוּ רַבִּי אַבָהוּ עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דָוִד הָאט גִיזוּנְגֶען חֶוען עֶר אִיז אַנְטְלָאפֶען פַאר זַיין זוּהן אַבְשָׁלוֹם אוּנ עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דָוִד הָאט גִיזוּנְגֶען וֶוען עֶר אִיז אַנְטְלָאפֶען פַאר שָׁאוּל הַמֶלֶךְ אִין דִיא הֵייל [אִין דֶעם קֶעלֶער] . וֶועלְכֶע זַאךְ אִיז גִיוֶוען פְרִיֶער גֶעוֶוים אִיז דִיא מַעֲשֶׂה פוּן שָׁאוּל גִיוֶוען פְרִיֶער . זָאל דִיא מַעֲשֶׂה פוּן שָׁאוּל שְׁטֵיין פְרִיֶער אִין תְהִלִים וִויא דִי מַעֲשֶׂה פוּן אַבְשָׁלוֹם . הָט רַבִּי אַבָהוּ גִזָאגְט צוּ דֶעם אַפִּיקוֹרוֹס אִיר דַרְשְׁת נִיט אוֹיף דִיא פְּסוּקִים פַאר וָואס זַייא זֶענֶען נָאנְט אֵיינֶער צוּם אַנְדֶערִין . פַאר וָואס דִיא זַאךְ שְׁטֵייט בַּיי דִי זַאךְ . הַארְט אַייךְ פַאר וָואס דִיא מַעֲשֶׂה פוּן אַבְשָׁלוֹם שְׁטֵייט פְרִיֶער וִויא דִיא מַעֲשֶׂה פוּן שָׁאוּל . מִיר דַרְשְׁנֶן יָא פַאר וַואס דִיא זַאךְ שְׁטֵייט בַּיי דִי זַאךְ . אִיז אוּנְז קֵיין קַשְׁיָא נִיט פַאר וָואס דִיא מַעֲשֶׂה פוּן אַבְשָׁלוֹם שְׁטֵייט פְרִיֶער וִויא דִיא מַעֲשֶׂה פוּן שָׁאוּל . וָוארוּם רַבִּי יוֹחָנָן הָט גִזָאגְט פוּן וַואנֶען וֵוייס מֶען פוּן דִיא תּוֹרָה אַז מֶען בַּארְף דַרְשְׁנֶן פַר וָואס דִיא זַאךְ שְׁטֵייט בַּיי דִי זַאךְ . וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דָאס וָואס דִיא זַאךְ שְׁטֵייט נָאנְט צוּ דִי זַאךְ . דָאס אִיז אוֹיף אֵייבִּיג . אוּנ עֶס אִיז גֶעמַאכְט גִיוָוארֶען מִיט אֱמֶת אוּנ מִיט רִיכְטִיגְקַייט אַז דִיא זַאךְ בַּארְף שְׁטֵיין בַּיי דִי זַאךְ . צוּ וָוס שְׁטֵייט דֶער קַאפִּיטוּל וָואס שְׁמוּעֶסְט פוּן אַבְשָׁלוֹם בַּיי דֶעם קַאפִּיטוּל וָוס שְׁמוּעֶסְט פוּן דִי מִלְחָמָה פוּן גוֹג וּמָגוֹג . אוֹיבּ אַמֶענְטְשׁ וֶועט צוּא דִיר זָאגֶען אִיז דֶען דָא אַקְנֶעכְט עֶר זָאל נִיט פָאלְגֶען זַיין בַּעַל הַבַּיִת . אוּנ עֶר זָאל גֵיין מִיט אִיהם מִלְחָמָה הַאלְטֶען . זָאלְסְטוּ זָאגֶען צוּ אִיהם אִיז דֶען דָא אַזוּהן עֶר זָאל נִיט פָאלְגֶען זַיין פָאטֶער . אוּנ עֶר זָאל גֵיין מִיט אִיהם מִלְחָמָה הַאלְטֶען . נָאר מִיר זֶעהן עֶס אִיז דָאךְ גִיוֶוען . אַבְשָׁלוֹם מִיט זַיין פָאטֶער דָוִד . אַזוֹי וֶועט דָס אוֹיךְ זַיין . דִי מִלְחָמָה פוּן גוֹג וּמָגוֹג גֶעגִין גָאט :

נב אָמַר : רַבִּי יוֹחָנָן הָאט גִיזָאגְט פוּן רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִים וֶועגִין . וָואס מֵיינְט דֶער פָּסוּק אִיהר מוֹיל הָאט זִיא גִיעֶפִינְט מִיט חָכְמָה אוּנ אַלֶערְנוּנְג פוּן חֶסֶד אִיז אוֹיף אִיהר צוּנְג . גֶעגִין וֶועמֶען הָאט שְׁלֹמֹה הַמֶלֶךְ גִיזָאגְט דֶעם פָּסוּק . עֶר הָאט אִיהם נִיט מֶעהר גִיזָאגְט נָאר גֶעגִין זַיין פָאטֶער דָוִד . דָוִד הַמֶלֶךְ הָאט גִיוואוֹהנְט אִין פִינְף וֶועלְטִין . דַארוֹיף הָאט עֶר גִיזָאגְט שִׁירָה . עֶר הָאט גִיוואוֹהנְט בַּיי זַיין מוּטֶער אִין בּוֹיךְ . הָאט עֶר דַארוֹיף גִיזָאגְט שִׁירָה אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק מַיין נֶפֶשׁ לוֹיבּ גָאט אוּנ מַיינֶע אַלֶע אִינגֶעוַוייד לוֹיבֶּען זַיין הַיילִיגֶען נָאמֶען

שדר נהוג: מאי משמע . דעל יום המיתה מאמר: בא ולא וכו' . הוא סגור דסכי נעי מאי בלא

ואמר שירה שנאמר (שם) ברכו ה' מלאכיו גבורי כח עושי דברו לשמוע בקול דברו ברכו ה' כל צבאיו וגו' . ינק משדי אמו ונסתכל בדדיה ואמר שירה . שנאמר (שם) ברכי נפשי את ה' ואל תשכחי כל גמוליו מאי כל גמוליו אמר רבי אבהו שעשה לה.דדים במקום בינה טעמא מאי אמר רב יהודה כדי שלא יסתכל בערוה רבי מתנה אמר כדי שלא יינק ממקום הטנופת. ראה במפלתן של רשעים ואמר שירה שנאמר (שם קד) יתמו חטאים מן הארץ ורשעים עוד אינם ברכי נפשי את ה' הללויה. נסתכל ביום המיתה ואמר שירה שנאמר (שם) ברכי נפשי את ה' ה' אלהי גדלת מאד הוד והדר לבשת . מאי משמע דעל יום המיתה נאמר אמר (רבא) [רבה] בר רב שילא מסיפא דעניינא דכתיב (שם) תסתיר פניך יבהלון תוסף רוחם יגועון ואל עפרם ישובון . רב שימי בר עוקבא ואמרי לה מר עוקבא הוה שכיח קמיה דרבי שמעון בן פזי והוה מסדר אגדתא קמיה דרבי יהושע בן לוי א"ל מ"ד (שם קג) ברכי נפשי את ה' וכל קרבי את שם קדשו . אמר ליה בא וראה שלא כמדת הקב"ה מדת בשר ודם

מדת

אויף דעם וואס איך בין געזעסען צווישען דיא אינגעווייד ווען איך בין געוועזען ביי מיין מוטער אין בויך . אז דוד איז ארויס געקומען אויף דיא וועלט אונ ער האט זיך איין געקוקט אין די שטערין הט ער גזאגט שירה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק זאקען לויבען גאט זיינע מלאכים דאס זייא זענען שטארק אין כח זייא טוהען זיינע רייד וואס גאט רעט צו זייא צוא הערין דעם קול פון זיינע רייד אלע זיינע חילות לויבט גאט ודיא חילות פון גאט זענען דיא זוהן דיא לבנה דיא שטערין) : ער האט געזויגען פון דיא בריסט פון זיין מוטער אונ ער האט זיך איין געקוקט אויף אירע בריסט האט ער גזאגט שירה . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק מיין נפש לויב גאט דוא זאלסט ניט פארגעסען כל גמוליו . וואס מיינט מען כל גמוליו . האט רבי אבהו גזאגט גאט האט געמאכט דיא בריסט ביי א אשה אויף דעם הארץ וואס דארט איז דער פערשטאנד פון מענטש . גמוליו איז טייטש דיא דער ציהונג וואס מען דער ציהט א קינד ביי דיא ברוסט . פר וואס האט גאט געמאכט דיא בריסט פון א אשה אויף דאס הארץ . ניט וויא ביי א בהמה . הט רב יהודה גזאגט דאס קינד זאל ניט זעהן די ערוה פון די אשה . רב מתנא זאגט דאס קינד זאל ניט זייגען פון א מיאוסען ארט . דוד המלך האט געזעהן (דיא מפלה) דם שלעכטס וואס וועט קומען אויף דיא רשעים האט ער גזאגט שירה . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דיא זינדיגע וועלען גילאזט ווערין פון דיא וועלט אונ דיא רשעים וועלען שוין ניט זיין . מיין נפש לויבט צו גאט. לויבט אלע צו גאט ; דוד המלך האט זיך איין געקוקט אין דעם טאג פון שטארבען האט ער גזאגט שירה . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק מיין נפש לויבט צו גאט . גאט מיין גאט דוא ביסט זייער גרויס דוא האסט דיך אן געקליידט מיט שיינקייט . פון וואנען ווייס מען אז דער פסוק איז גזאגט געווארען אויף דעם טאג פון שטארבען . האט רבה בר רב שילא גזאגט פון סוף פון דעם ענין ווייס מען אז ער שמועסט פון שטארבען : ווארום עס שטייט אין פסוק אז דוא פארבערגסט דיין פנים ווערען זייא דער שראקען . אז זייער אטעם ווערט פאר לענד פאר גייען זייא אונ קערין זיך צוריק צו זייער ערד . דיא קשיא איז וואס האט דוד געזונגען . נאר ער האט געזונגען אויף תחית המתים . וויא ווייטער שטייט אז דוא וועסט שיקען דיין לעבעדיגען אטעם צוא דיא מתים . וועלען זייא בשאפען ווערען : רב שימי בר עוקבא אונ אנדערע זאגען מר עוקבא איז געוועזען געוואוהנט צוא זיין פאר רבי שמעון בן פזי אונ ער פלעגט לערנען אגדתות פאר רבי יהושע בן לוי האט רבי יהושע בן לוי גזאגט צו רבי שמעון בן פזי וואס מיינט דער פסוק מיין נפש לויבט צו גאט אונ אלע מיינע אינגעווייד זאלען לויבען צוא זיין היילגען נאמען . הט רבי שמעון בן פזי געמיינט אז רבי יהושע בן לוי פרעגט איהם פאר וואס שטייען דיא אינגעווייד מעהר וויא אלע גלידער . דארויף האט

קריס דנקס: המשה ברכי נפשי. לפיל תביב לגוב דלהכמן דהזיל אליהו לגבי אחהב. דכתיב ויאק

מדת בשר ודם צר צורה על הכותל ואינו יכול להטיל בו רוח ונשמה קרבים ובני מעים. והקב"ה אינו כן צר צורה בתוך צורה ומטיל בו רוח ונשמה קרבים ובני מעים. והיינו דאמרה הנה (ש"א ב) אין קדוש כה' כי אין בלתך ואין צור כאלהינו. מאי אין צור כאלהינו אין צייר כאלהינו מאי כי אין בלתך אמר רב יהודה בר מנסיא אל תקרי כי אין בלתך אלא אין לבלותך. שלא כמדת הקב"ה מדת בשר ודם. בשר ודם מעשה ידיו מבלין אותו והקדוש ב"ה מבלה מעשיו. אמר ליה אנא הכי קא אמינא לך הני המשה ברכי נפשי כנגד מי אמרן דוד לא אמרן אלא כנגד הקב"ה וכנגד נשמה מה הקדוש ברוך הוא מלא כל העולם אף נשמה מלאה כל הגוף. מה הקב"ה רואה ואינו נראה אף נשמה רואה ואינה נראית. מה הקב"ה זן את כל העולם כולו אף נשמה זנה את כל הגוף. מה הקב"ה טהור אף נשמה טהורה מה הקדוש ב"ה יושב בחדרי הדרים אף נשמה יושבת בחדרי חדרים יבא מי שיש בו המשה דברים הללו וישבח למי שיש בו חמשה דברים הללו:

נג אמר רב המנונא מאי דכתיב (קהלת ח) מי כהחכם ומי יודע פשר דבר מי כהקב"ה שיודע לעשות פשרה בין שני צדיקים בין חזקיהו לישעיהו. חזקיהו אמר ליה ישעיהו גבאי דהכי אשכחן באליהו דאזיל

רבי שמעון בן פזי זאגט צו רבי יהושע בן לוי קום זעה אז דיא מדה פון גאט איז ניט וויא דיא מדה פון אמענטש. דער שטייגער איז אז אמענטש מאהלט אויס אצורה. וואס מאהלט ער זיא אויס. אויף אוואנט. אונ ער קען ניט אריין געבין אין דיא צורה קיין אטעם אונ קיין נשמה אונ קיין קישקעס אונ קיין גידערים. אבער גאט איז ניט אזוי ער מאהלט אויס אצורה אין אצורה. אמענטש אין אמענטש. אונ ער גיט אין דיא צורה אאטעם אונ אנשמה קישקעס אונ אינגעווייד. דאס איז וואס חנה הט גזאגט עס איז ניטא אזוי אהייליגער וויא גאט איז. ווארום אויסער דיר איז ניטא קיין גאט. עס איז ניטא קיין צור אזוי ווי אונזער גאט. פרעגט דיא גמרא וואס מיינט מען עס איז ניטא קיין צור וויא אונזער גאט. וויא איז דער טייטש פון דעםווארט צור. נאר זאלסט ניט לייענען צור. נאר צייר. אמעלער. קיינער קען ניט אויס מאהלען וויא אונזער גאט. וואס מיינט מען עס איז ניטא בלתך. וויא איז דער טייטש פון דעם ווארט בלתך. הט רב יהודה בר מנסיא גזאגט זאלסט ניט לייענען אין בלתך נאר זאלסט לייענען אין לבלותך. מען קען דיך ניט איבער לעבין. דיא מדה פון גאט איז ניט וויא דיא מדה פון אמענטש. אז אמענטש מאכט אזאך. לעבט דיא זאך לייגגער ווי דער מענטש. אונ גאט לעבט איבער אלץ וואס ער האט געמאכט. האט רבי יהושע בן לוי גזאגט צו רבי שמעון בן פזי איך האב אזוי גזאגט צו דיר. די פינף ברכי נפשי געגין וועמען האט זייא דוד גזאגט. ער האט זייא נישט מעהר גזאגט נאר געגין גאט אונ געגין די נשמה. אזוי וויא גאט איז פול דיא גאנצע וועלט אזוי איז דיא נשמה פול דעם גאנצען גוף. אזוי וויא גאט זעהט אלץ אונ ער ווערט ניט גיזעהן. אזוי דיא נשמה זעהט אונ זיא ווערט ניט גיזעהן. אזוי ויא גאט שפייזט די גאנצע וועלט. אזוי דיא נשמה שפייזט דעם גאנצען גוף. אזוי ווי גאט איז טהור אזוי דיא נשמה איז אויך טהור. אזוי וויא גאט זיצט אין דיא אינווייניגסטע חדרים אזוי דיא נשמה זיצט אויך אין דיא אינוויינגסטע חדרים. זאל קומען דיא נשמה וואס זיא האט דיא פינף זאכען אונ זיא זאל לויבען צוא גאט וואס ער האט אויך דיא פינף זאכען:

נג אמר. רב המנונא האט גזאגט וואס מיינט דער פסוק וואס ער זאגט ווער איז אזוי וויא דער חכם אונ ווער ווייס צו בשיידען אזאך. ווער איז אזוי קלוג וויא גאט וואס ער ווייס צו מאכען אפשרה (אפאר גלייכונג) צווישען צוויא צדיקים. צווישען חזקיה המלך אונ ישעיה הנביא. חזקיה המלך האט גזאגט ישעיה זאל קומען צו מיר ווארום אזוי געפינען מיר

אז

פירוש אליהו להראות אל אחאב: יהורם אזיל לגבי אלישע. כשהלכו על מואב הוא ויהושפט (מ"ב ג) ומתוך שהיו הולכים זה אצל זה לא היה מוכיחו על שלא כשר היה: כבשי דרחמנא. סתרים דקב"ה כמו רישא בכבשא בכבשונת כאמר: גזרה גזרה. שמעות: מקובלני מבית אבי אבא.

דאזיל לגבי אחאב שנאמר (מ"א יח) וילך אליהו להראות אל אחאב. ישעיהו אמר ליתי חזקיהו גבאי דהכי אשכחן ביהורם בן אחאב דאזיל לגבי אלישע. מה עשה הקב"ה הביא יסורין על חזקיהו ואמר לו לישעיה לך ובקר את החולה. שנאמר (ישעיה לח) בימים ההם חלה חזקיהו למות ויבא אליו ישעיהו בן אמוץ הנביא ויאמר אליו כה אמר ה' צו לביתך כי מת אתה ולא תחיה וגו' מאי כי מת אתה ולא תחיה מת אתה בעולם הזה ולא תחיה לעולם הבא אמר ליה מאי כולי האי. אמר ליה משום דלא עסקת בפריה ורביה. אמר ליה משום דחזאי לי ברוח הקודש דנפקי מנאי בנין דלא מעלי אמר ליה בהדי כבשי דרחמנא למה לך מאי דמפקדת איבעי לך למעבד ומאי דניחא קמיה קודשא בריך הוא לעביד. אמר ליה השתא הב לי ברתך אפשר דגרמא זכותא דידי ודידך ונפקי מנאי בנין דמעלי אמר ליה כבר נגזרה עליך גזרה אמר ליה בן אמוץ כלה נבואתך וצא כך מקובלני מבית אבי אבא אפילו חרב חדה מונחת על צוארו של אדם אל ימנע עצמו מן הרחמים. אתמר נמי רבי יוחנן ורבי (אליעזר) [אלעזר] דאמרי תרוייהו אפילו חרב חדה מונחת על צוארו של אדם אל ימנע עצמו מן הרחמים שנאמר (איוב יג) הן יקטלני לו איחל. לסוף יהב ליה ברתיה נפק מיניה מנשה ורבשקה. יומא חדא רכבינהו אכתפיה לאמטויינהו

אז אליהו הנביא איז אויך גיגאנגען צום מלך אחאב. ישעיה הנביא האט גזאגט חזקיה זאל קומען צו מיר. ווארום אזוי געפינען מיר אז יהורם דער זוהן פון אחאב וואס ער איז געוועזן א מלך איז ער גיגאנגען צו אלישע הנביא. וואס האט גאט גיטאהן ער האט גיבראכט יסורים אויף חזקיהו. חזקיהו איז קראנק גיווארען אונ גאט האט גזאגט צו ישעיהו הנביא גייא זעה וואס דער קראנקער מאכט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אין דיא טעג איז חזקיהו קראנק גיווארען צום שטארבן. איז ישעיהו דער זוהן פון אמוץ הנביא געקומען צו חזקיהו אונ ער האט גזאגט צוא איהם אזוי האט גאט גזאגט געבט צו דיינע מענטשין פון שטוב. ווארום דוא וועסט שטארבען אונ דוא וועסט ניט לעבין. וואס האט גימיינט ישעיהו הנביא וואס ער האט גזאגט. דו וועסט שטארבען אונ וועסט ניט לעבין. דוא וועסט שטארבען אויף דיא וועלט אונ דוא וועסט ניט לעבין אויף דיא אנדערע וועלט. האט חזקיהו גזאגט צוא ישעיהו פאר וואס קומט מיר אזוי א שטראף. האט ישעיה גזאגט צו חזקיה ווייל דוא האסט ניט גענומען קיין ווייב אונ האסט ניט קיין קינדער. האט חזקיה גזאגט צו ישעיה ווייל איך האב גיזעהן מיט רוח הקודש אז עס וועט גיבארען ווערין פון מיר שלעכטע קינדער. האט ישעיה גזאגט צו חזקיה וואס דארפסטו קערין דיא פאר בארגענע זאכען פון גאט וואס מען האט דיר גיבאטען דארפסטו טאהן אונ וואס ביי גאט איז ליב זאל ער טאהן. האט חזקיה גזאגט צו ישעיה איצט אז עס איז אזוי גיב מיר דיין טאכטער. טאמער דורך מיין זכות אונ דורך דיין זכות וועט גיבארען ווערין פון מיר גוטע קינדער. האט ישעיה גזאגט צו חזקיה עס איז שוין לאנג אויף דיר גגזר גיווארען אז דוא זאלסט שטארבען. האט חזקיה גזאגט צוא ישעיה דוא זוהן פון אמוץ ווער האט איהם ניט גיוואלט רופען ביי זיין נאמען) זאג אפ דיינע נביאות אונ גיי פון דאנען. אזוי האב איך גיהערט פון מיין פאטערס פאטער. פון דוד המלך אפילו א שארפע שווערד ליגט אויף דעם האלדז פון א מענטש זאל ער זיך נאך ניט פאר מיידען פון צו בעטען ביי גאט. אונ גאט קען איהם נאך העלפען. מיר האבען אויך אזוי גילערנט. רבי יוחנן אונ רבי אלעזר זאגען ביידע אפילו א שארפע שווערד ליגט ביי א מענטש אויף זיין האלדז. פון דעסטוועגין זאל ער זיך ניט פאר מיידען צו בעטין ביי גאט. אונ גאט קען איהם העלפען. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק איוב האט גזאגט אפילו מען וועט מיך וועלען הרגנן טוה איך האפען צו גאט. דער נאך האט

לאמטויינהו לבי כדרשא. אמר חד מינייהו חזי רישא דאבא למטוי ביה גלדאני וחד אמר חזי רישא דאבא לקרובי עליה קרבנא לעבודת כוכבים ומזלות חבטינהו בארעא מנשה חיה ורבשקה מת. קרי אנפשיה (ישעיה לג) וכלי כליו רעים. אמר רב (נחמן) [חנן] אפילו בעל החלומות אומר לו לאדם למחר הוא מת אל ימנע עצמו מן הרחמים שנאמר (קהלת ה) כי ברוב חלומות והבלים ודברים הרבה כי את האלהים ירא מיד (ישעיה לח) ויסב חזקיהו פניו אל הקיר ויתפלל אל ה' מאי קיר אמר רבי שמעון בן לקיש מקירות לבו שנאמר (ירמיה ד) מעי מעי אוחילה קירות לבי וגו' רבי לוי אמר על עסקי הקיר אמר לפניו רבונו של עולם ומה שונמית שלא עשתה אלא קיר אחת קטנה החיית את בנה אבי אבא שחפה את ההיכל כולו בכסף וזהב על אחת כמה וכמה. (ישעיה לח) זכר נא את אשר התהלכתי לפניך באמת ובלב שלם והטוב בעיניך עשיתי מאי והטוב בעיניך עשיתי אמר רב יהודה אמר רב שסמך גאולה

דוד שראה את המלאך וחרבו שלופה בידו בסוף ספר שמואל (ש"ב כד) לא מנע עצמו מן הרחמים: אבי אבא שחפה את היכל. שלמה: שגנז ספר רפואות.

ישעיה גיגעבען זיין טאכטער צו חזקיה פר אווייב איז גיבארען גיווארען פון איהם מנשה אונ רבשקה. איין טאג האט גיטראפען אז חזקיהו האט גיטראגען ביידע קינדער אויף זיין אקסיל זיי צו ברייגגען אין בית המדרש. הט איין קינד גזאגט די קאפ פון אונזער פאטער איז גוט מען זאל מיט איר בראטען קליינע פישלאך אונ איין קינד האט גזאגט דיא קאפ פון אונזער פאטער איז גוט מען זאל אויף איר מקריב זיין אקרבן צו דער עבודה זרה. האט חזקיה זייא אווארף געטאהן אויף דיא ערד. מנשה איז געבליבען לעבין אונ רבשקה איז גי שטארבען. הט חזקיה אויף זיך גילייענט דעם פסוק דער שלעכטער זענען זיינע כלים אויך שלעכט. ווייל איך בין שלעכט זענען מיינע קינדער אויך שלעכט. רב חנן האט גזאגט אפילו מען זאגט צו אמענטשין אין חלום אז ער וועט מארגען שטארבען. אונ דאס מערסטע חלומות זענען פאלש אונ נארעשקייט. פון דעסטוועגין זאל ער זיך ניט פאר מיידען פון צו בעטין ביי גאט. אונ ער זאל זארגען טאמער איז דאס אמת. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אפילו דיא חלומות זענען מיט פיל נארעשקייט אונ מיט פיל רייד. פון דעסטוועגין זאלסטו מורא האבען פאר גאט אונ זארגען טאמער זענען דיא חלומות אמת. באלד נאך דיא רייד וואס חזקיה הט גירעט מיט ישעיה הנביא: האט חזקיהו אומגיקערט זיין פנים צום קיר אונ האט מתפלל גיווען צו גאט. פרעגט דיא גמרא וואס מיינט מען מיט דעם ווארט קיר. הט רבי שמעון בן לקיש גזאגט מיט דיא ווענט פון הארצען. מיט גרויס כונה: אזוי וויא עס שטייט אין פסוק מיט מיינע גידערעם טוה איך בעטען. מיט דיא ווענט פון הארצען טוה איך בעטין: רבי לוי זאגט קיר איז טייטש אוואנט. ער האט גיבעטען וועגין דיא וואנט. חזקיה האט גזאגט פר גאט רבונו של עולם דיא שונמית האט ניט מעהר געמאכט נאר איין קליינע וואנט פאר דעם נביא אלישע. האסטו לעבעדיג געמאכט איר זוהן פאר דיא מצוה. מיין פאטערס פאטער. שלמה המלך. וואס ער האט בדעקט דעם גאנצען בית המקדש מיט זילבער אונ מיט גאלד וויא פיל מענטשין דארפסטו לעבעדיג מאכען פאר דיא מצוה. פאר איין וואנט וואס מען האט געמאכט פאר דעם כבוד פון נביא. האסטו לעבעדיג געמאכט אמענטש. וויא פיל מענטשין דארפסטו לעבעדיג מאכען פאר דיא גאלד אונ זילבער. וואס מען האט בדעקט אין היכל פאר דיין כבוד. גידיינק איצט וואס איך בין גיגאנגען פאר דיר מיט אמת אונ מיט דעם גאנצען הארץ אונ וואס עס איז גוט אין דיינע אויגען [וואס דיר איז גיפעלען] האב איך גיטאהן. וואס האט חזקיה געמיינט דער מיט וואס ער האט גזאגט וואס עס איז גוט אין דיינע אויגען האב איך גיטאהן. הט רב יהודה גזאגט פון רבס וועגין ער האט גזאגט גאל ישראל אונ באלד גידאווינט שמונה עשרה. אדער דער פשט איז ער האט פריער גילויבט גאט אויף זיין אויס לייזונג. וואס גאט הט אויס גילייזט איהם מיט אלע יודען פון סנחריב מלך אשור. אונ באלד נאך די א לויב הט ער מתפלל

כדי שיבקשו רחמים: בסולה בזכות עצמו. שאומר עשה לי בזכותי כגון חזקיה שאמר זכר נא את אשר התהלכתי לפניך וגו': מר סוה לו. על שאמר לו ולמען דוד עבדי:

נאולה לתפלה רבי לוי אמר שגנז ספר רפואות:

(פ"ב) **נד אמר** רבי יוחנן משום רבי יוסי בן זמרא כל התולה בזכות עצמו תולין לו בזכות אחרים. וכל התולה בזכות אחרים תולין לו בזכות עצמו. משה תלה בזכות אחרים שנאמר (שמות לב) זכור לאברהם ליצחק ולישראל עבדיך תלו לו בזכות עצמו שנאמר (תהלים קו) ויאמר להשמידם לולי משה בחירו וגו'. חזקיה תלה בזכות עצמו דכתיב (ישעיה לח) זכר נא את אשר התהלכתי לפניך תלו לו בזכות אחרים שנאמר (מ"ב יט) וגנותי אל העיר הזאת להושיעה למעני ולמען דוד עבדי. והיינו דרבי יהושע בן לוי דאמר רבי יהושע בן לוי מאי דכתיב (ישעיה לח) הנה לשלום מר לי מר אפילו בשעה ששגר לו הקדוש ברוך הוא שלום מר הוא לו:

נה נעשה נא עלית קיר קטנה (מ"ב ד). רב ושמואל חד אמר עליה פרוצה היתה וקירוה. וחד אמר אכסדרה גדולה היתה וחלקוה לשנים. בשלמא למאן דאמר אכסדרה היינו דכתיב קיר אלא למ"ד עלייה מאי קיר שקירוה. בשלמא למ"ד עלייה היינו דכתיב

געווען זיין תְּפִלָּה. רַבִּי לֵוִי זאָגט עס איז געוועזן אַבוך וואָס דאָרט איז געשטאַנען רְפוּאוֹת צו אַלע קראַנקהייט. ווער עס איז קראַנק געוועזן האָט געזוכט אַרפואה פון דעם בוך און קיינער האָט ניט מתפלל געוועזן צום גאָט: האָט חִזְקִיָּה באַהאַלטען דעם בוך מען זאָל מוזען מתפלל זיין צו גאָט:

נד אָמַר. רַבִּי יוֹחָנָן האָט געזאָגט פון רַבִּי יוֹסֵי בֶּן זִמְרָא וועגען ווער עס היינגט אָן זיין זכות. ער זאָגט גאָט זאָל מיר העלפען אין מיין זכות. אַז מען העלפט איהם זאָגט מען איהם אַז מען האָט איהם געהאָלפען אין איין אַנדערענס זכות ניט אין זיינעם. און דער וואָס היינגט אָן אָן אַפְּרָעמדין זכות. ער זאָגט גאָט זאָל מיר העלפען אין יענעמס זכות. אַז מען העלפט איהם זאָגט מען איהם אַז מען האָט איהם געהאָלפען אין זיין זכות ניט אין יענעמס. משֶׁה רַבֵּינוּ האָט אָן געהאָנגען אָן אַפרעמדין זכות. אַזוי וויא עס שטייט אין פסוק געדיינק וואָס דוא האָסט צו געזאָגט צו אַבְרָהָם און צו יִצְחָק און צו יִשְׂרָאֵל (יַעֲקֹב) דיינע קנעכט. האָט מען איהם אָן געהאָנגען אין זיין זכות. אַזוי וויא עס שטייט נאָך האָט געזאָגט ער וויל דיא יודען פאַר טיליגען. ווען ניט משֶׁה זיין אויס דער וויילטער. חִזְקִיָּה האָט אָן געהאָנגען אָן זיין זכות: אַזוי וויא עס שטייט געדיינק נאָר וואָס איך בין געגאַנגען פאַר דיר. האָט מען איהם אָן געהאָנגען אָן אַפרעמדין זכות. אַזוי וויא עס שטייט איך וועל באַשיצען דיא שטאָט איך זאָל איר העלפען פון מיינעט וועגין און פון וועגין מיין קנעכט דָוִד. דאָס איז דיא זעלבּיגע זאַך וואָס רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי האָט געזאָגט. וואָרום רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי האָט געזאָגט וואָס מיינט דער פסוק הִנֵּה לְשָׁלוֹם מַר לִי מַר. איך האָב געמיינט עס איז שָׁלוֹם. און עס איז מיר ביטער. אֲפִילוּ ווען גאָט האָט געשיקט צו איהם אָן זאָגען שָׁלוֹם איז דאָס אויך געוועזן ביטער. ווייל גאָט האָט איהם געזאָגט אַז ער האָט דאָס ניט געטאָהן אין זיין זכות:

נה נַעֲשֶׂה. דיא שונמית האָט געזאָגט צו איר מאַן מיר זאָלען מאַכען אַקליינעם קיר אויף דעם בוידעם. רַב און שְׁמוּאֵל קריגען. איינער זאָגט עס איז געווען אַשטוב אויף דעם בוידעם. נאָר אויף געבראָכען. דיא שטוב האָט ניט געהאַט קיין צודעק פון הויבען. האָט מען דיא שטוב בדעקט. און איינער זאָגט עס איז געווען אַגרויסע שטוב און מען האָט איר צו טיילט אויף צוויי שטובען. פרעגט דיא גְמָרָא דער וואָס זאָגט עס איז געווען אַגרויסע שטוב און מען האָט פון איר געמאַכט צוויי שטובען איז רעכט וואָס עס שטייט דער וואָרט קיר דאָס מיינט מען אַוואַנט. מען האָט געמאַכט אַוואַנט אין מיטען דיא אַכְסַדְרָה איז געוואָרען צוויא שטובען. נאָר נאָך דעם וואָס זאָגט מען האָט געמאַכט אשטוב אויף דעם בוידעם. וואָס שטייט

דכתיב עליית (קיר) אלא למ"ד אכסדרה מאי עליית (קיר) מעולה שבבתים. ונשים לו שם מטה ושלחן וכסא ומנורה אמר אביי ואי תימא רבי יצחק הרוצה ליהנות יהנה כאלישע ושאינו רוצה ליהנות אל יהנה כשמואל הרמתי שנאמר (שמואל א ז) ותשובתו הרמתה כי שם ביתו. ואמר רבי יוחנן שכל מקום שהלך שם ביתו עמו. (מלכים ב ד) ותאמר אל אישה הנה נא ידעתי כי איש אלהים קדוש הוא אמר רבי יוסי בר חנינא מכאן שהאשה מכרת באורחים יותר מן האיש. קדוש הוא מנא ידעה רב ושמואל חד אמר שלא ראתה זבוב עובר על שלחנו וחד אמר סדין של פשתן הציעה לו על מטתו ולא ראתה קרי עליו. קדוש הוא אמר רבי יוסי בר חנינא הוא קדוש ומשרתו אינו קדוש שנאמר (שם) ויגש גיחזי להדפה אמר רבי יוסי ברבי חנינא שאחזה בהוד יפיה. (שם) עובר עלינו תמיד אמר רבי יוסי בר חנינא משום רבי אליעזר בן יעקב כל המארח תלמיד חכם בתוך ביתו ומהנהו מנכסיו

הרוצה ליהנות. משל אחרים: יהנה. ואין איסור בדבר: כאלישע. כמו שמצינו באלישע שנהנה: ושאינו רוצה ליהנות. משל אחרים: אל יהנה. ואין בדבר לא משום גסות הרוח ולא משום גנאה: כשמואל הרמתי. כמו שמצינו בשמואל הרמתי שלא רצה ליהנות: כי שם ביתו. לעיל מיניה כתיב והיה מדי שנה בשנה וסבב בית אל והגלגל והמצפה ושפט את ישראל וסמיך ליה ותשובתו הרמתה כי שם ביתו וכי אני יודע ששם ביתו אלא אכולהו מקומות דקרא דלעיל מיניה קאי שכל מקום שהיה הולך שם היה נושא כל כלי תשמיש ביתו עמו ולא הנייהו שלא ליהנות משל אחרים:

דער וואָרט קיר מען האָט איר צו גידעקט מיט אַדאך פון הויבען. נאך דעם וואס זאָגט מען האָט געמאַכט אַשטוב אויף דעם בוידעם איז רעכט וואס עס שטייט עליית אבוידעם. נאָר נאך דעם וואס זאָגט עס איז גיוועזן אַגרויסע שטוב אונ מען האָט פון איר געמאַכט צוויא שטובען. וואס שטייט דער וואָרט עליית. ענטפערט דיא גמרא עליית מיינט מען ניט אבוידעם. נאר עליית מיינט מען דיא בעסטע. מען האָט גיגעבען צוא אלישע דיא בעסטע פון דיא הייזער. דיא שונמית האָט גזאגט צו איר מאַן מיר וועלען אַריין שטעלען דאָרטען אין דער־שטוב אבעט אטיש אַשטוהל אַלייכטער. אביי הט גזאגט. אונ אנדערע זאָגען רבי יצחק הט גזאגט אַז איינער וויל הנאה האָבען פון פרעמדע מעג ער הנאה האָבען אזוי וויא מיר געפינען אלישע האָט הנאה גיהאט. אונ אַז איינער וויל ניט הנאה האָבען פון פרעמדע זאָל ער ניט הנאה האָבען אזוי וויא מיר געפינען אַז שמואל הרמתי האָט ניט גיוואָלט הנאה האָבען פון פרעמדע. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ער הט זיך צוריק גיקערט צו הרמה. וואָרום דאָרט איז גיוועזן זיין שטוב. רבי יוחנן הט גזאגט וואו שמואל איז גיגאנגען דאָרט האָט ער זיין שטוב מיט אַלע כלים מיט געהאט מיט זיך. דיא שונמית הט גזאגט צו איר מאַן איצט ווייס איך אז דער גאטליכער מענטש איז הייליג. רבי יוסי ברבי חנינא האָט גזאגט פון דאגען ווייסען מיר אז אַאשה דער קענט אַפרעמדען מענטשין וואס ער איז. מעהר וויא דער מאַן דער קענט. ער איז הייליג. פון וואנען האָט זיא געוואוסט אַז ער איז הייליג. רב אונ שמואל קריגען אין דעם. איינער זאָגט זיא האָט ניט גיזעהן אז אַפליג זאָל גיין אויף זיין טיש. דאס ווייזט אז ער איז אַהייליגער מענטש. אונ דאס עסין וואס מען האָט איהם גיגעבען אויף דעם טיש. איז גלייך וויא אַקרבן וואס מען איז מקריב אויף דעם מזבח. אונ אויף דיא פלייש פון קרבנות איז אויך קיין מאהל ניט גיזעהן גיוואָרען קיין פליג. און איינער זאגט אַלייאך פון ליינוואַנד הט זיא פר שפרייט אויף זיין בעט. אונ זיא האָט ניט גיזעען קיין קרי (שכבת זרע) אויף דעם לייאך. ער איז הייליג. רבי יוסי ברבי חנינא זאָגט דיא שונמית הט געמיינט ער איז הייליג אָבער זיין בדינער איז ניט הייליג. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גיחזי הט גיגענט צו דיא שונמית אַוועק צו שטויסען איר פון אלישע. הט רבי יוסי ברבי חנינא גזאגט ער האָט איר אָן גענומען ביי אירע בריסט. די שונמית הט גזאגט צו איר מאַן דער נביא אלישע גייט תמיד אייביג פר ביי אונז. והט זיא גזאגט דעם וואָרט תמידו הט רבי יוסי ברבי חנינא גזאגט פון רבי אליעזר בן יעקבס וועגין דער וואס נעמט אריין אַתלמיד חכם אין זיין שטוב אונ ער גיט דעם תלמיד חכם ער זאָל הנאה האָבען פון זיין פאַר מעגין רעכענט אויף איהם דער פסוק

מנכסיו מעלה עליו הכתוב כאילו הקריב תמידין :

נו ואמר רבי יוסי בר חנינא משום רבי אליעזר בן יעקב אל יעמוד אדם במקום גבוה ויתפלל שנאמר (תהלים קל) ממעמקים קראתיך ה' וכתיב (שם קב) תפלה לעני כי יעטוף. ואמר רבי יוסי בר חנינא משום רבי אליעזר בן יעקב המתפלל צריך שיכוין את רגליו שנאמר (יחזקאל א) ורגליהם רגל ישרה. ואמר רבי יוסי בר חנינא משום רבי אליעזר בן יעקב מאי דכתיב (ויקרא יט) לא תאכלו על הדם לא תאכלו קודם שתתפללו על דמכם. אמר רבי יצחק א"ר יוחנן אמר רבי יוסי בר חנינא משום רבי אליעזר בן יעקב כל האוכל ושותה ואחר כך מתפלל עליו הכתוב אומר (מ"א יד) ואותי השלכת אחרי גוך. אל תקרי גוך אלא גאיך. אמר הקדוש ב"ה לאחר שנתגאה זה קבל עליו מלכות שמים :

נז אמר רבי מני גדול הקורא ק"ש בעונתה יותר מהעוסק בתורה מדקתני הקורא מכאן ואילך

תפלה לעני: דרך עניות: יכוין את רגליו. זו אצל זו: רגל ישרה. נראין כרגל אחד: מקרא מכאן ואילך לא הפסיד. שהרי הוא כאדם שקורא אחד מן הפרשיות שבתורה ואע"פ שאינו יוצא ידי ק"ש יש לו קיבול שכר כעוסק בתורה:

גְלַייךְ וִויא עֶר וָואלְט מַקְרִיב גִיוֶועֶן דִיא קָרְבָּנוֹת תְּמִידִין. אַזוֹי וִויא דִיא שׁוּנַמִית הָאט גְזָאגְט ועוֹבֵר עָלֵינוּ) וָואס דֶער נָבִיא אֱלִישָׁע גֵייט פַאר בַּיי אוּנְז אוּנ קוּמְט אַרַיין צוּ אוּנְז אוּנ הָט הֲנָאָה פוּן אוּנְזֶער פַר מֶעגִין (תָּמִיד) דָאס וֶועט אוּנְז גִירֶעכוּנְט וֶוערִין וִויא מִיר וָואלְטֶען מַקְרִיב גִיוֶועֶן דֶעם קָרְבָּן תָּמִיד :

נו וְאָמַר. נָאךְ הָט גְזָאגְט רַבִּי יוֹסִי בְּרַבִּי חֲנִינָא פוּן רַבִּי אֱלִיעֶזֶר בֶּן יַעֲקֹב וֶועגִין אַמֶענְטְשׁ זָאל נִיט שְׁטֵיין אוֹיף אַהוֹיכֶען אָרְט וֶוען עֶר דַאוֹוינְט נָאר עֶר זָאל שְׁטֵיין אוֹיף אַנִידֶערִיגֶען אָרְט וֶוען עֶר דַאוֹוינְט אַזוֹי וִויא דֶער פָּסוּק זָאגְט פוּן אַטִיפֶען אָרְט הָאבּ אִיךְ גֶערוּפֶען צוּא דִיר גָאט אוּנ נָאךְ אַפָּסוּק שְׁטֵייט תְּפִלָּה לְעָנִי כִּי יַעֲטוֹף. דִי תְּפִלָּה אִיז צוּ אַיין אָרֶעם מַאן וֶוען עֶר אִיז אַרוּם גֶעוויקוּלְט מִיט צָרוֹת. דַארְף אַמֶענְטְשׁ שְׁטֵיין פַאר גָאט וִויא אַיין אָרֶעם מַאן (אִין אַנִידֶערִיגֶען אָרְט) וֶוען עֶר דַאוֹוינְט. וְנָאךְ הָט רַבִּי יוֹסִי בְּרַבִּי חֲנִינָא גְזָאגְט פוּן רַבִּי אֱלִיעֶזֶר בֶּן יַעֲקֹב וֶועגִין) דֶער וָואס דַאוֹוינְט דַארְף עֶר גְלַייךְ מַאכֶען זַיינֶע פִיס. עֶר זָאל הַאלְטֶען בֵּיידֶע פִ.יס צוּ זַאמֶען: גְלַייךְ וִויא זַייא וָואלְטֶען גִיוֶועֶן אַיין פוּס. אַזוֹי וִויא דֶער פָּסוּק זָאגְט בַּייא דִיא מַלְאָכִים זַייעֶרֶע פִים הַאלְטֶען זַייא גְלַייךְ צוּ זַאמֶען וִויא זַייא וָואלְטֶען גִיוֶועֶן אַיין פוּס וְדֶער דִין אִיז אַז אַמֶענְטְשׁ דַאוֹוינְט דַארְף עֶר צוּ זַאמֶען לֵייגֶען דִי הֶענְט אוֹיךְ אֵיינֶע אוֹיף דִי אַנְדֶערֶע: אַזוֹי וִויא בֵּיידֶע פִים זֶענֶען וִויא אַיין פוּס. אַזוֹי דַארְפֶען זַיין בֵּיידֶע הֶענְט וִויא אַיין הַאנְט. צוּ ווַייזֶען אַז עֶר אַלֵיין קֶען זִיךְ גָאר נִיט הֶעלְפֶען גְלַייךְ וִויא עֶר וָואלְט גִיוֶועֶן חַם וְשָׁלוֹם מִיט אַיין הַאנְט אָדֶער מִיט אַיין פוּס. אוּנ צוּ יֶעדֶער זַאךְ דַארְף עֶר נָאר הָאבֶּען דִיא הִילְף וָואס עֶר וֶועט אוֹיס בֶּעטִין פוּן גָאט). וְנָאךְ הָאט רַבִּי יוֹסִי בְּרַבִּי חֲנִינָא גְזָאגְט פוּן רַבִּי אֱלִיעֶזֶר בֶּן יַעֲקֹב וֶועגִין) וָואס מֵיינְט מֶען אִיר זָאלְט נִיט עֶסִין אוֹיף בְּלוּט. אִיר זָאלְט נִיט עֶסִין אֵיידֶער אִיר וֶועט מִתְפַּלֵל זַיין אוֹיף אַייעֶר בְּלוּט (אוֹיף אַייעֶר לֶעבִּין אוּנ אוֹיף פַּרְנָסָה אוּנ אַלֶע נֵייטִיגֶע זַאכֶען וָואס אִיר דַארְפְט). וְרַבִּי יִצְחָק הָט גְזָאגְט פוּן רַבִּי יוֹחָנָן וֶועגִין אוּנ רַבִּי יוֹחָנָן הָאט גְזָאגְט פוּן רַבִּי יוֹסִי בְּרַבִּי חֲנִינָאס וֶועגִין. אוּנ רַבִּי יוֹסִי בְּרַבִּי חֲנִינָא הָאט גְזָאגְט פוּן רַבִּי אֱלִיעֶזֶר בֶּן יַעֲקֹב וֶועגִין) דֶער וָואס עֶסְט אוּנ טְרִינְקְט דֶער נָאךְ דַאוֹוינְט עֶר אוֹיף אִיהם זָאגְט דֶער פָּסוּק וְאוֹתִי הִשְׁלַכְתָּ אַחֲרֵי גַוֶּךָ אוּנ מִיךְ הָאסְטוּ אַוֶועק גִיוָוארְפֶען נָאךְ דַיין גוּף. זָאלְסְטוּ נִיט לֵייעֶנֶען גַוֶּךָ נָאר גֵאֶיךָ. דַיין גְרוֹיסְקֵייט. מִיךְ הָאסְטוּ אַוֶועק גִיוָוארְפֶען נָאךְ דַיין גְרוֹיסְקֵייט. גָאט זָאגְט דֶער נָאךְ וִויא דֶער מֶענְטְשׁ אִיז בַּייא זִיךְ גְרוֹיס גִיוָוארֶען. עֶר הָאט גִיגֶעסֶען אוּנ גֶעטְרוּנְקֶען. דֶער נָאךְ נֶעמְט עֶר אוֹיף זִיךְ דִיא מַלְכוּתָא פוּן גָאט :

נז אָמַר. רַבִּי מָנִי הָט גְזָאגְט דֶער וָוס לֵייעֶנְט קְרִיאַת שְׁמַע אִין דֶער צַייט אִיז עֶר גְרֶעסֶר וִויא דֶער וָואס לֶערוּנְט תּוֹרָה ווַייל דִיא גְמָרָא לֶערוּנְט דֶער וָואס לֵייעֶנְט קְרִיאַת שְׁמַע נָאךְ דֶער

ואילך לא הפסיד כאדם הקורא בתורה מכלל דקורא בעונתה עדיף :

(דף יא) **נח אמר** רבי אבא בר זבדא אמר רב אבל חייב בכל מצות האמורות בתורה חוץ מן התפילין שנאמר בהן פאר שנאמר (יחזקאל כד) פארך חבוש עליך :

נט תנו רבנן בה"א עומדין וקורין יושבין וקורין מטין וקורין הולכים בדרך וקורין עוסקין במלאכתן וקורין . ומעשה ברבי ישמעאל ורבי אלעזר בן עזריה שהיו מסובין במקום אחד היה ר"י מוטה וראב"ע זקוף כשהגיע זמן ק"ש הטה רבי אלעזר וזקף רבי ישמעאל א"ל ראב"ע ישמעאל אחי אמשול לך משל למה הדבר דומה לאחד שאמרו לו זקנך מגודל א"ל יהיה כנגד המשחיתים אף כך אתה כל זמן שאני זקוף אתה מוטה עכשיו שאני הטיתי אתה זקפת . אמר ליה אני עשיתי כדברי בית הלל ואתה עשית כדברי בית שמאי ולא עוד אלא שמא יראו התלמידים ויקבעו הלכה לדורות :

אבל. שטרוד בצערו חייב בכל המצות חוץ מן התפילין שנאמר בהם פאר ליחזקאל פארך חבוש עליך וגו' וכיון דבעי פאר ואבל מתגולל בצערו בעפר אין זה פאר :

עוסקין במלאכתן וקורין . לקמן מוקמינן לה בפ"ב : הטה ראב"ע . כב"ש : לאחד שאמרו לו זקנך נאה ומגודל והוא א"ל הואיל וקלסתם אותו אף הוא יהיה כנגד המשחיתים הגידול הזה יהיה נתון להער ולמספרים שאביא עליו והשחיתו , עכשיו שאני הטיתי . הרי אני כמקלס מעשה בזיית מיטה ואתה כן נזקפת :

מאי

צייט הט ער גיט שאדין, עס איז גלייך וויא מען לערנט תורה. נאך דער צייט איז גלייך וויא מען לערנט תורה. מוז דאך זיין אבער אז מען לייענט קריאת שמע אין דער צייט איז נאך בעסר ווי לערנען :

נח רבי אבא בר זבדא הט גזאגט פון רבם (וועגין) אאבל דארף טאהן אלע מצות וואס שטייט אין די תורה נאר תפילין דארף ער ניט לייגען. ווייל ביי תפילין איז גזאגט גיווארען אז זייא זענען אשיינקייט. אונ אאבל גייט פר מיאוסט דורך זיינע אבלות פאסט ניט ער זאל לייגען תפילין. אזוי וויא עס שטייט ביי יחזקאל פארך דיין שיינקייט. דיינע תפילין זאל זיין אנגיטאן אויף דיר. ווען דוא וועסט זיין אאבל. אבער איין אנדער אבל טאר ניט אן טאהן תפילין :

נט תנו רבנן. די רבנן האבען גילערנט. בית הלל זאגען מען מעג שטיין אונ לייענען קריאת שמע. מען מעג זיצען אונ לייענען קריאת שמע. מען מעג זיין איין גיבויגען אונ לייענען קריאת שמע. מען מעג גיין אין וועג אונ לייענען קריאת שמע. מען מעג טאהן אמלאכה אונ לייענען קריאת שמע. רבי ישמעאל אונ רבי אלעזר בן עזריה זענען גיזעסען אויף איין ארט. איז רבי ישמעאל גיוועזען איין גיבויגען אויף אזייט אונ רבי אלעזר בן עזריה איז גיזעסען אויף גישטעלט. אז עס איז געקומען די צייט צו לייענען קריאת שמע. האט זיך רבי אלעזר איין גיבויגען אויף אזייט אונ הט גילייענט קריאת שמע. אונ רבי ישמעאל האט זיך אויף גישטעלט אונ האט גילייענט קריאת שמע. האט רבי אלעזר בן עזריה גזאגט צוא רבי ישמעאל מיין ברודער. איך וועל דיר זאגען אמשל צו דער זאך. צו וואס איז דיא זאך גלייך. מען האט גזאגט צו איינעם דיין בארד איז שיין בעוואקסען. הט ער גזאגט צו זייא דיא בארד וועט זיין צו דיא פערדארבער. מען וועט דיא בארד פערדארבען. מען חעט איר אפ שערין. אזוי ביסטו אויך דיא גאנצע צייט וואס איך בין גיזעסען אויף גישטעלט ביסטו גוויזען גבויגן אויף אזייט. איצט אז איך האב מיך איין גיבויגען אויף אזייט האסטו דיך אויף גישטעלט. האט רבי ישמעאל גזאגט צו רבי אלעזר בן עזריה איך האב גיטאהן וויא בית הלל אונ דוא האסט גיטאהן וויא בית שמאי. אונ ניט נאר דורך דער זאך אליין האב איך מיך אויף גישטעלט. נאר נאך אזאך. טאמער וועלען זעהן דיא תלמידים אז מיר ביידע זענען איין גיבויגען צו קריאת שמע. וועלען זיי פסקנן דעם דין אויף אייביג אז צו קריאת שמע מוז מען זיין איינגיבויגען אויף אזייט :

(ע"ב) ס מאי מברך א"ר יעקב אמר רבי אושעיא (ישעיה מה) יוצר אור ובורא חשך. לימא יוצר אור ובורא נגה. כדכתיב קאמרינן. אלא מעתה עושה שלום ובורא רע מי קאמרינן כדכתיב אלא כתיב רע וקרינן הכל לישנא מעליא הכי נמי לימא נגה לישנא מעליא. אלא אמר רבא כדי להזכיר מדת יום בלילה ומדת לילה ביום. בשלמא מדת לילה ביום (כדאמרינן) יוצר אור ובורא חשך אלא מדת יום בלילה היכי משכחת לה. אמר אביי גולל אור מפני חשך וחשך מפני אור:

סא תנן התם אמר להם הממונה ברכו ברכה אחת והם ברכו וקראו עשרת הדברות שמע והיה אם שמוע ויאמר וברכו את העם שלשה ברכות אמת ויציב ועבודה וברכת כהנים ובשבת מוסיפין ברכה אחת למשמר היוצא אמר כר וקורין עשרת הדברות וכו':

מאי מברך. שתים לפניה דשחר מאי היא: יוצר אור ובורא חשך. נקטיה מפרש היכן מה היא דהיינו ברכה דישתבח אינה מן המנין שהיא לאחר פסוקי דזמרה (כמו ברכת הלל) ואומר אותה קודם זמן קריאת שמע אם ירצה: כדכתיב קאמרינן. כתיב בקרא יוצר אור ובורא חושך עושה שלום ובורא רע:

תנן התם. במסכת תמיד: אמר להם הממונה. הוא סגן הכהנים: ברכו ברכה אחת. בגמרא מפרש אחת מהברכות שלפני ק"ש דהתם מסדר לכולי סדר עבודת השחר וקאמר דלאחר שסדרו האברים על גבי הכבש ומלחום ירדו ובאו להם ללשכת הגזית לקרות את שמע והדר תני אמר להם הממונה כו': ועבודה. בשביל העבודה שעשו היו מברכין אותה רצה ה' אלהינו עבודת עמך ישראל ואשי ישראל ותפלתם תקבל ברצון בריך המקבל עבודת עמו ישראל ברצון א"נ שאותך לבדך ביראה נעבוד: וברכת כהנים. לברך את העם ובשחר תפלה לא היה להם פנאי ואף זמן ק"ש לא הגיע כדאמרינן במסכת יומא: מפני תרעומת המינין. שלא יאמרו לעמי הארץ אין שאר תורה אמת והדעו

(ד. יב) אמר רב יהודה אמר שמואל אף בגבולין בקשו לקרות כן אלא שכבר בטלום כפני תרעומת המינין. תניא נמי הכי וכו' רבה בר בר חנה סבר למקבעינהו

ס מאי. וואס זענען דיא צוויי ברכות פאר קריאת שמע אין דער פריה. האט רבי יעקב גזאגט פון רבי אושעיאס וועגין. איין ברכה איז יוצר אור ובורא חושך. גאט בשאפט ליכטיגקייט אונ בשאפט פינסטערניש. פרעגט די גמרא זאל מען זאגען ער בשאפט ליכטיגקייט אונ בשאפט שיינונג. ענטפערט די גמרא מיר זאגען אזוי וויא עס שטייט אין פסוק. אונ אין פסוק שטייט יוצר אור ובורא חושך. פרעגט די גמרא נאר איצט נאך דעם תירוץ. אין פסוק שטייט עושה שלום ובורא רע. ער טוהט שלום אונ בשאפט שלעכץ: זאגען מיר וויא אין פסוק שטייט נאר עס שטייט ער בשאפט שלעכץ אונ מיר לייענען ער בשאפט אלץ. ווייל מיר זאגען אגוטען לשון. אזוי זאל מען זאגען נוגה שיינונג ווייל דאס איז אשיינער לשון. נאר רבא האט גזאגט דריבער זאגט מען יוצר אור ובורא חושך מען זאל דער מאנען דעם טאג ביי נאכט. אונ דיא נאכט זאל מען דער מאנען ביי טאג. פרעגט די גמרא מען זאל דער מאנען די נאכט ביי טאג איז רעכט: אזוי וויא מיר זאגען יוצר אור ובורא חושך ער בשאפט ליכטיגקייט אונ בשאפט פינסטערנעש. נאר וואו געפינען מיר אז מען דער מאנט דעם טאג ביי נאכט. האט אביי גזאגט ביי נאכט זאגט מען גולל אור מפני חשך וחשך מפני אור. ער וועלגערט ער נעמט צוי דיא ליכטיגקייט דיא פינסטערנעש זאל אן קומען. אונ ער נעמט צו די פינסטערנעש די ליכטיגקייט זאל אן קומען:

סא תנן. מיר האבען גילערונט דארט אין דער מסכת תמיד דער עלצטער פון דיא כהנים האט גזאגט צו דיא כהנים איר זאלט זאגען איין ברכה (פון דיא ברכות וואס פאר קריאת שמע) אונ זייא האבען גזאגט איין ברכה אונ זייא האבען גילייענט דיא עשרת הדברות. אונ דיא דריי פרשיות פון קריאת שמע. שמע והיה אם שמוע ויאמר. אונ דריי ברכות האבען זייא גזאגט מיט דעם פאלק. אמת ויציב, ביז שמונה עשרה. אונ רצה. יברכך. שבת מערט מען נאך אברכה צו דעם משמר וואס גייט ארויס פון בית המקדש ער זאל זאגען צו דעם משמר וואס גייט אריין אין בית המקדש. דער תנא זאגט מען לייענט דיא עשרת הדברות. האט רב יהודה גזאגט פון שמואלס וועגין אין גאנץ ארץ ישראל האט מען אזוי גיוואלט טאהן. מען זאל לייענען אלע טאג דיא עשרת הדברות נאר מען האט דאס שוין לאנג מבטל גיוועזן ווייל דיא

אפק

לכקבעינהו בסורא. אמר ליה רב חסדא כבר בטלום מפני תרעומת המינין וכן אמימר (סבר למקבעינהו) בנהרדעא. א"ל רב אשי כבר בטלום וכו'. ובשבת מוסיפין וכו', מאי היא אמר רבי חלבו משמר היוצא אומר למשמר הנכנס מי ששכן את שמו בבית הזה הוא ישכין ביניכם אהבה ואחוה ושלום וריעות:

סב **אמר** רבה בר חיננא סבא משמיה דרבה כל מי שלא אמר אמת ויציב שחרית ואמת ואמונה ערבית לא יצא ידי חובתו שנאמר (תהלים צב) להגיד בבקר חסדך ואמונתך בלילות:

סג **ואמר** רבה בר (חנינא) [חיננא סבא] משמיה דרב המתפלל כשהוא כורע כורע בברוך וכשהוא זוקף זוקף בשם אמר שמואל מאי טעמא דרב דכתיב (תהלים קמו) ה' זוקף כפופים מיתיבי (מלאכי ב) מפני שמי נחת הוא. מי כתיב בשמי מפני שמי כתיב. א"ל

שאין קורין אלא מה שאמר הקב"ה ושמעו מפיו בסיני: המינין. עובדי כוכבים ע"כ: כל מי שלא אמר אמת ויציב. כמו שתקנו וכן אמת ואמונה בערבית לא יצא: שנאמר להגיד בבקר חסדך וגו'. וברכת אמת ויציב כולה על חסד שעשה עם אבותינו בהוציאם ממצרים ובקע להם הים והעבירם וברכת אמת ואמונה מדבר (בפירוש) [בזה] אף על העתידות שאנו מצפים שיקיים לנו הבטחתו ואמונתו לגאלנו ולשום נפשנו בחיים ולהדריכנו על במות אויבינו וכל אלו הניסים התדירים תמיד ע"כ. תוספות. ואמונה פירוש מדבר על העתיד שאנו מצפים שיחזור הבטחתו ואמונתו ויגאלנו ובסוף ברכה חוזר לגאולת מצרים כדי לסמוך לגאל ישראל אי נמי ע"ד המדרש חדשים לבקרים רבה אמונתך שאדם מאמין ומפקיד רוחו בידו ומחזירה בלא יגיעה: עוד כתבו בתוספות אמת ויציב וכו' לא קאי על השכינה אלא קאי אהדבר הזה וכו' וכן אומר הר"ש כאי מרגניתא דלית ביה טימי פירוש שאין לו שומא כל מה דמשבח מהגנה לה כדאמר לקמן ההוא דפתח ואמר האל הגדול הגבור והנורא והיה מאריך הרבה ואמר ליה רבי חנינא סיימתיה לשבחיה דמרך כי כל פה לא יוכל לספר שבחו ע"כ:
כשהוא כורע. באבות ובהודאה כורע בברוך וזוקף עצמו כשהוא מזכיר את השם ע"ש ה' זוקף

אפקורסים האבען גזאגט דיא גאנצע תורה איז ניט אמת. נאר דיא עשרת הדברות איז אמת דריבער לייענט מען זייא אלע טאג. מיר האבען אויך אזוי גילערנט. רבה בר בר חנה האט גיוואלט מען זאל אין סורא זאגען אלע טאג דיא עשרת הדברות. האט רב חסדא גזאגט צוא רבה בר בר חנה מען הט שוין לאנג מבטל גיווען מען זאל ניט לייענען דיא עשרת הדברות אלע טאג ווייל דיא אפקורסים האבען גזאגט דיא גאנצע תורה איז ניט אמת. נאר דיא עשרת הדברות איז אמת. דריבער לייענט מען זייא אלע טאג. אונ אמימר הט גיוואלט איין פירען אין נהרדעא מען זאל לייענען אלע טאג דיא עשרת הדברות. האט רב אשי גזאגט צוא אמימר מען האט שוין לאנג מבטל גיווען מען זאל ניט זאגען אלע טאג דיא עשרת הדברות. שבת מעהרט מען נאך אברכה צו דעם משמר וואס גייט ארויס פון בית המקדש. וואס איז דיא ברכה. האט רבי חלבו גזאגט דער משמר וואס גייט ארויס פון בית המקדש זאגט צוא דעם משמר וואס גייט אריין אין בית המקדש ווער עס האט גימאכט רוהען זיין נאמען אין דער שטוב דער זאל מאכען רוהען צווישען אייך ליבשאפט אונ ברידער שאפט אונ פריד אונ גיזעלשאפט:

סב אמר. רבה בר חיננא דער אלטער האט גזאגט פון רבס וועגין ווער עס הט ניט גזאגט אמת ויציב אין דער פריה אונ אמת ואמונה ביי נאכט האט ער ניט בצאהלט זיין חוב וואס ער איז שולדיג צו לויבען גאט. אזוי וויא דער פסוק זאגט אין דער פריה דארף מען זאגען דיינע חסדים. אונ ביי נאכט דארף מען זאגען דיין אמונה. אונ אין אמת ויציב שטייט דיא חסדים וואס גאט האט גיטאהן מיט דיא יודען ווען ער האט זייא ארויס גענומען פון מצרים. אונ אין אמת ואמונה שטייט דיא אמונה וואס מיר גלויבען אזוי וויא גאט האט אונז פון מצרים אויס גילייזט. אזוי וועט ער אונז פון דעם גלות אויך אויס לייזען:

סג ואמר. נאך האט גזאגט רבה בר חיננא דער אלטער פון רבס וועגין דער וואס דאווינט שמונה עשרה אז ער קניט. קניט ער ווען ער זאגט ברוך. אז ער שטעלט זיך אויף. שטעלט ער זיך אויף ווען ער זאגט השם: האט שמואל גזאגט וואס איז דער טעם פון רב ווארום עס שטייט אין פסוק גאט שטעלט אויף אלע איינגיבויגענע. זאגט דיא גמרא איך וועל דיך אקשיא פרעגין. עס שטייט אין פסוק פאר מיין נאמען ווערט ער איינגיבויגען. ענטפערט דיא גמרא שטייט אין מיין נאמען איז ער איינגיבויגען. עס שטייט פאר מיין נאמען

פסיפס: נתח. לבין הכנעה: כהיזורא. כבש שכיד אדם והוכתו למטה כנת אחת: זקיף כחויא. כנחה דאשו תחלה ואח"כ גופו שלא תראה כריעתו עליו כמשוי: כח.יא. כנחש הזה כשהוא זוקף עצמו מגביה ראשו תחלה וזוקף מעט מעט: אם תלמיד חכם הוא. זה וצריך לרחמים צריך שיחלה הכרו עצמו עליו: בחלותם. על דואג ואחיתופל הוא אומר שהיו תלמידי חכמים: למען תזכרי ובושת. כיפה דקרא בכפרי לך את כל

א"ל שמואל לחייא בר רב בר אוריין תא ואימא לך מילתא מעלייתא דאמר אבוך הכי אמר אבוך כשהוא כורע כורע בברוך וכשהוא זוקף זוקף בשם (פ"נ) רב ששת כי כרע כרע כחיזרא כי זקיף זקיף כחויא:

סד ואמר (רבי) [רבה בר] חיננא סבא משמיה דרב כל שאפשר לו לבקש רחמים על חבירו ואינו מבקש נקרא חוטא שנאמר (שמואל א יב) גם אנכי חלילה לי מחטא לה׳ מחדל להתפלל בעדכם. אמר רבא אם תלמיד חכם הוא צריך שיחלה עצמו עליו מאי טעמא אילימא משום דכתיב (שם כב) ואין חולה מכם עלי ואין גולה את אזני דלמא מלך שאני אלא מהבא (תהלים לה) ואני בחלותם לבושי שק. ואמר (רבי) [רבה בר] חיננא סבא משמיה דרב כל העושה דבר עבירה ומתבייש בה מוחלין לו על כל עונותיו שנאמר (יחזקאל יז) למען תזכרי ובשת וגו׳ בכפרי לך (על כל) [לכל] אשר עשית דלמא צבור שאני אלא מהבא (שמואל א כח) ויאמר שמואל אל שאול למה הרגזתני וגו׳ ויאמר שאול צר לי

וואידער ער זאגט מיין נאמען) איז ער איינגיבויגען. אָבער ווען ער זאגט מיין נאמען דארף ער זיין אויף גישטעלט: שמואל הט גזאגט צו חייא דער זוהן פון רב דוא למדן: קום איך וועל דיר זאגען אגוטע זאך וואס דיין פאטער האט גזאגט. אזוי האט דיין פאטער גזאגט אז ער קניט: קניט ער ווען ער זאגט ברוך. אז ער שטעלט זיך אויף שטעלט ער זיך אויף ווען ער זאגט השם. אז רב ששת הט געקניט ווען ער האט גזאגט ברוך האט ער געקניט וויא ארוט. ער האט זיך אביינג גיטאהן מיט איין מאהל. אז ער האט זיך אויף גישטעלט ווען ער האט גזאגט השם האט ער זיך אויף גישטעלט וויא אשלאנג. ביסלאכווייז: פריער דעם קאפ דער נאך ביסלאכווייז דעם גאנצען גוף:

סד ואמר. נאך האט גזאגט רבה בר חיננא דער אלטער פון רבס וועגין דער וואס קען בעטין ביי גאט ער זאל רחמנות האבען אויף זיין חבר. אונ ער בעט ניט. ווערט ער גירופען אזינדיגער. אזוי וויא דער פסוק זאגט: שמואל הנביא האט גזאגט איך אויך פאר מיטען צו מיר איך זאל זינדיגען צו גאט איך זאל מיך פאר מיידען צו בעטין ביי גאט פון אייערט וועגין. האט שמואל הנביא גזאגט אז ער וועט ניט בעטין צו גאט פאר יודינס וועגין וועט ער האבען אזינד. האט רבא גזאגט אויב ער איז אלמדן דער וואס דארף מען זאל בעטין אויף איהם. דער וואס בעט דארף זיך קראנק מאכען פון זיינעט וועגין. ער זאל האבען אזוי פיל צער פון דעם תלמיד חכם ביז צום קראנק ווערין. וואס איז דער טעם. פאר וואס זאל דאס אזוי זיין זאל איך זאגען ווייל עס שטייט שאול המלך האט גזאגט צוא זיינע קנעכט עס איז קיינער ניט קראנק פון מיינעט וועגין. קיינער ענטדעקט ניט מיין אויער. דאס הייסט קיינער זאגט מיר ניט וואס דוד טוהט. אז שאול האט גזאגט עס איז קיינער ניט קראנק פון זיינעט וועגין. זעהט מען דאך אז פון זיין צער וועגין דארף מען קראנק ווערין. זאגט די גמרא טאמער אמלך איז אנדערש. פאר אמלך דארף מען זיך מעהר מצער זיין. נאר פון דאנען ווייס מען. דוד המלך האט גזאגט. אונ איך בין גיוועון אן גיטאהן אזאק ווען זייא זענען קראנק גיוועזן. נאך האט גזאגט רבה בר חיננא דער אלטער פון רבס וועגין. ווער עס טוהט אעבירה אונ ער שעמט זיך מיט די עבירה. איז מען איהם מוחל אלע עבירות וואס ער הט גיטאהן. אזוי וויא יחזקאל הנביא הט גזאגט ווייל דוא גידיינקסט די עבירות וואס דוא האסט גיטאהן אונ שעמסט דיך. וועל איך דיר פאר געבין אלץ וואס דו האסט גטאן. פרעגט די גמרא טאמער ביי פיל מענטשין איז אנדערש. פיל מענטשין אז זייא שעמען זיך פאר זייערע עבירות איז מען זיי מוחל. אבער איין מענטש איז מען ניט מוחל. נאר זאגט די גמרא פון דעם פסוק

לי וגו' ולא ענני עוד גם ביד דנביאים גם בחלומות ואלו אורים ותומים לא קאמר משום דקטליה לנוב עיר הכהנים . ומנין דאחילו ליה מן שמיא שנאמר (שם) ויאמר שמואל אל שאול מחר אתה ובניך עמי ואמר רבי יוחנן עמי במחיצתי ורבנן אמרי מהכא (ש"ב כא) והוקענום לה' בגבעת שאול בחיר ה' יצאתה בת קול ואמרה בחיר ה' :

אמר עליה : גם בחלומות . ולא הזכיר אורים לפי שנתביים ממנו שלא יאמר לו אתה גרמת שלא נענית באורים ותומים לפי שהרגת את הכהנים : ורבנן אמרי מהכא . מהכא משמע דאחילו ליה : והוקענום . בגבעונים אמרו לדוד בסוף ימיו כשהיה רעב ג' שנים וישאל דוד כו' וגו' יותן לנו שבעה אנשים מבניו והוקענום בגבעת שאול ובת קול יצאה וסיים אחריהם בחיר ה' דודאי הם לא אמרו בחיר ה' שהרי לגמרו היו באים ולא לכבודו :
רבית . אל תקח מאתו נשך ותרבית גו' וסמיך ליה יציאת מצרים : פרשת משקולות . אבני צדק וגו' סיפא דקרא אשר הוצאתי אתכם גו' :

סה אמר רבי אבהו בן זוטרתי אמר רב יהודה בר זבידא בקשו לקבוע פרשת בלק בקריאת שמע ומפני מה לא קבעוה מפני טורח צבור . מאי טעמא אילימא משום דכתיב בה (במדבר כג) אל מוציאו ממצרים לימא פרשת רבית ופרשת משקולות דכתיב בהן יציאת מצרים

ווערן מיר וויסען אז צוא איין מענטש איז מען אויך מוחל . עס שטייט אין פסוק . שמואל הנביא האט גזאגט צו שאול המלך צו וואס האסטו מיך דער שראקען . האט שאול גזאגט עס איז מיר שלעכט . אונ מען האט מיר ניט געענטפערט ניט דורך נביאים אונ ניט דורך החלומות אונ ער האט ניט גזאגט אז מען האט איהם ניט געענטפערט דורך די אורים ותומים . ווייל ער האט אוים גיהרגת אלע כהנים פון די שטאט נוב . האט ער זיך גישעמט צו דער מאנען דעם אורים ותומים . ווארום שמואל וואלט איהם גזאגט ווייל דוא האסט גיהרגת די כהנים דריבער ענטפערט מען דיר ניט דורך די אורים ותומים . ווארום די אורים ותומים ענטפערין ניט קיין אנדערין נאר אכהן אז ער טראגט זייא אויף זיין הארץ . פון וואנען ווייס מען אז מען האט איהם פון הימעל מוחל גיווען די עבירה וואס ער האט גיהרגת די כהנים . ווארום דער פסוק זאגט שמואל האט גזאגט צו שאול . מארגען וועסט דו אונ דיינע קינדער זיין מיט מיר . האט רבי יוחנן גזאגט מיט מיר . אין דעם ארט אין גן עדן וואו איך בין . ווען שאול וואלט גיהאט די עבירה פון די כהנים הרגנן . וואלט ער דאך ניט גיווען אין גן עדן צו זאמען מיט שמואל הנביא באדר נאך זיין שטארבען נאר געווים האט מען איהם די עבירה מוחל גיווען ווייל ער האט זיך גישעמט מיט איר . די רבנן זאגען פון דעם פסוק ווייסען מיר אז מען האט מוחל גיווען צו שאול די עבירה . ווארום עס שטייט אין פסוק די גבעונים האבען גזאגט . מיר וועלען אויף הייגען די קינדער פון שאול פון גאטס וועגין אין דעם ארט וואס הייסט גבעת שאול . בחיר ה . דער אוים דער וויילטער פון גאט . די צווייא ווערטער בחיר ה . אז שאול איז אוים דער ווייל גיווארען פון גאט . דאס האבען דאך געווים די גבעונים ניט גזאגט . ווארום אז זייא וואלטען גיגלויבט אז שאול איז אוים דער ווייל פון גאט וואלטען זייא דאך ניט וועלען הייגען זיינע קינדער . נאר ניט די גבעונים האבען גזאגט בחיר ה' . נאר אשמע האט מען גיהערט פון הימעל וואס זיא האט גזאגט אז שאול איז אוים דער ווייל גיווארען פון גאט . אונ מען האט איהם מוחל גיווען די עבירה . אונ די גבעונים טוהען ניט רעכט וואס זיי ווילען הייגען זיינע קינדער :

סה אמר . רבי אבהו בן זוטרתי האט גזאגט פון רבי יהודה בר זבידאס וועגין . מען האט גיוואלט אריין שטעלען די פרשה פון בלק אין קריאת שמע . ווען מען לייענט קריאת שמע זאל מען די פרשה פון בלק אויך לייענען . אונ פאר וואס האט מען ניט אריין גישטעלט די פרשה פון בלק אין קריאת שמע . עס וועט זיין שווער פאר די מענטשין וואס קריאת שמע וועט זיין אזוי פיל צו לייענען . פרעגט די גמרא פאר וואס האט מען גיוואלט אריין שטעלען די פרשה פון בלק אין קריאת שמע . איך זאל זאגען ווייל אין די פרשה פון בלק שטייט אז גאט האט ארויס גינומען יודען פון מצרים . זאל מען זאגן די פרשה פון רבית אונ די פרשה פון אריכטיג

כרע שכב . דדמי לובשכבך ובקומך שבק"ש ג"כ אומרנו בשכבנו ובקומנו לשכב בגוים ובקטים כארי וכלביא : ולימא האי פסוקא . וליכא טורח לצבור : לא שיעקר שם יעקב ממקומו . שהרי מצינו שקראו הקב"ה יעקב אחרי זאת כרדתו למצרים שנא' ויאמר אלהים לישראל כו' ויאמר יעקב יעקב ויאמר הנני :

מצרים אלא אמר רבי יוסי בר אבין משום דכת'ב בה האי קרא (שם כד) כרע שכב כארי וכלביא מי יקימנו ולימא האי פסוקא ותו לא גמירי כל פרשה דפסקה משה רבינו עליו השלום פסקינן דלא פסקה מרע"ה לא פסקינן :

תניא אמר להם בן זומא לחכמים וכי מזכירים יציאת מצרים לימות המשיח והלא כבר נאמר (ירמיה כג) הנה ימים באים נאם ה' ולא יאמרו עוד חי ה' אשר העלה את בני ישראל מארץ מצרים כי אם חי ה' אשר העלה ואשר הביא את זרע בית ישראל מארץ צפונה ומכל הארצות אשר הדחתים שם . אמרו לו לא שתעקר יציאת מצרים ממקומו אלא שתהא שעבוד מלכיות עיקר ויציאת מצרים טפל לו . כיוצא בו אתה אומר (בראשית לה) לא יקרא שמך עוד יעקב כי אם ישראל יהיה שמך לא שיעקר יעקב ממקומו אלא ישראל עיקר ויעקב טפל לו וכן הוא אומר (ישעיה מג) אל תזכרו ראשונות וקדמוניות אל תתבוננו אל תזכרו ראשונות זה שעבוד מלכיות וקדמוניות אל תתבוננו זו יציאת

וואג מען זאל געבין. אין דיא פרשיות שטייט אויך אז גאט האט ארויס גענומען יודען פון מצרים. נאר רבי יוסי בר אבין הט גזאגט. ווייל אין די פרשה פון בלק שטייט דער פסוק. ער קניט אונ ליגט וויא אלייב ווער קען איהם אויף שטעלען. בדעם האט גזאגט יודען ליגען גאנץ רוהיג זייא האבען פאר קיינעם קיין מורא ניט. ווער קען זייא דער שרעקין אז זייא זאלען מוזען אויף שטיין פון זייער ארט. אונ אין קריאת שמע זאגען מיר אויך אזוי [בשכבך ובקומך] גאט היט אונז ווען מיר ליגען אונ ווען מיר שטייען אויף. איז דאך דער פסוק פון פרשה בלק גלייך צוא קריאת שמע. דריבער הט מען גיוואלט אז מען זאל זאגען דיא פרשה בלק אין קריאת שמע. פרעגט די גמרא זאל מען זאגען נאר דעם איין פסוק אונ ניט מעהר. ענפערט די גמרא. מיר האבען גילערונט דיא פרשה וואס משה רבינו הט אויס גילאזען אונ הט איר אפ גיהאקט פאר אבזונדער פרשה. האקין מיר אויך אפ פר אבזונדער פרשה; דיא פרשה וואס משה רבינו הט איר ניט אפ גיהאקט פאר אבזונדער פרשה. האקין מיר אויך ניט אפ פאר אבזונדער פרשה. קענען מיר ניט ארויס נעמען אפסוק פון אפרשה אונ מאכען איהם פאר אבזונדער פרשה. צוא דיא פרשיות פון קריאת שמע:

תניא. מיר האבען גילערונט בן זומא האט גיזאגט צו דיא חכמים וועט מען דען דער מאנען יציאת מצרים ווען משיח וועט קומען. עס שטייט דאך שוין לאנג אין פסוק גאט זאגט עס וועלין קומען טעג מען וועט שוין מעהר ניט זאגען וויא גאט לעבט וואס ער האט אויף גיבראכט דיא יודען פון מצרים. נאר מען וועט זאגין וויא גאט לעבט וואס ער האט גיבראכט דיא יודישע קינדער פון צפון לאנד אונ פון אלע לענדער וואס איך האב זיי דארט פארשטויסען. וועט מען דאך יציאת מצרים גאר ניט דער מאנען. האבין די חכמים גיזאגט צו בן זומא ניט יציאת מצרים וועט אויסגעריסען ווערין פון ארט. מען מיינט ניט מען וועט יציאת מצרים גאר ניט דער מאנען. נאר דער עיקר וועט מען דערציילען וואס גאט וועט אויסלייזין פון לעצטין גלות אונ די דער ציילונג פון יציאת מצרים וועט זיין בהעפט צו די דער ציילונג פון לעצטין גלות. מען וועט זאגין גאט האט אונז אויסגילייזט פון דעם לעצטין גלות אזוי וויא ער האט אונז אויסגלייזט פון מצרים. גאך אזוי אגלייכען וועסטו זאגען. עס שטייט אין פסוק דיין נאמען וועט מען שוין ניט רופען יעקב. נאר ישראל וועט זיין דיין נאמען מיינט מען ניט דער נאמען יעקב וועט אפ געריסען ווערין פון זיין ארט. מען וועט איהם שוין קיין מאהל ניט רופען יעקב. נאר דר עיקר נאמען וועט זיין ישראל. אונ דר נאמען יעקב וועט זיין בהעפט צום נאמען ישראל. אפאהר וועט מען איהם רופען יעקב אויך. אונ אזוי האט ישעיה הנביא

יציאת מצרים (שם) הנני עושה חדשה עתה תצמח תני רב יוסף זו מלחמת גוג ומגוג. משל למה"ד לאדם שהיה מהלך בדרך ופגע בו זאב וניצול ממנו והיה מספר והולך מעשה זאב. פגע בו ארי וניצול ממנו והיה מספר והולך מעשה ארי. פגע בו נחש וניצול ממנו שכח מעשה שניהם והיה מספר והולך מעשה נחש אף כך ישראל צרות אחרונות משכחות הראשונות:

הנני עושה חדשה. בתר אל תזכרו ראשונות [כתיב]: בתחלה אב לארם. לאנשי מדינתו שמארץ ארם היה שנאמר בעבר הנהר ישבו אבותיכם מעולם ולומר אל ארם נהרים אל עיר נחור: אב לכל העולם. אב המון גוים: שרי. לשון יחיד משמע

(דף יג) **הוא אברם** הוא אברהם (פסיק הוא בדה"א א). בתחלה נעשה אב לארם ולבסוף נעשה אב לכל העולם כולו. שרי היא שרה בתחלה נעשית שרי לאומתה ולבסוף נעשית שרה לכל העולם כולו. תני בר קפרא כל הקורא לאברהם אברם עובר בעשה. שנאמר (בראשית יז) והיה שמך אברהם רבי אליעזר אומר עובר בלאו שנאמר (שם) ולא יקרא עוד את שמך אברם. אלא מעתה הקורא לשרה שרי הכי נמי התם הקדוש ברוך הוא אמר לאברהם (שם) שרי אשתך לא תקרא את שמה שרי כי שרה שמה אלא מעתה

גיזאגט איהר זאלט ניט דער מאנען דיא ערשטע זאכען. איהר זאלט אייך ניט פארשטיין אויף די פריערדיגע זאכען. איהר זאלט ניט דער מאנען דיא ערשטע זאכען: דאס מיינט מען זייא וועלין ניט דער מאנען וואס זייא זענען אוים גילייזט גיווארען פון פריערדיגע גזירות וגלות מצרי. אונ בבלו. איהר וועט אייך ניט פארשטיין אויף דיא פריערדיגע זאכען. וואס נאך פריער איז גיוועזן. דאס מיינט מען זייא וועלין ניט דערמאנען יציאת מצרים. איך וועל מאכען איינס וואס וועט איצט שפראצען. וואס איהר וועט אויסגילייזט ווערין פון דעם לעצטען גלות. דם וועט איהר דער מאנען. רב יוסף האט גילערנט דאס מיינט מען דיא מלחמה פון גוג ומגוג וואס וועט זיין צום לעצטען ווען משיח וועט קומען. דאס וועט איהר דער מאנען. צוא וואס איז די זאך גליך צו א מענטש וואס איז גיגאנגען אין וועג. האט איהם בגעגינט א וואלף אונ ער איז גירעטעט גיווארען פון איהם. דיא גאנצע וועג האט ער דער ציילט וואס איהם האט גיטראפען מיט דעם וואלף. דער נאך האט איהם בגעגינט א לייב אונ ער איז פון איהם אויך גירעטעט גיווארען. פאר געסט ער פון וואלף אונ די גאנצע וועג דער ציילט נאר ווס איהם האט גיטראפען מיט דעם לייב. דער נאך הט איהם בגעגינט א שלאנג אונ ער איז גירעטעט גיווארען פון איהם האט ער פארגעסין וואס איהם האט גיטראפען מיט ביידע. מיט דעם וואלף אונ מיט דעם לייב אונ ער האט נאר דער ציילט דיא גאנצע וועג וואס איהם האט גיטראפען מיט דעם שלאנג. דיא יודען זענען אויך אזוי דורך דיא לעצטע צרות פאר געסט מען דיא ערשטע צרות:

הוא אברם אונ אברהם דאס איז איין מענטש. פריער איז ער גיוועזן א פאטער (א האר) צו דער מדינה ארם. דריבער האט מען איהם גירופען אב-רם. דער נאך איז ער גיווען א פאטער (א האר) צו דער גאנצער וועלט. שרי אונ שרה דאס איז איין מענטש. פריער איז זי גיוועזן א פירשטען צו איהר פאלק אליין. דער נאך איז זיא גיווארען א פירשטען צו די גאנצע וועלט:

בר קפרא הט גילערנט ווער עס רופט אויף אברהם אבינו אברם. איז ער עובר אויף א מצות עשה: ווארום דער פסוק זאגט גאט הט גיזאגט צו אברם דיין נאמען זאל זיין אברהם. רבי אליעזר זאגט ער איז עובר אויף א לאו: אזוי ווי עס שטייט אין פסוק גאט האט גזאגט צו אברם דיין נאמען זאל ניט מעהר גירופען ווערין אברם. פרעגט די גמרא דארף דאך זיין דער ווס רופט אויף שרה שרי זאל ער אויך אזוי עובר זיין אויף א מצות עשה אונ אויף א לא תעשה. ענטפערט די גמרא דארטין האט גאט נאר אן גיזאגט צו אברהם דיין ווייב שרי זאלסטו איהר שוין ניט מעהר רופען שרי. נאר שרה זאל זיין איהר נאמען. אבער צו קיין אנדער מענטשין הט גאט ניט אנגיזאגט. פרעגט די גמרא דארף דאך זיין דער ווס רופט אויף יעקב זאל ער

מעתה הקורא ליעקב יעקב הכי נמי שאני התם דהדר אהדריה קרא דכתיב (שם מו) ויאמר אלהים לישראל במראות הלילה ויאמר יעקב יעקב. מתיב רבי יוסי בר אבין ואיתימא רבי יוסי בר זבידא (נחמיה ט) אתה הוא ה׳ האלהים אשר בחרת באברם (והוצאתו מאור כשדים ושמת שמו אברהם) אמר ליה התם נב״א הוא דקא כסדר לשבחיה דרחמנא מאי דהוה מעיקרא:

דהוי : מסדר שבחיה דמעיקרא . אבל במקום כהיות שמו אברם ושמתו שמו אברהם ע״כ : והיה אם שמוע נוהג בין ביום ובין בלילה . דמשתעי בתלמוד תורה דכתיב ולמדתם אותם את בניכם : ויאמר . דמשתעי בציצית אינו נוהג אלא ביום דכתיב וראיתם אותו פרט לכסות לילה : עול מצות.

פרק שני היה קורא.

א אמר רבי יהושע בן קרחה למה קדמה פרשת שמע לוהיה אם שמוע. כדי שיקבל עליו עול מלכות שמים תחלה ואחר כך יקבל עליו עול מצות. והיה אם שמוע לויאמר שוהיה אם שמוע נוהג בין ביום ובין בלילה ויאמר אינו נוהג אלא ביום בלבד, ע״כ. עוד כתוב בסוף פרק של מעלה מענין זה פרשת ציצית מפני מה קבעוה בק״ש אמר רבי יהודה בר חביבא מפני שיש בה ששה דברים מצות ציצית יציאת מצרים עול מצות ומינות הרהור עבירה והרהור עבודת כוכבים ומזלות. בשלמא הני תלת מפרשן. עול מצות דכתיב וראיתם

אויך עובר זיין אויף אמצות עשה אונ אויף אלא תעשה. ענפערט די גמרא דארט איז אנדערש דער נאך הט דער פסוק אליין איהם גירופען דעם נאמען יעקב אזוי ווי עס שטייט אין פסוק גאט הט גיזאגט צו ישראל ווען ער האט זיך צו איהם באוויזען ביי נאכט אונ ער הט צו איהם גיזאגט יעקב. האט דאך גאט אליין איהם גירופען יעקב. דער נאך ווי ער האט איהם פריער גירופען ישראל. הט רבי יוסי בר אבין גיפרעגט אונ אנדערע זאגין רב יוסי בר זבידא הט גיפרעגט עס שטייט דאך אין פסוק אתה הוא יי האלהים אשר בחרת באברם רופט דאך דער פסוק אויף אברהם אברם. הט בר קפרא (אדער רבי אליעזר) גיזאגט צו רבי יוסי דארט אין דעם פסוק דער ציילט דער נביא דעם לויב פון גאט וואס פריער איז גיוועזען. אז גאט האט אויסדערוויילט אין אברהם. ווען מען הט איהם נאך גירופען אברם. אונ ער הט איהם מציל גיוועזען פון פייער פון כשדים. אונ גאט הט גירופען זיין נאמען אברהם:

פרק שני

א אמר. רבי יהושע בן קרחה הט גיזאגט פר וואס שטייט דיא פרשה שמע ישראל פר די פרשה והיה אם שמוע. פריער זאל ער אויף זיך נעמען די מלוכה פון גאט. אז גאט איז איין מלך איבער די גאנצע וועלט אונ ער איז אקנעכט פון גאט. דער נאך זאל ער אויף זיך נעמען צו טאהן וואס גאט הט גיבאטין. פר וואס זאגט מען דיא פרשה והיה אם שמוע. פאר דיא פרשה ויאמר. ווייל די מצות וואס שטייט אין די פרשה והיה אם שמוע דארף מען זייא טאהן ביא טאג אונ ביי נאכט. אין די פרשה והיה אם שמוע שטייט אמצוה מען זאל לערנען. אונ לערנען מוז מען ביי טאג אונ ביי נאכט. אונ די מצוה וואס שטייט אין פרשה ויאמר דארף מען זיא ניט מעהר טאהן נאר ביי טאג אונ ניט ביי נאכט. אין דיא פרשה ויאמר שטייט דיא מצוה פון ציצית. אונ ציצית דארף מען נאר גיין ביי טאג ניט ביי נאכט. פאר וואס הט מען אריין געשטעלט דיא פרשה ציצית אין קריאת שמע. הט רב יהודה בר חביבא גיזאגט ווייל אין די פרשה פון ציצית איז דא זעקס זאכען. די מצוה מען זאל גיין אין ציצית. אונ אז גאט הט אינז ארויס גינומען פון מצרים. אונ מיר זאלען נעמען אויף אונז מיר זאלין טאהן די מצות וואס גאט האט גיבאטין. אונ מיר זאלין ניט זיין קיין אפיקורסים. אונ מיר זאלען ניט טראכטען צו מזנה זיין. אונ מיר זאלען ניט טראכטען צו דינען עבודה זרה: פרעגט די גמרא דאס איז רעכט די ערשטע דריי זאכען שטייען

(במדבר טו) וראיתם אותו וזכרתם את כל מצות ה'. ציצית דכתיב (שם) ועשו להם ציצית וגו'. יציאת מצרים דכתיב אשר הוצאתי וגו'. אלא מינות הרהור עבירה והרהור עבודת כוכבים ומזלות מנא לן. דתניא אחרי לבבכם זו מינות וכה"א (תהלים יד) אמר נבל בלבו אין אלהים אחרי עיניכם זו הרהור עבירה שנאמר (שופטים יד) ויאמר שמשון אל אביו אותה קח לי כי היא ישרה בעיני אתם זונים זו הרהור עבודת כוכבים ומזלות וכן הוא אומר (שם ח) ויזנו אחרי הבעלים:

ועשיתם את מצותי : זו מינות . עובדי כוכבים שכופרים דברי אלהים חיים ע"כ :
ובדלי"ת . ולא בחי"ת דכל מה דאמר את בלא דלי"ת לא משמע מידי ומה שנא בהארכתו אבל בדלי"ת יאריך כשיעור שיעשנו בלבו יחיד בשמים ובארץ ולד' רוחותיה כדמפרש לקמן : ובלבד שלא יחטוף בחי"ת . בשביל אריכת בדלי"ת לא ימהר בקריאתה בלא יקראנה בחטף בלא פת"ח ואין זה כלום : דאמליכתיה . בהארכת שיעור שהמלכת בלבך שהוא אחד בשמים ובארץ ובארבע רוחותיה : פרקדן . שוכב על גבו ופניו למעלה והוא דרך גאוה : מיגנא . לישן : כי מצלי שפיר דמי .

(ע"ב) ב תניא סומכוס אומר המאריך באחד מאריכין לו ימיו ושנותיו אמר רבי אחא בר יעקב ובדלי"ת אמר רבי אסי ובלבד שלא יחטוף בחי"ת רבי ירמיה הוה יתיב קמיה דרבי (חייא בר אבא) חזייה דהוה קא מאריך טובא א"ל כיון דאמליכתיה למעלה ולמטה ולארבע רוחות השמים תו לא צריכת:

ג אמר רב יוסף פרקדן לא יקרא קריאת שמע הוא דלא ליקרי הא מיגני שפיר דמי. והא רבי יהושע בן לוי לייט אמאן דגני אפרקיד. אמרי מיגנא כי מצלי שפיר

ארויס גירעט אין פסוק. מיר זאלען נעמען אויף אונז צו טאהן מצות. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק איהר זאלט זעהן די ציצית וועט איהר אייך דער מאנען אין אלע מצות פון גאט. מען זאל גיין אין ציצית. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק זיי זאלען מאכען פאר זיך ציצית. אז גאט האט אונז ארויס גינומען פון מצרים. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק איך האב אייך ארויס גינומען פון מצרים. נאר פון וואנען ווייסען מיר אז מען טאר ניט זיין קיין אפיקורס. אונ אז מען טאר ניט טראכטען אין זנות. אונ אז מען טאר ניט טראכטען צו דינען עבודה זרה. ווארום מיר האבען גילערנט עס שטייט אין פסוק איהר זאלט ניט אויסזעהן נאך אייער הארץ. דאס מיינט מען איהר זאלט ניט לייקענען אין גאט. אונ אזוי זאגט דער פסוק דער שלעכטער טראכט אין זיין הארץ עס איז קיין גאט ניטא. איר זאלט ניט אוים זעהן נאך אייערע אויגען. דאס מיינט מען איר זאלט ניט טראכטען צוא מזנה זיין. אזוי וויא דער פסוק זאגט שמשון האט גזאגט צו זיין פאטער דיא אשה זאלסטו נעמען פון מיינעט וועגין. ווארום דיא אשה איז גיפעלען אין מיינע אויגען. וואס איר קערט אפ. דאס מיינט מען איר זאלט ניט אפ קערין פון גאט אונ טראכטען צוא דינען עבודה זרה. אונ אזוי זאגט דער פסוק זייא האבען אפ גיקערט נאך דיא עבודה זרה:

ב תניא. מיר האבען גילערנט סומכוס זאגט דער וואס ציהט לאנג דעם ווארט אחד דער לייננערט מען איהם זיינע טעג אונ זיינע יאהרען. האט רבי אחא בר יעקב גזאגט דעם דלי"ת פון אחד זאל ער לאנג ציהען. ניט דעם חי"ת. האט רב אשי גזאגט. נאר ער זאל ניט חאפען דעם חי"ת. רבי ירמיה איז גיזעסען פאר רבי חייא בר אבא. האט ער גיזעהן וויא ער ציהט זייער לאנג דעם ווארט אחד. הט ער צוא איהם גזאגט אז דוא האסט נאר גיטראכט אז גאט איז אמלך אויבען אויף דעם הימעל אונ אונטען אויף דיא ערד אונ אין דיא פיר זייטען פון הימעל. מעהר דארפסטו ניט טראכטען אונ קענסט אוים לאזען דעם ווארט אחד:

ג אמר. רב יוסף האט גזאגט אז מען ליגט אויף דיא פלייצע מיט דעם פנים ארויף טאר מען ניט לייענען קריאת שמע. פרעגט דיא גמרא קריאת שמע טאר ער ניט לייענען ווען ער ליגט מיט דעם פנים ארויף. אבער שלאפען מיט דעם פנים ארויף מעג מען. רבי יהושע בן לוי האט דאך גישאלטען (גיפלוכט) דעם וואס שלאפט אויף דיא פלייצם מיט דעם

שפיר דמי מיקרי אע״ג דמצלי נמי אסירא, והא רבי יוחנן מצלי וקרי שאני רבי יוחנן דבעל בשר הוה:

(דף יד ע״ב) **ד** חוזר ואומר אמת או אינו חוזר ואומר אמת אמר רבי אבהו אמר רבי יוחנן חוזר ורבה אמר אינו חוזר ההוא דנחית קמיה דרבה שמעיה רבה דאמר אמת אמת תרי זימני אמר רבה כל אמת אמת תפסיה להאי:

ה אמר עולא כל הקורא קריאת שמע בלא תפילין כאילו מעיד עדות שקר בעצמו ורבי חייא בר אבא אמר רבי יוחנן כאילו הקריב עולה בלא מנחה וזבח בלא נסכים (אמר רבה בר בר חנה) אמר רבי יוחנן הרוצה שיקבל עליו עול מלכות שמים שלמה (דף טו) יפנה ויטול ידיו ויניח תפילין ויקרא ק״ש ויתפלל וזו היא מלכות שמים שלמה. אמר רבי חייא בר אבא אמר רבי יוחנן כל הנפנה ונוטל ידיו ומניח תפילין וקורא ק״ש ומתפלל מעלה עליו הכתוב כאילו בנה מזבח והקריב עליו קרבן שנאמר (תהלים כו) ארחץ (בנקיון) ולא

פירוש

כשהוא מוטה על (גבו) [צדו] מעט ש״ד אבל מקרי ק״ש אפילו מצלי נמי אסור שמקבל עליו עול מלכות שמים דרך גררה וגאוה:

כל אמת אמת תפסיה להאי. ריבעא של אמת תפסהו לזה:

כאלו מעיד עדות שקר בעצמו. לישנא מעליא:

כאלו הקריב עולה וכו'. שחייבו הכתוב להקריב עמה מנחת נסכים אף זה הקורא (ואינו מקיים) אינו גומר את המצוה: נסכים. הוא היין שמתנסך על גבי המזבח אחר העולה והזבח כדכתיב ונסכיהם חצי ההין וזהו הדין דמצי למימר כאלו הקריב עולה בלא מנחה ונסכים דהא עולה נמי טעונה נסכים ולישנא דקרא נקט עולה ומנחה זבח ונסכים: יפנה. לנקביו: דכתיב ארחץ בנקיון. משמע רחיצת כל הגוף ולא כתיב ארחץ כפי לדרשא אתא לומר שהוא מעלה עליו שכר רחיצת כפים כאלו טבל כל גופו:

פָּנִים אַרוֹיף. ענטפערט דיא גמרא איך וועל דיר זאגען. שלאפען אויף דיא פלייצעס אביסעל איין גיבויגען אויף אַזייט מעג מען: לייענען קריאת שמע אפילו ער איז איינגיבויגען אויף אַזייט טאר מען אויך ניט: פרעגט דיא גמרא רבי יוחנן איז גיוועזען איינגיבויגען אויף אַזייט אונ האט גילייענט קריאת שמע: ענטפערט די גמרא. רבי יוחנן איז אנדערש ווי אַלע מענטשין. ער איז גיוועזען אַדיקער מענטש. האט ער גימוזט ליגען אויף אַזייט ווען ער האט גילייענט קריאת שמע:

ד חוזר. פרעגט דיא גמרא אז מען לאזט אויס קריאת שמע אונ מען זאגט ה׳ אלהיכם אמת. אז מען הייבט אָן ווייטער דאווענען. זאל מען זאגען נאך אמאהל אמת. מען זאל אנהייבען אמת ויציב. אדער מען זאל ניט זאגען נאך אמאהל אמת. נאר מען זאל אנהייבען ויציב. האט רבי אבהו גזאגט פון רבי יוחנן׳ס וועגין ער זאל זאגען נאך אמאהל אמת. אונ רבה זאגט ער זאל ניט זאגען נאך אמאהל אמת. איינער איז גיגאנגען צום עמוד דאווענען פאר רבה. האט רבה גיהערט וויא דער חזן זאגט צוויי מאהל אמת. ה׳ אלהיכם אמת. אונ אמת ויציב. האט רבה גזאגט אלע אמת האט אן גינומען דעם מענטש. מען דארף נאר זאגען איין מאל אמת: ה׳ אלהיכם אמת. דער נאך זאל מען אנהייבען ויציב:

ה אמר: עולא האט גזאגט. ווער עס לייענט קריאת שמע אן תפילין איז גליך וויא ער וואלט גזאגט פאלשע עדות אויף גאט. גאט האט גיהייסען לייגען תפילין אונ ער לייגט ניט. אונ רבי חייא בר אבא האט גזאגט פון רבי יוחנן׳ס וועגין עס איז גליך וויא ער וואלט מקריב גיוועזען אעולה אן אמנחה. אונ שלמים אן נסכים. רבי יוחנן האט גזאגט דער וואס וויל מקבל זיין אויף זיך דיא מלוכה פון גאט אין גאנצען. אזוי וויא דער דין איז. זאל ער ארוים גיין זיך ריין מאכען. אונ זאל וואשען דיא הענט אונ זאל לייגען תפילין. אונ זאל לייענען קריאת שמע. אונ זאל דאווענען שמונה עשרה: דאס הייסט ער האט אויף זיך מקבל גיוועזען דיא מלוכה פון גאט אין גאנצען אויף אלע גלידער אזוי ווי דער דין איז:

אמר: רבי חייא בר אבא האט גזאגט פון רבי יוחנן׳ס וועגין ווער עס גייט ארוים זיך ריין מאכען. אונ ער וואשט דיא הענט אונ ער לייגט תפילין. אונ ער לייענט קריאת שמע. אונ ער דאווענט שמונה עשרה. רעכענט אויף איהם דער פסוק גליך וויא ער וואלט גיבאהט אמזבח אונ וואלט מקריב גיוועזען אקרבן אויף דעם מזבח. אזוי וויא דער פסוק זאגט. איך וועל

ולא כתיב ארחיץ (כפי) :

ו **אמר** ליה רבינא לרבא חזי מר האי צורבא מרבנן דאתא ממערבא ואמר מי שאין לו מים לרחוץ (ידיו) מקנח ידיו בעפר ובצרור ובקסמים אמר ליה שפיר קאמר מי כתיב במים בנקיון כתיב כל מידי דמנקי :

(ע"ב) ז **אמר** רבי חמא ברבי חנינא כל הקורא ק"ש ומדקדק באותיותיה מצננין לו גיהנם שנאמר (תהלים סח) בפרש שדי מלכים בה תשלג בצלמון אל תקרי בפרש אלא בפרש אל תקרי בצלמון אלא בצלמות . ואמר רבי חמא ברבי חנינא למה נסמכו אהלים לנחלים דכתיב (במדבר כד) כנחלים נטיו כגנות עלי נהר כאהלים נטע וגו' לומר לך מה נחלים מעלים את האדם מטומאה לטהרה אף אהלים מעלים את האדם מכף חובה לכף זכות :

רבי

בפרש שדי . אם תפרש שדי ותבדיל היבות של מלכות שמים : מלכים בה . התורה אשר בה מלכים ימלוכו תשלג והלבן לך את צל המות: אהלים לנחלים . כנחלים נטיו כאהלים נטע . (והרשב"א הקשה על פירוש זה דהוית בשמים הוא שתרגומו מלשון מור ואהלות אלא נסמכו אהלים לנחלים דכתיב מה טובו אהליך וסמיך ליה כנחלים נטיו עכ"ל הרשב"א נהזור לפירש"י) אף אהלים כתי מדרשות אהלים לשון נטיעה נופלת בהם שנאמר ויטע אהלי אפדנו :

װעל אָפּ װאַשֶׁען מִיט רֵיינְקֵייט מַיינֶע הֶענְט . אונ אִיךְ װֶעל אַרוּם רִינְגְלֶען דֵיין מִזְבֵּחַ װָס דוּ גָאט דָאסְט אוּים דֶער װֵייכְט . הָאט רָבָא גְזָאגְט צוּ רַבִּי חִיָּיא . הַאלְט נִיט דֶער רֶבִּי אַז עֶס אִיז גְלַייךְ װִיא עֶר װָאלְט זִיךְ טוֹבֵל גִיװֶען . הָאט רַבִּי חִיָּיא גְזָאגְט צוּ רָבָא דוּא זָאגְסְט גוּט . עֶס אִיז טַאקִי גְלַייךְ װִיא עֶר װָאלְט זִיךְ טוֹבֵל גִיװֶען . װָארוּם עֶס שְׁטֵייט אֶרְחַץ אִיךְ װֶעל מִיךְ װַאשֶׁען . מֵיינְט מֶען דֶעם גַאנְצֶען גוּף . אונ עֶס שְׁטֵייט נִיט אִיךְ װֶעל װַאשֶׁען דִיא הֶענְט . מֵיינְט דֶער פָּסוּק אַזוֹי . דָס װָס אִיךְ װֶעל װַאשֶׁען מִיט רֵיינְקֵייט דִי הֶענְט . אִיז גְלַייךְ װִי אִיךְ װָאלְט מִיךְ אִין גַאנְצֶען גִיװַאשֶׁען (טוֹבֵל גִיװֶען) :

ו אָמַר . רַבִינָא הָאט גְזָאגְט צוּ רָבָא . זָאל דֶער רַבִּי זֶעהְן דֶעם לַמְדָן װָאס אִיז גִיקוּמֶען פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל . אונ עֶר זָאגְט װֶער עֶס הָאט נִיט קַיין װַאסֶער צוּ װַאשֶׁען דִיא הֶענְט זָאל עֶר אָפּ װִישֶׁען דִיא הֶענְט מִיט עֶרְד אָדֶער מִיט גְרוֹיסֶע שְׁטֶענֶער אָדֶער מִיט קְלֵיינֶע שְׁפֶּענְדְלַאךְ זַייא זָאלֶען רֵיין װֶערִין . הָאט רָבָא גְזָאגְט צוּ רַבִינָא עֶר זָאגְט גוּט . שְׁטֵייט דֶען אִין פָּסוּק מִיט װַאסֶער זָאל מֶען רֵיין מַאכֶען דִיא הֶענְט . מִיט רֵיינְקֵייט שְׁטֵייט . אַלְץ װָאס עֶס מַאכְט רֵיין דִי הֶענְט אָן דֶעם זָאל מֶען אָפּ װִישֶׁען :

ז אָמַר . רַבִּי חָמָא בְּרַבִּי חֲנִינָא הָאט גְזָאגְט . דֶער װָאס לֵייֶענְט קְרִיאַת שְׁמַע אונ רֶעט אַרוֹיס גוּט דִיא אוֹתִיוֹת מִיט דִיא װֶערְטֶער : קִיהְלְט מֶען אִיהם אָפּ דֶעם גֵיהִנָּם . אַזוֹי װִי דֶער פָּסוּק זָאגְט בְּפָרֵשׂ שַׁדַי מְלָכִים בָּהּ תַּשְׁלֵג בְּצַלְמוֹן . זָאגְט דִיא גְמָרָא זָאלְסְט נִיט לֵייֶענֶען בְּפָרֵשׂ מִיט אַסִין נָאר זָאלְסְט לֵייֶענֶען בְּפָרֵשׁ מִיט אַשִׁין . זָאלְסְט נִיט לֵייֶענֶען בְּצַלְמוֹן נָאר זָאלְסְט לֵייֶענֶען בְּצַלְמָוֶת : אִיז דֶער פְּשַׁט אִין פָּסוּק בְּפָרֵשׁ שַׁדַי אַז דוּא װֶעסְט גוּט אַרוֹיס רֵיידֶען דִיא אוֹתִיוֹת פוּן דִיא פָּרָשָׁה װָאס אִין אִיר שְׁטֵייט דֶער מָאנְט מַלְכוּת שָׁמַיִם . דָאס אִיז קְרִיאַת שְׁמַע . מְלָכִים בָּה דִיא תּוֹרָה װָאס אִין דִיא פָּרָשָׁה . װָאס דִיא תּוֹרָה װֶערְט גִירוּפֶען מַלְכוּת . תַּשְׁלֵג זִיא װֶעט מַאכֶן . שְׁנֵייעֶן . זִיא װֶעט קַאלְט מַאכֶען . בְּצַלְמָוֶת דֶעם גֵיהִנֹּם װָאס עֶר הֵייסְט צַלְמָוֶת . נָאךְ הָט רַבִּי חָמָא בְּרַבִּי חֲנִינָא גְזָאגְט . װָארוּם שְׁטֵייט נָאנְט דֶער װָארְט אֳהָלִים צוּם װָארְט נְחָלִים . װָארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק כִּנְחָלִים נִטָּיוּ כְּגַנֹּת עֲלֵי נָהָר כַּאֲהָלִים נָטַע . זַייא זֶענֶען גִינֵייגְט אַזוֹי װִיא דִיא טַייכֶען . אַזוֹי װִיא דִיא גֶערְטנֶער װָאס זֶענֶען בַּייא דֶעם טַייךְ . אַזוֹי װִיא דִי גִיצֶעלְטֶען װָאס גָאט הָאט גִיפְלַאנְצְט (עיין ברשב"א) . צוּ זָאגֶען דִיר . אַזוֹי װִיא אַטַייךְ בְּרֵיינְגְט אוֹיף דֶעם מֶענְטשׁ פוּן טוּמְאָה צוּ טַהֲרָה . אַז אַטָמֵא גֵייט אַרַיין אִין טַייךְ אונ אִיז זִיךְ טוֹבֵל גֵייט עֶר אַרוֹיס טָהוֹר . אַזוֹי דִיא גִיצֶעלְטֶען װָאס מֶען לֶערְנְט אִין זֵייא תּוֹרָה בְּרֵיינְגֶען אוֹיף דֶעם מֶענְטשׁ פוּן זַיינֶע עֲבֵירוֹת צוּ מִצְוֹת :

(דף טז) **ח רבי** אמי ורבי אסי הוו קא קטרין ליה גננא לר"א אמר להו אדהכי והכי איזיל ואשמע מלתא בבי מדרשא ואיתי ואימא לכו אזיל אשכחיה לתנא דקתני קמיה דרבי יוחנן קרא וטעה ואינו יודע להיכן טעה יחזור כו' אתא וא"ל אמרו ליה אילו לא באנו אלא לשמוע דבר זה דיינו:

(ע"ב) **ט תנו** רבנן עבדים ושפחות אין עומדין עליהם בשורה ואין אומרים עליהם ברכת אבלים ולא תנחומי אבלים. מעשה ומתה שפחתו של רבי אליעזר נכנסו תלמידיו לנחמו כיון שראה אותם עלה לעליה ועלו אחריו נכנס לאנפילון נכנסו אחריו נכנס לטרקלין נכנסו אחריו אמר להם כמדומה לי שאתם נכוין בפושרין עכשיו אי אתם נכוים אפילו בחמי חמין לא

קטרין ליה גננא. קשרים לו חופה לנשיאו אשה: אין עומדין עליהם בשורה. כשחוזרים מבית הקברות היו עושין שורות סביב האבל ומנחמין אותו ואין שורה פוחתה מעשרה: ברכת אבלים ברכת רחבה שמאכילין אותו סעודה ראשונה משל אחרים, ומברכין שם ברכת אבלים והיא מפורשת בכתובות פ"א: לאנפילון. בית קטן שלפני טרקלין הגדול: נכוין בפושרין. כלומר סבור הייתי שתבינו הדבר ברמז מועט כשראיתם אותי סר מעליכם נכנס לאנפילון:

ח רַבִּי אַמִי אונ רַבִּי אַסִי הָאבֶּען צוּ זַאמֶען גִיבּוּנְדֶען אַחוּפָּה פַאר רַבִּי אֶלְעָזָר. הָאט רַבִּי אֶלְעָזָר גְזָאגְט צוּ רַבִּי אַמִי אונ רַבִּי אַסִי. דֶער וַוייל אֵיידֶער אִיר וֶועט מַאכֶען דִיא חוּפָּה וֶועל אִיךְ גֵיין אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ הֶערִין תּוֹרָה: וֶועל אִיךְ קוּמֶען אונ וֶועל אַייךְ זָאגֶען. אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ אונ הָאט גִיטְרָאפֶען אַתַּנָּא לֶערוּנְט פַאר רַבִּי יוֹחָנָן. אַז עֶר הָאט גִילֵייעֶנְט קְרִיאַת שְׁמַע אונ הָאט זִיךְ טוֹעֶה גִיוֶועזֶען. אונ עֶר וֵוייס נִיט אוֹיף וֶועלְכִין אָרְט עֶר הָאט זִיךְ טוֹעֶה גִיוֶועזֶען. נָאר עֶר וֵוייס אַז עֶר הַאלְט אִין אַמִיטֶען פַּרְשָׁה. זָאל עֶר אָנְהֵייבֶּען פוּן אָנְהֵייבּ פַּרְשָׁה. אִיז רַבִּי אֶלְעָזָר גִיקוּמֶען אונ הָאט גְזָאגְט דֶעם דִין צוּ רַבִּי אַמִי מִיט רַבִּי אַסִי. הָט רַבִּי אַמִי אונ רַבִּי אַסִי גְזָאגְט צוּ רַבִּי אֶלְעָזָר. וֶוען מִיר וָואלְטֶען נִיט מֶעהר גִיקוּמֶען אַהֶער נָאר צוּא הֶערִין דִי זַאךְ וָואלְט אוּנְז גִינוּג גִיוֶועזֶען:

ט תָּנוּ רַבָּנָן. דִי רַבָּנָן הָאבֶּען גִילֶערוּנְט. אַז אֵיינֶער הָאט גִיקוֹיפְט אַקְנֶעכְט אַכְּנַעֲנִי אָדֶער אַדִינְסְט אַכְּנַעֲנִית. אונ זֵייא זֶענֶען גִישְׁטָארְבֶּען. שְׁטֵייט מֶען נִיט אוֹיף זֵיי מִיט אַשׁוּרָה. אַאָבֵל אַז עֶר גֵייט צוּרִיק פוּן קֶבֶר שְׁטֶעלֶען זִיךְ צְוֵוייא שׁוּרוֹת מֶענְטְשִׁין. אונ דֶער אָבֵל גֵייט צְווִישֶׁען דִיא שׁוּרוֹת. אונ דִיא מֶענְטְשִׁין זָאגֶען צוּם אָבֵל תִּתְנַחֵם דוּא זָאלְסְט גִיטְרֵייסְט וֶוערִין. אָבֶּער אַז דֶער בַּעַל הַבַּיִת גֵייט צוּרִיק פוּן דֶעם קֶבֶר וָואס עֶר הָאט בַּגְרָאבֶּען אַקְנֶעכְט אַכְּנַעֲנִי אָדֶער אַשִׁפְחָה כְּנַעֲנִית דַארְפֶען זִיךְ נִיט שְׁטֶעלֶען צְוֵוייא שׁוּרוֹת מֶענְטְשִׁין. אונ מֶען דַארְף נִיט זָאגֶען צוּ אִיהם תִּתְנַחֵם. אונ מֶען זָאגְט נִיט אוֹיף זֵייא דִיא בְּרָכָה פוּן דִיא אֲבֵלִים. אַאָבֵל אַז עֶר גֵייט צוּרִיק פוּן בֵּית הַקְבָרוֹת עֶסְט עֶר דִיא עֶרְשְׁטֶע סְעוּדָה פוּן פְרֶעמְדֶע. אונ וֶוען מֶען בֶּענְשְׁט זָאגְט מֶען בְּרָכוֹת פַר דֶעם אָבֵל. אָבֶּער דֶער בַּעַל הַבַּיִת פוּן דֶעם עֶבֶד כְּנַעֲנִי אָדֶער פוּן דִיא שִׁפְחָה כְּנַעֲנִית דַארְף נִיט עֶסִין דִיא סְעוּדָה פוּן פְרֶעמְדֶע אונ מֶען זָאגְט נִיט דִי בְּרָכוֹת פוּן אָבֵל. אונ מֶען טְרֵייסְט נִיט דֶעם בַּעַל הַבַּיִת אַזוֹי וִויא מֶען טְרֵייסְט אַנְדֶערֶע אֲבֵלִים. מֶען זָאגְט נִיט צוּ אִיהם תִּתְנַחֵם דוּא זָאלְסְט גִיטְרֵייסְט וֶוערִין. עֶס הָאט גִיטְרָאפֶען אַז דִיא דִינְסְט אַכְּנַעֲנִית פוּן רַבִּי אֱלִיעֶזֶר אִיז גִישְׁטָארְבֶּען. זֶענֶען זַיינֶע תַּלְמִידִים אַרַיין גִיגַאנְגֶען צוּא אִיהם. טְרֵייסְטֶען אִיהם. וִויא רַבִּי אֱלִיעֶזֶר הָט זֵייא דֶער זֶעהן אִיז עֶר אַרוֹיף גִיגַאנְגֶען אוֹיף אַאוֹבֶּערְשְׁטֶע שְׁטוּבּ. זֶענֶען זֵייא אַרוֹיף גִיגַאנְגֶען נָאךְ אִיהם. אִיז עֶר אַרַיין גִיגַאנְגֶען אִין אַקְלֵיינֶע פָאדֶער שְׁטוּבּ: זֶענֶען זֵייא אַרַיין גִיגַאנְגֶען נָאךְ אִיהם. אִיז עֶר אַרַיין גִיגַאנְגֶען אִין אַגְרוֹיסֶע שְׁטוּבּ. זֶענֶען זֵיי אַרַיין גִיגַאנְגֶען נָאךְ אִיהם. הָט רַבִּי אֱלִיעֶזֶר גְזָאגְט צוּ דִי תַּלְמִידִים. עֶס הָאט מִיר אוֹיס גִיזֶעהן אַז אִיר וֶועט אַייךְ אָפּ בְּרִיהֶען אִין וַוארֶעמֶע וַואסֶער. אִיךְ הָאבּ גִימֵיינְט אַז אִיר וֶועט פַר שְׁטֵיין אַז מֶען וֶועט נָאר אַוִוינְק טָאהן צוּ אַייךְ. דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאהל אַז אִיךְ בִּין נָאר אַוֶועק גִיגַאנְגֶען פוּן אַייךְ הָאבּ אִיךְ גִימֵיינְט וֶועט אִיר שׁוֹין פַאר שְׁטֵיין אַז אִיךְ וִויל נִיט מֶען זָאל מִיךְ טְרֵייסְטֶען. אִיצְט זֶעה אִיךְ אַז אִיר וֶוערְט נִיט אָפּ גֶעבְּרִיט אֲפִילוּ אִין גַאנְץ הֵייסֶע וַואסֶער. וִויא פִיל מָאהל

לא כך שניתי לכם עבדים ושפחות אין עומדין עליהם בשורה ואין אומרים עליהם ברכת אבלים ולא תנחומי אבלים אלא כה אומרין עליהם כשם שאומרים לו לאדם על שורו וחמורו שמתו המקום ימלא חסרונך כך אומרים וכו'. תניא אידך עבדים ושפחות אין מספידין אותם. רבי יוסי אומר אם עבד כשר הוא אומר עליו הוי איש טוב ונאמן ונהנה מיגיעו. אמר ליה אם כן מה הנחת לכשרים:

כוי. נשן גמלה ולעקה:
אין קורין אבות אלא לשלשה. אברהם יצחק יעקב לאפוקי שבטים: אלא לארבעה. שרה רבקה רחל ולאה:
כן אברכך. וכמו הלב. הני קראי דסמיכי מסדדי: רננות. שתים. (וכתב הרשב"א אברכך כמו

י **תנו** רבנן אין קורין אבות אלא לשלשה ואין קורין אמהות אלא לארבעה (אבות) מאי טעמא אילימא משום דלא ידעינן אי מראובן קאתינן אי משמעון קא אתינן. אי הכי אמהות נמי לא ידעינן אי מרחל קא אתינן אי מלאה קא אתינן אלא עד הכא חשיבי טפי לא חשיבי:

יא **אמר** רבי אליעזר מאי דכתיב (תהלים סג) כן אברכך בחיי בשמך אשא כפי. כן אברכך זו קריאת שמע בשמך אשא כפי זו תפלה. ואם עשה כן עליו הכתוב אומר

איר האט געזעהן איך גיי אוועק פון אייך. אונ איר גייט מיר אלץ נאך: האב איך דען אייך ניט געלערונט. אז איינער האט א קנעכט א כנעני אדער א דינסט א כנענית: אונ זייא זענען געשטארבען. שטעלט מען ניט קיין צווייא שורות מענטשין דער בעל הבית זאל דורך גייז צווישען זייא: אונ מען זאגט ניט אויף זייא אין בענטשין דיא ברכות וואס מען זאגט אויף א אבל. אונ מען טרייסט ניט דעם בעל הבית אזוי וויא מען טרייסט א אבל. נאר וואס דען זאגט מען אויף זייא. אזוי וויא מען זאגט צו א מענטשין אז א אקס אדער א אייזיל זיינער איז געפיינגערט. גאט זאל דער פילען דיין שאדין. אזוי זאגט מען אויף א קנעכט א כנעני אדער אויף א דינסט א כנענית. גאט זאל דער פילען דיין שאדין. נאך אין א ברייתא האבען מיר געלערונט. א קנעכט א כנעני אדער א דינסט א כנענית אז זייא שטארבען. זאגט מען ניט אויף זייא קיין הספד. רבי יוסי זאגט אויב ער איז געוועזען א פרומער קנעכט. זאגט מען אויף איהם ער איז געוועזען א גוטער מענטש א בגלויבטער אונ האט געלעבט פון זיין ארבייט. האט מען געזאגט צו רבי יוסי אויב מען וועט אזוי זאגען אויף דעם קנעכט וואס ער איז א כנעני וואס האסטו געלאזען מען זאל זאגען אויף פרומע יודען:

י תנו רבנן: דיא רבנן האבען געלערונט. אבות רופט מען נאר צווא דריי. אברהם יצחק יעקב. אונ מוטערס רופט מען נאר צו פיר: שרה רבקה רחל לאה: פרעגט דיא גמרא פאר וואס רופט מען אבות נאר צו דריי. דיא שבטים זענען דאך אויך אונזערע אבות. זאל איך זאגען ווייל מיר ווייסען ניט פון וועלכען שבט מיר זענען. פון ראובן צווא פון שמעון. אויב אזוי ווייסען מיר דאך דיא מוטערס אויך ניט פון וועלכע מוטער מיר זענען: פון רחל צו פון לאה. נאר זאגט דיא גמרא ביז דיא שבטים זענען ביי אונז טייער. אברהם יצחק אונ יעקב. זענען ביי אונז טייער. ווייל גאט האט מיט זייא גירעט. רופען מיר זייא אבות. ווייטער וויא יעקב. דאס איז די קינדער זיינע. ווייל מיט זיי האט גאט ניט גירעט. זענען זייא ניט טייער ביי אונז מען זאל זיי רופען אבות:

יא אמר. רבי אליעזר האט גזאגט וואס מיינט דער פסוק וואס ער זאגט אזוי בענטש איך דיך ביי מיין לעבין. מיט דיין נאמען הייב איך אויף מיינע הענט. אזוי בענטש איך דיך. מיינט מען קריאת שמע. מיט דיין נאמען הייב איך אויף מיינע הענט. מיינט מען שמונה עשרה. אויב ער האט אזוי גיטאהן. ער האט גילייענט קריאת שמע אונ גיראווינט שמונה עשרה. אויף איהם זאגט דער פסוק גאט זאגט איך בין גאט פון אייער קריאת שמע

אומר (שם) כמו חלב ודשן תשבע נפשי . ולא עוד אלא שנוחל שני עולמים העולם הזה והעולם הבא שנאמר (שם) ושפתי רננות יהלל פי (שני רננות הללו למה אחד בעולם הזה ואחד בעולם הבא):

(דף יד) **יב אמר** רב כל הנותן שלום לחברו קודם שיתפלל כאלו עשאו במה שנאמר (ישעיה ב) חדלו לכם מן האדם אשר נשמה באפו כי במה נחשב הוא אל תקרי במה אלא במה . ושמואל אמר במה חשבתו לזה ולא לאלוה . מתיב רב ששת בפרקים שואל מפני הכבוד ומשיב תרגמא רבי אבא במשכים לפתחו . אמר רבי יונה אמר רבי זירא כל הנותן שלום לחבירו קודם שיתפלל עשאו במה . אמרו ליה במה קאמרת אמר להו לא אסור קאמינא . כדרב אידי בר אבין דאמר רב אידי בר אבין אמר רבי יצחק בר

פירוש

בשכמל"ו. כמוך אתה כפי ותהלתו אליך דרך ארצם: שנוחל ב' עולמות. העוה"ז בק"ש והעולם הבא בתפלה ע"כ):
חדלו לכם מן האדם. כלומר לכם לעסוק בכבוד המקום אל תעסקו בכבוד האדם דאי לאו הכי למה ליה נהדר. ושמואל לא דריש ליה לשון במה אלא כמשמעו במה השבתו לזה שהקדמת כבודו לכבודי: שואל מפני הכבוד. וכאן ק"ש קודם תפלה הוא וקתני שואל: תרגמו רבי אבא. לאו דרב ושמואל דהכי במשכים לפתחו אבל פגע בו בדרך שואל. ה"ג אמר רב אידי בר אבין אמר רב יצחק בר אשיאן אסור לו לאדם לעשות חפציו עד שיתפלל

לייענען און פון אייער שמונה עשרה דאווענען . אזוי וויא איך בין זאט געוועזען ווען דער בית המקדש איז געשטאנען . פון די חלב פון די שלמים און פון דיא אש פון דיא עולות (הרי"ף) . דער וואס לייענט קריאת שמע און דאווינט שמונה עשרה ירשת ער צוויי וועלטען . די וועלט און דיא וועלט וואס וועט קומען : אזוי וויא דער פסוק זאגט מיינע לעפצין און מיין מויל לויבען צו גאט מיט צווייערליי געזאנג . פאר וואס צוויי ערליי געזאנג . איין געזאנג אויף די וועלט . און איין געזאנג אויף די וועלט וואס וועט קומען :

יב אמר . רב זאגט ווען איינער גיט שלום צו זיין חבר פאר דעם דאווענען . (ער זאגט צום איהם שלום עליכם . אדער גוט מארגען . גוט שבת . גוט יום טוב) . איז גלייך וויא ער וואלט געמאכט פון זיין חבר אבמה . דאס איז גלייך וויא איינער האט אמזבח מקריב צו זיין אויף איהם קרבנות . און ער פאר לאזט דעם מזבח . און מאכט אבמה מקריב צו זיין אויף איר קרבנות . אזוי דער מענטש הט אשוהל צו בעטען דארט פאר גאט ער זאל איהם געבין וואס ער דארף . פאר לאזט ער די שוהל און גייט חנפנען זיין חבר ער זאל איהם געבין וואס ער דארף . אזוי וויא דער פסוק זאגט איר זאלט אייך פאר מיידען צוא גיין צוא אמענטשין (איהם געבין שלום . איידער איר זענט געוועזען מתפלל זיין צו גאט) איהם האט דאך אויך גאט היינט צוריק געגעבען זיין נשמה אזוי וויא מען האט זיא דיר צוריק גיגעבען . מיט וואס איז ער גרעסער פאר דיר . זאלסט ניט לייענען במה מיט וואס . נאר זאלסט לייענען במה . אז דוא גייסט צו דיין חבר איהם געבין שלום פאר דעם דאווענען . איז גלייך וויא דוא וואלסט איהם געמאכט פר אבמה (וויא פריער) . און שמואל זאגט מיט וואס האסטו דעם מענטש געמאכט חשוב . און גאט האסטו ניט חשוב געמאכט . הט רב ששת גיפרעגט . אז ער לייענט קריאת שמע . צווישען איין פרשה און דיא אנדערע . מעג ער פרעגין שלום צו אמענטש וואס ער דארף איהם אפ געבין כבוד . און אז דער מענטש האט איהם גיפרעגט שלום . איז געוויס אז מען ענטפערט איהם שלום . און קריאת שמע איז דאך פר דעם דאווענען . וויא מעג ער פרעגין שלום . האט רבי אבא גיענטפערט וואס מיר זאגען אז מען טאר ניט געבין שלום צו זיין חבר פאר דעם דאווענען . דאס איז נאר אז ער גייט צו זיין חבר אהיים . אבער אז ער טרעפט זיין חבר . מעג ער איהם געבין שלום פר דעם דאווענען . רבי יונה האט גזאגט פון רבי זיראס וועגין . אז איינער גיט שלום צו זיין חבר פאר דעם דאווענען . הט ער אים גימאכט פר אבמה . הט מען צו איהם גזאגט דוא זאגסט נאר ער האט איהם געמאכט פר אבמה מעהר ניט . הט רבי יונה צו זיי גזאגט איך זאג מען טאר ניט געבין שלום צו אמענטשין פאר דעם דאווענען . אזוי וויא רב אידי בר אבין זאגט . ווארום רב אידי בר אבין האט גזאגט רבי

בר אשיאן אסור לאדם ליתן שלום לחברו ולצאת לדרך קודם שיתפלל שנאמר (תהלים פה) צדק לפניו יהלך . ואמר רב אידי בר אבין אמר רבי יצחק בר אשיאן כל המתפלל ויוצא לדרך . הקדוש ברוך הוא עושה לו חפציו שנאמר צדק לפניו יהלך וישם לדרך פעמיו :

יג **אמר** רבי (יונה אמר רבי) זירא כל הלן שבעה לילות בלא חלום נקרא רע שנאמר (משלי יט) ושבע ילין בל יפקד רע . אל תקרי שבע אלא שבע . אמר ליה רבי (אחא בריה דרבי) חייא בריה דרבי אבא הכי אמר רבי (חייא אמר רבי) יוחנן כל המשביע עצמו מדברי תורה ולן אין מבשרין אותו בשורות רעות שנאמר ושבע ילין בל יפקד רע :

(דף טז ע"ב) יד **רבי** (אליעזר) [אלעזר] בתר דמסיים צלותיה אמר הכי יהי רצון מלפניך ה' אלהינו שתשכן בפורינו אהבה ואחוה שלום וריעות ותרבה גבולנו בתלמידים ותצליח סופנו אחרית ותקוה ותשים חלקנו בגן עדן ותקננו בחבר טוב ויצר טוב בעולמך ונשכים ונמצא יחול לבבנו ליראה את שמך ותבא לפניך קורת נפשנו לטובה . רבי יוחנן בתר דמסיים צלותיה אמר הכי יהי רצון מלפניך ה' אלהינו שתציץ בבשתנו ותביט ברעתנו ותתלבש ברחמיך

שנאמר צדק לפניו יהלך : צדק . תפלה שמצדיק לבוראו והדר וישם פעמיו לדרכי חפצו ע"כ : אל תקרי שבע אלא שבע . ילין בל יפקד מן השמים בחלום כדי הוא רע לכך אין מבשרין לפי קדי : בפורנו . בגורלנו : אחרית ותקוה . שתהא אחריתנו טובה ונראה מה שקיוינו : ותקננו . לשון תקון : ונשכים ונמצא יחול לבבנו ליראה את שמך . שלא יתגבר עלינו יצה"ר בהרהור הלילה לסור מאחריך ביום אלא כשנשכים בכל בוקר נמצא לבבנו מיחל לך : ותבא לפניך קורת נפשנו . כלומר ספוק צרכנו וקורת רוחנו : הביט ברעתנו . תדע

יצחק בר אשיאן האט גזאגט . אמענטש טאר ניט געבען שלום צו זיין חבר און טאר ניט ארויס גיין אין וועג איידער ער דאווינט . אזוי ווי דער פסוק זאגט . פריער פר אלע זאכען וואס דער מענטש וויל טאהן זאל גיין זיין תפלה . פריער דאווענען , נאך האט גזאגט רב אידי בר אבין . רבי יצחק בר אשיאן האט גזאגט ווער עס דאווינט פריער דער נאך גייט ער אין וועג טוהט גאט פון זיינעט וועגען וואס ער האט געדארפט טאהן : אזוי וויא דער פסוק זאגט צדק לפניו יהלך . אז דם דאווענען גייט פר איהם . איידער ער גייט אין וועג דאווינט ער פריער . טוהט גאט זיינע טריט אין דעם וועג וואו דער מענטש גייט . דאס הייסט גאט גייט מיט דעם מענטש אין זיין וועג און ער איז מצליח :

יג אמר . רבי זירא האט גזאגט אז איינער נעכטיגט זיבען נעכט אן אחלום ווערט ער גרופען אשלעכטער . אזוי וויא דער פסוק זאגט ושבע ילין בל יפקד רע מען זאל ניט לייענען ושבע זאט ווערין . נאר מען זאל לייענען ושבע . זיבען . זאגט דער פסוק ווער עס נעכטיגט זיבען נעכט . און ער ווערט ניט גידיינקט פון הימעל מיט אחלום . איז ער אשלעכטער . רבי אחא דער זוהן פון רבי חייא דער זוהן פון רבי אבא האט גזאגט צוא רבי יונה אזוי האט גזאגט רבי חייא : רבי יוחנן זאגט דער וואס מאכט זיך זאט מיט תורה איידער ער גייט שלאפען . און ער שלאפט . זאגט מען איהם ניט קיין שלעכטע זאכען אין חלום . אזוי וויא דער פסוק זאגט אז ער נעכטיגט זאט מיט תורה וועט ער ניט גידיינקט ווערין צו שלעכץ . רבי אלעזר . דער נאך וויא ער האט אויס גיקלאזט שמונה עשרה האט ער אזוי גזאגט . עס זאל זיין דער ווילען פר דיר גאט אונזער גאט . דוא זאלסט מאכען רוהען אין אונזער טייל [אין וואס מיר האבען] ליבשאפט און ברידערשאפט פרידען און פריינדשאפט . און דוא זאלסט מעהרין אונזערע ערטער וואו מיר וואוהנען מיט תלמידים . און זאלסט בגליקען אונזער סוף . מיר זאלען זעהן צום סוף די זאכען וואס מיר האבען גיהאפט דער צו . און דוא זאלסט מאהן אונזער חלק אין גן עדן . דוא זאלסט אונז אן ברייטען מיט אגוטען חבר מיט אגוטען גידאנקען אין דיין וועלט . אין דער פריה אז מיר וועלען אויף שטיין זאלען מיר געפינען אונזער הארץ ציטערט אין מורא פר דיין נאמען . און עס זאל קומען פר דיר אונזער ווילען צו גוטען .

יד רבי יוחנן דער נאך וויא ער האט אוים גילאזען שמונה עשרה האט ער אזוי

והקן לפי כרעם הכאה עלינו : ומעזות פנים . שלא יוליכו עלי לעז ממזרות : שאינו בן ברית . שאינו מהול : ואע"ג דקיימי קמוי עליה דרבי . שהיו עומדים סריסים עליו נתאים אנטונינוס להכות

ברחמיך ותתכסה בעוזך ותתעטף בחסידותך ותתאזר בחנינותך ותבא לפניך מדת טובך וענוותנותך . רבי זירא בתר דמסיים צלותיה אמר הכי יהי רצון מלפניך ה' אלהינו שלא נחטא ולא נבוש ולא נכלם מאבותינו . רבי חייא בתר דמצלי אמר הכי יהי רצון מלפניך ה' אלהינו שתהא תורתך אומנתנו ואל ידוה לבנו ואל יחשכו עינינו . רב בתר צלותיה אמר הכי יהי רצון מלפניך ה' אלהינו שתתן לנו חיים ארוכים חיים של שלום חיים של טובה חיים של ברכה חיים של פרנסה חיים של חלוץ עצמות חיים שיש בהם יראת חטא חיים שאין בהם בושה וכלמה חיים של עושר וכבוד חיים שתהא בנו אהבת תורה ויראת שמים חיים שתמלא לנו כל משאלות לבנו לטובה :

טז רבי בתר צלותיה אמר (הכי) יהי רצון מלפניך ה' אלהי ואלהי אבותי שתצילני מעזי פנים ומעזות פנים מאדם רע ומפגע רע מחבר רע מיצר רע משכן רע ומשטן המשחית מדין קשה ומבעל דין קשה בין שהוא בן ברית ובין שאינו בן ברית . ואף על גב דקיימי

גזאגט עס זאל זיין דער ווילען פאר דיר גאט אונזער גאט . דוא זאלסט זיך איין קוקען אויף אונזער שעמען וואס מיר שעמען אונז פון אונזערע עבירות . דו זאלסט קוקען אונזער שלעכץ וויא שלעכט אונז איז . דוא זאלסט זיך אן קליידען מיט רחמנות . דוא זאלסט זיך צו דעקען מיט דיין שטארקייט . דוא זאלסט זיך איינוויקלען אין דיינע חסידות . צו טאהן מיט אונז חסד . דוא זאלסט זיך אן גורטען אונז צו געבין מתנות אומזיסטיקע . אונ עס זאל קומען פאר דיר דיינע גוטע מדות אונ דיינע ענוות . רבי זירא דער נאך ווי ער הט אויס גילאזט שמונה עשרה האט ער אזוי גזאגט עס זאל זיין דער ווילען פאר דיר גאט אונזער גאט : מיר זאלען ניט זינדיגען . אונ מיר זאלען אונז ניט דארפען שעמען פר אונזערע עלטערין . רבי חייא דער נאך וויא ער האט אפ גידאווינט שמונה עשרה הט ער אזוי גזאגט . עס זאל זיין דער ווילען פאר דיר גאט אונזער גאט . דיין תורה זאל זיין אונזער ארבעט . מיר זאלען ניט דארפען טאהן קיין אנדער מלאכה נאר לערנען . אונ עס זאל ניט וויי טאהן אונזער הארץ . אונ עס זאל ניט פאר פינסטערט ווערין אונזערע אויגען : רב ווען ער האט אפ גידאווינט האט ער אזוי גזאגט עס זאל זיין דער ווילען פאר דיר גאט אונזער גאט . דוא זאלסט אונז געבין לאנג לעבין . אלעבין פון שלום . אלעבין פון גוטס . אלעבין פון בענשונג . אלעבין פון פרנסה . אלעבין עס זאל גישטארקט ווערין אונזערע ביינער . אזוי אלעבין אז מיר זאלען מורא האבען צו טאהן אעבירה : אזוי אלעבין אז מיר זאלען ניט פאר שעמט ווערין . אזוי אלעבין אז מיר זאלען רייך ווערין אונ מיר זאלען האבען כבוד . אזוי אלעבין אז מיר זאלען האבען אליבשאפט צוא דיא תורה . אונ מיר זאלען מורא האבען פאר גאט . אזוי אלעבין אז דוא זאלסט דער פילען אלץ וואס אונזער הארץ בעט ביי דיר צו גוטען :

טז רבי ווען ער האט אפ גידאווינט הט ער אזוי גזאגט . עס זאל זיין דער ווילען פאר דיר מיין גאט אונזער גאט פון מיינע עלטערין . דוא זאלסט מיך מציל זיין עס זאל קיינער ניט האבען קיין העזה געגין מיר אונ איך זאל ניט האבען קיין העזה געגין איין אנדערין דו זאלסט מיך מציל זיין פון אשלעכטען מענטש . אונ פון אשלעכט בגעגעניש : פון אשלעכטין חבר . פון שלעכטע גידאנקען . פון אשלעכטען שכן . אונ פון שטן ער זאל אונז ניט פאר בארבן . פון אשווערע דין תורה . אונ פון אשווערין בעל דין וואס וויל ניט האלטען קיין דין תורה סיי ער איז איוד . אונ סיי ער איז ניט קיין יוד . אפילו עס זענען גישטאנען עלצטע פון מלך ביי רבי אונ מען האט איהם געהיט . פון דעסטוועגין האט ער מתפלל גיוועזן צו גאט אז גאט זאל איהם היטען . ווארום אז גאט וועט ניט היטען וועט ניט העלפען דיא היטונג פון מענטשין .

רקיימי מצוצי עליה דרבי . רב ספרא בתר דמסיים צלותיה אמר הכי יהי רצון מלפניך ה' אלהינו שתשים שלום (דף יז) בפמליא של מעלה ובפמליא של מטה ובין התלמידים העוסקים בתורתך בין עוסקים לשמה בין עוסקים שלא לשמה וכל העוסקין שלא לשמה יהי רצון מלפניך שיהיו עוסקין לשמה :

טז רבי אלכסנדרי בתר צלותיה אמר הכי יהי רצון מלפניך ה' אלהינו שתעמידנו בקרן אורה ואל תעמידנו בקרן חשכה ואל ידוה לבנו ואל יחשכו עינינו איכא דאמרי הא רב המנונא מצלי לה :

יז רבי אלכסנדראי בתר צלותיה אמר הכי . רבון כל העולמים גלוי וידוע לפניך שרצוני לעשות רצונך ומי מעכב שאור שבעיסה וכו'. יהי רצון מלפניך ה' אלהינו שתכניעו מלפנינו ומאחרינו ונשובה לעשות חקי רצונך בלבב שלם . מר בריה דרב הונא בתר צלותיה אמר הכי אלהי נצור לשוני מרע וכו'. עד צורי וגואלי :

יח רבא בתר צלותיה אמר הכי אלהי עד שלא נוצרתי איני כדאי ועכשיו שנוצרתי כאלו לא נוצרתי עפר אני בחיי קל וחומר במיתתי הרי אני לפניך ככלי מלא בושה וכלמה יהי רצון מלפניך שלא אחטא עוד ומה שחטאתי לפניך מרק ברחמיך הרבים אבל לא על

ידי

ולהנהם לכל העומדים עליו : בפמליא של מעלה : בחבורת שרי העובדי כוכבים כשהשרים של מעלה מתגרים תיכף יש קטטה בין העובדי כוכבים כדכתיב (דניאל י) (ואני עומד) ועתה אשוב להלחם עם שר פרס : ובפמליא של מטה . חבורת החכמים : בקרן אורה . בזווית אורה : ומי מעכב . שאין אנו עושין רצונך : שאור שבעיסה . יצה"ר שבלבבנו המחמיצנו : איני כדאי . לא הייתי חשוב והגון להיות נולד : ועכשיו שנולדתי . מה חשיבותי הרי אני כאלו לא נולדתי ק"ו במיתתי עפר אני : מרק . כלה והתם :

רב ספרא דער נאך וויא ער האט אויס גיזאגט שמונה עשרה האט ער אזוי גזאגט עס זאל זיין דער ווילען פאר דיר גאט אונזער גאט : דוא זאלסט טאהן שלום צווישען דיא שרים וואס זענען אין הימעל אונד צווישען דיא שרים וואס זענען אויף דיא ערד . אונד זאלסט טאהן שלום צווישען דיא תלמידים וואס לערנען תורה . סייא זייא לערנען לשם מצוה . סיי זייא לערנען ניט לשם מצוה : אונד די וואס לערנען ניט לשם מצוה . זאל זיין דער ווילען פון פר דיר גאט אז זיי זאלען לערנען לשם מצוה :

טז רבי אלכסנדרי האט נאך דעם דאווענען אזוי גיזאגט עס זאל זיין דער ווילען פר דיר גאט אינזער גאט דו זאלסט אונז שטעלין אין אליכטיגען ווינקעל אונד זאלסט אונז ניט שטעלין אין אפינסטערין ווינקעל . אונד עס זאל ניט וויא טאהן אונזער הארץ . אונד אונזערע אויגען זאלען ניט פינסטער ווערין . אנדערע זאגין די תפלה האט רב המנונא מתפלל גיוועז . אונד רבי אלכסנדרי הט מתפלל גיוועז איין אנדער תפלה :

יז רבי אלכסנדראי האט נאך דעם דאווענען אזוי גיזאגט האר פון אלע וועלטין עס איז בעוואוסט פר דיר אז מיר ווילען טאהן דיין ווילען אונד ווער פערהאלט אונז דיא זאהערקייט וואס אין די טייג : דער יצר הרע וואס אין אונז . אונד ווס מיר זענען אין גלות . עס זאל זיין דער ווילען פר דיר גאט אונזער גאט דו זאלסט זייא אונטער טעניג מאכען פר אונז אונ נאך אונז : ווען מיר אונז צוריק קערין מיט דעם גאנצען הארץ צו טאהן דיא גיזעץ וואס דיין ווילען האט גיבאטען דארויף מען זאל זייא טאהן :

מר . דער זוהן פון רב הונא נאך זיין דאווענען האט ער אזוי גיזאגט אלהי נצור לשוני מרע אונ וויא ווייטער שטייט ביז צורי וגואלי :

יח רבא נאך זיין דאווענען האט אזוי גיזאגט מיין גאט איידער איך בין בשאפען גיווארען . בין איך ניט ווערט גיוועז איך זאל בשאפען ווערין : אונד איצט אז איך בין בשאפען גיווארען איז גליך ווי איך וואלט גאר ניט בשאפען גווארען . ווען איך לעב נאך בין איך ערד נאך מיין טויט בין איך געוויס ערד . איך בין פר דיר גאט אזוי וויא אכלי וואס זיא איז פוהל מיט שאנד . עס זאל זיין דער ווילען פר דיר גאט איך זאל שוין נימ מעהר זינדיגען . אונד ווס איך האב שוין

כי הוה מסיים ספר איוב . על שם שאיוב נפטר בשם טוב : מרגלא בפומיה . דבר זה היה רגיל

ידי יסורים וחלאים רעים והיינו וידוי דרב המנונא זוטא ביום הכפורים :

יט רב ששת כי הוה יתיב בתעניתא בתר דמצלי אמר הכי רבון העולמים גלוי וידוע לפניך בזמן שבית המקדש היה קיים אדם חוטא ומקריב קרבן ואין מקריבין ממנו אלא חלבו ודמו ומתכפר לו ועכשיו ישבתי בתענית ונתמעט חלבי ודמי יהי רצון מלפניך שיהא חלבי ודמי שנתמעט כאלו הקרבתיו לפניך על גבי המזבח ותרצני :

כ (אמר) רבי יוחנן כי הוה מסיים (רבי מאיר) ספרא דאיוב אמר הכי סוף אדם למות וסוף בהמה לשחיטה והכל למיתה הם עומדים אשרי (אדם) מי שגדל בתורה ועמלו בתורה ועושה נחת רוח ליוצרו וגדל בשם טוב ונפטר בשם טוב מן העולם ועליו אמר שלמה בחכמתו (קהלת ז) טוב שם משמן טוב וגו׳ . מרגלא בפומיה דרבי מאיר גמור בכל לבבך ובכל נפשך לדעת את דרכי ולשקוד על דלתותי יום יום נצור לשונך מרע ושפתיך מדבר מרמה נצור תורתי בלבך ונגד עיניך תהיה יראתי . שמור פיך מכל חטא וטהר וקדש

געזינדיגט געגין דיר זאלסטו אפ מעקין מיט דיינע פיל רחמנות אבער ניט דורך יסורים אונ אויך ניט דורך שלעכטע קראנקייטין . אונ דאס איז דיא ווידוי פון רב המנונא זוטא אום יום כפור :

יט ווען רב ששת האט גיפאסט דער נאך וויא ער האט אפ גידאווענט שמונה עשרה האט ער אזוי גיזאגט האר פון אלע וועלטין , עס איז אנטפלעקט פאר דיר אין דער צייט וואס דער בית המקדש איז גישטאנען אז א מענטש האט געזינדיגט האט ער מקריב גיוועזן א קרבן : מען איז ניט מעהר מקריב פון קרבן נאר די חלב אונ די בלוט אונ דער מיט ווערט פר געבין די עבירה . אונ איצט אז דער בית המקדש איז ניט דא בין איך גיזעסין אין א תענית . איך האב גיפאסט איז ווייניגער גיווארען מיין פעטס אונ מיין בלוהט . עס זאל זיין דער ווילען פר דיר . מיין פייטס אונ מיין בלוהט וואס איז ווייניגער גיווארען זאל זיין פר דיר גירעכונט גלייך צוי איך וואלט מקריב גיוועזן פאר דיר מיין פעטס אונ בלוט אויף דעם מזבח אונ דוא זאלסט מיך בווילינגען :

כ אז רבי יוחנן האט אוים גילערונט דעם ספר איוב האט ער אזוי גיזאגט דער סוף פון מענטשין איז צום שטארבען אונ דער סוף פון א בהמה איז מען זאל איהר שעכטין אונ די בהמות וואס מען שעכט זייא ניט שטייען זיי זאלין אליין פייגערין . וואוהל צו דעם וואס ער איז דער צויגען גיווארען אין די תורה . ער לערונט תורה פון קינדווייז . אונ ער מאטערט זיך אין די תורה . אונ ער מאכט אפרגעניגען צו גאט מיט זיין תורה לערנען . אונ ער איז דער־צויגין גיווארען מיט אגוטען נאמען אונ ער איז אוועק גיגאנגען מיט אגוטען נאמען פון דיא וועלט . אויף אזוי איין מענטש האט שלמה המלך גיזאגט מיט זיין חכמה אגוטער נאמען איז בעסער וויא גוטע בוימאייל . עס איז גיוועזן גיוואוהנט בייא רבי מאיר אין מויל . רבי מאיר פלעגט דס אלע מאהל זאגין דוא זאלסט לערנען מיט דיין גאנצען הארץ אונ מיט דיין גאנצע נשמה : נאזוי וויא דער דין איז אז אפילו א קראנקער אונ אפילו ער האט גרויסע יסורים מוז ער אויך לערנען תורה . דאס איז בכל לבבך . די גמרא זאגט אויף דעם פסוק אדם כי ימות באוהל . די תורה האט ניט קיין קיום בייא א מענטש . נאר בייא דעם וואס חארפט אוועק זיין לעבין פר די תורה . דאס איז בכל נפשך . דער מענטש זאל לערנען ער זאל וויסען וויא צו גיין אין די וועג פון גאט . ער זאל קלאפען אויף מיינע טירען אלע טאג . דאס הייסט ער זאל אלע טאג קומען אין בהמ״ד . היט דיין צונג פון שלעכטס אונ דיינע לעפצין זאלסטו היטען פון צו ביידען פאלשע רייד היט מיין תורה אין דיין הארץ מיין מורא זאל אייביג זיין געגין דיינע אויגין היט דיין מויל פון אלע עבירות וואס קען קומען דורך דיין מויל . דו זאלסט זיין ריין אונ זאלסט

וקדש עצמך מכל אשמה ועון ואני אהיה עמך בכל שעה. מרגלא בפומייהו דרבנן דיבנה אני בריה וחברי בריה. אני מלאכתי בעיר. והוא מלאכתו בשדה. אני משכים למלאכתי והוא משכים למלאכתו. כשם שהוא אינו מתגדר במלאכתי כך אין אני מתגדר במלאכתו שמא תאמר אני מרבה והוא ממעיט. שנינו אחד המרבה ואחד הממעיט ובלבד שיכוין את לבו לשמים. מרגלא בפומיה דאביי לעולם יהא אדם ערום ביראה מענה רך ומשיב חמה ומדבר שלום עם אחיו ועם קרוביו ועם כל אדם. ואפילו עם עובד כוכבים ומזלות בשוק כדי שיהא אהוב למעלה ונחמד למטה ומתקבל על הבריות. אמרו עליו על רבי יוחנן בן זכאי שלא הקדימו אדם שלום מעולם אפילו עובד כוכבים ומזלות בשוק. מרגלא בפומיה דרבא תכלית חכמה תשובה ומעשים טובים שלא יהא אדם קורא ושונה ובועט באביו ובאמו או ברבו או במי שגדול ממנו בחכמה ובמנין שנאמר (תהלים קיא) ראשית חכמה יראת ה' שכל טוב לכל עושיהם תהלתו עומדת

בפיו: אני. שעוסק בתורה בריה אני: וחברי בריה. וכן חברי עם הארץ בריה הוא (ופירש בתוספות כלומר יש לו לב כמותי להבחין בין טוב לרע ע"כ תוספות): אני מלאכתי בעיר. כלומר נוחה מלאכתי ממלאכתו: מתגדר. מתגדל לתפוש אומנתי ושמא תאמר הדין עמו שאינו מתגדר במלאכתי שאילו היה תופס אומנות שלי לא היה לו לב פתוח להרבות בתורה כמותי והיה ממעיט ואין לו שכר: שנינו. שיש שכר לממעיט כמו למרבה ובלבד שיכוין לבו כו' והאי קרבנות היא שנויה בסוף מנחות ע"כ: ערום ביראה. להערים בכל מיני ערמה ליראת בוראו: תכלית חכמה. עיקרה

זיך הייליגען דוא זאלסט ניט האבען קיין שולד אונ קיין זינד. וועט גאט זיין מיט דיר צוא יעדער צייט. עס איז גיוועזן גיוואוהנט אין מויל פון דיא רבנן אין יבנה. די רבנן פון יבנה פלעגן דאס אלע מאהל זאגן איך בין בשאפען פון גאט אונ מיין חבר דער עם הארץ איז אויך בשאפען פון גאט. איך טוה מיין מלאכה אין שטאט אונ ער טוהט זיין מלאכה אין פעלד. איך שטיי אויף פריה צו מיין ארבעט אונ ער שטייט אויף פריה צו זיינע ארבעט. אזוי ווי ער וויל ניט אן נעמען מיין ארבעט אזוי וויל איך ניט אן נעמען זיין ארבעט. טאמער וועסטו זאגן אז ער וואלט נעמען מיין ארבעט וואלט ער קיין שכר ניט האבען. ווארום ער וואלט דאך ניט גיקענט אזוי גוט לערנען וויא איך. מיר האבען גילערונט סייא איינער לערונט פיל. אונ ער פר שטייט גוט די תורה. אונ סיי איינער לערונט ווייניג. ווייל ער קען ניט מעהר לערנען. אונ ער פר שטייט ניט אזוי גוט. ווייל ער קען ניט בעסער פאר שטיין אויב זיין הארץ מיינט נאר צו לערנען אזוי וויא גאט האט גיבאטין. האבען זיי ביידע אגלייכען שכר. עס איז גיוואוהנט אין דיא מויל פון אביי. אביי פלעגט דאס אלע מאהל זאגן אמענטש זאל אייביג פירען דיא מורא פון גאט מיט חכמה. ער זאל ווייך ענטפערין. אונ ער זאל זעהן איין צו שטילען יענעמס כעס. אונ ער זאל ריידען שלום מיט זיינע ברידער אונ מיט זיינע קרובים אונ מיט אלע מענטשין אפילו ער טרעפט אעובד גלולים אין גאס זאל ער מיט איהם אויך ריידען בשלום ער זאל זיין גיליבט ביי גאט אין הימעל אונ ער זאל זיין גלוסטיג אויף די ערד אונטען ער זאל זיין אנגינוטען ביי אלע מענטשין. מען הט גיזאגט אויף רבן יוחנן בן זכאי עס האט קיין מאהל ניט גיטראפען אז אמענטש זאל איהם געבין פריער שלום. נאר וועמען ער האט גיזעהן האט ער איהם גיגעבין שלום אפילו ער האט גיטראפען אעובד גילולים אין גאס האט ער איהם אויך גיגעבין שלום עס איז גיוועזן גיוואוהנט אין די מויל פון רבא. רבא פלעגט דאס אלע מאהל זאגין דר תכלית פון תורה לערנען איז נאר מען זאל וויסען אז מען איז זינדיג אונ מען דארף תשובה טאהן אונ מען זאל טאהן גוטע מעשים. דער מענטש זאל ניט זיין אזוי. ער וועט לערנען תנ"ך משניות אונ וועט מבזה זיין זיין פאטער אדער זיין מוטער אדער זיין רבי אדער איין אנדערין וואס איז גרעסער פאר איהם אין חכמה. אדער אז עטליכע חכמים האבין זיך גיציילט צו איין זאך אונ גימאכט אתקנה וועט ער וועלין מבטל זיין זייערע רייד. דאס טאר מען ניט. אזוי וויא דער פסוק זאגט דיא ערשטע חכמה איז מען זאל מורא האבען פאר גאט. די מורא פון גאט גיט אין דעם מענטש אגוטען פערשטאנד ער זאל וויסען צו טאהן וואס גאט הייסט. די

של תורה שיהא עמה תבונה ומעשים טובים : ויאכלו וישתו . שבעו מזיו השכינה כאלו אכלו ושתו: גדולה הבטחה . שהרי קראן שאננות ובוטחות: לבי כנישתא . תינוקות של בית רבן היו רגילין שיהו למדין לפני רבן בבית הכנסת : בי רבנן . בית המדרש ששם שונים משנה ותלמוד : ומנטרן לגברייהו . ממתינות לבעליהן ונותנות להן רשות ללכת וללמוד תורה בעיר אחרת : מפטרי רבנן . זה מזה שהיה נוטל רשות מחברו לשוב לאכלו ולביתו: עולמך תראה בחייך. כל צרכיך תמצא : פי ידבר

עומדת לעד . ללומדים לא נאמר אלא לעושיהם . לעושים לשמה ולא לעושים שלא לשמה וכל העושים שלא לשמה נוח להם שלא נבראו . מרגלא בפומיה דרב לא כהעולם הזה העולם הבא עולם הבא אין בו לא אכילה ולא שתיה ולא פריה ורביה ולא משא ומתן ולא קנאה ולא שנאה ולא תחרות אלא צדיקים יושבים ועטרותיהם בראשיהם ונהנין מזיו השכינה שנאמר (שמות כד) ויחזו את האלהים ויאכלו וישתו :

כא תנו רבנן גדולה הבטחה שהבטיחן הקדוש ברוך הוא לנשים משל האנשים שנאמר (ישעיה לב) נשים שאננות . אמר ליה רב לרבי חייא נשים במאי זכיין . באקרויי בנייהו לבי כנישתא ובאתנויי גברייהו בי רבנן ומנטרן לגברייהו עד דאתו מבי רבנן . כי מפטרי רבנן מבי רבי אמי ואמרי לה מבי רבי חנינא אמרי ליה הכי . עולמך תראה בחייך ואחריתך לחיי העולם הבא ותקותך לדור דורים לבך יהגה תבונה פיך ידבר הכמות

לויב פון דעם מענטש וואס האט מורא פאר גאט און טוהט וואס גאט הייסט . וועט זיין אויף אייביג . מען וועט איהם אייביג לויבין . עס שטייט ניט ער זאל וויסען צו לערנען : נאר ער זאל וויסען צוא טאהן . ווארום ניט דער לערנען איז דער עיקר . נאר דער עיקר איז מען זאל טאהן . און טאהן זאל מען ווייל גאט האט גיהייסען . אבער די וואס טוהען גוטע מעשים נאר ניט ווייל גאט האט גיהייסען . נאר דורך זייער שכל אדער דורך זייער רחמנות אויף איין מענטש גיבען זייא איהם צדקה . אדער מחמת דרך ארץ געבין זייא כבוד צו זייערע עלטערין . דאס הייסט ניט קיין יראת ה׳ און דאס הייסט ניט געדינט גאט . און די וואס טוהען גוטע מעשים נאר ניט ווייל גאט האט גיהייסען . וואלט זיי בעסער גיוועזען אז זייא וואלטען גאר ניט בשאפען גיווארען . עס איז גיוועזען גיוואוהנט אין די מויל פון רב . רב פלעגט אלע מאהל זאגין ניט אזוי וויא די וועלט איז דיא וועלט וואס וועט קומען : אויף דיא וועלט וואס וועט קומען וועט מען ניט עסין און ניט טרינקען און מען וועט ניט האבען קיין קינדער און מען וועט ניט האנדלען עס וועט ניט מקנא זיין איינער דעם אנדערין . עס וועט ניט פיינט האבען איינער דעם אנדערין . און ניט קיין קריג . נאר צדיקים וועלין זיצען מיט קרוינען אויף זייערע קעפ און זיי וועלין הנאה האבען פון די שיינקייט פון גאט . אזוי וויא דער פסוק זאגט זיי האבען גיזעהן גאט און דאס איז ביי זיי גלייך גיוועזען וויא זייא וואלטען גיגעסין און גיטרונקען . זיי זענען זאט גיווארען פון די שיינקייט פון גאט וואס זיי האבען גיזעהן גלייך וויא איינער ווערט זאט פון עסין און טרינקען :

כא תנו רבנן . דיא רבנן האבען גילערנט דער צוזאג וואס גאט האט צו גיזאגט צו דיא ווייבער איז גרעסער וויא ער האט צו גיזאגט צו די זכרים . אזוי ווי דער פסוק זאגט ווייבער וואס זענען שטיהל און רוהיג . האט זייא דער פסוק צו גיזאגט אז זייא וועלין לעבין רוהיג . (עיין בריא״ף) . רב האט גיזאגט צו רבי חייא מיט וואס זענען ווייבער זוכה צוא האבען עולם הבא . האט רבי חייא גיענפערט צו רב דער מיט וואס זייא פירען זייערע קינדער אין שוהל צום לערנען (פאר צייטען פלעגין דיא קינדער לערנען אין שוהל) . און ווייל זייא לאזין גיין זייערע מאנען אין בית המדרש לערנען . און זיי ווארטען אויף זייערע מאנען ביז זייא קומען פון בית המדרש . אז די תלמידים פון רבי אמי פלעגין אוועק גיין פון זייער רבי רבי אמי און אנדערע זאגין אז דיא תלמידים פון רבי חנינא פלעגין אוועק גיין פון זייער רבי רבי חנינא האבען זיי צו איהם אזוי גיזאגט דיין וועלט זאלסטו זעהן ביי דיין לעבין . וואס דו דארפסט זאלסט דוא האבין . און דיין סוף זאל זיין גוט אויף דיא וועלט וואס וועט קומען און דיין האפענונג זאל

חכמות ולשונך ירחיש רננות עפעפיך יישירו נגדך עיניך יאירו במאור תורה ופניך יזהירו כזוהר הרקיע שפתותיך יביעו דעת וכליותיך תעלוזנה מישרים ופעמיך ירוצו לשמוע דברי עתיק יומין. כי הוו מפטרי רבנן מבי רב חסדא ואמרי לה מבי רבי שמואל בר נחמני אמרו ליה הכי (תהלים קמד) אלופינו מסובלים.

חכמות. בלשון ברכה היו אומרים: יישירו. לשון יושר שתהא מביט בתורה כהלכה: (זה לשון תוס'. פרץ זה אחיתופל. שפרץ פרצה במלכות בית דוד: יוצאת זה דואג. שיצא לתרבות רעה כדמפ' בחלק: צוחה זה גחזי. שהיה מצורע וכתיב ביה טמא טמא יקרא והיינו צוחה): כל העולם כולו ניזונין. בצדקתו של הקב"ה ולא בזכיות שבידם: והם ניזונין

רב ושמואל ואמרי לה רבי יוחנן ורבי אלעזר חד אמר אלופינו בתורה ומסובלים במצות וחד אמר אלופינו בתורה ובמצות ומסובלים ביסורין (ע"כ) אין פרץ שלא תהא סיעתנו כסיעתו של שאול שיצא ממנו דואג האדומי. ואין יוצאת שלא תהא סיעתנו כסיעתו של דוד שיצא ממנו אחיתופל. ואין צוחה שלא תהא סיעתנו כסיעתו של אלישע שיצא ממנו גחזי. ברחובותינו שלא יהיה בינינו בן או תלמיד שמקדיח תבשילו ברבים. (ישעיה מו) שמעו אלי אבירי לב הרחוקים מצדקה רב ושמואל ואמרי לה רבי יוחנן ורבי אלעזר חד אמר כל העולם כולו ניזונין בצדקה והם ניזונין בזרוע ואידך אמר כל העולם ניזונין בזכותן והם אפילו

זיין אויף אייביג ביז משיח וועט קומען אונ ביז תחיית המתים. דיין הארץ זאל טראכטען פאר שטאנדיגע זאכען. דיין מויל זאל ריידען חכמה. אונ דיין צונג זאל זינגען צו גאט. דיינע ברעמען זאלען קוקען גלייך אין דיא תורה. דוא זאלסט ניט האבען קיין טעות אין אדין. דיינע אויגען זאלען לייכטען אין דיא ליכטיגקייט פון דיא תורה. אונ דיין פנים זאל לייכטען אזוי וויא דיא קלארקייט פון הימעל: דיינע לעפצין זאלען ריידען וויסענשאפט. אונ דיינע נירען זאלען זיך פרייען מיט דיינע גרייכקייט וואס דוא וועסט טאהן. אונ דיינע טריט זאלען לויפען צו הערין דיא רייד פון גאט וואס ער איז אלט אין טעג. אז די תלמידים פון רב חסדא פלעגין אוועק פון זייער רבי רב חסדא אונ אנדערע זאגין אז דיא תלמידים פון רבי שמואל בר נחמני פלעגין אוועק גיין פון זייער רבי רבי שמואל בר נחמני. האבען זייא צוא איהם גיזאגט דעם פסוק אלופינו מסובלים אין פרץ ואין יוצאת ואין צוחה ברחובותינו:

רב אונ שמואל קריגען אין פשט פון דעם פסוק. אונ אנדערע זאגין רבי יוחנן אונ רבי אלעזר קריגען אין פשט פון דעם פסוק. איינער זאגט ער איז אונזער האר אין תורה אונ באלאדינט מיט מצות. אונ איינער זאגט אונזער האר אין תורה אונ אין מצות אונ באלאדינט מיט יסורים. עס זאל ניט זיין קיין אויס בראך דאס מיינט מען אונזער פאר זאמלונג זאל ניט זיין וויא דיא פאר זאמלונג פון שאול המלך: פון זיין פערזאמלונג איז ארוים גיקומען דואג האדומי. עס זאל ניט ארוים גיין דאס מיינט מען אונזער פאר זאמלונג זאל ניט זיין וויא די פאר זאמלונג פון דוד המלך. פון זיין פאר זאמלונג איז ארוים גיקומען אחיתופל. עס זאל ניט זיין קיין גישריי דאס מיינט מען אונזער פאר זאמלונג זאל ניט זיין וויא די פאר זאמלונג פון אלישע הנביא. פון זיין פאר זאמלונג איז ארוים גיקומען גיחזי: אין אונזערע גאסען דאס מיינט מען עס זאל ניט זיין צווישען אונז אזוהן אדער א תלמיד וואס ער זאל פאר ברענען דאס עסין [וואס ער זאל מבזה זיין די תורה וום ער הט גילערינט] צווישען פיל מענטשין:

ישעיהו הנביא הט גזאגט הערט צו מיר איר מענטשין וואס איר האט שטארקע הערצער אונ איר זענט וויט פון צדקה. רב אונ שמואל קריגען אין פשט פון דעם פסוק אינ אנדערע זאגען. רבי יוחנן אונ רבי אלעזר קריגען אין פשט פון דעם פסוק. איינער זאגט אזוי מיינט דער פסוק. דיא גאנצע וועלט זענען ניט ווערט זייא זאלען גישפייזט ווערין. נאר גאט שפייזט זייא מיט צדקה. אבער דיא צדיקים האבען שטארקע הערצער צוא דינען גאט. אונ זייא זענען וייט פון צדקה. זייא דארפען ניט גישפייזט צו ווערין מיט צדקה. נאר זייא פר דינען ביי גאט ער זאל זייא שפייזען. דאס הייסט זייא ווערין גישפייזט מיט שטארקייט. מיט דעם כח

אפילו בזכותן אינן ניזונין כדרב יהודה אמר רב דאמר רב יהודה אמר רב בכל יום ויום בת קול יוצאת מהר חורב ואומרת כל העולם כולו ניזון בשביל חנינא בני וחנינא בני די לו בקב חרובין מערב שבת לערב שבת ופליגא דרב יהודה דאמר רב יהודה מאן אבירי לב גובאי טפשאי. אמר רב יוסף תדע דהא מעולם לא איגייר חד מינייהו אמר רב אשי והלין בני מתא מחסיא אבירי לב נינהו דהא קא חזו בשבחא דאורייתא תרי זימני בשתא ולא מגייר גיורא מינייהו:

גזוזא. מכות שנידם ובצדיקים משתעי קרא וקרי להו רחוקים מצדקתו של הקב"ה: אין ניזונין. שאין להם כדי צרכם ומתפרנסים בקושי: ופליגא. דרב יהודה דהכא אמר אבירי לב היינו רשעים: גובאי. שם אומה הם בבבל ובמסכת קדושין אמרינן שהיו מן הנתינים: בשבחא דאורייתא תרי זימני בשתא. שהיו ישראל נאספים שם באדר לשמוע הלכות פסח במדרשה דרב אשי ובאלול לשמוע הלכות החג ע"כ:

בדסקיא

מי שמתו פרק שלישי

(דף יח) **א תניא** לא יהלך אדם בבית הקברות ותפילין בראשו וספר תורה בזרועו וקורא. ואם עשה כן עובר משום (משלי יז) לועג לרש חרף עושהו:

ב ת"ר המוליך עצמות ממקום למקום הרי זה לא יתנם בדסקיא ויתנם על גבי חמור וירכב עליהם

פון זייערע מעשים טובים. און דער אנדערער זאגט אזוי מיינט דער פסוק: די גאנצע וועלט ווערין געשפייזט אין זכות פון די צדיקים. און זיי, די צדיקים אליין, אפילו אין זייער אייגענעם זכות ווערין זיי אויך ניט געשפייזט: זיי זענען ארעמע לייט. מיינט אזוי דער פסוק. די צדיקים וואס זיי האבען שטארקע הערצער צו דינען גאט. און זיי טוהען צדקה מיט די גאנצע וועלט. וואס זיי ווערין געשפייזט אין זייער זכות. און די צדיקים אליין זענען ווייט פון זייער אייגענע צדקה. זיי זענען ארעמע לייט. אזוי ווי רב יהודה האט געזאגט פון רבס וועגין. וואָרום רב יהודה האט געזאגט פון רבס וועגין. אלע טאג גייט ארויס א קול פון הר סיני. און דער קול זאגט די גאנצע וועלט ווערט געשפייזט דורך מיין זוהן חנינא. און מיין זוהן חנינא איהם איז גענוג א ביסול באקסין פון איין פרייטאג צום אנדערין פרייטאג. רב און שמואל אדער רבי אלעזר און רבי יוחנן קריגען אויף רב יהודה. זיי זאגען אז דער פסוק אבירי לב שמועסט פון צדיקים. און רב יהודה זאגט דער פסוק שמועסט פון רשעים. וואָרום רב יהודה האט געזאגט ווער זענען די אבירי לב: די נארישע אומה וואס הייסט גובאי. הט רב יוסף געזאגט איך וועל דיר בעווייזען אז זיי האבען שטארקע הערצער און ווערין ניט אונטער טעניג. עס האט זיך נאך קיין מאהל ניט מגייר געווען אפילו איינער פון זייא. רב אשי הט געזאגט די מענטשין פון די שטאט מחסיא זייא האבען שטארקע הערצער. זייא זעהן דעם כבוד פון די תורה צוויי מאהל אין יאהר. ווען די יודען פערזאמלען זיך אין אדר צו הערין די דינים פון פסח. און אין אלול צו הערין די דינים פון סוכות. און עס הט זיך קיינער ניט מגייר געווען פון זיי:

פרק שלישי

א תניא. מיר האבען געלערנט א מענטש זאל ניט גיין אויף א בית אקברות מיט תפילין אויף זיין קאפ און א ספר תורה אין האנט און זאל לייענען אין איר. אויב ער האט אזוי געטאהן איז ער עובר אויף דעם פסוק וואס שלמה המלך הט געזאגט: דער וואס לאכט פון א ארעם מאן לעסטערט ער דעם וואס האט באשאפען דעם ארעם מאן. אזוי אז ער גייט אויף דעם בית הקברות צווישען די מתים מיט תפילין. אדער מיט א ספר תורה און לייענט אין איר. לאכט ער פון די מתים פאר וואס זיי קענען שוין ניט מקיים זיין קיין מצות. און לעסטערט גאט פאר וואס ער הט זיי טויט געמאכט:

ב תנו רבנן. די רבנן האבען געלערנט. אז איינער פירט ביינער פון א מת פון איין

עליהם מפני שנוהג בהם מנהג בזיון . ואם היה מתיירא מפני עו"ג או מפני לסטים מותר וכדרך שאמרו בעצמות כך אמרו בספר תורה :

ג אמר רחבה אמר רב יהודה [אמר רב] הרואה את המת ואינו מלוהו עובר משום (משלי יז) לועג לרש חרף עושהו ואם לוהו מה שכרו אמר רבי אסי (עליו הכתוב אומר) (שם יט) מלוה ה' חונן דל (ומכבדו חונן אביון) . רבי חייא ורבי יונתן הוו שקלי ואזלי בבית הקברות הוה קשריא תכלתיה דרבי יונתן אמר ליה רבי חייא דלייה כדי שלא יאמרו למחר באין אצלנו ועכשיו מחרפין אותנו . אמר ליה ומי ידעי כולי האי והא כתיב (קהלת ט) והמתים אינם יודעים מאומה אמר ליה אם קרית לא שנית ואם שנית לא שלשת ואם שלשת

בדסקיא . מרצוף גדול של עור : ואם היה מתירא. וצריך לרכוב על הסוס ולרוץ :
מלוה ה' חונן דל . קרי ביה מלוה את המקום מי שהוא חונן את הדל ואין לך דל מן המת והמלוהו כאלו מלוה את המקום . (מלוה מי שעושה עמו חסד כי יחננו ע"כ) : דלייה . הגביהנו : לא שנית.

ארט צום אנדערין ארט . זאל ער ניט אריין לייגען דיא ביינער אין אלעדערנעם זאק . אונ זיי ארויף לייגען אויף דעם אייזיל . אונ זיך זעצען רייטען אויף דיא ביינער . ווייל ער איז מבזה דעם מת אז ער טוט אזו . נאר אויב ער האט מורא פאר גוים . אדער פאר גזלנים אונ ער מוז אנטלויפען . מעג ער ארויף לייגען דיא ביינער אויף דעם אייזיל אונ זיך זעצען אויף זיי רייטען . אונ אזוי וויא מען האט גזאגט ביי דיא ביינער פון א מת . אזוי האט מען גזאגט ביי א ספר תורה . אז מען טאר ניט ארויף לייגען א ספר תורה אויף א אייזיל אונ זיך זעצען רייטען אויף דיא ספר תורה . נאר אז ער איז אין א סכנה ער דארף אנטלויפען מעג ער ארויף לייגען די ספר תורה אויף דעם אייזיל אונ זיך זעצען רייטען אויף איר . אז ער מוז אזוי טאהן אונ קען ניט אנדערש :

ג אמר . רחבה האט גזאגט פון רב יהודהס וועגן אז רב זאגט אז איינער זעהט מען פירט א מת צום קבר אונ ער בגלייט איהם ניט איז ער עובר אויף דעם פסוק וואס שלמה המלך הט גזאגט . דער וואס לאכט פון אארעם מאן לעסטערט ער דעם וואס האט בשאפען דעם ארעם מאן . אזוי אז ער גייט ניט בגלייטען דעם מת . ווייזט ער אז דער מת איז ניט חשוב ביי אים . אונ ער לאכט פון איהם . ווייל ער קען שוין ניט טאהן קיין טובה : אונ א מענטש וויל נאר טאהן א טובה צו א עשיר וואס ער קען איהם צוריק אפ טאהן א טובה . אבער צו א ארעם מאן וואס ער קען ניט צוריק אפ טאהן א טובה וויל ער ניט טאהן איין טובה . אונ דער מת איז דאך שוין איצט א ארעם מאן ער קען דאך שוין ניט אפ טאהן צוריק קיין טובה . דריבער וויל ער איהם ניט בגלייטען ; לאכט ער דאך פון א ארעם מאן אונ ער לעסטערט גאט גליך וויא גאט האלט איהם אויך ניט גיקענט בצאהלען פר די טובה . אונ אויב ער הט בגלייט דעם מת וואס איז זיין שכר . הט רב אסי גזאגט . אויף איהם זאגט דער פסוק דער וואס גיט א מתנה צו א ארעם מאן . פאר בארגט ער דיא מתנה צו גאט : אונ גאט וועט איהם בצאהלען פר די מתנה . דער וואס גיט א מתנה צו א ארעם מאן גיט ער כבוד צו גאט . ער ווייזט עס איז דא א גאט אויף דער וועלט אונ ער ווייס אלץ וואס מענטשין טוהען . אונ ער שטראפט אזוי וויא ער האט גישטראפט דעם ארעם מאן . אונ ער גיט שכר אויף דיא וועלט אונ אויף יענע וועלט צו דיא מענטשין וואס האבען רחמנות . אונ גאט וועט דעם מענטש בצאהלען פר דעם כבוד אויך . אזוי אז איינער גיט כבוד צו א מת אונ ער בגלייט איהם ווייל דער מענטש האט אין זיך ניהאט א נשמה פון גאט . גיט ער דאך כבוד צו גאט . וועט איהם אויך גאט בצאהלען א גוטען שכר . רבי חייא אונ רבי יונתן זענען ביידע גיגאנגען אויף דעם בית הקברות . האט זיך גישלעפט דיא ציצית פון רבי יונתן אויף דיא קברים . האט רבי חייא גזאגט צו רבי יונתן הייב אויף דיא ציצית דיא מתים זאלען ניט זאגען מארגען וועלען זייא קומען צו אונז מיר זאלען בעטין פון זייערט וועגין . אונ איצט פר שעמען זייא אונז . זייא גייען אין ציצית אונ מיר ניט .

שלשת לא פירשו לך יפה כי החיים יודעין שימותו אלו צדיקים שבמיתתן קרויים חיים שנאמר (ש״ב כג) ובניהו בן יהוידע בן איש חי רב פעלים מקבצאל הוא הכה את שני אריאל מואב והוא ירד והכה את הארי בתוך הבור ביום השלג. (ע״ב) בן איש חי אטו כולי עלמא בני מתי נינהו . אלא בן איש חי שאפילו במיתתו קרוי חי. רב פעלים מקבצאל שרבה וקבץ פעלים לתורה. והוא הכה את שני אריאל מואב שלא הניח כמותו לא במקדש ראשון ולא במקדש שני . והוא ירד והכה את הארי בתוך הבור ביום השלג . איכא דאמרי דתבר גזיזי דברדא ונחת וטבל . איכא דאמרי דתנא ספרא דבי רב ביומא דסיתוא . והמתים אינם יודעים מאומה אלו רשעים שבחייהם קרויים מתים שנאמר (יחזקאל כא) ואתה חלל רשע נשיא ישראל . ואי בעית אימא מהכא (דברים יז) על פי שנים עדים או על פי שלשה

פירש״י: לא חזרת פעם שנית עליו כמה שהתבונן בו: אלו צדיקים. ומאי יודעים שימותו נותנים אל לבם יום המיתה ומושכין ידיהם מן העבירה והרשעים אינם יודעים מאומה עושים עצמם כאינם יודעים ואוטמים: והוא הכה. השפיל את הגוים של דורות משני מקדשים שלא היה בהם כמותו: אריאל. זו בית המקדש שנאמר הוי אריאל אריאל קרית חנה דוד: מואב. על שם שבנאו דוד דאתי מרות המואביה: ונחית וטבל. לקריו כדי לעסוק בתורה: גזיזי דברדא. חתיכות של ברד והקרח שקורין גילאצ״ש בלע״ז והיינו ביום השלג: דקרא ספרא דבי רב. תורת כהנים: חלל רשע. על צדקיהו הוא אומר ועדיין

האט רבי יונתן גזאגט צו רבי חייא: ווייסען דען די מתים אלץ, וואס דוא האסט גזאגט: שלמה המלך האט דאך געשריבען. דיא מתים ווייסען גאר ניט. האט רבי חייא גזאגט צו רבי יונתן. אויב דוא האסט אמאהל גילייענט דעם ספר קהלת: האסט דוא איהם אבער ניט גילערונט נאך אמאהל. דוא זאלסט פאר שטיין וואס דארט שטייט. אונ אויב דוא האסט איהם צוויא מאהל גילערונט. האסט דוא איהם אבער ניט גילערונט אדריטען מאהל: אונ אויב דוא האסט איהם דריי מאהל גילערונט. האט מען דיר ניט גיגעבען גוט צו פאר שטיין וואס אין די פסוקים שטייט. ווארום אין אנהייב פסוק שטייט. דיא לעבעדיגע ווייסען זייא וועלען שטארבען. דס מיינט מען דיא צדיקים. נאך זייער טויט הייסען זייא אויך לעבעדיג (מיינט דער פסוק דיא צדיקים ווען זייא לעבין שטעלען זייא זיך פאר דעם טאג פון שטארבען. זייא זאלען מורא האבען צו זינדיגען. אונ זאלען זאן גרייטען תורה אונ מצות אונ גוטע מעשים). אזוי וויא דער פסוק זאגט בניהו בן יהוידע איז גיוועזן אזוהן פון אלעבעדיגען מענטש. פרעגט דיא גמרא זענען דען דיא גאנצע וועלט קינדער פון גישטארבענע מענטשין. נאר מען מיינט ער איז דער זוהן פון אזוי אמענטש וואס נאך זיין טויט לעבט ער אויך. דער מענטש הייסט רב פעלים מקבצאל. וויל ער האט גימערט אונ האט פערזאמעלט גוטע מעשים צוא דיא תורה. אונ ער האט גישלאגען ווער האט גידערינג גימאכט דעם כבוד פון דיא) צוויי גרויסע לייט וואס זענען גיבאהרין פון מואב. דאס מיינט מען דוד אונ שלמה וואס זייא זענען גיבאהרין פון רות המואביה. אונ זייא האבען גיבאהט דעם ערשטין בית המקדש וואס ער האט גיהייסען אריאל. פון דעסטוועגין זענען זייא נאך ניט אזוי גרויס גיוועזן. ווארום דער ערשטער בית המקדש איז דאך חרוב גיווארין אונ עס איז גיבאהט גיווארין אנייער בית המקדש. וואס ער איז גישטאנען מיט צעהן יאהר לייננער וויא דער ערשטער. אבער בניהו בן יהוידע זיין כבוד איז גיוועזן גרעסער פאר דעם כבוד פון דוד אונ שלמה עס איז ניט גיוועזן אזוי אמענטש וויא ער. ניט אין דער צייט ווען דער ערשטער בית המקדש איז גישטאנען. אונ ניט אין דער צייט ווען דער אנדערער בית המקדש איז גישטאנען. אונ ער האט גענידערט אונ ער האט גישלאגען דעם לייב אין גרוב אין דעם טאג פון שנייא. אנדערע זאגין ער האט צוא בראכען שטיקער אייז אונ ער איז אריין גיגאנגען אין וואסער אונ האט זיך טובל גיוועזן. אנדערע זאגען ער האט אפ גילערונט גאנץ ספר ויקרא מיט די דרשות וואס דיא חכמים האבען גידרשת. דאס איז דער ספרא. אין אווינטערדיגען טאג. אונ די מתים ווייסען גאר ניט. דאס מיינט מען רשעים ווען זייא לעבין ווערין זייא אויך גערופין מתים. אזוי וויא דער פסוק זאגט אונ דוא ביסט אנשיא ביי יודען נאר וויל דוא ביסט ארשע ווערסטו גירופען חלל. אגישטארבענער. אונ אז דוא ווילסט וועל איך דיר זאגען פון דאנען ווייסען מיר

שלשה עדים יומת המת . חי הוא אלא המת מעיקרא . בני רבי חייא נפקו לקרייתא אייקר להו תלמודייהו הוו קא מצערי לאדכוריה אמר ליה חד להבריה ידע אבון בהאי צערא . אמר ליה אידך מנא ידע והא כתיב (איוב כד) יכבדו בניו ולא ידע אמר ליה אידך והא כתיב (איוב יד) אך בשרו עליו יכאב ונפשו עליו תאבל ואמר רבי יצחק קשה רמה לבשר המת כמחט בבשר החי .

בימי יחזקאל חי היה וקורהו חי : לקרייתא . להתעסק בעבודת האדמה : אייקר למודייהו : השכחה למודם מגרסתם : אייקר . הכביד עליהם מחמת שכחה : בצערא דידהו . בצער גופם ממש כגון עקיצת הרמה : שתי רוחות . של שתי ילדות מתות : ונשמע . מה גזרו ביום פורענות לעולם שהעולם נדון בראש השנה : הפרגוד . מחיצה המבדלת בין מקום השכינה : ברביעה ראשונה . יורה שלש רביעיות הן בכירה שניה ושלישית .

אמרי בצערא דידהו ידעי בצערא דאהריני לא ידעי . ולא והתניא מעשה בחסיד אחד שנתן דינר לעני בערב ראש השנה בשני בצורת והקניטתו אשתו והלך ולן בבית הקברות ושמע שתי רוחות שמספרות זו לזו . אמרה חדא לחברתה חברתי בואי ונשוט בעולם ונשמע מאחורי הפרגוד מה פורענות בא לעולם . אמרה לה חברתה איני יכולה שאני קבורה במחצלת של קנים אלא לכי את ומה שאת שומעת בואי ואמרי לי. הלכה היא ושטה ובאה ואמרה לה חברתה חברתי מה שמעת מאחורי הפרגוד אמרה לה שמעתי שכל הזורע ברביעה ראשונה

אז ארשע ווען ער לעבט נאך . איז גליך וויא ער איז גישטארבען . עס שטייט אין פסוק דורך צווייא עדות . אדער דורך דריי עדות זאל גיהרגט ווערין דער טויטער . ער לעבט דאך . דארף דאך שטיין זאל גיהרגט ווערין דער לעבעדיגער . נאר ער הייסט א טויטער פון פריער . איידער ער ווערט גיהרגת הייסט ער אויך א טויטער . ווארום ארשע ווען ער לעבט נאך הייסט ער גישטארבען . דיא קינדער פון רבי חייא זענען ארויס גיגאנגען אין דיא דערפער אויס זעהן זייערע פעלדער . האבען זייא פאר געסען זייער לערנען . האבען זייא גיהאט צער זייא זאלען זיך דער מאנען . האט איין ברודער גיזאגט צום אנדערין וויים אונזער פאטער דעם צער וואס מיר האבען . האט דער אנדערער ברודער צוא איהם גיזאגט פון וואנען וויים ער . עס שטייט דאך אין פסוק איוב הט גיזאגט . אז מען טוהט אן כבוד צו זיינע קינדער וויים גאר ניט דער פאטער אז דיא קינדער האבען צער פאר שטייט גאר ניט דער פאטער . האט דער אנדערער צו איהם גיזאגט . עס שטייט דאך זיין פלייש טוהט איהם שמערצין אונ זיין נשמה טרויערט אויף איהם אונ רבי יצחק האט גיזאגט דער ווארעם וואס בייסט דיא פלייש פון דעם טויטען . איז איהם אזוי שלעכט וויא שלעכט עס איז א לעבעדיגען אז מען שטעכט איהם מיט א נאדיל . זאגט דיא גמרא איך וועל דיר זאגען זייער צער ווייסען זייא . דעם צער פון אנדערע מענטשין ווייסען זייא ניט . פרעגט די גמרא דעם צער פון אנדערע מענטשין ווייסען זייא ניט : מיר האבען גילערונט עס האט אמאהל גיטראפען ביי א חסיד . ער האט גיגעבען א גילדין צוא א ארעם מאן אום ערב ראש השנה . אין א הונגער יאהר . האט איהם דאס וויב דער צערונט . איז ער גיגאנגען אונ האט גינעכטיגט אויף דעם בית הקברות . אונ ער האט גיהערט ווי צוויי נשמות פון צווייא יונגע מיידלאך שמועסין איינע מיט דיא אנדערע . איין מיידול הט גיזאגט צו דיא אנדערע . מיין חברתה קום מיר וועלען שוועבין אין דער וועלט . אונ מיר וועלען הערין פון אינטער דיא וואנט וואס איז נאנט פון גאט , וועלכע צרות וועלען קומען אויף די וועלט . האט דיא אנדערע מיידול צו איר גזאגט מיין חברתה איך קען ניט ארויס גיין פון קבר : ווארום איך בין בגראבען אין אראגאזע וואס איז גיפלאכטען פון שטעקלאך . נאר גיי דוא אונ וואס דוא וועסט הערין . קום זאג מיר : איז זיא אליין גיגאנגען אונ האט גישוועבט אויף די וועלט אונ איז צוריק גיקומען . הט דיא אנדערע צו איר גזאגט מיין חברתה וואס האסטו גיהערט פון אינטער דיא וואנט וואס איז נאנט צו גאט . האט זיא צו איהר גזאגט איך האב גיהערט ווער ער וועט זייען ביי דעם ערשטין רעגין אין ארץ ישראל איז דא דריי ציטען וואס גייט אין זיי רעגין . דער ערשטער רעגין איז זיבעצין טעג אין חשון . דער אנדערער רעגין איז דרייא אונ

ראשונה ברד מלקה אותו הלך הוא וזרע ברביעה שניה. של כל העולם כלו נלקה שלו לא לקה. לשנה האחרת הלך ולן בבית הקברות ושמע אותן שתי רוחות שמספרות זו עם זו. אמרה חדא לחברתה בואי ונשוט בעולם ונשמע מאחורי הפרגוד מה פורענות בא לעולם אמרה לה חבירתה לא כך אמרתי לך איני יכולה שאני קבורה במחצלת של קנים. אלא לכי את ומה שאת שומעת בואי ואמרי לי. הלכה ושטה ובאה ואמר (ואמרה) לה חברתה חברתי מה שמעת מאחורי הפרגוד. אמרה לה שמעתי שכל הזורע ברביעה שניה שדפון מלקה אותו. הלך וזרע ברביעה ראשונה. של כל העולם כולו נשדף ושלו, לא נשדף, אמרה לו אשתו מפני מה אשתקד של כל העולם כלו לקה ושלך לא לקה ועכשיו של כל העולם כלו נשדף ושלך לא נשדף סח לה כל הדברים הללו אמרו לא היו ימים מועטים עד שנפלה קטטה בין אשתו של אותו חסיד ובין אמה של אותה ריבה אמרה לכי ואראך בתך שהיא קבורה במחצלת של קנים. לשנה האחרת הלך ולן בבית הקברות

ברביעה בי"ז מר חשון. שניה בכ"ג. שלישית בר"ח כסליו: ברד מלקה אותו. שהקדים הברד ליפול סמוך לרביעה שניה ומה שנזרע כבר נתקשה והברד שוברו והנזרע בשניה עדיין הוא רך ואינו נשבר בשביל הברד כענין שנאמר והפשתה והשעורה נכתה והחטה והכוסמת לא נכו: שדפון. מלקה הכל ואינו

צוואנציג טעג אין חשון. דער דריטער רעגין אין ראש חודש כסלו) וועט אגיל אויס קלאפען די תבואה. ווארום דער האגיל וועט זיין נאך דעם אנדערין רעגין. אונ די תבואה וואס עס וועט פאר זייט ווערין נאך דעם ערשטין רעגין וועלען שוין זיין אויף גיוואקסען ווען דער האגיל וועט זיין. וועט ער זייא אויס קלאפען. אבער די תבואה וואס מעט פאר זייט ווערין נאך דעם אנדערין רעגין וועלען ניט זיין אויף גיוואקסען ווען דער האגיל וועט זיין. וועט ער זיי ניט אויס קלאפען. איז גיגאנגען דער חסיד אונ האט פאר זייט נאך דעם אנדערין רעגין. די תבואה פון דער גאנצער וועלט וואס זייא האבען פאר זייט נאך דעם ערשטין רעגין. איז אויס גיקלאפט גיווארען פון דעם האגיל. אונ זיינע תבואה וואס ער האט פאר זייט נאך דעם אנדערין רעגין איז ניט אויס גיקלאפט גיווארין. צום אנדערין יאהר ראש השנה בייא נאכט איז ער נאך אמאהל גיגאנגען אונ האט גינעכטיגט אויף דעם בית הקברות. אונ ער האט גיהערט ווייא די מעדכינע צוויי מיידלאך שמועסין איינע מיט די אנדערע. איינע זאגט צו די אנדערע קום מיר וועלען שוועבין אויף די וועלט. אונ מיר וועלין הערין פון אינטער די וואנט וואס איז גאנט צו גאט: וועלכע צרות וועלען קומען אויף די וועלט. האט די אנדערע צו איר גיזאגט האב איך דען דיר ניט גיזאגט פאר איאהרין איך קען ניט ארויס גיין פון קבר: ווארום איך בין בגראבען אין אראגאזע פון שטעקלאך. נאר גיי דוא אליין אונ וואס דוא וועסט הערין קום זאג מיר. איז זיא גיגאנגען אונ האט גישוועבט אויף די וועלט אונ איז צוריק גיקומען. האט די אנדערע צו איר גיזאגט מיין חברתה וואס האסטו גיהערט פון אינטער די וואנט וואס איז גאנט צו גאט. האט זיא צו איר גיזאגט איך האב גיהערט ווער עס וועט פאר זייען נאך דעם אנדערין רעגין. וועט אווינט אויס קלאפען די תבואה. דער ווינט קלאפט נאר אויס די יונגע תבואה אבער ניט די אלטע. האט ער גיזייט נאך דעם ערשטין רעגין. די תבואה פון דער גאנצער וועלט וואס זייא האבען פאר זייט נאך דעם אנדערין רעגין איז אויס גיקלאפט גיווארין. אונ זיינע תבואה וואס ער האט פאר זייט נאך דעם ערשטין רעגין איז ניט אויס גיקלאפט גיווארין. האט די ווייב פון דעם חסיד גיזאגט צוא איר מאן. פאר וואס פאר איאהרין איז די תבואה פון דער גאנצער וועלט איז אויס גיקלאפט גיווארען פון דעם האגיל. איז דיינע תבואה ניט אויס גיקלאפט גיווארען. אונ איצט היינטיגען יאהר די תבואה פון דער גאנצער וועלט איז אויס גיקלאפט גיווארין. אונ דיינע תבואה איז ניט אויס גיקלאפט גיווארין. האט ער איהם דער ציילט די אלע רייד וואס ער האט גיהערט אויף דעם בית הקברות. מען האט גיזאגט אין אקורצע צייט שפעטער איז גיווארען אקריג צווישען די ווייב פון דעם חסיד מיט די

הקברות ושמע אותן רוחות שמספרות זו עם זו אמרה לה חברתי בואי ונשוט בעולם ונשמע מאחורי הפרגוד מה פורענות בא לעולם אמרה לה חברתי הניחני דברים שביני לבינך כבר נשמעו בין החיים אלמא ידעי דלמא איניש אחרינא שכיב ואזיל ואמר להו. תא שמע דזעירי הוה מפקיד זוזי לגבי אושפיזכתיה עד דאתא ואזיל לבי רב שכיבא אזיל בתרה לחצר מות אמרה לה זוזי היכא. אמרה ליה זיל שקלינהו מתותי צינורא דדשא בדוך פלן ואימא לה לאימא תשדר לי מסרקאי וגובתאי דכוחלא בהדי פלניתא דאתיא למחר אלמא ידעי. דלמא דומה קדים ומכריז להו. תא שמע דאבוה דשמואל הוו קא מפקדי גביה זוזי דיתמי. כי נח נפשיה לא הוה שמואל גביה חוו קא קרו ליה בר אכיל זוזי דיתמי. אזל אבתריה לחצר מות א"ל בעינא אבא אמרו

מהדף הקשה: אלמא ידעי. דברים האמורים בין החיים: לחצר מות. לבית הקברות: בלישנא דדחא. בחוד מפתן הבית שהדלת סובב בו: מסרקאי. מסרק שלי: גובתאי. קנה ובשביל שאותה ילדה אמרה הכי לעגמת נפש: בהדי פלניתא דאתיא למחר. לקבורה: אלמא ידעי. מה שעושים שידעה זו שזו נוספת ונטתה למות: דילמא דומה. מנהיג הממונה על המתים קדים ומכריז להו עכשיו יבא פלוני אבל שאר דברי החיים אינן יודעים: בעינא אבא.

מוטער פון דיא מיידול. הָט דיא ווייב פון דעם חָסיד גזאָגט צו דיא מוטער פון דעם מיידול גיי איך וועל דיר ווייזען דיין טאָכטער איז בגראָבען אין אַראָגאָזע וואָס איז גיפלאָכטען פון שטעקלאך. צום אַנדערין יאָהר ראש השנה איז נאָך אַמאָהל גינאַנגען דער חָסיד אונ האָט גינעכטיגט אויף דעם בית הקברות. אונ ער האָט גיהערט וויא דיא זעלביגע צוויא מיידלאך שמועסין איינע מיט דיא אַנדערע. איינע זאָגט צוא דיא אַנדערע מיין חברתה קום מיר וועלען שוועבין אויף דיא וועלט אונ מיר וועלען הערין פון אינטער דיא וואַנט וואָס איז נאָכט צוא גאָט. וועלכע צרות וועלען קומען אויף דיא וועלט. האָט דיא אַנדערע צוא איר גזאָגט מיין חברתה לאָז מיך רוהען. דיא רייד וואָס איך גירעט גיוואָרען צווישען אונז איז שוין גיהערט גיוואָרין צווישען די לעבעדיגע. ועהן מיר דאָך אַז דיא טויטע ווייסען וואָס עס ווערט גירעט צווישען די לעבעדיגע. ענטפערט דיא גמרא טאָמער איז איינער גישטאָרבען וואָס ער האָט גיהערט אויף דיא וועלט דיא רייד וואָס עס איז גיוועזן צווישען די ווייב פון דעם חָסיד אונ דיא מוטער פון דיא מיידול. הָט ער דאָס דער צייכט דעם מיידול נאָך זיין טויט. זאָגט די גמרא העֶר איין אַנדער מעשה. וואָס פון דיא מעשה זעהן מיר אַז דיא מתים ווייסען וואָס עס איז אויף דיא וועלט. זעירי האָט גיגעבין געלט צו זיין באַסט-הייזערין. זיא זאָל דאָס געלט בעהאַלטען ביז ער וועט קומען פון לערנען (ער איז גינאַנגען לערנען אין איין אַנדער שטאָט). איידער ער איז גינאַנגען אין בית מדרש אונ צוריק גיקומען איז זיא גישטאָרבען איז ער גיגאַנגען אויף דעם בית הקברות צו איר קבר. אונ הָט גזאָגט צו איר וואו איז מיין געלט. הָט זיא צו איהם גזאָגט גיי נעם זייא דיא געלט ליגט אין דיא לאָך וואָס אין די שוועל וואָס דער אייזין פון די טיר זיצט דאָרט. אין יענעם אָרט ליגט דיא געלט. אונ דוא זאָלסט זאָגען צו מיין מוטער זיא זאָל מיר שיקען מיין קאם אונ מיין רעדיל פאַרב דורך יענע אשה וואָס זיא וועט מאָרגין אַהער קומען. וואָס זיא וועט מאָרגין שטאַרבען. זעהן מיר דאָך אַז דיא טויטע ווייסען. ווארום דיא אשה האָט דאָך אויך גיוואוסט איז אוף דיא וועלט אַז אַאשה גוסס אונ זי וועט מאָרגין שטאַרבען. ענטפערט דיא גמרא. טאָמער קומט מלאך דומה מיט אַטאָג פריער אונ רופט אויס צווישען דיא מתים מאָרגין וועט דער שטאַרבען אונ וועט קומען צו אונז. אָבער אַנדערע זאַכען וואָס עס איז צווישען דיא לעבעדיגע ווייסען טאַקי ניט דיא טויטע. זאָגט דיא גמרא העֶר איין אַנדער מעשה. פון דא מעשה זעהן מיר אַז דיא מתים ווייסען וואָס עס איז אויף די וועלט. ביי דעם פאָטער פון שמואל פלעגט מען בעהאַלטען געלט פון יתומים. ווען דער פאָטער פון שמואל איז גישטאָרבען. איז שמואל ניט גיוועזן ביי איהם. האָט מען ניט געוואוסט וואו דער פאָטער פון שמואל הָט גילייגט דיא יתומישע געלט. אונ מען האָט חושד גיוועזן אַז דער פאָטער פון שמואל האָט אויף גיגעסין דיא יתומישע געלט. הָט מען איהם גירופען ער איז דער זוהן פון דעם וואָס האָט אויף גיגעסין

מבקש אמי את אבא כך שמו : א"ל . המתים עלו לו כאלו הם הון מקבריהם ויושבים בעגולה : הייה . שמואל לאבוה דקא בכי והייך : דלעגל אתית . במהרה תקבר : באמתא דריחייא . כל בנין מושב הרחיים קרוי אמת הרחיים: אלמא ידעי. מי חשוב בין החיים : תוספות. שמי אריאל נואב. על שם דוד ושלמה שבנו את הבית ובאו מרות במואביה : בן איש חי אשו כולי עלמא . בספרים מדוייקים כתיב חי וקרינן חיל ומן הכתוב דייק הכי (שלא כתוב חיל אלא חי) : תוספות . ספרא דמי כך . מסארי דרים שהוא תמיד שבספרים : בתוך הכור . שהוא באמצע הספרים ע"כ : זאת

אמרו ליה טובא אבא איכא הכא . אמר להו בעינא אבא בר אבא . אמרו ליה טובא אבא בר אבא נמי איכא הכא אמר להו בעינא אבא בר אבא אבוה דשמואל היכא . אמרו ליה סליק למתיבתא דרקיעא , אדהכי חזייה ללוי דיתיב אבראי . אמר ליה אמאי יתיבת אבראי מאי טעמא לא סלקת אמר ליה דאמרי לי כל כי הנך שני דלא סליקת למתיבתא דרבי אפס ואחלישתא לדעתיה לא מעלינן לך למתיבתא דרקיעא אדהכי והכי אתא אבוה חזייה דהוה קא בכי ואחיך אמר ליה מאי טעמא קא בכית . אמר להו דלעגל אתית לן . מאי טעמא אחיכת דחשיבת בהאי עלמא טובא . אמר ליה אי חשיבנא נעיילוהו ללוי ועיילוהו ללוי . אמר ליה זוזי דיתמי היכא אמר ליה זיל שקלינהו באמתא דריחיא עילאי ותתאי דידן ומציעי דיתמי . אמר ליה מאי טעמא עבדת הכי אמר ליה אי גנבי גנבי מיגנבו מדידן אי אכלה ארעא אכלה מדידן

יתומישע געלט . איז שמואל גיגאנגען צום פאטער אויף דעם בית הקברות . האט שמואל גזאגט צו דיא מתים איך זוך אמענטש וואס הייסט אבא . האבען דיא מתים גזאגט צוא שמואל דא אויף דעם בית הקברות איז דא פיל מענטשין טויטע וואס הייסען אבא . האט שמואל גזאגט צו דיא מתים . איך זוך אזוי אמענטש וואס הייסט אבא . אונ איז דער זוהן פון אבא . זיין פאטער האט אויך גיהייסען אבא . האבען דיא מתים צו איהם גזאגט . דא אויף דעם בית הקברות איז דא פיל מענטשין טויטע וואס הייסען אבא אונ זייער פאטער האט אויך גיהייסען אבא . האט שמואל גזאגט צו דיא מתים . איך זוך איינעם וואס הייסט אבא . אונ זיין פאטער האט אויך גיהייסען אבא . אונ ער איז דער פאטער פון שמואל . וואו איז ער . האבען דיא מתים גזאגט צו שמואל דיין פאטער איז ארויף גיגאנגען אויף דעם הימעל לערנען אין דער ישיבה . דער ווייל האט שמואל גיזעהן וויא לוי זיין חבר זיצט אויס ווייניג ניט מיט אלע מתים צו זאמען . האט שמואל גזאגט צו לוי פאר וואס זיצט דו אויס ווייניג . פאר וואס גייסטו ניט ארויף אין הימעל אין דער ישיבה . האט לוי גזאגט צו שמואל . מען האט גיזאגט צו מיר אזוי פיל יאהר וויא דוא ביסט ניט אריין גיגאנגען אין דער ישיבה פון רבי אפס . אונ דוא האסט שוואך גימאכט זיין דעה ; דאס דוא האסט איהם פאר שעמט . אזוי פיל יאהר וועט מען דיך ניט אריין ברייננגען אין דער ישיבה וואס אויף דעם הימעל . דער ווייל איז גיקומען דער פאטער פון שמואל האט שמואל גיזעהן וויא דער פאטער וויינט אונ לאכט . האט שמואל גזאגט צום פאטער פאר וואס וויינסטו האט דער פאטער גזאגט צו שמואל ווייל דוא וועסט באלד קומען צו אונז . דוא וועסט באלד שטארבען . פרעגט שמואל צום פאטער פאר וואס האסטו גילאכט . האט דער פאטער גיענטפערט צו שמואל ווייל דוא ביסט זייער גילויבט אויף דיא וועלט . האט שמואל גזאגט צום פאטער אויב איך בין גילויבט ביי אייך אויף דיא וועלט . בעט איך מען זאל אריין ברייננגען לוי אין דער ישיבה . האט מען אריין גיבראכט לוי אין דער ישיבה אויף דעם הימעל . האט שמואל גזאגט צום פאטער וואו איז דיא געלט פון דיא יתומים האט דער פאטער גזאגט צו שמואל גיי נעם דיא געלט זייא ליגען צווישען דיא מיהל שטיינער . דיא אויבערשטע געלט אונ די אונטערשטע געלט איז אונזערע אונ דיא מיטעלסטע געלט גיהער צו דיא יתומים . האט שמואל גזאגט צום פאטער פאר וואס האסטו אזוי גיטאהן . האט דער פאטער גזאגט צו שמואל אויב גנבים וועלין גנבענן זאלען זיי גנבענן אונזערע געלט . אויב דיא ערד וועט קאליע מאכען דיא געלט וועט זיא קאליע מאכען אונזער געלט . זעהן מיר דאך או דיא מתים ווייסען וואס אויף דיא וועלט איז . ווארום דער פאטער פון שמואל האט געוואוסט

מדידן אלמא ידעי. שאני שמואל כיון דחשיב מקרמי ובכרזי פנו מקום. ואף רבי יונתן הדר ביה דאמר רבי שמואל בר נחמני אמר רבי יונתן מניין למתים שמספרים זה עם זה שנאמר (דברים לד) ויאמר ה' אליו זאת הארץ אשר נשבעתי לאברהם ליצחק וליעקב לאמר מאי לאמר אמר הקב"ה למשה לך אמור להם לאברהם ליצחק וליעקב שבועה שנשבעתי לכם כבר קיימתיה לבניכם. (דף יט) ואי סלקא דעתך דלא ידעי כי אמר להו מאי הוי אלא מאי דידעי למה ליה למימר להו. לאחזוקי ליה טיבותא למשה. אמר רבי יצחק כל המספר אחרי המת כאלו מספר אחרי האבן. אית דאמרי דלא ידעי. ואית דאמרי דידעי ולא איכפת להו. איני והא (אמר) רב פפא (חד) אשתעי בתריה דמר שמואל ונפל קניא מטללא ובזעא לארנקא דמוחיה. שאני צורבא מרבנן דקדוש ברוך הוא תבע ביקריה:

ד **אמר** רבי יהושע בן לוי כל המספר אחר מטתן של תלמידי חכמים נופל בגיהנם שנאמר (תהלים קכה) והמטים עקלקלותם יוליכם ה' את פועלי האון שלום על ישראל

כאן. כמיתת משה כתיב: ואי ס"ד לא ידעי: אין מבינים כלום אלא לצרת דגופייהו: המספר אחר המת. בגנותו של מת אחר מיתתו: קניא מטללא. קנה גדול וכבד נפל מן הגג: טללא. גג: ארנקא דמוחיה. כיס שבשמות מונח בו. על כאן:

והמטים עקלקלותם. לעיל מיניה כתיב הטיבה ה' לטובים וסמיך ליה והמטים עקלקלותם והמכריעים את חובתם יותר על זכותם לכף חובה: יוליכם ה' את פועלי האון. לגיהנם:

אז שמואל וועט באלד שטארבען. ענטפערט דיא גמרא שמואל איז אנדערש ווייל ער איז גילויבט אויף דעם הימעל רופט מען אויס פריער אייד ער ער שטארבט. מען זאל ליידיג מאכען אארט פאר דעם צדיק וואס וועט קומען. האט דער פאטער פון שמואל גיהערט אויף דעם הימעל וויא מען האט אויס גערופען מען זאל ליידיג מאכען אארט פר שמואל וואס ער וועט באלד קומען. אבער עס קען זיין אז מתים ווייסען ניט וואס אויף די וועלט איז. זאגט דיא גמרא אונ רבי יונתן האט אויך חרטה גיהאט. אונ ער זאגט אז מתים ווייסען וואס אויף דיא וועלט איז. ווארום רבי שמואל בר נחמני האט גזאגט פון רבי יונתנס וועגין פון וואגען ווייסען מיר אז מתים שמועסין איינער מיט דעם אנדערין. ווארום דער פסוק זאגט גאט האט גזאגט צוא איהם (צו משה) דס איז די לאנד וואס איך האב גישוואורין צו אברהם אונ צו יצחק אונ צוא יעקב. צו זאגין. וואס מיינט מען צום זאגען. גאט האט גזאגט צוא משה גיי זאג צוא אברהם אונ צו יצחק אונ צו יעקב די שבועה וואס איך האב גישוואורין צו אייך האב איך זיא שוין לאנג מקיים גיוועזן צו אייערע קינדער. אז דוא וועסט זאגען מתים ווייסען ניט וואס איז אז משה וועט צו זיי זאגען. זייא וועלען דאך ניט וויסען וואס משה רעט צו זיי. געווים מוז זיין אז זייא ווייסען יא. פרעגט די גמרא נאר וויא ווילסטו זאגען זייא ווייסען יא וואס דארף משה גיין זיי זאגין. זייא ווייסען דאך אליין אז גאט האט גיגעבען די לאנד ארץ ישראל צו זייערע קינדער. ענטפערט די גמרא. זייא זאלען אן געמען פאר אטובה פון משה וואס ער איז גיקומען זיי אן זאגען די גוטע בשורה:

אמר: רבי יצחק האט גזאגט ווער עס רעט שלעכטע רייד אויף אטויטען. איז גלייך וויא ער וואלט די רייד גירעט אויף אשטיין. אנדערע זאגען דער מת ווייס ניט. אונ אנדערע זאגען זיי ווייסען נאר עס הארט זייא ניט וואס מען רעט אויף זיי. פרעגט די גמרא עס איז דאך ניט אזוי. רב פפא האט דער ציילט איינער האט גירעט שלעכטע רייד אויף מר שמואל איז אראפ גיפאלען אגרויסער שטעקין אשווערער פון דאך. אונ האט איהם צוא שפאלטען דעם בייטעל וואס דער מוח ליגט אין איהם. ענטפערט די גמרא אלמדן איז אנדערש ווי אלע מענטשין גאט מאנט אויף זייער כבוד:

ד אמר. רבי יהושע בן לוי האט גזאגט ווער עס רעט שלעכטע רייד אויף תלמידי חכמים וואס זענען גישטארבען פאלט ער אין גיהנם. אזוי ווי דער פסוק זאגט די וואס ריידען

בכ"ד מקומות. השתא משמע מלים שמדו חז"ל בני אדם בכ"ד מקומות לכבוד הרב לפי שלא נהגו כבוד לרבנן: הוא היה אומר. עקביא במס' עדיות: אין משקין. אם קנא לה בעלה ונסתרה: לא את הגיורת. דבר אל בני ישראל אמור בפרשה פרט לאשת הגר ועבד משוחרר: בכרכמית. כך שמה

ישראל. אפילו בשעה ששלום על ישראל יוליכם ה' את פועלי האון. תנא דבי רבי ישמעאל אם ראית תלמיד חכם שעבר עבירה בלילה אל תהרהר אחריו ביום שמא עשה תשובה. שמא סלקא דעתך אלא ודאי עשה תשובה. אמר רבה לא אמרן אלא דברים שבגופו אבל בממונא עד דמהדר למריה. ואמר ריב"ל בכ"ד מקומות ב"ד מנדין על כבוד הרב וכולן שנינו במשנתנו. אמר ליה רבי אלעזר היכא אמר ליה לכי תשכח נפק דק ואשכח תלתא. המספר אחר מטתן של תלמידי חכמים והמזלזל בנטילת ידים והמגיס את דעתו כלפי שמים. המספר אחר מטתו מאי היא דתנן הוא היה אומר אין משקין לא את הגיורת ולא את המשוחררת וחכמים אומרין משקין. אמרו ליה מעשה בכרכמית אחת (שהיתה) שפחה (משוחררת) בירושלים והשקוה שמעיה ואבטליון. אמר להו דוגמא

קרומע רייד אויף דיא מִטָּה וָואס דיא תַּלְמִידֵי חֲכָמִים ליגען אויף איר נָאךְ זייער טויט וועט זייא גָאט פירען אויף דעם אָרט וָואס דָארט זענען אַלע וָואס טוהען שלעכטס. דָאס איז אין גֵיהִנֹּם. פְּריר זאיף די יודען. אֲפִילוּ אין דער צייט וָואס עס איז שָׁלוֹם אויף דיא יודען. דָאס מיינט מען צו די צייט וָוס אַמענטש שְׁטַארבְּט אונ מַלְאָכִים קוּמען זָאגען שָׁלוֹם. אָבער דיא מענטשין וָוס הָאבען גירעט שלעכטע רייד אויף תַּלְמִידֵי חֲכָמִים. צו זיי וועלין ניט קומען מַלְאָכִים זָאגען שָׁלוֹם. נָאר גָאט וועט זייא פירען אין גֵיהִנֹּם צוּא זאמען מיט אַלע מענטשין וָוס הָאבען גיטָאהן עֲבֵירוֹת:

תָּנָא. דיא תַּלְמִידִים פון רַבִּי יִשְׁמָעֵאל הָאבען גילערונט אויב דוא הָאסט גיזעהן אַתַּלְמִיד חָכָם הָט גיטָאהן אַעֲבֵירָה ביי נאכט זָאלסטו ניט טְרַאכטען אויף איהם ביי טָאג. זָאלסט אים ניט האלטען פאר אַרָשָׁע. טָאמער הָט ער גיטָאהן תְּשׁוּבָה. פְּרעגט די גְמָרָא טָאמער הָט ער גיטָאן תְּשׁוּבָה. דָס הייסט עס איז אַסָפֵק. טָאמער הָט ער גיטָאהן תְּשׁוּבָה. אונ טָאמער הָט ער ניט גיטָאהן תְּשׁוּבָה. וויא אַזוי קען דָאס זיין אַז ער הָאט ניט גיטָאהן תְּשׁוּבָה נָאר זָאג ער הָאט געווים גיטָאהן תְּשׁוּבָה. הָאט רַבָּה גיזָאגט ווען זָאגען מיר אויף דעם תַּלְמִיד חָכָם אַז ער הָאט געווים גיטָאהן תְּשׁוּבָה נָאר די עֲבֵירוֹת וָואס ער הָאט גיטָאהן מיט זיין גוף. דָס הייסט וָואס ער הָט גיזינדיגט צו גָאט. אָדער צוּא אַמענטשין נָאר ער דַארף ניט צָאהלען קיין געלט: אָבער די עֲבֵירוֹת וָואס ער הָאט גיזינדיגט אין געלט זאכען: וָואס ער דַארף צָאהלען געלט. הייסט אַנדערש ניט קיין תְּשׁוּבָה ביז ווען מיר הָאבען גיזעהן וויא ער הָאט יענעם בַּצָאהלט זיין געלט:

וְאָמַר. נָאךְ הָט רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי גיזָאגט מיר געפינען אין פיר אונ צְוַואנְצִיג ערטער אַז בֵּית דִין הָאבען מַחֲרִים גיוועזען אַז מען הָט ניט גיגעבען כָּבוֹד צו אַתַּלְמִיד חָכָם. אונ אַלע הָאבען מיר גילערונט אין אונזער מִשְׁנָה. הָט רַבִּי אֶלְעָזָר גיזָאגט צו רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ וואו זענען די פיר אונ צְוַואנְצִיג ערטער. הָט רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ גיזָאגט צו רַבִּי אֶלְעָזָר אַז דו וועסט זוכען וועסטו גפינען. איז רַבִּי אֶלְעָזָר גיגאנגען אונ הָאט גיקלערט אונ הָאט גיפונען דריי ערטער וָואס בֵּית דִין הָאבען מַחֲרִים גיוועזען. אַז ער רעט שלעכטע רייד אויף אַתַּלְמִיד חָכָם וָואס איז גישְׁטָארבען. איז בֵּית דִין איהם מַחֲרִים. אונ אַז ער איז מְבַזֶּה דיא מִצְוָה צו וואשען דיא הענט צום עסין. איז בֵּית דִין איהם מַחֲרִים. אונ אַז ער רעט מיט הָעָזָה קעגין גָאט. וָואס מיינט מען ער רעט שלעכטע רייד אויף תַּלְמִידֵי חֲכָמִים וָואס זענען גישְׁטָארבען. וָוארום מיר הָאבען גילערונט ער הָאט גיזָאגט וַעֲקַבְיָא הָט גיזָאגטו אַווייב פון אַגֵּר אָדער אַווייב פון אַקנעכט אַמְשׁוּעְנִי וָואס ער איז שוין פריי גיוָוארין אונ זיא הָאט זיך פאר בארגין מיט איינעם. גיט מען איר ניט טרינקען דיא מַיִם הַמְאָרְרִים. אונ די חֲכָמִים זָאגין מען גיט זייא יָא טרינקען דיא מַיִם הַמְאָרְרִים. הָאבין דיא חֲכָמִים גיזאגט צוּא

דוגמא השקוה ונדוהו ומת בנדויו ושלחו ב"ד וסקלו את ארונו. המזלזל בנט"י כאי היא דתנן אמר רבי (יוסי) (יהודא) ח"ו שעקביא בן מהללאל נתנדה שאין העזרה ננעלת על כל אדם מישראל בחכמה ובטהרה וביראת חטא כעקביא בן מהללאל אלא את מי נדו את (רבי) אלעזר בן (חנוך) שפקפק בנטילת ידים. וכשמת שלחו בית דין והניחו אבן גדולה על ארונו ללמדך שכל מי שנתנדה ומת בנדויו בית דין סוקלין את ארונו. המגים דעתו כלפי שמים היינו כגון חוני המעגל במסכת תענית. תנו רבנן העוסקים בהספד בזמן שהמת מוטל לפניהם נשמטין אחד אחד וקורין אין המת מוטל לפניהם

הן

אלו ע"ה מקיזה: דוגמא. דומים לה היו אותם שהשקוה ע"ה שהיו שמעיה ואבטליון מבני בניו של סנחריב ובתוס' הביאו ראיה לפירוש רש"י מירושלמי דמועד קטן מהו דוגמא דכוותה ובערוך פי' דוגמא השקוה מי צבע אבל לא היו מרים ממש ולא מחקו התורה אלא ליראה אותה: רבי יוסי (יהודה) סליק אדלעיל דקתני שנדו את עקביא: ננעלת. כשהוציאים הפסחים של כל כת וכת שהפסח נשחט בג' כתות: על כל אדם מישראל. כלומר כשהיא ננעלת עליהם והיינו כשנתמלאה העזרה שם לפה לא היה אדם בישראל כלומר חשוב בחכמה ויראת חטא כעקביא: שפקפק. זלזל והיינו נמי כבוד הרב שמגבר על פי הגוזרים על הידים: אין המת מוטל לפניהם. שמתו בבית אחר והם מספידין אותו כאן וי"מ שגבהן אחד

עקביא עס האט גיטראפען אשפחה כנענית וואס זיא איז פריי גיווארען. זיא האט געהייסען כרכמית. אונ האט געוואהנט אין ירושלים. אונ זיא האט גיהאט א מאן. אונ זיא האט זיך פר בארגין מיט איינעם, האבען שמעיה מיט אבטליון איר גיגעבין טרינקען מים המאררים. האט עקביא גזאגט צו דיא חכמים וויל שמעיה מיט אבטליון זענען געווען גלייך מיט איר. זייא זענען אויך גיוועזען גרים אזוי וויא זיא. דריבער האבען זייא איר גיגעבען טרינקען דיא מים המאררים. צו ווייזען אז גרים מיט יודען זענען גלייך. אדער דער פשט איז דוגמא השקוה זייא האבען גיגעבין טרינקען וואסער וואס האט אויס גיזעהן אזוי וויא מים המאררים. זיא זאל מורא האבען. טאמער וועט זיא אויס זאגין אז זיא האט מזנה גיוועזען. אבער אמת׳ה מים המאררים גיט מען זייא ניט טרינקען. האט מען מחרים גיוועזען עקביאן אונ ער איז גישטארבען אין חרם. האט בית דין געשיקט מען זאל ארויף לייגען שטיינער אויף דיא קאסטען וואס עקביא איז אין איר בגראבען גיווארין: וואס מיינט מען ער איז מבזה דיא מצוה צו וואשען די הענט צום עסין. ווארום מיר האבען גילערונט רבי יהודה האט גזאגט מען טאר ניט זאגען אז מען האט מחרים גיוועזען עקביא דעם זוהן פון מהללאל. ווארום ערב פסח ווען מען האט גישאכטען דעם קרבן פסח. פלעגט מען צו טיילען דיא יודען אין דריי טייל: יעדער טייל ווען זיא איז אריין גיגאנגען אין דיא עזרה צו שעכטין זייערע פסחים. פלעגט מען פאר שליסען דיא טירען פון דיא עזרה. ביז מען האט גישאכטען די אלע פסחים. דער נאך פלעגין אלע ארויס גיין מיט איין מאהל: איז די אנדערע טייל אריין גיגאנגען שעכטין זייערע פסחים. אז די אנדערע טייל איז ארויס גיגאנגען. איז אריין גיגאנגען די דריטע טייל. זאגט דיא גמרא צווישען אלע דריי טייל יודען וועם מען האט פר זייא גישלאסען די עזרה. האט מען ניט גיפונען א מענטשין זאל אזוי קלוג: אונ אזוי ריין (אפ געהיטען פון אטומאה) אונ אזוי מורא האבען אעבירה צו טאן. אזוי וויא עקביא דער זוהן פון מהללאל איז גיוועזען. וויא אזוי קען מען זאגען אז אזוי א מענטשין האט מען מחרים גיוועזען. נאר וועמען האט מען מחרים גיוועזען. רבי אלעזר בן חנוך האט מען מחרים גיוועזען ער האט ניט גיהאלטען דעם דין אז מען זאל זיך וואשען צום עסין. אז רבי אלעזר בן חנוך איז גישטארבען אין חרם. האט בית דין געשיקט מען זאל ארויף לייגען א גרויסען שטיין אויף דיא קאסטען וואס רבי אלעזר איז אין איר בגראבען גיווארען. צוא לערנען אונז ווען מען איז מחרים אונ ער שטארבט אין חרם לייגט בית דין ארויף שטיינער אויף זיין קאסטען וואס ער ווערט אין איר בגראבען: אז ער רעט מיט העזה געגין גאט דאס מיינט מען אזוי וויא חוני המעגל האט גירעט וויא עס שטייט אין מסכת תענית):

תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערונט די וואס זענען מספיד דעם מת אז דער מת ליגט פאר זייא. אונ עס איז גיקומען דיא צייט צו לייענען קריאת שמע גייען זיי אוועק פון חכמ

תור : והוא יושב ודומם . סהבג : למימר הכי. לא נפרעת ממני דמשמע שפרע ע"כ : אין חכמה .

הן יושבין וקורין והוא יושב ודומם הם עומדין ומתפללין והוא עומד ומצדיק עליו את הדין ואומר רבון כל העולמים הרבה חטאתי לפניך ולא נפרעת ממני אחד מני אלף יהי רצון מלפניך ה' אלהינו שתגדור פרצותינו ופרצות כל עמך בית ישראל ברחמים. אמר אביי לא מיבעי ליה לאיניש למימר הכי דאמר רשב"ל וכן תנא משמיה דרבי יוסי לעולם אל יפתח אדם פיו לשטן. ואמר רב יוסף מאי קראה שנאמר (ישעיה א) כסדום היינו מאי אהדר להו נביא שמעו דבר ה' קציני סדום :

(פ"ב) **ה אמר** רב יהודה אמר רב המוצא כלאים בבגדו פושטו אפילו בשוק מאי טעמא אין חכמה ואין תבונה ואין עצה לנגד ה' (משלי כא). כל מקום שיש חלול השם אין חולקין כבוד לרב . (דף כ) אמר ליה רב פפא לאביי מאי שנא

איינציגווייז אונ לייענען קריאת שמע ; איינער גייט אוועק און אזייט אדער אין איין אנדער שטוב אונ לייענט קריאת שמע אונ קומט צוריק צום הספד דער נאך גייט דער אנדערער אונ לייענט קריאת שמע אונ קומט צוריק . גייט דער דריטער . אונ אזוי אלע . אבער אז דער מת ליגט ניט פאר זיי ; דער מת ליגט אין איין אנדער שטוב . אונ עס איז ניקומען די צייט צוא לייענען קריאת שמע . זאל מען אויפהערין מספיד צו זיין . די מענטשין זיצען אונ לייענען קריאת שמע אונ דער אבל זיצט אונ שווייגט . זייא שטייען אונ דאווענען שמונה עשרה ; אונ דער אבל שטייט אונ מאכט גירעכט אויף זיך דעם דין פון גאט אונ ער זאגט גאט וואס דו ביסט דער האר פון אלע וועלטין . איך האב פיל געזינדיגט פאר דיר . אונ דוא ביסט נאך ניט אפ גיצאהלט גיווארען פון מיר איינס פון טויזענד אויך ניט ; עס זאל זיין דער ווילען פר דיר גאט אונזער גאט דוא זאלסט פאר צאהמען אונזער אויס ברעכונג אונ די אויס ברעכונג פון דיין גאנצע פאלק יודען . מיט רחמנות . עס זאל קיין בראך ניט מעהר זיין ביי אלע יודען . האט אביי גזאגט אמענטש דארף ניט אזוי זאגען צו גאט דוא ביסט נאך ניט אפ גיצאהלט גיווארען פון מיר . ווארום עס זעהט אויס ווי ער זאגט צו גאט אז מען דארף נאך אפ גיצאהלט ווערין פון איהם ; וועט דער שטן זאגען דער מענטש איז דאך אליין מודה אז מען דארף פון איהם אפ גיצאהלט ווערין . ווארום רבי שמעון בן לקיש הט גזאגט אונ אזוי האט מען גילערנט אז רבי יוסי זאגט אמענטש זאל קיין מאהל ניט עפענען זיין מויל ריידען אזעלכע רייד ווס דער שטן וויל דם הערין . הט רב יוסף גזאגט פון וואנען ווייסען מיר דאס פון פסוק . ווארום עס שטייט אין פסוק עס פעלט גאר ווייניג וואלטען מיר גיוועזן וויא סדום . וויא זייא האבען זיך גאר געגליכען צוא סדום . וואס האט דער נביא זייא גיענפערט הערט צוא דיא רייד פון גאט איר גרויסע לייט פון סדום ; האט מען זייא באלד גירופען מענטשין פון סדום :

ה אמר . רב יהודה הט גזאגט פון רבם וועגין אז איינער געפינט כלאים אין זיין קלייד ער געפינט אין אנדערע קלייד פארעם מוז ער באלד אויס טאהן דיא קלייד אפילו אין גאס . וואס איז דער טעם . פר וואס . ווארום שלמה המלך הט גזאגט געגין גאט איז ניטא קיין חכמה אונ קיין פערשטאנד אונ קיין עצה . וואו עס ווערט פאר שעמט דער כבוד פון גאט . ניט מען ניט קיין כבוד אפילו צו אגרויסען מענטש . אז ער הט גיפונען כלאים אין זיין קלייד אין גאס . אז ער וועט ניט אויס טאהן דיא קלייד . זעהט אויס דיא מצות פון גאט גאר גרינג . גאט הייסט ניט גיין אין שעטנז אונ ער גייט . ער שעמט זיך אויס צו טאהן דיא קלייד אין גאס . איז דאך ביי איהם זיין כבוד גרעסער וויא דער כבוד פון גאט . דריבער מוז ער אויס טאהן דיא קלייד אפילו אין גאס . צוא ווייזען אז זיין כבוד איז גאר ניט געגין דעם כבוד פון גאט . מען זאל טאהן אזוי וויא גאט הייסט . רב פפא הט גזאגט צו אביי פאר וואס צו דיא ערשטע

שנא כמאי דמתרחיש להו ניסא ומ"ש אנן דלא מתרחיש לן ניסא אי משום תנויי בשני דרב יהודה כולי תנויי בנזיקין הוה ואנן קא מתנינן שיתא סדרי. וכי הוה מטי רב יהודה בעוקצין האשה שכובשת ירק בקדרה ואמרי לה זיתים שכבשן בטרפיהן טהורין אמר הויות דרב ושמואל קא חזינא הכא ואנן קא מתנינן בעוקצין תליסר מתיבתא ואלו רב יהודה כי שליף חד מסאנא אתא מיטרא ואנן קא מצערינן נפשין ומצווח קא צווחינן ולית דמשגח בן. אמר ליה קמאי הוו קא מסרי נפשייהו אקדושת השם אנן לא מסרינן נפשין אקדושת השם כי הא דרב אדא בר אהבה חזייה להההיא כותית דהות לבישת כרבלתא בשוקא סבר דבת ישראל היא קם קרעיה מינה אגלאי מלתא דכותית היא שיימוה בד' מאה זוזי אמר לה מה שמך (אמרה ליה) מתון אמר לה מתון מתון ד' מאה זוזי שויא:

ז רב גידל הוה רגיל דהוה אזיל ויתיב בשערי טבילה אמר להו הכי טבילו והכי טבילו. אמרו

חשובה נגד ה': בנזיקין הוה. לא היו רגילין בכל גמרא של ד' סדרים אלא בהלכות נזיקין בבי שגנו: האשה שכובשת ירק כו'. במסכת עוקצין: טהורים. יש שמוסקין זיתים עם העלים כדי לאוחזן בהם והוו להו עלין יד לזיתים להביא להם טומאה ואם כבשן עם טרפיהן בחומץ בטלה תורת יד כו': הויות דרב שמואל וכו'. כלומר שעם מציאות הגמ' קשה עלי ככל הקושיות שהיו ב' רבותי מקשים בהן בכל הגמרא: בתליסר מתיבתא. בי"ג פנים יש בינינו משנה וברייתא של ששה סדרים ומסכת עוקצין גם היא בי"ג פנים כגון משנת רבי ור' חייא ומשנת בר קפרא ולוי והא דבי שמואל כו'. (וכתבו בתוספות י"מ י"ג ישיבות יש בנו בבקיאין ותליסר לאו דוקא אלא לשון הרגיל בגמרא כמו תליסר זוזי פשיטי ע"כ): כרבלתא. שם לבוש חשוב כמו (דניאל ג) פטשיהון וכרבלתהון: מתון מתון. לשון מאתן ארבע מאות ב' פעמים ר' הוו ת' כלומר כסא גרס לי. לשון אחר מתון מתון לשון המתנה לא כמתנסי הויתי משתכר ת' זוזי:

מענטשין וואס זענען געוועזן פאר אונז פלעגט זיך טרעפען נסים. אונ פאר וואס אונז טרעפט זיך ניט קיין נסים. אויב דורך דעם לערנען. ווייל זיי האבען געלערנט מעהר וויא מיר לערנען. פארקערט מיר לערנען מעהר. ווארום אין די יאהרען פון רב יהודה איז דאס גאנצע לערנען נאר געוועזן אין דעם סדר נזיקין. אונ מיר לערנען זעקס סדרים. אונ אז רב יהודה הט געלערנט דיא מסכת עוקצין דיא משנה דאשה הט איין געלייגט ירקות וקרויט אונגעקעקעט אין אטאפ. אונ אנדערע זאגען אז רב יהודה האט געלערנט דיא משנה אייל בירטען אז מען הט זיי איין געלייגט אין עסיג מיט די בלעטער זענען זייא טהור. האט רב יהודה געזאגט דיא קשיות פון רב אונ שמואל זעה איך דא. דס הייסט עס איז מיר שווער צו וויסען דעם פשט פון די צוויי משנות. אזוי וויא שווער עס זענען צו פארענטפערין די קשיות פון רב אונ שמואל וואס זיי האבען געפרעגט אין גאנץ ש"ס. אונ מיר לערנען אין עוקצין דרייצעהן ישיבות. דאס הייסט אין דרייצעהן בתי מדרשים (אונ נאך מעהר) לערנט מען דיא מסכת עוקצין אונ זיא איז אונז גאר ניט שווער. אונ אז רב יהודה האט נאר אויס געטאהן איין שוך פון פוס (ער האט נאר אביסעל צער געהאט) איז שוין גיגאנגען רעגען. אונ מיר זענען אונז שטארק מצער אונ מיר שרייען אונ בעטין אונ אויף אונז קוקט מען גאר ניט. הט אביי געזאגט צו רב פפא די ערשטע מענטשין וואס זענען געוועזן פאר אונז פלעגין זיך מוסר נפש זיין (זייא פלעגין זיך לאזען הרגנען) אויף דיא היילינגקייט פון גאט. מיר זענען זיך ניט מוסר נפש אויף דיא היילינגקייט פון גאט, אזוי וויא רב אדא בר אהבה האט געזעהן אגויה גייט אין ארויטע קלייד אין גאס. האט רב אדא גימיינט אז דס איז אידישע אשה. הט ער פון איר אראפ געריסען דיא קלייד. דער נאך איז דיא זאך דער וואוסט געווארען אז דאס איז אגויה. האט מען גישאצט די קלייד פאר פיר הונדערט גילדען. הט רב אדא געזאגט צו דיא גויה ווי איז דיין נאמען. הט די גויה געזאגט צו רב אדא איך היים מתון. הט רב אדא געזאגט צו דיא גויה צוויי מאהל מתון איז פיר הונדערט. מתון איז טייטש צוויי הונדערט. אונ מתון איז דער טייטש ווארטען ווען איך וואלט גיווארט וואלט איך ניט גידארפט בצאהלען פיר הונדערט גילדין:

ז רב גידל איז געוועזן גיוואוהנט ער פלעגט זיצען אין טויער ווא די ווייבער גייען ארייא אין מקוה זיך טובל זיין. אונ ער פלעגט זיי לערנען וויא אזוי זייא זאלין זיך טובל זיין.

אמרו ליה רבנן לא מסתפי מר מיצר הרע אמר להו דמיין באפי כי קאקי היוורי. רבי יוחנן הוה רגיל דהוה אזיל ויתיב בשערי טבילה אמר כי סלקן ואתיין בנות ישראל מן נהרא ליסתכלן בי דלהוי להו זרעא שפירי כוותי אמרו ליה רבנן לא מסתפי מר מעינא בישא אמר להו אנא מזרעא דיוסף קא אתינא דלא שלטא ביה עינא בישא דכתיב (בראשית מט) בן פורת יוסף בן פורת עלי עין ואמר רבי אבהו אל תקרי עלי עין אלא עולי עין רבי (יוסי בר) חנינא אמר מהכא (שם מח) וידגו לרוב בקרב הארץ מה דגים שבים מים מכסין אותן ואין העין שולטת בהם אף זרעו של יוסף אין העין שולטת בהם ואי בעית אימא עלי עין עין שלא רצתה ליזון ממה שאינו שלו אין עין הרע שולטת בו:

קאקי היוורי: אווזין לבנים: רבי יוחנן. אדם יפה הלר מאד כיה כדאמרינן בהפועלים: עולי עין. מסולקין מן העין שאינה שולטת בהם: שלא רצתה ליזון. וליהנות מאשת אדוניו:

(ע"ב) ז דרש רב עוירא זימנין אמר לה משמיה דרבי אמי וזימנין אמר לה משמיה דרבי אסי אמרו מלאכי השרת לפני הקב"ה רבונו של עולם כתוב בתורתך (דברים י) אשר לא ישא פנים ולא יקח שוחד. והלא אתה נושא פנים לישראל דכתיב (במדבר ו) ישא ה' פניו אליך אמר להם ולא אשא פנים לישראל שכתבתי להם (דברים ח) ואכלת ושבעת

האבען דיא רבנן געזאגט צו רב גידל האסטו ניט מורא פאר דעם יצר הרע. האט רב גידל געזאגט צו דיא רבנן זייא זעהן אויס ביי מיר אזוי וויא ווייסע גענז. רבי יוחנן איז געוועזן געוואוהנט ער פלעגט זיצען אין דיא טויערין וואו ווייבער גייען זיך טובל זיין. ער האט געזאגט אז דיא יודישע טעכטער וועלען ארויס גיין פון דער טבילה זאלען זייא זיך איין קוקען אויף מיר וועלען זייא האבען אזעלכע שיינע קינדער וויא איך בין. האבען דיא רבנן געזאגט צוא רבי יוחנן האסטו ניט מורא פאר איין עין הרע. האט רבי יוחנן געזאגט צוא דיא רבנן איך בין געבאהרין פון דיא קינדער פון יוסף. און אויף זייא געוועלטיגט ניט איין עין הרע. ווארום עס שטייט אין פסוק בן פורת יוסף בן פורת עלי עין אזוהן פון חן איז יוסף. ער איז אזוהן פון חן. ער איז אויף דעם אויג. האט רבי אבהו געזאגט אל תקרי עלי עין זאלסט ניט לייענען אויף דעם אויג אלא עולי עין נאר זאלסט לייענען זייא זענען אפ געטאהן פון דיא אויג. ניששט דיא שלעכטע אויג (עין הרע) געוועלטיגט אויף זייא. נאר זייא געוועלטיגען אויף דיא אויג צו מבטל זיין איהר. רבי יוסי בר חנינא זאגט פון דאנען ווייסען מיר אז אין דיא קינדער פון יוסף געוועלטיגט ניט קיין עין הרע. עס שטייט אין פסוק זייא זאלען זיך ווידמען אין דעם לאנד אזוי פיל וויא פיש. אזוי וויא דיא פיש וואס אין ים די וואסער דעקין זיי צו און די אויג געוועלטיגט ניט אויף זייא. אזוי דיא קינדער פון יוסף געוועלטיגט ניט אין זייא דיא שלעכטע אויג. און אויב דוא ווילסט וועל איך דיר זאגין עלי עין איז טייטש וועגין דיא אויג. דיא אויג וואס האט ניט געוואלט הנאה האבען און געשפייזט ווערין פון וואס ניט זיין איז. ער האט ניט געוואלט קוקין אויף די ווייב פון פוטיפר. האט ער זוכה געוועזן אז אשלעכטע אויג זאל ניט געוועלטיגען אויף איהם:

ז דרש. רב עוירא האט גידרשת אמאהל האט ער געזאגט די זאך פון רבי אמים וועגין און אמאהל האט ער געזאגט דיא זאך פון רבי אסים וועגין. דיא מלאכים האבען געזאגט פר גאט. רבונו של עולם עס שטייט אין דיין תורה אז גאט חנפת ניט קיין מענטש און גאט טראגט ניט זיין פנים צו איין מענטש מער ווי צו דעם אנדערין. און ער נעמט ניט קיין זאך ביי קיין מענטש ער זאל איהם פאר גרינגערין זיין משפט. דוא טראגסט דאך דיין פנים צו דיא יודען מעהר וויא צוא אלע עובדי גילולים. נארום עס שטייט אין פסוק גאט זאל טראגען זיין פנים צו דיר. האט גאט געזאגט צו דיא מלאכים זאל איך דען ניט טראגען מיין פנים צו דיא יודען מעהר וויא צו אלע עולם. איך האב געשריבען אין דיא תורה צו דיא יודען אז דוא

זשבעת וברכת והם דקדקו על עצמם עד כזית ועד כביצה :

(דף כא) **ח אמר** רב יהודה מנין לברכת המזון לאחריה מן התורה שנאמר (דברים ח) ואכלת זשבעת וברכת מנין לברכת התורה לפניה מן התורה שנאמר (שם לב) כי שם ה׳ אקרא הבו גדל לאלהינו :

עד כזית ועד כביצה. כזית לרבי מאיר וכביצה לרבי יהודה דתנן עד כמה מזמנין רבי מאיר אומר עד כזית ורבי יהודה אומר עד כביצה ע"כ: כי שם ה׳ אקרא הבו גודל לאלהינו. כשאני משה לפתוח בדברי שירה א"ל לישראל אני אברך תחלה ואתם ענו אחרי אמן כי שם ה׳ אקרא בברכה אתם הבו גודל לאלהינו באמן הכי מפרשי לה במס׳ יומא :

(ע"ב) **ט אמר** רב אדא בר אהבה מנין שאין היחיד אומר קדושה שנאמר (ויקרא כב) ונקדשתי בתוך בני ישראל כל דבר שבקדושה לא יהא בפחות מעשרה מנא הני מילי דתנא רבינא (רבינאי) אחוה דרבי חייא בר אבא אתיא תוך תוך כתיב הכא ונקדשתי בתוך בני ישראל וכתיב התם (במדבר ז) הבדלו מתוך העדה מה להלן עשרה אף כאן עשרה :

(דף כב) **י תניא** רבי יהודה בן בתירה אומר אין דברי תורה מקבלין טומאה. מעשה בתלמיד אחד שהיה מגמגם וקורא למעלה מרבי יהודה בן בתירא אמר ליה בני פתח פיך ויאירו דבריך שאין דברי תורה מקבלין טומאה שנא׳ (ירמיה כג) הלא

וועסט עסין אונ ווערסט זאט זיין זאלסטו בענטשין. אונ זייא בשווערין נאך אויף זיך זייא עסין נאר אשטיקול ברויט גרויס וויא אאייל בירט. אדער גרויס וויא איין איי בענטשין זיי אונ לויבען גאט. דריבער זענען זייא ביי מיר ליבער וויא אלע עובדי גילולים :

ח אמר. רב יהודה האט געזאגט ווא שטייט אין דער תורה אז מען דארף בענטשין נאך דעם עסין. ווארום דער פסוק זאגט אז דוא ווערסט עסין אונ זאט זיין זאלסטו בענטשין. ווא שטייט אין דיא תורה אז מען דארף מאכען אברכה אויף דיא תורה איידער מען הייבט אן צו לערנען. ווארום דער פסוק זאגט משה רבינו האט געזאגט צו דיא יודען איידער איך וועל אנהייבען לערנען תורה וועל איך רופען דעם נאמען פון גאט מיט אברכה אונ איהר זאלט געבין גרויסקייט צו גאט; אונ איהר זאלט ענפערין אמן :

ט אמר. רב אדא בר אהבה האט געזאגט פון וואנען ווייסען מיר אז איין מענטש טאר ניט זאגין קדושה. ווארום דער פסוק זאגט איך וועל געהייליגט ווערין צווישען די קינדער ישראל. שטייט ניט בין ישראל איין יוד. נאר עס שטייט בני ישראל פיל יודען. אלע הייליגע זאכען זאל ניט זיין ביי ווייניגער וויא צעהן מענטשין. פון וואנען ווייסען מיר דיא רייד אז עס מוז זיין צעהן. טאמער איז גינוג ווייניגער וויא צעהן. ענפערט דיא גמרא ווארום דער ברודער פון רבי חייא בר אבא האט גילערנט איך לערין אפ אייןווארט תוך. פון דעם אנדערין ווארט תוך. דא שטייט ונקדשתי בתוך בני ישראל. איך וועל געהייליגט ווערין בתוך צווישען דיא יודען; אונ דארטין ביי דער מעשה פון קרח שטייט הבדלו מתוך העדה, איהר זאלט אייך אפ שיידען מתוך פון די מענטשין וואס דא שטייען. אזוי ווי דארט איז דאך ניט גיוועזן ווייניגער ווי צעהן. ווארום עס שטייט העדה. אונ צעהן מענטשין ווערין גירופען עדה. אזוי וויא עס שטייט ביי די מרגלים לעדה הרעה אונ דיא שלעכטע מרגלים זענען גיוועזן צעהן אויסער יהושע אונ כלב נאר פיל מעהר. אזוי דא צו הייליגען גאט זאל אויך ניט זיין ווייניגער וויא צעהן. נאר פון צעהן אונ מעהר :

י תניא. מיר האבען גילערנט. רבי יהודה בן בתירא זאגט דיא רייד פון דיא תורה ווערט ניט טמא. אז די מויל פון מענטש איז טמא אונ ער רעט מיט דעם מויל תורה. דיא ווערטער וואס גייען ארויס פון מויל ווערין ניט טמא פון דעם מויל. עס האט גיטראפען אתלמיד איז גיזעסין פאר רבי יהודה בן בתירא; אונ דער תלמיד איז גיוועזן טמא. אונ ער האט גישטאמעלט אונ גילייענט קריאת שמע; וויל ער איז גיוועזן טמא האט ער ניט גיוואלט גוט ארויס ריידען

הלא כה דברי כאש נאם ה' מה אש אינה מקבלת טומאה אף דברי תורה אין מקבלים טומאה:

(דף כג) **יא אמר** רבי שמואל בר נחמני אמר רבי יונתן מאי דכתיב (קהלת ד) שמור רגלך כאשר תלך אל בית האלהים וקרוב לשמוע מתת הכסילים זבח כי אינם יודעים לעשות רע. שמור רגלך כאשר תלך אל בית האלהים שמור עצמך שלא תחטא ואם תחטא הביא קרבן לפני. וקרוב לשמוע מתת הכסילים זבח. אמר רבא הוי קרוב לשמוע דברי חכמים שאם חוטאים מביאין קרבן ועושין תשובה ואל תהי ככסילים שחוטאין ומביאים קרבן ואין עושין תשובה כי אינם יודעים לעשות רע אי הכי צדיקים נינהו. אלא אל תהי ככסילים שחוטאין ומביאין קרבן ואינם יודעים אם על טובה הם מביאים או על רעה הם מביאים. אמר הקב"ה בין טוב לרע אינן מבחינין קרבן מביאים לפני (אמר) רב אסי (אשי) ואיתימא רבי חנינא בר פפא (אמר) שמור נקביך בשעה שאתה עומד בתפלה לפני:

(דף כד) **יב אמר** רבי יצחק טפח באשה ערוה למאי אילימא לאיסתכולי בה והא אמר רב ששת למה מנה הכתוב תכשיטין שבחוץ עם תכשיטין שבפנים לומר

פירוש

ונכנס וקרא. בעל קרי היה: שמור עצמך שלא תחטא. ותשמור רגליך ללכת אל בית האלהים להביא חטאת: הוי קרוב ושמע. תשובה בהבאת קרבניך מתת אותו הכסילים שלא תשובה: שמור נקביך. כבן רגליך כמו להסך את רגליו שמור נקביך שלא תפיח ע"כ: לאסתכולי בה. אם אשת איש: תכשיטים שבפנים. כומז דפוס של בית הרחם שהיו עושין לבנותיהם ונוקבין כוהני בית הרחם כדרך שנוקבין

די ווערטער פון קריאת שמע. ער זאל זיי ניט מטמא זיין. האט רבי יהודה בן בתירה גיזאגט צו דעם תלמיד מיין זוהן עפין אויף דיין מויל אונ דיינע רייד זאלען לייכטען. זאלסט גוט ארויס רייזען די ווערטער ווארום דיא ווערטער פון דיא תורה ווערין ניט טמא פון דיין מויל אזוי וויא דער פסוק זאגט מיינע רייד ווענען אזוי וויא פייער זאגט גאט. אזוי וויא פייער ווערט ניט טמא אזוי די רייד פון דער תורה ווערט אויך ניט טמא:

יא אמר. רבי שמואל בר נחמני האט גיזאגט פון רבי יונתם וועגין וואס מיינט דער פסוק היט דיינע פיס אז דוא ווערסט גיין אין די שטוב פון גאט. עס איז נאנט צוא הערין בער ווי די נארין ברייננגען קרבנות ווייל זיי ווייסען ניט צו טאן שלעכטס. זאגט דיא גמרא אזוי מיינט דער פסוק היט דיינע פיס; זאלסט דיך היטען דוא זאלסט ניט זינדיגען. ווארום דו וועסט דארפען גיין אין די שטוב פון גאט. אין בית המקדש. ווארום אז דוא וועסט זינדיגען וועסטו דארפען ברייננגען אקרבן פאר מיר. זיי נאנט צו הערין. האט רבא גיזאגט אזוי מיינט מען זיי נאנט צו הערין די רייד פון די חכמים; אויב זייא זינדיגען ברייננגען זייא אקרבן אונ טוהען תשובה. אבער ניט וויא די נארין וואס זיי זינדיגען אונ ברייננגען אקרבן אונ טוהען ניט קיין תשובה. ווארום זיי ווייסען ניט צו טאהן שלעכטס. פרעגט די גמרא אויב זייא ווייסען ניט צו טאהן שלעכטס זענען זיי דאך צדיקים. נאר אזוי מיינט דער פסוק זאלסט ניט זיין אזוי ווי די נארין וואס זיי זינדיגען אונ ברייננגען אקרבן אונ זיי ווייסען ניט אויב זיי ברייננגען דעם קרבן אויף אגוטע זאך. אזוי ווי דאס וואלט גיוועזען אקרבן שלמים. אדער זיי ברייננגען דעם קרבן אויף אשלעכטע זאך אויף די עבירות וואס זיי האבען גיטאהן. אחטאת אדער אאשם. האט גאט גיזאגט זיי פארשטייען ניט וואס גוט אונ שלעכטס איז. וואס אעבירה איז אונ וואס אמצוה איז. אונ זיי ברייננגען אקרבן פאר מיר. רבי אסי זאגט. אונ אנדערע זאגין רבי חנינא בר פפא זאגט: וואס עס שטייט אין פסוק שמור רגלך כאשר תלך אל בית האלהים. מיינט מען היט דיינע לעכר ווס צווישען די פיס עס זאל ניט ארויס גיין פון זיי קיין שלעכטער ריח. ווען דוא דאווענסט פאר מיר:

יב אמר. רבי יצחק האט גיזאגט אשטיקול לייב פון אאשה גרויס וויא אטפח; הייסט ערוה. פרעגט דיא גמרא צו וואס איז דאס אערוה. זאל מען זאגין צום קוקין אויף איהר,

לומר לך כל המסתכל באצבע קטנה של אשה כאלו מסתכל במקום התורף אלא באשתו ולקריאת שמע אמר רב חסדא שוק באשה ערוה שנאמר (ישעיה מז) גלי שוק עברי נהרות וכתיב (שם) תגל ערותך גם תראה חרפתך . אמר שמואל קול באשה ערוה שנאמר (שיר ב) כי קולך ערב ומראיך נאוה . אמר רב ששת שער באשה ערוה שנאמר (שם ד) שערך כעדר העזים :

יג **התולה** תפליו יתלו לו חייו . דורשי המורות אמרו (דברים כח) והיו חייך תלואים לך מנגד זה התולה תפליו :

(ס"ג) יד **רבי** אבא הוה קא משתמיט מיניה דרב יהודה דהיה בעי למיסק לארץ ישראל דאמר רב יהודה כל העולה מבבל לארץ ישראל עובר בעשה שיאמר בבלה

אלא הזונים ומזמנין אותו כדי שלא יזדקק לה לזכרים : עם הכשיטין שבחוץ . אצעדה וצמיד וכו' הביאו אותם על כפרת הרהור עבירה שנסתכלו בבנות מדין : לאשתו ולק"ש . אם טפח מגולה בה לא יקרא ק"ש כנגדה : שוק באשה ערוה . באשת איש להסתכל וכן באשתו לק"ש : גלי שוק . וכתיב בתריה תגל ערותך : קולך ערב . מדמשבח לה קרא בגוה שמע מינה תאוה היא :

התולה תפליו . ביתד יתלו חייו : דורשי רשומות קשרים ורשומים הכלולים בתורה . דורשי המורות גרסינן והיא היא : זה התולה תפליו . שהתורה חייו של אדם ורמז לך הכתוב שיתלו חייו : מישתמיט מיניה . לא היה נראה אליו לפי שהיה רבי אבא חפץ לעלות לא"י ורב יהודה

מען טאר ניט קוקען אויף דיא לייב פון אַאשה . רב ששת האט דאך געזאגט פאר וואס ציילט דער פסוק די אויסווייניגסטע צירונג וואס אַאשה גייט אויף די פינגער און אויף די אָרעמס . צו זאמען מיט די אינווייניגסטע צירונג וואס אַאשה גייט אויף די ערוה . צו זאגען דיר דער דאס קוקט אויף דעם קליינעם פינגער פון אַאשה . איז גלייך ווי ער וואלט געקוקט אויף דיא ערוה פון אַאשה . איז דאך אַקשיא צוא וואס זאגט רבי יצחק אז מען טאר ניט קוקען אויף די לייב פון אַאשה גרויס ווי אַטפח . אפילו אויף דעם קליינעם פינגער פון אַאשה טאר מען דאך אויך ניט קוקען . נאר רבי יצחק מיינט אז דאס לייב פון זיין ווייב איז אפ געדעקט אַטפח טאר ניט דער מאן לייענען קריאת שמע קעגין איהר . האט רב חסדא געזאגט די פוס פון אַאשה איז אַערוה (דאס הייסט פון די קניא ביז צום בויך) אזוי ווי דער פסוק זאגט דעק אויף די פיס דיינע און גיי אַריבער דעם טייך . און עס שטייט ווייטער עס וועט אויף גידעקט ווערין דיין ערוה און דיין שאנד וועט געזעהן ווערין . רופט דער פסוק דעם שוק ערוה . שמואל האט געזאגט דאס געזאנג פון אַאשה איז אַערוה . ווארום דער פסוק זאגט דיין שטימע איז זיס און דיין געשטאלט איז שיין . און אז דער פסוק לויבט די אשה זי האט אַזיסע שטימע זעהט מען אז געזאנג פון אַאשה דער וועקט אין אַמענטשין אַתאוה צו זנות . האט רב ששת געזאגט די האר פון אַאשה איז אַערוה . ווארום דער פסוק זאגט דיינע האר איז ווי די האר פון די ציגען וואס זענען אויף דעם בארג גלעד . די ציגען פון דארט האבען זייער שיינע האר . און אז דער פסוק לויבט די אשה מיט שיינע האר . זעהט מען אז שיינע האר פון אַאשה דער וועקט אין אַמענטשין אַתאוה צו זנות :

התולה . דער וואס הייגט אויף זיינע תפלין וועט זיין לעבין אויך הייגען . די וואס דרשנען די סודות פון די פסוקים האבען געזאגט . עס שטייט אין פסוק דיין לעבין וועט הייגען פון קעגין דיר . דאס הייסט פון ווייטונג . דיין לעבין וועט ניט זיין אין דיין האנט נאר ביא פרעמדע אין דיא הענט . דאס איז דער שטראף פון דעם וואס הייגט אויף זיינע תפלין . נאר אז דיא תפלין ליגען אין אַבייטיל מעג מען אויף הייגען די בייטיל ווען אפילו די תפלין ליגען אינווייניג (ועיין בש"ע) :

יד רבי אבא האט זיך בעהאלטין פון רב יהודה . רב יהודה זאל איהם ניט זעהן ווארום רבי אבא האט געוואלט אויף גיין אין ארץ ישראל . און רב יהודה האט איהם ניט געלאזען . ווארום רב יהודה האט געזאגט ווער עס גייט אויף פון בבל אין ארץ ישראל איז ער עובר אויף איין מצוה . ווארום דער פסוק זאגט דיא וועלין געבראכט ווערין אין בבל און דארטין זאלין זיא

(ירמיה כז) בבלה יובאו ושמה יהיו עד יום פקדי אותם נאם ה'. אמר איזיל ואשמע מיניה מילתא ואתי אזל אשכחיה להנא דקתני קמיה דרב יהודה היה עומד בתפלה ונתעטש ממתין עד שיכלה הריח וחוזר ומתפלל איכא דאמרי היה עומד בתפלה ובקש להתעטש מרחיק לאחריו ארבע אמות ומתעטש וממתין עד שיכלה הריח וחוזר ומתפלל ואומר רבש"ע יצרתנו נקבים נקבים חלולים חלולים גלוי וידוע לפניך חרפתנו וכלימתנו בחיינו ובאחריתנו רמה ותולעה ומתחיל ממקום שפסק א"ל אילו לא באתי אלא לשמוע דבר זה דיי:

אמר לו לפיכך לא היה נכנס לב"ה : ואשמע מיניה מילתא. מבהון מבית המדרש : ונתעטש. מלמטה : עד שיכלה הריח. מגופו כמודף מאוירו ריח. וחוזר לתפלה למקום שפסק : ואומר. בתוך התפלה היא מופסקת ועומדת כבר על ידי הרוח לפיכך יכול להפסיק נמי ולומר דבר זה באמצעו : בחבלי השוא. בחבלים שאינם חזקים אלא נוחים לנתק כך מושכין העון על עצמם אף זה על

תניא כוותיה דרב חסדא היה מהלך במבואות המטונפות לא יקרא ק"ש ולא עוד אלא שאם היה קורא ובא פוסק. לא פסק מאי אמר רבי מיאשה בר בריה דרבי יהושע בן לוי עליו הכתוב אומר (יחזקאל כ) וגם אני נתתי להם חקים לא טובים ומשפטים בל יחיו בהם. רבי אסי אמר (ישעיה ה) הוי מושכי העון בחבלי השוא רב אדא בר אהבה אמר מהכא (במדבר טו) כי דבר ה' בזה. ואם פסק מה שכרו א"ר אבהו

ווארטען אין בבל ביז מען וועט זיי היסען גיין אין ארץ ישראל. האט רבי אבא געזאגט איך וועל גיין צום בית המדרש פון אוים ווייניג אונ איך וועל הערין וואס רב יהודה לערונט איצט אין בית המדרש. אונ דער נאך וועל איך גיין אין ארץ ישראל. איז רבי אבא גיגאנגען צום בית המדרש האט ער גיטראפען אתנא האט גילערונט פר רב יהודה אויב ער איז גישטאנען אונ גידאווינט שמונה עשרה אונ ער האט אבראז גיבאהן אלופט פון אינטען זאל ער ווארטען ביז דער לופט וועט אוועק גיין אונ ער זאל ווייטער דאווענען. אנדערע זאגען ער איז גישטאנען אונ גידאווינט אונ ער ווייס אז ער וועט באלד אבלאז טאהן לופטען פון אינטען. זאל ער זיך דער ווייטערין פון דעם ארט וואס ער דאווינט אינטער זיך ביז פיר איילין אונ בלאזט ארוים פון זיך די לופטען אונ ער ווארט ביז דער שלעכטער ריח גייט אוועק אונ ער גייט צוריק אויף זיין ארט אונ דאווינט אונ ער זאגט. רבונו של עולם דו האסט אונז בשאפען מיט לעכער אונ גלידער אויס גיהויליטע עס איז בעוואוסט פאר דיר אונזער שאנד וואס מיר האבען ביי אונזער לעבין אונ אין אונזער סוף אז מיר וועלען שטארבען עסין אונז די ווערים. אונ ער הייבט אן צו דאווענען ווייטער וואו ער האט אויס גילאזט. האט רבי אבא געזאגט צו דעם תנא ווען איך וואלט ניט מעהר גיקומען גאר צו הערין די זאך וואלט מיר גענוג גיוועזן:

תניא. מיר האבען גילערונט אזוי וויא רב חסדא זאגט אז ער איז גיגאנגען אין די גאסען וואס אין זייא איז דא צואה זאל ער ניט לייענען קריאת שמע ווען ער גייט אין גאס. נאך מעהר אויב ער האט גילייענט קריאת שמע איידער ער איז אריין גיקומען אין די גאס. וויא ער קומט אריין אין די גאס מוז ער אויפהערין. וואס איז אז ער האט ניט אויף גיהערט. רבי מיאשה דער אייניקל פון רבי יהושע בן לוי האט גזאגט אויף איהם זאגט דער פסוק איך האב גיגעבען צו זייא חקים וואס זענען ניט גוט. אונ משפטים וואס דורך די משפטים וועלען זייא ניט לעבין. אז זייא וועלען ניט היטען די חקים אונ די משפטים אזוי וויא איך האב גיבאטען. וועלין זייא נאך גישטראפט דורך זייא. רבי אסי זאגט ישעיה הנביא האט גזאגט ווי זייא ציהען אויף זיך די עבירות מיט אפאלשען שטריקול. דאס הייסט דורך אקליינע זאך ציהען זייא אויף זיך די עבירות. ווייל זייא האבען ניט גנעהמט דער ארט זאל זיין ריין. רב אדא בר אהבה זאגט פון דאנען טייטשען מיר דעם עונש אויף די עבירה ער האט פאר שעמט די רייד פון גאט. ער האט זייא גירעדט אין אמיאוסען ארט. אונ אז

אבהו עליו הכתוב אומר (דברים לב) ובדבר הזה תאריכו ימים : יד י דבור בעלמא ה׳ ה׳ נענם : ובדבר הזה. בשביל דבור זה שנזכרתם עליו תאריכו ימים :

תפלת השחר פרק רביעי

(מ״כ) **א איתמר** רבי יוסי ברבי חנינא אמר תפלות אבות תקנום רבי יהושע בן לוי אמר תפלות כנגד תמידים תקנום תניא כוותיה דרבי יוסי ברבי חנינא ותניא כוותיה דרבי יהושע בן לוי תניא כוותיה דרבי יוסי ברבי חנינא אברהם תקן תפלת שחרית שנאמר (בראשית יט) וישכם אברהם בבקר אל המקום אשר עמד שם את פני ה׳ ואין עמידה אלא תפלה שנאמר (תהלים קו) ויעמוד פינחס ויפלל (ותעצר המגפה) יצחק תקן תפלת המנחה שנאמר (בראשית כד) ויצא יצחק לשוח בשדה לפנות ערב ואין שיחה אלא תפלה שנאמר (תהלים קב) תפלה לעני כי יעטוף ולפני ה׳ ישפוך שיחו יעקב תקן תפלת ערבית שנאמר (בראשית כח) ויפגע במקום וילן שם (כי בא השמש) ואין פגיעה אלא תפלה שנאמר (ירמיה ז) ואל תשא בעדם רנה ותפלה ואל תפגע בי. תניא כוותיה דרבי יהושע בן

ער האט אויף גיהערט צוא לייענען קריאת שמע ווען ער איז גיקומען צוא דעם מיאוסען ארט. ווס וועט זיין דער שכר זיינער. הט רבי אבהו גזאגט אויף אים זאגט דער פסוק פאר דער זאך וועט איר לאנג לעבין ;

פרק רביעי

א איתמר. מיר האבען גילערונט רבי יוסי ברבי חנינא זאגט די אבות אברהם יצחק אונ יעקב האבען גימאכט אתקנה מען זאל דאוונען דריי מאהל אין טאג. רבי יהושע בן לוי זאגט דיא תפלות האט מען גיהייסען דאוונען ווייל מען איז ניט מקריב דעם תמיד פון דער פריא אונ ניט דעם תמיד פון פארין נאכט. זאל זיין דיא תפלה פון דער פריא פאר דעם תמיד פון דער פריא. אונ די תפלה פארין נאכט פאר דעם תמיד פון פארין נאכט. מיר האבען גילערונט אזוי וויא רבי יוסי ברבי חנינא זאגט אונ מיר האבען גילערונט אזוי וויא רבי יהושע בן לוי זאגט. מיר האבען גילערונט אזוי וויא רבי יוסי בר חנינא זאגט. אברהם אבינו האט מתקן גיווען מען זאל דאוונען שחרית. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אברהם איז אויף גישטאנען פריא. אונ ער איז גיגאנגען צו דעם ארט וואס ער איז דארט גישטאנען פאר גאט: ער איז גישטאנען מיינט מען ער הט תפלה גיטאהן. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק פינחס איז גישטאנען אונ הט תפלה גיטאהן. שטייט דאך ביי תפלה דער ווארט שטיין. אזוי בייא אברהם שטייט אויך דער ווארט שטיין. מיינט מען ער איז גישטאנען אונ הט תפלה גיטאן. יצחק אבינו הט מתקן גיווען מען זאל דאוונען מנחה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק יצחק איז גיגאנגען אין פעלד פארין נאכט לשוח אונ שיחה איז טייטש תפלה. אזוי וויא עס שטייט די תפלה איז צו איין ארעם מאן אז ער איז ארום געוויקוקט מיט צרות ולפני ה׳ ישפוך שיחו אונ פר גאט טוהט ער פר גיסען זיינע תפלות. אזוי וויא שיחו איז טייטש תפלה. אזוי לשוח איז אויך טייטש תפלה. הט יצחק גידאוונט מנחה פארין נאכט: יעקב הט מתקן גיווען מען זאל דאוונען מעריב. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ער האט דארט גינעכטיגט אונ ויפגע. פגיעה איז טייטש תפלה אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט האט גזאגט צו ירמיה הנביא דוא זאלסט ניט טראגען פון זייערט וועגין קיין גיזאנג אונ קיין גיבעט. ואל תפגע בי דוא זאלסט מיך ניט בעטין. האט יעקב גידאווינט מעריב אויף דעם ארט וואס ער האט גינעכטיגט. מיר האבען גילערונט אזוי וויא רבי יהושע בן לוי זאגט פאר וואס האט מען גזאגט אז שחרית מעג מען דאוונען ביז האלבען טאג. ווארום דער קרבן תמיד וואס מען איז מקריב אין דער פריא הט זיך

בן לוי מפני מה אמרו תפלת השחר עד חצות שהרי תמיד של שחר קרב והולך עד חצות ורבי יהודה אומר וכו׳ :

אחורי רבו . יתרא סוף : שלום לרבו . כשאר כל אדם ולא אמר שלום עליך רבי : בעלי תריסין . החכמים המנצחים זה את זה בהלכה :

(דף כז ע״ב) **ב תניא** רבי אליעזר אומר המתפלל אחורי רבו והנותן שלום לרבו והמחזיר שלום לרבו וההולך על ישיבתו של רבו והאומר דבר שלא שמע מפי רבו גורם לשכינה שתסתלק מישראל :

ג תנו רבנן מעשה בתלמיד אחד שבא לפני רבי יהושע אמר ליה רבי תפלת ערבית רשות או חובה אמר ליה רשות בא לפני רבן גמליאל אמר ליה תפלת ערבית רשות או חובה אמר ליה חובה אמר ליה והלא רבי יהושע אמר לי רשות. אמר ליה המתן עד שיכנסו בעלי תריסין לבית המדרש כיון שנכנסו בעלי תריסין לבית המדרש עמד השואל ושאל תפלת ערבית רשות או חובה אמר ליה ר״ג חובה. אמר להן רבן גמליאל לחכמים כלום יש אדם שחולק עלי בדבר זה. אמר ליה רבי יהושע לאו אמר ליה והלא משמך אמרו רשות א״ל יהושע עמוד על רגליך ויעידו בך עמד רבי יהושע על רגליו ואמר אלמלא

גיצווּנגען דאָס מַקְרִיב זיין בּיז האַלבּען טאָג . אוּנ דיא תְּפִלָּה שַׁחֲרִית איז געגען דעם תָּמִיד פוּן דער פְרִיא . אַזוֹי וויא דיא צייט פוּן תָּמִיד איז בּיז האַלבּען טאָג אַזוֹי דיא צייט פוּן שַׁחֲרִית דאַוונען איז אויך בּיז האַלבּען טאָג :

ב תַּנְיָא . מיר האָבּען גילערנט . רַבִּי אֱלִיעֶזֶר זאָגט דער וואָס שטייט שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה אינטער זיין רֶבִּי . אוּנ אַז ער גיט שָׁלוֹם צוּ זיין רֶבִּי אַזוֹי וויא ער גיט צוּ איין אַנדער מענטש . ער זאָגט ניט שָׁלוֹם עָלֶיךָ רֶבִּי פְּרִיד זאָל זיין אויף דיר מיין רֶבִּי . נאָר ער זאָגט שָׁלוֹם עָלֶיךָ פְּרִיד זאָל זיין אויף דיר : אָדער ער ענטפערט שָׁלוֹם צוּ זיין רֶבִּי אַזוֹי וויא צוּ איין אַנדער מענטש . אָדער ער קריגט אויף דעם בֵּית הַמִּדְרָשׁ פוּן זיין רֶבִּי וואָס ער זיצט דאָרט מיט זיינע תַּלְמִידִים אוּנ לערנט אָדער ער זאָגט אַזעלכע דִּינִים וואָס ער האָט זייא ניט גיהערט פוּן זיין רֶבִּי . דוּרךְ אים ווערט די שְׁכִינָה אָפּ גיטאָהן ווערין פוּן יוּדען :

ג תָּנוּ רַבָּנָן . דיא רַבָּנָן האָבּען גילערנט עס האָט גיטראָפען אַ תַּלְמִיד איז גיקומען פַר רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ . האָט דער תַּלְמִיד גיזאָגט צוּ רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ . רֶבִּי וויא איז דער דִין מען מוּז דאַוונען מַעֲרִיב . אָדער אַז מען וויל דאַווינט מען ניט . האָט רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ גיזאָגט צוּם תַּלְמִיד וויל מען וויל . אַז מען וויל דאַווינט מען מַעֲרִיב אוּנ אַז מען וויל ניט דאַווינט מען ניט . איז דער תַּלְמִיד גיקומען פאַר רַבָּן גַּמְלִיאֵל . האָט ער גיזאָגט צוּ רַבָּן גַּמְלִיאֵל וויא איז דער דין מען מוּז דאַוונען מַעֲרִיב . אָדער אַז מען וויל דאַווינט מען ניט . האָט רַבָּן גַּמְלִיאֵל גיזאָגט צוּם תַּלְמִיד מען מוּז דאַוונען מַעֲרִיב . האָט דער תַּלְמִיד גיזאָגט צוּ רַבָּן גַּמְלִיאֵל . רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ האָט דאָךְ מיר גיזאָגט אַז מַעֲרִיב דאַוונען איז וויא מען וויל . אַז מען וויל דאַווינט מען ניט . האָט רַבָּן גַּמְלִיאֵל גיזאָגט צוּם תַּלְמִיד וואַרט בּיז דיא חֲכָמִים וועלען קומען אין בֵּית הַמִּדְרָשׁ . אַז דיא חֲכָמִים זענען אַריין גיגאַנגען אין בֵּית הַמִּדְרָשׁ האָט זיךְ גישטעלט דער תַּלְמִיד וואָס האָט גיפרעגט . אוּנ האָט נאָךְ אַמאָהל גיפרעגט . וויא איז דער דין מען מוּז דאַוונען מַעֲרִיב . אָדער אַז מען וויל דאַווינט מען ניט . האָט רַבָּן גַּמְלִיאֵל גיזאָגט צוּ דעם תַּלְמִיד מען מוּז דאַוונען מַעֲרִיב האָט רַבָּן גַּמְלִיאֵל גיזאָגט צוּ דיא חֲכָמִים איז דאָ אַ מענטש וואָס קריגט אויף מיר אין דעם דין . האָט רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ גיזאָגט צוּ רַבָּן גַּמְלִיאֵל ניין . קיינער קריגט ניט אויף דיר אין דעם דין . האָט רַבָּן גַּמְלִיאֵל גיזאָגט צוּא רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ מען האָט דאָךְ מיר גיזאָגט פוּן דיינעט וועגין אַז דוּא זאָגסט אַז מַעֲרִיב דאַוונען איז וויא מען וויל . האָט רַבָּן גַּמְלִיאֵל גיזאָגט צוּא רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ . יְהוֹשֻׁעַ שטעל דיךְ אויף דיינע פִּיס אוּנ מען וועט אויף דיר עֵדוּת זאָגען אַז דוּא האָסט גיזאָגט מַעֲרִיב דאַוונען איז וויא מען וויל . האָט זיךְ רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ גישטעלט אויף זיינע פִּיס אוּנ האָט גיזאָגט ווען איךְ לעבּ אוּנ ער (דער תַּלְמִיד) זאָלט

אלמלא אני חי והוא מת יכול החי להכחיש את המת ועכשיו שאני חי והוא חי היאך יכול החי להכחיש את החי והיה ר"ג יושב ודורש ורבי יהושע עומד על רגליו עד שרננו כל העם ואמרו לחוצפית המתורגמן עמוד ועמד אמרו עד כמה ניצעריה וניזיל בראש השנה אשתקד צעריה (אתא) בבכורות במעשה דרבי צדוק צעריה הכא נמי קא מצער ליה כולי האי ליצעריה וליזיל. תא ונעבריה. כאן נוקים נוקמיה לרבי יהושע הוה ליה בעל דבר. נוקמיה לרבי עקיבא. לית ליה זכות אבות ועניש ליה. אלא ניקמיה לרבי אלעזר בן עזריה דהוא חכם והוא עשיר והוא עשירי לעזרא. הוא חכם דאי קשי ליה מפרק ליה. הוא עשיר דאי מפלח לבי קיסר האי נמי כיצי מפלח כוותיה. והוא עשירי לעזרא דאית ליה זכות אבות ולא מצי עניש ליה. אתו ואמרי ליה ניהא ליה למר למיהוי ריש מתיבתא אמר להם איזיל ואמליך באנשי ביתאי. אזל ואמליך בדביתהו אמרה ליה (דף כח) דלמא מעבירין לך (אמר לה מעלין בקדש ולא מורידין דלמא עניש לך) אמר לה אמרי אינשי לשתמיש יומא חדא בכסא דמוקרא ולמחר ליתבר אמרה

היך יכול החי להכחיש את החי. על כרחו אני צריך להודות שאמרתי לו רשות: המתורגמן. שהיה עומד לפני ר"ג ומשמיע לרבים את הדרשה מפי ר"ג: עמוד. שתוק: אשתקד. בראש השנה: כר"ה. במס' ר"ה שאמר לו גוזרני עליך שתבא אצלי במקלך ובמעותיך ביום שחל יום הכפורים להיות בחשבונך: בבכורות. במסכת בכורות (דף ל"ו) במעשה דרבי צדוק הוה ליה בוכרא ואמר לו רבן גמליאל לרבי יהושע עמוד על רגליך ויעידו בך כי הכא: תא ונעבריה. בואו ונעביר אותו מן הנשיאות: בעל דבר הוא. והויא ליה לרבן גמליאל צערא טפי: לית ליה זכות אבות. ודילמא עניש ליה ר"ג (וימות על ידו): מעבירין לך. יורידוך מן הנשיאות בשביל אחר. הכי גרסינן דילמא מעבירין לך אמר לה לישתמיש יומא חדא בכסא

געוועזן געשטארבען. וואלט א לעבעדיגער געקענט אפ לייקענען אטויטען. וואלט איך געקענט זאגען איך האב ניט אזוי געזאגט. איצט אז איך לעב אונ ער (דער תלמיד) לעבט וויא אזוי קען א לעבעדיגער אפ לייקענען א לעבעדיגען. וויא אזוי קען איך זאגען איך האב ניט געזאגט דער תלמיד וועט דאך מיר זאגען אין דיא אויגען איך האב יא געזאגט. רבן גמליאל איז געזעסען אונ גידרשעט אונ רבי יהושע איז געשטאנען אויף זיינע פיס. ביז דאס גאנצע פאלק האבען אן גיהויבען צו שרייען אונ זייא האבען געזאגט צו חוצפית וואס ער האט איבער געזאגט די דרשה פון רבן גמליאל פאר דעם גאנצען פאלק. שטיי. שטיי. שווייג. האט ער געשוויגען. הט דאס פאלק געזאגט ביז וויא לאנג וועט מען מצער זיין רבי יהושע. אין דער מסכת ראש השנה שטייט פאר איאהרען יום כפור האט רבן גמליאל מצער געוועזן צו רבי יהושע. אין דער מסכת בכורות שטייט ביי דער מעשה פון רבי צדוק האט רבן גמליאל מצער געוועזן צו רבי יהושע. דא זאל מען איהם אויך מצער זיין. אזוי פיל זאל מען איהם מצער זיין. קומט מיר וועלען רבן גמליאל אראפ ווארפען פון דיא נשיאות. ער זאל ניט זיין קיין נשיא. וועמען זאלען מיר אויף שטעלען ער זאל זיין א נשיא. זאלען מיר אויף שטעלען רבי יהושע ער זאל זיין א נשיא. ער איז דאך דער בעל הבית פון דיא קריג. דורך איהם איז געווארען דיא קריג. אז ער וועט ווערין א נשיא וועט רבן גמליאל האבען גרויס צער. זאל מען אויף שטעלען רבי עקיבא ער זאל ווערין א נשיא. רבי עקיבא הט ניט קיין זכות אבות וועט רבן גמליאל איהם שטראפען. נאר מיר וועלען מאכען פאר א נשיא רבי אלעזר בן עזריה ער איז קלוג ער איז רייך אונ ער איז דער צעהנטער דור פון עזרא הסופר. ער איז קלוג אז מען וועט איהם פרעגען א קשיא. וועט ער וויסען צוא ענטפערין. ער איז רייך אז מען וועט דארפען שטיין פר דעם קיסר וועט רבי אלעזר בן עזריה אויך קענען שטיין פר דעם קיסר אזוי וויא רבן גמליאל. אונ ער איז דער צעהנטער צוא עזרא האט ער זכות אבות וועט רבן גמליאל איהם ניט קענען שטראפען. איז מען געקומען צו רבי אלעזר אונ מען האט געזאגט צו איהם. דו ווילסט ווערין א ראש ישיבה. א נשיא. הט רבי אלעזר געזאגט צו זייא איך וועל גיין פרעגען א עצה ביי מיינע שטוב מענטשין. איז ער גיגאנגען אונ האט גיפרעגט א עצה ביא זיין ווייב. האט די ווייב געזאגט צו רבי אלעזר טאמער וועט מען דיך אראפ ווארפען פון די נשיאות אזוי וויא מען ווארפט איצט אראפ רבן גמליאל. האט רבי אלעזר געזאגט צוא זיין ווייב מענטשין

אמרה ליה לית לך חוורתא ההוא יומא בר תמני סרי שני הוה אתרחיש ליה ניסא והדרי ליה תמני סרי דארי חוורתא. והיינו דקאמר רבי אלעזר בן עזריה הרי אני כבן שבעים שנה ולא בן שבעים שנה. תנא אותו היום סלקוהו לשומר הפתח ונתנה רשות לתלמידים ליכנס שהיה רבן גמליאל מכריז ואומר כל תלמיד חכם שאין תוכו כברו אל יכנס לבית המדרש (משום דאמרינן כל השונה לתלמיד שאינו הגון כאלו זורק אבן למרקולים ורבי אלעזר בן עזריה אומר הני מילי היכא דקים לן שאינו הגון ורבי אלעזר בן עזריה דרש לעולם יעסוק אדם בתורה ובמצות ואפילו שלא לשמה שמתוך שלא לשמה בא לשמה). ההוא יומא איתוספו כמה ספסלי בבית המדרש. אמר רבי יוחנן פליגי בה רבי יוסי (אבא יוסף) בר דוסתאי ורבנן חד אמר איתוסף ת' ספסלי והד אמר ז' מאה ספסלי הוה קא הלשא דעתיה דרבן גמליאל אמר דלמא ח"ו מנעתי תורה מישראל אחזו ליה בחלמא חצבי חוורי דמליין קיטמא. ולא היא אלא ליתובי דעתיה

דמיקר"ל וליהבר ילא גרסינן מעלין בקודש ולא מורידין. כסא דמוקרא. כוס של זכ כית יקרה וקורין לו בלשון ערבי פרק"א: והיינו דאמרי אינשי. משל הדיוט יום אחד ישתה בכוס חשוב ויתכבד בו בעליו ואחר כך אם ישבר ישבר: לית לך חיורתא. אין לך שערות לבנות (של זקנה) וגאה לדרבן להיות זקן: תמני סרי דרי (חיוורתא) י"ח שורות של זקנה: הוה קא חלשא דעתיה דר"ג. כשראה שנתוספו אותו היום תלמידים רבים והיה דואג שלא יכנס (ובמה) שמנעו בימיו מלבא: אחזו ליה בחלמיה. כלומר הני תלמידים שנתוספו אינם הג נים אלא ככני הגבי חורי דמליין קיטמא כלומר אף

זאגען מען זאל ניצען מיט אטייערין כוס אפילו נאר איין טאג און מארגען זאל ער צוא בראכען ווערין. איין טאג איך זאל נאר זיין אנשיא. וויל איך אויך אויף מיר נעמען די נשיאות. האט דיא ווייב גזאגט צו רבי אלעזר דוא האסט ניט קיין ווייסע האר. און אנשיא איז שיין ער זאל זיין אאלטער מאן. דעם טאג איז רבי אלעזר אלט געוועזן אכטצעהן יאהר האט איהם געטראפען אנס איז איהם געווארען אין בארד אכטצעהן שורות ווייסע האר. דאס איז וואס רבי אלעזר בן עזריה האט געזאגט איך זעה אויס וויא איטער פון זיבעציג יאהר. אבער איך בין ניט אלט זיבעציג יאהר:

תנא. מיר האבען געלערנט דעם טאג האט מען צו גענומען דעם היטער פון די טיר פון בית המדרש. און מען האט געגעבען רשות צו אלע תלמידים זייא מעגין אריין גיין אין בית המדרש לערנען. ווארום רבן גמליאל האט געהייסען אויס רופען דער תלמיד חכם וואס ער איז ניט אינווייניג אזוי וויא אויס ווייניג. ער זעהט אויס וויא פרום און איז ניט פרום. דער זאל ניט אריין גיין אין בית המדרש. ווייל מיר זאגען דער וואס לערנט תורה צו אתלמיד וואס איז ניט פרום איז גלייך וויא ער וואלט געווארפען אשטיין צו די עבודה זרה מרקולים. ווס מען דינגט איר אזוי. מען ווארפט צו איר אשטיין. און רבי אלעזר בן עזריה זאגט ווען טאר מען ניט לערנען צו אתלמיד וואס איז ניט פרום ווען מען ווייס געוויס אז ער איז ניט פרום. אבער אז מען איז איהם נאר חושד טאמער איז ער ניט פרום. מעג מען מיט איהם לערנען תורה. און רבי אלעזר בן עזריה דרשת אמענטש זאל לערנען תורה און טאהן מצות. אפילו ער מיינט ניט לשם שמים פון ניט לשם שמים וועט ער קומען דער צו ער זאל לערנען לשם שמים. דעם טאג איז געמעהרט געווארען זייער פיל בייגק אין בית המדרש. ווייל עס זענען אנגעקומען זייער פיל תלמידים. האט רבי יוחנן געזאגט רבי יוסי בר דוסתאי מיט דיא רבנן קריגען אין דער זאך: איינער זאגט עס איז צו געקומען פיר הונדערט בייגק. און איינער זאגט עס איז צו געקומען זיבען הונדערט בייגק. איז שלאף געווארען די דעה פון רבן גמליאל. רבן גמליאל אז ער האט געזעהן אזוי פיל תלמידים זענען געקומען אין בית המדרש. האט ער זיך מצער געוועזן און האט געזאגט טאמער דורך מיר איז פאר מיטען געווארען תורה פון יודען. האט מען געוויזען צו רבן גמליאל אין חלום ווייסע קריג ווס זענען פול מיט אש. אזוי דיא תלמידים זענען נאר שיין פון אויס ווייניג. אבער ניט פון אינווייניג. זאגט דיא גמרא עס איז ניט אזוי געוועזן. די תלמידים זענען געוועזן פרומע נאר צו שטילען דיא דעה פון רבן גמליאל

דעתיה הוא דאחזו ליה תאנא עדיות בו ביום נשנית וכל היכא דאמרינן בו ביום ההוא יומא הוה ולא היתה הלכה שהיתה תלויה בבית המדרש שלא פירשוה ואף רבן גמליאל לא מנע עצמו מבית המדרש דתנן בו ביום עמד יהודה גר עמוני לפניהם בבית המדרש אמר להם מה אני לבא בקהל . אמר לו רבן גמליאל אסור אתה . אמר ליה רבי יהושע מותר אתה . אמר ליה רבן גמליאל והלא כבר נאמר (דברים כג) לא יבא עמוני ומואבי בקהל ה׳ . אמר ליה רבי יהושע וכי עמון ומואב במקומן הם יושבין והלא כבר עלה סנחריב ובלבל את כל העובדי כוכבים ומזלות שנאמר (ישעיה י) ואסיר גבולות עמים וגו׳ וכל דפריש מרובא פריש . אמר ליה רבן גמליאל והלא כבר נאמר (ירמיה מט) ואחרי כן אשיב את שבות בני עמון וכבר שבו . אמר ליה רבי יהושע והלא כבר נאמר (עמוס ט) ושבתי את שבות עמי ישראל ועדיין לא שבו אלא דהדרי הכא

אלו אינם ראויים : כל דפריש מרובא פריש . ועמון ליכא רובא מעלמא ולא הוה סבור שסנחריב בלבלם: אינו בסתם . הואיל והכי הוא שהלכה כרבי יהושע וכהנס לערתיה אזיל אפייסיה : תניא . ספק בלא פירשוה מתוך שרבו שתלמידים רב סהדוד

ער זאל זיך ניט מצער זיין . האט מען איהם אזוי געוויזען אין חלום אז דיא תלמידים זענען ניט פרום :

תאנא : מיר האבען גילערנט די מסכת עדיות איז דעם טאג גילערנט געווארען און וואו עס שטייט אין די גמרא בו ביום אין דעם טאג איז דאס געוועזען דעם טאג וואס רבי אלעזר בן עזריה איז געווארען אנשיא . עס איז ניט געוועזען קיין דין וואס זאל זיין אספק אין בית המדרש . מען זאל ניט מפורש זיין דעם ריכטיגען פשט . נאר אלע דינים האט מען ריכטיג געוואוסט און אספק . און אפילו רבן גמליאל האט זיך ניט פאר מיטען פון בית המדרש דעם גאנצען טאג . מיר האבען גילערנט אין דעם טאג האט זיך גישטעלט יהודה דער גר פון עמון פאר די חכמים אין בית המדרש . ער האט גזאגט צו זיי וויא איז דער דין צו מעג איך קומען צווישען יודען . נעמען אווייב פון יודען . האט רבן גמליאל גזאגט צוא יהודה דוא ביסט אסור צו נעמען אווייב פון יודען . האט רבי יהושע גזאגט צו יהודה דוא מעגסט נעמען אווייב פון יודען . האט רבן גמליאל גזאגט צו רבי יהושע עס שטייט דאך שוין לאנג אין דיא תורה אז עמון און מואב זאל ניט קומען אין דיא פערזאמלונג פון גאט . זייא זאלען ניט נעמען ווייבער פון יודען . האט רבי יהושע גזאגט צו רבן גמליאל זיצען דען עמון און מואב אויף זייערע ערטער פון פריערדיגע צייט ביז איצט . אז מען זאל וויסען געווים אז דם איז עמון און מואב . עס איז דאך שוין לאנג געוועזען די זאך אז סנחריב איז אויף גיגאנגען אויף אלע אומות און האט זייא צו מישט . דיא מענטשען פון דיא מדינה האט ער פאר טריבען אין אין אנדער מדינה . און דיא מענטשען פון יענע מדינה האט ער פאר טריבען אין די מדינה . און דיא מענטשען וואס זיצען היינט אין עמון און מואב קען זיין אז זייא זענען גאר ניט קיין גיבארענע עמונים און ניט קיין גיבארענע מואבים . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק . סנחריב האט גזאגט איך וועל אפ טאהן דיא גרענעצען פון דיא פעלקער און וועלכער גוי עס שיידט זיך אפ פון דיא גוים מגייר צו זיין . שייט ער זיך אפ פון דאס מערסטע גוים פון דיא וועלט . און דאס מערסטע גוים מעגין דאך קומען אין דיא יודישע פאר זאמלונג . האט רבן גמליאל גזאגט צו רבי יהושע עס שטייט דאך שוין לאנג דורך ירמיה הנביא גאט זאגט איך וועל ער נאך צוריק קערין דיא קינדער פון עמון אין זייער לאנד געווים האבען זייא שוין לאנג צוריק גיקערט . האט רבי יהושע גזאגט צו רבן גמליאל עס שטייט דאך שוין לאנג גאט האט גזאגט איך וועל צוריק קערין מיין פאלק ישראל צו זייער לאנד און זיי האבען נאך ניט צוריק גיקערט : נאר מען מיינט זייא וועלען זיך אמאהל צוריק קערין . אזוי דא אויך ביא דער אומה פון עמון מיינט מען אויך זייא וועלען זיך אמאהל צוריק קערין אבער זייא האבען

הכא נמי דהדרי. מיד התירוהו לבא בקהל. אר"ג איכו השתא איזיל ואפייסיה לרבי יהושע אזל כי מטא לביתיה חזינהו לאשיתא דביתיה דמשחרן אמר ליה מכותלי ביתך ניכר שפחמי אתה אמר ליה אוי לו לדור שאתה פרנסו ואוי לה לספינה שאתה קברניתה שאין אתה יודע בצערן של תלמידי חכמים במה הן עוסקין וממה הם ניזונין אמר ליה נעניתי לך מחול לי לא אשגח ביה עשה בשביל כבוד אבא איפיים אמרו מאן ליזיל ולימא להו לרבנן אמר להו ההוא כובס אנא אזילנא שלח רבי יהושע לבית המדרש מאן דלביש מדא ילבש מדא ומאן דלא לביש מדא זימר למאן דלביש מדא שלח מדייך ואנא אלבישיה. אמר ליה רבי עקיבא לרבנן טרוקו גלי דלא ליתו עבדי דרבן גמליאל וליצערו לרבנן. אמר רבי יהושע מוטב דאקום ואיזיל אנא לגבייהו אתא רבי יהושע טרף ארשא ואמר להו מזה בן מזה יזה שאינו לא מזה

וספלפול: לאשיתא דביתיה דמשחרי. כותלי ביתו של רבי יהושע שהיו שחורות: שפחמי אתה. עושה פחם. י"א נפח וי"א עושה מחטין: נעניתי לך מחול לי. דברתי למולך יותר מן הראוי. נפניתי סורפלרי"ן: דלביש מדא. הרגיל ללבוש את המעיל ילבוש (כלומר הרגיל בנשיאות יהיה נשיא): מזה בן מזה. כהן בן כהן יזה האזות מי חטאת: אפר מקלה. אפר הקלוי בתנורים ובכירות כלומר אפר סתם. והלקו בין רבן גמליאל ובין רבי אלעזר בן

נאך ניט צוריק געקערט. הט מען באלד מתיר געוועזן יהודהן ער זאל קומען צווישען יודען. האט רבן גמליאל געזאגט איצט אז עס איז אזוי. אז דער דין איז ווי רבי יהושע וועל איך גיין איבער בעטין רבי יהושע. איז רבן גמליאל געגאנגען. אז רבן גמליאל איז געקומען צוא די שטוב פון רבי יהושע האט ער געזעהן דיא ווענט פון שטוב זענען שווארץ. האט רבן גמליאל געזאגט צו רבי יהושע פון דיא ווענט פון דיין שטוב דער קענט מען אז דוא מאכסט קוילען. האט רבי יהושע געזאגט צו רבן גמליאל ווי צום דור אז דוא ביסט זיין שפייזער אונ וויא צוא דיא שיף אז דוא ביסט איר פירער דוא ווייסט ניט דעם צער פון דיא תלמידי חכמים מיט וואס זייער געשעפט איז אונ פון וואס זייא ווערין געשפייזט. הט רבן גמליאל געזאגט צו רבי יהושע איך בין אונטער טעניג אונטער דיר זייא מיר מוחל. האט רבי יהושע ניט געוואלט קיקען אויף רבן גמליאל. האט רבן גמליאל געזאגט צו רבי יהושע טוה פון וועגין מיין טאטענס כבוד איז רבי יהושע איבער געבעטין געווארין צו רבן גמליאל. האבען רבן גמליאל אונ רבי יהושע געזאגט ווער וועט גיין זאגען דיא רבנן אז מיר זענען שוין שלום. האט א וועשער געזאגט צו זייא איך וועל גיין. האט רבי יהושע געשיקט אין בית המדרש דער וואס איז אלע מאהל געגאנגען אין דיא קליידער זאל היינט אויך גיין אין דיא קליידער. אונ דער וואס איז קיין מאהל ניט געגאנגען אין דיא קליידער זאל ער זאגען צוא דעם וואס איז אלע מאהל געגאנגען אין דיא קליידער: טוה אויס דיינע קליידער אונ איך וועל זייא אויף מיר אן קליידען. וויא קען דאס זיין. ורבי יהושע האט גימיינט רבן גמליאל וואס ער איז אלע מאהל געוועזן א נשיא זאל ער ווייטער זיין א נשיא: אבער רבי אלעזר בן עזריה וואס ער איז קיין מאהל קיין נשיא ניט געוועזן. זאל ער ווייטער ניט זיין קיין נשיא. רבי עקיבא האט געזאגט צו די רבנן מאכט צו דיא טירין פון בית המדרש די קנעכט פון רבן גמליאל זאלען ניט קענען קומען אין בית המדרש. וואררום זיי וועלען מצער זיין די רבנן: האט רבי יהושע געזאגט עס איז בעסער איך וועל אליין גיין צו די רבנן אין בית המדרש. איז געקומען רבי יהושע אונ האט אן געקלאפט אויף די טיר פון בית המדרש אונ ער האט געזאגט צו דיא רבנן דער וואס שפריצט אלע מאהל דיא וואסער מיט די אש פון די פרה אדומה אויף דיא טמאים. אונ זיין פאטער האט אויך געשפריצט דיא וואסער מיט די אש פון די פרה אדומה אויף די טמאים. זאל ער ווייטער שפריצען אבער דער וואס ניט ער אליין פלעגט שפריצען אונ ער איז ניט קיין זוהן פון אזעלכין וואס ער פלעגט שפריצען זאל ער זאגין צו דעם וואס שפריצט אלע מאהל אונ ער איז א זוהן פון אזעלכין וואס שפריצט אלע מאהל דיינע וואסער איז גינומען געווארען פון א גרוב ניט פון א קוואל אונ דיינע אש איז פון האלץ ניט פון די פרה אדומה. וויא קען דאס זיין. ורבי יהושע מיינט אזוי ווי רבי

סזה ולא בן מזה יאמר למזה בן מזה מימיך מי מערה ואפרך אפר מקלה . אמר ליה רבי עקיבא רבי יהושע נתפייסת כלום עשינו אלא לכבודך למחר אני ואתה נשכים לפתחו . ואפילו הכי לא עברוה לרבי אליעזר בן עזריה דהוה דריש רבן גמליאל תרתי שבתא ודריש רבי אליעזר בן עזריה חדא שבתא . והיינו דאמר מר שבת של מי היתה של רבי אליעזר היתה ואותו תלמיד (ששאל ערבית רשות או חובה) רבי שמעון בן יוחאי הוה :

עזריה ונתנו שתי שבתות לרבן גמליאל ושבת אחד לרבי אלעזר בן עזריה : והיינו דאמרינן שבת של מי היתה . במסכת חגיגה :
כי הלפי רבנן . התלמידים היוצאים מבית רבי נתן : מאן אמר הלכה בי מדרשא . מי מבני הישיבה אמר וכו' :
מה מקום . מה טיבה : ולא אכשל . ויעמחו חברי על כשלוני שכי שהי רעות שיכולו על ידי שאגרום להם שיענשו : מיושבי קרנות . חנונים או ע"ה שעוסקים בדברי שיחה :

ד רבי זירא כי הוה חליש מגירסיה הוה אמר איזיל ואיתיב אפתחא דבי רבי נתן אמר כי חלפי רבנן איקום מקמייהו ואקבל אגרא . נפק אתא רבי נתן בר טוביה אמר ליה מאן אמר הלכה בי מדרשא אמר ליה הכי אמר רבי יוחנן וכו' :

(פ"ג) מתני' רבי נחוניא בן הקנה היה מתפלל בכניסתו לבית המדרש וביציאתו תפלה קצרה אמרו לו מה מקום לתפלה זו אמר להם בכניסתי אני מתפלל שלא יארע תקלה על ידי וביציאתי אני נותן הודאה על חלקי :

תנו

אלעזר בן עזריה וואס ער איז אכהן אונ איז אזוהן פון אכהן . קען מען דאך בייא איהם ני · אוועק נעמען די כהונה . אזוי רבן גמליאל וואס ער איז אנשיא אונ איז אזוהן פון אנשיא קען מען ניט אוועק נעמען פון איהם די נשיאות . אונ אזוי וויא מען קען ניט זאגין צו אכהן דיא וואסער איז ניט פון אקוואל אונ די אש איז ניט פון די פרה אדומה . נאר מיר מוזין איהם גלויבן ; אזוי מוזין מיר גלויבען אלץ וואס דער נשיא זאגט אונ מיר טארין ניט נאך קלערין אויף איהם ; האט רבי עקיבא גיזאגט צו רבי יהושע דוא ביסט שוין איבער גיבעטין גיווארען מיר האבען דאך דאס נאר גיטאהן פון דיין כבוד וועגין . אז דוא ביזט מוחל צו רבן גמליאל זענען מיר אויך מוחל צו איהם . מארגען פריא וועל איך מיט דיר גיין צו רבן גמליאל . זאגט דיא גמרא אפילו אז רבן גמליאל איז צוריק גיווארען אנשיא פון דעסטוועגין האט מען ניט אראפ גיווארפען רבי אלעזר בן עזריה פון די נשיאות . רבן גמליאל פלעגט דרשנן צווייא שבתים אונ רבי אלעזר בן עזריה פלעגט דרשנן איין שבת . איצט איז רעכט וואס דער רבי האט גיפרעגט וועמעס שבת איז דאס גיוועזן . האט מען איהם גיענטפערט דער שבת איז גיוועזן פון רבי אלעזר בן עזריה . רבי אלעזר בן עזריה האט אין איהם גידרשת . אונ דער תלמיד וואס האט גיפרעגט אויף מעריב צו מען מוז דאווענען . אדער וויא מען וויל אזוי מעג מען טאהן . דר תלמיד איז גיוועזן רבי שמעון בן יוחאי :

ד רבי . אז רבי זירא פלעגט שוואך ווערין פון לערנען פלעגט ער זאגען איך וועל גיין אונ וועל זיצען בייא די טיר פון די ישיבה פון רבי נתן . רבי זירא האט גיזאגט אז די רבנן וועלין דורך גיין וועל איך אויף שטיין פאר זיי וועל איך געמען שכר . איז ארוים גיקומען פון די ישיבה רבי נתן בר טוביה האט רבי זירא גיזאגט צו רבי נתן ווער האט איצט גיזאגט אדין אין בית המדרש . האט רבי נתן גיזאגט צו רבי זירא אזוי האט רבי יוחנן גיזאגט . רבי נחוניא בן הקנה ווען ער פלעגט אהיין גיין אין בית המדרש אונ ווען ער פלעגט ארוים גיין פון בית המדרש פלעגט ער זאגין אקורצע תפלה . האבען די חכמים גיזאגט צו רבי נחוניא וואס איז די תפלה וואס דוא זאגסט . האט רבי נחוניא גיזאגט צו די חכמים ווען איך גיי אריין אין בית המדרש בעט איך עס זאל ניט טרעפען קיין שטרויכלונג דורך מיר . אונ ווען איך גייא ארוים פון בית המדרש לויב איך גאט אויף מיין טייל וואס איך האב זוכה גיוועזן וויא עס שטייט מייטער] :

מן הסגיון. שלא הרגילום במקרא יותר מדאי משום דמשכא (אהריסס). ליגנא אחרינא משיחת הילדים (יעטריך פירש בעבק כמג שפוהרין כסוק בלורהו מנעו במכס ממנו): דעו לפני מי וכו׳.

(גמרא) **ה תנו** רבנן בכניסתו מהו אומר יהי רצון מלפניך ה׳ אלהי שלא יארע דבר תקלה על ידי ולא אכשל בדבר הלכה וישמחו בי חברי ולא אומר על טמא טהור ולא על טהור טמא ולא יכשלו חברי בדבר הלכה ואשמח בהם. וביציאתו אומר מודה אני לפניך ה׳ אלהי ששמת חלקי מיושבי בית המדרש ולא שמת חלקי מיושבי קרנות שהם משכימים ואני משכים הם משכימים לדברים בטלים ואני משכים לדברי תורה אני עמל והם עמלים אני עמל ומקבל שכר והם עמלים ואינם מקבלים שכר אני רץ והם רצים אני רץ לחיי העולם הבא והם רצים לבאר שחת:

ו תנו רבנן כשחלה רבי אליעזר נכנסו תלמידיו לבקרו אמרו לו רבי למדנו ארחות חיים ונזכה בהם לחיי העולם הבא, אמר להם הזהרו בכבוד חבריכם וכשאתם מתפללים דעו לפני מי אתם מתפללין ומנעו בניכם מן ההגיון והושיבום בין ברכי תלמידי חכמים ובשביל כך תזכו לחיי העולם הבא:

ז בשחלה רבי יוחנן בן זכאי נכנסו תלמידיו לבקרו כיון שראה אותם התחיל לבכות (והיה בוכה

ה תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערנט אז רבי נחוניא בן הקנה איז אריין גיגאנגען אין בית המדרש וואס האט ער גיזאגט. עס זאל זיין דער ווילען פאר דיר גאט מיין גאט עס זאל ניט טרעפין קיין שטרויכלונג דורך מיר אונ איך זאל ניט גישטרויכילט ווערין אין אדין. וועלין זיך פרייען מיינע חברים ווייל איך וועל ניט וויסען דעם דין. וועט זייא גאט שטראפען דורך מיר. אונ איך וויל ניט אז איין מענטש זאל דורך מיר חלילה גישטראפט ווערין. אונ איך זאל ניט זאגין אויף טמא עס איז טהור אונ אויף טהור זאל איך ניט זאגין עס איז טמא. אונ מיינע חברים זאלין אויך ניט גישטרויכעלט ווערין אין קיין דין איך זאל מיך דאר פען פרייען אויף זייא. אונ אז רבי נחוניא בן הקנה פלעגט ארויס גיין פון בית המדרש פלעגט ער זאגין איך לויב פאר דיר גאט מיין גאט וואס דוא האסט גיטאהן מיין חלק פון דיא וואס זיצען אין בית המדרש אונ דוא האסט ניט גיטאהן מיין חלק פון די וואס זיצען אין דיא גאסען אונ שמועסין. זיי שטייען אויף פריה אונ איך שטיי אויף פרי. זיי שטייען אויף צו ריידן לידיגע רייד. אונ איך שטיי אויף איך זאל ריידען אין דער תורה. איך ארבעט שווער אונ זייא ארבעטין שווער. איך ארבעט שווער אונ נעם גיצאהלט פאר מיין ארבעט אונ זיי ארבעטין שווער אונ נעמען ניט קיין גיצאהלט פאר זייער ארבעט. איך לויף אונ זיי לויפען. איך לויף צו לעבין אויף די וועלט וואס וועט קומען אונ זיי לויפען צום גרוב:

ו תנו רבנן. די רבנן האבען גילערנט אז רבי אליעזר איז קראנק גיווארען זענען די תלמידים אריין גיגאנגען פרעגין וואס מיט זיין קראנקייט איז. צו ער וועט גיזונד צו זיין. אז זייא האבען גיזעהן זיין קראנקייט איז שטארק האבען זייא גיזאגט צוא איהם רבי לערין אונז דיא וועגין פון לעבין מיר זאלען קענען דורך זייא זוכה זיין צו עולם הבא. האט רבי אליעזר גיזאגט צוא דיא תלמידים איהר זאלט אייך היטען איהר זאלט געבין כבוד צו אייערע חברים. אונ אז איהר וועט דאווענען ווייסט פאר וועמען איהר דאווענט. אונ איהר זאלט ניט לאזען אייערע קינדער זאלען לערנען נאר די ווערטער אפ גיטייטשט. אונ ניט צו פאר שטיין מיט זייער שכל וואס זייא לערנען. נאר איהר זאלט זעצין אייערע קינדער צווישען דיא קניה פון תלמידי חכמים. די תלמידי חכמים וועלין געבין צו פאר שטיין אייערע קינדער דעם פשט גוט פון דיא זאך וואס זייא וועלין לערנען. אונ דורך דיא זאכען וועט איהר זוכה זיין צוא האבען עולם הבא:

ז כשחלה. אז רבי יוחנן בן זכאי איז קראנק גיווארען זענען די תלמידים אריין גיגאנגען

בוכה) אמרו לו רבינו נר ישראל עמוד הימיני פטיש החזק מפני מה אתה בוכה אמר להם אילו לפני מלך בשר ודם היו מוליכין אותי שהיום כאן ומחר בקבר שאם כעס עלי אין כעסו כעס עולם ואם אוסרני אין איסורו איסור עולם ואם ממיתני אין מיתתו מיתת עולם ואני יכול לפייסו בדברים ולשוחדו בממון ואעפ"כ הייתי בוכה ועכשיו שמוליכין אותי לפני מלך מלכי המלכים הקב"ה שהוא חי וקים לעד ולעולמי. עולמים שאם כועס עלי כעסו כעס עולם ואם יאסרני איסורו איסור עולם ואם ממיתני מיתתי מיתת עולם ואין אני יכול לפייסו בדברים ולשחדו בממון ולא עוד אלא שיש לפני שני דרכים אחד של גיהנם ואחד של גן עדן ואיני יודע באיזה מהן מוליכין אותי ולא אבכה. אמרו לו רבינו ברכנו אמר להם יהי רצון שיהא מורא שמים עליכם כמורא בשר ודם. אמרו לו רבינו עד כאן (ותו לא) אמר להם ולואי. תדעו כשאדם עובר עבירה אומר שלא יראני אדם. בשעת פטירתו אמר להם פנו כלים מן הטומאה והכינו כסא לחזקיהו מלך יהודה שבא:

כדי שתפללו בוכה וכו' : עמוד הימיני . ב' עמודים העמיד שלמה באולם שם הימיני יכין ושם הב' בועז הימיני לעולם חשוב : פטיש . המשבר (סלעים) סוקו בלע"ז : אוסרני . תפסו אותי : מיתת עולם . לעה"ב : הייתי בוכה . מאימת משפטו אם לדין מוליכין אותי לפניו: ע"כ. כתמיה כלומר ולא יותר ממורא ב"ו : ולואי . שיהא כמו מורא ב"ו שע"כ נבדלו מעבירות הרבה : כשאדם עובר עבירה . בסתר מתכסה מן הבריות ויודע כאלו שהכל גלוי וידוע לפני הקב"ה ואינו מניח : פנו : מפני הטומאה . טומאת אהל המת בכל הבית : לחזקיהו שבא . אני לעצמי ע"כ :

תנו

צו איהם וויסען וואס עס איז מיט זיין קראנקייט. צו ער וועט געזונד זיין. וויא רבי יוחנן האט געזעהן זיינע תלמידים האט ער אן גיהויבען צו וויינען. האבען די תלמידים גזאגט צו איהם אונזער רבי דוא ביסט דיא ליכט פון יודען. דוא ביסט דער רעכטער זייל וואס אלע יודען זענען אן גילעהנט אויף דיר. דוא ביסט וויא אשטארקער האמער. פאר וואס וויינסטו. האט רבי יוחנן גזאגט צוא דיא תלמידים אז מען וואלט מיך געפירט פאר אמלך וואס ער איז נאר אמענטש וואס היינט איז ער דא אונ מארגען איז ער אין קבר. אז ער וואלט גיוועז אין כעס אויף מיר איז זיין כעס ניט אויף אייביג. אונ אז ער וואלט מיך גיבונדען איז זיין בינדונג ניט אויף אייביג. אונ אויב ער וואלט מיך גיהרגעט איז זיין הרגנן ניט אויף אייביג. אונ איך קען איהם איבער בעטין מיט גוטע רייד. פון דעסטוועגן וואלט איך גיוויינט. אונ איצט אז מען פירט מיך פאר גאט וואס ער לעבט אייביג אויב ער וועט זיין אין כעס אויף מיר איז זיין כעס אויף אייביג. אויב ער וועט מיך בינדען איז זיין בינדונג אויף אייביג. אונ אויב ער וועט מיך הרגנן איז זיין הרגנן אויף אייביג. אונ איך קען איהם ניט איבער בעטין מיט רייד אונ איהם איבער קויפען מיט געלט קען מען אויך ניט. אונ ניט נאר דאס אליין. נאר עס איז דא פאר מיר צוויי וועגין. איין וועג צום גיהנם אונ איין וועג צום גן עדן אונ איך ווייס ניט אין וועלכע וועג וועט מען מיך פירען: זאל איך ניט וויינען. האבען דיא תלמידים גזאגט צו רבי יוחנן אונזער רבי בענטש אונז. האט רבי יוחנן גזאגט צו די תלמידים עס זאל זיין דער ווילען פון גאט אויף אייך איהר זאלט מורא האבען פאר גאט אזוי וויא איהר האט מורא פאר מענטשין. האבען דיא תלמידים גזאגט צו רבי יוחנן. אונזער רבי נאר אזוי ווי די מורא פון אמענטש זאל זיין די מורא פאר גאט. אונ ניט מעהר. האט רבי יוחנן גזאגט צו דיא תלמידים הלואי זאל זיין אייער מורא פאר גאט אזוי וויא איר האט מורא פאר אמענטש. איר זאלט וויסען אז אמענטש וויל גיין טוהן אעבירה זאגט ער הלואי זאל מיך קיין מענטש ניט זעהן. אונ פאר גאט האט ער קיין מורא ניט וואס גאט זעהט איהם וויא ער טוהט דיא עבירה. וויא עס איז גיקומען דיא צייט רבי יוחנן זאל שטארבען. האט רבי יוחנן גזאגט צו די תלמידים ראהמט אויס דיא כלים פון שטוב זייא זאלען ניט טמא ווערין. אונ איר זאלט אן ברייטען אשטוהל פאר חזקיהו מלך יהודה ער איז גיקומען צו מיין לויה:

פקולי. מוכר פקולי צמר (גפן) שקורין קוטו"ן: על הסדר. כמו שאנו מתפללין: אמר להם וכו'. לאחר זמן מרובה קרוב לזמנו של צדוקים: והשקיף. חשב לזכור אותה לשון סוכה וישקף אבימלך מתרגמינן ואסתכי: רשע מעיקרו. ששב מרשעתו פעמים שחוזר ונעשה רשע: הוא ינאי. שהמית בקדושין שהרג חכמי ישראל: ינאי רשע מעיקרו. ונעשה צדיק וחזר לרשעו: דהא

ח תנו רבנן שמעון הפקולי הסדיר י"ח ברכות לפני רבן גמליאל על הסדר ביבנה. אמר להם רבן גמליאל לחכמים כלום יש אדם שיודע לתקן ברכת המינין ירד שמואל הקטן ותקנה לשנה אחרת שכחה (דף כט) והשקיף בה ב' וג' שעות ולא העלוהו ואמאי לא העלוהו והא אמר רב יהודה אמר רב טעה בכל הברכות כולן אין מעלין אותו בברכת המינין מעלין אותו חיישינן שמא מין הוא. שאני שמואל הקטן דאיהו תקנה. ודילמא הדר ביה. אמר אביי גמירי טבא לא הוה בישא. ולא והכתיב (יחזקאל יח) ובשוב צדיק מצדקתו ועשה עול. ההוא רשע מעיקרו אבל צדיק מעיקרו לא. ולא והתנן אל תאמין בעצמך עד יום מותך שהרי יוחנן כהן גדול שמש בכהונה גדולה שמונים שנה ולבסוף נעשה צדוקי. אמר אביי הוא ינאי הוא יוחנן. רבא אמר ינאי לחוד יוחנן לחוד ינאי רשע מעיקרו יוחנן צדיק מעיקרו לאביי ניחא אלא לרבא קשיא. אמר לך רבא

ח תָּנוּ רַבָּנָן. דִּיא רַבָּנָן הָאבֶּען גִילֶערוּנְט שִׁמְעוֹן הַפְּקוּלִי הָאט צוּ זַאמֶען גִישְׁטֶעלְט דִּיא אַכטצֶעהְן בְּרָכוֹת פוּן דַאווֶנֶען פַאר רַבָּן גַמְלִיאֵל אִין יַבְנֶה. אוֹיף דֶעם זֶעלְבִּיגֶען סֵדֶר וִויא מִיר דַאווֶנֶען (מֶען רוּפְט שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה ווַייל עֶס אִיז אַכטצֶעהְן בְּרָכוֹת). הָאט רַבָּן גַמְלִיאֵל גִזָאגְט צוּ דִיא חֲכָמִים: אִיז דָא צְווִישֶׁען אַייךְ אַמֶענְטְשׁ וָואס ווֵייס צוּ מַאכֶען נָאךְ אַנֵיינְצֶעהְנְטֶע בְּרָכָה אוֹיף דִיא אַפִּקוֹרְסִים. אִיז גִיגַאנְגֶען שְׁמוּאֵל הַקָּטָן צוּם עַמוּד דַאווֶנֶען אוּנ הָאט גִזָאגְט אַנֵיינְצֶעהְנְטֶע בְּרָכָה אוֹיף דִיא אַפִּקוֹרְסִים. אוֹיף דֶעם אַנְדֶערִין יָאהְר הָאט עֶר פַאר גֶעסִין דִיא בְּרָכָה אוּנ עֶר הָאט זִיךְ אַיין גִיקוּקְט (עֶר הָאט גִיטְרַאכְט) צְווֵיי דְרַייא שָׁעָה עֶר זָאל זִיךְ דֶער מָאנֶען דִי בְּרָכָה. אוּנ עֶר הָאט זִיךְ נִיט דֶער מָאנְט. אוּנ מֶען הָאט אִיהם נִיט גִיהֵייסֶען עֶר זָאל אַוֶועק גֵיין פוּן עַמוּד. פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא פַאר וָואס הָאט מֶען אִיהם נִיט גִיהֵייסֶען אַוֶועק גֵיין פוּן עַמוּד; רַב יְהוּדָה הָאט דָאךְ גִזָאגְט פוּן רַבְ'ס ווֶעגִין אִין אַלֶע בְּרָכוֹת פוּן שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה אִין ווֶעלְכֶע עֶר הָט גִיהַאט אַטָעוּת הֵייסְט מֶען אִיהם נִיט אַוֶועק גֵיין פוּן עַמוּד. אַז עֶר הָאט גִיהַאט אַטָעוּת אִין דִיא בְּרָכָה פוּן דִיא אַפִּיקוֹרְסִים (דָאס אִיז וְלַמַּלְשִׁינִים) הֵייסְט מֶען אִיהם אַוֶועק גֵיין פוּן עַמוּד ווַייל מִיר הָאבֶען מוֹרָא טָאמֶער אִיז עֶר אַאַפִּיקוֹרוֹס. הָאט מֶען דָאךְ גִידַארְפְט שְׁמוּאֵל הַקָּטָן אוֹיךְ הֵייסֶען אַוֶועק גֵיין פוּן עַמוּד. עֶנְטְפֶערְט דִיא גְמָרָא בַּיי שְׁמוּאֵל הַקָּטָן אִיז אַנְדֶערְשׁ. אוֹיף אִיהם הָאט מֶען נִיט מוֹרָא טָאמֶער אִיז עֶר אַאַפִּיקוֹרוֹס ווָארוּם עֶר אַלֵיין הָאט דָאךְ גִימַאכְט דִיא בְּרָכָה. פְרֶעגְט דִי גְמָרָא טָאמֶער הָאט שְׁמוּאֵל הַקָּטָן חֲרָטָה פוּן זַיין פְרוּמְקֵייט אוּנ עֶר אִיז אוֹיךְ גִיוָוארֶען אַאַפִּיקוֹרוֹס; הָאט אַבַּיֵי גִזָאגְט מִיר הָאבֶּען גִילֶערוּנְט אַגוּטֶער ווֶערְט נִיט שְׁלֶעכְט. אַצַדִיק ווֶערְט נִיט קֵיין רָשָׁע. פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא; נֵיין. אַצַדִיק ווֶערְט נִיט קֵיין רָשָׁע עֶס שְׁטֵייט דָאךְ אִין פָּסוּק אַז דֶער צַדִיק ווֶעט צוּרִיק קֶערִין פוּן זַיין פְרוּמְקֵייט אוּנ ווֶעט טָאהְן אוּמְרֶעכְט. עֶנְטְפֶערְט דִיא גְמָרָא דֶער פָּסוּק שְׁמוּעֶסְט פוּן אַזֶעלְכִין וָואס אִיז גִיוֶוען פְרִיעֶר אַרָשָׁע. דֶער נָאךְ אִיז עֶר גִיוָוארֶען אַצַדִיק. דֶער מֶענְטְשׁ קֶען זַיין עֶר זָאל צוּרִיק ווֶערִין אַרָשָׁע; אָבֶּער דֶער מֶענְטְשׁ ווָאס אִיז אַצַדִיק פוּן אָנְהֵייבּ אָן. עֶר אִיז קֵיין מָאהְל נִיט גִיוֶוען קֵיין רָשָׁע. דֶער ווֶעט נִיט ווֶערִין קֵיין רָשָׁע. פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא דֶער וָואס אִיז אַצַדִיק פוּן אָנְהֵייבּ אָן ווֶערְט נִיט קֵיין רָשָׁע: מִיר הָאבֶּען דָאךְ גִילֶערוּנְט דוּא זָאלְסְט נִיט גְלוֹיבֶּען אוֹיף זִיךְ אַלֵיין. וַאז דוּא ווֶעסְט בְּלֵייבֶּען אַצַדִיק. בִּיז דוּא ווֶעסְט שְׁטַארְבֶּען ווָארוּם יוֹחָנָן כֹּהֵן גָדוֹל אִיז גִיוֶוען אַכֹּהֵן גָדוֹל אַכְצִיג יָאהְר דֶער נָאךְ אִיז עֶר גִיוָוארֶען אַאַפִּיקוֹרוֹס. הָאט אַבַּיֵי גִזָאגְט יַנַּאי אִיז יוֹחָנָן. אַמָאהְל רוּפְט מֶען אִיהם יַנַּאי אוּנ אַמָאהְל רוּפְט מֶען אִיהם יוֹחָנָן. אָבֶּער דָאס אִיז אֵיין מֶענְטְשׁ. רָבָא זָאגְט יַנַּאי אִיז אַבַּאזוּנְדֶער מֶענְטְשׁ. יוֹחָנָן אִיז אַבַּאזוּנְדֶער מֶענְטְשׁ. צְווֵיי מֶענְטְשִׁין אֵיינֶער הָט גִיהֵייסֶן יַנַּאי אוּנ אֵיינֶער הָאט גִיהֵייסֶען יוֹחָנָן. יַנַּאי אִיז גִיוֶוען אַרָשָׁע פוּן אָנְהֵייבּ דֶער נָאךְ אִיז שָׁ'

דבא צדיק מעיקרו נמי דלמא הדר ביה. אי הכי אמאי לא אסקוהו שאני שמואל הקטן דהא אתחיל בה דאמר רב יהודה אמר רב ואיתימא רבי יהושע בן לוי לא שנו אלא שלא התחיל בה אבל התחיל בה גומרה:

ט הני שבעה דשבתא כנגד מי. אמר רבי חלפתא בן שאול כנגד שבעה קולות שאמר דוד על המים. הני תשע דר"ה כנגד מי. אמר רבי אבא (יצחק דמן קרטיגנין כנגד תשעה אזכרות שאמרה חנה בתפלתה דאמר מר בר"ה נפקדה שרה רחל וחנה. והני כ"ד דתעניתא כנגד מי. אמר רבי חלבו כנגד כ"ד רננות שאמר שלמה בשעה שהכנים ארון לבית קדשי הקדשים. אי הכי בכל יום נמי נימרינהו אמר ליה) אימת אמרינהו שלמה ביומי דרחמי אף אנן נמי ביומי דרחמי אמרינן להו:

רבי

התחיל בה. התחיל לאומרה וטעה באמצעיתה: לא שנו. הא דאמר רב יהודה מעלין אותו. ע"כ: שבעה קולות. במזמור קול ה' על המים: שאמרה חנה. בפרשת עלץ לבי: כ"ד רננות. בפרשת ויעמוד שלמה להתפלל רנה תפלה ותחנה כ"ד איכא: ביומא דרחמי. שהולך לבקש רחמים שדבקו שערים זה בזה ולא היו מניחים להכניס ארון בבית קדשי הקדשים כדאמרינן במועד קטן:

גיווארען אצדיק. אונ איז צוריק גיווארען ארשע. יוחנן איז גיוועזן אצדיק פון אנהייב דער נאך איז ער גיווארען ארשע. נאך אביי איז רעכט. יוחנן כהן גדול איז פריער גיוועזן ארשע דער נאך איז ער גיווארען אצדיק אונ אכהן גדול. אונ איז צוריק גיווארען ארשע. אבער דער וואס איז אצדיק פון אנהייב. דער ווערט ניט קיין רשע. נאר נאך רבא וואס ער זאגט אז יוחנן כהן גדול איז גיוועזן אצדיק פון אנהייב אן. פון דעסטוועגין איז ער גיווארען ארשע. קען דאך אצדיק אויך ווערין ארשע. פאר וואס הט מען ניט חושד גיוועזן שמואל הקטן טאמער איז ער גיווארען ארשע. זאגט דיא גמרא רבא וועט דיר זאגען אתירוץ דער וואס איז אצדיק פון אנהייב אן דארף מען אויך מורא האבען טאמער וועט ער חרטה האבען. איז דאך די קשיא אויב אזוי פאר וואס האט מען ניט גיהייסען שמואל הקטן ער זאל אוועק גיין פון עמוד. ענטפערט רבא ביי שמואל הקטן איז אנדערש ער הט אנגיהויבען צו זאגען די ברכה. נאר אין מיטען האט ער ניט גידיינקט. וועהט מען דאך אז ער איז ניט קיין אפיקורוס. ווארום רב יהודה האט גזאגט פון רבם וועגין אונ אנדערע זאגען רבי יהושע בן לוי האט גזאגט עס איז ניט מעהר גילערנט גיווארען אז מען האט אטעות אין ולמלשינים. אונ מען וויל ניט זאגען די ברכה מוז מען אוועק גיין פון עמוד נאר אז ער האט גאר ניט אן גיהויבען די ברכה ולמלשינים. אבער אז ער הט אן גיהויבען די ברכה ולמלשינים אונ אין מיטען הט ער גיהאט אטעות זאל ער אויס לאזען די ברכה אונ דארף ניט אוועק גיין פון עמוד:

ט הני. דיא זיבען ברכות וואס מען זאגט שבת. געגין וועלכע זאך איז דאס. האט רבי חלפתא בן שאול גזאגט געגין דיא זיבען קולות וואס דוד המלך הט גזאגט אויף די וואסער: אין דעם מזמור כט. דיא ניין ברכות פון ראש השנה. געגין וועלכע זאך איז דאס האט רבי אבא פון קרטיגנין גזאגט געגין די ניין שמות וואס חנה האט גזאגט אין איר תפלה. ווארום דער רבי האט גזאגט אום ראש השנה איז מעוברת גיווארען ש"ה אונ רחל אונ חנה הט חנה גזאגט איר תפלה מיט דיא ניין שמות אום ראש השנה. זאגען מיר אויך ניין ברכות אום ראש השנה. אונ דיא פיר אונ צוואנציג ברכות וואס מען זאגט אין אתענית נאזוי וויא עס שטייט אין מסכת תעניתו געגין וועלכע זאך איז דאס. האט רבי חלבו גזאגט געגין דיא פיר אונ צוואנציג תפלות וואס שלמה המלך הט גזאגט ווען ער האט אריין גיטראגען דעם ארון אין קדשי הקדשים. פרעגט דיא גמרא אויב אזוי זאלען מיר אלע טאג זאגען פיר אונ צוואנציג ברכות. ענטפערט דיא גמרא ווען הט שלמה גזאגט דיא פיר אונ צוואנציג תפלות אין דעם טאג וואס ער איז גיוועזן אין צער. אונ ער האט גידארפט גאט זאל אויף איהם רחמנות האבען. מיר זאגען אויך די פיר אונ צוואנציג ברכות אין דעם טאג וואס מיר זענען אין צער אונ מיר דארפען גאט זאל אויף אונז רחמנות האבען:

(ע"כ) י רבי אליעזר אומר העושה תפלתו קבע וכו' מאי קבע אמר רבי יעקב בר אידי אמר רבי אושעיא כל שתפלתו דומה עליו כמשאוי . ורבנן אמרי כל שאינו אומרה בלשון תוחנונים . רבה ורב יוסף דאמרי תרווייהו כל שאינו יכול לחדש בה דבר . אמר רבי זירא אנא יכילנא לחידושי בה מילתא ומסתפינא דלמא מטרידנא אביי בר אבין ורבי (חייא) [חנינא] בר אבין דאמרי תרוייהו כל שאינו מתפלל עם דמדומי חמה (דאמר רבי חייא בר אבא אמר רבי יוחנן מצוה להתפלל עם דמדומי חמה) ואמר רבי (חייא) [זירא] מאי ראה (תהלים פב) ייראוך עם שמש ולפני ירח דור דורים . לייטי עלה במערבא אמאן דמצלי עם דמדומי חמה. מאי טעמא דילמא מיטרפא ליה שעתא:

רבי

כמשאוי . והיינו לשון קבע חוק קבוע עלי וצריך אני לצאת ידי חובתי : מי שאינו יכול . לכוין לבו לשאול צרכיו : לחדש בה דבר . בבקשתו והיינו לשון קבע . כהיום כן אתמול כן מחר : מטרידנא . שמא אטעה ולא אדע לחזור למקום שפסקתי : שאינו מתפלל עם דמדומי חמה . והיינו לשון קבע תפלתו עליו חק קבוע לצאת ידי חובתו ואינו מקפיד לחזור אחר שעת מצוה ועת רצון : עם דמדומי חמה . תפלת יוצר עם הנץ החמה ותפלת מנחה עם שקיעת החמה : ייראוך עם שמש. זה תפלת יוצר : ולפני ירח . זו מנחה : לייטי במערבא . על מי שמשהא תפלת המנחה עד דמדומי חמה שמא תטרף לו השעה על ידי אונס ויעבור הזמן :

י רַבִּי אֱלִיעֶזֶר זָאגְט אַז אֵיינֶער זָאגְט דִיא תְּפִלָּה אִיז אַקְבַע . וֶוערְט נִיט אָנְגִינוּמֶען זַיין תְּפִלָּה . וָואס אִיז דֶער טַייטְשׁ קֶבַע . הָט רַבִּי יַעֲקֹב בַּר אִידִי גְזָאגְט פוּן רַבִּי הוֹשַׁעְיָא אַז וֶוענִין אַז דִיא תְּפִלָּה (דָאס דַאוֶונֶען) אִיז בַּיי אִיהם אַמַשָּׂא . אוּנ עֶר מוּז דָאס אָפּ טָאהן . קֶבַע אִיז טַייטְשׁ אַאוֹיס גִיזֶעצְטֶע זַאךְ . מֶען הָאט אוֹיךְ גִיזֶעצְט אוֹיף מִיר אִיךְ מוּז אַלֶע טָאג דַאוֶונֶען . אוּנ אִיךְ מוּז אָפּ טָאהן אַלֶע טָאג דִיא אַרְבֶּעט , אַז עֶר זָאגְט אַזוֹי , וֶוערְט נִיט אָן גֶענוּמֶען זַיין תְּפִלָּה . אוּנ דִיא רַבָּנָן זָאגֶען אַז עֶר זָאגְט נִיט דָאס דַאוֶונֶען מִיט גִיבֶּעט . נָאר עֶר זָאגְט אַזוֹי וִויא מֶען דֶער צֵיילְט אַזַאךְ . וֶוערְט נִיט אָן גִינוּמֶען זַיין תְּפִלָּה . רַבָּה אוּנ רַב יוֹסֵף זָאגֶען בֵּיידֶע אַז עֶר קֶען גִיט בַּנַייֶען קַיין זַאךְ אִין דַאוֶונֶען . עֶר בֶּעט נִיט קַיין נַייֶע זַאךְ . נָאר עֶר דַאוִוינְט אַלֶע טָאג דִי זֶעלְבִּיגֶע . דָאס הֵייסְט קֶבַע . אַאוֹיס גִיזֶעצְטֶע תְּפִלָּה אוֹיף זַיין גַאנְצֶען לֶעבִּין , וֶוערְט דִי תְּפִלָּה נִיט אָנְגִינוּמֶען . נָאר יֶעדֶער מֶענְטְשׁ זָאל זֶעהן אַלֶע טָאג אוֹיף אַהֵייךְ וָואס גָאט הָט אִיהם גִיהָאלְפֶען זָאל עֶר זָאגֶען אַנַייעֶם לוֹיב צוּ גָאט . אָדֶער ה"ו אַצָּרָה זָאל עֶר בֶּעטִין צוּ גָאט עֶר זָאל פוּן איר גִיהָאלְפֶען וֶוערִין . רַבִּי זֵירָא הָט גְזָאגְט אִיךְ קֶען בֶּענַייֶען אַזַאךְ אִין דַאוֶונֶען נָאר אִיךְ הָאב מוֹרָא טָאמֶער וֶועל אִיךְ אַטָעוּת הָאבֶּען אוּנ וֶועל נִיט וִויסֶען צוּרִיק אָן צוּ הֵייבֶּען וואו אִיךְ הָאב אוֹיס גִילָאזְט . אַבַּיֵי בַּר אָבִין אוּנ רַבִּי חִיָּיא בַּר אָבִין זָאגֶען בֵּיידֶע דֶער וָואס דַאוִוינְט גִיט וֶוען דִי זוּהן אִיז רוֹיט . אִיז זַיין תְּפִלָּה אַתְּפִלַּת קֶבַע . וָוארוּם רַבִּי חִיָּיא בַּר אַבָּא הָאט גְזָאגְט פוּן רַבִּי יוֹחָנָן וֶועגִין עֶס אִיז אַמִצְוָה מֶען זָאל דַאוֶונֶען וֶוען דִיא זוּהן אִיז רוֹיט . דָאס הֵייסְט אִין דֶער פְרִיא זָאל מֶען דַאוֶונֶען וֶוען דִיא זוּהן שְׁפְּרָאצְט אַרוֹיס וֶוען זִיא אִיז נָאךְ רוֹיט . אוּנ פַארֶען נַאכְט מִנְחָה זָאל מֶען דַאוֶונֶען אֵיידֶער דִי זוּהן גֵייט אוּנְטֶער וֶוען זִיא וֶוערְט רוֹיט . אוּנ אַז עֶר דַאוִוינְט אִין דֶער פְרִיא שְׁפֶּעטֶער . וֶוען עֶר הָט צַייט . אוּנ עֶר זֶעהט נִיט צוּ דַאוֶונֶען וֶוען דִיא מִצְוָה אִיז . זֶעהט מֶען אַז דָאס דַאוֶונֶען אִיז אַאִיבֶּערִיגֶע זַאךְ בַּיי אִיהם . דָאס אִיז אַחוֹב וָואס עֶר מוּז דָאס בַּצָאהלֶען . דְרִיבֶּער וֶוען עֶר הָאט צַייט בַּצָאהלְט עֶר דֶעם חוֹב אוּנ דַאוִוינְט . נָאךְ הָט רַבִּי חִיָּיא גְזָאגְט פוּן וֶועלְכִין פָּסוּק וַוייסֶען מִיר אַז מֶען בַּארְף דַאוֶונֶען אִין דֶער פְרִיא אוּנ פַארִין נַאכְט וֶוען דִיא זוּהן אִיז רוֹיט . עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק זַייא זָאלֶען פַאר דִיר מוֹרָא הָאבֶּען (דַאוֶונֶען שַׁחֲרִית) וֶוען דִי זוּהן גֵייט אַרוֹיס לַייכְטֶען אוֹיף דִיא וֶועלְט . אוּנ אֵיידֶער דִיא לְבָנָה גֵייט אַרוֹיס לַייכְטֶען אוֹיף דִיא וֶועלְט . דָאס הֵייסְט וֶוען דִי זוּהן גֵייט אוּנְטֶער זָאל מֶען דַאוֶונֶען מִנְחָה . אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הָט מֶען גִישָׁאלְטֶען דֶעם וָואס וַוארְט מִיט מִנְחָה בִּיז דִיא זוּהן וֶועט אוּנְטֶער גֵיין . פַאר וָואס טָאמֶער וֶועט בַּייא אִיהם אַוֶועק גֶענוּמֶען וֶוערִין דִיא צַייט . עֶס וֶועט אִיהם טְרֶעפֶען אַסִבָּה אִין דִיא צַייט וֶועט עֶר שׁוֹין נִיט קֶענֶען דַאוֶונֶען מִנְחָה :

יא רבי יהושע אומר המהלך במקום סכנה מתפלל תפלה קצרה ואומר הושע ה' את עמך את שארית ישראל בכל פרשת העבור וכו'. מאי פרשת העבור. אמר רב חסדא אמר מר עוקבא אפילו בשעה שאתה מתמלא עליהם עברה כאשה עוברה יהיו צרכיהם לפניך (אמר רבא) [איכא דאמרי] אמר רב חסדא אמר מר עוקבא אפילו בשעה שהם עוברים עבירה יהיו כל צרכיהם לפניך:

יב אמר ליה אליהו לרב יהודה אחוה דרב סלא חסידא לא תרתח ולא תחטא לא תרוי ולא תחטא. וכשאתה יוצא לדרך המלך בקונך וצא. מאי המלך בקונך וצא אמר רבי יעקב אמר רב חסדא זו תפלת הדרך (דף ל) והיכי מצלי לה רב חסדא אמר מעומד רב ששת אמר אפילו מהלך. רב חסדא ורב ששת הוו קא אזלי באורחא קם רב חסדא וקא מצלי אמר ליה רב ששת לשמעיה מאי קעביד רב חסדא. אמר ליה קאי ומצלי. אמר ליה אוקמן נמי לדידי ואצלי מהיות טוב אל תקרי רע:

בכל פרשת העבור. כמו פרישת העבור: אפילו בשעה שאתה מתמלא עליהם עברה. והכי משמע בכל עניני פרשת העבור (כגון) עברה בעבירה: יהיו כל צרכיהם. גלויים לפניך לרחם עליהם: אפילו בשעה שהם עוברים. לשון פרשת העבור שהם פורשים לעבירה:
לא תרתח. לא תכעוס שמתוך הכעס אתה בא לידי חטא: לא תרוי. לא תשתכר ביין: המלך. טול רשות: רב ששת. מאור עינים היה: מהיות טוב. הואיל ואני יכול להתפלל מעומד שהרי חבורתי עומדת: לא אקרא רע. להתפלל מהלך ואע"פ שמותר ע"כ. ובגמרא סמוך לזה מרימר ומר זוטרא מכנפי בי עשרה בשבתא דרגלא וכו' רב אשי מצלי וכו' וסוף המאמר אמר ליה לא חזינא לרבנן קשישי מינן דעבדי הכי ומלבד סוגית הדין נלמוד מכאן מדות מועילות יעויין שם:

תנו

יא רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ זָאגְט דֶער וָואס גֵייט אִין אַאָרְט וָואס אִיז אַסַכָּנָה: אוּנ דוּרְךְ דִי שְׁרֶעק וֶועט עֶר נִיט קֶענֶען אִין זִינֶען הָאבֶּען דָאס דַאווֶנֶען: זָאל עֶר דַאווֶנֶען אַקוּרְצֶע תְּפִלָּה אוּנ עֶר זָאל זָאגֶען גָאט דַיין פָאלְק דָאס אִיבֶּער בְּלַייבּוּנְג פוּן דִיא יוּדֶען. בְּכָל פָּרָשַׁת הָעִבּוּר. וָואס אִיז דֶער טַייטְשׁ פוּן דִיא וֶוערְטֶער פָּרָשַׁת הָעִבּוּר הָאט רַב חִסְדָּא גְזָאגְט פוּן מַר עוּקְבָאס וֶועגִין: אֲפִילוּ אִין דִיא צַייט וָואס דוּא וֶוערְסְט פוּל אוֹיף זֵייא מִיט כַּעַס. אַזוֹי וִויא אַאִשָּׁה וָואס אִיז מְעוּבֶּרֶת אִיז פוּל מִיט דֶעם קִינְד. פוּן דֶעסטְוֶועגִין זָאל זֵייעֶר בֶּדֶערְפֶענִישׁ זַיין פַר דִיר. דוּא זָאלְסְט זֵייא גֶעבִּין וָואס זֵייא דַארְפֶען. אִיז טַייטְשׁ פָּרָשַׁת הָעִבּוּר וֶוען דוּא שַׁייעֶרְסְט זִיךְ אָפּ מִיט כַּעַס פוּן זֵייא. אַנְדֶערֶע זָאגֶען רַב חִסְדָּא הָאט גְזָאגְט פוּן מַר עוּקְבָאס וֶועגִין. אַזוֹי אִיז דֶער טַייטְשׁ דִיא וֶוערְטֶער פָּרָשַׁת הָעִבּוּר אֲפִילוּ אִין דִיא צַייט וָואס יוּדֶען טוּהֶען עֲבֵירוֹת זָאל אַלֶע זֵייעֶר בֶּדֶערְפֶענִישׁ זַיין פַאר דִיר: דוּא זָאלְסְט זֵייא גֶעבִּין אַלְץ וָואס זֵייא דַארְפֶען. אִיז טַייטְשׁ פָּרָשַׁת הָעִבּוּר וֶוען דִי יוּדֶען שֵׁיידֶען זִיךְ אָפּ צוּ טָאהן עֲבֵירוֹת:

יב אָמַר. אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא הָט גְזָאגְט צוּ רַב יְהוּדָה דֶער בְּרוּדֶער פוּן רַב סָלָא חֲסִידָא זָאלְסְט נִיט זַיין אִין כַּעַס וֶועסְטוּ נִיט זִינְדִיגֶען. זָאלְסְט נִיט זַיין שִׁכּוֹר וֶועסְטוּ נִיט זִינְדִיגֶען: אוּנ אַז דוּא וֶועסְט דַארְפֶען גֵיין אִין וֶועג זָאלְסְטוּ דִיךְ בַּרָאטֶען מִיט גָאט אוּנ דֶער נָאךְ זָאלְסְטוּ גֵיין. הָאט רַבִּי יַעֲקֹב גְזָאגְט פוּן רַב חִסְדָּאס וֶועגִין דָאס מֵיינְט מֶען עֶר זָאל זָאגֶען דִיא תְּפִלָּה וָואס מֶען זָאגְט אַז מֶען גֵייט אִין וֶועג. וואוּ זָאל מֶען זָאגֶען דִיא תְּפִלַּת הַדֶּרֶךְ. רַב חִסְדָּא זָאגְט שְׁטֵייעֶנְדִיג. עֶר זָאל זִיךְ שְׁטֶעלִין אִין וֶועג אוּנ זָאגֶען דִי תְּפִלָּה. רַב שֵׁשֶׁת זָאגְט אֲפִילוּ גֵייעֶנְדִיג מֶעג עֶר אוֹיךְ זָאגֶען דִיא תְּפִלָּה. רַב חִסְדָּא אוּנ רַב שֵׁשֶׁת זֶענֶען גִיגַאנְגֶען אִין וֶועג הָט זִיךְ רַב חִסְדָּא גִישְׁטֶעלְט אוּנ הָט גְזָאגְט דִי תְּפִלַּת הַדֶּרֶךְ. הָט רַב שֵׁשֶׁת גְזָאגְט צוּ זַיין בַּדִינֶער וָואס טוּהט רַב חִסְדָּא (רַב שֵׁשֶׁת אִיז גִיוֶועזְן בְּלִינְד). הָט דֶער בַּדִינֶער גְזָאגְט צוּ רַב שֵׁשֶׁת. רַב חִסְדָּא שְׁטֵייט אוּנ זָאגְט תְּפִלַּת הַדֶּרֶךְ. הָאט רַב שֵׁשֶׁת גְזָאגְט צוּ זַיין בַּדִינֶער שְׁטֶעל מִיךְ אוֹיךְ וֶועל אִיךְ אוֹיךְ זָאגֶען תְּפִלַּת הַדֶּרֶךְ. אַז דוּא קֶענְסְט זַיין גוּט זָאלְסְטוּ נִיט זַיין שְׁלֶעכְט: הָט הָאט רַב שֵׁשֶׁת גִימֵיינְט אוֹיף זִיךְ. אַז אִיךְ קֶען שְׁטֵייעֶנְדִיג זָאגֶען תְּפִלַּת הַדֶּרֶךְ: צוּא וָואס זָאל אִיךְ זָאגִין גֵייעֶנְדִיג:

יג **תנו** רבנן סומא ומי שאינו יכול לכוין הרוחות יכוין לבו כנגד אביו שבשמים שנאמר (מ"א ח) והתפלל לו אל ה' אלהיהם. היה עומד בחוץ לארץ יכוין לבו כנגד ארץ ישראל שנאמר וכו' עד נמצא כל ישראל מכוונים את לבם למקום אחד. אמר רבי אבין ואיתימא רבי אבינא מאי קראה (ש"ה ד) כמגדל דויד צוארך בנוי לתלפיות תל שהכל פונים בו:

מין בשמים. תל פיות כדבעי למימר תל שהכל פונים בו :
וכמה ישהה בין תפלה לתפלה מי שיש עליו חובה ונתפלל לא מבעיא שטעה או משום תוספת כמה ישהה בין זו לזו : שתתחונן. שתהא דעתו מיושבת לערוך דבריו בלשון תחנה: שתתחולל. לשון חלוי והיא היא אלא בלישנא בעלמא פליגי : כנגד בה"ק . הכונה : פונין בה . במקום שבלבו

(פ"ב) **יד כמה** ישהה בין תפלה לתפלה. רב הונא ורב חסדא חד אמר כדי שתתחונן דעתו עליו וחד אמר כדי שתתחולל דעתו עליו מ"ד כדי שתתחונן דעתו עליו דכתיב (דברים ג) ואתחנן אל ה'. ומ"ד כדי שתתחולל דעתו עליו דכתיב (שמות לב) ויחל משה:

אין עומדין פרק חמישי

א אין עומדין להתפלל אלא מתוך כובד ראש. חסידים הראשונים היו שוהין שעה אחת ומתפללין

יג תָּנוּ רַבָּנָן. דִּיא רַבָּנָן הָאבֶּען גֶילֶערוּנְט אַבְּלִינְדֶער. אוּנ דֶער וָואס וֵויס נִיט דִּיא זַייטֶען. וֶועלְכֶע זַייט עֶס אִיז גֶעגִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. זָאל עֶר אִין זִינֶען הָאבֶּען אוּנ טְרַאכְטֶען אִין הַארְצֶען צוּ גָאט וָואס אִין הִימֶעל. אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק זַייא וֶועלֶען בֶּעטִין צוּ גָאט. אַז עֶר אִיז גִישְׁטַאנֶען אִין חוּץ לָאָרֶץ זָאל עֶר טְרַאכְטֶען אִין הַארְצֶען גֶעגִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּנ גֶעגִין קָדְשֵׁי קָדָשִׁים. וֶוערְט גִיפוּנֶען אַלֶע יוּדֶען טְרַאכְטֶען אִין הַארְצֶען תְּפִלָּה צוּ טָאהן צוּ אֵיין אָרְט צוּם קָדְשֵׁי קָדָשִׁים. הָאט רַבִּי אָבִין גִזָאגְט אוּנ אַנְדֶערֶע זָאגֶען רַבִּי אַבִינָא זָאגְט פוּן וֶועלְכִין פָּסוּק וֵוייסֶען מִיר אַז אַלֶע דַארְפֶען דַאוונֶען גֶעגִין יְרוּשָׁלַיִם. עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דַיין הַאלְדז אִיז וִויא דֶער טוּרֶעם פוּן דָּוִיד. וָואס עֶר אִיז גִיבּוֹיט צוּ תַּלְפִּיוֹת. תַּלְפִּיוֹת אִיז טַייטְשׁ דֶער בַּארְג וָואס אַלֶע קֶערִין זִיךְ צוּ אִיהם. דָאס מֵיינְט מֶען אַלֶע שִׁיקֶען זֵייעֶרֶע תְּפִלּוֹת צוּם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ וָואס עֶר שְׁטֵייט אוֹיף דֶעם בַּארְג:

יד כַּמָּה. אוֹיבּ עֶר הָט פַאר גֶעסִין צוּ דַאוונֶען מִנְחָה אוּנ עֶר דַאוִונְט צוּ מַעֲרִיב צְווֵיי מָאהל שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה. וִויא לַאנְג זָאל מֶען וַוארְטֶען פוּן אֵיין שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה צוּא דִיא אַנְדֶערֶע. רַב הוּנָא אוּנ רַב חִסְדָּא קְרִיגֶען אֵיינֶער זָאגְט בִּיז זַיין דֵעָה זָאל בֶּערוּהִיגְט וֶוערִין אַז עֶר זָאל קֶענֶען דַאוונֶען דִי אַנְדֶערֶע שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה מִיט תַּחֲנוּנִים. אוּנ אֵיינֶער זָאגְט זַיין דֵעָה זָאל בֶּערוּהִיגְט וֶוערִין אַז עֶר זָאל קֶענֶען דַאוונֶען דִיא אַנְדֶערֶע שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה מִיט תַּחֲנוּנִים. תִּתְחוֹנֵן אוּנ תִּתְחוֹלֵל אִיז אֵיין מֵיינוּנְג. נָאר דֶער וָואס זָאגְט כְּדֵי שֶׁתִּתְחוֹנֵן דַעְתּוֹ עָלָיו. וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט וָאֶתְחַנַּן. אִיךְ הָאבּ גִיבֶּעטִין. אוֹיף בֶּעטִין שְׁטֵייט דֶער וָוארְט וָאֶתְחַנַּן. לֶערוּנְט עֶר אוֹיךְ מִיט דֶעם וֶועלְכִיגֶען לָשׁוֹן תִּתְחוֹנֵן. אוּנ דֶער וָואס זָאגְט כְּדֵי שֶׁתִּתְחוֹלֵל דַעְתּוֹ עָלָיו: וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט וַיְחַל. עֶר הָט גִיבֶּעטִין. אוֹיף בֶּעטִין שְׁטֵייט דֶער וָוארְט וַיְחַל. לֶערוּנְט עֶר אוֹיךְ מִיט דֶעם וֶועלְכִיגֶען לָשׁוֹן תִּתְחוֹלֵל:

פרק חמישי

א אֵין. מֶען טָאר זִיךְ נִיט שְׁטֶעלֶען דַאוונֶען. נָאר עֶס זָאל זַיין אַרָאפּ גִישְׁוֶוערְט וַארָאפּ גִיבּוֹיגִין דֶער קָאפּ. דֶער מֶענְטְשׁ זָאל פְרִיעֶר בַּאטְרַאכְטֶען זַיין נִידֶערִיגְקֵייט אוּנ דִיא גְרוֹיסְקֵייט פוּן גָאט דִיא מוֹרָא וָואס עֶר בַּארְף הָאבֶּען פַאר גָאט. דִיא פַארְצַייטִיגֶע חֲסִידִים אַז זַייא פְלֶעגִין קוּמֶען אִין שׁוּהל דַאוונֶען. פְלֶעגִין זַייא וַוארְטֶען אַ שָׁעָה. דֶער נָאךְ פְלֶעגִין זַייא דַאוונֶען זַייא לֶעגִין אַרוֹיס טְרַייבֶּען פוּן הַארְץ אַלֶע אַנְדֶערֶע טְרַאכְטוּנְג. אוּנ זַייא זָאלֶען נָאר טְרַאכְטֶען

ומתפללין כדי שיכונו לבם לאביהם שבשמים מנא הני מילי אמר רבי אלעזר דאמר קרא (ש"א א) והיא מרת נפש ותתפלל. ודילמא שאני חנה דמרירא לבא טובא. אלא אמר רבי יוסי בר חנינא מהכא (תהלים ה) ואני ברוב חסדך אבוא ביתך וגו' ודילמא דוד שאני דהוה מצער נפשיה ברחמי טובא אלא אמר ריב"ל מהכא (שם כט) השתחוו לה' בהדרת קודש אל תקרי בהדרת קודש אלא בחרדת קודש ממאי דילמא לעולם אימא לך הדר ממש כי הא דרב יהודה מציין נפשיה והדר מצלי אלא אמר רב נחמן בר יצחק מהכא (שם ב) עבדו את ה' ביראה וגילו ברעדה מאי וגילו ברעדה אמר רב אדא בר (אהבה) [מתנא] אמר רב במקום גילה שם תהא רעדה. רבי ירמיה הוה יתיב קמיה דרב (דרבי זירא) חזייה דהוה בדח טובא. אמר ליה וגילו ברעדה כתיב. אמר ליה תפילין מנחנא. אביי הוה יתיב קמיה דרבה חזייה דהוה יתיב וקא בדח טובא אמר ליה לא סבר לה מר (משלי יד) בכל עצב יהיה מותר. אמר ליה תפילין מנחנא:

להתפלל: מתוך כובד ראש: כל הגזל קודם שיתפלל. מרת נפש: מתוך כובד ראש. מציין נפשיה. מקשט עצמו בבגדים נאים כגון ... עבדו את ה' ביראה. תפלה שהיא לנו במקום עבודה היא בעזרה: גילה שם תהא רעדה. יתיב בדח: שמחה כפורק עול: תפילין מנחנא. וכל עצב יהיה מותר שמתמלאת קוני וברכתו עלי: בכל עצב יהיה מותר.

זייער פאטער וואס אין הימעל צו גאט. פרעגט די גמרא פון וואנען ווייסען מיר די רייד אז א מענטש זאל זיין ביי זיך גאנץ נידעריג אונ צו בראכען ווען ער גייט דאווענען. האט רבי אלעזר געזאגט דער פסוק זאגט ביי חנה זיא איז געוועזען פאר ביטערט ווען זיא האט זיך געשטעלט מתפלל זיין צו גאט. זאגט די גמרא טאמער ביי חנה איז וואס אנדערש איר הארץ איז געוועזען שטארק פאר ביטערט. מיט דעם ביטערקייט האט זיא מתפלל געוועזען אויך. נאר רבי יוסי בר חנינא זאגט פון דאנען ווייסען מיר אז א מענטש דארף זיין ביי זיך נידעריג ווען ער גייט דאווענען. דוד המלך האט געזאגט איך קום אין דיין היכל מתפלל צו זיין. דורך דיינע פיל חסדים וואס דו האסט מיט מיר געטאהן. אונ איך בוק מיך צו דיין הייליגען היכל מיט גרויס מורא. זאגט די גמרא טאמער ביי דוד איז אנדערש געוועזען ער פלעגט זיך שטארק מצער זיין ביי זיינע תפלות. נאר זאגט רבי יהושע בן לוי פון דאנען ווייסען מיר אז מען דארף דאווענען מיט מורא. דוד המלך האט געזאגט צו אנדערע מענטשען איר זאלט אייך בוקען צו גאט מיט הדרת קודש. זאגט די גמרא זאלסט ניט לייענען מיט הדרת קודש. נאר זאלסט לייענען בחרדה קודש מיט הייליגע ציטערניש. מיט א הייליגע מורא פאר גאט זאלט איר אייך בוקען צו גאט. פרעגט די גמרא פון וואנען ווייסטו צוא לייענען בחרדת קודש טאמער מיינט מען בהדרת קודש מיט א הייליגע שיינקייט. אזוי וויא רב יהודה פלעגט טאהן ער האט זיך אנגעציירט מיט שיינע קליידער דער נאך האט ער גידאווינט. נאר זאגט רב נחמן בר יצחק פון דאנען ווייסען מיר אז מען דארף דאווענען מיט מורא. דוד המלך האט געזאגט צו אנדערע מענטשען איר זאלט דינען גאט מיט מורא איר זאלט אייך פרייען מיט ציטערניש. וואס מיינט מען די פרייד זאל זיין מיט ציטערניש האט רב אדא בר מתנא געזאגט רב האט געזאגט אויף דעם ארט וואס איר פרייט אייך פאר גאט מיט געזאנג אונ לויב דארט זאלט איר זיין מיט ציטערניש. רבי ירמיה איז געזעסען פאר רבי זירא האט רבי זירא געזעהן וויא רבי ירמיה לאכט זייער פיל. האט רבי זירא געזאגט צו רבי ירמיה עס שטייט דאך מען זאל זיך פרייען מיט ציטערניש. האט רבי ירמיה געזאגט צו רבי זירא איך ליג דאך תפילין. איך טראג תפילין. אונ די תפילין דער מאנען מיך די מורא פון גאט אפילו ווען איך לאך. אביי איז געזעסען פאר רבה. האט אביי געזעהן וויא רבה זיצט אונ לאכט זייער פיל האט אביי געזאגט צו רבה האלט דען ניט דער רבי וואס שלמה המלך האט געזאגט אז א מענטש איז טרויריג געפינט ער איבעריגקייט. אז א מענטש איז טרויריג אונ האט מורא פאר דעם יום הדין. געפינט ער איבעריגקייט. טוהט ער מעהר תשובה אונ מעשים טובים. האט רבה געזאגט צוא אביי איך האב געלייגט תפילין. אונ אז מען טוהט א מצוה מעג מען זיין פרייליך:

(דף לא) ב תנו רבנן אין עומדין להתפלל לא מתוך עצבות ולא מתוך עצלות ולא מתוך שחוק ולא מתוך שיחה ולא מתוך קלות ראש ולא מתוך דברים בטלים אלא מתוך שמחה של מצוה ולא יפטר אדם מחבירו לא מתוך שיחה ולא מתוך שחוק ולא מתוך קלות ראש ולא מתוך דברים בטלים אלא מתוך דבר הלכה שכן מצינו בנביאים הראשונים שסיימו דבריהם בדברי שבח ותנחומים . וכן תני מרי בריה דרב הונא בריה דרבי ירמיה בר אבא אל יפטר אדם מחבירו אלא מתוך דבר הלכה שמתוך כך זוכרהו כי הא דרב כהנא אלוייה לרב שימי בר אשי מפום נהרא עד בי ציניתא דבבל כי מטא להתם א"ל מר ודאי דאמרי אינשי הני ציניתא דבבל איתנהו מאדם הראשון ועד השתא אמר ליה אדכרתן מילתא דרבי יוסי בר חנינא דאמר רבי יוסי בר חנינא מאי דכתיב (ירמיה ב) בארץ לא עבר בה איש ולא ישב אדם שם. וכי מאחר שלא עבר האיך ישב אלא לומר לך כל ארץ שגזר עליה אדם הראשון לישוב נתישבה וכל ארץ שלא גזר

פירוש

כשאדם מראה עצמו עלב יהיה לו שכר : שיחה . ליצנות : מתוך קלות ראש . הליף של כובד ראש (מתוך זחות לב ועתק) : אלא מתוך שמחה של מצוה. כגון דברי תנחומין של תורה כגון סמוך לגאולה מצרים או סמוך לתהלה לדוד שהוא של שבח ותנחומין כגון רצון יראיו יעשה שומר ה' את כל אוהביו וכגון מקראות הסדורות בתפלת ערבית כי לא יטוש ה' את עמו וכיוצא בהן : אלוייה . ליוהו בדרך : ציניתא . דקלים : אדכרתן מלתא וכו' . זהו שאומרים מימות אדם הראשון הם שהוא גזר על אותו מקום לישוב דקלים :

ב תָּנוּ רַבָּנַן . דִיא רַבָּנָן הָאבֶּען גֶעלֶערוּנְט מֶען טָאר זִיךְ נִיט שְׁטֶעלֶען דַאוֶונֶען נִיט פוּן טְרוֹירִיגְקֵייט אוּנ נִיט פוּן פוֹיְלְקֵייט אוּנ נִיט פוּן גֶילֶעכְטֶער אוּנ נִיט פוּן שְׁמוּעֶסִין אוּנ נִיט מִיט אַגְרִינְגֶען קָאפּ : (מִיט גְרוֹיסְקֵייט אוּנ מִיט הָעֲזָה) אוּנ נִיט פוּן לֵיידִיגֶע רֵייד וָואס מֶען בַּארְף זֵייא נִיט רֵיידֶען נָאר אַז עֶר אִיז פְרֵייליךְ פוּן אַמִצְוָה וָואס עֶר הָאט גִיטָאהן זָאל עֶר זִיךְ שְׁטֶעלֶען דַאוֶונֶען צוּ שַׁחֲרִית זָאל עֶר זַיין פְרֵייליךְ פוּן דִיא גְאוּלָה וָואס גָאט הָאט אוֹיס גִילֵייזְט דִי יוּדֶען פוּן מִצְרַיִם . צוּא מִנְחָה זָאל עֶר זַיין פְרֵייליךְ פוּן דֶעם פָּסוּק רְצוֹן יְרֵאָיו יַעֲשֶׂה. גָאט טוּהט דֶעם ווִילֶען פוּן דִיא וָואס הָאבֶען מוֹרָא פַאר אִיהם. צוּ מַעֲרִיב זָאל עֶר זַיין פְרֵייליךְ פוּן דֶעם פָּסוּק כִּי לֹא יִטּוֹשׁ ה' אֶת עַמּוֹ. גָאט וֶועט נִיט פַאר לָאזֶען זַיין פָאלְק . אַמֶענְטְשׁ זָאל נִיט אַוֶועק גֵיין פוּן זַיין חַבֵר נִיט פוּן שְׁמוּעֶסִין אוּנ נִיט פוּן גִילֶעכְטֶער אוּנ נִיט פוּן אַגְרִינְגֶען קָאפּ . מִיט גְרוֹיסְקֵייט אוּנ מִיט הָעֲזָה אוּנ נִיט פוּן לֵיידִיגֶע רֵייד וָואס מֶען בַּארְף זֵייא נִיט רֵיידֶען נָאר עֶר זָאל רֵיידֶען מִיט אִיהם אִין אַדִין אֵיידֶער עֶר גֵייט אַוֶועק פוּן אִיהם. אַזוֹי גֶעפִינֶען מִיר בַּיי דִי עֶרְשְׁטֶע נְבִיאִים זֵייא הָאבֶען אוֹיס גִילָאזֶען זֵייעֶרֶע רֵייד מִיט לוֹיבּ צוּ גָאט אוּנ מִיט טְרֵייסְטוּנְג צוּא דִיא יוּדֶען . אוּנ אַזוֹי הָאט גִילֶערוּנְט מָרִי דֶער זוּהן פוּן רַב הוּנָא . רַב הוּנָא אִיז גִיוֶועֶן דֶער זוּהן פוּן רַבִּי יִרְמְיָה בַּר אַבָּא אַמֶענְטְשׁ זָאל נִיט אַוֶועק גֵיין פוּן זַיין חַבֵר נָאר עֶר זָאל רֵיידֶען מִיט אִיהם אַדִין אֵיידֶער עֶר גֵייט אַוֶועק פוּן אִיהם . דוּרְךְ דֶעם וֶועט אֵיינֶער גִידֵיינְקֶען דֶעם אַנְדֶערִין . רַב כַּהֲנָא הָאט בַּגְלֵייט צוּ רַבִּי שִׁימִי בַּר אַשִׁי פוּן פוּם נַהֲרָא בִּיז דִיא טֵייטוּל בּוֹימֶער פוּן בָּבֶל . אַז זֵייא זֶענֶען גִיקוּמֶען דָארְטֶען . בַּיי דִיא בּוֹימֶער פוּן בָּבֶל ; הָאט רַב כַּהֲנָא גִזָאגְט צוּא רַבִּי שִׁימִי רַבִּי אִיז אֱמֶת וָואס מֶענְטְשִׁין זָאגִין אַז דִיא טֵייטוּל בּוֹימֶער פוּן בָּבֶל זֶענֶען פוּן אָדָם הָרִאשׁוֹן בִּיז אִיצְט . הָאט רַב שִׁימִי גִזָאגְט צוּ רַב כַּהֲנָא דוּא הָאסְט מִיךְ דֶער מָאנְט אַזַאךְ וָואס רַבִּי יוֹסִי בַּר חֲנִינָא הָט גִזָאגְט וָוארוּם רַבִּי יוֹסִי בַּר חֲנִינָא הָט גִזָאגְט וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אִין אַזוֹי אַלַאנְד וָואס קֵיין מֶענְטְשׁ אִיז אִין אִיר נִיט דוּרְךְ גִיגַאנְגֶען . אוּנ קֵיין מֶענְטְשׁ אִיז אִין אִיר נִיט גִיזֶעסֶען ; אִיז דָאךְ דִיא קַשְׁיָא אַז קֵיין מֶענְטְשׁ אִיז נִיט דוּרְךְ גִיגַאנְגֶען אִין דִיא לַאנְד . וִויא אַזוֹי אִיז עֶר גִיזֶעסֶען . אַז דֶער פָּסוּק דֶער צֵיילְט קֵיין מֶענְטְשׁ אִיז נִיט דוּרְךְ גִיגַאנְגֶען אִין דִיא לַאנְד צוּ וָואס בַּארְף מֶען זָאגֶען אַז עֶר אִיז נִיט גִיזֶעסֶען . וֶוער זָאל זִיצֶען . נָאר דֶער פָּסוּק קוּמְט זָאגֶען דִיא לַאנְד וָואס אָדָם הָרִאשׁוֹן הָאט אוֹיף אִיר גוֹזֵר גִיוֶועֶן זִיא זָאל בַּזֶעצְט וֶוערִין מִיט מֶענְטְשִׁין אִיז זִיא בַּזֶעצְט גִיוָוארִין מִיט מֶענְטְשִׁין אוּנ דִיא לַאנְד וָואס אָדָם הָרִאשׁוֹן הָאט נִיט גוֹזֵר גִיוֶועֶן אוֹיף אִיר זִיא זָאל בַּזֶעצְט וֶוערִין לֹא נִתְיַשְּׁבָה אִיז זִיא נִיט

בזעצט

נזר עליה אדם הראשון לישוב לא נתישבה:

ג **מר** בריה דרבינא עבד הלולא לבריה רזנהו לרבנן דהוו קא בדחי טובא אייתי כסא דמוקרא בת ה' זוזי ותבר קמייהו ואיעציבו. רב אשי עבד הלולא לבריה חזנהו לרבנן דהוו קא בדחי טובא אייתי כסא דזוגיתא חיוורתא והבר קמייהו ואעציבו. אמרו ליה רבנן לרב המנונא זוטי בהלולא דמר בריה דרבינא לישרי לן מר. אמר להו ווי לן דמיתנן ווי לן דמיתנן אמרו ליה אנן מה נעני בהרך אמר להו (אי תורה ואי מצוה דבטלן מינן. אוכא דאמרי הכי קאמר להו, הי תורה והי מצוה דמגנו עלן. אמר רבי יוחנן משום רבי שמעון בן יוחאי אסור לאדם שימלא שחוק פיו בעוה"ז שנאמר (תהלים קכו) אז ימלא שחוק פינו ולשוננו רנה אימתי בזמן שיאמרו בגוים הגדיל ה' לעשות עם אלה. אמרו עליו על ריש לקיש שמימיו לא מלא שחוק פיו מכי שמעה מרבי יוחנן רביה:

ד **תנו** רבנן המתפלל צריך שיכוין את לבו לשמים. אבא שאול אומר סימן לדבר (תהלים י) תכין לבם תקשיב אזנך. תניא אמר רבי יהודה כך היה מנהגו של

כסא דמוקרא. כוס של זכוכית לבנה: לישרי לן מר. שיר: הי תורה והי מצוה דמגני עלן. לאוס תורה עסקנו והיכן מצות שאנו מקיימים שיגינו עלינו מדינה של גיהנם:

תכין

בזעצט געווארין:

ג מר. מר דער זוהן פון רבינא האט געמאכט חתונה זיין זוהן. האט ער געזעהן די רבנן לאכען זייער פיל האט ער געבראכט אגלאז אטייערע וואס קאסט פיר הונדערט גילדען. אונ האט צו בראכען פאר זיי זענען זיי טרויריג געווארין:

רב אשי האט געמאכט חתונה זיין זוהן האט ער געזעהן די רבנן לאכען זייער פיל האט ער געבראכט אכוס פון ווייסע גלאז אונ האט צוא בראכען פאר זייא. זענען זייא טרויריג געווארין. זיי האבען זיך דער מאנט אז דער מענטש איז אויך אטייערע כלי אונ וועט אמאהל צוא בראכען ווערין ער וועט שטארבען. די רבנן האבען געזאגט צו רב המנונא זוטי אויף דער חתונה פון מר דער זוהן פון רבינא זאל דער רבי עפעס זינגען. דאט רב המנונא געזאגט צו דיא רבנן ווי צו אונז מיר וועלען שטארבען ווי צו אונז מיר וועלען שטארבען. האבען די רבנן געזאגט צו רב המנונא וואס זאלען מיר ענטפערין נאך דיר. האט רב המנונא געזאגט צוא דיא רבנן. איר זאלט זאגען וואו איז דיא תורה אונ מצות וואס וועלען בטל ווערין פון אונז. וואס נאך דעם שטארבען קען מען ניט לערנען תורה אונ ניט מקיים זיין קיין מצוה. אנדערע זאגען אזוי האט רב המנונא געזאגט צו די תלמידים איר זאלט זאגען וואו איז דיא תורה וואס מיר האבען געלערנט אונ דיא מצות וואס מיר האבען געטאהן זיי זאלען בשיצען אויף אונז פון דעם טויט:

אמר. רבי יוחנן האט געזאגט פון רבי שמעון בן יוחאי וועגין אמענטש טאר ניט צו פיל לאכען אויף דיא וועלט ווארום עס שטייט דא מאלס וועט דער פילט ווערין אונזער מויל מיט געלעכטער אונ אונזער צונג מיט געזאנג. ווען. אין דיא צייט וואס עס וועט געזאגט ווערין צווישען דיא פעלקער גאט האט געטאהן גרויסע טובות מיט דיא דאזיגע. מיט די יודען. מען האט געזאגט אויף ריש לקיש ציינט ער האט געלערנט האט ער ניט געלאכט מיט דעם פולען מויל. ווייא ער האט געהערט פון זיין רבי רבי יוחנן אז מען טאר ניט לאכען מיט דעם פולען מויל: פון דער צייט אן האט ער נים געלאכט מיט דעם פולען מויל. אזוי לאנג וויא ער האט געלעבט:

ד תנו רבנן: דיא רבנן האבען געלערנט דער וואס דאווינט דארף טראכטען אין הארצען צו גאט. אבא שאול זאגט אציייכען צו דער זאך דוד המלך זאגט צו גאט דוא טוהסט אן בריייטען זייער הארץ זייא זאלען מתפלל זיין צו דיר. דער נאך טוהען דיינע אויערין פארנעמען זאס זייא בעטין צו דיר. מיר האבען געלערנט רבי יהודה האט געזאגט אזוי איז געוועזן דער

תכון. את תכון לבם את תקשיב אזנך: שאינו הגון. פירשו בתוספות אע"ג דליכא איסורא דאורייתא דאי איכא איסורא (דאורייתא) פשיטא כוכה זוכית כתיב ע"כ: שצריך להודיעו. שנחשד צריך לנקות עצמו מן החשד ולהודיע את החושדו שאין בו אותו דבר מגונה: לפני בת בליעל. אל

של רבי עקיבא כשהיה מתפלל עם הצבור היה מקצר ועולה מפני טורח צבור וכשהיה מתפלל בינו לבין עצמו אדם מניחו בזוית זו ומוצאו בזוית אחרת וכל כך למה מפני כריעות והשתחויות. אמר רב המנונא כמה הלכתא גברוותא איכא למשמע מהני קראי דחנה (ש"א א) וחנה היא מדברת על לבה מכאן למתפלל צריך שיכוין את לבו. רק שפתיה נעות מכאן למתפלל צריך שיחתוך בשפתיו. וקולה לא ישמע מכאן למתפלל שלא ישמיע קולו בתפלתו. ויחשבה עלי לשכורה מכאן שהשכור אסור להתפלל. (שם) ויאמר אליה עלי עד מתי תשתכרין ואמר רבי אלעזר) מכאן לרואה (ע"ב) דבר שאינו הגון בחברו שחייב להוכיחו. (שם) ותען חנה ותאמר לא אדוני אמר עולא (ואיתימא רבי יוסי בר חנינא) אמרה ליה לא ארון אתה בדבר זה ולא רוח הקודש שורה עליך שאתה חושדני בדבר הזה איכא דאמרי הכי אמרה ליה לא אדון אתה בדבר זה לא איכא שכינה ורוח הקודש גבך שדנתני לכף חובה ולא דנתני לכף זכות מי לא ידעת דאשה קשת רוח אנכי. ויין ושכר לא שתיתי (אמר רבי אלעזר) מכאן לחושדין אותו בדבר ואין בו שצריך להודיעו. אל תתן את אמתך לפני בת בליעל

פירוש פון רבי עקיבא אז ער האט גידאווינט מיט דעם מנין. מיט נאך מענטשין צו זאמען האט ער קורץ גידאווינט אונ איז אוועק גיגאנגען פון דאווענען. ווייל ער האט ניט גיוואלט מטריח זיין די מענטשין זיי זאלען ווארטען אויף איהם מיט דעם דאווענען; אז ער האט גידאווינט פאר זיך אליין. אז א מענטש האט איהם גילאזען אין דעם ווינקעל. האט ער איהם גיטראפען אין איין אנדער ווינקעל. פאר וואס איז דאס אזוי גיוועזען ווייל ער האט געקניט אונ האט זיך געבוקט צו גאט. האט רב המנונא גזאגט. וויא פיל שטארקע דינים קענען מיר וויסען פון די פסוקים פון חנה. עס שטייט אין פסוק חנה האט גירעדט אויף איר הארץ. פון דאנען ווייסען מיר. דער וואס דאווינט דארף אין זינען האבען אונ טראכטען אין הארץ וואס ער רעט. נאר אירע לעפצין האבען זיך געשאקילט. פון דאנען ווייסען מיר דער וואס דאווינט דארף ארויס ריידען מיט די לעפצין יעדער ווארט. אונ איר קול איז ניט גיהערט גיווארען פון דאנען ווייסען מיר דער וואס דאווינט זאל ניט מאכען הערין זיין קול אין דאווענען. ער זאל דאווענען גאנץ שטיל עס זאל קיינער ניט הערין וואס ער דאווינט. עלי האט גירעכינט אז חנה איז שכור. פון דאנען ווייסען מיר אז א שיכור טאר ניט דאווענען. האט עלי גזאגט צו חנה ביז וואנען וועסטו זיין שכור האט רבי אלעזר גזאגט פון דאנען ווייסען מיר אז איינער זעהט זיין חבר טוהט א זאך וואס ניט רעכט איז צו טאהן דארף ער איהם שטראפען; האט חנה גיענפערט אונ האט גזאגט ניין מיין הער. האט עולא גזאגט אונ אנדערע זאגען רבי יוסי בר חנינא האט גזאגט חנה האט גזאגט צו עלי דוא ביסט ניט קיין האר אין דיא זאך. אונ אויף דיר רוהט ניט קיין רוח הקודש אז דוא ביסט מיר חושד אויף א זאך. אנדערע זאגען אזוי האט חנה גזאגט צו עלי דוא ביסט ניט קיין האר אין דיא זאך ביי דיר איז ניטא דיא שכינה אונ ניט קיין רוח הקודש ווייל דוא האסט מיך געמשפט שולדיג צו מאכען אונ האסט מיך ניט געמשפט גירעכט צו מאכען; האסטו דען ניט געוואוסט אז איך בין א אשה מיט א שווערין מוהט אונ וויין אונ אלטען וויין האב איך ניט גיטרונקען. האט רבי אלעזר גזאגט פון דאנען ווייסען מיר אז מען איז חושד א מענטשין אין א זאך אונ אין איהם איז גיטא דיא שלעכטע זאך וואס מען טראכט אויף איהם דארף ער מאכען וויסען צו דיא מענטשין וואס זענען איהם חושד אז ער איז ריין פון דיא זאך. חנה האט גזאגט צו עלי דוא זאלסט ניט רעכענען דיין דינסט פאר א בת בליעל. האט רבי אלעזר גזאגט פון דאנען ווייסען מיר אז א שכור דאווינט איז גלייך וויא ער וואלט גערינט עבודה זרה. דא שטייט לפני בת בליעל אונ דארטען שטייט יצאו אנשים בני בליעל. אזוי וויא דארט מיינט מען

בליעל אמר רבי אלעזר מכאן לשכור שמתפלל כאלו עובד עבודת כוכבים כתיב הכא לפני בת בליעל וכתיב התם (דברים יג) יצאו אנשים בני בליעל מה להלן עבודת כוכבים אף כאן עבודת כוכבים . ויען עלי ויאמר לכי לשלום . מכאן לחושד בחבירו בדבר שאין בו שצריך לפייסו (בדברים) ולא עוד אלא שצריך לברכו שנאמר (ש"א א) ואלהי ישראל יתן את שלתך :

תתני כבת בליעל לחשדי כשכורה : והמ"ג א . להיחד עם אחרים ויחשדו כולי : פלטר . סקו : ג' אמות . ודיש

{ותדר נדר ותאמר ה' צבאות} :

ה אמר רבי אלעזר מיום שברא הקב"ה את עולמו לא היה אדם שקראו להקב"ה צבאות עד שבאת חנה וקראתו צבאות אמרה חנה לפני הקב"ה רבש"ע מכל צבאי צבאות שבראת בעולמך קשה בעיניך ליתן לי בן אחד (מהם) משל למלך בשר ודם שעשה סעודה גדולה וזימן כל בני עירו בא עני אחד ועמד על הפתח אמר להם תנו לי פרוסה אחת ולא השגיחו עליו אמר אדוני המלך מכל סעודה גדולה שעשית קשה בעיניך ליתן לי פת אחד ביניהם . (ש"א א) אם ראה תראה . א"ר אלעזר אמרה חנה לפני הקב"ה רבש"ע אם ראה מוטב ואם לאו תראה אלך ואסתתר בפני אלקנה בעלי ויקנא בי וישקני מי סוטה ואין אתה עושה תורתך פלסתר שנאמר (במדבר ה) ונקתה ונזרעה זרע . הניחא למ"ד

דיא בְּנֵי בְלִיַעַל זֶענֶען אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען דִינֶען עֲבוֹדָה זָרָה אַזוֹי דָא מֵיינְט מֶען אוֹיךְ עֲבוֹדָה זָרָה. חַנָה זָאגְט צוּ עֵלִי זָאלְסְט נִיט מֵיינֶען אַז אִיךְ בִּין שִׁכּוֹר אוּנ בִּין מִתְפַּלֵל וָואס דָאס אִיז גְלַייךְ וִויא מֶען דִינְט עֲבוֹדָה זָרָה. עֵלִי הָאט גִיעֶנְטְפֶערְט אוּנ הָאט גְזָאגְט צוּ חַנָה גֵיי צוּ שָׁלוֹם פוּן דַאנֶען הֵייסֶען מִיר אַז אֵיינֶער אִיז חוֹשֵׁד זַיין חָבֵר. אוּנ דֶער חָבֵר הָאט דִיא זַאךְ נִיט גִיטָאהְן דַארְף עֶר אִיהם אִיבֶּער בֶּעטִין. אוּנ נִיט גֶענוּג עֶר זָאל אִיהם אִיבֶּער בֶּעטִין נָאר עֶר דַארְף אִיהם בֶּענְטְשִׁין אוֹיךְ. אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק. עֵלִי הָאט גְזָאגְט דֶער גָאט פוּן יִשְׂרָאֵל זָאל דִיר גֶעבִּין וָואס דוּא הָאסְט בַּיי אִיהם גִיבֶּעטִין. חַנָה הָאט גִיטָאהְן אַנֶדֶר אוּנ הָאט גְזָאגְט. גָאט פוּן אַלֶע הֶערְשַׁאפְט. הָאט רַבִּי אֶלְעָזָר גְזָאגְט פוּן דֶעם טָאג וָואס גָאט הָט בַּשַׁאפֶען דִי וֶועלְט אִיז נִיט גִיוֶוען אֵיין מֶענְטְשׁ וָואס זָאל רוּפֶען גָאט אַז עֶר אִיז אִיבֶּער אַלֶע הֶערְשַׁאפְט; בִּיז חַנָה אִיז גִיקוּמֶען אוּנ הָאט גִירוּפֶען גָאט אַז עֶר אִיז אִיבֶּער אַלֶע הֶערְשַׁאפְט. חַנָה הָאט גְזָאגְט פַאר גָאט. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם פוּן אַזוֹי פִיל הֶערְשַׁאפְט וָואס דוּא הָאסְט בַּשַׁאפֶען אִין דַיין וֶועלְט אִיז שְׁוֶוער אִין דַיינֶע אוֹיגֶען דוּ זָאלְסְט מִיר גֶעבִּין אֵיין זוּהן. דָאס אִיז גְלַייךְ וִוי אַמֶלֶךְ הָט גִימַאכְט אַגְרוֹיסֶע סְעוּדָה אוּנ הָאט פַר בֶּעטִין צוּ דִיא סְעוּדָה אַלֶע מֶענְטְשִׁין פוּן שְׁטָאט. אִיז גִיקוּמֶען אַיין אָרֶעמֶער מַאן אוּנ הָאט זִיךְ גִישְׁטֶעלְט בַּיי דִי טִיר אוּנ הָט גְזָאגְט צוּ דִיא מֶענְטְשִׁין גִיט מִיר אַשְׁטִיקוּל פוּן דִיא סְעוּדָה. הָאבֶּען זֵיי נִישְׁט גִיוָואלְט קוּקֶען אוֹיף אִיהם. הָט דֶער אָרֶעמֶער מַאן גְזָאגְט צוּם מֶלֶךְ מַיין הַאר אוּנ קֶענִיג פוּן דִיא גַאנְצֶע סְעוּדָה דִיא גְרוֹיסֶע וָוס דוּא הָאסְט גִימַאכְט אִיז שְׁוֶוער אִין דַיינֶע אוֹיגֶען דוּא זָאלְסְט מִיר אוֹיךְ גֶעבִּין אַשְׁטִיקוּל בְּרוֹיט צְווִישֶׁען זֵייא. חַנָה הָאט גְזָאגְט אוֹיבּ זֶעהְן וֶועסְטוּ זֶעהְן הָאט רַבִּי אֶלְעָזָר גְזָאגְט חַנָה הָאט גְזָאגְט פַר גָאט; רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אוֹיבּ דוּא הָאסְט שׁוֹין גִיזֶעהֶן אַז אִיךְ זָאל הָאבֶּען קִינְדֶער. אִיז גוּט. אוּנ אוֹיבּ דוּא הָאסְט נָאךְ נִיט גִיזֶעהֶן אַז אִיךְ זָאל הָאבֶּען קִינְדֶער. וֶועסְטוּ זֶעהְן. ווִי אַזוֹי: אִיךְ וֶועל גֵיין אוּנ וֶועל מִיךְ פַאר בָּארְגִין (מִיט אַפְרֶעמְדִין מַאן) פַאר מַיין מַאן אֶלְקָנָה וֶועט עֶר מִיר אָן זָאגֶען אַז אִיךְ זָאל מִיךְ נִיט פַאר בָּארְגֶען מִיט דֶעם מַאן וֶועט מֶען מִיר גֶעבִּין טְרִינְקֶען דִיא וַואסֶער וָואס אַסוֹטָה טְרִינְקְט (וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין סֶדְרָה נָשֹׂא) אוּנ דוּא וֶועסְט דָאךְ נִיט מַאכֶען דַיין תּוֹרָה פַאר אַלִינְגְנֶער אוּנ אִין דַיין תּוֹרָה שְׁטֵייט אַז זִיא וֶועט זַיין רֵיין. זִי הָט נִיט סוֹטָה גִיוֶוען וֶועט זִיא הָאבֶּען קִינְדֶער; זָאגְט דִיא גְמָרָא דָאס אִיז רֶעכְט נָאךְ דֶעם וָואס זָאגְט וְנִזְרְעָה זֶרַע מֵיינְט מֶען אוֹיבּ זִיא אִיז גִיוֶוען אַעֲקָרָה וֶוערְט זִיא גִיהֵיילְט צוּ קִינְדֶער הָאבֶּען

אלו לשון פיהם : בדקי מיתה : שבשעה נבדקת בכס בשעת סכנה שאם ימצא בה אחד מהן תמות : נדה חלה והדלקת נר . של שבת על ג' עבירות הללו נשים מתות וטעמא יליף במסכת שבת : שמובלע בין אנשים . רב דימי מפרש לה לא ארוך ולא גוץ וכו' : אלם . פירוש עב : צחור . רוס בלע"ז : גיחור .

למ"ד אם היתה עקרה נפקדת שפיר אלא למ"ד [אם היתה] יולדת בצער יולדת בנחת נקבות יולדת זכרים קצרים יולדת ארוכים שחורים יולדת לבנים מאי אם ראה תראה . דברה תורה כלשון בני אדם . בעני אמתך וזכרתני ולא תשכח את אמתך ונתתה לאמתך . אמר ר' אליעזר (א"ר יוסי בר חנינא) שלש אמתות הללו למה אמרה חנה לפני הקדוש ב"ה רבש"ע שלש בדקי מיתה בראת באשה ואמרי לה ג' דבקי מיתה בראת באשה אלו הן נדה חלה והדלקת הנר כלום עברתי על אחד מהן . ונתתה לאמתך זרע אנשים מאי זרע אנשים אמר רב גברא בגוברין ושמואל אמר זרע שימשח שני אנשים ומאן נינהו שאול ודוד ורבי יוחנן אמר זרע ששקול כשני אנשים ומאן נינהו משה ואהרן שנאמר (תהלים צט) משה ואהרן בכהניו ושמואל בקוראי שמו ורבנן אמרי זרע שמובלע בין אנשים כי אתא רב דימי אמר לא ארוך ולא גוץ (ולא קטן ולא אלם) לא צחור ולא גיחור ולא

איז גוט דער מיינונג פון דיא צוויי ווערטער ראה תראה . אזוי וויא מען הט גזאגט . נאר נאך דעם וואס זאגט אויב דיא סוטה איז גיוועזן אַעֲקָרָה הט די תורה גאר ניט צו גזאגט אז זיא וועט האבען קינדער . נאר ונזרעה זרע מיינט מען אויב זיא פלעגט שווער האבען קינדער . וועט זיא האבען גרינג . אויב זיא פלעגט האבען נְקבות וועט זיא האבען זכרים . אויב זיא פלעגט האבען נידריגע קינדער וועט זיא האבען הויכע קינדער . אויב זיא פלעגט האבען שווארצע קינדער וועט זיא האבען ווייסע קינדער . וואס שטייט צוויי מאהל . אויב זעהן וועסט זעהן . ענטפערט די גמרא די תורה רעט אזוי וויא מענטשין רעדין . אונ אמענטש רעט אמאהל איין זאך צוויי מאהל . חנה האט גזאגט דוא זאלסט זעהן דעם פיין פון דיין דינסט ; אונ זאלסט מיך גידיינקען אונ זאלסט ניט פר געסין דיין דינסט . אונ דוא זאלסט געבין צו דיין דינסט ; האט רבי אליעזר גזאגט צו וואס הט חנה גזאגט דריי מאהל דעם ווארט דינסט . חנה האט גזאגט פאר גאט . רבונו של עולם דו האסט בשאפען ביי אאשה דריי מצות . ווען אאשה איז אין אסכנה זוכט מען נאך אויב זיא הט ניט געהיט דיא דריי מצות שטארבט זיא . אונ אנדערע זאגען אזוי הט חנה גזאגט דו האסט בשאפען ביי אאשה דריי מצות . אויב די אשה היט זיי ניט בהעפטין זייא דעם טויט צו איר . דם הייסט זיא שטארבט יונג ; דאס זענען דיא דריי מצות זיא זאל זיין אפ גיזונדערט פון מאן , ווען זיא איז אנדה ; אז זיא קנעט אטייג צום באקין זאל זיא נעמען פון דיא טייג חלה . אונ זיא זאל צינדען ליכט פרייטאג פארין נאכט אויף שבת . האב איך דען עובר גיוועזן אויף איינע פון די מצות האב איך דען ניט געהיט אלע דריי מצות . וואס הט חנה גימיינט ווס זי הט גזאגט דריי מאהל איך בין דיין דינסט . איך בין דיין דינסט צו פאלגין דיך חלה צו נעמען . איך בין דיין דינסט צו היטען נדה . איך בין דיין דינסט צו צינדען ליכט אויף שבת . דוא זאלסט געבין צו דיין דינסט קינדער מענטשין . וואס מיינט מען קינדער מענטשין . האט רב גזאגט ער זאל זיין אמענטש צווישען מענטשין . אונ שמואל זאגט אזוי אקינד וואס ער זאל זאלבען צווייא מענטשין . אונ ווער זענען דיא צווייא מענטשין . שאול אונ דוד . אונ רבי יוחנן זאגט וואס ער זאל זיין גלייך וויא צוויי מענטשין . אונ ווער זענען דיא צוויי מענטשין . משה אונ אהרן . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק משה אונ אהרן אין זייער בדינונג אונ שמואל איז גיוועזן צווישען די וואס רופען זיין נאמען (דעם נאמען פון גאט) . אונ דיא רבנן זאגען אזוי אקינד וואס זאל זיין אוים געמישט צווישען מענטשין . אז רב דימי איז גיקומען האט ער גזאגט . אזוי מיינט מען ער זאל ניט זיין לייננגער ווי אלע מענטשין ער זאל ניט זיין קירצער ווי אלע מענטשין ; אונ ניט דינער ווי אלע מענטשין . אונ ניט גרעבער ווי אלע מענטשין . ניט רויטער ויא אלע מענטשין . אונ ניט ווייסער וויא אלע מענטשין ניט

ולא חכם ולא טפש. אני האשה הנצבת עמכה בזה. אמר רבי יהושע בן לוי מכאן שאסור לישב בתוך ארבע אמות של תפלה. אל הנער הזה התפללתי אמר רבי אלעזר שמואל מורה הלכה בפני רבו היה שנאמר וישחטו את הפר ויביאו את הנער אל עלי משום דוישחטו את הפר הביאו את הנער אל עלי אלא אמר להם עלי קראו כהן ליתי ולשחוט חזנהו שמואל דהוו מהדרי בתר כהן למשחט אמר להו למה לכו לאהדורי בתר כהן למשחט שחיטה בזר כשרה איתוהו לקמיה דעלי אמר ליה מנא לך הא אמר ליה מי כתיב ושחט הכהן (את בן הבקר אלא ושחט את בן הבקר והדר) והקריבו הכהנים כתיב מקבלה ואילך מצות כהונה מכאן לשחיטה שכשרה בזר. אמר ליה מיכר שפיר קא אמרת מיהו מורה הלכה בפני רבך את. וכל המורה הלכה בפני רבו חייב מיתה. אתיא חנה וקא צווחא קמיה אני האשה הנצבת עמכה בזה וגו' אמר לה שבקי לי דאענישיה ובעינא רחמי ויהיב לך רבה מיניה אמרה ליה (לא) אל הנער הזה התפללתי. וחנה היא מדברת על לבה אמר ר"א משום רבי יוסי בן זמרא על עסקי לבה אמרה לפניו רבש"ע כל מה שבראת באשה לא בראת דבר אחד לבטלה עינים לראות ואזנים לשמוע חוטם להריח פה לדבר ידים לעשות בהם מלאכה רגלים להלך בהם דדים להניק

שהוא לגן יותר מדאי: ולא הכל. יותר מדאי שלא יהיה תימה בעיני הבריות ומתוך שמדברים בו ישלוט בו עין הרע (ואולי יאמר שהפסד בגדול חכמתו יבעט באמונה כאלישע אחר): הנצבת עמכה. משמע אף הוא עמה בעמידה: אל הנער הזה. על זה ולא על אחר מכאן שהשתא לפני ורבו נתפייסו והתפלל שינתן לה בן אחר: והקריבו הכהנים. אמרינן בפ"ק דחגיגה והקריבו זו קבלה

קְלִיגֶער ווִי אַלֶע מֶענְטשִׁין. אונ נִיט נאַרִישֶׁער ווִי אַלֶע מֶענְטְשִׁין: אִיךְ בִּין דִי אִשָּׁה ווָאס אִיז גִישְׁטַאנֶען מִיט דִיר אוֹיף דֶעם אָרְט. אַז זִיא זָאגְט צוּ עֶלִי אִיךְ בִּין גִישְׁטַאנֶען מִיט דִיר. ווֶעהְט אוֹיס פוּן אִירֶע רֵייד. אַז עֶלִי אִיז אוֹיךְ גִישְׁטַאנֶען. הָאט רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי גִיזָאגְט פוּן דַאנֶען ווֵייסֶען מִיר אַז מֶען טָאר נִיט זִיצֶען אִין דִי פִיר אֵילֶען פוּן דֶעם ווָאס דַאווִינְט. אוֹיף דֶעם קִינְד הָאבּ אִיךְ גִיבֶּעטִין. הָאט רַבִּי אֶלְעָזָר גִיזָאגְט שְׁמוּאֵל הָט גִיפַּסְקְנְט אַדִין פַר זַיין רַבִּי עֶלִי. אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק מֶען הָט גִישָׁאכְטֶען דֶעם אָקְס אוּנ מֶען הָט גִיבְּרַאכְט דֶעם קִינְד שְׁמוּאֵל צוּ עֶלִי. פְרֶעגְט דִי גְמָרָא ווַייל מֶען הָט גִישָׁאכְטֶען דֶעם אָקְס דֶרִיבֶּער הָאט מֶען גִיבְּרַאכְט דֶעם קִינְד צוּ עֶלִי. ווָאס גִיהֶער דָס אֵיינְס צוּם אַנְדֶערִין. נָאר אַזוֹי אִיז גִיווֶען עֶלִי הָט גִיזָאגְט צוּא דִיא מֶענְטְשִׁין רוּפְט אַכֹּהֵן עֶר זָאל קוּמֶען שֶׁעכְטִין דֶעם אָקְס. הָט שְׁמוּאֵל גִיזֶעהְן אַז דִי מֶענְטְשִׁין זוּכְען אַכֹּהֵן עֶר זָאל שֶׁעכְטִין דֶעם קָרְבָּן. הָט שְׁמוּאֵל גִיזָאגְט צוּ דִיא מֶענְטְשִׁין צוּ ווָאס דַארְפְט אִיר זוּכֶען אַכֹּהֵן עֶר זָאל שֶׁעכְטִין. אַיִשְׂרָאֵל אָדֶער אַלֵוִי מֶעג אוֹיךְ שֶׁעכְטִין אַקָרְבָּן. הָאט מֶען גִיבְּרַאכְט שְׁמוּאֵל פַאר עֶלִי. זָאגְט עֶלִי צוּ שְׁמוּאֵל פוּן ווַאנֶען ווֵייסְטוּ דֶעם דִין. הָט שְׁמוּאֵל גִיזָאגְט צוּ עֶלִי שְׁטֵייט דֶען אִין פָּסוּק דֶער כֹּהֵן זָאל שֶׁעכְטִין דֶעם אָקְס: עֶס שְׁטֵייט נָאךְ עֶר זָאל שֶׁעכְטִין דֶעם אָקְס: ווֶער עֶס ווֶעט שֶׁעכְטִין אֲפִילוּ אַיִשְׂרָאֵל. דֶער נָאךְ שְׁטֵייט דִיא כֹּהֲנִים זָאלֶען מַקְרִיב זַיין דֶעם קָרְבָּן. פוּן צוּ נֶעמֶען דִיא בְּלוּט אוּנ ווַייטֶער גִיהֶער צוּ דִיא כֹּהֲנִים. פוּן דַאנֶען ווֵייסֶען מִיר אַז אַזַר וַאיִשְׂרָאֵל אָדֶער אַלֵוִי) מֶעג שֶׁעכְטִין דֶעם קָרְבָּן. הָט עֶלִי גִיזָאגְט צוּ שְׁמוּאֵל זָאגֶען זָאגְסְטוּ גוּט דוּא הָאסְט אָבֶּער גִיפַּסְקְנְט אַדִין פַר דַיין רֶבִּי אוּנ ווֶער עֶס פַּסְקְנְט אַדִין פַר זַיין רֶבִּי קוּמְט אִיהם מִיתָה. אִיז גִיקוּמֶען חַנָה אוּנ הָאט גִשְׁרִיגֶען פַאר עֶלִי אִיךְ בִּין דִי אִשָּׁה ווָאס אִיז גִישְׁטַאנֶען מִיט דִיר אוֹיף דֶעם אָרְט פוּן ווֶעגִין דֶעם קִינְד. הָט עֶלִי גִיזָאגְט צוּ חַנָה לָאז מִיךְ אִיךְ ווֶעל אִיהם שְׁטְרָאפֶען אוּנ אִיךְ ווֶער בֶּעטִין בַּיי גָאט ווֶעט עֶר דִיר גֶעבִּין אַבֶּעסֶערִין זוּהְן פַאר דֶעם. הָט חַנָה גִיזָאגְט צוּ עֶלִי אוֹיף דֶעם קִינְד הָאבּ אִיךְ גִיבֶּעטֶען. נִיט אוֹיף קֵיין אַנְדֶערִין. חַנָה הָאט גִירֶעט אוֹיף אִיר הַארְץ הָאט רַבִּי אֶלְעָזָר גִיזָאגְט פוּן רַבִּי יוֹסִי בֶּן זִמְרָא ווֶעגִין. פוּן ווֶעגִין דִי זַאכֶען ווָס אוֹיף אִיר הַארְץ אִיז. הָט זִיא גִירֶעט צוּ גָאט. זִיא הָאט גִיזָאגְט פַר גָאט. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אַלְץ ווָאס דוּא הָאסְט בַּשַׁאפֶען בַּיי אַאִשָּׁה הָאסְטוּ אֵיין זַאךְ נִיט בַּשַׁאפֶען אוּמְזִיסְט. אוֹיגִין. צוּם זֶעהְן. אוֹעֶרִין. צוּם הֶערִין:

להניק בהם. דדים הללו שנתת על לבי לטה לא להניק בהם. תן לי בן ואניק בהן:

ו אמר רבי אלעזר משום רבי יוסי בן זמרא כל היושב בתענית בשבת קורעין לו גזר דינו של שבעים שנה ואעפ"כ חוזרין ונפרעין ממנו דין עונג שבת מאי תקנתיה אמר רב נחמן בר יצחק ליתיב תעניתא לתעניתא:

נדה. פ"ב: של שבעים שנה. כלומר אפילו גזר עליו מפורענות לפי שהתענית קשה כשבת לפי שהכל מתענגים בו וזהו מתענה: תעניתא לתעניתא. יתענה למחר:

שהחזיר והודה לאליהו. נדבריו כודה לאמר זמן בנבואת נביאים אחרים: ואשר הרעותי. דיבה דקרא הוספה במולעה וכבדתה אקבלה ואשר הרעותי אני גרמתי להם שבראתי יצה"ר: אלמלא ג' מקראות הללו. כמעידים שיש ביד הקב"ה לתקן יצרנו ולהסיר יצר הרע ממנו: נתמוטטו. רגלינו

ז אמר ר' אליעזר חנה הטיחה דברים כלפי מעלה שנאמר (ש"א א) ותתפלל על ה' מלמד שהטיחה דברים כלפי מעלה ואמר ר"א אליהו הטיח דברים כלפי מעלה שנאמר (מ"א יח) ואתה הסבות את לבם אחורנית. אמר רבי ישמעאל בר רב יצחק מנין שחזר הקב"ה והודה לו לאליהו (דף לב) דכתיב (מיכה ד) ואשר הרעותי. ואמר רבי חמא ברבי חנינא אלמלא שלשה מקראות הללו נתמוטטו רגליהם. חד דכתיב ואשר הרעותי וחד דכתיב

אנאז. צום שמעקן. אמויל. צום ריידען. הענט. צום ארבעטין מיט זיי. פיס, צום גיין מיט זיי. בריסט. צום זייגען מיט זיי אקינד. דיא בריסט וואס דוא האסט גיגעבען אויף מיין הארץ צו וואס האסטו זייא מיר גיגעבען. נישט צום זייגען מיט זייא. געווים אויך צום זייגען מיט זיי אזוי וויא אלע ווייבער. גיב מיר אזוהן וועל איך איהם זייגען מיט דיא בריסט:

ו אמר. רבי אלעזר הט גזאגט פון רבי יוסי בן זמרא וועגין דער וואס פאסט שבת וייל ער טוהט תשובה אויף זיינע עבירות. אפילו מען הט אויף איהם גוזר גיוועזן אשלעכטע גזרה פון דער צייט וואס ער איז גיבאהרין גיווארין אויף זיינע גאנצע זיבעציג יאהר. צוא רייסט מען דיא גזרה. פון דעסטוועגין ווערט מען פון איהם אפ גיצאהלט ומען שטראפט אים ווייל ער האט ניט גיהאט קיין תענוג דעם שבת פון עסין און פון טרינקען. מיט וואס זאל ער פאר ריכטען דיא עבירה. הט רב נחמן בר יצחק גזאגט ער זאל פאסטען פאר וואס ער הט גיפאסט שבת:

ז אמר: רבי אלעזר הט גזאגט חנה הט גירעט שטארקע רייד געגין גאט. ווארום עס שטייט אין פסוק זי הט גיבעטין אויף גאט. עס שטייט ניט צו גאט. נאר אויף גאט. לערונט דער פסוק אונז אז זיא האט גירעט שטארקע רייד געגין גאט:

ח אמר: נאך האט רבי אלעזר גזאגט אליהו הנביא האט אויך גירעט שטארקע רייד געגין גאט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק. אליהו הנביא האט גזאגט צו גאט דו האסט אפ גיקערט דיא הארץ פון די יודען פון אינטער דיר. ווייל דו האסט בשאפען דעם יצר הרע. האט רבי ישמעאל דער זוהן פון רב יצחק גזאגט פון וואנען ווייסען מיר אז גאט הט מודה גיוועזן צו דיא רייד פון אליהו הנביא. ווארום עס שטייט אין פסוק, גאט זאגט צו דיא נביאים איך האב שלעכט גיטאהן וואס איך האב בשאפען דעם יצר הרע:

ט ואמר. נאך הט גזאגט רבי חמא ברבי חנינא ווען ניט די דריי פסוקים וואס זאגען אונז אז גאט קען אפ טאהן פון אונז דער יצר הרע וואלט איינגיבויגין גיווארין אונזערע פיס צו מיר וואלטען ניט גיקענט שטיין צום משפט פאר גאט. דורך אונזערע עבירות. נאר מיר האבען אטענה צו וואס האט גאט גיגעבען אין אונז דעם יצר הרע. אונ אז גאט וועט וועלין קען ער צו נעמען פון אונז דעם יצר הרע אונ קען מאכען מיר זאלען פרום ווערין. אזוי זיא דיא דריי פסוקים זאגען. איין פסוק איז עס שטייט גאט זאגט איך האב שלעכט גיטאהן צו דיא יודען וואס איך האב זייא גיגעבען דעם יצר הרע. אונ איין פסוק איז עס שטייט אזוי וויא דיא ליים איז ביי דעם טעפער אין האנט צו מאכען פון איר וועלכע כלי ער וויל אזוי איר יודין זאגט גאט זענט ביי מיר אין האנט צו מאכען מיט אייך וויא איך וויל. אונ נאך אפסוק איז

דכתיב (ירמיה יח) הנה כחומר ביד היוצר כן אתם בידי בית ישראל. וחד דכתיב (יחזקאל לו) והסירותי את לב האבן מבשרכם ונתתי לכם לב בשר רב פפא אמר מהכא (שם) ואת רוחי אתן בקרבכם ועשיתי את אשר בחקי תלכו. ואמר רבי אלעזר משה הטיח דברים כלפי מעלה שנאמר (במדבר יא) ויתפלל משה אל ה' אל תקרי אל ה' אלא על ה' שכן דבי רבי אליעזר בן יעקב קורין לאלפין עיינין ולעיינין אלפין. דבי רבי ינאי אמרי מהכא (דברים א) ודי זהב מאי ודי זהב אמרי דבי רבי ינאי כך אמר משה לפני הקדוש ב"ה רבש"ע בשביל כסף וזהב שהשפעת להם לישראל עד שאמרו די הוא גרם שעשו את העגל. אמרי דבי רבי ינאי אין ארי נוהם מתוך קופה של תבן אלא מתוך קופה של בשר אמר רבי אושעיא משל לאדם שהיתה לו פרה כחושה ובעלת אברים האכילה כרשינין והיתה מבעטת בו ואמר לה מי גרם ליך שתהא מבעטת בי אלא כרשינין שהאכלתיך. אמר רבי חייא בר אבא אמר רבי יוחנן משל לאדם אחד שהיה לו בן הרחיצו וסכו והאכילו והשקהו ותלה לו כיס על צוארו והושיבו

נמשפט אגל מכשיו יש (לגו) פתחין פה שהוא גרם שהוא ברא יצר הרע: הטיח. זרק לשון כמטחוי קשת: אין ארי נוהם (מתוך קופה של תבן) שמת ומשתגע ומזיק: מלוי כריסיה זני בישי. מלוי הכרס

עס שטייט גאט זאגט איך וועל אפ טאהן דאס שטיינערנע הארץ פון אייער לייב; אונ איך וועל אייך געבין אהארץ פון פלייש; דס מיינט מען איך וועל געבין צו אייך אווייכע הארץ איר זאלט מורא האבען פר מיר. רב פפא זאגט פון דעם פסוק ווייסען מיר אויך אז גאט וויל קענען מיר פרום זיין; אונ אונזער הארץ איז ביי איהם אין האנט. עס שטייט. גאט זאגט מיין רוח הקודש וועל איך געבין אין אייך אונ איך וועל מאכען אז איר זאלט גיין אין מיינע גיזעץ איר זאלט היטען מיין תורה:

ואמר. נאך הט רבי אלעזר גזאגט משה רבינו הט גירעט שטארקע רייד געגין גאט אזוי ווי עס שטייט ויתפלל משה אל ה'. משה האט גיבעטען צו גאט זאלסט ניט לייענען אל ה' צו גאט נאר זאלסט לייענען על ה' אויף גאט. ווארום די שטוב מענטשין אדער די תלמידים פון רבי אליעזר בן יעקב לייענען אויף אאלף עין. אונ אויף אעין אלף. דבי רבי ינאי זאגין פון דעם פסוק ווייסען מיר אז משה הט גירעט שטארקע רייד געגין גאט. משה רבינו הט גזאגט אונ גענוג גאלד. וואס מיינט ער גענוג גאלד האבען די תלמידים פון רבי ינאי גזאגט אזוי האט משה רבינו גזאגט פאר גאט. רבונו של עולם וייל דו האסט גיגעבען צו די יודען אזוי פיל גאלד אונ זילבער ביז זיי האבען אליין גזאגט עס איז גינוג דאס הט זיי גיבראכט דער צו זייא זאלען מאכען דעם עגל. די תלמידים פון רבי ינאי האבען גזאגט אלייב ברומט ניט (ער איז ניט פרייליך) אז ער האט צו עסין אבונד שטרוי נאר אז ער האט פיל פלייש צו עסין ברומט ער אונ איז פרייליך אונ ווערט ווילד אונ הרגת מענטשין. אזוי ביי יודען אז זייא וואלטען פריי גיווארין אונ וואלטין נאר גיהאט צו עסין. וואלטען זייא ניט גיווען אזוי פרייליך אונ וואלטען ניט ווילד גיווארין. אז מען האט זייא גיגעבען אזוי פיל גאלד אונ זילבער. דער פון זענען זייא ווילד גיווארין אונ האבען גימאכט דעם עגל. האט רבי אושעיא גזאגט דאס איז גלייך וויא איינער האט אמאהל גיהאט אגרויסע קוה אמאגערע האט ער איר גיגעבין עסין כרשינין ביז זיא איז פעט גיווארין; האט זיא גיטרעטין אויף דעם בעל הבית. אז דער בעל הבית ווס הט איר אזוי עסין גיגעבין איז צו איר צו גיגאנגען הט זי אים גישלאגען מיט די פיס. האט דער בעל הבית גזאגט צו דיא קוה ווער האט דיך גיבראכט דער צו אז דוא זאלסט טרעטין אויף מיר. נאר די כרשינין וואס איך האב דיר גיגעבען צוא עסין ביז דוא ביסט פעט גיווארען. רבי חייא בר אבא זאגט רבי יוחנן האט גזאגט דאס איז גלייך צו אמענטש וואס האט גיהאט אזוהן, ער האט איהם ארום גיוואשען אונ האט איהם אויס געשמירט אונ האט איהם גיגעבין עסין אונ האט איהם גיגעבין טרינקען אונ אויף דעם האלדז האט ער איהם אויף גיהאנגען אבייטיל מיט

פי׳ ממיני הפטלים כרעים . זני מיני . למינו מתרגמינן לזנוהי ע"כ:
כרף ממני וכו׳ . הגלאנו שיש בו כח למחות בידו על ידי תפלה : הניחה לי . משמע שהיה

והושיבו על פתח של זונות מה יעשה אותו הבן שלא יחטא . אמר רב אחא בריה דרב הונא אמר רב ששת היינו דאמרי אינשי סלי כריסיה זני בישי שנאמר (הושע יג) כמרעיתם וישבעו שבעו וירם לבם על כן שכחוני רב נחמי בר יצחק אמר מהכא (דברים יח) ורם לבבך ושכחת את ה׳ אלהיך ורבנן אמרי מהכא (שם לב) וישמן ישרון ויבעט אמר רבי שמואל בר נחמני אמר רבי יונתן מנין שחזר הקב"ה והודה לו למשה שנאמר (הושע ב) וכסף הרביתי להם וזהב עשו לבעל :

ח וידבר ה׳ אל משה לך רד (שמות לב) . (מאי לך רד א"ר אלעזר) אמר ליה הקב"ה למשה לך רד מגדולתך כלום נתתי לך גדולה אלא בשביל ישראל עכשיו שישראל חטאו למה לך גדולה תשש כחו של משה ולא היה בו כח לדבר כיון שאמר ליה (דברים ט) הרף ממני ואשמידם אמר משה דבר זה תלוי בי . מיד נתחזק בתפלה ובקש רחמים עליהם . משל למלך בשר ודם שהכה את בנו והיה אוהבו יושב לפניו והיה מתירא להצילו . כיון שאמר אלמלא פלוני אוהבי היושב לפני הרגתיך . אמר דבר זה תלוי בי מיד עמד והצילו (שמות לב) ועתה הניחה לי (אמר רבי אליעזר) אמר רבי אבהו

געקט און האט איהם גיזעצט ביי אטיר פון אשטוב וואס אינווייניג זענען דא זונות . וועס זאל דער זוהן טאהן . זאל ער ניט זינדיגען . ביי יודען איז אויך אזוי גיוועזן . מען האט זייא גיגעבין אזוי פיל גאלד און זילבער . עסין און טרינקען . זייא זענען גיזעסען צווישען ערב רב . זאלען זיי ניט דינען עבודה זרה . רב אחא דער זוהן פון רב הונא האט גיזאגט . רב ששת האט גיזאגט דאס איז וואס מענטשין זאגען . אפולער בויך . אז אמענטש איז פול אן גיגעסען און איז זאט . דאס איז אשלעכטער מין . דאס איז אשלעכטע זאך . דאס ברייינגט דעם מענטשין צו עבירות . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אז דיא יודען האבען זיך גיפאשעט און זענען זאט גיווארין . וויא זייא זענען נאר זאט גיווארין איז דער הויבין גיווארין זייער הארץ דריבער האבען זייא מיך פארגעסין . רב נחמן בר יצחק זאגט פון דעם פסוק אז דיין הארץ וועט דער הויבען ווערין וועסטו פארגעסין דיין גאט . דיא רבנן זאגען פון דעם פסוק דיא יודען זענען פעט גיווארען האבען זייא גיטרעטין אויף די גיבאט פון גאט . רבי שמואל בר נחמני זאגט . רבי יונתן האט גיזאגט פון וואנען ווייסען מיר אז גאט האט מודה גיוועזן צו משה רבינו אז ער איז גירעכט . ווארום אין פסוק שטייט . גאט אליין זאגט דורך דעם נביא הושע איך האב גימערט צו זיי זילבער און גאלד . דריבער האבען זיי גימאכט פון גאלד אעגל :

ח וידבר . גאט האט גירעדט צו משה רבינו גיי נידער אראפ : וואס מיינט מען אראפ נידערין . האט רבי אלעזר גיזאגט גאט האט גיזאגט צו משה רבינו גיי נידער אראפ פון דיין גרויסקייט . איך האב דאך דיר נאר גיגעבען גרויסקייט פון יודינס וועגין : איצט אז יודען האבען געזינדיגט צו וואס דארפסטו גרויס זיין . איז שוואך גיווארין דער כח פון משה און ער האט ניט גיהאט קיין כח צו רעדין . וויא גאט האט גיזאגט צו משה לאז אפ פון מיר וועל איך זייא פארטיליגען . האט משה גיזאגט איך זעה אז די זאך איינגט אן מיר . אז איך וועל ניט אפ לאזען וועט מען זיי ניט פארטיליגען : האט זיך משה באלד גישטארקט תפלה צו טאהן און ער האט גיבעטין גאט זאל אויף זייא רחמנות האבען . דאס איז גלייך גיוועזן . צוא דער זאך וואס האט גיטראפען . אמלך האט גישלאגען זיין זוהן . און זיינער אגוטער פריינד איז גיזעסין פאר איהם . און האט מורא גיהאט מציל צו זיין דעם קינד : וויא דער מלך האט גיזאגט ווען דער גוטער פריינד מיינער וואלט דא ניט גיזעסין וואלט איך דיך גיהרגת . האט דער גוטער פריינד גיזאגט דיא זאך איינגט אן מיר . האט זיך דער גוטער פריינד באלד אויף גישטעלט און האט מציל גיוועזן דאס קינד . גאט האט גיזאגט צו משה לאז מיך האט רבי אבהו גיזאגט ווען דער פסוק וואלט ניט גיוועזן געשריבען אין די תורה . וואלט מען דאס גאר ניט גיקענט זאגען דער

אבהו אלמלא מקרא כתוב אי אפשר לאמרו מלמד שתפסו משה להקב"ה כביכול כאדם שתופס לחבירו בבגדו ואמר ליה איני מניחך עד שתמחול ותסלח לעונותיהן של ישראל . (שם) ואעשה אותך לגוי גדול . אמר רבי אלעזר אמר משה לפני הקב"ה רבש"ע ומה כסא של שלש רגלים אינו יכול לעמוד בפני כעסך כסא של רגל אחד היאך יכול לעמוד בפני כעסך ולא עוד אלא שיש לי בושת פנים מאבותי שלא יאמרו ראו מה פרנס העמיד להם בקש גדולה לעצמו ולא בקש רחמים עליהם . (שם) ויחל משה אמר רבי אלעזר מלמד שהתפלל משה עד שהוחלהו אביי אמר עד שהחלהו להקב"ה רבא אמר עד שהתיר לו נדרו כתיב הכא ויחל משה וכתיב התם (במדבר ל) לא יחל דברו ואמר מר הוא אינו מוחל אבל אחרים מוחלין לו ושמואל אמר עד שמסר עצמו למיתה עליהם שנאמר (שמות לב) ואם אין מחני נא (אמר רבא אמר) רבי יצחק (אמר) עד שהוחל עליהם מדת

אות כו: של ג' רגלים . א"ר הס יל"יה וימהב : שהחלהו . הסגיר כו"י: מדו . דנודו של יר א"ינם: כהיר עצמו למיתה . ויחל לשון חלל : עד שהוחל

פָסוק לֶערונְט אונז אַז משֶׁה הָט אָן גִינומֶען גָאט אונ הָאט אִיהם גִיהַאלְטֶען כַּבְיָכוֹל אַזוֹי וִויא אַמֶענְטְשׁ נֶעמְט אָן זַיין חָבֵר בַּיי זַיין קְלֵייד אונ הַאלְט אִיהם צוּ . אוּנ משֶׁה הָט גִיזָאגְט צוּ גָאט אִיךְ וֶועל דִיךְ נִיט אָפּ לָאזִין בִּיז דוּא וֶועסְט מוֹחֵל זַיין צוּ דִיא יוּדֶען זַייעֶרֶע עֲבֵירוֹת . גָאט הָאט גִיזָאגְט צוּ משֶׁה אִיךְ וֶועל דִיךְ מַאכֶען צוּ אַגְרוֹיס פָאלְק . הָאט רַבִּי אֶלְעָזָר גִיזָאגְט משֶׁה הָט גִיזָאגְט פַאר גָאט . רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם ! אוֹיב אַשְׁטוּהל וָואס הָאט דְרַיי פִּיס קֶען נִיט שְׁטֵיין וֶוען דוּא בִּיסְט אִין כַּעַס . אוֹיב אַלֶע יוּדֶען וָואס הָאבֶען אַזְכוּת פוּן דְרַיי אָבוֹת וַאבְרָהָם יִצְחָק יַעֲקֹב) וִוילְסְטוּ זֵיי הַרְגֶענֶן וֶוען דוּא בִּיסְט אוֹיף זֵייא אִין כַּעַס . אַשְׁטוּהל וָואס הָט נָאר אֵיין פוּס וִויא אַזוֹי וֶועט עֶר קֶענֶען בְּלֵייבֶּען שְׁטֵיין וֶוען דוּא בִּיסְט אִין כַּעַס . מַיינֶע קִינְדֶער וָואס וֶועלִין נָאר הָאבֶּען אֵיין זְכוּת פוּן מִיר אַלֵיין וִויא אַזוֹי וֶועלִין זֵייא קֶענֶען בְּלֵייבֶּען שְׁטֵיין אוֹיב דוּא וֶועסְט אוֹיף זֵייא אַמָאהל וֶוערִין אִין כַּעַס ; וֶוער מהרש"א פְרֶעגְט דִיא קִינְדֶער פוּן משֶׁה וֶועלִין דָאךְ גְלַייךְ זַיין צוּ אַשְׁטוּהל מִיט פִיר פִיס ; זֵיי קוּמֶען דָאךְ אוֹיךְ אַרוֹיס פוּן אַבְרָהָם יִצְחָק יַעֲקֹב . אוּנ משֶׁה אוֹיךְ . עֶנְטְפֶערְט דֶער מהרש"א אַזוֹי הָאט משֶׁה גִימֵיינְט . אַשְׁטוּהל וָוס הָט דְרַיי פִיס . קֶען עֶר גוּט שְׁטֵיין . פוּן דֶעסְטְוֶועגִין פַר דַיין כַּעַס קֶען עֶר נִיט בְּלַייבֶּען שְׁטֵיין . וָואס וֶועט הֶעלְפִין אַז עֶר וֶועט הָאבֶּען אַפֶערְטִין פוּס . אַזְכוּת פוּן אַזֶעלְכֶע דְרַיי אָבוֹת . אַבְרָהָם יִצְחָק יַעֲקֹב . אִיז גַאנְץ גִינוּג אוֹיךְ זֵייא זָאל שְׁטֵיין דִי פָאלְק יוּדֶען . פוּן דֶעסְטְוֶועגִין וֶוען דוּא בִּיסְט אִין כַּעַס קֶען דָאס נִיט הֶעלְפִין . וָואס וֶועט הֶעלְפִין אַז עֶס וֶועט זַיין מַיין זְכוּת אוֹיךְ) . אוּנ נִיט גֶענוּג וָואס דָס וֶועט נִיט הֶעלְפִין . אִיךְ וֶועל מִיךְ נָאךְ דַארְפֶען שֶׁעמֶען פַאר מַיינֶע עֶלְטֶערִין . זֵייא זָאלִין נִיט זָאגִין זֶעהט וָוס פַר אַפִירֶער מֶען הָאט אוֹיף דִיא יוּדֶען גִישְׁטֶעלְט . עֶר הָאט גִיבֶּעטֶען גְרוֹיסְקֵייט פַר זִיךְ אוּנ עֶר הָט נִיט גִיבֶּעטִין גָאט זָאל רַחֲמָנוּת הָאבֶּען אוֹיף זֵיי . וַיְחַל משֶׁה וִויא אִיז דֶער טַייטְשׁ וַיְחַל הָט רַבִּי אֶלְעָזָר גִיזָאגְט דֶער פָסוּק לֶערוּנְט אוּנְז אַז משֶׁה הָאט אַזוֹי שְׁטַארְק גִיבֶּעטִין בִּיז עֶר אִיז קְרַאנְק גִיוָוארִין פוּן צַעַר . אַבַּיֵי זָאגְט משֶׁה הָאט אַזוֹי שְׁטַארְק גִיבֶּעטִין בִּיז גָאט הָאט שׁוֹין נִיט גִיקֶענְט פַאר טְרָאגִין דֶעם צַעַר פוּן משֶׁה ; רָבָא זָאגְט בִּיז משֶׁה הָאט מַתִּיר גִיוֶועזֶען דֶעם נֶדֶר פוּן גָאט וָואס עֶר הָאט גִיזָאגְט וַאֲכַלֵּם . אִיךְ וֶועל זֵייא פַאר לֶענְדִין . דָא שְׁטֵייט וַיְחַל משֶׁה אוּנ דָארְט שְׁטֵייט לֹא יַחֵל דְבָרוֹ . אַזוֹי וִויא דֶער וָוארְט יַחֵל שְׁטוּעֶסְט בַּיי אַנֶדֶר . אוּנ דֶער תַּנָא הָט גִיזָאגְט דֶער מֶענְטְשׁ וָואס הָאט גִיטָאהן דֶעם נֶדֶר קֶען נִיט שְׁפֶּערִין זַיין נֶדֶר אָבֶּער אַנְדֶערֶע מֶענְטְשִׁין קֶענֶען שְׁפֶּערִין זַיין נֶדֶר . אַזוֹי דָא אַז עֶס שְׁטֵייט וַיְחַל . מֵיינְט מֶען אוֹיךְ משֶׁה הָט מַתִּיר גִיוֶועזֶען דֶעם נֶדֶר פוּן גָאט . אוּנ שְׁמוּאֵל זָאגְט משֶׁה רַבֵּינוּ הָאט אַזוֹי שְׁטַארְק גִיבֶּעטִין פַר דִיא יוּדֶען בִּיז עֶר הָאט זִיךְ אִיבֶּער גִיגֶעבֶּען צוּ שְׁטַארְבֶּען פוּן זַייעֶרְט וֶועגִין . וַיְחַל אִיז טַייטְשׁ לָשׁוֹן חָלָל . טוֹיט וֶוערִין . אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אוֹיב דוּא וֶועסְט זֵייא נִיט מוֹחֵל זַיין מֶעק מִיךְ אָפּ פוּן זַייעֶרְט וֶועגִין . רָבָא הָאט גִיזָאגְט פוּן רַבִּי יִצְחָקְס וֶועגִין משֶׁה רַבֵּינוּ הָט אַזוֹי לַאנְג גִיבֶּעטֶ-

עליהם מדת רחמים . כמו יחולו על ראש יואב לשון הינחה. באחזתו אחילו גרסינן : נשבעת להם בך . באמור בעקידת יצחק ויאמר בי נשבעתי : ע"כ . עד כוכבי השמים: מכאן ואילך דברי הרב. הם לא אעשה כדבריך : דברים שאמרת לי . בסנה אמרת אעלה אתכם מעני מצרים אל ארץ טובה וגו' ע"כ :

מדת רחמים רבנן אמרי חולין הוא לך לעשות כדבר הזה . תניא רבי אליעזר הגדול אומר מלמד שהתפלל משה עד שאחזתו אחילו . מאי אחילו אמר רבי אלעזר אש של עצמות מאי אש של עצמות אשתא דגרמי.(סם) זכור לאברהם ליצחק ולישראל עבדיך אשר נשבעת להם בך מאי בך אמר רבי (אליעזר) אלעזר אמר לפניו רבש"ע אלמלא בשמים ובארץ נשבעת להם הייתי אומר מה שמים וארץ בטלים אף שבועתך בטלה עכשיו שבשמך הגדול נשבעת מה שכך הגדול חי וקים לעולם ולעולמי עולמים כך שבועתך קיימת לעולם ולעולמי עולמים . וכל הארץ הזאת אשר אמרתי אשר אמרת מיבעיא ליה אמר רבי אלעזר ע"כ דברי תלמיד מכאן ואילך דברי הרב רבי שמואל בר נחמני אמר אלו ואלו דברי תלמיד הן והכי קאמר דברים שאמרת לי לך אמור להם לישראל בשמי הלכתי ואמרתי להם לישראל משמך עכשיו מה אומר להם :

(במדבר יד) מבלתי יכולת ה' יכול ה' מיבעיא ליה אמר רבי אליעזר אמר משה לפני הקב"ה רבש"ע עכשיו יאמרו אומות העולם תשש כחו כנקבה ואינו יכול להצילן אמר לו הקב"ה בן עמרם והלא ראו כבר נסים שעשיתי להם על הים אמר לפניו רבש"ע

ביז דיא רחמנות פון גאט האט גירוהט אויף דיא יודען: ויחל משה. איז טייטש משה האט גמאכט רוהען אויף דיא יודען דיא רחמנות פון גאט. דיא רבנן זאגין משה רבינו האט גזאגט צו גאט עס איז וואכעדיג פר דיר. צו טאהן אזוי אזאך: ויחל איז טייטש וואכעדיג. מיר האבען גילערנט רבי אליעזר הגדול זאגט דער פסוק לערנט אונז ווייל עס שטייט דער וואָרט ויחל אז משה האט אזוי שטארק גיבעטין ביז עס האט איהם אן גינומען אחילו. וואס איז אחילו האט רבי אליעזר גזאגט אש של עצמות וואס איז אש של עצמות אהיץ אין דיא ביינער (תרגום לשון האבען זיי בעסער פאר שטאנען וויא לשון הקודש). משה רבינו האט גזאגט צו גאט גידיינק צו אברהם יצחק אונ יעקב דיינע קנעכט וואס דוא האסט צו זיי גישוואָרין ביי דיר. וואס מיינט מען ביי דיר האט רבי אלעזר גזאגט משה רבינו האט גזאגט פאר גאט רבונו של עולם ווען דוא וואלסט גישוואָרין צו זיי ביי דיא הימעל אונ ערד וואלט איך זאגין אזוי וויא דיא הימעל אונ ערד וועט בטל ווערין אזוי דיין שבועה וועט אויך בטל ווערין איצט אז דוא האסט גישוואָרין ביי דיין גרויסען נאמען אזוי וויא דיין גרויסער נאמען לעבט אייביג. אזוי דיין שבועה וועט אויך זיין אויף אייביג. אונ די גאנצע לאנד וואס איך האב גזאגט. פרעגט דיא גמרא וואס דו האסט גזאגט האט דאך גידארפט שטיין. ווארום משה זאגט דאך דאס צו גאט. האט רבי אלעזר גזאגט ביז כוכבי השמים האט גזאגט דער תלמיד משה רבינו. פון כוכבי השמים אונ ווייטער איז דיא רייד פון גאט. רבי שמואל בר נחמני זאגט אין גאנצין איז די רייד פון תלמיד. פון משה רבינו. אונ אזוי האט גזאגט משה פאר גאט די רייד וואס דוא האסט צו מיר גזאגט: גיי זאג צוא דיא יודען אין מיין נאמען. איך וועל אייך אויף ברייגנען פון מצרים אין ארץ ישראל בין איך גיגאנגען אונ האב גזאגט צו דיא יודען אין דיין נאמען. איצט אז דוא ווילסט זיי הרגנן. וואס זאל איך צו זיי זאגין. וואו זענען דיינע ערשטע רייד. ווייל זיא קען ניט. לשון נקבה. פרעגט דיא גמרא עס דארף דאך שטיין ווייל ער קען ניט. לשון זכר. האט רבי אלעזר גזאגט משה האט גזאגט פאר גאט. רבונו של עולם איצט וועלען דיא אומות זאגין דער כח פון גאט איז שוואך גיווארין אזוי ווי א נקבה אונ ער קען ניט מציל זיין די יודין. האט גאט גזאגט צוא משה בן עמרם. די אומות האבען דאך שוין לאנג גזעהן דיא נסים וואס איך האב גיטאהן פאר ד ורין ביי דעם ים. האט משה גזאגט פר גאט. רבונו של עולם איצט וועלען די אומות זאגן פר איין מלך האט גאט גיקענט בשטיין פר איין אונ דרייסיג מלכים וואס זענען אין כנען קען

רבש"ע עכשיו יאמרו לפני מלך אחד יכול לעמוד לפני שלשים ואחד מלכים אינו יכול לעמוד. אמר רבי יוחנן מנין שחזר הקב"ה והודה לו שנאמר ויאמר ה' סלחתי כדברך תנא דבי רבי ישמעאל כדברך עתידין עובדי כוכבים שיאמרו. אשרי תלמיד שרבו מודה לו. ואולם חי אני אמר רבא אמר רב יצחק מלמד שאמר ליה הקדוש ברוך הוא למשה החייתני בדבריך :

החייתני. בפני העובדי כוכבים : עלה ראש הפסגה. בדבר תפלה זו נתגליתי להראותך אותה : ובפרשכם. אי נאו דגדולה

ט דרש רבי שמלאי לעולם יסדר אדם שבחו של הקב"ה ואח"כ יתפלל. מנא לן ממשה דכתיב (דברים ג) ואתחנן אל ה' בעת ההיא וכתיב ה' אלהים אתה החלות וגומר וכתיב בתריה אעברה נא ואראה את הארץ הטובה וגומר. (ע"ב) אמר רבי אלעזר גדולה תפלה יותר ממעשים טובים שאין לך גדול במעשים טובים יותר ממשה רבינו אעפ"כ לא נענה אלא בתפלה שנאמר אל תוסף דבר אלי וסמיך ליה עלה ראש הפסגה ואמר רבי אלעזר גדולה תפלה יותר מן הקרבנות שנאמר (ישעיה א) למה לי רוב זבחיכם וכתיב ובפרשכם כפיכם. ואמר רבי אלעזר מיום שחרב בית המקדש ננעלו שערי תפלה שנאמר (איכה ג) גם כי אזעק ואשוע סתם [שתם] תפלתי ואף על פי ששערי תפלה ננעלו

ער ניט בַּשְׁטֵיין. הָט רַבִּי יוֹחָנָן גְזָאגְט פוּן וַואנֶען ווייסען מיר אַז גָאט הָט מוֹדֶה גִיוֶועְן צוּ משֶׁה אַז די אוּמוֹת וָואלְטִין טַאקִי אַזוֹי זָאגִין: וָוארוּם עס שְׁטֵייט גָאט הָט גְזָאגְט אִיךְ הָאבּ פַּר גֶעבִּין זַיְיעֶרֶע עֲבֵירוֹת. אַזוֹי ווי דַיינֶע רֵייד. די תַּלְמִידִים פוּן רַבִּי יִשְׁמָעֵאל הָאבֶּען גִילֶערוּנְט ווָאס הָאט גָאט גִימֵיינְט מִיט דֶעם ווָארְט כִּדְבָרֶךָ. די אוּמוֹת זֶענֶען גִיוֶועְן אָנגִיבְּרֵייט זֵיי זָאלִין אַזוֹי זָאגִין. אַזוֹי ווִיא משֶׁה הָט גְזָאגְט אוֹיף זֵיי. וואוֹהל דֶעם תַּלְמִיד אַז דֶער רֶבִּי אִיז מוֹדֶה צוּא זַיינֶע רֵייד. גָאט הָט גְזָאגְט פַּר וָואר אַזוֹי ווִיא אִיךְ לֶעבּ הָאט רָבָא גְזָאגְט רַב יִצְחָק זָאגְט דֶער פָּסוּק לֶערוּנְט אוּנְז אַז גָאט הָאט גְזָאגְט צוּא משֶׁה. משֶׁה דוּא הָאסְט מִיךְ לֶעבֶּעדִיג גִימַאכְט פַּר דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט מִיט דַיינֶע רֵייד. דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט ווֶעט אִיצְט זֶעהן אַז אִיךְ לֶעבּ אֵייבִּיג. אַלְץ הָאבּ אִיךְ בַּשַׁאפֶען. אוּנ גֶעגִין מַיין ווִילֶען קֶען זִיךְ קֵיינֶער נִיט שְׁטֶעלִין:

ט דָרַשׁ. רַבִּי שִׂמְלָאִי הָאט גִידַרְשְׁת פְּרִי עֶר זָאל אַמֶענְטְשׁ זָאגִין אַלוֹיבּ צוּ גָאט. דֶער נָאךְ זָאל עֶר בֶּעטִין וָוס עֶר ווִיל. פוּן וַואנֶען ווייסען מִיר. פוּן משֶׁה רַבֵּינוּ. וָוארוּם עס שְׁטֵייט אִיךְ הָאבּ גִיבֶּעטִין צוּ גָאט אִין דִי צַייט אוּנ עס שְׁטֵייט גָאט דוּ הָאסְט אָנְגִיהוֹיבִּין צוּ ווַייזִין דַיין גְרוֹיסְקֵייט אוּנ אַזוֹי ווִיא ווַייטֶער שְׁטֵייט אִין פָּסוּק. הָט עֶר פְרִיעֶר גִילוֹיבְּט גָאט אוּנ גְזָאגְט דִיא גְרוֹיסְקֵייט פוּן גָאט דֶער נָאךְ שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דִיא בַּקָשָׁה וָואס משֶׁה הָאט גִיבֶּעטִין אִיךְ ווִיל אַרִיבֶּער גֵיין דֶעם יַרְדֵן אוּנ זֶעהן דִי גוּטֶע לַאנְד:

אָמַר. הָט רַבִּי אֶלְעָזָר גְזָאגְט תְּפִלָּה הֶעלְפְט מֶער ווִיא גוּטֶע מַעֲשִׂים. עס אִיז דָאךְ נִיטָא קֵיין מֶענְטְשׁ זָאל הָאבֶּען אַזוֹי פִיל מַעֲשִׂים טוֹבִים ווִיא משֶׁה רַבֵּינוּ הָט גִיהַאט פוּן דֶעסטְוֶועגִין אִיז עֶר אַנְדֶערְשׁ נִיט גִיעֶנְפֶערְט גִיווָארִין. נָאר אַז עֶר הָט מִתְפַּלֵל גִיוֶועְן צוּ גָאט אַזוֹי ווִיא עס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק גָאט הָאט גְזָאגְט צוּ משֶׁה זָאלְסְט נִיט מֶער רֶעדִין צוּ מִיר פוּן דִיא זַאךְ נָאר גֵיי אַרוֹיף אוֹיף דִי הֵייךְ ווֶעסְטוּ פוּן דָארְט זֶעהן דִיא לַאנְד. דָאס הָט גָאט גִימַאכְט דוּרְךְ זַיין תְּפִלָּה. נָאךְ הָט רַבִּי אֶלְעָזָר גְזָאגְט תְּפִלָּה אִיז גְרֶעסֶער ווִיא קָרְבָּנוֹת וָוארוּם עס שְׁטֵייט גָאט זָאגְט צוּ וָואס דַארְף אִיךְ אַיְיעֶרֶע קָרְבָּנוֹת. אוּנ אֲפִילוּ אַז אִיר פַאר שְׁפְּרֵייט אַיְיעֶרֶע הֶענְט צוּא מִיר מִיט תְּפִלָּה. ווִיל אִיךְ דָאס נִיט זֶעהן. אַז דֶער פָּסוּק זָאגְט פְרִיעֶר קָרְבָּנוֹת. דֶער נָאךְ תְּפִלָּה: אֲפִילוּ תְּפִלָּה ווִיל אִיךְ אוֹיךְ נִיט. זֶעהט מֶען דָאךְ אַז תְּפִלָּה אִיז גְרֶעסֶער ווִיא קָרְבָּנוֹת: נָאךְ הָט רַבִּי אֶלְעָזָר גְזָאגְט פוּן דֶעם טָאג וָוס דֶער בֵּית הַמִקְדָשׁ אִיז חָרוּב גִיוָוארִין זֶענֶען פַאר שְׁלָאסְן גִיוָוארִין דִיא טוֹיעֶרִין פוּן תְּפִלָּה. אַזוֹי ווִיא דֶער פָּסוּק זָאגְט אֲפִילוּ אִיךְ טוּה שְׁרַייעֶן אִין

הפלה כיון דאמר למה לי רוב זבחיכם למה לי תו למימר ובפרשכם כפיכם הא אפילו זבחיכם לא ניחא ליה : אל תחרש . מדלא כתיב את דמעתי תראה ש"מ נראית היא לפניו ואין צריך להתפלל אלא שתתקבל לפניו : קיר ברזל . סימן למחיצה ברזל שמפסקת בינו לבינם : ומעיין בה . מצפה שתעשה בקשתו ע"י האריכתו וסוף שאינה נעשית ונמצאת תוחלת ממושכה הנה והיא כאב לב שאדם מצפה ואין תאותו באה : תוחלת . לשון חילוי והמתנה: ועץ חיים תאוה . כופו של מקרא הוא :

נִנעלו שערי דמעה לא ננעלו שנאמר (תהלים לט) שמעה תפלתי ה' ושועתי האזינה אל דמעתי אל תחרש ואמר רבי אלעזר מיום שחרב ביהמ"ק נפסקה חומת ברזל בין ישראל לאביהם שבשמים שנאמר (יחזקאל ד) ואתה בן אדם קח לך מחבת ברזל ונתת אותה קיר ברזל בינך ובין העיר . אמר רבי חנין אמר רבי חנינא כל המאריך בתפלתו אין תפלתו חוזרת ריקם מנא לן ממשה רבינו שנאמר (דברים ט׳) ואתפלל אל ה' וכתיב בתריה וישמע ה' אלי גם בפעם ההיא . איני והא אמר רבי חייא בר אבא אמר רבי יוחנן כל המאריך בתפלתו ומעיין בה סוף בא לידי כאב לב שנא' (משלי יג) תוחלת ממושכה מחלת לב מאי תקנתיה יעסוק בתורה שנאמר (שם) ועץ חיים תאוה באה ואין עץ חיים אלא תורה שנאמר (שם ג) עץ חיים היא למחזיקים בה לא קשיא הא דמאריך ומעיין (בה) הא דמאריך ולא מעיין (בה) . אמר רבי חמא בר חנינא אם ראה אדם שהתפלל ולא נענה יחזור ויתפלל שנאמר

פַר מַאכְט דִיא טוֹיעֶרִין צוּ הֶערִין מַיין תְּפִלָּה . אֲפִילוּ דִי טוֹיעֶרִין פוּן תְּפִלָּה זֶענֶען פַר שְׁלָאסִין ,
אָבֶּער דִיא טוֹיעֶרִין פוּן טְרֶערִין זֶענֶען נִיט פַאר שְׁלָאסִין . אַז אַמֶענְטְשׁ בֶּעט צוּ גָאט מִיט גִיוויין
עֶנְפֶּערְט מֶען אִיהם אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק גָאט הֶער צוּא מַיין תְּפִלָּה . מַיין גִישְׁרֵייא
זָאלְסְטוּ פַר נֶעמֶען . צוּ מַיינֶע טְרֶערִין זָאלְסְטוּ נִיט שְׁוַויינֶין . וַוייל דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט נִיט גִיבֶּעטִין
מֶען זָאל זֶעהן זַיינֶע טְרֶערִין . ווייסֶען מִיר גֶעווִים אַז אַלֶע מֶענְטְשִׁינְס טְרֶערִין וֶוערְט גִיזֶעהן פַאר
גָאט . דְרִיבֶּער הָט עֶר נָאר גִיבֶּעטִין גָאט זָאל נִיט שְׁוַויינֶען צוּ זַיינֶע טְרֶערִין עֶר זָאל טָאהן זַיין
בֶּגֶער וָואס עֶר פֶּערלַאנְגְט . נָאךְ הָט רַבִּי אֶלְעָזָר גִזָאגְט פוּן דֶעם טָאג וָוס דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז
חָרוּב גִיוָוארִין אִיז פַאר שְׁטֶערְט אַאַייזֶערְנֶע מָאהֶער צְווִישֶׁען דִי יוּדִין אוּנ צְווִישֶׁען גָאט אַזוֹי וִויא
עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק גָאט הָט גִזָאגְט צוּ יְחֶזְקֵאל הַנָּבִיא נֶעם אַאַייזֶערְנֶע פַּאטֶעלְנֶע וְסָקָאוְורָאדֶעס
אוּנ דוּא זָאלְסְט דָם שְׁטֶעלֶען פַר אַוַואנְט צְווִישֶׁען דִיר אוּנ צְווִישֶׁען דִי שְׁטָאט . פַר אַסִימָן אַז גָאט
וִויל נִיט בַּשִׁיצֶען אוֹיף דִיא שְׁטָאט גְלַייךְ וִויא אַאַייזֶערְנֶע וַואנְט וָואלְט גִיוֶוען צְווִישֶׁען זֵיי ; רַבִּי
חָנִין הָט גִזָאגְט פוּן רַבִּי חֲנִינָאס וֶועגִין דֶער וָוס דַאוִוינְט לַאנְג וֶועט זַיין תְּפִלָּה נִיט אַוֶועק גֵיין
לֵיידִיג . פוּן וַואנֶען ווייסֶען מִיר דָם פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק מֹשֶׁה רַבֵּינוּ
זָאגְט אִיךְ הָאבּ גִיבֶּעטִין צוּ גָאט פֶערְצִיג טָאג דֶער נָאךְ שְׁטֵייט גָאט הָט מִיךְ צוּ גִיהֶערְט דֶעם
מָאהל אוֹיךְ . וַוייל אִיךְ הָאבּ לַאנְג מִתְפַּלֵּל גִיוֶוען פֶערְצִיג טֶעג . פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא עֶס אִיז דָאךְ
נִיט אַזוֹי . רַבִּי חִיָּיא בַּר אַבָּא הָט גִזָאגְט פוּן רַבִּי יוֹחָנָנְס וֶועגִין דֶער וָואס דַאוִוינְט לַאנְג אוּנ עֶר
טְרַאכְט זַיין תְּפִלָּה וֶועט גֶעווִים אָן גִינוּמֶען וֶוערִין . דֶער נָאךְ אַז דִיא תְּפִלָּה וֶוערְט נִיט אָנְגִינוּמֶען
אִיז דֶער סוֹף דֶער פוּן דָאס הַאַרְץ טוּהט אִיהם וֵויי אָפֶּענְדִיג ; אַזוֹי וִויא דֶער פָּסוּק זָאגְט אַז דִי
זַאךְ וָואס עֶר הָאט גִיבֶּעטִין צִיהט זִיךְ לַאנְגֶע צֵייטֶען . אוּנ עֶס קוּמְט נִיט צוּ אִים . אִיז אַקְרַאנְקַייט
אִין הַאַרְץ . וָוס זָאל עֶר טָאהן עֶר זָאל לֶערְנֶען תּוֹרָה ; וֶועט גָאט טָאהן אַלֶץ וָוס עֶר פַר לַאנְגְט .
וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק ; אַז דֶער מֶענְטְשׁ הַאלְט דֶעם עֵץ חַיִּים . קוּמְט צוּא אִיהם אַלֶץ וָואס
עֶר פַאר לַאנְגְט . עֵץ חַיִּים מֵיינְט מֶען דִיא תּוֹרָה . אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט דִיא תּוֹרָה אִיז אַבּוֹים
פוּן לֶעבִּין צוּ דִיא וָואס הַאלְטֶען זִיא . זֶעהן מִיר דָאךְ אָבֶּער אַז דַאווֶנֶען לַאנְג הֶעלְפְט נִיט אַז מֶען
זָאל אִים גֶעבִּין וָואס עֶר הָאט גִיבֶּעטִין . עֶנְפֶּערְט דִיא גְמָרָא עֶס אִיז נִיט קֵיין קַשְׁיָא אַז עֶר
דַאוִוינְט לַאנְג אוּנ פַאר לָאזְט זִיךְ בַּארוּף אַז מֶען וֶועט טָאהן וָואס עֶר פֶערלַאנְגְט . טוּהט מֶען
נִיט . אַז עֶר דַאוִוינְט לַאנְג וַוייל עֶר אִיז פְרוּם . אוּנ קְלֶערְט גָאר נִיט אַז עֶר זָאל וֶוערְט זַיין מֶען
זָאל אִיהם גֶעבִּין וָואס עֶר פֶערלַאנְגְט . גִיט מֶען אִיהם וָואס עֶר פֶערלַאנְגְט . רַבִּי חָמָא בַּר חֲנִינָא
הָאט גִזָאגְט אַז אַמֶענְטְשׁ זֶעהט עֶר הָאט גִיבֶּעטִין אוּנ אִיז נִיט גִיעֶנְפֶּערְט גִיוָוארִין זָאל עֶר

שנאמר (תהלים כז) קוה אל ה' חזק ויאמץ לבך וקוה אל ה' :

תנו רבנן ארבעה צריכין חזוק אלו הן תורה ומעשים טובים תפלה ודרך ארץ . תורה ומעשים טובים מנין שנאמר (יהושע א) רק חזק ואמץ מאד לשמור ולעשות ככל התורה חזק בתורה ואמץ במעשים טובים . תפלה מנין שנאמר קוה אל ה' חזק ויאמץ לבך וקוה אל ה' . דרך ארץ מנין שנאמר (ש"ב י) חזק ונתחזק בעד עמנו וגו' :

קוה . והתחזק ואל תמשוך ידיך אלא חזור וקוה : צריכין חזוק . שיתחזק אדם בהם תמיד בכל כחו : דרך ארץ . אם אומן הוא לאומנתו אם סוחר הוא לסחורתו אם איש מלחמה למלחמתו . ע"כ :

(ע"ב) י **אמר** רבי אליעזר גדולה תענית יותר מן הצדקה מה טעם זה בגופו וזה בממונו רבא לא גזר תעניתא ביומא דעיבא משום שנאמר (איכה ג) סכותה בענן לך מעבור תפלה :

(ישעיה מט) **יא ותאמר** ציון עזבני ה' וה' שכחני היינו עזובה היינו שכוחה אמר ריש לקיש אמרה כנסת ישראל לפני הקב"ה רבונו של עולם אדם נושא אשה על אשתו ראשונה וזוכר מעשה הראשונה אתה עזבתני ושכחתני (התשכח אשה עולה) אמר לה הקב"ה

ווייטער בעטין . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק צו גאט שטארק אונ פעסטיג דיין הארץ אונ האף צוא גאט :

י תנו רבנן . דיא רבנן האבין גילערנט פיר זאכין זענען דא וואס מען דארף אמענטשין שטארקין הער צו . דאס זענען זיי מען זאל לערנען תורה . מען זאל טאהן מצות גמילות חסדים צדקה . מען זאל מתפלל זיין צו גאט . אונ אין וועלטליכע זאכען . דעם בעל מלאכה דארף מען שטארקין צו זיין ארבעט . דעם סוחר צוא זיין האנדיל . פון וואנען ווייסען מיר אז מען דארף זיך שטארקין צוא תורה אונ מצות ווארום עס שטייט אין פסוק דוא זאלסט דיך שטארקין אונ פעסטיגען דוא זאלסט היטען צו טאהן אזוי וויא אין די גאנצע תורה שטייט . דו זאלסט דיך שטארקין צו לערנען תורה אונ זאלסט דיך פעסטיגען צו טאהן גוטע מעשים גמילות חסדים צדקה . פון וואנען ווייסען מיר אז מען דארף זיך שטארקין צום דאווענען ווארום עס שטייט אין פסוק זאלסט האפען צו גאט מיט תפלה . אונ זאלסט שטארקין דיין הארץ אז דיא זאל האפען צו גאט מיט תפלה . פון וואנען ווייסען מיר אז מען דארף זיך שטארקין צוא וועלטליכע זאכען ווארום עס שטייט אין פסוק מיר זאלען גישטארקט ווערין מלחמה צו האלטען פאר אונזער פאלק :

י אמר . האט רבי אליעזר גיזאגט פאסטען א טאג איז מער אנגינומען ביי גאט ווי צדקה צו געבין . פר וואס אז ער פאסט דינט ער צו גאט מיט זיין גוף . אונ צדקה גיט ער נאר זיין געלט . רבא האט ניט גוזר גיווען קיין תענית אין דעם טאג ווס דער הימעל איז גיוועזן פאר וואלקינט ווייל עס שטייט ירמיה הנביא האט גיזאגט צו גאט דוא האסט דיר פאר שטעלט מיט וואלקין די תפלה זאל ניט דורך גיין צו דיר :

יא ותאמר . ציון זאגט גאט האט מיך פר לאזט אונ האט מיך פר געסין . פרעגט די גמרא פר לאזט אונ פר געסין איז דאך איין זאך . מען איז פר געסין פון גאט ; ווייל מען איז פאר לאזט פון אים . האט ריש לקיש גיזאגט די י וואן האבין גיזאגט פר גאט . רבש"ע אז א מענטש נעמט אווייב אונ ער נעמט איין אנדערע ווייב גידיינקט ער אמאהל די ערשטע ווייב . מיט ווס זיא איז גיוועזן בעסער ווי די אנדערע ווייב . אבער אז ער נעמט ניט קיין אנדערע ווייב . פר געסט ער אן דיא ערשטע ווייב אין גאנצען ; ביי די יודען איז אויך אזוי ווען גאט וואלט גענומען פר זיך איין אנדער פאלק וואלט ער גידיינקט אמאהל אן די יודען מיט ווס זיי זענען גיוועזן בעסער וויא דיא פאלק . אבער אז גאט האט קיין אנדער פאלק ניט גענומען . דריבער האסטו מיך פאר לאזען אונ האסט פר געסין אן מיר . זאגט גאט צו די יודען מיין טאכטער . דו ביסט ניט בייא מיר

שתים חיל. ראשי גייסות והבורות הלוקות: לגיון וקרטון וגסטרא. שמות של שררה. כגון ... וכגמון ודוכוס ופחה: עולה. כמו עולות הקרבנות: גם אלה. מעשה העגל שנאמר בו אלה אלהיך ישראל: ואנכי זה מעשה סיני. שנאמר בו אנכי ה' אלהיך:

הקב"ה בתי שתים עשרה מזלות בראתי ברקיע ועל כל מזל ומזל בראתי לו שלשים חיל ועל כל חיל וחיל בראתי (לו) שלשים לגיון ועל כל לגיון ולגיון בראתי (לו) שלשים רהטון. ועל כל רהטון ורהטון בראתי לו שלשים קרטון. ועל כל קרטון וקרטון בראתי לו שלשים גסטרא. ועל כל גסטרא וגסטרא תליתי בה (בו) שלש מאות וששים וחמשה אלפי רבוא כוכבים כנגד ימות החמה וכולן לא בראתי אלא בשבילך ואת אמרת עזבתני ושכחתני (ישעיה מט) התשכח אשה עולה. אמר הקב"ה כלום אשכח עולות אילים ופטרי רחמים שהקרבת לפני במדבר. אמרה לפניו רבש"ע הואיל ואין שכחה לפני כסא כבודך שמא לא תשכח לי מעשה העגל אמר לה גם אלה תשכחנה. אמרה לפניו רבש"ע הואיל ויש שכחה לפני כסא כבודך שמא תשכח לי מעשה סיני אמר לה ואנכי לא אשכחך והיינו דאמר רבי אלעזר אמר רבי אושעיא מאי דכתיב גם אלה תשכחנה זה מעשה העגל. ואנכי לא אשכחך זה מעשה סיני:

יב חסידים הראשונים היו שוהין שעה אחת וכו'. מנא הני מילי אמר רבי יהושע בן לוי דאמר קרא (תהלים פד) אשרי יושבי ביתך (עוד יהללוך סלה). ואמר רבי יהושע בן לוי המתפלל צריך שישהה שעה אחת לאחר תפלתו שנא' (שם קמ) אך צדיקים יודו

וויא אזוויב וואס מען קען אן איר פר געסען. דו ביסט ביי מיר ווי א קינד. אונ אן צקינד קען מען ניט פר געסען. צוועלף מזלות האב איך בשאפען אין הימעל. אזוי וויא די צוועלף שבטים. אונ אויף יעדער מזל האב איך בשאפען דרייסיג חיל אונ אויף יעדער חיל האב איך בשאפען דרייסיג לגיון אונ אויף יעדער לגיון האב איך בשאפען דרייסיג רהטין. אונ אויף יעדער רהטין האב איך בשאפען דרייסעג קרטון אונ אויף יעדער קרטון האב איך בשאפען דרייסיג גסטרא אונ אויף יעדער גסטרא האב איך אויף גיהאנגען דריי הונדערט פינף אונ זעכציג טויזענד רבואם שטערין ווי פיל טעג די זוהן האט אין א יאהר. אזוי פיל טויזענדער רבואם שטערין איז דא אויף יעדער גסטרא (ארבוא איז צעהן טויזענד) אונ דיא אלע זאכען האב איך גאר בשאפען פון דיינעט וועגין אונ דו זאגסט אז גאט האט דיך פאר לאזט אונ האט דיך פאר געסין. קען א אשה פר געסין איר קינד. האט גאט גזאגט אזוי ווי א אשה קען ניט פאר געסין איר קינד אזוי וועל איך ניט פר געסין די עולות אונ דיא בכורים וואס איר האט מקריב גיוועזען פאר מיר אין דער מדבר. האבען דיא יודען גזאגט פר גאט רבונו של עולם ווייל דוא פר געסט ניט וואס איך האב גיטאהן אין דער מדבר טאמער וועסטו ניט פר געסין דעם עגל וואס איך האב גימאכט אין דער מדבר. הט גאט גזאגט צו דיא יודען דעם אלה אלהיך ישראל וואס דוא האסט גזאגט צום עגל וועל איך פר געסען. האבען יודען גזאגט פר גאט רבונו של עולם ווייל דוא פאר געסט יא טאמער וועסט דו פר געסין וואס איך האב גיטאהן ביי דעם בארג סיני. וואס איך האב די תורה גענומען. האט גאט גזאגט דעם אנכי ה' אלהיך וואס איך האב גזאגט אויף דעם בארג סיני אונ דו האסט גיגלויבט וועל איך ניט פאר געסען. איצט איז רעכט וואס רבי אלעזר האט גיזאגט פון רבי הושעיאס וועגין וואס עס שטייט דער ווארט אלה וועט פאר געסין ווערין. דאס מיינט מען דעם עגל וואס דיא יודען האבען גימאכט אונ האבען גזאגט אלה אלהיך ישראל. וועט גאט פאר געסין. אונ דעם ווארט אנכי וועל איך ניט פאר געסין דאס מיינט מען וואס גאט האט גזאגט אויף דעם בארג סיני אנכי ה' אלהיך אונ דיא יודען האבען גיגלויבט. דס וועט זיי גאט ניט פאר געסין:

יב חסידים. דיא ערשטע חסידים פלעגין ווארטען. אין שעה פאר דעם דאווענען וויא עס שטייט אין אנהייב פרקו. פון וואנען ווייסען מיר אז מען דארף אזוי טאהן. האט

יודו לשמך ישבו ישרים את פניך תניא נמי הכי המתפלל צריך שישהה שעה אחת קודם תפלתו ושעה אחת אחר תפלתו . שעה אחת קודם תפלתו מנין שנאמר אשרי יושבי ביתך לאחר תפלתו מנין דכתיב אך צדיקים יודו לשמך ישבו ישרים וגו׳ . תנו רבנן חסידים הראשונים היו שוהין שעה אחת ומתפללין שעה אחת והוזרין ושוהין שעה אחת וכי מאחר ששוהין תשעה שעות ביום לתפלה תורתן היאך משתמרת ומלאכתן אימתי נעשית . אלא מתוך שחסידים הן תורתן משתמרת ומלאכתן מתברכת :

יושבי ביתך . וסדר יהללוך (סלה) : יודו לשמך . ולה"כ ישבו ישרים את פניך : כ׳ שעות : נ׳ תפלות : תורתן משתמרת . בתוך לבם מתוך למודם מתקיימת . עד כאן :

יג **תנו** רבנן מעשה בחסיד אחד שהיה מתפלל בדרך ובא הגמון אחד ונתן לו שלום ולא החזיר לו שלום המתין לו עד שסיים תפלתו . לאחר שסיים תפלתו אמר לו ריקא והלא כתיב בתורתכם (דברים ד) רק השמר לך ושמור נפשך מאד . וכתיב (שם) ונשמרתם מאד לנפשותיכם כשנתתי לך שלום למה לא החזרת לי שלום אם חתכתי את ראשך בסייף מי תובע דמך מידי . אמר לו המתן לי עד שאפייסך בדברים א"ל אלו לפני מלך בשר ודם היית עומד ובא אחד ונתן לך שלום היית (דף לג) מחזיר לו שלום אמר לו לאו . ואם היית

רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי גְזָאגְט דֶער פָּסוּק זָאגְט וואוהל צוּ דִי מֶענְטְשִׁין וָואס זִיצְען פְרִיעֶר אִין דַיין שְׁטוּבּ [אִין שׁוּהל] . דֶער נָאךְ לוֹיבֶּען זֵיי דִיךְ . נָאךְ הָט רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי גְזָאגְט דֶער וָוס דַאוֶוינְט דַארְף זַיין אִין שׁוּהל אֵיין שָׁעָה נָאךְ דֶעם דַאוֶונֶען . אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דִי צַדִיקִים לוֹיבֶּען דַיין נָאמֶען . אוּנ דִי פְרוּמֶע זִיצֶען פַאר דִיר נָאךְ זֵייעֶר לוֹבּוּנג : מִיר הָאבֶּען אוֹיךְ אַזוֹי גִילֶערוּנְט דֶער וָואס דַאוֶוינְט דַארְף זַיין אִין שׁוּהל אֵיין שָׁעָה פַאר דֶעם דַאוֶונֶען , אוּנ אֵיין שָׁעָה נָאךְ דֶעם דַאוֶונֶען . פוּן וַואנֶען וֵויים מֶען אַז מֶען דַארְף זַיין אִין שׁוּהל אֵיין שָׁעָה פַאר דֶעם דַאוֶונֶען . וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אַשְׁרֵי יוֹשְׁבֵי בֵיתֶךָ . [אַזוֹי וִוי פְרִיעֶר] . פוּן וַואנֶען וֵויים מֶען אַז מֶען דַארְף זַיין אִין שׁוּהל אֵיין שָׁעָה נָאךְ דֶעם דַאוֶונֶען וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אַךְ צַדִיקִים יוֹדוּ לִשְׁמֶךָ יֵשְׁבוּ יְשָׁרִים אֶת פָּנֶיךָ [אַזוֹי וִוי פְרִיעֶר]:

תָּנוּ רַבָּנָן . דִי רַבָּנָן הָאבֶּען גִילֶערוּנְט דִי עֶרְשְׁטֶע חֲסִידִים פְלֶעגִין קוּמֶען אִין שׁוּהל אֵיין שָׁעָה פַאר דֶעם דַאוֶונֶען : אוּנ פְלֶעגִין דַאוֶונֶען אֵיין שָׁעָה . אוּנ זַיין אִין שׁוּהל אֵיין שָׁעָה נָאךְ דֶעם דַאוֶונֶען . אַזוֹי פְלֶעגִין זֵיי טוּהֶען צוּ אַלֶע דְרַיי תְּפִלּוֹת . פְרֶעגְט דִי גְמָרָא אַז זֵיי פַאר זָאמֶען נַיין שָׁעָה אִין טָאג צוּם דַאוֶונֶען . צוּ יֶעדֶער תְּפִלָּה דְרַיי שָׁעָה . וִויא אַזוֹי וֶוערְט גֶעהִיט בַּייא זֵייא דִיא תּוֹרָה : וֶוען לֶערְנֶען זֵייא . אוּנ וֶוען טוּהֶען זֵייא זֵייעֶר אַרְבֶּעט . זֵייא זָאגֶען הָאבֶּען פוּן וַואנֶען צוּ לֶעבִּין . נָאר וַוייל זֵייא זֶענֶען חֲסִידִים וֶוערְט דִיא תּוֹרָה גֶעהִיט בַּיי זֵיי אִין הַארְצֶען זֵיי זָאלִין נִיט פַאר גֶעסִין . אֵיין מָאהל זֵיי לֶערְנֶען אִיז בַּייא זֵייא גֶענוּג אוֹיף אֵייבִּיג . אוּנ זֵייעֶר אַרְבֶּעט וֶוערְט גִיבֶּענְשְׁט :

יג תָּנוּ רַבָּנָן : דִי רַבָּנָן הָאבֶּען גִילֶערוּנְט אַמָאהל הָאט אַחָסִיד גִידַאוֶוינְט אוֹיף מִיטֶען וֶועג אִיז גִיקוּמֶען אַשַׂר צוּ דֶעם חָסִיד אוּנ הָאט אִיהם גִיגֶעבֶּען שָׁלוֹם . אוּנ דֶער חָסִיד הָאט אִיהם נִיט צוּרִיק גִיגֶעבֶּען שָׁלוֹם . הָאט דֶער שַׂר גִיוַוארְט בִּיז דֶער חָסִיד הָט אָפּ גִידַאוֶוינְט . דֶר נָאךְ וִויא עֶר הָאט אָפּ גִידַאוֶוינְט : זָאגְט דֶער שַׂר צוּם חָסִיד דוּא לֵיידִיגֶער מֶענְטְשׁ . אָן שֵׂכֶל . עֶס שְׁטֵייט דָאךְ אִין אַייעֶר תּוֹרָה דוּא זָאלְסְט דִיךְ הִיטֶען אוּנ זָאלְסְט הִיטֶען דַיין לֶעבִּין . אוּנ נָאךְ אַפָּסוּק שְׁטֵייט אִיר זָאלְט שְׁטַארְק הִיטֶען אַייעֶר לֶעבִּין . אַז אִיךְ הָאבּ דִיר גִינֶעבִּין שָׁלוֹם פַר וָואס הָאסְטוּ מִיר נִיט צוּרִיק גִיגֶעבֶּען שָׁלוֹם . אַז אִיךְ וָואלְט אָפּ גֶעשְׁנִיטֶען דַיין קָאפּ מִיט אַשְׁוֶוערְד : וֶוער וָואלְט גִימָאנְט דַיין בְּלוּט פוּן מִיר . הָאט דֶער חָסִיד גְזָאגְט צוּם שַׂר וַוארְט מִיר נָאר בִּיז אִיךְ וֶועל דִיךְ אִיבֶּער בֶּעטִין מִיט גוּטֶע רֵייד . הָאט דֶער חָסִיד גְזָאגְט צוּם שַׂר אַז דוּא זָאלְסְט גִישְׁטַאנֶען פַר אַמֶלֶךְ וָואס עֶר אִיז בְּלוּט אוּנ פְלֵייש [אַזוֹי וִויא דוּא] . אוּנ אֵיינֶער

ערוד. מין נחש והנא הוא בא כשהן מזקין זה עם זה ויצא מביניהם ערוד (והוא מין נחש): את חורו. שבו יוצא משם: ומת הערוד. מאלפי בתלמוד גדולות אמרי במערבא כשהערוד נושך את האדם אם הערוד קדם את האדם למים מת האדם ואם האדם קדם את הערוד למים מת הערוד ונעשה נס לרבי חנינא ונבקע לו מעין מתחת עקיביו:

היית מחזיר לו מה היו עושים לך א"ל היו חותכין את ראשי בסייף א"ל והלא דברים קל וחומר כה אתה שהיית עומד לפני מלך בשר ודם שהיום כאן ומחר בקבר היו חותכין את ראשך בסייף אני שהייתי עומד לפני מלך מלכי המלכים הקב"ה שהוא חי וקים לעד ולעולמי עולמים על אחת כמה וכמה. מיד נתפייס אותו הגמון ונפטר אותו חסיד לביתו לשלום:

יד תנו רבנן מעשה במקום אחד שהיה בו ערוד. והיה מזיק את הבריות באו והודיעו לרבי חנינא בן דוסא. אמר להם הראוני את חורו הלכו והראוהו חורו והניח עקבו על פתחו יצא ונשכו ומת אותו ערוד נטלו על כתיפו והוליכו לבית המדרש אמר להם בני ראו שאין ערוד ממית אלא חטא ממית באותה שעה אמרו אוי לו לאדם שפגע בו ערוד ואוי לו לערוד שפגע בו רבי חנינא בן דוסא:

טו אמר רבי (אלעזר) [אמי] גדולה דעה שנאמרה בתחלת ברכות של חול. ואמר רבי אלעזר [אמי] גדולה דעה שנתנה בין שתי אותיות שנאמר (ש"א ב) כי אל דעות ה' וכל מי שאין בו דעה אסור לרחם עליו שנאמר (ישעיה כז) כי לא עם בינות הוא על כן

וואלט געקומען צו דיר אונ וואלט דיר גיגעבען שלום. וואלסטו איהם צוריק גיגעבען שלום. זאגט דער שר צום חסיד. ניין. אונ אז דוא וואלסט איהם צוריק גיגעבען שלום. וואס וואלט מען דיר גיטאהן. זאגט דער שר צום חסיד מען וואלט אפ געשניטען מיין קאפ מיט אשווערד. זאגט דער חסיד צום שר איז דאך אקל וחומר. מאראך דו וואס דוא וואלסט גישטאנען פאר אמלך וואס ער איז פלייש אונ בלוט. היינט איז ער דא אונ מארגין איז ער אין קבר. פון דעסטוועגין וואלט מען אפ געשניטען דיין קאפ מיט אשווערד. איך וואס איך בין גישטאנען פאר גאט וואס ער איז אמלך איבער אלע מלכים. אונ ער לעבט אייביג: איז געווים אז איך האב ניט גידארפט ענטפערין קיין שלום. דער שר איז באלד איבער גיבעטין גיווארין. אונ דער חסיד איז אוועק גיגאנגען בשלום אהיים:

יד תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערנט אויף איין ארט איז גיוועזן אשלאנג אונ ער פלעגט הרגנן מענטשין: איז מען גיקומען צו רבי חנינא בן דוסא אונ מען האט דאס איהם דער ציילט. האט רבי חנינא בן דוסא צו זייא גזאגט ווייזט מיר זיין לאך. איז מען גיגאנגען אונ מען האט איהם געוויזען דיא לאך וו או דער שלאנג זיצט. האט רבי חנינא גישטעלט זיין פוס אויף דיא לאך: איז דער שלאנג ארויס גיגאנגען אונ האט אבים גיטאהן צו רבי חנינא. איז דער שלאנג גיפייגערט. האט רבי חנינא גענומען דעם שלאנג אויף זיין האקסיל אונ האט איהם געפירט אין בית המדרש. האט רבי חנינא גזאגט צוא די מענטשין פון בית המדרש. מיינע קינדער. זעהט אז ניט דער שלאנג הרגת דעם מענטש נאר דיא עבירות פון מענטש הרגנן דעם מענטש. אין דער צייט האט מען גזאגט וויי צו דעם מענטש אז אשלאנג בגעגינט איהם. אונ וויי צו דעם שלאנג וום רבי חנינא בן דוסא בגעגינט אים:

טו אמר. האט רבי אמי גזאגט דעה (ווישענשאפט) איז אגרויסע זאך ווייל דיא ערשטע ברכה פון דיא וואכעדיגע ברכות פון שמונה עשרה. הייבט זיך אן מיט דעה. אתה חונן לאדם דעת. נאך האט רבי אמי גזאגט דעה איז אגרויסע זאך ווייל זיא איז גיגעבין גיווארין דיא שטייט צווישען צוויי שמות. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק כי אל דעות ה' שטייט דער וואורט דעות צווישען צוויי שם ות. אל אונ ה. אונ ווער עס האט ניט קיין שכל טאר מען ניט רחמנות האבען אויף איהם. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ווייל ער איז אפאלק וואס פאר שטייט ניט. דריבער וועט גאט או ף איהם קיין רחמנות ניט האבען. נאך האט רבי אלעזר

בן לא (ירחמהו) [ירחמנו] עושהו . ואמר רבי אלעזר גדול מקדש שניתן בין שתי אותיות שנאמר (שמות טו) פעלת ה' מקדש ה' (כוננו ידיך) . ואמר רבי אלעזר כל אדם שיש בו דעה כאלו נבנה בית המקדש בימיו . דעה ניתנה בין שתי אותיות . בית המקדש ניתן בין שתי אותיות . מתקיף לה רב אחא קרחינאה אלא מעתה גדולה נקמה שנתנה בין שתי אותיות דכתיב (תהלים צד) אל נקמות ה' אמר ליה אין במילתיה מיהא גדולה היא כדעולא דאמר עולא שתי נקמות הללו למה אחד לטובה ואחד לפורענות לטובה כדכתיב (דברים לג) הופיע מהר פארן . לפורענות דכתיב אל נקמות ה' אל נקמות הופיע :

(משנה) **מז האומר** על קן צפור יגיעו רחמיך ועל טוב יזכר שמך מודים מודים משתקין אותו :

בשלמא

בין שתי אותיות . בין שתי אזכרות : במילתיה מיהא גדולה היא . במקום שצריכה נקמה דבר גדול הוא :

שאומר וכו' . אנשים שמראין עצמן כמתכוונים להפליג בלשון התנוגים ואומרים רחום וחנון אתה ועל קן צפור יגיעו רחמיך שאמרת לשלח האם

זאגט דער בית המקדש איז אגרויסע זאך . ווייל ער איז געגעבען געווארען. ער שטייט צווישען צוויי שמות . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק פעלת ה' מקדש ה' שטייט דער ווארט מקדש צווישען צוויי שמות . נאך האט רבי אלעזר גזאגט דער מענטש וואס האט דעה וויסענשאפט חכמה אונ שכל איז גלייך וויא דער בית המקדש וואלט געבאהט געווארען אין זיין צייט . ער פאר שטייט מיט זיין שכל אין דיא גאטליכע זאכען דאס זעלביגע וואס מען האט פערשטאנען פון בית המקדש ווען ער איז געווען געבאהט . דער ווארט דעה שטייט צווישען צוויי שמות . אונ דער ווארט בית המקדש שטייט אויך צווישען צוויי שמות . זענען זיי ביידע גלייך . האט רב אחא קרחינאה א קשיא געפרעגט נאר איצט וויא דוא זאגסט . דארף דאך זיין נקמה אויך אגרויסע זאך . ווארום דער ווארט נקמה שטייט דאך אויך צווישען צוויי שמות . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אל נקמות ה' שטייט דאך דער ווארט נקמה צווישען צוויי שמות . אל אונ ה' (אל איז דין אונ ה' איז רחמים . וויא אזוי קען זיין נקמה דין אונ רחמים . נקמה איז דאך נאר דין ניט רחמים) האט רבי אלעזר גזאגט צו רב אחא צו דער צייט ווען מען דארף מאהן א נקמה . איז טאקי נקמה אגרויסע זאך . זיא קען זיין רחמים אויך . אזוי ווי עולא זאגט ווארום עולא האט גזאגט צו וואס שטייט צוויי מאהל דער ווארט נקמה אל נקמות ה' אל נקמות הופיע . אמאהל איז דיא נקמה צו גוטען אונ אמאהל איז דיא נקמה צום שרעקליכען . דריבער שטייט ביי איין מאהל נקמה . פריער דער שם אל . מדת הדין . דער נאך שטייט ה' מדת הרחמים . אונ ביי איין מאהל נקמה שטייט נאר דער שם אל . מדת הדין . אונ מדת הרחמים שטייט ניט . אזוי וויא עס שטייט נאך האט געשיינט מיט דיא תורה פון בארג פארן : ער איז געגאנגען צו ישמעאל ער זאל נעמען די תורה . האט ער ניט געוואלט . דאס ברייננגט א נקמה אויף ישמעאל . אונ א טובה אויף יודען . אפ געצאהלט צוא ווערין פון ישמעאל אזוי וויא עס שטייט נאך ווערט פריער אין בעם אויף יודען . ער זאל אן זייא מאהן א נקמה מיט דעם מדת הדין . דאס הייסט אל נקמות א נקמה מיט דעם מדת הדין . דער נאך ווערט נאך מיט רחמים אויף יודען ה' איז רחמים . אל נקמות הופיע . ווייל נאך דער דער מאנט זיין נקמה מיט מדת הדין אויף ישמעאל ווייל ער האט ניט געוואלט אן נעמען די תורה ווען גאט האט געטאהן שיינען מיט די תורה אין פארן :

מז משנה. אז איינער זאגט פאר גאט אזוי וויא דיינע רחמנות איז אויף א נעסט מיט פייגעלאך . אזוי זאל זיין דיינע רחמנות אויף מיר . אדער ער זאגט אויף דיין גוטס וואס דו טוהסט ווערט דער מאנט דיין נאמען . אדער ער זאגט צוויי מאל מודים מאכט מען אים שטיל . ער זאל ניט אזוי זאגן :

גמ׳ . בשלמא מודים מודים משתקין אותו משום דמיחזי כשתי רשויות ועל טוב יזכר שמך נמי משמע על הטובה ו׳ לא על הרעה ותנן חייב אדם לברך על הרעה כשם שמברך על הטובה אלא על כן צפור יגיעו רחמיך מאי טעמא לא . (אמר עולא) פליגי בה תרי אמוראי במערבא רבי יוסי בר אבין ורבי יוסי בר זבידא חד אמר מפני שמטיל קנאה במעשה בראשית וחד אמר מפני שעושה מדותיו של הקב״ה רחמים ואינן אלא גזרות . ההוא דנחית קמיה דרבה אמר אתה חסת על קן צפור חוס ורחם עלינו אמר רבה כמה ידע האי צורבא מרבנן לרצויי למריה . א״ל אביי והא משתקין אותו תנן . ורבה נמי לחדודי לאביי הוא דבעי :

ההוא דנחית קמיה דרבי חנינא אמר האל הגדול הגבור והנורא והאדיר והאמיץ והעזוז האמתי והיראוי החזק והנכבד המתין לו עד דסיים . כי סיים אמר ליה סיימתינהו לשבחיה

לו באומר ועל טוב שלמה עושה לנו יזכר שמך או אומר. מודים מודים משתקין אותו : שמטיל קנאה. לומר על אלה חס ועל אלה בריותיו לא חס : מדותיו. מצותיו עושה רחמים והוא לא לרחמים עשה אלא להטיל על ישראל חקי גזירותיו להודיע שהם עבדיו ושומרי מצותיו וגזרות חקותיו אף בדברים שיש לשטן ולעובדי כוכבים להשיב עליהם ולומר מה צורך במצוה זו : ורבה נמי לחדודי לאביי הוא דבעי . רבה שקלסו נתכוין לחדודי לאביי שישיב לו מה שישיב ע״כ :

גמרא . אַז עֶר זָאגְט צְװײ מָאהל מוֹדִים אִיז רֶעכְט װָאס מֶען זָאגְט אִיהם עֶר זָאל שְׁװַײגֶען . װַײל עֶס זֶעהט אוֹיס װִיא עֶר דִינְט צוּ צְװײ גֶעטֶער . זָאגְט עֶר פְרִיעֶר מוֹדִים צוּ אֵיין גָאט . דֶער נָאךְ זָאגְט עֶר מוֹדִים צוּם אַנְדֶערִין גָאט . אַז עֶר זָאגְט צוּ גָאט אוֹיף דַיין גוּטְס װָאס דוּא טוּהסְט װֶערְט דֶער נָאמֶען דַיין נָאמֶען אִיז אוֹיךְ רֶעכְט װָאס מֶען הֵייסְט אִיהם שְׁװַײגֶען . װַײל עֶס זֶעהט אוֹיס אַז גָאט טוּהט גוּטְס דַארְף מֶען אִיהם לוֹיבֶּען . אָבֶּער אוֹיף שְׁלֶעכְטְס דַארְף מֶען אִיהם נִיט לוֹיבֶּען . אוּנ מִיר הָאבֶּען גִילֶערוּנְט אַז אַמֶענְטְשׁ דַארְף לוֹיבֶּען גָאט אוֹיף דִיא שְׁלֶעכְטֶע אַזוֹי װִיא עֶר לוֹיבְּט אוֹיף דִי גוּטֶע . נָאר פַאר װָאס זָאל מֶען נִיט טָארִין זָאגֶען אַזוֹי װִיא דַיין רַחֲמָנוּת אִיז אוֹיף אַנֶעסְט מִיט פֵייגֶעלַאךְ אַזוֹי זָאלְסְטוּ רַחֲמָנוּת הָאבֶּען אוֹיף אוּנְז אוֹיךְ . עֶנְפֶערְט דִיא גְמָרָא אִין דֶער זַאךְ קְרִיגֶען צְװײ אֲמוֹרָאִים אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל : רַבִּי יוֹסִי בַּר אָבִין אוּנ רַבִּי יוֹסִי בַּר זְבִידָא . אֵיינֶער זָאגְט דְרִיבֶּער טָאר מֶען נִיט זָאגֶען עַל קַן צִפּוֹר יַגִּיעוּ רַחֲמֶיךָ . װַײל עֶס זֶעהט אוֹיס אַז נָאר אוֹיף אַקַן צִפּוֹר הָאט גָאט רַחֲמָנוּת . אָבֶּער אוֹיף אַלֶע זַאכֶען װָאס אִיז בַּשַׁאפֶען גִיװָארִין אִין דִיא עֶרְשְׁטֶע זֶעקְס טֶעג הָאט גָאט נִיט רַחֲמָנוּת . װֶעט דָאךְ זַיין אַקִנְאָה פַר װָס אוֹיף זֵיי הָאט גָאט נִיט רַחֲמָנוּת . אוּנ אֵיינֶער זָאגְט װַײל עֶר זָאגְט אַז דִיא מִצְוֹת פוּן גָאט זֶענֶען רַחֲמָנוּת . װַײל גָאט הָט רַחֲמָנוּת אוֹיף דֶעם קַן צִפּוֹר . דְרִיבֶּער הָאט עֶר גִיהֵייסֶען מֶען זָאל אַװֶעק שִׁיקֶען דִיא מוּטֶער . אוּנ אַז מִיר װֶעלֶען טָאהן דִי מִצְוָה װֶעלִין מִיר אוֹיךְ טָאהן מַחֲמַת רַחֲמָנוּת . בֶּאֱמֶת אִיז דָאס אַגְזֵרָה פוּן גָאט אַז מֶען טָאר נִיט נֶעמֶען דִי מוּטֶער מִיט דִי קִינְדֶער . נָאר דִיא מוּטֶער מוּז מֶען אַװֶעק שִׁיקֶען . אוּנ אַז מִיר װֶעלֶען טָאהן דִי מִצְוָה אַװֶעק צוּ שִׁיקֶען דִי מוּטֶער . זָאלֶען מִיר נִיט מֵאהן װַײל מִיר הָאבֶּען רַחֲמָנוּת . נָאר װַײל גָאט הֵייסְט אַזוֹי . אֵיינֶער אִיז גִינַאנְגֶען צוּם עָמוּד דַאװֶענֶען פַאר רַבָּה הָאט עֶר גְזָאגְט פַר גָאט דוּ הָאסְט רַחֲמָנוּת אוֹיף אַנֶעסְט מִיט פֵייגֶעלַאךְ הָאב רַחֲמָנוּת אוֹיף אוּנְז אוֹיךְ . הָאט רַבָּה גְזָאגְט װִיא גוּט װֵייס דֶער לַמְדָן אִיבֶּער צוּ בֶּעטִין גָאט . הָט אַבַּיֵי גִיזָאגְט צוּ רַבָּה מִיר הָאבֶּען דָאךְ גִילֶערוּנְט אַז אֵיינֶער זָאגְט אַזוֹי הֵייסְט מֶען אִיהם שְׁװַײגֶען . עֶנְפֶערְט דִי גְמָרָא רַבָּה הָט אוֹיךְ נִיט גִימֵיינְט אַז דֶער לַמְדָן הָט גוּט גִיטָאהן . נָאר עֶר הָט גִיװָאלְט פְּרוּבִּין אַבַּיֵי . הֶערִין צוּ עֶר װֵייס דִי מִשְׁנָה מְשַׁתְּקִין אוֹתוֹ :

יז הַהוּא . אֵיינֶער אִיז גִינַאנְגֶען צוּם עָמוּד דַאװֶענֶען פַאר רַבִּי חֲנִינָא הָאט עֶר גְזָאגְט גָאט אִיז אַגְרוֹיסֶער אוּנ אַשְׁטַארְקֶער אוּנ אַפָּארְכְטִיגֶער אַאֱמֶתֶר אוּנ אַגְיֶעכְטֶער װָאס צוּ אִים אִיז דָאס גַאנְצֶע כָּבוֹד . הָאט רַבִּי חֲנִינָא גִיװַארְט בִּיז עֶר הָט אוֹיס גִילָאזְט אַז עֶר הָאט שׁוֹין אוֹיס גִילָאזְט הָאט רַבִּי חֲנִינָא צוּ אִיהם גְזָאגְט הָאסְט שׁוֹין אוֹיס גִילָאזְט אַלֶע לוֹיב פוּן גָאט צוּא װָאס בַּארְפַסְטוּ אַזוֹי פִיל רֵייכֶען אֲפִילוּ דִיא דְרַיי הַגָּדוֹל הַגִּבּוֹר וְהַנּוֹרָא . װֶוען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ װָאלְט דָאס

לשבחיה דמרך לםה לך כולי האי השתא ומה הני תלת (הגדול הגבור והנורא) אי לאו דאמרינהו משה רבינו באורייתא ואתו אנשי כנסת הגדולה והקנינהו בתפלה אנן לא הוה אמרינן ואת שבחתיה כולי האי משל (מגילה כה) למלך שהיו משבחין אותו באלף אלפין דינרי כסף והיו לו אלף אלפין דינרי זהב והלא גנאי הוא לו:

יח אמר רבי חנינא הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים שנאמר (דברים י) ועתה ישראל מה ה' אלהיך שואל מעמך כי אם ליראה וגו' אטו יראה מלתא זוטרתי היא והאמר רבי חנינא משום רבי שמעון בן יוחאי אין להקב"ה בבית גנזיו אלא אוצר של יראת שמים שנאמר (ישעיה לג) יראת ה' היא אוצרו אין לגבי משה מילתא זוטרתי היא (דאמר רבי חנינא) משל לאדם שמבקשים ממנו כלי גדול ויש לו דומה עליו ככלי קטן קטן ואין לו דומה עליו ככלי גדול:

יט מיתיבי הקורא שמע וכופלה הרי זה מגונה וכו'. א"ל רב פפא לאביי ודלמא מעיקרא לא

אי לאו דאמרינהו משה. האל הגדול הגבור והנורא אמר לא ישא פנים וגו': והקנינהו בתפלה. כשהתפלל עזרא על מעל הגולה בספר עזרא ופתח אלהינו האל הגדול הגבור והנורא עכ"ל רש"י: מאמר זה נשנה במגילה ושם כתב הריטב"א וז"ל אלפי דינרי זהב כו'. זה ראיה שאין גנותו של הש"י זה לפי שלא סיים כל שבחיו של בורא הא"ר היה לו לומר למלך שהיו לו אלף אלפים דינרי זהב והיו משבחים אותו בת"ק אלא הגנות שאין בבהמות אלו של בשר ודם שהם ענינים גופניים ממין בהמו של הקב"ה כמלך שיש לו דינרי זהב ומקלסין אותו בשל כסף וכמו שפירש הרמב"ם ע"כ:

הכל כו'. כל הבא על האדם בידי שמים הוא כגון הארוך וקצר עני עשיר חכם שוטה לבן שחור הכל בידי שמים אבל צדיק ורשע אינו בא על ידי שמים את זו מסר הקב"ה בידו של אדם ונתן לו ב' דרכים והוא יבחר לו ביראה שמים ובמסכת מגילה פרק אחרון הביאו מאמר זה ושם כתב רש"י לשון זה חוץ מיראת שמים אותה נמסר ביד האדם שיהא מכוין את לבו לכך ואע"פ שיכולת בידו להכין לבבו אליו שנאמר הנה כחומר ביד היוצר כן אתם בידי בית ישראל וא"ו ומר והסירותי את לב האבן מבשרכם ע"כ:

ניט גזאגט אין די תּוֹרָה אונ די אַנְשֵׁי כְּנֶסֶת הַגְּדוֹלָה האבען דאס גישטעלט אין דאווענען. ווען נישט זיי. וואלטען מיר דיא דרייא ווערטער אויך ניט גזאגט. אונ דוא האסט גילויבט גאט אזוי פיל. דאס איז גלייך וויא מען לויבט אמלך אז ער האט טויזענד מאהל טויזענד זילבערנע גילדען: אונ אין אֱמֶת האט ער טויזענד מאהל טויזענד גאלדענע גילדין. איז דאך דאס ניט קיין לויב נאר אַחַרְפָּה פאר דעם מלך. אזוי אז דוא לויבסט גאט מיט דיא זאכען. זעהט אוים אז מעהר איז שוין ניטא קיין מדות מיט וואס צו לויבען גאט. איז דאך דאס אַחַרְפָּה פאר גאט: ווארום באמת קען גאר קיין מענטש ניט אוים רייען די לויב פון גאט:

יח אָמַר. האט רַבִּי חֲנִינָא גזאגט אלע זאכען וואס עס טרעפט אויף דיא מענטשין וואס זענען אויף די וועלט איז ביי גאט אין די הענט. דאס קומט פון גאט. נאר מורא האבען פאר גאט. דם הייסט צו זיין ארשע אדער אצדיק דם איז ביי דעם מענטש אין האנט. וויא ער וויל. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אונ איצט איר יודען וואס פערלאנגט גאט פון דיר נאר דו זאלסט מורא האבען פר איהם. איז דאך די מורא פר גאט ביי דיא יודען אין דיא הענט. וויא זייא ווילען. אונ גאט גייט ניט קיין מענטשין ער זאל מורא האבען פאר איהם. פרעגט דיא גמרא איז דען מורא האבען פר גאט אקליינע זאך. ווס משה רבינו זאגט וואס פערלאנגט גאט נאר מורא צו האבען פר איהם. רבי חנינא הט דאך גזאגט פון רבי שמעון בן יוחאים ווענין גאט האט ניט מעהר אין זיינע אוצרות. נאר מען זאל מורא האבען פאר אים. אזוי ווי עס שטייט די מורא פר גאט דאס איז דער אוצר פון גאט. ענפערט דיא גמרא יא ביי משה רבינו איז מורא האבען פר גאט אקליינע זאך ווארום רבי חנינא הט גזאגט דם איז גלייך אזוי וויא מען בעט פון אמענטש אגרויסע כלי. אז ער האט דיא כלי. איז ביי איהם גלייך וויא מען וואלט פון איהם גיבעטין אקליינע כלי. אז מען בעט פון איהם אקליינע כלי אונ ער האט ניט. איז ביי איהם גלייך וויא מען וואלט פון איהם גיבעטען אגרויסע כלי. אזוי ביי משה רבינו איז מורא האבען פאר גאט גיווען אקליינע זאך. אונ ביי דיא יודען איז מורא האבען פאר גאט אגרויסע זאך:

יט מִיתִיבֵי. איך וועל דיך אַקֻשְׁיָא פרעגין אז ער לייענט קריאת שמע אונ ער טאפירט

לא כוון דעתיה אמר ליה חברותא כלפי שמיא מי איכא אי לא כוון דעתיה מעיקרא מחינן ליה במרזפתא דנפחא עד דמכוין דעתיה :

(דף לד) כ תנו רבנן שלשה רובן קשה ומיעוטן יפה ואלו הן שאור מלח וסרבנות .

חברותא כלפי שמיא . מנהג שנוהג אדם בחבירו ינהג אצל המקום ולא יזהר בתפלתו : מחיק ליה . כלומר מלמדין אותו שיכוין ומכין אותו אם יתיל בכך : מרזפתא . קורנס ותפס את המקבת מתרגמינן מרזפתא : תחלה וסוף . במודים ולך נאה להודות : כה"ג בסוף כל ברכה . כל מה שהוא גדול ביותר צריך

תנו רבנן מעשה בתלמיד אחד שירד לפני התיבה לפני רבי אליעזר והיה מאריך יותר מדאי אמרו ליה תלמידיו רבינו כמה ארכן הוא זה אמר להם כלום מאריך יותר ממשה רבינו דכתיב ביה (דברים ט) את ארבעים היום ואת ארבעים הלילה וגו'. שוב מעשה בתלמיד אחד שירד לפני התיבה לפני רבי אליעזר והיה מקצר יותר מדאי אמרו ליה תלמידיו כמה קצרן הוא זה אמר להם כלום מקצר יותר ממשה רבינו דכתיב ביה (במדבר יב) אל נא רפא נא לה :

כא תנו רבנן אלו ברכות שאדם שוחה בהם באבות תחלה וסוף בהודאה תחלה וסוף ואם בא לשוח בסוף כל ברכה וברכה ובתחלת כל ברכה וברכה מלמדין אותו שלא ישחה . אמר רבי שמעון (בן פזי) אמר רבי יהושע בן לוי משום בר קפרא הדיוט כמו שאמרנו

דעם פסוק . ער זאגט איין מאהל דעם פסוק שמע ישראל אונ ער זאגט באלד נאך אמאהל דעם פסוק שמע ישראל . דאס איז מיאוס : האט רב פפא גזאגט צוא אביי טאמער בייא דעם ערשטין מאהל וויא ער האט גזאגט דעם פסוק שמע ישראל . האט ער ניט אין זינען גיהאט וואס ער רעט . זאגט ער נאך אמאהל ער זאל שוין אין זינען האבען . האט אביי גזאגט צו רב פפא זאל מען רעדין צו גאט אזוי ווי מען רעט צו אחבר . צוויי מאהל איין זאך . אויב ער האט גיזעהן פריער ער קען ניט אין זינען האבען וואס ער רעט זאל מען אים שלאגען מיט אהאמער פון אשמיד אין קאפ ביז ער וועט אין זינען האבען צו רעדין פר גאט ווי מען דארף :

כ תנו רבנן . דיא רבנן האבען גירערט דרייא זאכען ווענען דא . אז מען נעמט פון דייא פיל איז ניט גוט : אונ אביסעל איז גוט . אונ דם ווענען די דריי זאכען זאערע טייג . צוא פיל וואסער איז ניט גוט . זאלץ . צו פיל גיזאלצען איז ניט גוט . אונ זיך לאזין בעטין . צו פיל זיך לאזין בעטין איז ניט גוט :

תנו רבנן . די רבנן האבען גירערט עס האט גיטראפען אתלמיד האט גידאווינט פאר דעם עמוד פאר רבי אליעזר האט ער זייער לאנג גידאווינט האבען דיא תלמידים גזאגט צוא רבי אליעזר אונזער רבי וויא לאנג ער דאווינט האט רבי אליעזר גזאגט צו דיא תלמידים דאווינט ער דען לייננגער ווי משה רבינו וואס עס שטייט בייא משה רבינו ער האט גיבעטין פאר גאט פערציג טעג אונ פערציג נעכט :

שוב . נאך האט גיטראפען אתלמיד האט גידאווינט פר דעם עמוד פאר רבי אליעזר האט ער זייער קורץ גידאווינט . האבען די תלמידים גזאגט צו רבי אליעזר ווי קורץ ער דאווינט : האט רבי אליעזר גזאגט צוא דיא תלמידים דאווינט ער דען קירצער וויא משה רבינו . וואס עס שטייט בייא משה רבינו ער האט גזאגט פאר גאט : גאט איך בעט דיך הייל איר :

כא תנו רבנן : די רבנן האבען גירערט אמענטש דארף זיך איינבייגין בייא דעם אנהייב ערשטע ברכה פון שמונה עשרה . אונ בייא דעם סוף ערשטע ברכה . בייא מגן אברהם אונ ביי דעם אנהייב מודים . מודים אנחנו לך . אונ ביי דעם סוף מודים . הטוב שמך ולך נאה להודות . אונ אויב ער וויל זיך איינבייגין צוא יעדער ברכה ווען ער לאזט דיא אויס אונ ווען ער הייבט זי אן . לערונט מען איהם ער זאל זיך ניט איינבייגין :

אמר . רבי שמעון בן פזי זאגט רבי יהושע בן לוי האט גזאגט פון בר קפרא'ס וועגין אפראסטער מענטש בייגט זיך איין ביי שמונה עשרה אזוי וויא מיר האבען גזאגט . אכהן

שאמרנו כהן גדול בסוף כל ברכה והמלך תחלת כל ברכה וסוף כל ברכה אמר רבי יצחק בר נחמני לדידי מפרשא לי מיניה דרבי יהושע בן לוי הדיוט כמו שאמרנו כהן גדול בתחלת כל ברכה המלך כיון שכרע שוב אינו זוקף שנא' (מלכים א ח) ויהי ככלות שלמה להתפלל קם מלפני מזבח ה' מכרוע על ברכיו (וכפיו פרושות): (ע"ג) **כב תנו** רבנן קידה על אפים שנאמר (מ"א א) ותקוד בת שבע אפים (ארצה) [ארץ] כריעה על ברכיו השתחואה זו פשוט ידים ורגלים שנאמר (בראשית לז) הבוא נבוא אני ואמך ואחיך להשתחות לך ארצה:

(משנה) **כג אמרו** עליו על רבי חנינא בן דוסא שהיה מתפלל על החולים ואומר זה חי וזה מת אמרו ליה מנין אתה יודע אמר להם אם שגורה תפלתי בפי יודע אני שהוא מקובל ואם לאו יודע אני שהוא מטורף:

גמרא מנא הני מילי אמר רבי חייא בר אבא אמר רבי יוחנן (אמר ריב"ל) אמר קרא בורא

להכריע ולהשפיל עצמו: אינו זוקף עד שיגמור: קם מלפני מזבח ה' מכרוע. רישיה דקרא וישי ככלות שלמה להתפלל סדר קם מכרוע: ארצה. לשון משמעת משמע: אם שגורה. אם סדורה תפלתי בפי במרוצה ואיני נכשל ותהנתי נובעה מלבי אל פי כל מה שאני חפץ להאריך בתחנונים: שהוא מטורף. החולה לשון אחר לשון טורפין לו תפלתו בפניו כלומר התפלה שהתפללו עליו מטורפת ונדחת

גדול דארף זיך איינבייגען צום סוף פון יעדער ברכה. פון דיא ברכות פון שמונה עשרה. און א מלך דארף זיך איינבייגען צום אנהייב פון יעדער ברכה און צום סוף פון יעדער ברכה. רבי יצחק בר נחמני זאגט צוא מיר האט מען גזאגט. אזוי האט רבי יהושע בן לוי גזאגט א פראסטער מענטש בייגט זיך איין ביי שמונה עשרה. אזוי וויא מיר האבען גזאגט. א כהן גדול דארף זיך איינבייגען צום אנהייב פון יעדער ברכה. א מלך אזוי וויא ער בייגט זיך איין צום אנהייב שמונה עשרה. הייבט ער זיך ניט אויף ביז צום סוף שמונה עשרה. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אז שלמה המלך האט אויס געלאזט זיין תפלה איז ער אויף געשטאנען פון פאר דעם מזבח פון צו קניען אויף זיינע קניא. אבער די גאנצע צייט וואס ער האט מתפלל געוועזען איז ער געוועזען איינגעבויגען אויף זיינע קניא:

כב תנו רבנן. דיא רבנן האבען געלערנט אז עס שטייט דער ווארט קידה. מיינט מען איינגעבויגען מיט דעם פנים אויף דיא ערד אזוי וויא עס שטייט אין פסוק בת שבע האט גענייגט מיט דעם פנים צו די ערד. אז עס שטייט דער ווארט כריעה. מיינט מען שטיין אויף די קניא. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק פון צו קניען אויף די קניא. בוקן זיך מיינט מען אויס ציהען דיא הענט און דיא פיס אויף דיא ערד. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק וועלין מיר דען קומען איך און דיין מוטער און דיינע ברידער זיך בוקן צוא דיר אויף דיא ערד:

כג משנה אמרו. מען האט גזאגט אויף רבי חנינא בן דוסא ער פלעגט בעטען פאר קראנקע און ער פלעגט באלד זאגען וועלכער וועט לעבען און וועלכער וועט שטארבען. האט מען גזאגט צו איהם פון וואנען ווייסטו ווער עס וועט לעבען און ווער ניט. האט רבי חנינא צו זייא גזאגט אויב די תפלה גייט ארויס פון מיין מויל לויפענדיג. וואס איך טראכט אין הארץ צו בעטען. רעט מיין מויל. און איך בין מיך ניט טועה. ווייס איך אז דער קראנקער איז אן גענומען ביי גאט ער זאל בלי יבען לעבען. און אויב מיין תפלה גייט ניט ארויס ריין פון מויל. נאר איך בין מיך טועה. און מיין מויל רעט ניט וואס מיין הארץ טראכט. ווייס איך אז דער קראנקער איז אוועק גינומען פון די וועלט. און ער וועט ניט לעבען:

גמרא. פון וואנען ווייסען מיר אז דאס רעדען פון מענטשין איז א סימן אויף גוט אדער אויף שלעכט. האט רבי חייא בר אבא גזאגט פון רבי יוחנן וועגין: רבי יהושע בן לוי זאגט דער פסוק זאגט אז דיא רייד פון דיא לעפצין גייט ארויס געזונד און מיט פרידען מען האט ניט קיין טעות. איז א סימן אז עס וועט זיין שלום:

ממנו ואינה מקובלת : בורא ניב שפתים . כשניב ברייה על השפה אני מובטח לו על השלום : חלצתו חמה . שלפתו וניטלה מגיפו : חמה . היא החולי סקודחו : חלצתו . לשון הלך ממנו : לא חסרתם . שעה : כעבד . בן בית נכנס ויוצא בלא רשות :

(ישעיה נז) בורא ניב שפתים שלום שלום . ת"ר מעשה והלה בנו של רבן גמליאל ושגר שני תלמידי חכמים אצל רבי חנינא בן דוסא לבקש רחמים עליו כיון שראה אותם עלה לעליה וביקש רחמים עליו בירידתו אמר להם לכו שכבר חלצתו חמה . אמרו ליה וכי נביא אתה אמר להם לא נביא אני ולא בן נביא אני אלא כך מקובלני (מבית אבי אבא) אם שגורה תפלתי בפי יודע אני שהוא מקובל ואם לאו יודע אני שהוא מטורף . כתבו וכוונו אותה שעה וכשבאו אצל רבן גמליאל אמר להם העבודה לא חסרתם ולא הותרתם באותה שעה חלצתו חמה ושאל לנו מים לשתות. ושוב מעשה ברבי חנינא בן דוסא שהלך ללמוד תורה אצל רבן יוחנן בן זכאי וחלה בנו של רבי יוחנן בן זכאי אמר ליה חנינא בני בקש עליו רחמים ויחיה הניח ראשו בין ברכיו ובקש עליו רחמים וחיה. אמר ריב"ז אלמלי הניח בן זכאי את ראשו בין ברכיו כל היום לא השגיחו עליו אמרה ליה אשתו וכי הוא גדול ממך א"ל לאו אלא הוא דומה כעבד לפני המלך ואני דומה

תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערנט עס הט גיטראפען דער זוהן פון רבן גמליאל איז קראנק גיווארין האט רבן גמליאל געשיקט צווייא תלמידי חכמים צו רבי חנינא בן דוסא ער זאל מתפלל זיין פאר איהם. וויא רבי חנינא האט גיזעהן זייא גייען צו איהם איז ער ארויף גיגאנגען אויף דעם בוידים תפלה צו טאהן פאר דעם קראנקען. אז רבי חנינא איז אראפ גיגאנגען פון בוידים. הט ער גזאגט צו דיא תלמידי חכמים גייט אהיים דיא היץ איז שוין אפ גיטאהן גיווארין פון דעם קראנקען. האבען דיא תלמידי חכמים גזאגט צו רבי חנינא ביסטו דען א נביא האט רבי חנינא צו זיי גזאגט איך בין ניט קיין נביא אונ ניט קיין זוהן פון א נביא נאר אזוי איז ביי מיר אן גינומען. אויב דיא תפלה גייט ארוים פון מיין מויל לויפענדיג. וואס איך טראכט אין הארץ צו בעטין. רעט מיין מויל. אונ איך בין מיך ניט טועה. ווייס איך אז דער קראנקער איז אן גינומען ביי גאט ער זאל בלייבען לעבין. אונ אויב מיין תפלה גייט ניט ארוים ריין פון מויל. נאר איך בין מיך טועה. אונ מיין מויל רעט ניט וואס מיין הארץ טראכט. ווייס איך אז דער קראנקער איז אוועק גינומען פון די וועלט. אונ ער וועט ניט לעבין. האבען זייא ריכטיג אויף געשריבען די צייט ווען רבי חנינא הט זייא גזאגט אז דיא היץ איז אפ גיטאהן גיווארען פון דעם קראנקען. אז זייא זענען גיקומען צוא רבן גמליאל אונ האבען איהם דער ציילט אז רבי חנינא הט גזאגט די צייט איז אפ גיטאהן גיווארין די היץ פון דעם קראנקען. צוא עס איז אמת אזוי. הט רבן גמליאל גזאגט צו דיא תלמידי חכמים איך שווער איר האט ניט גזאגט ווייניגער אונ ניט מעהר. דיא שעה וואס רבי חנינא הט אייך גזאגט איז אפ ניטאהן גיווארין דיא היץ פון קראנקען. אונ ער הט גיבעטין וואסער צום טרינקען. נאך האט גיטראפען בייא רבי חנינא בן דוסא ער איז גיגאנגען לערנען תורה ביי רבן יוחנן בן זכאי אונ דער זוהן פון רבן יוחנן בן זכאי איז קראנק גיווארין. הט רבן יוחנן גזאגט צו רבי חנינא מיין זוהן בעט ביי גאט אז מיין זוהן זאל לעבין. האט רבי חנינא אראפ גיבויגען זיין קאפ ביז צווישען די קניא אונ הט גיבעטין ביי גאט. אונ דער זוהן פון רבן יוחנן איז געבליבען לעבין. הט רבן יוחנן בן זכאי גזאגט ווען בן זכאי (אויף זיך הט ער גימיינט) וואלט גיהאלטען איינגיבויגען דעם קאפ ביז צווישען די קניא אפילו אגאנצען טאג. וואלט מען אויך ניט גיקוקט אויף איהם. מען זאל אן נעמען זיין תפלה. הט דם ווייב פון רבן יוחנן גזאגט צו רבן יוחנן איז רבי חנינא אגרעסערער צדיק ווי דוא הט רבי יוחנן צו איר גזאגט. ניין. ער איז קלענער פר מיר: נאר רבי חנינא איז גליך וויא אקנעכט ביי א מלך. וואס ער גייט אריין צום מלך ווען ער וויל. אונ ער דארף ניט פרעגין ווען די צייט איז אריין צו גיין: אזוי איז פאר רבי חנינא האפען דיא טויערין פון הימעל תפלה צוא טאהן ווען ער וויל. אונ איך בין אזוי וויא אשר ביי א מלך. ער איז גרעסער פון דעם קנעכט

דומה כשר לפני המלך :

כשר לפני המלך. שהוא רגיל לבא לפניו ע"כ : לא נתנבאו. הטובות והנחמות : עין לא ראתה. לא נראית ולא נגלית לשום נביא : רחוק.

אמר רבי חייא בר אבא אמר רבי יוחנן כל הנביאים כלם לא נתנבאו אלא לבעלי תשובה אבל צדיקים גמורים (ישעיה סד) עין לא ראתה אלהים זולתך ופליגא דר' אבהו דא"ר אבהו במקום שבע"ת עומדין אין צדיקים גמורין עומדין שנאמר (שם נו) שלום שלום לרחוק ולקרוב לרחוק ברישא והדר לקרוב. ואידך מאי רחוק רחוק מעבירה מעיקרא קרוב קרוב לעבירה מעיקרא ונתרחק מכנה השתא. וא"ר חייא בר אבא אמר רבי יוחנן כל הנביאים לא נתנבאו אלא לימות המשיח אבל לעולם הבא עין לא ראתה אלהים זולתך ופליגא דשמואל דאמר שמואל אין בין העולם הזה לימות המשיח אלא שעבוד גליות בלבד שנאמר (דברים טו) כי לא יחדל אביון מקרב הארץ. ואמר רבי חייא בר אבא אמר רבי יוחנן כל הנביאים לא נתנבאו אלא למשיא בתו לתלמיד חכם ולעושה פרקמטיא לתלמיד חכם ולמהנה לתלמיד חכם מנכסיו אבל תלמידי חכמים עצמן עין לא ראתה אלהים זולתך מאי עין לא ראתה אמר

פיל מאהל. פון דעסטוועגין האט ער אויס געזעצטע צייטען צו רעדין פאר דעם מלך. אזוי איז פר מיר אויך דא אויס געזעצטע צייטען ווען מיין תפלה זאל אריין גיין פר גאט :

אמר. רבי חייא בר אבא האט גזאגט רבי יוחנן האט גזאגט אלע טובות אונ ישועות וואס די נביאים האבען גזאגט. האבען זיי דס נאר גזאגט פר בעלי תשובה. אבער אמתה צדיקים וואס האבען קיין מאהל ניט געזינדיגט זייערע טובות וואס גאט וועט מיט זיי טאהן האט די אויג פון קיין נביא ניט גיזעהן, נאר גאט אליין ווייס דעם שכר וואס ער וועט זיי געבין : אונ רבי יוחנן קריגט אויף רבי אבהו ווארום רבי אבהו האט גזאגט וואו בעלי תשובה שטייען קענען קיין אמתה צדיקים ניט שטיין ווארום עס שטייט אין פסוק עס וועט זיין שלום צו דעם וואס איז גיוועזן ווייט פון גאט אונ האט תשובה גיטאהן ער זאל נאנט ווערין. אונ עס וועט זיין שלום צוא דעם וואס ער איז פון אייביג גיוועזן נאנט צו גאט. פריער וועט זיין שלום צו דעם וואס איז גיוועזן ווייט אינ איז גיווארין נאנט דער נאך וועט זיין שלום צו דעם וואס איז נאנט פון אייביג צו גאט. זעהן מיר פון דעם פסוק אז אבעל תשובה איז גרעסער ווי אצדיק. פרעגט די גמרא אונ דער אנדערער. רבי יוחנן וואס ער זאגט אז אצדיק איז גרעסער ווי אבעל תשובה. וואס זאגט ער צו דעם פסוק. ענטפערט די גמרא וואס מיינט מען ווייט ער איז ווייט פון עבירות פון אנהייב. ער האט קיין מאהל ניט גיטאן קיין עבירה. נאנט מיינט מען ער איז גיוועזן נאנט צו עבירות פון אנהייב איצט איז ער דער ווייטערט גיווארין פון די עבירות ער האט תשובה גיטאהן. זעהן מיר פון דעם פסוק אז אצדיק איז גרעסער וויא אבעל תשובה. נאך האט גזאגט רבי חייא בר אבא פון רבי יוחנן ווענין אלע נביאים האבען נאר גזאגט טובות אונ נחמות וואס עס וועט זיין ווען משיח וועט קומען. אבער וואס עס וועט זיין אויף עולם הבא דאס האט די אויג פון קיין נביא ניט גיזעהן. נאר גאט אליין ווייס וואס עס וועט זיין. אונ רבי יוחנן קריגט אויף שמואל ווארום שמואל האט גזאגט פון די איצטיגע צייט ביז דיא צייט וואס משיח וועט קומען איז נאר אאונטער שייד נאחיזוקו. היינט זענען מיר אין גלות. אונ אז משיח וועט קומען וועלין מיר ניט זיין אין גלות. אונ אין אלע אנדערע זאכען וועט זיין דיא צייט וואס משיח וועט קומען גלייך מיט דיא איצטיגע צייט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק עס וועט ניט פעלין קיין ארעם מאן אויף דיא וועלט. אונ דיא אלע טובות וואס דיא נביאים האבען גיזעהן אויף יורען. דאס איז נאר אויף עולם הבא :

ואמר. נאך האט רבי חייא בר אבא גזאגט פון רבי יוחנן וועגין דיא טובות אונ נחמות וס די נביאים האבען גזאגט. דאס איז נאר פר די מענטשין וס גיבען זייערע טעכטער פאר וייבער צו תלמידי חכמים. אונ פר די מענטשין וואס מאכען אהאנדיל פר אתלמיד חכם. אונ

(תענית כט) אמר רבי יהושע בן לוי זה יין המשומר בענביו מששת ימי בראשית. (ר"ל) [רבי שמואל בר נחמני] אמר זו עדן שלא ראתה עין מעולם. וא"ת אדם היכן היה דר. בגן ושמא תאמר גן זה עדן תלמוד לומר (בראשית ב) ונהר יוצא מעדן להשקות את הגן גן לחוד ועדן לחוד:

פיה רחוק כל' ימין מן הפנירם דכייט לדיק מפיקלה ע"כ: חלונות. בגורמין לו פיכוין לבו שהוא מסתכל כנגד השמים ולבו נכנע: דמללי בבקעה, בבקעה שהבוהו במקום לניעות חלה עליו אימת המלך ולבו נשבר עד כאן:
קדש הלולים. בנטע רבעי כתיב ומשמע ב' הלולים טעון באכילתו כשהלכלו בגגה הרמיפים הוה מותר באכילה:

כד אמר רבי (הנינא) [חייא בר אבא אמר רבי יוחנן] אל יתפלל אדם אלא בבית שיש בה חלונות שנאמר (דניאל ו) וכוין פתיחן ליה בעליתיה נגד ירושלם אמר רבי יעקב (בר אידי) אמר רבי (יוחנן) [חסדא] כל המבקש רחמים על חברו אין צריך להזכיר שמו מנא לן ממשה רבינו שנאמר (במדבר יב) אל נא רפא נא לה ולא קא מדכר שמה דמרים אמר רב כהנא חציף עלי מאן דמצלי בבקתא ואמר רב כהנא חציף עלי מאן דמפרש חטאיה שנאמר (תהלים לב) אשרי נשוי פשע כסוי חטאה:

ביצד מברכין פרק ששי

(דף לה) **א ביצד** מברכין על הפירות וכו'. מנא הני מילי דתנו רבנן (ויקרא יט) קדש הלולים

פאר דיא מענטשין וואס גיבען פון זייער פאר מעגין צוא אתלמיד חכם ער זאל דער פון הנאה האבען. אבער דעם שכר וואס די תלמידי חכמים אליין וועלין האבען. דאס האט דיא אוג פון קיין נביא ניט גיזעהן. נאר גאט אליין ווייס וואס ער וועט זייא געבין. וואס האט קיין אויג ניט גיזעהן. האט רבי יהושע בן לוי גזאגט דאס מיינט מען דיא ווין וואס זענען נאך אין דיא ווייטרויבין פון דער צייט וואס די וועלט איז בשאפען גיווארין. רבי שמואל בר נחמני זאגט דס מיינט מען דעם עדן די אויג פון קיין מענטש אין דיא וועלט האט נאך ניט גיזעהן דעם עדן. ועסטו וועלין פרעגין וואו האט אדם הראשון גיוואוהנט. אין גארטען. טאמער וועסטו זאגען גן איז דאס זעלביגע וואס עדן. זאגט דער פסוק אטייך גייט ארויס פון עדן אן צו טרינקען דעם גארטען. דער גן איז אבזונדער ארט און דער עדן איז אבזונדער ארט.

רבי חייא בר אבא זאגט פון רבי יוחנן וועגין אמענטש זאל אנדערש ניט דאווענען נאר אין אשטוב מיט פענסטער. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דניאל האט גידאווינט אין אאויבערשטע שטוב. אונ די פענסטער זענען גיווען האפען געגין ירושלים:

רבי יעקב האט גזאגט פון רבי יוחנן וועגין אז איינער בעט ביי גאט פר זיין חבר דארף ער ניט דער מאנען זיין חברס נאמען. פון וואנען ווייסען מיר דאס: פון משה רבינו: ווארום עס שטייט אין פסוק גאט איך בעט דיך דו זאלסט איר היילען. אונ ער האט ניט דער מאנט דעם נאמען פון מרים. האט רב כהנא גזאגט דער וואס דאווינט אויף דעם מיטען פעלד הייסט ער ביי מיר אחצוף עזות פנים. נאך האט רב כהנא גזאגט דער וואס רעט ארויס זיינע חטאים. ווען ער זאגט ווידוי. הייסט ער ביי מיר אחצוף אעזות פנים. ווארום עס שטייט אין פסוק וואהל צו דעם וואס מען איז אים מוחל זיינע עבירות. אונ די עבירות זענען צו גידעקט קיינער ווייס ניט פון זיי. ער רעט זייא ניט ארוים:

פרק ששי

א ביצד מברכין. ווי מאכט מען אברכה אויף פירות. פרעגט די גמרא פון וואנען ווייסען מיר אז מען דארף מאכען אברכה אויף פירות [אונ אויף אלע אנדערע עסין אונ טרינקען] ווארום דיא רבנן האבען גילערנט. עס שטייט אין פסוק די פירות וואס וואקסט אויף אבוים דעם פערטין יאהר ווי מען האט איהם גיפלאנצט. דארף מען זיי ברענגען אין ירושלים. אונ

הלולים לה׳ מלמד שטעונין ברכה לפניהם ולאחריהם מכאן אמר רבי עקיבא אסור לאדם שיטעום כלום קודם שיברך :

(שאין אומרים שירה . שיר של קרבן במקדש: אלא על היין . כשמנסכין נסכי מזבח) :
מעל . כמו שנהנה מן ההקדש דכתיב לה׳ הארץ

ב **אמר** רבי שמואל בר נחמני אמר רבי יונתן מנין שאין אומרים שירה אלא על היין שנאמר (שופטים ט) החדלתי את תירושי המשמח אלהים ואנשים אם אנשים משמח אלהים במה משמח מכאן שאין אומרים שירה אלא על היין :

ג **תנו** רבנן אסור לאדם שיהנה מן העולם הזה בלא ברכה וכל הנהנה מן העולם הזה בלא ברכה מעל מאי תקנתיה ילך אצל תלמיד חכם תלמיד חכם מאי עביד ליה הא עבד לאיסוריה אלא אמר רבא ילך אצל חכם מעיקרא וילמדנו ברכות כדי שלא יבא לידי מעילה . אמר רב יהודה אמר שמואל כל הנהנה מן העולם הזה בלא ברכה כאלו נהנה מקדשי שמים שנאמר (תהלים כד) לה׳ הארץ ומלואה . רבי לוי רמי כתיב לה׳ הארץ ומלואה וכתיב (שם קטו) השמים שמים לה׳ והארץ נתן לבני אדם ל״ק כאן קודם ברכה כאן לאחר ברכה

אין ירושלים זענען זייא היילינג אונ מען לויבט צו גאט צוויי מאהל אויף די פירות . לערונט אונז דער פסוק אז מען דארף מאכען אברכה איידער מען עסט די פירות . אונ מען דארף מאכען דער נאך וויא מען האט שוין די פירות אויף געגעסען . פון דאנען האט רבי עקיבא געזאגט אמענטש טאר ניט געמען אין מויל קיין עסין אונ קיין טרינקען ביז ער זאל פריער מאכען אברכה :

ב רבי שמואל בר נחמני הט געזאגט פון רבי יונתן וועגין פון וואנען ווייסען מיר אז די לוים אין בית המקדש האבען ניט געזאגט קיין שירה אויף דעם קרבן נאר ווען מען הט געגאסען דיא וויין אויף דעם מזבח . ווארום עס שטייט אין פסוק . דער ווינשטאק זאגט האב איך דען פאר מיטען (האב איך דען אויף געהערט צוא געבין) מיין וויין וואס ער דער פרייט גאט אונ מענטשין . אויב מענטשין דער פרייט דער וויין . איז ריכטיג . ער טרינקט אונ ווערט פריילאך . אבער מיט וואס דער פרייט דער וויין צו גאט : פון דאנען ווייסען מיר אז דיא לוים אין בית המקדש האבען ניט געזאגט קיין שירה אויף דעם קרבן נאר ווען מען הט געגאסען די וויין אויף דעם מזבח :

ג תנו רבנן . די רבנן האבען געלערנט אמענטש טאר ניט הנאה האבען פון די וועלט אן אברכה ; אונ דער וואס הט הנאה פון די וועלט אן אברכה ; איז גלייך וויא ער וואלט הנאה געהאט פון דיא היילינגע זאכען וואס אין בית המקדש ; וואס מען דארף ברייגגען דארויף אקרבן מעילה . וואס זאל דער מענטש טאהן . ער זאל גיין צוא אלמדן . וואס וועט איהם דער למדן טאהן ; ער האט דאך שוין גיטאהן די עבירה . ער הט דאך שוין גיגעסין אן אברכה . נאר זאגט רבא אזוי מיינט מען פריער איידער ער עסט זאל ער גיין צו אלמדן וועט ער איהם לערנען די ברכות ער זאל ניט קומען הנאה האבען אן אברכה . ער זאל ניט פעלשין אן גאט . רב יהודה הט געזאגט פון שמואלס וועגין ווער עס הט הנאה פון די וועלט אן אברכה איז גלייך וויא ער וואלט הנאה גיהאט פון די זאכען וואס זענען גיהייליגט גיווארין צו גאט . ווארום עס שטייט אין פסוק די ערד אונ אלץ וואס אויף איר איז דא גיהער צו גאט . רבי לוי הט גיפרעגט אין איין פסוק שטייט די ערד אונ אלץ וואס אויף איהר איז דא גיהער צו גאט . אונ אין איין פסוק שטייט דיא הימלען גיהערין צו גאט . אונ דיא ערד הט ער גיגעבין צו דיא מענטשין . ענפערט דיא גמרא עס איז ניט קיין קשיא . דער פסוק וואס אין איהם שטייט אז דיא ערד אונ אלץ וואס אויף איר איז דא גיהער צו גאט . שמועסט איידער מען מאכט אברכה . גיהער אלץ צו גאט . אונ דער פסוק וואס אין איהם שטייט אז גאט הט גיגעבען די ערד צו מענטשין . שמועסט דער נאך וויא מען הט שוין גימאכט אברכה ; מעג דער מענטש פון אלץ הנאה האבען . רבי חנינא בר

וכלותה כדאמרינן לקמן: לאחר ברכה. פרי היא לבני אדם: גוזל להקב"ה. את ברכתו: ולכנסת ישראל. שבחטאו הפירות לוקין: ואומר אין פשע. ולפי שזה מיקל רואין האחרים ולומדין ממנו לעשות כן ליהנות מן העוה"ז בלא ברכה לכך נקרא זה המיקל חבר הוא לאיש משחית: לירבעם בן נבט. שחטא והחטיא את ישראל כך הוא חוטא ומחטיא ע"כ לשון רש"י:

בזמן שעושין רצונו של מקום. דגנך שלהם וכשאין עושין רצונו נוטלו ומראהו להם שהוא שלו: דברים ככתבן. שלא יעסוק בדרך ארץ: הנהג בהם. עם דברי תורה דרך ארץ שאם תבא לידי צורך

ברכה. (ע"ב) אמר רבי חנינא בר פפא כל הנהנה מן העולם הזה בלא ברכה כאלו גוזל להקדוש ברוך הוא וכנסת ישראל שנאמר (משלי כח) גוזל אביו ואמו ואומר אין פשע חבר הוא לאיש משחית. אביו זה הקדוש ברוך הוא שנאמר (דברים לב) הלא הוא אביך קנך ואין אמו אלא כנסת ישראל שנאמר (משלי א) ואל תטוש תורת אמך. מאי חבר הוא לאיש משחית אמר רבי חנינא בר פפא חבר הוא לירבעם בן נבט שהשחית את ישראל לאביהם שבשמים:

(ע"ב) דרבי חנינא בר פפא רמי כתיב (הושע ב) (לכן אשוב) ולקחתי דגני בעתו וכתיב (דברים יא) ואספת דגנך (ותירושך ויצהרך) לא קשיא כאן בזמן שישראל עושין רצונו של מקום כאן בזמן שאין ישראל עושין רצונו של מקום. תנו רבנן ואספת דגנך וגו' מה תלמוד לומר לפי שנאמר (יהושע א) לא ימוש ספר התורה הזה מפיך יכול דברים ככתבן ת"ל ואספת דגנך נהוג בהם מנהג דרך ארץ דברי רבי ישמעאל רבי שמעון בן יוחאי אומר אפשר אדם חורש בשעת חרישה וזורע בשעת זריעה וקוצר בשעת קצירה ודש

פפא הט גזאגט דער וואס הט הנאה פון די וועלט אן א ברכה איז גלייך וויא ער וואלט גיגזלת ביי גאט די ברכה. אונ ביי דיא יודען גזלת ער. גאט וועט ניט געבין זיין ברכה אויף דיא פעלדער: ווארום עס שטייט אין פסוק אז ער גזלת ביי זיין פאטער אונ מוטער אונ ער זאגט דס איז ניט קיין עבירה איז ער אחבר צו דעם וום הט פר דארבען אלע יודען. זיין פאטער מיינט מען גאט אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ער איז דיין פאטער וואס האט דיך גיקויפט. מיינט מען ער האט גיגזלת ביי גאט די ברכה. די מוטער מיינט מען אלע יודען אזוי וויא עס שטייט דוא זאלסט ניט פר לאזין דיא לערנונג פון דיין מוטער. דאס מיינט מען דיא תורה וואס דיא יודען האבען גילערונט פון גאט דורך משה רבינו זאלען זייא ניט פאר לאזען. אונ ער גזלת אלע יודען גאט וועט ניט געבין דיא ברכה אויף דיא פעלדער. וואס מיינט מען ער איז אחבר צו דעם מענטש וום הט פר דארבען אלע יודען הט רבי חנינא בר פפא גזאגט ער איז אחבר צו ירבעם בן נבט וואס ער האט פאר דארבען די יודען צו גאט. ער פאר דארבט אויך אלע יודען. מענטשין וועלען זעהן ער מאכט ניט קיין ברכה. וועלין זיי אויך ניט מאכען קיין ברכה. רבי חנינא בר פפא הט גיפרעגט אין איין פסוק שטייט גאט זאגט איך וועל צו נעמען מיינע קארין אין דער צייט ווען זייא וועלין פערטיג ווערין. אונ אין איין פסוק שטייט גאט זאגט צוא דיא יודען דוא וועסט איין זאמלען דיינע קארין. ענטפערט די גמרא עס איז ניט קיין קשיא ווען דיא יודען טוהען דעם ווילען פון גאט. זאגט גאט דוא וועסט איין זאמלען דיינע קארין. אונ ווען דיא יודען טוהען ניט דעם ווילען פון גאט. זאגט גאט איך וועל צו נעמען מיינע קארין. די רבנן האבען גילערונט עס שטייט אין פסוק דו וועסט איינזאמלען דיינע קארין וואס לערונט אונז דער פסוק. ווייל עס שטייט דיא תורה זאל ניט אפ גיטאהן ווערין פון דיין מויל וואלט איך זועלין מיינען דיא ריד זאלען זיין אזוי וויא זייא זענען געשריבען. מען טאר ניט טאהן קיין זאך נאר לערנען. לערונט אונז דער פסוק דוא זאלסט איינזאמלען דיינע קארין. מיט דעם לערנען זאלסטו האנדלען אדער טאהן אמלאכה אויך אזוי זאגט רבי ישמעאל. רבי שמעון בן יוחאי זאגט קען דען זיין וויא רבי ישמעאל זאגט ווען די צייט וועט זיין צו האקערין וועט דער מענטש האקערין אונ ווען די צייט וועט זיין צוא זייען וועט ער זייען אונ ווען די צייט וועט זיין צו שניידען די תבואה וועט ער שניידען אונ ווען די צייט וועט זיין צו דרעשין די תבואה וועט ער דרעשין אונ ווען עס וועט זיין אווינט וועט ער שופלעווען די תבואה וואס

ודש בשעת דישה ווורה בשעת הרוח תורה מה תהא עליה אלא בזמן שישראל עושין רצונו של מקום מלאכתן נעשית על ידי אחרים שנאמר (ישעיה סא) ועמדו זרים ורעו צאנכם ובזמן שאין ישראל עושין רצונו של מקום מלאכתן נעשית על ידי עצמן שנאמר ואספת דגנך ולא עוד אלא שמלאכת אחרים נעשית על ידם שנאמר (דברים כג) ועבדת את אויביך . אמר אביי הרבה עשו כרבי ישמעאל ועלתה בידם והרבה עשו כר"ש בן יוחאי ולא עלתה בידם אמר להו רבא לרבנן במטותא (בעינא) מינייכו דלא תיתו קמאי לא ביומי דניסן ולא ביומי דתשרי (ואף לבי רב לא תיתו) כי היכי דלא תטרדו במזונייכו כולה שתא . אמר רבה בר בר חנה אמר רבי יוחנן משום ר"י בר אלעאי בא וראה מה בין דורות ראשונים לדורות אחרונים דורות ראשונים שעשו תורתן קבע ומלאכתן עראי זה וזה נתקיים בידם . דורות האחרונים שעשו מלאכתן קבע ותורתן עראי זה וזה לא נתקיים בידם . ואמר רבה בר בר חנה אמר רבי יוחנן משום רבי יהודה בר אלעאי בא וראה מה בין דורות האחרונים לדורות הראשונים היו מכניסין פירותיהן דרך טרקסמון כדי להייבן במעשר דורות אחרונים מכניסין פירותיהן

דרך

ברייתא כוהך ליבטל מדברי תורה : אספר . נכמוס אספר כדברייך : ביומי ניסן . ימי הקציר : ביומי תשרי . דריכת הגתות והבדים : דרך טרקסמון .

וועט זיין מיט דיא תורה : ווען וועט ער לערנען . נאר ווען די יודען טוהען דעם ווילען פין גאט ווערט זייער ארבעט גיטאהן דורך אנדערע מענטשין אזוי וויא עס שטייט אין פסוק עס וועלין אויף שטיין פרעמדע אונ וועלען פיטערין אייערע שעפסין . אונ ווען דיא יודען טוהען ניט דעם ווילען פון גאט ווערט זייער ארבעט גיטאהן דורך זיי אליין . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דו אליין וועסט איינזאמלען דיינע קארין . אונ נאך ניט דאס אליין וועט זיין די שטראף ווייל זייא לערנען ניט. נאר פרעמדע ארבעט וועט גיטאהן ווערין דורך זיי . די יודען וועלין נאך מוזען טאהן פרעמדע ארבעט אויך . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דוא וועסט דינען דיינע פיינט . הט אביי גזאגט פיל מענטשין האבען גיטאהן וויא רבי ישמעאל אונ האבען גוט אויס געפירט אונ פיל מענטשין האבען גיטאהן וויא רבי שמעון בן יוחאי אונ האבען ניט גיקענט אויס פירען . רבא הט גזאגט צו די רבנן צו זיינע תלמידים איך בעט פון אייך איר זאלט ניט קומען פר מיר צום לערנען ניט אין חודש ניסן . ווייל מען שניידט דיא תבואה : אונ ניט אין חודש תשרי . ווייל מען טרעט די וויינטרויבען אונ די אייל בירטען . איר זאלט אייך אין דיא צוויי חדשים אנברייטען שפייז אויף אגאנץ יאהר . איר זאלט ניט זיין פאר טאהן אין אייערע שפייזונג דעם גאנצען יאהר . איר זאלט קענען זיין רוהיג אגאנץ יאהר צום לערנען . (רבה בר בר חנה הט גזאגט . רבי יוחנן הט גזאגט פון רבי יהודה בר אלעאים וועגין) קום זעה דעם חילוק (דעם אונטערשייד) פון די ערשטע דורות צו די שפעטעריגע דורות . די ערשטע דורות וואס דאס לערנען איז ביי זיי גיוועזען דער עיקר . דיא מערסטע צייט פון טאג האבען זייא גילערונט אונ זייער ארבעט איז נאר גיוועזען טרעפענדיג . אביסול האבען זיי גיארבעט אמלאכה אדער גיהאנדילט . האבען זיי גיהאט ביידע זאכען . תורה אונ פרנסה . די שפעטעדיגע דורות וואס די ארבעט אדער דער האנדיל איז ביי זיי דער עיקר . די מערסטע צייט פון טאג ארבעטין זיי אמלאכה אדער זיי האנדלען , אונ זייער לערנען איז נאר טרעפענדיג . אביסל לערנען זיי אויך האבען זיי ביידע זאכען ניט . ניט קיין תורה אונ ניט קיין פרנסה : ונאך האט רבה בר בר חנה גזאגט רבי יוחנן זאגט פון רבי יהודה בר אלעאים וועגין . קום זעה דעם חילוק (דעם אונטערשייד) וואס עס איז צווישען די שפעטעדיגע דורות צוא די ערשטע דורות . די ערשטע דורות פלעגין אריין ברייגגען זייערע פירות פון פעלד דורך דעם טויער פון הויף אדער דורך דיא טיר פון שטוב מען זאל ניט טארין עסין דיא פירות ביז מען וועט געבין פון זיי מעשר . אבער דיא שפעטערדיגע דורות ברייגגען אריין זייערע פירות אין שטוב דורך דעם דאך : נייא

(לשון סרוקי גלי סלק שער וסמנן בית כלומר מקנגי סימן) דרך בשרי כתגר וכבית: שני סבית. פתח כמסה ויגלגל: אין הסנל מחייב. במעשר מן כתורה אבל אכילה קבע אבור לאכול מדרבנן ע"כ: כוסבות. המרים וכן דבר שאמור בשבע כמינן שהדבר זה מן התמרים: (קפן ונכך . לאמריכן):

דרך גנות דרך חצרות דרך קרפיפות כדי לפטרן מן המעשר (לפיכך לא נתברכו פירותיהן). דאמר רבי ינאי אין הטבל חייב במעשר עד שיראה פני הבית שנאמר (דברים כו) בערתי הקדש מן הבית (וגם נתתיו ללוי) ורבי יוחנן אמר אפילו חצר קובעת שנאמר (שם) ואכלו בשעריך ושבעו:

(דף לו ע"ב) **ה היה** ר"מ אומר משום שנאמר (ויקרא יט) וערלתם ערלתו את פריו איני יודע שעץ מאכל הוא אלא מה ת"ל עץ מאכל להביא עץ שטעם עצו ופריו שוה ואיזה זה הפלפלין ללמדך שהפלפלין חייבין בערלה ולמדך שאין א"י חסרה כלום שנאמר (דברים ח) ארץ אשר לא במסכנות תאכל בה לחם לא תחסר כל בה:

(דף לז) **ו מעשה** בר"ג והזקנים שהיו מסובין בעלייה ביריחו והביאו לפניהם כותבות ואכלו ונתן ר"ג רשות לר"ע לברך קפץ וברך ר"ע ברכה אחת מעין ג' א"ל ר"ג עד מתי אתה מכניס ראשך בין המחלוקת אמר ליה רבינו אף על פי שאתה אומר כן

מאכען אלאך אין דאך. אונ דורך די לאך ווארפען זיי ארײן די פירות אין שטוב. אדער זיי ווארפען ארײן זייערע פירות אין הויף. דורך דיא וואנט פון הויף; אדער זייא ווארפען ארײן זייערע פירות אין אקרעפף (אגרויסער פלאץ ארום ניצאהמט מיט פיר ווענט) דורך דיא וואנט פון קרעפף. מען זאל מעגין עסין דיא פירות אומגיםעשרת. ווארום פירות ווערט אנדערש ניט חייב מען זאל געבין פון זייא מעשר. סיידין זיי קומען ארײן אין אשטוב אדער אין אהויף אדער אין אקרעפף. זייא מוזען אבער ארײן קומען דורך אטיר אדער דורך אטויער; אונ אז זייא זענען ארײן גיקומען אין אשטוב אדער אין אהויף אדער אין אקרעפף ניט דורך אטיר אונ ניט דורך אטויער זענען זיי פטור פון מעשר ווארום רבי ינאי האט גיזאגט אום ניםעשרטע תבואה אדער פירות ווערין אנדערש ניט חייב מען זאל געבין פון זייא מעשר סיידין זייא זאלין זעהן דעם ארײן קומען פון שטוב. דס הייסט זייא זאלען ארײן קומען אין שטוב דורך וואנען אלע קומען ארײן אין שטוב. דס איז דורך דיא טיר; ווארום עס שטייט אין פסוק איך האב אויס גיראהמט די הייליגקייט פון שטוב. אונ האב גיגעבין די מעשר צום לוי. צו וואס דער צײלט ער פון וואנען ער האט אויס גיראהמט. פון שטוב צו פון פעלד; גאר ווייל מען דארף אנדערש ניט געבין קיין מעשר ביידין די תבואה קומט אין שטוב ארײן. דריבער דער צײלט ער איך האב אויס גיראהמט די תבואה פון שטוב אונ האב גיגעבין מעשר צום לוי:

ה היה. רבי מאיר פלעגט זאגען ווייל אין פסוק שטייט דיא פירות פון דעם בוים דיא ערשטע דרײ יאהר זאל זיין ערלה מען זאל זיי ניט עסין. אז מען זאגט די פירות פון דעם בוים ווייס איך דען ניט אז פון דעם בוים קען מען עסין נאר וואס דען לערנט אונז דער פסוק וואס ער זאגט אז פון דעם בוים קען מען עסין. דער פסוק מיינט אונז צו לערנען אז דיא פירות פון אזוי אבוים וואס דער הארץ הט דעם זעלביגען טעם וויא דיא פרי. טאר מען זיי אויך ניט עסין די ערשטע דרײ יאהר. וועלכער בוים הט דעם זעלביגען טעם ווי דיא פרי דאס איז פעפער לערנט אונז דיא תורה די פעפער וואס וואקסט אויף דעם בוים דיא ערשטע דרײא יאהר איז ערלה אונ נאך זאגט אונז דער פסוק אז אין ארץ ישראל פעלט גאר ניט. אפילו פעפער איז אויך דא אין ארץ ישראל. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דס איז אזוי אלאנד וואס דוא וועסט ניט שווער ארבעטין אין איר דו וואקסט פון איר ברויט עסין אלץ פעלט ניט אין איר. וואס מען וויל איז דא אין ארץ ישראל:

ו מעשה. עס האט אמאהל גיטראפען אז רבן גמליאל מיט נאך אלטע מענטשין זענען גיזעסען אין אאויבערשטע שטוב אין דיא שטאט יריחו אונ מען הט גיבראכט פאר זייא טייטלע

בן והביריך או כרים כן למדתנו רבינו יחיד ורבים
הלכה כרבים :

(דף לח) ז ת"ר מהו אומר המוציא לחם מן הארץ רבי
נחמיה אומר מוציא אמר רבא במוציא
ב"ע לא פליגי דאפיק משמע דכתיב (במדבר כג) אל
מוציאם ממצרים כי פליגי בהמוציא רבנן סברי המוציא
דאפיק משמע דכתיב (דברים ח) המוציא לך מים מצור
החלמיש ורבי נהמיה סבר המוציא דמפיק משמע שנאמר (שמות ו) המוציא אתכם מתחת
סבלות מצרים ורבנן ההוא הכי קאמר להו קב"ה [לישראל] כד מפיקנא לכו עבידנא לכו
מלתא כי היכי דידעיתו דאנא הוא דאפיקות יתכון ממצרים דכתיב וידעתם כי אני ה'
אלהיכם המוציא אתכם וגו' :

(דף לט) ח הנהו תרי תלמידי דהוו יתבי קמיה דבר קפרא הביאו לפניו כרוב ודורמסקין
ופרגיות נתן בר קפרא רשות לאחד מהם לברך קפץ ובירך על הפרגיות
לגלג עליו חבירו כעס בר קפרא ואמר לא על המברך אני כועס אלא על המלגלג אני
כו עס

דאפיק משמע. שהוציא כבר וכא ודאי ברכה שנוגם דלבעבר נפינן שסברי כבר הוציא הלחם הזה מן הארץ שהוא בא ליהנות הימנו: דכתיב אל מוציאם ממצרים. וכשאמרה בפרשת בלעם כבר יצאו: המוציא לך מים. וכבר הוציא ורבי נחמיה סבר דמפיק משמע שעתיד להוציא דכתיב המוציא אתכם וכשנאמר פסוק זה למשה עדיין לא יצאו והמוציא לך מים עדיין היה מוציא כל ימי היותם במדבר: דאפיקת יתכון. שאני הוא שהוצאתי אתכם:

אונ זיי האבען גיגעסין האט רבן גמליאל גזאגט צו רבי עקיבא ער זאל מאכען אברכה נאך די טייטלען האט רבי עקיבא געשווינד גימאכט אברכה על העץ ועל פרי העץ. דאס איז אפ געקירצט פון די דריי ברכות פון בענטשין. האט רבן גמליאל גזאגט צוא רבי עקיבא ביז ווען וועסטו אריין ברייגגען דיין קאפ צווישען דיא מענטשין וואס קריגען. מען קריגט דאך אויף דיא ברכה. אונ איך האלט מען זאל מאכען אברכה בורא נפשות. פר וואס קריגסטו אויף מיר. האט רבי עקיבא גזאגט צו רבן גמליאל אונזער רבי אפילו דוא זאגסט אזוי. מען זאל מאכען אברכה בורא נפשות. אונ דייגע חברים זאגין אזוי. מען זאל מאכען אברכה על העץ. אונזער רבי ורבן גמליאל) הט דאך אונז גילערנט אז איינער (איין תנא) קריגט מיט פיל תנאים. איז דער דין וויא די פיל תנאים זאגין. אז מען זאל מאכען אברכה על העץ:

ז תנו רבנן. די רבנן האבען גילערנט וואס זאל ער זאגין. וויא זאל מען מאכען אברכה אויף ברויט. זאגט די גמרא המוציא לחם מן הארץ. רבי נחמיה זאגט ער זאל זאגין מוציא לחם מן הארץ. הט רבא גזאגט אויף דעם ווארט מוציא קריגט קיינער נישט. אלע האלטען אז מוציא איז טייטש ער הט אוים גיצויגען. אונ אזוי דארף מען זאגען. גילויבט איז גאט אויף דיא ברוים וואס ער הט אוס גצוגן פון די ערד. ווארום עס שטייט אל מוציאם גאט הט זיי אוים גצוגן פון מצרים. ווען קריגט מען אין דעם ווארט המוציא. דיא רבנן האלטען המוציא איז טייטש ער האט אוים גיצויגען אזוי וויא עס שטייט המוציא לך ער הט אוים גיצויגען וואסער פון שטיין אונ רבי נחמיה האלט המוציא איז טייטש ער וועט אוים ציהען אזו ווי עס שטייט המוציא אתכם ער וועט אייך אוים ציהען פון די ארבעט פון מצרים פרעגט די גמרא דיא רבנן וואס זאגין המוציא איז טייטש ער האט אוים גיצויגען. עס שטייט דאך המוציא אתכם מתחת סבלות מצרים. איז דאך דער טייטש המוציא ער וועט אוים ציהען. ענטפערט די גמרא אזוי האט גאט גזאגט צוא דיא יודען אז איך וועל אייך אוים ציהען פון מצרים וועל איך אייך טאהן אזוי אזאך איר זאלט וויסען אז איך האב אייך ארוים גינומען פון מצרים אזוי וויא עס שטייט אין פסוק איר זאלט וויסען אז איך בין אייער גאט וואס האב אייך ארוים גענומען פון מצרים. איז דער המוציא אויך דער טייטש ער הט אוים גיצויגן:

ח הנהו. צוויי תלמידים זענען גיזעסין פר בר קפרא האט מען גיבראכט פאר בר קפרא כרוב אונ דורמסקין אונ פרגיות וכרוב אונ דורמסקין איז אזעלכע קרויט אונ פרגיות אי פלייש פון עופות) האט בר קפרא גזאגט צו איין תלמיד ער זאל מאכען אברכה הט ער געשווינד

כועס אם חברך דומה כמי שלא טעם טעם בשר מעולם אתה על מה לגלגת עליו חזר ואמר לא על המלגלג אני כועס אלא על המברך אני כועס ואמר אם חכמה אין כאן זקנה אין כאן תנא ושניהם לא הוציאו שנתם:

(ע"ב) ט תני תנא קמיה דר"נ בר יצחק מניח הפרוסה בתוך השלמה [ובוצע] ומברך אמר ליה מה שמך אמר ליה שלמן א"ל שלום אתה ושלמה משנתך ששמת שלום בין התלמידים:

רב אמי ורב אסי כי הוה מתרמי להו ריפתא דערובא מברכין עליה המוציא לחם מן הארץ אמרי הואיל ואתעביד בה מצוה חדא נעביד ביה מצוה אחריתי:

(דף מ) י אמר רב יהודה אמר רב אסור לאדם שיאכל קודם שיתן מאכל לבהמתו שנאמר (דברים יא) ונתתי עשב בשדך לבהמתך והדר ואכלת ושבעת:

אמר (רבה) [רבא] בר שמואל משמיה דרבי חייא אחר כל אכילתך אכול מלח ואחר כל שתייתך

פירוש

גודסקא. מיני עשבים שמברכים עליהם בפה"א וכן והכרוב היו בלוקות. והיכא ת"ד בגמרא מפני שהן בלוקות אין מברכין עליהם אלא שהכל כיון בנשתנו: פרגיות. בשר עוף אקורין: ה"ד אין מברכין עליו שהכל: שלא טעם טעם בשר. ונפשם כבשר חביב עליו: זקנה אין כאן. בהמיה כלא זקן אני וה"ל לשאול ממני על איזה מהן יברך לפסוק אף שאר המינין. דברים הללו לא באו נפסם אנא אלא מתמה כמודה באין (ואמריקן לקמן דמסוקין ברכה לפניהם) ואין הפת פוטרתן ויגמרא בתרים לפרש במאי קא מיפלגי הנהו תרי תלמידי ע"כ: מניח פרוסה וכו'. ומגלא בהן בידיו ובוצע [או] מתחילן לו מן השלימה: ריפתא דערובא. שערבו בו אתמול עירובי חצירות:

גינוסען די פַּרְגִיוֹת אונ הָט גימאכט אַבְּרָכָה שֶׁהַכֹּל האט דער חַבֵר (דער אַנדערער תַּלְמִיד) גילאכט. איז בַּר קַפָּרָא אין כַּעַס גיוואָרין אונ ער הָט גזאגט איך בין נישט אין כַּעַס אויף דעם וואס הָט גימאכט די בְּרָכָה איך בין נאר אין כַּעַס אויף דעם וואס לאכט אויב דיין חָבֵר איז גְלייך וויא ער וואלט קיין מאהל ניט פַר זוכט קיין פְלייש. דריבער האט ער געשווינד גימאכט אַבְּרָכָה אויף די פְלייש. אָבער פַר וואס האסטו גילאכט אויף איהם. דער נאך הָט בַּר קַפָּרָא גזאגט איך בין נישט אין כַּעַס אויף דעם וואס הָט גילאכט איך בין אין כַּעַס אויף דעם וואס האט גימאכט דיא בְּרָכָה אונ בַּר קַפָּרָא האט גזאגט אויב איר האלט מיך ניט פַר אַחָכָם איז דא קיין עלטער אויך נִיטָא. איך בין דאך עלטער פַר אייך הָט איר גידארפט פרעגין אויף וועלכעס מען זאל פְריער מאכען אַבְּרָכָה. מיר האבען גילערונט ביידע תַּלְמִידִים האבען ניט אויס גילעבט דעם יאהר:

ט תָּנִי. אַתַּנָא הָט גילערונט פַר רַב נַחְמָן בַּר יִצְחָק ער לייגט דיא צו בראכענע ברויט צווישען די גאנצע ברויטען אונ ער מאכט אַמוֹצִיא אונ ער ברעכט אפ אדער פון דיא גאנצע אליין אדער פון ביידע צו זאמען (פון דיא צו בראכענע מיט די גאנצע). הָט רַב נַחְמָן גזאגט צום תַּנָא וויא איז דיין נאמען הָט דער תַּנָא גזאגט צו רַב נַחְמָן מיין נאמען איז שַׁלְמָן. הָט רַב נַחְמָן גזאגט צום תַּנָא דו ביסט שָׁלוֹם אונ דיין לערנען איז גאנץ. דער ווארט שַׁלְמָן איז טייטשין. גאנץ. אונ פרידען. דוא האסט גימאכט שָׁלוֹם צווישען דיא תַּלְמִידִים וואס האבען געקריגט אין דעם דין:

רַב אַמִי אונ רַב אַסִי אז עס פלעגט טרעפין דיא ברויט פון עירובי חֲצֵירוֹת זאל ליגען ביי זייא פלעגין זייא מאכען אויף דעם ברויט הַמוֹצִיא לֶחֶם מִן הָאָרֶץ זייא האבען גזאגט ווייל מיט דעם ברויט איז גיטאהן גיווארין איין מִצְוָה. וועלין מיר טאהן מיט דעם ברויט נאך איין מִצְוָה. אונ מאכען אויף איהם אַבְּרָכָה אונ עסין איהם:

י אָמַר. רַב יְהוּדָה הָט גזאגט פון רַבְ'ס וועגין אַמענטש טאר ניט עסין איידער ער גיט עסין צו זיין בְּהֵמָה. אַזוי וויא עס שטייט אין פָּסוּק גאט זאגט פריער וועל איך געבין גראז אין פעלד די בְּהֵמָה זאל האבען צו עסין. דער נאך וועל איך געבין פַר דיר נפַר דעם מענטשן דו זאלסט האבען צו עסין:

אָמַר. רָבָא בַּר שְׁמוּאֵל הָט גזאגט פון רַבִּי חִיָּאס וועגין נאך דיינע אַלע עסין זאלסטו

שתייהך שתה מים ואי אר ה ניזוק.תנ"ה אדר כל אבילתך אכול מלח ואהר כל שתייהך שתה מים ואי אהה ניזוק. הניא אידך אבל כל מאכל ולא אכל מלח שתה כל משקין ולא שתה מים ביום ידאג כריח הפה ובלילה ספני אסכרה. ת"ר הסקפה אבילתו במים אינו בא לידי חולי מעיים וכמה אמר רב חסדא קיהון לפת. אמר רב מרי אמר רבי יוחנן הרגיל בעדשים אהד לשלשים יום מונע אסכרה מביתו אבל כל יומא לא מ"ט משום דקשה לריח הפה. ואמר רב מרי אמר רבי יוחנן הרגיל בחרדל אחד לל' יום מונע חלאים מביתו אבל כל יומא לא מ"ט משום דקשה להולשא דליבא. אמר רבי חייא בר אשי אמר רב הרגיל בדגים קטנים אינו בא לידי חולי מעיים ולא עוד אלא שדגים קטנים מפרין ומרבין ומברין גופו של אדם. אמר רבי חמא בר חנינא הרגיל בקצח אינו בא לידי כאב לב מיתבי רשב"ג אומר קצח אחד מס' כמני מות והישן במזרח גרנו

והמקפה. אכילתו במים. שותה מים הרבה אחר אכילתו עד שצפה במים ויפה כברזל מתרגמינן וקהא פרזלא: מונע אסכרה. שמחלה באה מתוך עיקר בני מעים והעדשים מקלקלים: קלה. רבותינו מפרשים נ"א בלע"ז אבל אני שמעתי מין זרעים בזורעים בארץ ישמעאל: למזרח גרנו. של קצח שהוא מערבי רוח לגמ

עסין זאלץ אונ נאך דיינע אלע טרינקען זאלסטו טרינקען וואסער וועט דיר דאס עסין אונ דאס טרינקען ניט שאדין. מיר האבען אויך אזוי גילערונט נאך דיינע אלע עסין זאלסטו עסין זאלץ אונ נאך דיינע אלע טרינקען זאלסטו טרינקען וואסער וועט דיר דאס עסין אונ דאס טרינקען ניט שאדין מאהל. מיר האבען דאך גילערונט נאך אין אברייתא אז ער האט גיגעסין אלע ערליי עסין. נאר זאלץ האט ער ניט גיגעסין. אז ער האט גיטרונקען אלע ערליי משקה. נאר וואסער האט ער ניט גיטרונקען. אז ער האט גיגעסין אונ גיטרונקען בייא טאג אן זאלץ אונ אן וואסער זאל ער זארגען פר דעם שלעכטין ריח וואס עס וועט זיין פון דיין מויל. אונ אז ער האט גיגעסין אונ גיטרונקען ביי נאכט אן זאלץ אונ אן וואסער זאל ער זארגן עס זאל איהם ניט טרעפין די קראנקייט וואס הייסט אסכרה:

תנו רבנן. די רבנן האבען גילערונט אז ער טרינקט אזוי פיל וואסער אז דס עסין אין בויך שווימט אין די וואסער וועט ניט קומען קיין קראנקייט אין זיינע גידערים. ווי פיל וואסער זאל ער טרינקען. האט רב חסדא גזאגט אקריגול וואסער צו אברויט. רב מרי האט גזאגט פון רבי יוחנן ווענין דער וואס איז גיוואוהנט צוא עסין לינדזען איין מאהל אין דרייסיג טעג פאר מיידעט ער די קראנקייט אסכרה פון זיך אונ פון זיינע שטוב מענטשין. אבער אלע טאג זאל ער ניט עסין קיין לינדזען. פר וואס זאל ער ניט עסין. ווייל דאס מאכט עס זאל זיין אשלעכטער ריח פון מ"יל:

ואמר. נאך האט גזאגט רב מרי פון רבי יוחנן ווענין אז ער איז גיוואוהנט צוא עסין זענעפט איין מאהל אין דרייסיג טעג. פר מיידעט ער פיל קראנקייטין פון זיך אונ פון זיינע שטוב מענטשין. אבער אלע טאג זאל ער ניט עסין קיין זענעפט. פאר וואס זאל ער ניט עסין קיין זענעפט. ווייל דס מאכט שוואך דס הארץ:

אמר. רבי חייא בר אשי האט גזאגט פון רבם ווענין דער וואס איז גיוואוהנט צוא עסין קליינע פישלאך וועט ניט קומען קיין קראנקייט אין זיינע גידערים. אונ ניט נאר צו גידערים אין דם גיזונד נאר די קליינע פישלאך מאכען גיזונד דעם גאנצען גוף פון דעם מענטש. אונ זיי געבין אין איהם כח צו פריה ורביה:

רבי חמא בר חנינא האט גזאגט דער וואס איז גיוואוהנט צו עסין טשערנושקע וועט אים קיין מאהל ניט וויי טאהן דס הארץ. זאגט די גמרא איך וועל דיך פרעגין רבן שמעון בן גמליאל זאגט טשערנושקע איז איינע פון דיא זעכציג זאכען וואס זענען סם המות. אונ דער וואס שלאפט אין מזרח זייט פון דעם שייער וואס דארט ליגט די טשערנושקע. וועט ער שטארבן. ווייל דער ווינט וואס בלאזט פון מערב צו מזרח איז אפייכטער ווינט. אונ ער ברייגגט ארין

גרנו דמו בראשו. לא קשיא הא בריחו הא בטעמו:

נמשנה בירך על פירות הארץ בורא פרי העץ לא יצא:

נמרא] פשיטא אמר רב נחמן בר יצחק לא נצרכה אלא לרבי יהודה דאמר חטה מין אילן הוא דתניא אילן שאכל ממנו אדם הראשון ר"מ אומר גפן היה שאין לך דבר שמביא יללה על אדם אלא יין שנאמר (בראשית ח) וישת מן היין וישכר. רבי נחמיה אומר תאנה היתה שבדבר שנתקלקלו בה נתקנו שנא' (שם ג) ויתפרו עלי תאנה. רבי יהודה אומר חטה היתה שאין התינוק יודע לקרות אבא ואמא עד שיטעום טעם דגן. [סד"א הואיל ואמר רבי יהודה חטה מין אילן הוא ליבריך עליה בורא פרי העץ קמ"ל וכו']:

(פ"נ) יא אמר רב כל ברכה שאין בה הזכרת השם אינה ברכה ורבי יוחנן אמר כל ברכה שאין בה מלכות אינה ברכה. אמר אביי כוותיה דרב מסתברא

תתומתה היא ומכנים הריח בתוך הגוף: הא בריחו הא בטעמו. בבריח קשה ובטעם טוב: שמביא יללה. זהו הביא מיתה: שאין התינוק יודע לקרות אבא ואמא. וזה נקרא עץ הדעת:

דעם ריח פון די טשערנושקע אין דעם מענטש קען דער מענטש שטארבין. און אז ער וועט שטארבען איז זיין בלוט אויף זיין קאפ. ער האט אליין געבראכט אויף זיך דעם טויט. ווערט ער נאך געשטראפט אויף עולם הבא. זעהן מיר דאך אז טשערנושקע איז סם. וויא אזוי זאגט רבי חמא אז טשערנושקע איז געזונד צום הארץ. ענטפערט די גמרא עס איז ניט קיין קשיא דער ריח פון טשערנושקע איז סם. און אז מען עסט טשערנושקע איז געזונד.

משנה. אז ער האט געמאכט א ברכה בורא פרי העץ. אויף אזעלכע פירות וואס וואקסען ניט אויף א בוים נאר אויף די ערד. מוז ער מאכען נאך אמאהל א ברכה בורא פרי האדמה. פרעגט די גמרא געוויס אז די ברכה בורא פרי העץ געהער ניט צו פירות וואס וואקסען אויף די ערד. האט רב נחמן בר יצחק געזאגט די משנה דארף נאר זאגין אפילו נאך רבי יהודה וואס ער זאגט אז ווייץ איז אמין בוים ווארום מיר האבען געלערנט דער בוים וואס אדם הראשון האט פון איהם געגעסען. רבי מאיר זאגט דאס איז געווען א וויינשטאק עס איז ניטא אזאך וואס זאל ברייננען טרויערקייט אויף א מענטשין. נאר וויין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ער האט געטרונקען פון דעם וויין און איז געווארען שיכור. און וויא פיל שלעכטע זאכען טוהט א מענטש ווען ער איז שיכור. וואס דאס ברייננגט אויף איהם טרויערקייט. און אדם הראשון האט דאך אויך געבראכט א טרויערקייט אויף די וועלט פון דעם עץ הדעת וואס ער האט געגעסין. אלע זאלען שטארבען. דער פון ווייסען מיר אז דער עץ הדעת איז אויך געווען א וויינשטאק. רבי נחמיה זאגט דער עץ הדעת איז געווען א פייגען בוים מיט די זאך וואס זייא האבען געזינדיגט מיט די זאך זענען זייא פאריכט געווארין. זיי האבען געזינדיגט מיט דעם פייגען בוים און דורך דעם איז זיי דער קענט געווארין אז זייא גייען נאקעט. האבען זייא זיך פאריכט אויך מיט דעם פייגען בוים אזוי וויא עס שטייט אין פסוק זייא האבען צוא זאמען גינייט בלעטער פון א פייגען בוים. און האבען זיך איינגעוויקולט אין זיי. זיי זאלען ניט גיין נאקעט: רבי יהודה זאגט דר עץ הדעת איז געווען ווייץ. דא שטייט אז פון דעם בוים האט מען שכל און א קינד ווייס ניט צו רופען טאטע און מאמע ביז ער פאר זוכט דעם טעם פון קארין [אדער ווייץ]: זעהן מיר אז ווייץ גיט חכמה אין דעם מענטשין. איז געוויס דער עץ הדעת אויך געווען ווייץ. וואלט אויף געקאנגען אויף דיין שכל צו זאגין. וויל רבי יהודה זאגט אז ווייץ איז אויך אמין בוים זאל מען אויף ווייץ מאכען א ברכה בורא פרי העץ. לאוט אונז די משנה הערין. אז מען מוז מאכען אויף ווייץ בורא פרי האדמה:

יא אמר. רב האט גזאגט דיא ברכה וואס מען דער מאנט ניט אין איר דעם נאמען פון גאט איז ניט קיין ברכה און רבי יוחנן זאגט די ברכה וואס מען דער מאנט ניט אין איר מלך העולם ואז גאט איז א מלך אויף די גאנצע וועלט] איז זיא ניט קיין ברכה: האט אביי גזאגט

מסתברא דתניא (דברים כו) לא עברתי ממצותיך ולא שכחתי. לא עברתי מלברכך ולא שכחתי מלהזכיר שמך עליו. ואלו שמך ומלכותך עליו לא קתני:

(ע"ב) **יב א"ר** זירא ואי תימא רבי חנינא [חיננא] בר פפא בא וראה שלא כמדת הקב"ה מדת בשר ודם מדת בשר ודם כלי ריקן מחזיק מלא אינו מחזיק ומדת הקב"ה מלא מחזיק ריקן אינו מחזיק שנאמר (שמות טו) אם שמוע תשמע לקול ה' אלהיך. אם שמוע תשמע ואם לאו לא תשמע. דבר אחר אם שמוע בישן תשמע בחדש ואם יפנה לבבך שוב לא תשמע:

יג ועל הירקות הוא אומר בפה"א. רבי יהודה אומר בורא מיני דשאים. א"ר זירא ואיתימא רבי

(מלברכך. ברוך אשר קדשנו במצותיו וצונו להפריש תרומה ומעשר):
מלא (מחזיק) אדם חכם: אם שמוע. פעם אחת סופך שתשמע אוזן פעם אחרת: אם תשמע בישן. שנית ושלשת (מ"ב) שמשנת אשתקד ע"כ:
בורא מיני דשאים. לפי שבכלל בורא פרי הגן

דער שכל ווייזט אויס אזוי וויא רב זאגט. אז אין אברכה מוז מען דער מאנען דעם נאמען פון גאט, אונ אפילו מען זאגט ניט מלך העולם איז אויך אגוטע ברכה. ווארום מיר האבען גילערונט עס שטייט אין פסוק איך בין ניט אוועק גיגאנגען פון דיין גיבאט. אונ איך האב ניט פאר געסין. איך בין ניט אוועק גיגאנגען איך זאל דיך ניט בענטשין. אונ איך האב ניט פאר געסין צו דער מאנען דיין נאמען אויף די תרומה אונ מעשר וואס איך האב גיגעסין דאס הייסט איך האב גימאכט אברכה ווען איך האב אפ גישייט די תרומה אונ מעשר. אונ אין די ברכה האב איך דער מאנט דיין נאמען: איך האב גיזאגט ברוך אתה ה'. אונ דער תנא לערנט ניט אז ער דארף זאגין. איך האב ניט פאר געסין צו זאגין אין דיא ברכה דיין נאמען אונ דיין מלוכה. איז גיוויס אז מען דארף נאר זאגין ה' אין די ברכה, אונ מלך העולם אפילו מען זאגט ניט איז דס אויך אברכה:

יב אמר. רבי זירא הט גיזאגט אונ אנדערע זאגין רבי חנינא בר פפא האט גיזאגט קום זעה אז דיא מדות פון גאט זענען ניט וויא די מדות פון אמענטשין. דיא מדה פון אמענטשין אז ער האט אליידיגע כלי פר נעמט די כלי וואס מען לייגט אריין אין איר. אז ער הט אפולע כלי אונ מען זאל וועלין נאך אריין לייגין אין דיא כלי. וועט דיא כלי ניט פר נעמען. אונ די מדות פון גאט איז ניט אזוי אז דער מענטש [וואס ער איז דיא כלי פון גאט] איז פול מיט תורה אונ מצות. נעמט ער צו נאך תורה אונ מצות: אז ער איז ליידיג פון תורה אונ מצות קען ער ניט פר נעמען די תורה אונ מצות. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אם שמוע תשמע לקול ה' אלהיך. אויב הערין וועסטו הערין דעם קול פון דיין גאט. אויב דוא וועסט איין מאהל הערין דעם קול פון גאט צו טאהן מצות אונ לערנען תורה וועסטו אלע מאהל וועלין הערין דעם קול פון גאט צו טאהן מצות אונ לערנען תורה. אונ אויב דוא ווילסט ניט אנהייבען צו הערין דעם קול פון גאט צו טאהן מצות אונ לערנען תורה. זאלסטו ניט מיינען תיינט ווילסטו ניט דו וועסט אבער אמאהל יא וועלין. זאגט די תורה דו וועסט קיין מאהל ניט וועלין הערין די רייד פון גאט. ווארום אזוי וויא דער מענטש דער ווייטערט זיך פון דיא תורה. דער ווייטערט זיך די תורה פון דעם מענטש נאך מעהר. אזוי וויא עס שטייט ואם תעזבני יום יומים אעזבך דיא תורה זאגט אויב דוא וועסט מיך פאר לאזין איין טאג וועל איך דיך פאר לאזין צווייא טעג. נאך אזאך מיינט דער פסוק מיט דיא ווערטער אם שמוע תשמע אויב דוא וועסט צוא הערין די אלטע. דס מיינט מען אויב דוא וועסט אלע מאהל חזר'ן נאיבער לערנען וואס דוא האסט שוין לאנג גילערונט. וועסטו קענען צו הערין אונ פאר שטיין די נייע תורה וואס דו וועסט איצט לערנען. אונ אויב דו וועסט אפ קערין דיין הארץ פון די תורה וואס דו האסט גילערונט. וועסטו ניט פר שטיין צו לערנען נייע תורה:

יג ועל: אונ אויף ירקות דאס איז ארבעס קרויט אונגערקעס מעהרין. אונ גראזין

רבי חנינא בר פפא מאי קראה (תהלים סח) ברוך ה' יום יום וכי ביום מברכין אותו ובלילה אין מברכין אותו אלא לומר לך בכל יום ויום תן לו מעין ברכותיו הכא נמ כל מין ומין תן לו מעין ברכותיו. (דף מג ע"ב) אמר רב זוטרא בר טוביה אמר רב מנין שמברכין על (כל ריח טוב) [הרית] שנאמר (שם קנ) כל הנשמה תהלל יה הללויה אי זהו דבר שהנשמה נהנית ממנו ואין הגוף נהנה ממנו הוי אומר זה הרית :

יש דפלים וזרעים כגון קטניות וז"ו בעי שיהר ברכה לכל מין ומין : בכל יום ויום . שבת מעין שבת ויום טוב מעין יום טוב :
זה שני לארץ . ארץ זית שמן ודבש דכתיב בסיפיה דקרא הפסיק ארץ את הסדר והזר לעשות זיתים ותמרים חשובים מרמונים שהרמון חמישי לארץ שהוזכר בראש המקרא ודבש שני לארץ הכתובה בסופו: מאן יהיב לן נגרא דפרזלא (רגלים של ברזל): ונשמעינך . ונשמשך ונלך אחריך תמיד :

(דף מא ע"ב) **יד רב** חסדא ורב המנונא הוו יתבי בסעודתא איתי לקמייהו תמרי ורמוני ש"קל רב המנונא בריך אתמרי ברישא אמר ליה (רב חסדא) לא סבר ליה מר להא דאמר רב יוסף ואיתימא רבי יצחק כל המוקדם בפסוק זה קודם לברכה אמר ליה זה שני לארץ וזה חמישי לארץ אמר ליה מאן יהיב לן נגרי דפרזלא ונשמעינך :

אמר

אזעלכע וואס אמענטש עסט זיי. שאלאטין. מאכט מען אברכה בורא פרי האדמה. רבי יהודה זאגט אויף גראז: אזוי וויא שאלאטין. זאל מען מאכען אברכה בורא מיני דשאים. נאט הט בשאפען מינים גראז. רבי זירא הט גזאגט אונ אנדערע זאגין רבי חייא בר פפא הט גזאגט פון וועלכין פסוק ווייסען מיר אז מען דארף מאכען אויף יעדער מין עסין אבזונדער ברכה. ענפערט די גמרא עס שטייט אין פסוק גילויבט איז גאט יעדער טאג. נאר בייא טאג לויבט מען גאט אונ ביי נאכט לויבט מען ניט צו גאט. נאר דער פסוק מיינט דיר צו זאגן יעדער טאג זאלסטו לויבען צו גאט מיט די ברכות וואס גיהער צו דעם טאג. שבת זאלסטו לויבען מיט דיא ברכות וואס גיהער צו שבת. יעדער יום טוב זאלסטו לויבען מיט דיא ברכות וואס גיהער צו דעם יום טוב. דא אויך אזוי אויף יעדער מין בזונדער זאלסטו לויבען גאט מיט די ברכה ווס גיהער צו דעם מין: רב זוטרא בר טוביה האט גזאגט פון רבם וועגין פון וואנען ווייסען מיר אז מען דארף מאכען אברכה אז מען שמעקט אגוטען ריח. עס שטייט אין פסוק אלע נשמות זאלין לויבען גאט. איז דאך די קשיא דער גוף מיט די נשמה ביידע צוא זאמען לויבען דאך גאט. נאר מען מיינט אויף די זאכען ווס די נשמה אליין הט הנאה. אונ ניט דער גוף: דארף מען אויך לויבען גאט. וועלכע זאך איז דס ווס די נשמה הט הנאה פון די זאך. אונ דער גוף הט ניט קיין הנאה פון דיא זאך. דאס מיינט מען אגוטען ריח. דארף מען אויף אגוטען ריח מאכען אברכה:

יד רב חסדא אונ רב המנונא האבען זיך גיזעצט עסין הט מען גיבראכט פר זיי טייטלען אונ מילגרוימען הט רב המנונא גינומען אטייטול פריער אונ הט גימאכט אויף איהם אברכה. הט רב חסדא גזאגט צו רב המנונא האלט דען ניט דער רבי וואס רב יוסף האט גזאגט אונ אנדערע זאגען רבי יצחק האט דס גזאגט דיא זאך וואס שטייט פריער אין דעם פסוק. אויף די זאך דארף מען פריער מאכען אברכה. אונ אין פסוק שטייט (ארץ חטה ושעורה גפן תאנה ורמון ארץ זית שמן ודבש). אונ דבש (האניק) מיינט מען תמרים (טייטלען) פאר צייטען פלעגט זיין האניק פון טייטלען. שטייט דאך אין פסוק פריער רמון (מילגרוים) דער נאך תמרים (טייטלען) דארף מען דאך מאכען אברכה אויף מילגרויסען פריער. פר וואס האסטו גימאכט אברכה אויף טייטלען פריער. האט רב המנונא גזאגט צו רב חסדא תמרים איז דאס אנדערע מין פון דעם אנדערין ווארט ארץ. אונ רמונים איז דאס פינפטע מין פון ערשטין ווארט ארץ. שטייט דאך תמרים נענטער צום ווארט ארץ וויא רמונים. האט רב חסדא גזאגט צו רב המנונא ווער וואלט אונז געבין אייזערנע פיס. ודאס הייסט הלואי וואלטין מיר גיהאט אייזערנע פיס. מיר זאלין קענען גיין וואו נאר דו גייסט אונ הערין פון דיר תורה לערנען:

(דף מב) **טו** אמר רבי חייא בר אשי אמר רב שלש תכיפות הן תיכף לסמיכה שחיטה תיכף לגאולה תפלה תיכף לנטילת ידים ברכה] : **אמר** אביי אף (אנן נמי תנינא) [אנו נאמר] תיכף לתלמידי חכמים ברכה (במעשה ידיהם) שנאמר (בראשית ל) ויברכני ה' בגללך ואי בעית אימא מהכא (שם לט) ויברך ה' את בית המצרי בגלל יוסף :

(ע"ב) **טז** **כי** נח נפשיה דרב אזלי תלמידיו בתריה כי הדרי אמרי ניזול וניכול לחמא אנהר דנק בתר דכריכו יתבי וקא מבעיא להו הסבו דוקא תנן אבל ישבו לא או דלמא כיון דאמרי ניזול וניכול ריפתא בדוכתא פלניתא כי הסבו דמי לא הוו בידייהו קם רב אדא בר אהבה אהדר קרעיה לאחוריה וקרע קריעה אחרינא אמר נח נפשיה דרב וברכת מזונא לא גמרינן עד דאתא ההוא סבא רמי להו מתניתא אברייתא ושני להו כיון דאמרי ניזיל וניכול לחמא בדוכתא פלן כהסבו דמי :

נטילת ידים . דמים אחרונים ברכת המזון ולא יאכל כלום עד שיברך על מזונו : תיכף לת"ח . המקרבו אליו ומאכילו בביתו: ברכה. כביתו: אזלי תלמידיו בתריה דקברוהו בעיר אחרת : נהר דנק . כך שמו : דישא דוקא דקתני היו יושבין דלא הזמנת מקום הוא דלא הוי קביעות אבל אמו שהזמינוהו לכך הוי קביעות ואחד מברך לכלן: אהדר קרעיה לאחוריה . קרע שקרע בהספד רבו שחזיר ההלוק לאחוריו ומה שלאחור לפניו כדי לקרוע קרע אחר להראות אבל עכשיו כיום המיתה על שהיו צריכין יהוראה ואין יודעין להורות . רמי נהו וכו' . כדרמינן לעיל וע"כ מבעיא ליה להוקמי

טו אָמַר · רַבִּי חִיָּא בַּר אַשִׁי הָט גְזָאגְט פוּן רַבְס וֶועגְין דְרַייא זַאכֶען זֶענֶען דָא וָואס זַייא מוּזִין גִיטָאהן וֶוערִין בַּאלְד נָאךְ דִיא פְרִיעֶרְדִיגֶע זַאךְ · וִויא דֶער בַּעַל הַבַּיִת לֵייגְט אַרוֹיף דִיא הֶענְט אוֹיף דֶעם קָרְבָּן · מוּז מֶען אִיהם בַּאלְד שֶׁעכְטִין · וִויא מֶען זָאגְט נָאר דִיא בְּרָכָה גָאַל יִשְׂרָאֵל מוּז מֶען בַּאלְד זָאגִין שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה · וִויא מֶען וַואשְׁט נָאר דִי הֶענְט מַיִם אַחֲרוֹנִים · מוּז מֶען בַּאלְד בֶּענְטְשִׁין · הָאט אַבַּיֵי גְזָאגְט מִיר וֶועלִין אוֹיךְ זָאגִין נָאךְ אַזוֹיךְ וָואס וֶוערְט גִיטָאהן בַּאלְד אַיין זַאךְ נָאךְ דִי אַנְדֶערֶע · וִויא אַיינֶער נֶעמְט נָאר אַרַיין אַתַּלְמִיד חָכָם צוּ זִיךְ אִין שְׁטוּבּ · וֶוערְט עֶר בַּאלְד גִיבֶּענְשְׁט · אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק לָבָן הָט גְזָאגְט צוּ יַעֲקֹב אָבִינוּ גָאט הָאט מִיךְ גִיבֶּענְשְׁט פוּן דַיינֶעט וֶועגִין · אוּנ אוֹיבּ דוּא ווִילְסְט וֶועל אִיךְ דִיר זָאגִין פוּן דֶעם פָּסוּק גָאט הָאט גִיבֶּענְטְשְׁט דִיא הוֹיז פוּן דֶעם מִצְרִי וַוייל יוֹסֵף אִיז גִיוֶועזִן בַּייא אִיהם אִין שְׁטוּבּ :

טז כִּי · אַז רַב אִיז גִישְׁטָארְבֶּען זֶענֶען זַיינֶע תַּלְמִידִים גִיגַאנְגֶען נָאךְ דֶער מִטָּה · (מֶען הָט אִיהם בַּגְרָאבֶּען אִין אַיין אַנְדֶער שְׁטָאט) אַז זַייא זֶענֶען גִיגַאנְגֶען צוּרִיק פוּן דֶער לְוָיָה הָאבֶּען זַייא גְזָאגְט מִיר וֶועלִין גֵיין בִּיז צוּם טַייךְ דַנָק אוּנ דָארְטִין וֶועלֶען מִיר עֶסִין בְּרוֹיט · דֶער נָאךְ ווִי זַייא הָאבֶּען אָפּ גִיגֶעסִין זֶענֶען זַייא גִיזֶעסֶען אוּנ הָאבֶּען גִיפְרֶעגְט אַיינֶער בַּייא דֶעם אַנְדֶערִין : צוּא הָאבֶּען מִיר גִילֶערוּנְט נָאר אַז אַלֶע זִיצֶען בַּיי דֶעם עֶסִין אָנְגִילֶעהְנְט (אַזוֹי וִויא מִיר זִיצְען פֶּסַח בַּיי דֶעם סֵדֶר) דָא זָאל אַיינֶער בֶּענְטְשִׁין אוּנ דִיא אִיבֶּערִיגֶע אַלֶע זָאלֶען הֶערִין אוּנ עֶנְטְפֶערִין אָמֵן · אָבֶּער אַז זַייא זִיצֶען נִיט אָן גִילֶעהְנְט · זָאל נִיט אַיינֶער בֶּענְטְשִׁין פַאר אַלֶע · נָאר יֶעדֶער בַּזוּנְדֶער בֶּענְשְׁט · אָדֶער טָאמֶער אִיז נִיט אַזוֹי וַוייל זַייא הָאבֶּען גְזָאגְט מִיר וֶועלֶען גֵיין עֶסִין בְּרוֹיט אוֹיף יֶענְעם אָרְט · אוּנ הָאבֶּען זִיךְ אָן גִיבְּרֵייט זַייא זָאלֶען עֶסִין אַלֶע צוּ זַאמֶען · אִיז גְלַייךְ וִויא זַייא וָואלְטִין גִיוֶוען אָנְגִילֶעהְנְט · דַארְף בֶּענְטְשִׁין אַיינֶער פַאר זַייא אַלֶע · הָאבֶּען זַייא נִיט גְעוואוּסְט דֶעם דִין · אִיז רַב אַדָא בַּר אַהֲבָה אוֹיף גִישְׁטַאנֶען פוּן זַיין אָרְט · אוּנ דִי קָאפָּאטֶע זַיינֶע וָואס עֶר הָט אַיינְגֶערִיסֶען וֶוען רַב אִיז גִישְׁטָארְבֶּען הָט עֶר אוּמְגִיקֶערְט דֶעם פָארוּנְט אוֹיף הִינְטֶען אוּנ דֶעם הִינְטֶען אוֹיף פָארִינְט · אוּנ הָט נָאךְ אַיין מָאהל אַיין גֶערִיסֶען דִי קָאפָּאטֶע · אוּנ רַב אַדָא הָט גְזָאגְט רַב אִיז גִישְׁטָארְבֶּען אוּנ מִיר הָאבֶּען נִיט גִילֶערוּנְט דִי דִינִים פוּן בֶּענְטְשִׁין · בִּיז אַיין אַלְטֶער מַאן אִיז גִיקוּמֶען צוּ זַייא אוּנ הָט זַייא גִיפְרֶעגְט אַקְשְׁיָא פוּן אַיין בְּרַיְיתָא אוֹיף דִי אַנְדֶערֶע · אוּנ עֶר הָט זַייא פַאר עֶנְפֶערְט · הָאבֶּען זַייא גִילֶערוּנְט דֶעם דִין וַוייל זַייא הָאבֶּען גְזָאגְט מִיר וֶועלִין גֵיין בִּיז צוּ דֶעם אָרְט אוּנ מִיר וֶועלִין דָארְט עֶסִין בְּרוֹיט · אִיז גְלַייךְ וִוי אַלֶע וָואלְטִין גִיזֶעסִין אָן גִילֶעהְנְט · אוּנ אַיינֶער בֶּענְטְשְׁט פַאר אַלֶע (עיין בגמרא) :

(דף מג) **יז (אמר** רב חייא בר אשי אמר רב) **הנוטל ידיו תחלה באחרונה הוא מזומן** לברכה רב ורבי חייא הוו יתבי קמיה דרבי בסעודתא אמר ליה רבי לרב קום משי ידך חזייה דהוה מרתת א"ל רב חנינא (בגמ' רבי חייא) בר פחתי עיין בברכת מזונא קאמר לך :

(ע"ב) **יח ואמר** רב (חסדא) [זוטרא] בר טוביה אמר רב עתידין כל בחורי ישראל שלא טעמו טעם חטא שיתנו ריח כלבנון שנאמר (הושע יד) ילכו יונקותיו ויהי כזית הודו וריח לו כלבנון . אמר רב חסדא (זוטרא בר טוביה) אמר רב מאי דכתיב (קהלת ג) את הכל עשה יפה בעתו מלמד שכל אחד ואחד יפה לו הקב"ה אומנותו בפניו . אמר רב פפא היינו דאמרי אינשי תלי (ליה) קורא לדבר אחר ואיהו דידיה עביד . ואמר רב זוטרא (בר טוביה אמר רב ואמרי לה אמר רב חנן בר ביזנא אמר רבי שמעון חסידא ואמרי לה אמר רבי יוחנן) משום רבי שמעון בן יוחאי נוח לו לאדם שיפיל עצמו לתוך כבשן האש ואל ילבין פני חבירו ברבים כנא לן מתמר

פירוש

בריית' נהכי וקהני אה"ד מברך: מזומן דקנישות הוא: כמטל ידיו תחלה . נמים אהרונים הוא מזומן לברכת המזון : חזייה . רבי חייא לרב דהוה מרתת במה לא ידיו מלוכלכות הן במה שהריך באכילה יותר מדאי : עיין בברכה מזוני קאמר לך . כלו נתן לך רשות לברך ברכת המזון שהנוטל ידיו תחלה הוא מברך :

כלבנון . שמריחין עליו ופרחיו : יפה לו אומנותו בפניו . ואפילו בורסקי נאה בעיניו ועשה הקב"ה כן כדי שלא יחסר אומנות מן העולם : קורא . רך הגדל בדקל : תלי ליה וכו' . אם הולך בקורא להזיר בנוארו כדי לאכלו נקי הוא יגלגלנו באשפה כמו כן יפה לו אומנתו : דבר אחר . הזיר

יז אמר . רב חייא בר אשי האט געזאגט פון רבם וועגן דער עס וואשט פריער מים אחרונים דער איז אן גיברייט צו בענטשין . רב אונ רבי חייא זענען גיזעסן פר רבי אונ האבן גיגעסין ; האט רבי גזאגט צו רב שטיי אויף אונ וואש די הענט ; האט רבי חייא גיזעהן וויא רב הט מורא אונ ציטערט . רב הט גימיינט טאמער הט רבי גיזעהן זיינע הענט זענען איינגישמוצט . אדער ער האט צו פיל גיגעסין ביי די סעודה . הט רבי חייא גזאגט צו רב דוא יתמין וואס דוא ביסט גיבארין פון גרויסע לייט זאלסטו ניט וויסען וואס רבי מיינט . רבי הט גימיינט דיא זאלסט איבער זעהן דם בענטשין . ווייל דוא וועסט בענטשין דריבער דארפסטו וואשען דיא הענט פריער ווי אלע :

יח ואמר . נאך הט געזאגט רב זוטרא בר טוביה פון רבם וועגין אלע יודישע יונגע מענטשין וואס האבען ניט פר זוכט דעם טעם פון אעבירה . וועלען אן גברייט זיי זאלין געבין אגוטען ריח אזוי וויא אוואלד . וואס דיא בלומען שמעקין . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דיא יונגע מענטשין וועלין גיין אונ זייער שיינקייט וועט זיין אזוי וויא אאייל ביימער בוים . אונ זיא וועלין שמעקין אזוי ווי אוואלד . רב זוטרא בר טוביה הט גזאגט פון רבם וועגין וואס הט גימיינט שלמה המלך וואס ער הט גזאגט אין ספר קהלת אלץ האט גאט גימאכט שיין אין זיין צייט . ער לערונט אונז צו יעדער בעל מלאכה הט גאט שיין גימאכט זיין מלאכה . די מלאכה זאל איהם גיפעלין אונ ער זאל זיא ניט אוועק ווארפען . הט רב פפא געזאגט דאס איז וואס מענטשין זאגין אז מען זאל אויף איינגען דעם חזיר אויף זיין האלדז די ווייכע קארע וואס וואקסט אויף אבוים . ער זאל דאס עסין ריין . אונ דער חזיר טוהט זיין זאך . פריער ווארפט ער ארויין דיא קארע אין מיסט דער נאך עסט ער זיא . אזוי שיין איז ביי איהם זיין ארבעט אונ זיין עסין :

ואמר . נאך הט געזאגט רב זוטרא בר טוביה פון רבם וועגין אונ אנדערע זאגין רב חנן בר ביזנא הט געזאגט פון רבי שמעון חסידאס וועגין אונ אנדערע זאגין רבי יוחנן הט געזאגט פון רבי שמעון בן יוחים וועגין עס באררף זיין בעסער ביי אמענטשין ער זאל זיך ארויין ווארפען אין אברענענדיגען קאלעכהויבין אונ זאל ניט פר שעמען ד.ם פנ.ם פון זיין חבר פאר פיל מענטשין . פון וואגען ווייסען מיר דאס פון דיא מעשה וואס שטייט אין דיא תורה פון תמר מיט יהודה . עס שטייט אין פסוק מען הט ארויס געפירט תמר צום פר ברענען . פון רעסטוועגין

מהמר שנאמר (בראשית לח) היא מוצאת וגו' :

יט **תנו** רבנן ששה דברים גנאי לו לתלמיד חכם אל יצא כשהוא מבושם לשוק . ואל יצא במנעלים המטולאים . ואל יצא יחידי בלילה . ואל יספר עם אשה בשוק . ואל יכנס באחרונה לבית המדרש . ואל יסב בססיבה של עמי הארץ . ויש אומרים אף אל יפסיע פסיעה גסה . ואל יהלך בקומה זקופה . אל יצא כשהוא מבושם לשוק אמר רבי (אבא בריה דרבי) חייא בר אבא אמר רבי יוחנן במקום שחשודין על משכב זכור אמר רב ששת לא אמרן אלא בבגדו אבל בגופו זיעה מעברא ליה אמר רב פפא ושערו נמי כבגדו דמי ואמרי לה כגופו דמי . אל יצא במנעלים המטולאים איני והא רבי חייא בר אבא נפיק אמר מר זוטרא בריה דרב נחמן בטלאי על גבי טלאי . ולא אמרן אלא בפנתא אבל בגילדא לית לן בה . ובפנתא לא אמרן אלא באורחא אבל בביתא לית לן בה . ולא אמרן אלא ביטות החמה אבל

שאינו טהור : היא מוצאת והיא שלחה וגו' . ולהלן בכדיה לא אמרה אלו הסימנים של יהודה הם ולא: אני הרה אלא לאיש אשר אלה לו אנכי הרה אם: יודה יודה ואם לאו אשרף ולא אלבין פניו : שחשודים על משכב זכור . שמבשמין עצמן כדי שיתאוו להם : שערו כבגדו דמי . דלא שכיחא בה זיעה : בפנתא . אנפוני"א בלעז סע"ג סרבל : גילדא . עקב שקורין סול"ה : בימות

הט זיא ניט גזאגט אז זיא איז מעוברת פון יהודה . אונ דיא זאכען האט מיר יהודה גיגעבען נאר זיא הט גזאגט צו וועמען די זאכען גיהערין פון דעם בין איך מעוברת . וועט יהודה מודה זיין אז דיא זאכען זענען זיינע אונ תמר איז פון איהם מעוברת ; איז גוט : אונ אויב ער וועט זיך שעמען אונ וועט ניט מודה זיין . וויל זי פר ברענט ווערין אונ איהם ניט פר שעמען אונ זאגין אין די אויגין אז זי איז פון אים מעוברת :

יט **תנו רבנן** . די רבנן האבען גילערונט זעקס זאכען זענען מיאוס אתלמיד חכם זאל אזוי טאהן . ער זאל ניט ארויס גיין אין גאס געצירט מיט בשמים עס זאל שמעקין פון איהם . ער זאל ניט ארויס גיין אין גאס מיט שיך וואס אויף זיי איז דא לאטעס . ער זאל ניט גיין אליין ביי נאכט אין גאס . ער זאל ניט שמועסין מיט אאשה אין גאס . ער זאל ניט אריין גיין דער לעצטער אין בית המדרש . ער זאל ניט זיצען צווישען אפארזאמלונג פון עמי הארצים . אונ אנדערע זאגין ער זאל ניט טרעטין קיין גרויסע טריט . ער זאל ניט גיין געשווינד . ער זאל ניט גיין אויף גישטעלט . מיט דעם קאפ ארויף . זאגט דיא גמרא פריער שטייט ער זאל ניט ארויס גיין אין גאס געצירט מיט בשמים עס זאל שמעקין פון איהם . האט רבי חייא בר אבא גזאגט פון רבי יוחנן וועגין דאס איז נאר אויף דעם ארט וואו זכרים זענען מזנה מיט זכרים . וועט מען איהם חושד זיין אז ער הט זיך אויך געצירט מיט בשמים מען זאל מיט איהם מזנה זיין . הט רב ששת גזאגט עס איז נאר אסור צו גיין מיט בשמים אויף די קליידער . אבער אז דיא בשמים זענען אויף זיין גוף וועט מען זאגין ער גייט מיט בשמים דער שלעכטער ריח פון דיא שוויים וואס אויף זיין לייב זאל פון איהם אוועק גיין . אונ מען וועט איהם ניט חושד זיין אויף משכב זכור . דריבער מעג מען . הט רב פפא גזאגט אז די האר זיינע זענען מיט בשמים איז גלייך וויא דיא קליידער זענען מיט בשמים . טאר מען ניט . אונ אנדערע זאגען דיא בשמים וואס אויף דיא האר איז גלייך וויא די בשמים וואס אויף זיין גוף ; מעג מען . אונ אויף דעם ארט וואו זכרים זענען ניט מזנה מיט זכרים מעג מען ארויס גיין מיט בשמים אפילו אויף די קליידער . ער זאל ניט ארויס גיין מיט לאטעס אויף דיא שיך . פרעגט די גמרא עס איז דאך ניט אזוי . רבי חייא בר אבא איז דאך ארויס גיגאנגען אין גאס מיט לאטעס אויף די שיך . האט מר זוטרא דער זוהן פון רב נחמן גזאגט אז דיא שיך זענען אלאטע אויף אלאטע טאר ניט אתלמיד חכם ארויס גיין מיט זיי אין גאס ; אונ דאס איז נאר אז דיא לאטעס זענען פון הויבין טאר ניט אתלמיד חכם מיט דיא שיך גיין אין גאס . אבער אז די לאטעס זענען אויף דיא פאדעשוועס . הארט אונז ניט . מעג ער גיין מיט דיא שיך אין גאס . אונ אז דיא לאטעס זענען פון הויבין וועט מען ניט נאר אין וועג . אין גאס . אבער אין שטוב הארט

אבל ביטות הגשמים ליה לו בר. ואל יצא יחידי בלילה משום חשדא. ולא אמרן אלא דלא קביע ליה עידנא אבל קביע ליה עידנא אמרי לעידניה קאזיל. ואל יספר עם אשה בשוק אמר רב חסדא אפילו היא אשתו ואפילו היא בתו ואפילו היא אחותו לפי שאין הכל בקיאין בקרובותיו. ואל יכנס באחרונה לבית המדרש דקרו ליה פושע. ואל יסב במסיבה של עמי הארץ דאתי לאמשוכי בתרייהו. ואל יפסיע פסיעה גסה דאמר מר פסיעה גסה נוטלת אחד מחמש מאות ממאור עיניו של אדם. ומאי תקנתיה להדר ליה בקידושא דבי שמשא. ואל יהלך בקומה זקופה (דלאו אורח ארעא) דאמר מר כל ההולך בקומה זקופה אפילו ד' אמות כאלו דוחק רגלי השכינה דכתיב (ישעיה ו) מלא כל הארץ כבודו:

(דף מד) **כ** כי אתא רב דימי אמר עיר אחת היה לו לינאי המלך בהר המלך שהיו מוציאין ממנה

פירוש: בגבמים. הטיט מכסכו: משום חשדא. כל זמנו דלא קביע ליה עדנא. שלא קבע לו רבו עת ללמוד בלילה. אפילו היא אחותו. שאין הכל מכירין בה והודעין אותו: דקרי ליה פושע. מתעגל: נקד שלא דבי במצא. שטוהה כוס של קדוש בשבת בלילה:

אוּנְז נִיט. אִין שְׁטוּב מֶעג עֶר גֵיין אִין שִׁיךְ אַלַאטֶע אוֹיף אַלַאטֶע. אוּנ דָאס אִיז נָאר ווֶען טָאר מֶען נִיט גֵיין אִין שִׁיךְ אַלַאטֶע אוֹיף אַלַאטֶע אִין גַאס. אָבֶּער ווִינְטֶער הַארְט אוּנְז נִיט. ווִינְטֶער מֶעג עֶר גֵיין אִין גַאס אִין שִׁיךְ אַלַאטֶע אוֹיף אַלַאטֶע. ווַייל דִי שִׁיךְ ווֶענֶען בַּשְׁמִירְט מִיט בְּלָאטֶע. דֶער קֶענְט מֶען נִיט דִי לַאטֶעס. אוּנ עֶר זָאל נִיט גֵיין אַלֵיין אִין גַאס בַּיי נַאכְט. מֶען זָאל אִיהם נִיט חוֹשֵׁד זַיין עֶר גֵייט מְזַנֶה זַיין. אוּנ דָס אִיז נָאר גֶזָאגְט גִיוָוארִין אַז עֶר טָאר נִיט גֵיין קֵיין אוֹיס גִיזֶעצְטֶע צַייט צוּ גֵיין לֶערְנֶען אַלֶע נַאכְט. עֶר וִויל נָאר גֵיין בַּיי נַאכְט אַמָאהל: טָאר עֶר נִיט. מֶען זָאל אִיהם נִיט חוֹשֵׁד זַיין אוֹיף זְנוּת. אָבֶּער אַז עֶר הָאט אַאוֹיס גִיזֶעצְטֶע צַייט צוּ גֵיין לֶערְנֶען אַלֶע נַאכְט. ווֶעט מֶען אִיהם נִיט חוֹשֵׁד זַיין אוֹיף זְנוּת. ווָארוּם אַלֶע נַאכְט גֵייט מֶען דָאךְ נִיט מְזַנֶה זַיין. ווֶעט מֶען זָאגִין עֶר גֵייט צוּ זַיין צַייט לֶערְנֶען. אוּנ עֶר זָאל נִיט שְׁמוּעֶסִין מִיט אַאִשָׁה אִין גַאס. הָאט רַב חִסְדָא גִזָאגְט אֲפִילוּ זִיא אִיז זַיין ווַייבּ אוּנ אֲפִילוּ זִיא אִיז זַיין טָאכְטֶער אוּנ אֲפִילוּ זִיא אִיז זַיין שְׁווֶעסְטֶער ווַייל נִיט אַלֶע מֶענְטְשִׁין קֶענֶען זַיינֶע קְרוֹבִים. מֶען ווֶעט נִיט ווִיסֶען אַז דִי אִשָׁה אִיז זַיין ווַייבּ אָדֶער זַיין שְׁווֶעסְטֶער אָדֶער זַיין טָאכְטֶער: ווֶעט מֶען אִיהם חוֹשֵׁד זַיין אוֹיף זְנוּת. אוּנ עֶר זָאל נִיט אַרַיין גֵיין דֶער לֶעצְטֶער אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ. ווָארוּם מֶען ווֶעט זָאגִין עֶר הָאט נִיט קֵיין חֵשֶׁק וְקֵיין לוּסְט צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה. עֶר זָאל נִיט זִיצֶען צְווִישֶׁען אַפָאר זַאמְלוּנְג פוּן עַמֵי הָאֲרָצִים. עֶר ווֶעט ווֶעלִין הֶערִין זֵייא שְׁמוּעֶסִין. ווֶעט עֶר דֶער ווַייל נִיט לֶערְנֶען. עֶר זָאל נִיט טְרֶעטִין קֵיין גְרוֹיסֶע טְרִיט. עֶר זָאל נִיט גֵיין גֶעשְׁווִינְד. ווָארוּם דֶער תַּנָא הָאט גְזָאגְט אַגְרוֹיסֶער טְרֶעט: נֶעמְט צוּא פוּן דִיא לִיכְטִיגְקֵייט פוּן זַיינֶע אוֹיגִין אַפִינְף הוּנְדֶערְט חֵלֶק. מִיט וואס קֶען עֶר דָאס פַארִיכְטֶען. עֶר קֶען דָאס צוּרִיק קֶערִין מִיט דֶעם כּוֹס פוּן קִידוּשׁ שַׁבָּת בַּיי נַאכְט. ווֶען עֶר מַאכְט קִידוּשׁ שַׁבָּת בַּייא נַאכְט אוֹיף ווַיין זָאל עֶר מִיט דִי אוֹיגֶען קוּקְעִין אִין דֶעם כּוֹס אוּנ אוֹיף דִיא לִיכְט. ווֶעלֶען אִיהם דִיא אוֹיגֶען צוּרִיק לִיכְטִיג ווֶערִין. עֶר זָאל נִיט גֵיין אוֹיף גִישְׁטֶעלְט מִיט דֶעם קָאפּ אַרוֹיף ווָארוּם דֶער תַּנָא הָאט גְזָאגְט ווֶער עֶס גֵייט אוֹיף גִישְׁטֶעלְט מִיט דֶעם קָאפּ אַרוֹיף אֲפִילוּ נָאר פִיר אֵיילִין אִיז גְלַייךְ ווִיא עֶר וואלְט אַווֶעק גִישְׁטוּיסֶען דִי פִיס פוּן גָאט. ווָארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פְּסוּק דִי גַאנְצֶע ווֶעלְט אִיז פוּל מִיט דֶעם כְּבוֹד פוּן גָאט. אִיז דָאךְ אוֹיף דִי ווֶעלְט נָאר דָא דֶער כְּבוֹד אוּנ דִיא גְרוֹיסְקֵייט פוּן גָאט. אַז דֶער מֶענְטְשׁ הֵייבְּט אוֹיף זַיין קָאפּ אַרוֹיף אִין דִיא הֵייךְ. אוּנ ווֶערְט בַּייא זִיךְ גְרוֹיס. שְׁטוּיסְט עֶר דָאךְ אַווֶעק דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן גָאט פוּן דִיא ווֶעלְט:

כ כִּי. אַז רַב דִימִי אִיז גִיקוּמֶען הָאט עֶר גִזָאגְט יַנַאי הַמֶלֶךְ הָאט גִיהַאט אוֹיף דֶעם קֶענִיגְלִיכֶען בַּארְג אֵיין שְׁטָאט וואס יֶעדֶער ווָאךְ פוּן פְרַייטָאג צוּא פְרַייטָאג פְלֶעגְט מֶען אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן אִיר זֶעקְס מָאהל הוּנְדֶערְט טוֹיזֶענְד שִׁיסְלֶען פוּל מִיט שְׁטִיקֶער פִישׁ צוּא גֶעבִּין עֶסִין

ממנה ששים רבוא ספלי טרית לקוצצי תאנים מע"ש לערב שבת. כי אתא רבין אמר אילן אחד היה לו לינאי המלך בהר המלך שהיו מורידין ממנו ארבעים סאה גוזלות מג' בריכות בחדש. כי אתא רבי יצחק אמר עיר אחת היתה בארץ ישראל וגופנית שמה שהיו בה שמונים זוגות אחים כהנים נשואין לשמונים זוגות אחיות כהנות ובדקו רבנן מסורא ועד נהרדעא ולא אשכחו בר מבנתיה דרב חסדא דהוו נסיבין לרמי בר חמא ולמר עוקבא בר חמא ואף על גב דאינהי הוו כהנתא אינהו לא הוו כהני:

(ע"ג) כא אמר רבי ינאי (אמר רב) כל שהוא כביצה ביצה טובה ממנו. כי אתא רבין אמר טבא ביעתא מגולגלתא משיתא קייסי סולתא. כי אתא רב דימי אמר טבא ביעתא מגולגלתא משיתא מטויתא מד' מבושלתא כל שהוא כביצה ביצה טובה הימנו לבר מבשרא:

כב תנו רבנן טחול יפה לשינים וקשה לבני מעים כל ירק חי מוריק וכל קטן מקטין וכל נפש משיב

כפלי טרית. ספלים מלאים תזיכות דג התקן שקורין טוניל"א: לקוצצי תאנים. למאכל פועלים שקוצצים תאנים והיו מרובין עד שכל אלה צריכין להם למאכל: גוזלות. קוליי"ם בלע"ז: מג' בריכות בחדש. ג' פעמים בחדש מורידין ממנו כך: פ' זוגות אחים. כמס שמס אחים היו כולן וכן נשותיהם:

כל שהוא כביצה ביצה טובה סימנו. אין לך מין מאכל שיעור כביצה שלא תהא ביצה טובה לגוף ממנו. מגולגלתא. צלויה לחה וככה שמורפין אותה: קייסי. מדות מחזיקות לוג: מגולגלתא משיתא. טובה משתא קייסי. מטויתא. צלויה קשה טובה מד' קייסי: מבושלתא. כמים עלה אמר כפי ינאי כל שהוא כביצה ביצה טובה סימנו:

כרישין. כרתי: כל ירק חי מוריק. מוסל תואר הפנים: וכל קטן. שלא גדל כל צרכו ולקמן מפרש כמה כל צרכו: וכל נפש. דבר חי המאכל כלה כגון דגים קטנים שגדלו כל צרכן:

דיא מענטשין וואס האבען געשניטען די פייגען. אזוי פיל מענטשין האבען געארבעט ביי דיא פייגען. אז רבין איז געקומען האט ער געזאגט ינאי המלך האט געהאט אויף דעם קעניגליכען בארג איין בוים וואס מען פלעגט אראפ נעמען פון איהם יונגע טויבין דריי מאהל אין חודש. יעדער מאהל האט מען אראפ גענומען פערציג סאה. איז הונדערט און צוואנציג סאה טויבין האט מען אראפ גענומען אחודש פון דעם בוים: וואס דיא טויבען פלעגין זיך אהערוען אויף דעם בוים. אז רבי יצחק איז געקומען האט ער געזאגט אין ארץ ישראל איז געוועז איין שטאט איר נאמען איז געוועז גופנית און אין איר איז געוועז אכציג פאר ברידער כהנים וואס זיי האבען חתונה געהאט מיט אכציג פאר שוועסטער וואס זייא זענען אלע געוועז טעכטער פון כהנים. און דיא רבנן האבען געזוכט פון סורא ביז נהרדעא און האבען ניט געפונען נאך אזוי אשטאט. אז דיא מאנען זאלען זיין ברידער און כהנים און דיא ווייבער זאלען זיין שוועסטער. און טעכטער פון כהנים אויסער דיא טעכטער פון רב חסדא זיי זענען געוועז גינומען פר ווייבער צו רמי בר חמא און צו מר עוקבא בר חמא. האבען אויך געהאלטען צוויי ברידער צוויי שוועסטער: אפילו דיא ווייבער זענען דאך געוועז טעכטער פון כהנים. אבער זייא דיא מאנען זענען ניט געוועז קיין כהנים:

כא אמר. רבי ינאי האט געזאגט יעדער עסין וואס עס איז גרויס וויא אאיי. איז אאיי בעסער פון איהם. אז רבין איז געקומען האט ער געזאגט אגעבראטענע איי אשיטערע אויס צוא זופין שטארקט דעם גוף מער וויא ער וואלט געגעסין זעקס מאס מעהל. אז רב דימי איז געקומען האט ער געזאגט אגעבראטענע איי אשיטערע אויס צו זופען שטארקט דעם גוף מער וויא ער וואלט געגעסין זעקס מאס מעהל. אגעבראטענע איי אהארטע (אגעדיכטע) צו עסין שטארקט דעם גוף מער ווי ער וואלט געגעסין פיר מאס מעהל. אגעקאכטע איי אין וואסער. יעדער עסין וואס עס איז גרויס ווי אאיי. איז אאיי בעסער פון איהם. אויסער פלייש. אש קול פלייש גרויס וויא אאיי. איז דיא פלייש בעסער וויא דיא איי נבעסער מיינט מען געזינטער צום גוף:

כב תנו רבנן. די רבנן האבען גילערנט אז מען עסט מילץ איז געזונט צו דיא ציין. און ד— איז שלעכט צו די גידערים. אז מען עסט כרישין איז שלעכט צו די ציין און געזונט צו

בקרוב לנפש. האוכל מן הבהמה במקום חיות שלם: לבית. לברם שאוכל לפת:
תנא הני מילי. דג' צריכין לברכה צריך: גדלו לה' אתי. הרי ג' וכן מקרא הכו גודל סימיד אומר לג':

משיב נפש וכל קרוב לנפש משיב הנפש כרוב למזון ותרדים לרפואה אוי לו לבית שהלפת עוברת בתוכו:

שלשה שאכלו פרק שביעי

(דף מה) **א שלשה** שאכלו כאחד חייבין וכו' מנה"מ אמר רב אסי דאמר קרא (תהלים לד) גדלו לה' אתי ונרוממה שמו יחדו רבי אבהו אמר מהכא (דברים לב) כי שם ה' אקרא הבו גדל לאלהינו. אמר רבי חנין בר אבא (רבא) מנין לעונה אמן שלא יגביה קולו יותר מן המברך שנאמר (תהלים לד) גדלו לה' אתי ונרוממה שמו יחדו אמר רבי שמעון בן (לקיש) [פזי] מנין שאין המתרגם רשאי להגביה קולו יותר מן הקורא שנאמר

משה

די גידערים. אלע ירקות אויב מען עסט זיי רוהע. מאכען זיי געל דעם פנים. און אלע ירקות און פירות וואס זענען נאך קליין. זייא זענען נאך ניט צייטיג. מאכען זייא קליין דעם גוף ווס עסט זייא. דער גוף ווערט ניט געשטארקט פון דעם עסין: און אז מען עסט אזוי אזאך וואס האט גילעבט. קערט דאס צוריק דאס לעבין פון מענטש: דער מענטש ווערט גיזונד און גישטארקט. און לעבט לאנג. און די שטיק פלייש פון אבהמה וואס איז נאנט צו דעם ארט וואס דארט איז דער עיקר לעבין פון די בהמה. קערט צוריק דאס לעבין פון מענטש. אז מען עסט די שטיק פלייש ווערט מען גיזונד און גישטארקט. און מען לעבט לאנג. כרוב [קרויט] שפייזט דעם גוף: און תרדים איז גיזונד צום גוף: ווייא צום שטוב [צום בויך] וואס לפת גייט אין איהם אריין:

פרק שביעי

א שלשה. אויב דריי מענטשין האבען גיגעסען צו זאמען מוזין זיי בענטשין צו זאמען: פון וואנען ווייסען מיר די רייד. אז זיי מוזען בענטשין צו זאמען: האט רב אסי גיזאגט דער פסוק זאגט דוד המלך האט גיזאגט צו די מענטשין זיינע איר זאלט זאגען מיט מיר צו זאמען די גרויסקייט פון גאט. און ניט יעדער בזונדער זאל לויבען גאט. און איך מיט אייך צו זאמען וועלין מיר זאגען ווי דער הויבען איז זיין נאמען. און ווייל עס שטייט דוד האט גיזאגט צו די מענטשין. און עס שטייט ניט צו ווייא פיל מענטשין איז דאס ווינציגסטע צוויי. ווערן מיר וואס עס איז דא דריי מענטשין מוזין אלע דריי צו זאמען לויבען גאט ניט יעדער בזונדער. רבי אבהו זאגט פון דאנען ווייסען מיר אז דריי מענטשין מוזען בענטשין צו זאמען [אויב זייא האבען גיגעסען צו זאמען]. עס שטייט אין פסוק משה רבינו האט גיזאגט אז איך וועל רופען דעם נאמען פון גאט גיט גרויסקייט צו אונזער גאט. מיר זאלען לויבען איהם אלע דריי צו זאמען [ווארום וואס עס שטייט אצאהל פון פיל. און עס שטייט ניט ווייא פיל. איז דאס ווינציגסטע צוויי]. ווערן מיר וואס עס איז דא דריי מענטשין מוזין אלע צו זאמען לויבען גאט. ניט יעדער בזונדער. [רבי חנין בר אבא האט גיזאגט] פון וואנען ווייסען מיר אז דער וואס ענטפערט אמן זאל ניט זאגען דעם ווארט אמן העכער ווייא דער וואס זאגט די ברכה. ווארום עס שטייט אין פסוק איר זאלט זאגען מיט מיר צו זאמען די גרויסקייט פון גאט. און מיר זאלען זאגען צו זאמען ווי דער הויבען זיין נאמען איז. ווייל ער זאגט דעם ווארט יחדו צו זאמען. מיינט מען אלע גלייך מיט איין קול. די וואס וועלין ענטפערין זאלען ניט זאגען העכער פון איהם. רבי שמעון בן פזי האט גיזאגט פון וואנען ווייסען מיר אז דער וואס זאגט דעם פסוק אויף תרגום. טאר ניט זאגין דעם תרגום העכער ווי דער וואס לייענט זאגט דעם פסוק לשון קודש. [פאר צייטען האבען די פראסטע מענטשין ניט פר שטאנען לשון קודש. נאר אלע האבען גירעדט תרגום לשון. ווען מען פלעגט לייענען אין די ספר תורה. האט מען גיזאגט אפסוק לשון קודש: און איינער האט איבער גיזעצט

(שמות יט) משה ידבר והאלהים יעננו בקול מה תלמוד לומר בקול בקולו של משה. הניא נמי הכי אין המתרגם רשאי להגביה קולו יותר מן הקורא ואם א"א למתרגם להגביה קולו עם הקורא ימעך הקורא קולו ויקרא:

(דף מו) ב רבי זירא חלש על לגביה רבי אבהו קבל עליה אי מיתפח קטינא חריך שקי עבידנא יומא טבא לרבנן איתפח עביד סעודתא לכולהו רבנן כי מטא למשרי אמר ליה לרבי זירא לישרי לן מר אמר ליה לא סבירא ליה מר להא דאמר רבי יוחנן בעל הבית בוצע. שרא להו. כי מטא לברוכי אמר ליה נבריך לן מר אמר ליה לא סבירא ליה מר להא דרב הונא דמן בבל בוצע מברך. ואיהו כמאן סבירא ליה כי הא דאמר רבי יוחנן משום רבי שמעון בן יוחאי בעה"ב בוצע ואורח מברך בעל הבית בוצע כדי שיבצע בעין יפה ואורח מברך כדי שיברך לבעל הבית מאי מברך יהי רצון שלא יבוש בעל הבית בעולם הזה ולא יכלם לעולם הבא ורבי מוסיף בה דברים ויצלח מאד בכל נכסיו ויהיו נכסיו ונכסינו (מוצלחים ו) קרובים (ומוצלחים) לעיר ואל ישלוט

קטינא חריך שקא. כך היו קורין לרבי זירא: כי מטא למישרי. ליטנא דשירותא כלומר נפרוס ברכת המוציא ולאכול: רב הונא דמבבל. היינו ר"פ פסחא ולפי שעכשיו היה רבי זירא בא"י במקום רבי אבהו והוה עלה מבבל קאמר הכי: קרובים לעיר. פירוש נראותן בעה"ב תמיד ולדעת מס

די לשון קודש אויף תרגום לשון. וואריום עס שטייט אין פסוק משה רבינו פלעגט ריידין אונ גאט פלעגט איהם ענטפערין מיט דעם קול. מיט וועלכין קול. מיט דעם קול פון משה רבינו. גאט האט ניט גירעט העכער וויא משה רבינו. מיר האבען אויך אזוי גילערונט דער וואס זאגט דעם פסוק אויף תרגום זאל ער ניט זאגין דעם תרגום העכער ווי דער וואס לייענט זאגט דעם פסוק לשון קודש. אויב דער וואס זאגט דעם פסוק תרגום קען ניט שרייען אזוי הויך וויא דער וואס זאגט דעם פסוק לשון קודש. זאל דער וואס זאגט דעם פסוק לשון קודש נידעריג מאכען זיין קול. אונ זאל זאגין די לשון קודש אזוי נידעריג ווי דער וואס זאגט דעם תרגום:

ב רבי זירא איז קראנק גיווארין איז רבי אבהו אריין גיגאנגען צו רבי זירא מבקר חולה זיין. האט רבי אבהו גינומען אויף זיך אויב רבי זירא וועט גיזונד ווערין ורבי זיראן האט מען גירופען קטינא חריך שקי דער קליינער וואס האט פר ברענטע קניא. אזוי ווי עס שטייט אין בבא מציעא. וועל איך מאכען אום טוב פאר די רבנן. אונ רבי זירא איז גיזונד גיווארין. האט רבי אבהו גימאכט אסעודה פר אלע רבנן. אז מען האט גידארפט מאכען המוציא. האט רבי אבהו גזאגט צו רבי זירא זאל דער רבי פר אונז מאכען המוציא. האט רבי זירא גזאגט צו רבי אבהו האלט דען ניט דער רבי וואס רבי יוחנן האט גזאגט דער בעל הבית דארף מאכען המוציא. האט רבי אבהו גימאכט המוציא. אז עס איז גיקומען צום בענטשין. האט רבי אבהו גזאגט צו רבי זירא זאל דער רבי פר אונז בענטשין. האט רבי זירא גזאגט צו רבי אבהו האלט דען ניט דער רבי וואס רב הונא פון בבל האט גזאגט דער וואס האט גימאכט המוציא דער זאל בענטשין. דארף רבי אבהו בענטשין ווייל ער האט גימאכט המוציא: וויא וועט האלט רבי אבהו וואס ער זאגט רבי זירא זאל בענטשין. אזוי וויא רבי יוחנן וואס ער זאגט פון רבי שמעון בן יוחים וועגין דער בעל הבית זאל מאכען המוציא. אונ דער פרעמדער וואס עסט ביי דעם טיש פון בעל הבית זאל בענטשין. דער בעל הבית מאכט המוציא ער זאל אפ שניידען פון דעם ברויט אונ געבין פר יעדין מענטש וואס זיצט ביי דעם טיש. מיט אגוטע אויג. ער זאל פר גינען. אונ דער גאסט זאל בענטשין ער זאל בענטשין צום בעל הבית. ווי זאל ער איהם בענטשין. ער זאל זאגין עס זאל זיין דער ווילען פון גאט דער בעל הבית זאל זיך ניט שעמען אויף די וועלט. אונ ער זאל ניט ווערין פר שעמט אויף עולם הבא. אונ רבי האט גימעהרט נאך זאגען צוא בעטין פאר דעם בעל הבית. ער זאל זייער שטארק בגליקען אין זיין פאר מעגין. זיין פר מעגין אונ אונזער פר מעגין זאלען זיין גליקליך. אונ אונזערע גישעפטין זאלין זיין נאנט צום שטאט. עס זאל ניט גיוועלטיגען קיין שטן (קיין שטערונג) אין אלץ וואס ער וועט טאהן. אונ אין אלץ וואס מיר וועלין

כס גרי"ן: נכסיו. קרקעות:
אין מכבדין. לומר היה אתה קודם: לא בדרכים.
ה"לכי דרכים לומר לגדול סימנו לך לפני:
ולא בידים מזוהמות. במים אחרונים: ממערבא.
לפי שהיה רבין רגיל לעלות מבבל לא"י ולומר הוא
דבריו משמו של ר' יוחנן: בפתח הראוי למזוזה.
כלומר בכניסת כל פתחים למעוטי דרכים וגשרים:
חטופה. שקורין את האל"ף בחטף ולא בפת"ח
ואומר המן והוא צריך לומר אמן:
קטופה. שמחסר קריאת הנו"ן שאין מוציאה בפה
שתהא נכרת: יתומה. שלא שמע הברכה אלא
שמע שעונין אמן: ולא יזרוק ברכה מפיו.
במסירות שדומה עליו כמשוי אלא שחוק קבוע
הוא לו:

ישלוט שטן במעשה ידיו ובמעשה ידינו ואל יזדקר לפניו ולא לפנינו שום דבר הרהור וחטא ועבירה מעתה ועד עולם:

(ע"ב) ג **תנו** רבנן אין מכבדין לא בדרכים ולא בגשרים ולא בידים מזוהמות. רבין ואביי הוו קאזלי באורחא קדמיה חמריה דרבין לדאביי ולא אמר ליה ניזיל מר אמר מדסליק האי מרבנן ממערבא גס ליה דעתיה כי מטא לפתחא דבי כנישתא אמר ליה ניעול מר אמר ליה ועד השתא לאו מר אנא אמר ליה הכי אמר רבי יוחנן אין מכבדין אלא בפתח שיש בה מזוזה דאית בה מזוזה אין דלית בה מזוזה לא אלא מעתה בית הכנסת ובית המדרש דלית בהו מזוזה אין הכי נמי דאין מכבדין אלא אימא בפתח הראוי למזוזה:

(דף מז) ד **תנו** רבנן אין עונין לא אמן חטופה ולא אמן קטופה ולא אמן יתומה ולא יזרוק

טאהן: אונ עס זָאל נִיט אַרַיין שְׁפְּרִינְגֶען נִיט פַר אִיהם אוּנ נִיט פַר אוּנְז קֵיין טְרַאכְטוּנְג פוּן עֲבֵירוֹת. פוּן אִיצְט בִּיז אֵייבִּיג:

ג תָּנוּ רַבָּנָן. דִי רַבָּנָן הָאבֶּען גִילֶערוּנְט מֶען דַארְף נִיט גֶעבִּין כָּבוֹד צוּ אַגְרֶעסֶערִין נִיט אִין וֶועג אוּנ נִיט אוֹיף אַבְּרִיק, אִין וֶועג אָדֶער אוֹיף אַבְּרִיק דַארְף מֶען נִיט זָאגִין צוּ אַגְרֶעסֶערִין עֶר זָאל גֵיין פְרִיעֶר. אוּנ וֶוען מֶען הָאט שְׁמוּצִיגֶע הֶענְט פוּן עֶסִין אוּנ מֶען דַארְף וַואשֶׁען מַיִם אַחֲרוֹנִים. דַארְף מֶען נִיט גֶעבִּין כָּבוֹד צוּ אַגְרֶעסֶערִין עֶר זָאל פְרִיעֶר וַואשֶׁען. נָאר וֶוער עֶס וִויל וָואשְׁט פְרִיעֶר. רָבִין אוּנ אַבַּיֵי זֶענֶען גִיגַאנְגֶען אִין וֶועג. אוּנ הָאבֶּען גֶערִיטֶען אוֹיף אֵייזְלֶען. אִיז דֶער אֵייזִיל פוּן רָבִין גִיגַאנְגֶען גֶעשְׁווִינְדֶער אוּנ עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען פְרִיעֶר פַר דֶעם אֵייזִיל פוּן אַבַּיֵי. אוּנ רָבִין הָט נִיט גְזָאגְט צוּ אַבַּיֵי זָאל דֶער רֶבִּי גֵיין פְרִיעֶר. הָט אַבַּיֵי גְזָאגְט וִויא דֶער לַמְדָן אִיז גִיקוּמֶען פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז עֶר גְרוֹיס גִיוָוארִין. אַז זֵייא זֶענֶען גִיקוּמֶען צוּא דִיא טִיר פוּן שׁוּהל. הָט רָבִין גְזָאגְט צוּ אַבַּיֵי זָאל דֶער רֶבִּי פְרִיעֶר אַרַיין גֵיין: הָט אַבַּיֵי גְזָאגְט צוּ רָבִין אוּנ בִּיז אִיצְט בִּין אִיךְ נִיט גִיוֶוען קֵיין רֶבִּי. פַר וָוס הָאסְטוּ מִיר בִּיז אִיצְט נִיט גִיהֵייסֶען גֵיין פְרִיעֶר. הָט רָבִין גְזָאגְט צוּ אַבַּיֵי אַזוֹי הָט רַבִּי יוֹחָנָן גְזָאגְט מֶען דַארְף נִיט גֶעבִּין כָּבוֹד צוּ אַגְרֶעסֶערִין עֶר זָאל גֵיין פְרִיעֶר: נָאר אַז מֶען גֵייט אַרַיין אִין אַטִיר וָואס דָארְטֶען אִיז דָא אַמְזוּזָה. דַארְף מֶען גֶעבִּין כָּבוֹד דֶעם גְרֶעסֶערִין עֶר זָאל גֵיין פְרִיעֶר. פְרֶעגְט דִי גְמָרָא אוֹיב אִין דִי טִיר אִיז דָא אַמְזוּזָה דַארְף מֶען גֶעבִּין כָּבוֹד דֶעם גְרֶעסֶערִין עֶר זָאל גֵיין פְרִיעֶר. אוֹיב אִין דִי טִיר אִיז נִיטָא קֵיין מְזוּזָה דַארְף מֶען נִיט גֶעבִּין כָּבוֹד צוּ אַגְרֶעסֶערִין עֶר זָאל גֵיין פְרִיעֶר. וֶועלִין מִיר פְרֶעגִין אַשׁוּהל אוּנ אַבֵּית הַמֶדְרָשׁ וָוס אִין זֵייעֶרֶע טִירֶען אִיז נִיטָא קֵיין מְזוּזָה דַארְף מֶען אוֹיךְ נִיט גֶעבִּין כָּבוֹד צוּ אַגְרֶעסֶערִין עֶר זָאל אַרַיין גֵיין פְרִיעֶר אִין שׁוּהל אָדֶער אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ. אִיז דָאךְ אוֹיף דִיר אַקַשְׁיָא פַר וָוס הֵייסְטוּ מִיר אִיךְ זָאל פְרִיעֶר אַרַיין גֵיין אִין שׁוּהל. נָאר אַזוֹי זָאג. אַזוֹי אַטִיר וָואס מֶען דַארְף אִין אִיר מַאכֶען אַמְזוּזָה. דַארְף מֶען גֶעבִּין כָּבוֹד צוּ אַגְרֶעסֶערִין עֶר זָאל פְרִיעֶר אַרַיין גֵיין. אָבֶּער אִין וֶועג אָדֶער אוֹיף אַבְּרִיק אָדֶער דוּרְךְ אַאוֹיס גִיבְּרָאכֶענֶע וַואנְט דַארְף מֶען נִיט גֶעבִּין כָּבוֹד צוּא אַגְרֶעסֶערִין עֶר זָאל פְרִיעֶר אַרַיין גֵיין:

ד תָּנוּ רַבָּנָן: דִי רַבָּנָן הָאבֶּען גִילֶערוּנְט מֶען טָאר נִיט חַאפִּין דֶעם ווָארְט אָמֵן. נָאר מֶען זָאל גוּט אַרוֹיס רֵיידֶען דֶעם אַלֶ"ף פוּן אָמֵן מִיט אַקָמֶ"ץ: אוּנ נִיט קֵיין אָפּ גִיהַאקְטִין אָמֵן. נָאר מֶען זָאל גוּט אַרוֹיס רֵיידִין דֶעם נוּ"ן פוּן אָמֵן. אוּנ נִיט אַאָמֵן וָואס עֶר אִיז אַיָתוֹם. עֶר הָאט נִיט גִיהֶערְט דִי בְּרָכָה. נָאר עֶר הֶערְט אַלֶע עֶנְטְפֶערִין אָמֵן עֶנְטְפֶערְט עֶר אוֹיךְ נָבַייא אִיהם אִיז דֶער אָמֵן אַיָתוֹם עֶר הָט נִיט קֵיין בְּרָכָה). דָס טָאר מֶען נִיט. אוּנ עֶר זָאל נִיט אַרוֹיס וַוארְפֶען קֵיין בְּרָכָה

יזרוק ברכה מפיו . בן עזאי אומר כל העונה אמן יתומה יהיו בניו יתומים חטופה יתחטפו ימיו קטופה יתקטפו ימיו ושנותיו וכל המאריך באמן מאריכין לו ימיו ושנותיו :

(ע"ב) **ה תניא** איזהו עם הארץ כל שאינו אוכל חוליו בטהרה דברי ר"מ וחכמים אומרים כל שאינו מעשר פירותיו כראוי והני כותאי עשורי מעשרי כדחזי דבמאי דכתיב באורייתא מזהר זהירי דאמר מר כל מצוה שהחזיקו בה כותיים הרבה מדקדקים בה יותר מישראל :

ו תנו רבנן איזהו עם הארץ כל שאינו קורא קריאת שמע שחרית וערבית דברי רבי אליעזר . רבי יהושע אומר כל שאין מניח תפילין . בן עזאי אומר כל שאין לו ציצית בבגדו . רבי נתן אומר כל שאין לו מזוזה על פתחו . רבי יונתן בן יוסף אומר כל מי שיש לו בנים ואינו מגדלן לת"ת . אחרים אומרים אפילו קרא ושנה ולא שמש תלמידי חכמים הרי זה עם הארץ . רב מנשיא בר תחליפא תנא הלכתא ספרא וספרי ולא אזמין עליה רמי בר חמא שכיב רמי בר חמא . אמר רבא האי דאיענש רמי בר חמא דלא אזמין

איזהו . ע"כ שדברו בו חכמים בכל מקום : איזהו עם הארץ . שדברו חכמים בכל מקום : שלא שמש ת"ח . כלא הגמרא המטויה בככרא שהיו מתרץ לדברי משנה טעם וכיו מתאספים יחד ועוסקים בכך וזהו דוגמת הגמרא שסדרו האמוראים : ספרא . ע"כ : הלכתא . משניות : לא אזמין עליה . לא רצה לצרפו עמו לזימון :

פון זיין מויל . מען טאר ניט זאגן אברכה געשווינד . נאר מען מוז זאגן איין ווארט נאך דעם אנדערין . אונ מען זאל אין זינען האבען וואס מען רעט . אונ מען זאל לויבען גאט . בן עזאי זאגט ווער עס זאגט אאמן יתומה . וועלין זיינע קינדער ווערין יתומים ; חטופה . ווער עס חאפט . ווער זאגט געשווינד] דעם ווארט אמן . אונ רעט ניט גוט ארויס דעם אל"ף פון אמן . וועלין אוועק גיחאפט ווערין זיינע טעג . ווער עס האקט אפ דעם ווארט אמן . ער רעט ניט גוט ארויס דעם נו"ן פון אמן . וועלין אפ גיהאקט ווערין זיינע טעג אונ זיינע יאהרין . ווער עס זאגט לאנג דעם ווארט אמן . ער רעט איהם שארף ארויס . אונ הט אין זינען דיא כוונה פון אמן . וועט מען איהם דער לייננערין זיינע יאהרין אונ טעג :

ה תניא . מיר האבען גילערונט ווער הייסט אעם הארץ דער וואס עסט ניט זיינע עסין זיי זאלין זיין טהור . אפילו חולין [ניט תרומה אונ ניט קיין קודש נאר] געוויינליכע עסין דארף מען אנדערש ניט עסין נאר אז זייא זענען טהור . אונ דער מענטש וואס עסט עסין וואס זענען טמא . אפילו זייא זענען חולין . הייסט ער אעם הארץ . אזוי זאגט רבי מאיר . אונ דיא חכמים זאגין דער וואס גיט ניט קיין מעשר פון זיינע פירות אזוי וויא מען דארף געבין . דער איז אעם הארץ . אונ די כותים גיבען מעשר אזוי וויא מען דארף געבין . ווארום די מצות וואס שטייט אין די תורה היטען דיא כותים . ווארום דער תנא האט גזאגט די מצות ווס דיא כותים האבען אן גינומען צו היטען זייא . זענען זיי מדקדק פיל בעסער ווי איוד . זיי היטען אפ די מצוה צו טאהן ווי דער דין איז . בעסער ווי דער יוד טוהט איר :

ו תנו רבנן . די רבנן האבען גילערונט ווער הייסט אעם הארץ דער וואס לייענט ניט קריאת שמע אין דער פריא אונ אויף דער נאכט . אזוי זאגט רבי אליעזר . רבי יהושע זאגט דער ווס לייגט ניט תפילין . בן עזאי זאגט דער וואס הט ניט קיין ציצית אויף זיין קלייד . רבי נתן זאגט דער ווס הט ניט קיין מזוזה אויף זיין טיר . רבי יונתן בן יוסף זאגט דער ווס הט זיהן אונ ער גיט זייא ניט אין בית המדרש זיי זאלען לערנען . אנדערע זאגין אפילו ער הט גילערונט תורה נביאים אונ כתובים . אונ משניות . אויב ער האט ניט בדינט תלמידי חכמים ודס מיינט מען אויב ער האט ניט גילערונט קיין גמרא] איז ער אעם הארץ . רב מנשיא בר תחליפא הט גילערונט משניות אונ תורת כהנים . אונ ספרי ; אונ אז רמי בר חמא הט גיגעסין מיט נאך איינעם אונ מיט רב מנשיא . הט רמי בר חמא ניט גיוואלט בענטשין מיט מזומן . ער

דמשמע . משמש : דלא דק . לא כדק לשאול מדם רב מנשיא :
מגוס דרבים שאני . לכוליא רבים י"ח לקדושה :

אזמין עליה דרב מנשיא בר ת חליפא . והתניא אחרים אומרים אפילו קרא ושנה ולא שמש ת"ח זהו ע"ה הארץ שאני רב מנשיא דמשמע להו לרבנן ורמי בר חמא הוא דלא דק אבתריה . ל"א כיון דשמע שמעתתא מפומייהו דרבנן וגרים לדו כצורבא מרבנן דמי :

ז **אמר** רבי יהושע בן לוי תשעה ועבד מצטרפין . מיתיבי מעשה ברבי אליעזר שנכנס לבית הכנסת ולא מצא עשרה ושחרר עבדו והשלימו לעשרה שחור אין לא שחרר לא . תרי איצטריכו שחרר חד ונפיק בחד והיכי עביד הכי והאמר רב יהודה כל המשחרר עבדו עובר בעשה שנאמר (ויקרא כה) לעולם בהם תעבודו . לדבר מצוה שאני מצוה הבאה בעבירה היא מצוה דרבים שאני :

ח **ואמר** רבי יהושע בן לוי לעולם ישכים אדם לב"ה כדי שיזכה וימנה עם עשרה הראשונים שאפי'

האט ניט געוואלט צו רעכענען רב מנשיא צום מזומן . איז רמי בר חמא געשטארבן . האט רבא געזאגט דס ווס רמי בר חמא איז געשטראפט געווארין איז ווייל ער האט ניט געוואלט צו רעכענען רב מנשיא בר התחליפא צום מזומן . פרעגט די גמרא מיר האבין דאך געלערנט אנדערע זאגין . אפילו ער האט געלערנט תורה נביאים אונ כתובים אונ משניות . אויב ער האט ניט בדינט תלמידי חכמים [אויב ער האט ניט געלערנט קיין גמרא] איז ער אעם הארץ . האט דאך רמי בר חמא רעכט געהאט ווס ער האט ניט געוואלט צו רעכענען רב מנשיא צום מזומן . פאר וואס איז ער געשטראפט געווארין . ענטפערט די גמרא רב מנשיא איז אנדערש ער האט יא בדינט תלמידי חכמים . ער האט געלערנט גמרא נאר רמי בר חמא האט ניט נאך געפרעגט אויף רב מנשיא . ווס ער איז . ער האט געמיינט רב מנשיא איז אעם הארץ . דריבער איז רמי בר חמא געשטראפט געווארין . איין אנדער לשון זאגט [אנדערע זאגין] אזוי האט די גמרא געענטפערט ווייל רב מנשיא פלעגט הערין דינים פון די רבנן וויא זיי לערנען . אונ ער פלעגט זייא עטליכע מאהל חזרין אוים ווייניג ער זאל זייא געדיינקען . איז ער גלייך ווי אלע יונגע רבנן . רבי יהושע בן לוי האט געזאגט ניין יודין אונ אעבד כנעני רעכונט מען צעהן . מען זאל זאגין קדושה אונ קדיש אונ ברכו . זאגט די גמרא איך וועל דיך אקשיא פרעגין רבי אליעזר איז אמאהל גיקומען אין שוהל אונ ער האט ניט געטראפען קיין צעהן מענטשין . האט ער פריי געמאכט זיין עבד כנעני . אונ ער האט איהם צו גירעכונט עס זאל ווערין צעהן יודין . אז דער קנעכט איז פריי געווארין רעכונט מען איהם יא צו צעהן . אבער אז ער איז ניט פריי געווארין רעכונט מען איהם ניט צו צעהן . מען זאל מעגין זאגין קדיש אונ קדושה . ווי אזוי זאגט רבי יהושע בן לוי אפילו דער עבד כנעני איז ניט פריי . רעכונט מען איהם אויך צו צעהן . ענטפערט דיא גמרא צוויא מענטשין האבין געפעלט צום מנין איין קנעכט האט ער פריי געמאכט . אונ מיט איין קנעכט האט ער יוצא געוועו אזוי וויא ער איז . ניט בעפרייט . אזוי וויא רבי יהושע בן לוי זאגט . פרעגט דיא גמרא ווי אזוי האט רבי אליעזר אזוי געטאהן אונ האט פריי געמאכט זיין קנעכט . רב יהודה האט דאך געזאגט ווער עס מאכט פריי זיין עבד כנעני איז ער עובר אויף אמצות עשה . ווארום אין פסוק שטייט איר זאלט דינען אייביג מיט די כנענישע קנעכט . ענטפערט דיא גמרא אז מען דארף צוא אמצוה איז אנדערש . מעג מען דעם קנעכט פריי מאכען . פרעגט די גמרא דס איז דאך אמצוה וואס קומט דורך אעבירה . ווייל מען האט געטאהן אעבירה אונ מען האט פריי געמאכט דעם קנעכט . איז געווארין דיא מצוה מען זאל זאגין קדיש אונ קדושה . ענטפערט דיא גמרא אמצוה פון פיל מענטשין איז אנדערש . אפילו זיא קומט פון אעבירה איז זיא אויך אמצוה . אונ דא האבען דאך פיל מענטשין געטאהן אמצוה . זיי האבען געזאגט קדושה . ברכו . קדיש :

ח ואמר . נאך האט רבי יהושע בן לוי געזאגט אמענטש זאל אייביג גיין גאנץ פריא אין שוהל

שאפי' מאה באים אחריו קבל (עליו) שכר כולם שכר
כולם ע"ד אלא אימא נותנים לו שכר כנגד כולם :
(דף מח) **ח אמר** רב נחמן קטן היודע למי מברכין מזמנין
עליו אביי ורבא הוו יתבי קמיה דרבה
א"ל רבה למי מברכין אמרו ליה לרחמנא ורחמנא היכא
יתיב רבא אחוי לשמי טללא אביי נפק לברא אחוי
בלפי שמיא אמר להו רבה תרוייכו רבנן הויתו היינו
דאמרי אינשי בוצין בוצין מקטפיה ידיע :

סגולה. נ"א: מקיפה. מקק שלו מקפתחו : כולן. דלעת ואית דגרסי מקטפיה וקטף הוא שרף שרואין כלומר מטעם שהוא חונט ויוצא מפ"ק בשרף שלו ככר אם יהיה טוב : בוצין. ק"א קטנה : מקטפיה ידיע. כלומר כשהיא קטנה ניכרת אם תגדל לשבח : מק ניס. כמו קן לפור. עד כאן :

ינאי מלכא ממלכי בית החשמונאי היה והרג חכמי ישראל שבאו ונפסלו מן הכהונה במס' קדושין : סלסלה ותרוממך. סיפיה דקרא תכבדך כי תחבקנה : אמר לה. למלכתא חזי דלא מקבל

י ינאי מלכא ומלכתא כריכי ריפתא בהדי הדדי ומדקטל להו לרבנן לא הוה ליה איניש
לברוכי להו אמר לה לדביתהו מאן יהב לן גברא דמברך לן אמרה ליה דביתהו
אישתבע לי דאי מייתינא לך גברא דלא מצערת ליה אשתבע לה. אייתיתיה לרבי שמעון
בן שטח אחוה אותביה בין דידיה לדידה אמר ליה חזי כמה יקרא עבידנא לך אמר ליה
לאו את מוקרית לי אלא אורייתא היא דמוקרית לי דכתיב (משלי ד) סלסלה ותרוממך (ובין
נדיבים תושיבך) אמר לה קא חזית דלא מקבל

שוהל דאוונגען ער זאל זוכה זיין צו גיצײלט ווערין מיט די ערשטע צעהן . אפילו נאך די צעהן
קומען נאך הונדערט געמען די ערשטע צעהן דעם שכר פון די הונדערט : פרעגט דיא גמרא וויא
אזוי קען דס זיין אז די ערשטע צעהן נעמען צוא דעם שכר פון דיא איבעריגע מענטשין וואס
קומען נאך זיי . נאר אזוי זאג די ערשטע צעהן געמען אזוי פיל שכר וויא פיל עס נעמען דיא
אלע איבריגע וואס קומען אין שול נאך זיי :

ח אמר . רב נחמן הט גזאגט אקינד וואס וויים צו וועמען מען בענשט : אויב עס זענען
דא נאך צוויי גרויסע מענטשין צו איהם : בענטשט מען מיט מזומן . אביי אונ רבא זענען
גיזעסין פר רבה ווייל זענען גיוועזן קליינע קינדער) הט רבה צו זיי גזאגט צוא וועמען בענטשט
מען , האבין זייא גזאגט צו גאט בענטשט מען . הט רבה זיי גיפרעגט וואו זיצט גאט . רבא הט
געוויזין אויף דעם דאך זיצט גאט . אביי איז ארויס גיגאנגען אויף די גאס אונ הט געוויזין צום
הימעל . אויף דעם הימעל זיצט גאט . הט רבה צו זיי גזאגט איר וועט ביידע זיין רבנן . דאס
איז וואס מענטשין זאגין פלוצערין דער קענט מען פון זייער בליהונג . ווען זייא בליהען ווייס מען
שוין צו דיא פלוצערין וועלין גוט זיין . די קינדער אביי אונ רבא . הט מען באלד דער קענט אז זיי
וועלין זיין תלמידי חכמים :

י ינאי המלך אונ דיא מלכה האבין גיגעסין צו זאמען ברויט ואזוי אסעודה וואס מען
דארף דער נאך בענטשין . וויא ינאי המלך הט גיהרגת די אלע רבנן הט ער ניט גיהאט קיין
מענטש ווער עס זאל בענטשין פאר זיי . הט ינאי המלך גזאגט צוא זיין ווייב ווער וועט אונז
געבין אמענטש וואס ער זאל בענטשין פר אונז . הט דאס ווייב גזאגט צו ינאי המלך שווער מיר
אויב איך וועל דיר ברייגען אמענטש וואס ווייס צו בענטשין . וועסטו איהם ניט מצער זיין .
הט ינאי נישוואורין צו איר . הט זי גיבראכט איר ברודער רבי שמעון בן שטח . הט ינאי המלך
גיזעצט רבי שמעון בן שטח צווישען איהם אונ די מלכה . הט ינאי המלך גזאגט צו רבי שמעון
זעה וויא פיל כבוד איך האב דיר גיטאהן . הט רבי שמעון בן שטח גזאגט צו ינאי המלך ניט
דו האסט מיר גיגעבין דעם כבוד . נאר די תורה האט מיר גיגעבין דעם כבוד . אזוי וויא עס
שטייט אין פסוק אז דוא וועסט בשיינען דיא תורה . וועט דיא תורה דיך גרויס מאכען . דער
נאך שטייט ווייטער אין פסוק תכבדך כי תחבקנה אז דוא וועסט ארום נעמען דיא תורה . וועט
דיא תורה דיר געבין כבוד . הט ינאי המלך גזאגט צו זיין ווייב דוא זעהסט אז ער נעמט ניט
אויף זיך די ערשאפט פון מיין מלוכה . הט מען גיגעבין צוא רבי שמעון בן שטח אכוס ער זאל
ענטשין . הט רבי שמעון בן שטח גזאגט וויא אזוי זאל איך בענטשין . איך זאל זאגין . גילויבט

מקבל מרות יהבו ליה כסא לברוכי אמר היכי אבריך ברוך שאכל ינאי וחבריו משלו . שתייה להווא כסא יהבו ליה כסא אחריתי ובריך אמר רבי אבא בריה דרבי חייא בר אבא אמר רבי יוחנן שמעון בן שטח דעבד לגרמיה הוא דעבד דהכי אמר רבי חייא בר אבא אמר רבי יוחנן לעולם אינו מוציא את הרבים ידי חובתן עד שיאכל כזית דגן :

בזית שאין מכירין רבנן שום טובה שאדם עושה לנו : היכי אבריך . כלומר ולא נהניתי לומר שברך שאכל ינאי וחבריו משלו בהמיה : שמעון בן שטח דעבד . שברך להוציאם ידי חובתן בשביל כוס אחד בשתה : לגרמיה הוא דעבד . מן אדם מודה לו . (נ"ל לדעתו עשה) :

(מ"ב) **יא אמר** ר"נ משה תקן להם לישראל ברכת הזן בשעה שירד להם המן יהושע תקן להם ברכת הארץ כיון שנכנסו לארץ דוד ושלמה תקנו בונה ירושלים דוד תקן על ישראל עמך ועל ירושלים עירך ושלמה תקן על הבית הגדול והקדוש . הטוב והמטיב ביבנה תקנוה כנגד הרוגי ביתר דאמר רב מתנא אותו היום שניתנו הרוגי ביתר לקבורה תיקנו ביבנה הטוב והמטיב הטוב שלא הסריחו והמטיב שניתנו לקבורה :

יב ת"ר מנין לברכת המזון מן התורה שנאמר (דברים ח) ואכלת ושבעת וגו'. ולפניו מנין ת"ל

איז גאט וואס ינאי אונ זיינע חברים האבין גיגעסין פון זיינע . (וואס ער האט בשאפין פאר זיי) . ווי קען מען אזוי בענטשין . זיי האבין גיגעסין אונ איך וועל בענטשין . האט רבי שמעון בן שטח אויך גיטרונקען דעם כוס ; האט מען איהם גיגעבין נאך אכוס אונ ער האט גיבענשט ; והאט רבי אבא דער זוהן פון רבי חייא בר אבא גזאגט פון רבי יוחנם וועגין וואס רבי שמעון בן שטח האט גיטאהן . אז דורך איין כוס וואס ער האט גיטרונקען . האט ער גיבענשט פון זייערט וועגין . דאס האט ער אליין גיטאהן . אונ קיינער איז ניט מודה צו איהם ; ווארום רבי חייא בר אבא האט אזוי גזאגט פון רבי יוחנם וועגין אמענטש טאר אנדערש ניט בענטשין פאר פיל מענטשין . דיא זאלין יוצא זיין מיט זיין בענטשין וואס ער בענטשט פון זייערט וועגין סיידין ער זאל עסין אשטיקול ברויט פון קארין אדער פון ווייץ גרויס וויא אאייל בירט . וואס ער דארף בענטשין פאר זיך . קען ער אין זינען האבען צו בענטשין פון זייערט וועגין אויך . אבער אז ער האט ניט גיגעסין קיין ברויט וואס ער דארף ניט בענטשין פאר זיך . פון זייערט וועגין אליין טאר ער ניט בענטשין . אונ זייא זענען ניט יוצא מיט זיין בענטשין :

יא אמר . רב נחמן הט גזאגט ווען דער מן איז גיגאנגען פאר דיא יודין אין דער מדבר . הט משה רבינו גזאגט צו די יודין זייא זאלין לויבין גאט . אונ זאלין זאגין די ברכה הזן את העולם כולו אונ ווייטער ביז הזן את הכל . ווען דיא יודין זענען אריין גיגאנגען אין ארץ ישראל . הט יהושע גזאגט צו די יודין זיי זאלין לויבין צו גאט . אונ זאלין זאגין די ברכה נודה לך אונ ווייטער ביז על הארץ ועל המזון . דוד המלך אונ שלמה המלך האבין גיהייסין זאגין דיא ברכה בונה ירושלים . דוד הט גיהייסין מען זאל בעטין בייא גאט ער זאל רחמנות האבין אויף דיא יודין אונ אויף ירושלים . (דאס איז די ברכה רחם ה' אלהינו אונ ווייטער) . אונ שלמה הט גיהייסין מען זאל בעטין אויף דעם בית המקדש . מען זאל זאגין על הבית הגדול והקדוש ביז בונה ירושלים . דיא ברכה הטוב והמטיב האט מען גימאכט אין יבנה פאר דיא מענטשין וואס זענען גיהרגת גיווארין אין דיא שטאט ביתר ; ווארום רב מתנה האט גזאגט דעם טאג ווס מען הט בגראבין די מענטשין ווס זענען גיהרגת גיווארין אין די שטאט ביתר . הט מען אין יבנה גיהייסין זאגין דיא ברכה הטוב והמטיב . גאט איז אגוטער וואס ער הט גיענדערט די נאטור אז דיא מתים זאלין ניט פאר שטונקין ווערין . אונ ער האט גיטאהן גוטעס מיט די מתים ווס זיי זענען בגראבין גיווארין :

יב תנו רבנן . דיא רבנן האבען גילערונט וואו שטייט אין דיא תורה אז מען דארף בענטשין נאך דעם עסין . עס שטייט אין דיא תורה אז דוא וועסט עסין אונ זאט זיין זאלסטו בענטשין . פון וואנען ווייס מען אז מען דארף מאכין אברכה פר דעם עסין ; שטייט אין פסוק ווס

ת"ל אשר נתן לך משנתן לך] רבי נתן אומר אינו צריך הרי הוא אומר (ש"א ט) כבאכם העיר כן תמצאו אותו בטרם יעלה הבמתה כי לא יאכל העם עד בואו כי הוא יברך הזבח אחרי כן יאכלו הקרואים וכל כך למה לפי שהנשים דברניות הן ושמואל אמר כדי להסתכל ביפיו של שאול דכתיב (שם) משכמו ומעלה גבוה מכל העם. ורבי יוחנן אמר לפי שאין מלכות נוגעת בחברתה אפילו כמלא נימא. ואין לי אלא ברכת המזון ברכת התורה מנין אמר רבי ישמעאל קל וחומר על חיי שעה מברך על חיי עולם הבא לא כל שכן:

כי הוא יברך הזבח אחרי כן יאכלו הקרואים. למדם שטעון לברך לפני אכילה על הזבח שהוא אומר בא"י אקב"ו לאכול הזבח היכן לומו והבשר תאכל: וכ"כ למה. היו מאריכות בדבריהם: שאין מלכות נוגעת. לפי ששמואל היה מנהיג את ישראל ושאול היה נוטל את השררה מדבר שמואל אליו ומאריך דברים עכב לפי שעה:

יג ר"מ אומר מנין שכשם שמברך על הטובה כך מברך על הרעה ת"ל (דברים ח) אשר נתן [לך] ה' אלהיך דיינך בכל דין שדנך בין מדה טובה ובין מדת פורעניות:

(דף מט ע"ב) יד כיצד מזמנין בג' אומר נברך בג' והוא אומר ברכו וכו'. אמר שמואל לעולם

ער האט דיר געגעבין. וויא נאר גאט האט דיר געגעבין. אפילו דוא האסט נאך ניט געגעסין זאלסטו שוין מאכען א ברכה. רבי נתן זאגט מען דארף ניט אפ לערנען פון דעם פסוק. דער פסוק זאגט. די ווייבער האבין געזאגט צו שאול המלך אזוי וויא איר וועט נאר אריין קומען אין שטאט וועט איר איהם [שמואל הנביא] באלד טרעפין. איידער ער [שמואל הנביא] וועט אויף גיין אויף דיא במה [א במה איז דער ארט וואו מען איז מקריב דיא קרבנות]. ווארום דאס פאלק וועט ניט עסין ביז ער [שמואל הנביא] וועט קומען. כי הוא יברך הזבח. ווארום ער [שמואל הנביא] וועט מאכין דיא ברכה אויף דעם קרבן. דער נאך וועלין עסין דיא אלע גירופענע געסט. זעהן מיר אז פאר דעם עסין דארף מען מאכין א ברכה. פרעגט די גמרא וואס האבען דיא ווייבער אזוי פיל גירעט מיט שאול. ענטפערט דיא גמרא ווייל ווייבער ריידין פיל. אונ שמואל זאגט ווייל זיי האבין גיוואלט קוקין אויף דיא שיינקייט פון שאול. האבין זיי איהם אויף גיהאלטין מיט זייערע רייד. ווארום עס שטייט ביי שאול פון זיין אקסיל אונ העכער איז ער גיוועזן העכער פון דעם גאנצין פאלק. אונ רבי יוחנן זאגט ווייל איין מלוכה רירט ניט אן די אנדערע מלוכה. אפילו איין האר אויך ניט. אונ די מלוכה פון שמואל האט נאך גידארפט זיין עטליכע מינוט: האט גאט אנגיברייט די ווייבער. וויא זאלין איהם אביסעל אויף האלטין מיט זייערע רייד. ער זאל אביסיל שפעטער קומען צו שמואל איבער נעמען פון איהם דיא מלוכה. פון דאנען ווייסען מיר נאר אז אויף עסין דארף מען מאכין א ברכה. פאר דעם עסין אונ נאך דעם עסין. פון וואנען ווייסין מיר אז מען דארף מאכין א ברכת אויף דיא תורה. האט רבי ישמעאל גזאגט עס איז א קל וחומר. אויף עסין וואס דאס איז נאר דיא לעבונג פון די וועלט וואס דער מענטש לעבט נאר א קליינע ווייל אויף דיא וועלט. פון דעסטוועגין דארף מען מאכין א ברכה אויף דעם עסין: אויף די תורה וואס דאס איז דיא לעבונג פון יענע וועלט. וואס דער מענטש לעבט אויף יענע וועלט אייביג. איז דען ניט געווים אז דער מענטש דארף מאכין א ברכה אויף די תורה:

יג רבי מאיר זאגט פון וואנען ווייסין מיר אזוי וויא א מענטש דארף לויבין גאט אז ער פאר נעמט דאס גוטע פון גאט. אזוי דארף ער לויבין גאט אז ער פאר נעמט דאס שלעכטע שטייט אין פסוק וואס דיר האט דיין גאט גיגעבין. דיין דין [ואלהים איז טייטש א דיין] מיט וועלכין דין ער האט דיך געמשפט סיי א גוטען משפט אונ סיי א שלעכטין משפט זאלסטו איהם אלץ לויבין:

יד כיצד. וויא בענטשט מען מיט מזומן אז דריי מענטשין בענטשין צו זאמען זאל איינער פון זייא זאגין נברך שאכלנו משלו. אויב עס איז דא דריי מענטשין אויסער דעם

לעולם אל יוציא אדם את עצמו מן הכלל:

(דף נ) **מברכותיו** של אדם ניכר אם תלמיד חכם הוא אם לאו כיצד רבי אומר ובטובו הרי זה תלמיד חכם ומטובו הרי זה בור. אמר ליה אביי לרב דימי והא כתיב (ש"ב ז) ומברכתך יבורך (את) בית עבדך לעולם בשאלה שאני בשאלה נמי הכתיב (תהלים פ) הרחב פיך ואמלאהו ההוא בדברי תורה כתיב:

אל יוציא עצמו. אע"פ שכבר הוא רשאי לומר נבי' ברכו שלו שאמר נברך ואל יוציא עצמו מכלל המברכים:
ומטובו חיי זה בור. נראה כממעט בהגמוליו של מקום דמשמע דבר מועט כדי חיים:
בשאלה שאני. שכשהוא שואל צרכיו על הפתח אינו מרים רגש לשאול שאלה גדולה: **הרחב פיך.** לשאול כל תאותך:
אין מעבירין כוס מלא על הפת. שלא ישפוך על הפת והוה כפת בזויה: **פתק.** זרק:

דיפתא

(ע"ב) **טו תנו** רבנן ארבעה דברים נאמרו בפת אין מניחין בשר חי על הפת ואין מעבירין כוס מלא על הפת ואין זורקין את הפת ואין סומכין את הקערה בפת אמימר ומר זוטרא ורב אשי כריכו ריפתא בהדי הדדי אייתו לקמייהו תמרי ורמוני שקל מר זוטרא פתק לקמיה דרב אשי דסתנא אמר ליה לא סבר ליה מר להא דתניא אין זורקין את האוכלים ההוא בפת תניא. והתניא כשם שאין מזרקין את הפת.

גך

וואס בענטשט. זאל ער זאגן ברכו שאכלהם משלו. הט שמואל גזאגט אמענטש זאל זיך קיין מאהל ניט ארויס נעמען פון אלע יודין: אונ אז ער זאגט ברכו איר זאלט לויבן גאט. וועהט אויס אבער ער ניט: דריבער זאל ער אזוי ניט זאגן: נאר ער זאל אייביג זאגן נברך מיר וועלין לויבן גאט. זאגט דיא גמרא פון דיא ברכות פון מענטשין הער קענט מען אויב ער איז אלמדן אדער גיין. וויא אזוי. רבי זאגט אז ער זאגט ובטובו חיינו איז ער אלמדן. אז ער זאגט ומטובו חיינו איז ער אפראסטער מענטש אליירינגער אן תורה ווארום ובטובו חיינו איז טייטש מיט דיא גוטץ פון גאט לעבין מיר. ער לויבט צו גאט ווייל ער הט איהם גיגעבין דאס גאנצע גוטץ וויא פיל ער דארף האבין צו זיין לעבין. אבער אז ער זאגט מטובו חיינו. איז טייטש פון זיין גוטץ לעבין מיר. ער לויבט צו גאט ער האט איהם גיגעבין אביסעל פון זיין גוטץ ער זאל נאר האבין קוים צום לעבין: הט אביי גזאגט צו רב דימי עס שטייט דאך אין פסוק דוד המלך הט גיבעטין פר גאט אונ הט גזאגט. פון דיין ברכה זאל גיבענטשט ווערין דיא הויז פון דיין קנעכט אויף אייביג. הט ער דאך אויך גזאגט דעם ווארט פון דיין ברכה. ענטפערט די גמרא בעטין איז אנדערש. ווען מען בעט פערלאנגט מען נאר אביסעל. פרעגט די גמרא בעטין דארף מען אויך פיל ווארום עס שטייט אין פסוק דער ברייטער דיין מויל צו בעטין פיל אונ איך וועל דער פילען דיין גיבעט. איך וועל דיר געבין וויא פיל דוא וועסט פערלאנגען. ענטפערט די גמרא דער פסוק שמועסט פון דיא תורה: דוא זאלסט דער ברייטערין דיין מויל צוא פערלאנגען פון גאט פיל חכמה אונ שכל צו פאר שטיין דיא תורה:

טו תנו רבנן. די רבנן האבין גילערנט פיר זאכין זענען גזאגט גיווארין בייא ברויט מען טאר ניט לייגין רויע פלייש אויף ברויט. ווייל דיא ברויט ווערט מיאוס. מען טאר ניט טראגין אפולען כוס משקה אדער וואסער איבער ברויט. טאמער וועט פאר גאסין ווערין אויף דעם ברויט. וועט דיא ברויט מיאוס ווערין. מען טאר ניט ווארפין ברויט. מען טאר ניט אן לעהנען אשיסעל אויף ברויט. אשיסעל פול מיט שפעדע עסין אונ זיא איז איינגיבויגין אויף איין זייט. טאר מען ניט לייגין אשטיקעל ברויט אונטער דיא שיסעל אוים צוא גלייכין זיא. אמימר אונ מר זוטרא אונ רב אשי האבין גיגעסין ברויט צו זאמען האט מען גיבראכט פאר זייא טייטלען אונ מילגרוימען הט מר זוטרא גינומען אשטיקעל פלייש גיקאכטע אונ הט גיווארפין פאר רב אשי. האט רב אשי גזאגט צוא מר זוטרא האלט דען ניט דער רבי וואס מיר האבין גילערנט מען טאר ניט ווארפין קיין עסיגוואריג. האט מר זוטרא גיענטפערט. דאס האבין מיר נאר גילערנט ביי ברויט. ברויט טאר מען ניט ווארפין: האט רב אשי גיפרעגט. מיר

כך אין מזרקין את האוכלים א"ל והתניא אע"פ שאין מזרקין את הפת מזרקין את האוכלים לא קשיא הא במידי דממאים הא במידי דלא ממאים. ת"ר ממשיכין יין בצנורות לפני חתן וכלה וזורקין לפניהם קליות ואגוזים בימות החמה אבל לא בימות הגשמים אבל לא גלוסקאות לא בימות החמה ולא בימות הגשמים:

(דף כ"ח) **טז** **ת"ר** איספרגוס יפה ללב וטוב לעינים וכל שכן לבני מעים והרגיל בו יפה לכל גופו והמשתכר הימנו קשה לכל גופו:

יז **אמר** רבי יוחנן כל המברך על כוס מלא נותנין לו נחלה בלא מצרים שנאמר (דברים לג) ומלא ברכת ה' ים ודרום ירשה רבי יוסי בר חנינא אומר זוכה ונוחל שני עולמים העוה"ז והעוה"ב:

(ע"ב) **יח** **תניא** רבי נתן אומר מנין שאין פרי בטנה של אשה מתברך אלא מפרי בטנו של איש שנאמר (דברים ז) וברך פרי בטנך פרי בטנה לא נאמר אלא פרי

דיסתנא. מנה של בשר מבושל: מידי דממאים. שמתמטך בזריקתו כגון תאנים שבשלו כל צרכן: דלא ממאים. רמון ואגוז וכל דבר קשה: ממשיכין יין בצנורות. משום סימן טוב ואין כאן משום בזיון והפסד לפי שמקבלין בכלים פי הצנור בכלי: בימות החמה. שאין טיט בדרכים. אבל לא גלוסקאות. שהרי אף בימות החמה הן נמאסין בזריקתן:

איספרגוס. כוס שהיו שותין בכל בקר אליבא ריקנא לרפואה:

האבין דאך גילערונט אזוי וויא מען טאר ניט ווארפין ברויט אזוי טאר מען ניט ווארפין אנדערע עסין ווארג. האט מר זוטרא גזאגט צו רב אשי: מיר האבין דאך גילערונט אפילו מען טאר ניט ווארפין ברויט אבער אנדערע עסין מעג מען ווארפין. ענטפערט דיא גמרא עס איז ניט קיין קשיא אזוי אעסין וואס ווערט מיאוס טאר מען ניט ווארפין: אונ אזוי אעסין וואס ווערט ניט מיאוס מעג מען ווארפין. האסטו דאך ניט גיטארט ווארפין די שטיקול פלייש:

תנו רבנן. דיא רבנן האבין גילערונט מען מעג ציהען ווין מיט אליוער פון אפאס פר אחתן אונ אכלה. פאר צייטין פלעגט מען אזוי טאהן. דאס זאל זיין אגוטער סימן פון זייערט וועגין. זומער מעג מען ווארפין פאר זייא ניס אונ געטרי קונטע זאנגען: אבער ווינטער טאר מען ניט, ווייל זייא ווערין פאר מיאוסט אין דיא בלאטע. אבער קיכלאך טאר מען ניט ווארפין ניט זומער אונ ניט ווינטער:

יז תנו רבנן: דיא רבנן האבען גילערונט איספרגוס (איז אזוי אגיטראנק גיוועזן אין דיא צייט פון די גמרא) דאס איז גוט צום הארץ אונ עס איז גוט צו די אויגין. אונ צו די גידערים צום בויך) איז דאס געווים גוט. אונ דער וואס איז גיוואוהנט דאס צו טרינקען. איז גוט צום גאנצין גוף. אונ דער וואס האט גיטרונקען דעם איספרגוס צו פיל ביז ער איז גיווארין שכור פון איהם. איז שלעכט צוא זיין גאנצין גוף:

יח אמר. רבי יוחנן הט גזאגט דער וואס בענטשט אויף אפולען כוס גיט מען איהם (פון הימעל) אזוי פיל גוטץ גאר אן אגרענעץ. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אז ער וועט בענטשין צו גאט אויף אפולען כוס וועט ער האבען בירושה (דאס הייסט אויף אייביג). דעם ים אונ דרום זייט פון דיא וועלט. ים מיינט מען עולם הזה. וויא דער בחינת עולם זאגט העולם ים זוויף. די וועלט איז וויא אשטורעמדיגער ים. אונ דרום מיינט מען עולם הבא. ווי דיא גמרא זאגט הרוצה להחכים ידרים. ווער עס וויל קלוג זיין אין דיא תורה זאל ער זיך קערין צוא דרום זייט (עיין רש"י בבא בתרא) אונ דורך תורה האט מען עולם הבא. דאס מיינט מען ער וועט האבען אנחלה אן אגרענעץ. ער וועט האבען עולם הזה אונ עולם הבא:

יט תניא. מיר האבען גילערונט רבי נתן זאגט פון וואנען ווייסין מיר אז די קינדער וואס זייא וועלן דיא פרוכט פון דעם בויך פון דיא אשה ווערין גאר גיבענשט דורך דעם זכות פון איר מאן. אונ דריבער ווערין די קינדער גירופען די פרוכט פון דעם בויך פון מאן. ווארום עס שטייט אין פסוק גאט וועט בענטשין די פרוכט (די קינדער) פון דיין בויך. דיא

פרי בטנך . עולא איקלע לבי רב נחמן כריך ריפתא
ובריך ברכת מזונא יהיב ליה כסא דברכתא אמר ליה
ר"נ לשדר לן מר כסא דברכתא לילתא א"ל הכי אמר
רבי יוחנן אין פרי בטנה של אשה וכו' ולא שדר לילתא
דביתהו דר"נ מטעם ברייתא זאת ארהכי שמעת ילתא
קמה בזיהרא ועלתה לבי חמרא ותברה ד' מאה דני
דחמרא א"ל ר"נ נשדר לה מר כסא אחרינא שלח לה
כל כי האי נבגא דברכתא היא שלחה ליה ממהדורי
מילי ומסמרטוטי כלמי :

מטעם ילתא. שלא ישגר לה כוס של ברכה :
קמה בזיהרא. עמדה בכעס : כל כי האי
נבגא דברכתא היא. כל יין שבחבית ככוס ברכה
היא שזה מזה : נבגא. כוס : ממהדורי מילי.
ממהזירין בעיירות ירבה תמיד דברים :
מסמרטוטי. משחקי בגדים בלויים וממורטים
ירבו כינים : כנים. מתרגמינן כלמתא (כוונתה
לרמוז במשל זה כי כל דבריו לא יועילו ולא יצילו
דמילי ממהדורי הם דומין לכלמי מסמרטוטי
ע"כ) :
סוריאל. מלאך חשוב לבא לפני המלך : אל תטול
חלוקך וכו'. אלא אתה בעצמך טלהו

(דף נ) **ים היה** רבי מאיר אומר מנין שאפילו עוברין שבמעי אמן אמרו שירה על הים
(תהלים סח) במקהלות ברכו אלהים ה' ממקור ישראל (תניא) א"ר ישמעאל
בן אלישע ג' דברים סח לי סוריאל שר הפנים אל תטול חלוקך שחרית מיד השמש ותלבש
ואל תטול ידך ממי שלא נטל ידיו . ואל תחזיר כוס אספרגוס אלא למי שנתנו לך מפני
שהכספית

קִינְדֶער זֶענֶען דָאךְ דִיא פְרוּכְט פוּן דֶעם בּויךְ פוּן דִיא אִשָׁה. הָאט דָאךְ גִידַארְפְט שְׁטֵיין אִין פָּסוּק. גָאט וֶועט בֶּענְטְשִׁין דִי פְרוּכְט פוּן אִיר בּויךְ. אוּנ עֶס שְׁטֵייט נִיט אִין פָּסוּק גָאט וֶועט בֶּענְטְשִׁין דִי פְרוּכְט פוּן אִיר בּויךְ. נָאר עֶס שְׁטֵייט דִיא פְרוּכְט פוּן דַיין בּויךְ וֶועט גָאט בֶּענְטְשִׁין. זֶעהְן מִיר אַז דִיא פְרוּכְט (דִיא קִינְדֶער) פוּן דִיא אִשָׁה וֶוערִין נָאר גִיבֶּענְטְשְׁט דוּרְךְ דֶעם מַאן. עוּלָא אִיז אַמָאהל גִיקוּמֶען צוּ רַב נַחְמָן אוּנ עֶר הָאט גִיגֶעסִין בְּרוֹיט (אַסְעוּדָה) בַּיי רַב נַחְמָן. אוּנ עוּלָא הָאט גִיבֶּענְטְשְׁט אוֹיף אַכּוֹס וַויין. הָאט עוּלָא גִיגֶעבִּין דֶעם כּוֹס פוּן בֶּענְטְשִׁין צוּ רַב נַחְמָן עֶר זָאל טְרִינְקֶען פוּן אִיהם. הָאט רַב נַחְמָן גְזָאגְט צוּ עוּלָא זָאל דֶער רֶבִּי שִׁיקֶען דֶעם כּוֹס פוּן בֶּענְטְשִׁין צוּ מַיין וַוייבּ יַלְתָּא. הָט עוּלָא גְזָאגְט צוּא רַב נַחְמָן. אַזוֹי הָאט רַבִּי יוֹחָנָן גְזָאגְט דִיא קִינְדֶער פוּן דִיא אִשָׁה וֶוערְט נָאר גִיבֶּענְטְשְׁט דוּרְךְ אִיר מַאן (אַזוֹי וִויא פְרִיעֶר שְׁטֵייט) דְרִיבֶּער אַז דוּא טְרִינְקְסְט פוּן דֶעם כּוֹס פוּן בֶּענְטְשִׁין דַארְף שׁוֹין דַיין וַוייבּ נִיט טְרִינְקֶען פוּן אִיהם. הָאט עוּלָא נִיט גֶעשִׁיקְט דֶעם כּוֹס פוּן בֶּענְטְשִׁין צוּ יַלְתָּא דִיא וַוייבּ פוּן רַב נַחְמָן דוּרְךְ דִיא בְּרַיְיתָא פוּן רַבִּי נָתָן. דֶער וַוייל הָט יַלְתָּא גִיהֶערְט אַז מֶען וֶועט אִיר נִיט שִׁיקֶען דֶעם כּוֹס פוּן בֶּענְטְשִׁין אִיז זִיא אוֹיף גִישְׁטַאנֶען מִיט כַּעַס אוּנ אִיז אַרַיין גִיגַאנְגֶען אִין שְׁפַּייכְלֶער צוּ דִיא וַויין אוּנ הָאט צוּ בְּרָאכֶען פִיר הוּנְדֶערְט פֶעסֶער וַויין. הָאט רַב נַחְמָן גְזָאגְט צוּא עוּלָא זָאל דֶער רֶבִּי צוּ אִיר שִׁיקֶען אַיין אַנְדֶער כּוֹס. הָט עוּלָא גֶעשִׁיקְט זָאגִין צוּ יַלְתָּא דִיא גַאנְצֶע פַאס וַויין אִיז אַזוֹי וִויא דֶער כּוֹס פוּן בֶּענְטְשִׁין. וַוייל פוּן דִי פַאס הָאט מֶען אָן גִיצַאפְּט דֶעם כּוֹס פוּן בֶּענְטְשִׁין. דְרִיבֶּער טְרִינְק פוּן דֶעם כּוֹס וָואס אִיךְ שִׁיק דִיר אִיצְט. הָט יַלְתָּא גֶעשִׁיקְט זָאגִין צוּ עוּלָא דִיא מֶענְטְשִׁין וָואס גֵייעֶן אַרוּם אִין פִיל שְׁטֶעט. רֵיידֶען פִיל. וַוייל זַייא הָאבֶּען צוּא דֶער צֵיילֶען פִיל נַייס. אוּנ פוּן אַלְטֶע קְלֵיידֶער צוּרִיסֶענֶע אִיז דָא פִיל לַייז (דִיא רֵייד פוּן דִיא מֶענְטְשִׁין וָואס גֵייעֶן אַרוּם אִין פִיל שְׁטֶעט; זֶענֶען בַּיי מִיר אַזוֹי פִיל וֶוערְט. וִוי דִי לַייז וָואס גֵייעֶן אַרוּם פוּן דִי אַלְטֶע קְלֵיידֶר) :

ב הָיָה. רַבִּי מֵאִיר פְרֶעגְט זָאגִין פוּן וַואנֶען ווייסֶען מִיר אַז אֲפִילוּ דִי קִינְדֶער וָואס זֶענֶען גִיוֶוען בַּיי זֵייעֶר מוּטֶער אִין בּויךְ הָאבֶּען אוֹיךְ גְזָאגְט שִׁירָה בַּיי דֶעם יָם. וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק מִיט פַאר זַאמְלוּנְג הָאבֶּען דִיא יוּדֶען גִילוֹיבְּט גָאט. אוּנ דִיא קִינְדֶער וָואס זֶענְעֶן נָאךְ גִיוֶוען אִין קְוַואל (בַּיי זֵייעֶר מוּטֶער אִין בּויךְ) הָאבְּען זַייא אוֹיךְ גִילוֹיבְּט גָאט. רַבִּי יִשְׁמָעֵאל בֶּן אֱלִישָׁע הָאט גְזָאגְט דֶער מַלְאָךְ סוּרִיאֵל וָואס עֶר אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס בַּיי גָאט; הָט עֶר מִיר דֶער צֵיילְט דְרַיי זַאכֶען. אִין דֶער פְרִיא וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ שְׁטֵייט אוֹיף זָאל עֶר נִיט נֶעמֶען דִיא הֶעמְד פוּן זַיין בַּדִינְטֶען עֶר זָאל זִיא אָנְטָאהן אוֹיף זִיךְ. נָאר עֶר זָאל אַלֵיין נֶעמֶען דִי הֶעמְד

שהכספית ואמרי לה איסתלגנית של מלאכי חבלה יושבין ומצפין לו לאדם ואומרים אימתי יבא אדם לידי אחד מהדברים הללו וילכד. אמר רבי יהושע בן לוי ג׳ דברים סח לי מלאך המות אל תטול חלוקך שחרית מיד השמש ותלבש ואל תטול ידך ממי שלא נטל ידיו ואל תעמוד לפני הנשים בשעה שחוזרות מן המת מפני שאני מרקד ובא לפניהם וחרבי בידי ויש לי רשות לחבל. ואי פגע מאי תקנתיה לינשוף מדוכתיה ארבע אמות. אי איכא נהרא ליעבריה ואי איכא דרכא אחרינא ליזיל בה ואי איכא גודא ליקום אחורה ואי לא ליהדר אפיה ולימא (זכריה ג) ויאמר ה׳ אל השטן יגער ה׳ בך השטן וגו׳ עד דהלפי מיניה. כתוב למעלה בפרק כיצד מברכין ענין שדים וז״ל. אמר רב זוטרא בר טוביה אמר רב אבוקה כב׳ וירח כג׳. איבעיא להו אבוקה כב׳ בהדי דידיה או דלמא אבוקה לבר מדידיה. ת״ש וירח כג׳ אי אמרת בשלמא בהדי דידיה שפיר אלא

ממקום שהוא שם ופלגשנו: הכספית · שם תבורת שדים: איסתלגנית. שם חבורת מלאכי חבלה: אימתי יבא אדם לידי אחד מן הדברים הללו וילכד. ורבי ישמעאל עלה לרקיע ע״י שם בברייתא דמעשה מרכבה: גודא. כותל: אבוקה. כשני בני אדם לענין סוגא בלילה דאמר מר אל יצא אדם יחידי בלילה: וירח כג׳: ויש חילוק בין כ׳ לג׳ כדלקמי:

פון דעם ארט וואו זיא ליגט דארטין אונ זאל זיא אנטאהן. אונ דוא זאלסט ניט וואשען דיינע הענט פון אזעלכין וואס ער הט זיך ניט גיוואשען: אז איינער האט דיר גיגעבין אכוס מיט אכפרגוס (דאס איז אזוי אמשקה) אונ האסט גיטרונקען פון איהם (אין גאנצען צוא נישט אין גאנצען) זאלסטו נישט אוועק געבין דעם כוס צו קיינעם נאר צו דעם וואס ער האט דיר איהם גיגעבין. ווייל דיא קאמפאניע שדים וואס הייסען תכספית אונ אנדערע זאגין אקאמפאניע מלאכי חבלה זיצען אונ ווארטען אויף דעם מענטשין אונ זאגין ווען וועט שוין קומען דער מענטש וואס זאל טאהן איינע פון דיא דרייא זאכען אונ ער זאל בצוואונגען ווערין אין אונזערע הענט. דריבער זאלסטו מורא האבען צו טאהן דיא דריי זאכען. זייא זאגען דיר ניט טאהן קיין שאדין. רבי יהושע בן לוי האט גזאגט דריי זאכען האט מיר גזאגט דער מלאך המות. אין דער פריא ווען דער מענטש שטייט אויף זאל ער ניט נעמען דיא העמד פון זיין בדינסטען ער זאל זיא אן טאהן אויף זיך. נאר ער זאל אליין נעמען דיא העמד פון דעם ארט וואס זיא ליגט דארטען אונ זאל זיא אנטאהן. אונ דוא זאלסט ניט וואשען דיינע הענט פון אזעלכין וואס ער האט זיך נאך ניט גיוואשען. דוא זאלסט ניט שטיין פאר דיא ווייבער ווען זייא גייען צוריק פון אמת אדער פון אלויה: ווייל איך גיי פאר אויס פאר זייא אונ איך האלט מיין שווערד אין האנט אונ איך מעג הרגנן וועמען איך וויל. אויב ער האט בגעגינט ווייבער וואס גייען צוריק פון אמת וואס זאל ער טאהן. זאל ער אפ שפרינגען פון דעם ארט פיר איילין: אויב אויף דעם ארט איז דא א טייך זאל ער אריבער גיין דעם טייך. אויב עס איז דא איין אנדער וועג זאל ער גיין אין דיא אנדערע וועג. אויב אויף דעם ארט איז דא א וואנט זאל ער שטיין אינטער דיא וואנט ביז דיא ווייבער וועלין אוועק גיין: דער נאך וועט ער גיין זיין וועג. אויב דיא אלע זאכען זענען ניטא אויף דעם ארט זאל ער אומקערין דעם פנים צו איין אנדער זייט אונ זאל זאגין דעם פסוק ויאמר ה׳ אל השטן יגער ה׳ בך השטן ביז די ווייבער וועלין אוועק גיין פון אים:

רב זוטרא בר טוביה האט גזאגט פון רבס וועגין) אליכט וואס לייכט שטארק איז גלייך וויא צווייא מענטשין. אונ ווען דיא לבנה לייכט איז גלייך וויא דריי מענטשין. האט מען גיפרעגט וויא מיינט רב. אליכט איז וויא צווייא מענטשין מיט איהם. דיא ליכט ווערט גירעכונט וויא איין מענטש. אונ דער מענטש וואס האלט דיא ליכט. צו נאמען זענען זייא צווייא מענטשין. אדער טאמער ווערט דיא ליכט אליין אן דעם מענטשין גירעכונט וויא צוויי. אונ מיט דעם מענטשין הייסען זייא דריי. ענטפערט דיא גמרא רב הט גזאגט דיא לבנה איז ווי דריי מענטשין. אויב דוא וועסט זאגין דיא לבנה מיט דעם מענטש צו זאמען זענען דריי. אונ דיא

אלא אי אמרת לבר מדידיה ד' למה לי והאמר מר לאחד נראה ומזיק לב' נראה ואין מזיק לג' אין נראה כל עיקר אלא לאו שמע מינה אבוקה כב' בהדי דידיה שמע מינה :

ב אמר רב אסי אין מסיחין על כוס של ברכה. ואמר רב אסי אין מברכין על כוס של פורענות . מאי כוס של פורענות . אמר רב נב"י כוס שני . תני תנא (תניא נמי הכי) השותה כפלים לא יברך משום שנאמר (עמוס ד) הכון לקראת אלהיך ישראל והאי לא מתוקן :

לאחד נראה . השד ומזיקו : אין מסיחין . משאחזו עד שיברך : כוס שני . שהוא של זוגות והעומד על שולחנו ושותה זוגות ניזוק מן השדים : כפלים . זוגות : הכון לקראת . בדברים נאים ולא בדברי פורענות : דברא משמע . לשעבר ויפה לאומרו שעל בריית האש נברא במוצאי שבת כדאמרינן בפסחים : ברא . דבר שהוא בורא תמיד וכאן לא שייכא הכא מאותו לפי שבמוצאי שבת נברא כדאמרינן בפסחים : בורא . דבר שהוא בורא תמיד וכאן לא שייכא הכא

אלו דברים פרק שמיני

(דף נב ע"ב) [משנה] **א בית** שמאי אומרים שברא מאור האש ובית הלל אומרים בורא מאורי האש : גמ'] אמר רבא בברא כולי עלמא לא פליגי דברא

לְבָנָה אַלֵיין אִיז נָאר וִויא צְווֵיי אִיז רֶעכְט . נָאר אוֹיבּ דוּא וֶועסְט זָאגֶן דִיא לְבָנָה אִיז וִויא חַדֵי אוֹיסֶער דֶעם מֶענְטְשׁ . אוּנ מִיט דֶעם מֶענְטְשׁ אִיז פִיר . צוּא וָואס דַארְף מֶען פִיר מֶענְטְשֶׁן . דֶער תַּנָא הָאט דָאךְ גְזָאגְט אַז אֵיין מֶענְטְשׁ גֵייט אַלֵיין בַּיי נַאכְט וֶוערְט גְיזֶעהֶן דֶער שֵׁד אוּנ שֵׁד מַאכְט שָׁאדִין דֶעם מֶענְטְשׁ ; אוֹיבּ צְווֵיי מֶענְטְשֶׁין גֵייֶען בַּיי נַאכְט וֶוערְט דֶער שֵׁד גִיזֶעהֶן אוּנ עֶר טוּהט נִיט קֵיין שָׁאדִין . אוֹיבּ דְרַיי מֶענְטְשֶׁין גֵייֶען בַּייא נַאכְט וֶוערְט קֵיין שֵׁד נִיט גִיזֶעהֶן . אִיז דָאךְ גִינוּג דְרַיי מֶענְטְשֶׁין ; אַז רַב זָאגְט דִי לְבָנָה אִיז וִויא דְרַיי . מֵיינְט עֶר גֶעוִויס דִיא לְבָנָה אַלֵיין אִיז וִויא צְווֵיי . אוּנ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז דֶער דְרִיטֶער . וֵוייסֶען מִיר פוּן דִי רֵייד אַז רַב זָאגְט אַלִיכְט אִיז וִויא צְווֵיי . מֵיינְט עֶר מִיט דֶעם מֶענְטְשׁ אִיז צְווֵיי . דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אֵיינֶער . אוּנ דִי לִיכְט דֶער אַנְדֶערֶער . וֵוייסֶען מִיר שׁוֹין וָוָאס רַב מֵיינְט :

ב אָמַר . הָאט רַב אַסִי גְזָאגְט אַז מֶען נֶעמְט אִין הַאנְט דֶעם כּוֹס פוּן בֶּענְטְשֶׁין טָאר מֶען שׁוֹין נִיט אוּיס רֵיידֶען בִּיז נָאךְ דֶעם בֶּענְטְשֶׁין . נָאךְ אַדִין הָט רַב אַסִי גְזָאגְט מֶען טָאר נִיט בֶּענְטְשֶׁין אוֹיף אַכּוֹס פוּן פוּרְעָנוּת ; פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא וָואס מֵיינְט מֶען אַכּוֹס פוּן פוּרְעָנוּת . הָאט רַב נַחְמָן בַּר יִצְחָק גְזָאגְט אוֹיבּ עֶר הָאט גִיטְרוּנְקֶן אֵיין כּוֹס אוּנ צוּם בֶּענְטְשֶׁין נֶעמְט עֶר דֶעם אַנְדֶערִין כּוֹס . טָאר מֶען נִיט . וָוארוּם דֶער כּוֹס וֶועט זַיין זוּגוֹת . אַפָּאר . מִיט דֶעם פְרֵייעֶרְדִיגֶען כּוֹס . אוּנ אַז מֶען טְרִינְקְט זוּגוֹת . צְווֵיי גְלֶעזֶער וַויין אָדֶער אַנְדֶערֶע מַשְׁקֶה . קֶענֶען דִיא שֵׁדִים שָׁאדִין טָאהן דֶעם מֶענְטְשֶׁין . אִיז דָאךְ דֶער כּוֹס פוּן פוּרְעָנוּת . טָאר מֶען נִיט בֶּענְטְשֶׁין אוֹיף אִיהם . דֶער תַּנָא הָאט גִילֶערוּנְט אַז עֶר הָאט גִיטְרוּנְקֶען טָאפִּיל . צְווֵיי גְלֶעזֶער מַשְׁקֶה . זָאל עֶר נִיט בֶּענְטְשֶׁין . וַוייל עֶס שְׁטֵייט אִין פְּסוּק דוּ זָאלְסְט דִיךְ פָאר בְּרֵייטֶן פַר גָאט מִיט שֵׁיינֶע רֵייד ; אוּנ עֶר אִיז נִיט אָן גִיבְּרֵייט מִיט שֵׁיינֶע רֵייד נָאר מִיט פוּרְעָנוּת . דְרִיבֶּער זָאל אַמֶענְטְשׁ נִיט אוֹיף הֶערִין צוּא טְרִינְקֶען בַּייא זוּגוֹת . וֶועט אִיהם נִיט טְרֶעפִין קֵיין שֶׁלֶעכְץ :

פרק שמיני

א משנה . בֵּית שַׁמַאי . זָאגִין וֶוען מֶען מַאכְט הַבְדָלָה מוֹצָאֵי שַׁבָּת זָאל מֶען זָאגִין שֶׁבָּרָא מְאוֹר הָאֵשׁ ; נָאט הָאט בַּשַׁאפֶען דָאס בֶּעלַייכְטוּנְג פוּן פַייעֶר . אוּנ בֵּית הִלֵל זָאגִין מֶען זָאל זָאגֶן נָאט הָט בַּשַׁאפֶען דִיא בֶּעלַייכְטוּנְגֶן פוּן פַייעֶר :

גמרא . הָאט רָבָא גְזָאגְט אִין דֶעם וָוארְט בָּרָא קְרִיגְט קֵיינֶער נִישְׁט . בָּרָא אִיז גֶעוִויס דֶער פֵּייטְשׁ עֶר הָאט בֶּעשַׁאפֶען ; אִיז בָּרָא גֶעוִויס גוּט צוּ זָאגִין . וַוייל דִי בְּרָכָה לוֹיבְּט מֶען צוּ גָאט

דברא משמע כי פליגי בבורא בית שמאי אומרים בורא דעתיד למיברא ובית הלל סברי בורא נמי דברא משמע . מתיב רב יוסף (ישעיה מה) יוצר אור ובורא חשך (עמוס ד) יוצר הרים ובורא רוח (ישעיה מב) בורא השמים ונוטיהם . אלא אמר רב יוסף בברא ובורא כ"ע לא פליגי דברא משמע כי פליגי במאור ומאורי בית שמאי סברי חד נהורא איכא בנורא ובית הלל סברי טובא נהורי איכא בנורא . תניא נמי הכי אמרי ליה בית הלל לבית שמאי הרבה מאורות יש באור :

(דף נג) **ב תנו** רבנן היו יושבין בבית המדרש והביאו אור לפניהם בית שמאי אומרים כל אחד מברך לעצמו ובית הלל אומרים אחד מברך לכולם משום שנאמר (משלי יד) ברב עם הדרת מלך בשלמא בית הלל מפרשי טעמא אלא בית שמאי מאי טעמא סברי מפני ביטול בית המדרש תניא נמי הכי של בית רבן גמליאל לא היו אומרים מרפא

שהרי כבר נברא : והרבה מאורות . שלהבת אדומה לבנה וירקרקת : מפני בטול ב"ה בזמן שאחד מברך לכלם הם צריכין לשתוק מגרסתם כדי שיהכונו וישמעו אליו ויענו אמן : מרפא . לאדם כשהעטש ארגילו לומר אסותא :

וָואס עֶר הָאט בַּשַׁאפֶען דִיא לִיכְטִיגְקֵייט פוּן פַייעֶר אִין דִיא עֶרְשְׁטֶע וָועכֶס טָאג וָואס עֶר הָאט בַּשַׁאפֶן דִי וֶועלְט. וֶוען קְרִיגְט מֶען ווִי אִיז דֶר טַייטְשׁ דֶער וָוארְט בּוֹרֵא . בֵּית שַׁמַאי זָאגִין בּוֹרֵא אִיז דֶער טַייטְשׁ וָואס גָאט וֶועט בֶּעשַׁאפֶען . קֶען מֶען דָאךְ נִיט זָאגִין בּוֹרֵא גָאט וֶועט בֶּעשַׁאפֶן עֶר הָט דָאךְ שׁוֹין לַאנְג בֶּעשַׁאפֶען דִיא לֶעכְטִיגְקֵייט פוּן פַייעֶר . אוּנ בֵּית הִלֵּל הַאלְטֶען בּוֹרֵא אִיז אוֹיךְ דֶער טַייטְשׁ עֶר הָאט בַּשַׁאפֶען : הָאט רַב יוֹסֵף אַקַשְׁיָא גִיפְרֶעגְט . עֶס שְׁטֵייט דָאךְ אִין פָּסוּק יוֹצֵר אוֹר וּבוֹרֵא חוֹשֶׁךְ . עֶר הָאט בַּשַׁאפֶען דִיא לִיכְטִיגְקֵייט אוּנ עֶר הָאט בַּשַׁאפֶען דִיא פִינְסְטֶערְנִיס . נָאךְ אַפָּסוּק שְׁטֵייט יוֹצֵר הָרִים וּבוֹרֵא רוּחַ . עֶר הָט בַּשַׁאפֶען דִיא בֶּערְג אוּנ עֶר הָאט בַּשַׁאפֶען דֶעם ווִינְט . אוּנ נָאךְ אַפָּסוּק שְׁטֵייט בּוֹרֵא הַשָּׁמַיִם וְנוֹטֵיהֶם . עֶר הָאט בַּשַׁאפִין דִיא הִימְלֶען אוּנ עֶר הָאט זֵייא גִינֵייגְט . פוּן דִיא פְּסוּקִים זֶעהְן מִיר אַז בּוֹרֵא אִיז דֶער טַייטְשׁ עֶר הָאט בַּשַׁאפֶען . אִיז דָאךְ אַקַשְׁיָא אוֹיף בֵּית שַׁמַאי : נָאר רַב יוֹסֵף הָאט אַזוֹי גִזָאגְט אִין דֶעם וָוארְט בָּרָא אוּנ בּוֹרֵא קְרִיגְט קֵיינֶער נִישְׁט . אַלֶע הַאלְטֶען אַז בָּרָא אִיז דֶער טַייטְשׁ עֶר הָאט בַּשַׁאפֶען . אוּנ בּוֹרֵא אִיז דֶער טַייטְשׁ עֶר הָאט בַּשַׁאפֶען . דְרִיבֶּער הַאלְטֶען בֵּית שַׁמַאי אוּנ בֵּית הִלֵּל ווִיא מֶען זָאגְט אִיז גוּט . אַז מֶען ווִיל זָאגְט מֶען בָּרָא אוּנ אַז מֶען ווִיל זָאגְט מֶען בּוֹרֵא . וֶוען קְרִיגְט בֵּית שַׁמַאי מִיט בֵּית הִלֵּל צוּא מֶען זָאל זָאגִין בָּאוֹר הָאֵשׁ : אָדֶער מְאוֹרֵי הָאֵשׁ . בֵּית שַׁמַאי הַאלְטֶען אֵיין לִיכְטִיגְקֵייט אִיז דָא אִין פַייעֶר . דְרִיבֶּער דַארְף מֶען זָאגִין מָאוֹר הָאֵשׁ דִיא בֶּעלֵייכְטוּנְג פוּן פַייעֶר . אוּנ בֵּית הִלֵּל הַאלְטֶען פִיל עֶרְלֵיי לִיכְטִיגְקֵייט אִיז דָא אִין פַייעֶר : (וֶוער פַייעֶר הָאט פִיל קָאלָארִין . רוֹיט וַוייס גְרִין . אָדֶער בְּלָאה) דְרִיבֶּער זָאל מֶען זָאגִין מְאוֹרֵי הָאֵשׁ דִיא בֶּעלַייכְטוּנְגֶען פוּן פַייעֶר . מִיר הָאבֶּען אוֹיךְ אַזוֹי גִילֶערְנְט . בֵּית הִלֵּל הָאבֶּען גְזָאגְט צוּ בֵּית שַׁמַאי פִיל קָאלָארִין לִיכְטִיגְקֵייט אִיז דָא אִין פַייעֶר :

ב תָּנוּ : דִיא רַבָּנָן הָאבֶּען גִילֶערְנְט מֶענְטְשִׁין וָואס זֶענֶען גִיזֶעסִין אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ אוּנ הָאבֶּען גִילֶערְנְט מוֹצָאֵי שַׁבָּת אוּנ מֶען הָאט פַר זֵייא גִיבְּרַאכְט פַייעֶר . בֵּית שַׁמַאי זָאגִין יֶעדֶער בִּזּוּנְדֶער מַאכְט אַבְּרָכָה מָאוֹר הָאֵשׁ . אוּנ בֵּית הִלֵּל זָאגִין . אֵיינֶער זָאגְט דִיא בְּרָכָה מְאוֹרֵי הָאֵשׁ אוּנ אַלֶע הֶערִין אוּנ עֶנְטְפֶערִין אָמֵן . דַארְפִין זֵייא שׁוֹין נִיט מַאכֶען קֵיין בְּרָכָה . ווַייל עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק מִיט פִיל פָאלְק אִיז שֵׁיין פַאר דֶעם מֶלֶךְ . אַז אֵיינֶער זָאגְט דִיא בְּרָכָה אוּנ אַלֶע מִיט אֵיין מָאהל עֶנְטְפֶערִין אָמֵן . אִיז שֶׁענֶער פַאר גָאט . זָאגְט דִיא גְמָרָא בֵּית הִלֵּל וָואס זֵייא זָאגֶען אֵיינֶער זָאל מַאכֶען דִיא בְּרָכָה . זָאגִין זֵיי פַר וָואס . ווַייל בְּרָב עָם הַדְרַת מֶלֶךְ . נָאר פַאר וָואס זָאגְט בֵּית שַׁמַאי יֶעדֶער בִּזוּנְדֶער זָאל מַאכֶען דִיא בְּרָכָה . זֵייא הַאלְטֶען מֶען זָאל נִיט שְׁטֶערִין פוּן לֶערְנֶען . אַז אֵיינֶער מַאכְט אַבְּרָכָה אוּנ אַלֶע דַארְפֶען שְׁווַייגֶען אוּנ הֶערִין זַיי אַלִין עֶנְטְפֶערִין אָמֵן . דֶער ווַייל שְׁטֶערְט מֶען זִיךְ פוּן לֶערְנֶען : מִיר הָאבֶּען אוֹיךְ אַזוֹי גִילֶערְנְט דִי שְׁטוּב

עבד בשוגג. כב"ש אע"פ ששגג ונעקר מן המקום ע"י שכחה התמיד על כגמו כב"ש והזר למקום שאכל ובריך: חד עביד במזיד. נעקר ממקום שאכל במזיד כדי לברך במקום אחר שהולך לילך: אנשאי יונה דדהבא. שכחתי יונה של זהב: אלא בכנפיה. אין ברחת אלא כלחמת בראש גפיה:

מרפא בבית המדרש מפני בטול בית המדרש:

(ע"ב) [משנה ג] **מי** שאכל ושכח ולא בירך בית שמאי אומרים יחזור למקומו ויברך. ובית הלל אומרים יברך במקום שנזכר: **גמ'**] הנהו תרי תלמידי חד עבד בשוגג כבית שמאי ואשכח ארנקא דדהבא וחד עבד במזיד כבית הלל ואכליה אריא. רבה בר בר חנה הוה אזל (באורחא) בשיירא אכל ואשתלי ולא בריך אמר היכי אעביד אי אמינא להו דאנשאי לברוכי אמרי לי בריך הכא דכל היכא דמברכת לרחמנא קא מברכת מוטב דאמינא להו אנשאי יונה דדהבא. אמר להו אנטרו לי דאנשאי יונה דדהבא הדר ואזל ובריך ואשכח יונה דדהבא. ומאי שנא יונה (דנקט) משום דאמתלא כנסת ישראל כיונה שנאמר (תהלים סח) כנפי יונה נחפה בכסף. מה יונה אינה נצולת אלא בכנפיה אף ישראל אינן נצולין אלא במצות. לישנא

מענטשין פון רבן גמליאל אז זייא האבען געהערט איינער האט גינאסען אין בית המדרש האבען זייא ניט גזאגט אכותא צו רפואה. מען זאל ניט מבטל זיין פון לערנען:

ג משנה. מי. איינער האט גיגעסין און האט פאר געסין צוא בענטשין. און ער איז אוועק גיגאנגען פון ארט אומגיבענטשט. בית שמאי זאגין ער זאל גיין צוריק צוא זיין ארט און זאל בענטשין וואו ער הט גיגעסין. און בית הלל זאגין ער זאל בענטשין אויף דעם ארט ווס ער הט זיך דר מאנט אז ער הט ניט גיבענטשט:

גמרא. עס זענען גיוועזן צוויי תלמידים איין תלמיד האט פאר געסין צוא בענטשין און איז אוועק גיגאנגען פון ארט. דער נאך אז ער האט זיך דער מאנט. האט ער גיטאהן ווי בית שמאי און איז גיגאנגען צוריק צו זיין ארט בענטשין האט ער גיפונען אבייטיל גאלד. און איינער האט ניט פאר געסין אז ער דארף בענטשין. נאר ער האט גידארפט ערגעץ גיין; איז ער גיגאנגען פאר דעם בענטשין. און ער האט גיטראכט ער וועט טאהן ווי בית הלל און וועט דארטין בענטשין האט איהם אלייב אויף גיגעסין. רבה בר בר חנה איז גיגאנגען מיט אקאמפאניע מענטשין אין וועג און ער האט גיגעסין און האט פאר געסין צו בענטשין; הט רבה בר בר חנה גיטראכט וויא זאל איך טאהן אויב איך וועל זאגין צו מיין קאמפאניע איך האב פאר געסין צו בענטשין. און וועל זייא בעטין זייא זאלין ווארטען אויף מיר ביז איך וועל גיין בענטשין אויף דעם ארט וואס איך האב גיגעסין; און וועל צוריק קומען. וועלין זייא זאגען צו מיר בענטש דא וואו דוא וועסט בענטשין בענטשט דו אלץ צו גאט. גאט איז אין די גאנצע וועלט. איז בעסער איך זאל זייא זאגין איך האב פאר געסין אגאלדענע טויב. וועלין זייא ווארטען ביז איך וועל גיין זוכען און צוריק קומען. דער ווייל וועל איך גיין צו דעם ארט וואו איך האב גיגעסין און וועל דארט בענטשין. האט רבה גזאגט צו זיין קאמפאניע איך בעט אייך איר זאלט ווארטען אויף מיר ווארום איך האב פאר געסין אגאלדענע טויב. האט ער זיך אומגיקערט צוריק און איז גיגאנגען אויף דעם ארט וואו ער האט גיגעסין און הט דארט גיבענטשט און ער הט טאקי גיפונען אגאלדענע טויב. פרעגט די גמרא פאר וואס האט ער גזאגט ער הט פר געסין אגאלדענע טויב. פר וואס האט ער ניט גזאגט איין אנדער זאך; ווס דער שטייגער איז אמענטש זאל האבען אזוי אזאך. ווער האט דאס אגאלדענע טויב: ענפערט די גמרא ווייל די יודען זענען געגליכען צו אטויב; ווארום עס שטייט אין פסוק די פליגעל פון די טויב איז בדעקט גיווארין מיט זילבער דאס מיינט מען די יודען ווען זייא זענען ארויס גיגאנגען פון מצרים זענען זייא בדעקט גיווארין מיט זילבער וואס די מצריים האבען זיי גיגעבין. אזוי ווי אטויב קען זיך ניט רעטין מיט קיין אנדער זאך נאר מיט אירע פליגעל. אזוי יודען קענען אויך ניט רעטין מיט קיין אנדער זאך נאר מיט מצות. און זייא טוהען מצות איז זייא גאט מציל פון שלעכטס.

(לישנא אחרינא מה יונה זו כנפיה מגינות עליה . אף ישראל מצות מגינות עליהם) :

הרואה פרק תשיעי

(דף נד) (משני') **א הרואה** מקום שנעשה בו נסים לישראל אומר ברוך שעשה נסים לאבותינו וכו' : **גמ'** מנא הני מילי אמר רבי יוחנן דאמר קרא (שמות יח) ויאמר יתרו ברוך ה' אשר הציל אתכם וגו' . אניסא דרבים מברכינן אניסא דיחיד לא מברכינן והא ההוא גברא דהוה קאזיל בעבר ימינא נפל עליה אריה איתעביד ליה ניסא ואיתצל מיניה אתא לקמיה דרבא וא"ל כל אימת דמטית להתם בריך ברוך המקום שעשה לי נס במקום הזה ומר בריה דרבינא הוה קאזיל בפקתא דערבות וצחא למיא איתעביד ליה ניסא איברי ליה עינא דמיא ואישתי ותו זמנא חדא הוה קאזיל ברסתקא דמחוזא ונפל עליה גמלא פריצא איתפרקא ליה אשיתא על לגבה כי מטא לערבות בריך ברוך שעשה לי

ה"ג מנ"ל דמברכין אניסא א"ר יוחנן דאמר קרא ויאמר יתרו ברוך ה' אשר הציל אתכם וגו' : בעבר ימינא . שם מדינה בדרומו של פרת : בפקתא . בקעה : [ערבות . שם מקום] : וצחא למיא . צמא למים : (ברסתקא . בשוק) : גמלא פריצא : גמל משוגע [שעסקיו רעים] : איתפרקא ליה אשיתא . נפלה חומה בית שהיה סמוך ע

אַנְדֶערֶע זָאגִין אַזוֹי . אַזוֹי וִוי אַטוֹיב בַּשִׁיצֶען אוֹיף אִיר אִירֶע פְלִיגֶעל . אַזוֹי דִי מִצְוֹת בַּשִׁיצֶען אוֹיף דִיא יוּדֶען :

פרק תשיעי

א מתניתין . הָרוֹאֶה . אַז מֶען זֶעהט דֶעם אָרְט וָואס דָארְט אִיז גִיטָאהן גִיוָוארִין נִסִים צוּא דִיא יוּדֶען זָאל מֶען זָאגִין גִילוֹיבְּט אִיז גָאט וָואס עֶר הָאט גִיטָאהן נִסִים צוּא אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערִין אוֹיף דֶעם אָרְט :

גמרא : פוּן וַואנֶען וֵוייסִין מִיר אַז מֶען מַאכְט אַבְּרָכָה אוֹיף אַנֵס . הָאט רַבִּי יוֹחָנָן גִזָאגְט דֶער פָּסוּק זָאגְט יִתְרוֹ הָאט גִזָאגְט גִילוֹיבְּט אִיז גָאט וָואס עֶר הָאט אַייךְ מַצִיל גִיוֶוען פוּן מִצְרַיִם . פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא אוֹיב דֶער נֵס הָאט גִיטְרָאפִין צוּא פִיל מֶענְטְשִׁין מַאכְט מֶען אַבְּרָכָה . אוּנ אוֹיב דֶער נֵס הָאט גִיטְרָאפִין צוּ אֵיין מֶענְטְשִׁין מַאכְט מֶען נִיט קֵיין בְּרָכָה . אַמֶענְטְשׁ אִיז גִיגַאנְגֶען אִין דִיא מְדִינָה וָואס הֵייסְט עֵבֶר יְמִינָא . אִיז אוֹיף אִיהם אַרוֹיף גִיפַאלֶען אַלֵייבּ . אִיז אִיהם גִיטָאהן גִיוָוארִין אַנֵס אוּנ עֶר אִיז גִירֶעטֶעט גִיוָוארִין פוּן דֶעם לֵייבּ . אִיז דֶער מֶענְטְשׁ גִיקוּמֶען פַאר רָבָא הָאט רָבָא צוּ אִיהם גִזָאגְט וֶוען דוּא וֶועסְט קוּמֶען אוֹיף דֶעם אָרְט זָאלְסְטוּ זָאגִין דִי בְּרָכָה . גִילוֹיבְּט אִיז גָאט וָואס עֶר הָט צוּ מִיר גִיטָאהן אַנֵס אוֹיף דֶעם אָרְט . מַר דֶער זוּהן פוּן רַבִינָא אִיז אַמָאהל גִיגַאנְגֶען אִין דֶעם טָאהל פוּן דֶעם אָרְט עַרָבוֹת אוּנ עֶר אִיז דָארְשְׁטִיג גִיוָוארִין צוּ וַואסֶער . עֶר הָאט גִיוָואלְט טְרִינְקֶען . אִיז צוּ אִיהם גִיטָאהן גִיוָוארִין אַנֵס אוּנ עֶס אִיז פוּן זַיינֶעט וֶועגִין בַּשַׁאפִין גִיוָוארִין אַקְוַואל וַואסֶער אוּנ עֶר הָאט גִיטְרוּנְקֶען . אוּנ נָאךְ אַמָאהל הָאט אִיהם גִיטְרָאפֶען אַנֵס עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען אִין גַאס אִין דִיא שְׁטָאט מְחוֹזָא . אִיז אוֹיף אִיהם אַרוֹיף גִיפַאלֶען אַמְשׁוּגָענֶער קֶעמִיל . אִיז אַיין גִיפַאלֶען אַוַואנְט פוּן אַשְׁטוּבּ אִיז עֶר אַרַיין גִילָאפֶען אִין דִי שְׁטוּבּ . אַז מַר אִיז גִיקוּמֶען צוּ דֶעם אָרְט עַרָבוֹת פְלֶעגְט עֶר זָאגִין דִי בְּרָכָה . גִילוֹיבְּט אִיז גָאט וָואס עֶר הָט גִיטָאהן אַנֵס צוּ מִיר מִיט דֶעם וַואסֶער אוּנ מִיט דֶעם קֶעמִיל . אַז מַר אִיז גִיקוּמֶען אִין דִי גַאס פוּן מְחוֹזָא פְלֶעגְט עֶר זָאגִין דִיא בְּרָכָה . גִילוֹיבְּט אִיז גָאט וָוס עֶר הָט גִיטָאהן צוּ מִיר אַנֵס מִיט דֶעם קֶעמִיל אוּנ אִין דֶעם אָרְט עַרְבוֹת . זֶעהְן מִיר דָאךְ אַז עֶס טְרֶעפְט אַנֵס צוּ אֵיין מֶענְטְשׁ בַּארְף מֶען אוֹיךְ מַאכֶען אַבְּרָכָה . עֶנְטְפֶערְט דִי גְמָרָא אִיךְ וֶועל דִיר זָאגִין אוֹיבּ אוֹיף דֶעם אָרְט אִיז גִיטָאהן גִיוָוארִין אַנֵס צוּ פִיל מֶענְטְשִׁין (צוּ אַלֶע יוּדִין) דַארְפֶען מַאכֶען אַבְּרָכָה דִי גַאנְצֶע וֶועלְט מֶענְטְשִׁין אַלֶע וֶוער עֶס קוּמְט צוּ דֶעם אָרְט . אֲפִילוּ עֶר אִיז נִיט גִיוֶוען בַּיי דֶעם נֵס . אוֹיבּ דֶער נֵס הָאט גִיטְרָאפֶען צוּ אֵיין מֶענְטְשׁ . דֶער מֶענְטְשׁ וָוס הָט גִיהַאט דֶעם נֵס . וֶוען עֶר קוּמְט צוּא

לי נס בערבות ובגמל כי מטא לריסתקא דמחוזא בריך שעשה לי נס בגמל ובערבות אמרי אניסא דרבים כ"ע מברכי אניסא דיחיד איהו חייב לברוכי :

ב תנו רבנן הרואה מעברות הים ומעברות הירדן מעברות נחלי אדנון אבני אלגביש במורד בית הורון ואבן שבקש לזרוק עוג מלך הבשן על ישראל ואבן שישב עליה משה בשעה שעשה יהושע מלחמת בעמלק ואשתו של לוט וחומת יריחו שנבלעה במקומה כל הרואה אותם צריך שיתן שבח והודאה לפני המקום בשלמא מעברות הים דכתיב (שמות יד) ויבואו בני ישראל בתוך הים ביבשה . מעברות הירדן דכתיב (יהושע ג) ויעמדו הכהנים וגו' וכל ישראל עוברים בחרבה אלא מעברות נחלי ארנון מנא ליה דכתיב (במדבר כא) על כן יאמר בספר מלחמות ה' את והב בסופה וגו' תנא את והב בסופה שני מצורעין היו והיו מהלכין בסוף מחנה ישראל וכי הוו חלפי ישראל אתו אמוראי (טשו להו בנחלי ארנון) עבדי להו נקירתא ויתבי בהון אמרי כי חלפי ישראל (חלפינן עלייהו) וקטלינן להו ולא הוו ידעי דארון קא מסגי קמייהו דישראל

ונכנס לתוך הבית מפני הגמל : מעברות הים . מקום שעברו ישראל בים סוף : ומעברות הירדן . בימי יהושע : ומעברות נחלי ארנון . לקמן מפרש מאי היא : במורד בית חורון . בימי יהושע כדכתיב בספר יהושע : ואבן שזרק עוג . לקמן מפרש : עבדו להו נקירתא . מערות : מעברות נחלי ארנון . עמק עמוק בין שני הרים גדולים והיו ישראל צריכין לעבור בתוכו עמק זמנו אמוריים מערות בצדי ההרים ונחבאו בהם טשו . נחבאו : מסגי . עובר : מאיך טורא מכפיל ההרים ומהפשעים זה לצד זה עד שנעמק שם :

דעם אָרְט באַרְף ער מאַכען אַבְּרָכָה. אָבער אַנְדערע מענטשין װאָס קומען צו דעם אָרט דאַרְפֶען ניט מאַכען קיין בְּרָכָה :

ב תָּנוּ רַבָּנָן. דיא רַבָּנָן האָבען גילערונט אַז מען זעהט דעם אָרט װאו דיא יודען זענען אַריבער גיגאַנגען דעם יַם. אונ אַז מען זעהט דעם אָרט װאו דיא יודען זענען אַריבער גיגאַנגען דעם יַרְדֵן. אונ אַז מען זעהט דעם אָרט װאו דיא יודען זענען אַריבער גיגאַנגען דיא טייכען פון אַרְנוֹן. אַז מען זעהט די שטיינער װאָס זענען אַראָפּ גיפאַלען פון הימעל אין דעם אָרט מוֹרַד בֵּית חוֹרוֹן אין די צייט פון יְהוֹשֻׁעַ. אונ אַז מען זעהט דעם שטיין װאָס עוג מֶלֶךְ הַבָּשָׁן האָט גיװאָלט װאַרפען אויף דיא יודען. אונ אַז מען זעהט דעם שטיין װאָס משֶׁה רַבֵּינוּ איז אויף איהם גיזעסין װען יְהוֹשֻׁעַ האָט גיהאַלטען מִלְחָמָה מיט עֲמָלֵק. אונ אַז מען זעהט דיא װייב פון לוט װאָס זיא איז גיװאָרין אַשְׁטיק זאַלץ. אונ אַז מען זעהט די מאַהער פון יְרִיחוֹ װיא זיא איז איינגיזונקען גיװאָרין אין דיא ערד. װער עס זעהט די אַלע זאַכען דאַרף ער לויבען גאָט. פרעגט די גְמָרָא דער אָרט װאו די יודען זענען אַריבער גיגאַנגען דעם יַם. איז רעכט. איז גיװען אַנֵס. אַזוי װי עס שטייט דיא יודען זענען גיקומען אין יַם אונ דער יַם איז טרוקין גיװאָרין. דער אָרט װאו די יודין זענען אַריבער גיגאַנגען דעם יַרְדֵן איז אויך גיװען אַנֵס אַזוי װיא עס שטייט די כֹּהֲנִים האָבען זיך גישטעלט אין בּרעג װאַסער אונ אַלע יודען זענען אַריבער גיגאַנגען דעם יַרְדֵן אין די טריקעניש. נאָר אַז דיא יודען זענען אַריבער גיגאַנגען דיא טייכען פון אַרְנוֹן. פון װאַנען װייסען מיר אַז דאָרטין איז גיװען אַנֵס. ענטפערט די גְמָרָא װאָרום עס שטייט אין פָּסוּק דריבער װערט גזאָגט אין סֵפֶר דיא מִלְחָמוֹת פון גאָט װאָס אֶת אונ וָהֵב האָבען גיזעהן אין סוֹף פון דיא מַחֲנֶה. תָּנָא מיר האָבען גילערונט עס זענען גיװען צװייא קרעציגע איינער האָט גיהייסען אֶת אונ איינער האָט גיהייסען וָהֵב אונ זיי זענען גיגאַנגען דיא לעצטע פון דיא מַחֲנֶה וּבְסוּפָה איז טייטש אין סוֹף. אַז דיא יודען זענען דורך גיגאַנגען זענען גיקומען דיא אֱמוֹרִים אונ האָבין גימאַכט קעלערס אין די בּערג אונ זענען גיזעסין אין די קעלערס װעס איז גיװען צװיי גרויסע בּערג אונ צװישען די בּערג איז גיװען אַטאָהל אונ די יודען האָבין גידאַרפט גיין דורך דעם טאָהל. האָבין די אֱמוֹרִים גימאַכט קעלערס אונ גריבער אין דיא בּערג. אונ האָבען זיך בּעהאַלטין אין די גריבער) זיי האָבען גזאָגט אַז די יודין װעלין גיין צװישען די בּערג װעלין מיר אַרויף גיין אויף זיי. אונ מיר װעלין זיי הַרְגְנֶן. אונ די אֱמוֹרִים האָבין ניט גיװאוסט אַז דער אָרוֹן גייט פאַר די יודען אונ ער מאַכט גיגלייך אַלע בּערג פאַר די יודען ; װיא דער

דישראל והוה קא מאבי טורי מקמייהו . כיון דאתא ארון ארביקו טורי בהדי הדדי וקטלינון ונחת דמייהו לנחלי ארנון . כי אתו את והב חזו דמא דקא נפיק מביני טורי אתו אמרו להו לישראל ואמרו שירה והיינו דכתיב (במדבר כא) ואשד הנחלים וגו' . אבני אלגביש (מאי אבני אלגביש) תנא אבנים שעמדו על גב איש וירדו על גב איש עמדו על גב איש [זה משה] דכתיב (שם יב) והאיש משה וכתיב (שמות ט) ויחדלו הקולות והברד ומטר לא נתך ארצה . ירדו על גב איש זה יהושע דכתיב (במדבר כז) איש אשר רוח בו (בית חורון דכתיב) [וכתיב] (יהושע י) ויהי בנוסם מפני ישראל הם במורד בית חורון וה' השליך עליהם אבנים גדולות . אבן שבקש עוג מלך הבשן לזרוק על ישראל גמרא גמירי לה . אמר מחנה ישראל כמה הוי תלתא פרסי אמר איזיל ואיעקר טורא בר תלתא פרסי ואשדי עלייהו [ואיקטלינהו] אזל עקר טורא ג' פרסי ואותביה ארישיה אייתי הקב"ה עליה קומצי ונקבוה ונחית ליה אצואריה בעא למשלפיה משכי שיניה להאי גיסא ולהאי גיסא ולא מצי למשלפיה והיינו דכתיב (תהלים ג) שני רשעים שברת ואר"ל אל תקרי שברת אלא שרבבת משה

חזו דמא . כשחזרו הבארות למקומם : ואשד . מתרגמינן ושפך . אשר נטה לשבת ער . שכשנכנס העמק נטה ונתפשט לצד חבירו ההר אשר לצד עבר מואב ושם ארץ מואב ער : שעמדו . באויר : לא נתך . לא הגיע לארץ אלא עמדו באויר . אמר . עוג בלבו : מחנה ישראל כמה הוה תלתא פרסי . דכתיב ויחנו מבית הישימות עד אבל השטים ואמר רבה בר בר חנה לדידי חזי לי ההוא דוכתא והוה תלתא פרסא אורכא והלכתא פרסא פותיא : קמצי . נמלים : שרבבת . לשון אישתרבובי ירדו

ארון איז געקומען צו די בערג האבין זיך די בערג בהעפט אייגער צום אנדערין . אונ די אמורים וואס זענען געזעסין אין די בערג זענען גיהרגת געווארין אונ די בלוט זייערע איז אריין גיגאסען געווארין אין די טייכען פון ארנון . אז את אונ והב זענען גיקומען האבין זיי גיזעהן וויא עס גייט בלוט פון די בערג זענען זיי גיקומען זאגין צו די יודין האבען דיא יודין גזאגט שירה צו גאט אויף דעם נס . דס איז וואס דער פסוק זאגט די אום גיסונג פון די טייכין . אונ אזוי וויא ווייטער שטייט אין פסוק) : די שטיינער פון אלגביש וואס מיינט מען אבני אלגביש מיר האבין גילערונט שטיינער וואס זענען געבליבען אייגגען אין דער לופט דורך אמענטש . אונ זייא האבין אראפ געגידערט דורך אמענטש . זיי זענען געבליבען אייגגען דורך אמענטש דער מענטש מיינט מען משה רבינו אזוי וויא עס שטייט אונ דער מענטש משה אונ עס שטייט עס זענען פר מיטען גיווארין די דונערין דער האגיל אונ דער רעגין זיי זענען ניט אראפ גיקומען אויף די ערד . דורך די תפלה פון משה רבינו איז דער האגיל געבליבען אייגגען אין דיא לופט . זיי האבין אראפ געגידערט דורך אמענטש . דער מענטש מיינט מען יהושע אזוי ווי עס שטייט יהושע איז אמענטש וואס דער רוח הקודש איז אין איהם אונ עס שטייט ווען דיא פעלקער פון ארץ ישראל זענען אנטלאפין פר די יודין אונ זיי זענען גיווען אין מורד בית חורון האט גאט אויף זיי גיווארפען גרויסע שטיינער . די שטיינער וואס זענען גיהאנגען אין דער לופט זענען אראפ גיפאלין אויף די פעלקער דורך דעם זכות פון יהושע : דער שטיין וואס עוג מלך הבשן האט גיוואלט ווארפין אויף די יודין דס האבין מיר גילערונט אז עוג האט גיוואלט ווארפין אשטיין אויף די יודין עוג האט גזאגט ווי פיל איז די מחנה פון די יודין . דריי מייל האט ער גזאגט איך וועל גיין אונ וועל אוים רייסין אבארג וואס ער איז גרוים דריי מייל אונ וועל איהם ארויף ווארפען אויף די יודין וועל איך זיי הרגנן . איז ער גיגאנגען אונ האט אוים געריםען אבארג וואס ער איז גיוועין גרוים דריי מייל אונ האט איהם גילייגט אויף זיין קאפ האט גאט גיבראכט אויף דעם בארג ווערעם אונ זייא האבין גילעכערט דעם בארג האט דער בארג אראפ גענידערט אויף זיין האלדז האט ער גיוואלט אראפ נעמען דעם בארג זענען ארוים גיוואקסין די ציין זיינע אין דעם זייט בארג אונ אין דעם זייט בארג . האט ער ניט גיקענט אראפ נעמען דעם בארג פון האלדז . דס איז וואס עס שטייט אין פסוק די ציין פון דיא רשעים האסטו צו בראכין האט ריש לקיש גזאגט זאלסט ניט לייענען שברת צו בראכין נאר זארסט לייענען שרבבת דוא האסט

יגדלו למטה: משה כמה הוה עשרה אמין. שהרי הוא הקים המשכן שנאמר ויקם משה את המשכן ודרשינן הקים את עצמו לקומת המשכן וכתיב ביה י' אמות אורך הקרש: שוור. קפץ למעלה: ומחייה בקרסוליה. קרסו"ל בלע"ז: וידי משה כבדים. ואינו יכול לפושטן כל היום אא"כ תומכן באצבעותיו ויקחו אבן וישימו תחתיו וגו': התחתיה. משמע במקומה ואי אפשר זה אלא ע"י בליעה: דאמר ברוך דיין אמת. הירוגה הוא: הצדיקים. זוכר את אברהם: כיון דפותייה ורומיה כי הדדי נינהו. ואין נפילה נכרת כה אם לא נבלע מכוס שכי אבלעה והוא דרך נפילה להומה כזו:

משה כמה הואי עשר אמין שקל נרגא בת עשר אמין ושוור עשר אמין ומחייה בקרסוליה וקטליה. ואבן שישב עליה משה דכתיב (שמות יז) וידי משה כבדים ויקחו אבן וישימו תחתיו וישב עליה. ואשתו של לוט דכתיב (בראשית יט) ותבט אשתו מאחריו ותהי נציב מלח. חומת יריחו שנבלעה במקומה דכתיב (יהושע ו) ותפול החומה תחתיה. בשלמא כולהו ניסא אלא אשתו של לוט פורענותא היא. דאמר ברוך דיין האמת. והא הודאה ושבח קתני. תני על לוט ועל אשתו מברכין שתים. על אשתו אומר ברוך דיין האמת ועל לוט אומר ברוך זוכר הצדיקים דכתיב (בראשית יט) ויהי בשחת אלהים את ערי הככר ויזכור אלהים את אברהם וגו'. וחומת יריחו שנבלעה והא נפלה דכתיב ותפול החומה תחתיה. כיון דפותיה ורומה כי הדדי נינהו מש"ה אבלעה בלועי:

(ע"ב) **ג אמר** רב יהודה אמר רב ארבעה צריכין להודות ואלו הן. יורדי הים והולכי מדברות ומי שהיה חולה ונתרפא ומי שהיה חבוש בבית האסורים ויצא

זייא גרויס גימאכט. ווי הויך איז משה גיוועזן צעהן איילין אונ ער האט גינומען אהאק וואס זיא איז גרויס גיוועזן צעהן איילין אונ ער הט אשפרונג גיטאהן אויף צעהן איילין דיא הייך אונ ער האט איהם אקלאפ גיטאהן אין זיינע קנעכיל אונ האט איהם גיהרגת. ואבן שישב עליה משה אונ דער שטיין וואס משה רבינו איז אויף איהם גיזעסן אזוי וויא עס שטייט אונ די הענט פון משה זענען גיוועזן שווער האבין זיי נאהרן אונ חורו גינומען אשטיין אונ האבין גילייגט אונטער משה. האט זיך משה גיזעצט אויף איהם. אונ די ווייב פון לוט אזוי וויא עס שטייט די ווייב פון לוט האט זיך איין גיקוקט פון אינטער לוט נאויף סדום איז זיא גיווארין אשטיק זאלץ. די מאהער פון יריחו וואס זיא איז איינגיזונקען גיווארין אין די ערד אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער מאהער איז איינגיפאלען אונטער זיך. אויף איר ארט. פרעגט די גמרא אויף די אלע זאכין איז רעכט וואס מען דארף לויבען גאט. ווייל זיי זענען נסים נאר אויף דיא ווייב פון לוט וואס זיא איז גיווארין אשטיק זאלץ. דאס איז דאך אצער. ענפערט די גמרא ער זאל זאגין ברוך דיין האמת. פרעגט דיא גמרא מיר זאגין דאך ער זאל לויבין אונ דאנקען גאט. ענפערט דיא גמרא דו זאלסט לערנען אזוי אויף לוט מיט זיין ווייב זאל מען זאגין צוויי ברכות אויף די ווייב זאל ער זאגין. ברוך דיין האמת. אונ אויף לוט זאל מען זאגין ברוך זוכר הצדיקים. ווייל גאט הט גידיינקט אין דעם צדיק אברהם אונ הט מציל גיוועזן לוט. הט רבי יוחנן גיזאגט. אפילו ווען גאט איז אין כעס פון דעסטוועגין גידיינקט ער אן די צדיקים. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק: אונ עס איז גיוועזן ווען גאט האט פאר דארבין די שטעט פון דעם פלאץ הט גאט גידיינקט אן אברהם. פרעגט דיא גמרא די מאהער פון יריחו איז איינגיזונקען גיווארין זיא איז דאך איין גיפאלען. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק די מאהער איז גיפאלען אונטער זיך. אויף איר ארט ועיין מהרש"א. ענפערט די גמרא ווייל די גרעב מיט די הייך פון וואנט זענען גיוועזן ביידע גלייך דריבער איז די וואנט איינגיזונקען גיווארין: אונ דם רופט דער פסוק גיפאלען:

ג אמר. רב יהודה הט גיזאגט פון רבס וועגין פיר ערליי מענטשין דארפין לויבין גאט אונ דאס זענען זיי די וואס פארען אויף דעם ים. אונ די וואס גייען אין דער מדבר. אונ וועער עס איז גיוועזן קראנק. אונ איז גיזונד גיווארין. אונ וועער עס איז גיוועזן גיבונדען אין תפיסה. אונ איז ארויס גיקומען פריי. פרעגט די גמרא פון וואנען ווייסין מיר אז דיא וואס

ויצא . יורדי הים מנלן דכתיב (תהלים קז) יורדי הים באניות וגו' המה ראו מעשי ה' וגו' ויאמר ויעמד רוח סערה וגו' יעלו שמים ירדו תהומות וגו' יחוגו וינועו וגו' ויצעקו אל ה' בצר להם וממצוקותיהם יוציאם . וישמחו כי ישתוקו וגו' יודו לה' חסדו וגו' . מי שהיה חולה ונתרפא מנלן דכתיב אוילים מדרך פשעם וגו' כל אכל תתעב נפשם וגו' ויצעקו אל ה' וגו' ישלח דברו וירפאם וגו' יודו לה' חסדו וגו' . ומי שהיה חבוש בבית האסורים ויצא מנלן דכתיב יושבי חשך וצלמות וגו' כי המרו אמרי אל וגו' ויכנע בעמל לבם וגו ויצעקו אל ה' וגו' יוציאם מחשך וצלמות וגו' יודו לה' חסדו וגו'. מאי מברך אמר רב יהודה ברוך גומל לחייבים טובות שגמלני כל טוב ואמר אביי צריך לאודויי קמי עשרה דכתיב (שם) וירוממוהו בקהל עם וגו' מר זוטרא אמר ותרין מינייהו רבנן דכתיב ובמושב זקנים יהללוהו . מתקיף לה רב אשי ואימא כלהו רבנן מי כתיב בקהל זקנים בקהל עם כתיב ואימא בעשרה שאר עמא ובתרין רבנן קשיא. רב יהודה חלש ואתפח על

צריכין להודות . כשיוצאין מן הסכנה : וירוממוהו בקהל עם . בסוף פרשת המזמור כתיב : ואיתפח . נתרפא : בגדתא . שם עירו נגדר וכיח

פָארֶען אויף דֶעם יַם דַארְפִין לוֹיבִּין גָאט . וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט דִי וָוס פָארִין אויף דֶעם יַם מִיט שִׁיפֶען זֵיי הָאבֶּען גִיזֶעהן דִיא וֶוערְק פוּן גָאט אַז גָאט הָט גִזָאגְט הָאט זִיךְ אויף גִישְׁטֶעלְט אַשְׁטוּרֶעם ווִינְט דִי שִׁיפֶען זֶענֶען אַרוֹיף גִינַאנְגֶען בִּיז צוּם הִימֶעל אוּנ הָאבֶּען אַרָאפּ גֶענִידֶערְט בִּיז צוּם אָבְּגְרוּנְד דִי מֶענְטְשִׁין וָוס אִין דִי שִׁיפֶען הָאבֶּען זִיךְ גִיוָוארְפֶען אוּנ גִישָׁאקִילְט אוּנ וֶוען זֵיי אִיז שְׁלֶעכְט גִיוָוארִין הָאבִּין זֵייא גֶעשְׁרִיגֶען צוּ גָאט אוּנ פוּן זֵייעֶר אֵיינגְשַׁאפְט הָט זֵיי גָאט אוֹיס גִיצוֹיגֶען . אוּנ זֵייא הָאבֶּען זִיךְ גִיפְרֵייט אַז דֶער יַם אִיז שְׁטִיל גִיוָוארִין . זֵיי דַארְפִין לוֹיבִּין צוּ גָאט פַר זַיין חֶסֶד וָוס עֶר הָט מִיט זֵיי גִיטָאהן . פוּן וַואנֶען וֵוייסִין מִיר אַז דִיא וָואס גֵייעֶן אִין דֶער מִדְבָּר דַארְפִין לוֹיבֶּען גָאט : וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פְּסוּק זֵייא זֶענֶען גִיוֶוען פַאר בְּלָאנְדְזֶעט אִין דֶער מִדְבָּר . זֵיי זֶענֶען גִיוֶוען הוּנְגֶערִיג אוּנ דָארְשְׁטִיג . אוּנ זֵיי הָאבִּין גֶעשְׁרִיגֶען צוּ גָאט הָט עֶר זֵיי גִימַאכְט טְרֶעטִין אִין אַגְלֵייכֶע וֶועג . זֵיי דַארְפִין לוֹיבִּין צוּ גָאט פַאר זַיין חֶסֶד וָואס עֶר הָט מִיט זֵיי גִיטָאהן : פוּן וואנֶען ווייסִין מִיר אַז אַקְרַאנְקֶער אִיז גִיזוּנְד גִיוָוארִין דַארְף עֶר לוֹיבִּין גָאט . וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט דִיא נַארִין פוּן דֶעם וֶועג פוּן זֵייעֶרֶע עֲבֵירוֹת זֶענֶען זֵיי קְרַאנְק גִיוָוארִין אַז זֵיי הָאבִּין פַאר מִיאוּסְט אַלֶע עֶסִינְוַוארְג . זֵיי הָאבֶּען גֶעשְׁרִיגֶען צוּא גָאט הָט גָאט גֶעשִׁיקְט זַיין וָוארְט זֵיי זָאלִין גִיזוּנְד וֶוערִין . זֶענֶען זֵיי גִיזוּנְד גִיוָוארִין . זֵיי בַּארְפִין לוֹיבֶּן צוּ גָאט פַר זַיין חֶסֶד וָואס עֶר הָט מִיט זֵיי גִיטָאהן . פוּן וַואנֶען ווייסֶען מִיר אַז אֵיינֶער אִיז גִיוֶוען גִיבּוּנְדִין אִין תְּפִיסָה אוּנ עֶר אִיז פְרֵיי גִיוָוארִין . אַז עֶר דַארְף לוֹיבִּין גָאט . וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט דִי וָוס זִיצֶען אִין דִי פִינְסְטֶערְנִיש וָואס זֶענֶען גִיבּוּנְדֶען אִין פַּיין אוּנ אִין אַיְזִין ווַייל זֵייא הָאבִּין ווִידֶער גִישְׁפֶּעניגְט (נִיט גִיפָאלְגְט) וָוס גָאט הָאט גִזָאגְט . אוּנ זֵייעֶר הַארְץ אִיז אוּנְטֶער טֶענִיג גִיוָוארִין דוּרְךְ זֵייעֶרֶע צָרוֹת אוּנ זֵיי הָאבֶּען גֶעשְׁרִיגֶען צוּ גָאט אוּנ גָאט הָט זֵייא אוֹיס גִיצוֹיגִין פוּן דֶער פִינְסְטֶערְנִיש . זֵיי דַארְפִין לוֹיבִּין צוּ גָאט פַר זַיין חֶסֶד וָוס עֶר הָאט מִיט זֵייא גִיטָאהן . ווִי זָאל עֶר לוֹיבִּין הָט רַב יְהוּדָה גִזָאגְט . עֶר זָאל זָאגִין בָּרוּךְ גוֹמֵל לְחַיָּיבִים טוֹבוֹת שֶׁגְּמָלַנִי כָּל טוֹב . אוּנ אַבַּיֵי הָט גִזָאגְט עֶר דַארְף זָאגִין דִי בְּרָכָה פַר צֶעהן מֶענְטְשִׁין . אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פְּסוּק מֶען זָאל אִיהם (גָאט) דֶער הוֹיבִּין אִין אַפַאר זַאמְלוּנְג פוּן פָאלְק . מַר זוּטְרָא זָאגְט אוּנ צְווֵיי פוּן דִיא צֶעהן זָאלִין זַיין רַבָּנָן (לוֹמְדִים) אַזוֹי ווִיא עֶס שְׁטֵייט אִין פְּסוּק אוּנ אִין דֶעם זִיצוּנְג פוּן זְקֵנִים (תַּלְמִידֵי חֲכָמִים) זָאל מֶען לוֹיבִּין גָאט . הָט רַב אַשִׁי גִיפְרֶעגְט טָאמֶער דַארְפִין זַיין אַלֶע לוֹמְדִים . עֶנְטְפֶערְט דִי גְמָרָא שְׁטֵייט דֶען אִין אַפַרזַאמְלוּנְג פוּן זְקֵנִים . עֶס שְׁטֵייט נָאר אַפַרזַאמְלוּנְג פוּן פָאלְק . פְרֶעגְט דִי גְמָרָא טָאמֶער מֵיינְט מֶען פְּרָאסְטֶע מֶענְטְשְׁן צֶעהן . אוּנ אוֹיסֶער דִי צֶעהן זָאלִין זַיין נָאךְ צְווֵיי מֶענְטְשִׁין תַּלְמִידֵי חֲכָמִים . צוּ זַאמֶען וֶועט זַיין צְווֶעלְף מֶענְטְשִׁין . בְּלַייבְּט אַקַשְׁיָא אויף מַר זוּטְרָא : רַב יְהוּדָה אִיז קְרַאנְק גִיוֶוען אוּנ אִיז גִיזוּנְט גִיוָוארִין אִיז אַרַיין גִינַאנְגֶען

על לגביה רב חנא בגדתאה ורבנן אמרי ליה בריך רחמנא דיהבך לן ולא יהבך לעפרא. אמר להו פטרתון יתי מאודויי והא בעי אודויי באפי עשרה (דהוו ביה עשרה והא איהו לא קא מודה לא צריך) דעני בתרייהו אמן. אמר רב יהודה שלשה צריכין שמור אלו הן חולה חתן וכלה במתניתא תנא חולה חיה חתן וכלה ויש אומרים אף אבל וי"א אף תלמיד חכם בלילה:

ד ואמר רב יהודה שלשה דברים מאריכין ימיו (ושנותיו) של אדם ואלו הן המאריך בתפלתו והמאריך בשלחנו והמאריך בבית הכסא המאריך בתפלתו מעליותא היא והא אמר רבי חייא בר אבא אמר רבי יוחנן (דף נה) כל המאריך בתפלתו ומעיין בה סוף בא לידי כאב לב שנאמר (משלי יג) תוחלת ממושכה מחלה לב ואמר רבי יצחק ג' דברים מזכירין עונותיו של אדם אלו הן קיר נטוי ועיון תפלה ומוסר דין על חברו לשמים הא לא קשיא התם דמאריך

בעיר כהסונה שבבבל משתרכה יבבל : שמור . מן המזיקים . חולה: שהורע מזלו (לפיכך) השד מתגרה בו וכן היה אבה שילדה וכן אבל : וחתן וכלה ות"ח . מקנאתן מתגרה ככם :
ומאריך על השלחן . שמתוך כך עניים באים ומתפרנסין : כמאריך בבית הכסא .
רפואה היא לו : ומעיין בה . אומר בלבו ביעשה בקשתו לפי שהתפלל בכוונה . כאב לב. שאין נעשית בקשתו : תוחלת . לשון תפלה כמו ויחל משה : מזכירין עונותיו של אדם . בעל ידו מפשפשין למעלה במעשיו לומר בוטח זה בזכיותיו נראה מה הן : קיר נטוי . מקום סכנה : מוסר דין . בוטח

צו איהם רב חנא פון בגדד אונ די רבנן האבין זיי גזאגט צו רב יהודה גילויבט איז גאט וואס ער האט דיך גיגעבין צו אונז אונ ער האט דיך ניט גיגעבין צו די ערד. האט רב יהודה גזאגט צו זיי איר האט מיך פטור גימאכט פון צו לויבען גאט. איר האט שוין גילויבט גאט פון מיינעט וועגין. פרעגט די גמרא מען דארף דאך לויבין גאט פאר צעהן מענטשין. ענטפערט דיא גמרא דארט זענען גיוועזן צעהן מענטשין. פרעגט די גמרא רב יהודה אליין האט דאך אבער ניט גילויבט גאט. ענטפערט די גמרא ער דארף ניט לויבין גאט אליין באזונדער ווארום רב יהודה האט גיענטפערט אמן נאך זייער ברכה. רב יהודה האט גזאגט דריי ערליי מענטשין דארף מען היטען פון מזיקין דאס זענען זיי אקראנקין אונ אחתן אונ אכלה. אין אברייתא האבען מיר גילערנט פיר מענטשין. אקראנקין אגעווינערין אחתן אונ אכלה. אונ אנדערע זאגין אאבל דארף מען אויך היטען. אונ אנדערע זאגין אתלמיד חכם ביי נאכט דארף מען אים היטען פון מזיקין:

ד ואמר. נאך האט רב יהודה גזאגט דריי זאכען דער לייננגערין די טעג אונ דיא יאהרין פון מענטשין אונ דס זענען זיי. דער וואס דאווינט לאנג. אונ דער וואס זיצט לאנג ביי דעם טיש ווען ער עסט. אונ דער וואס זיצט לאנג אין בית הכסא. פרעגט דיא גמרא דער וואס דאווינט לאנג איז גוט. והא אמר רבי חייא בר אבא אמר רבי יוחנן. רבי חייא בר אבא האט דאך גזאגט פון רבי יוחנן'ס וועגין דער וואס דאווינט לאנג אונ ער טראכט ווייל איך האב אזוי לאנג גידאווינט געווים וועט מען מיר געבין אלץ וואס איך האב פערלאנגט. דער נאך אז מען וועט איהם ניט געבין וואס ער האט גיבעטין וועט אים וויי טאהן די הארץ זיינע. ווייל ער האט אזוי לאנג גיהאפט אונ עס איז ניט גיקומען. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אתפלה וואס זיא ווערט אפ גיצויגען. עס קומט ניט וואס מען האט גיבעטין. איז אקראנקייט אין הארץ. אונ רבי יצחק האט גזאגט דריי זאכען דער מאנען די עבירות פון מענטשין דס זענען זייא אז איינער גייט ביי אאיינגיבויגינע וואנט. דער מאנט מען זיינע עבירות אויב ער איז ווערט די וואנט זאל ניט איינפאלען אויף איהם. אז איינער טראכט מען וועט אים געווים געבין וואס ער פערלאנגט אין זיין תפלה. דער מאנט מען זיינע עבירות אויב ער איז ווערט זיין תפלה זאל אנגינומען ווערין. אונ אז ער זאגט גאט זאל שטראפין יענעם פון מיינעט וועגין. זעהט מען זיינע עבירות צו ער איז ווערט איינער זאל גישטראפט ווערין פון זיינעטוועגין. זעהן מיר פון דאנען אז לאנג דאווענען איז ניט אזוי גוט. ענטפערט דיא גמרא דס איז ניט קיין קשיא דארטין שמועסט אז איינער דאווינט לאנג אונ טראכט דורך דעם וועט זיין תפלה אן

דמאריך ומעיין הכא דמאריך ולא מעיין . והיכי עביד מפיש ברחמי . ומאריך על שלחנו דילמא אתי עניא ויהיב ליה מידי דכתיב (יחזקאל מא) המזבח עץ שלש אמות גבוה וכתיב (שם) וידבר אלי זה השלחן אשר לפני ה׳ פתח במזבח ומסיים בשלחן . רבי יוחנן ורבי אליעזר דאמרי תרווייהו בזמן שבית המקדש קיים מזבח מכפר על ישראל ועכשיו שלחנו של אדם מכפר עליו . ואמר רב יהודה שלשה דברים מקצרין ימיו ושנותיו של אדם מי שנותנין לו ספר תורה לקרות ואינו קורא וכוס של ברכה לברך ואינו מברך והמנהיג עצמו ברבנות . מי שנותנין לו ספר תורה לקרות ואינו קורא דכתיב (דברים ל) כי היא חייך ואורך ימיך . וכוס של ברכה לברך ואינו מברך . דכתיב (בראשית יב) ואברכה מברכיך (ומקללך אאור) : והמנהיג עצמו ברבנות . דאמר רב חמא בר חנינא מפני מה מת יוסף קודם לאחיו מפני שהנהיג עצמו ברבנות :

אלא כשכוונתו שהעניים יבואו ויתנו להם ויהנו על ידה . כגון הא דמעיין בה הא דלא מעיין בה : והמנהיג עצמו ברבנות. והמברך ברכת המזון מברך לבעל הבית : יוסף מת קודם לאחיו . דכתיב וימת יוסף וכל אחיו : צריכין רחמים . צריכין לבקש רחמים שיבואו לפני שהן בידיו של הקב״ה ואין נכנס רשות לבא

ה ואמר רב יהודה (אמר רב) שלשה צריכין רחמים ואלו הן . חלום טוב ושנה טובה ומלך טוב

גינומען ווערין . זעהט מען דיא עבירות זיינע אויב ער איז ווערט דיא תפלה זיינע זאל אן גינומען ווערין . אונ דא שמועסט אז ער דאווינט לאנג אונ טראכט גאר ניט צו די תפלה ווערט אנגינומען ווערין . אזוי אדאווענען איז גוט . פרעגט דיא גמרא וויא דען זאל ער טאהן . אז ער פערלאנגט אזאך פון גאט . ענטפערט דיא גמרא ער זאל פיל בעטין . ווערט מען אים געבין וואס ער פערלאנגט . אז ער זיצט לאנג ביי דעם טיש ווען ער עסט טאמער וועט קומען אארעם מאן וועט ער איהם עפעס געבין . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער מזבח איז גיוועזן פון האלץ דריי איילין דיא הייך אונ עס שטייט ער הט גירעט צו מיר דאס איז דער טיש וואס פר גאט , פרעגט די גמרא ער הייבט אן מיט דעם מזבח אונ לאזט אויס מיט דעם טיש . רבי יוחנן אונ רבי אליעזר זאגין ביידע ווען דער בית המקדש איז גיוועזן הט דער מזבח מכפר גיוועזן די עבירות פון דיא יודין איצט אז דער מזבח איז ניטא דער טיש פון מענטשין איז מכפר זיינע עבירות . ואז דער מענטש גיט עסין ארעמע ליט ביי זיין טיש . די צדקה איז מכפר די עבירות . נאך הט רב יהודה גזאגט דריי זאכען פר קירצען די טעג אונ דיא יאהרין פון מענטש אז מען גיט אים אספר תורה ער זאל לייענען אין איר : אונ ער וויל ניט לייענען . אונ אז מען גיט איהם אכוס ער זאל בענטשין . אונ ער וויל ניט בענטשין . אונ דער וואס זיין פירונג איז מיט גרויסקייט . אז מען גיט איהם אספר תורה ער זאל לייענען אין איר . אונ ער וויל ניט לייענען . ווערט איהם אפ געקירצט זיינע יאהרין אונ טעג . ווארום עס שטייט די תורה איז דיין לעבין אונ דיא דער לייננערונג פון דיינע טעג : אונ אז ער וויל ניט לייענען די תורה וויל ער דאך ניט לעבין . דריבער ווערט אפ געקירצט זיין לעבין . אז מען גיט אים אכוס ער זאל בענטשין . אונ ער וויל ניט בענטשין . ווערט איהם אפ געקירצט זיינע יאהרין אונ טעג ווארום עס שטייט גאט הט גזאגט צו אברהם אבינו איך וועל בענטשין די וואס וועלין דיך בענטשין נאר הייסט וועד עס בענטשט איודין ווערט ער גיבענטשט פון גאט . אז ער וואלט גינומען דעם כוס אונ וואלט גיבענטשט די יודין . וואלט ער גיבענטשט גיווארין פון גאט . אונ אז ער וויל ניט בענטשין די יודין . נעמט גאט צו פון איהם זיין ברכה . אונ אז דער מענטש הט ניט קיין ברכה פון גאט האט ער ניט קיין לעבין . אונ אז זיין פירונג איז מיט גרויסקייט ווערט איהם אפ געקירצט זיינע יאהרין אונ טעג . ווארום רב חמא בר חנינא הט גזאגט פר וואס איז יוסף גישטארבין פריער פון זיינע ברידער . ווייל זיין פירונג איז גיוועזן מיט גרויסקייט :

ה ואמר . נאך הט רב יהודה גזאגט אויף דריי זאכין דארף מען בעטין ביי גאט ער

תלת ברכותיו: ראה קראתי בשם בצלאל. ראה משמע ככן את לבבך וכן עיניך בדברי: לך אמור לו לבצלאל עשה משכן ארון וכלים. שכן הם סדורין בכי תשא ראה קראתי בשם וגו' והיו אהליאב בן אחיסמך וגו' את אהל מועד ואת

טוב. חלום טוב דכתיב (ישעיה לח) ותחלימני (ותחייני) [והחייני]. שנה טובה דכתיב (דברים יא) תמיד עיני ה' אלהיך בה מרשית השנה ועד אחרית שנה. מלך טוב דכתיב (משלי כא) פלגי מים לב מלך ביד ה'. אר"י (ג' דברים) הקב"ה מכריז עליהם בעצמו ואלו הן רעב ושבע ופרנס טוב. רעב דכתיב (מ"ב ח) כי קרא ה' לרעב. שבע דכתיב (יחזקאל לו) וקראתי אל הדגן והרביתי אותו. פרנס טוב. דכתיב (שמות לא) ראה קראתי בשם בצלאל. אר"י (ויצחק) אין מעמידין פרנס על הצבור אלא אם כן נמלכין בצבור שנאמר (שם לה) ויאמר משה אל בני ישראל ראו קרא ה' בשם בצלאל. אמר ליה הקב"ה למשה משה הגון עליך בצלאל אמר ליה רבונו של עולם אם לפניך הגון לפני לא כ"ש אמר לו אף על פי כן לך אמור להם לישראל הלך ואמר להם לישראל הגון עליכם בצלאל אמרו לו משה רבינו אם לפני ה דוש ברוך הוא ולפניך הגון לפנינו לא כל שכן. אמר רבי שמואל בר נחמני א"ר יונתן בצלאל על שם חכמתו נקרא בשעה שאמר לו הקדוש ב"ה למשה לך אמור לבצלאל עשה לי משכן ארון וכלים הלך משה ואמר להפך עשה כלים ארון ומשכן אמר לו משה רבינו מנהגו של עולם אדם בונה בית ואחר כך מכנים להוכו כלים ואתה

זאָל דָם גֶעבִּין. וַוייל דָם אִיז נָאר בַּיי גָאט אִין הַאנְט. דָם זֶענֶען דִי דְרַיי זַאכִין. אַגוּטֶער חָלוֹם. אוּנ אַגוּט יָאהר. אוּנ אַגוּטֶער מֶלֶךְ. אַגוּטֶער חָלוֹם. וָוארוּם עֶם שְׁטֵייט חִזְקִיָהוּ הַמֶלֶךְ הָאט מִתְפַּלֵל גִיוֶועֶן צוּ גָאט דוּא זָאלְסְט מִיר גֶעבִּין אַגוּטֶען חָלוֹם אַז דוּ וֶועסְט מִיךְ לָאזִין לֶעבִּין. אַגוּטֶען יָאהר. וָוארוּם עֶם שְׁטֵייט דִי אוֹיגִין פוּן גָאט קוּקִין שְׁטֶענְדִיג אוֹיף דִי לַאנְד פוּן אָנְהֵייבּ יָאהר בִּיז צוּם סוֹף יָאהר. אַגוּטֶער מֶלֶךְ. וָוארוּם עֶם שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אַזוֹי וְוי אַקְוַואל וַואסֶער אִיז בַּיי דֶעם מֶענְטְשׁ אִין הַאנְט עֶר צִיהט דִי וַואסֶער צוּ וֶועלְכִין אָרְט עֶר ווִיל. אַזוֹי אִיז דִיא הַארְץ פוּן מֶלֶךְ בַּיי גָאט אִין הַאנְט. גָאט נֵייגְט דִיא הַארְץ פוּן מֶלֶךְ וְוִיא עֶר ווִיל. רַבִּי יוֹחָנָן הָט גְזָאגְט דְרַיי זַאכִין רוּפְט גָאט אַלֵיין אוֹים: הוּנְגֶער. אוּנ זָאהט: אוּנ אַגוּטֶען פִּירֶער אוֹיף דִיא יוּדִין. הוּנְגֶער וָוארוּם עֶם שְׁטֵייט גָאט הָט גִירוּפֶען צוּם הוּנְגֶער עֶר זָאל קוּמֶען אוֹיף דִיא וֶועלְט. זָאהט. וָוארוּם עֶם שְׁטֵייט אִיךְ וֶועל רוּפִין צוּ דִי קָארִין אוּנ אִיךְ וֶועל אִיהם מֶעהרִין. אַגוּטִין פִּירֶער וָוארוּם עֶם שְׁטֵייט זֶעה אִיךְ הָאבּ גִירוּפֶען מִיט דֶעם נָאמֶען בְּצַלְאֵל. רַבִּי יוֹחָנָן הָאט גְזָאגְט מֶען טָאר נִיט מַאכִין אַפִּירֶער אוֹיף אַשְׁטָאט סַיידִין מֶען זָאל פְרֶעגִין דִיא מֶענְטְשִׁין פוּן שְׁטָאט אוֹיבּ זֵיי וִוילֶען דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זַיין זֵייעֶר פִירֶער. אַזוֹי וְוִיא עֶם שְׁטֵייט אִין פָּסוּק מֹשֶׁה הָט גְזָאגְט צוּ דִי יוּדִין זֶעהט גָאט הָט גִירוּפֶען דֶעם נָאמֶען בְּצַלְאֵל. גָאט הָאט גְזָאגְט צוּ מֹשֶׁה. מֹשֶׁה בְּצַלְאֵל גִיפֶעלְט דִיר. הָט מֹשֶׁה גְזָאגְט צוּ גָאט. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אוֹיבּ עֶר גִיפֶעלְט דִיר גִיפֶעלְט עֶר דָאךְ מִיר גֶעווִים. הָאט גָאט גְזָאגְט צוּא מֹשֶׁה פוּן דֶעסְטְווֶעגִין אֲפִילוּ אוּנְז בַּיידִין גִיפֶעלְט בְּצַלְאֵל גֵיי זָאג (פְרֶעג) צוּ דִי יוּדִין אוֹיבּ זֵייא גִיפֶעלְט אוֹיךְ בְּצַלְאֵל: אִיז מֹשֶׁה גִיגַאנְגֶען אוּנ הָאט גְזָאגְט צוּ דִי יוּדִין אַייךְ גִיפֶעלְט בְּצַלְאֵל. הָאבִּין דִי יוּדִין גְזָאגְט צוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ. אוֹיבּ פַאר גָאט אוּנ פַאר דִיר גִיפֶעלְט בְּצַלְאֵל. זָאל עֶר אוּנְז נִיט גִיפֶעלִין. עֶר גִיפֶעלְט אוּנְז גֶעווִים, בְּצַלְאֵל. רַבִּי שְׁמוּאֵל בַּר נַחְמָנִי הָט גְזָאגְט פוּן רַבִּי יוֹנָתָן וֶועגִין וָועם עֶר אִיז גִיבּאהרִין גִיוָוארִין הָט מֶען אִיהם גִירוּפֶען בְּצַלְאֵל. נָאר דוּרְךְ זַיין חָכְמָה הָט מֶען אִים גִירוּפֶען בְּצַלְאֵל: בְּשָׁעָה שֶׁאָמַר לוֹ הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לְמֹשֶׁה. וֶוען גָאט הָאט גְזָאגְט צוּ מֹשֶׁה גֵיי זָאג צוּ בְּצַלְאֵל עֶר זָאל מַאכֶען אַמִשְׁכָּן אוּנ אַאָרוֹן אוּנ דִיא אִיבֶּערִיגֶע כֵּלִים. אִיז מֹשֶׁה גִיגַאנְגֶען צוּ בְּצַלְאֵל אוּנ הָט גְזָאגְט פַארקֶערְט מַאךְ דִי כֵּלִים אוּנ דֶעם אָרוֹן אוּנ דֶעם מִשְׁכָּן. הָט בְּצַלְאֵל גְזָאגְט צוּ מֹשֶׁה. מֹשֶׁה רַבֵּינוּ דֶער פִירוּנְג פוּן דִי וֶועלְט אִיז אַמֶענְטְשׁ בּוֹיאט פְרִיעֶר אַשְׁטוּבּ דֶער נָאךְ מַאכְט עֶר כֵּלִים אוּנ שְׁטֶעלְט זֵייא אַרַיין אִין שְׁטוּבּ: אוּנ דוּא זָאגְסְט צוּ מִיר אִיךְ זָאל מַאכֶען פְרִיעֶר כֵּלִים דֶער נָאךְ אַאָרוֹן דֶער נָאךְ אַמִשְׁכָּן. דִי כֵּלִים וָואס אִיךְ

ואתה אומר לי עשה כלים ארון ומשכן כלים שני עושה להיכן אכניסם שמא כך אמר לך הקב"ה עשה משכן ארון וכלים. אמר ליה בצל אל היית וידעת. אמר רב יהודה אמר רב יודע היה בצלאל לצרף אותיות שנבראו בהם שמים וארץ כתיב הכא (שמות לה) וימלא אותו רוח אלהים וגו' וכתיב התם (משלי ג) ה' בחכמה יסד ארץ כונן שמים בתבונה וכתיב (שם ד) בדעתו תהומות נבקעו. אמר רבי יוחנן אין הקב"ה נותן חכמה אלא למי שיש בו חכמה שנאמר (דניאל ב) יהב חכמתא לחכימין וגו'. שמע רב תחליפא בר מערבא אזל אמרה קמיה דרבי אבהו אמר ליה אתון מהתם מתניתו להו אנן מהכא מתנינן לה (דכתיב) (שמות לא) ובלב כל חכם לב נתתי חכמה:

שם ן א"ר חסדא כל חלום ולא טוות. וא"ר חלמא בישא עציבותיה מסתייה חלמא טבא הדויה מסתייה א"ר יוסף חלמא טבא אפי' לדידי בדיחותיה מפכחא ליה. וא"ר חלמא בישא עדיף מטבא. וא"ר לא חלמא טבא מתקיים כוליה ולא חלמא בישא מתקיים כוליה. וא"ר חלמא דלא

כ"רון לעדות ונומר וכל כפרשה ומשה א"ל עשה ארון וכלים כנון שלחן ומנורה ואח"כ משכן דמלכות נר' (יונתן) [יודע] שנסדר שהם סדורין כיקאו לי ברומה נאמרו לו: אותיות שנבראו בהן שמים וארץ. ע"י צירופן ובספר יצירה תני להו: כל חלום ולא טוות. כל החלומות יראה אדם ולא יראה מאותם שהוא שרוי בתענית חלום טוב. טווה לשון הענית כמו וכת טוות האמור בדריוש: עציבותיה מסתייה. די לו עצבונו מה שאדם מתעצב עליו מבטל את החלום: אפילו לדידי. שאני מאור עינים: בדיחותיה מפכחא ליה. (טבותיה) מבטלתו (דלא מתקיים עליו כלל): עדיף מחלמא טבא. שמביא את האדם לידי תשובה: דלא מפשר. שלא פתרוהו: כאגרתא דלא מיקריא. לא טוב

ווע֞ל מאכען וואו וועל איך זייא אריין שטעלין. טאמער האט גאט אזוי געזאגט צו דיר מאך פריער א משכן דער נאך א ארון דער נאך די איבעריגע כלים. האט משה געזאגט צו בצלאל דוא ביסט געוועזען אין שאטין פון גאט וייסטו אז גאט האט טאקי געזאגט צו מיר פריער זאל מען מאכען דעם משכן דער נאך דעם ארון דער נאך די איבעריגע כלים. רב יהודה האט געזאגט פון רבס וועגין בצלאל האט געוואוסט צו זאמען שטעלין די אותיות וואס מיט זייא איז בעשאפין געווארין דיא הימעל מיט די ערד (אזוי וויא עס שטייט אין ספר יצירה). דא ביי בצלאל שטייט גאט האט איהם פול געמאכט מיט געטליכע געדאנקען מיט קלוגשאפט אונ מיט וויסענשאפט אונ מיט פערשטאנד. אונ דארט ביי די בעשאפונג פון די הימעל מיט די ערד שטייט. גאט האט געגרינדעט די ערד מיט חכמה די הימעל האט גאט אנגיברייט מיט פערשטאנד אונ עס שטייט מיט זיין וויסענשאפט זענען די אבגרונדין צו שפאלטען געווארין. רבי יוחנן האט געזאגט גאט גיט ניט חכמה נאר צו אזעלכין וואס ער איז א חכם אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט גיט חכמה צו דיא חכמים. רב תחליפא פון ארץ ישראל האט גיהערט וואס רבי יוחנן האט געזאגט איז ער גיגאנגען אונ האט דאס געזאגט פאר רבי אבהו האט רבי אבהו געזאגט צו רב תחליפא איר לערנט דס פון דעם פסוק וואס דניאל האט געזאגט יהב חכמתא לחכימי ער גיט חכמה צו דיא קלוגע. מיר לערנען דס פון דאנען. עס שטייט אין דיא תורה אין די הארץ פון די קלוגע הערצער האב איך גיגעבין חכמה:

ן אמר. רב חסדא האט געזאגט אלע חלומות וואס א מענש זעהט זאל ער ניט האבין קיין צער. נאר אז ער זעהט אין חלום אז ער פאסט. דארויף זאל ער האבין צער. נאך האט רב חסדא געזאגט אז איינער זעהט א שלעכטין חלום. די טרויעריקייט וואס ער האט פון דעם חלום. איז גינוג דער שלעכטער חלום זאל בטל ווערין. אז איינער זעהט א גוטען חלום. די שמחה וואס ער האט פון דעם חלום איז גינוג דער גוטער חלום זאל בטל ווערין. רב יוסף האט געזאגט א גוטער חלום אפילו איך וואס איך בין בלינד מיין שמחה פון דעם חלום איז אויך מבטל דעם חלום. נאך האט רב חסדא געזאגט א שלעכטער חלום איז בעסער וויא א גוטער חלום. ווייל דער מענש האט מורא פר דעם חלום טוהט ער תשובה. נאך האט רב חסדא געזאגט ניט א גוטער חלום ווערט מקוים אין גאנצען אונ ניט א שלעכטער חלום ווערט מקוים אין גאנצען. נאך האט רב חסדא געזאגט א חלום וואס מען האט איהם ניט פותר געווען. מען האט נאך ניט געזאגט דעם מיינונג פון דעם חלום. איז ער ווי א בריף וואס מען האט איהם נאך ניט גילייענט. ווי'ס מען ניט צו ער

מפשר כאגרתא דלא מיקריא. וא"ר יהודה (חסדא) נחלמא בישא קשה מנגרא שנאמר (קהלת ג) והאלהים עשה שייראו מלפניו ואמר רבה בר בר חנה אמר רבי יוחנן זה חלום רע. (ירמיה כג) הנביא אשר אתו חלום יספר חלום וגו' וכי מה ענין בר ותבן אצל חלום אמר רבי יוחנן משום רבי שמעון בן יוחאי כשם שאי אפשר לבר בלא תבן כך אי אפשר לחלום בלא דברים בטלים אמר רבי ברכיה חלום אף על פי שרובו מתקיים כולו אין מתקיים מנ"ל מיוסף דכתיב (בראשית לז) [והנה השמש והירח וגו'] הבוא נבוא אני ואמך ואחיך להשתחוות לך ארצה ואלו (ע"ב) [וההיא שעתא] אמיה לא הויא אמר רבי לוי לעולם יצפה אדם לחלום טוב עד כ"ב שנה מנ"ל מיוסף שנאמר (שם) יוסף בן שבע עשרה שנה (שם מא) ויוסף בן שלשים שנה בעמדו לפני פרעה משבעה עשר ועד שלשים כמה הוי תליסר ז' דשבעא ותרתין דכפנא הוי עשרין ותרין. אמר רב הונא (בר לואי) לאדם טוב מראין לו חלום רע ולאדם רע מראין לו חלום טוב תניא נמי הכי כל שנותיו של דוד לא ראה חלום טוב וכל שנותיו של אחיתופל לא ראה חלום רע

אלא רע. הוא שכל החלומות הולכין אחר הפתרון: מעגלא. מתלקחת לפי שדואג ממנו: זה חלום רע. מיראתו ישוב ויכנע: והיא שעתא. דחלם אמיה לא הוה: יצפה. שיתקיים: מיוסף. שלא נתקיימו ההשתחואות (כללו) עד כ"ב שנה כשירד יעקב למצרים שכבר היה רעב שתי שנים דכתיב כי זה שנתים הרעב בקרב הארץ: לאדם טוב מראין לו חלום רע. כדי שידאג ולא יחטא ושיכפר לו עונו: לאדם רע מראין לו חלום טוב. כדי לשמחו שיאכל עולמו. ודוד לא ראה חלום טוב

איז אנגוטער בריף צו אשלעכטער. אזוי ווייס מען ניט רעט חלום צו ער איז גוט צו שלעכט. נאך הט רב חסדא גזאגט אשלעכטער חלום איז ערגער וויא מלקות. אזוי וויא דער פסוק זאגט גאט הט גימאכט מען זאל פר איהם מורא האבין הט רבה בר בר חנה גזאגט פון רבי יוחנן וועגין דם מיינט מען אשלעכטין חלום. גאט הט גימאכט רעם שלעכטין חלום מען זאל פר איהם מורא האבין: ירמיה הנביא הט גזאגט דער נביא וואס איהם הט גיחאלימט אחלום. זאל ער דער ציילען דעם חלום. וויטער שטייט וויא קען זיך פר גלייכין די שטרוי צו די קארין. פרעגט די גמרא וויא קומט שטרוי מיט קארין צו אחלום. הט רבי יוחנן גזאגט פון רבי שמעון בן יוחאי וועגין אזוי ווי עס קען ניט זיין קארין אן שטרוי אזוי קען ניט זיין אחלום אן נארישקייט. רבי ברכיה הט גזאגט אפילו דאס מערסטע פון דעם חלום ווערט מקוים. אבער דער גאנצער חלום ווערט ניט מקוים. פון וואנען ווייסין מיר דם. ענפערט די גמרא פון דעם חלום פון יוסף ווארום עס שטייט אין פסוק יוסף הט דער ציילט ער הט גיזעהן אין חלום אז דיא זוהן מיט דיא לבנה אונ די עלף שטערין בוקין זיך צו איהם. הט יעקב איהם גיענפערט וועלין מיר דען קומען איך אונ דיין מוטער אונ דיינע ברידער מיר זאל אונז בוקין צו דיר צו דיא ערד. אונ די צייט ווען יוסף הט גיזעהן דעם חלום איז דאך שוין זיין מוטער ניט גיוועזן. זיא הט שוין ניט גילעבט. זעהן מיר דם מערסטע פון חלום איז מקוים גיווארין. יעקב מיט די עלף זיהן האבען זיך גיבוקט צו יוסף. אונ דער גאנצער חלום איז ניט מקוים גיווארין. די לבנה דאס איז דיא מוטער הט זיך ניט גיבוקט צו יוסף. רבי לוי הט גזאגט אז עס הט גיחלימט איינעם אגוטער חלום זאל ער ווארטען ביז צוויי אונ צוואנציג יאהר דער חלום זאל מקוים ווערן. פון וואנען ווייסין מיר פון דעם חלום פון יוסף. ווארום עס שטייט אין פסוק יוסף איז אלט גיוועזן זיבעצין יאהר ווען דיא ברידער האבין איהם פר קויפט אונ יוסף איז אלט גיוועזן דרייסיג יאהר ווען ער איז גישטאנען פר פרעה פון זיבעצין ביז דרייסיג וויא פיל איז דרייצעהן יאהר. זיבען יאהר פון זאט אונ צוויי יאהר פון הונגער ביז יעקב מיט דיא זיהן זענען גיקומען צו יוסף איז צוויי אונ צוואנציג יאהר. רב הונא הט גזאגט צו אגוטען מענטשין וצו אצדיק ווייזט מען אשלעכטין חלום. ער זאל מורא האבין וועט ער ניט זינדיגען. אונ אויב ער הט אביסל עבירות פון פריער. וועט דער צער מכפר זיין אויף זיינע עבירות. אונ צו אשלעכטין מענטשין וצו ארשע) ווייזט מען אגוטען חלום. מיט דיא שמחה פון דעם חלום בצאהלט מען איהם פאר זיינע ביסול מצות וואס ער הט גיטאהן. מיר האבין אויך אזוי גילערנט אלע יאהרין וואס דוד

רע איני והכתיב (תהלים צא) לא תאונה אליך רעה ואמר רב חסדא אמר רב ירמיה בר אבא שלא יבהלוך חלומות רעים והרהורים רעים ונגע לא יקרב באהלך שלא תמצא אשתך ספק נדה בשעה שאתה בא מן הדרך איהו לא חזי אבל אחריני חזו ליה. וכי לא חזא איהו מעליותא הוא והא אמר רבי ינאי אמר רבי זירא (זעירא) כל הלן שבעה ימים בלא חלום נקרא רע שנאמר (משלי יט) ושבע ילין בל יפקד רע אל תקרי שבע אלא שבע. כי קאמרינן כגון דחזא ולא ידע מאי קא חזא. אמר רב חנן (הונא) בר אמי אמר רבי פדת אמר רבי יוחנן הרואה חלום ונפשו עגומה עליו ילך ויפתרנו בפני שלשה. יפתרנו והא אמר רב חסדא חלמא דלא מפשר כאגרתא דלא מקריא אלא אימא יטיבנו בפני שלשה ליתי תלתא דמרחמי ליה ולימא להו הלמא טבא חזאי וכו':

אמימר

והכתיב לא תאונה אליך רעה וגו' ל"ג הכי הלא גרס והכתיב לא תאונה אליך רעה וגו' קשיא לרב הונא דאמר לאדם טוב מראין לו חלום רע ומשני איהו לא חזי אחריני חזו ליה חלום רע: וכי לא חזא איהו מעליותא הוא. כיון דלא חזי חלום רע כדקאמר שלא יבהילוהו וחלום טוב כל שכן דלא חזי דהא קתני כל ימיו של דוד לא ראה חלום טוב א"כ לא הוה ליה חלום כלל: והא"ר כו' אלא שבע. שבע לילות ילין שלא יפקד בשום חלום הכי הוא רע וסוגאין לו ואין מראין לו כלום. ומשני: דחזי ולא ידע מאי חזי. אדם טוב רואה חלום טוב ועד שלא יקיץ משתכח ממנו כדי שלא ישמח:

הָט גִיקֶעבְּט הָאט ,עֶר נִיט גִיזֶעהֶן ,קֵיין גוּטֶען חָלוֹם. אוּנ ,אָלֶע יָאהרִין וָואס אֲחִיתוֹפֶל הָט גִילֶעבְּט הָט ,עֶר נִיט גִיזֶעהֶן ,קֵיין שְׁלֶעכְטִין חָלוֹם. פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא עֶס אִיז דָאךְ נִיט אַזוֹי ,עֶס שְׁטֵייט דָאךְ אִין פָּסוּק ,עֶס וֶועט נִיט טְרֶעפִין צוּ דִיר [צוּם צַדִיק] ,קֵיין שְׁלֶעכְטְס. הָט רַב חִסְדָא גְזָאגְט פוּן רַב יִרְמְיָה בַּר אַבָּאס וֶועגִין. דָס מֵיינְט מֶען ,עֶס וֶועלִין דִיךְ נִיט דֶער שְׁרֶעקִין שְׁלֶעכְטֶע חֲלוֹמוֹת אוּנ נִיט שְׁלֶעכְטֶע גִידַאנְקִין. אוּנ ,עֶס וֶועט נִיט גִינֶעהֶען ,קֵיין פְּלָאג אִין דַיין גִיצֶעלְט. דָס מֵיינְט מֶען וֶוען דוּ וֶועסְט קוּמֶען צוּ פָארִין פוּן וֶועג וֶועסְטוּ נִיט טְרֶעפִין דַיין וַוייבּ זָאל זַיין אִין סָפֵק צוּ זַי אִיז אַנִדָה צוּ ,נֵיין. אָבֶּער מִיר זֶעהֶן אַז דֶער פָּסוּק זָאגְט אַז אַצַדִיק וֶועט נִיט הָאבֶּען ,קֵיין שְׁלֶעכְטִין חָלוֹם. ,עֶנְפֶערְט דִי גְמָרָא ,עֶר אַלֵיין וֶועהט נִיט אוֹיף זִיךְ ,קֵיין שְׁלֶעכְטִין חָלוֹם. אָבֶּער אַנְדֶערֶע מֶענְטְשִׁין זֶעהֶן אוֹיף אִיהם שְׁלֶעכְטֶע חֲלוֹמוֹת. אוּנ זֵייא זָאגִין אִיהם הָט ,עֶר צַעַר. אוּנ דֶער צַעַר אִיז מְכַפֵּר אוֹיף זַיינֶע בִּיסֶעל עֲבֵירוֹת. פְרֶעגְט דִי גְמָרָא אַז ,עֶר וֶועהט גָאר נִיט ,קֵיין חָלוֹם [אַגוּטֶען חָלוֹם נִיט אוּנ אַשְׁלֶעכְטִין אוֹיךְ נִיט] דָאס אִיז גוּט רַבִּי יַנַאי הָאט דָאךְ גְזָאגְט פוּן רַבִּי זְעִירָאס וֶועגִין וֶוער ,עֶס שְׁלָאפְט זִיבֶּען נֶעכְט אָן אַחָלוֹם וֶוערְט ,עֶר גִירוּפֶען אַשְׁלֶעכְטֶער. וָוארוּם ,עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אַז ,עֶר נֶעכְטִיגְט זַאט מִיט תּוֹרָה וֶועט ,עֶר נִיט דֶער מָאנְט וֶוערִין צוּ שְׁלֶעכְטְס. זָאגְט דִי גְמָרָא זָאלְסְט נִיט לֵייעֶנֶען וְשָׂבֵעַ. זַאט. נָאר זָאלְסְט לֵייעֶנֶען שֶׁבַע. זִיבֶּען. [וְשֶׁבַע יָלִין בַּל יִפָּקֵד] אַז ,עֶר נֶעכְטִיגְט זִיבֶּען נֶעכְט אוּנ ,עֶר וֶוערְט נִיט דֶער מָאנְט מִיט אַחָלוֹם. ,עֶס חָלִילָה אִיהם גָאר נִיט. [רַע] הֵייסְט ,עֶר אַשְׁלֶעכְטֶער. אַרָשָׁע. ,עֶנְפֶערְט דִי גְמָרָא וֶוען זָאגִין מִיר אַז דֶער צַדִיק וֶועהט יָא אַגוּטֶען חָלוֹם: דָס מֵיינְט מֶען ,עֶר וֶועהט בַּייא נַאכְט אַגוּטֶען חָלוֹם אוּנ אִין דֶער פְרִיא וֵוייס ,עֶר שׁוֹין נִיט וָוס ,עֶר הָט גִיזֶעהֶן: ,עֶר זָאל נִיט הָאבֶּען ,קֵיין שִׂמְחָה אוֹיף דֶעם חָלוֹם. [רַב חָנָן בַּר אַמִי הָט גְזָאגְט. רַבִּי פְּדָת הָט גְזָאגְט פוּן רַבִּי יוֹחָנָנְס וֶועגִין] אַז אֵיינֶער הָט גִיזֶעהֶן אַחָלוֹם אוּנ ,עֶר אִיז טְרוֹיעֶרִיג דוּרךְ דֶעם חָלוֹם זָאל ,עֶר גֵיין צוּ דְרַיי מֶענְטְשִׁין זֵיי זָאלִין אִיהם זָאגִין דֶעם מֵיינוּנְג פוּן דֶעם חָלוֹם: פְרֶעגְט דִי גְמָרָא זֵייא זָאלִין אִיהם בַּשֵׁיידִין דֶעם חָלוֹם רַב חִסְדָא הָט דָאךְ גְזָאגְט אַחָלוֹם וָוס מֶען הָט אִיהם נָאךְ נִיט בַּשֵׁייד. מֶען הָט נָאךְ נִיט גְזָאגְט דֶעם מֵיינוּנְג פוּן אִיהם. אִיז ,עֶר אַזוֹי וִויא אַבְּרִיף וָואס מֶען הָט אִיהם נָאךְ נִיט גִילֵייעֶנְט. וֵויים מֶען נִיט צוּ דָס אִיז אַגוּטֶער בְּרִיף צוּ אַשְׁלֶעכְטֶער בְּרִיף. אַזוֹי אַחָלוֹם אַז מֶען הָט נָאךְ נִיט גְזָאגְט דֶעם מֵיינוּנְג צוּ שְׁלֶעכְטִין ,קֶען ,עֶר נָאךְ זַיין אַגוּטֶער חָלוֹם. צוּ וָואס זָאל ,עֶר גֵיין מֶען זָאל אוֹיף אִיהם זָאגִין אַמֵיינוּנְג טָאמֶער זָאגְט מֶען שְׁלֶעכְט: נָאר זָאג אַזוֹי ,עֶר זָאל דֶער צֵיילֶען דֶעם חָלוֹם פַאר דְרַייא מֶענְטְשִׁין ,עֶר זָאל בְּרֵיינְגֶען דְרַיי מֶענְטְשִׁין וָואס הָאבֶּען אִיהם לִיבּ אוּנ ,עֶר זָאל זָאגִין צוּ זֵיי אִיךְ הָאבּ גִיזֶעהֶן אַגוּטֶען חָלוֹם. אוּנ זֵייא זָאלִין אוֹיךְ זָאגִין דוּא הָאסְט גִיזֶעהֶן אַגוּטֶען חָלוֹם [אוּנ וַוייטֶער אַזוֹי וִויא ,עֶס שְׁטֵייט

וקפא. גודל: אטרפא דנהיריה דשמאלא. דופן השמאלי של חוטמו: עולי עין. שולטין על העין ולא העין עולה עליהם: כאי מאן דאליש.

(ע"ב) ז אמימר ומר זוטרא ורב אשי הוו יתבי בהדי הדדי אמר כל חד וחד מינן לימא מילתא דלא שמיע ליה לחבריה. פתח חד מנייהו ואמר האי מאן דחזי חלמא ולא ידע מאי חזא ליקום קמי כהני בעדנא דפרסי ידייהו ולימא הכי רבונו של עולם אני שלך וחלומותי שלך חלום חלמתי ואיני יודע מה הוא בין שחלמתי אני לעצמי וגו' עד לשמחה ולשלום ומסיים בהדי כהנא דעני צבורא אמן ואי לא לימא הכי אדיר במרום שוכן בגבורה וגו'. פתח אידך ואמר האי מאן דסליק למתא ודחיל מעינא בישא לינקוט זקפא דידא דימיניה בידא דשמאליה וזקפא דידא דשמאליה בידא דימיניה ולימא הכי אנא פלוני בר פלניתא מזרעא דיוסף קא אתינא דלא שלטא ביה עינא בישא דכתיב (בראשית מט) בן פורת יוסף בן פורת עלי עין. ואמר רב אל תקרי עלי עין אלא עולי עין. ורבי יוסי בר חנינא אמר מהכא (שם מח) וידגו לרוב בקרב הארץ. מה דגים שבים מים מכסין אותם ואין העין שולטת בהם אף זרעו של יוסף אין עין רעה שולטת בהם. ואי דחיל מעינא בישא דיליה ליחזיה אטרפיה דנהירי דשמאלא. פתח אידך ואמר האי מאן דחליש יומא קמא לא לימא מידי כי היכי דלא ליתרע מזליה מכאן ואילך ליגלי כי הא

דרבא

אין סדור] ווערין זייא בשיידין דעם חלום צו גוטען. וועט ער זיין גוט: אמימר אונ מר זוטרא אונ רב אשי זענען גיזעסין צו זאמען האט איינער פון זיי גיזאגט יעדער פון אונז זאל זאגין אזוי אזאך וואס זיין חבר ווייס ניט. האט איינער פון זיי אנגיהויבען אונ האט גיזאגט ווער עס האט גיזעהן אחלום אונ ער ווייס ניט וואס ער האט גיזעהן זאל ער זיך שטעלין פאר דיא כהנים ווען זיי פארשפרייטען דיא הענט צום דוכנען אונ ער זאל אזוי זאגין. רבונו של עולם איך בין דיין אונ מיינע חלומות זענען אויך דיין עס האט מיך גיחלומת אחלום אונ איך ווייס ניט וואס דער חלום איז ביי עס האט מיך גיחלמת אויף מיך אליין [אונ אזוי וויא עס שטייט ווייטער אין סדור] ביז דיא ווערטער לשמחה ולשלום אונ ער זאל אויס לאזין גלייך מיט דיא כהנים אלע מענטשין וואס אין שוהל זאלין ענפערין אמן. וועט זיין דער אמן אויף זיין תפלה אויך. אונ אויב ער האט ניט גיזאגט דעם רבונו של עולם זאל ער אזוי זאגין אדיר במרום שוכן בגבורה. אתה שלום ושמך שלום. [אונ אזוי וויא ווייטער שטייט אין סדור]. פתח. האט דער אנדערער אן גיהויבען אונ האט גיזאגט ווער עס גייט אין שטאט אריין אונ ער האט מורא פאר אשלעכטע אויג. פאר עין הרע. זאל ער האלטען אין דיא לינקע האנט דעם גראבין פינגער פון דיא רעכטע האנט. אונ דעם גראבען פינגער פון דיא לינקע האנט זאל ער האלטען אין דיא רעכטע האנט אונ ער זאל אזוי זאגין איך דער זוהן פון די אשה איך בין גיבאהרין פון די קינדער פון יוסף וואס אויף איהם גיוועלטיגט ניט אשלעכטע אויג. ווארום עס שטייט אין פסוק יוסף איז צוזן פון חן ער איז אזון פון חן עלי עין אויף די אויג האט רב גיזאגט דוא זאלסט ניט לייענען עלי עין אויף די אויג נאר זאלסט לייענען עולי עין זייא גייען ארויף אויף דיא אויג. ניט די אויג גיוועלטיגט אויף זיי. נאר זייא גיוועלטיגען אויף די אויג: רבי יוסי בר חנינא זאגט פון דאנען ווייסען מיר אז אשלעכטע אויג גיוועלטיגט ניט אויף די קינדער פון יוסף. עס שטייט אין פסוק זייא זאלין זיין אויף דיא ערד אזוי פיל וויא פיש. אזוי וויא די פיש וואס אין ים. דיא וואסער פארדעקט אויף זייא. אז דיא אויגען פון מענטשין קענען ניט גיוועלטיגען אויף זייא צוא וויסען וויא פיל זייא זענען. קען מען זייא ניט געבין קיין עין הרע. אזוי גיוועלטיגט ניט קיין שלעכטע אויג אויף דיא קינדער פון יוסף. אויב ער האט מורא פאר זיין שלעכטע אויג. ער זאל זיך אליין ניט געבין קיין עין הרע. זאל ער זיך איינקוקין אויף דיא לינקע וואנט פון דיא נאז. האט דער דריטער אן גיהויבען אונ האט גיזאגט ווער עס ווערט קראנק דעם ערשטין טאג זאל ער ניט זאגין פאר קיינעם אז ער איז קראנק עס זאל ניט שלעכט ווערין זיין מזל. טאמער

רבא כי הוה חליש יומא קמא א"ל לשמעיה מ־יוקי גלי ולא תגלו למחר א"ל פוקו ואכריזו עלי בשוקא

מ שתנה לא ליגלי יומא קמא כמה יתרע מזליה : דסני לי לחדי לי . מתוך כך יבוא חזון לפ כי

רבא חלש רבא חלש מאן דרחים לי ליבעי עלי רחמי ומאן דסני לי לחדי לי וכתיב (משלי יח) בנפול אויבך אל תשמח ובכשלו אל יגל לבך פן יראה ה' ורע בעיניו והשיב מעליו אפו. שמואל כי הוה חזו חלמא בישא אמר (זכריה י) החלומות השוא ידברו . כי הוה חזו חלמא טבא הוה מתמה ואמר וכי חלומות שוא ידברו והא כתיב (במדבר יב) בחלום אדבר בו . רבא רמי כתיב בחלום אדבר בו וכתיב החלומות השוא ידברו . לא קשיא כאן על ידי מלאך וכאן על ידי שד . א"ר ביזנא בר זבדא אמר רבי עקיבא אמר רבי פנדא א"ר תנחום (נחום) אמר רבי בירים משום זקן אחד ומנו רבי בנאה עשרים וארבעה פותרי חלומות היו בירושלים פעם אחת חלמתי חלום והלכתי אצל כולם מה שפתר לי זה לא פתר לי זה וכלם נתקיימו בי לקיים מה שנאמר כל החלומות הולכין אחר הפה אטו כל החלומות הולכין אחר

באריך ער גאר ניט קראנק זיין . אונ ווייל מען וועט זאגין אויף איהם ער איז קראנק . וועט ער דורך דעם ליידין קראנק ווערין : וויא מען וואלט איהם געוואונשען ער זאל קראנק ווערין . אז ער איז קראנק דעם אנדערין טאג אויך זאל ער שוין זאגין ער איז קראנק . מען זאל זוכען פון זיינעם וועגין ארפואה . אז רבא פלעגט קראנק ווערין דעם ערשטין טאג פלעגט ער זאגין צו זיין דינער מאך צו דיא טירען קיינער זאל ניט אריין קומען צוא מיר . אונ זאלסט ניט זאגין אז איך בין קראנק ; אויף מארגין אז ער איז דעם אנדערין טאג אויך קראנק געוועזן האט ער גזאגט צוא זיינע שמש מענטשין גייט ארויס אין גאס אונ רופט אויס רבא איז קראנק . ווער עס הט מיך ליב וועט בעטין פון מיינעט וועגין איך זאל געזונד ווערין . אונ ווער עס האט מיך פיינט וועט זיך פרייען אויף מיר ; אונ עס שטייט אז דיין פיינט וועט פאלען זאלסטו דיך ניט פרייען . אונ אז ער וועט געשטרויכילט ווערין זאל זיך דיין הארץ ניט פרייען . טאמער אז גאט וועט זעהן דו פרייסט דיך אויף דיין שונא . וועט דם ביי גאט שלעכט זיין . עס וועט איהם ניט געפעלין . וועט גאט אראפ נעמען זיין כעס פון דעם שונא ; אזוי האט רבא אויך גזאגט אויב מיינע שונאים וועלין זיך פרייען אויף דעם וואס איך בין קראנק . וועט גאט אפ טאהן פון מיר דיא קראנקייט . אז שמואל פלעגט זעהן א שלעכטין חלום פלעגט ער זאגען דיא חלומות ריידען פאלשע זאכען . דיא שלעכטס וועט ניט מקוים ווערין . אז ער הט געזעהן א גוטען חלום פלעגט ער זיך וואונדערין אונ פלעגט זאגין ריידען דען דיא חלומות פאלשע זאכען עס שטייט דאך אין פסוק אז גאט רעט צו דיא נביאים אויך דורך חלומות . וועט דער חלום אויך געוויס מקוים ווערין . רבא האט געפרעגט אין איין פסוק שטייט גאט רעט צו דיא נביאים דורך א חלום אונ אין איין פסוק שטייט די חלומות ריידען פאלשע זאכען . ענטפערט דיא גמרא עס איז ניט קיין קשיא א אמת'ער חלום איז דורך א מלאך אונ א פאלשער חלום איז דורך א שד . רב ביזנא בר זבדא הט גזאגט . אז רבי עקיבא האט גזאגט . אונ רב פנדא האט גזאגט אז רבי תנחום האט גזאגט . אונ רבי בירים האט גזאגט אז איין אלטער מאן דאס איז רבי בנאה האט גזאגט אין ירושלים זענען געוועזן פיר אונ צוואנציג מענטשין וואס זייא פלעגין בשיידען חלומות . אז מען פלעגט פאר זייא דער ציילען א חלום . האבען זייא גזאגט דעם מיינונג פון דעם חלום . אויף וואס דער חלום ווייזט . אמאהל האט זיך גיחלומט א חלום בין איך גיגאנגען צו אלע פיר אונ צוואנציג זייא זאלען מיר בשיידין דעם חלום . וואס דער האט גזאגט אויף דעם חלום האט דער אנדערער ניט גזאגט . יעדער בזונדער האט גזאגט איין אנדערע זאך אויף דעם חלום אונ דיא אלע פיר אונ צוואנציג זאכען וואס מען הט גזאגט אויף דעם חלום . זענען אלע מקוים געווארין . עס זאל מקוים ווערין וואס עס שטייט אין פסוק אלע חלומות גייען נאך דיא מויל . אזוי וויא מען טייטש אוים דעם חלום . אזוי ווערט מקוים . פרעגט דיא גמרא וואס מיר זאגין אלע חלומות גייען נאך די מויל

מטלי: כרהורי לבו. מה שהוא מהרהר ביום: רעיונך. מחשבותיך וכן כל לשון רעיון שבמקרא אינו לשון רצון אלא לשון מחשבה וזה יוכיח ורעיונוהי יבהלוניה וכי רצון של אדם מבהילו אלא מחשבותיו מבהילין אותו: לא דקלא דדהבא. דבר שלא הרגיל לראות ולא הרהר בו מעולם: בקופא דמחטא. נקב

אחר הפה קרא הוא אין כדרבי אלעזר דאמר רבי אלעזר מנין שכל החלומות הולכין אחר הפה שנאמר (בראשית מא) ויהי כאשר פתר לנו כן היה ואמר רבא והוא דמפשר ליה מעין חלמיה שנאמר (שם) איש כחלומו פתר (שם) וירא שר האופים כי טוב פתר מנא ידע אמר רבי אלעזר מלמד שכל אחד ואחד הראוהו חלומו ופתרון חלומו של חברו. אמר רבי יוחנן השכים ונפל לו פסוק לתוך פיו הרי זה נבואה קטנה. ואמר רבי יוחנן שלשה חלומות מתקיימין ואלו הם חלום של שחרית וחלום שחלם לו חברו וחלום שנפתר בתוך חלומו ויש אומרים אף חלום שנשנה שנאמר (שם) ועל השנות החלום. אמר רבא (אמר רבי שמואל בר נחמני אמר רבי יונתן) מנין שאין מראין לו לאדם אלא מהרהורי לבו שנאמר (דניאל ב) אנת מלכא רעיונך על משכבך סליקו ואי בעית אימא מהכא (שם) ורעיוני לבבך תנדע. (דף נו) אמר רב (יוסף) [רבא] תדע דלא הזו איניש בחלמיה לא דקלא דדהבא ולא פילא דעייל בקופא דמחטא

דָאס שְׁטֵייט אִין אַפָּסוּק וָואס דִיא גְּמָרָא זָאגְט לְקַיֵּים מַה שֶּׁנֶּאֱמַר צוּ מְקַיֵּים זַיין וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק. עֶנְפֶּערְט דִיא גְּמָרָא יָא. דָאס שְׁטֵייט אִין אַפָּסוּק אַזוֹי וִויא רַבִּי אֶלְעָזָר הָט גְזָאגְט. וָוארוּם רַבִּי אֶלְעָזָר הָאט גְזָאגְט פוּן וַואנֶען וַוייסֶען מִיר אַז אַלֶע חֲלוֹמוֹת גֵייעֶן נָאךְ דִי מוֹיל. וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דֶער שַׂר הַמַּשְׁקִים הָט גְזָאגְט צוּ פַּרְעֹה אַזוֹי וִויא יוֹסֵף הָאט בַּשֵׁיידְט דֶעם חָלוֹם אַזוֹי אִיז גִיוֶוען. הָט רָבָא גְזָאגְט נָאר מֶען זָאל בַּשֵׁיידִין אַזוֹי אַזַאךְ וָוס עֶס פַּאסְט צוּם חָלוֹם. אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק עֶר הָאט בַּשֵׁיידְט צוּ יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אַזוֹי וִוי זַיין חָלוֹם אִיז גִיוֶוען. אִין פָּסוּק שְׁטֵייט דֶער שַׂר פוּן דִיא בֶּעקֶערְס הָאט גִיזֶעהֶן אַז יוֹסֵף הָאט גוּט בַּשֵׁיידְט דֶעם חָלוֹם פוּן שַׂר הַמַּשְׁקִים. פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא פוּן וַואנֶען הָאט גֶעוואוּסְט דֶער שַׂר הָאוֹפִים אַז יוֹסֵף הָאט גוּט בַּשֵׁיידְט דֶעם חָלוֹם. הָאט רַבִּי אֶלְעָזָר גְזָאגְט דֶער פָּסוּק לֶערְנְט אוּנְז אַז צוּ יֶעדֶען בַּזוּנְדֶער (צוּם שַׂר הַמַּשְׁקִים אוּנ צוּם שַׂר הָאוֹפִים) הָט גִיחָלוֹמְת זַיין חָלוֹם אוּנ וָואס מֶען וֶועט דֶעם אַנְדֶערִין בַּשֵׁיידִין אוֹיף זַיין חָלוֹם. דֶער שַׂר הַמַּשְׁקִים הָאט גִיזֶעהֶן זַיין. חָלוֹם אוּנ עֶר הָאט גִיזֶעהֶן אִין חָלוֹם אַז דֶעם שַׂר הָאוֹפִים וֶועט מֶען אוֹיף אֵיינְגֶען. אוּנ דֶער שַׂר הָאוֹפִים הָט גִיזֶעהֶן זַיין חָלוֹם אוּנ עֶר הָט גִיזֶעהֶן אִין חָלוֹם אַז דֶעם שַׂר הַמַּשְׁקִים וֶועט פַּרְעֹה צוּרִיק שְׁטֶעלִין אַזוֹי וִויא עֶר אִיז גִיוֶוען. אוּנ אַז דֶער שַׂר הָאוֹפִים הָאט גִיהֶערְט יוֹסֵף זָאגְט צוּם שַׂר הַמַּשְׁקִים אַז פַּרְעֹה וֶועט אִיהם צוּרִיק שְׁטֶעלִין אַזוֹי וִויא עֶר אִיז גִיוֶוען. הָט דֶער שַׂר הָאוֹפִים גֶעוואוּסְט אַז יוֹסֵף בַּשֵׁיידְט גוּט אַחָלוֹם. רַבִּי יוֹחָנָן הָאט גְזָאגְט אַז אַמֶענְטְשׁ וַואכְט זִיךְ אוֹיף פוּן שְׁלָאף אוּנ עֶס קוּמְט אִיהם אִין זִינֶען אַפָּסוּק אִיז דָאס אַקְלֵיינֶע נְבוּאָה. נָאךְ הָט רַבִּי יוֹחָנָן גְזָאגְט דְרַיי חֲלוֹמוֹת וֶוערִין מְקוּיָם אוּנ דָאס זֶענֶען זַייא. דֶער חָלוֹם וָואס עֶס חָלֶמְט אִין דִי לֶעצְטֶע דְרִיטוּל פוּן דִיא נַאכְט. אוּנ דֶער חָלוֹם וָואס עֶס הָאט גִיחָלֶמְט זַיין חָבֵר אוֹיף אִיהם. אוּנ דֶער חָלוֹם וָואס עֶר אִיז בַּשֵׁייד גִיוָוארִין אִין חָלוֹם. אוּנ אַנְדֶערֶע זָאגִין אַז עֶס הָאט אִיהם גִיחָלֶמְט דֶער זֶעלְבִּיגֶער חָלוֹם צְווֵיי מָאהל אִין אֵיין נַאכְט. וֶוערְט דֶער חָלוֹם מְקוּיָם. אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק וַוייל דֶער חָלוֹם אִיז גִיקוּמֶען צְוָוייא מָאהל אִין דִי נַאכְט. וֶועט עֶר מְקוּיָם וֶוערִין. רָבָא הָאט גְזָאגְט פוּן וַואנֶען וַוייסִין מִיר אַז מֶען וַוייזְט נִיט דֶעם מֶענְטְשִׁין אִין חָלוֹם נָאר דִיא זַאכֶען וָואס עֶר הָאט גִיטְרַאכְט בַּיי טָאג. וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דָנִיאֵל הָאט גְזָאגְט צוּ נְבוּכַדְנֶצַר דוּא קֶענִיג דַיינֶע גִידַאנְקִין וָוס דוּ הָאסְט גִיטְרַאכְט בַּיי טָאג זֶענֶען גִיגַאנְגֶען אִין דַיין קָאפּ אוֹיף דַיין גִילֶעגֶער בַּיי נַאכְט. אוּנ דָס הָאט דִיךְ גִיחָלֶמְט. אוּנ אַז דוּא וִוילְסְט וֶועל אִיךְ דִיר זָאגִין פוּן דֶעם פָּסוּק. דָנִיאֵל הָאט גְזָאגְט צוּא נְבוּכַדְנֶצַר אוּנ דִיא גִידַאנְקִין פוּן דַיין הַארְץ בַּיי טָאג וֶועסְטוּ וִויסֶען בַּיי נַאכְט. הָט רָבָא גְזָאגְט דוּא קֶענְסְט וִויסֶען אַז עֶס חָלֶמְט בַּיי נַאכְט וָואס דֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְט בַּיי טָאג. אַמֶענְטְשׁ

דמהטא. אמר ליה קיסר לרבי יהושע בן חנניא אמריתו חכמיתו טובא אימא לי מאי חזינא בחלמאי אמר ליה חזית דאתו פרסאי דמשחרי לך ורעו בך שקצי בחוטרא דדהבא הרהר כוליה יומא ולאורתא חזא. א"ל שבור מלכא לשמואל אמריתו חכמיתו טובא אימא לי מאי חזינא בחלמאי א"ל חזית דאתו רומאי ושבו לך וטחנו בך קשיאתה ברחיא דדהבא הרהר וחזא (כוליה יומא ולאורתא חזא). בר הדיא מפשר חלמין הוה מאן דהוה יהיב ליה אגרא מפשר ליה למעליותא ומאן דלא הוה יהיב ליה אגרא מפשר ליה לגריעותא אביי ורבא חזו חלמא אביי יהיב ליה אגרא רבא לא הוה יהיב ליה אגרא א"ל אקרינן בחלמין (דברים כח) שורך טבוח לעיניך לרבא א"ל פסיד עסקך ולא אהני לך למיכל מעוצבא דלבך לאביי א"ל נפיש עסקך וטבחת ולא אכלת ושתית מחדוהא דלבך. אמרי ליה אקרינן בנים ובנות תוליד לרבא א"ל כבישותיה לאביי אמר ליה בנך ובנהך נפישין ומנסבן בנתך לעלמא ודמיין באפך כדקא אזלן בשביה. אקרינן בניך ובנותיך נתונים לעם אחר. לאביי א"ל בנך ובנתך נפישין ואת אמרת

המהט: קיסר. מלך רומי והיה לו חגר עם הפרסיים: מאי חזינא. מה אראה הלילה בחלום: מאחרי לך. פרסיים עושין בך עבודת המלך כמו לא המרת דחד מנהון אחרית ולפון חכמים הדבק לאחור וישתחוו לך: ושבו לך. ישללו בשבי: וטחני בך קשייתא. יכופו אותך לטחון גרעיני התמרים: שבור מלכא. מלך פרס: פסיד עסקך. תתקלקל פרקמטיא שלך: ולא אהני לך למיכל. מתוך צער

זעהט קיין מאהל ניט אין חלום ניט אגאלדענעם בוים. אונ ניט אעלפאנד ואל אריין גיין אין דיא לעכיל פון אנאדיל. ווייל פון אזעלכע זאכען טראכט ניט דער מענטש ביי טאג; דער קיסר האט געזאגט צו רבי יהושע בן חנניא איר זאגט איר זענט קלינגער ווי אלע אומות. זאג מיר וואס וועל איך זעהן אין חלום דיא נאכט. האט רבי יהושע געזאגט צום קיסר דוא וועסט זעהן אז דיא פרסיים וועלין קומען אונ וועלין ארבעטין מיט דיר. אונ זייא וועלין דיך נייטין דוא זאלסט פיטערין חזירים מיט אגאלדענעם שטעקין. אגאנצע טאג האט דער קיסר גיטראכט וואס רבי יהושע האט איהם געזאגט. ביי נאכט האט דער קיסר אזוי גיזעהן אין חלום. דער קעניג פון פרס האט געזאגט צו שמואל. איר זאגט איר זענט קלינגער וויא אלע אומות. זאג מיר וואס וועל איך זעהן אין חלום דיא נאכט. האט שמואל געזאגט צום מלך דוא וועסט זעהן אז דיא רויבער וועלין צו דיר קומען אונ וועלין דיך פאנגען אונ זייא וועלין דיך נייטין דוא זאלסט מאלין קערנער פון טייטלען אין אגאלדענעם מיהל שטיין. אגאנצע טאג האט דער מלך גיטראכט וואס שמואל האט איהם געזאגט ביי נאכט האט דער מלך אזוי גיזעהן אין חלום. בר הדיא פלעגט בשיידין חלומות וועך עס האט איהם גיגעבין געלט פלעגט ער איהם בשיידין צו גוטען אונ וועך עס האט איהם ניט גיגעבין קיין געלט האט ער איהם בשייד צום שלעכטין. אביי אונ רבא האבען גיזעהן אחלום אביי האט גיגעבין געלט צו בר הדיא רבא האט איהם ניט גיגעבין קיין געלט. אביי אונ רבא האבען געזאגט צו בר הדיא אין חלום האבען מיר גילייענט דעם פסוק דיין אקס וועט זיין גישאכטען פאר דיינע אויגען. אונ דוא וועסט ניט עסין פון איהם. צו רבא האט בר הדיא בשיידט דוא וועסט האבען שאדין אין דיין האנדיל אונ דורך דיינע טרויעריקייט וועסטו ניט הנאה האבען פון עסין. צו אביי האט בר הדיא געזאגט דיינע גישעפטין וועלין זיין אזוי פיל אונ זייער גוט אז מען וועט שעכטין פון דיינעט וועגין אקסין צום עסין. אונ דוא וועסט זיין זאט פון שמחה אז דוא וועסט ניט וועלין עסין אונ ניט טרינקען. אביי אונ רבא האבען געזאגט צו בר הדיא מיר האבען גילייענט אין חלום דעם פסוק זיהן אונ טעכטער וועלין צו דיר גיבאהרין ווערין: אונ זייא וועלין גיפאנגען ווערין. צו רבא האט ער געזאגט שלעכט ער וועט האבין זיהן אונ טעכטער אונ זיי וועלין גיפאנגען ווערין. צו אביי האט ער געזאגט דוא וועסט האבען פיל זיהן אונ פיל טעכטער אונ דיינע טעכטער וועלין גינומען ווערין צו מאנען אין ווייטע שטעט וועט דאס ביי דיר גלייך זיין וויא זייא וואלטען גיפאנגען גיווארין. נאך האט אביי אונ רבא געזאגט צו בר הדיא. מיר האבען גילייענט אין חלום דעם פסוק דיינע זיהן אונ דיינע טעכטער ועלין גיגעבין ווערין צו איין אנדער פאלק.

אל יפסק לך שם מאכל : מרווח עסקך . וטבחת במחירך לא תחוש לאכילה כי תבצע בשמחתך : וכיה . פחדך : לפכותי פחדך . להפיג דאגתך : מרישיה דקרא . זרע רב גו' : בי זינא דמלכא . אוצר שהכלביטי כמלך שם יסבר ע"י גנבים ויטלינו לך לאמר שאתה גנבתם : קל מינך . אם כנא

לקריבי יהיבנא להון והיא אמרה לקריבה ואכפה לך ויהבת להון לקריבה והוו לך כעם אחר . לרבא אמר ליה דביתהו שכיבא ואתו בניה ובנתיה לידי איתתא אחריתי דאמר [רבא אמר] רב ירמיה בר אבא אמר רב מאי דכתיב (שם) בניך ובנותיך נתונים לעם אחר ועיניך רואות זו אשת האב . אקרינן (קהלת ט) לך אכול בשמחה לחמך ושתה בלב טוב יינך . לאביי אמר ליה מרווח עסקך וטבחת ואכלת ושתית וקרית פסוקא מחדוא דלבך לרבא אמר פסיד עסקך טבחת ולא אכלת ושתית וקרית פסוקא לפכוהי פחדך . אקרינן (דברים כח) זרע רב תוציא השדה לאביי אמר ליה מרישיה . לרבא אמר ליה מסופיה . אקרינן (שם) זיתים יהיו לך בכל גבולך לאביי אמר ליה מרישיה לרבא אמר ליה מסופיה . אקרינן (דברים כח) וראו כל עמי הא״ץ כי שם ה' נקרא עליך לאביי א"ל נפיק לך שמא דריש מתיבתא הוית ודחיל כולי עלמא מינך . לרבא א"ל מיתפסת בגנבי בי זינא דמלכא ודאין כולי עלמא קל וחומר מינך . למחר איתבר בי זינא דמלכא ותפשוה לרבא דחיל

צו אביי האט בר הדיא גזאגט דוא וועסט האבען פיל זיהן און פיל טעכטער דו וועסט זאגין איך וועל זייא געבין פאר שניר און פאר איידימס צו מיינע קרובים און זיא (דיין ווייב) וועט זאגין מען זאל זייא געבין פאר שניר און פאר איידימס צו אירע קרובים און דיין ווייב וועט דיך בייטין און דוא וועסט זייא געבין פאר שניר און פאר איידימס צו אירע קרובים וועט דס ביי דיר גליך זיין וויא דוא וואלסט זייא אוועק גיגעבין צו איין אנדער פאלק : צו רבא האט בר הדיא גזאגט דיין ווייב וועט שטארבען וועלין דיינע זין און דיינע טעכטער אן קומען צוא איין אנדער ווייב . צו א שטיפמוטער . ווארום רב ירמיה בר אבא האט גזאגט פון רבס וועגין וואס מיינט דער פסוק דיינע זיהן און דיינע טעכטער וועלין גיגעבין ווערין צו איין אנדער פאלק און דיינע אויגען וועלין זעהן דאס מיינט מען זייא וועלין גיגעבין ווערין צוא זייער פאטערס ווייב . צו א שטיף מוטער . נאך האט אביי און רבא גזאגט צו בר הדיא מיר האבען גילייענט אין חלום דעם פסוק גיי עס מיט שמחה דיין ברויט און טרינק דיין ווין מיט א גוט הארץ . צוא אביי האט בר הדיא גזאגט דוא וועסט פאר דינען פון דיינע גישעפטין . דוא וועסט שעכטין בהמות און וועסט עסין פון זייא און וועסט טרינקען און דו וועסט לייענען דעם פסוק מיט א פרייליך הארץ און צו רבא האט ער גזאגט דיינע גישעפטין וועלין שלעכט זיין דו וועסט שעכטין אקסין און וועסט ניט קענען עסין פון זייא . און וועסט ניט קענען טרינקען . פון פיל צרות און זארג . דוא וועסט לייענען דעם פסוק וואס דיך האט גיחלומט אויס צוא ציהען דיינע זארג . טאמער וועט דער פסוק מקוים ווערין . נאך האט אביי און רבא גזאגט צו בר הדיא מיר האבען גילייענט אין חלום דעם פסוק פיל תבואה וועט דיא פעלד אויס ציהען צו אביי האט בר הדיא גזאגט דעם אנהייב פסוק . אז זיין פעלד וועט וואקסען פיל תבואה . צו רבא האט בר הדיא גזאגט דעם סוף פסוק . און א ביסול תבואה וועט ער איין נזאמען פון פעלד ווארום דער הישעריק וועט דאס אויף עסין . נאך האט אביי און רבא גזאגט צו בר הדיא מיר האבען גילייענט אין חלום דעם פסוק דוא וועסט האבען איילבירטען אין דיינע אלע גרענעצין . אין דיינע אלע פעלדער . צוא אביי האט בר הדיא גזאגט דעם אנהייב פסוק . אין דיינע אלע פעלדע וועט וואקסען איילבירטען . צוא רבא האט בר הדיא גזאגט דעם סוף פסוק . אבער דוא וועסט זיך ניט שמירען מיט דיא איילבירטען זיי וועלין אראפ פאלען פון בוים איידער זייא וועלין צייטיג ווערין . נאך האט אביי און רבא גזאגט צו בר הדיא מיר האבען גילייענט אין חלום דעם פסוק אלע פעלקער פון דיא וועלט וועלין זעהן אז דער נאמען פון גאט וועט אויף דיר גירופען . צו אביי האט בר הדיא גזאגט עס וועט ארויס גיין אויף דיר א נאמען אז דוא ביסט גיווארין א ראש ישיבה וועלין אלע מורא האבען פאר דיר . צוא רבא האט בר הדיא גזאגט מען וועט דיך כאפען אז דוא האסט גינגבת דעם אוצר פון קעניג וועלין זיך אלע אפ

כולי עלמא ואמרי רבא אתפס אנן לא כ"ש. אמרי ליה חזן חסא על פום דני לאביי אמר עיף עסקך כחסא לרבא אמר מריר עסקך כחסא ועור רבות כאלה. אמרי ליה חזינן בר חמרא דקאי אאיסדן ונוער לאביי אמר ליה מלכא הוית וקאי אמורא עלך. לרבא אמר ליה פטר חמור גהיט בתפילך אמר ליה לדידי חזאי לי ואיתיה. אמר ליה וא"ו דפטר חמור ודאי גהיט מתפילך (עיין רבא ואשכח וא"ו דפטר חמור גהיט בתפיליו) לסוף אזל רבא להודיה לגביה אמר ליה חזאי דשא ברייתא דנפל אמר ליה אתתך שכבא. אמר ליה חזאי כבי ושיני דנתור. אמר ליה בנך ובנתך שכבן. אמר ליה חזאי תרתי יוני דפרחן אמר ליה תרתי נשי מגרשת. אמר ליה חזאי תרתי גרגלידי דלפתא אמר ליה תרין

נחשד כ"ש אנו שיחשדונו וזהו ויראו ממך: חסא. חזרת: עיף עסקך. כשאר בריות כחסא שבית כתבה וכפולה: מריר עסקך. שנוי לכל ומרבה פסיה המפורש שלך: דקאי אאיסדן. מראשותיו מתרגמין איסדוסי: מלכא הוית. ראש ישיבה הדורש דרשות והמתורגמן עומד עליו כאמורא להשמיע בקול רם לרבים כקול חמור הנוער: וא"ו דפטר חמור גהיט מתפילך. בפרשה והיה כי יביאך כתיב וכל פטר חמור כו' והוא חסר וא"ו ובתפילין של רבא כתבו הכותב מלא ואחר כך מחקו והיינו גהיט מתפילך מחוק: דשא ברייתא. דלת החיצון שבבית: אתתך מתה. השומרת את הבית: כבי. שיניים הפנימיות: תרתי נשי מגרשת. שלשתהן של אדם קרויס יונה דכתיב יונתי תמתי: הרי

לערנען פון דיר. זייא וועלין זאגין אז מען איז חושד רבא אז ער האט גיגנבת; וועט מען דאך אונז געוויס חושד זיין. דאס מיינט מען ויראו ממך. דורך דיר וועלין אלע מורא האבן. אויף מארגין איז צו בראכין גיווארין דיא טיר פון דעם אוצר פון מלך אונ מען האט גינומען רבא אין תפיסה. מען האט איהם חושד גיוועזן אז ער הט גיגנבת. האבען אלע מורא גיהאט אונ זייא האבען גזאגט רבא איז גינומען גיווארין פאר א גנב וועלין מיר געוויס אן גינומען ווערין פאר גנבים. אביי אונ רבא האבען גזאגט צו בר הדיא מיר האבען גיזעהן אין חלום אויף דיא פעסער איז גילעגין חסא. (דאס איז אזעלכע גראז צום עסין). צוא אביי האט בר הדיא גזאגט. אזו וויא חסא זענען די בלעטער ברייט אונ טאפיל. אזוי וועסטו פאר דינגען פון דיינע גישעפטין טאפיל געלט וויא דוא פערגנסט אלע מאהל פאר דינגען. צו רבא הט בר הדיא גזאגט דיינע גישעפטין וועלין זיין ביטער אזוי וויא חסא. אביי אונ רבא האבען גזאגט צוא בר הדיא מיר האבען גיזעהן אין חלום איננגער איזיל שטייט ביי אונז צו קאפינס אונ שרייט. צו אביי הט בר הדיא גזאגט דוא וועסט זיין א ראש ישיבה אונ וועסט זאגין א דרשה וועט ביי דיר שטיין א מענטש וואס ער וועט אוים שרייען דיא דרשה פאר אלע מענטשין וואס וועלין זיין אין שוהל ופאר ציטען פלעגט דער דרשן זאגין דיא דרשה אויף לשון קודש. אונ נעבין איהם איז גישטאנען איינער וואס האט איבער גזאגט דיא דרשה ביסלאבוויז צוא דיא אלע מענטשין אויף דעם לשון וואס זיי האבן פר שטאנען). צו רבא הט בר הדיא גזאגט דר ווארט פטר חמור איז אפ גימעקט אין דיינע תפילין. האט רבא גזאגט צו בר הדיא איך האב גיזעהן מיינע תפילין אונ עס שטייט דיא ווערטער פטר חמור. הט בר הדיא גזאגט צוא רבא דער וא"ו פון דעם ווארט חמור איז געוויס אפ גימעקט פון דיינע תפילין ווארום דער ווארט חמור דארף זיין אן א וא"ו. אונ דער סופר הט פאר געסין אונ האט געשריבען מיט א וא"ו. דער נאך האט ער דעם וא"ו אפ גימעקט) האט רבא גוט גיזוכט אונ. האט גיפונען אז דער וא"ו פון ווארט חמור איז גיוועזן אפ גימעקט אין דיא תפילין. דער נאך איז רבא אליין גיגאנגען צו בר הדיא אן אביי האט רבא גזאגט צו בר הדיא איך האב גיזעהן אין חלום אז דיא אויס ווייניגסטע טיר פון שטוב איז איינגיפאלען. האט בר הדיא גזאגט צו רבא דיין ווייב וועט שטארבען. האט רבא גזאגט צו בר הדיא איך האב גיזעהן אין חלום אז מיינע אינווייניגסטע ציין אונ פארערשטע ציין זענען ארוים גיפאלען. האט בר הדיא גזאגט צוא רבא דיינע זיהן אונ דיינע טעכטער וועלין שטארבען. האט רבא גזאגט צו בר הדיא איך האב גיזעהן אין חלום צוויי טויבען זענען אוועק גיפלויגען. הט בר הדיא גזאגט צו רבא צוויי ווייבער וועסטו גטין. האט רבא גזאגט צוא בר הדיא איך האב גיזעהן אין חלום צוויי שטיקער קפת (פאסטערנאק). האט בר הדיא גזאגט צו

תרין קולפי בלעת . אזל רבא ההוא יומא ויתיב בי מדרשא כולי יומא אשכח הנהו תרי סגי נהורי דהוו קא מנצו בהדי הדדי אזל רבא לפרוקינהו ומחוהו לרבא תרי דלו למחויה אחריתי אמר מסתייה תרין חזאי . לסוף אתא רבא ויהיב ליה אגרא אמר ליה חזאי אשיתא דנפל אמר ליה נכסים בלא מצרים קנית . אמר ליה חזאי אפדנא דאביי דנפל וכסיין אבקיה . אמר ליה אביי שכיב ומתיבתיה אתיא לגבך . אמר ליה חזאי אפדנא דידי דנפל ואתו כולי עלמא ושקיל לבינתא לבינתא אמר ליה שמעתתך מבדרן בעלמא. אמר ליה חזאי דאבקע רישי ונתר מוקרי אמר ליה אודרא מבי סדיא נפק . אמר ליה אקריון הללא מצראה בחלמא אמר ליה ניסי מתרחשי לך. הוה קא אזיל בהדיה בארבא אמר בהדי גברא דמתרחיש ליה ניסא למה לי בהדי דקא סליק נפל ספרא מיניה אשכחיה רבא וחזא דהוה כתיב ביה כל החלומות הולכין אחר הפה אמר רשע בדידך קיימא וצערת כולי האי כולהו מחילנא לך בר מברתית דרב

קולפי בלעת. מכות מקל על בראשו כראשי נפתות: נכסים בלא מצרים. כלומר קרקעות רחבים ורבים: וכסיין אבקיה. כסוי ספר כפורת ממפולת כתומה: ונתר מוקרי. נשר מוחי: אודרא מבי סדיא. המוכין יוצאין מן הכר שבמראשותיו: הללא מצרה. הלל שאנו קורין בפסח לפי שהלל אחר קרוי הלל הגדול קוראין לזה הלל המצרי: ניסי מתרחשי לך. שעל ידי נסים יקרא ניסן ועל כל צרה הבאה לישראל אומרים אותו על גאולתן: הוה קא אזיל. בר הדיא: בהדיה. דרבא: בארבא. בספינה: ואמר בהדי (גברא) דמתרחיש ליה ניסא למה לי. שמא כאן יארע לו נס שתטבע הספינה והוא ינצל: בדידך קיימא.

רָבָא מֶען וֶועט דִיךְ שְׁלָאגִין צְווֵיי קְלֶעפּ מִיט אַשְׁטֶעקִין. אִיז גִיגַאנְגֶען רָבָא אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ אוּנ אִיז דָארְט גִיזֶעסִין אַגַאנְצֶען טָאג הָאט עֶר גִיטְרָאפֶען צְווֵיי בְּלִינְדֶע קְרִיגִען אֵיינֶער מִיט דֶעם אַנְדֶערִין אִיז רָבָא גִיגַאנְגֶען אָפּ שֵׁיידִין אֵיינֶעם פוּן אַנְדֶערִין הָט אֵיינֶער גִישְׁלָאגִין רָבָא צְווֵייא מָאהל מִיט דֶעם שְׁטֶעקִין הָאט עֶר אוֹיף גִיהוֹיבֶּען דֶעם שְׁטֶעקִין עֶר זָאל אִיהם גֶעבִּין נָאךְ אַדְרִיטֶען קְלַאפּ הָאט רָבָא גִזָאגְט גִינוּג. אִיךְ הָאבּ נָאר גִיזֶעהְן אִין חָלוֹם אַז מֶען וֶועט מִיר גֶעבִּין צְווֵייא קְלֶעפּ. נִיט מֶעהר. דֶער נָאךְ אִיז רָבָא גִיקוּמֶען צוּ בַּר הֶדְיָא אוּנ הָאט אִיהם גִיגֶעבִּין גֶעלְט הָאט רָבָא גִזָאגְט צוּ בַּר הֶדְיָא אִיךְ הָאבּ גִיזֶעהְן אִין חָלוֹם דִיא וַואנְט פוּן מַיין שְׁטוּבּ אִיז אַיין גִיפַאלֶען. הָאט בַּר הֶדְיָא גִזָאגְט צוּ רָבָא דוּ וֶועסְט קוֹיפֶען פֶעלְדֶער גְרוֹיסֶע אוּנ בְּרֵייטֶע גָאר אָן אַגְרֶענֶעץ. הָט רָבָא גִזָאגְט צוּ בַּר הֶדְיָא אִיךְ הָאבּ גִיזֶעהְן אִין חָלוֹם דִיא שְׁטוּבּ פוּן אַבַּיֵי אִיז אַיין גִיפַאלֶען אוּנ דִיא שְׁטוֹיבּ וָואס עֶס אִיז גִיוָוארִין פוּן דֶעם אַיינְפַאלֶען הָאט מִיךְ בַּדֶעקְט. הָאט בַּר הֶדְיָא גִזָאגְט צוּ רָבָא אַבַּיֵי וֶועט שְׁטַארְבֶּען אוּנ זַיין יְשִׁיבָה זַיינֶע תַּלְמִידִים וֶועלִין קוּמֶען צוּא דִיר. הָט רָבָא גִזָאגְט צוּ בַּר הֶדְיָא. אִיךְ הָאבּ גִיזֶעהְן אִין חָלוֹם מַיין שְׁטוּבּ אִיז אַיין גִיפַאלֶען אוּנ פִיל מֶענְטְשִׁין זֶענֶען גִיקוּמֶען אוּנ הָאבֶּען גִינוּמֶען דִיא צִיגֶעל. הָאט בַּר הֶדְיָא גִזָאגְט צוּ רָבָא דַיינֶע תּוֹרָה וָואס דוּא וֶועסְט לֶערְנֶען וֶועט וֶוערִין צוּא שְׁפְּרֵייט אִין דִי וֶועלְט: הָט רָבָא גִזָאגְט צוּ בַּר הֶדְיָא אִיךְ הָאבּ גִיזֶעהְן אִין חָלוֹם מַיין קָאפּ אִיז צוּ שְׁפָּאלְטֶען גִיוָוארִין אוּנ מַיין מוֹחַ אִיז אַרוֹיס גִיפַאלֶען. הָאט בַּר הֶדְיָא גִזָאגְט צוּ רָבָא דִיא קִישֶׁען וָואס דַיין קָאפּ לִיגְט אוֹיף אִיר וֶועט אוֹיף גִישְׁפָּאלְטֶען וֶוערִין אוּנ דִיא פֶעדֶערִין וֶועלִין אַרוֹיס פַאלֶען. הָט רָבָא גִזָאגְט צוּ בַּר הֶדְיָא אִיךְ הָאבּ אִין חָלוֹם גִזָאגְט דֶעם הַלֵל וָואס מֶען זָאגְט פֶּסַח בַּיי נַאכְט צוּם סֵדֶר. הָט בַּר הֶדְיָא גִזָאגְט צוּ רָבָא עֶס וֶועט גִיטָאהְן וֶוערִין צוּא דִיר נִסִים. בַּר הֶדְיָא אִיז גִיגַאנְגֶען אִין אַשִׁיף מִיט רָבָא צוּ זַאמֶען. הָאט בַּר הֶדְיָא גִזָאגְט מִיט אַזוֹי אַמֶענְטְשׁ וָואס אִיהם דַארְף טְרֶעפִין נִסִים. וַויל אִיךְ נִיט גֵיין אִין אַיין שִׁיף: טָאמֶער וֶועט אִיהם אִיצְט טְרֶעפִין דֶער נֵס. דִיא שִׁיף וֶועט צוּ בְּרָאכֶען וֶוערִין. עֶר וֶועט אַרוֹיס קוּמֶען דוּרְךְ אַנֵס. אוּנ אִיךְ וֶועל דֶער טְרוּנְקִין וֶוערִין. ווִיא בַּר הֶדְיָא אִיז אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען פוּן דִי שִׁיף אִיז אַרוֹיס גִיפַאלֶען אַבּוּךְ פוּן אִיהם. אוּנ רָבָא הָט גִיפוּנֶען דֶעם בּוּךְ. הָט רָבָא גִיזֶעהְן אִין דֶעם בּוּךְ אִיז גֶעשְׁרִיבֶּען אַלֶע חֲלוֹמוֹת גֵייֶען נָאךְ דִיא מוֹיל. אַזוֹי וִוי מֶען בַּשֵׁיידְט דֶעם חָלוֹם. אַזוֹי וֶוערְט מְקוּיָם. הָט רָבָא גִזָאגְט צוּ בַּר הֶדְיָא דוּא רָשָׁע אוֹיף דִיר אִיז גִישְׁטַאנְען מַיינֶע חֲלוֹמוֹת. אַז דוּא וָואלְסְט וֶועלִין גוּט בַּשֵׁיידִין וָואלְטִין מַיינֶע חֲלוֹמוֹת גִיוֶוען גוּטֶע אוּנ דוּרְךְ דִיר הָאבּ אִיךְ גִיהַאט אַזוֹי פִיל צַעַר. אַלֶץ בִּין אִיךְ דִיר מוֹחֵל נָאר וָואס דוּרְךְ

דרב חסדא יהא רעוא דלימסר ההוא גברא לידי דמלכותא דלא מרחמו עליה אמר מאי אעביד גמירי דקללת חכם אפילו בחנם היא באה וכל שכן רבא דבדינא קא לייט אמר איקום ואיגלי דאמר מר גלות מכפרת עון קם גלי לבי רומאי אזיל יתיב אפתחא דריש טורזינא דמלכא ריש טורזינא חזא חלמא אמר ליה חזאי חלמא דעייל כחטא באצבעותי. אמר ליה הב לי זוזי ולא יהב ליה לא אמר ליה ולא מידי. אמר ליה חזאי דנפל תכלא בתרתין אצבעותי אמר ליה הב לי זוזי ולא יהב ליה ולא אמר ליה ולא מידי. חזאי דנפל תיכלא בכולא ידא. (אמר ליה עילוי מאי אפקדוך אמר ליה עילוי שיראי דמלכא) אמר ליה נפל תיכלא בכולהו שיראי שמע ביה מלכא ואתיוהו לריש טורזינא קא קטלו ליה אמר ליה אנא אמאי אתיוהו להאי דהוה ידע ולא אמר אתיוהו לבר הדיא אמר ליה אמטו זוזא דידך חרבו שיראי דמלכא כפיתו תרי ארזי בחבלא אסרו חד כרעיה לחד ארזא וחד כרעיה לחד ארזא ושרו לחבלא עד דאסתליק. אמר רבא לא מחילנא ליה עד דאסתליק רישיה. אזל כל חד וחד וקם ארוכתיה ואסתליק רישיה

בך היה תלוי הפתרון אם לטובה אם לרעה והפכת לי לרעה. אמתו של רבא בת רב חסדא היתה: טורזינא דמלכא. שומר אוצר המלך: נפל תכלא. תולע: שיראי דמלכא. מעילים של מלך: דחב זניק. נחלק לשנים:

דיר איז געשטארבען (מיין ווייב) דיא טאכטער פון רב חסדא. דאס בין איך דיר גיט מוחל. עס זאל זיין דער ווילען פון גאט אז דער מענטש (בר הדיא) זאל גיגעבין ווערין אין דיא הענט פון מלך אונ מען זאל אויף איהם קיין רחמנות גיט האבען. האט בר הדיא גזאגט וואס זאל איך טאהן עס איז געווים אז א חכם פלוכט איינעם אפילו אומזיסט ווערט אויך מקוים דיא קללה. אונ אז רבא פלוכט מיך וואס עס קומט מיר ער זאל מיך פלוכין וועט דאך דיא קללה געווים מקוים ווערין. וועל איך דאך געווים גיגעבין ווערין אין דיא הענט פון מלך. אונ ווער ווייס וויא מיין סוף וועט זיין. הט בר הדיא גזאגט איך וועל אויף שטיין אונ וועל אנטלויפין. ווארום דער רבי הט גזאגט ווס א מענטש ווערט פאר טריבען פון זיין היים. איז מכפר זיינע עבירות. איז בר הדיא אנטלאפין אין רוים אונ איז גיגאנגען הט זיך גיזעצט ביי די טיר פון דעם שומר ווס היט דעם אוצר פון מלך. דער שומר הט גיזעהן א חלום הט דער שומר גזאגט צו בר הדיא איך האב גיזעהן אין חלום אז א נאדיל איז אריין גישטאכין גיווארין אין מיינע פינגער. הט בר הדיא גזאגט צום שומר גיב מיר געלט. הט דער שומר ניט גיוואלט געבין. האט בר הדיא גאר ניט גזאגט צום שומר. הט דער שומר גזאגט צו בר הדיא איך האב גיזעהן אין חלום א ווארעם איז אריין גיגאנגען אין מיינע צוויי פינגער. הט בר הדיא גזאגט צום שומר גיב מיר געלט הט דער שומר ניט גיוואלט געבין הט בר הדיא גאר ניט גזאגט צום שומר. דער נאך הט דער שומר גזאגט צו בר הדיא איך האב גיזעהן אין חלום אז א ווארעם איז אריין גיגאנגען אין מיין גאנצע האנט. הט בר הדיא גזאגט צום שומר אויף וועלכע זאכען הט מען דיך אויף גינומען. צו היטען. הט דער שומר גזאגט צו בר הדיא מען הט מיך אויף גינומען איך זאל היטען די זיידענע קליידער פון מלך. האט בר הדיא גזאגט צום שומר עס איז אריין גיפאלען ווערים אין אלע זיידענע קליידער פון מלך. הט דער מלך גיהערט אז די ווערים האבען גיגעבערט די זיידענע קליידער זיינע הט מען גיבראכט דעם שומר פאר דעם מלך אונ מען האט איהם גיוואלט הרגנן. האט דער שומר גזאגט צום מלך פאר וואס זאל מען מיך הרגנן זאל מען ברייננען דעם מענטש וואס האט גיוואוסט פריער אז די ווערים וועלין אריין פאלען אין די קליידער. אונ ער הט ניט גזאגט. אז ער וואלט מיר גזאגט וואלט איך געהיט די קליידער. הט מען גיבראכט בר הדיא פר דעם מלך. הט דער מלך גזאגט צו בר הדיא דורך דיין גילדין ווס מען הט דיר ניט גיגעבין זענען צו ריסען גיווארין די קליידער פון מלך. הט מען צו זאמען גיבונדען צוויי טעגען בוימער מיט א שטריק אונ מען הט צו גיבונדען איין פוס צו איין בוים אונ איין פוס צום אנדערין בוים אונ מען האט אויף גיבונדען דעם

כפניות . מין תמרים רעים : במש . חמה זורחת: קול של מיני זמר או קול ערב של חבס : לג

רישיה ונפל בתרין :

(דף נז ע"ב) ה שלשה נכנסין לגוף ואין הגוף נהנה כהן גדגדניות וכפניות ופגי תמרה . שלשה אין נכנסין לגוף והגוף נהנה כהם סיכה רחיצה תשמיש . שלשה מעין העולם הבא אלו הן שבת שמש ותשמיש . תשמיש דמאי אילימא תשמיש המטה והלא מכחיש כחיש . אלא תשמיש נקבים . שלשה משיבין דעתו של אדם קול ומראה וריח . שלשה מרחיבין דעתו של אדם דירה נאה ואשה נאה וכלים נאים . חמשה אחד מששים ואלו הן אש דבש שבת ושינה וחלום . אש אחד מששים לגיהנם . דבש אחד מששים למן . שבת אחד מששים לעולם הבא . שינה אחד מששים למיתה . חלום אחד מששים לנבואה :

ט תנו רבנן הרואה מרקולים אומר ברוך שנתן ארך אפים לעוברי רצונו . מקום שנעקרה ממנו עו"ג אומר ברוך שנעקר עו"ג מן המקום הזה וכשם שעקר ממקום הזה כך יעקור מכל מקומות ישראל והשב לב עובדיהן לעבדך . ובחוצה לארץ אין צריך לומר כן רבי

שטריק פון די בוימער . האבען זיך דיא בוימער צוריק גיצויגין זייא זאגין שטיין גלייך . דער בוים הט גיצויגין איין פוס אונ דער אנדערער בוים האט גיצויגין דיא אנדערע פוס ביז בר הדיא איז צוריסען גיווארין אויף צוויי שטיק . הט רבא גזאגט איך בין נאך ניט מוחל צוא בר הדיא ביז זיין קאפ וועט אויך צוריסען ווערין אויף צוויי טייל . אין יעדער בוים גיגאנגען צוריק ביז ער הט זיך גישטעלט גלייך אויף זיין ארט איז דער קאפ צו שפאלטין גיווארין אונ עס איז אראפ גיפאלען צוויי שטיקער :

ח שלשה . דריי זאכען גייען אביין אין גוף דער מענטש עסט זיי אונ דער גוף האט ניט קיין הנאה פון זיי . דס זענען די דריי זאכן . גדגדניות דס איז אזוי אפרי שלעכטע טייטלען אונ אומצייטיגע טייטלען . אונ דריי זאכין גייען ניט אביין אין גוף . פון דעסטוועגין הט דער גוף הנאה פון זיי . דס זענען די דריי זאכין : שמירען דעם גוף מיט בוימאייל . וואשען דעם גוף . ווען דער מענטש בהעפט זיך מיט זיין ווייב . דריי זאכין איז דא וואס דער מענטש הט פון זייא הנאה . אונ די הנאה קען מען אביסיל פאר גלייכען צו דיא הנאה פון עולם הבא . דאס זענען די דריי זאכין : דיא הנאה וואס דער מענטש הט פון שבת . אונ דיא הנאה וואס דער מענטש הט פון די זוהן ווען זיא שיינט . אונ די הנאה וואס דער מענטש האט פון תשמיש . פרעגט די גמרא וואס מיינט מען תשמיש זאלין מיר זאגין אז מען מיינט דיא הנאה וואס דער מענטש הט ווען ער בהעפט זיך מיט זיין ווייב . דס מאכט דאך מאגער דעם גוף . נאר מען מיינט די הנאה וואס דער מענטש הט ווען ער ריינגט דעם גוף פון השתנה אונ פון צואה . דריי זאכען זענען דא וואס נעמען צו דיא זארג פון מענטשין . אונ דס זענען זיי אז דער מענטש הערט א שיינע מוזיק אדער א שיינעם גיזאנג פון אשה . אדער ער זעהט א שיינע זאך . אדער ער שמעקט א גוטין ריח . שלשה מרחיבין דעתו של אדם . דריי זאכין דער ברייטערין אונ דער פרייען דעם מענטשין . א שיינע וואוהנונג . אונ א שיינע ווייב . אונ שיינע קליידער מיט שיינע ווערטשאפט אין שטוב . פינף זאכין זענען דא וואס זיי זענען א זעכציגסטע טייל . אונ דס זענען דיא פינף זאכן . פייאר . האניק . שבת . שלאפין . א חלום . פייאר איז א זעכציגסטע טייל פון גיהנם . האניק איז א זעכציגסטע טייל פון מן . שבת איז א זעכציגסטע טייל פון עולם הבא . שלאפין איז א זעכציגסטע טייל פון שטארבין . א חלום איז א זעכציגסטע טייל פון נבואה :

ט תנו רבנן . די רבנן האבין גילערנט דר וואס זעהט די עבודה זרה מרקולים זאל ער זאגין גילויבט איז גאט וואס ער האלט אויף זיין כעס אונ שטראפט ניט באלד צו די וואס טוהען ניט זיין ווילען (טאמער וועלין זיי תשובה טאהן) . אז ער זעהט דעם ארט וואס דארט איז גישטאנע

רבי שמעון בן אלעזר אומר אף בחוצה לארץ צריך לומר כן מפני שעתידין להתגייר שנאמר (צפניה ג) כי אז אהפוך אל עמים שפה ברורה לקרוא כלם בשם ה׳. (דף נח) אמר רבי ירמיה נתקללה בבל נתקללו שכניה דכתיב (ישעיה יד) ושמתיה למורש קפוד ואגמי מים נתקללה שומרון נתברכו שכניה דכתיב (מיכה א) ושמתי שומרון לעי השדה ולמטעי כרם:

פונדיסס. על פושעי ישראל מתפלל: נתקללו שכניה. אוי לרשע ואוי לשכנו שאין כה אלא חיות רעות ועופות רעים ומזיקין ואין כאן הנאה לשכנים: נתקללה שומרון נתברכו שכניה. אבל עי השדה ומטעי כרם אע"פ שנתקללו כאן ערי ישראל הנאה הוא לשכנים:

(פ"ג) י עולא ורב חסדא הוו קאזלי באורחא כי מטו אפתחא דבי רב חנא בר חנילאי נגד רב חסדא ואתנח אמר ליה עולא אמאי קא מתאנחת והאמר רב אנחה שוברת חצי גופו של אדם שנאמר (יחזקאל כא) ואתה בן אדם האנח בשברון מתנים וגו׳ ורבי יוחנן אמר כל גופו של אדם שנאמר (שם) והיה כי יאמרו אליך על מה אתה נאנח וכהתה כל רוח וגו׳ אמר ליה היכי לא אתנח ביתא דהוו בה שיתין אפייתא ביממא ושיתין אפייתא בליליא ואפיין לכל מאן דצריך ולא שקיל ידא מן כיסא דסבר דילמא אתא עניא בר טובים

אשטוב ווס מען הט אין איר געדינט צו די שטערין אונ דיא שטוב איז אויס געריסען גיווארין איינגיפאלין. זאל ער זאגין גילויבט איז גאט וואס דיא דינסט צו די שטערין איז אויס געריסין גיווארין פון דעם ארט. אונ אזוי וויא גאט האט אויס געריסין די דינסט פון די שטערין פון דעם ארט אזוי זאל גאט אויס רייסין די דינסט פון דיא שטערין פון אלע ערטער וואו דיא יודין וואוהנען. אונ גאט זאל קערין דיא הערצער פון דיא מענטשין וואס דינען צוא דיא שטערין. אז זייא זאלין דינען גאט אונ ניט צו דיא שטערין. אזוי זאל ער זאגין אין ארץ ישראל. אונ אין אנדערע לענדער אויסער ארץ ישראל דארף ער ניט אזוי זאגין. רבי שמעון בן אלעזר זאגט אין חוץ לארץ מוז מען אויך זאגין דיא ברכה. ווייל די אומות וואס וואוהנען אין חוץ לארץ וועלין זיך מגייר זיין אז משיח וועט קומען. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק װארום דאמאלס ווען משיח וועט קומען וועל איך פאר קערין ואיך וועל געבין צו אלע פעלקער אקלארע שפראכע זיי זאלין אלע רופין דעם נאמען פון גאט. רבי ירמיה הט גזאגט אז בבל איז גיכלוכט גיווארין. זענען אלע שכנים גיפלוכט גיווארין מיט איר צו זאמען אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט זאגט איך וועל מאכין אין בבל זאל וואוהנען שלעכטע חיות אונ שלעכטע עופות. אונ דיא ערד זאל ווערין זומפיג מען זאל ניט קענען זייען אין איר. אונ פון דיא שלעכטע חיות אונ עופות וועלין אלע שכנים ליידין. אונ אז שומרון איז גיפלוכט גיווארין פון איר קללה זענען גיבענטשט גיווארין אירע שכנים אזוי ווי עס שטייט אין פסוק גאט זאגט איך וועל מאכין פון שומרון פעלדער אונ וויינגערטנער. אונ דאס איז גוט צו אלע שכנים פון שומרון:

י עולא אונ רב חסדא זענען גיגאנגען אין וועג אז זייא זענען גיקומען צו דיא טיר פון רב חנא בר חנילאי האט רב חסדא אזיפץ גיטאהן הט עולא גזאגט צו רב חסדא פר וואס זיפצט רב הט דאך גזאגט אז אזיפץ צו ברעכט אהאלבין גוף פון מענטשין אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט הט גזאגט צו יחזקאל הנביא אונ דוא מענטשין זוהן דוא זאלסט זיפצען מיט צו בראכענע לענדין ולענדין הייסט דער אונטערשטער האלבער גוף ביז צום בויך] . אונ רבי יוחנן זאגט אזיפץ צו ברעכט דעם גאנצין גוף פון מענטשין אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט הט גזאגט צו יחזקאל הנביא עס וועט זיין אז דיא יודין וועלין זאגין צוא דיר פאר וואס זיפצטו. זיפצין צו ברעכט דאך דעם גאנצין לעבין פון מענטש. [אזוי הט עולא גיפרעגט צו רב חסדא]. הט רב חסדא גזאגט צו עולא וויא אזוי זאל איך ניט זיפצען. אשטוב וואס אין איר איז גיוועזן זעכציג בעקערס ביי טאג אונ זעכציג בעקערס ביי נאכט אונ זייא האבין גיבאקין פאר אלע ארעמע מענטשין וואס האבין גידארפט ברויט. אונ רב חנא הט ניט ארויס גינומען דיא האנט

בתלא. מעשה של זיו לענו כו'. שהרי כ"ה הרב שכולה ביתו של הקב"ה :

טובים וארמטו ליה לכיסא קא מכסיף. ותו הוו פתיחין ליה ארבע בבי לארבע רוחתא דעלמא וכל דהוה עייל כפין נפיק כי שבע והוה שדי ליה חטי ושערי בשני בצורת אבראי דכל מאן דכסיפא לית מילתא למשקל ביממא אתי ושקיל בליליא השתא נפל בתלא ולא אהנח אמר ליה הכי אמר רבי יוחנן מיום שחרב בית המקדש נגזרה גזירה על בתיהן של צדיקים שיחרבו שנאמר (ישעיה ה) אם לא בתים רבים לשמה יהיו גדולים וטובים מאין יושב. ואמר רבי יוחנן עתיד הקדוש ב"ה להחזירן לישובן שנאמר (תהלים קכה) הבוטחים בה' כהר ציון וגו' מה הר ציון עתיד הקדוש ברוך הוא להחזירו לישובו אף בתיהם של צדיקים עתיד הקב"ה להחזירן לישובן חזייה דלא מיתבא דעתיה אמר ליה דיו לעבד שיהא כרבו:

יא אמר רבי יהושע בן לוי הרואה את חבירו לאחר שלשים יום אומר ברוך שהחיינו וקיימנו והגיענו לזמן הזה. לאחר שנים עשר חודש אומר ברוך מחיה המתים

פון קֶעשֶׁענֶע עֶר הָאט גִיטְרַאכְט טָאמֶער וֶועט קוּמֶען אַאָרֶעמַאן וָואס עֶר אִיז גִיבָּארִין פוּן גוּטֶע עֶלְטֶערִין. וָואס עֶר אִיז נִיט גִיוואוֹהנְט צוּ נֶעמֶען צְדָקָה אוּנ בִּיז אִיךְ וֶועל אַרַיין שְׁטֶעקִין דִיא הַאנְט אִין קֶעשֶׁענֶע אַרוֹיס צוּא נֶעמֶען גֶעלְט פוּן זַיינֶעט וֶועגִין. וֶועט עֶר פַאר שֶׁעמְט וֶוערִין. דְרִיבֶּער הָאט עֶר אֵייבִּיג גִיהַאלְטִין דִי הַאנְט אִין קֶעשֶׁענֶע. אוּנ נָאךְ הָט עֶר גִיטָאהן בַּיי אִיהם אִין שְׁטוּבּ אִיז גִיוֶוען הָאפִין פִיר טִירֶען אִין אַלֶע פִיר זַייטִין פוּן דִיא וֶועלְט. אִין מִזְרַח זַייט אוּנ אִין מַעֲרָב זַייט אוּנ אִין צָפוֹן זַייט אוּנ אִין דָרוֹם זַייט. פוּן וֶועלְכֶער זַייט אַאָרֶעם מַאן וֶועט קוּמֶען זָאל עֶר הָאבִּין אַטִיר אַרַיין צוּ גֵיין אִין שְׁטוּבּ. אוּנ וֶוער עֶס אִיז אַרַיין גִיגַאנְגֶען אִין שְׁטוּבּ הוּנְגֶערִיג אִיז אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען זַאט. אוּנ אִין דִי יָאהרִין וָוס עֶס אִיז גִיוֶוען הוּנְגֶער פְלֶעגְט מֶען לֵייגִין ווייץ אוּנ גֶערְשְׁטִין אוֹיף דִיא גַאס וֶוער עֶס הָאט זִיךְ גִישֶׁעמְט צוּ נֶעמֶען בַּיי טָאג אִיז עֶר גִיקוּמֶען בַּיי נַאכְט אוּנ הָט גִינוּמֶען. אִיצְט אִיז דִי שְׁטוּבּ אַיינגִיפַאלִין אוּנ עֶס אִיז גִיוָוארִין פוּן אִיר אַבַּארְג זָאל אִיךְ נִיט וִויסֶען. הָאט עוּלָא גְזָאגְט צוּ רַב חִסְדָא אַזוֹי הָאט רַבִּי יוֹחָנָן גְזָאגְט אִין דֶעם טָאג וָוס דֶער בֵּית הַמִקְדָשׁ אִיז חָרוּב גִיוָוארִין הָט גָאט גוֹזֵר גִיוֶוען אוֹיף דִיא הַייזֶער פוּן דִי צַדִיקִים זֵיי זָאל חָרוּב וֶוערִין. אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק פִיל הַייזֶער וֶועלִין זַיין ווִיסְט גְרוֹיסֶע הַייזֶער אוּנ גוּטֶע וֶועט נִיט זַיין וֶוער עֶס זָאל זִיצֶען אִין זֵייא. נָאךְ הָאט רַבִּי יוֹחָנָן גְזָאגְט גָאט אִיז אָנְגִיבְּרֵייט עֶר זָאל אוּמְקֶערִין דִי הַייזֶער צוּ זֵייעֶר בַּזִיצוּנְג. מֶען זָאל נָאךְ וואוֹהנֶען אִין דִי הַייזֶער: אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דִיא וָואס פַאר זִיכֶערִין זִיךְ מִיט גָאט וֶועלִין זַיין אַזוֹי וִויא דֶער בַּארְג צִיוֹן. אַזוֹי וִויא גָאט אִיז אָנְגִיבְּרֵייט אוּמְצוּקֶערִין דֶעם בַּארְג צִיוֹן צוּ זַיין בַּזִיצוּנְג. אַזוֹי אִיז גָאט אָנְגִיבְּרֵייט אוּמְצוּקֶערִין דִי הַייזֶער פוּן דִי צַדִיקִים צוּא זֵייעֶר בַּזִיצוּנְג. הָט עוּלָא גִיזֶעהן אַז דִי דֵעָה פוּן רַב חִסְדָא אִיז נָאךְ נִיט גֶעשְׁטִילְט הָאט עוּלָא גְזָאגְט צוּ רַב חִסְדָא גִינוּג פַאר דֶעם קְנֶעכְט עֶר זָאל זַיין וִויא דֶער בַּעַל הַבַּיִת. אַז דֶער בֵּית הַמִקְדָשׁ וָואס דָאס אִיז דִי שְׁטוּבּ פוּן גָאט אִיז חָרוּב. מֶעג דִי שְׁטוּבִּין פוּן דִי צַדִיקִים אוֹיךְ זַיין חָרוּב:

יא אָמַר. רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי הָט גְזָאגְט אַז אֵיינֶער זֶעהט זַיין חָבֵר נָאךְ דְרַייסִיג טֶעג: עֶס אִיז שׁוֹין אַוֶועק גִיגַאנְגֶען דְרַייסִיג טֶעג פוּן דֶער צַייט וָוס עֶר הָט אִיהם גִיזֶעהן זָאל עֶר זָאגִין בָּרוּךְ אַתָּה ה' אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם שֶׁהֶחֱיָנוּ וְקִיְמָנוּ וְהִגִיעָנוּ לַזְמַן הַזֶה. אַז עֶר זֶעהט זַיין חָבֵר נָאךְ צְוֶועלְף חֳדָשִׁים. עֶס אִיז שׁוֹין אַוֶועק גִיגַאנְגֶען צְוֶועלְף חֳדָשִׁים פוּן דֶער צַייט וָוס עֶר הָאט אִיהם גִיזֶעהן זָאל עֶר זָאגִין גִילוֹיבְּט אִיז גָאט וָואס עֶר מַאכְט לֶעבֶּעדִיג דִיא טוֹיטֶע ווייל אַלֶע יָאהר רֹאשׁ הַשָׁנָה אוּנ יוֹם כִּפּוּר וֶוערְט דֶער מֶענְטשׁ גֶעמִשְׁפַּט עֶר זָאל לֶעבִּין אָדֶער עֶר זָאל שְׁטַארְבֶּען. אוּנ אַז עֶר הָאט נִיט גִיזֶעהן זַיין חָבֵר אַיאָהר: אִיז דָאךְ שׁוֹין אַרִיבֶּער גִיגַאנְגֶען אַרֹאשׁ הַשָׁנָה אוּנ אַיוֹם כִּפּוּר. דַארְף עֶר לוֹיבִּין גָאט וָואס עֶר הָט אִיהם נִיט גִמִשְׁפַּט

המתים . אמר רב אין המת משתכח מן הלב אלא לאחר י"ב חדש שנאמר (תהלים לא) נשכחתי כמת מלב הייתי ככלי אובד . רב פפא ורב הונא בריה דרב יהושע הוו קא אזלי באורחא פגעו ביה בר' חנינא בריה דרב איקא אמרו ליה בהדי דחזינך ברכינך עליך תרתי ברוך שחלק מחכמתו ליראיו ושהחיינו א"ל אנא נמי כיון דחזיתינכו חשבתון עילואי כששים רבוון ישראל ובריכנא עלייכו שלשה הנך שנים וברוך חכם הרזים . א"ל חכימת כולי האי יהבו ביה עינייהו ושכיב :

ככלי אובד . וסתם כלי לאחר י"ב חדש מתיאש מן הלב דיאוש בעלים לאחר י"ב חדש כדאמרינן בפרק אלו מציאות : אשר חלק ושהחיינו. דלאחר שלשים יום הוה : מ־כמתו ליראיו . סבר חגיגה דהכיה ספי :
כוכבא דשביט . כוכב היורה כחץ ברקיע ממקום למקום ארוך כשבט שהוא יורה ונראה כמו נפוחת רקיע : וגמירי דלא עבר כסלא . שאינו מעביר מזל כסיל כשהוא שביט : כסלא . כסיל :

(משנה) יב על הזיקים ועל הזועות ועל הרעמים ועל הרוחות ועל הברקים אומר ברוך שכחו מלא עולם : גמ' מאי זיקים אמר שמואל כוכבא דשביט ואמר שמואל נהירין לי שבילי דרקיע כשבילי דנהרדעא לבר מכוכבא דשביט דלא ידענא מאי ניהו וגמירי דלא עבר כסלא ואי עבר כסלא חרב עלמא . והא קא חזינן דעבר. זהירא הוא דעבר ומחזי כדעבר איהו

צום שטארבן נאר צום לעבן · מהרש"א) . רב האט גזאגט אמת ווערט ניט פאר געסן פון הארצן ביז נאך צוועלף חדשים . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק איך בין פאר געסן געווארן אזוי ווי א מת ווערט פאר געסן פון הארצען איך בין געווארן אזוי ווי א פארלארענע כלי · אונ אז מען פארלירט אכלי ווערט זי ניט פאר געסן פון הארצען ביז נאך צוועלף חדשים ; רב פפא אונ רב הונא בריה דרב יהושע זענען גיגאנגען אין וועג האבן זיי בגעגינט רבי חנינא בריה דרב איקא האט רב פפא אונ רב הונא גזאגט צו רבי חנינא וויא מיר האבן דיך גזעהן האבען מיר גימאכט אויף דיר צוויי ברכות גילויבט איז גאט וואס ער האט אפ גיטיילט פון זיין חכמה צוא די וואס האבען מורא פאר איהם. אונ די ברכה שהחיינו . האט רבי חנינא גזאגט צוא רב פפא אונ רב הונא ווי איך האב אייך דער זעהן זענט איר ביי מיר גירעכנט אזוי וויא זעכציג רבוא (זעקס מאהל הונדערט טויזענד) יודין אונ איך האב אויף אייך גימאכט דריי ברכות דיא צוויי ברכות וואס איר האט אויף מיר גימאכט . ברוך שחלק מחכמתו ליראיו. אונ שהחיינו · אונ נאך אדריטע ברכה גילויבט איז גאט וואס ער האט גיגעבן חכמה צו די מענטשין זייא זאלין פאר שטיין די סודות פון דיא תורה ; האט רב פפא אונ רב הונא גזאגט צו רבי חנינא דוא ביסט אזוי קלוג האבין זיי (רב פפא אונ רב הונא) גיגעבין זייערע אויגין אויף רבי חנינא (זיי האבין אים איין עין הרע גיגעבין). איז רבי חנינא גישטארבין :

יב משנה· על . אויף זיקים אונ אויף זועות אונ אויף רעמים אונ אויף רוחות אונ אויף ברקים זאל ער זאגין גילויבט איז גאט וואס זיין כח איז פול אין די גאנצע וועלט :

גמרא . וואס איז זיקים האט שמואל גזאגט אז מען זעהט דעם שטערין וואס ער איז לאנג ווי ארוט . אונ ער לויפט אין הימעל פון איין ארט צום אנדערין ארט אזוי וויא א פייל. אונ עס זעהט אויס אזוי וויא ער וואלט גיעפינט דעם הימעל . דארף מען מאכען א ברכה שכחו מלא עולם · נאך האט שמואל גזאגט מיר זענען אזוי ליכטיג (איך בין אזוי קלאהר) אין דיא וועגין פון הימעל , (וויא די שטערין גייען אין הימעל) . אזוי וויא איך בין קלאהר די וועגין ודי גאסען) פון דיא שטאט נהרדעא . (אין נהרדעא האט שמואל גיוואוהנט) . נאר דעם שטערין שביט וייס איך ניט וואס דס איז . אונ מיר האבען גילערונט אז דער שטערין שביט גייט ניט אריבער איבער דעם מזל כסיל . ווארום אז דער שטערין שביט וואלט גיגאנגען איבער דעם מזל כסיל . וואלט ער גיבאכט ווסט די וועלט. פרעגט די גמרא מיר זעהן דאך אז דער שטערין שביט גייט איבער דעם מזל כסיל . אונ די וועלט ווערט ניט חרוב. ענפערט די גמרא דיא ליכטיגקייט פון שטערין שביט גייט אויף דעם מזל כסיל . זעהט אויס וויא דער שטערין שביט אליין גייט

איהו. רב הונא בריה דרב יהושע אמר וילון הוא דמק־ע ומתחזי נהורא דרקיע. רב אשי אמר כוכבא (רשבי״ט) הוא דעקר מהאי גיסא דרקיעא וחזי ליה חבריה מהך גיסא ומבעית ומחזי כמאן דעבר. שמואל רמי כתיב (איוב ט) עושה עש כסיל וכימה וכתיב (עמוס ה) עושה כימה וכסיל הא כיצד אלמלא חמתה של כסיל לא מתקיים עלמא מפני צינה של כימה ואלמלא צינה של כימה לא מתקיים עלמא מפני חמתה של כסיל וגמירי אי לאו עוקצא דעקרבא דמנח בנהר דינור כל מאן דהוה טרקא ליה עקרבא לא הוה חיי והיינו דקא אמר ליה רחמנא לאיוב (איוב לח) התקשר מעדנות כימה. מאי כימה אמר שמואל כמאה כוכבי אמרי לה דמיכנפן ואמרי לה דמבדרן. מאי עש אמר רב יהודה יותא מאי יותא אמרי לה זנב טלה ואמרי לה רישא דעגלא ומסתברא כמאן דאמר זנב טלה דכתיב (שם) ועיש על בניה תנחם אלמא

רב הונא אמר. מאי זיקין: וילון הוא דמקרע ומתחזי רקיע דרך סקריפה כרוחה: כתיב עושה עש כסיל וכימה. הקדמא ליה כסיל לכימה: כאן כתיב. מלמד שבניהן שוין: אלמלא חמה של כסיל וכו'. כסיל סולט נימות החמה להכי אקדמיה קרא. כימה סולט נימות הגשמים ולהכי אקדמיה קרא: מעדנות כימה. קשרים של כימה: עקרב. היינו כימה וממזל טלה הוא: נהר דינור. מתחת כסא של עקרב: עוקצא דעקרבא. זנב העקרב: כמאה כוכבי. יש בין הכוכבים של כימה שהן כמה של כימה: א"ל דמכנפי. אותן שהן כמה של כימה א"ל דמיבדרן: יותא מאי יותא א"ל דקיימא בזנב טלה וא"ל דקיימא לה בריש עגלא. רישא דעגלא ראשה של עגל והיינו מזל שור והוא נמשך אחר מזל טלה ראש השור סמוך לזנב טלה שכן הסדר טלה שור תאומים: ומסתברא כמ"ד זנב. היינו כוכבים העשויים כזנב מדכתיב ועיש על בניה

אויף דעם מזל כסיל. רב הונא בריה דרב יהושע זאגט דער ערשטער הימעל וואס ער הייסט וילון שפאלט ער זיך אויף ווערט געזעהן אליכטיגקייט פון דעם אנדערען הימעל וואס הייסט רקיע אזוי ווי אשפיז. דס הייסט זיקין. אז מען זעהט דאס דארף מען מאכען אברכה שכחו מלא עולם. רב אשי זאגט דער שטערין שביט ווערט אויס געריסען פון זיין ארט פון דער זייט מזל כסיל און דער אנדערער זעהט דעם שביט פון דער אנדערער זייט כסיל ווערט ער דער שראקען און עס זעהט אויס וויא דער שביט וואלט אריבער גיגאנגען איבער דעם מזל כסיל. עס שטייט אין פסוק גאט האט בשאפען די מזלות עש און כסיל און כימה. פריער כסיל דער נאך כימה און עס שטייט אין פסוק גאט האט בשאפען די מזלות כימה און כסיל. פריער כימה דער נאך כסיל. וויא אזוי איז דס געוועזן. נאר בשאפען זענען זיי געווארין ביידע גלייך. זומער גיוועלטיגט דער מזל כסיל און כימה אויך צו איהם. דריבער שטייט כסיל פריער. און ווינטער גיוועלטיגט דער מזל כימה און כסיל אויך צו איהם. דריבער שטייט כימה פריער. ווען ניט דיא היץ פון מזל כסיל וואלט דיא וועלט ניט גיקענט אויס האלטען פון די קעלט פון מזל כימה. און ווען ניט דיא קעלט פון מזל כימה וואלט די וועלט ניט גיקענט אויס האלטין פון דיא היץ פון מזל כסיל. מיר האבין גיהערונט ווען דער ווידול פון מזל עקרב וואלט ניט גילעגין אין דעם טייך פון פייאר ווען עקרב וואלט אבים גיהעבין וואלט ער ניט גילעבט נעקרב איז כימה. די גמרא מיינט צו וועמען דיא קעלט פון עקרב קומט צו וואלט ער ניט גיקענט לעבין. נאר ווייל דער ווידול פון עקרב ליגט אין פייאר איז די קעלט פון עקרב ניט אזוי שטארק דאס איז וס גאט האט גזאגט צו איוב אויב דוא קענסט צו זאמען בינדען דעם מזל כימה. וויא איז דער טייטש פון דעםווארט כימה האט שמואל גזאגט אזוי וויא הונדערט שטערין. אנדערע זאגין אז דיא הונדערט שטערין זענען אלע צו זאמען אויף איין ארט. (און דס האט גאט גיפרעגט צו איוב אויב ער וואלט אויך גיקענט צו זאמען בינדען די הונדערט שטערין פון כימה זיי זאלין זיין אלע צו זאמען אויף איין ארט. אזוי ווי גאט האט זיא צו זאמען גיבונדין). און אנדערע זאגין דיא הונדערט שטערין זענען פר שפרייט אין פיל ערטער אויף דעם הימעל (און אזוי האט גאט גזאגט צו איוב. איך האב די שטערין פון כימה פר שפרייט. לאמיר זעהן אויב דוא וועסט קענען זיא צו זאמען בינדען זיי זאלין זיין אלע אויף איין ארט. אנדערש ווי איך האב גימאכט). וואס איז עש האט רב יהודה גזאגט עש יותא. וס איז יותא אנדערע זאגין דער ווידיל פון מזל טלה הייסט יותא און אנדערע זאגין דער קאפ מזל שור הייסט יותא און עס זעהט אוים ווי דער

אלמא חסרא ומתחזי (דף נט) כמטרף טריף (כטרפא דטריף) והא דקא אזלא אבתרה דאמרה לה הב לי בני שבשעה שבקש הקב"ה להביא מבול לעולם נטל שני כוכבים מכימה והביא מבול לעולם וכשביקש לסותמה נטל שני כוכבים מן עש וסתמה ולהדרינהו לה מדיליה אין הבור מתמלא מחוליהו אי נמי אין קטיגור נעשה סניגור. וליברי ליה תרי כוכבי אחריני אין כל חדש תחת השמש. אמר רב נחמן בר יצחק עתיד הקדוש ברוך הוא להחזירן לה דכתיב ועיש על בניה תנחם:

הכמה: חוזר ונוצה. ואלו עד השתא כסדרא דטריף: כטרפא דטריף. דבר שכולה הכה ונמצאת מגופו שעשאוהו כנוס ומתחזי כמכה בקורנס על הברזל להרחיב ולהשוות. טרפא דטריף מכה בזכאות כמו בילה טרופה. ל"א דמתחזי כטרפא מיטרף נדבק יחד ועשאו סניפין כמין חבור: והאי דאזלא. עיש אחרי כימה: דאמרה לה הב לי בני. שני כוכבים שלי: וליהדר. לכימה אותן כוכבים עצמן שנטל ממנה:
גוהא. בלשונם קורין רעידת הארץ גוהא: אובא טמיא. בעל אוב כל עצמות העושה כשוף בעצמות המת. טמיא עצמות: גנח גוהא. והגעש והרעש כלומר מודעזעה הארץ מאד מאד: גנח

יג ועל הזועות כאי זועות אמר רב קטינא גוהא. רב קטינא הוה קא אזיל באורחא כי מטא אפתחא דבי אובא טמיא גנח גוהא אמר מי ידע אובא טמיא האי גוהא דגנח מהו רמא ליה קלא קטינא קטינא אמאי לא ידענא בשעה שהקב"ה זוכר את בניו ששרויים בצער בין עו"ג כביכול מוריד שתי דמעות לים הגדול וקולם נשמע כסוף העולם ועד סופו

וָוס זָאגְט אַז דֶער וֶוידִיל פוּן מַזָל טְלֶה הֵייסְט יוֹתָא. וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דֶער עַיִשׁ וְדָם אִיז עָשׁ] טְרֵייסְט זִיךְ אוֹיף אִירֶע קִינְדֶער [אִירֶע שְׁטֶערְין] וָוס אִיז בַּיי אִיר אַוֶועק גִינוּמֶען גִיוָוארִין. זֶעהְן מִיר דָאךְ אַז דֶעם עָשׁ פֶעלְט שְׁטֶערְין. אוּנ דֶער וֶוידִיל פוּן מַזָל טְלֶה וֶועהְט אוֹיךְ אוֹיס וִויא מֶען וָואלְט בַּיי אִיהם אַוֶועק גִינוּמֶען שְׁטֶערְין. אוּנ פַר וָוס גֵייט עַיִשׁ נָאךְ כִּימָה עַיִשׁ זָאגְט צוּ כִּימָה זִיא זָאל אִיר צוּרִיק גֶעבִּין אִירֶע קִינְדֶער [אִירֶע שְׁטֶערְין]. וֶוען גָאט הָאט גִיוָואלְט בְּרֵיינְגֶען אַמַבּוּל אוֹיף דִיא וֶועלְט הָט עֶר גִינוּמֶען צְוֵויי שְׁטֶערְין פוּן מַזָל כִּימָה [אִיז גִיוָוארִין אִין מַזָל כִּימָה צְוֵויי לְעכֶער] אוּנ עֶר הָט גִיבְּרַאכְט אַמַבּוּל אוֹיף דִי וֶועלְט. אוּנ אַז גָאט הָט גִיוָואלְט פַר מַאכֶען דִי צְוֵויי לֶעכֶער הָט עֶר גִינוּמֶען צְוֵויי שְׁטֶערְין פוּן דֶעם מַזָל עָשׁ אוּנ הָט זֵיי אַרַיין גִיזֶעצְט אִין מַזָל כִּימָה. אוּנ הָט פַר מַאכְט דִי צְוֵויי לֶעכֶער פוּן מַזָל כִּימָה. פְרֶעגְט דִי גְמָרָא זָאל מֶען אַרַיין זֶעצִין אִין מַזָל כִּימָה דִיא זֶעלְבִּיגֶע צְוֵויי שְׁטֶערְין וָוס מֶען הָאט פוּן אִיר אַרוֹיס גִינוּמֶען. עֶנְטְפֶערְט דִי גְמָרָא אַז מֶען גְרָאבְּט אַגְרוּב אוּנ מֶען שִׁיט אַרַיין צוּרִיק אִין גְרוּב דִי אוֹיס גִיגְרָאבֶּענֶע עֶרְד. וֶוערְט נִיט פוּל דִי גְרוּב. אַזוֹי דָא וֶועלִין דִיא לֶעכֶער פוּן מַזָל כִּימָה נִיט פַאר מַאכְט וֶוערִין אַז מֶען וֶועט אִין זֵייא אַרַיין זֶעצִין צוּרִיק דִי זֶעלְבִּיגֶע שְׁטֶערְין וָוס מֶען הָט פוּן זֵיי אַרוֹיס גִינוּמֶען. אָדֶער דֶער תִּירוּץ אִיז דֶער וָוס רֶעט שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אַמֶענְטְשִׁין קֶען נִיט וֶוערִין קֵיין גוּטֶער פְרַיינְד עֶר זָאל דֶער נָאךְ רֶעדִין גוּטְס אוֹיף דֶעם זֶעלְבִּיגֶען מֶענְטְשִׁין. אַזוֹי דָא אוֹיךְ וַוייל דִי צְוֵויי שְׁטֶערְין הָאבִּין גִיבְּרַאכְט דֶעם מַבּוּל קֶענֶען זֵייא נִיט פַר מַאכֶען דִיא לֶעכֶער דֶער מַבּוּל זָאל דוּרְךְ זֵיי אוֹיפְהֶערִין. פְרֶעגְט דִי גְמָרָא זָאל גָאט בַּשַׁאפֶען אַנְדֶערֶע צְוֵויי שְׁטֶערְין צוּ פַר מַאכֶען דִי לֶעכֶער פוּן מַזָל כִּימָה. עֶנְטְפֶערְט דִיא גְמָרָא עֶס אִיז נִיטָא קֵיין נַייעס אוּנְטֶער דִיא זוּהְן. נָאךְ דִי זֶעקְס טָאג וִוי גָאט הָט בַּשַׁאפֶען דִי וֶועלְט. בַּשַׁאפְט גָאט נִיט קֵיין נַייֶע זַאךְ מֶער. רַב נַחְמָן בַּר יִצְחָק זָאגְט גָאט וֶועט צוּרִיק אַוֶועק גֶעבִּין דִי שְׁטֶערְין צוּם מַזָל עָשׁ. אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט עַיִשׁ וֶועט זִיךְ טְרֵייסְטְען מִיט אִירֶע קִינְדֶער:

יג וְעַל. אוֹיף זְוָעוֹת מַאכְט מֶען אַבְּרָכָה שֶׁכֹּחוֹ מָלֵא עוֹלָם. פְרֶעגְט דִי גְמָרָא וָואס אִיז זְוָעוֹת. הָט רַב קְטִינָא גִזָאגְט זְוָעוֹת מֵיינְט מֶען עֶרְד צִיטֶערְנֶעשׁ. רַב קְטִינָא אִיז גִיגַאנְגֶען אִין וֶועג אַז עֶר אִיז גִיקוּמֶען צוּ דִי טִיר פוּן דֶעם מְכַשֵּׁף וָוס עֶר מַאכְט כִּישׁוּף מִיט דִיא בֵּיינֶער פוּן מֵתִים. הָט דִיא עֶרְד אַצִיטֶער גִיטָאהְן. הָט רַב קְטִינָא גִזָאגְט וֵוייס דֶען דֶער כִּישׁוּף מַאכֶער פַר וָוס דִי עֶרְד הָאט אַצִיטֶער גִיטָאהְן. הָט דֶער מְכַשֵּׁף אַגִישְׁרַיי גִיטָאהְן. קְטִינָא קְטִינָא פַאר וָואס זָאל אִיךְ נִיט וִויסֶען וֶוען גָאט דֶער מָאנְט זִיךְ אַז זַיינֶע קִינְדֶער הָאבֶּען אַזוֹי פִיל צַעַר פוּן דִי שְׁטֶערְין דִינֶער מַאכְט גָאט נִידֶערִין צְוֵויי טְרֶערִין אִין יָם הַגָּדוֹל אוּנ דֶער קוֹל וֶוערְט

גוהא. הדא מלתא היא וכן בלשון: גוהא גוהא מבעיא ליה. שתי פעמים היה לו להודיע כנגד שתי דמעות: סופק כפיו. ומתוך קול מזדעזע הארץ שמלינו שבכפיו סופק שנאמר וגם אני אכה כפי אל כפי: מתאנח. ומתוהו אנחה מרעיד הרקיע ומלינו שמתאנח: שנאמר והניחותי חמתי בם. כביכול כאדם שיש לו חמה ומתאנח ומתנחם דעתו ועושה לו נחת רוח: והנחמתי. אנחה על צרה אשר עשיתי להם: הידד כדורכים יענה. שדורך ובועט ברקיע: והארץ הדום רגלי. כיון בדוחק רגליו תחת כסא הכבוד ומגיע ביעוטו עד לארץ שהוא הדום רגליו:
ענני בגלגלא. עננים מתקופפים ומתגלגלים ונשמע

סופו והיינו גוהא אמר רב קטינא אובא טמיא כריב הוא ומיליה כדיבין אי הכי גוהא גוהא מבעיא ליה ולא היא גוהא גוהא עביד והאי דלא אודי ליה כי היכי דלא לטעו כולי עלמא אבתריה. רב קטינא דידיה אמר כפיו סופק זעג"ז שנאמר (יחזקאל כא) וגם אני אכה כפי אל כפי והניחותי חמתי רבי (יונתן) [נתן] אומר אנחה מתאנח שנא' (שם ה) והניחותי חמתי בם והנחמתי רבנן אמרי בועט ברקיע שנאמר (ירמיה כה) הידד כדורכים יענה אל כל יושבי הארץ רב אחא בר יעקב אמר דוחק את רגליו תחת כסא הכבוד שנאמר (ישעיה סו) כה אמר ה' השמים כסאי והארץ הדום רגלי. (וי"א שואג בקולו ומרעיש עולמות שנאמר (ירמיה כה) ה' ממרום ישאג וגו'):

יד ועל הרעמים מאי רעמים אמר שמואל ענני (דאתיא) בגלגלא שנאמר (תהלים עז) קול רעמך בגלגל האירו ברקים תבל רגזה ותרעש הארץ ורבנן אמרי ענני דשפכי

גיהערט פון איין עק וועלט ביז צום אנדערן עק וועלט און דאס איז דער ציטער וואס די ערד טוהט. האט רב קטינא געזאגט דער מכשף זיינע כישוף איז ליגען און זיינע רייד איז ליגען. דארום אויב אזוי וויא ער זאגט האט דאך די ערד בדארפט אציטער טאהן צוויי מאהל. ווייל עס איז ארויס געגאנגען צוויי טרערן. זאגט די גמרא עס איז ניט וויא רב קטינא זאגט די ערד האט טאקי אציטער געטאהן צוויי מאהל. און וואס רב קטינא האט ניט מודה געווען צום מכשף דיא וועלט זאל ניט גינארט ווערין אין דעם מכשף. ווארום מען וואלט זאגין אז רב קטינא זאגט זיינע רייד איז אמת אין דער זאך פון גוהא. איז געווים זיינע אלע כישוף אויך אמת. דריבער האט רב קטינא געזאגט דאס איז ליגען. וועט מען ניט גלויבען אין איהם. רב קטינא פר זיך זאגט וואס איז גוהא גאט קלאפט מיט איין האנט אויף די אנדערע. און פון דעם קול ציטערט די ערד. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט זאגט און איך וועל שלאגען מיט איין האנט אויף די אנדערע האנט און וועל דער מיט שטילען מיין כעס. רבי נתן זאגט גאט טוהט אזיפץ. און פון דעם זיפץ ציטערט דער הימעל. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דורך דעם זיפץ וועט געשטילט ווערין מיין כעס וואס איך האב אויף זיי. און איך וועל חרטה האבען אויף דיא שלעכץ וואס איך האב גיטראכט צו ברייננגען אויף זיי: די רבנן זאגען גאט טוהט אטרעט אויף דעם הימעל. טוהט דער הימעל אציטער אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אזוי וויא דיא וואס טרעטין וויינטרויבען שרייען הידד. אזוי וועט גאט וועט טרעטין אויף דעם הימעל וועט גיהערט ווערין אגישריי צו אלע מענטשין וואס וואוהנען אויף די וועלט. רב אחא בר יעקב זאגט גאט שטעלט זיינע פיס אונטער דעם כסא הכבוד. און דער טרעט קומט ביז צו די ערד. טוהט די ערד אציטער. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אזוי האט גאט געזאגט דער הימעל איז מיין שטוהל. און די ערד איז דאס בענקעלע וואס איך האלט מיינע פיס אויף איהם. דריבער אז גאט שטעלט זיינע פיס אונטער די שטוהל קומט דער טרעט ביז צו די ערד. און אנדערע זאגין גאט טוהט אגישריי מיט זיין שטימע ווערין פר ציטערט אלע וועלטין. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק גאט טוהט שרייען אין הימעל:

יד ועל. אויף רעמים מאכט מען אברכה שכחו מלא עולם. וואס איז רעמים האט שמואל געזאגט דיא וואלקינס רייבען זיך איינער אן דעם אנדערן. ווערט גיהערט אקול. און דאס איז דער דונער. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק וועט דער קול פון דיינע דונערין זיין אין דיא רעדער פון די וואלקינס ווען זיי רייבען זיך איינער אן דעם אנדערן און דיא בליצען

דשפכי מיא להדדי שנאמר (ירמיה י) לקול תתו המון מים בשמים . רב אחא בר יעקב אמר ברקא תקיפא דבריק ענניא בענגא) ומתבר גזיזי דברזא רב אס' (אשי) אמר ענני חלחולי מחלחלי ואתי זיקא ומנשב אפומייהו ודמי כזיקא ע"פ דני ומסתברא כרב אחא בר יעקב דבריק ברקא ומנהמי ענני ואתי מטרא :

טו ועל הרודות מאי רוחות אמר אביי זעפא ואמר אביי גמירי דזעפא בליליא לא הוי והא קחזינן דהוי ההוא דאתחולי ביממא ואמר אביי גמירי דזעפא ב' שעי לא קאי לקיים מה שנאמר (נחום א) לא תקום פעמים צרה והא קא חזינן דקאי דמפסיק ביני ביני :

טז ועל הברקים אומר ברוך שכחו וגבורתו מלא עולם מאי ברקים אמר רבא ברקא ואמר רבא ברקא יחידאה וברקא חוורא וברקא ירוקתא וענני דסלקן בקרן מערבית ואתיין מקרן דרומית וב' עגני דסלקן חדא לאפי חברתה כולהו קשיין למאי נפקא מינה למיבעי רחמי

הקול : ברקא . כרקים של אש : ומתבר גזיזי דברזא . ואותו הקול היינו רעמים גזיזי הטיכות של ברד : חלחולי מחלחלי . ענני ומנשב זיקא עלייהו והיינו רעמים : ומנהמי ענני . הומות העננים :
זעפא . סופטורביי"ל בלע"ז :
ברקא יחידאה . שלא הבריק אלא פעם אחת : כולהו קשיין . שאינם של ברכה : דסלקן אחת לגבי חברתה . שב' עננים פוגעים זו את זו :

בעלייכטען די וועלט . טוהט דיא ערד ציטערין אונ שטורעמען . אונ דיא רבנן זאגען ווען דיא וואלקינס גיסען וואסער איינער אין דעם אנדערין . ווערט גיהערט אקול . אונ דאס איז דער דונער אזוי וויא עס שטייט אין פסוק צו דעם קול וואס ער ווערט גיהערט) ווען עס ווערט גיגעבין דער ברומונג פון דיא וואסער אין הימעל . רב אחא בר יעקב זאגט פריער קומט אשטארקער בליץ אין די וואלקינס אונ דער בליץ צו ברעכט דיא שטיקער האגיל . אונ ווען דיא שטיקער האגיל ווערין צו בראכען ווערט אקול . דס איז דער דונער . דער נאך גייט רעגין : רב אשי זאגט די וואלקינס זענען אינווייניג ליידיג אונ עס קומט אווינט אונ בלאזט אויף די מויל פון די וואלקינס אונ עס איז גלייך אזוי וויא אווינט וואס בלאזט אויף די מויל פון אפאס : אונ דס רוישט שטארק . דס איז דער דונער . זאגט די גמרא אונ עס זעהט אויס אזוי ווי רב אחא בר יעקב זאגט פריער בליגט דער נאך ברומען דיא וואלקינס (עס דונערט) דער נאך קומט רעגין :

טו ועל : אונ אויף ווינטען מאכט מען אברכה שכחו מלא עולם . אויף וועלכע ווינטען מאכט מען אברכה הט אביי גזאגט אויף אגרויסען שטורעם ווינט וואס ער קומט מיט כעס . נאך הט אביי גזאגט מיר האבען גילערונט אז אשטורעם ווינט מיט כעס קומט ניט ביי נאכט . פרעגט די גמרא מיר זעהן דאך אז עס איז דא אשטורעם ווינט מיט כעס ביי נאכט אויך . ענטפערט די גמרא דער ווינט הט אנגיהויבען ביי טאג . נאך הט אביי גזאגט מיר האבען גילערונט אז אשטורעם ווינט דויערט ניט קיין צוויי שעה צו מקיים זיין וואס עס שטייט אין פסוק אצרה האלט ניט צוויי מאהל . דס הייסט צוויי שעה . יעדער שעה הייסט אמאהל . ווייל יעדער שעה האט אבזונדער מזל . פרעגט די גמרא מיר זעהן דאך אז אשטורעם ווינט האלט עטליכע שעה : ענטפערט די גמרא צווישען איין שעה אונ די אנדערע שעה הערט אויף אביסול . ווערט דער ווינט אביסול שטילער . דער נאך הייבט צוריק אן דער ווינט צו בלאזין מיט זיין שטארקייט אזוי וויא פריער :

טז ועל . אויף בליצען זאל מען זאגען ברוך שכחו וגבורתו מלא עולם . וואס מיינט מען בליצען הט רבא גזאגט אויף איין בליץ מאכט מען אויך אברכה . נאך הט רבא גזאגט אז עס הט נאר איין מאהל גיטאהן אבליץ אונ אווייסער בליץ אונ אגרינער בליץ . אונ אז דיא וואלקינס גייען אויף אין ווינקעל פון מערב זייט אונ זיי קומען פון ווינקעל פון דרום זייט אונ צוויי וואלקינס גייען איינער געגין דעם אנדערין . די אלע זאכען זענען ניט גוט . פרעגט דיא גמרא צו וואס דארפען מיר וויסען אז זייא זענען ניט גוט . ענטפערט די גמרא מען זאל תפלה

רחמי והני מילי בליליא אבל בצפרא לית בהו מששא אמר רבי שמואל בר יצחק הני ענני דצפרא לית בהו מששא דכתיב (הושע ו) וחסדכם כענן בקר וגו' אמר ליה רב פפא לאביי הא אמרי אינשי כדמפתחת בבי מטרא בר חמרא מוך שקיך וגני. לא קשיא הא דקטר בעיבא הא דקטר בעננא :

יז אמר רבי אלכסנדרי אמר רבי יהושע בן לוי לא נבראו רעמים אלא כדי לפשוט עקמומיות שבלב שנאמר (קהלת ג) והאלהים עשה שייראו מלפניו ואמר רבי אלכסנדרי אמר רבי יהושע בן לוי הרואה קשת בענן צריך שיפול על פניו שנאמר (יחזקאל א) כמראה הקשת אשר יהיה בענן (וגו') ואראה ואפול על פני לייטי עלה במערבא משום דמיחזי כמאן דקא סגיד לקשתא אבל ברוכי ודאי מברך מאי מברך אומר ברוך זוכר הברית במתניתא תני רבי ישמעאל בנו של רבי יוחנן בן ברוקא אומר נאמן בבריתו וקיים במאמרו ואמר רב פפא הילכך

כדמפתחת בבי מטרא בר חמרא מוך שקיך וגני. אם כשפתחת דלתיך בבקר ירד לך מטר לך אני אומר חמר שהולך ממקום למקום להביא תבואה: מוך שקיך וגני כפול שקיך תחתיך והישן עליו ואל תלך הנה והנה להביא תבואה לפי שיהיו החטין בזול מפני הגשם. ה"ג הא דקטר בעיבא כשקדרו השמים בעבים אז טוב כי ירד גשם רב: הא דקטר בעננא. ענן קלוש הוא ענן דק שאין בו ממש: צריך שיפול על פניו. לפי שהוא מראה כבוד ה':

טאהן זיי זאלען ניט שאדין מאכען. ווען זענען די זאכען ניט גוט. אז זיי קומען ביי נאכט אבער אז זיי קומען אין דער פריא איז אין זייא ניטא קיין ממש. ווערט פון זייא גאר ניט. און זיי קענען ניט שאדין טאהן. רבי שמואל בר יצחק הט גזאגט דיא וואלקינס וואס זענען באלד אין דער פריא איז ניטא אין זיי קיין ממש. פון זיי ווערט קיין רעגין ניט זיין: אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער נביא זאגט צו די יודען אייערע חסדים (אייערע טובות) וואס איר טוהט זענען אזוי וויא די וואלקינס וואס קומען באלד אין דער פריא. די וואלקינס ברייגען ניט קיין טובה צו די וועלט. און אייערע חסדים ברייגען אויך ניט קיין טובה צו די וועלט. רב פפא הט גזאגט צו אביי מענטשין זאגען אז מען עפינט די טיר אין דער פריא: ווען מען שטייט אויף פון שלאף. און עס רעגינט: דער אייזיל טרייבער וואס קויפט צו זאמען תבואה צו פר קויפען. מעג אונטער לייגען דיא זעק און שלאפען אויף זייא. ווייל עס ווערט זיין דעם יאהר וואלוויל תבואה ווערט ער ניט האנדלען דעם יאהר מיט קיין תבואה. זעהן מיר דאך אז דיא וואלקינס פון דער פריא ברייגען פיל רעגין. ענטפערט די גמרא עס איז ניט קיין קשיא אויב דער הימעל איז פאר בונדין מיט גראבע וואלקינס. ווערט פיל רעגינען. אבער אז דער הימעל איז פאר בונדען מיט דינע וואלקינס. ווערען דיא וואלקינס אוועק גיין. און עס ווערט ניט רעגענען:

יז רבי אלכסנדראי הט גזאגט פון רבי יהושע בן לוים וועגין) דיא דונערין זענען ניט מער בשאפען גיווארען נאר אוים צו ציהען די קרומע זאכען וואס ביי דעם מענטשין אין הארץ איז. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט הט גימאכט די אלע זאכען מען זאל מורא האבען פר איהם ווערט מען איהם דינען:

נאך הט גזאגט רבי אלכסנדרי פון רבי יהושע בן לוים וועגין) אז ער זעהט א בויגען אין וואלקין דארף ער פאלען אויף זיין פנים. ווייל אזוי זעהט אוים דער כבוד פון גאט: אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אזוי וויא עס זעהט אוים דער בויגען אין וואלקין. אזוי זעהט אוים דער כבוד פון גאט. זאגט דער נביא איך האב אמאהל גיזעהן דעם בויגען אין וואלקין בין איך גיפאלען אויף מיין פנים. אין ארץ ישראל הט מען גישאלטען ווער עס פאלט אויף זיין פנים אז ער זעהט דעם רעגינבויגען ווייל עס זעהט אוים אז ער בוקט זיך (און דינט) צום רעגינבויגען אבער א ברכה אויף דעם רעגינבויגען מוז מען געווים מאכען. וויא זאל ער זאגען. ענטפערט די גמרא ער זאל זאגען ברוך זוכר הברית. אין א ברייתא האבען מיר גילערנט. רבי ישמעאל בנו של רבי יוחנן בן ברוקא זאגט. מען זאל זאגען נאמן בבריתו וקיים במאמרו. האט רב

.לכך נימרינהו (להו) לתרוייהו ברוך זוכר הברית נאמן בבריתו וקיים במאמרו :

יח אמר רבי יהושע בן לוי הרואה רקיע בטהרתה אומר ברוך עושה בראשית אימתי אמר אביי כי אתא מיטרא כולי ליליא ובצפרא אתי אסתנא ומגליא להו לשמיא ופליגא דרפרם בר פפא (אמר רב חסדא) דאמר רפרם בר פפא אמר רב חסדא מיום שחרב בית המקדש לא נראית רקיע בטהרתה שנאמר (ישעיה נ) אלביש שמים קדרות ושק אשים כסותם :

(פ"נ) **יט תנו** רבנן הרואה חמה בתקופתה לבנה בגבורתה וכוכבים במסלותם ומזלות כסדרן אומר ברוך עושה בראשית ואימת הוי אמר אביי כל כ"ח שנין והדר מחזור ונפלה תקופת ניסן בשבתאי באורתא

אומר ברוך עושה בראשית. שכך היתה בריית[ו] ואחר כך כשהוא עגול : הסהרה . רוח לפומיה : בתקופתה . מקום שהיא חוזרת שם לתחלת היקפה היא שעה תלויה במאורות ומאז תתחילה להקיף ולשמש : ואימת הוי . אימה בתקופתה קתני : כל כ"ח שנין . (של) תקופת ניסן (שבכוף) [שבההגה] כ"ח בחוזר מחזור גדול של חמה להיות תקופה נפלת בשעת תליית המאורות בשבתאי היא (שעה) תחלת ליל ד' (באורתא דתלת נגהי ד'. שהעריב שמשו של ג' בשבת ויתחיל ליל ד') : נגהי . ליל כדאמר בפסחים במשנה קמייתא דאיכא דוכתא דקרו לילי נגהי : שבתאי . שם שעה ראשונה של ליל ד' שבאותה שעה נתלו המאורות וז' שעות הן והוזרות חלילה שצ"ם חנכ"ל המנח בהיקף סדרן בלעולם סימני שעות התחלת הלילות כלנ"ב חל"ם מואדי שבת כוכב תחלת ליל ב' צדק תחלת ליל ג' נגה תחלת ליל ד' שבתאי תחלת ליל ה' חמה תחלת ליל ו' לבנה תחלת ליל ז' מאדים וסדר תחלת הימים בשעות הסדר חל"ם כנג"ב ותקופה מובכת מחברתה ז' שעות ומחצה (כלומר מאחרת אחר היום ובשעה

פפא זאגט דריבער זאלען מיר ביידע זאגין . ברוך זוכר הברית נאמן בבריתו וקיים במאמרו :

יח אמר . רבי יהושע בן לוי האט גזאגט אז ער זעהט דעם הימעל ווען ער איז ריין אן וואלקינס זאל ער זאגען ברוך עושה בראשית . ווען זאל ער זאגען דיא ברכה האט אביי גזאגט אז אגאנצע נאכט איז גיגאנגען רעגין אונ אין דער פריא איז גיקומען אווינט פון צפון ווינט אונ האט פאר טריבען די וואלקינס אונ האט אויף גידעקט דעם הימעל . ווער עס זעהט ביי דער צייט דעם הימעל דארף מאכען אברכה עושה בראשית . אונ רבי יהושע בן לוי קריגט אויף רפרם בר פפא ווארום רפרם בר פפא האט גזאגט פון רב חסדאס וועגין פון דעם טאג ווס דער בית המקדש איז חרוב גיווארין איז נאך דער הימעל ניט גיזעהן גיווארין ריין אן וואלקינס : ווארום עס שטייט אין פסוק איך וועל אן קליידען די הימעל מיט שווארצקייט אונ אזאק וועל איך מאהן זייער קלייד :

יט תנו רבנן . דיא רבנן האבען גילערנט אז ער זעהט דיא זוהן ווען זיא קומט צוריק צו דעם ארט וואס זיא איז גיוועזען ווען דיא וועלט איז בשאפען גיווארין . אדער ער זעהט דיא לבנה מיט איר שטארקייט . אדער ער זעהט וויא דיא שטערין גייען זייער וועג . אדער ער זעהט וויא דיא מזלות גייען מיט זייער ארדענונג זאל ער זאגען ברוך עושה בראשית . ווען איז דיא זוהן צוריק אויף איר ארט . האט אביי גזאגט אלע אכט אונ צוואנציג יאהר קומט צוריק דיא זוהן אויף איר ארט . אונ דיא תקופה פון ניסן פאלט אין מזל שבתאי ווען עס גייט אונטער די זוהן פון דינסטאג אונ עס הייבט אן דיא נאכט פון מיטוואך :

כ משנה . רבי יהודה זאגט אז מען זעהט דעם ים הגדול זאל מען זאגען גילויבט איז גאט וואס ער האט בשאפען דעם ים הגדול . אז ער זעהט איהם אמאהל :

גמרא . ביז וויא לאנג זאל ער איהם ניט זעהן . וואס דאס הייסט אמאהל : האט רמי בר אבא גזאגט רבי יצחק זאגט ביז דרייסיג טעג . אז ער זעהט דעם ים איין מאהל אין דרייסיג טעג . דארף מען מאכען אברכה : נאך האט רמי בר אבא גזאגט רבי יצחק זאגט) אז איינער זעהט דעם טייך פרת ביי דיא בריק פון בבל זאל ער זאגען ברוך עושה בראשית . אונ איצט או די פרסיים האבען געענדערט דעם גאנג פון די וואסער פון דעם טייך פרת . ביי דיא בריק פון בבל זאל מען ניט מאכען קיין ברכה . פון דעם ארט שבור אונ העכער זאל מען מאכען אברכה . ווארום דארט איז דיא וואסער ניט געענדערט גיווארין . רב יוסף זאגט פון דעם ארט איהי דקירא . אונ העכער זאל מען מאכען אברכה . ווארום דארט איז דיא וואסער גיט געענדערט

שנופלת בה ונפילתה ז' שעות ומחצה) הרי ל' שעות לד' תקופות הרי יום ורביע לשנה. לד' שנים ה' ימים למדת שאין התקופה נופלת בתחלת הלילה אלא לסוף ד' שנים שהוא מחזור קטן וז' מחזורים קטנים למחזור גדול וסימנך דב"ז הגה"ו הרי שאינה באה לתחלת ליל ד' אלא מכ"ח שנים לכ"ח שנים בראש כל מחזור קטן באה לתחלת הלילה ובראש כל מחזור גדול באה לתקופה כראשונה שהיא תחלת ליל ד': (אגשרא דבבל אומר ברוך עושה בראשית. קים להו דלא נשתנה פרת מהלוכו ע"י אדם משם ולמעלה אבל משם ולמטה הסיבוהו בני אדם דרך אחרת: והאידנא דשניוה פרסאי. מלמעלה לגשר אין מברך עליו עושה בראשית אלא מאיהי דקירא ולעיל. איהי דקירא שם מחוז שהוא על הפרת): חדין. חריפין מיא וקלין לשקול במאזנים ועושים נשמות שאין מכבידין את הגוף: דמסקא ארעא שירטון. נימ"ן מתמת המים והו"ל לזבל: השתא מיהא רעה היא. במתכלת תבואה של שנה זו ומברך ברוך דיין האמת. ועל הטובה שהוא מעין הרעה יברך הטוב והמטיב מאי היא. כגון דאשכחת מציאה:

באורתא דתלת נגהי ד':

משנה כ רבי יהודה אומר הרואה את הים הגדול אומר ברוך שעשה את הים הגדול בזמן שרואהו לפרקים: **גמ'** עד כמה אמר רמי בר אבא אמר רבי יצחק עד שלשים יום. ואמר רמי בר אבא אמר רבי יצחק הרואה פרת אגשרא דבבל אומר ברוך עושה בראשית. והאידנא דשניוה פרסאי מבי שבור ולעיל (רב יוסף אמר מאיהי דקירא ולעיל) ואמר רמי בר אבא הרואה דגלת אגשרא דשביסתנא אומר ברוך עושה בראשית:

כא מאי חדקל אמר רב אשי שמימיו חדין וקלין. מאי פרת שמימיו פרין ורבין. ואמר רבא האי דחריפי בני מחוזא משום דשתו מיא דדגלת:

(דף ס) **כב** מברך על הרעה מעין על הטובה היכי דמי כגון דשקיל בידקא בארעיה אף על גב דטבא הוא לדידיה דמסקא ארעא שירטון ושבחא השתא מיהא רעה היא. ועל הטובה מעין על הרעה היכי דמי כגון דאשכחת מציאה אף על גב דרעה היא לדידיה דאי שמע בה מלכא שקיל לה מיניה השתא מיהא טובה היא:

משנה כג הצועק על מה שעבר הרי זו תפלת שוא כיצד היתה אשתו מעוברת ואומר

גיוואָרין. נאָך האָט רָמִי בַּר אַבָּא גזאָגט אז מען זעהט דעם טייך דִגְלַת בייא דער בריק פון דעם אָרט שְׁבִיסְתְּנָא זאָגט מען בָּרוּךְ עוֹשֶׂה בְּרֵאשִׁית:

כא מַאי. פאַר וואס רופט מען דעם טייך חִדֶּקֶל האָט רַב אַשִׁי גזאָגט ווייל דיא וואַסער איז שאַרף (שְׁטְרָאהמִינג) אונ גרינג. פאַר וואס רופט מען דעם טייך פְּרָת. ווייל דיא וואַסער פרוכטבאַרין אונ מאַכען גיזונט דעם מענטש וואס טרינקט זייא. אונ רָבָא האָט גזאָגט וואס דיא מענטשין פון מְחוֹזָא האָבען אַשאַרפען שֵׂכֶל ווייל זייא טרינקען די וואַסער פון טייך דִגְלַת:

כב מְבָרֵךְ. מען זאָל מאַכען אַבְּרָכָה אויף אַרָעָה (דַיין הָאֱמֶת) אֲפִילוּ פון דיא רָעָה וועט אַרויס קומען אַטוֹבָה. פרעגט די גְמָרָא וויא אַזוי. ענטפערט די גְמָרָא אויב אַוואַסער האָט פאַרפלייצט די פעלדער אֲפִילוּ דאָס וועט גוט זיין פאַר איהם. וואָרום אז די וואַסער וועט אַוועק גיין אָדער זיא וועט אויס געטריקנט ווערין וועט ווערין אויף דיא פעלד אַגרינגער שְׁלַאם. אונ דאס מאַכט פעט די ערד וועט דיא פעלד פאַר בעסערט ווערין. איצט אז די וואַסער איז דָא איז דאָך אָבער שלעכט. מאַכט מען אַבְּרָכָה דַיין הָאֱמֶת. מען זאָל מאַכען אַבְּרָכָה אויף אַטוֹבָה (הַטוֹב וְהַמֵּטִיב) אֲפִילוּ פון דיא טוֹבָה וועט אַרויס קומען אַרָעָה. ווי אַזוי אויב ער האָט גיפונען אַמְצִיאָה. אֲפִילוּ עס קען איהם שלעכט ווערין פון דיא מְצִיאָה אויב דער מֶלֶךְ וועט הערין אז ער האָט עפעס גיפונען וועט מען בייא איהם אַוועק נעמען. אונ ער וועט האָבען אַשְׁטְרָאף פַר וואס ער האָט ניט אַליין אַוועק גיגעבין: וואָרום אז מען געפינט אַזאַך אונ מען זָיים ניט צו וועמען דיא זאַך גיהער. דאַרף מען דאס ברייענגען צום מֶלֶךְ. ווייל דער מֶלֶךְ איז דער בַּעַל הַבַּיִת פון דיא מְדִינָה; איצט אז קיינער וויים ניט אז ער האָט גיפונען; אונ ער האַלט דיא זאַך פאַר זיך. איז דאָך דאס בייא איהם אַטוֹבָה. דאַרף ער מאַכען אַבְּרָכָה הַטוֹב וְהַמֵּטִיב:

כג מִשְׁנָה. הַצוֹעֵק. אז ער שרייט (ער איז מִתְפַּלֵל) אויף אַזאַך וואס עס איז שוין גיוועזען איז דאס אַאומזיסטע תְּפִלָּה. וויא אַזוי: אויב זיין ווייב איז גיוועזען מְעוּבֶּרֶת אונ ער זאָגט עס

ואמר יהי רצון שתלד אשתי זכר הרי זו תפלת שוא היה בא בדרך ושמע קול צוחה בעיר ואומר יהי רצון שלא יהא בתוך ביתי הרי זו תפלת שוא:

גמ' ולא מהני רחמי והא מתיב (רבי אבא) [רב יוסף] אמאי דכתיב (בראשית ל) ואחר ילדה בת מאי ואחר אמר רב לאחר שדנה לאה דין בעצמה אמרה לפני הקדוש ברוך הוא רבונו של עולם שנים עשר שבטים עתידין לצאת מיעקב שיתא דידי וד' דבני שפחות הא עשרה אם זה זכר לא תהא רחל אחותי כאחת מן השפחות מיד נהפכה והיתה לבת שנאמר ותקרא שמה דינה שדנה דינה לעצמה. אין מזכירין מעשה נסים. ואי בעית אימא (התם) [מעשה דלאה] בתוך ארבעים (יום) הוה כדתניא שלשה ימים הראשונים יבקש אדם רחמים שלא יסריח משלשה ועד ארבעים שיהא זכר מארבעים ועד שלשה חדשים שלא יהא סנדל משלשה ועד ששה שלא יהא נפל מששה ועד תשעה שיצא בשלום. ומי מהני רחמי והאמר רבי יצחק

שלא יסריח. שלא יקלוט ויהא ולד ולאחר שלשה ימים אם לא קלט כבר הסריח ואין תפלתו מועלת: שלא יהא סנדל. שלא תתעבר אשה ולד אחר ויהא פוחת צורתו של ראשון ודומה לדג של ים (שדומה לסנדל) ששמו סנדל והכי אמרינן במסכת נדה סנדל דומה לסנדל של ים ומתחלתו ולד היה אלא שנרצף מפל לאדם שסטר את חברו והחזיר את צורתו לאחוריו: ומי מהניא תפלתו. לזכר אפילו בתוך מ' יום והלא כדבר תלוי בהזרעה תחלה.

זאל זיין דער ווילען פון גאט אז מיין ווייב זאל געבאהרין אזכר איז דאס אאומזיסטע תפלה, ווארום מיט וואס זיא איז מעוברת. דס וועט זיא געבארין. ער קומט פון וועג אונ ער הערט מען שרייט אין שטאט אונ ער זאגט עס זאל זיין דער ווילען פון גאט דאס זאל ניט זיין אין מיין שטוב איז דאס אאומזיסטע תפלה. ווארום אויב דאס געשריי איז שוין ביי איהם אין שטוב. איז דאך שוין פר פאלען:

גמרא. פרעגט דיא גמרא תפלה העלפט ניט אויף אגעוויזענע זאך רב יוסף האט דאך געפרעגט אויף דעם פסוק וואס עס שטייט דער נאך האט זיא (לאה) געהאט אטאכטער. וואס מיינט מען דער נאך האט רב געזאגט דער נאך וויא לאה האט אויף זיך אליין געמשפט אדין: לאה האט געזאגט פר גאט. רבונו של עולם צוועלף שבטים זענען אן געבריית געבאהרין צו ווערין פון יעקב זעקס זיהן מיינע אונ פיר זיהן פון דיא דינסטען. בלהה אונ זלפה איז צעהן. אויב דס קינד וואס איך בין מיט איהם מעוברת וועט אויך זיין אזכר. וועט שוין זיין עלף זיהן. בלייבט פאר מיין שוועסטער רחל נאר איין זוהן צו האבען וועט דאך מיין שוועסטער רחל ניט גלייך זיין אפילו צו אדינסט. איז באלד געווארין פון דעם זכר אנקבה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק לאה האט גירופען דעם נאמען פון דיא טאכטער דינה. פאר וואס האט זי איר גירופען דינה וועיל לאה האט געמשפט איר דין פאר זיך אליין. זעהן מיר דאך אז תפלה העלפט אויף אזאך וואס עס איז שוין געוועזין. עס זאל אנדערש ווערין. ענטפערט דיא גמרא מען דער מאנט ניט קיין נסים. פון נסים שמועסין מיר ניט. אויב דוא ווילסט וועל איך דיר זאגען דיא מעשה פון לאה איז געוועזען אין די פערציג טעג וואס זיא איז מעוברת געווארין. אזוי וויא מיר האבען געלערנט דיא ערשטע דריי טעג וויא ער האט משמש המטה געוועזען זאל מען מתפלל זיין אז דיא זרע זאל ניט פר שטונקען ווערין. נאר עס זאל ווערין פון דיא זרע אקינד. פון דיא דרייא טעג ביז פערציג טעג זאל מען מתפלל זיין אז דאס קינד זאל זיין אזכר. פון די פערציג טעג ביז דריי חדשים זאל מען מתפלל זיין אז דיא ווייב זאל ניט מעוברת ווערין מיט נאך אקינד דס אנדערע קינד זאל ניט קאליע מאכען די צורה פון דעם קינד וואס זי איז שוין מעוברת מיט איהם אקינד אן אצורה הייסט סנדל. פון דריי חדשים ביז זעקס חדשים זאל מען מתפלל זיין אז די אשה זאל ניא מפיל זיין דאס קינד. פון זעקס חדשים ביז ניין חדשים זאל מען מתפלל זיין אז דס קינד זאל געבאהרין ווערין בשלום. עס זאל ניט טרעפין קיין אומגליק צום קינד אונ ניט צו דיא אשה. פרעגט דיא גמרא צו העלפט דען תפלה דאס קינד זאל זיין אזכר אפילו אין די פערציג טעג. רבי יצחק דער זוהן פון רבי אמי האט דאך געזאגט אויב דיא זרע פון די אשה קומט

פירוש

ב"ג מצכחה לה דמהג א כגון שהזריעו שניהם בבת אחת:

מרישיה לסיפיה. כל היכא דדרשת ליה להאי קרא מדריש לחדא משמעותא: מסיפיה לרישיה מדריש. מי שנכון לבו בטוח בה' משמועה רעה לא יירא: בדברי תורה כתיב. אשרי אדם מפחד תמיד שמא תשתכח ממנו שמתוך כך הוא מחזיר לשנותה תמיד:

יצחק בריה דרבי אמי אשה מזרעת תחלה יולדת זכר איש מזריע תחלה יולדת נקבה. שנאמר (ויקרא יב) אשה כי תזריע וילדה זכר הבא במאי עסקינן שהזריעו שניהם בבת אחת:

כד תנו רבנן מעשה בהלל הזקן שהיה בא בדרך ושמע קול צוחה [בעיר] ואמר מובטח אני שאין זה בתוך ביתי עליו הכתוב אומר (תהלים קיב) משמועה רעה לא יירא נכון לבו בטוח בה'. אמר רבא כל היכי דדרשת להאי קרא מרישיה לסיפיה מדריש ומסיפיה לרישיה מדריש. מרישיה לסיפיה מדריש משמועה רעה לא יירא מאי טעמא משום דנכון לבו בטוח בה' מסיפיה לרישיה מדריש נכון לבו בטוח בה' משמועה רעה לא יירא. ההוא תלמידא דהוה שקיל ואזיל אבתריה דרבי ישמעאל ברבי יוסי (בשוקא דציון) חזייה דקא מפחיד א"ל חטאה את דכתיב (ישעיה לג) פחדו בציון חטאים (א"ל) והא כתיב (משלי כח) אשרי אדם מפחד תמיד (א"ל) ההוא בדברי תורה כתיב. יהודה בר נתן הוה שקיל ואזיל בתריה דרב המנונא חזייה דקא מיתנח א"ל יסורי קא בעי ההוא גברא לאתויי אנפשיה דכתיב (איוב ג) כי פחד פחדתי ויאתיני א"ל והא כתיב אשרי אדם מפחד תמיד ההוא בדברי תורה כתיב:

פריער. װערט געבאהרין אזכר. אונד דיא זרע פון מאן קומט פריער. װערט געבאהרין אנקבה אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אז די זרע פון די אשה װעט ארויס גיין פריער װעט געבאהרין װערין אזכר. ענטפערט די גמרא דא שמועסט אז די זרע פון ביידע (פון מאן אונד ווייב) איז געקומען מיט איין מאהל. דא קען העלפען דיא תפלה פון אמענטשין אין פערציג טעג אז דם קינד זאל זיין אזכר:

כד תנו רבנן. דיא רבנן האבען געלערנט עס הט געטראפען הלל הזקן איז געקומען פון װעג צו זיין שטאט אונד ער הט געהערט אגעשריי אין שטאט האט הלל גזאגט איך בין זיכער אז דם געשריי איז ניט ביי מיר אין שטוב. אויף איהם זאגט דער פסוק פון אשלעכטע הערונג װעט ער ניט מורא האבען ווייל זיין הארץ איז אן געברייט אונד פאר זיכערט צו גאט. הט רבא גזאגט וויא דוא װעסט דרשנן דעם פסוק פון אנהייב צום סוף װערט ער גידרשת. אונד פון סוף צום אנהייב װערט ער אויך גידרשת. פון אנהייב צום סוף װערט ער גידרשת פון אשלעכטע הערונג װעט ער ניט מורא האבען פאר װאס ווייל זיין הארץ איז אנגעברייט אונד פאר זיכערט צו גאט. פון סוף צום אנהייב װערט ער גידרשת. ווייל זיין הארץ איז אן אנגעברייט אונד פאר זיכערט צו גאט. דריבער פון אשלעכטע הערונג װעט ער ניט מורא האבען. אתלמיד איז אמאהל געגאנגען אינטער רבי ישמעאל ברבי יוסי אין דיא גאס פון ציון האט רבי ישמעאל געזעהן אז דער תלמיד הט מורא האט רבי ישמעאל גזאגט צו דעם תלמיד דוא ביסט אזינדיגער. ווארום עס שטייט אין פסוק אין ציון האבען מורא דיא זינדיגע האט דער תלמיד גזאגט צו רבי ישמעאל עס שטייט דאך אין פסוק וואוהל דעם מענטש װס ער הט אייביג מורא הט רבי ישמעאל גזאגט צום תלמיד דאס שמועסט פון די תורה. אמענטש זאל מורא האבען טאמער פר געסט ער װס ער הט געלערנט אונד זאל אלע טאג חזרין:

יהודה דער זוהן פון נתן איז געגאנגען אינטער רב המנונא. הט רב המנונא געזעהן אז יהודה זיפצט הט רב המנונא גזאגט צוא יהודה דער מענטש (יהודה) וויל אויף זיך ברייגגען יסורים ווארום עס שטייט. ווייל איך האב מורא געהאט. דריבער איז אויף מיר געקומען דיא יסורים הט יהודה גזאגט צו רב המנונא עס שטייט דאך אין פסוק וואוהל דעם מענטש װאס ער הט אייביג מורא. הט רב המנונא געענטפערט דאס שמועסט פון די תורה. אמענטש זאל מורא האבען טאמער װעט ער פאר געסין װס ער הט געלערנט אונד זאל אלע טאג חזרין:

כה תנו רבנן הנכנס לבית המרחץ אומר יהי רצון מלפניך ה' אלהינו שתצילנו מזה וכיוצא ואל יארע בי דבר קלקלה (ועון) ואם יארע בי דבר קלקלה ועון תהא מיתתי כפרה על עונותי אמר אביי לא לימא איניש הכי דלא ליפתח פומיה לשטן דאמר ריש לקיש וכן תנא משמיה דרבי יוסי לעולם אל יפתח אדם פיו לשטן אמר רבי יוסי (יוסף) מאי קראה דכתיב (ישעיה א) כסדום היינו לעמורה דמינו מאי אהדר להו נביא (שם) שמעו דבר ה' קציני סדום וגו'. כי נפיק מאי אומר אמר רבי אחא מודה אני לפניך ה' אלהי שהצלתני מן האור . רבי אבהו על לבי בני אפחית בי בני מתותיה איתרחיש ליה ניסא קם על עמודא שזיב מאה וחד גבריה בחד איבריה אמר היינו [דרבי אחא] (אמר רב אחא אמר רב) הנכנס להקיז דם אומר יהי רצון מלפניך ה' אלהי שיהא עסק זה לי לרפואה ותרפאני כי אל רופא נאמן אתה ורפואתך אמת לפי שאין דרכן של בני אדם לרפאות אלא שנהגו . אמר אביי לא לימא איניש הכי דתני דבי רבי ישמעאל (שמות כא) ורפא

בי בני . בית המרחץ : מתותיה . תפירה שהמים נופלים לתוכה ובני אדם רוחצים ע"ג הקורה בעל גבה : בחד איבריה . בזרועו החזיק אחד או בשיש וזה בזה החזיקו עד מאה ואחד : היינו דרבי אחא. דבעי אודויי שהצלתנו לשלום : שאין דרכן של בני אדם כו' . כלומר לא (לי) (להם) לעסוק ברפואות אלא לבקש רחמים :

כה תנו רבנן. די רבנן האבען גילערנט אז איינער גייט אריין אין א באד זאל ער זאגין עס זאל זיין דער ווילען פון פאר דיר גאט אונזער גאט דוא זאלסט מיך רעטין פון דעם אומגליק וואס עס קען טרעפין אין באד. אונ פון אנדערע אומגליקען. אונ עס זאל מיך ניט טרעפין אין באד קיין אומגליק. אונ מיינע עבירות זאלען ניט בארפען דער מאנט ווערין צוא דעם אומגליק. אינ אויב עס וועט מיך יא טרעפין אאומגליק אונ מיינע עבירות וועלען דער מאנט ווערין צו דעם אומגליק זאל מיין טויט מכפר זיין אויף מיינע עבירות. אביי הט גזאגט אמענטש זאל ניט אזוי זאגען ער זאל ניט עפענען דיא מויל צום שטן. דער שטן זאל ניט זאגען דער מענטש אליין האט זיך אזוי גיוואונשען. ווארום ריש לקיש האט גזאגט אונ אזוי האט מען גילערנט פון רבי יוסים וועגין אמענטש זאל זיך אייביג היטען ער זאל ניט עפענען דיא מויל צום שטן. האט רב יוסף גזאגט פון וועלכין פסוק ווייסען מיר דאס ווארום עס שטייט אין פסוק מיר וואלטען גיוועין אזוי וויא סדום אונ מיר וואלטען גלייך גיוועין צו עמורה. וואס האט דער נביא זייא גיענטפערט איר הערין פון סדום הערט צו דיא רייד פון גאט. הט דער נביא זייא באהר גירופען דיא הערין פון סדום אונ דיא פאלק עמורה. אז ער גייט ארויס פון באד וואס זאל ער זאגין. האט רבי אחא גזאגט ער זאל זאגען איך באנק דיר גאט מיין גאט וואס דוא האסט מיך גירעטעט (מציל גיוועין) פון דעם פייער. רבי אבהו איז אריין גיגאנגען אין א באד איז צו בראכען גיווארין דיא ברעט וואס ליגט איבער דיא גרוב וואסער. אונ רבי אבהו איז גישטאנען אויף דיא ברעט. האט ער ניקענט דער טרונקען ווערין אין דיא וואסער. הט איהם גיטראפען א נס ער איז געבליבען שטיין אויף א זייל: אונ מיט איין האנט האט ער מציל גיוועין הונדערט מיט איין מענטש. רבי אבהו הט צו גיהאלטען מיט זיין האנט איינעם אדער צוויא מענטשין אונ ווייטער האט גיהאלטען איינער דעם אנדערין ביז הונדערט אונ איין מענטש. הט רבי אבהו גזאגט דאס איז וואס רבי אחא זאגט אז מען גייט ארויס בשלום פון באד דארף מען דאנקען ג"ט. אז איינער גייט צו א דאקטאר (אדער ביא זיך אין שטוב) מען זאל איהם עפענען אאדער עס זאל ארויס גיין בלוט זאל ער זאגען עס זאל זיין דער ווילען פון פאר דיר גאט מיין גאט די זאך זאל מיר זיין צו א היילונג אונ דוא זאלסט מיך היילין ווייל דוא ביסט א גאט אונ א אמת'ר דאקטאר אונ דיינע היילונג איז אמת ווייל מענטשין דארפען ניט גיהיילט ווערין דורך מענטשין. נאר זיא דארפען בעטין צו גאט ער זאל זיי היילען נאר דער פירונג פון מענטשין מען זאל גיין צו א דאקטאר. הט אביי גזאגט א מענטש זאל ניט זאגען אזוי. ווארום דיא רים פון רבי ישמעאל האבען גזאגט עס שטייט אין פסוק ורפא ירפא ער זאל היילין

דבר אחר בכל מאדך. לשון מדות המדודות לך בין מדה טובה בין מדת פורענות: ה"ג. אילימא כשם שמברך על הטובה הטוב והמטיב כך מברך על הרעה הטוב והמטיב והתנן על בשורות טובות אומר הטוב והמטיב ועל שמועות רעות אומר ברוך דיין האמת: לקבלינהו בשמחה. ולברך על מדת פורענות בלב שלם: אנסים. לשון דיין (שנאמר) [כמו] עד

ורפא ירפא מכאן שנתנה רשות לרופא לרפאות כי קאי מאי אומ' אמר רב אחא ברוך רופא חנם:

(ע"ב) **כן משנה** חייב אדם לברך על הרעה כשם שמברך על הטובה שנאמר (דברים ו) ואהבת את ה' אלהיך בכל לבבך גו' בכל לבבך בב' יצריך. ביצר טוב וביצר רע. בכל נפשך אפילו הוא נוטל את נפשך. ובכל מאדך בכל ממונך. דבר אחר בכל מאדך בכל מדה ומדה שהוא מודד לך הוי מודה לו מאד מאד:

(גמ') חייב אדם לברך וכו'). מאי חייב אילימא דמברך על הרעה הטוב והמטיב ועל הטובה הטוב והמטיב והתנן (על הגשמים) ועל בשורות טובות אומר ברוך הטוב והמטיב ועל שמועות רעות אומר ברוך דיין האמת אמר רבא לא נצרכה אלא לקבלינהו בשמחה מנא הני מילי אמר רבה בר בר חנה אמר רבי יוחנן (רבי שמואל בר נחמני אמר) דאמר קרא (תהלים נו) בה' אהלל דבר באלהים אהלל דבר בה' אהלל דבר זו מדה טובה באלהים אהלל דבר זו מדת פורענות רבי אבהו (רב אחא משום רבי לוי) אמר מהכא (שם קא) חסד ומשפט אשירה לך ה' אזמרה אם לחסד אשירה ואם למשפט אשירה רבי תנחום אמר מהכא

פון דאנען ווייסען מיר אז גאט האט געגעבען רשות צום דאקטאר ער זאל היילען. אז ער שטייט אויף. ער ווערט געזונד וואס זאל ער זאגען. האט רב אחא געזאגט ער זאל זאגען געלויבט איז גאט וואס ער היילט אומזיסט:

כן משנה: א מענטש מוז מאכען א ברכה אויף א שלעכטע זאך אזוי וויא ער מאכט א ברכה אויף א גוטע זאך. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דוא זאלסט ליב האבען גאט מיט דיין גאנץ הארץ. מיט דיין גאנץ הארץ מיינט מען מיט ביידע יצרים מיט דעם יצר טוב אונ מיט דעם יצר רע. מיט דיין גאנץ לעבען. אפילו מען וויל צו נעמען דיין לעבען ומען וויל דיך הרגענן אויב דוא וועסט דינען גאט. זאלסטו לאזין מען זאל דיך הרגענן נאר דו זאלסט ניט אוועק גיין פון גאט. ובכל מאודך איז טייטש מיט דיין גאנץ געלט. אפילו מען וויל ביי דיר צו נעמען דיין גאנץ געלט אויב דוא וועסט דינען גאט. זאלסטו אוועק געבין דיין גאנץ געלט אונ דוא זאלסט דינען גאט. נאך אזאך קען מען זאגין אויף דיא ווערטער בכל מאדך. מאדך איז דער טייטש מאוד זייער. מיט וועלכע מאס גאט מעסט דיך. מיט א גוטע אדער מיט א שלעכטע זאלסטו לויבען גאט זייער אונ זייער:

גמרא. א מענטש מוז מאכען א ברכה אויף א שלעכטע זאך אזוי וויא אויף א גוטע. פרעגט דיא גמרא זאלען מיר זאגען אויף א שלעכטע זאך זאל מען מאכען א ברכה הטוב והמטיב. אונ אויף א גוטע זאך זאל מען אויך מאכען א ברכה הטוב והמטיב: מיר האבען דאך געלערנט אז מען זאגט איהם א גוטע זאך זאל ער זאגען ברוך הטוב והמטיב. אונ אז מען זאגט איהם א שלעכטע זאך זאל ער זאגען ברוך דיין האמת. האט רבא געזאגט די גמרא מיינט מען זאל דיא שלעכטע זאכען צו נעמען מיט שמחה. אזוי וויא מען נעמט צו מיט שמחה דיא גוטע זאכען. פרעגט די גמרא פון וואנען ווייסען מיר אז עס דארף אזוי זיין. ענטפערט דיא גמרא רבה בר בר חנא האט געזאגט פון רבי יוחנן וועגין רבי שמואל בר נחמני האט געזאגט דער פסוק זאגט מיט ה' לויב איך גאט אונ מיט אלהים לויב איך גאט. ה' איז מדה פון רחמנות די גוטע מדה. אז גאט טוהט מיר גוטס לויב איך אים פאר די גוטע זאך. אלהים איז דיא מדה פון דין. וואס גאט שטראפט איינעם. אז גאט שטראפט מיך פון רעסטוועגין לויב איך איהם פאר דיא שלעכטע זאך אויך. רבי אבהו זאגט פון דעם פסוק ווייסען מיר דוד המלך האט געזאגט חסד אונ משפט וועל איך זינגען צו דיר גאט וועל איך לויבען אויב דוא וועסט טאהן מיט מיר חסד וועל איך זינגען אונ אויב דוא טוהסט מיט מיר משפט זינג איך אויך. רבי תנחום זאגט פון דעם פסוק דוד האט געזאגט אז איך האלט א כוס פון ישועות. וואס גאט האט מיר געהאלפען. רוף איך דעם נאמען פון גאט. אז איך טרעפט א צרה אונ א טרויערקייט

דוף

מהכא (תה קיז) כוס ישועות אשא ובשם ה׳ אקרא צרה ויגון אמצא ובשם ה׳ אקרא. רבנן אמרי אמר קרא (איוב א) ה׳ נתן וה׳ לקח יהי שם ה׳ מבורך. אמר רב הונא אמר רבי (רב) משום רבי מאיר וכן תנא משמיה דר״ע לעולם יהא אדם רגיל לומר כל דעבדין מן שמיא לטב. כי הא דרבי עקיבא הוה אזיל באורחא והוה בהדיה חמרא ותרנגולא ושרגא כטא האי דוכתא בעא אושפיזא ולא יהבו ליה. אמר כל דעבדין מן שמיא לטב. אזל בת בדברא אתא אריא אכליה לחמריה אתא שונרא אכלה לתרנגולא אתא זיקא כביה לשרגא אמר כל דעבדין מן שמיא לטב בלילה אתא גייסא שבייה למתא אמר להו היינו דאמרי כל דעבדין מן שמיא לטב (דף סא) ואמר רב הונא אמר רב משום רבי מאיר לעולם יהיו דבריו של אדם מועטים לפני הקב״ה שנאמר (קהלת ה) אל תבהל על פיך וגו׳ עד יהיו דבריך מעטים:

כז (פיסקא בכל לבבך בשני יצריך) דרש רב נחמן בר (רב) חסדא מאי דכתיב (בראשית ב) וייצר ה׳ בשני יודין (ב׳ יצירות הללו למה אחד לטובה ואחד לפורענות [שני יצרים ברא הקב״ה אחד יצר טוב ואחד יצר רע] מתקיף לה רב נחמן (בר יצחק) אלא מעתה גבי בהמה דלא כתיב בה וייצר הכי נמי דלא שליט בה יצר הרע והא קא חזינן דמזקא ונשכא ובעטא. אלא כדרבי שמעון בן פזי דאמר אוי לי מיוצרי אוי לי

האלהים יצא דבר שני ה: ובה נדכרה. לן בשדה: כוס בידיה הרנגולה. נהקילו תנתו: הכל למובה. אלי היה כמו דולק היו הגיים רואה אותי ולאי כיס התמור נוער או התרנגול קורא היו הגיים בא וכוזו אותי: דמזקא. ממזקת: אוי לי מיוצרי. אם

רופ איך אויך דעם נאמען פון גאט. דיא רבנן זאגען דער פסוק זאגט סיי גאט גיט אונ סיי גאט נעמט זאל אלץ זיין דער נאמען פון גאט גילויבט. רב הונא זאגט רב האט גזאגט פון רבי מאירס וועגין אונ אזוי האבען מיר גילערנט פון רבי עקיבאס וועגין אמענטש זאל זיין גיוואוהנט ער זאל אייביג זאגען אלץ וואס מען טוהט פון הימעל איז צו גוטען. אזוי וויא עס האט אמאהל גיטראפען רבי עקיבא איז גיגאנגען אין וועג אונ ער הט גיהאט מיט זיך אאייזיל. אונ אהאן. אונ אליכט. ער איז גיקומען צו אארט אונ האט גיבעטין מען זאל איהם געבין אשטוב צוא נעכטיגען הט מען איהם ניט גיוואלט געבין. הט רבי עקיבא גזאגט אלץ וואס מען טוהט פון הימעל איז צו גוטען. איז ער גיגאנגען אונ האט גינעכטיגט אין פעלד. איז גיקומען אלייב זונ האט אויף גיגעסען דעם אייזיל. איז גיקומען אקאץ אונ האט אויף גיגעסין דעם האן. איז גיקומען אווינט אונ הט פאר לאשען דיא ליכט. האט רבי עקיבא גזאגט אלץ וואס מען טוהט פון הימעל איז צו גוטען. ביי נאכט איז גיקומען גזלנים אונ האבען גירויבט אונ גיפאנגען אלע מענטשין פון שטאט. האט רבי עקיבא צו זיי גזאגט דאס איז וואס איך האב גזאגט אלץ וואס מען טוהט פון הימעל איז צו גוטען. ווען איך וואלט גינעכטיגט אין שטאט וואלטין דיא גזלנים מיך אויך גיפאנגען. ווען דער אייזיל אונ דער האן וואלטין גילעבט וואלטין זיי אגישריי גיטאהן. וואלט דער גזלן זייא גיגאנגען זוכען וואלט ער מיך גיפונען. אונ ווען דיא ליכט וואלט גיברענט וואלט דער גזלן מיך גיזעהן. נאך הט רב הונא גזאגט רב הט גזאגט פון רבי מאירס וועגין דיא רייד פון מענטשין וום ער רעט פר גאט זאלען אייביג זיין וויניג. אזוי וויא דער פסוק זאגט דוא זאלסט ניט איילין אויף דיין מויל ביז צום סוף פסוק. דיינע רייד זאלען זיין וויניג:

כז (פיסקא בכל לבבך בשני יצריך). רב נחמן בר רב חסדא הט גידרשת פאר וואס שטייט דער וייצר ה׳ גאט הט בשאפען) מיט צוויי יודען ווייל צוויי גידאנקין האט גאט בשאפן אין דעם מענטש. איין גידאנקין אגוטען אונ איין גידאנקין אשלעכטין. האט רב נחמן בר יצחק אקשיא גיפרעגט ביי אבהמה וואס ביי איר שטייט ניט וייצר מיט צוויי יודען. נאר אין פסוק שטייט וייצר מיט איין יו״ד האט זיא ניט קיין גידאנקען צוא שלעכטען, נאר איין גידאנקין צו גוטען וועסטו אויך זאגען אז אין איר גיוועלטיגט ניט קיין שלעכטער גידאנקין. מיר זעהן דאך אז דיא בהמה מאכט אשאדין אונ בייסט אונ צו טרעט מיט די פיס אשאדין צו טאהן: האט זיא דאך אשלעכטין גידאנקין אויך. נאר הייבער שטייט ביי דיא בשאפונג פון

מיצרי . (אי נמי כדרבי ירמיה בן אלעזר דאמר רבי ירמיה בן אלעזר דו פרצופין ברא הקדוש ברוך הוא באדם הראשון שנאמר אחור וקדם צרתני. (שם) ויבן ה' אלהים את הצלע רב ושמואל חד אמר פרצוף וחד אמר זנב . בשלמא למ"ד פרצוף היינו דכתיב (תהלים קלט) אחור וקדם צרתני אלא למ"ד זנב מאי אחור וקדם צרתני כדרבי אמי דאמר רבי אמי אחור למעשה בראשית וקדם לפורענות בשלמא אחור למעשה בראשית היינו דלא איברא עד מעלי שבתא אלא וקדם לפורענות פורענות דמאי אילימא פורענות (דקללה) [דנחש] והתניא רבי (מאיר) אומר בגדולה מתחילין מן הגדול ובקללה מן הקטן בגדולה מתחילין מן הגדול דכתיב (ויקרא י) וידבר משה אל אהרן ולאלעזר ולאיתמר בניו הנותרים גו' ובקללה מתחילין מן הקטן שהרי בתחלה נתקלל נחש ולבסוף נתקללה חוה ולבסוף נתקלל אדם . אלא פורענות דמבול דכתיב (בראשית ז) וימח את כל

אלך אחרי יצרי. ואם לא אלך אחריו: אוי לי מיוצרי : כמינפני בהרהורים : דו פרצופין . שני פרצופין נו: אחד מתחלה אחד מלפניו ואחד מלאחריו וחלקו לשנים ועשה מן האחד את חוה : אחור וקדם

מענטש ווייצר מיט צוויי יודעי · אזוי וויא רבי שמעון בן פזי הט געזאגט . ווארום רבי שמעון בן פזי האט געזאגט ווי מיר פון מיין בשעפער (פון גאט וויא איך וועל געשטראפט ווערין) . אויב איך וועל טאהן וויא דער יצר הרע הייסט . אונ ווי מיר פון דעם יצר הרע וואס ער מאטערט מיך מיט שלעכטע גידאנקען) אויב איך וועל טאהן וואס גאט הייסט . אדער דריבער שטייט וייצר מיט צוויי יודען , אזוי וויא רבי ירמיה בן אלעזר הט געזאגט ווארום רבי ירמיה בן אלעזר הט געזאגט גאט הט בשאפען אדם הראשון מיט צוויי פנימער . איין פנים פארונט אונ איין פנים אינטען . דער נאך הט יאט צוא טיילט די צוויי פנימער אויף צוויי טייל . אונ פון איין פנים הט גאט גימאכט חוה . ווארום עס שטייט אין פסוק אדם הראשון הט געזאגט צו גאט דוא האסט מיך בשאפען אינטען אונ פארינט . אין פסוק שטייט נאט הט גיבויט די זייט אונ הט פון איר גימאכט אאשה . רב אונ שמואל קריגען איינער זאגט אדם הראשון האט גיהאט נאך אפנים . פון דעם פנים הט גאט בשאפען חוה . דיא זייט מיינט מען דעם פנים . אונ איינער זאגט אווידיל הט אדם הראשון גיהאט . אונ פון דעם וויידיל הט מען גימאכט חוה . דיא זייט מיינט מען דעם וויידיל . זאגט די גמרא דער וואס זאגט אז אדם הראשון הט גיהאט נאך אפנים . איז רעכט וואס עס שטייט אין פסוק אדם הראשון זאגט צו גאט צוויי צורות האסטו מיר גיגעבען איינע פארונט אונ איינע אינטען . נאר נאך דעם וואס זאגט אז אדם האט גיהאט אווידיל · גיט צוויי פנימער . וום הט ער געזאגט דו האסט מיר גיגעבען צוויי צורות פארונט אונ אינטען . ענפערט די גמרא אזוי ווי רבי אמי הט געזאגט ווארום רבי אמי הט געזאגט אדם איז גיוועזען דער אינטערשטער (דער לעצטער) צו מעשה בראשית אונ דר פריערדיגער (דער ערשטער) צו צרות . פרעגט די גמרא וום מיר זאגען אדם איז גיוועזען דער לעצטער צוא מעשה בראשית איז רעכט . אדם איז ניט בשאפען גיווארען ביז פרייטאג . נאר וואס מיר זאגען אדם איז גיוועזען דער ערשטער צו צרות . וועלכע צרות . זאלען מיר זאגען די צרות וואס ער האט גיהאט דורך דעם שלאנג · מיר האבען דאך גילערנט . רבי זאגט ביי גרויסקייט הייבט מען אן פון גרעסטין אונ ביי פלוכונג הייבט מען אן פון קלענסטין . ביי גרויסקייט הייבט מען אן פון גרעסטין . ווארום עס שטייט אין פסוק משה הט געזאגט צו אהרן אונ צו אלעזר אונ איתמר זיינע זיהן וום זענען איבער געבליבען . פריער הט משה געזאגט צו אהרן דער נאך צו דיא זיהן פון אהרן . אונ ביי פלוכונג הייבט מען אן פון קלענסטין . פריער הט גאט גיפלוכט דעם שלאנג דער נאך הט גאט גיפלוכט די אשה דער נאך האט גאט גיפלוכט אדם . זעהן מיר יאך אז דער מענטש איז ניט דער ערשטער צו צרות . נאר זאגט די גמרא ביי די צרות פון מבול איז גיוועזען דער מענטש דער ערשטער אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט האט אפ גימעקט דם גאנצע בשטאנד וום אויף די ערד פון מענטשין ביז בהמות . פריער האט מען

כל היקום אשר על פני האדמה מאדם ועד בהמה ברישא אדם והדר בהמה בשלמא למ"ד פרצוף היינו דכתיב וייצר בשני יודין אלא למאי דאמר זנב מאי וייצר כדרבי שמעון בן פזי דאמר רבי שמעון בן פזי אוי לי מיוצרי אוי לי מיצרי. בשלמא למאן דאמר פרצוף היינו דכתיב (שם ה) זכר ונקבה בראם אלא למאן דאמר זנב מאי זכר ונקבה בראם כדרבי אבהו דרבי אבהו רמי כתיב הכא זכר ונקבה בראם וכתיב (שם ט) כי בצלם אלהים עשה את האדם הא כיצד בתחלה עלה במחשבה לבראות שנים ולבסוף נברא חידי. בשלמא למאן דאמר פרצוף היינו דכתיב (שם ב) ויסגור בשר תחתנה אלא למאן דאמר זנב מאי ויסגור בשר תחתנה. אמר (רבי ירמיה ואיתימא רב זביד ואיתימא רב נחמן בר יצחק לא נצרכה אלא למקום חתך בשלמא למאן דאמר זנב היינו דכתיב ויבן אלא למאן דאמר פרצוף מאי ויבן. מבעיא ליה לכדרבי שמעון בן מנסיא דאמר רבי שמעון בן

בהמה. לשון נקבה דהיינו שני פרצופים: זכר ונקבה בראם. משמע תחלת בריאתם ב' היו: היינו דכתיב ויבן. שהיה צריך בנין: מאי ויבן.

אפ גימעקט די מענטשין דער נאך די בהמות. פרעגט די גמרא נאך דעם וואס זאגט אז אדם הט גיהאט צוויי פנימער. איז רעכט וואס עס שטייט דער ווארט וייצר מיט צוויי יודען. צוויי צורות איינע פארונט אונ איינע אינמ'ען. נאר נאך דעם וואס זאגט אז אדם האט גיהאט אוויידול. ניט צוויי פנימער. פר וואס שטייט וייצר מיט צוויי יודען. אזוי וויא רבי שמעון בן פזי הט גזאגט ווארום רבי שמעון בן פזי האט גזאגט ווי מיר פון מיין בשעפער (פון גאט וויא וועל איך גישטראפט ווערין) אויב איך וועל טאהן וויא דער יצר הרע הייסט: אונ ווייא מיר פון דעם יצר הרע ווס ער מאטערט מיך מיט שלעכטע גידאנקען) אויב איך וועל טאהן ווס גאט הייסט. פרעגט די גמרא נאך דעם וואס זאגט אז אדם הט גיהאט צוויי פנימער איז רעכט ווס עס שטייט אין פסוק גאט הט בשאפען אזכר מיט אנקבה ביידע צו זאמען מיט איין מאהל. איין פנים פון אדם אונ איין פנים פון חוה. נא' נאך דעם ווס זאגט אז אדם האט גיהאט אוויידול: ניט צוויי פנימער ווס מיינט דער פסוק וואס ער זאגט גאט הט בשאפען אזכר אונ אנקבה ביידע צו זאמען מיט איין מאהל. עס איז דאך ניט אזוי גיוועזן. פריער האט דאך גאט בשאפען אדם אליין. דער נאך איז בשאפען גיווארען חוה. ענפערט די גמרא אזוי וויא רבי אבהו הט גזאגט ווארום רבי אבהו האט גיפרעגט דא שטייט גאט האט בשאפען אזכר מיט אנקבה ביידע צו זאמען מיט איין מאהל. אונ עס שטייט אין פסוק גאט הט בשאפען אדם מיט אפארעם. איז דאך אדם נאר אליין בשאפען גיווארין: ניט צו זאמען מיט חוה. וויא איז דאס גיוועזן. ענפערט די גמרא פריער האט גאט גיטראכט צו בשאפען אדם מיט חוה ביידע צו זאמען מיט איין מאהל. דער נאך איז בשאפען גיווארין אדם אליין. פרעגט דיא גמרא נאך דעם וואס זאגט אז אדם הט גיהאט צוויי פנימער. איז רעכט וואס עס שטייט אין פסוק גאט הט פר שלאסען (בדעקט) מיט פלייש אויף דעם ארט. וואס ער האט אפ געשניטען איין פנים פון דעם אנדערין. נאר נאך דעם ווס זאגט אז אדם האט גיהאט אוויידול. וואס מיינט מען גאט הט פר שלאסען (בדעקט) מיט פלייש אויף דעם ארט. אויף וועלכין ארט. הט רבי ירמיה גזאגט אונ אנדערע זאגען רב זביד הט גזאגט אונ אנדערע זאגען רב נחמן בר יצחק הט גזאגט מען הט ניט מער גידארפט בדעקין מיט פלייש. נאר דעם ארט וואו דער וויידיל איז אפ געשניטען גיווארען. פרעגט די גמרא נאך דעם ווס זאגט אז אדם הט גיהאט אוויידיל. אונ פון דעם וויידיל הט מען גימאכט חוה. איז רעכט וואס עס שטייט ער האט גיבויט. פון דעם וויידול הט מען גיבויט אמענטש. נאר נאך דעם ווס זאגט אז אדם הט גיהאט צוויי פנימער. איין פנים איז גיוועזן אדם אונ איין פנים איז גיוועזן חוה. וואס האט מען גיבויט. חוה איז דאך גיוועזן אפארטיגער מענטש. ענפערט די גמרא דעם ויבן דארף מען. אזוי וויא רבי שמעון בן מנסיא הט גזאגט ווארום רבי שמעון בן מנסיא הט גזאגט ווס מי ינט דער פסוק וואס עס שטייט

והלא כבר נבנה: כדי לקבל פירות. שאם יהיה קצר מלמטה ורחב מלמעלה הרי התבואה דוחפת את הכתלים מלמעלה לכאן ולכאן שהמשא מכביד עליהן: שושבין. מגדל בהוספתו ובזיווגו: למ"ד פרצוף. ומתחלתו היה מלך אחד זכר ונקבה מלך אחר: הי מינייהו סגי ברישא. איזה פרצוף היה מהלך לפנים: אפילו היא אשתו. גנאי הוא הדבר: נזדמנה לו על הגשר. אשת איש והיא לפניו: יסלקנה לצדדין. עד שיעבור לפניה: אחורי אשה בנהר. אחורי אשת איש היא מגבהת את בגדיה מפני המים וזה מסתכל בה:

בן מנסיא מאי דכתיב ויבן ה' אלהים את הצלע מלמד שקלעה הקב"ה לחוה והביאה אל האדם שכן בכרכי הים קורין לקלעיתא בניתא. דבר אחר ויבן אמר רב חסדא ואמרי לה במתניתא תנא מלמד (שברא) [שבנאה] הקדוש ברוך הוא לחוה כבנין אוצר מה אוצר זה רחב מלמטה וקצר מלמעלה כדי לקבל את הפירות אף אשה רחבה מלמטה וקצרה מלמעלה כדי לקבל את הולד. (סא) ויביאה אל האדם (אמר רבי ירמיה בן אלעזר) מלמד שעשה הקדוש ב"ה לאדם הראשון שושבינות מכאן למדה תורה דרך ארץ שיחזור גדול עם קטן בשושבינות ואל ירע לו. למאן דאמר פרצוף הי מינייהו סגי ברישא אמר רב נחמן בר יצחק מסתברא דזכר סגי ברישא דתניא לא יהלך אדם אחורי אשה בדרך ואפילו היא אשתו נזדמנה לו על הגשר יסלקנה לצדדין וכל העובר אחורי אשה בנהר אין לו חלק לעולם הבא:

תנו

גָאט הָאט גִיבּוֹיט דִי זַייט. וָוס מֵיינְט מֶען גִיבּוֹיט. דֶער פָּסוּק לֶערוּנְט אוּנְז אַז גָאט הָאט גִיפְלָאכְטֶען דִי הָאר פוּן חַוָה (וִויא זָאל שַׁיין אוֹיס זֶעהְן) אוּנ עֶר הָאט אִיר גִיבְּרַאכְט צוּא אָדָם הָרִאשׁוֹן. וָוארוּם אִין דִיא שְׁטֶעט וָוס זֶענֶען בַּיי דֶעם יַם רוּפְט מֶען אוֹיף פְלֶעכְטִין בּוֹיעֶן. נָאךְ אַיין אַנְדֶער זַאךְ מֵיינְט מֶען מִיט דֶעם וָוארְט בּוֹיעֶן. רַב חִסְדָא הָט גִזָאגְט אוּנ אַנְדֶערֶע זָאגִין אִין אַבְּרַיְיתָא הָט מֶען דָאס גִילֶערוּנְט. דֶער פָּסוּק לֶערוּנְט אוּנְז אַז גָאט הָאט גִיבּוֹיט חַוָה אַזוֹי וִויא מֶען בּוֹיט אַקַאסְטִין אַרַיין צוּ לֵייגֶען אִין אִיר תְּבוּאָה אָדֶער פֵּירוֹת. אַזוֹי וִויא דֶער קַאסְטֶען אִיז אוּנְטֶען בְּרֵייט אוּנ הוֹיבִּין שְׁמָאהל עֶר זָאל קֶענֶען הַאלְטֶען אִין זִיךְ דִיא פֵּירוֹת; אוּנ זָאל נִיט אוּמְפַאלֶען. אַזוֹי הָט גָאט גִיבּוֹיט דִי אִשָׁה אוּנְטֶען בְּרֵייט אוּנ הוֹיבֶּען שְׁמֶעלֶער עֶס זָאל אִיר זַיין גְרִינְג צוּ דֶער הַאלְטֶען דָס קִינְד וָוס אִין בּוֹיךְ. גָאט הָט גִיבְּרַאכְט חַוָה צוּ אָדָם. רַבִּי יִרְמְיָה בֶּן אֶלְעָזָר זָאגְט. דֶער פָּסוּק לֶערוּנְט אוּנְז אַז גָאט הָט גִימַאכְט פַר אָדָם הָרִאשׁוֹן אַחֲתוּנָה. אַחוּפָּה אוּנ אַנְדֶערֶע זַאכֶען וָוס מֶען דַארְף צוּא אַחֲתוּנָה פְרֵייְלַאךְ צוּ מַאכֶען חָתָן כַּלָה, פוּן דַאנֶען הָאט דִי תּוֹרָה אוּנְז גִילֶערוּנְט וִויא דִיא וֶועלְט זָאל זִיךְ פִירֶען אַז אַגְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ (אַגְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר אָדֶער אַגְרוֹיסֶער לַמְדָן) זָאל זִיךְ אוֹיךְ בַּשֶׁעפְטִיגֶען מִיט אַחֲתוּנָה פוּן אַקְלֶענֶערִין מֶענְטְשִׁין (פוּן אַאָרֶעם מַאן אָדֶער פוּן אַעַם הָאָרֶץ). דֶער עוֹשֶׁר אוּנ דֶער לַמְדָן זָאלֶען הֶעלְפֶען צוּ דִיא חֲתוּנָה אוּנ זָאלֶען פְרֵייְלַאךְ מַאכֶען חָתָן כַּלָה. אוּנ בַּשֵׁיינֶען דִיא כַּלָה פַר דֶעם חָתָן. אוּנ עֶס זָאל אִיהם נִיט שְׁלֶעכְט זַיין; דָס מֵיינְט מֶען עֶר זָאל דָאס נִיט טָאן וַוייל עֶר מוּז אוּנ אִין הַארְצֶן פַר דְרִיסְט אִיהם. נָאר עֶר זָאל דָאס טָאהן מִיט אֱמֶת אוּנ מִיט אַפְרֵייְלַאךְ הַארְץ. פְרֶעגְט דִי גְמָרָא דֶער וָוס זָאגְט אָדָם הָט גִיהַאט צְווֵיי פְּנִימֶער. אֵיין זַייט אִיז גִיוֶועזְן אַזָכָר אוּנ אֵיין זַייט אִיז גִיוֶועזְן אַנְקֵבָה וֶועלְכֶע זַייט אִיז גִיגַאנְגֶען פְרִיעֶר. הָאט רַב נַחְמָן בַּר יִצְחָק גִזָאגְט גֶעוִויס אִיז דֶער זָכָר גִיגַאנְגֶען פְרִיעֶר. וָוארוּם מִיר הָאבֶּען גִילֶערוּנְט אַמֶענְטְשׁ זָאל נִיט גֵיין אִין וֶועג אִינְטֶער אַאִשָׁה. אֲפִילוּ דִי אִשָׁה אִיז זַיין וַוייבּ. זָאל עֶר אוֹיךְ נִיט גֵיין אִינְטֶער אִיר. נָאר עֶר זָאל גֵיין פְרִיעֶר אוּנ אִינְטֶער אִיהם זָאל גֵיין דִיא וַוייבּ. אוֹיבּ עֶס הָט גִיטְרָאפְן אוֹיף אַבְּרִיק. אַאִשָׁה אִיז גִיגַאנְגֶען פְרִיעֶר. אוּנ עֶר דַארְף גֵיין אִינְטֶער אִיר. אוּנ דֶער אָרְט אִיז שְׁמָאהל אוֹיס צוּ מַיידֶען דִי אִשָׁה. זָאל עֶר זָאגֶען דִי אִשָׁה זָאל שְׁטֵיין בַּיי דֶער זַייט בִּיז עֶר וֶועט אַרִיבֶּער גֵיין. וֶועט עֶר גֵיין פְרִיעֶר אוּנ זִי אִינְטֶער אִיהם. אוֹיבּ אֵיינֶער גֵייט אִינְטֶער אַאִשָׁה אוּנ זֵייא גֵייעֶן אִיבֶּער אַוַואסֶער וָואס זִיא דַארְף אוֹיף הֵייבֶּען אִירֶע קְלֵיידֶער זֵייא זָאלֶען נִיט נַאס וֶוערִין. אוּנ עֶר קוּקְט אוֹיף דִיא אִשָׁה. הָאט עֶר נִיט קֵיין חֵלֶק עוֹלָם הַבָּא:

כה תנו רבנן דמרצה מעות לאשה מידו לידה (או מידה לידו) כדי להסתכל בה אפילו קבל תורה מסיני כמרע"ה דכתיב ביה (דברים לג) מימינו אש דת למו לא ינצל מדינה של גיהנם שנאמר (משלי יא) יד ליד לא ינקה רע מאי לא ינקה רע מדינה של גיהנם שנקרא רע. אמר רב נחמן מנוח עם הארץ היה שנא׳ (שופטים יג) וילך מנוח אחרי אשתו מתקיף לה רב נחמן בר יצחק אלא מעתה גבי אלישע דכתיב (מ"ב ד) ויקם וילך אחריה הכי נמי אחריה ממש אלא אחר דבריה ואחר עצתה הכא נמי אחר דבריה ואחר עצתה אמר רב אשי למאי דקאמר רב נחמן מנוח עם הארץ היה אפילו בי רב נמי לא קרא דכתיב (בראשית כד) ותקם רבקה ונערותיה ותרכבנה על הגמלים ותלכנה אחרי האיש ולא לפני האיש. אמר רבי יוחנן אחורי ארי ולא אחורי אשה ולא אחורי עבודת כוכבים ומזלות אחורי עבודת כוכבים ומזלות ולא אחורי בית הכנסת בשעה שהצבור מתפללין ולא אמרן אלא דליכא
פתחא

יד ליד. אפילו כמרע"ה שקבל את התורה מידי מיד הקב"ה לא ינקה רע יקרא נחשב מאחרי: עם הארץ היה. דלא שמש ת"ח אלא למד מכתב במשניות לא ילך אדם אחורי אשה ואפילו כות׳ אשתו: ולמאי דקאמר רב נחמן. שהלך מנוח אחורי אשתו אחריה ממש לא קיימא דלא גמיר הלכה אלא. אפילו בי רב. עם תנוקות של בית רבן לא קרא דכתיב ותלכנה אחרי האיש: בשעה שהצבור מתפללין. דכיון דאינו נכנס נראה כפורק עול מלכות ומבזה בית הכנסת: ולא דרי מידי. אין כאן גנאי דמוכחא מילתא דהאי דלא נכנס לבית הכנסת מפני המשא: דרי טונא. נשא משאוי: ולא איכא

כה תנו רבנן: דיא רבנן האבען געלערנט אז ער ציילט געלט צוא אַ אשה פון זיין האנט אין איר האנט ער זאל מוהען אויף די אשה. אפילו ער איז אזוי אַ צדיק אַז ער וואלט אויך געקענט נעמען די תורה פון בארג סיני אזוי וויא משה רבינו; וואס עס שטייט ביי משה רבינו נאך האט גיגעבען פון זיין רעכטע האנט אַ פייערדיגע תורה צו משה רבינו; ואפילו ער איז אזוי אַ צדיק. אויב ער קוקט אויף אַ אשה] וועט ער ניט גירעטעט ווערין פון דעם שטראף וואס ער וועט האבען אין גיהנם פאר די עבירה. ווארום עס שטייט אין פסוק יד ליד אַז ער ציילט געלט פון זיין האנט אין די האנט פון די אשה. ער זאל קוקען אויף איר. אפילו ער איז אזוי אַ צדיק ווי משה רבינו וואס ער האט גינומען די תורה מיט זיין האנט פון די האנט פון גאט. פון דעסטוועגען וועט ער ניט ריין ווערין פון שלעכטס. פון וועלכע שלעכטס וועט ער ניט ריין ווערין. פון דעם שטראף וואס ער וועט האבען אין גיהנם. דער גיהנם ווערט גירופען שלעכטס. רב נחמן האט גיזאגט מנוח איז גיוועזן אַ עם הארץ. ער האט ניט גילערנט דעם דין אַז מען טאר ניט גיין אינטער אַ אשה. ווארום עס שטייט אין פסוק מנוח איז גיגאנגען אינטער זיין ווייב. האט רב נחמן בר יצחק אַ קשיא גיפרעגט נאר וויא דוא זאגסט איצט אַז אחרי אשתו מיינט מען אינטער זיין ווייב ביי אלישע הנביא וואס עס שטייט אין פסוק ער איז אויף גישטאנען אונ איז גיגאנגען נאך איר וועסטו אויך אזוי זאגען אַז אלישע איז גיגאנגען נאך די אשה. אלישע האט דאך געוויס גיוואוסט דעם דין אַז מען טאר ניט גיין אינטער אַ אשה. נאר מען מיינט אלישע איז גיגאנגען נאך אירע רייד אונ נאך איר עצה. דא אויך ביי מנוח. איז ניט מנוח גיגאנגען נאך זיין ווייב. נאר ער איז גיגאנגען נאך אירע רייד אונ נאך איר עצה. האט רב אשי גיזאגט וויא רב נחמן זאגט אַז מנוח איז גיוועזן אַ עם הארץ אפילו מיט קינדער אין חדר האט ער אויך ניט גילערנט. ווארים עס שטייט אין פסוק רבקה מיט אירע בעדינטע זענען אויף גישטאנען אונ האבען גערייטען אויף די קעמלען אונ זענען גיגאנגען אינטער דעם מענטש. אינטער דעם מענטש זענען זיי גיגאנגען אבער ניט פאר דעם מענטש. ווייל אַ זכר טאר ניט גיין אינטער אַ נקבה. רבי יוחנן האט גיזאגט אינטער אַ לייב זאל מען גיין נאר ניט אינטער אַ אשה. אינטער אַ אשה זאל מען גיין נאר ניט אינטער אַ עבודה זרה. אינטער אַ עבודה זרה זאל מען גיין נאר ניט אינטער אַ שוהל ווען מען דאווינט דארט צעהן מענטשען [אדער מעהר] ביי זאמען. עס איז ניט מעהר גיזאגט גיווארין אַז מען טאר ניט גיין אינטער אַ שוהל ווען מען דאווינט אין איר נאר אַז אין די שוהל איז ניטא קיין אנדער טיר

פתחא אחרינא אבל איכא פתחא אחרינא לא. ולא אמרן אלא דלא רכיב אחמרא ולא דארי טונא ודלא מנח תפילין אבל איכא חד מהני לא:

כט אמר רב יצר הרע דומה לזבוב ויושב על שני מפתחי הלב שנאמר (קהלת י) זבובי מות יבאיש יביע שמן רוקח ושמואל אמר דומה להטה שנא' (בראשית ד) לפתח חטאת רובץ. תנו רבנן שני כליות יש בו באדם יועצות אחת לטוב ואחת לרעה ומסתברא דטובה מימין ורעה משמאל שנאמר (קהלת י) לב חכם לימינו ולב כסיל לשמאלו. ת"ר לב מבין כליות יועצות קנה מוציא קול ושט מכנים כל מיני מאכל (שם ע"ב) ריאה שואבת כל מיני משקין לשון מהפך פה גומר.
כבר

פתחא אחרינא. אין כאן חשד דמאן דחזי סבר בפתחא אחרינא ליעול. כל חוץ לבית הכנסת קרי להו אחורי ע"כ. והמאחרים בלילה מייבן ה' את כלם עד פה הזיו ונשנו בפרק עושין פסין בעירובין ושם הוסיפו בתוס' על פסוק יד ליד וז"ל יד ליד לא ינקה רע לאו היינו קרא דדרים בסוטה לענין נשים הרוה דהתם דרים מקרא דתועבת ה' כל גבה לב יד ליד לא ינקה. וקרא דהכא דהיינו יד ליד לא ינקה רע וזרע צדיקים נמלט:
זבובי מות. היינו יצר הרע יבאיש יביע כשהשמן מבאיש מסריח ונותן קול כשהוא מביע כמו יביע אומר כך שמעתי. פירוש אחר יביע לשון אבעבועות כל משקה סרוח מעלה כתיחם ואבעבועות. הכאת לשון הטה דריש ליה: כליות יועצות. את הלב עושה כן והלב מבין מה שיש לו לעשות אם ישמע עצת הכליות אם לאו. ומנין שהלב מבין שנאמר ולבבו יבין. לשון מהפך את הדבור כשיוצא מפיו. ופה עם השפתים גומר הדבור ומוציאו: שואבת כל מיני משקין. אף על פי שהם

נאר די וואס ער גייט פר ביי איר. אונ ער גייט ניט אריין אין שוהל. זעהט אויס ווי ער איז מבזה דאס דאווענען. אבער אז אין דיא שוהל איז דא נאך א טיר. איז ניט אסור צו גיין אינטער די שוהל פר ביי די טיר. ווארום מען וועט זאגען ער וועט אריין גיין אין שוהל דורך די אנדערע טיר. אונ עס איז ניט מער גזאגט געווארין אז מען טאר ניט גיין אינטער א שוהל ווען מען דאווינט אין איר פר ביי די טיר אויב עס איז נאר דא איין טיר: נאר אז ער רייט ניט אויף א אייזיל. ער גייט מיט די פים. אונ ער טראגט ניט קיין משא. אונ ער טראגט ניט תפילין אויף די האנט אונ אויף דעם קאפ. אבער אז עס איז דא איינע פון די זאכען. ער טראגט תפילין. אדער א משא. אדער ער רייט אויף א בהמה. איז ניט אסור צו גיין פר ביי די טיר פון שוהל. ווארום אלע זעהן אז ער קען ניט אריין גיין אין שוהל. וואו וועט ער לאזין די בהמה אדער דיא משא. אונ אז ער גייט מיט תפילין זעהט מען דאך אז ער איז ניט מבזה דאס דאווענען

כט אמר. רב האט גזאגט דער יצר הרע איז גלייך צו א פליג אונ ער זיצט אויף ביידע עפענונג פון הארץ. פון די לינקע זייט אונ פון די רעכטע זייט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק גיפייגערטע פליגען פאר שטינקען אונ בלעזלען אויף די בעסטע אייל. אזוי דער יצר הרע וואס ער איז ווי א פליג מאכט ער קאליע דעם בעסטין מענטש: אונ שמואל זאגט דער יצר הרע איז גלייך צו א ווייץ אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ביי דיא טיר ווי דער מענטש גייט ארויס פון זיין מוטערס לייב) ליגט דער יצר הרע וואס ער איז גרוים נאר ווי א ווייץ. (שמואל טייטשט דעם ווארט חטאת גלייך ווי עס וואלט גישטאנען חטה: א ווייץ) . די רבנן האבען גילערונט צוויי נירען זענען דא אין א מענטשין וואס זיי גיבען איהם א עצה איינס גיט איהם א עצה צוא גוטען. אונ איינס גיט איהם א עצה צום שלעכטין. אונ מען פאר שטייט אז די גוטע עצה קומט ביי א דעם מענטש פון דיא רעכטע זייט אונ דיא שלעכטע עצה קומט ביי דעם מענטש פון די לינקע זייט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק די הארץ פון חכם איז אין די רעכטע זייט אונ די הארץ פון נאר איז אין די לינקע זייט. די רבנן האבען גילערונט די הארץ פאר שטייט אונ די נירען גיבען א עצה. (די נירען גיבען א עצה צו די הארץ וואס זיא זאל טאהן. אונ די הארץ פאר שטייט אויב זי זאל אזוי טאהן ווי די נירען גיבען איר א עצה. אדער ניין) . פון די גורגעל וואס אין האלדז גייט ארויס דער קול. דער וושט (די אנדערע רער וואס אין האלדז) ברייינגט אריין אין בויך אלע עסינווארג. די לונג ציהט אריין אין זיך אלע משקה וואס אין בויך. דער צונג צו שניידט דאס עסין אין מויל. אונ דיא מויל פירט אראפ דאס עסין אין בויך דורך דעם

בבר כועס. מרה זורקת בו טפה ומניחתו. טחול שוחק. קורקבן טוחן. קיבה ישנה. אף ניעור. ננער הישן וישן הנעור נימוק והולך לו. תנא אם שניהם ישנים או שניהם נעורים מיד מת:

(ע"ג) **ל תניא** רבי יוסי הגלילי אומר צדיקים יצר הטוב שופטן שנאמר (תהלים קט) לבי חלל בקרבי. רשעים יצר הרע שופטן שנאמר (שם לו) נאם פשע לרשע בקרב לבי. ובינונים זה וזה שופטן. שנאמר (שם קט) כי יעמוד לימין אביון להושיע משופטי נפשו. אמר רבה כגון אנו בינונים אמר ליה אביי לא שבק מר חיי לכל בריה. אמר רבא (רבה) ידע איניש בנפשיה אי צדיק הוא או רשע הוא אמר רבה (רבא) לא איברי עלמא אלא לצדיקים גמורים ולרשעים גמורים ואמר

נהנין בכלם דרך שחוק כריאה מוצלת ומולכת מכשה לדופני הכרם: זורקת בו טפה. מרה: ומניחתו. מן הכעס: שוחק. טחול: קורקבן. כשוף הוא בבהמה הזסה טוחן המאכל: אף. החוטם: נעור. מקיצו משנתו: ננער הישן וישן הנעור. שנתחלפו ובאה השנה מן האף והקיצה נעורה: נימוק והולך לו. שמתמוגג ונמשך למיתה לשון אחר ניעור הישן הקיבה ומצאו קיבה ואף נעורים שאינו ישן כלל או ישן האף הנעור ונמצאו שניהם ישנים ואינו נעור כי אם בקושי:
לבי חלל בקרבי. יצר הרע הרי הוא כמת בקרבי שיש בידי לכופו ואין שולט בי אלא יצר טוב והוא שופטו: חלל. כמו ימצא חלל: נאם פשע וגו'. אמר דוד בקרב לבי יש ואומר אני שהפשע נאם לרשע כלומר שיצר הרע אומר לרשע אל תשי פחד אלהים לנגד עיניך אלמא יצר הרע שופטו עד שמרחיקו שאין מתפחד מיוצרו: כי יעמוד לימין אביון להושיע משופטי נפשו. מ"מ יש לך אדם שיש לו ב' שופטים: לא שבק מר חיי לכל בריה (אי אתן מבינונים מבויך לכולי עלמא רשעים) אם אתה מן הבינונים אין לך צדיק גמור בעולם: ידע איניש בנפשיה אי צדיק גמור הוא. כלומר אם רואה שיצר הרע אינו שולט בו כלל צריך שיהא מקרבו כדי שיעסוק בפריה ורביה כלבבו לא הסה במנהג דוחה וימין מקרבת כך שמעתי נ"א. ידע איניש בנפשיה וכו'. דאם שולט בו יצר הרע וכשמושכו לבה"מ מתפוגג או נימוח הוי צדיק גמור ואם לאו דאינו מתפוגג ונמוח הוי רשע גמור: לרשעים גמורים. העולם הזה שאין להם חלק לעולם הבא וצריכין ליטול שכרן כאן כגון אחאב שהיה עשיר מאד דקאמר ליה בן הדד כספך וזהבך לי הוא: לצדיקים

האלדז. די לעבער דער וועקט דעם מענטשין צו כעס. נאר די גאל ווארפט ארויף אטראפין אויף די לעבער. ווערט געשטילט דער כעס. דער מילץ דער וועקט דעם מענטשין צום לאכען. דער פופעק צו מאהלט דס עסין אין בויך. דער מאגין ברייננט דעם מענטשין צום שלאפען. דער נאז וועקט אויף דעם מענטשין פון שלאף. אויב עס איז געווארין פאר קערט דער מאגין וואס שלאפט. איז וואכעדיג. אונ דער נאז וואס איז וואכעדיג. שלאפט. ווערט דער מענטש צו גיין אונ וועט שטארבען. מיר האבען גילערונט אויב ביידע דער מאגין מיט דיא נאז שלאפען. אדער ביידע דער מאגין מיט דיא נאז זענען וואכעדיג. שטארבט דער מענטש באלד:

ל תניא. מיר האבען גילערונט רבי יוסי הגלילי זאגט די צדיקים פירט דער יצר טוב אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דוד המלך האט גזאגט מיין הארץ מיינע תאוות זענען גישטארבען אין מיר: איך האב שוין ניט קיין יצר הרע וואס ער זאל מיך פירען צו עבירות. נאר דער יצר טוב פירט מיך. די רשעים פירט דער יצר הרע: אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דוד המלך זאגט אין מיין הארץ ווייס איך אז דער פשע. דער יצר הרע. רעט צום רשע אונ זאגט צו איהם ער זאל ניט מורא האבען פר גאט. זעהן מיר דאך אז דער יצר הרע פירט דעם מענטש ביז ער דער ווייטערט איהם פון גאט. אונ מיטעלע מענטשין וואס זענען ניט רשעים אונ גיט צדיקים. זיי פירען דעם מיט דעם יצר הרע מיט דעם יצר טוב. אמאהל טוהט ער וויא דער יצר הרע זאגט איהם. אונ אמאהל טוהט ער וויא דער יצר טוב זאגט איהם. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דוד המלך זאגט גאט וועט שטיין ביי די רעכטע זייט פון ארעמאן ער זאל איהם העלפין פון זיינע שופטים. זעהן מיר אז עס איז דא אמענטש וואס הט צוויי שופטים. צוויא פירערס דער יצר הרע אונ דער יצר טוב. רבה הט גזאגט מיר זענען מיטעלע מענטשין. האט אביי גזאגט צו רבה. דער רבי הט דאך ניט גילאזט לעבין צו קיין מענטשין. אויב דער רבי הייסט אמיטעלער מענטש זענען דאך אלע רשעים. רבא הט גזאגט אמענטש קען וויסען ביי זיך וואס ער איז אצדיק אדער ארשע. אויב דער יצר הרע רעט איהם אן צו אעבירה. אונ ער גייט אריין אין בית המדרש לערנען אונ דער יצר הרע גייט אוועק פון איהם. איז ער אצדיק. אונ אויב דער יצר הרע גייט ניט אוועק פון איהם ביז ער טוהט די עבירה איז ער ארשע.

גמורים. כשוה״ב שאין לכם חלק בשוה״ז כגון רבי חנינא בן דוסא שדי לו בקב חרובין מערב שבת לערב שבת:

לכך יאמר בכל מאדך. מן כתיב עליך: וסיס

ואמר רבא לא נברא העולם אלא בשביל אחאב בן עמרי ורבי חנינא בן דוסא לאחאב העולם הזה ולרבי חנינא בן דוסא העולם הבא:

ואהבת את ה׳ אלהיך וגו׳:

לא תניא רבי אליעזר הגדול אומר אם נאמר בכל נפשך למה נאמר בכל מאודך ואם נאמר בכל מאודך למה נאמר בכל נפשך לומר לך אם יש לך אדם שגופו חביב עליו ממטונו לכך נאמר בכל נפשך ואם יש לך אדם שממונו חביב עליו מגופו לכך נאמר בכל מאודך (רבי עקיבא אומר בכל נפשך אפילו הוא נוטל נפשך תנו רבנן) מעשה שגזרה מלכות גזירה על ישראל שלא יעסקו בתורה מה עשה רבי עקיבא הלך והקהיל קהלות ברבים וישב ודרש ומצאו פפוס בן יהודה אמר ליה אי אתה מתיירא מפני אומה זו אמר ליה אתה פפוס שאומרים עליך חכם אתה אי אתה אלא טפש. אמשול לך משל למה הדבר דומה לשועל שהיה מהלך על שפת הנהר ראה דגים שהיו רצים לכאן ולכאן אמר להם מפני מה אתם רצים אמרו לו מפני הרשתות והמכמורות הבאות עלינו אמר להם רצונכם שתעלו ליבשה

רבא האט געזאגט די וועלט איז ניט מער בשאפען געווארין גאר פאר אמתה צדיקים אונ פאר אמתה רשעים. עולם הבא איז פאר אמתה צדיקים. אונ עולם הזה איז פאר אמתה רשעים. נאך האט רבא געזאגט דיא וועלט איז ניט מער בשאפען געווארין גאר פאר אחאב בן עמרי אונ פאר רבי חנינא בן דוסא. פאר אחאב איז בשאפען געווארין די וועלט. פאר רבי חנינא בן דוסא איז בשאפען געווארין יענע וועלט:

לא ואהבת. דו זאלסט ליב האבען גאט מיט דיין גאנץ הארץ. אונ מיט דיין גאנצע נשמה. אונ מיט דיין גאנצען פאר מעגין. מיר האבען גילערינט רבי אליעזר הגדול זאגט אויב עס שטייט אין פסוק דו זאלסט ליב האבען גאט מיט דיין גאנצע נשמה. צו וואס שטייט מיט דיין גאנצען פאר מעגין. אונ אויב עס שטייט אין פסוק דוא זאלסט ליב האבען גאט מיט דיין גאנצען פאר מעגין צו וואס שטייט מיט דיין גאנצע נשמה. ענטפערט די גמרא צו זאגען דיר אויב עס איז דא אמענטש וואס זיין לעבין איז ביי איהם טייערער ווי זיין געלט. דריבער שטייט אין פסוק דו זאלסט ליב האבען גאט מיט דיין גאנצען לעבין. אונ אויב עס איז דא אמענטש וואס זיין געלט איז ביי איהם טייערער ווי זיין לעבין דריבער שטייט אין פסוק דו זאלסט ליב האבען גאט מיט דיין גאנצען פאר מעגין. רבי עקיבא זאגט מיט דיין גאנצען לעבין אפילו מען וויל ביי דיר צו נעמען דיין לעבין אויב דוא וועסט ניט לייקענען אין גאט. זאלסטו דיין לעבין אוועק געבין אונ זאלסט ניט לייקענען אין גאט: די רבנן האבען גילערינט עס האט גיטראפין אמלך האט גזר גיווען אויף יודען זייא זאלען ניט לערנען תורה וואס האט רבי עקיבא גיטאהן ער איז גיגאנגען אונ האט צו זאמען גינומען פיל מענטשין אויף איין ארט אונ איז גיזעסען אונ האט גילערנט מיט זיי תורה. האט פפוס בן יהודה גיטראפען רבי עקיבא אונ ער האט גזאגט צוא איהם דו האסט ניט מורא פאר די אומה וואס זייא האבען גוזר גיווען מען זאל ניט לערנען תורה. האט רבי עקיבא גזאגט צו פפוס דו ביסט דער פפוס וואס מען זאגט אויף דיר דו ביסט אחכם דוא ביסט ניט אחכם נאר אנאר. איך וועל דיר זאגין אמשל צו דער זאך צו וואס איז די זאך גלייך אפוקס איז גיגאנגען ביי דעם ברעג טייך האט ער גיזעהן פיש לויפען אין טייך אהין אונ צוריק. האט דער פוקס גזאגט צו די פיש פאר וואס לויפט איר. האבען דיא פיש גזאגט צום פוקס מיר אנטלויפין פאר די נעצין וואס מען פאר שפרייט אויף אונז צו פאנגען אונז. האט דער פוקס גזאגט צו די פיש אויב איר ווילט גייט ארויף אויף די טריקענעש וועלין מיר וואוהנען איך אונ איר אזוי ווי מיינע עלטערין מיט אייערע עלטערין האבען גיוואוהנט אויף די טריקענעש. האבען די פיש גזאגט צום פוקס דו ביסט דאס דער וואס מען זאגט אויף דיר דוא ביסט דער קלינגסטער

ליבשה ונדור אני ואתם בדרך שדרו אבותי ואבותיכם. אמרו לו אתה הוא שאומרים עליך פקח שבחיות אי אתה אלא טפש ומה במקום חיותנו אנו מתייראים במקום מיתתנו לא כל שכן ואף אנו כך בזמן שאנו עוסקים בתורה דכתיב בה (דברים ל) כי היא חייך ואורך ימיך אנו מתיראים כשאנו פוסקים מדברי תורה עאכ"ו לא היו ימים מועטים עד שתפסוהו לרבי עקיבא וחבשוהו בבית האסורים ותפסו לפפוס בן יהודה וחבשוהו אצלו אמר לו מי הביאך כאן אמר לו אשריך רבי עקיבא שנתפסת על דברי תורה אוי לי שנתפסתי על דברים בטלים. אמרו כשהוציאו לרבי עקיבא להריגה זמן ק"ש היה והיו סורקין את בשרו במסרקאות של ברזל והיה מתכוין לקבל עליו עול מלכות שמים באהבה. א"ל תלמידיו רבינו עד כאן. אמר להם כל ימי הייתי מצטער על הפסוק הזה בכל נפשך ואפילו הוא נוטל את נפשך אמרתי מתי יבא לידי ואקיימנו ועכשיו שבא לידי לא אקיימנו היה מאריך באחד עד שיצתה נשמתו באחד. יצתה בת קול ואמרה אשריך ר"ע שיצתה נשמתך באחד אמרו כה"ש לפני הקב"ה רבש"ע זו תורה וזו שכרה. אמרו (תהלים י) ממתים ידך ה' ממתים

מקבל עליו עול מלכות שמים. קורא ק"ש: (ע"כ. כלומר עדיין אין אתה מנית כונתך: ממתים ידך ה'. אותם העוסקים בתורה מימין ידך עכ"ל

פון אלע חיות דו ביסט ניט אחכם נאר אנאר. אויב מיר האבען מורא צו זיין אין וואסער וואס דארט איז דער ארט פון אונזער לעבין. אויף דער טריקענעש וואס דארט שטארבען מיר דארפין מיך דאך געוויס מורא האבען צו זיין. זאגט רבי עקיבא מיר זענען אויך אזוי ווען מיר לערנען תורה וואס אין די תורה שטייט זי איז דיין לעבין אונ זי דער לייננגערט דיינע טעג פון דעסטוועגין האבען מיר מורא. אז מיר וועלין אויף הערין צו לערנען איז געוויס אז מען דארף מורא האבין. זאגט די גמרא עס איז וויינינג טעג אויך ניט אוועק גיגאנגען (נאך באלד) ביז מען האט גיחאפט רבי עקיבא אונ מען האט איהם גיזעצט אין תפיסה אונ מען האט גיחאפט פפוס בן יהודה אונ מען האט איהם אויך גיזעצט אין תפיסה נעבין רבי עקיבא. האט רבי עקיבא גזאגט צו פפוס ווער האט דיך אהער גיבראכט האט פפוס גזאגט צו רבי עקיבא וואוהל צו דיר רבי עקיבא דו ביסט גיחאפט גיווארין ווייל דו האסט גילערנט וויי צו מיר איך בין גיחאפט גיווארין אויף ליידיגע רייד וואס איך האב גירעט. מען האט גזאגט ווען מען האט געפירט רבי עקיבא צום הרגנן איהם. איז גיוועזן די צייט פון קריאת שמע לייענען. אונ מען האט איהם גערימען זיין לייב מיט אייזערנע קאמען. אונ רבי עקיבא האט גיטראכט אונ האט גינומען אויף זיך די יסורים וואס דיא כלוכה פון גאט האט אויף איהם גוזר גיוועזן מיט ליבשאפט. האבען די תלמידים גזאגט צו רבי עקיבא רבי ביז אזעלכע יסורים דארפסטו ניט אוועק דיין ליבשאפט צו גאט. האט רבי עקיבא צו זיי גזאגט אלע מיינע טעג וואס איך האב גילעבט אז איך פלעג קומען צו דעם פסוק בכל נפשך דו זאלסט ליב האבען גאט מיט דיין נשמה. דס מיינט מען אפילו מען וויל צו נעמען ביי דיר דיין נשמה. זאלסטו דיין נשמה אוועק געבין פר די ליבשאפט פון גאט. האב איך צער גיהאט. איך האב גזאגט ווען וועט קומען דער פסוק צו מיר איך זאל איהם מקיים זיין. ווען וועל איך קענען ווייזען פר גאט אז איך האב איהם אזוי ליב. אז איך גיב אויך אוועק מיין נשמה פר זיין ליבשאפט. אונ איצט אז דער פסוק איז גיקומען צו מיר זאל איך איהם ניט מקיים זיין. האט רבי עקיבא לאנג גיצויגען דעם ווארט אחד. (אונ האט גיטראכט אין די איינציגקייט פון גאט) ביז זיין נשמה איז ארויס גיגאנגען פון איהם מיט דעם ווארט אחד. (טראכטענדיג אין די איינציגקייט פון גאט). איז ארויס גיגאנגען אקול פון הימעל אונ האט גזאגט וואוהל צו דיר רבי עקיבא וואס דיין נשמה איז ארויס גיגאנגען מיט דעם ווארט אחד. האבען די מלאכים גזאגט פר גאט. רבונו של עולם דס איז די תורה וואס רבי עקיבא האט גילערנט. אונ דס איז איר שכר. זיי האבען גזאגט ער האט גדארפט זיין פון די וואס שטארבן פון דיין האנט. גאט אזוי ווי אלע מענטשין וואס שטארבען פון דער וועלט. ניט ער זאל

ממתים מחלד. אמר להם הלקם בחיים. יצתה בת קול ואמרה לו אשריך רבי עקיבא שיצתה נשמתך באחד ואתה מזומן לחיי העוה"ב:

לב תניא (דף סב) אמר רבי עקיבא פעם אחת נכנסתי אחר רבי יהושע לבית הכסא ולמדתי ממנו ג' דברים למדתי שאין נפנין מזרח ומערב אלא צפון ודרום ולמדתי שאין נפרעין מעומד אלא מיושב ולמדתי שאין מקנחין בימין אלא בשמאל אמר לו בן עזאי כל כך העזת פניך ברבך א"ל תורה היא וללמוד אני צריך:

פירוש: בה נותנים כמו אומתין: אמר להם. הקב"ה הלקם בחיים): כלון אחר. ממתים ידך ה'. מידך היה ראוי למות ולא מיד בשר ודם: אחר רבי יהושע. וכיהודה הוה: כל כך. כלו' כל זה העזת פניך בפני רבך בהסתכלות בכל אלו: שקושר בה הפילין. בזרוע שמאלו: טעמי תורה. נגינות טעמי מקרא של תורה נביאים וכתובים בין בניקוד של ספר בין בהגבהת קול וב גלגול נעימות הנגינה על פשטא ודרגא ושופר מהפך מולך ידו לפי טעם הנגינה ראיתי בקוראים הבאים מא"י:

לג מפני מה אין מקנחין בימין אלא בשמאל אמר רבא מפני שהתורה נתנה בימין שנאמר (דברים לג) מימינו אש דת למו רבה בר בר חנה אמר מפני שהיא קרובה לפה ורשב"ל אמר מפני שקושר בה תפילין ר"נ בר יצחק אמר מפני שמראה בה טעמי תורה כתנאי ר"א אומר מפני שאוכל בה רבי יהושע אומר מפני שכותב בה (ר"ע אומר מפני שמראה בה טעמי תורה):

אמר

גיהרגת ווערין דורך מענטשין. האט גאט גזאגט צו די מלאכים. רבי עקיבא וועט נעמען אויף עולם הבא זייער חלק אויך. דעם חלק עולם הבא וואס האבען גיהאט דיא מענטשין וואס האבען גיהרגת רבי עקיבא. וועט רבי עקיבא דאס צו נעמען (מהרש"א). איז ארויס גיגאנגען א קול פון הימעל אונ האט גזאגט צוא רבי עקיבא וואוהל צוא דיר רבי עקיבא וואס דיין נשמה איז ארויס גיגאנגען מיט דעם ווארט אחד אונ דוא ביסט אן גיברייט צו לעבין אויף עולם הבא:

לב תניא: מיר האבען גילערענט רבי עקיבא האט גזאגט אמאהל בין איך אריין גיגאנגען נאך רבי יהושע אין בית הכסא: אונ איך האב אפ גילערענט פון איהם דריי זאכען. איך האב אפ גילערענט מען זאל זיך ניט זעצין ארוים צו גיין צווישען מזרח אונ מערב. דעם פנים צו מערב אונ דעם אינטען צו מזרח. אדער פאר קערט דעם פנים צו מזרח אונ דעם אינטען צוא מערב. נאר ער זאל זיך זעצין צווישען צפון אונ דרום. דעם פנים צו דרום אונ דעם אינטען צוא צפון. אדער פר קערט דעם פנים צו צפון אונ דעם אינטען צו דרום (עיין ש"ע אית סי ג' בבל המפרשים). אונ איך האב אפ גילערענט מען זאל ניט אויף דעקין די קלייגער שטייענדיג. נאר זיצענדיג. אונ איך האב אפ גילערענט מען זאל ניט אפ ווישען מיט די רעכטע האנט נאר מיט די לינקע האנט. האט בן עזאי גזאגט צו רבי עקיבא אויף די אלע זאכען האסטו גיהאט העזה צו זעהן ביי דיין רבי. האט רבי עקיבא גזאגט צו בן עזאי דאס איז אויך תורה אונ דאס האב איך אויך גידארפט לערנען:

לג מפני. פר וואס טאר מען ניט אפ ווישען מיט די רעכטע האנט נאר מיט די לינקע האנט. האט רבא גזאגט ווייל די תורה איז גיגעבען גיווארין מיט די רעכטע האנט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט האט גיגעבין מיט זיין רעכטע האנט א תורה פון פייער צו דיא יודען. רבה בר בר חנה זאגט ווייל די רעכטע האנט איז נאנט צום מויל. אונ רבי שמעון בן לקיש זאגט ווייל מיט די רעכטע האנט בינט מען צו די תפילין. רב נחמן בר יצחק זאגט ווייל מיט דיא רעכטע האנט ווייזט מען די נגינות אונ די נקודות פון די תורה. אזוי וויא די תנאים קריגען. רבי אליעזר זאגט ווייל מען עסט מיט די רעכטע האנט. רבי יהושע זאגט ווייל מען שרייבט מיט די רעכטע האנט. רבי עקיבא זאגט ווייל מיט די רעכטע האנט ווייזט מען די נגינות אונ די נקודות פון די תורה:

לד אמר רבי תנחום בר חנילאי כל הצנוע בבית הכסא נצול משלשה דברים מן הנחשים ומן העקרבים ומן המזיקים ויש אומרים אף חלומותיו מיושבין עליו ההוא בית הכסא דהוה בטבריא כי הוו עיילי בי תרי אפילו ביממא הוו מיתזקי רבי אמי ורבי אסי הוו עיילי ביה חד וחד לחודיה ולא מיתזקי אמרו להו רבנן לא מיסתפיתו אמרי להו אנן קבלה גמירנא קבלה דבית הכסא צניעותא ושתיקותא קבלה דיסורי שתיקותא ומבעי רחמי אביי מרביא ליה אימיה אימרא למיעל בהדיה לבית הכסא ולרביא ליה גדיא שעיר בשעיר מיחלף רבא מקמיה דהוה רישא מקרקשא ליה בת רב חסדא אמגוזא בלקנא בתר דמלך עבדא ליה כוותא ומנחא ליה ידא ארישיה:

לה ההוא ספדנא דנחית קמיה דרב נחמן אמר האי צנוע באורחותיו הוה אמר ליה רב נחמן את עיילת בדדיה לבית הכסא וידעת אי צנוע אי לא דתניא אין קורין

צנוע

מן הנחשים ומן העקרבים ומן המזיקים. דמתוך צניעותו מתנהג בנחת ובשתיקה ואין הנחשים מרגישים להתגאות בו [ואף המזיקין חסין עליו]: חלומותיו. מיושבין עליו שאין] המזיקין מבהילין בו: קבלה. מסורת ומנהג שקבלנו מאבותינו: קבלה. דיסורי שתיקותא שלא יבעט ביסורים הבאים עליו: מרביא ליה אימרא. מגדלת לו שה ומלמדו שהולך עמו תמיד: (שעיר. שד של בית הכסא דומה לשעיר ועליהם נאמר ושעירים ירקדו שם): אמגוזא בלקנא. נותנת אגוז בספל של נחשת ומקרקשת בו מבית והוא נכנס כנגדה מבחוץ: בתר. דמלך ונעשה ראש ישיבה צריך שימור טפי מפני המזיקין שמתקנאים בשרים ות"ח יותר משאר בני אדם: כוותא. חלון כנגד מקום שהוא נפנה שם אחורי הבית:

לד אמר. רבי תנחום בר חנילאי זאגט דער וואס זיצט בעהאלטען אונ שטיל אין בית הכסא ווערט ער גיראטעוועט פון דריי זאכען. פון שלאנגען. אונ פון [illegible]. אונ פון שדים. אונ אנדערע זאגען זיינע חלומות זענען רוהיג. די שדים דער שרעקן איהם ניט מיט שלעכטע חלומות. אין די שטאט טבריא איז גיוועזן א בית הכסא אז צוויי מענטשן פלעגען אריין גיין צו זאמען אין די בית הכסא אפילו ביי טאג. פלעגען די שדים זיי שאדין טאהן. רבי אמי אונ רבי אסי פלעגען אריין גיין אין די בית הכסא יעדער בזונדער. אונ מען האט זיי ניט גיטאהן קיין שאדין. האבען די רבנן גיזאגט צו רבי אמי אונ צו רבי אסי איר האט ניט מורא אריין צוא גיין אין די בית הכסא. האבען רבי אמי אונ רבי אסי גיזאגט צו די רבנן מיר האבען גילערנט אונ מיר האבען גיהערט פון אונזערע עלטערין אז מען איז אין א בית הכסא בעהאלטען אונ שטיל. קומען ניט די שדים שאדין צוא טאהן דעם מענטשין אזוי ווייסען מיר פון אונזערע עלטערין. אז גאט שיקט יסורים אויף א מענטשין זאל ער שווייגען אונ זאל גאר ניט ריידען געגין גאט. נאר ער זאל בעטין ביי גאט ער זאל אפ טאהן פון איהם די יסורים. ווייסען מיר פון אונזערע עלטערין אז גאט וועט איהם העלפען. די מוטער פון אביי האט אויף גיארעוועט א שעפס אונ האט איהם אויס גילערנט ער זאל אריין גיין מיט אביי אין בית הכסא. פרעגט די גמרא זאל זיא איהם אויף אדעוועין א ציג. פר וואס נאר א שעפס. ענטפערט די גמרא א ציג אויף א ציג קען פר טאהשט ווערין. ווייל דער שד פון בית הכסא זעהט אויך אויס ווי א ציג. קען אביי אמאהל מיינען אויף זיין ציג דס איז דער שד וועט ער דער שראקען ווערין. רבא איידער ער איז גיווארען א ראש ישיבה ווען ער פלעגט אריין גיין אין בית הכסא איז זיין ווייב די טאכטער פון רב חסדא גישטאנען נעבין די בית הכסא אונ האט גיקלאפט מיט נים אין א קופערנע כלי ער זאל וויסען אז זיא שטייט אונ היט איהם. דער נאך ווי ער איז גיווארען א ראש ישיבה. הט זיא איהם מעהר גהיט האט זיא גימאכט א פענסטער אין דיא טיר פון בית הכסא. אונ האט אריין גישטעקט דיא האנט אין בית הכסא. אונ האט ארויף גילייגט דיא האנט אויף זיין קאפ:

לה ההוא. איינער הט מספיד גיוועזן א מת. אונ רב נחמן איז גיוועזן ביי דעם הספד. הט דער ספדן גילויבט דעם מאן אונ הט גיזאגט אויף איהם דער מענטש ווען ער הט גילעבט איז ער גיוועזן א בעהאלטענער מענטש מיט זיינע פרומקייט. הט רב נחמן גיזאגט צום ספדן ביסטו דען אריין גיגאנגען מיט דעם מענטש צו זאמען אין איין בית הכסא אונ דו ווייסט צו

ער

צנוע אלא למי שצנוע בבית הכסא ור"נ מאי נפקא ליה מיניה משום דתניא כשם שנפ עים מן המתים כך נפרעים מן הספדנים ומן העונים אחריהן:

(ע"ב) לז תניא בן עזאי אומר על כל משכב שכב חוץ מן הקרקע על כל מושב שב חוץ מן הקורה אמר שמואל שינה בעמוד השחר כאכסטמא לפרזלא. יציאה בעמוד השחר כאכסטמא לפרזלא. בר קפרא הוה מזבן מילי בדינרי עד דכפנת אכול עד דצחית שתי עד דרתחא קדרך שפוך קרנא קריא ברומי בר מזבין תאני תאני דאבוך זבין:

(ש"א כד) לז ואמר להרגך ותחס עליך ואמר ואמרתי מבעי' ליה ותחס וחסתי מיבעיא ליה אמר רבי אלעזר אמר ליה דוד לשאול מן התורה היה כותר להרגך מאי טעמא שהרי רודף אתה והתורה אמרה בא להרגו השכם להרגו אלא צניעות שהיתה בך היא

פירוש

על כל מושב שב חוץ מן הקורה. שמא יפול: כאכסטמא לפרזלא. אייר"ל כלע"ז שמועיל לברזל כך מועיל לגוף: יציאה. לטפנות: עד דכפנת אכול. שאם תשהה תשכול ממך תאות המאכל ואין המאכל מועיל: עד דרתחא קדרך שפוך. קודם שתעמוד משם הוא זה כשאתה צריך לנקביך שפוך ואל תשהה אותו: קרנא קריא ברומי. אם תשמע קול קרן ברומי היא סימן למוכרי תאנים לקנות ולהוציא ממקומן למקום: בר מזבין תאני תאני דאבוך זבין. אם אין אביך בבית הזה אתה בנו למכור תאניו בעוד שהם תובעים:

ואמר להרגך. דוד אמר לשאול כן כשיצאתו מן המערה שנכנס בה לפנות וכרת את כנף המעיל ואמר להרגך הקב"ה התיר לי להרגך: שהרי רודף אתה. אם במחתרת וגו' פירשנוהו אותו נמצא במעשה דרכי שינה: צניעות. שראיתי בך

ער איז פרום צו זיין. וואָרום מיר האָבען גיקערונט מען רופט ניט אַבּעהאַלטענער מענטש אין פרומקייט. נאָר דעם וואָס איז בעהאַלטען און פרום אין בית הכסא: פרעגט די גמרא וואָס האַרט דאָס רב נחמן צו דער ספדן האָט גזאָגט אמת צו זיין. ענטפערט די גמרא ווייל מיר האָבען גיקערונט אַזוי וויא מען שטראָפט די מתים פאַר וואָס זיי האָבען גיזאָגט אַפאַלשען נאָמען אויף די וועלט. מען איז זיי מספיד. מען מיינט זיי ווענען פרום גיוועזען: און עס איז ליגען. אַזוי שטראָפט מען דעם ספדן און אַלע וואָס הערין דעם הספד און ענטפערין מיט געוויין אויף די רייד פון הספדן. פאַר וואָס זאָגען זיי גיוועזען גינאַרט אין דעם מענטשין. דריבער האָט רב נחמן גיפרעגט דעם ספדן אויב ער ווייס געוויס די פרומקייט פון דעם מענטשין:

לז תניא. מיר האָבען גילערונט בן עזאי זאָגט אויף יעדער גילעגער מענטש ליגען נאָר ניט אויף די ערד. אויף יעדער אָרט מענטש זיצען נאָר אויף אַבעלעק זאָלסטו ניט זיצען. טאָמער וועסטו אַראָפ פאַלען: שמואל האָט גזאָגט דער שלאָף וואָס אין דער פריה ווען דער מאָרגינשטערין גייט אויף. שטאַרקט דעם גוף אַזוי וויא קאַלטע וואַסער שטאַרקט הייסע אייזין. אויס ריינינגען דעם גוף ווען דער מאָרגינשטערין גייט אויף. שטאַרקט דעם גוף אַזוי וויא קאַלטע וואַסער שטאַרקט הייסע אייזין. בר קפרא פרעגט פאַר קויפען רייד פאַר געלט. ער פלעגט געבין גוטע עצות און מען פלעגט איהם בצאָלען. ער פלעגט זאָגען ווען דוא ביסט הונגעריג זאָלסטו עסין. און זאָלסט ניט וואַרטען ביז דער אַפעטיט פון עסין וועט אַוועק גיין. ווען דו ביסט דאָרשטיג זאָלסטו טרינקען. אַז דיין טאָפ איז הייס גים אויס. ווען דוא דאַרפסט ריין מאַכען דיין בויך אויס צו גיסען די צואה. זאָלסטו דיך ניט אויף האַלטען. נאָר זאָלסט באַלד אַרויס גיין אויס ניכען. אַז דו וועסט הערין מען טרומייטערט אין רוים. אויב דוא ביסט אַזוהן פון אַזעלכין וואָס האַנדילט מיט פייגען. און דיין פאָטער איז ניטאָ אין דער היים. זאָלסטו פאַר קויפען דיין פאָטערס פייגען. ווייל דאָס איז די צייט צו פאַר קויפען פייגען דער נאָך וועט מען ניט קענען פאַר קויפען:

לז ואמר. דוד המלך האָט גזאָגט צו שאול ער האָט גזאָגט מען זאָל דיך הרגען. און דאָ האָט רחמנות גיהאַט אויף דיר. פרעגט די גמרא ער האָט גזאָגט. עס דאַרף שטיין איך האָב גיזאָגט. זיא האָט רחמנות גיהאַט. עס דאַרף שטיין איך האָב רחמנות גיהאַט. אָמר רבי אלעזר האָט רבי אלעזר גזאָגט דוד האָט גזאָגט צו שאול די תורה האָט גיזאָגט אַז מען מעג דיך הרגען. פאַר וואָס. וואָרום דוא יאָגסט מיך צו הרגען. און די תורה האָט גזאָגט דער וואָס קומט דיך צו הרגען. זאָלסטו איהם פריער הרגען. דאָס מיינט מען ואמר גאָט האָט

חכה עליך ומאי צניעותא היתה בו בשאול דכתיב (שם) ויבא אל גדרות הצאן על הדרך ושם מערה ויבא שאול להסך את רגליו תנא גדר לפנים מגדר ומערה לפנים ממערה. להסך א"ר אלעזר מלמד שסיכך עצמו כסוכה.

שנכנסת למערה כבגיל הגנס ואף שם נ"ג לניעות כדמפרש והולך: מסכך רגליו. בבגדיו ועשה עצמו כסוכה:

שיש לי ליפרע כמה חובות. יש במיתתו כדי לכפר

(שם) ויקם דוד ויכרות את כנף המעיל אשר לשאול בלט א"ר יוסי בר חנינא כל המבזה את הבגדים לסוף אינו נהנה מהם שנאמר (מ"א א) והמלך דוד זקן וגו' ויכסוהו בבגדים ולא יחם לו:

(ש"א כו) **לה אם** ה' הסיתך בי א"ר אלעזר אמר ליה הקב"ה לדוד מסית קרית לי חייך שאני מכשילך בדבר שאפילו תינוקות של בית רבן מכירין בו שנאמר (שמות ל) כי תשא את ראש בני ישראל לפקדיהם ונתנו איש כפר נפשו מיד (דה"א כא) ויעמוד שטן על ישראל וכתיב (ש"ב כד) ויסת את דוד בהם לאמר לך מנה את ישראל וכיון דמנינהו לא שקל מינייהו כופר וכתיב (שם) ויתן ה' דבר בישראל מהבקר עד עת מועד. מאי עד עת מועד א"ר שמואל סבא חתניה דרבי חנינא (משמיה דרבי חנינא) משעת שחיטת התמיד ועד זריקתו ורבי יוחנן אמר עד חצות ממש (שם) ויאמר למלאך המשחית בעם רב מאי רב (אמר רבי אלעזר) א"ל הקב"ה למלאך טול הרב שבהן שיש לי ליפרע מהן כמה

גזאגט אין דיא תורה לְהָרְגֶךָ אז איך מעג דיך הרגנן. נאר די פרומקייט וואס אין דיר האט רחמנות גיהאט זויף דיר. וועלכע פרומקייט האט דוד גיזעהן ביי שאול. ווארום עס שטייט אין פסוק שאול איז גיקומען צו די שטאלען מיט שעפסין אויף דעם וועג אונ דארט איז גיוועזן א קעלער. איז שאול גיקומען צו בדעקין די פיס זיינע ארויס צו גיין. מיר האבען גילערונט עס איז גיוועזן איין וואנט נאך די אנדערע וואנט אונ איין קעלער אין דעם אנדערין קעלער. ווי איז דער טייטש להסך האט רבי אלעזר גזאגט דער פסוק לערונט אונז אז שאול האט זיך בדעקט ארום דעם גאנצען גוף אזוי ווי א סוכה. דס איז די פרומקייט פון שאול. דוד איז אויף גישטאנען אונ האט אפ געשניטען אין דער שטיל א שטיקל קלייד פון שאול האט רבי יוסי בר חנינא גזאגט דער וואס פאר שעמט קליידער וועט ער דער נאך ניט הנאה האבען פון קליידער. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער מלך דוד איז אלט גיווארין אונ מען האט אים צו גידעקט מיט קליידער אונ עס איז איהם ניט ווארעם גיוועזן. ווייל ער האט פאר שעמט די קליידער פון שאול המלך:

לה אם. דוד האט גזאגט צו שאול אויב גאט האט דיך אנגירעט אויף מיר. האט רבי אלעזר גזאגט גאט האט גזאגט צו דוד דו האסט מיך גירופען איך בין אאנרייצער. איך שווער ביי דיין לעבין אז איך וועל דיך שטרויכלען אין אזוי אזאך וואס קינדער פון חדר ווייסען דס אז מען טאר ניט טאהן. אונ דו וועסט יא טאהן. עס שטייט אין פסוק גאט האט גזאגט צו משה רבינו אז דו וועסט ציילען די יודען. זאלסטו ניט ציילען דיא מענטשין. נאר יעדער זאל געבין אאויסלייזונג פר זיך. אהאלבען טאלער. אונ דוא זאלסט ציילען די האלבע טאלרס. האט זיך באלד גישטעלט דער שטן אויף די יודען אונ עס שטייט אין פסוק אונ ער האט אן גירעט דוד אויף די יודען. אונ ער האט גזאגט צו איהם גיי צייל די יודען. אונ אז דוד האט זיי גיציילט האט ער ניט גינומען פון זיי קיין אויסלייזונג. נאר ער האט גיציילט דיא מענטשין אונ עס שטייט אין פסוק אונ גאט האט גיגעבען א מגפה אין די יודען פון פריה ביז צום עת מועד. וואס מיינט מען ביז צום עת מועד. האט דער אלטער רבי שמואל דער איידים פון רבי חנינא גזאגט די מגפה האט גידוערט פון די צייט וואס מען האט גישאכטען דעם קרבן תמיד. ביז דיא צייט וואס מען האט געשפריינגט די בלוט פון תמיד. אונ רבי יוחנן זאגט דיא מגפה האט גידוערט ביז האלבען טאג. גאט האט גזאגט צו דעם מלאך וואס האט גיהרגעט דאס פאלק רב. וואס

כמה חובות באותה שעה מת אבישי בן צרויה ששקול כרובה של סנהדרין (דה"א כא) ובהשחית ראה ה' וינחם על הרעה. מאי ראה אמר רב יעקב אבינו ראה שנאמר (בראשית לב) ויאמר יעקב כאשר ראם ושמואל אמר אפרו של יצחק ראה שנאמר (שם כב) אלהים יראה לו השה רבי יצחק (נפחא) אמר כסף כפורים ראה שנאמר (שמות ל) ולקחת את כסף הכפורים ורבי יוחנן אמר בית המקדש ראה דכתיב (בראשית כב) בהר ה' יראה פליגי בה רבי יעקב (בר אידי) ורבי שמואל (בר נחמני) חד אמר כסף כפורים ראה וחד אמר בית המקדש ראה ומסתברא כמ"ד בית המקדש ראה שנאמר (שם) אשר יאמר היום בהר ה' יראה:

לט ורקיקה מקל והומר ממנעל ומה מנעל שאין בו דרך בזיון אמרה תורה (שמות ג) של נעליך

על כמה עומד: ובהשחית ראה ה' וינחם. מקרא הוא באותה פרשה בדברי הימים: כסף הכפורים ראה. שניתן במנין ראשון של ישראל למשכן והוא כפר על מנין זה שהרי לזכרון ניתן דכתיב והיה לבני ישראל לזכרון לכפר ועכשיו הוצרכו כפרתו (ראה הקב"ה שמנאן דוד לישראל ולא לקח מהם כופר והיה לו ליקח מהם כסף כפורים ומתוך כך מהר לנסוך כסף כפורים שנתנו קודם לכן ונילולו באותו זכות):

מיינט מען רב. האט רבי אלעזר גזאגט גאט האט גזאגט צום מלאך נעם דעם גרעסטן פון זיי פאר איהם וועל איך קענען אפ נעמען פיל ת'בות. זיין טויט וועט מכפר זיין אויף פיל עבירות. אז באלד געשטארבען אבישי בן צרויה וואס ער איז געוועזען גלייך וויא דאס מערסטע טייל פון דיא סנהדרין. זיינע צדקות זענען געוועזען אזוי פיל וויא דיא צדקות פון זעקס אונ דרייסיג דיינים פון די סנהדרין. ווען דער מלאך האט גיהרגעט האט גאט גיזעהן אונ האט חרטה גיהאט אויף דיא שלעכץ. וואס האט גאט גיזעהן האט רב גזאגט גאט האט גיזעהן יעקב אבינו. ווארום עס שטייט אין פסוק ווען יעקב האט גיזעהן די מחנות האט ער גזאגט מחנה אלהים זה. די מחנות מלאכים האט גאט געשיקט פון מיינעטוועגין מיך צו היטען. האט זיך גאט דער מאנט אמאהל האט ער געשיקט מלאכים מציל צו זיין יעקב. מען זאל איהם ניט הרגנן. וויא אזוי זאל מען איצט הרגנן זיינע קינדער. אונ שמואל זאגט גאט האט גיזעהן דיא אש פון יצחק אבינו ווארום עס שטייט אין פסוק אברהם אבינו האט גיבעטען גאט זאל זעהן די אש פון שעפס גלייך וויא דאס וואלט געוועזען די אש פון יצחק. אונ דעם שעפס האט מען דאך מקריב געוועזען אויף דעם ארט וואו דער מלאך האט גיהרגעט די יודען. האט זיך גאט דער מאנט דיא תפלה פון אברהם אבינו. האט ער גיהייסען דיא מגפה זאל אויף הערין. רבי יצחק נפחא זאגט גאט האט גיזעהן דעם מחצית השקל וואס די יודען האבען גיגעבען אין דער מדבר ווען מען האט זיי גיציילט. אונ פון דיא האלבע טאלערס האט מען גימאכט שוועלין צום משכן. אונ ביי דעם משכן שטייט לבני ישראל לזכרון דס זאל זיין איין אנדיינקונג צו די יודען. אז מען וועט זיי אמאהל ציילען אן אמחצית השקל. זאל דער משכן אויף זייא מכפר זיין. אונ אין דעם זכות האט זייא גאט מציל גיוועזען. רבי יוחנן זאגט גאט האט גיזעהן דעם בית המקדש. ווארום עס שטייט אין פסוק אויף דעם בארג וואו דער בית המקדש שטייטט וועט גאט גיזעהן ווערין מציל צו זיין דיא יודין. אין דער זאך קריגען רבי יעקב בר אידי אונ רבי שמואל בר נחמני. איינער זאגט גאט האט גיזעהן דעם בית המקדש. אונ דער שכל ווייזט אויס אזוי וויא דער וואס זאגט אז גאט האט גיזעהן דעם בית המקדש דעריבער האט ער מציל גיוועזען דיא יודען. ווארום עס שטייט אין פסוק אברהם אבינו האט גזאגט היינט ווערט גזאגט נאך בין היינט מתפלל אז ווען דיא יודען וועלען דארפין גיהאלפען ווערין. זאל גאט זעהן דעם בית המקדש אונ אין דעם זכות פון בית המקדש זאל זייא גאט העלפין. אונ דער מלאך המשחית איז דאך גישטאנען ביי דעם בארג וואס דער בית המקדש איז אויף איהם גיבאהט גיווארין האט זיך גאט באלד דער מאנט אן דעם בית המקדש אונ האט מציל גיוועזען די יודען:

לט ורקיקה. אז מען טאר ניט שפייען אין בית המקדש דאס לערנען מיר אפ מיט אקל וחומר פון שיך. מאראך שיך וואס דאס איז ניט מיאוס. פון דעסטוועגין האט די תורה גזאגט.

צעליך (זעל רגליך) רקיקה שהיא דרך בזיון לא כל שכן רבי יוסי בר יהודה אומר אינו צריך הרי הוא אומר (אסתר ד) כי אין לבוא אל שער המלך בלבוש שק והלא דברים ק"ו ומה שק שאינו מאוס לפני בשר ודם כך רקיקה שהיא מאוסה לפני מלך מלכי המלכים לא כל שכן :

(דף נד:) מ משנה כל חותמי ברכות שבמקדש היו אומרים עד העולם משקלקלו המינין ואמרו אין עולם אלא אחד התקינו שיהו אומרים מן העולם ועד העולם. והתקינו שיהא אדם שואל את שלום חבירו בשם . שנאמר (רות ב) והנה בעז בא מבית לחם ויאמר לקוצרים ה' עמכם ויאמרו לו יברכך ה'. ואומר (שופטים ו) ה' עמך גבור החיל ואומר (משלי כג) אל תבוז כי זקנה אמך , ואומר (תהלים קיט) עת לעשות לה' הפרו תורתך . רבי נתן אומר הפרו תורתך משום

עת

כל חותמי ברכות שבמקדש היו אומרים עד העולם. במס' תענית מפריש אין עונין במקדש אמן שמברך אומר בסוף כל ברכה בה"י אלהי ישראל מן העולם ועד העולם ברוך חונן הדעת וכן בכולם והעונים במקום אמן אומרים ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד וילפינן לה מקראי דתפלת עזרא ונחמיה ואשמועינן הכא דבמקדש ראשון לא היו אומרים אלא ברוך אלהי ישראל (עד) (מן) העולם משקלקלו המינים ואמרו אין עולם אלא זה התקינו עזרא ונחמיה שיהו אומרים מן העולם ועד העולם לומר ששתי עולמות יש להוציא מלב הכופרים בתחיית המתים : שיהא אדם שואל בשלום חברו בשם. בשמו של הקב"ה ולא אמרינן מזלזל הוא בכבוד של מקום בשביל כבוד הבריות להוציא שם שמים עליו ולמדו מבועז שאמר ה' עמכם ומן המלאך שאמר לגדעון ה' עמך גבור החיל : ואומר אל תבוז כי זקנה אמך . למוד מדברי זקני אומתך לעשות מה בראית שעשו הם ובגמ' מפרש מאי ואומר : ואומר עת לעשות לה' הפרו תורתך . פעמים שמבטלים ד"ת כדי לעשות לה' אף זה המתכוין נשאל לשלום חברו זהו רצונו של מקום שנאמר בקש שלום ורדפהו מותר להפר תורה ולעשות דבר

אז גאט האט געזאגט צו משה רבינו טוה אוים דיא שיך פון דיינע פים. ווייל דער ארט איז הייליג. שפייען וואס דאס איז מיאוס. איז געוויס אז מען טאר ניט שפייען אויף אהייליג ארט: רבי יוסי בר יהודה זאגט מען דארף ניט אפ לערנען פון משה רבינו עס שטייט אין פסוק. מרדכי האט געזאגט מען טאר ניט קומען צום טוהער פון מלך אן גיט אהן אין אזאק איז דאך אזקל ותומר. מאדאך אזאק וואס דאס איז ניט מיאוס אונ פר אמלך וואס ער איז נאר אמענטש איז אזוי. אז מען זאל ניט גיין אין אזאק פאר דעם מלך. שפייען וואס דאס איז מיאוס אונ פר גאט וואס ער מאכט קעניגען אלע מלכים. איז דען ניט געוויס אז מען טאר ניט שפייען אין אהייליגען ארט:

מ משנה. אין בית המקדש אז מען האט אוים געלאזט אברכה (דהיינו חונן הדעת) האט מען געזאגט ברוך אתה ה' אלהי ישראל מן העולם חונן הדעת. אז די אפקורסים האבען גילייקענט אונ האבען געזאגט עס איז ניט מער דא נאר איין וועלט. עולם הזה. האט מען גימאכט אתקנה מען זאל זאגען ברוך אתה ה' אלהי ישראל מן העולם ועד העולם (פון איין וועלט ביז די אנדערע וועלט) חונן הדעת. אונ מען האט גימאכט אתקנה אז אמענטש זאל פרעגין דעם שלום פון זיין חבר מיט דעם נאמען פון גאט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק בועז איז גיקומען פון בית לחם הט ער געזאגט צו דיא מענטשין וואס האבען געשניטען דיא תבואה אין פעלד. גאט זאל זיין מיט אייך. האבען דיא שניטער געזאגט צו בועז גאט זאל דיך בענטשין. נאך זאגט דער פסוק. דער מלאך האט געזאגט צוא גדעון גאט איז מיט דיר דוא שטארקער העלד: נאך זאגט דער פסוק זאלסט ניט פאר שעמען דיא רייד פון דיא חכמים. ווארום זייא זענען גיוועזען דיא זקנים פון פאלק. אז זייא האבען גיבענטשט איינער דעם אנדערין מיט דעם נאמען פון גאט. דארפען מיר אויך אזוי טאהן. נאך זאגט דער פסוק עס איז אצייט צו טאהן פון גאטס וועגין אונ מען מעג פר שטערין דיא רייד פון דיא תורה. דיא תורה הט געזאגט מען זאל ניט דער מאנען דעם נאמען פון גאט נאר סיידין ווען מען דאווינט אדער ווען מען מאכט אברכה. עס איז דא אצייט וואס מען מעג דער מאנען דעם נאמען פון גאט אן אברכה אונ אן דאווענען. נאר צו בענטשין דעם חבר מיט דעם נאמען פון גאט. ווייל דאס איז אויך אכבוד פאר גאט. צו ווייזען אז קיינער קען ניט בענטשין נאר גאט. רבי נתן זאגט פר קערט זאל מען לייענען דעם פסוק מען מעג פר שטערין די תורה אויב עס איז אצייט צו טאהן פר גאטס וועגין:

אינשי גנבא אפום מחתרתא רחמנא קרי. דרש בר קפרא לעולם ילמד אדם את בנו אומנות נקיה וקלה. מאי היא אמר רב יהודה מחטא דתלמיותא:

(דף נד) **מב תנו** רבנן הרואה אוכלוסי ישראל אומר ברוך חכם הרזים. לפי שאין דעתם דומות זו לזו ואין פרצופיהם דומות זו לזו. בן זומא ראה אוכלוסא על גב מעלה בהר הבית אמר ברוך חכם הרזים וברוך שברא כל אלה לשמשני. הוא היה אומר כמה יגיעות יגע אדם הראשון עד שמצא פת לאכול חרש וזרע וקצר ועמר ודש וזרה ובירר וטחן והרקיד ולש ואפה ואחר כך אכל ואני משכים ומוצא כל אלו כשהוא מתוקן לפני. וכמה יגיעות יגע אדם הראשון עד שמצא בגד ללבוש גזז ולבן ונפץ וטוה וארג וצבע ותפר ואחר כך לבש ואני משכים ומוצא כל אלו כשהוא מתוקן לפני. (כל אומניות שוקדות ובאות לפתח ביתי ואני משכים ומוצא כל אלו לפני) הוא היה אומר אורח טוב מה הוא אומר כמה טרחות טרח בעל הבית לפני כמה יין וכמה בשר הביא לפני וכמה גלוסקאות הביא לפני כל הטורח שטרח לא טרח אלא בשבילי אבל אורח רע מה הוא אומר מה טרחות טרח בעל הבית זה מה יין הביא מה בשר הביא מה גלוסקאות הביא כל מה שטרח לא טרח אלא בשביל

מחטא דתלמיותא. כרוסדו"ר בלע"ז שמחפירות חריצים שורות שורות כתלמי מענה (ר"ל מחרישה): אוכלוסא. חיל גדול של בני אדם רבות: חכם הרזים. שיודע מה שבלב כל אלו: לשמשני. שהם חורשים וזורעים ואני מוצא מוכן: כל אומניות שוקדות ובאות לפתחי. עשיר היה

אפילו אגנב ווען ער גראבט אונטער אשטוב צום גנבנן. רופט ער אויך צו גאט ער זאל איהם העלפין. בר קפרא האט גידרשת אמענטש זאל לערנען זיין זוהן אגרינגע ארבעט אונ אריינע. זיא זאל זיין ריין פון גנבה אונ פון גזלה: וואס זאל זיין דיא ארבעט. הט רב יהודה גזאגט ער זאל נייען אלטע קליידער :

מב תנו רבנן. די רבנן האבען גילערונט אז ער זעהט אידישע חיל: זעקס מאהל הונדערט טויזענד מענטשין מיט איין מאהל זאל ער זאגין גילויבט איז גאט וואס ער איז קלוג צוא וויסען וואס יעדער פון זייא טראכט אין הארץ. ווייל זייערע דעות זענען ניט גלייך איינר צום אנדערין: אונ זייערע פנימער זענען ניט גלייך איינער צום אנדערין. בן זומא איז גישטאנען אויף דיא שטיגען [טרעפ] וויא מען גייט ארויף אויף דעם בארג וואס דארט שטייט דער בית המקדש. אונ ער הט גיזעהן פיל מענטשין: [זעקס מאהל הונדערט טויזענד מענטשין מיט איין מאהל] האט ער גזאגט גילויבט איז גאט וואס ער איז קלוג צו וויסען וואס יעדער פון זייא טראכט אין זיין הארץ אונ גילויבט איז גאט וואס ער האט בשאפען דיא אלע מענטשין זייא זאלען מיך בדינען. זייא זאלין האקערין אונ זייען אונ אלע אנדערע ארבעט טאהן. אונ איך זאל האבען אלץ פארטיגע. בן זומא פלעגט זאגין וויא פיל ארבעט האט אדם הראשון גיארבעט ביז ער הט גיפונען אשטיקיל ברויט צום עסין. ער האט גיהאקערט ער האט גיזייט ער האט געשניטען דיא תבואה ער האט גימאכט בינטלאך ער הט גידראשין ער האט גישופעלוועט ער הט גקליבען ער הט גימאלען ער האט געזיפט ער האט גיקנעטין ער האט גיבאקין דער נאך האט ער גיגעסין אונ איך שטיי אויף גאנץ פריא אונ נעמין דיא אלע זאכען אן גיברייט פר מיר. אונ ווי פיל ארבעט הט אדם הראשון גיארבעט ביז ער הט גיפונען אקלייד אן צו קליידין ער הט גישארין די וואל פון די שעפסין אונ הט גיוואשין דיא וואל ער האט זייא גיבארשטין אונ גישפונען אונ גיוועבט אונ גיפארבט אונ גינייט: דער נאך האט ער גיהאט אקלייד אן צוא קליידין אונ איך שטייא אויף גאנץ פריא אונ נעמין דיא אלע זאכען אן גיברייט פר מיר. אלע בעלי מלאכות איילין אונ קומען צו מיר אין שטוב אונ איך שטיי אויף גאנץ פריא אונ נעמין דיא אלע זאכען פאר מיר. בן זומא פלעגט זאגען אגוטער גאסט וואס זאגט וויא פיל ארבעט האט דער בעל הבית גיארבעט פאר מיר וויא פיל ויין אונ וויא פיל פלייש האט ער גיבראכט פאר מיר אונ וויא פיל קיכלאך האט ער גיבראכט פאר מיר דיא גאנצע ארבעט וואס ער הט גיארבעט הט ער ניט מער גיארבעט נאר פון

אשתו ובניו על אורח טוב מה הוא אומר (איוב לו) וזכור כי תשגיא פעלו וגו׳. על אורח רע כתיב (שם לז) לכן יראוהו אנשים. (ש״א יז) והאיש בימי שאול זקן בא באנשים וגו׳ א״ר (רבא) ואיתימא רבי אבהו (זביד ואיתימא רב אושעיא) זה ישי אבי דוד שיצא באוכלוסא ונכנס באוכלוסא ודרש באוכלוסא אמר עולא (נקטינן) אין אוכלוסא בבבל תנא אין אוכלוסא פחותה משישים רבוא. ת״ר הרואה מלכי ישראל אומר ברוך שחלק מכבודו ליראיו מלכי עובדי כוכבים ומזלות אומר ברוך שנתן מכבודו לבשר ודם. חכמי ישראל אומר ברוך שחלק מחכמתו ליראיו. חכמי עובדי כוכבים ומזלות אומר ברוך שנתן מחכמתו לבשר ודם. אמר רבי יוחנן לעולם ישתדל אדם לצאת לקראת מלכי ישראל ולא לקראת מלכי ישראל בלבד אמרו אלא אפילו לקראת מלכי עובדי כוכבים ומזלות שאם יזכה יבחין בין מלכי ישראל למלכי עובדי כוכבים ומזלות. רב ששת סגי נהור הוה הוו קאזלי כולי עלמא לקבולי אפי מלכא וקם אזל בהדייהו רב ששת. אשכחיה ההוא מינאה אמר ליה חצבי לנהרא כגני לייא. אמר ליה תא חזי דידענא טפי מינך חלף גונדא

והכל בא״ב אלו לסחורה: (אין אוכלוסא בבבל. לא היתה זוכה להיות בה אוכלוסא): שאם יזכה. לעולם הבא ויראה בכבוד מלך המשיח יבחין כמה יותר כבוד בעלי שכר מצות יותר ממה שהיה כבוד שעובדי כוכבים בעולם הזה: חצבי לנהרא. הכדים שלמים הולכים לנהר לשאוב מים: כגני לייא. כדים השבורים להיכן למה הם הולכים והאחר שבושא

מיינעט װעגין; אבער אשלעכטער גאסט װאס זאגט װאס פאר אגרויסע ארבעט האט דען דער בעל הבית גיארבעט פון מיינעט װעגין װאס פאר אװיין האט ער גיבראכט װאס פאר אפלייש האט ער גיבראכט װאס פאר אקיכלאך האט ער גיבראכט דיא גאנצע ארבעט האט ער ניט מער גיארבעט נאר פאר זיין װייב אונ קינדער. אויף אגוטען גאסט װס זאגט דער פסוק גידיינק װי ער האט גיפרייסט זיין ארבעט. פון מיינעט װעגין. אויף אשלעכטען גאסט שטייט אין פסוק דריבער זאלין דיא מענטשין מורא האבען אביין צו נעמען אשלעכטען גאסט אין שטוב. אונ דער מענטש איז גיװעזען אלט אין דיא טעג פון שאול ער איז גיקומען צװישען מענטשין האט רבא גזאגט אונ אנדערע זאגין רבי אבהו האט גזאגט אונ אנדערע זאגין רב אושעיא האט גזאגט דם מיינט מען ישי דער פאטער פון דוד המלך װאס ער איז ארויס גיגאנגען מיט דעם חיל אין דער מלחמה אונ ער פלעגט גליקען אין דער מלחמה אונ פלעגט צוריק קומען מיט דעם חיל אהיים. אונ האט גילערנט תורה מיט דעם חיל: עולא האט גזאגט מיר האבען גילערנט בבל האט ניט זוכה גיװען אין איר זאל זיין אאוכלוסא מענטשין מיט איין מאהל. מיר האבען גילערנט אאוכלוסא איז ניט װייניגער װיא זעקס מאהל הונדערט טויזענד מענטשין. דיא רבנן האבען גילערנט דער װאס זעהט אאידישען מלך זאל ער זאגין גילויבט איז גאט װס ער האט אפ גיטיילט פון זיין כבוד צו די װס האבען מורא פר איהם. אז ער זעהט אמלך פון די אומות זאל ער זאגין גילויבט איז גאט װאס ער האט גיגעבין פון זיין כבוד צו אמענטשין. אז מען זעהט אאידישען חכם זאל ער זאגין גיל ויבט איז גאט װאס ער האט אפ גיטיילט פון זיין חכמה צו דיא װאס האבען מורא פאר איהם. אז מען זעהט אחכם פון דיא אומות זאל ער זאגען גילויבט איז גאט װאס ער האט גיגעבין פון זיין חכמה צו אמענטשין: רבי יוחנן האט גזאגט אמענטש זאל זיך מטריח זיין צו זעהן אידישען מלך אונ ניט יאר אידישען מלך האט מען גזאגט מען זאל זיך מטריח זיין צו גיין זעהן נאר אפילו צו גיין זעהן אמלך פון די עכו״ם זאל מען זיך אויך מטריח זיין. אויב ער װעט זוכה זיין צו זעהן דעם מלך המשיח. װעט ער זעהן דעם אונטער שייד װאס עס װעט זיין צװישען דעם כבוד װאס דער מלך המשיח װעט האבען אונ דעם כבוד װאס דיא מלכים פון דיא עכו״ם האבען גיהאט רב ששת איז בלינד גיװען אלע מענטשין זענען גיגאנגען זעהן דעם מלך איז רב ששת אויך גיגאנגען זעהן דעם מלך. האט אאפיקורוס גיטראפען צו רב ששת אונ ער האט גזאגט צו רב ששת גאנצע קריג טראגט מען צום טייך צו שעפין אין זייא װאסער. צוא דאבענע קריג װאס טראגט מען

אהס ולא הכאה היך הלך : גונדא . כת : כהלינהו לעיניה . נקרו את עיניו :

גונדא קמייתא כי קא אוושא אמר ליה חליף מלכא אמר ליה לאו חליף אתריתי אמר ליה חליף מלכא אמר ליה לאו אתאי תליתאה דהוה שתקא . אמר ליה אתא מלכא אמר ליה אין אמר ליה מנא ידעת . אמר ליה מלכותא דארעא כעין מלכותא דרקיעא דכתיב (מ"א יט ואחר הרעש אש לא באש ה' ואחר האש קול דממה דקה . כי אתא מלכא פתח רב ששת וקאמר ברוך . אמר ליה וכי לא הזית היכי מברכת . ומאי הוה עליה דהדוא מינאה . איכא דאמרי חברוהי כהלינהו לעיניה ואיכא דאמרי רב ששת נתן עיניו בו ונעשה גל של עצמות :

מג רבי שילא נגדיה להחוא גברא דבעל זונה אזל אכל קורצא בי מלכא אמר איכא גברא חד ביהודאי דדאין דינא בלא הורמנא דמלכא שדר עליה פריסתקא כי אתא אמר ליה מאי טעמא נגדתיה להחוא גברא אמר להו משום דבעל חמרא . אמרו ליה אית לך סהדי אמר להו אין . אתא אליהו זכור לטוב אתדמי להו כאיניש ואסהיד . אמרו ליה אי הכי בר קטלא הוא . אמר אנן מיומא דגלינן מארעין לית לן רשותא למקטל אתון

זַייא צוּם וַואסֶער . דָאס אִיז אַמָשָׁל . אַלֶע מֶענְטְשִׁין וָואס זֶעהְן . אִיז רִיכְטִיג וָואס זַייא גֵייעָן . זֶעהְן דֶעם מֶלֶךְ . אָבֶּער דוּ בִּיסְט דָאךְ בְּלִינְד . צוּ וָואס גֵייסְט דוּא . הָאט רַב שֵׁשֶׁת גְזָאגְט צוּם אַפִּיקוֹרוֹס קוּם וֶועסְטוּ זֶעהְן אַז אִיךְ וֵויים מֶעהר וִויא דוּא . דִיא עֶרְשְׁטֶע מַחֲנֶה אִיז פַאר בַּייא גִיפָארִין אוּנ עֶס הָאט גִירוּישְׁט גִירַאֲרֶעמְט הָאט דֶער אַפִּיקוֹרוֹס גְזָאגְט צוּא רַב שֵׁשֶׁת דֶער מֶלֶךְ אִיז פַאר בַּיי גִיפָארִין . הָט רַב שֵׁשֶׁת גְזָאגְט צוּם אַפִּיקוֹרוֹס נֵיין . דָאס אִיז נִיט גִיוֶועןְ דֶר מֶלֶךְ : אִיז פַאר בַּיי גִיפָארִין נָאךְ אַמַחֲנֶה הָט דֶער אַפִּיקוֹרוֹס גְזָאגְט צוּ רַב שֵׁשֶׁת דֶער מֶלֶךְ אִיז פַאר בַּיי גִיפָארִין . הָט רַב שֵׁשֶׁת גְזָאגְט צוּם אַפִּיקוֹרוֹס נֵיין . דָאס אִיז נִיט גִיוֶועןְ דֶער מֶלֶךְ . אִיז גִיקוּמֶען נָאךְ אַדְרִיטֶע מַחֲנֶה אוּנ עֶס אִיז גִיוֶועןְ גַאנְץ שְׁטִיל הָאט דֶער אַפִּיקוֹרוֹס גְזָאגְט צוּ רַב שֵׁשֶׁת דֶער מֶלֶךְ אִיז גִיקוּמֶען הָט רַב שֵׁשֶׁת גְזָאגְט צוּם אַפִּיקוֹרוֹס יָא . דֶער מֶלֶךְ אִיז טַאקִי גִיקוּמֶען . הָט דֶער אַפִּיקוֹרוֹס גְזָאגְט צוּ רַב שֵׁשֶׁת פוּן וַואנֶען וֵוייסְטוּ הָאט רַב שֵׁשֶׁת גְזָאגְט צוּם אַפִּיקוֹרוֹס דִיא מְלוּכָה פוּן דִיא עֶרְד אִיז אַזוֹי וִויא דִיא מְלוּכָה פוּן הִימֶעל עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק וֶוען גָאט הָאט זִיךְ בַּוִויזֶען צוּ אֵלִיָהוּ הַנָבִיא : נָאךְ דֶער שְׁטוּרֶעם אִיז גִיוֶועןְ אַפַייֶער אִין דֶעם פַייֶער אִיז נִיט גָאט . נָאךְ דֶעם פַייֶער אִיז גִיוֶועןְ אַקוֹל נַאשְׁט יִמְמָע] אַשְׁטִילֶע אוּנ אַדִינְגֶע . אִיז גָאט פַאר בַּיי גִיגַאנְגֶען . זֶעהְן מִיר אַז וֶוען אַמַלְכוּת גֵייט דוּרְךְ וֶוערְט שְׁטִיל . אַז דֶער מֶלֶךְ אִיז גִיקוּמֶען הָט רַב שֵׁשֶׁת גִימַאכְט אַבְּרָכָה בָּרוּךְ שֶׁנָתַן מִכְּבוֹדוֹ לְבָשָׂר וָדָם . הָט דֶער אַפִּיקוֹרוֹס גְזָאגְט צוּא רַב שֵׁשֶׁת אַז דוּא זֶעהְסְט נִיט דֶעם כָּבוֹד פוּן מֶלֶךְ : וִויא אַזוֹי מַאכְסְטוּ אַבְּרָכָה . זָאגְט דִיא גְמָרָא וָואס אִיז גִיוֶועןְ דֶער סוֹף מִיט דֶעם אַפִּיקוֹרוֹס וָואס עֶר הָאט אַזוֹי פִיל מְצַעֵר גִיוֶועןְ צוּא רַב שֵׁשֶׁת : אַנְדֶערֶע זָאגִין זַיינֶע חֲבֵרִים הָאבִּין אִיהם אוֹיס גִישְׁטָאכִין זַיינֶע אוֹיגִין אוּנ אַנְדֶערֶע זָאגִין גָאט הָאט גִיטָאן אַנֵס צוּ רַב שֵׁשֶׁת אַז עֶר הָט אָן גִיהוֹיבִּין צוּ זֶעהְן . הָאט רַב שֵׁשֶׁת אַקוּק גִיטָאהְן אוֹיף דֶעם אַפִּיקוֹרוֹס . אִיז פוּן אִים גִיוָוארִין אַבַּארְג בֵּיינֶער [מהרש"א] :

מג רַבִּי שִׁילָא הָאט גִישְׁלָאגִין מַלְקוֹת אַמֶענְטְשִׁין וָואס הָאט מְזַנֶה גִיוֶועןְ מִיט אַזוֹנָה אִיז דֶער מֶענְטְשׁ גִיגַאנְגֶען אוּנ הָאט גִיגֶעסִין אַקִיכוּל בַּיי דֶעם מֶלֶךְ [דָאס מֵיינְט מֶען עֶר הָט גְזָאגְט רְכִילוּת . אוּנ הָאט גִימַסֶרֶת אוֹיף רַבִּי שִׁילָא בַּיי דֶעם מֶלֶךְ] דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גְזָאגְט צוּם מֶלֶךְ עֶס אִיז דָא אַמֶענְטְשׁ בַּיי דִיא יוּדִין וָואס עֶר מִשְׁפָּט אָן דֶעם רְשׁוּת פוּן מֶלֶךְ . הָאט דֶער מֶלֶךְ גֶעשִׁיקְט אַשָׁלִיחַ צוּ רַבִּי שִׁילָא עֶר זָאל קוּמֶען פַאר אִיהם . אַז רַבִּי שִׁילָא אִיז גִיקוּמֶען צוּם מֶלֶךְ הָאט דֶער מֶלֶךְ גְזָאגְט צוּ רַבִּי שִׁילָא פַאר וָואס הָאסְטוּ גִישְׁלָאגִין דֶעם מֶענְטְשׁ . הָאט רַבִּי שִׁילָא גִיעֶנְטְפֶערְט וַוייל עֶר הָאט מְזַנֶה גִיוֶועןְ מִיט אַאֵייזִיל . הָט מֶען גְזָאגְט צוּ רַבִּי שִׁילָא הָאסְטוּ עֵדוּת הָאט רַבִּי שִׁילָא גְזָאגְט יָא . אִיךְ הָאבּ עֵדוּת . אִיז גִיקוּמֶען אֵלִיָהוּ הַנָבִיא אוּנ הָט אוֹיס גִיזֶעהְן פַאר זַייא וִויא אַמֶענְטְשׁ אוּנ הָאט עֵדוּת גְזָאגְט הָאט מֶען גְזָאגְט צוּ רַבִּי שִׁילָא אוֹיבּ אַזוֹי דַארְף

אתון מאי דבעית ון עבידו ביה עד דמעייני ביה בדינא פתח רב שילא ואמר (דה"א כט) לך ה' הגדולה והגבורה והתפארת והנצח וההוד כי כל בשמים ובארץ. אמרו ליה מאי קאמרת אמר להו הכי קאמינא בריך רחמנא דיהב מלכותא דארעא כעין מלכותא דרקיעא ויהיב לכו שולטנא ורחמי דינא. אמר ליה הואיל וחשבינן עלייכו יקרא דמלכותא לידין האי לכולי דינא יהב ליה קולפא דפרזלא אמר ליה תיב אפיתחא דרומי ודון דינא כי הוה נפק וכו' אמר הואיל ואיתעביד לי ניסא בהאי קרא דרשינן ליה נפק לבי מדרשא ודרש לך ה' הגדולה זה מעשה בראשית וכן הוא אומר (איוב ט) עושה גדולות עד אין חקר. והגבורה זו יציאת מצרים וכן הוא אומר (שמות יד) וירא ישראל את היד הגדולה. והתפארת זו חמה ולבנה שעמדו לו ליהושע שנאמר (יהושע י) וידום השמש וירח עמד. הנצח זו מפלתה (של בבל) וכה"א (ישעיה סג) ויז נצחם על בגדי. וההוד זו מלחמת נחלי ארנון שנאמר (במדבר כא) על כן יאמר בספר מלחמות ה' את והב בסופה וגו'. כי כל בשמים ובארץ זו מלחמת סיסרא וכה"א (שופטים ה) מן השמים נלחמו. לך ה' הממלכה

ורחמי דינא. אוהבי משפט: קולפא. מקל לרדות: התורה אמרה הבא להרגך השכם להרגו. שנאמר אם במחתרת ימצא הגנב וגו' לפי שבא על עסקי נפשות ביודע שאם המוצאו יוהר לא יעמיד עצמו מלהציל ממונו והוא בא לדעת כן שיקום עליו ויהרגנו השכם אתה להרגו: הממלכה זו

מען דעם מענטשין הרגנן. האט רבי שילא גזאגט פון דעם טאג וואס מיר זענען פאר טריבען געווארין פון אונזער לאנד האבין מיר ניט קיין רשות צוא הרגנן א מענטשין. וואס איר וויסט טוהט מיט דעם מענטשין. אין דער צייט וואס דיא דיינים פון מלך האבין גיקלערט דעם דין. האט רבי שילא גזאגט דעם פסוק צוא דיר גאט איז דיא גרויסקייט אונ דיא שטארקייט אונ דיא שיינקייט אונ דיא אייביגקייט. אונ אלץ וואס אין הימעל אונ וואס אויף דיא ערד געהער צו דיר. האבין דיא דיינים גזאגט צו רבי שילא וואס זאגסטו. האט רבי שילא גזאגט צו דיא דיינים אזוי האב איך גזאגט. גילויבט איז גאט וואס ער האט געגעבין א מלוכה אויף דיא ערד. זייא זאלין פירען וויא דיא מלוכה פון הימעל וויל. אונ גאט האט געגעבין צווא אייך א געוועלטיקייט אונ איר זאלט ליב האבין צו טאהן א משפט. האבין דיא דיינים פון מלך גזאגט צו רבי שילא וויל בייא אייך איז חשוב (טייער) דער כבוד פון אונזער מלוכה. זאל דער מענטש (רבי שילא) משפטין אלע דינים. האט דער מלך געגעבין צו רבי שילא א אייזערנעם שטעקין. אונ דער מלך האט גזאגט צו רבי שילא זיץ ביי דעם טויער פון רוים אונ זאלסט משפטין אלע דינים. אז רבי שילא איז ארויס געגאנגען פון מלך האט רבי שילא גזאגט ווייל צו מיר איז געטאהן געווארין א נס דורך דעם פסוק וועל איך דרשנן דעם פסוק איז רבי שילא געגאנגען אין בית המדרש אונ האט גידרשת צו דיר גאט איז דיא גרויסקייט דאס מיינט מען דיא בשאפונג פון דיא וועלט אונ אזוי זאגט דער פסוק גאט טוהט גרויסקייט וואס מיר קענען זייא ניט דער קלערין. אונ דיא שטארקייט מיינט מען וואס גאט האט אונז ארויס גינומען פון מצרים. אונ אזוי זאגט דער פסוק דיא יודין האבין געזעהן דעם גרויסין כח פון גאט. אונ דיא שיינקייט דאס מיינט מען דיא זוהן אונ די לבנה וואס זענען געבליבען שטיין אויף זייער ארט ווייל יהושע האט געהייסין אזוי וויא דער פסוק זאגט דיא זוהן איז שטיל געבליבען אונ דיא לבנה האט זיך געשטעלט. דס אייביגקייט דס מיינט מען דיא מפלה פון בבל אונ אזוי זאגט דער פסוק עס וועט אפ שפריצען זייער אייביגקייט אויף מיינע קליידער דאס מיינט מען. גאט זאגט ווייל איך בין אייביג דריבער וועט זייער אייביגקייט פון זייא אוועק גיין. אונ דיא שיינקייט דס מיינט מען דיא מלחמה וואס איז גיוועזען ביי דיא טייכען פון ארנון אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דריבער וועט גזאגט ווערין אין דעם ספר וואס דארט שטייט דיא מלחמות פון גאט. וואס עס איז גיגעבין געווארין ביי דעם ים סוף. אונ וואס עס איז גיוועזען ביי דיא טייכען ארנון. ווארום אלץ וואס אין הימעל אונ וואס אויף דיא ערד געהער צו גאט דס מיינט מען די מלחמה פון סיסרא אונ אזוי זאגט דער פסוק פון הימעל האט מען מלחמה געהאלטען מיט סיסרא. צוא דיר גאט איז

הממלכה זו מלחמת עמלק שנאמר (שמות יז) ויאמר כי יד על כס יה . והמתנשא זו מלחמת גוג ומגוג וכה"א (יחזקאל לח) הנני אליך גוג נשיא ראש משך ותובל . לכל לראש אמר רב חנן בר אבא אפילו ריש גרגותא מן שמיא מוקמי . במתניתא תנא משמיה דרבי עקיבא לך ה' הגדולה זו קריעת ים סוף . והגבורה זו מכת בכורות . והתפארת זו מתן תורה . והנצח זו ירושלים והההוד זו בנין בית המקדש יהי רצון שיבנה במהרה בימינו :

(דף סג) **מד תניא** רבי אומר לעולם אל ירבה אדם רעים בתוך ביתו שנאמר (משלי יח) איש רעים להתרועע תניא רבי אומר אל ימנה אדם אפוטרופוס בתוך ביתו שאלמלא לא מינה פוטיפר את יוסף אפוטרופוס בתוך ביתו לא בא לאותו דבר תניא רבי אומר למה נסמכה פרשת נזיר לפרשת סוטה לומר לך שכל הרואה סוטה בקלקולה יזיר עצמו מן היין אמר חזקיה בריה דרבי פרנך אמר רבי יוחנן למה נסמכה פרשת סוטה לפרשת תרומות ומעשרות לומר לך שכל שיש

מלחמת עמלק . דכתיב כי יד על כס יה כלומר על ידי שמלחמה לה' בעמלק כסא כולו : המתנשא . מדכתיב לשון נשיאות תשמע על נשיא ראש משך ותובל : לכל לראש . לכל הראשים נשיות ראש הוא מתנשא (כלומר) שהוא גוזר ומעמידו : ריש גרגותא . (פי') הממונה על החופרים חפירות למלאותם מים כדי להשקות בהן השדות :
להתרועע . להתרועע : אפוטרופוס . מכניס ומוציא נכסיו . כל שיש לו תרומות ומעשרות

דיא מלוכה דס מיינט מען דיא מלוכה פון עמלק. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ער האט גזאגט גאט האט געהאלטען זיין האנט ביי זיין שטוהל דאס מיינט מען גאט האט געשווארין ביי זיין מלוכה] אז ער זאל מלחמה האלטין מיט עמלק. גאט איז דער הויבין דאס מיינט ווען די מלחמה פון גוג און מגוג און אזוי זאגט דער פסוק איך וועל זיין צו דיר גוג איך וועל מיט דיר מלחמה האלטין]. איך וועל זיין דער נשיא פון משך און פון תובל. דוד המלך האט גזאגט אלע עלצטע וואס זענען דא אויף דער וועלט. ווער עס האט נאר עפעס צוא שאפען אויף אזאך. האט גאט איהם גימאכט פר אעלצטין. האט רב חנן בר אבא גזאגט אפילו צוא זיין אעלצטער אויף די מענטשין וואס גראבין ברונענס. האט מען איהם אויך גימאכט פון הימעל. דאס איז אויך ניט אליין גיווארין. אין אברייתא האט מען גילערונט אז רבי עקיבא האט גזאגט צו דיר גאט איז דיא גרויסקייט דס מיינט מען וואס גאט האט גישפאלטין דעם ים. און די שטארקייט דס מיינט מען ווס גאט האט גיהרגת די בכורים פון די מצרים. און די שיינקייט דאס מיינט מען ווען גאט האט גיגעבין די תורה. די אייביגקייט דס מיינט מען ירושלים. ווס גאט וועט מאכען ירושלים אויף אייביג צו דיא יודין. און די שיינקייט דס מיינט מען דעם בית המקדש. עס זאל זיין דער ווילען פון גאט דער בית המקדש זאל גיבאהט ווערין געשווינט אין אונזערע טעג. ווען מיר וועלין לעבין. [תפארת. איז די שיינקייט פון דער זאך. הוד איז דיא שיינקייט פון ארט]:

מד תניא. מיר האבין גילערונט. רבי זאגט אמענטש זאל ניט אריין נעמען פיל גוטע פריינד צו זיך אין שטוב. ווארום דער פסוק זאגט דער וואס נעמט אריין פיל גוטע פריינד צו זיך אין שטוב. דער וועט צו בראכין ווערין. מיר האבין גילערנט רבי זאגט אמענטש זאל ניט אריין נעמען צו זיך אין שטוב אמענטשין וואס זאל פירען זיינע גישעפטין: ווען פוטיפר וואלט ניט אויף גינומען יוסף פאר אפוטרופוס ביי זיך אין שטוב וואלט ער ניט גיקומען צו דיא זאך. אז דיא ווייב זיינע זאל וועלין מזנה זיין מיט יוסף. מיר האבען גילערנט רבי זאגט פאר וואס שטייט די פרשה פון נזיר נאנט צו די פרשה פון סוטה צו זאגין דיר דער וואס זעהט דעם בזיון [די שאנדע] וואס די סוטה האט גיהאט דער וועט זיך אפ שיידין פון וויין טרינקען. ווארום פון שכרות קומט מען צו זנות. חזקיה דער זוהן פון רבי פרנך האט גזאגט. רבי יוחנן זאגט פאר וואס שטייט די פרשה פון אסוטה נאנט צוא דיא פרשה פון תרומות און מעשר צו זאגין דיר דער וואס האט תרומה און מעשר און ער גיט זייא ניט צום כהן וועט זיין דער סוף זיינער ער וועט דארפין אנקומען צום כהן דורך זיין ווייב ווס זיא וועט

יש לו תרומות ומעשרות ואינו נותן לכהן סוף נצרך לכהן על ידי אשתו שנאמר (במדבר ה) ואיש את קדשיו לו יהיו וסמיך ליה איש איש כי תשטה אשתו וכתיב והביא האיש את אשתו וגו' ולא עוד אלא סוף שנצרך להן שנאמר ואיש את קדשיו לו יהיו. אמר רב נחמן בר יצחק ואם נותנים סופו מתעשר שנאמר (שם) איש אשר יתן לכהן לו יה יה לו יהיה כמון הרבה. אמר רב הונא בר ברכיה משום רבי אלעזר הקפר כל המשתף שם שמים בצערו כופלין לו פרנסתו שנאמר (איוב כב) והיה שדי בצריך וכסף תועפות לך רבי שמואל בר נחמני אמר פרנסתו מעופפת לו כצפור שנאמר וכסף תועפות לך. אמר רבי יאשיה כל המרפה עצמו מדברי תורה אין בו כח לעמוד ביום צרה שנאמר (משלי כד) התרפית ביום צרה צר כחכה. אמר רבי אמי בר מתנה אמר שמואל אפילו מצוה אחת שנאמר התרפית מכל מקום:

מה אמר רב ספרא רבי אבהו הוה משתעי כשירד חנניה בן אחי רבי יהושע לגולה היה מעבר שנים

ואינו נותן לכהן כו' סוף שצריך לו ע"י אשתו. שנא' ואיש את קדשיו לו יהיו וסמיך ליה איש כי תשטה אשתו וכתיב והביא האיש את אשתו. איש את קדשיו לו יהיו כשמעכב קדשים אצלו ואינו נותן לכהנים וללוים סוף שצריך להם שנעשה עני וצריך ליטול מעשר עני: לו יהיו. לא למו יצטרכו: המשתף שם שמים בצערו. שמברך על הרעה דיין האמת א"נ שמבקש רחמים מלפניו: בצריך. בצרתך: תועפות. לשון כפולה כדמתרגמינן וכפלת ותעיף: התרפית. מדברי תורה ביום צרה צר כחכה: אפילו מצוה אחת. אם נתרפה ממנה כשבאת לידו ולא חש להתעסק בה כפי (צ"ל) כחו: התרפית מכל מקום. אף במצוה אחת משמע: היה מעבר שנים וכו'. והכא אין מעברין את השנה אלא ביהודה דכתיב לשכנו תדרשו כל דרישת

ווערין אסוטה ווארום עס שטייט אין פסוק דער מענטש וואס וועט האלטען דיא היילינקייט פאר זיך. ער וועט האלטען דיא תרומות אונ מעשרות פאר זיך: אונ וועט זייא ניט געבין צום כהן שטייט נאנט אמענטש וואס זיין ווייב וועט ווערין אסוטה. שטייט ווייטער אונ דער מאן זאל ברייננען זיין ווייב צום כהן. אונ ניט דאס אליין וועט זיין דער שטראף פון דעם מענטשין וואס וויל ניט געבין זיינע תרומה אונ מעשר צום כהן. נאר ער וועט נאך אשטראף האבין זיין סוף וועט זיין ער וועט אליין ווערין אארעם מאן אונ וועט דארפין נעמען מעשר עני. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער מענטש וואס גיט ניט זיינע תרומה אונ מעשר צום כהן. וועט ער דארפין אז דיא מעשר עני זאל זיין פאר איהם. האט רב נחמן בר יצחק גזאגט אונ אויב מען גיט דיא תרומות אונ מעשרות צום כהן וועט דער סוף זיין דער בעל הבית וועט רייך ווערין אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער מענטש וואס וועט געבין דיא תרומות אונ מעשרות צום כהן וועט זיין צו איהם. צו איהם וועט זיין פיל געלט. רב הונא בר ברכיה האט גזאגט פון רבי אלעזר הקפר וועגין דער וואס נעמט גאט צו זיין צער. אז ביי איהם איז אצער זאגט ער גאט איז גירעכט. אונ ער בעט ביי גאט ער זאל איהם העלפין: טאפילט מען איהם זיין פרנסה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אז גאט וועט זיין אין דיין צער. וועט דיין געלט געטאפילט ווערין. וועט דיר גאט געבין דיין פרנסה צוויי מאהל אזוי פיל וויא דוא דארפסט: רבי שמואל בר נחמני זאגט זיין פרנסה וועט פליהען צו איהם אזוי וויא אפויגיל. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אונ געלט וועט פליהען צו דיר. רבי יאשיה האט גזאגט דער וואס לאזט זיך אפ פון צו לערנען תורה. אז עס קומט אויף איהם אצרה האט ער ניט קיין כח צו שטיין אויס צו האלטען דיא צרה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אז דוא האסט זיך אפ גילאזין פון צו לערנען תורה אז עס וועט קומען אויף דיר אצרה. וועט זיין אייננ דיין כח. דו וועסט ניט קענען אויס האלטען דיא צרה. רבי אמי בר מתנה האט גזאגט פון שמואלס וועגין אפילו ער האט זיך אפ גילאזין פון איין מצוה. עס איז איהם פאר גיקומען אמצוה צו טאהן. אונ ער האט איר ניט גיטאהן ווייל ער הט זיך גיפוילט. דער נאך אז עס קומט אויף איהם אצרה: האט ער ניט קיין כח אויס צו האלטען. ווארום עס שטייט אין פסוק דוא האסט זיך אפ גילאזט פון וואס עס איז. אפילו נאר פון איין מצוה:

מה אמר. רב ספרא האט גזאגט רבי אבהו הט דער ציילט אז חנניא דער זוהן פון רבי

שנים וקובע חדשים בחוצה לארץ. שגרו אחריו שני תלמידי חכמים רבי יוסי בן כיפר ובן בנו של זכריה בן קבוטל כיון שראה אותם אמר להם למה באתם אמרו לו ללמוד תורה באנו הכריז עליהם אנשים הללו גדולי הדור הם ואבותיהם שמשו בבית המקדש כאותה ששנינו זכריה בן קבוטל אומר הרבה פעמים קריתי לפניו בספר דניאל התחיל הוא מטמא והם מטהרים הוא אוסר והם מתירין הכריז עליהם אנשים הללו של שוא הן של תוהו הם אמרו לו כבר בנית ואי אתה יכול לסתור כבר גדרת ואי אתה יכול לפרוץ. אמר להם מפני מה אני מטמא ואתם מטהרים אני אוסר ואתם מתירין אמרו לו מפני שאתה מעבר שנים וקובע חדשים בחוצה לארץ אמר להם והלא עקיבא בן יוסף היה מעבר שנים וקובע חדשים בחוצה לארץ אמרו לו הנח רבי עקיבא שלא הניח כמותו בארץ ישראל. אמר להם אף אני לא הנחתי כמותי בארץ ישראל אמרו לו גדיים שהנחת נעשו תישים בעלי קרנים והם שגרוני אצלך וכך

שלהם דורש לא כוי אלא בשכמו של מקום בפרק קמא דסנהדרין: שגרו אחריו. למחות בידו: כבר נמה. שהגדלת במני לומר גדולי הדור הם: והלא עקיבא בן יוסף עשה כן. דתנן ביבמות אמר רבי עקיבא כשירדתי לנהרדעא לעבר שנים כו' הלכה

יהושע ברודער האט געניידערט פון ארץ ישראל איז חוץ לארץ האט ער מעבר געוועזן יאהרין. ער האט אויס געזעצט וועלכע יאהרין זאלין זיין צו דרייצעהן חדשים. צוייא מאהל אדר. אונ ער פלעגט אויס זעצין חדשים. וועלכער חודש זאל זיין דרייסיג טעג. אונ וועלכער חודש זאל זיין ניין אונ צוואנציג טעג. האט מען געשיקט צו איהם צווייא תלמידי חכמים: רבי יוסי בן כיפר אונ דעם אייניקול פון זכריה בן קבוטל. זייא זאלין זאגען צו חנניא אז אין חוץ לארץ טאר מען ניט מעבר זיין יאהרין. אונ מען טאר ניט אויס זעצין חדשים ווייא חנניא האט גיזעהן דיא צוויי תלמידי חכמים וואס זענען גיקומען צו איהם האט חנניא צו זייא גזאגט צוא וואס זענט איר גיקומען האבין זייא גזאגט צו חנניא. מיר זענען גיקומען לערנען תורה האט חנניא אויס גירופען אויף זייא דיא מענטשין זענען דיא גרעסטע פון אונזער דור. אונ זייערע עלטערין האבען בעדינט אין בית המקדש. אזוי וויא מיר האבען גילערנט זכריה בן קבוטל זאגט פיל מאהל האב איך גילייענט פר דעם כהן גדול יום כפור ביי נאכט דעם. ספר דניאל. האט דאך זכריה בן קבוטל בדינט אין בית המקדש. אונ חנניא האט אן גיהויבין צוא לערנען. וואס ער האט גזאגט טמא. האבען זייא גזאגט טהור. הוא אוסר והם מתירין. וואס ער האט גזאגט אסור. האבען זייא גזאגט מותר. האט חנניא אויס גירופען אויף זיי. די מענטשין זענען פאלשע: אינ זייא זענען גאר ניט חשוב. האבען זיי צו איהם גזאגט דו האסט שוין איין מאהל אויף גיבאהט קענסטו ניט צו ווארפען וואס דוא האסט גיבאהט. דוא האסט איין מאהל גימאכט צאאנט קענסטו זיא ניט צו ברעכין. זייא האבין גימיינט דוא האסט אונז איין מאהל אין שטאט גילויבט: קענסטו אונז שוין ניט שענדין. האט חנניא צו זייא גזאגט פר וואס זאגט איר טהור אויף די זאך וואס איך זאג טמא. פר וואס זאגט איר מותר אויף די זאך וואס איך זאג אסור. האבען זייא גזאגט צו איהם ווייל דוא ביסט מעבר יאהרין. וועלכער יאהר זאל זיין איין אדר אונ וועלכער זאל זיין צוויי מאהל אדר: אונ זעצט אויס חדשים. וועלכער חודש זאל זיין ניין אונ צוואנציג טעג אונ וועלכער חודש זאל זיין דרייסיג טעג. אין חוץ לארץ. האט ער צו זיי גזאגט רבי עקיבא בן יוסף פלעגט דאך אויך מעבר זיין יאהרין אונ אויס זעצין חדשים אין חוץ לארץ. האבען זיי גזאגט צו איהם לאז אפ רבי עקיבא בן יוסף. פון איהם ברייננ ניט קיין ראיה. ער האט גימענט מעבר זיין יאהרין אונ אויס זעצין חדשים אין חוץ לארץ. ווייל ער האט ניט גילאזין זיין גלייכין אין ארץ ישראל. האט חנניא צו זייא גזאגט איך האב אויך ניט גילאזין מיין גלייכען אין ארץ ישראל. האבען זייא גזאגט צוא איהם דיא יונגע ציגען וואס דוא האסט גילאזין אין ארץ ישראל. זענען גיווארין גרויסע באק מיט הערנער. דאס מיינט מען די יונגע לומדים זענען גיווארין גרויסע חכמים: אונ זייא האבען

וכך אמרו לנו לכו ואמרו לו בשמנו אם שומע מוטב ואם לאו יהא בנדוי ואמרו לאחינו שבגולה אם שומעים מוטב ואם לאו יעלו להר . אחיה יבנה מזבח חנניה ינגן בכנור ויכפרו כלם ויאמרו אין להם חלק באלהי ישראל מיד געו כל העם בבכיה ואמרו חס ושלום יש לנו חלק באלהי ישראל וכל כך למה משום שנאמר (ישעיה ב) כי מציון תצא תורה ודבר ה' מירושלים בשלמא הוא מטהר והם מטמאין לחומרא אלא הוא מטמא והן מטהרים היכי הוה והתניא חכם שטמא אין חברו רשאי לטהר אסר אין חבירו רשאי להתיר קא סברי כי היכי דלא נגררו בתריה :

שהלכה בעלה וכרתה : ואמרו לאחינו שבגולה . שלא ישמעו לו שאם ישמעו יעלו אל ההרים להתנהג כחקות העובד כוכבים לבנות במות : אחיה יבנה מזבח . אדם גדול היה וראש לבני הגולה : חנניה . הוא חנניה אחי רבי יהושע : ינגן בכנור . לפני הבמה לפי שחנניה לוי היה כדתנן בערכין מעשה ברבי יהושע בן חנניה שהלך לסייע את רבי יוחנן בן גודגדא בהגפת דלתות אמר לו חזור בך שאתה מן המשוררים ואני מהשוערים :

לכרם . ע"ש שהיו יושבים שורות שורות ככרם זה הנטוע שורות שורות . בכבוד אכסניא . מכניסי אורחים בבתיהם : ראש המדברים . במס' שבת מפרש לה בבמה מדליקין : י"ב מיל . שלשה פרסאות מחנה ישראל מבית הישימות עד אבל השטים ג' פרסי : אמרה תורה כו'. כלומר קראו

(ע"ג) **מן תנו** רבנן בשנכנסו רבותינו לכרם ביבנה היו שם רבי יהודה ורבי יוסי ורבי נחמיה ורבי אלעזר בנו של רבי יוסי הגלילי פתחו כלם בכבוד אכסניא ודרשו פתח רבי יהודה ראש המדברים בכל מקום בכבוד תורה ודרש (שמות לג) ומשה יקח את האהל ונטה לו מחוץ למחנה והלא דברים ק"ו ומה ארון ה' שלא היה מרוחק אלא י"ב מיל אמרה תורה (שם) והיה

אונז געשיקט צו דיר . אונ די חֲכָמִים פון אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל האבען צו אונז אזוי גזאגט . גייט זאגט צו חֲנַנְיָא אין אונזער נאמען . אויב ער וועט פאלגין איז גוט . אונ אויב ער וועט ניט פאלגין זאל ער זיין אין חֵרֶם . אונ איר זאלט זאגין צו אונזערע ברידער וואס אין חוּץ לָאָרֶץ אויב זייא וועלין אונז פאלגין . אונ ניט צו חֲנַנְיָא . איז גוט . אונ אויב זיי וועלין אונז ניט פאלגין זאלין זיי גיין אויף דעם בארג דינען עֲבוֹדָה זָרָה . אֲחִיָּה זאל באהעין אַמִזְבֵּחַ . חֲנַנְיָה זאל שפילען אויף אפידול וועלין זיי מְכַפֵּר זיין פר אלע . אונ זיי זאלין זאגין זיי האבען ניט קיין חֵלֶק אין דעם גאט פון יודען . האבען דאס גאנצע פאלק געשריגען מיט געוויין אונ זייא האבען גזאגט חַס וְשָׁלוֹם . מיר האבען יא אחֵלֶק אין דעם גאט פון יודין . פר וואס טאר מען ניט מְעַבֵּר זיין יאהרין אין חוּץ לָאָרֶץ ווייל עס שטייט אין פָּסוּק פון צִיּוֹן וועט ארויס גיין די לערנונג צו אלע יודין . אונ די רייד פון גאט וועט קומען פון יְרוּשָׁלַיִם . פרעגט דיא גְמָרָא אז רַבִּי חֲנַנְיָא וואלט גזאגט טָהוֹר אונ זייא וואלטין גזאגט טָמֵא . וואלט רעכט געווען . זיי ווילען ארבער מאכען . אבער אז רַבִּי חֲנַנְיָא האט גזאגט טָמֵא . אונ זייא האבען גזאגט טָהוֹר : וויא אזוי האבען זייא גימעגט . מיר האבען דאך גילערנט אויב אחָכָם האט מְטַמֵּא געווען . טאר ניט זיין חָבֵר די זאך מְטַהֵר זיין . אויב אחָכָם האט גיאסרת אזאך . טאר ניט זיין חָבֵר די זאך מַתִּיר זיין . ענטפערט די גְמָרָא זיי האבען גיוואלט קריגען אויף איהם . די מענטשין פון חוּץ לָאָרֶץ זאלין ניט ציהען נאך איהם . זיי זאלין וויסען אז מען בארף פאלגין דעם בֵּית דִין פון אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל . ניט דעם בֵּית דִין פון חוּץ לָאָרֶץ :

מן די רַבָּנָן האבען גילערנט אז דיא רַבָּנָן זענען אריין גיגאנגען אין וויין גארטין (אין בֵּית הַמִדְרָשׁ) אין יַבְנֶה . זענען דארט גיוועזן . רַבִּי יְהוּדָה אונ רַבִּי יוֹסִי אונ רַבִּי נְחֶמְיָה אונ רַבִּי אֶלְעָזָר דער זוהן פון רַבִּי יוֹסִי הַגְלִילִי האבען אלע אן גיהויבין דרשנן אין דעם כָּבוֹד פון דעם מענטשין וואס נעמט אריין אפרעמדין מענטש צו זיך אין שטוב אונ גיט איהם עסין אונ אארט צום נעכטיגען . רַבִּי יְהוּדָה וואס ער איז אלע מאהל דער אנהייבער צום רידין . האט ער דא אויך אן גיהויבען צו דרשנן דעם כָּבוֹד פון דיא תּוֹרָה . עס שטייט אין פָּסוּק אונ משֶׁה זאל נעמען זיין גיצעלט אונ זאל איהם אויף שטעלין אויסער די מַחֲנֶה . אונ דארט איז גיוועזן דער אָרוֹן וואס משֶׁה רַבֵּינוּ האט גימאכט (עיין במהרש"א ובריף) . די זאכען קען מען אפ לערנען מיט אַקַל וָחוֹמֶר . מאראך דער אָרוֹן פון גאט וואס ער איז נישט גיוועזן ווייטער ווי צוועלף תְּחוּם

והיה כל מבקש ה' יצא אל אהל מועד תלמידי חכמים שהולכים מעיר לעיר וממדינה למדינה ללמוד תורה על אחת כמה וכמה. (שם) ודבר ה' אל משה פנים אל פנים אמר רבי יצחק אמר ליה הקב"ה למשה משה אני ואתה נסביר פנים בהלכה. איכא דאמרי כך אמר ליה (הקב"ה למשה) משה כשם שאני הסברתי לך פנים כך אתה הסבר פנים לישראל והחזר האהל למקומו. ושב אל המחנה וגו' אמר רבי אבהו אמר ליה הקדוש ברוך הוא למשה עכשיו יאמרו הרב בכעס ותלמיד בכעס ישראל מה תהא עליהם אם אתה מחזיר האהל למקומו מוטב ואם לאו יהושע בן נון תלמידך משרת תחתיך והיינו דכתיב ושב אל המחנה אמר רבא אף על פי כן לא יצא הדבר לבטלה שנאמר ומשרתו יהושע בן נון נער לא ימיש מתוך האהל:

פירוש

הכתיב מבקש ה': כשם שאני הסברתי לך פנים כך אתה הסבר פנים. והיינו דכתיב פנים בפנים: הרב בכעס. עליהם משום מעשה העגל: ותלמיד בכעס. וגם אתה מראה להם כעס שהרחקת האהל ממחניהם: אם אתה מחזיר האהל למקומו. (גרסינן) והיינו דכתיב ושב אל המחנה השב האהל למחנה ואם לאו משרתך יהושע בן נון נער לא ימיש מתוכה בימות החתיך. ואף ע"פ שהשיבו לאחר שנתרצה הקב"ה לישראל והוקם המשכן לא יצא דבר לבטלה. ל"ג שנאמר ומשרתו יהושע וגו':

מז ועוד פתח רבי יהודה בכבוד תורה ודרש (דברים כז) הסכת ושמע ישראל היום הזה נהיית לעם וכי אותו היום נתנה תורה לישראל והלא אותו יום סוף ארבעים שנה היה

שבת ולמשל אויב משה הט אויף געשטעלט זיין געצעלט אין מזרח זייט פון די מחנה. און דער יוד וואס איז געוועז אין מערב זייט פון די מחנה. אז ער הט געוואלט גיין צו משה רבינו. האט ער געדארפט גיין די גאנצע לייגג פון דיא מחנה. דיא מחנה איז געוועזן דריי מייל לאנג. דאס איז צוועלף תחום שבת). הט די תורה געזאגט ווער עס וועט וועלין לערנען תורה פון גאט. זאל ער ארויס גיין צום אוהל מועד. צום געצעלט פון משה. [ווייל ער איז געגאנגען דריי מייל. ווערט ער גירופען מבקש ה'. ער זוכט צו לערנען די תורה פון גאט]. די תלמידים וואס גייען פון שטאט צו שטאט און פון מדינה צו מדינה לערנען התורה. ווערין זיי געוויס גירופען מבקשי ה'. זיי זוכען די תורה פון גאט. דער פון קענען מיר וויסען ווי גרויס דער זכות איז פון דיא מענטשין פון שטאט אז זיי נעמען אריין די פרעמדע ארעמע לומדים צו זיך אין שטוב און גיבען זיי עסין און אארט צום שלאפען. עס שטייט אין פסוק גאט הט גירעט צו משה פנים צו פנים. הט רבי יצחק געזאגט גאט הט געזאגט צו משה. משה איך און דוא וועלין מיר ביידע געבין צו פר שטיין דיא יודען דעם דין. אנדערע זאגען אזוי הט גאט געזאגט צו משה. משה אזוי ווי איך האב דיר געוויזען אפרייליך פנים. אזוי זאלסטו ווייזען אפרייליך פנים צו דיא יודען. און קער צוריק דעם געצעלט צו דיין ארט. אין דיא מחנה. עס שטייט אין פסוק משה זאל צוריק קערין אין די מחנה. הט רבי אבהו געזאגט גאט הט געזאגט צו משה איצט וועט מען זאגען דער רבי (גאט) איז אין כעס. און דער תלמיד (משה) איז אין כעס. וואס וועט זיין מיט די יודען. אויב דוא וועסט צוריק קערין דיין געצעלט אויף זיין ארט. אין די מחנה. איז גוט. און אויב ניט וועט דיין תלמיד יהושע בן נון ברענגען אויף דיין ארט. דס איז וואס עס שטייט אין פסוק משה הט צוריק געקערט אין די מחנה. הט רבא געזאגט אפילו משה הט געטאהן ווי גאט האט איהם געהייסען. און ער האט צוריק געקערט זיין געצעלט אין דיא מחנה. פון דעסטוועגן דיא זאך וואס גאט הט געזאגט. אז יהושע וועט ברענגען אויף דעם ארט פון משה. איז ניט אוועק געגאנגען ליידיג. עס איז מקוים געווארין. משה איז געשטארבען און יהושע הט בריינט אויף זיין ארט ואונ פון שנאמר ביז האוהל. איז איבעריג:

מז ועוד: נאך הט אן גיהויבען רבי יהודה און הט גידרשת אין כבוד פון דיא תורה. עס שטייט אין פסוק פאר נעם און הער דוא פאלק ישראל היינטיגען טאג ביסטו גיווארין אפאלק צו גאט. פרעגט דיא גמרא איז דען היינטיגען טאג גיגעבין גיווארין דיא תורה צו דיא יודען דער טאג איז דאך שוין גיוו ען דער לעצטער פון דיא פערציג יאהר וואס דיא יודען זענען גיוועזן

היה אלא ללמדך שחביבה תורה על לומדיה בכל יום ויום כיום שנתנה מהר סיני . אמר רבי תנחום בריה דרבי חייא איש כפר עכו הדע שהרי אדם קורא קריאת שמע שחרית וערבית וערב אחד אינו קורא דומה כמי שלא קרא ק"ש מעולם . הסכת עשו כתות כתות ועסקו בתורה לפי שאין התורה נקנית אלא בחבורה כדרבי יוסי בר חנינא דאמר רבי יוסי בר חנינא מאי דכתיב (ירמיה נ) הרב אל הבדים ונואלו חרב על שונאיהם של תלמידי חכמים שיושבין בד בבד ועוסקין בתורה ולא עוד אלא שמטפשין כתיב הכא ונואלו וכתיב התם (במדבר יב) אשר נואלנו ולא עוד אלא שחוטאין שנאמר ואשר חטאנו . ואי בעית אימא מהכא (ישעיה יט) נואלו שרי צוען . דבר אחר הסכת ושמע ישראל כתתו עצמכם על דברי תורה כדריש לקיש דאמר ריש לקיש מנין שאין דברי תורה מתקיימים אלא במי שממית עצמו עליה שנאמר (במדבר יט) זאת התורה אדם כי ימות באהל . ד"א הסכת ושמע ישראל הס

הסכת עשו כתות . דריש הס כמו עשו : כתתו עצמכם . ודרשו נמי הס כמו עשו עצמכם כתותים להמית על דברי תורה : זאת התורה . היכן מצויה באדם שימות באהלי תורה : הס ואחר כך כתת . שתוק כמו ויהס כלב את העם שתוק והאזן לשמועתך עד שתהא שגורה בפיך ו"ק על פי

אין דֶער מִדְבָּר . אִיז דָאךְ שׁוֹין גִיוֶועֶן פֶערְצִיג יָאהר וִויא דִי תּוֹרָה אִיז גִיגֶעבִּין גִיוָוארִין . נָאר דֶער פָּסוּק לֶערְנְט אוּנְז אַז דִיא תּוֹרָה אִיז לִיבּ אוֹיף דִיא וָואס לֶערְנֶען אִיר אַלֶע טָאג . אַזוֹי וִויא דֶעם טָאג וָואס דִיא תּוֹרָה אִיז גִיגֶעבִּין גִיוָוארִין אוֹיף דֶעם בַּארְג סִינַי . רַבִּי תַּנְחוּם דֶער זוּהן פוּן רַבִּי חִיָיא פוּן דָארְף עַכּוֹ הָאט גְזָאגְט זָאלְסְט וִויסֶען אַז עֶס אִיז אַזוֹי אַמֶענְטְשׁ לֵייעֶנְט קְרִיאַת שְׁמַע אַלֶע טָאג אִין דֶער פְרִיא אוּנ בַּיי נַאכְט אוּנ אַז עֶס טְרֶעפְט אֵיין נַאכְט אוּנ עֶר לֵייעֶנְט נִיט אִיז בַּיי אִיהם גְלַייךְ וִויא עֶר וָואלְט קֵיין מָאהל נִיט גִילֵייעֶנְט קְרִיאַת שְׁמַע . זֶעהְן מִיר דָאךְ אַז דָאס קְרִיאַת שְׁמַע לֵייעֶנֶען אִיז בַּיי אַיוּדִין זֵייעֶר לִיבּ . דִיא גְמָרָא דַרְשֶׁת דֶעם וָוארְט הַסְכֵּת וִוי צְווייא וֶוערְטֶער . הַס . מַאךְ . כַּת . כִּתּוֹת . משֶׁה רַבֵּינוּ הָט גְזָאגְט צוּ דִי יוּדִין אִיר זָאלְט מַאכֶען חֲבוּרוֹת אוּנ לֶערְנֶען תּוֹרָה . וַוייל דִי תּוֹרָה וֶוערְט נִיט גִיקוֹיפְט (הָט נִיט קֵיין קִיוּם) בַּיי דֶעם מֶענְטְשִׁין . נָאר אַז עֶס לֶערְנֶען עֶטְלִיכֶע מֶענְטְשִׁין צוּ זַאמֶען . אַזוֹי וִויא רַבִּי יוֹסִי בַּר חֲנִינָא . וָוארוּם רַבִּי יוֹסִי בַּר חֲנִינָא הָט גְזָאגְט וָוס מֵיינְט דֶער פָּסוּק אַשְׁוֶועְרְד צוּ דִי בַּדִים אוּנ זֵייא וֶוערִין פַאר נַארֶעשְׁט . אַשְׁוֶועְרְד זָאל קוּמֶען אוֹיף דִי פַיינְד פוּן דִיא תַּלְמִידֵי חֲכָמִים . וָוס יֶעדֶער זִיצְט אַלֵיין בַּזוּנְדֶער אוּנ לֶערְנְט תּוֹרָה . אוּנ זֵיי לֶערְנֶען נִיט אַלֶע צוּ זַאמֶען (בַּדִים אִיז טַייטְשׁ בַּזוּנְדֶער) . אוּנ נָאךְ מֶער אִיז . זֵייא וֶוערִין פַר נַארֶעשְׁט . זֵיי גֶעפִינֶען נִיט קֵיין חָכְמָה אִין דִיא תּוֹרָה . דָא שְׁטֵייט וְנוֹאֲלוּ . אוּנ דָארְט שְׁטֵייט (אִין דִי סֶדְרָה בַּהַעֲלוֹתְךָ בַּיי אַהֲרֹן מִיט מִרְיָם) אֲשֶׁר נוֹאַלְנוּ . מֵיינְט מֶען מִיר הָאבֶּען גִיטָאהן אַנַארֶעשְׁקֵייט . אַזוֹי דָא אַז עֶס שְׁטֵייט וְנוֹאֲלוּ . מֵיינְט מֶען אוֹיךְ זֵייא וֶועלִין וֶוערִין פַר נַארֶעשְׁט . וָוארוּם עֶס לֶערְנֶען פִיל מֶענְטְשִׁין צוּ זַאמֶען אֵיינֶער פְרֶעגְט אוּנ אֵיינֶער עֶנְטְפֶערְט . גֶעפִינְט מֶען חָכְמָה אִין דִי תּוֹרָה . אָבֶּער נִיט אַז יֶעדֶער לֶערְנְט פַאר זִיךְ אַלֵיין . אוּנ נָאךְ מֶער אִיז . דָאס אִיז אַעֲבֵירָה . אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק . אַהֲרֹן הָט גְזָאגְט מִיר הָאבֶּען גִיטָאהן אַנַארֶעשְׁקֵייט אוּנ מִיר הָאבֶּען גֶעזִינְדִיגְט . זֶעהְן מִיר אַז עֶס אִיז נָאר נַארֶעשְׁקֵייט . אִיז אַעֲבֵירָה אוֹיךְ . אוֹיבּ דוּא ווִילְסְט וֶועל אִיךְ דִיר זָאגִין . פוּן דַאנֶען וֵוייסֶען מִיר אַז נוֹאֲלוּ אִיז טַייטְשׁ נַארֶעשְׁקֵייט . עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק נוֹאֲלוּ שָׂרֵי צוֹעַן . דִי הֶערִין פוּן מִצְרַיִם זֶענֶען גִיוָוארִין נַארִין . נָאךְ אַזוֹי הָט משֶׁה רַבֵּינוּ גְזָאגְט צוּ דִי יוּדֶען אִיר זָאלְט אַייךְ צוּ שְׁטוֹיסִין פוּן וֶועגִין דִי תּוֹרָה . אַזוֹי וִויא רֵישׁ לָקִישׁ . וָוארוּם רֵישׁ לָקִישׁ הָט גְזָאגְט פוּן וַואנֶען וֵוייסֶען מִיר אַז דִיא תּוֹרָה הָט אַנְדֶערְשׁ נִיט קֵיין קִיוּם . נָאר בַּיי דֶעם וָואס עֶר הַרְגֶעט זַיין גוּף פוּן וֶועגִין צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה . וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דִיא תּוֹרָה הָט נָאר אַקִיוּם בַּייא דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶר שְׁטַארְבְּט אִין דֶעם גִיצֶעלְט פוּן דִי תּוֹרָה . אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ . נָאךְ אַזוֹי הָט משֶׁה רַבֵּינוּ גְזָאגְט צוּ דִיא יוּדֶען פְרִיעֶר זָאלְסְטוּ זַיין שְׁטִיל אוּנ זָאלְסְט נָאר הֶערִין וָואס דֶער רֶבִּי וֶועט מִיט דִיר לֶערְנֶען אוּנ אַז דוּא וֶועסְט שׁוֹין גוּט וִויסֶען וָוס דוּא הָאסְט גִיהֶערְט פוּן רֶבִּי . דֶער

הם ואחר כך כתת כדרבא דאמר רבא לעולם ילמוד אדם ואחר כך יהגה. אמרי דבי רבי ינאי מאי דכתיב (משלי ל) כי מיץ חלב יוציא חמאה ומיץ אף יוציא דם ומיץ אפים יוציא ריב במי אתה מוצא חמאה של תורה במי שמקיא חלב שינק משדי אמו עליה ומיץ אף יוציא דם כל תלמיד שכועס עליו רבו פעם ראשונה ושותק זוכה להבחין בין דם טמא לדם טהור. ומיץ אפים יוציא ריב כל תלמיד שכועס עליו רבו פעם ראשונה ושניה ושותק זוכה להבחין בין דיני ממונות לדיני נפשות דתנן רבי ישמעאל אומר הרוצה שיתחכם יעסוק בדיני ממונות שאין לך מקצוע בתורה יותר מהן שהן כמעין נובע. אמר רבי שמואל בר נחמני מאי דכתיב (שם) אם נבלת בהתנשא ואם זמות יד לפה כל המנבל עצמו על דברי תורה סופו להתנשא ואם זמם יד לפה:

שאינה מיושבת לך ואחר כך כתתה והקשה עליה מה שיש לך להקשות ותרץ תרוצין עד שתתיישב לך: יהגה. יעיין: מיץ חלב יוציא חמאה. המוציא את החלב שמלך משדי אמו על דברי תורה חמאה כיא לו: ומיץ אף. המוצץ כעס רבו וסובלו יוציא הלכות דם לאמתתה שיבחין בין דם טמא לדם טהור ומיץ אפים שדוהה שני כעסים ראשונה ושניה. אפים תרי משמע: יוציא ריב. שיבחין בין דיני ממונות לדיני נפשות כי יהיה ריב מתרגמינן דין: דתנן. שדיני ממונות עמוקים הם והרוצה שיתחכם יעסוק בדיני ממונות שאין מקצוע בתורה גדול מהם: המנבל עצמו. שמואל לרבו כל ספקותיו אע"פ שיש בושה בחבריו מלעיגים עליו: ואם זמות. בסתמת פיך מלשאול לשון זמם סתימת פה מלשון טבעת של רצועה שתוחבים בחוטם בהמה שעסקים רעים ונותנין אותו בשפתיה להוסרן יחד ולסותמן: סופך. שתתן יד לפה כשישאלוך ולא תדע להשיב:

פתח

נאך מענטשו פרעגן קשיות אונ ענטפערן תירוצים. והם. שטיל. כתת. צו שטויסען. אזוי ווי רבא ווארום רבא האט גזאגט: פריער זאל א מענטש לערנען. דער נאך זאל ער קלערין קשיות אונ תירוצים. די תלמידים פון רבי ינאי האבען גזאגט וואס מיינט דער פסוק כי מיץ חלב יוציא חמאה ומיץ אף יוציא דם ומיץ אפים יוציא ריב. זאגט די גמרא ביי וועמען געפינט מען די פוטער פון די תורה. ווער פאר זוכט אגוטען טעם פון דיא תורה. דער וואס ברעכט אוים דיא מילך וואס ער האט גיזויגן פון זיין מוטערס בריסט דורך דיא מאטערנעש פון דיא תורה. דאס מיינט מען מיץ חלב ווער עס ציהט אוים פון זיך די מילך וואס ער האט גיזויגן. יוציא חמאה דער וועט אוים ציהען פוטער פון דיא תורה. אז ער ציהט אוים דעם כעס וועט ער אוים ציהען בלוט. דאס מיינט מען דער תלמיד וואס זיין רבי איז אויף איהם אין כעס גיווארין דם ערשטע מאהל. אונ ער האט געשוויגען. דער מיט האט ער אוים גיצויגען דעם כעס פון פון זיין רבי. איז דער תלמיד זוכה ער זאל אוים ציהען בלוט ער זאל וויסען וועלכע בלוט אאשה איז טמא אונ וועלכע איז טהור. אונ דער ווס ציהט אוים צוויי כעסין. וועט אוים ציהען קריג. דער תלמיד וואס זיין רבי איז אויף איהם אין כעס גיווארין איין מאהל אונ צווי מאהל. אונ ער האט געשוויגען. דער מיט האט ער אוים גיצויגען דעם כעס פון זיין רבי צווייא מאהל: וועט ער זוכה זיין צו וויסען ווי אזוי צו פסקנ'ן דיא דינים פון געלט זאכען אונ די דינים פון נפשות. ווארום מיר האבען גילערונט רבי ישמעאל זאגט ווער עס וויל קלוג ווערין זאל ער לערנען די דינים פון געלט זאכען. ווארום עס איז ניטא קיין גרעסערע חכמה אין די תורה וויא די דינים פון געלט זאכען. ווארום זיי זענען אזוי וויא אקוואל ווס קוועלט פון איר אלע מנוש פרישע וואסער. אזוי קוועלט אלע מאהל נייע דינים:

רבי שמואל בר נחמני האט גזאגט ווס מיינט דער פסוק אם נבלת בהתנשא ואם זמות יד לפה. זאגט דיא גמרא דער וואס פר מיאוסט זיך אויף דיא תורה. ער איז ביי זיך ניט גרויס. אונ וואס ער ווייס ניט פרעגט ער זיין רבי. אונ אפילו זיינע חברים לאכען פון איהם הארט איהם ניט. וועט דער סוף זיין אז ער וועט גרויס ווערין דורך דיא תורה. אונ אויב ער האט צו גימאכט דיא מויל אונ האט ניט גיפרעגט ביי זיין רבי זיינע שאלות. וועט זיין סוף זיין אז מען וועט ביי איהם עפעס פרעגין. וועט ער פאר שטעלין מיט זיין האנט די מויל. אונ וועט ניט וויסען ווס צו ענפערין:

מה פתח רבי נחמיה בכבוד אכסניא ודרש מאי דכתיב (שמואל א טו) ויאמר שאול אל הקיני לכו סורו רדו מתוך עמלקי פן אוסיפך עמו ואתה עשית חסד עם כל בני ישראל והלא דברים קל וחומר ומה יתרו שלא קרב את משה אלא לכבוד עצמו כך המארח תלמיד חכם בתוך ביתו ומאכילו ומשקהו ומהנהו מנכסיו על אחת כמה וכמה . פתח רבי יוסי בכבוד אכסניא ודרש (דברים כ) לא תתעב אדומי כי אחיך הוא לא תתעב מצרי כי גר היית בארצו והלא דברים קל וחומר ומה מצריים שלא קרבו את ישראל אלא לצורך עצמן שנאמר (בראשית מז) ואם ידעת ויש בם אנשי חיל ושמתם שרי מקנה על אשר לי כך המארח תלמיד חכם בתוך ביתו ומאכילו ומשקהו ומהנהו מנכסיו על אחת כמה וכמה . פתח רבי אליעזר בנו של רבי יוסי הגלילי בכבוד אכסניא ודרש (ש"ב ו) ויברך ה' את בית עובד אדום הגתי בעבור ארון האלהים והלא דברים קל וחומר ומה ארון שלא אכל ושתה אלא כבד ורבץ לפניו כך המארח תלמידי חכם בתוך ביתו ומאכילו ומשקהו ומהנהו מנכסיו על אחת כמה וכמה מה היא ברכה שברכו אמר רב יהודה בר זבידא זו חמות וח' כלותיה שילדו ששה ששה בכרס אחד (דף שנאמר

עשית חסד: שהאכילום שנאמר ויבא אהרן וכל זקני ישראל לאכל לחם וגו': חמות . אשת של עובד אדום : ושמונה כלותיה . שהיו לו פ"ש

מה פתח. רבי נחמיה האט אן גיהויבען צו דרשנן אין דעם כבוד פון אורחים : וואס מיינט דער פסוק שאול האט גזאגט צום קיני גיי נידער אוועק פון עמלק טאמער וועל איך דיך פאר לענדין מיט איהם אונ דוא האסט דאך גיטאהן חסד מיט אלע יודען . דיא זאכען קענען מיר אפ לערנען מיט אקל וחומר מאדאך יתרו וואס ער האט גינומען משה רבינו צוא זיך נאר פון זיינעט וועגן . ער זאל נעמען זיין טאכטער פאר אווייב . האט יתרו גיהאט אזוי אשכר . אז איינער נעמט אריין אתלמיד חכם צו זיך אין שטוב אונ גיט איהם עסין אונ טרינקען אונ ער זעהט דער תלמיד חכם זאל האבען הנאה פון זיין פאר מעגין . איז דאך געווים אז זיין שכר וועט זיין גרויס :

רבי יוסי האט אן גיהויבען צו דרשנן אין דעם כבוד פון די אורחים . עס שטייט אין פסוק זאלסט ניט פאר מיאוסען אדום . ווארום ער איז דיינער אברודער . זאלסט ניט פאר מיאוסען אמצרי . ווארום דוא האסט גיוואוינט אין זיין לאנד . דיא זאכען קענען מיר אפ לערנען מיט אקל וחומר . מאדאך דיא מצריים וואס זייא האבען גינומען דיא יודען אין זייער לאנד . נאר פון זייער הנאה וועגין . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק פרעה האט גזאגט צוא יוסף אויב דוא ווייסט צווישען דיינע ברידער זענען דא שטארקע מענטשין זאלסטו זיי מאכען פאר שרים זייא זאלין אכטונג געבין איבער מיינע בהמות . האט דאך פרעה גימיינט זיין טובה . פון דעסטוועגין האט ער אזוי אשכר : אז איינער נעמט אריין אתלמיד חכם צו זיך אין שטוב אונ ער גיט איהם עסין אונ טרינקען אונ ער זעהט דער תלמיד חכם זאל הנאה האבען פון זיין פר מעגין . איז דאך געווים אז זיין שכר וועט זיין גרויס :

רבי אלעזר דער זוהן פון רבי יוסי הגלילי האט אן גיהויבען צו דרשנן אין דעם כבוד פון די אורחים . עס שטייט אין פסוק גאט האט גיבענטשט די הויז פון עובד אדום וואס ער איז גיוועזן פון גת . וייל דער ארון פון גאט איז ביי איהם גישטאנען . דיא זאכען קענען מיר אפ לערנען מיט אקל ותומר . מאדאך דער ארון וואס ער האט ניט גיגעסין אונ ניט גיטרונקען בייא עובד אדום ער האט נאר אפ גקערט אונ אויס געשפריצט מיט וואסער פאר דעם ארון : האט איהם גאט אזוי גיבענטשט . אז איינער נעמט אריין אתלמיד חכם צו זיך אין שטוב אונ ער גיט אים עסין אונ טרינקען אונ ער זעהט דער תלמיד חכם זאל הנאה האבען פון זיין פאר מעגין איז דאך געווים אז זיין שכר וועט זיין גרויס . וואס איז דיא ברכה וואס גאט האט גיבענטשט דעם עובד אדום . האט רב יהודה בר זבידא גזאגט ער האט איהם גיבענטשט אז זיין ווייב וואס זי איז גיוועזן

סד) שנאמר (ד"ה א' כו) פעלתי השמיני כי ברכו אלהים וכתיב (שם) כל אלה מבני עובד אדום הנהי המה ובניהם ואחיהם איש חיל בכח לעבודה ששים ושנים לעובד אדום :

מט אמר רבי אבין הלוי כל הדוחק את השעה שעה דוחקתו מאבשלום וכל הנדחה מפני השעה שעה עומדת לו מדרבה ורב יוסף דרב יוסף סיני ורבה עוקר הרים אצטריכא להו שעתא שלחו להתם סיני ועוקר הרים איזה מהם קודם שלחו להו סיני קודם שהכל צריכין למרי חטיא אף על פי כן לא קבל עליו רב יוסף דאמרי ליה כלדאי מלכת תרתין שנין מלך רבה עשרין ותרתין שנין מלך רב יוסף תרתין שנין ופלגא כל הנך

בנים : שנאמר פעלתי השמיני . בני עובד אדום קא חשיב בדברי הימים וקא חשיב המנין והיא שפיעה כל אחת ואחת ילדה ו' בן כ"ד הוסיף עליהן שמונה בנים שהאמהות הרי ס"ב לעובד אדום :
הדוחק את השעה. כגון אבשלום שבקש למלוך בחזקה בחיי אביו ולא רצה להמתין עד מיתת אביו :
שעה עומדת. נדחית מפניו : אצטריכא להו שעתא . להיות אחד מהן ראש ישיבה . איצטריכא להו גרסי' הוצרכו לשם חכמים : סיני . היו קורין לרב יוסף שהיה בקי בברייתות הרבה (ובמשניות מפיו כנתינתם מהר סיני ששמען מרבו אבל לא היה מפולפל הרבה) : עוקר הרים . לרבה בר נחמני שהיה מחודד יותר בפלפול : למרי חטיא . למי שקנה התבואה למכור כלומר למי שקנה במעות : דאמרי ליה כלדאי . לרב יוסף : מלכת תרתין שנין.

אשוויגער פון אכט שניר . הט דיא שוויגער מיט אירע אלע אכט שניר . גיהאט צו זעקס קינדער מיט איין מאהל . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק פעלתי איז גיוועזן דער אכטער קינד פון עובד אדום . ווארום גאט האט איהם גיבענשט אונ עס שטייט אין פסוק דיא אלע קינדער זענען פון עובד אדום הגתי זייא אונ זייערע זיהן אונ זייערע ברידער זענען גיוועזן שטארקע מענטשין צו דיא ארבעט . צוויי אונ זעכציג מענטשין [זיינע קינדער] פון עובד אדום ופריער האט דיא מוטער גיהאט אכט קינדער . נאך דער ברכה האט די מוטער אונ דיא אלע אכט קינדער גיהאט צוא זעקס קינדער . צוא זאמען איז ניין אונ ניין מאהל זעקס איז צוויא אונ זעכציג] :

מט אמר . רבי אבין הלוי דט זאגט דער ווס שטויסט די שעה . ער אילט צו טאהן אזאך פאר די ציית שטויסט די ציית איהם אוועק פון די זאך . אז ער פארלירט די זאך אין גאנצען דם ווייסען מיר פון אבשלום . ער הט זיך גיאיילט צו דיא מלוכה . אונ האט גיוואלט ווערין א מלך ווען דער פאטער הט נאך גילעבט : איז ער אין גאנצען אוועק גישטויסען גיווארען פון די מלוכה . אונ איז גיהרגת גיווארין . אונ דער מענטש וואס ווערט אוועק גישטויסען פון דיא ציית . ער ווארט ביז דיא ציית וועט אוועק גיין . אונ האפט עס וועט קומען אבעסערע ציית . דער ווארט ער ביז עס שטייט אויף פאר איהם אגוטע ציית . דס ווייסען מיר פון רבה אונ רב יוסף: ווארום רב יוסף הט גיקענט אויס ווייניג זייער פיל משנות אונ ברייתות . אזוי וויא זייא זענען גיגעבין גיווארין אויף דעם בארג סיני . ודריבער האט מען איהם גירופען סיני [נאר ער איז ניט גיוועזן קיין גרויסער חריף . אונ רבה איז גיוועזן אחריף . ער האט אויס גערייסען בערג [דאס מיינט מען ער האט פאר ענפערט פיל קשיות] . רבה אונ רב יוסף האבען גידארפט דיא ציית . זייא זענען ביידע גיוועזן ארעם . אונ האבען גיוואלט ווערין ראשי ישיבות . הט מען געשיקט אין ארץ ישראל פרעגין רב יוסף וום ער הייסט סיני . אונ רבה וואס ער הייסט עוקר הרים . וועמען זאל מען נעמען פאר א ראש ישיבה . האט מען געשיקט פון ארץ ישראל . דעם סיני זאל מען נעמען פאר א ראש ישיבה . ווארום אלע דארפין דעם בעל הבית וואס הט ווייץ [תבואה] צו פאר קויפען . ווייל רב יוסף ווייס פיל משנות אונ ברייתות . איז ער בעסער צוא זיין א ראש ישיבה . פון דעסטוועגין הט רב יוסף ניט גיוואלט זיין א ראש ישיבה ווארום דיא שטערין זעהר האבען גזאגט צו רב יוסף דו וועסט זיין א ראש ישיבה צוויי יאהר . אונ וועסט שטארבען . איז רבה גיווארין א ראש ישיבה צוויי אונ צוואנציג יאהר . אונ איז גישטארבען . דער נאך איז רב יוסף גיווארין א ראש ישיבה צוויי מיט א האלב יאהר , הט רב יוסף פאר דינט צוויי אונ צוואנציג יאהר לעבין . דורך דעם וואס ער איז אוועק גישטויסען

הנך שני דמלך רבה אפילו אומנא לביתיה לא קרא. ואמר רבי אבין הלוי מאי דכתיב (תהלים כ) יענך ה' ביום צרה ישגבך שם אלהי יעקב. אלהי יעקב ולא אלהי אברהם ויצחק מכאן לבעל הקורה שיכנס בעוביה של קורה ואמר רבי אבין הלוי כל הנהנה מסעודה שת"ח שרוי בתוכה כאלו נהנה מזיו השכינה שנאמר (שמות יח) ויבא אהרן וכל זקני ישראל לאכל לחם עם חותן משה לפני האלהים וכי לפני האלהים אכלו והלא לפני משה אכלו אלא לומר לך כל הנהנה כסעודה שתלמיד חכם שרוי בתוכה כאלו נהנה מזיו השכינה:

אמר אם אמליך תחלה אמות לסוף שנתים ודחה מפני השעה ולא אבה למלוך והשעה עמדה לו שלא הפסיד במותיו בכך: אומנא לביתיה לא קרא. לא נהג כל אותן השנים שום צד שררה ושהיה צריך להקיז דם היה הולך לבית הרופא ולא היה שולח לבא אצלו: שיכנס בעובי הקורה. אם בא להשתלם ממקום למקום או לתקן בבנין שיהא נושא רוב משוי הקורה הכי נמי יעקב אבינו הוא בעל הקורה שסבל עול גידול בנים והרבה בתפלות ואמרו להכי כתיב ישגבך שם אלהי יעקב בזכות יעקב שבעליו הדבר תלוי לזכות את ישראל:

הנפטר מן המת. כשהיו מוליכין ארונות ממקום למקום לקבורה היו מלוין אותו מעיר לעיר וחוזרין אלו ואחרים מלוין אותו משם והלאה והחוזרים

נ ואמר רבי אבין הלוי הנפטר מחברו אל יאמר לו לך בשלום אלא לך לשלום שהרי יתרו שאמר לו למשה (שמות ד) לך לשלום עלה והצליח דוד שאמר לו לאבשלום (ש"ב טו) לך בשלום הלך ונתלה. ואמר רבי אבין הלוי הנפטר מן המת אל יאמר לו לך לשלום אלא לך בשלום שנאמר (בראשית טו) ואתה תבוא אל אבותיך בשלום. אמר רבי לוי בר חייא היוצא מבית הכנסת ונכנס לבית המדרש (ומבית המדרש לבית הכנסת) ועוסק בתורה

געווארין פון די צייט. אונ האט ניט געוואלט ווערין ראש ישיבה פאר רבה. די אלע יאהרין וואס רבה איז געוועזין ראש ישיבה. אפילו ער האט געדארפט א רופא [אדאקטאר]: האט ער ניט געשיקט דער רופא זאל קומען צו איהם אהיים. נאר ער איז געגאנגען צום רופא, ווייל רבה איז ביי זיך ניט גרויס געווען. נאך האט רבי אבין הלוי געזאגט וואס מיינט דער פסוק וואס דוד המלך האט געזאגט גאט זאל דיר ענטפערין אין דעם טאג וואס עס איז א צרה: דער נאמען פון דעם גאט פון יעקב זאל דיך שטארקין: פאר וואס האט ער געזאגט דער גאט פון יעקב. אונ האט ניט געזאגט דער גאט פון אברהם אונ יצחק. פון דאנען ווייסען מיר אז מען טראגט אבעלעק פון איין ארט צום אנדערין. זאל דער בעל הבית פון דעם בעלעק טראגין די גרעסטע שווערקייט פון דעם בעלעק. ווייל ער בעלעק איז זיין. אזוי דא אויך ווייל די צוועלף שבטים זענען דאך געבארין געווארין פון יעקב. דארף יעקב טראגין דאס גרעסטע צער פון זיינע קינדער מער וויא אברהם אונ יצחק. נאך האט רבי אבין הלוי געזאגט דער וואס האט הנאה פון אזוי א סעודה וואס א תלמיד חכם זיצט ביי איר איז גלייך וויא ער וואלט הנאה האבען פון די שיינקייט פון גאט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אהרן מיט די זקנים פון די יודען זענען געקומען עסין ברויט מיט דעם שווער פון משה פאר גאט. פרעגט די גמרא האבען זייא דען געגעסין פאר גאט. זייא האבען דאך געגעסען פאר משה. נאר דער פסוק קומט דיר זאגין דער וואס האט הנאה פון אזוי א סעודה. וואס א תלמיד חכם זיצט ביי איר איז גלייך וויא ער וואלט הנאה האבען פון די שיינקייט פון גאט:

נ ואמר. נאך האט רבי אבין הלוי געזאגט אז איינער גייט אוועק פון זיין חבר זאל ער ניט זאגען צו איהם גיי מיט שלום נאר ער זאל זאגען גיי צו שלום. ווארום יתרו וואס ער האט געזאגט צו משה גיי צו שלום איז ער געגאנגען אונ האט בגליקט: דוד המלך וואס ער האט געזאגט צו אבשלום גיי מיט שלום איז ער געגאנגען אונ איז געהאנגען געווארין:

ואמר. נאך האט רבי אבין הלוי געזאגט אז איינער גייט אוועק פון א מת זאל ער ניט זאגען צו איהם גיי צו שלום נאר ער זאל זאגען גיי מיט שלום אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט האט געזאגט צו אברהם אבינו דו וועסט קומען צו דיינע עלטערין מיט שלום:

אמר. רבי לוי בר חייא האט געזאגט דער וואס גייט ארויס פון שוהל. פון דאווענען: אונ גייט אריין אין בית המדרש אונ לערונט תורה איז ער זוכה צוא זעהן די שכינה. אזוי וויא עס

קרי נספרין ספלין רשות לכספר ממנו: אין להם שמחה. מישיבה לישיבה ממדרש למדרש ע"כ: ותלמוד תורה כנגד כולם. שקול כנגד כולם:

בתורה זוכה להקביל פני השכינה שנאמר (תהלים פד) ילכו מחיל אל חיל יראה אל אלהים בציון אמר רב חייא בר אשי אמר רב תלמידי חכמים אין להם מנוחה לא בעולם הזה ולא בעולם הבא שנאמר ילכו מחיל אל חיל יראה אל אלהים בציון. אמר רבי אלעזר א"ר חנינא תלמידי חכמים מרבים שלום בעולם שנאמר (ישעיה נ) וכל בניך וגו' עד יברך את עמו בשלום:

מסכת פאה פרק ראשון

(משנה א) **א אלו** דברים שאדם אוכל פירותיהן בעולם הזה והקרן קיימת לו לעולם הבא. כבוד אב ואם וגמילות חסדים והבאת שלום בין אדם לחבירו ותלמוד תורה כנגד כולם:

פרק חמישי

(משנה ו) **א מי** שאינו מניח את העניים ללקוט או שהוא מניח את אחד ואחד לא או שהוא מסייע את אחד מהם הרי זה גוזל את העניים. על זה נאמר (משלי

אל

שטייט אין פסוק דיא מענטשין וואס גייען פון איין פערזאמלונג צום אנדערין פערזאמלונג. פון דיא וואס דאווענען צו די וואס לערנען. וועט ער זוכה זיין צוא גיזעהן ווערין פאר גאט אין ציון:

אמר רב חייא בר אשי האט גזאגט פון רבם וועגין דיא וואס לערנען תורה האבען ניט קיין רוהונג ניט אויף דיא וועלט אונ ניט אויף יענע וועלט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק די וואס וועלין גיזעהן ווערין פאר גאט אין דעם ציון וואס אויף דעם הימעל איז. וועלין זייא גיין פון איין פערזאמלונג וואס לערנען תורה צוא דיא אנדערע פערזאמלונג. וואס לערנען תורה:

אמר רבי אלעזר האט גזאגט פון רבי חנינאס וועגין די וואס לערנען תורה ברייגגען פיל שלום אויף דער וועלט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דיינע אלע קינדער וועלין זיין גילערונט די תורה פון גאט אונ דיינע קינדער וועלין ברייגגען פיל שלום. אונ גאט וועט אויך בענטשין דיא יודען מיט שלום:

פרק ראשון

א משנה. אלו. דאס זענען דיא מצות וואס זייא זענען אזוי וויא אבוים. וואס מען עסט פון איהם פירות אונ דער בוים בלייבט. אזוי עסט מען דיא פירות פון דיא מצות אויף דיא וועלט. פון דעסטוועגין דער שכר פון דיא מצוה בלייבט אין גאנצען אויף יענע וועלט. אז מען האלט טאטער אונ מוטער מיט כבוד. אז מענטשין טוהען טובות איינער מיט דעם אנדערין. אז ער מאכט שלום צווישען מענטשין וואס האבען פיינט גיהאט איינער דעם אנדערין. אונ לערנען תורה איז נעגין אלע מצות. ווען ער לערנט תורה דארף ער ניט מבטל זיין דאס לערנען צו טאהן א מצוה:

פרק חמישי

א משנה ו. מי. אז איינער לאזט ניט דיא ארעמע לייט זאלין קלייבין פאה. אדער איין ארעמאן לאזט ער קלייבען דיא פאה: אונ איין ארעמאן לאזט ער ניט קלייבין פאה. אדער צו איין ארעמאן העלפט ער קלייבען דיא פאה. אונ צוא דיא איבעריגע ארעמע לייט העלפט ער ניט. גזלט ער דיא ארעמע לייט. אויף דעם מענטש איז גזאגט גיווארין: זאלסט ניט אפ דוקען דעם גרענעץ (זאלסט ניט מבטל זיין דיא תקנות) וואס דיא תורה האט פאר זאגט צוא

כג) אל תסג גבול עולם. דומה לדין זה שנינו בפ"ז (משנה ג) וזהו:

המניח כלכלה תחת הגפן בשעה שהוא בוצר הרי זה גוזל את העניים על זה נאמר אל תסג עולם גבול עולים:

(משנה אחרונה) **ב מי** שיש לו חמשים זוז והוא נושא ונותן בהם הרי זה לא יטול וכל מי שאינו צריך ליטול ונוטל אינו מת מן הזקנה עד שיצטרך לבריות. וכל מי שהוא צריך ליטול ואינו נוטל אינו מת מן הזקנה עד שיפרנס לאחרים משלו ועל זה נאמר (ירמיה יז) ברוך הגבר אשר יבטח בה' והיה ה' מבטחו. וכן דיין שדן דין אמת לאמתו וכל מי שאינו לא חגר ולא סומא ולא פסח ועושה עצמו כאחד מהם אינו וכו' שנאמר צדק צדק תרדוף וכל דיין שלוקח שוחד (ומטה את הדין) אינו מת מן הזקנה עד שעיניו כהות שנאמר (שם) כי השוחד יעור עיני חכמים:

אל תסג גבול עולם. כלומר אל תקרי עולם אלא עולים אית דמפרשי אלו עולי מצרים שלא תשנה שאחריה שבתורה שנתנה ליוצאי מצרים. ואית דמפרשי עולין אלו בני אדם שירדו מנכסיהם וקרי להו עולין לשון כבוד כדרך שקורין לעור סגי נהור: מי שיש לו חמשים זוז וכו'. דחמשים דעבדין טבין כמאתים דלא עבדין: וכל מי שצריך ליטול ואינו נוטל וכו'. כגון שדוחק עצמו במלאכה ומסתפק במעשה ידיו כדי שלא יתפרנס מאחרים אבל אם אין מעשה ידיו מספיקים לו ומסגף עצמו כחיי צער קרובין למיתה על זה אמרו כל הצריך ליטול ואינו נוטל הרי זה שופך דמים ואסור לרחם עליו על נפשים לא חיים כל שכן על אחרים:

המקבל

דיא מענטשין וואס זענען אויף גיגאנגען פון מצרים [עולם איז גלייך וויא עס וואלט גישטאנען עולים. וואס זענען אויף גיגאנגען] נאך אגלייכען צו דעם דין האבען מיר גילערנט אין פרק ז משנה ג. אונ דאס איז דיא משנה אויב ער שטעלט אקארב אונטער דעם וויין שטאק ווען ער שניידט דיא וויינטרויבין. דיא וויינטרויבין וואס ווערין אראפ פאלען פון בוים. זאלין אריין פאלען אין דיא קארב. ער זאל זייא נעמען פאר זיך גזלת ער דיא ארעמע לייט: אויף דעם מענטש איז גיזאגט גיווארין זאלסט ניט אפ רוקען דעם גרעניץ [זאלסט ניט מבטל זיין די תקנות וואס די תורה האט פר זאגט צו די מענטשין וואס זענען אויף גיגאנגען פון מצרים. [עולם איז גלייך וויא עס וואלט גישטאנען עולים. וואס זענען אויף גיגאנגען]:

ב משנה אחרונה: מי. ווער עס האט פופציג גילדין אונ ער האנדילט מיט זייא טאר ער ניט נעמען לקט שכחה ופאה ומעשר עני. אונ דער וואס דארף ניט נעמען. אונ ער נעמט וועט ער אלט ווערין אונ וועט ניט שטארבען ביז ער וועט ארעם ווערין אונ וועט מוזען נעמען פון צדקה. אונ דער וואס דארף נעמען פון צדקה אונ נעמט ניט [נאר ער ארבעט אזוי פיל ער זאל האבען צום לעבין. אפילו נאר מיט טרוקענע ברויט] וועט ער אלט ווערין אונ וועט רייך זיין אונ וועט ניט שטארבען ביז ער וועט מפרנס זיין אנדערע מענטשין פון זיין פאר מעגין. אויף דעם מענטש זאגט דער פסוק גיבענטשט איז דער מענטש וואס זיין פאר זיכערונג איז אויף גאט. אונ גאט וועט זיין זיין פערזיכערונג. גאט וועט איהם געבין אלץ וואס ער וועט דארפין. אונ אזוי איז ביי אדיין וואס פסקנת איין ריכטיגען דין. אונ נעמט ניט קיין שוחד נאר זיין פאר זיכערונג איז אויף גאט או ער וועט איהם מפרנס זיין. וועט אויך גאט זיין זיין פאר זיכערונג. אונ ווער עס איז ניט קיין הינקעדיקער אונ ניט קיין בלינדער אונ ניט קיין קאליקע אויף ביידע פיס אונ ער מאכט זיך וויא איינע פון דיא זאכען. הינקעדיג אויף איין פוס. אדער בלינד. אדער אקאליקע אויף ביידע פיס וועט ער אלט ווערין אונ וועט ניט שטארבען ביז ער וועט ווערין אין אמת אזוי וויא ער האט זיך גימאכט. אזוי ווי דער פסוק זאגט דו זאלסט נאך יא גין גירעכטיקייט. אונ ניט פאלשקייט. אונ דער דיין וואס נעמט שוחד אונ פסקנת פאלש דעם דין וועט ער אלט ווערין אונ וועט ניט שטארבען ביז זיינע אויגען וועלין טונקעל ווערין. אזוי וויא דער פסוק זאגט זאלסט ניט נעמען שוחד ווארום דער שוחד וועט בלינד מאכען דיא אויגען פון דיא קלוגע:

(משנה ג) א המקבל עליו להיות חבר אינו מוכר לעם הארץ לח ויבש ואינו לוקח ממנו לח ואינו מתארח אצל עם הארץ ואינו מארחו אצלו בכסותו. רבי יהודה אומר אף לא יגדל בהמה דקה ולא יהא פרוץ בנדרים ובשחוק ולא יהיה מטמא למתים ומשמש בבית המדרש אמרו לו לא באו אלו לכלל:

אף לא יגדל בהמה דקה. שאסור לגדל בהמה דקה בארץ ישראל שלא ירעו בשדות אחרים: ולא יהא פרוץ בנדרים. שסופו לבא לידי חלול: ולא יהא פרוץ בשחוק. דשחוק וקלות ראש מרגילין את האדם לערוה: ומשמש. תלמידי חכמים בבה"מ: לא באו אלו לכלל. דאין ענינם נוגע לטהרות:

מסכת שביעית פרק עשירי

(משנה ח) א המחזיר החוב בשביעית יאמר לו משמט אני. אמר ליה אף על פי כן יקבל ממנו

פרק שני

א משנה ג׳. המקבל. דער וואס נעמט אויף זיך צו זיין אחבר (דאס איז אלמדן) וואס איז בגלויבט אויף טהרות) טאר ער ניט פאר קויפען צו אעם הארץ ניט פייכטע אונ ניט טרוקענע פירות (ווארום דער עם הארץ איז דאך טמא. אונ ער וועט נאר אן רירען. וועט ער דם מטמא זיין. אונ מען טאר ניט מטמא זיין טהרות) ; אונ ער טאר ניט קויפען ביי דעם עם הארץ פייכטע פירות (דער דין איז פירות ווערין אנדערש ניט טמא סיידין נאך דעם אפ רייסען פון פעלד איז גיוועזען אויף זייא וואסער. אבער אז עס איז אויף זייא קיין וואסער ניט גיוועזען אפילו עס רירט אן אטומאה ווערט אויך ניט טמא) ווארום זייא זענען טמא. אפילו דער עם הארץ זאגט אז עס האט ניט אן גערירט קיין טומאה. איז ער ניט בגלויבט. אבער טרוקענע פירות אונ דער עם הארץ זאגט אז עס איז נאך אויף זייא קיין וואסער ניט גיוועזען נאך דעם אפ רייסען; זענען זייא דאך געווים ניט טמא מעג מען ביי איהם קויפען. ווארום נאמנות האט דער עם הארץ. דריבער אז ער זאגט עס איז נאך ניט געוועזען קיין וואסער אויף די פירות איז ער בגלויבט. נאר דאס וואס ער איז ניט בגלויבט אויף טומאה. איז ווייל ער ווייס ניט דיא דינים פון טומאה עס קען זיין עס האט אן גערירט אטומאה נאר ער מיינט עס איז טהור. אונ ער זאל ניט זיין צו גאסט ביי איין עם הארץ. ווארום דארט אין שטוב איז אלץ טמא וועט ער אן רירען אטומאה אונ דער נאך וועט ער מטמא זיין טהרות. אונ ער זאל ניט פאר בעטין דעם עם הארץ צו זיך אונ ער זאל גיין אין זיינע קליידער. ווארום זיינע קליידער זענען טמא וועט ער דאך מטמא זיין די טהרות פון חבר מיט זיינע קליידער. פון עם הארץ אליין וועט זיך דער חבר קענען היטען ער זאל ניט אן רירען אבער פון דיא קליידער זיינע וועט ער זיך ניט קענען היטען. ווארום דיא קליידער קענען אמאהל אן רירען אזאך אונ דער מענטש זאל גאר ניט וויסען. רבי יהודה זאגט אלמדן טאר ניט אדעווען קליינע בהמות (קעלבער שעפסין. ווארום מען טאר ניט אדעווען קליינע בהמות אין ארץ ישראל. זייא זאלין ניט אויף עסין דיא תבואה פון די פעלדער) . אונ ער זאל ניט זיין גיוואוהנט אויף יעדער זאך אנדר צו מאכין. ווארום אז ער וועט האבען אויף זיך פיל נדרים וועט זיין דער סוף אז ער וועט ניט מקיים זיין. ער זאל ניט פיל לאכען. אונ ער זאל זיך ניט מטמא זיין צו מתים. אונ ער זאל בעדינען די תלמידי חכמים פון בית המדרש. אזוי זאגט אלץ רבי יהודה. האבען די חכמים גיזאגט צו רבי יהודה די אלע זאכין גיהערין דאך ניט צוא טהרות. די משנה שמועסט דאך נאר פון אזעלכין וואס וויל ווערין אחבר צו טהרות. דריבער ווי באלד ער היט זיך נאר אין טהרות. אפילו אין די אלע זאכען וואס רבי יהודה רעכינט היט ער זיך ניט הייסט ער אויך אחבר צו טהרות:

פרק עשירי

א משנה ח׳. המחזיר. ווען איינער בצאהלט אחוב אום שביעית ואום שמטה. זאל דער

מכנו שנאמר (דברים טו) וזה דבר השמטה. כיוצא בו רוצח שגלה לעיר מקלטו ורצו אנשי העיר לכבדו יאמר לו רוצח אני אמרו לו אעפ"כ יקבל מהם שנאמר (שם יט) וזה דבר הרוצח. המחזיר חוב בשביעית רוח חכמים נוחה הימנו.

זה מעשר שני ונטע רבעי. שנקראו קדש: זה מעשר לוי. כלומר מעשר ראשון: וגם נתתיו זו תרומה גדולה. וגם תוספת הוא מעשר וגם נתתיו

מסכת מעשר שני פרק חמישי

(משנה י) א במנחה ביום טוב האחרון היו מתודים. כיצד היה הוידוי (דברים כו) בערתי הקדש מן הבית. זה מעשר שני ונטע רבעי. נתתיו ללוי זה מעשר לוי. וגם נתתיו זו תרומה ותרומת מעשר. לגר ליתום ולאלמנה. זה מעשר עני הלקט

מַלְוֶה זָאגִין אִיךְ הָאבּ פַאר לָאזִין דֶעם חוֹב (אִיךְ וִויל נִיט צוּ נֶעמֶען דֶעם הוֹב) . אוּנ אַז דֶער לֹוֶה זָאגְט אֲפִילוּ עֶס אִיז שְׁמִטָּה פוּן דֶעסְטְוֶועגִין וִויל אִיךְ דִיר גֶעבִּין דִי גֶעלְט אַמַתָּנָה . מֶעג דֶער מַלְוֶה צוּ נֶעמֶען דִי גֶעלְט וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דָאס אִיז דִיא רֵייד פוּן שְׁמִטָּה דֶער פָּסוּק מֵיינְט דֶער מַלְוֶה דַארְף נָאר רֵיידֶען אוּנ זָאגִין צוּם מַלְוֶה עֶס אִיז שְׁמִטָּה : אוּנ דֶער מִיט וָואס עֶר זָאגְט עֶס אִיז שְׁמִטָּה . אִיז שׁוֹין גֶענוּג . אוּנ עֶר מֶעג שׁוֹין צוּ נֶעמֶען דֶעם חוֹב . נָאךְ אַזוֹי אַגְלַייכֶען אַז אֵיינֶער הַרְגֶת אַמֶענְטְשִׁין אוּמְגֶערִין . אוּנ עֶר אִיז אַנְטְלָאפֶען אִין דִי שְׁטָאט וָוס דִי תּוֹרָה (אִין דִיא סֵדֶרָה מַסְעֵי) הָאט אִיהם גִיהֵייסֶען אַנְטְלוֹיפֶען . אוּנ דִי מֶענְטְשִׁין פוּן שְׁטָאט ווִילֶען אִיהם גֶעבִּין כָּבוֹד מוּז עֶר זָאגִין צוּ זֵיי אִיךְ בִּין אַרוֹצֵחַ . אוּנ אַז זֵייא זָאגִין צוּ אִיהם פוּן דֶעסְטְוֶועגִין ווִילֶען מִיר דִיר דָאךְ גֶעבִּין כָּבוֹד מֶעג עֶר נֶעמֶען פוּן זֵייא כָּבוֹד . וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דָס אִיז דִי רֵייד פוּן רוֹצֵחַ . עֶר דַארְף זָאגִין אִיךְ בִּין אַרוֹצֵחַ . אוּנ אַז עֶר זָאגְט אִיז שׁוֹין גֶענוּג . אוֹיבּ דֶער מַלְוֶה זָאגְט עֶס אִיז שְׁמִטָּה . אוּנ דֶער לֹוֶה זָאגְט פוּן דֶעסְטְוֶועגִין וִויל אִיךְ דִיר בַּצָאהלִין דַיין חוֹב : אוּנ עֶר גִיט אִיהם טַאקִי דָאס גֶעלְט . וֶוענֶען דִיא חֲכָמִים פוּן אִים צוּ פְרִידֶען :

פרק חמישי

א משנה י : בְּמִנְחָה : דֶעם לֶעצְטִין טָאג פֶּסַח צוּא מִנְחָה הָאט מֶען זִיךְ מִתְוַדֶּה גִיוֶועְן דֶער ווִידוּי אִיז גִיוֶועְן וַוייל מֶען הָאט גֶעזִינְדִיגְט מִיט דֶעם עֶגֶל דְרִיבֶּער הָאט גָאט צוּ גִינוּמֶען דִיא תְּרוּמוֹת אוּנ מַעַשְׂרוֹת פוּן דִי בִּכּוּרִים אוּנ הָט זֵיי גִיגֶעבִּין צוּ דִיא כֹּהֲנִים אוּנ לְוִיִּם . וֶוען דִיא בְּכוֹרִים וָואלְטִין גִינוּמֶען תְּרוּמוֹת אוּנ מַעַשְׂרוֹת וָואלְט מֶען דָאךְ דִיא תְּרוּמוֹת אוּנ מַעַשְׂרוֹת נִיט גִידַארְפְט אַוֶועק גֶעבִּין פוּן שְׁטוּבּ נָאר אִין יֶעדֶער שְׁטוּבּ וָואלְט דֶער בְּכוֹר גִיגֶעסִין דִיא תְּרוּמוֹת אוּנ מַעַשְׂרוֹת ׳ אָבֶּער דוּרְךְ דִיא זִינְד פוּן עֶגֶל דַארְף עֶר אַרוֹיס נֶעמֶען דִיא תְּרוּמוֹת אוּנ מַעַשְׂרוֹת פוּן שְׁטוּבּ אוּנ גֶעבִּין צוּ דִיא כֹּהֲנִים אוּנ לְוִיִּם . דְרִיבֶּער אִיז עֶר זִיךְ מִתְוַדֶּה אוֹיף דִיא זִינְד פוּן עֶגֶל אוּנ זָאגְט בִּעַרְתִּי הַקוֹדֶשׁ מִן הַבַּיִת : אִיךְ מוּז אוֹיס רָאמֶען דִיא קוֹדֶשׁ (תְּרוּמוֹת אוּנ מַעַשְׂרוֹת) פוּן שְׁטוּבּ אוּנ טָאר זֵייא נִיט הַאלְטֶען פַאר דִיא בְּכוֹרִים) . וִויא אִיז גִיוֶועְן דֶער ווִידוּי עֶר הָאט אַזוֹי גִזָאגְט אִיךְ הָאבּ אוֹיס גִירָאמְט דִיא הֵיילִיגְקֵייט פוּן שְׁטוּבּ דָס מֵיינְט מֶען מַעֲשֵׂר שֵׁנִי אוּנ דִיא פֵּירוֹת פוּן פֶערְטִין יָאהר . אִיךְ הָאבּ אִיהם גִיגֶעבִּין צוּם לֵוִי דָס מֵיינְט מֶען מַעֲשֵׂר רִאשׁוֹן וָואס מֶען גִיט צוּם לֵוִי . אוּנ אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ גִיגֶעבִּין (וָואס הֵייסְט אִיךְ הָאבּ גִיגֶעבִּין צוּם לֵוִי אוֹיךְ . זֶעהט אוֹיס עֶר הָט שׁוֹין צוּ אֵיינֶעם גִיגֶעבִּין אוּנ צוּם לֵוִי הָאט עֶר אוֹיךְ גִיגֶעבִּין) דָס מֵיינְט מֶען תְּרוּמָה אוּנ תְּרוּמַת מַעֲשֵׂר וָואס מֶען גִיט צוּם כֹּהֵן (אַנְדֶערֶע לֶערְנֶען נִיט תְּרוּמַת מַעֲשֵׂר : וָוארוּם תְּרוּמַת מַעֲשֵׂר גִיט דָאךְ נִיט דֶער בַּעַל הַבַּיִת נָאר דֶער לֵוִי) . צוּ דֶעם וָואס הָאט זִיךְ מְגַיֵיר גִיוֶועְן . צוּ אַיָתוֹם צוּ אַאַלְמָנָה הָאבּ אִיךְ גִיגֶעבִּין . דָס אִיז מַעֲשֵׂר עָנִי לֶקֶט שִׁכְחָה וּפֵאָה (עיין במסכת פאה) אֲפִילוּ זֵייא הַאלְטֶען נִיט אוֹיף דֶעם ווִידוּי (אֲפִילוּ מֶען

הלקט והשכחה והפאה אף ע"פ שאינם מעכבים את הוידוי. מן הבית זו חלה:

(משנה יא) **ב** בכל מצותך אשר צ, יתני הא אם הקדים מעשר שני לראשון אינו יכול להתודות. לא עברתי ממצותיך לא הפרשתי ממין על שאינו מינו ולא מן התלוש על המחובר ולא מן המחובר על התלוש. ולא מן החדש על הישן ולא מן הישן על החדש. ולא שכחתי לא שכחתי מלברכך ומלהזכיר שמך עליו:

(משנה יב) **ג** לא אכלתי באוני ממנו הא אם אכלו באנינות אינו יכול להתודות. ולא בערתי ממנו בטמא. הא אם הפרישה בטומאה אינו יכול להתודות. ולא נתתי ממנו למת לא לקחתי ממנו ארון ותכריכין למת ולא נתתיו לאוננים אחרים. שמעתי בקול ה' אלהי הביאותיו לבית הבחירה. עשיתי ככל אשר צויתני שמחתי ושימחתי בו:

השקיפה

לגוי הוא ממה שנתתי לכהן: מן הבית זו חלה. שהיא נתרמה מן העיסה בתוך הבית: ולא מן התלוש על המחובר וכו'. דהיינו מן החיוב על הפטור ומן הפטור על החיוב: ולא מן החדש על הישן. דכתיב (דברים יד) תבואת השדה שנה שנה ולא משנה זו על של חברתה: ולא שכחתי מלברכך ומלהזכיר שמך עליו. לפי שמברכים להפריש תרומה. וכן על מעשר ראשון ושני. ומעשר עני. ולפדיון מעשר שני. ולחלה. על כולן מברכים: לא אכלתי באוני. כל יום המיתה הויא אנינות דאורייתא ואפילו לאחר קבורה. ולילה שלאחר יום המיתה הוי אנינות דרבנן וכן יום קבורה שאינו יום המיתה הוי אנינות דרבנן:

האָט נאָך ניט געגעבן לֶקֶט שִׁכְחָה וּפֵאָה קען מען אויך זאָגן דעם ווידוי. פֿון דעסטוועגן זאָגט מען זייא אין דעם ווידוי; איך האָב אויס געראַמט פֿון שטוב דאָס מיינט מען חַלָּה. ווייל חַלָּה ווערט געגעבן פֿון שטוב:

ב משנה יא: כְּכָל. וויא דיינע געבאָט וואָס דו האָסט מיך געבאָטין אַזוי האָב איך געטאָהן. אונ נאָט האָט געבאָטין מען זאָל געבן פֿריִער מַעֲשֵׂר רִאשׁוֹן אונ דער נאָך מַעֲשֵׂר שֵׁנִי. דעריבער אויב ער האָט געגעבן מַעֲשֵׂר שֵׁנִי פֿריִער וויא מַעֲשֵׂר רִאשׁוֹן קען ער זיך ניט מִתְוַדֶּה זיין וואָרום ער האָט ניט געטאָהן וויא דער דין. איך בין ניט איבער געגאַנגען פֿון דיין געבאָט. דאָס מיינט מען איך האָב ניט אָפּ געשייט מַעֲשֵׂר פֿון איין מין אויף דעם אַנדערן מין; אונ ניט פֿון אָפּ געריסענע פֵּירוֹת אויף פֵּירוֹת וואָס איז בּאַהעפֿט צו דיא ערד. אונ ניט פֿון פֵּירוֹת וואָס זענען בּאַהעפֿט צו די ערד אויף אָפּ געריסענע פֵּירוֹת. אונ ניט פֿון נייע פֵּירוֹת וואָס זענען געוואַקסען דעם יאָהר אויף אַלטע פֵּירוֹת וואָס זענען געוואַקסען יענעם יאָהר. אונ ניט פֿון אַלטע פֵּירוֹת פֿון יענעם יאָהר אויף נייע פֵּירוֹת פֿון דעם יאָהר. אונ איך האָב ניט פֿאַר געסין. דאָס מיינט מען איך האָב ניט פֿאַר געסין דיך צוא לויבּין אונ צו דער מאָנען דיין נאָמען אויף דיא תְּרוּמָה אונ מַעַשְׂרוֹת: איך האָב ניט פֿאַר געסין צו מאַכען אַבְּרָכָה ווען איך האָב אָפּ געשיידט תְּרוּמָה אונ מַעַשְׂרוֹת אונ חַלָּה:

ג משנה יב. לא. איך האָב ניט גע געסין מַעֲשֵׂר שֵׁנִי ווען איך בין געוועזן אָאוֹנֵן (דעם טאָג וואָס שטאַרבּט איינער פֿון דיא זיבּען מֵתִים וואָס שטייט אין דיא תּוֹרָה אין פַּרְשָׁה אֱמוֹר. אונ אין דעם טאָג פֿון זייער קְבוּרָה. זענען דיא קְרוֹבִים אוֹנְנִים). אָבּער אַז ער האָט געגעסין די מַעֲשֵׂר שֵׁנִי ווען ער איז געוועזן אָאוֹנֵן קען ער זיך ניט מִתְוַדֶּה זיין. אונ איך האָב ניט אָפּ געשיידט דיא מַעֲשֵׂר שֵׁנִי ווען איך בין געוועזן טָמֵא. אָבּער אַז ער האָט אָפּ געשיידט ווען ער איז געוועזן טָמֵא. קען ער זיך ניט מִתְוַדֶּה זיין. אונ איך האָב ניט געגעבּן פֿון דעם מַעֲשֵׂר שֵׁנִי צו אַמויטען. דאָס מיינט מען איך האָב ניט געקויפֿט פֿון דיא געלט פֿון מַעֲשֵׂר שֵׁנִי קיין אָרוֹן (דאָס זענען דיא ברעטער וואָס מען לייגט אַריין אין קֶבֶר). אונ איך האָב ניט געקויפֿט פֿון דעם געלט תַּכְרִיכִים צו אַמֵת. אונ איך האָב ניט געגעבּין דיא מַעֲשֵׂר שֵׁנִי צוא אַנדערע מענטשין וואָס זענען געוועזן אוֹנְנִים. איך האָב געהערט וואָס גאָט האָט געבאָטען איך האָב דאָס געבּראַכט אין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ (דאָס מיינט מען בִּכּוּרִים) איך האָב געטאָהן אַלץ וויא דו האָסט מיר געבאָטען איך האָב מיך געפֿרייט אונ האָב געמאַכט פֿרייען אַנדערע:

(משנה יג) **ד השקיפה** ממעון קדשך מן השמים עשינו מה שגזרת עלינו אף אתה עשה מה שהבטחתנו השקיפה וגו' וברך את עמך את ישראל בבנים ובנות ואת האדמה שנתת לנו בטל ובמטר ובולדות בהמה כאשר נשבעת לאבותינו ארץ זבת חלב ודבש כדי שתתן טעם בפירות :

כל העיירות שבמעמד. כ"ד מעמדות היו בישראל כנגד כ"ד משמרות כהונה : לעירו. של ראש המעמד: ולא היו נכנסים לאהל. מפני אהל הטומאה: ולמשכים. כשמשכימים :

מסכת בכורים פרק שלישי

(משנה ב) **א כיצד** מעלין את הבכורים כל העיירות שבמעמד מתכנסות לעירו של מעמד ולנין ברחובה של עיר ולא היו נכנסין לבתים ולמשכים היה הממונה אומר קומו ונעלה ציון אל בית ה' אלהינו :

(משנה ג) **ב הקרובים** היו מביאים תאנים וענבים והרחוקים מביאים גרוגרות וצמוקים והשור הולך לפניהם וקרניו מצופות זהב ועטרה של זית בראשו והחליל

ד משנה יג. הַשְׁקִיפָה. זעה פון דיין הייליגען וואוהנונג פון הימעל: מיר האבען געטאהן וואס דוא האסט אונז געבאטען. טוה דוא וואס דוא האסט אונז פאר זיכערט. זעה פון דיין הייליגען וואוהנונג פון הימעל אונ בענטש דיין פאלק ישראל מיט זין אונ טעכטער אונ דיא ערד וואס דוא האסט אונז געגעבען זאלסטו בענטשין מיט טאה אונ רעגין אונ מיט בהמות אזוי וויא. דוא האסט געשוואורין צוא אונזערע עלטערין צוא געבין אלאנד וואס פליסט (רינט) אין איר מילך אונ האניק אונ אויף דעם ארט וואס פליסט ניט קיין מילך אונ האניק זאלסטו געבין אגוטען געשמאק אין די פירות:

פרק שלישי

א משנה ב. כֵּיצַד. וויא אזוי ברייננט מען דיא בכורים. אלע כהנים זענען געוועזען צו טיילט אין פיר אונ צוואנציג טייל. יעדער טייל הט גיהאט זיין אוים געזעצטע וואך וואס ער הט מקריב געוועזען אין בית המקדש קרבנות. אונ דיא יודען זענען אויך געוועזען צו טיילט אין פיר אונ צוואנציג טייל. אונ יעדער טייל האט גיהאט זיין אוים געזעצטע וואך וואס פון זייא האבען גידארפט גיין מענטשין אין בית המקדש שטיין דער ביי וויא דער כהן איז מקריב די קרבנות. דאס ווערט גירופען מעמד (זייא שטייען ביי דיא קרבנות). זאגט דיא משנה ניט יעדער בעל הבית הט געבראכט זיינע בכורים באזונדער. נאר דיא אלע מענטשין פון דיא שטעט וואס האבען גיקערט צו איין מעמד האבען זיך פערזאמעלט אין דיא שטאט וואס דער עלצטער פון זייער מעמד האט געוואוהנט אונ זייא האבען גינעכטיגט אין גאס אונ זיי זענען ניט אריין גינאנגען אין אשטוב. טאמער איז אין שטוב דא אטומאה. אונ אין דער פריא אז זייא האבען גידארפט אויף שטיין האט דער עלצטער פון זייא גזאגט צו זייא שטייט אויף מיר וועלין אויף גיין אין ציון אין דער הויז פון אונזער גאט. ואין וועג האבען זייא גזאגט דעם פסוק שָׂמַחְתִּי בְּאוֹמְרִים לִי בֵּית ה' נֵלֵךְ: אז זייא זענען גיקומען אין ירושלים האבען זייא גזאגט דעם פסוק עוֹמְדוֹת הָיוּ רַגְלֵינוּ בִּשְׁעָרַיִךְ יְרוּשָׁלָיִם. אז זייא זענען גיקומען אויף דעם הר הבית האבען זייא גזאגט הַלְלוּיָהּ הַלְלוּ אֵל בְּקָדְשׁוֹ. אין דער עזרה האבען זייא גזאגט כֹּל הַנְּשָׁמָה תְּהַלֵּל יָהּ:

ב משנה ג. הַקְּרוֹבִים. דיא וואס האבען געוואוהנט נאנט פון ירושלים פלעגין ברייננן פייגין אונ ווייטרויבען ווען זייא זענען נאך געוועזען פייכט אונ פריש. אונ דיא וואס האבען געוואוהנט ווייט פון ירושלים אונ פייכטע פייגין אונ ווייטרויבען וועלין קאליע ווערין

נפחות כו׳ . מיני סרכה שהיו נמקדש : סחליל : והחליל מכה לפניהם עד שהם מגיעים קרוב לירושלים הגיעו קרוב לירושלים שלחו לפניהם ועטרו את הבכורים הפחות והסגנים והגזברים יוצאים לקראתם . ולפי כבוד הנכנסים היו יוצאים וכל בעלי אומניות שבירושלים עומדים (לפניהם) ושואלים בשלומם אחינו אנשי מקום פלוני בואכם לשלום :

(משנה ד) ג החליל מכה לפניהם עד שמגיעים להר הבית הגיעו להר הבית אפילו אגריפס המלך נוטל הסל על כתפו ונכנס עד שמגיע לעזרה . הגיעו לעזרה דברו הלוים בשיר (תהלים ל) ארוממך ה׳ כי דליתני ולא שמחת אויבי לי :

(משנה ה) ד הגוזלות שעל גבי הסלים היו עולות ומה שבידם נותנים לכהנים :

(משנה ו) ה עודהו הסל על כתפו קורא מהגדתי היום לה׳ אלהיך עד (שנגמר) [שגומר] כל הפרשה . רבי יהודה אומר עד ארמי אובד אבי הגיע לארמי אובד

ביז מען וועט קומען מיט זייא אין ירושלים האבען זייא גיבראכט געטריקנטע פייגען אונ געטריקנטע ווין טרויבען . אונ דער אקס וואס מען וועט איהם מקריב זיין אקרבן איז גיגאנגען פאר אויס פאר דיא מענטשין זיינע הערנער זענען גיוועזן בדעקט מיט גאלד אונ אקרון פון איילביר טען איז גיוועזן אויף זיין קאפ דיא פייף האט געשפילט פאר זייא ביז זיי זענען גיקומען נאנט צו ירושלים וויא זייא זענען גיקומען נאנט צו ירושלים האבען זיי געשיקט שלוחים פאר אויס אין ירושלים אן צו זאגען אז זיי קומען מיט בכורים אונ זייא האבן בשיינט דיא בכורים ודאס מיינט מען זייא האבען אויס געקליבען די שענסטע פירות אונ האבען גילייגט פון אויבין דיא גרעסטע פון דיא כהנים אונ דיא גרעסטע פון דיא לוים אונ דיא גבאים פון בית המקדש זענען ארויס גיגאנגען געגין זייא . נאך דעם כבוד פון די וואס זענען אריין גיגאנגן פלעגט מען ארויס גיין אנטקעגין זייא . דהיינו אויב עס זענען אן גיקומען מיט אמאהל פיל מענטשין מיט בכורים . פלעגין ארויס גיין געגין זייא פיל כהנים מיט לוים מיט גבאים . אונ אויב עס זענען ווייניג אן גיקומען . פלעגין ווייניג ארויס גיין געגין זייא . אונ אלע בעלי מלאכות וואס אין ירושלים האבין זיך גימוזט אויף שטעלין פאר די מענטשין וואס זענען אריין גיקומען מיט די בכורים (אויב זיי זענען פאר ביי גיגאנגען פאר די בעלי מלאכות) . אונ די כהנים אונ לוים אונ גבאים אונ אלע אנדערע מענטשין אונ דיא בעלי מלאכות האבען גיפרעגט דיא מענטשין וואס האבען גיבראכט די בכורים . אויב זייא זענען גיקומען בשלום . אונ זייא האבען גזאגט אונזערע ברידער פון יענעם ארט (פון וואנען זייא זענען גיוועזן) גילויבט איז גאט וואס איר זענט גיקומען בשלום :

ג משנה ד . החליל . דער פייף הט געשפילט פאר זייא ביז זייא זענען גיקומען צום הר הבית . אז זייא זענען גיקומען צום הר הבית אפילו אגריפס המלך וואס ער איז ביי זיך זייער גרויס גיוועזן הט גימוזט נעמען דעם קארב מיט בכורים אויף זיין אקסיל אונ ער איז ארויף גיגאנגען אויף דעם הר הבית ביז ער איז גיקומען צו דער עזרה . וויא ער איז גיקומען צו דער עזרה האבען דיא לוים . גזאגט מיט גיזאנג דעם פסוק אין תהלים ארוממך ה׳ כי דליתני ולא שמחת אויבי לי :

ד משנה ה . הגוזלות . דיא טויבין וואס זענען גיוועזן אינטען אויף דיא קערב פון די בכורים . הט מען מקריב גיוועזן עולות אונ וואס זייא האבען גיהאלטען אין דיא הענט ודאס מיינט מען די בכורים אליין) האבען זיי גיגעבין צו די כהנים :

ה משנה ו . עודהו . ווען דער קארב מיט בכורים איז נאך גיוועזן אויף זיין אקסיל הט ער גילייענט פון דעם פסוק ביז צום סוף פרשה . רבי יהודה זאגט ער זאל ניט לייענען דיא גאנצע פרשה מיט איין מאהל ווען די קארב איז אויף זיין אקסיל . ער זאל נאר לייענען

אובד אבי מוריד הסל מעל כתפו ו׳ אוחזו (בשפתיו) [בשפתותיו] וכהן מניח ידו תחתיו ומניפו וקורא מארמי
מין כלי ז׳ ר׳ וקולו נשמע למרחוק :
אובד אבי עד שהוא גומר כל הפרשה ומניחו בצד המזבח והשתחוה ויצא :

(משנה ז) ז בראשונה כל מי שיודע לקרות קורא ומי שאינו יודע לקרות מקרין אותו נמנעו מלהביא התקינו שיהו מקרין את מי שהוא יודע ואת מי שאינו יודע . העשירים היו מביאים בכוריהם בקלתות של כסף ושל זהב והעניים מביאים אותם בסלי נצרים של ערבה קלופה הסלים והבכורים ניתנים לכהנים :

סליק סדר זרעים

ביז ארמי אובד אבי ווען ער האלט די קארב אויף זיין אקסיל . אונ אז ער הט שוין גזאגט ביז צום פסוק ארמי אובד אבי נעמט ער אראפ דעם קארב פון זיין אקסיל אונ ער האלט איהם ביי דעם ברעג (פון הויבין) אונ דער כהן לייגט ארונטער דיא האנט אונטער די קארב אונ ער הייבט זי אויף דער נאך לייענט ער פון ארמי אובד אבי ביז צום סוף פרשה אונ ער לייגט דעם קארב מיט די בכורים ביי דעם מזבח (אין ווינקעל דרום אונ מערב) אונ ער בוקט זיך אונ גייט ארויס פון די עזרה :

ז משנה ז. בראשונה . אין אן הייב איז גיוועזן דער וואס האט גיקענט לייענען דיא פרשה פון בכורים . האט אליין גילייענט . אונ דער וואס האט ניט גיקענט לייענען האט מען איהם פאר גילייענט . דיא וואס האבין ניט גיקענט לייענען דיא פרשה האבין ניט גיבראכט בכורים . ווייל זיי האבען זיך גישעמט . האט מען גימאכט א תקנה מען זאל פאר לייענען ביידע דעם וואס קען אונ סיי דעם וואס קען ניט :

העשירים היו מביאים . די רייכע פלעגין ברייגגען זייערע בכורים אין קערב פון זילבער אונ פון גאלד אונ די ארעמע לייט האבען גיבראכט דיא בכורים אין קערב גיפלאכטין פון וויינטלאך אונ פון אפ גישיילטע ערבות . דיא ארעמע לייט פלעגין אוועק געבין דיא בכורים מיט דיא קערב צו די כהנים . ווייל זייערע קערב זענען גיוועזן פון גיפלאכטענע ריטער . אונ די רייכע וואס זייערע קערב זענען גיוועזן פון זילבער אונ פון גאלד . פלעגין נאר אוועק געבין די בכורים צו די כהנים אבער ניט די קערב

מאימתי פרק ראשון

א אמר רבי לוי כנור היה תלוי כנגד חלונו **של** דוד והיתה רוח צפונית יוצאת בחצי הלילה ומרפרפת בו והיה מנגן מאליו הה"ד (תלים ג ג) כנגן המנגן. בנגן המנגן אין כתיב כאן אלא כנגן המנגן הבנגד היה מנגן מאליו :

וחרכ נפת. מנבנת :
נהית. יורד מא"י לבבל : לעיבורא. לעבר בניס :
מתקבל. מתלכסן : מיטמר כו'. נחבא אל הכלים לשמוע וללמוד מר"ש ב"נ האיך הוא נוהג בק"ש ומכח שנהגוהו היה לו איתה ופחד לכהלות לפניו והיה מתכיא עלמו :
שמעיב מיתה. על שר"ע הטה לקרות כב"ש היה בסכנה : אל תטיפו גו'. לכן צריך טיתן אות

רבי שמואל בר נחמני כד הוה נחית לעיבורא הוה מתקבל גבי רבי יעקב גרוסא והוה רבי זעירא מיטמר ביני קופי משמענה היאך הוי קרי שמע והוה קרי וחזר וקרי וחזר וקרי עד דהוה שקע מיניה גו שנתיה מ"ט (תהלים ד) רגזו ואל תחטאו אמרו וגו' ודומו סלה :
רבי בא אמר תדע לך שדברי סופרים חביבין מדברי תורה שהרי רבי טרפון אלו לא קרא לא היה עובר אלא בעשה ועל ידי שעבר על דברי בית הלל נתחייב מיתה על שם (קהלת י) ופורץ גדר ישכנו נחש רבי חנינא אמר חביבין דברי זקנים מדברי נביאים דכתיב (מיכה ב) אל תטיפו יטיפון וכתיב (שם) אטיף לך לייז

פרק ראשון

א אָמַר רַבִּי לֵוִי אַפִידוּל אִיז גֶעהָאנְגֶען גֶעגֶען דֶעם פֶענְצְטֶער פוּן דָוִד הַמֶלֶךְ. הַאלְבֶּע נַאכְט פְלֶעגְט אַרוֹיס גֵיין אַצָפוֹן ווִינְט אוּנ הָאט גֶעבְלָאזְן אִין דִי פִידוּל אוּנ דִי פִידוּל הָאט גֶעשְׁפִּילְט פוּן זִיךְ אַלֵיין. דָאס אִיז וָואס דֶער פָּסוּק זָאגְט. אַזוֹי ווִי דֶער נִיגוּן וָואס הָאט אַלֵיין גֶעשְׁפִּילְט. וֶוען דֶער שְׁפִּילֶער הָאט גֶעשְׁפִּילְט שְׁטֵייט נִיט אִין פָּסוּק נָאר עֶס שְׁטֵייט אַזוֹי ווִי דֶער נִיגוּן וָואס הָאט אַלֵיין גֶעשְׁפִּילְט. דִי פִידוּל הָאט גֶעשְׁפִּילְט פוּן זִיךְ אַלֵיין ווָעיין בְּהַכוֹהֵבוֹ :
רַבִּי שְׁמוּאֵל בַּר נַחְמָנִי. אַז עֶר פְלֶעגְט [גֵיין] נִידֶערִין פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִין בָּבֶל מְעַבֵּר זַיין דֶעם יָאהְר. צוּ מַאכֶען צְווֵיי מָאהְל אָדֶר פְלֶעגְט עֶר זַיין צוּ גַאסְט עֶר פְלֶעגְט אַיינְשְׁטֵיין זִיךְ אוּנ נֶעכְטִיגֶען בַּיי רַבִּי יַעֲקֹב גְרוֹסָא. פְלֶעגְט רַבִּי זְעִירָא זִיךְ בֶּעהַאלְטֶען צְווִישֶׁען דִי כֵּלִים. רַבִּי שְׁמוּאֵל זָאל אִים נִיט זֶעהֶן. אוּנ עֶר הָאט גִיוָואלְט הֶערִין ווִיא אַזוֹי רַבִּי שְׁמוּאֵל לֵייעֶנְט קְרִיאַת שְׁמַע פַאר זַיין שְׁלָאף. הָאט רַבִּי זְעִירָא גִיהֶערְט ווִיא רַבִּי שְׁמוּאֵל לֵייעֶנְט אֵיין מָאהְל קְרִיאַת שְׁמַע. אוּנ לֵייעֶנְט נָאךְ אַמָאהְל. אוּנ נָאךְ אַמָאהְל בִּיז עֶר אִיז אַיין גֶעשְׁלָאפִין פוּן קְרִיאַת שְׁמַע לֵייעֶנֶען. פַר וָואס הָאט עֶר אַזוֹי גִיטָאהְן. ווַייל עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אִיר זָאלְט צִיטֶערִין מוֹרָא הָאבִּין. אוּנ אִיר זָאלְט נִיט זִינְדִיגֶען. אִמְרוּ בִלְבַבְכֶם עַל מִשְׁכַּבְכֶם וְדוֹמוּ סֶלָה. אִיר זָאלְט זָאגִין קְרִיאַת שְׁמַע אוֹיף אַייעֶר גִילֶעגֶער בִּיז אִיר וֶועט שְׁטִיל וֶוערִין דָם הֵיִיסְט בִּיז אִיר וֶועט אַנְטְשְׁלָאפֶען וֶוערִין] אַזוֹי זָאלְט אִיר אֵייבִּיג טָאהְן : רַבִּי בָּא זָאגְט פוּן דַאנֶען קֶענְסְט ווִיסֶען אַז דִי רֵייד פוּן דִי רַבָּנָן אִיז בַּיי גָאט לִיבֶּער ווִיא דִי רֵייד פוּן דִי תּוֹרָה ווָארוּם וֶוען רַבִּי טַרְפוֹן ווָאלְט גָאר גִיט גִילֵייעֶנְט קְרִיאַת שְׁמַע ווָאלְט עֶר נָאר עוֹבֵר גִיוֶועֶן אוֹיף אַמִצְוַת עֲשֵׂה. קוּמְט אִים נִיט מִיתָה. אוּנ ווַייל עֶר הָאט עוֹבֵר גִיוֶועֶן אוֹיף דִי רֵייד פוּן בֵּית הִלֵּל. אִיז עֶר גִיוֶועֶן אִין אַסַכָּנָה צוּם שְׁטַארְבִּין נַאזוֹי ווִיא עֶס שְׁטֵייט אִין מַסֶכֶת בְּרָכוֹת דַף י״א ווייל שְׁלֹמֹה הַמֶלֶךְ עָלָיו הַשָּׁלוֹם הָאט גִיזָאגְט אִין קֹהֶלֶת וּפוֹרֵץ גָדֵר יִשְׁכֶנּוּ נָחָשׁ דֶער וָואס בְּרֶעכְט אוֹיף דִי וַואנְט וֶועט אִים בַּייסִין אַשְׁלַאנְג וְדָאס מֵיינְט מֶען דֶער וָואס בְּרֶעכְט אוֹיף דִי וַואנְט וָואס דִי חֲכָמִים הָאבִּין פַארְצָאמְט [גִיאַסְרִין] צוּ דֶער וַייטֶערִין דֶעם מֶענְטְשִׁין עֶר זָאל נִיט עוֹבֵר זַיין אוֹיף דִי תּוֹרָה. אוּנ עֶר אִיז מַתִּיר וָואס דִי חֲכָמִים הָאבִּין גִיאָסְרְת. ווֶעט אִיהְם בַּייסִין אַשְׁלַאנְג] : רַבִּי חֲנִינָא זָאגְט דִי רֵייד פוּן דִי חֲכָמִים זֶענֶען לִיבֶּער ווִיא דִי רֵייד פוּן דִי נְבִיאִים ווָארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק. אִיר זָאלְט נִיט רֵיידִין וָואס זֵיי רֵיידֶען אִיר זָאלְט נִיט רֵיידִין וָואס דִי פַאלְשֶׁע נְבִיאִים רֵיידִין. אוּנ נָאךְ שְׁטֵייט אִין פָּסוּק. דִי פַאלְשֶׁע נְבִיאִים זָאגִין אִיךְ וֶועל רֵיידֶען צוּ דִיר נְבִיאוֹת פַאר ווַיין אוּנ פַאר אַלְטֶען ווַיין. זֶעהֶן מִיר אַז נְבִיאִים זֶענֶען דָא פַאלְשֶׁע אוּנ אַז אֵיינֶער קוּמְט אוּנ זָאגְט עֶר אִיז אַנָבִיא אֱמֶת. מוּז עֶר ווַייזֶען אַצֵייכֶען אָדֶער אַוְואוּנְדֶער :

ליין ולשכר נביא וזקן למה הם דומים למלך ששלח ב׳ פלמנטורין למדינה על אחד מהם כתב אם אינו מראה לכם כתב וחותם וסמנטורין שלי אל תאמינו לו ועל אחד מהם כתב אפילו לא מראה לכם כתב וחותם וסמנטורין שלי תאמינו לו כך בנביא כתיב (דברים יג) ונתן אליך אות או מופת ובזקן כתיב (שם יז) על פי התורה אשר יורוך:

ומופת נסיכות שבזה נביא אמת : פלמנטורין . פלוהים : וסמנטורין . לורס : יורוך . ואין צריך ליתן סימן :

שמי

ב ומפני מה קורין ב׳ פרשיות הללו בכל יום רבי לוי ורבי סימון חד אמר מפני שכתוב בהן שכיבה וקימה וחד אמר מפני שעשרת הדברות כלולים בהם. אנכי שמע ישראל. לא יהיה לך ה׳ אחד. לא תשא ואהבת. מאן דרחים למלכא לא משתבע בשמיה לשקרא. זכור את יום השבת למען תזכרו. רבי אומר זו מצות שבת שה״א שקולה כנגד מצותיה של תורה דכתיב (נחמיה ט) ואת שבת קדשך הודעת להם ומצות וחקים ותורה צוית גו׳ להודיעך שהיא שקולה כנגד כל המצות. כבד למען ירבו ימיכם. לא תרצח ואבדתם מהרה מאן דקטיל מתקטיל. לא תנאף ולא תתורו אחרי לבבכם וגו׳ א״ר יצחק עינא וליבא תרי

סרסורי

מען זאל וויסען אז ער איז אנביא אמת. אבער די חכמים וואס זאגין אפשט אין אמצוה וואס שטייט אין די תורה. מוזין מיר האלטין די מצוה אזוי וויא זיי זאגין. חייל די תורה האט גיבאטין דו זאלסט ניט אפ קערין פון די רייד וואס זיי וועלין דיר זאגין. ניט רעכט אונ ניט לינק. דער נביא אונ דער חכם צו וואס זענען זייא גלייך צו אמלך וואס האט געשיקט צווייא שרים אין דער מדינה אויף איין שר האט דער מלך געשריבען אויב ער וועט אייך ניט ווייזין מיין געשריפט אונ מיין חתימה אונ מיין צורה. זאלט איר אים ניט גלויבין. אונ אויף איין שר האט דער מלך געשריבען אפילו ער וועט אייך ניט ווייזען מיין געשריפט אונ ניט מיין חתימה אונ ניט מיין צורה. פון דעסטוועגען זאלט איר אים גלויבען. ביי אנביא שטייט אז ער וועט דיר געבען אצייכען אדער אוואנדער. זאלסטו אים גלייבען. אבער אז ער וועט ניט געבען אצייכען אדער אוואנדער זאלסטו ניט גלויבען אונ ביי אחכם שטייט ווי די תורה וואס ער וועט דיך לערנען. אזוי זאלסטו טאהן. אונ זאלסט אים ניט פרעגין אויף אצייכין אונ ניט אויף אוואנדער:

ב מפני. פאר וואס לייענט מען אלע טאג די צוויי פרשות שמע ישראל אונ והיה אם שמוע. רבי לוי אונ רבי סימון קריגען איינער זאגט ווייל אין די צוויי פרשות שטייט דער מאנט ובשכבך ובקומך. ווען דוא וועסט זיך לייגין. אונ ווען דוא וועסט אויף שטיין. אונ איינער זאגט ווייל די עשרת הדברות שטייט אין קריאת שמע. די פאלק ישראל זאל צו הערין אז איך בין דיין גאט. דוא זאלסט ניט האבען קיין אנדער גאט. נאר דער הויה איז איין גאט. זאלסט ניט שווערין פאלש ביי דעם נאמען פון גאט. ווייל דוא זאלסט גאט ליב האבען. ווער עס האט ליב דעם מלך וועט ניט שווערין פאלש ביי זיין נאמען. זאלסט גידיינקין דעם טאג שבת. כדי דוא זאלסט גידיינקין אלע מצות פון גאט. רבי זאגט אלע מצות מיינט מען שבת דיא מצוה פון שבת אליין. איז געוואוגין געגין אלע מצות פון דיא תורה. ווארום עס שטייט אין פסוק דיין הייליגען שבת האסטו גימאכט וויסען צו זייא. אונ מצות אונ חקים אונ תורה האסטו צו זייא גיבאטען. האט דער נביא גירעכונט שבת בזונדער. אונ אלע מצות בזונדער צו מאכען וויסען אז שבת איז גיוואוגין געגין אלע מצות. למען ירבו ימיכם מיינט מען דיא מצוה פון כבד את אביך. ווארום ביי כבד את אביך שטייט דאך אויך למען יאריכון ימיך. דיינע טעג זאלען דער לייגגערט ווערין. אונ דא שטייט דיינע טעג זאלען גימערט ווערין. איז דאס דיא זעלביגע מצוה. ואבדתם מהרה. איר וועט געשווינט פאר לארען ווערין. אויב איר וועט הרגנען אמענטשען. ווער עס הרגעט ווערט גיהרגעט איר זאלט ניט אפ קערין נאך אייער הארץ. איר זאלט ניט מזנה זיין. רבי יצחק האט גזאגט דיא אויגן אונ דיא הארץ זענען צוויי מעקלערס פון

סרסורי דהטאה נינהו דכתיב (משלי כג) תנה בני לבך לי ועיניך וגו' אמר הקב"ה אין יהבת לי לבך ועיניך אנא ידע דאת דידי. לא תגנוב ואספת דגנך ולא דגן חברך. לא תענה ברעך אני ה' אלהיכם וכתיב (ירמיה י) וה' אלהים אמת מהו אמת אמר רבי אבין שהוא אלהים חיים ומלך עולם אמר הקב"ה אם העדת עדות שקר על חברך מעלה אני עליך כאילו העדת בי שלא בראתי שמים וארץ. לא תחמוד וכתבתם על מזוזות ביתך ולא של חברך:

שתי סרסיום. של קי"ש: אין: אם:
נקרים. תולה כשקראם שהאנר"א באין ימול לפשוט ידיו כ"ל היה עומד לפני הקב"ה מכח תפתסתו: ככפים כו'. רמז שלא נכנו מבנין ב"ס כלום: נארץ. בברכת הארץ שבבהמ"ז:
מסמיך. נשען מהאכסן. י"א שנעל בשר היה לכך היה נשען על ר"י בר אידי:

ג וכפיו פרושות השמים (מלכים א ה) אמר רבי איבי כעין הדין נקרים היה עומד אמר רבי אלעזר בר אבינא ככפים הללו שלא חטפו מבנין בית המקדש כלום רבי סימון בשם רבי יהושע בן לוי אמר לא הזכיר תורה בארץ מחזירין אותו מה טעם (תהלים קה) ויתן להם ארצות גוים וגו' מפני מה בעבור ישמרו חקיו ותורותיו:

היה קורא פרק שני

א רבי יוחנן הוה מסתמיך על רבי יעקב בר אידי והוה רבי אלעזר חמי ליה ומטמר ליה מן קמוי

דיא עבירה. דיא אויג זעהט דיא עבירה. אונ דיא הארץ גלוסט. אונ זיי ריידען אן דעם גוף ער זאל טאהן דיא עבירה. ווארום עס שטייט אין פסוק מיין זוהן גיב דיין הארץ צוא מיר. אונ דיינע אויגען זאלען היטען מיינע וועגין. גאט האט גזאגט אז דוא וועסט געבין צוא מיר דיין הארץ אונ דיינע אויגען וועל איך וויסען אז דוא ביסט מיינער. דוא זאלסט איין זאמלען דיינע קארין אונ זאלסט ניט גנבענען קארין פון אנדערע מענטשין. זאלסט ניט זאגען פאלשע עדות אויף דיין חבר. ווארום איך בין אייער גאט אונ עס שטייט גאט איז אמת. וואס איז אמת האט רבי אבין גזאגט עס איז אמת אז ער איז אלעבעדיגער גאט אונ ער איז דער מלך פון די וועלט. האט גאט גזאגט אויב דוא זאגסט פאלשע עדות אויף דיין חבר. רעכען איך אויף דיר גלייך וויא דוא האלסט עדות גזאגט אויף מיר אז איך האב ניט בשאפען די הימעל מיט דיא ערד. דו זאלסט ניט גלוסטען אונ זאלסט אויף שרייבען אויף דיא מזוזות פון דיין שטוב. אויף דיין שטוב זאלסטו אויף שרייבען. אונ זאלסט ניט אויף שרייבין אויף די מזוזות פון די שטוב וואס דו האסט גיגלוסט אונ אוועק גינומען פון דיין חבר:

ג וכפיו. אונ זיינע הענט (פון שלמה המלך) זענען גיוועזן פאר שפרייט צום הימעל. האט רבי איבי גזאגט אזוי וויא אקראנקער וואס קען ניט אויס ציהען זיינע הענט. אזוי איז ער גישטאנען מיט זיינע הענט פאר גאט. פון גרויס מורא אינ שרעק פאר דעם כבוד פון גאט. רבי אלעזר בר אבינא זאגט ער האט פאר שפרייט די הענט צו ווייזין אז ער ואונ זיינע מענטשין האבין גאר ניט גיחאפט (ניט גינומען) פון בית המקדש ווען מען האט איהם גיבאהט. רבי סימון בשם רבי יהושע בן לוי זאגט. אויב אין בענטשין אין דיא ברכה נודה לך האט ער ניט דער מאנט ועל תורתך שלמדתנו זאל ער נאך אמאהל זאגין די ברכה נודה לך. פר וואס. ווייל עס שטייט אין פסוק גאט האט גיגעבין צו די יודין לענדער פון דיא פעלקער. פר וואס ווייל זייא זאלען היטען די תורה. דריבער ווייל אין די ברכה נודה לך לויבט מען גאט אויף דעם וואס ער האט אונז גיגעבין ארץ ישראל. דארף מען לויבין גאט אויף דיא תורה. ווארום דורך די תורה האט מען אונז גיגעבין ארץ ישראל:

פרק שני

א רבי יוחנן האט זיך אן גילעהנט אויף רבי יעקב בר אידי אונ רבי אלעזר האט אים

קמי אמר ליה תרין מלין עבד לי הדין בבלאה חדא דלא שאיל בשלמי והדא דלא אמר שמעתא מן שמי. אמר ליה כן אינון נהגין גביהון דזעירא לא שאיל בשלמא דרבה דאינון מקיימין (איוב כט) ראוני נערים ונחבאו וגו':

ב איגהו ליצ נותא ליצני הדור מה היו עושין הולכין אצל חלונותיו של דוד ואומרים לו אימתי יבנה בית המקדש אימתי בית ה' נלך והוא אומר אף על פי שהם מתכונים להכעיסני שמח אני דכתיב (תהלים קכב) שמחתי באומרים לי בית ה' נלך:

ג כד דמך רבי בון בר חייא על לגביה רבי זעירא ואפטר עלוי (קהלת ה) מתוקה שנת העובד וגו' יישן אין כתיב כאן אלא יאכל משל למלך ששכר פועלים הרבה והיה שם פועל אחד שהיה מתכשר במלאכתו יותר מן הכל מה עשה לו המלך נטלו והיה מהלך עמו ארוכות וקצרות לעתותי ערב נכנסו הפועלים ליטול שכרן ונכנס גם הוא ונטל שכרו משלם התחילו הפועלים מתרעמים ואומרים אנו יגענו כל היום וזה לא יגע (אלא) ב' שעות ביום ונטל שכרו משלם. אמר להם יגע זה בב' שעות מה שלא יגעתם אתם כל היום

כך

ומטמר. נחבא ולא שאל בשלומו: הדין כו'. ר"י סבר שמגאוה עשה כן והשיב לו רבי יעקב שדרך ענוה הוא לעשות כך:
להכעיסני. שהיו יודעים שדוד לא יבנה הבית אלא שלמה בנו ואומרים אימתי כלומר אימתי ימות דוד ושלמה יבנה הבית ואפ"ה שמח שנאמר שמחתי וגו':
דמך. מת שלא להזכיר מיתה אלא ת"ח אמרו דמך לשון ישן:

גיזעהן אונ האט זיך בעהאלטין פאר איהם. האט רבי יוחנן גזאגט צוא רבי יעקב בר אידי צוויי זאכין האט מיר געטאהן דער פון בבל. איינס. פאר וואס האט ער ניט גיפרעגט אויף מיין שלום. אונ נאך איינס. ער האט ניט גזאגט דעם דין וואס איך האב איהם גזאגט אין מיין נאמן. האט רבי יעקב בר אידי גזאגט צו רבי יוחנן אזוי איז דער מנהג ביי זיי אז אקליינער מענטש פרעגט ניט שלום ביי אגרעסערין פון איהם. ווארום זייא זענען מקיים דעם פסוק וואס איוב האט גזאגט דיא יונגע מענטשין וואס האבין מיך גיזעהן האבען זיך בעהאלטין:

ב איגהו. דיא שלעכטע מענטשין וואס זענען גיוועזן אין די צייט פון דוד המלך. וואס פלעגין זיי טאהן. זייא פלעגין גיין צו די פענסטער פון דוד המלך אונ פלעגין זאגען צוא איהם ווען וועט גיבאהט ווערין דער בית המקדש ווען וועלין מיר גיין אין די הויז פון גאט. אונ דוד פלעגט זאגין אפילו זייא מיינען דאך מיך צו דער צערענען. ווייל זייא ווייסען אז איך וועל ניט באהען דעם בית המקדש. נאר מיין זוהן שלמה. דריבער פרעגין זיי ווען וועל איך שוין שטארבין. אונ דער בית המקדש זאל גיבאהט ווערין. פון דעסטוועגין. פריי איך מיך מיט זייערע רייד. ווארום עס שטייט אין פסוק איך פריי מיך אז מען זאגט צוא מיר. ומען פרעגט מיך) ווען וועלין מיר שוין גיין אין בית המקדש:

ג כד. ווען רבי בון בר חייא איז גישטארבין איז רבי זעירא אריין גיגאנגען צוא איהם אונ ער האט אן גיהויבען צו זאגין אויף איהם דעם פסוק. עס איז זיס דער שלאף פון דעם ארבעטער. אויב ווייניג אדער פיל. וועט ער עסין. איז דאך די קשיא עס האט דאך בדארפט שטיין אין פסוק וועט ער שלאפין. וועט ער שלאפען שטייט ניט אין פסוק נאר עס שטייט ער וועט עסן. דאס איז גלייך צו אמלך וואס ער האט גידונגען פיל ארבעטער אונ דארטין צווישען די ארבעטער איז גיוועזן איינער וואס ער האט זיך גישטארקט אין זיין ארבעט מער פון אלע. אונ דאס האט גיטאהן זיין ארבעט פריער ווי אלע ארבעטער וואס האט דער מלך גיטאהן מיט דעם ארבעטער ער האט איהם גינומען אונ איז גיגאנגען מיט איהם שפאצירען אין דיא לאנגע וועגין פון גארטין אונ אין די קורצע וועגין פארין נאכט זענען אריין גיגאנגען דיא ארבעטער צו נעמען זייער שכר. אונ ער איז אויך אריין גיגאנגען אונ האט גינומען זיין שכר אין גאנצען. פאר דעם גאנצען טאג. האבען די ארבעטער אן גיהויבען אין כעס צו ווערין אונ האבען גזאגט מיר האבן אונז גימאטערט אגאנצען טאג. אונ ער האט ניט מער גיארבעט נאר צוויי שעה אין גאנצין

כך ינע רבי בון בר חייא בתורה לכ"ח שנה מה שלא ינע תלמיד ותיק במאה שנה :

ד רבי זעירא כד סליק להכא אקיז דם אזל בעי מזבן חדא ליטרא דקופר מטבחא . אמר ליה בכמת הדין ליטרא אמר ליה בהמשין מני והד קורס אמר ליה סב לך שתין ולא קבל עלוי סב לך שבעין ולא קבל עלוי סליק עד דמטי למאה ולא קבל עלוי אמר ליה עביד כמנהגך ויהיב ליה . ברמשא נחת לבי ועדא אמר לון לרבנן כה ביש הדין מנהגא דהכא דלא אכיל בר נש ליטרא דקופר עד דמהו ליה חד קורסן. אמרו ליה מאי האי אמר לון דאי לא לקי לא אכיל בישרא אמרו ליה למה תני לון עובדא שלחין בעון לאיתויי אשכחן ארניה נפיק אמר ליה מאי כל הכון אמר לון וייתי עלאי דלא כעסית עלוי מסבר מנהגא הוא כן אלא (ישעיה כח) ועתה אל תתלוצצו פן יחזקו מוסריכם . רבי פנחס אמר קשה ליצנות שתחלתה יסורין וסופו

וקופר נשר : קורבן . מלקות : שתין : אהן לך יותר זלא הלקוני : דמכו . מכין : הני נון . סיפר נכס כמעשה : לאתויי. נקלב : ארניס . שמת : וייכי עלאי. הכא עלי אס כעסתי עליו שכייתי סוכר שהמנהג הוא כך :

טָאג . און ער נֶעמְט שְׂכַר פַאר אַגַאנְצִין טָאג . הָט דֶער מֶלֶךְ גֶזָאגְט צוּ דִי אַרְבֶּעטֶער דֶער הָאט אָפּ גֶיאַרְבֶּעט אִין צְוֵויי שָׁעָה . וָוס אִיר הָט נִיט אָפּ גֶיאַרְבֶּעט אִין גַאנְצִין טָאג . אַזוֹי הָאט רַבִּי בּוּן בַּר חִיָיא אָפּ גֶיאַרְבֶּעט אִין דִי תּוֹרָה אִין אַכְט אוּנ צְוַואנְצִיג יָאהר וָוס אַיין אַנְדֶער תַּלְמִיד וֶועט נִיט אָפּ אַרְבֶּעטִין אִין הוּנְדֶערְט יָאהר אִיז דֶער טַייטְשׁ אִין פָּסוּק מְתוּקָה שְׁנַת הָעוֹבֵד וִויא זִיס אִיז דֶער אֵייבִּיגֶער שְׁלָאף נָאךְ דֶעם טוֹיט פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס הָט גֶעדִינְט גָאט אִם מְעַט סַיי עֶר הָאט וֶוינִיג גֶעדִינְט גָאט (ווייל ער הָאט וֶוינִיג גִילֶעבְּט) וְאִם הַרְבֵּה אוּנ סַיי עֶר הָאט פִיל גֶעדִינְט גָאט (ווייל עֶר הָאט לַאנְג גִילֶעבְּט יאכל וֶועט עֶר אוֹיף עֶסִין אוֹיף עוֹלָם הַבָּא) :

ד אַז רַבִּי זְעִירָא אִיז אוֹיף גִיגַאנְגֶען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הָאט מֶען אִיהם גִיעֶפִּינְט אַז עֶר עֶס זָאל אַרוֹיס גֵיין בְּלוּט אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען אוּנ הָאט גִיוָואלְט קוֹיפֶען אַיין פוּנְט פְלֵייש פוּן קַצָּב רַבִּי זְעִירָא זָאגְט צוּם קַצָּב . וִויא פִיל ווילְסְטוּ פַאר דֶעם פוּנְט פְלֵייש זָאגְט דֶער קַצָּב צוּא רַבִּי זְעִירָא פוּפְצִיג גִילְדִין אוּנ אַיין קְלַאפּ מִיט אַשְׁטֶעקִין מוּזְטוּ אוֹיךְ בֶּעקוּמֶען . זָאגְט רַבִּי זְעִירָא צוּ דֶעם קַצָּב נֶעם זֶעכְצִיג גִילְדִין . נָאר זָאלְסְט מִיךְ נִיט שְׁלָאגִין . הָט דֶער קַצָּב נִיט גִיוָואלְט נֶעמֶען . הָט רַבִּי זְעִירָא גֶזָאגְט צוּם קַצָּב נֶעם זִיבֶּעצִיג גִילְדִין . נָאר זָאלְסְט מִיךְ נִיט שְׁלָאגֶען . הָאט דֶער קַצָּב נִיט גִיוָואלְט נֶעמֶען . הָט רַבִּי זְעִירָא אִיהם גִיבֶּעסֶערְט בִּיז הוּנְדֶערְט גִילְדִין . נָאר עֶר זָאל אִיהם נִיט שְׁלָאגִין . אוּנ דֶער קַצָּב הָט נִיט גִיוָואלְט נֶעמֶען . הָאט רַבִּי זְעִירָא גֶזָאגְט צוּם קַצָּב טוּה וִויא דַיין מִנְהָג אִיז . הָט רַבִּי זְעִירָא אִיהם גִיגֶעבִּין פוּפְצִיג גִילְדִין אוּנ דֶער קַצָּב הָאט אִיהם גִישְׁלָאגֶען אוּנ הָאט אִיהם גִיגֶעבֶּען דֶעם פוּנְט פְלֵייש . בַּיי נַאכְט אִיז רַבִּי זְעִירָא גִיגַאנְגֶען אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ . הָט רַבִּי זְעִירָא גֶזָאגְט צוּ דִי רַבָּנָן וִויא שְׁלֶעכְט אִיז דֶער מִנְהָג פוּן דַאנֶען אַמֶענְטְשׁ קֶען נִיט עֶסִין אַפוּנְט פְלֵייש בִּיז מֶען שְׁלָאגְט אִיהם אַיין קְלַאפּ מִיט אַשְׁטֶעקִין . הָאבֶּען דִיא חֲכָמִים גֶזָאגְט צוּ רַבִּי זְעִירָא וָוס אִיז דָס . הָט רַבִּי זְעִירָא גֶזָאגְט צוּ דִי חֲכָמִים אוֹיבּ מֶען שְׁלָאגְט אִיהם נִיט עֶסְט עֶר נִיט קֵיין פְלֵייש . הָאבֶּען דִי רַבָּנָן גֶזָאגְט צוּ רַבִּי זְעִירָא פַר וָואס . הָאט רַבִּי זְעִירָא דֶער צֵיילְט צוּ דִי רַבָּנָן דִי מַעֲשֶׂה פוּן דֶעם קַצָּב . הָאבֶּען דִי רַבָּנָן גֶעשִׁיקְט מֶען זָאל בְּרֵיינְגֶען דֶעם קַצָּב . הָט דֶער שָׁלִיחַ גִיטְרָאפֶען דֶער קַצָּב אִיז שׁוֹין גִישְׁטָארְבֶּען אוּנ מֶען פִירְט אִיהם אִין אַקַאסְטֶען צוּם בַּגְרָאבֶּען . הָאבֶּען דִי חֲכָמִים גֶזָאגְט צוּ רַבִּי זְעִירָא וָוס אִיז דָא גִיוֶוען בַּיי דִיר מִיט דֶעם קַצָּב . הָט רַבִּי זְעִירָא גֶזָאגְט צוּ דִיא חֲכָמִים זָאל אוֹיף מִיר קוּמֶען אַקְלָלָה אוֹיבּ אִיךְ בִּין אִין כַּעַס גִיוֶוען אוֹיף אִיהם . אִיךְ הָאבּ גִימֵיינְט בַּיי אַיךְ אִיז אַזוֹי דֶער מִנְהָג . נָאר פוּן דַאנֶען וֶועט מִיר וִויא אֶכֶת וֶוענֶען דִי רֵייד פוּן נָבִיא וָוס עֶר הָאט גֶזָאגְט . אוּנ אִיצְט זָאג אִיךְ אַייךְ אִיר זָאלְט נִיט לַאכֶען פוּן מֶענְטְשִׁין . טָאמֶער וֶועט גִישְׁטַארְקְט וֶוערִין אַייֶער שְׁטְרָאף . אַזוֹי וִויא דֶער קַצָּב הָט גִילַאכְט פוּן רַבִּי זְעִירָא . אַזוֹ אִיז עֶר גִישְׁטְרָאפְט גִיוָוארִין אַז עֶר אִיז בַּאלְד גִישְׁטָארְבֶּען . רַבִּי פִּנְחָס זָאגְט וִויא שְׁוֶוער אִיז דֶער שְׁטְרָאף אַז מֶען לַאכְט פוּן אֵיינֶעם אוּנ מֶען פַר שֶׁעמְט אִיהם .

סופו כליה שנאמר ועתה אל תתלוצצו פן יחזקו מוסריכם נמצא סוף פסוקין. מתיבת ודברת מיוסדת דהשתא:
וסופו כליה דכתיב כי כלה ונחרצה וגו' :

אין עומדין פרק חמישי

א תני לא יעמוד אדם ויתפלל לא מתוך שחוק ולא מתוך שיחה ולא מתוך קלות ראש וכו' אלא מתוך דברי תורה . וכן לא יפטר מחברו וכו' שכן מצינו בנביאים שהיו חותמים דבריהם מדברי שבח ונחמות אמר רבי אלעזר חוץ מירמיה שחתם בדברי תוכחות וכו' כלתוב לעיל בפרק זה עד והכתיב (איכה ה) כי אם מאוס מאסתנו השיבנו תתת כי אם מאום וגו' ואף אליהו לא נפטר מאלישע אלא מתוך דברי תורה דכתיב (מלכים ב ב) ויהי הכה הולכים הלוך ודבר במה היו עסוקין רבי אחא אמר בק"ש היו עסוקין היך כמו דכתיב (דברים ו) ודברת בם רבי יודן אמר בבריאת עולם היו עסוקין היינו דכתיב (תהלים לג) בדבר ה' שמים נעשו . רבי יודן בריה דרבי אבין אמר בנחמות ירושלים היו עסוקין הה"ד (ישעיה מ) דברו על לב ירושלים . רבנן אמרי במרכבה היו עסוקין הה"ד (מלכים ב ב) והנה רכב אש וסוסי אש וגו' . רבי חזקיה בשם רבי יוחנן אמר לעולם אל יהא זה הפסוק הזה מתוך פיך (תהלים מו) ה' צבאות עמנו משגב לנו וגו' . רבי יוחי בשם רבי יוחנן אמר וחבריה (שם פד) ה' צבאות אשרי אדם בוטח בך :

אין אנהייב שטראפט מען איהם מיט יסורים . אונ אין סוף אז ער טוהט ניט תשובה , ווערט ער פאר לענט . שטארבט ער . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער נביא זאגט צו די יודען . איך זאג אייך איצט איר זאלט ניט לאכען . טאמער ווערט איר שטארק געשטראפט ווערין אונ אין סוף ווערט מען פר לענדט . מען שטארבט . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אפאר לענדונג אונ אפאר שניידונג וועט קומען אויף די וואס לאכען אונ פר שעמען :

פרק חמישי

א תני . אמענטש זאל זיך ניט שטעלען דאווענען . ניט פון געלעכטער . אונ ניט פון שמועסין . אונ ניט פון אגרינגען קאפ . ודאס מיינט מען ניט פון גאווה . נאר פון לערנען . אמענטש זאל ניט אוועק גיין פון זיין חבר . נאר פון אדין שמועסין . ווארום אזוי געפינען מיר ביי די נביאים זיי פלעגין אויס לאזין זייערע רייד מיט לויב אונ מיט טרייסטונג . האט רבי אלעזר גיזאגט אויסער ירמיה הנביא ער האט אויס גילאזען זיין ספר מיט שטראף רייד . אליהו הנביא איז אויך ניט אוועק גיגאנגען פון אלישע נאר פון תורה לערנען . ווארום עס שטייט אין פסוק אליהו הנביא מיט אלישע הנביא זענען גיגאנגען אונ האבען גירעט . פון וועלכע זאך האבען זייא גירעט . רבי אחא זאגט בקריאת שמע היו עסוקין . זייא האבען גילייענט קריאת שמע . אזוי וויא ביי קריאת שמע שטייט ודברת בם . דוא זאלסט ריידען אין זייא . אונ דא שטייט אויך זיי זענען געגאנגען אונ גירעט . האבין זייא גירעט קריאת שמע . רבי יודן זאגט זיי האבין גירעט פון די בשאפונג פון די וועלט אזוי וויא עס שטייט . מיט די רייד פון גאט איז די הימל בשאפען געווארען רבי יודן דער זוהן פון רבי אבין האט גיזאגט זייא האבען גירעט ווען וועט ירושלים גיטרייסט ווערין אויף אייביג דאס שטייט אין פסוק איר זאלט ריידען אויף די הארץ פון ירושלים אונ איר זאלט מרייסטען . די רבנן זאגין זיי האבין גירעט אין מעשה מרכבה דאס שטייט אין פסוק אונ אפייערדיגער רייט וואגען אונ אפייערדיגע פערד זענען אראפ גישיקט ווייל זיי האבען גירעט פון די מרכבה . רבי חזקיה זאגט פון רבי יוחנן ווענין דר פסוק זאל קיין מאהל ניט אוועק גיין פון דיין מויל : יי צבאות עמנו משגב לנו אלהי יעקב סלה . רבי יוחי זאגט פון רבי יוחנן ווענין אונ דעם אנדערין פסוק אויך : יי צבאות אשרי אדם בוטח בך .

קמעא. בנחת:
מגבה. מרוד: והכישו. נכתו: נכית. נושך:
מאית. מת:

ב אמר רבי פנחס המתפלל בבית הכנסת כאלו מקריב מנחה טהורה מה טעם (ישעיה סו) כאשר יביאו בני ישראל את המנחה בכלי טהור בית ה׳ דבי ירמיה אמר (ישעיה נה) דרשו ה׳ בהמצאו היכן הוא מצוי בבתי כנסיות ובבתי מדרשות אמר רבי ולא עוד אלא שהש״י עומד על גבם שנאמר (תהלים פב) אלהים נצב בעדת אל. רבי הונא אומר זה שהוא הולך לבית הכנסת צריך להקל את רגליו שנאמר (הושע ו) ונדעה נרדפה לדעת את ה׳ וכשהוא יוצא צריך להלך קימעא ומה טעם (איוב יד) כי עתה צעדי תספור;

ג רבי חנינא בן דוסא היה עומד ומתפלל ובא חברבר והכישו ולא הפסיק את תפלתו והלכו ומצאו אותו חברבר מת ומוטל על גב חורו אמרו אוי לאדם שנשכו חברבר ואוי לו לחברבר שנשך את רבי חנינא בן דוסא ומה עסקיה דהדין חברבר כד הוא נכית לבר נש אי בר נש קדים למיא חברברא מאית ואי חברברא קדים למיא בר נש מאית אמרו ליה תלמידיו רבי ולא הרגשת אמר לון יבא עלי מתוך שהיה לבי מכוון בתפלה אם הרגשתי אמר רבי יצחק ברא לו הקב״ה מעין תחת כפות רגליו לקיים מה שנאמר (תהלים קמה) רצון יראיו יעשה ואת שועתם ישמע ויושיעם:

ב רבי פינחס האט געזאגט דער וואס דאווענט אין שול איז גלייך וויא ער וואלט מקריב געוועזן א ריינע מנחה. פר וואס. אזוי וויא ישעיה הנביא האט געזאגט דער וואס דאווענט אין די הויז פון גאט. איז ער גלייך וויא די יודען וואס ברייגגען א מנחה אין א כלי וואס איז טהור. רבי ירמיה זאגט עס שטייט אין פסוק איר זאלט פארשטין גאט אין דעם ארט וואו ער ווערט געפונען ווא ווערט גאט געפונען אין שול און אין בית מדרש. האט רבי געזאגט און ניט נאר דאס נאר נאך מעהר נאר גאט אליין שטייט ביי זיי אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט שטייט ביי די עדה וואס לויבען צו אים. רבי הונא זאגט דער וואס גייט אין שוהל דארף גרינג מאכען זיינע פיס. ער זאל גיין געשווינד אזוי וויא עס שטייט אין פסוק מיר וועלין וויסען מיר וועלין נאך יאגען צו וויסען גאט. אז ער גייט ארויס פון שוהל דארף ער גיין א ביסעל פאמעלאך. פר וואס. אזוי וויא איוב האט געזאגט איצט וועסטו ציילען מיינע טריט. ער פלעגט גיין פון שוהל פאמעלאך אז מען האט געקענט ציילען זיינע טריט:

ג רבי חנינא בן דוסא איז געשטאנען און האט גידאווינט שמונה עשרה איז געקומען א שלאנג און האט אים געביסען און ער האט ניט אויף געהערט צו דאווענען איז מען געגאנגען און מען האט געפונען דער חברבר ליגט אויף זיין לאך טויט האט מען געזאגט וויא צו דעם מענטשין וואס א חברבר האט אים געביסען און וויא צו דעם חברבר וואס ער האט געביסען רבי חנינא בן דוסא. וואס איז מיט דעם חברבר אז ער בייסט צו א מענטש אויב דער מענטש קומט פריער צום וואסער. פייגערט דער חברבר. און אויב דער חברבר קומט פריער צום וואסער שטארבט דער מענטש. האבען די תלמידים געזאגט צו רבי חנינא רבי האסט גאר ניט געשפירט וויא דער חברבר בייסט דיך האט רבי חנינא געזאגט צו די תלמידים זאל אויף מיר קומען א קללה אויב איך האב געשפירט וויא דער חברבר בייסט מיך. ווייל מיין הארץ האט געטראכט נאר אין מיין תפלה. רבי יצחק האט געזאגט. גאט האט בשאפען א קוואל וואסער אונטער די פיס פון רבי חנינא צו מקיים זיין וואס עס שטייט אין פסוק גאט טוהט דעם ווילען פון די וואס האבען מורא פאר איהם. און גאט הערט זייער געשרייא און ער העלפט זיי:

סליק סדר זרעים

ספר

עין יעקב

חלק ראשון

אלל כל האגדות מתלמוד בבלי וירושלמי, הנמצאות במסכת,

שבת, (מסדר מועד).

עם פירוש רש"י בשלמותו והחדושים שנתוספו בו, ככל הנדפס

בספר **עין יעקב** הגדול.

גם איזה מאמרים, מתוספות, מהרש"א, הרי"ף, ועיון יעקב.

גם ציוני הדפים בש"ס, וציוני המקראות בתנ"ך, ובפנים סג"ם :

ונוסף על זה פירוש **עברי דייטש** הנהוג במדינתנו

נעתק ע"י ה"ר **יוסף מאיר יעבין** מעתיק **המשניות** ע"ש

ווארשא

בדפוס **ישראל ברוך** ב"ר יוסף ז"ל, הכהן **אלאפין** נ"י.

בשנת **תרמ"ו** לפ"ק

Ѳнъ Іаковъ

ТОМЪ I

ВАРШАВА

1886 г.

въ Типографіи И. О. Алапина Налевки № 41

(ג ע"ב) **א אמר** ליה רב חייא לרב בר פחתי לא אמינא לך כי קאי רבי בהא מסכת לא תשייליה במסכת אחריתי דילמא לאו אדעתיה דאי לאו דרבי גברא רבה הוא כספתיה דמשני לך שנויא דלאו שנויא הוא השתא מיהת שפיר משני לך:

(ט ע"ב) **ב מאימתי** התחלת תספורת אמר רבי אבין משיניח מעפורת של ספרין על כתפיו ומאימתי התחלת מרחץ אמר רבי אבין משיערה מעפרתו הימנו ומאימתי התחלת בורסקי משיקשור בין כתפיו ומאימתי התחלת אכילה רב אמר משיטול ידיו ורבי חנינא אמר משיתיר חגורה ולא פליגי הא לן והא להו:

(דף י) **ג רבא** בר רב הונא רמי פוזמקי ומצלי אמר (עמוס ד) הכון לקראת אלהיך ישראל. רבא שדי גלימא ופכר ידיה ומצלי אמר כעבדא קמי מריה.

אמר

בר פחתי. בן גדולים: לא תשייליה. כלומר שאין לבו למסכת זו שמא יתבייש:

מאימתי התחלת תספורת. דנימא שוב אינו מפסיק כדתנן אם התחילו וכו': מעפורת. סודר ונותנו על ברכיו שלא יפול השער על בגדיו:

משיערה מעפרתו הימנו. סודרו שהוא ראשון להפשטת בגדיו: משיקשור בין כתפיו. את בתי זרועותיו שקורין ברצליי"ש בלע"ז: הא לן והא להו. בני בבל היו חוגרים את עצמם בחוזק וכשאוכלים צריכים להתירה ובני ארץ ישראל לא היו נוהגים כן בהתרת חגורה קודם נטילת ידים:

רמי פוזמקי. מין אנפילאות השונות ברגליו ובלע"ז קאלסונין: הכון לקראת אלהיך ישראל. התנאה לפניו: שדי גלימיה. משליך אדרתו מעליו שלא יראה כחשוב: ופכר ידים. תופק ידיו

פרק ראשון

א אמר. רבי חייא האט געזאגט צו רב דוא יחסן האב איך דען דיר ניט געזאגט ווען רבי לערנט דיא מסכת זאלסטו איהם ניט פרעגען פון קיין אנדער מסכתא. טאמער האט ניט רבי אין זינען דיא מסכתא וואס דוא פרעגסט איהם פון איר. ווארום ווען רבי וואלט ניט געווען אגרויסער למדן וואלסטו איהם פאר שעמט. ער וואלט דיר געענטפערט אזוי אתירוץ וואס עס איז ניט קיין תירוץ. וואלט מען געזאגט אז רבי ווייס ניט צו פאר ענטפערן דיין קשיא. אבער איצט האט ער דיר גוט געענטפערט:

ב מאימתי. ווען איז דער אנהייב פון שערין. אז ער האט אן גיהויבין דארף ער ניט מפסיק זיין אפילו צום דאווענען. האט רבי אבין געזאגט אז ער האט געלייגט אויף זיינע אקסלין דעם פארטוך פון דער שערערס. דיא האר זאל ניט פאלען אויף זיינע קליידער. דארף ער שוין ניט מפסיק זיין ביז נאך דעם אפ שערין. ווען איז דער אנהייב פון באדין זיך. אז ער האט אן גיהויבען דארף ער ניט מפסיק זיין. האט רבי אבין געזאגט אז ער נעמט נאר אראפ פון זיך דאס אויבערשטע קלייד. דארף ער שוין ניט מפסיק זיין ביז נאך דעם באדין. ווען איז דער אנהייב ארבעט פון אגארבאר. אז ער האט אן גיהויבען דארף ער ניט מפסיק זיין. אז ער בינט אן דעם פארטוך ארום דיא אקסלען. ער זאל זיך נעמען צו דיא ארבעט. דארף ער ניט מפסיק זיין ביז ער ענדיגט די ארבעט. ווען איז דער אנהייב פון עסין. אז ער הט אנגיהויבין דארף ער ניט מפסיק זיין. רב זאגט אז ער וואשט דיא הענט. אונ רבי חנינא זאגט אז ער בינט אויף דעם גארטיל. אונ זייא קריגען ניט. ביי אונז (ביי דיא מענטשין פון בבל) איז דער מנהג אפ צו בינדען דעם גארטיל פאר דעם עסין. איז דער אנהייב פון עסין ווען מען בינט אפ דעם גארטיל. אונ ביי זייא (בייא דיא מענטשין פון ארץ ישראל) וואס זייא בינדין ניט אפ דעם גארטיל צום עסין. איז ביי זיי דער אנהייב פון עסין. ווען מען וואשט די הענט:

ג רבא דער זוהן פון רב הונא אז עס פלעגט קומען דיא צייט פון דאווענען. פלעגט ער אן טאהן שיינע שיך אונ זאקין אונ האט גיבאווינט. ער האט געזאגט עס שטייט אין פסוק דער נביא הט געזאגט צוא דיא יודען דוא זאלסט דיך אן ברייטין געגין גאט. דו זאלסט דיך שיין אן טאהן אז דוא גייסט בעטין פאר גאט. רבא פלעגט אראפ ווארפען פון זיך דעם אויבערשטין מאנטיל. אונ פלעגט צו זאמען לייגען דיא הענט: אונ האט גידאווינט. ער האט

אמר רב אשי חזינא ליה לרב כהנא כי איכא צערא בעלמא שדי גלימיה ופכר ידיה ומצלי אמר כעבדא קמי מריה כי איכא שלמא לביש ומתכסי ומתעטף ומצלי אמר הכון לקראת אלהיך ישראל. רבא חזייה לרב המנונא דקא מאריך בצלותיה אמר מניחין חיי עולם ועוסקים בחיי שעה והוא סבור זמן תפלה לחוד וזמן תורה לחוד. רבי ירמיה הוה יתיב קמי דרבי זירא והוו עסקי בשמעתא נגה לצלויי והוה קא מסרהב רבי ירמיה קרי עליה רבי זירא (משלי כח) מסיר אזנו משמוע תורה גם תפלתו תועבה:

בלבושיו כאדם המצטער מאימת רבו: חיי עולם. תורה ותפלה ערך חיי שעה היא לרפואה לשלום למזונות: נגה. איחר: מסרהב. ממהר לעמוד: (מסיר אזנו משמוע תורה. משום שרוצה להתפלל אעפ"כ תפלתו תועבה. ימהרש"א): עמודי. שעליות ב"ה נכון ונשען עליהם: חליש ליבייהו. מצטערים שלא עסקו אותו היום בתורה: תנא להו חייא בר רב. שגדול שכר הדיינים ולא יצטערו ול"נ דאין זה משמעות לשון ליבייהו אלא

ד רב אמי ורב אסי הוו יתבי וגרסי ביני עמודי וכל שעתא ושעתא הוו טפחי אעיברא דדשא ואמרי אי איכא דאית ליה דינא ליעול וליתי. רב חסדא ורבה בר רב הונא הוו יתבי בדינא כולי יומא הוה קא חליש ליבייהו תנא להו רב חייא בר רב מדפתי (שמות יח) ויעמוד העם על משה מן הבקר עד הערב וכי תעלה על דעתך שמשה יושב ודן כל היום כולו תורתו מתי נעשית אלא לומר לך כל דיין שדן דין אמת לאמתו אפילו שעה אחת מעלה

גזאגט מען דארף שטיין פאר גאט אזוי וויא אקנעכט שטייט פאר זיין האר: רב אשי האט גזאגט איך האב געזעהן וויא רב כהנא האט גיטאהן, אז עס איז געוועזן אצער אויף דיא וועלט. האט ער אראפ גיווארפען פון זיך דעם אויבערשטין מאנטיל. אונ פלעגט צו זאמען לייגין די הענט. אונ האט גידאווינט. ער האט גזאגט מען דארף שטיין פאר גאט אזוי וויא אקנעכט שטייט פר זיין האר. אז עס איז געוועזן שלום אויף דער וועלט האט ער אן גיטאהן אשיינע קלייד. אונ האט זיך צו גידעקט. אונ האט זיך איינגעהילט אין זיין מאנטיל. אונ האט גידאווינט. ער האט גזאגט דוא ישראל זאלסט דיך אנבערייטען געגין דיין גאט [וויא פריער שטייט]. רבא האט גיזעהן אז רב המנונא דאווינט זייער לאנג האט רבא גזאגט זייא לאזין אוועק דאס אייביגע לעבין [תורה לערנען]: אונ זארגין פאר דעם לעבין פון דיא וועלט וואס דאס איז נאר אקורצע צייט: דאווענען איז דאך נאר פאר דיא וועלט. פרנסה. רפואה. אונ נאך אזעלכע זאכען. אונ רב המנונא האט גיטראכט דיא צייט פון דאווענען איז בזונדער: אונ דיא צייט פון תורה לערנען איז בזונדער. רבי ירמיה איז גיזעסין פאר רבי זירא אונ זייא האבען גילערנט איז שפעט גיווארין צום דאווענען האט זיך רבי ירמיה גיאיילט צוא גיין דאווענען האט רבי זירא אויף איהם גילייענט דעם פסוק דער וואס טוט אפ זיין אויער פון צוא הערין תורה. דער וואס וויל ניט לערנען אדער הערין תורה. ווייל ער איילט זיך צו גיין דאווענען איז זיין דאווענען אומווירדיג [ניט אנגינומען] ביי גאט:

ד רב אמי אונ רב אסי פלעגין זיצען אונ לערנען אין בית המדרש צווישען די זיילען. אונ אלע שעה פלעגין זייא אן קלאפין אויף די טיר אונ זיי האבין גיזאגט ווער עס דארף האבין אדין תורה זאל ארייין קומען. רב חסדא אונ רבה בר רב הונא זענען גיזעסין אגאנצען טאג אונ האבען גיפסקנט דין תורות. איז זיי שוואך גיווארין זייער הארץ. וויא האבען גיהאט צער פר וואס זיי האבין אגאנצין טאג ניט גילערנט. האט רב חייא בר רב פון דפתי גילערנט צו רב אמי אונ רב אסי. עס שטייט אין פסוק דאס פאלק איז גישטאנען ביי משה פון פריא ביז נאכט וועט דען אויף גיין אויף דיין מיינונג אז משה רבינו איז גיזעסין אונ גמשפט דיא יודין אגאנצע טאג פון פריא ביז נאכט ווען איז גימאכט גיווארין די תורה. ווען האט ער גילערנט. נאר באמת האט משה רבינו גמשפט דאס פאלק צוויי אדער דריי שעה אין טאג. וואס דען שטייט אין דיא תורה פון פריא ביז נאכט נאר דיא תורה קומט דיר זאגין יעדער דיין וואס ס משפט אאמתין דין. אפילו עס האט נאר גידויערט אקליינע צייט רעכינט איהם דער

מעלה עליו הכתוב כאלו נעשה שותף להקדוש ברוך הוא במעשה בראשית כתיב הכא ויעמוד העם על משה מן הבקר עד הערב וכתיב התם (בראשית א) ויהי ערב ויהי בוקר יום אחד. עד מתי יושבין בדין. אמר רב ששת עד זמן סעודה. אמר רב חמא מאי קראה דכתיב (קהלת י) אי לך ארץ שמלכך נער ושריך בבקר יאכלו אשריך ארץ שמלכך בן חורין ושריך בעת יאכלו בגבורה ולא בשתי בגבורה של תורה ולא בשתיה של יין. תנו רבנן שעה ראשונה מאכל לודים שניה מאכל לסטים שלישית מאכל יורשים רביעית מאכל כל אדם חמישית מאכל פועלים ששית מאכל ת"ח מכאן ואילך כזורק אבן לחמת

לשון חלש דעתייהו ולשון חלש ליבייהו לשון תענית הוא שנא׳ סעדו כל היום תנא להו חייא בר רב שאין צריכין ליסב ולדון כל היום אלא מקצת היום ומה שאומר מן הבקר עד הערב מדרש הוא שמשוב הדבר כמעשה בראשית שנאמר ערב ובקר: לודים. אומה שקורים קוליב"ש ואוכלי אדם הם והם רעבתנים: מאכל יורשים. יורשי הון רב שלא טרחו בו ואין עוסקים ודואגים לבוא אחר מזונותם ולעסוק במלאכתם: כזורק אבן לחמת. וקשה לגוף ול"נ לא קשה ולא יפה:

פסוק גליך. וויא ער וואלט גיוועזן אשותף צו גאט אין ארץ וואס גאט האט בשאפען. דא בייא משפט שטייט דאס פאלק איז גישטאנען בייא משה מן הבקר עד הערב פון פריא ביז נאכט. שטייט דא דיא ווערטער בקר אונ ערב. אונ דארט ווען גאט האט בשאפען די וועלט שטייט אויך ויהי ערב ויהי בקר יום אחד. עס איז גיוועזן אבענד אונ פריא דעם ערשטין טאג. אונ אזוי ווייטער אלע טאג ביז דעם זעקסטין טאג. שטייען אויך דיא ווערטער ערב אונ בקר; צו לערנען אונז אז דער וואס משפט אמתין דין איז ער אזוי וויא אשותף צו גאט אין דער וועלט. ווארום גאט האט דיא וועלט בשאפין. אונ ווען עס איז גיוועזן גזלה אויף דער וועלט; האט גאט גיבראכט אמבול אונ האט פארפלייצט דיא וועלט ביז זיא איז וויסט גיווארין. אונ אז דער דיין משפט אמתין דין אונ ער זעהט עס זאל ניט זיין קיין גזלה. האלט ער אויף דיא וועלט זיא זאל ניט פאר וויסט ווערין. אפילו דער דיין האלט נאר אפ פון גזלה אין זיין שטאט אליין. איז אויך גינוג דיא וועלט זאל ניט וויסט ווערין. ווארום גאט האט אנדערש ניט גיבראכט אמבול סיידין עס איז גיוועזן גזלה אויף די גאנצע וועלט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ותמלא הארץ חמס דיא גאנצע ערד איז פול גיווארין מיט רויב. אבער אז עס איז נאר דא איין ארט וואס דארט איז ניטא קיין גזלה. ווערט שוין גאט ניט פארפלייצען דיא וועלט מיט אמבול, האלט דאך דער דיין אויף דיא וועלט. דריבער איז ער אזוי וויא אשותף צו גאט. גאט האט בשאפען. אונ דער דיין האלט איהר אויף. דריבער איז בייא רב אמי אונ רב אסי גיוועזן צווייא זאכען; איין מאהל זייא בדארפין זיך ניט מצער זיין וואס זייא האבין ניט גילערנט אגאנצין טאג. וואס איז דער חילוק. תורה לערנען האלט אויף דיא וועלט. אונ דין האלט אויף דיא וועלט. אונ דאס אנדערע זייא דארפען ניט זיצען אגאנצין טאג בייא דיא דין תורות. ווארום איין דין תורה אמתה איז אויך גינוג אויף צו האלטין די וועלט]. ביז וויא לאנג דארף בית דין זיצען משפטין האט רב ששת גזאגט ביז דיא צייט פון עסין. הט רב חמא גזאגט פון וועלכין פסוק ווייסען מיר אז דיא דיינים דארפין משפטין ביז דיא צייט פון עסין. ווארום עס שטייט איי פסוק וויי צו די לאנד וואס דיין קעניג איז יונג אונ דיינע הארין עסין באלד אין דער פריא. וואוהל צו די לאנד וואס דיין קעניג איז פריי פון אלע תאוות. אונ משפט ערליך די מדינה אונ דיינע אהרין עסין אין דיא צייט. אין שטארקייט אונ ניט אין טרינקען. זיי פאר נעמען זייער צייט אין די שטארקייט פון דיא תורה אונ ניט אין וויין טרינקען. דיא רבנן האבען גילערנט דיא ערשטע שעה אין טאג עסין דיא לודים ודאס איז אזוי אפאלק וואס עסין מענטשין]. די אנדערע שעה אין טאג עסין גזלנים. דיא דריטע שעה אין טאג עסין די מענטשין וואס האבען ירושה גערט. דיא פערטע שעה אין טאג איז די צייט וואס אלע מענטשין עסין. די פינפטע שעה אין טאג עסין ארבעטער. דיא זעקסטע שעה אין טאג עסין דיא מענטשין וואס לערנען אין דער פריא נאך דעם דאווענען אדער אגאנצע טאג. דער וואס עסט

ויקרא לו. גרסי' לה"ג ה' שלום: הימנותא. להזכיר אמונה בב"כ:

צריך להודיעו. מתן פלוני אתן לך וזהו דרך כבוד דמתא יתביים לקבלה ומתוך כך מתהלים בדברים ואיזו בוש בדבר וכן אם נתנה בביתו שלא מידיעתו צריך להודיעו שמידו באה לו שמתוך כך יבא אוהבו. לדעת כי אני ה' וגו'. להודיעם אני

להחמת אמר אביי לא אמרן אלא דלא טעים מידי בצפרא אבל טעים מידי בצפרא לית לן בה:

(ס"ב) **המסייע** ליה לרב המנונא משמיה דעולא דאמר אסור לאדם שיתן שלום לחבירו בבית המרחץ משום שנאמר (שופטים ו) ויקרא לו ה' שלום אלא מעתה הימנותא נמי אסור למימר בבית הכסא דכתיב האל הנאמן וכי תימא הכי נמי והאמר רבא בר מחסיא א"ר חמא בר גוריא א"ר שרי למימר הימנותא בבית הכסא התם שם גופיה לא איקרי הכי דמתרגמינן אלהא מהימנא הכא שם גופיה איקרי שלום דכתיב ויקרא לו ה' שלום:

ואמר רבא בר מחסיא אמר רב חמא בר גוריא אמר רב הנותן מתנה לחברו צריך להודיעו שנאמר (שמות לא) לדעת כי אני ה' מקדשכם. תניא נמי הכי לדעת כי אני ה' מקדשכם אמר ליה הקדוש ברוך הוא למשה מתנה טובה יש לי בבית גנזי ושבת שמה ואני מבקש

שפעטער נאך דיא זעקסטע שעה. דאס עסין וואס ער לייגט אריין אין בויך. איז גלייך וויא מען ווארפט אריין אשטיין אין אקאניל. הט אביי גזאגט ווען טויג ניט דאס עסין וואס מען עסט נאך דיא זעקסטע שעה. נאר אז ער האט נאך גאר ניט פאר זוכט קיין עסין דעם טאג. אבער אז ער האט נאר עפעס אר זוכט אין דער פריא שאדט שוין ניט וואס ער עסט נאך די זעקסטע שעה:

ה מסייע. איז אראיה צו רב המנונא וואס ער האט גזאגט פון עולאס וועגין. וואר־ום עולא האט גזאגט אמענטש טאר ניט געבין שלום צו זיין חבר אין אבאד. ווייל עס שטייט אין פסוק גדעון האט גירופען צו גאט ה' שלום. איז דאך שלום דער נאמען פון גאט. דריבער טאר מען ניט זאגין דעם ווארט שלום אין אבאד. פרעגט דיא גמרא דארף מען דאך ניט טארין זאגין דעם ווארט אמונה אין בית הכסא. ווארום עס שטייט אין פסוק דער בגלויבטער גאט. אפשר וועסטו וועלין זאגין עס איז טאקי אזוי. מען טאר טאקי ניט זאגין דעם ווארט אמונה אין בית הכסא. רבא בר מחסיא הט דאך גזאגט. רב חמא בר גוריא הט גזאגט פון רבס וועגין מען מעג זאגין דעם ווארט אמונה אין בית הכסא. ענפערט די גמרא ביי דעם ווארט אמונה: איז אנדערש. דר נאמן פון גאט ווערט ניט גירופן אמונה. ווארום דר תרגום טייטשט דעם האל הנאמן. אלהא מהימנא. אבגלויבטער גאט. אבער דא ביי דעם ווארט שלום. דער נאמען פון גאט ווערט גירופען שלום. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גדעון האט גירופען צוא גאט ה' שלום:

ו אמר. רבא בר מחסיא הט גזאגט רב חמא בר גוריא הט גזאגט פון רבס וועגין אז איינער וויל שיינקען אמתנה צו זיין חבר. דארף ער איהם פריער זאגין איך וויל דיר שיינקען די זאך. אונ אז ער פאר לאנגט די מתנה זאל ער זי אים געבין. ווארום אז ער וועט אים ניט זאגין פריער. נאר ער וועט קומען מיט די מתנה צו זיין חבר. טאמער וויל ניט דער חבר נעמען מתנות. וועט ער פר שעמט ווערין. אדער ער וועט אין כעס ווערין אויף דיא מתנה: אונ אויב איינער הט גיבראכט אמתנה צו זיין חבר אין שטוב. אונ דער חבר איז ניט גיוועזען אין שטוב ווען מען הט גיבראכט די מתנה. וועט ער גאר ניט וויסען ווער עס האט איהם דיא זאך גישיינקט. זאל ער איהם זאגין צווישען זיך איך האב דיר גיבראכט אהיים דיא מתנה. וועט ער איהם זיין אגוטער פריינד. ברייגט די גמרא צוויי ראיות אז מען דארף אזוי טאהן אויף דיא ערשטע זאך ברייגט דיא גמרא אראיה פון גאט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק מען זאל וויסען אז איך האב אייך גיהייליגט. מיר האבען אויך אזוי גילערנט. עס שטייט אין פסוק מען זאל וויסען אז איך גאט האב אייך גיהייליגט גאט הט גזאגט צו משה איך האב אגוטע

מבקש ליתנה לישראל לך והודיעם כבאן אמר רבי שמעון בן גמליאל הנותן פת לתינוק צריך להודיע לאמו מאי עביד ליה אמר אביי שאיף ליה משחא וסלי ליה כוחלא. והאידנא דחיישינן לכשפים כאי. אמר רב פפא שאיף ליה מאותו המין. איני והאמר רבי חמא בר חנינא הנותן מתנה לחברו אין צריך להודיעו שנאמר (שם לד) ומשה לא ידע כי קרן עור פניו בדברו אתו לא קשיא הא במילתא דעבידא לאגלויי הא במילתא דלא עבידא לאגלויי והא שבת דעבידא לגלויי מתן שכרה לא עבידא לאגלויי:

רב

בא שאני רוצה לקדשם: שאיף ליה משחא. ימשחנו נשמן בין עיניו דבל הגראה שתהאנו אמו מי עשה כן ויאמר לה התינוק פלוני עשה וגם פת נתן לי: ומלי ליה כוחלא. מתן כחול סביב עינים וכן לשונו בתלמוד: לכשפים. שתחדשנו שכשפו: לאגלויי. מי נתנו לו: מתן שכרה וכו'. ושלא הודיעה על ידי משה בעל פה מה שכרה:

מתנה אין מיינע אוצרות די מתנה הייסט שבת אונ איך וויל גיבן די מתנה צו די יודן גיי זאג צו די יודן אז איך וועל זיי געבן די מתנה. נאיז מען גיגאנגען פריער פרעגן אויב טען וויל נעמען דיא מתנה. אונ צוא דיא אנדערע זאך ברייננגט די גמרא אראיה פון רבן שמעון בן גמליאל פון באגען הט רבן שמעון בן גמליאל גזאגט אז איינער גיט אשטיקול ברויט צוא אקינד דארף ער זאגין דיא מוטער זיינע. וואס זאל ער טאהן צו דעם קינד אז דיא מוטער זאל וויסען אז ער הט איהם גיגעבין אשטיקול ברויט: הט אביי גזאגט ער זאל איהם בשמירען מיט אייל צווישען די אויגען. אונ זאל איהם בשמירען מיט פארב ארום די אויגען. וועט איהם דיא מוטער פרעגין ווער דאס האט איהם גיטאהן וועט דער קינד זאגין דער מענטש האט מיר אזוי גיטאהן. אונ ער האט מיר גיגעבין ברויט צו עסין. פרעגט דיא גמרא איצטיגע ציטען אז מען הט מורא פאר כישוף. וויים נאך די מוטער זאגען אז מען האט גיטאהן כישוף דעם קינד. וואס פאר אסימן זאל מען מאכען דעם קינד. הט רב פפא גזאגט ער זאל בשמירען דעם קינד זיין פנים מיט די זעלביגע זאך וואס ער האט איהם גיגעבין צו עסין. פרעגט דיא גמרא עס איז דאך ניט אזוי רבי חמא בר חנינא הט דאך גזאגט אז איינער גיט אמתנה צו זיין חבר. אונ דער חבר וויים ניט ווער עס הט איהם די מתנה גיגעבין. דארף ער איהם ניט זאגען איך האב דיר גיגעבין דיא מתנה. ווארום עס שטייט אין פסוק משה רבינו הט ניט גיוואוסט אז ווען גאט הט מיט איהם גירעט. הט גישיינט דיא הויט פון זיין פנים. אונ גאט הט איהם ניט גזאגט אז זיין פנים שיינט ווייל ער הט גירעט מיט איהם. ענטפערט דיא גמרא דס איז ניט קיין קשיא. ביא אזוי אזאך וואס דער מענטש וועט אליין וויסען ווער דאס האט איהם גיגעבין. דארף ער איהם ניט זאגין אז ער הט דס איהם גיגעבין אונ משה רבינו וועט אליין וויסען אז זיין פנים לייכט. אונ ער וועט וויסען אז גאט הט דאס איהם גיגעבין. דריבער האט איהם גאט גאר ניט גזאגט. אבער ביי אזוי אזאך וואס דער מענטש אליין וועט ניט וויסען ווער דאס הט איהם גיגעבין. דארף ער איהם זאגין אז ער הט איהם דיא מתנה גיגעבין. פרעגט דיא גמרא שבת וואלטען דאך אויך דיא יודען אליין וויסען ווער זיי הט גיגעבען. ווארום די תורה הט דאך שוין עטליכע מאהל גזאגט אז יודען זאלען רוהען שבת. צו וואס הט מען זייא גידארפט זאגין נאך אמאהל דער נאך וויא מען הט זייא שוין גיגעבין דעם שבת) אז גאט הט זיי גיגעבין דעם שבת. ענטפערט די גמרא דיא יודען האבען פריער געוואוסט אז גאט הייסט זייא זאלען רוהען שבת. האבען זיי גימיינט אז דאס איז נאר דער גוף זאל רוהען. ווייל ער האט זעקס טאג גיארבעט. דארף מען ניט געבין קיין עולם הבא פאר שבת. אבער אז דורך דעם רוהען (וס שבת ווערין די יודין הייליג אונ מען וועט זייא געבין שכר. דס האבען זייא ניט געוואוסט. האט זייא גאט גזאגט דורך משה רבינו לדעת כי אני ה' מקדשכם איר זאלט וויסען אז דער רוהונג אום שבת הייליגט אייך אונ איר וועט האבען עולם הבא פר וואס איר רוהט שבת. ווארום דער רוהונג פון שבת איז ניט גיגעבין גיווארין פר דעם גוף. נאר פר די נשמה. דער מענטש זאל וויסען אז גאט האט בשאפען דיא וועלט. ווג ער האט אונז ארויס גינומען פון מצרים. אונ ע־

ז רב חסדא הוה נקיט בידיה תרתי מתנתא דתורא אמר כל מאן דאתי ואמר לי שמעתתא חדתא משמיה דרב יהיבנא להו ניהליה אמר ליה רבא בר מחסיא הכי אמר רב הנותן מתנה לחבירו צריך להודיעו שנאמר (שמות לא) לדעת כי אני ה׳ מקדשכם. יהבה ניהליה. אמר חביבין עלך שמעתתא דרב כולי האי אמר ליה אין אמר ליה היינו דאמר רב מילתא אלבישייהו יקירא. אמר ליה אמר רב הכי בתרייתא עדיפא לי מקמייתא ואי הוה נקיטנא אחריתא יהיבנא לך. ואמר רבא בר מחסיא אמר רב חמא בר גוריא אמר רב לעולם אל ישנה אדם בנו בין הבנים שבשביל משקל ב׳ סלעים מילת שנתן יעקב ליוסף יותר משאר בניו נתקנאו בו אחיו ונתגלגל הדבר וירדו אבותינו למצרים. ואמר רבא בר מחסיא אמר רב חמא בר גוריא אמר רב לעולם יהזור אדם וישב בעיר שישיבתה קרובה שמתוך שישיבתה

רב חסדא: כהן הוה כדאמרינן גבי עיר אחת היתה בארץ ישראל ובה פ׳ זוגות אחים כהנים הנשואים פ׳ זוגות אחיות כהנות ובדקו מסורא ועד נהרדעא ולא אשכחו אלא תרתי בנתיה דרב חסדא והוו נסיבו לרמי בר חמא ולמר עוקבא בר חמא: הוי נקיט תרתי מתנתא דתורא. זוג של זרוע לחיים וקיבה שנתנו לו ורשאי להאכילן לישראל ואף על גב דרב חסדא כהן״ל הוה לא ילפינן מהכא דמתנות נוהגות בזמן הזה דהאידנא נהוג עלמא כהלכתא כבי כרבי יאשיה בכלאים וכרבי יהודה בטבילת בעלי קריין לתלמוד תורה וכרבי אלעאי בראשית הגז שהיה אומר אינו נוהג אלא בארץ וכן מתנות גם בימי רב חסדא אכתי לא נהוג כרבי אלעאי ובימי רב נחמן נהוג כוותיה בראשית הגז ולא במתנות והשתא קא חזינא דנהוג אף במתנות וכי היכי דאחזו במנהג ראשית הגז בימי רב נחמן ולא מחיק בהו ונהגו כולם כוותיה השתא דנהוג אף במתנות לא מבטינא מנהגא: חדתא. חדשה שלא שמעתיה: מילתא אלבישייהו יקירא. מעיל דחיו יקרים למי שרגיל ללובשו כלומר לפי שאתה תלמידו של רב ורגיל בשמועותיו אתה מחזר אחריהם: משקל ב׳ סלעים. לאו דוקא נקט. בתלמידי רבינו יצחק הלוי מצאתי כתונת פסים כביב פס ידו נתן מילת ולא כל הכתונת: בישיבתה קרובה. שנתיישבה

ווערט געווען תורה אום שבת. פאר דעם וועט ער האבען עולם הבא [עיין בהכותב ובהרי״ף ובמהרש״א]:

ז רב חסדא האט געהאלטען אין האנט צוויי מתנות פון אקס [ווער דין איז אז מען שעכט א בהמה דארף מען געבען צום כהן די פאדערשטע פוס און די באקין און דעם מאגין. דאס הייסט מתנה. רב חסדא איז געוועזן א כהן האט ער געהאט צוויי מתנות. צוויי פעדערשטע פיס און צוויי פאר באקין און צוויי מאגינס וואס מען האט איהם געגעבען פון צוויא אקסין] און ער האט געזאגט ווער עס וועט קומען און וועט מיר זאגען א נייעם דין וואס איך האב נאך ניט געהערט פון רבס וועגין וועל איך איהם געבין דיא מתנות. האט רבא בר מחסיא געזאגט צו רב חסדא אזוי האט רב געזאגט אז איינער גיט א מתנה צו זיין חבר דארף ער איהם אן זאגען. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק מען זאל וויסען אז איך גאט האב אייך געהייליגט. האט רב חסדא גיגעבין צו רבא בר מחסיא די מתנות. האט רבא בר מחסיא געזאגט צוא רב חסדא אזוי ליב איז ביי דיר די דינים וואס רב זאגט. האט רב חסדא געזאגט צו רבא בר מחסיא יא זיי זענען ביי מיר ליב. האט רבא בר מחסיא געזאגט צו רב חסדא איצט איז רעכט וואס רב האט געזאגט. דער מענטש וואס איז געוויינט צו גיין אין זיידענע קליידער. איז ביי איהם טייער אזיידענע קלייד. ער ווייס וויא צו שאצען די טייערקייט פון די קלייד. אזוי דוא וואס דוא ביסט א תלמיד פון רב. און ביסט געוויינט צו הערין זיינע לערנונג. איז ביי דיר טייער זיינע דינים. האט רב חסדא געזאגט צו רבא בר מחסיא האט רב אזוי געזאגט. האט דיא לעצטע זאך איז ביי מיר בעסער וויא די ערשטע זאך וואס דוא האסט מיר געזאגט פון רבס וועגין: אז איך וואלט האלטען נאך א מתנה וואלט איך זי דיר גיגעבין:

ח ואמר. נאך האט געזאגט רבא בר מחסיא רב חמא בר גוריא האט געזאגט פון רבס וועגין א מענטש זאל ניט ענדערין איין קינד פון אלע קינדער. נאר אלע קינדער זאלען ביי אים זיין גלייך. ווארום ווייל יעקב האט גיגעבען צו יוסף אזיידענע העמדיל וואס קאסט צוויי טאלער. און צו דיא איבעריגע קינדער האט ער דאס ניט גיגעבען האבען איהם דיא ברידער מקנא געוועזן. און האבען איהם פיינט גיהאט. דורך דיא סיבה זענען דיא יודען גיקומען אין מצרים:

ט ואמר. נאך האט געזאגט רבא בר מחסיא רב חמא בר גוריא האט געזאגט פון רבס

שישיבתה קרובה עונותיה מועטים שנאמר הנה נא העיר הזאת קרובה לנוס שמה והיא מצער מאי קרובה אילימא דמיקרבא וזוטא והא קא חזו לה למה ליה למימר הכי אלא מתוך שישיבתה קרובה עונותיה מוצערין אמר רבי אבין מאי קראה דכתיב (בראשית יט) אמלטה נא שמה נ"א בגימטריא חמשין וחד הוו ושל סדום נ"ב ושלותה כ"ו דכתיב (שם) שתים עשרה שנה עבדו את כדרלעומר ושלש עשרה שנה מרדו ובארבע עשרה שנה בא כדרלעומר וגו':

(דף יא) **ח ואמר** רבא בר מחסיא אמר רב חמא בר גוריא אמר רב כל עיר שגגותיה גבוהים מבית הכנסת לסוף חרבה שנאמר (עזרא ה) לרומם את בית אלהינו ולהעמיד את חרבותיו והני מילי בבתי אבל בקשקושי ואברורי לית לן בה. אמר רב אשי אנא עבדא למתא מחסיא דלא חרבה והא חרבה מאותו

מקרוב כלומר עיר חדשה: דמיקרבא. לנוס שם: וזוטא. ולא צריכים אתם להקפיד על קיומה: הא קא חזו לה למה ליה למימר להו אלא מתוך שישיבתה קרובה. שנה אחת קדמה לה סדום כדמפרש: ושל סדום נ"ב. דעל כרחך בימי מגדל בארץ שנער היו ולא היה ישוב בעולם אלא באותה בקעה כדכתיב ויהי כל הארץ שפה אחת ודברים אחדים ויהי בנסעם מקדם ומשם נפוצו למקומות אחרים כשנתפלגו ובנו להם עיירות ומשנתפלגו עד שנחרבה סדום אינו אלא נ"ב שנה שהרי בסוף ימי פלג נתפלגו הלשונות כדתניא בסדר עולם והאריך בזה וכן כתב בפירש"י לתורה: ושלותה. שאמורה בה גאון שבעת לחם ושלות השקט היה לה וגו' וכתיב נתיב לא ידעו עיט ולא הדריכוהו וגו': כ"ו. דכתיב שתים עשרה שנה עבדו ואין זו שלוה: וי"ג מרדו. אין זו שלוה שהיו בהן מלחמות הרי כ"ה שנים ושנת כ"ו נהרג כדרלעומר והיתה בשלום כ"ו הנותרים מנ"ב:

לרומם את בית אלהינו. ועל ידי כן זכינו לתת לנו גדר ביהודה: קשקושי ואברורי. בירניות ומגדלים. רב אשי לאו ישיבה היה במתא מחסיא ומנעם מלהגביה ביתם יותר מבית הכנסת:

ווענין אמענטש זאל זעהן אז ער זאל וואוהנען אין אנייע שטאט וואס זי איז ניט לאנג בזעצט געווארין מיט מענטשין. ווארום ווייל זיא איז ניט לאנג באוואוהנט געווארין זענען דיא עבירות פון דיא שטאט ווייניג: ווארום עס שטייט אין פסוק. לוט האט געזאגט צו דעם מלאך די שטאט איז נאנט מען זאל דארט אנטלויפען אונ זיא איז ווינציג. וואס האט לוט גימיינט דער מיט וואס ער האט געזאגט זיא איז נאנט. זאלען מיר זאגען ער האט גימיינט דיא שטאט איז נאנט אונ זיא איז קליין. דיא מלאכים האבען דאך געזעהן דיא שטאט. ווייסען זייא דאך אז זי איז נאנט אונ קליין. צו וואס האט לוט גיבארפט דאס זאגין. נאר אזוי האט לוט גימיינט ווייל די שטאט איז ניט לאנג בזעצט געווארין. זענען אירע עבירות ווייניג. האט רבי אבין געזאגט פון וועלכין פסוק ווייסען מיר דאס אז צוער איז בזעצט געווארין שפעטער וויא סדום. ווארום עס שטייט אין פסוק. לוט האט געזאגט אמלטה נא שמה איך וועל אנטרונען ווערין דארטען אין די שטאט צוער. צו וואס דארף שטיין דער ווארט נא. ענטפערט די גמרא דער ווארט נא בטרעפט איין אונ פופציג. עס איז איין אונ פופציג יאהר וויא דיא שטאט צוער איז בזעצט געווארין. אונ אז די שטאט סדום איז בזעצט געווארין. איז צוויי אונ פופציג יאהר. איז סדום בזעצט געווארין מיט איין יאהר פריער ווי צוער. אונ זעקס אונ צוואנציג יאהר איז דיא שטאט סדום געזעסען פרייליך: ווארום עס שטייט אין פסוק צוועלף יאהר האבען דיא מענטשין פון סדום געדינט דעם מלך כדרלעומר אונ דרייצעהן יאהר האבען זיי מורד געוועזן. אונ האבען ניט געוואלט דינען דעם מלך כדרלעומר. אונ דעם פערצעהנטין יאהר איז כדרלעומר גיקומען אונ האט מלחמה גיהאלטען מיט סדום וצוועלף אונ פערצעהן אונ זעקס אונ צוואנציג. איז צוויי אונ פופציג. דער נאך איז סדום איבער גיקערט געווארין:

י ואמר. נאך האט געזאגט רבא בר מחסיא רב חמא בר גוריא האט געזאגט פון רבס וועגין יעדער שטאט וואס די דעכער זענען העכער וויא די שוהל וועט די שטאט ווערין וויסט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק מען זאל בא העכען די שטוב פון גאט (דעם בית המקדש) גאנץ הויך העכער ווי אלע ... יזער פון די שטאט. אויף צו האלטען די שטאט זיא זאל ניט וויסט ווערין. נאר די שטובין וואס מען וואוהנט אין זיי טארען ניט זיין העכער וויא די שוהל אבער דיא טורעמס אונ פאלאצין מעגין זיין העכער ווי די שוהל. רב אשי האט געזאגט איך האב גימאכט אז די שטאט מחסיא זאל ניט וויסט ווערין. איך האב זיי געזאגט זיי זאלען מאכען זייערע הייזער

מאותו עון לא חרבה :

ט ואמר רבא בר מהסיא א"ר חמא בר גוריא אמר רב תחת ישמעאל ולא תחת עובד כוכבים. תחת עובד כוכבים ולא תחת חבר. תחת חבר ולא תחת תלמיד הכם. תחת ת"ח ולא תחת יתום ואלמנה :

י ואמר רבא בר מהסיא א"ר חמא בר גוריא א"ר כל חולי ולא חולי מעים. כל כאב ולא כאב לב. כל מיחוש ולא מיחוש ראש. כל רעה ולא אשה רעה :

יא ואמר רבא בר מחסיא אמר רב חמא בר גוריא אמר רב אם יהיו כל הימים דיו ואגמים קולמוסים ושמים יריעות וכל בני אדם לבלרין אין מספיקין לכתוב חללה של רשות מאי קראה אמר רב משרשיא (משלי כה) שמים לרום וארץ לעומק ולב מלכים אין חקר :

יב רבי יהושע בריה דרב אידי איקלע לבי רב אשי עבדו ליה עגלא תלתא אמרו ליה ליטעום מר מידי אמר להו בתעניתא יתיבנא אמר ליה ולא סבר ליה מר להא דרב יהודה

תחת ישמעאל. לשמשו : חבר. אומה מבני פרסיים: תלמיד הכם. אם יקניטנו יענישנו וכן יתום ואלמנה מפני שדמעתם מצויה :
חולי. כל חולי צריך במנוחה והולך ומתיש כח כגון אבבה וחולי סרטא : כאב. הוא הולך ובא כגון כאב בן כאב מכה : מיחוש. חששא בעלמא לפי שעה וקל :
חללה של רשות. עומק לבם שהוא צריך להיות לו לב לכמה מדינות למס הקצב ולכמה מלחמות ולכמה משפטים והכל ביום אחד :
עגלא תלתא. שלישי לבטן שהוא משובח מפני שבהמה בקטנותה אינה עדיין בכחה והולד ראשון ושני אינו בריא :

גידעריגער ווי די שוהל. פרעגט די גמרא די שטאט מחסיא איז דאך וויסט געווארין. ענטפערט די גמרא פון די עבירה איז זיא ניט וויסט געווארין :

יא ואמר. נאך האט געזאגט רבא בר מחסיא רב חמא בר גוריא האט געזאגט פון רבס וועגין עס איז בעסער מען זאל וואוהנען מיט אטערק. איידער מען זאל וואוהנען מיט דיא מענטשין וואס דינען צו די שטערין. עס איז בעסער מען זאל וואוהנען מיט די מענטשין וואס דינען צו די שטערין. איידער מען זאל וואוהנען מיט די פערסיאנער. עס איז בעסער מען זאל וואוהנען מיט די פערסיאנער. איידער מען זאל וואוהנען מיט אלמדן. טאמער וועט ער דעם למדן דער צערנען וועט ער געשטראפט ווערין. עס איז בעסער מען זאל וואוהנען מיט אלמדן. איידער מען זאל וואוהנען מיט איתום אדער מיט אאלמנה. דורך זיי קען מען גיכער געשטראפט ווערין :

יב ואמר. נאך האט געזאגט רבא בר מחסיא רב חמא בר גוריא האט געזאגט פון רבס וועגין אלע קרייניק זענען ניט אזוי שלעכט. ווי די קרייניק פון דיא גידערים. אלע שמערצין זענען ניט אזוי שלעכט, ווי דיא שמערצין פון הארצען. אז די הארץ איז קראנק. אלע גרינגע קראנקייט איז ניט אזוי שלעכט וויא פון קאפ. די גרינגסטע קראנקייט פון קאפ איז אויך שלעכט. אלע שלעכץ איז ניט אזוי שלעכט. ווי אשלעכטע ווייב :

יג נאך האט געזאגט רבא בר מחסיא רב חמא בר גוריא האט געזאגט פון רבס וועגין אויב אלע ימים וואלטען געווען טינט. און אלע גראז וואלט געווען פעדער. און דיא הימלען וואלטען געווען פאפיר. און אלע מענטשין וואלטען געווען שרייבערס. וואלטען זייא אויך ניט געקענט בעשרייבען די פיל זאכען וואס די הארץ פון קיסר דארף אלץ טראכטען. פון וועלכען פסוק ווייסען מיר דאס. האט רב משרשיא געזאגט. עס שטייט אין פסוק צו דיא הייך פון הימל און צו די טיף פון די ערד און צו דיא הארץ פון די מלכים איז ניטא קיין פארשונג. קיין מענטש קען ניט דער קלערין וואס דיא הארץ פון מלך טראכט :

יב רבי יהושע דער זוהן פון רב אידי איז אמאהל גיקומען צו רב אשי האט מען גימאכט פון דינעט וועגין אקאלב. וואס זיא איז דיא דריטע קאלב וואס דיא בהמה האט גיבאהרין. האט מען געזאגט צו רבי יהושע ער זאל עפעס עסין פון דיא קאלב. האט רבי יהושע צו זייא געזאגט איך פאסט היינט. האבען זייא געזאגט צו רבי יהושע האלט דען ניט דער רבי וואס רב יהודה האט געזאגט ווארום רב יהודה האט געזאגט אמענטש מעג בארגין אתענית און בצאהלען. אז איינער האט

יהודה דאמר רב יהודה לוה אדם תעניתו ופורע אמר להו תענית חלום הוא ואמר רבא בר מחסיא אמר רב חמא בר גוריא אמר רב יפה תענית לחלום כאש לנעורת ואמר רב חסדא ובו ביום ואמר רב יוסף ואפילו בשבת :

והיה על מצחו תמיד : קרא יתירא הוא לאו דרשא דהא כבר קבע לנו מקום והיה על מצח אמרה : למשמש בבגדו . שלא יהא כרוך בהם דבר שמא יוציאנו : הלכתא רבתי . דבר גדול יש כאן להפרישו מאיסור שבת :
שבת היא מלזעוק . צריך להניח דעתם בתנחומים שלא יצטערו : יכולה היא שתרחם . הש

(דף יב) יג אמר רבה בר רב הונא חייב אדם למשמש בתפילין כל שעה ושעה ק"ו מציץ מה ציץ שאין בו אלא אזכרה אחת אמרה תורה (שמות כח) והיה על מצחו תמיד שלא יסיח דעתו ממנו תפילין שיש בהם אזכרות הרבה על אחת כמה וכמה הילכך מידכר דכיר להו . תניא חנניה אומר חייב אדם למשמש בבגדו ערב שבת עם השיכה אמר רב יוסף הלכתא רבתי לשבתא :

יד תנו רבנן הנכנס לבקר את החולה בשבת אומר שבת היא מלזעוק ורפואה קרובה לבא . ורבי מאיר אומר יכולה היא שתרחם רבי יהודה אומר המקום ירחם עליך

גיטאהן אנדער ער זאל אטאג פאסטען . אונ ער האט אנגיהויבען צו פאסטען , אונ ער האט חרטה אונ ער וויל היינט עסין . מעג ער בארגען דעם תענית . אונ עסין היינט . אונ ער וועט בצאלען ער וועט פאסטען איין אנדער טאג . האט רבי יהושע צו זייא גזאגט איך האב גיהאט די נאכט אשלעכטין חלום . דריבער פאסט איך היינט . אונ רבא בר מחסיא האט גזאגט רב חמא בר גוריא האט גזאגט פון רבס וועגין אתענית איז גוט מבטל צו זיין די שרעקין פון חלום . אזוי ווי דער פייער פר לענדט די פלאקס אונ עס בלייבט גאר ניט פון די פלאקס . אזוי אז מען זעהט אשלעכטין חלום אונ מען פאסט ווערט בטל דער חלום אין גאנצען אונ דיא שרעקין קומט ניט : האט רב חסדא גזאגט נאר מען זאל פאסטען דעם זעלבינגען טאג נאך דיא נאכט פון חלום : האט רב יוסף גזאגט אפילו אום שבת זאל מען אויך פאסטען :

יג אמר . רבה בר רב הונא האט גזאגט אמענטש דארף אן רירען די תפילין אלע מאהל ווען ער דער מאנט זיך אן די תפילין . דאס לערנען מיר אפ מיט אקל וחומר פון דעם ציץ וואס איז גיוועזען אויף דעם שטערין פון כהן גדול . מאדאך דער ציץ וואס אויף אים איז געשריבען נאר איין שם . האט די תורה גזאגט דער ציץ זאל זיין אייביג אויף דעם שטערין פון כהן גדול . די תורה מיינט צו זאגען אז ווען דער ציץ איז אויף זיין שטערין . זאל ער ניט טראכטען אין קיין אנדער זאך . נאר ער זאל אין זינען האבען דעם שם וואס איז געשריבען אויף דעם ציץ . תפילין וואס אין זיי איז געשריבען פיל שמות . איז געוויס אז ווען דער מענטש טראגט אויף זיך דיא תפילין . זאל ער ניט האבען אין זינען קיין אנדער זאך נאר די שמות וואס אין די תפילין . דריבער דארף אמענטש אייביג גידיינקין די תפילין :

יד תניא : מיר האבען גילערונט חנניה זאגט אז עס קומט ערב שבת נאנט צו נאכט : דארף אמענטש זוכען אין זיינע קליידער טאמער ליגט אין די קעשענעס אזוי אזאך וואס מען טאר ניט טראגען אום שבת . וועט ער ארויס נעמען . האט רב יוסף גזאגט דאס איז אגרויסער דין אויף שבת . מען זאל ניט טאהן קיין עבירה אום שבת צוא טראגען וואס מען טאר ניט :

יד תנו רבנן . די רבנן האבען גילערונט אז איינער גייט אריין צו אקראנקין אום שבת וועט וואס ער מאכט זאל ער זאגען עס איז היינט שבת מען טאר ניט שרייען אונ וויינען . אונ די רפואה וועט געשווינט קומען . אונ רבי מאיר זאגט מען זאל אזוי זאגען אויב איר וועט זיין פריילאך אונ איר וועט ניט פר שטערין שבת . דער זכות פון שבת וועט אויף אייך רחמנות האבען . דער קראנקער זאל גיזונד ווערין . רבי יהודה זאגט מען זאל אזוי זאגען

עליך ועל חולי ישראל. רבי יוסי אומר המקום ירחם עליך בתוך חולי ישראל. שבנא איש ירושלים בכניסתו אומר שלום וביציאתו אומר שבת היא מלזעוק ורפואה קרובה לבא ורחמיו מרובים ושבתו בשלום. כמאן אזלא הא דאמר רבי חנינא מי שיש לו חולה בתוך ביתו צריך שיערבנו בתוך חולי ישראל כמאן כרבי יוסי ואמר רבי חנינא בקושי התירו לנחם אבלים ולבקר חולים בשבת. אמר רבה בר בר חנה כי הוה אזלינן בתריה דרבי אליעזר לשיולי בתפיחא זמנין אמר ליה המקום יפקדך לשלום וזימנין אמר ליה רחמנא ידכרינך לשלם. היכי עביד הכי והאמר רב יהודה לעולם אל ישאל אדם צרכיו בלשון ארמי ואמר רבי יוחנן כל השואל צרכיו בלשון ארמי אין מלאכי השרת נזקקין לו שאין מלאכי השרת מכירין בלשון ארמי שאני חולה דשכינה עמו דאמר רב ענן אמר רב מנין ששכינה סועד את החולה שנאמר (תהלים מא) ה' יסעדנו על ערש דוי. תניא נמי הכי הנכנס לבקר את החולה לא ישב על גבי המטה ולא על גבי כסא אלא מתעטף ויושב לפניו מפני שהשכינה למעלה

פירוש

שכשדוה מלהלטער בה: בתוך חולי ישראל. שמתוך שכוללו עם האחרים תפלתו נשמעת בזכותן של רבים: שבנא. אדם גדול היה בירושלים ושמו שבנא: רחמיו. של הקב"ה מרובין: שבתו בשלום. נוחו בשבתכם בשלום: בקושי התירו. מפני שמצטער: בתפיחא. בחולה: זמנין אמר ליה. בלשון הקדש וזמנין אמר ליה בלשון ארמי והא נמי לענין שבת נקט: דשכינה עמו. ואין המתפלל צריך שיזדקקו לו מה"ש להכניס תפלתו לפנים מן הפרגוד: סועד. סומך אבות כחו ומשום רבינו יעקב סועד תרגום של פוקד כלומר מבקר כמו ואת אהיך תפקוד לשלום ומתרגמינן הסעד לשלם ולכך ליכא גרסינן אי שקרי יסעדנו אלא יסעדנו: מתעטף. מאימת שכינה כאדם היושב באימה ואין פונה לצדדין

גאט זאל רחמנות האבען אויף דיר און אויף אלע קראנקע יודען. רבי יוסי זאגט מען זאל אזוי זאגען גאט זאל רחמנות האבען אויף דיר צווישען אלע קראנקע יודען. שבנא פון ירושלים אז ער פלעגט אריין גיין שבת צו אקראנקען. פלעגט ער זאגען שלום צו אייך. און אז ער פלעגט ארויס גיין פון דעם קראנקען פלעגט ער זאגען עס איז היינט שבת מען טאר ניט שרייען און וויינען. און די רפואה וועט געשווינד קומען. און די רחמנות פון גאט איז גאנץ פיל. און איר זאלט רוהען בשלום, איר זאלט אייך ניט מצער זיין; זאגט די גמרא ווי וועלכער תנא האט רבי חנינא גזאגט אז איינער האט אקראנקען ביי זיך אין שטוב אז מען בעט פון זיינעט וועגען דארף מען איהם אריין מישען צווישען אלע קראנקע יודען. וויא וועה איז דס. אזוי וויא רבי יוסי. ווס ער זאגט מען זאל זאגען. גאט זאל רחמנות האבען אויף אלע קראנקע יודען און אויף דעם קראנקען אויך. נאך האט רבי חנינא גזאגט עס איז שווער אן גיקומען ביז מען האט מתיר גיוועזען מען זאל גיין טרייסטען אאבל אום שבת. און מען זאל גיין צו אקראנקען אום שבת זעהן ווס ער מאכט:

אמר. רבה בר בר חנה האט גזאגט אז מיר פלעגין גיין נאך רבי אליעזר צוא אקראנקען פרעגין וואס ער מאכט. אמאהל האט רבי אליעזר גזאגט צוא דעם קראנקען אויף לשון קודש המקום יפקדך לשלום; גאט זאל דיך גידיינקען צו שלום. און אמאהל האט רבי אליעזר גזאגט צו דעם קראנקען אויף לשון ארמית רחמנא ידכרינך לשלם גאט זאל דיך גידיינקען צו שלום. פרעגט די גמרא ווי אזוי האט רבי אליעזר אזוי גיטאהן; רב יהודה האט דאך גזאגט אמענטש זאל ניט בעטין זיין בדערפעניש פון גאט מיט די ארמישע שפראך. און רבי יוחנן האט גזאגט דער ווס בעט זיין בדערפעניש מיט די ארמישע שפראך נעמען ניט צוא די מלאכים זיין תפלה. ווארום די מלאכים קענען ניט די ארמישע שפראך. ענטפערט דיא גמרא אז מען שטייט ביי אקראנקען און מען בעט פון זיינעט וועגין איז אנדערש ווארום גאט איז מיט דעם קראנקען. און גאט אליין נעמט די תפלה אויף וועלכע שפראך מען בעט. ווארום רב ענן האט גזאגט פון רבס וועגין פון וואנען ווייסען מיר אז גאט לענט אונטער ווער שטארקט דעם קראנקין. ווארום עס שטייט אין פסוק גאט לענט אונטער ווער שטארקט דעם מענטשין ווען ער ליגט אויף זיין קראנקין בעט. מיר האבען אויך אזוי גילערונט אז איינער גייט אריין צו אקראנקין זעהן ווס ער מאכט זאל ער ניט זיצען אויף אבעט. און ניט אויף

למעלה מראשותיו של חולה שנאמר ה' יסעדנו על ערש דוי : פגס ת"ח . נהסגינו סתימות סמסכה וסעמים

(ע"ב) **טו מיתיבי** לא יקרא לאור הנר שמא יטה אמר רבי ישמעאל בן אלישע אני אקרא ולא אטה פעם אחת קרא ובקש להטות אמר כמה גדולים דברי חכמים שהיו אומרים לא יקרא לאור הנר רבי נתן אומר קרא והטה וכתב על פנקסו אני קריתי והטיתי נר בשבת לכשיבנה בית המקדש אביא חטאת שמנה אמר רבי אבא שאני ר"י בן אלישע הואיל ומשים עצמו על ד"ת כהדיוט :

(דף יג) **טז תנא** דבי אליהו מעשה בתלמיד אחד ששנה הרבה וקרא הרבה ושמש ת"ח הרבה ומת בהצי ימיו והיתה אשתו נוטלת תפיליו ומחזרת בבתי כנסיות ובבתי מדרשות ואמרה להם כתיב בתורה (דברים ל) כי הוא חייך ואורך ימיך בעלי ששנה הרבה וקרא הרבה ושמש תלמידי חכמים הרבה מפני מה מת כחצי ימיו ולא היה אדם מחזירה דבר . פעם אחת נתארחתי אצלה והיתה מסיחה כל אותו מאורע

אשטוהל נאר ער זאל זיך בדעקין מיט זיין קלייד אונ זאל זיצען פאר דעם קראנקין ווייל גאט איז בייא דעם קראנקין צוא קאפין . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ה' יסעדנו על ערש דוי :

טו מיתיבי . איך וועל דיך אקשיא פרעגין מיר האבען גילערונט מען טאר ניט לערנען שבת ביי נאכט פר אליכט אדער פר אלאמפ טאמער וועט ער איינבייגען פר בעסערין די ליכט אדער דעם לאמפ עס זאל בעסער ברענען . רבי ישמעאל בן אלישע הט גזאגט איך וועל לערנען פר אליכט שבת ביי נאכט אונ איך וועל ניט איינבייגען די ליכט . אמאהל האט רבי ישמעאל גילערונט פר אליכט שבת ביי נאכט אונ ער הט גיוואלט איינבייגען די ליכט . ווייל ער הט פר געסין אז עס איז שבת . נאר איידער ער הט איינגיבויגען די ליכט הט ער זיך דער מאנט אז עס איז שבת האט רבי ישמעאל גזאגט ווי גרויס זענען די רייד פון די חכמים וואס זיי האבען גזאגט מען טאר ניט לערנען שבת ביי נאכט פר אליכט . רבי נתן זאגט רבי ישמעאל הט גילערונט שבת ביי נאכט פר אליכט . אונ ער הט איינגיבויגען די ליכט אונ רבי ישמעאל הט אויף געשריבען אויף זיין בוך איך האב גילערונט שבת ביי נאכט פאר אליכט . אונ האב דיא ליכט איינגיבויגען . אז דער בית המקדש וועט גיבויט ווערין וועל איך ברייגען אפעטע בהמה פר אקרבן חטאת . הט רבי אבא גזאגט רבי ישמעאל בן אלישע איז אנדערש וויא אנדערע תלמידי חכמים ווייל ווען ער לערונט איז ער ביי זיך גאנץ פראסט . אזוי ווי אלע אנדערע מענטשין . אונ אז מען דארף פר בעסערין די ליכט נאום דער וואכען פאר בעסערט ער אליין . דריבער הט ער ניט גיטארט לערנען פר אליכט אום שבת . אבער איין אנדער תלמיד חכם וואס פר בעסערט ניט אליין די ליכט אום דער וואכען . מעג ער לערנען פאר אליכט אום שבת . ווארום אליין וועט ער ניט פר בעסערין : נאר ער וועט זאגען איין אנדערין דער ווייל וועט מען זיך דער מאנען אז עס איז שבת :

טז אין תנא דבי אליהו שטייט עס איז אמאהל גיוועז אתלמיד וואס ער הט גילערונט פיל משניות . אונ פיל תורה נביאים כתובים . אונ ער הט בדינט פיל תלמידי חכמים ודאס מיינט מען ער הט גילערונט פיל גמרא) אונ ער איז גישטארבען יונג אין זיינע העלפט יאהרין . די ווייב זיינע הט גענומען זיינע תפילין אונ איז גיגאנגען מיט זייא אין דיא שולען אונ אין די בתי מדרשים אונ זי הט גזאגט צו די מענטשין עס שטייט אין די תורה ז"א איז דיין לעבין אונ דיינע לאנגע טעג . מיין מאן וואס ער הט גילערונט פיל משניות אונ פיל תנ"ך . אונ ער הט בדינט תלמידי חכמים זייער פיל פר וואס איז ער גישטארבען אין זיינע העלפט יאהרין . הט איד קיין מענטש ניט געוואוסט צו ענטפערין זאגט אליהו הנביא אמאהל האב איך מיך פר

מאורע ואמרתי לה בתי בימי נדותיך מהו אצלך אמרה לי ח"ו אפילו באצבע קטנה לא נגע בי . בימי לבוניך מהו אצלך אכל עמי ושתה עמי ויישן עמי בקירוב בשר ולא עלתה דעתו על דבר אחר ואמרתי לה ברוך המקום שהרגו שלא נשא פנים לתורה שהרי התורה אמרה (ויקרא יח) ואל אשה בנדת טמאתה לא תקרב כי אתא רב דימי אמר מטה חדא הויא . במערבא אמרי

א"ר יצחק בר יוסף סינר מפסיק בינו לבינה :

(ע"ב) **יז תנו** רבנן מי כתב מגלת תענית אמרו חנניה וסיעתו שהיו מחבבין את הצרות . אמר רבי שמעון בן גמליאל אף אנו מחבבין את הצרות אבל מה נעשה שאם באנו לכתוב אין אנו מספיקין. ד"א אין שוטה נפגע . דבר אחר אין בשר המת מרגיש באיזמל . איני והאמר רב יצחק קשה רמה למת כמחט בבשר החי

פירוש

וזהו שנקרא גמרא : בימי נדותיך . כל שבעה של ראיה ראשונה : לבוניך . כגון זבה שסופרת ז' נקיים משפסקה וצריכה להיות לובשת לבנים לבדיקה שמא תראה ותסתור ספירתה : בגדת טומאתה . ועד שתבא במים לטבילה היא בנדתה דמרבינן מהכיא בנדתה בהוייתה תהא עד שתבא במים בהורת כהנים : מטה חדא הויא . רחבה ולא קירוב בשר הויא וסגר דברי בהכי : סינר . פורצינ"ט שהיא חוגרת בו ומגיע ממתנים ולמטה :

מגלת תענית . לפי שאין כל משנה וברייתא לא היו כתובים דאסור לכתבן וזה נכתבה לזכרון לדעת ימים שאסורים בתענית לכך נקראת מגלה שכתוב כמגלת ספר : מחבבין את הצרות . בגאולין מהן ונס הב ב עליהם להזכירו לשבחו של הקב"ה וכוהבין ימי הנס לעשותם י"ט כגון אלין יומיא דלא להתענאה בהון וכו' : אין אנו מספיקין . לפי שהן תדירות . נ"א אין אנו מספיקין מלעשות יו"ט בכל יום : אין שוטה נפגע . אין פגע רע בא עליו כלומר אינו מכיר בפגעיו כך כמה נסים באים לנו ואין אנו מכירים בהם : בשר המת שבחי . בגדל בהדם כהי מתמת מכה או מחמת כויה: אינו מרגיש

שטעלט פר איין אורח אונ בין געקומען צו איר : אונ זיא האט מיר דער ציילט וואס איר האט גיטראפען . האב איך גזאגט צו איר . מיין טאכטער זאג מיר וויא הט זיך דיין מאן מיט דיר געפירט ווען דוא ביסט גיווען אנדה . הט זי גזאגט צו מיר חס ושלום אפילו מיט זיין קלענסטין פינגער האט ער מיך ניט אן גערירט . ווען דוא האסט גיציילט די זיבען ריינע טעג וויא האט זיך דיין מאן מיט דיר געפירט . הט זיא גיענפערט ער האט גיגעסין מיט מיר אונ ער האט גיטרונקין מיט מיר . מיר זענען צו זאמען גישלאפען אין איין בעט . אונ אונזערע לייבער האבען אנגערירט איינע די אנדערע . נאר אויף קיין אנדער זאך (ער זאל מיך בגעען זיין) האט ער גאר ניט אין זינען גיהאט . האב איך צו איר גזאגט גילויבט איז גאט וואס ער הט אים גיהרגת גאט הט ניט גיחניפת זיין תורה וואס ער הט גילערנט . וואורום דיא תורה הט גזאגט דו זאלסט ניט גינענען צו אאשה ווען זיא איז אנדה . אונ ביז זיא איז זיך טובל הייסט זיא אנדה צוא אלע זאכען . אז רב דימי איז גיקומען פון ארץ ישראל הט ער דער ציילט . דיא אשה האט נאר גיזאגט אז דער מאן איז גישלאפען מיט איר אין איין בעט . אונ דיא בעט איז גיוועזן אברייטע . אונ זייא האבען זיך ניט אנגערירט . אונ ער האט גימיינט אז אזוי מעג מען . אין ארץ ישראל הט מען גזאגט . רבי יצחק בר יוסף הט דער ציילט . אזוי הט דיא אשה גזאגט ווען ער איז גילעגין מיט איר אין בעט איז זיא גילעגין מיט אפארטוך (אין אספארגיצעו) אונ זיי האבען זיך ניט אנגערירט :

יז תנו רבנן . די רבנן האבען גילערנט ווער הט פר שריבען די אלע טעג וואס מען טאר ניט פאסטען . ווייל אין דיא טעג איז גישעהן גיווארין נסים (אונ דאס איז גיוועזן געשריבען וויא אמגילה) . מען הט גזאגט חנניה מיט זיינע מענטשין האבען געשריבען די מגילה . ווייל זייא האבען ליב גיהאט די נסים וואס איז גישעהן גיווארין אויף די צרות . צו לויבען גאט . ואמר , רבן שמעון בן גמליאל הט גזאגט מיר האבען אויך ליב דיא נסים וואס ווערט גישעהן אויף דיא צרות . אבער וואס זאלען מיר טאהן אויב מיר וועלין קומען אלץ פר שרייבען וועלין מיר ניט קענען מאכען אזוי פיל ימים טובים . וואורום אלע טאג איז דא אנדערע צרות מיט אנדערע נסים וועט דארפען זיין אלע טאג יום טוב . נאך אזאך האט רבן שמעון בן גמליאל גזאגט אויף אנאר קומט ניט קיין שרעקין . ווייל ער פר שטייט ניט וועלכעס איז שרעקט . מיר זענען אויך אזוי מיר האבען אלע טאג אנדערע צרות מיט אנדערע נסים . נאר מיר פר שטייען ניט די צרות אונ מיר פר שטייען ניט די נסים . נאך אזאך הט רבן שמעון בן גמליאל גזאגט

ההי. שנאמר (איוב ד) אך בשרו עליו יכאב. אימא אין בשר המת שבחי מרגיש באיזמל. אמר רב יהודה אמר רב ברם זכור האיש ההוא לטוב וחנניה בן חזקיה שמו שאלמלא הוא נגנז ספר יחזקאל שהיו דבריו סותרין דברי תורה מה עשה העלו לו שלש מאות גרבי שמן וישב בעליה ודרשן:

(דף טו) **יתיב אמר** רב כהנא כשחלה רבי ישמעאל ברבי יוסי שלחו לו רבי אמור לנו שנים או שלשה דברים שאמרת לנו משום אביך שלח להם כך אמר אבא ק"פ שנה עד שלא חרב הבית פשטה מלכות ארם על ישראל שמונים שנה עד שלא חרב הבית גזרו טומאה על ארץ העמים ועל כלי זכוכית ארבעים שנה עד שלא חרב הבית גלתה לה סנהדרין וישבה לה בחנויות למאי הלכתא אמר רבי יצחק בר אבדימי לומר שלא דנו דיני קנסות ס"ד אלא אימא שלא דנו דיני נפשות. הלל ושמעון

בהזמנ. כשהותכין אותו: דב' תורה. כגון נבלה וטרפה וגו' לא יאכלו הכהנים הא ישראל אוכלין וכגון וכן תעשה בשבעה בחדש שאין נרמז קרבן זה בתורה: גרבי. למאור ולמזונות: ודרשן. כדדרשי' להני קראי במנחות דמ"ה דא"שתרי מליקה בחטאת העוף גבייהו הוצרך להזהירן על מליקת חולין שהיא נבלה:

מלכות ארם פשטה. והתחילו לכבשה: הלל ושמעון. ר"ש בנו של הלל היה ור"ג הוא ר"ג הזקן ושמעון הוא ר"ש הנהרג עם הרוגי מלכות והוא היה אביו של ר"ג דיבנה דנעריה לרבי יהושע בן חנניה ונחלקו עם רבי אליעזר בן הורקנוס: בפני הבית.

דיא פלייש פון אטויטען פילט ניט דעם מעסער. אז מען שנייט א טויטען מענטש מיט א מעסער הט ער ניט קיין שמערצין. פרעגט די גמרא עס איז דאך ניט אזוי. רב יצחק האט דאך גזאגט אז א ווארעם בייסט דעם מת איז איהם אזוי שלעכט; וויא שלעכט עס איז דעם לעבעדיגען מענטש אז מען שטעכט איהם מיט א נאדיל. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק נאר זיין לייב (פון דעם מת) שמערצט איהם. פון דיא ווערים וואס שטעכין איהם. ענטפערט די גמרא אזוי זאג. אז א לעבעדיגער מענטש הט אויף זיין לייב טויטע פלייש (ווילד פלייש) אז מען שנייט די פלייש מיט א מעסער פילט ער גאר ניט. (אזוי ביי אונז איז אויך אונזער לייב ווי טויטע פלייש. דריבער פילען מיר ניט די צרות וואס מען טוהט אונז):

אמר. רב יהודה הט גזאגט פון רבם וועגין באמת דארפין מיר דער מאנען דעם מענטשין צו גוטען דער מענטש הייסט חנניה בן חזקיה ווען ניט ער וואלט מען בעהאלטען דעם ספר יחזקאל ווייל זיינע רייד זענען אנדערש וויא די תורה זאגט. וואס הט חנניה גיטאהן מען הט ארויף גיבראכט אויף א בוידים פון זיינעט וועגין דריי הונדערט מאס אייל. צום עסין אונ צום בעלייכטען. אונ ער איז גיזעסען אויף דעם בוידים אונ ער הט גיקלערט אין דיא פסוקים ביז ער הט זיי פר גלייכט מיט די רייד פון די תורה:

יתיב אמר. רב כהנא הט גזאגט אז רבי ישמעאל ברבי יוסי איז קראנק גיווארין הט מען געשיקט צו איהם רבי זאג אונז צוויי אדער דריי זאכען וואס דו האסט אונז אמאהל גזאגט פון דיין פאטערס וועגין. הט ער זיי צוריק געשיקט אזוי הט מיין פאטער גזאגט הונדערט מיט אכציג יאהר פריער איידער דער בית המקדש איז חרוב גיווארין. האט זיך פאר שפרייט די מלוכה פון ארם אויף דיא יודען. אכציג יאהר פריער איידער דער בית המקדש איז חרוב גיווארין הט מען גוזר גיוועזען אויף אלע לענדער אויסער ארץ ישראל זיי זאלען זיין טמא. אונ אגלעזערנע כלי וואס איז טמא. אז מען הט איר גישפאלצען אונ גימאכט פון איר א נייע כלי. איז דיא נייע כלי טמא די זעלבינע טומאה וואס פריער איז גיוועזן. פערציג יאהר פריער איידער דער בית המקדש איז חרוב גיווארין זענען דיא סנהדרין פר טריבען גיווארין פון ירושלים אונ זענען גיזעסען אין דעם ארט חנויות. צו וועלכין דין דארפען מיר דס וויסען. הט רבי יצחק בר אבדימי גזאגט צו זאגען אז דיא אלע דינים וואס זענען צוא קנסן האבען שוין דיא סנהדרין ניט געמשפט. פרעגט די גמרא וויא אזוי קענסטו זאגין אז מען הט ניט געמשפט דיא דינים פון קנס. פר וואס זאל מען ניט משפטין די דינים פון קנס. נאר זאג זייא האבען ניט געמשפט די דינים צו הרגן מענטשין. ווייל זייא זענען שוין גיוועזן אונטער די מלוכה פון

ושמעון גמליאל ושמעון נהגו נשיאותן מאה שנה וכו' :

(דף יד ע"ב) **יתן אמר** רב יהודה אמר שמואל בשעה שתקן שלמה עירובין ונטילת ידים יצתה בת קול ואמרה (משלי כג) בני אם חכם לבך ישמח לבי גם אני (שם כז) חכם בני ושמח לבי ואשיבה חורפי דבר אמר רבי פרנך אמר רבי יוחנן האוחז ס"ת ערום נקבר ערום ס"ד אלא אמר רבי זירא ערום בלא מצות בלא מצות סלקא דעתך אלא ערום בלא אותה מצוה :

(דף יז) **כ אמר** ליה הלל לשמאי מפני מה בוצרין בטהרה ואין מוסקין בטהרה אמר ליה אם תקניטני גוזרני טומאה אף על המסיקה נעצו הרב בבה"מ אמרו הנכנס יכנס והיוצא אל יצא ואותו היום היה הלל כפוף ויושב לפני שמאי כאחד מן התלמידים והיה קשה לישראל כיום שנעשה בו העגל וגזור שמאי והלל ולא קבלו מהם ואתו תלמידייהו וגזור וקבלו מינייהו :

פירוש

בפני הבית קיים: מאה שנה. האחרונים שלפני החרבן התחיל נשיאותו של הלל ופרנסו את אלו ד' דורות ק' שנה אלמא הלל קודם לחרבן ק' שנה: שלמה תקן כו'. דכתיב אזן וחקר שעשה אזנים לתורה כלומר סייג והרחקה כקופה זו שאוחזין אותה באזנים ואין נוגעין בה עירובין אזנים להוצאת שבת שאסור להוציא מרשותו לרשות חבירו ואע"פ ששניהם רשות היחיד: ס"ת ערום. אלא ע"י מטפחת ע"כ :

מפני מה בוצרין בטהרה. מפני מה אתה מצריך לבצור בכלים טהורים דקאמרת הבוצר לגת ואין אתה מצריך למסוק זיתים בכלים טהורים: יכנס. לב"ה: ויוצא אל יצא. לפי שהיו רוצים לעמוד במנין: קשה. לפי שהלל נשיא ונעלב וגזרו שמאי והלל ולא קבלו מינייהו ואתו תלמידייהו וקבלו מינייהו :

תניא

רוים. הלל אונ שמעון אונ גמליאל אונ שמעון זענען געווען נשיאים די לעצטע הונדערט יאהר פאר דעם חורבן בית המקדש :

יתן אמר. רב יהודה האט געזאגט פון שמואלס וועגין ווען שלמה המלך האט געמאכט א תקנה מען זאל מאכען אעירוב. מען זאל מעגין טראגען. אונ מען זאל וואשען די הענט צום עסין: איז ארויס געגאנגען א קול פון הימעל אונ האט געזאגט מיין זוהן אויב דיין הארץ איז קלוג פרייט זיך מיין הארץ אויך. קלוג דיך מיין זוהן אונ ערפרייא מיין הארץ. וועל איך קענען ענטפערין די וואס פר שעמען מיך :

אמר. רבי פרנך האט געזאגט פון רבי יוחנן וועגין אז איינער האלט א ספר תורה נאקעט. ער האלט דעם בלויזין פארמעט. ווערט ער בגראבען נאקעט. פרעגט די גמרא פאר וואס ווערט ער בגראבען נאקעט. האט רבי זירא געזאגט אזוי מיינט מען ער ווערט בגראבען נאקעט אן מצות. פרעגט די גמרא פר וואס אן מצות. פאר ווס זאל ער פארלירען אלע מצות וואס ער האט געטאהן. נאר אזוי מיינט מען ער ווערט בגראבען נאקעט פון דיא מצוה. למשל איינער איז גלילה אונ ער רירט מיט דיא בלויזע הענט דיא ספר תורה. פאר לירט ער דיא מצוה פון גלילה :

כ אמר. הלל האט געזאגט צו שמאי פר וואס אז מען שניידט וויינטרויבען מוז מען זייא שניידען מיט מעסערס וואס זענען טהור. אונ אז מען שניידט איילבירטען מעג מען זיי שניידין מיט מעסרס ווס זענן טמא. האט שמאי געזאגט צו הלל אויב דו וועסט מיך דער צערנען וועל איך גוזר זיין אויף איילבירטען אויך אז זייא ווערין טמא. אונ מען מוז זייא שניידען נאר מיט מעסערס וואס זענען טהור. האט מען ארין געשטעקט א שווערד אין בית המדרש אונ מען האט געזאגט ווער עס וויל ארין גיין אין בית המדרש. מעג ער ארין גיין. אונ קיינער זאל ניט ארויס גיין פון בית המדרש. דעם טאג איז הלל געזעסין איינגעבויגען פר שמאי אזוי וויא איינער פון דיא תלמידים אונ דער טאג איז שלעכט געווען ביי דיא יודין. אזוי וויא דער טאג וואס מען האט געמאכט דעם עגל. שמאי אונ הלל האבען גוזר געווען האט מען ניט אן גענומען פון זייא די גזרה דער נאך זענען געקומען זייערע תלמידים אונ האבען גוזר געוועזען. פון זיי האט מען יא אן גענומען זייער גזרה :

(דף יט) **כא תניא** אמר רבי צדוק כך היה מנהגו של בית רבן גמליאל שהיו נותנין כלי לבן לכובס שלשה ימים קודם לשבת וצבועין אפילו בערב שבת ומדבריהם למדנו שהלבנים קשים לכבסן יותר מן הצבועין אביי הוה יהיב ליה ההוא מנא דצביע לקצרא אמר ליה כמה בעית עלויה אמר ליה כרהיורא א"ל כבר קדמוך רבנן. אמר אביי האי מאן דיהיב מנא לקצרא במשחא ניתיב ליה ובמשחא לישקול מיניה דאי טפי אפסדיה דמתחיה ואי בציר אפסדיה דכווציה:

ומדבריהם למדנו כו'. וכ"ת לכבר הכובס נקראת. כובס: כמה בעית עלויה. בשכר כביס: כבר קדמוך רבנן. שלמדונו שהלבנים קשים לכבסן יותר מן הצבועים: במשחא. ימדדנו בנתינתו ובחזירתו: דכווצי. כרותחים: תרתא. שם מקום: ארגיז. אדם אחד היה אמגושי שבנאה לאותה העיר ורב המנונא דר שם ועדיין קבורתו קיימת שם כך מצאתי בתשובה: והא כרבי שמעון סבירא לן. שפתת כדלקמן ואמאי שמתיה:

(ע"ב) **כב ההוא** תלמידא דאורי בחרתא דארגיז כרבי שמעון שמתיה רב המנונא והא כר"ש סבירא לן באתריה דרב הוה ולא איבעי ליה למימר הכי:

(דף כ) **כג ומאחיזין** את האור במדורת בית המוקד. טנא הני מילי אמר רב הונא (שמות לה) לא תבערו אש בכל מושבותיכם. בככל מושבותיכם אי

כא תניא. מיר האבען גילערונט רבי צדוק זאגט דיא מענטשין וואס זענען גיוועזן ביי רבן גמליאל אין שטוב האבען זיך אזוי געפירט. דריי טעג פאר שבת פלעגין זייא געבין ווייסע קליידער אונ העמדער צו אוועשער אנוי ער זאל דאס וואשען. וייל דאס קען גיוואשין ווערין ביז שבת. אונ גיפארבטע קליידער פלעגין זייא געבין צום וועשער אפילו ערב שבת. חייל דאס קען אויך גיוואשין ווערין ביז שבת. פון זייערע רייד לערנען מיר אז ווייסע קליידער איז שווערער צו וואשין וויא גיפארבטע. אביי האט גיגעבין אגיפארבטע קלייד צוא אוועשער. זאגט אביי צום וועשער וויא פיל ווילסטו וועש געלט פאר דיא קלייד. זאגט דער וועשער צוא אביי אזוי וויא פאר אווייסע קלייד. זאגט אביי צום וועשער. דיא רבנן האבען אונז שוין פריער גזאגט אז אווייסע קלייד איז שווערער צו וואשין וויא אגיפארבטע. אביי הט גזאגט אז איינער גיט אקלייד צו אוועשער זאל ער מעסטין דיא קלייד ווען ער גיט זיא צום וועשער. אונ ער זאל מעסטין דיא קלייד ווען ער נעמט זיא צוריק פון וועשער. אויב דיא קלייד איז גרעסער גיווארין. האט ער זיא איהם שאדין גימאכט. וייל ער האט זיא אויס גיצויגען. אונ אויב די קלייד איז קלענער גיווארין. הט ער זי אים שאדין גימאכט. וייל ער הט זי איינגיצויגען. ער הט זי גיוואשען אין שטארק הייסע וואסער איז זי איינגיצויגין גיווארין:

כב ההוא. אתלמיד האט גיפסקת אין דיא שטאט תרתא דארגיז אזוי וויא רבי שמעון האט רב המנונא מחרים גיוועזן דעם תלמיד. פרעגט דיא גמרא מיר האלטען דאך אויך אזוי וויא רבי שמעון. ענפערט דיא גמרא תרתא דארגיז איז דער ארט פון רב. רב וואוהנט אין תרתא דארגיז. אונ רב פסקת אזוי וויא רבי יהודה. הט דער תלמיד ניט גידארפט פסקנן אין די שטאט אזוי וויא רבי שמעון. אנדערש ווי רב פסקת:

כג ומאחיזין. דער דין איז אז מען וויל איין הייצין ערב שבת פארין נאכט אהויבין. דיא האלץ זאל ברענען אום שבת. מוז מען אן צינדען דיא האלץ אזוי פריה. אז דיא מערסטע האלץ זאל ברענען איידער עס ווערט נאכט. ווארום אז עס וועט זיין שפעט אונ ער וועט נאר אציינד אונטער געבין. טאמער וועט דער פייאר פאר לאשין ווערין. אונ ער וויל דאך הייצין: וועט ער פאר בעסערין דעם פייאר ווען עס וועט שוין זיין שבת. זאגט דיא גמרא אבער אין דעם בית המוקד האט מען אן גיצונדען דעם פייאר אין דיא ד' ן ערב שבת שפעט. אפילו עס איז ניט גיוועזן צייט די האלץ זאל גוט ברענען איידער עס ווערט נאכט. פרעגט די גמרא פון וואנען ווייסען מיר אז מען מעג. האט רב הונא גזאגט. עס שטייט אין פסוק איר זאלט ניט ברענען פייאר אין אלע ערטער וואו איר וועט וואוהנען. אין אייערע וואוהנונגען זאלט איר ניט

אי אתה מבעיר אבל אתה מבעיר במדורת בית המוקד. מתקיף לה רב חסדא אי הכי אפילו בשבת נמי. אלא אמר רב חסדא קרא כי אתא למישרי איברים ופדרים הוא דאתא וכהנים זריזין הם :

איברים ופדרים הוא דאתא: להתיר את הקטרתן כל הלילה אבל מדורת בית המוקד שאינה צורך גבוה אלא צורך כהנים לא הותרה וסמוך לחשכה היינו טעמא דלא גזר משום דכהנים זריזים הם שכולם היו בני תורה ומרדין ונזכרין ולא אתו לחתויי מתחתן :

במה מדליקין פרק שני

(דף כא) **א ולא** בשמן קיק. מאי שמן קיק אמר שמואל שאילתינהו לכל נחותי ימא ואמרו לי עוף אחד יש בכרכי הים וקיק שמו רב יצחק בריה דרב יהודה אמר משחא דקאזא ריש לקיש אמר קיקיון דיונה אמר רבה בר בר חנה לדידי חזי לי קיקיון דיונה ולצלוליבא דמי ומדפשקי רבי ועל פום חנוותא מדלן יתיה ומפרצידוהי עבדי משחא ובענפוהי נייחן כל בריחי דמערבא :

בשמן קיק. שמן של עוף אחד נותנין בנר ודולק: משחא דקאזא. שמן שעושים מגרעיני צמר גפן שקורים קוטו"ן: קיקיון. כעין אוהל של יונה: לדידי חזי לי. מין קיקיון של יונה: ומדפשקי רבי. בגלגלי פתחים הוא גדל: ועל פום חנוותא מדלן יתיה. ועל פי החנויות מדלין אותו לצל ולריח טוב: ספלידוסי. מגרעיניו: נייחן. שוכנין: בריחי. חולין :

ב תני רמי בר חמא פתילות ושמנים שאמרו חכמים אין מדליקין בהן בשבת אין מדליקין בהן במקדש משום שנאמר (שמות כז) להעלות נר תמיד.

הוא

בְּרֶענֶען פַייאֶר אוּם שַׁבָּת. אָבֶער אִין בֵּית הַמּוֹקֵד מֶעגְט אִיר בְּרֶענֶען פַייאֶר אוּם שַׁבָּת. הָאט רַב חִסְדָא אַקַשְׁיָא גִיפְרֶעגְט אוֹיבּ אַזוֹי דַארְף מֶען דָאךְ מֶעגִין בְּרֶענֶען פַייאֶר אִין בֵּית הַמּוֹקֵד אֲפִילוּ אוּם שַׁבָּת. הָאט רַב חִסְדָא גְזָאגְט דֶער פָּסוּק בְּכָל מוֹשְׁבוֹתֵיכֶם קוּמְט מַתִּיר זַיין אַז מֶען מֶעג פַאר בְּרֶענֶען אוּם שַׁבָּת דִיא חֵלֶב מִיט דִי שְׁטִיקֶער פְלֵייש פוּן דִי קָרְבָּנוֹת אוֹיף דֶעם מִזְבֵּחַ. אָבֶּער אִין בֵּית הַמּוֹקֵד טָאר מֶען נִיט אָן צִינְדֶען פַייאֶר אוּם שַׁבָּת. נָאר פַר וָואס מֶעג מֶען אָן צִינְדֶען פַייאֶר פְרֵייטָאג שְׁפֶּעט פַארִין נַאכְט. ווַייל דִי כֹּהֲנִים זֶענֶען גִיוֶוען אָפּ גֶעהִיט פוּן אַעֲבֵירָה. אַז זֵייא וֶועלִין זֶעהְן דֶער פַייאֶר אִיז פַאר לָאשִׁין גִיוָוארִין אוּנ עֶס אִיז שׁוֹין שַׁבָּת. וֶועלִין זֵייא נִיט אָן רִירֶען דֶעם פַייאֶר (בֵּית הַמּוֹקֵד אִיז אַשְׁטוּבּ אִין דִי עֲזָרָה וָוס דָארְט הָט אֵייבִּיג גִיבְּרֶענְט פַייעֶר דִי כֹּהֲנִים זָאל זִיךְ וַוארֶעמֶען. ווַייל זֵיי פְלֶעגִין גֵיין בָּארְוֶועס אוֹיף דִי שְׁטֵיינֶערְנֶע פָאדְלָאגֶע) :

פרק שני

א וְלֹא: שַׁבָּת בַּיי נַאכְט טָאר מֶען נִיט בְּרֶענֶען אֵייל פוּן קִיק. פְרֶעגְט דִי גְמָרָא וָואס אִיז דָאס אֵייל פוּן קִיק. הָאט שְׁמוּאֵל גְזָאגְט אִיךְ הָאבּ גִיפְרֶעגְט אַלֶע מֶענְטְשִׁין וָוס שִׁיפֶען אוֹיף דֶעם יַם הָאבֶּען זֵיי מִיר גְזָאגְט אִין דִי שְׁטֶעט פוּן יַם אִיז דָא אֵיין פוֹיגִיל וָוס הֵייסְט קִיק. אוּנ זַיינֶע פֶעטְס לֵייגְט מֶען אַרַיין אִין אַלָאמְפּ אוּנ מֶען צִינְדְט אָן. רַב יִצְחָק בְּרֵיהּ דְרַב יְהוּדָה זָאגְט דִי אֵייל וָוס מֶען מַאכְט פוּן דִיא קֶערְנֶער פוּן בַּאווּייל הֵייסְט קִיק. רֵישׁ לָקִישׁ זָאגְט דִיא אֵייל וָוס מֶען מַאכְט פוּן דֶעם מִין בְּלֶעטֶער וָוס זֶענֶען גִיוֶוען בַּדֶעקְט אוֹיף דֶעם קָאפּ פוּן יוֹנָה (אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין סֵפֶר יוֹנָה) הֵייסְט קִיק. אָמַר. רַבָּה בַּר בַּר חָנָה הָט גְזָאגְט אִיךְ הָאבּ גִיזֶעהְן דֶעם מִין בְּלֶעטֶער וָואס זֶענֶען גִיוֶוען בַּדֶעקְט אוֹיף דֶעם קָאפּ פוּן יוֹנָה אוּנ דִי בְּלֶעטֶער זֶעהְן אוֹיס אַזוֹי וִויא צְלוֹלִיבָא דָאס אִיז גַאנְץ גְרוֹיסֶע בְּלֶעטֶער. אוּנ זֵייא וַואקְסֶען אִין דִיא ווּסְטֶע עֶרְטֶער. אוּנ דִי בְּלֶעטֶער אֵיינְגְט מֶען אוֹיף אִין דִי קְרָאמֶען עֶס זָאל שְׁמֶעקִין. אוּנ פוּן דִי קֶערְנֶער מַאכְט מֶען אֵייל. אוּנ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל לֵייגְט מֶען דִי בְּלֶעטֶער נֶעבִּין אַקְרַאנְקִין הָט עֶר הֲנָאָה פוּן דֶעם רֵיחַ :

ב רָמִי בַּר חָמָא הָט גִילֶערְנְט דִיא קְנֵייטְלַאךְ אוּנ דִיא אֵייל וָוס דִיא חֲכָמִים הָאבֶּען גְזָאגְט מֶען טָאר זֵיי נִיט אָן צִינְדֶען אוֹיף שַׁבָּת טָאר מֶען זֵיי נִיט אָן צִינְדֶען אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ. ווַייל עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק מֶען זָאל אָן צִינְדֶען דִי מְנוֹרָה אֵייבִּיג. רָמִי בַּר חָמָא הָאט גִילֶערְנְט

הוא תני לה והוא אמר לה כדי שתהא שלהבת עולה מאיליה ולא שתהא עולה על ידי דבר אחר . תנן מבלאי מכנסי כהנים ומהמייניהם היו מפקיעין ומהן מדליקין שמחת בית השואבה שאני :

ג **כשבאו** בגמרא לפרש שמנים ופתילות דמתניתין הזכירוה לענין חנוכה ואמר רב מדליקין בהן אמר רבי ירמיה מאי טעמא דרב קסבר כבתה אין זקוק לה וכו' אמרוה רבנן קמיה דאביי משמיה דרבי ירמיה ולא קבלה כי אתא רבין אמרוה רבנן קמיה דאביי משמיה דרבי יוחנן וקבלה אמר אי זכאי גמירתה לשמעתא מעיקרא והא גמרה נפקא מיניה לגרסא דינקותא :

והוא אמר לה. מפרש מאי תלמודא והיכי משמע מהאי קרא : ולא שתהא עולה. שתהא צריכין תיקון והטיה : מבלאי מכנסי הכהנים. ממכנסי הכהנים הבלויין : היו מפקיעין. קורעין ועושין פתילות בשמחת בית השואבה שהיה בעזרת נשים : המייניהם. של כלאים הם דכתיב ואת האבנט שש משזר ותכלת וארגמן וקי"ל תכלת עמרא היא ותניא לעיל לענין שבת הוסיפו עליהן של צמר לפסול וקתני מדליקין בהן במקדש : שמחת בית השואבה. דלא כתיב בהן להעלות ולאו דאורייתא היא :

ולא קבלה. שלא חשבה לסמוך על דבריו : אי זכאי. אילו הייתי זוכה ללמדה הייתי גורסה כשמעתיה ראשונה : גרסא דינקותא. מתקיימת יותר משל זקנה :

נר איש וביתו. נר אחד בכל לילה ואיש וכל בני ביתו סגי בנר אחד והמהדרין במצוה עושין נר

(ע"ב) ד **תנו** רבנן מצות חנוכה נר איש וביתו והמהדרין נר לכל אחד ואחד והמהדרין מן המהדרין בית שמאי אומרים יום ראשון מדליק שמונה מכאן ואילך פוחת והולך

דעם דין . אונ ער הט גזאגט וויא אזוי ווייס מען פון דעם פסוק אז מען טאר ניט אן צינדן דיא אייל מיט די קנייטלאך אין בית המקדש . ווייל אין פסוק שטייט דער ווארט להעלות אויף ברייננגען . אונ עס שטייט ניט להדליק אן צינדען ; מיינט דער פסוק דער קנייטול מיט די אייל זאלען זיין פון אזוי אזאך אז מען וועט דאס אן צינדען וועט דער פלאם אויף גיין פון זיך אליין . אבער ניט דער פלאם זאל אויף גיין דורך אנדערע זאכען . ווייל מען וועט דאס אלע מאהל פאר בעסערין אונ אלע מאהל איינבייגין . אונ דיא קנייטלאך אונ אייל וואס מען טאר ניט אן צינדען אויף שבת ברענגען ניט פון זיך אליין נאר מען מוז זייא אלע מאהל פאר בעסערין . הייבער טאר מען זייא ניט אן צינדען אין בית המקדש . פרעגט דיא גמרא מיר האבין דאך גילערונט דיא אלע הויזין פון דיא כהנים אונ זייערע גארטלען האט מען צעריסען . אונ מען האט גימאכט פון זייא קנייטלאך אונ מען האט זייא אן גיצונדען אין בית המקדש . אונ דיא גארטלען פון דיא כהנים זענען דאך פון פלאקס מיט וואל . אונ אקנייטיל פון וואל טאר מען דאך ניט אן צינדען אויף שבת . פאר וואס מעג מען אן צינדען אין בית המקדש . ענפערט די גמרא דיא בלייכטונג וואס איז גיוועזן צו שמחת בית השואבה איז אנדערש . דאס האט גימעגט זיין פון וואלענע קנייטלאך אויך :

ג **כשבאו** ; אז דיא גמרא קומט אויס רעבענען דיא אייל אונ דיא קנייטלאך פון דיא משנה וואס זענען פסול צו שבת האט מען דער מאנט צו פרעגין אויב זייא זענען כשר צוא חנוכה ; האט רב גזאגט מען מעג זייא אן צינדען צו חנוכה . האט רבי ירמיה גזאגט פר וואס זאגט רב אז מען מעג זייא אן צינדען צוא חנוכה ווייל רב האלט אז דיא חנוכה ליכט ווערט אויס גילאשין ופאר אהאלבע שעה דארף מען ניט צוריק אן צינדען . דיא רבנן האבין גזאגט דעם דין פאר אביי פון רבי ירמיהס וועגין . הט אביי ניט אן גינומען דעם דין . אז רבין איז גיקומען האבען דיא רבנן גזאגט דעם דין פאר אביי פון רבי יוחנס וועגין ; הט שוין אביי אן גינומען דעם דין . הט אביי גזאגט אז איך וואלט זוכה גיוועזן וואלט איך דעם דין פריער גילערונט . פרעגט דיא גמרא ער הט דאך דעם דין גילערונט . וואס איז דער אונטערשייד פריער צו שפעטער . ענפערט די גמרא דער אונטערשייד איז אז מען לערונט אזאך אין דער יוגענד גידיינקט מען בעסער וויא מען לערונט אין די עלטערע יאהרין :

ד **תנו רבנן** . דיא רבנן האבין גילערונט דיא מצוה פון חנוכה ליכט איז . דער בעל הבית זאל אן צינדען אלע נאכט איין ליכט פאר אלע מענטשין פון שטוב אונ דיא מענטשין וואס

והולך . ובה"א יום ראשון מדליק אחר מכאן ואילך מוסיף והולך. אמר עולא פליגי בה תרי אמוראי במערבא רבי יוסי בר אבין ורבי יוסי בר זבידא חד אמר טעמא דב"ש כנגד ימים הנכנסין וטעמא דבית הלל כנגד ימים היוצאין וחד אמר טעמא דבית שמאי כנגד פרי החג וטעמא דב"ה דמעלין בקדש ואין מורידין אמר רבה בר בר חנה אמר רבי יוחנן ב' זקנים היו בצידן אחד עשה כב"ש ואחד עשה כב"ה זה נותן טעם לדבריו כנגד פ"י החג וזה נותן טעם לדבריו דמעלין בקדש ואין מורידין :

אחד בכל לילה נכל אחד ואחד מבני הבית : כנגד ימים הנכנסים . העתידין לבא : ימים ה ונאים . שיצאו כבר וזה שבוא עומד בו נמנה עם היוצאים: פרי החג . מתמעטים והולכים בקרבנות דפיתים: מעלין בקדם ואין מורידין . מקרא ילפינן לה במנחות פרק שתי הלחם :

מאי

ה מאי חנוכה דתנו רבנן בכ"ה בכסליו יומי דחנוכה תמניא אינון דלא למספד בהון ודלא להתענות בהון שכשנכנסו עובדי כוכבים להיכל טמאו כל השמנים שבהיכל וכשגברה

זובען צו טאהן אמצוה בעסער וויא דער דין איז . אלע נאכט דארף יעדער מענטש וואס אין שטוב אן צינדען איין ליכט . אונ דיא מענטשין וואס זוכען נאך שטארקער צו טאן אמצוה בעסער וויא דער דין איז . בית שמאי זאגין דיא ערשטע נאכט חנוכה זאל יעדער מענטש פון שטוב אן צינדען אכט ליכט . פון דיא ערשטע נאכט אונ ווייטער . זאל מען יעדער נאכט אן צינדען איין ליכט וויניגער . אונ בית הלל זאגין דיא ערשטע נאכט חנוכה זאל יעדער מענטש פון שטוב אן צינדען איין ליכט . פון דיא ערשטע נאכט אונ ווייטער . זאל מען יעדער נאכט אן צינדען איין ליכט מער . האט עולא גזאגט אין ארץ ישראל קריגען אין דעיר זאך צוויי אמוראים . רבי יוסי בר אבין . אונ רבי יוסי בר זבידא . איינער זאגט דער טעם פון בית שמאי וואס ער זאגט אז אלע נאכט זאל מען אן צינדען איין ליכט וויניגער . דאס איז געגין דיא טעג חנוכה וואס דארפין אריין גיין . אלע טאג איז דא אטאג וויניגער אן צו קומען . די ערשטע נאכט חנוכה זאל מען צינדען אכט ליכט . וויל עס דארף נאך קומען אכט טאג חנוכה . דיא אנדערע נאכט זיבען ליכט וויל עס דארף נאך קומען זיבען טעג חנוכה . אונ אזוי ווייטער . אונ דער טעם פון בית הלל וואס ער זאגט אז אלע נאכט זאל מען אן צינדען איין ליכט מעהר . דאס איז געגין די טעג חנוכה וואס זענען אוועק גיגאנגען . אלע טאג איז אטאג מער אוועק גיגאנגען דיא ערשטע נאכט חנוכה זאל מען צינדען איין ליכט . וויל איין טאג חנוכה גייט אוועק . די אנדערע נאכט צוויי ליכט . וויל צוויא טעג חנוכה גייען אוועק . אונ אזוי ווייטער . אונ איינער זאגט דער טעם פון בית שמאי איז געגין דיא פרים וואס מען איז מקריב אום סוכות . אזוי וויא מיר געפינען ביי דיא פרים פון סוכות . דעם ערשטין טאג איז מען מקריב דרייצעהן פרים . דער נאך איז מען מקריב אלע טאג איין פר וויניגער אזוי ביי חנוכה זאל מען אויך אן צינדען דיא ערשטע נאכט אכט ליכט . אונ אלע נאכט מיט איינע וויניגער . אונ דער טעם פון בית הלל איז וויל ביי אלע הייליגע זאכין דארף מען גיין אלע מאהל העכער ניט נידעריגער . דריבער דארף מען אלע נאכט אן צינדען מער . ניט וויניגער . רבה בר בר חנא הט גזאגט פון רבי יוחנן ס ווענין אין דיא שטאט צידן זענען גיוועזען צוויי אלטע מענטשין . איינער הט גיטאהן אזוי וויא בית שמאי . דיא ערשטע נאכט חנוכה הט ער אן גיצונדען אכט ליכט . אונ אלע נאכט מיט איינע וויניגער . אונ איינער האט גיטאהן אזוי וויא בית הלל . דיא ערשטע נאכט חנוכה הט ער גיצונדען איין ליכט אונ אלע נאכט מיט איינער מער . דער וואס האט גיטאהן וויא בית שמאי האט גיגעבין אטעם צו זיינע רייד . מען דארף טאהן וויא דיא פרים פון סוכות . אונ דער ווס הט גיטאהן וויא בית הלל . האט גיגעבין אטעם צו זיינע רייד ביי אלע הייליגע זאכין דארף מען גיין העכער ניט ניך ריגער :

ה מאי . וואס איז גיוועזען דער נס פון חנוכה די רבנן הָ ען גילערונט פינף אונ צוואנציג טעג אין כסלו הייבין זיך אן דיא טעג פון חנוכה דיא טעג פון .נוכה זענען אכט מען טאר ניט

וכשגברה מלכות בית השמונאי ונצחום בדקו ולא מצאו אלא פך אחד של שמן שהיה מונח בחותמו של כהן הגדול ולא היה בו אלא להדליק יום אחד נעשה בו נס והדליקו ממנו שמונה ימים לשנה אחרת קבעום ועשאום ימים טובים בהלל והודאה:

מאי חנוכה: על איזה נס קבעוה: בחותמו של כ"ג. בהצנע והחים בטבעתו והכירו שלא נגעו בו: ה"ג ועשאום ימים טובים בהלל והודאה לא שאסורים במלאכה שלא נקבעו אלא לקרות הלל ולומר על הנסים בהודאה:
לכלות. למנות: במה ששפך. ביזה ששפך בם ולא ברגלו.

(דף כב) **ו אמר** רב כהנא דריש רב נתן בר מניומי משמיה דרבי תנחום מאי דכתיב (בראשית לז) והבור רק אין בו מים ממשמע שנאמר והבור רק איני יודע שאין בו מים אלא מה תלמוד לומר אין בו מים מים אין בו אבל נחשים ועקרבים יש בו:

ז אמר רב יהודה אמר רב אשי (אסי) אמר רב אסור להרצות מעות כנגד נר חנוכה כי אמריתה קמיה דשמואל אמר לי וכי נר קדושה יש בה מתקיף לה רב יוסף וכי דם קדושה יש בו דתניא ושפך וכסה במה ששפך יכסה שלא יכסנו ברגל שלא יהו מצות בזויות עליו הכי נמי שלא יהו מצות בזויות עליו:

(ע"ב) **ח מתיב** רב ששת (שמות כז) מחוץ לפרוכת העדות יערוך וכי לאורה הוא צריך והלא כל ארבעים שנה שהלכו בני ישראל במדבר לא הלכו אלא לאורו

זאגין קיין הספד אונ מען טאר ניט פאסטען אין דיא טעג· ווען דיא גריכען זענען אריין גיגאנגען אין בית המקדש האבען זייא מטמא גיוועזען אלע אייל וואס אין בית המקדש אונ אז די מלוכה פון חשמונאי מיט זיינע קינדער האט זיך גישטארקט· אונ זייא האבן איין גינומען די גוים· האבען זייא גיזוכט אין בית המקדש אונ האבען ניט מער גיפונען נאר איין קריגעל אייל וואס ער איז גילעגין פאר חתמת מיט דיא חתימה פון כהן גדול· אונ מיט דיא בוימאייל האט מען נאר גיקענט ברענען אין דיא מנורה איין טאג· איז גישעהן גיווארין א נס אונ מען האט גיברענט מיט דיא בוימאייל אכט טאג: אויף דעם אנדערין יאהר אין די צייט האט מען גימאכט דיא אכט טאג זאל זיין יום טוב אלע יאהר· מען זאל זאגין הלל אונ מען זאל לויבין גאט· מען זאל זאגין על הנסים אין דאווענען אונ אין בענטשין· רב כהנא האט גזאגט רב נתן בר מניומי האט גידרשנט פון רבי תנחום וועגין וואס מיינט דער פסוק דיא גרוב איז ליידיג עס איז ניטא אין איר קיין וואסער אז דער פסוק זאגט דיא גרוב איז ליידיג· ווייסען מיר דאך אז אין איר איז ניטא קיין וואסער נאר וואס דען זאגט דער פסוק אז אין די גרוב איז ניטא קיין וואסער· וואסער איז ניטא אין די גרוב אבער שלאנגען אונ עקדיסין איז יא דא אין די גרוב:

ז רב יהודה האט גזאגט רב אסי האט גזאגט פון רבס וועגין מען טאר ניט ציילין געלט ביי די ליכטיגקייט פון די חנוכה ליכט· אז איך האב גיזאגט דעם דין פאר שמואל· האט שמואל צו מיר גזאגט איז דען דא אהייליגקייט אין די ליכט· האט רב יוסף א קשיא גיפרעגט איז דען דא אהייליגקייט אין בלוט· אונ מיר האבען גילערנט עס שטייט אין פסוק ער זאל פאר גיסען די בלוט אונ זאל זיי צו דעקין מיט וואס ער האט פאר גאסען די בלוט זאל ער זייא צוא דעקין ער האט פאר גאסען דיא בלוט פון דער חיה אונ פון דעם עוף מיט די הענט· ער זאל זייא צו דעקין מיט די הענט· ער זאל ניט צו דעקין דיא בלוט מיט דיא פיס די מצות זאלען ניט זיין פאר מיאוסת· נאר ער זאל דיא מצות בשיינען אונ ער זאל זייא האלטען מיט כבוד· דא בייא דיא חנוכה ליכט איז אויך אזוי· ער זאל ניט ניצען מיט דיא חנוכה ליכט· דיא מצות זאלען ניט זיין פאר שעמט· נאר ער זאל זייא האלטען מיט כבוד:

ח מתיב· האט רב ששת א קשיא גיפרעגט· עס שטייט אין פסוק מען זאל שטעלין די מנורה פאר דעם פרוכת וואס איינגט פאר דעם ארון הקודש· דארף דען גאט די ליכטיגקייט פון דיא מנורה· די גאנצע פערציג יאהר וואס דיא יודען זענען גיגאנגען אין דער מדבר· זענען זייא דאך גיגאנגען פאר דיא ליכטיגקייט פון גאט· נאר דיא מנורה איז גיוועזען אעדות צו די

אלא עדות היא לבאי עולם שהשכינה שורה בישראל . מאי עדות אמר רב זו נר מערבי שנותן בה שמן כמדת חברותיה וממנה היה מדליק ובה היה מסיים :

(דף כג) **מז אמר** רבי יהושע בן לוי כל השמנים יפים לדיו ושמן זית מן המובחר . איבעיא להו לגבל או לעשן ת"ש דתני רב שמואל בר זוטרא כל השמנים יפים לדיו בין לגבל בין לעשן ושמן זית מן המובחר רב שמואל בר זוטרא מתני לה הכי כל השמנים יפים לדיו ושמן זית מן המובחר אמר רב הונא כל השרפים יפים לדיו ושרף קטף יפה מכלם :

מאי

נר מערבי . למ"ד במנורה מזרח ומערב מונחים סדר הקנים קרי מערבי נר שני שבלד הקיצון שהוא במזרח ולמ"ד לצפון ודרום מונחים אמצעי קרי מערבי על שם שהיה פיו כנגד מערב וכל שאר הנרות כלפי האמצעי דכתיב אל מול פני המנורה דהיינו אמצעי יאירו וגו' של צפון היו פונות לדרום ושל דרום היו פונות לצפון נרות אלו שבן של זהב שנותנים לתוכה שמן ופתילה כמדת חברותיה וממנה היה מדליק הלי לוג שיערו בה ללילי תקופת טבת הגדולים והם ידליק ביום ובלילה בלילות הקצרים ידלק אבל פחות לא שלא יכבה במצת בלילה והתורה אמרה מערב עד בקר : וממנה היה מדליק . את הנרות בין הערבים: ובה היה מסיים . הניבת הנרות שדלקו כל היום ואינו מטיבו עד הערב ומשנה זו בת"כ שנויה וס"ל דמזרח ומערב מונחים והכי תני לעיל ניניה להעלות נר תמיד שהוא נר מערבי תמיד שממנו יהא מתחיל ובו יהא מסיים ומדלא כתיב להעלות נרות שמע מינה הוקבע נר אחד להתחיל בו בכל יום וזהו נר מערבי השני של מזרח והכי תק נכנס ומלא נר מזרחית דולקת מדשן המזרחי ומניח המערבי דולק שממנו מדליק את המנורה בין הערבים מלאו בכבה כגון משמת שמטון הלדיק מדליק ממזבח העולה . ונראה בעיני דאמור רבנן קביעותא בנר שני משום דאין מטבירין על המצות וכי נייל בהיכל בקמא פגע בריבא וביה לא מצי לאתחולי דכתיב יערוך אותו לפני ה' צריך שיהא אחד הוצה לו דאי לא לא קרינן ביה לפני ה' והכי אמרינן במנחות דכתיב בנר מערבי לפני ה' מכלל דכולהו לאו לפני ה' וכו' ובה היה מסיים הטבה נפי שבשאר היה מטיב שחרית וזו מטיב בין הערבים ואותו היתה בידו או מניחה בכלי עד שנותן שמן ופתילה ומדליקה ומדליק ממנה את השאר והא דאמרינן בסדר יומא הטבת ה' נרות קודמת להטבת ב' נרות משמע כולהו היה מטיב שחרית ויליף לה מקראי היינו כשלא היה הנס מתקיים והיה מוצאו שכבה דלא כמך קרא אניכה וכל זמן שהיו ישראל הגיבין היה דולק כל היום והיינו עדות :

לגבל . מצאתי בתשובת הגאונים שמעשנים כלי זכוכית בעשן ש"ן זית עד שמשחיר וגורד אותו השחרורית ומותן בו שמן קימעא ומגבל בו ומייבשו בחמה וממהה אותו להוך הדיו לעשן נמי כדפרישית : פ"ק . גימ"א : קטף . פרוגיי"ל של יער כמו שאנו עושים מגל שרף :

והיכן

נאנצע וועלט אז די שכינה רוהט צווישען דיא יודען . וויא אזוי איז דיא מנורה געוועזן אעדות אז די שכינה רוהט צווישען דיא יודען . האט רב גזאגט דאס מיינט מען די ליכט וואס האט געברענט אין מערב זייט פון דיא מנורה . ער האט אריין געגאסען בוימאייל אין דיא ליכט אזוי ווי אין אלע לעכטער פון דיא ליכט האט ער אן געצונדען פארין נאכט אלע לעכטער , אונ ביי דיא ליכט האט ער אויס געלאזען ליין צו מאכען . אלע לעכטער האט ער אויס געלאשען אין דער פריה אונ דאס זיי באלד ריין געמאכט . אונ די ליכט האט געברענט אגאנצען טאג . אונ פארין נאכט האט ער פון איר אן געצונדען אלע לעכטער . דער נאך האט ער זיא אויס געלאשען . אונ האט איר ריין געמאכט . אונ האט אן געגאסען אנדערע בוימאייל אזוי פיל וויא אלע לעכטער . אונ עס האט ווייטער געברענט ביז מארגען פארין נאכט . אונ דורך דעם נס האט מען געוואוסט אז די שכינה רוהט צווישען די יודען :

מז אמר . רבי יהושע בן לוי האט גזאגט אלע אייל איז גוט צו טינט . אונ בוימאייל איז דאס בעסטע צו טינט . האבען דיא תלמידים גיקלערט די אייל איז גוט צו קנעטין אדער צום רייכערין ופאר צייטען האט מען אזוי גימאכט טינט . מען האט אריין גילייגט אקנויט אין בוימאייל . אונ מען האט אן גיצונדען דעם קנויט . פון הויבין האט מען גיהאלטען אגלאז : אונ דער רויך איז גיגאנגען אויף דיא גלאז ביז זיא איז שווארץ גיווארין . דער נאך האט מען אפ גיקראצט דיא סאזע אונ מען האט דאס גיקנעטין מיט בוימאייל . אונ געטריקנט אויף די זוהן . אונ פון דיא געטריקנטע סאזע האט מען גימאכט טינט) . ענפערט דיא גמרא איך וועל דיר ענפערין . רב שמואל בר זוטרא האט גילערנט אלע אייל זענען גוט צו טינט . סיי צום קנעטין; סיי צום רייכערין . אונ בוימאייל איז צום בעסטין . רב שמואל בר זוטרא האט אזוי גילערנט אלע אייל איז גוט צו טינט אונ בוימאייל איז צום בעסטין . רב הונא האט גזאגט די זאפט פון אלע בוימער זענען גוט צו טינט אונ דיא זאפט פון דעם בוים קטף איז בעסער צו טינט וויא אלע זאפטין :

י מאי מברך מברך אשר קדשנו במצותיו וצונו להדליק נר של חנוכה והיכן צונו רב אויא אמר (דברים יז) מלא תסור רב נחמיה אמר (שם לב) שאל אביך ויגדך זקניך ויאמרו לך :

יא תניא אמר רבי שמעון בשביל ארבעה דברים אמרה תורה להניח פאה בסוף שדהו מפני גזל עניים ומפני בטול עניים ומפני החשד ומשום בל תכלה מפני גזל עניים שלא יראה בעל הבית שעה פנויה

והיכן צונו . הא לאו דאורייתא היא אלא מדבריהם מלא תסור מן הדבר אשר יגידו לך : בסוף שדהו . לגמר קצירו כדכתיב לא תכלה תשמע בשעת כילוי ולא שיקצר אותה קודם לכן : מפני בטול עניים . וכולהו מפרש לא : שעה פנויה. שאין עניים אלו ויאמר לקרובו עני מהר וטול כאן עד שלא יבואו אחרים אבל עכשיו שמניחה בגמר קציר השדה העניים רואים ובאים : מפני בטול עניים . שלא יהיו יודעים מתי יקצור אותה : מפני

י מאי. וויא מאכט מען א ברכה אויף חנוכה ליכט ער זאל זאגן אשר קדשנו במצותיו וצונו להדליק נר של חנוכה [גילויבט ביסטו גאט וואס ער האט אונז געהייליגט מיט זיינע מצות אונ ער האט אונז געבאטען מיר זאלען אן צינדען די ליכט פון חנוכה] . וואו האט אונז גאט געבאטען מיר זאלען אן צינדען חנוכה ליכט . די חכמים האבען דאך געהייסען אן צינדען חנוכה ליכט . רב אויא זאגט די תורה הט גזאגט דו זאלסט ניט אפ קערין פון די רייד וואס די סנהדרין [די חכמים] וועלין דיר זאגען . רב נחמיה זאגט דיא תורה האט גזאגט פרעג ביין פאטער וועט ער דיר זאגען פרעג דיינע אלטע לייט וועלין זיי דיר זאגען . האט דיא תורה געבאטען מיר זאלען טאהן אלץ וואס די חכמים וועלין אונז זאגען :

יא תניא : מיר האבען גילערנט רבי שמעון הט גזאגט פון וועגין פיר זאכען הט דיא תורה גיהייסען [אין די סדרה קדושים] מען זאל לאזען פאה אין עק פעלד [ניט אין מיטען פעלד] . ווען מען שניידט אפ די גאנצע תבואה פון פעלד . דיא לעצטע ביסול תבואה וואס אין עק פעלד זאל מען לאזין שטיין פר ארעמע לייט . ער זאל ניט גזלנען דיא ארעמע לייט . ער זאל ניט מבטל זיין די ארעמע לייט פון זייערע ארבעט . מען זאל איהם ניט חושד זיין אז ער הט ניט גיגעבען פאה . אונ ווייל דיא תורה הט גזאגט מען זאל ניט אפ שניידען די תבואה פון גאנצען פעלד . נאר אין עק פעלד זאל מען לאזען שטיין א ביסול תבואה פאר ארעמע לייט . פרעגט די גמרא ווי אזוי וועט מען גזלנען די ארעמע לייט . ענטפערט דיא גמרא אז דער בעל הבית וועט מעגין געבין פאה ווען ער וועט וועלין . אפילו אין מיטען שניידען אויך . אז דער בעל הבית וועט זעהן אליידיגע צייט ווען ארעמע לייט זענען ניטא : וועט ער זאגען צו זיין ארעמען קרוב דיא ביסול תבואה זאל זיין פאה : נעם זיא דיר : אונ די ארעמע לייט וואס זייערע קרובים האבען ניט קיין פעלדער . וועלין קיין מאהל ניט האבען פאה : אבער אז מען גיט נאר פאה אין עק פעלד . וועלען דיא ארעמע לייט זעהן וועלכע פעלד עס איז באלד צום סוף שניט : וועלין זייא היטען די פאה . די ארעמע לייט זאלען ניט מבטל זיין פון זייער ארבעט : אז דער בעל הבית וועט מעגין געבין פאה ווען ער וועט וועלין . אפילו אין מיטען שניידען אויך . אז די ארעמע לייט וועלין זעהן א פעלד וואס מען שניידט אירע תבואה . וועלין זייא שוין טוזען זיצען אין פעלד אונ היטען די פאה . ווארום זייא וועלין מורא האבען אוועק צו גיין טאמער איצט גיט דער בעל הבית פאה . וועלין זיי דאך ניט קענען ארבעטין . אבער אז מען גיט פאה נאר אין עק פעלד . אז די ארעמע לייט וועלין זעהן עס איז צום סוף שניט . וועלין זיי היטען די פאה גאר א קורצע צייט . אונ מען זאל איהם ניט חושד זיין אז ער האט ניט גיגעבין קיין פאה . דיא מענטשין וואס גייען אין וועג זאלען ניט זאגין אפלוכונג זאל קומען אויף דעם מענטשין וואס הט ניט גילאזין פאה אין זיין פעלד : ווייל זייא וועלין זעהן ער שניידט אפ דיא גאנצע תבואה . אונ זייא וועלין ניט וויסען אז ער האט שוין גיגעבין פאה אין מיטען שניידען . דריבער הט די תורה גזאגט אז אלע זאלען געבין פאה אין עק פעלד צום סוף שניט אונ דריבער מוז מען לאזין פאה אין עק פעלד . ווייל דיא תורה הט גזאגט לא תכלה פאת שדך דו זאלסט ניט

פנויה ויאמר לקיובו עני הרי ז. פאה. ומפני בטול עניים שלא יהיו עניים יושבין ומשמרין עכשיו מניח בעל הבית פאה ומפני החשד שלא יהו עוברים ושבים אומרים תבא מארה על אדם שלא הניח פאה בשדהו. ומשום בל תכלה אטו כולהו לאו משום בל תכלה נינהו אמר רבא מפני הרמאין:

(ע"ג) יב אמר רב הונא הרגיל בנר חנוכה הויין ליה בנים תלמידי חכמים הזהיר במזוזה זוכה לדירה נאה הזהיר בציצית זוכה לטלית נאה הזהיר בקדוש היום זוכה וממלא גרבי יין רב הונא הוה רגיל דהוה חליף ותני אפיתחא דרבי אבין נגרא חזי דהוה רגיל בשרגא טובא אמר תרי גברי רברבי נפקי מהכא נפקי מינייהו רב אידי בר אבין ורב חייא בר אבין רב חסדא הוה רגיל דהוה חליף ותנא אפיתחא דבי נשא דרב שיזבי חזא דהוה רגיל בשרגא טובא אמר גברא רבה נפק מהכא נפק מינייהו רב שיזבי. דביתהו דרב יוסף הות מאחרה ומדלקה לה אמר לה רב יוסף תנינא (שמות יג) לא ימיש עמוד הענן יומם ועמוד האש לילה מלמד

החשד. שהעוברים ורואים בגמר קצירו שלא מכה את הכל ולא ידעו שנהגה כבר: ומשום בל תכלה. דמשמע בשעת כלוי. אטו כולהו (כלא) [הכי] דאמרן לא טעמא דלא תכלה קא מפרשי ומאי שנא שעת כילוי: אמר רבא מפני הרמאין. העוברים על לא תכלה ואומרים כבר הנחנוה:

בנים ת"ח. דכתיב כי נר מצוה ותורה אור על ידי נר מצוה דשבת וחנוכה בא אור דתורה:

נגרא. חרש עצים: בשרגא. דשבת: חליף ותני. עובר ושונה כלומר עובר תמיד: וכתבו בתוספות ס"ג דהוו רגילי בשרגא פי' הבעל והאשה לכך אמר תרי גברי רברבי נפקי ולקמן הויא דהות רגילה האשה לבדה לכך קאמר דנפיק חד גברא רבה מאותה ע"כ: דבי נשא. אביו ואיכא דאמרי חמיו: נפק מינייהו. דהתנו כבנו: מאחרה ומדלקה. נר של שבת סמוך לחשכה: לא ימיש. קרא יתירה הוא לכך דרשה (דהא כתיב וכ' כולך

פאר לענדין דיין עק פעלד. דו זאלסט ניט אפ שניידען די תבואה פון דיין עק פעלד. נאר דוא זאלסט לאזין דיא תבואה פון דיין פעלד פאר די ארעמע לייט: פרעגט די גמרא די אלע זאכען וואס מיר האבען גזאגט מפני גזל עניים. מפני בטול עניים. מפני החשד. דאס הט מען דאך אלץ גיגעבין אטעם פאר וואס הט די תורה ג זאגט מען זאל געבין פאה אין עק פעלד. ווס דען זאגט די גמרא נאך אמאהל משום בל תכלה. מען שמועסט דאך נאר פון בל תכלה. הט רבא גזאגט אז מען וועט מעגין געבין פאה אין מיטען פעלד אויך. וועלין זיך געפינען פארשע מענטשין ווס וועלין ניט געבין פאה. אונ אז מען וועט פרעגין אויב ער האט גיגעבין פאה. וועט ער זאגין ער האט גיגעבין: אונ קיינער וועט ניט וויסען דעם אמת. דריבער הט דיא תורה גזאגט מען זאל געבין פאה אין עק פעלד. וועלין אלע זעהן אויב ער גיט פאה אדער ניין. אונ ער וועט ניט קענען נארין:

יב אמר. רב הונא הט גזאגט דער וואס איז גיוואוהנט אן צו צינדען חנוכה ליכט וועט ער האבען קינדער תלמידי חכמים: דער וואס איז אפ געהיט צו האבען אשיינע מזוזה אכשרה. איז ער זוכה צו האבען אשיינע וואוהנונג. דער וואס איז אפ געהיט צוא האבען שיינע ציצית כשרה. איז ער זוכה צו האבען אשיינעם טלית. דער וואס איז אפ געהיט צוא מאכען קידוש אלע שבת אויף וויין איז ער זוכה צו האבען פיל קעלערס וויין. רב הונא איז גיוועון גיוואוהנט צו גיין אלע מאהל פאר דיא טיר פון דעם סטאלאר רבי אבין. הט ער גיזעהן אז רבי אבין אונ זיין ווייב זענען גיוועון גיוואוהנט אן צו צינדען פיל ליכט אויף שבת. הט רב הונא גזאגט פון דיא מענטשין וועלין גיבאהרין ווערין צוויי גרויסע תלמידי חכמים. איז גיבארין גיווארין פון זייא. רב אידי בר אבין אונ רב חייא בר אבין. רב חסדא איז גיוועון גיוואוהנט צו גיין אלע מאהל פאר די טיר פון דעם פאטער פון רב שיזבי הט ער גיזעהן אז דער פאטער איז גיוואוהנט אן צו צינדען פיל ליכט אויף שבת. הט רב חסדא גזאגט פון דעם מענטשין וועט גיבארין ווערין אגרויסער תלמיד חכם איז פון זייא גיבארין גיווארין רב שיזבי. די ווייב פון רב יוסף פלעגט אן צינדען די ליכט ערב שבת שפעט פארין נאכט. הט רב יוסף צו איר גזאגט מיר האבען גילערנט עס שטייט אין פסוק דער עמוד הענן איז ניט אפ גיטאהן גיווארין ביי טאג אונ דער עמוד האש איז ניט אפ גיטאהן גיווארין פון דיא יודען ביי נאכט. דער פסוק לערנט אונז אז דער עמוד הענן הט אויס גילאזין זיין ליכטיגקייט צום עמוד האש. אונ דער עמוד האש האט אויס גילאזין זיין ליכטיגקייט צום עמוד הענן.

מלמד שעמוד הענן משלים לעמוד האש ועמוד האש משלים לעמוד הענן סברה לאקדומה אמר לה ההוא סבא תניגא ובלבד שלא יקדים ובלבד שלא יאחר. אמר רבא דרחים רבנן הוו ליה בנין רבנן. דמוקיר רבנן הוו ליה חתנוותא רבנן. דדחיל מרבנן הוא גופיה הוה צורבא מרבנן. ואי לאו בר הכי הוא משתמען מליה כצורבא מרבנן:

(דף ל) **יג שאול** שאלתא זו לעילא מרבי תנחום דמן נוי מהו לכבויי בוצינא דנורא מקמיה באישא בשבתא פתח ואמר אנת שלמה מלכא אן חכמתך אן סוכלתנותך לא דייך שדבריך סותרים דברי דוד אביך אלא שדבריך סותרין זה את זה. דוד אביך אמר (תהלים קטו) לא המתים יהללו יה ואת אמרת (קהלת ד) ושבח אני את המתים שכבר מתו. והזרת ואמרת (שם ט) כי לכלב חי הוא טוב מן האריה המת. לא קשיא הא דקאמר דוד לא המתים יהללו יה הכי קאמר לעולם יעסוק אדם בתורה ובמצות קודם שימות שכיון שמת בטל מן התורה ומן המצות ואין להקב"ה שבח בו והיינו דאמר רבי יוחנן מאי דכתיב במתים

לפניהם יומם) : עמוד הענן . כל יום : מה היא . אחרו : לעמוד האש . שהיה עמוד האש בא ורם שיסתלק (עמוד) הענן אלמא לאו אורח ארעא כהכי : לאקדומה . כעוד היום גדול : תניגא . שונה אני : שלא יקדים . דלא מנכרא (מילתא) שהיא של נר כ"ב : דרחים . אוהב : הוו ליה בנין רבנן . והמבתו עליהם כתב על בן . ואי לאו בר הכי הוא . שאינו רגיל לעסוק בתורה :

שאול שאלתא . שאלו שאלה : לעילא מרבי תנחום . לפניו וכן לשון הגמרא והמקרא שרפים עומדים ממעל לו על שם שיראים להתקרב לפניו עומדים מרחוק : דמן נוי . מקום : באישא . חולה תרגום של רעה בישתא : פתח ואמר . כך היו רגילין לפתוח בהגדה תחלה והיא דומה לשאלה ודרש : את היא . אנת שלמה : והזרת ואמרת . לסתור דברי עצמך : כי לכלב חי . כלומר גדולים החיים והפקום נפש : לא קשיא . היינו גופיה הוא מפרש לה : דאמר רבי יוחנן . קרא קא דריש במתים חפשי

איידער דער_עמוד האש איז אַוועק גיגאַנגען איז אָן גיקומען דער_עמוד הענן. און איידער דער_עמוד הענן איז אַוועק גיגאַנגען איז אָן גיקומען דער_עמוד האש, זעהן מיר אַז איינער איז אָן גיקומען ווען דער אַנדערער איז נאָך גיוועזן. אַזוי דאַרף אָן קומען דיא ליכט פון שבת ווען דיא ליכטיגקייט פון ערב שבת איז נאָך דאַ. האט זיא גיוואָלט צינדען ליכט גאר פריה ווען עס איז נאָך גרויסער טאָג. האט איין אַלטער מאַן גזאָגט צו איר. מיר האָבען גילערונט מען זאָל ניט צינדען דיא ליכט צו פריה און ניט צו שפעט. רבא האָט גזאָגט דער וואָס האָט ליב תלמידי חכמים. וועט ער זוכה זיין צו האָבען זיהן תלמידי חכמים. דער וואָס גיט כבוד צו תלמידי חכמים און זייא זענען ביי איהם טייער: וועט ער זוכה זיין צוא האָבען איידימס תלמידי חכמים. דער וואָס האָט מורא פאַר תלמידי חכמים וועט ער זוכה זיין ער זאָל אַליין אויך ווערין אַ תלמיד חכם. אויב ער איז ניט אַזוי אַמענטש ער זאָל קענען ווערין אַ תלמיד חכם. ער לערונט ניט. וועלין גיהערט ווערין זיינע רייד אַזוי וויא ער וואָלט גיוועזן אַ תלמיד חכם:

יג שאול. דיא שאלה האָט מען גיפרעגט ביי רבי תנחום פון די שטאָט נוי אויב מען מעג פאַר לעשין אַ ליכט פאַר אַ קראַנקינס וועגין אום שבת. האָט רבי תנחום אָן גיהויבען צוא זאָגין דו שלמה המלך וואו איז דיין חכמה ניט גינוג וואָס דיינע רייד צו וואַרפען די רייד פון דיין פאָטער דוד: נאר דיינע אייגענע רייד צו וואַרפען אויך איינע די אַנדערע. דיין פאָטער דוד האָט גזאָגט די גישטאָרבענע לויבין ניט גאָט. איז דאָך דער מענטש נאר חשוב ווען ער לעבט. אָבער אַז ער איז גישטאָרבען איז ער שוין גאר בטל גיוואָרין. און דוא זאָגסט אויך לויב דיא מתים וואָס זענען שוין לאַנג גישטאָרבין. מער וויא דיא לעבעדיגע וואָס לעבין נאָך איצט אויך. דער נאָך האָסטו גזאָגט דעם לעבעדיגען הונט איז בעסער וויא דעם טויטען לייב. דער נאָך האָט רבי תנחום גיענטפערט די רייד פון שלמה המלך עס איז ניט קיין קשיא דאָס וואָס דוד המלך האָט גזאָגט די מתים לויבין ניט גאָט. אַזוי האָט דוד גימיינט אַמענטש זאָל לערנען פיל תורה און טאָהן פיל מצות. ווען ער לעבט נאָך. איידער ער שטאַרבט. וואָרום אַז ער שטאַרבט איז ער שוין פריי און לידיג פון תורה און פון מצות. און גאָט האָט שוין ניט פון איהם קיין לויב. און דאָס איז דיא זעלביגע זאַך וואָס רבי יוחנן האָט גזאָגט וואָס מיינט דער פסוק

(תהלים פח) במתים חפשי כיון שמת אדם נעשה חפשי מן התורה ומן המצות ודקאמר שלמה ושבח אני את המתים שכבר מתי שכשחטאו ישראל במדבר עמד משה לפני הקדוש ברוך הוא ואמר כמה תפלות ותחנונים לפניו ולא נענה ובשאמר (שמות לב) זכור לאברהם ליצחק ולישראל עבדיך מיד נענה ולא יפה אמר שלמה ושבח אני את המתים שכבר מתו. ד"א מנהגו של עולם מלך גוזר גזירה ספק מקיימין אותה ספק אין מקיימין אותה ואת"ל מקיימין אותה בחייו מקיימין אותה במותו אין מקיימין אותה ואילו משה רבינו גזר כמה גזירות ותקן כמה תקנות וקיימות הן לעולם ולעולמי עולמים ולא יפה אמר שלמה ושבח אני את המתים שכבר מתו. דבר אחר ושבח אני וגו' כדרב יהודה אמר רב דאמר רב יהודה אמר רב מאי דכתיב (תהלים פו) עשה עמי אות לטובה ויראו שונאי ויבושו אמר דוד לפני הקב"ה רבש"ע מחול לי על אותו עון אמר לו מחול לך אמר לו עשה עמי אות בחיי אמר לו בחייך איני מודיע בחיי שלמה בנך אני מודיע כשבנה שלמה את בהמ"ק בקשו להכניס ארון לבית קדשי הקדשים דבקו שערים זה בזה אמר שלמה עשרים וארבע רננות ולא נענה פתח ואמר (שם כד) שאו

ושבח אני את המתים שעסקו בחייהם בתורה ובמצות ומתו ראויים לשבחם אפילו מצדיקים חיים שגדולים הן במיתתן מבחייהם: עמד משה. ואין לך צדיק ממנו ולא נענה בזכותו: ד"ה ושבח אני את המתים. הראשונים מן החיים של עכשיו שהראשונים טובים מאלה. תדע שמתקיימות גזרותיו של משה ואין מתקיימות גזירות של אחרים: ותקן כמה תקנות. כי ההיא דתניא במגילה משה תקן להם לישראל שיהו שואלין ודורשין בענינו של יום: על אותו עון. דבת שבע: דבקו שערים. של בית קדשי הקדשים: כ"ד רננות. רנה תפלה תחנה כתובים בתפלת שלמה עד כ"ד

ער איז פריי מיט מתים. אז אמענטש שטארבט ווערט ער פריי פון תורה אונ פון מצות. אונ וואס שלמה זאגט איך לויב די מתים וואס זענען שוין לאנג געשטארבן. מער ווי די לעבעדיגע וואס לעבן נאך איצט אויך. ווען דיא יודען האבן געזינדיגט אין דער מדבר האט זיך משה רבינו געשטעלט פאר גאט אונ ער האט פיל געבעטין פאר גאט אונ ער איז ניט געענטפערט געווארין אונ אז משה רבינו האט געזאגט פאר גאט גידיינק צו דיינע קנעכט אברהם יצחק ישראל איז ער באלד געענטפערט געווארין. האט דען שלמה ניט גוט געזאגט איך לויב די טויטע וואס זענען שוין לאנג געשטארבען. מער וויא דיא לעבעדיגע. נאך אזאך האט שלמה המלך געמיינט מיט דעם פסוק ושבח אני את המתים דער פירונג פון דיא וועלט איז. אז איינער איז גוזר אגזרה ווייס מען ניט אויב דיא וועלט וועט האלטען זיין גזרה. אדער זיי וועלין ניט האלטען זיין גזרה. אונ אויב דוא וועסט זאגין מען וועט האלטין זיין גזרה ווען ער לעבט וועט מען האלטען דיא גזרה. אבער אז ער וועט שטארבין וועט מען שוין ניט האלטין זיין גזרה. אבער משה רבינו האט גוזר געוועזן אזוי פיל גזרות. אונ האט געמאכט אזוי פיל תקנות. אונ זיי זענען געבליבען אויף אייביג. משה רבינו איז געשטארבין; אונ זיין תורה ואפילו די זאכין וואס ער האט געבאטין פון זיך אליין) איז געבליבען אויף אייביג. האט דען שלמה ניט גוט געזאגט איך לויב דיא טויטע וואס זענען שוין לאנג געשטארבין. מער וויא דיא לעבעדיגע. נאך אזאך האט שלמה המלך געמיינט מיט דעם פסוק ושבח אני את המתים אזוי וויא רב יהודה האט געזאגט פון רבם וועגין. ווארום רב יהודה האט געזאגט פון רבם וועגין וואס מיינט דער פסוק וואס דוד המלך האט געזאגט דוא זאלסט טאהן פון מיינעט וועגין אצייכין צום גוטען; מיינע שונאים זאלען זעהן אונ וועלין זיך שעמען; דוד המלך האט געזאגט פאר גאט. רבונו של עולם זיי מיר מוחל די עבירה. האט גאט געזאגט צו דוד איך בין דיר מוחל. האט דוד געזאגט פאר גאט טוה פון מיינעט וועגין אצייכין ביי מיין לעבין אז אלע זאלין וויסען אז דוא ביסט מיר מוחל דיא עבירה. האט גאט געזאגט צו דוד ביי דיין לעבין וועל איך ניט מאכין וויסען ביי דעם לעבין פון דיין זוהן שלמה. וועל איך מאכין וויסען אז איך בין דיר מוחל דיין עבירה. אז שלמה האט געבאהט דעם בית המקדש האט מען געוואלט אריין טראגין דעם ארון אין קדשי קדשים. האבין זיך די טוערין פון קדשי קדשים פאר מאכט; האט שלמה געזאגט פיר אונ צוואנציג תפלות אונ ער איז

שאו שערים ראשיכם והנשאו פתחי עולם ויבא מלך הכבוד רהטו בתריה למבלעיה אמרו מי (הוא) זה מלך הכבוד אמר להו ה' עזוז וגבור חזר ואמר שאו שערים ראשיכם ושאו פתחי עולם ויבא מלך הכבוד מי הוא זה מלך הכבוד ה' צבאות הוא מלך הכבוד סלה ולא נענה כיון שאמר (ד"ה ב) ה' אלהים אל תשב פני משיחך זכרה לחסדי דוד עבדך מיד נענה באותה שעה נהפכו פני כל שונאי דוד כשולי קדירה וידעו כל העם וכל ישראל שמחל לו הקב"ה על אותו עון ולא יפה אמר שלמה ושבח אני את המתים שכבר מתו. והיינו דכתיב (מלכים א ח) ביום השמיני שלח את העם ויברכו את המלך וילכו לאהליהם שמחים וטובי לב על כל הטובה אשר עשה ה' לדוד עבדו ולישראל עמו. וילכו לאהליהם שמחים שמצאו נשותיהם בטהרה. דבר אחר שמחים שנהנו מזיו השכינה. וטובי לב שנתעברו נשותיהן של כל אחד ואחד וילדה זכר. על כל הטובה אשר עשה ה' לדוד עבדו שמחל לו על אותו עון. ולישראל עמו דאחיל להו עון יום כפורים. ודקאמר שלמה כי לכלב חי הוא טוב מן האריה המת כדרב יהודה אמר רב דאמר ר"י א"ר מאי דכתיב (תהלים לט) הודיעני ה' קצי ומדת ימי מה היא אדעה

י"א כ"ד ברכות דתענית וג"נ: רהטו בתריה למבלעיה. סברי דעל עלאו אמר מלך הכבוד אמרו ליה פערים מי הוא זה מלך הכבוד אמר איהו ה' עזוז וגבור: שונאי דוד ממשפחת שמעי וכיוצא בו: דיום הכפורים. שאכלו ושתו בחנוכת הבית כדכתיב את חג ז' ימים ושבעת ימים כדאמרינן במ"ק: ודקאמר שלמה כי לכלב חי הוא טוב מן האריה המת. לאו לענין השיבותא אמרה אלא לענין הלכות שבת וי"ט: קי. סעתידות

ניט גיענפערט געווארין. האט ער אנגיהויבין צו זאגין איר טויערין הייבט אויף איירע קעפ. אונ עס זאל אויף גיהויבין ווערין דיא אייביגע טירען: אונ עס זאל אריין קומען דער מלך וואס צו איהם גיהער דער כבוד. זענען דיא טויערין גילאפין איהם איין צו שלינגען. די טויערין האבין גיזאגט ווער איז דער מלך וואס צו אים איז דער כבוד. האט שלמה צו זייא גיזאגט גאט וואס ער איז דער שטארקער. צו איהם איז דער כבוד. האט שלמה נאך אמאהל גיזאגט איר טויערין הייבט אויף איירע קעפ. אונ עס זאל אויף גיהויבין ווערין דיא אייביגע טירען. אונ עס זאל אריין קומען דער מלך וואס צו איהם גיהער דער כבוד [אונ ער האט באלד גיזאגט]. ווער איז דער מלך וואס צו אים איז דער כבוד. דס איז גאט פון אלע הערשאפט. ער איז דער מלך וואס צו איהם איז דער כבוד אייביג. אונ ער איז ניט גיענפערט גיווארין. אז שלמה הט נאר גיזאגט גאט זאלסט ניט צוריק קערין דעם פנים פון דיין גיזאלבטין. גידיינק דיא חסדים פון דיין קנעכט דוד. איז ער באלד גיענפערט גיווארין. אין דיא צייט איז גיווארין דער פנים פון אלע שונאים פון דוד שווארץ וויא דער העק פון אטאפ. האבין אלע יודין גיוואוסט אז גאט הט מוחל גיוועזן צו דוד דיא עבירה. האט דען שלמה ניט גוט גיזאגט איך לויב דיא מתים וואס זענען שוין לאנג גישטארבין מער וויא דיא לעבעדיגע. דאס איז וואס שטייט אין פסוק דעם אכטין טאג האט שלמה אוועק געשיקט דאס פאלק. אונ זייא האבין גיבענטשט דעם מלך אונ זייא זענען גיגאנגען אהיים פרייליך מיט אגוטע הארץ אויף דיא אלע טובות וואס גאט הט גיטאהן צו זיין קנעכט דוד אונ צו זיין פאלק ישראל. זייא זענען גיגאנגען אהיים פרייליך ווייל זיי האבין גיפונען זייערע ווייבער טהור. נאך אזאך קען מען זאגין דריבער זענען זייא גיוועזן פרייליך ווייל זייא האבען הנאה גיהאט פון דיא שיינקייט פון דיא שכינה. אונ זייא זענען גיוועזן מיט גוטע הארצער: אלע ווייבער זענען מעוברת גיווארין אונ האבין גיבארין זכרים. אויף אלע טובות וואס גאט האט גיטאהן צו זיין קנעכט דוד וואס ער האט איהם מוחל גיוועזן דיא עבירה. אונ דיא טובה וואס ער האט גיטאהן צו זיין פאלק ישראל ער הט זייא מוחל גיוועזן די עבירה. וואס זייא האבין ניט גיפאסט יום כפור. אונ וואס שלמה הט גיזאגט דעם לעבעדיגען הונט איז בעסער וויא דעם טויטען לייב: האט ער גימיינט אזוי וויא רב יהודה הט גיזאגט פון רבס וועגין ווארום רב יהודה האט גיזאגט פון רבס וועגין וואס מיינט דער פסוק הודיעני ה' קצי ומדת ימי מה היא אדעה מה חדל אני. דוד המלך הט גיזאגט פר גאט. רבונו של עולם מאך

ארעה מה חדל אני אמר דוד לפני הקב"ה רבש"ע הודיעני ה' קצי א"ל גזרה היא מלפני שאין מודיעין קצו של בשר ודם ומדת ימי מה היא גזרה היא מלפני שאין מודיעין מדת ימיו של אדם ארעה מה חדל אני א"ל בשבת תמות אמות באחד בשבת אמר ליה כבר הגיע מלכות שלמה בנך ואין מלכות נוגעת בחברתה אפילו כמלא נימא אמות בע"ש אמר ליה (תהלים פד) כי טוב יום בחצריך מאלף טוב לי יום אחד שאתה יושב ועוסק בתורה מאלף עולות שעתיד שלמה בנך להקריב לפני על גבי המזבח כל יומא דשבתא הוה יתיב וגריס כולה יומא ההוא יומא דבעי למינח נפשיה קם מלאך המות קמיה ולא יכיל ליה דלא הוה פסיק פומיה מגירסא אמר מה אעביד ליה הוה ליה בוסתנא אחורי ביתיה אתא מלאך המות סליק ובהיש באילני נפק למיחזי הוה סליק בדרגא איפחות דרגא מתותיה אישתיק ונח נפשיה . שלח שלמה לבי מדרשא אבא מת ומוטל בחמה וכלבים של בית אבא רעבים מה אעשה שלחו ליה חתוך נבלה והנח לפני הכלבים ואביך הנח עליו ככר או תינוק וטלטלו . ולא יפה אמר שלמה

גלה עלי [נ"א קצי מנין שנותי . מ"ת ימי כלה זה יום בשנה לדעת מנין ימי באלו מתקיים בשנה האחרונה] : מדת ימי . כמה ימי חיי : מה חדל אני באיזה יום אני חדל ובטל מן העולם : תמות באחד בשבת שיוכל לעסוק בו ובהספדו : כי טוב יום בחצריך . כלומר כבר אמרת לפני טוב יום שאתה עומד בחצרי ועוסק בתורה מאלף עולות שעתיד (להקריב) בנך שלמה כדכתיב אלף עולות יעלה שלמה וגו': כל יומא דשבתא. של כל שבתות השנה : הוה יתיב וגריס . שלא יקרב מלאך המות אליו שהתורה מגינה ממות כדאמרינן בסוטה : סליק יהיב באילנא. מנענע המלאך באילנות להשמיע קול תימה : וכלבים של בית אבא רעבים . לב' שאלות כלנו הולך : ולא יפה אמר כו'. שלהקנות הכלבים לא הצריכוהו לשנות טלטול נבלה והא

מיך וויסען מיין סוף . זאג מיר וואס מיט מיר וועט זיין . האט גאט גזאגט צו דוד עס איז אגזרה פון מיר אז מען זאל ניט זאגין דעם מענטשין וואס מיט איהם וועט זיין . דוד המלך האט גיבעטין ביי גאט . מען זאל איהם זאגין די מאס פון זיינע טעג ; וויא פיל יאהר ער וועט לעבין אויף דיא וועלט . האט גאט גיענטפערט צו דוד עס איז אגזרה פון מיר אז מען זאל ניט זאגין דעם מענטשין וויא לאנג ער וועט לעבין אויף דיא וועלט . דוד המלך האט גיבעטין ביי גאט . מען זאל איהם זאגין וועלכין טאג אין וואך ער וועט שטארבין . האט גאט גזאגט צוא דוד דוא וועסט שטארבין שבת . האט דוד המלך גיבעטין איך וויל שטארבין זונטאג . מען זאל מיך קענען מספיד זיין . האט גאט גזאגט צו דוד עס איז שוין גיקומען די צייט אז דיין זוהן שלמה זאל זיין המלך אונ איין מלוכה רירט ניט אן די אנדערע מלוכה אפילו איין האר אויך ניט . האט דוד המלך גיבעטין איך וויל שטארבין פרייטאג . האט גאט גזאגט צוא דוד דוא האסט אליין גזאגט פאר מיר אז עס איז בעסער איין טאג אין דעם הויף פון גאט וויא טויזענד . עס איז ביי מיר בעסער איין טאג וואס דוא לערנסט תורה מער וויא דיא טויזענד עולות וואס דיין זוהן שלמה וועט מקריב זיין פאר מיר אויף דעם מזבח . אלע שבת פלעגט דוד לערנען אגאנצען טאג . דעם שבת וואס דוד האט גידארפט שטארבין האט זיך דער מלאך המות גישטעלט פאר איהם אונ ער האט ניט גיקענט נעמען ביי דוד דיא נשמה ווייל דיא מויל זיינע האט ניט אויף גיהערט צו לערנען . האט דער מלאך המות גזאגט וואס זאל איך טאהן מיט איהם . דוד האט גיהאט אבוים גארטען אינטער זיין שטוב איז דער מלאך המות גיקומען אין בוים גארטען . אונ איז ארויף גיגאנגען אויף דיא בוימער . אונ האט גישאקלט אלע צווייגען פון דיא בוימער . איז גיווארין אגרויסער שטורעם איז דוד ארויס גיגאנגען זעהן פר וואס עס איז אזוי אשטורעם איז ער ארויף גיגאנגען אויף אטרעפ איז צו בראכין גיווארין דער טרעפ אונטער איהם איז ער שטיל גיווארין פון לערנען אונ ער איז גישטארבין . האט שלמה געשיקט פרעגין אין בית המדרש דער טאטע איז גישטארבען אונ ליגט אויף דיא זוהן . אונ די הינט פון טאטין זענען הונגעריג וואס זאל איך מאהן . האבען די חכמים איהם געשיקט זאגין צו שנייד אנבלה אונ לייג זיא פאר דיא הינט אונ וועגין דיין טאטען לייג אויף איהם אברויט אדער אקינד אונ טראג איס פון דיא זוהן אויף אקיהלען ארט [ועיין בספר יערות דבש] ; האט דען שלמה ניט גוט גזאגט דעם

שלמה (קהלת ט) כי לכלב חי הוא טוב מן האריה המת. ולענין שאלה דשאילנא קדמיכון נר קרויה נר ונשמתו של אדם קרויה נר מוטב תכבה נר של בשר ודם מפני נרו של הקב"ה:

(דף כה ע"ב) **יד כתיב** (איכה ג) ותזנח משלום נפשי. אמר רבי אבהו זו הדלקת נר בשבת. נשיתי טובה אמר רבי ירמיה זו בית המרחץ. רבי יוחנן אמר זו רחיצת ידים ורגלים בחמין. רבי יצחק נפחא אמר זו מטה (נאה וכלים נאים שעליה רבי אבא אמר זו מטה) מוצעת ואשה מקושטת לת"ח אמר רב יהודה אמר רב כך היה מנהגו של רבי יהודה בר אלעאי ע"ש מביאין לו עריבה מלאה חמין ורוחץ פניו ידיו ורגליו ומתעטף ויושב בסדינין המצוייצין ודומה למלאך ה' צבאות. תנו רבנן איזהו עשיר כל שיש לו נחת רוח בעשרו דברי רבי מאיר רבי טרפון אומר כל שיש לו מאה כרמים ומאה שדות ומאה עבדים שעובדין בהן ר"ע אומר כל שיש לו אשה נאה במעשיה רבי יוסי אומר כל שיש לו בית הכסא סמוך לשלחנו:

ההוא

האריה המת אסרו לטלטל אלא ע"י ככר או תינוק ל"א שהקדימו תשובת הכלב לתשובת האריה לפי רבותי: ולענין שאילתא דמהו לכבויי דשאילנא קדמיכון דרך ענוה אמר דהל"ל דשאילתון (קמן) [קדמי]: קרויה נר. נר אלהים נשמת אדם: מוטב תכבה נרו וכו'. לא מהכא יליף חלול שבת דפקוח נפש יליף לן מוחי בהם ולא שימות בהם אלא לסעימן הדבר בהגדה המושכת את הלב לפי שהיו באים לשמוע הדרשה נשים ועמי הארץ והיו צריכים הדרשנים למשוך את לבם:

הדלקת נר בשבת. שלא היה לו ממה להדליק ובמקום שאין נר אין שלום שהולך ונכשל ואוכל באפילה: בסדינין המצוייצין. סדינין של פשתן ובהם ציצית תכלת והאי כלאים אלא שמותר מן התורה דדרשינן סמוכים וכו': איזהו עשיר. ל"מ למיסרת לאהדורי אמילתא: נחת רוח בעושרו. שמח בחלקו אם מעט ואם הרבה: שעובדין בהן. בשדות עבודה הצר כה להם:

לעבעדיגען הונט איז בעסער וויא דעם טויטען לייב ווייל מען האט גזאגט פאר דיא הינט מער וויא פאר דוד. מען האט גיהייסען פריער זאל מען געבין עסין דיא הינט. דער נאך זאל מען צו נעמען דוד פון דיא זונן. האט רבי תנחום גזאגט אונ וועגין דיא שאלה וואס איך האב גיפרעגט פר אייך. אויב מען מעג אויס לעשין אליכט אום שבת פאר אקראנקינם וועגין. אליכט ווערט גירופען אליכט אונ די נשמה פון אמענטשין ווערט אויך גירופען אליכט איז בעסער עס זאל אויס גילאשען ווערין דיא ליכט וואס אמענטש האט אן גיצונדען. איידער עס זאל אויס גילאשען ווערין די ליכט וואס גאט האט אן גיצונדען:

יד כתיב. עס שטייט אין פסוק ירמיה הנביא האט גזאגט ווען דער בית המקדש איז חרוב גיווארען האבען דיא יודען גיקלאגט אונ האבען גזאגט. איך בין פאר לאזען גיווארין פון שלום. האט רבי אבהו גזאגט זייא זאגען גיוועזען אזוי ארעם אז זייא האבען ניט גיהאט אויף אליכט אן צו צינדען אויף שבת. אונ אז אין שטוב איז פינסטער איז ניט שלום. ווייל מען קען אשאדין טאהן: איך האב פאר געסען דיא גוטס האט רבי ירמיה גזאגט דאס מיינט מען מיר האבען אפילו קיין באד ניט. רבי יוחנן זאגט. דאס מיינט מען מיר האבען ניט אפילו אביסול ווארעמע וואסער צו וואשען דיא הענט מיט די פיס. רבי יצחק נפחא זאגט גוטס מיינט מען אשיינע בעט מיט שיינע בעטגיוואנט. דער פון האט אמענטש הנאה ווען ער גייט שלאפען אפ צו רוהען פון זיין ארבעט. רבי אבא זאגט גוטס מיינט מען אשיינע בעט אויף גיבעט מיט שיינע בעט גיוואנט. אונ דיא ווייב גייט גצירט. נאר ניט ווי די פרוצות גייען. נאר וויא עס פאסט פאר אווייב פון אתלמיד חכם. רב יהודה האט גזאגט פון רבס וועגין. אזוי איז גיוועזען דער פירונג פון רבי יהודה בר אלעאי. ערב שבת האט מען גיבראכט פאר איהם אמולטער פול מיט ווארעמע וואסער. אונ ער האט גיוואשען זיין פנים אונ זיינע הענט אונ זיינע פיס. אונ ער האט זיך איינגעוויקולט אין אליילאך מיט ציצית אונ איז גיזעסען. אונ ער האט אויס גיזעהן אזוי וויא אמלאך פון גאט. דיא רבנן האבען גילערנט וועלכער מענטש הייסט רייך דער וואס האט פר גענוגען פון זיין רייכקייט אזוי זאגט רבי מאיר. רבי טרפון זאגט דער וואס האט הונדערט ווייגערטנער אונ הונדערט קנעכט וואס ארבעטין אין דיא פעלדער מיט די ווייגערטנער דער הייסט רייך. רבי עקיבא זאגט דער וואס האט אווייב מיט

(דף כו) **טו ההוא** חמתא דהוה סניאה לה לכלתה אמרה לה זיל איקשיט במשחא דאפרסמא אזלא איקשיט כי אתאי אמרה לה זיל איתלי שרגא אזלא איתלא שרגא אינפח בה נורא ואכלתה :

(ירמיה כב) **טז ומדלות** הארץ השאיר נבוזראדן רב טבחים לכורמים וליוגבים . כורמים תני רב יוסף אלו מלקטי אפ־סמון מעין גדי ועד רמתא יוגבים אלו ציידי חלזון מסולמות של צור עד חיפה :

חמתא. חמותה : איתלי שרגא. הדלק את הנר : עד רמתא . שם מקום : לכורמים [לשון] מאספים כמו כורמים עליו את הכלים לקמן בפרק ר"ע : וליוגבים [לשון יקבים] שעוצרים ופולטין את ההגזק להוציא דמו כדאמרינן בפ' כלל גדול והניהם נבוזראדן ללבושי המלך: סולמות דצור מעלה הר וקצרה במסלה וגבוהה וקורין אותה פוייאיא"ה :

אין לך אלא מה שאמרו חכמים אין מדליקין בהם . כגון פסולי שמנים דמתניתין :

מאי הוה עלה דתחש. הואיל ולרב יוסף לאו לענין מלאכת המשכן איתמר לא איפשיט בעיין :

יז רבי טרפון אומר אין מדליקין אלא בשמן זית בלבד עמד רבי יוחנן בן נורי על רגליו ואמר מה יעשו אנשי בבל שאין להם אלא שמן שומשמין ומה יעשו אנשי מדי שאין להם אלא שמן אגוזים ומה יעשו אנשי אלכסנדריאה שאין להם אלא שמן צנונות ומה יעשו אנשי קפוטקיא שאין להם לא כך ולא כך אלא נפט אלא אין לך אלא מה שאמרו חכמים אין מדליקין :

(דף כח ע"ב) **יח מאי** הוי עלה דתחש שהיה בימי משה אמר רבי אילעא אמר

גוטע מדות · דער הייסט רייך · רבי יוסי זאגט דער וואס האט אבית הכסא נאנט צוא זיין טיש . דער מענטש הייסט רייך ווייל אלע קראנקייט קומט נאר וואס אמענטש ריינגט זיך ניט צו דער צייט . אונ אז ער האט אבית הכסא נאנט . ריינגט ער זיך צו דער צייט ווס ער דארף . איז ער געזונד . אונ אז אמענטש איז געזונד דאס איז די בעסטע רייכקייט :

טו ההוא . עס איז געוועז אשוויגער ווס האט פיינט געהאט איר שנור הט די שוויגער גזאגט צו די שנור גיי ציהר דיך אן (שמיר דיך אוים) מיט אפרסמון בוימאייל ; איז זיא גיגאנגען אונ הט זיך אוים געשמירט מיט דעם אפרסמון בוימאייל . אז זיא איז צוריק גיקומען צוא דיא שוויגער הט די שוויגער גזאגט צו דיא שנור גיי צינד אן אליכט . איז דיא שנור גיגאנגען אן צינדען אליכט האט דיא שוויגער אבראז גיטאהן אויף איר דיא פייער : איז זיא פאר ברענט גיווארין :

טז ומדלות . נבוזראדן רב טבחים ווען ער הט פאר טריבען דיא יודען אין גלות · האט ער גילאזען די אָרעמע לייט אין ארץ ישראל זיי זאלען זיין כורמים אונ יוגבים . ווס איז כורמים הט רב יוסף גילערונט דאס זענען דיא מענטשין ווס פלעגין איין זאמלען די אפרסמון אייל . וואס וואקסט פון עין גדי ביז רמתא . ווס איז יוגבים דס זענען די מענטשין ווס פלעגין פאנגען דעם ווארעם חלזון . ווס ער ווערט גיפונען פון דיא בערג ווס אין צור ביז דעם ארט חיפה . ודיא בלוט פון חלזון איז גיוועזן אטייערע פארב . אונ דס איז תכלת וואס עס שטייט אין דיא תורה) :

יז רבי טרפון זאגט מען טאר ניט אן צינדען אויף שבת מיט קיין אנדער אייל . נאר מיט דיא אייל פון איילבירטען · הט זיך רבי יוחנן בן נורי גישטעלט אויף זיינע פיס אונ ער הט גזאגט וואס זאלען טאהן דיא מענטשין פון בבל וואס זיי האבען ניט קיין אנדערע אייל נאר פון מאן . אונ וואס זאלען טאהן דיא מענטשין פון מדי ווס זיי האבען ניט קיין אנדערע אייל נאר פון ניס. אונ וואס זאלען טאהן דיא מענטשין פון אלכסנדריאה ווס זייא האבען ניט קיין אנדערע אייל נאר פון צנון. אונ וואס זאלען טאהן דיא מענטשין פון קפוטקיא ווס זיי האבען אזעלכע אייל אויך ניט . זייא האבען נאר נפט . נאר דוא קענסט ניט מער אסרין . נאר דיא אייל ווס די חכמים האבען גזאגט מען טאר ניט אן צינדען מיט זיי אויף שבת . אונ אויסער די . זענען אלע אייל כשר אן צו צינדען אויף שבת :

יח מאי · דער תחש וואס איז גיוועזן אין די צייטען פון משה רבינו : וואס איז ער גיוועזן

דבי שמעון בן לקיש אומר היה רבי מאיר תחש שהיה בימי משה בריה בפני עצמה היה ולא הכריעו בו חכמים אם מין חיה הוא אם מין בהמה הוא וקרן אחת היתה לו במצחו ולפי שעה נזדמן לו למשה ועשה ממנו משכן ונגנז. מדקאמר קרן אחת היה לו במצחו שמע מינה טהור היה דאמר רב יהודה שור שהקריב אדם הראשון קרן אחת היתה לו במצחו שנאמר (תה׳ יט ס) ותיטב לה׳ משור פר מקרין מפרים מקרין תרתי משמע. אמר רב נחמן (בר יצחק) מקרן כתיב. וליפשוט מינה דמין בהמה הוא. כיון דאיכא קרש דמין חיה הוא ולית ליה אלא חד קרנא איכא למימר מין חיה הוא:

מקרין תרתי משמע דמשמע מקרין כל קרניו: תחלתו וסופו וכ״מ שיש (לו):עוד בינתיים: קודם השמש. אין יעמול בתורה שקדמה לשמש יש

(דף ל ע״ב) **יתו אמר** רב יהודה בריה דרב שמואל בר שילת משמיה דרב בקשו חכמים לגנוז ספר קהלת מפני שדבריו סותרין זה את זה ומפני מה לא גנזוהו מפני שתחלתו דברי תורה וסופו דברי תורה. תחלתו דברי תורה דכתיב (קהלת א) מה יתרון לאדם בכל עמלו שיעמול תחת השמש ואמרי דבי רבי ינאי תחת השמש הוא דאין לו קודם השמש יש לו. סופו דברי תורה דכתיב (שם יב) סוף דבר הכל נשמע את

רַבִּי אִילְעָא הָט גְזָאגְט רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן לָקִישׁ הָט גְזָאגְט פוּן רַבִּי מֵאִיר וֶוענְן דֶער תַּחַשׁ וָוס אִיז גִיוֶוען אִין דִיא צַייט פוּן משֶׁה רַבֵּינוּ. אִיז גִיוֶוען אַבֵּזוּנְדֶער בַּשֶׁעפֶענִישׁ אוּנ דִיא חֲכָמִים הָאבֶּען נִיט גִיקֶענְט וויסֶען וָואס עֶר אִיז. אוֹיבּ עֶר אִיז אַחַיָה אָדֶער אַבְּהֵמָה אוֹיף זַיין שְׁטֶערְין אִיז גִיוֶוען אֵיין הָארְין אוּנ משֶׁה רַבֵּינוּ הָט אִיהם נָאר גִיטְרָאפֶען דִיא צַייט וָואס עֶר הָאט אִיהם גִידַארְפְט צוּם מִשְׁכָּן. אוּנ פְרִיעֶר הָאט עֶר אִיהם גָאר נִיט גִיזֶעהְן. אוּנ וִויא עֶר הָט נָאר גִימַאכְט פוּן אִים דֶעם מִשְׁכָּן. אִיז עֶר בַּאלְד בֶּעהַאלְטֶען גִיוָוארְין אוּנ מֶען הָאט אִיהם שׁוֹין נִיט מֶעהר גִיזֶעהְן. זָאגְט דִיא גְמָרָא וַוייל מֶען זָאגְט אַז דֶער תַּחַשׁ הָט גִיהַאט אֵיין הָארְין אוֹיף זַיין שְׁטֶערְין. ווייסֶען מִיר אַז מֶען הָאט אִים גִימֶעגְט עֶסִין. וָוארוּם רַב יְהוּדָה הָאט גְזָאגְט דֶער אָקְס וָוס אָדָם הָרִאשׁוֹן הָאט אִיהם מַקְרִיב גִיוֶוען פַאר אַקָרְבָּן. הָאט גָאר גִיהַאט אֵיין הָארִין אוֹיף זַיין שְׁטֶערְין. וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק וְתִיטַב לַה׳ מִשּׁוֹר פַּר מַקְרִין וּמַפְרִים דָוִד הַמֶּלֶךְ הָט גְזָאגְט מַיין תְּפִלָּה זָאל זַיין פַאר גָאט בֶּעסֶער וִויא דֶער אָקְס מִיטְן הָארִין אוּנ מִיט קְלָאהֶען וָוס אָדָם הָרִאשׁוֹן הָאט אִיהם מַקְרִיב גִיוֶוען: פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא מַקְרִין מֵיינְט מֶען דָאךְ צְווייא הֶערְנֶער. הָאט רַב נַחְמָן בַּר יִצְחָק גְזָאגְט עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק מַקְרָן מֵיינְט מֶען אֵיין הָארִין: דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גְזָאגְט מַיין תְּפִלָּה זָאל זַיין פַאר גָאט בֶּעסֶער וִויא דֶער אָקְס מִיט אֵיין הָארִין אוּנ מִיט קְלָאהֶען וָואס אָדָם הָרִאשׁוֹן הָאט אִיהם מַקְרִיב גִיוֶוען [ועיין בגמרא]: פְרֶעגְט דִי גְמָרָא וַוייל דֶער תַּחַשׁ הָט גִיהַאט אֵהָארִין. אִיז דָאךְ גֶעווִיס אַז עֶר אִיז גִיוֶוען אַבְּהֵמָה. נִיט אַחַיָה. עֶנְפֶערְט דִיא גְמָרָא. וַוייל עֶס אִיז דָא אַקֶרֶשׁ וָוס עֶר אִיז אַחַיָה אוּנ עֶר הָט נָאר אֵיין הָארִין קֶען מֶען זָאגֶען אוֹיף דֶעם תַּחַשׁ אוֹיךְ אֲפִילוּ עֶר הָט אֵיין הָארִין פוּן דֶעסְטְוֶועגִין אִיז עֶר אַחַיָה:

יתו רַב יְהוּדָה דֶער זוּהן פוּן רַב שְׁמוּאֵל בַּר שִׁילַת הָאט גְזָאגְט פוּן רַבְּס וֶועגְן דִי חֲכָמִים הָאבֶּען גִיוָואלְט בֶּעהַאלְטֶען דֶעם סֵפֶר קֹהֶלֶת וַוייל זַיינֶע רֵייד צוּ וַוארְפֶען אֵיינֶע דִיא אַנְדֶערֶע. אוּנ פַאר וָוס הָט מֶען אִיהם נִיט בֶּעהַאלְטֶען. וַוייל דֶער אָנְהֵייבּ סֵפֶר לוֹיבְּט דִיא מֶענְטְשִׁין וָוס לֶערְנֶען תּוֹרָה. אוּנ דֶער סוֹף סֵפֶר לוֹיבְּט אוֹיךְ דִיא מֶענְטְשִׁין וָואס לֶערְנֶען תּוֹרָה. דֶער אָנְהֵייבּ סֵפֶר לוֹיבְּט דִיא מֶענְטְשִׁין וָואס לֶערְנֶען תּוֹרָה וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק וָוס פַאר אִיבֶּערִיגְט דֶער מֶענְטְשׁ פוּן זַיין גַאנְצֶע אַרְבֶּעט וָואס עֶר אַרְבֶּעט אוּנְטֶער דִי זוּהן. דִי תַּלְמִידִים פוּן רַבִּי יַנַאי הָאבֶּען גְזָאגְט אַז עֶר מַאטֶערְט זִיךְ אִין אַזֶעלְכֶע זַאכֶען וָואס זֶענֶען בַּשַׁאפֶען גִיוָוארִין נָאךְ דִיא זוּהן. אִין אַמְלָאכָה אָדֶער אִין אַהַאנְדִיל. דֶער פוּן פָאר אִיבֶּערִיגְט דֶער מֶענְטְשׁ גָאר נִישְׁט. אָבֶּער אַז עֶר מַאטֶערְט זִיךְ אִין דִיא תּוֹרָה. וָוס זִיא אִיז בַּשַׁאפֶען גִיוָוארִין פַאר דִיא זוּהן. פַאר אִיבֶּערִיגְט עֶר יָא. דֶער סוֹף סֵפֶר לוֹיבְּט אוֹיךְ דִיא מֶענְטְשִׁין וָוס לֶערְנֶען תּוֹרָה

את האלהים ירא ואת מצותיו שמור כי זה כל האדם מאי כי זה כל האדם אמר רבי אלעזר כל העולם כולו לא נברא אלא בשביל זה . רבי אבא בר כהנא אמר שקול זה כנגד כל העולם כולו . שמעון בן עזאי אומר ואמרי לה שמעון בן זומא אומר לא נברא כל העולם בולו אלא לצוות לזה . ומאי דבריו סותרין זה את זה כתיב (שם ז) טוב כעס משחוק וכתיב (שם ב) לשחוק אמרתי מהולל כתיב (שם ח) (ושבחתי) אני את השמחה וכתיב (שם ב) ולשמחה מה זו עושה לא קשיא טוב כעס משחוק טוב כעס שכועס הקדוש ברוך הוא על הצדיקים בעולם הזה משחוק שמשחק הקדוש ברוך הוא עם הרשעים בעולם הזה ולשחוק אמרתי מהולל זה שחוק שמשחק הקדוש ברוך הוא עם הצדיקים בעולם הבא . (ושבחתי) אני את השמחה זו שמחה של מצוה ולשמחה מה זו עושה זו שמחה שאינה של מצוה ללמדך שאין שכינה שורה לא מתוך עצלות ולא מתוך עצבות ולא מתוך שחוק ולא מתוך קלות ראש ולא מתוך שיחה ולא מתוך דברים בטלים אלא מתוך דבר שמחה של מצוה שנאמר (מלכים ב ג) ועתה קחו לי וגו׳ . אמר רב יהודה

יהרין: לצוות. לצוותא שלו: מהולל. משובח: משחוק שמשחק עם הרשעים. שנותן להם טובה משחקת כדי להאכילן חלקם ולטורדן מהעוה"ב: שמחה של מצוה. כגון הכנסת כלה: שחוק. שחוק גמש שאין דעת שוחק מיושבת ואפילו אינה של לצון מ"מ אין בו ישוב: קלות ראש. לצון: קחו לי מנגן. מצוה הוא להשרות עליו שכינה: לדבר הלכה

וואָרום עס שטייט אין פסוק דער סוף פון דיא זאך איז אלץ ווערט גיהערט . זאָלסט מורא האבען פאר גאָט . אונ זאָלסט היטען זיין גיבאָט . וואָרום דער איז אלע מענטשין . וואס מיינט מען דער איז אלע מענטשין הָט רבי אלעזר גזאָגט דיא גאנצע וועלט איז ניט מער בשאפען גיוואָרין נאר פון וועגין דעם צדיק . רבי אבא בר כהנא זאָגט דער צדיק איז גיוואוגין געגין די גאנצע וועלט . שמעון בן עזאי זאָגט אונ אנדערע זאָגין שמעון בן זומא זאָגט דיא גאנצע וועלט איז ניט מער בשאפען גיוואָרין . נאר דיא אלע מענטשין זאָלען זיין אקאמפאניע מיט דעם צדיק . ער זאָל ניט זיין אליין . וואס מיינט מען דיא רייד פון שלמה צו ווארפען איינע דיא אנדערע . אין איין פסוק שטייט כעס איז בעסער וויא פרייד . אונ אין איין פסוק שטייט איך האָב גזאָגט דאס פרייליכקייט איז גילויבט . אין איין פסוק שטייט איך האָב גילויבט די שמחה אונ אין איין פסוק שטייט וואס טוהט דיא שמחה : צו וואס דארף מען דיא שמחה . ענטפערט דיא גמרא עס איז ניט קיין קשיא וואס שלמה המלך האט גזאָגט כעס איז בעסער וויא פרייד . האט ער אזוי גימיינט וואס גאט איז אין כעס אויף דיא צדיקים אונ ער שטראָפט זייא פאר זייער ביסול עבירות . אויף דיא וועלט . דאס איז בעסער וויא דיא פרייליכקייט וואס גאט גיט צו דיא רשעים אויף דיא וועלט פאר זייער ביסול מצות וואס זיי טוהען : אונ וואס שלמה המלך הָט גזאָגט פרייליכקייט איז גילויבט . הָט ער אזוי גימיינט דיא פרייליכקייט וואס גאט פרייט זיך מיט דיא צדיקים אויף עולם הבא . דאס איז גילויבט . ווייל דָס איז אאמתה שמחה . וואס שלמה המלך הָט גזאָגט איך האָב גילויבט דיא שמחה דָס מיינט מען אשמחה פון אמצוה . אונ וואס שלמה המלך הָט גזאָגט וואס טוהט דיא שמחה . צו וואס דארף מען די שמחה . אז ניט פון אמצוה איז ניטא וואס פרייליך צו זיין . שלמה המלך קומט דיך לערנען אז דיא שכינה רוהט ניט אויף אמענטשין ניט ווען דער מענטש איז פויל אונ ניט ווען דער מענטש איז טרויריג אונ ניט ווען דער מענטש לאכט אונ ניט ווען דער מענטש הָט אגרינגען קאפ ווען ער איז גרוים ביי זיך) אונ ניט ווען ער שמועסט אונ ניט ווען דער מענטש רעט ליידיגע רייד נאר ווען דער מענטש איז פרייליך פון אמצוה וואס ער האט גיטאהן . רוהט אויף איהם דיא שכינה . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אלישע הנביא האט גזאָגט מען זאל ברייינגען פאר איהם אשפּילער . אונ אז דער שפּילער האט געשפּילט אונ אלישע איז פרייליך גיוואָרין . איז צו איהם גיקומען די נבואה פון גאָט . הָט רב יהודה גזאָגט אז מען וויל לערנען

יהודה וכן לדבר הלכה אמר רבא וכן לחלום טוב איני והאמר רב גידל אמר רב כל תלמיד חכם שיושב לפני רבו ואין שפתותיו נוטפות מר תכוינה שנאמר (שה"ש ה) שפתותיו שושנים נוטפות מור עובר אל תקרי מור עובר אלא מר עובר אל תקרי שושנים אלא ששונים לא קשיא אלא ברבה הא בתלמידא ואי בעית אימא הא והא ברבה ולא קשיא הא מקמי דליפתח הא לבתר ד פתח כי הא דרבה מקמיה דפתח להו לרבנן אמר מילתא דבדיחותא ובדחי רבנן לסוף יתיב באימתא ופתח בשמעתא :

צריך לפתוח במילי דבדיחותא ברישא: להלום טוב. אם בא ליתן מתוך שמחה מראין לו חלום טוב : נוטפות מר. מרירא מחמת אימה : ובדחי רבנן - נפתח לבם מחמת השמחה: ע"כ :

ב ואף ספר משלי בקשו לגנוז שהיו דבריו סותרין זה את זה. ומפני מה לא גנזוהו אמרי ספר קהלת עיינינן ואשכחינן טעמא הכא נמי ליעיינין. ומאי דבריו סותרין זה את זה כתיב (משלי כו) אל תען כסיל כאולתו וכתיב (שם) ענה כסיל כאולתו לא קשיא הא בדברי תורה הא במילי דעלמא כי הא דההוא דאתא לקמיה דרבי אמר ליה אשתך אשתי ובניך בני אמר ליה רצונך שתשתה כוס של יין שתה ופקע. ההוא דאתא לקמיה דרבי חייא

אַדִין (גְּמָרָא אָדֶער פּוֹסְקִים) דַארְף מֶען פְּרִיעֶר וֶוערִין פְרֵייליך. הָאט רָבָא גְזָאגְט אַז אֵיינֶער וֶוערְט אַנְטְשְׁלָאפֶען פְרֵייליך. זֶעהט עֶר אַגוּטֶען חָלוֹם. פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא עֶס אִיז דָאךְ נִיט אַזוֹי. מֶען טָאר דָאךְ נִיט זִיצֶען פְרֵיילַאךְ וֶוען מֶען לֶערוּנְט. נָאר מֶען מוּז זִיצֶען מִיט מוֹרָא. וָוארוּם רַב גִידֶל הָט גְזָאגְט פוּן רַבְס וֶועגִין דֶער תַּלְמִיד וָוס זִיצְט פַר זַיין רֶבִּי אוּנ זַיינֶע לֶעפְצִין טְרִיפֶען נִיט בִּיטֶערְקֵייט פוּן מוֹרָא. זָאלֶען זֵייא פַאר בְּרֶענְט וֶוערִין. אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק שִׂפְתוֹתָיו שׁוֹשַׁנִּים נֹטְפוֹת מוֹר עוֹבֵר זָאגְט דִיא גְמָרָא (שׁוֹשַׁנִּים אִיז דֶער טַייטְשׁ רוֹזִין מוֹר בְּשָׂמִים) זָאלְסְט נִיט לֵייעֶנֶען מוֹר עוֹבֵר נָאר מֶען זָאל לֵייעֶנֶען מַר עוֹבֵר בִּיטֶערְקֵייט זָאל פַאר בַּיי גֵיין. זָאלְסְט נִיט לֵייעֶנֶען שׁוֹשַׁנִּים נָאר מֶען זָאל לֵייעֶנֶען שֶׁשּׁוֹנִים זֵייא לֶערְנֶען (דִיא לֶעפְצִין וָואס לֶערְנֶען זָאל פוּן זֵייא טְרִיפֶען בִּיטֶערְקֵייט). עֶנְפֶערְט דִיא גְמָרָא עֶס אִיז נִיט קֵיין קַשְׁיָא דֶער רֶבִּי וֶוען עֶר זִיצְט אוּנ לֶערְנְט זָאל עֶר זַיין פְרֵיילַאךְ. אוּנ דִיא תַּלְמִידִים זָאלֶען זִיצֶען מִיט מוֹרָא. אוֹיבּ דוּא ווִילְסְט וֶועל אִיךְ דִיר זָאגֶען. בֵּיידֶע שְׁמוּעֶסִין בַּיי דֶעם רֶבִּי אַלֵיין. אוּנ עֶס אִיז נִיט קֵיין קַשְׁיָא אֵיידֶער עֶר הֵייבְּט אָן צוּ לֶערְנֶען מִיט דִיא תַּלְמִידִים זָאל עֶר זַיין פְרֵיילַאךְ: דֶער נָאךְ אַז עֶר הָט שׁוֹין אָן גִיהוֹיבְּעֶן צוּ לֶערְנֶען: זָאל עֶר זִיצֶען מִיט מוֹרָא. רַבָּה אֵיידֶער עֶר הָט אָן גִיהוֹיבֶּען צוּ לֶערְנֶען מִיט דִי תַּלְמִידִים. הָט עֶר גְזָאגְט פַאר זֵייא אַפְרֵיילִיכֶע זַאךְ הָאבֶּען דִיא רַבָּנָן גִילַאכְט. דֶער נָאךְ אִיז עֶר גִיזֶעסֶען מִיט מוֹרָא אוּנ הָאט אָן גִיהוֹיבֶּען צוּ לֶערְנֶען :

ב וְאַף. דֶעם סֵפֶר מִשְׁלֵי הָט מֶען אוֹיךְ גִיוָואלְט בֶּעהַאלְטֶען וַוייל זַיינֶע רֵייד צוּ וַוארְפֶען אֵיינֶע דִיא אַנְדֶערֶע. אוּנ פַאר וָואס הָט מֶען אִים נִיט בֶּעהַאלְטֶען מֶען הָט גְזָאגְט בַּיי דֶעם סֵפֶר קֹהֶלֶת הָאבֶּען מִיר גִיקְלֶערְט אוּנ מִיר הָאבֶּען גִיפוּנֶען צוּ זָאגֶען אַז זַיינֶע רֵייד וֶוענֶען רֶעכְט: אוּנ זֵייא צוּ וַוארְפֶען נִיט אֵיינֶע דִי אַנְדֶערֶע. וֶועלִין מִיר דָא בַּיי דֶעם סֵפֶר מִשְׁלֵי אוֹיךְ קְלֶערִין טָאמְער וֶועלִין מִיר גֶעפִינֶען אַז דִיא רֵייד זֶענֶען אוֹיךְ רֶעכְט. אוּנ צוּא וַוארְפֶען נִיט אֵיינֶע דִיא אַנְדֶערֶע. וּמַאי דְבָרָיו סוֹתְרִין זֶה אֶת זֶה. וֶועלְכֶע רֵייד צוּא וַוארְפֶען אֵיינֶע דִיא אַנְדֶערֶע אִין אֵיין פָּסוּק שְׁטֵייט דוּא זָאלְסְט נִיט עֶנְפֶערִין דֶעם נַאר אַזוֹי וִויא זַיינֶע נַארֶעשְׁקֵייט: אוּנ אִין אֵיין פָּסוּק שְׁטֵייט דוּ זָאלְסְט עֶנְפֶערִין דֶעם נַאר אַזוֹי וִויא זַיינֶע נַארֶעשְׁקֵייט. עֶנְפֶערְט דִי גְמָרָא עֶס אִיז נִיט קֵיין קַשְׁיָא אַז דֶער נַאר פְרֶעגְט אוֹיף אַזַאךְ פוּן דִי תּוֹרָה. אֲפִילוּ דָאס אִיז אַנַארֶעשְׁקֵייט. זָאל מֶען אִיהם עֶנְפֶערִין אוּנ מֶען זָאל אִיהם זָאגֶען דֶעם רִיכְטִיגֶען אֱמֶת וָואס דִיא תּוֹרָה מֵיינְט. אוּנ אַז דֶער נַאר פְרֶעגְט אַנַארֶעשְׁקֵייט אִין וֶועלְטְלִיכֶע זַאכֶען. דַארְף מֶען אִיהם נִיט עֶנְפֶערִין. אֵיינֶער אִיז אַמָאהל גִיקוּמֶען פַאר רֶבִּי אוּנ עֶר הָאט גְזָאגְט צוּ רַבִּי דַיין וַוייבּ אִיז מַיין

(חייא) אמר ליה אמך אשתי ואתה בני אמר ליה רצונך שתשתה כוס של יין שתה ופקע. אמר רבי חייא אהניא ליה צלותיה לרבי דלא לישוייה (בני) ממזרא דרבי כי הוה מצלי אמר יהי רצון מלפניך ה' אלהינו שתצילני היום מעזי פנים ומעזות פנים. בדברי תורה מאי היא כי הא דיתיב רבן גמליאל וקדריש עתידה אשה שתלד בכל יום שנאמר (ירמיה לא) הרה ויולדת יחדו. לגלג עליו אותו תלמיד אמר (קהלת א) אין כל חדש תחת השמש. אמר ליה בא ואראך דוגמתו בעולם הזה נפק אחוי ליה תרנגולת. ותו יתיב רבן גמליאל וקדריש עתידין אילנות שמוציאין פירות בכל יום שנא' (יחזקאל יז) ונשא ענף ועשה פרי מה ענף בכל יום אף פרי בכל יום לגלג עליו אותו תלמיד אמר והכתיב אין כל חדש תחת השמש אמר ליה בא ואראך דוגמתן בעולם הזה נפק אחוי ליה צלף. ותו יתיב רבן גמליאל וקדריש

עתידה

מעזי פנים. שלא יזיקוני: ומעזות פנים. שלא יגלה עלי שם ממזרות דהוא עז פנים: כד"ת. מותר לעשות כתורתו: הרה ויולדת יחדו. ביום שהרה זה יולדת ולד אחר כמו תרנגולת וכיון שמשמשת בכל יום נמצאת יולדת בכל יום דהכי משמע קרא בכל עת שהיא מתעברת יולדת שממהרת לגמור צורת הולד לזמן מועט: בא ואראך. טרח לעשותו כאלוהו כדי להעמיד ד"ת על מכונה: לגלג. זו אולת: צלף. מין אילן הטוען שלשה מיני פירות

ווייב. און דיינע קינדער זענען מיינע קינדער. דיין ווייב האט מיט מיר מזנה געווען און דיא קינדער זענען מיינע. האט רבי צו איהם געזאגט ווילסט טרינקען אגלאז וויין. (אבער אויף דער זאך וואס דער מענטש האט געזאגט האט איהם רבי ניט געענטפערט). האט ער גיטרונקען דיא וויין און דער בויך איז איהם צוא שפאלטען געווארין: איינער איז אמאהל גיקומען פאר רבי און ער האט געזאגט צו רבי דיין מוטער איז מיין ווייב. זיא האט מיט מיר מזנה געווען. און דוא ביסט מיין זוהן. האט רבי צו איהם געזאגט ווילסט טרינקען אגלאז וויין. (אויף דער זאך האט איהם אויך רבי ניט געענטפערט) האט ער גיטרונקען די וויין און דער בויך איז איהם צו שפאלטען געווארין. האט רבי חייא געזאגט. צו רבי האט גיהאלפען זיין תפלה מען זאל ניט מאכען איהם מיט זיינע קינדער פאר ממזרים. ווען רבי פלעגט דאווענען האט ער געזאגט עס זאל זיין דער ווילען פאר דיר גאט אונזער גאט דוא זאלסט מיך מציל זיין (רעטין) היינט פון אמענטשין וואס ער איז אעז פנים. און מען זאל ניט זאגען אויף מיר אז איך בין אעז פנים. וואס מיינט מען אויב דער נאר פרעגט אויף אזאך פון די תורה דארף מען איהם ענטפערין. ווארום רבן גמליאל איז אמאל גיזעסען און האט גידרשת עס וועט אמאהל קומען אצייט אז אאשה וועט אלע טאג גיבאהרין אקינד. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק זיא וועט טראגין ווערין און וועט גיבארען דאס קינד אין איין טאג. האט אתלמיד גילאכט פון רבן גמליאל ער האט געזאגט עס איז ניטא קיין נייס אונטער א זוהן. וואס עס איז ניט געווען ביז איצט. וועט שפעטער אויך ניט זיין. האט רבן גמליאל געזאגט צו דעם תלמיד קום וועל איך דיר ווייזען אזוי אגלייכען איצט אויף די וועלט. איז רבן גמליאל ארויס גיגאנגען מיט דעם תלמיד און האט איהם געוויזען אז אהון גיבארט אאיי דעם זעלביגען טאג וואס זיא ווערט טראגען. רבן גמליאל איז גיזעסען און האט נאך גידרשת עס וועט אמאהל קומען אצייט אז עס וועט וואקסען אויף דיא בוימער אלע טאג נייע פירות. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער בוים וועט טראגען צווייגען און עס וועט וואקסען פירות. אזוי וויא דער צווייג איז דא אויף דעם בוים אלע טאג. אזוי וועט זיין נייע פירות אויף דעם בוים אלע טאג. האט אתלמיד גילאכט פון רבן גמליאל ער האט געזאגט עס שטייט דאך אין פסוק עס איז ניטא קיין נייס אונטער די זוהן. וואס עס איז ניט געווען ביז איצט. וועט שפעטער אויך ניט זיין. האט רבן גמליאל געזאגט צו דעם תלמיד קום וועל איך דיר ווייזען אזוי אגלייכען איצט אויף די וועלט. איז רבן גמליאל ארויס גיגאנגען מיט דעם תלמיד און האט איהם געוויזען דעם בוים צלף. וואס אויף איהם וואקסט יעדער יאהר דריי ערליי פירות איינע נאך די אנדערע, פריער וואקסט אביונות: אז די אביונות פאלען אראפ. וואקסט קפריסין. אז דיא קפריסין פאלען אראפ וואקסט קיבין. און אז משיח וועט קומען וועלין אויף אלע בוימער

וואקסען

עתידה ארץ ישראל שתוציא גלוסקאות וכלי מילת שנאמר (תהלים עב) יהי פסת בר בארץ לגלג עליו אותו תלמיד ואמר אין כל חדש תחת השמש נפק אחזי ליה כמהין ופטריות ואכלי מילת נברא בר קורא:

(דף לא) **כא תנו** רבנן לעולם יהא אדם ענוותן כהלל ואל יהא קפדן כשמאי מעשה בשני בני אדם שהמרו זה עם זה אמרו כל מי שילך ויקניט את הלל יטול ארבע מאות זוז אמר אחד מהם אני אקניטנו אותו היום ערב שבת היה והלל חופף ראשו הלך ועבר על פתח ביתו אמר מי כאן הלל מי כאן הלל נתעטף ויצא לקראתו אמר ליה בני מה אתה מבקש אמר לו שאלה יש לי לשאול אמר ליה שאל בני שאל מפני מה ראשיהם של בבליים סגלגלות אמר ליה בני שאלה גדולה שאלת מפני שאין להם חיות פקחות הלך והמתין שעה אחת הזר ואמר מי כאן הלל מי כאן הלל נתעטף ויצא לקראתו אמר ליה בני מה אתה מבקש אמר ליה שאלה יש לי לשאול אמר ליה שאל בני שאל מפני מה עיניהן של תרמודיין טרוטות. אמר ליה בני שאלה גדולה שאלת כפני שדרין בין החולות.

אביונות וקפריסין ולולבין וכי איתא להאי לידים לסאי כדאמר גריס תוקא כבתים: פסת בר. משמע גלוסקאות שרחבין כמין פס יד ומשמע כלי מילת כמו כתונת פסים. בר כמו לשבור בר ולענין כלי מילת בר נקי כמו ברה כחמה: כמהין ופטריות. שיואלין כמות שהן בגילה אחת והבין ועגולין כגלוסקאות: נברא בר קורא. סיב כמין לבוש מלוייר גדל סביבות הקור של דקל כשבוה רך. קור ענף האילן כשבוא רך יוצא בכל שנה קודם שיתקשה קרוי קור:

שהמרו. נתערבו כמו שממרין את סוסים דסנהדרין: מי כאן הלל. כלום כאן הלל ולשון גנאי לנשיא ישראל: מפני מה ראשיהן של בבליים כגלגל עגול: טרוטות. רכות: שדרים בין החולות. והרוח טשבת ונכנס בתוך עיניהם

וואקסען אלע טאג נייע פירות. רבן גמליאל איז געזעסען אונ האט נאך גידרשת עס וועט קומען אמאהל אצייט אז אין ארץ ישראל וועט וואקסען פון די ערד פערטיגע קיכלאך אונ זיידענע קליידער פערטיגע אזוי וויא עס שטייט אין פסוק פסת אונ בר וועט וואקסען פון דיא ערד. פסת איז טייטש זיידענע קליידער. בר איז טייטש קארין [ברויט]. האט א תלמיד גילאכט פון רבן גמליאל ער האט גזאגט עס איז ניטא קיין נייס אונטער דיא זוהן. וואס עס איז ניט גיוועזען ביז איצט. וועט שפעטער אויך ניט זיין. איז רבן גמליאל ארויס גיגאנגען מיט דעם תלמיד אונ האט איהם געוויזען דיא שוואמען וואס וואקסען ארויס פון דיא ערד גרויס אונ פערטיג אין איין נאכט. אונ אויף די זיידענע קליידער האט ער איהם געוויזען די קארע וואס וואקסט אויף א בוים. גימאלט מיט קאלארין. אונ דאס איז אויף דעם בוים אזוי ווי א קלייד:

כא תנו רבנן. די רבנן האבען גילערונט א מענטש זאל אייביג זיין ביי זיך קליין אונ נידעריג. אזוי וויא הלל איז גיוועזען. אונ ער זאל ניט זיין א כעסן אזוי ווי שמאי איז גיוועזען. עס האט אמאהל גיטראפען צוויי מענטשין האבען זיך גיוועט: זייא האבען גזאגט ווער עס וועט קענען דער צערינען הלל. זאל ער נעמען פיר הונדערט גילדען. האט איינער פון זייא גזאגט איך וועל איהם דער צערינען: דער טאג איז גיוועזען פרייטאג: אונ הלל האט גיקעמט זיין קאפ. איז דער מענטש גיגאנגען פאר די טיר פון הללס שטוב אונ האט גזאגט הלל איז דא אין שטוב. הלל איז דא אין שטוב. האט זיך הלל איינגעוויקעלט אין זיין קלייד אונ איז גיגאנגען אנקעגין דעם מענטש האט הלל גזאגט צו דעם מענטש. מיין זוהן וואס פארלאנגסטו האט דער מענטש גזאגט צו הלל איך האב צו פרעגין ביי דיר א שאלה. האט הלל גזאגט צו דעם מענטש פרעג מיין זוהן פרעג. האט דער מענטש גיפרעגט פאר וואס זענען די קעפ פון די בבליים קיילעדיג. האט הלל גזאגט צו דעם מענטש מיין זוהן דוא האסט גיפרעגט א גרויסע שאלה. ווייל זייא האבען ניט קיין קלוגע הייבאמס. ווייסען זייא ניט וויא אזוי צו גלייכען דעם קאפ פון קינד ווען ער ווערט גיבוירין. איז דער מענטש אוועק גיגאנגען אונ האט גיווארט א שעה דער נאך איז ער צוריק גיקומען פאר דיא טיר פון הלל. אונ האט גזאגט. הלל איז דא אין שטוב. הלל איז דא אין שטוב: האט זיך הלל איינגעוויקלט אין זיין קלייד אונ איז גיגאנגען אנקעגין דעם מענטש. האט הלל גזאגט צו דעם מענטש. מיין זוהן וואס פארלאנגסטו האט דער מענטש גזאגט צו הלל איך האב צו פרעגין ביי דיר א שאלה. האט הלל גזאגט צו דעם מענטש פרעג

הלך והמתין שעה אחת חזר ואמר מי כאן הלל מי כאן הלל נתעטף ויצא לקראתו . אמר ליה בני מה אתה מבקש אמר ליה שאלה יש לי לשאול אמר ליה שאל בני שאל מפני מה רגליהם של אפרקיים רחבות אמר ליה בני שאלה גדולה שאלת מפני שדרין בין בצעי המים . אמר ליה שאלות הרבה יש לי לשאול ומתיירא אני שמא תכעוס נתעטף וישב לפניו אמר ליה כל שאלות שיש לך לשאול שאל . אמר ליה אתה הוא הלל שקורין אותך נשיא ישראל אמר ליה הן אמר ליה אם אתה הוא לא ירבו כמותך בישראל אמר ליה בני מפני מה אמר ליה מפני שאבדתי על ידך ארבע מאות זוז אמר ליה הוי זהיר ברוחך כדאי הוא הלל שתאבד על ידו ארבע מאות זוז וארבע מאות זוז והלל לא יקפיד :

תנו רבנן מעשה בעובד כוכבים אחד שבא לפני שמאי אמר ליה כמה תורות יש לכם אמר ליה שתים תורה שבכתב ותורה שבעל פה . אמר ליה שבכתב אני מאמינך ושבעל פה איני מאמינך גיירני על מנת שתלמדני תורה שבכתב . גער בו והוציאו בנזיפה בא

פירוש

שמקים אתר מתרם פרוטזה לשון עגולות בית מושב שלהן ודף כאן אני אומר כן ומפני שדרים בין ההולות שינה אוחב המקום שלא יהא כדק של פיניהם ארוך כשלנו ויכנס בו החול וכן רגליהם של האפרקיים רחבות שלא ישקעו בגלעי המים ורבותינו פירשו שדרים בין גלעי המים והולכין יהפים ומשפשפים רגליהם לפי שהמגעל דוחק הרגל ומעמידו על דפוס שלו : כדאי הלל . ראוי לכך : הוציאו בנזיפה . דהמיא הבא לקבל דברי הברות

מיין זוהן פרעג . הט דער מענטש גיפרעגט פר וואס האבען די מענטשען פון תרמוד שרעכטע אויגען . הט הלל גזאגט צו דעם מענטש מיין זוהן דוא האסט גיפרעגט א גרויסע שאלה . ווייל זיי וואוהנען צווישען זאמד . דער ווינט בלאזט דיא זאמד אויף זייערע אויגען . דריבער האבען דיא שלעכטע אויגען . איז דער מענטש אוועק גיגאנגען אונ הט גיווארט א שעה דער נאך איז ער צוריק גיקומען פר די טיר פון הלל . אונ הט גזאגט . הלל איז דא אין שטוב . הלל איז דא איז שטוב האט זיך הלל איינגעוויקעלט אין זיין קלייד אונ איז גיגאנגען אנטקעגין דעם מענטש . הט הלל גזאגט צו דעם מענטש . מיין זוהן וואס פאר לאנגסטו . האט דער מענטש גזאגט צו הלל איך האב צו פרעגין ביי דיר א שאלה . הט הלל גזאגט צוא דעם מענטש פרעג מיין זוהן פרעג . הט דער מענטש גיפרעגט פאר וואס האבען די מענטשען פון אפריקי ברייטע פים האט הלל גזאגט צוא דעם מענטש מיין זוהן דוא האסט גיפרעגט א גרויסע שאלה . ווייל דיא וואוהנען אין זומפיגע ערטער . אונ זייא גייען בארוועס אין וואסער . ווערין דיא טרים זייערע ברייט . הט דער מענטש גזאגט איך האב פיל שאלות צו פרעגין נאר איך האב מורא טאמער וועסטו אין כעס ווערין אויף מיר . האט זיך הלל איינגעוויקעלט אין זיין קלייד אונ הט זיך גיזעצט פאר דעם מענטש הט הלל גזאגט צו אים אלע שאלות וואס דוא האסט צו פרעגין . פרעג . האט דער מענטש גזאגט צו הלל דוא ביסט דער הלל וואס מען רופט דיך דער נשיא פון יודען . האט הלל גזאגט צו דעם מענטש יא איך בין הלל דער נשיא פון יודען . זאגט דער מענטש צו הלל אויב דוא ביסט דאס . זאל נאר ניט זיין צווישען יודען פיל מענטשען . אזעלכע וויא דוא ביסט . הט הלל גזאגט צו דעם מענטש . מיין זוהן . פר וואס . הט דער מענטש גזאגט צו הלל ווייל דורך דיר האב איך פאר לארען פיר הונדערט גילדען . האט הלל גזאגט צוא דעם מענטש דו זאלסט דיך היטען אונ זאלסט ניט אזוי זאגין . הלל איז ווערט דוא זאלסט פרלירען דורך איהם פיר הונדערט גילדען אונ נאך אמאהל פיר הונדערט גילדען . אונ הלל וועט ניט אין כעס ווערין :

תנו רבנן . די רבנן האבען גילערונט עס הט אמאהל גיטראפען אגוי אשטערין דינער איז גיקומען פאר שמאי אונ ער הט גיפרעגט ביי שמאי וויא פיל תורות איז דא ביי אייך . האט שמאי גזאגט צום גוי מיר האבען צוויי תורות . איינע אנגעשריבענע . אונ איינע לערנען מיר אויס ווייטיג . הט דער גוי גזאגט צו שמאי די געשריבענע תורה גלויב איך דיר אונ דיא אויס ווייניגסטע תורה גלויב איך דיר ניט . גיירני על מנת שתלמדני תורה שבכתב . דו זאלסט מיך מגייר זיין אויף דעם תנאי . דוא זאלסט מיך אויס לערנען די געשריבענע תורה . אונ דיא

לפני הלל גיירה . יומא כמא אמר ליה א"ב ג"ד למרר אפיך ליה אמר ליה והא אתמול לא אמרת לי הכי אמר ליה לאו עלי דידי קא סמכת ד"ע"פ נמי סמוך עלי . שוב מעשה בעובד כוכבים אחד שבא לפני שמאי . אמר ליה גיירני על מנת שתלמדני כל התורה כולה כשאני עומד על רגל אחת . דחפו באמת הבנין שבידו . בא לפני הלל גייריה אמר ליה דעלך סני לחברך לא תעביד זו היא כל התורה כולה ואידך פירושא היא זיל גמור . שוב מעשה בעובד כוכבים אחד שהיה עובר אחורי בית הכנסת ושמע קול סופר שהיה אומר (שמות כח) ואלה הבגדים אשר יעשו חשן ואפוד אמר הללו למי אמר ליה לכהן גדול אמר אותו עובד כוכבים בעצמו אלך ואתגייר בשביל שישימוני כהן גדול בא לפני שמאי אמר ליה גיירני על מנת שישימוני כהן גדול דחפו באמת הבנין שבידו . בא לפני הלל גייריה אמר ליה כלום מעמידין מלך אלא מי שיודע טכסיסי מלכות לך למוד

ר"ן מדבר אחד וכן גר הבא להתגייר וקבל עליו ד"ה חוץ מדבר אחד אין מקבלין אותו: גיירה . סמך על חכמתו בסופו שירגילנו לקבל עליו דאל דמיא הא לחוץ מדבר אחד שלא היה כופר בתורה בבעל פה אלא שלא היה מאמין בהיא מפי הגבורה והלל הובטח שאחר שילמדנו יסמוך עליו: אפיך ליה . כגון תשר"ק: לאו עלי קא סמכת . ממין אתה יודע שזה אל"ף וזו בי"ת אלא שלמדתיך וסמכת עלי דע"פ נמי סמוך על דברי: אמת הבנין . מקל בבית אמה ארוך ומודדין בו אורך הבנין שהיו קוצצים עם האומנים כך וכך אמה בכך וכך דמים: דעלך סני לחברך לא תעביד . ריעך וריע אביך אל תעזוב זה הקב"ה אל תעבור על דבריו שכרי עליך בנאוי שיעבור חברך על דבריך . נ"א חברך ממש כגון גזלה גניבה ניאוף ורוב המצות: ואידך . בשאר דברי תורה: פירושא . דהא מילתא הוא לדעת איזה דבר שנוי: זיל גמור . והדע: סופר . מלמד תינוקות: טכסיסי . היאך מלכי

אוים ווייניגסטע תורה וויל איך ניט לערנען . האט שמאי אגישריי געטאהן אויף דעם גוי אונ האט איהם גיהייסען ארויס גיין פון שטוב . איז דער גוי גיקומען פאר הלל אונ דאט גזאגט פאר איהם אזוי וויא ער האט גזאגט פאר שמאי . אונ הלל האט אידם מגייר גיוועזן . דעם ערשטין טאג האט הלל גילערנט מיט דעם גר א ב ג ד ביז ת ; מארגין דעם אנדערין טאג האט הלל גילערנט מיט דעם גר פאר קערט . פון ת ביז א . האט דער גר גזאגט צוא הלל נעכטין האסטו דאך מיר ניט אזוי גזאגט . האט הלל גזאגט צום גר פון וואנען ווייסטו אז דס איז א אלף אונ דאס איז א בית . געווים נאר ווייל איך האב דיך גילערנט . אונ דוא גלויבסט מיר אז עס איז אזוי פאר לאזטו דיך דאך אויף מיר . ווס איך האב דיר גזאגט אז עס איז דא נאך א תורה וואס זי ווערט גילערנט אוים ווייניג . זאלסטו דיך אויך פאר לאזען אויף מיר . אז די תורה איז אמת . נאך האט אמאהל גיטראפען אז אגוי אשטערין דינער איז גיקומען פאר שמאי . האט דער גוי גזאגט צו שמאי זייא מיך מגייר אויף דעם תנאי דוא זאלסט מיך אוים לערנען די גאנצע תורה ווען איך ווער שטיין אויף איין פוס . האט שמאי אוועק גישטויסען דעם גוי מיט דעם שטעקיל וואס מען מעסט מיט איהם דיא הייזער . וואס ער האט גיהאלטען אין האנט . איז דער גוי גיקומען פאר הלל . אונ האט גזאגט פאר איהם אזוי וויא ער האט גזאגט פאר שמאי . אונ הלל דאט אידם מגייר גיוועזן . האט הלל גזאגט צום גר וואס דו האסט פיינט מען זאל דיר דס טאהן זאלסטו ניט טאהן צו דיין חבר דס איז די גאנצע תורה . אונ די איבעריגע תורה לערנט אונז וועלכע זאכען אמענטש האט פיינט מען זאל איהם טאהן גייא לערין וועסטו וויסען . נאך אזאך דאט גיטראפען ביי אגוי אשטערין דינער דער גוי איז גיגאנגען אינטער די וואנט פון שוהל אונ ער האט גיהערט ווי אמלמד זאגט צו זיינע תלמידים דעם פסוק דס זענען די קליידער ווס זיי זאלען מאכען אחשן אונ אאפוד . האט דער גוי גיפרעגט פאר וועמען זאל מען מאכען די קליידער . האט מען גזאגט צום גוי די קליידער מאכט מען פאר דעם כהן גדול . האט דער גוי גיטראכט בייא זיך איך וועל מיך מגייר זיין מען זאל מיך מאכען פאר אכהן גדול . איז דער גוי גיקומען פאר שמאי אונ האט גזאגט צו איהם זיי מיך מגייר נאר אויף דעם תנאי מען זאל מיך מאכען פאר אכהן גדול . האט שמאי אוועק גישטויסען דעם גוי מיט דעם שטעקיל וואס מען מעסט מיט אידם דיא הייזער , ווס ער האט גיהאלטען אין האנט . איז דער גוי גיקומען פאר הלל . אונ האט גזאגט פאר איהם אזוי וויא ער האט גזאגט פאר שמאי . אונ הלל האט איהם מגייר גיוועזן האט הלל גזאגט צום

כמלך (פי' ככנ"ד: שלטון. סגריס הלג פ"ע: סדר זרעים. שכל אמונת האדם סומכין (פר"ש מפצרוהיו כרו"י: חוסן. לשון יורשין ועל ידי אלה מולדו יורשין: סדר נזיקין. מוציאין שמזהיר לפרוש מהיזק ומהתחייב ממון: (אמונת זה סדר זרעים. מפרש בירושלמי שמאמין בחיי העולמים

למוד טכסיסי מלכות הלך וקרא כיון שהגיע (במדבר ג) לוהזר הקרב יומת אמר ליה מקרא זה על מי נאמר אמר ליה אפילו על דוד מלך ישראל נשא אותו גר קל וחומר בעצמו ומה ישראל שנקראו בנים למקום ומתוך אהבה שאהבם קרא להם (שמות ד) בני בכורי ישראל כתיב עליהם והזר הקרב יומת גר הקל שבא במקלו ובתרמילו על אחת כמה וכמה. בא לפני שמאי אמר ליה כלום ראוי אני להיות כהן גדול והלא כתיב בתורה והזר הקרב יומת בא לפני הלל א"ל ענוותן הלל ינוחו לך ברכות על ראשך שהקרבתני תחת כנפי השכינה לימים נזדווגו שלשתן למקום אחד אמרו קפדנותו של שמאי בקשה לטורדנו מן העולם ענותנותו של הלל קירבנו תחת כנפי השכינה:

אמר ריש לקיש מאי דכתיב (ישעיה לג) והיה אמונת עתיך חוסן ישועות חכמת ודעת וגו'. אמונת זה סדר זרעים עתיך זה סדר מועד. חוסן זה

גר מען מאכט ניט פר אמלך נאר אזעלכין וואס ווייס די פירונג פון אמלך. ניי לערין דיך די פירונג פון אמלך ודו קענכט אנדערש ניט זיין אכהן גדול. סיידין דו זאלסט וויסען אלע דינים פון אכהן גדול. איז דער גר גינאנגען לערנען אין די תורה די דינים פון כהן גדול. אז דער גר איז גיקומען צו דעם פסוק אז אפרעמדער וועט גינגען צום בית המקדש וועט ער שטארבען האט דער גר גזאגט צו הלל אויף וועמען איז גזאגט גיווארין דער פסוק. ווער הייסט אפרעמדער. האט הלל גזאגט צום גר אפילו דוד דער מלך פון די יודען אז ער וועט גינגען צום בית המקדש וועט איהם אויך קומען, מיתה. ווארום דער מענטש וואס איז ניט גיבאהרין פון כהנים טאר ניט צו גיין צום בית המקדש. האט דער גר גינומען אקל וחומר אויף זיך מאראך די יודען וואס זיי ווערין גירופען קינדער צו גאט. אונ פון די ליבשאפט וואס ער האט זיי ליב. האט ער זיי גירופען מיין ערשט גיבארענער זוהן ישראל. שטייט אויף זיי געשריבען אין די תורה. אז איוד אפרעמדער (ניט אכהן) וועט גינגען צום בית המקדש קומט איהם מיתה. דער גר וואס ער איז גרינג. וואס ער איז אין גאנצען גיוועזן פרעמד פון גאט אונ פון די יודען. נאר איצט איז ער גיקומען מיט זיין שטעקין אונ מיט זיין טארבע ער זאל זיך בהעפטין צו גאט אונ צו יודען. איז געוויס אז ער וועט גינגען צום בית המקדש וועט אים קומען מיתה. איז דער גר גיקומען פאר שמאי אונ האט גזאגט צו איהם מעג איך זיין אכהן גדול עס שטייט דאך אין די תורה אז אפרעמדער וועט גינגען צום בית המקדש וועט ער שטארבען. דער נאך איז דער גר גיקומען פר הלל אונ האט גזאגט צו איהם הלל וואס דו ביסט נידעריג בייזיך ברכות זאלען רוהען אויף דיין קאפ דו האסט מיך גיבראכט אונטער די פליגעל פון גאט. אמאהל האט גיטראפען אז אלע דריי גרים זענען גיקומען צו זאמען אויף איין ארט. האבען זיי גזאגט דער כעס פון שמאי האט אונז גיוואלט פר טרייבען פון עולם הבא. די נידעריגקייט פון הלל האט אונז גיבראכט אונטער די פליגעל פון גאט:

כב אמר. האט ריש לקיש גזאגט וואס מיינט דער פסוק והיה אמונת עתיך חוסן ישועות חכמת ודעת וגו'. אמונת מיינט מען דעם סדר זרעים. וואס ער הייסט אמונה. ווארום דער מענטש גיט פאה אונ תרומה אונ מעשר אונ נאך אנדערע זאכען. ווייל ער גלויבט אז גאט וועט איהם בצאהלען אויף דיא וועלט אדער אויף יענע וועלט. עתיך מיינט מען דעם סדר מועד. וואס ער הייסט עתיך (ביינע צייטען) ווייל יעדער יום טוב האט אאוים גיזעצטע צייט אין יאהר. חוסן מיינט מען דעם סדר נשים. וואס ער הייסט חוסן (חוסן איז טייטש ירושה. אז מען נעמט אווייב אונ מען האט מיט איר קינדער. זענען די קינדער יורשים). ישועות מיינט מען דעם סדר נזיקין. וואס ער הייכט ישועות ווייל דיא הנאים העלפין דעם מענטש אונ

לערנען

זה סדר נשים. ישועות זה סדר נזיקין. הכמת זה סדר קדשים. ודעת זה סדר טהרות. ואפילו הכי יראת ה' היא אוצרו. אמר רב (רבא) בשעה שמכניסין אדם לדין אומרים לו נשאת ונתת באמונה. קבעת עתים להורה. עסקת בפריה ורביה. צפית לי שועה. פלפלת בחכמה. הבנת דבר מתוך דבר. ואפילו הכי אי יראת ה' היא אוצרו אין אי לא לא משל לאדם שאמר לשלוחו העלה לי כור חטין לעלייה הלך והעלה לו אמר ליה עירבת בהן קב חומטין אמר ליה לאו אמר ליה מוטב אם לא העלית. תני דבי רבי ישמעאל מערב אדם קב חומטין בכור של תבואה ואינו חושש. אמר רבה בר רב הונא כל אדם שיש בו תורה ואין בו יראת שמים דומה לגזבר

וזרע) : דעת. עדיף מחכמה : היא אוצרו : הוא עיקר שהטוב נעשית באוצר ולעשות סגולה לזכרון : קבעת עתים. לפי שאדם צריך להתעסק בד"א שאם אין ד"א אין תורה הולכת נקבוע עתים לפרש דבר קבוע שלא יתבטל כל היום לד"א : בפריה ורביה. היינו חוסן : צפית לישועה. לדברי הנביאים : הבנת דבר מתוך דבר. היינו דעת : קב חומטין. ארץ מלחה ומשמרת את הפירות מהתליע : ואינו חושש. למוכרה בדמי הטין דלאו אונאה היא שהכרי שמירתן בכך: יראת שמים. דומה לפתחים חיצונים

לערנען איהם וויא אזוי ער זאל. זיך דער ווייטערין פון אשאדין צו טאהן. ער זאל ניט דארפן בצאהלען אונ עס זאל ניט זיין קיין קריג. חכמת מיינט מען דעם סדר קדשים. וויל דיא קרבנות מקריב זיין איז ניט דער עיקר דער קרבן. נאר דער עיקר איז דיא מחשבה וואס דער בעל הבית מיט דעם כהן טראכטען ביי דעם קרבן. אונ דיא מחשבה פון מענטש איז אחכמה. וויא קלוג ער איז אזוי איז זיין חכמה. דעת מיינט מען דעם סדר טהרות. וויל אפ שיידין טהור פון טמא דארף מען נאך אגרעסערע חכמה. אפילו ער האט גילערונט דיא אלע זעקס סדרים משניות. פון דעסטוועגין איז נאר דער עיקר אויב ער איז פרום אונ ער האט מורא פאר גאט: אונ אויב ער איז ניט פרום איז זיין לערנען גאר ניט ווערט. רבא האט גזאגט ווען מען ברייננגט ארייין דעם מענטשין צום משפט זאגט מען צו איהם האסטו גיהאנדילט ערלאך האסטו דיר אויס גיזעצט צייטען אין טאג צום לערנען. האסטו גינומען אווייב דוא זאלסט מיט איר האבען קינדער. האסטו גיהאפט צו דיא צייט פון משיח אז מען זאל גיהאלפען ווערין אזוי וויא דיא נביאים האבען גזאגט. האסטו גיקלערט אין דיא חכמה פון דיא תורה. האסטו פאר שטאנען אין דיא תורה איין זאך פון די אנדערע זאך. אונ אפילו ער הט אלץ אזוי גיטאהן. אויב ער איז גיוועזן פרום אונ דער עיקר איז ביי איהם גיוועזן די מורא פון גאט. איז גוט. אונ אויב ער איז ניט פרום גיוועזן אונ הט ניט מורא גיהאט פאר גאט. איז זיין לערנען מיט זיינע גוטע מעשים גאר ניט ווערט. למשל אמענטש האט גזאגט צו זיין בעדינטען טראג ארויף אכור ווייץ אויף דעם בוידים. האט דער בעדינטער ארויף גיטראגען. הט דער בעל הבית גזאגט צו זיין בדינטען. האסטו אריין געמישט אין די ווייץ אב יסול גיזאלצענע ערד. הט דער בעדינטער גזאגט צום בעל הבית ניין. איך האב ניט אריין געמישט. האט דער בעל הבית גזאגט צו דעם בעדינטען עס וואלט בעסער גיוועזן אז דוא וואלסט דיא ווייץ ניט ארויף גיטראגען אויף דעם בוידים. ווארום אן דיא ערד וועט דיא ווייץ קאליע ווערין נאויב אמענטש האט אין זיך אאוצר מיט תורה אונ מצות. ער האט פיל תורה גילערנט און פיל מצות גיטאהן: אויב אין די תורה אונ מצות איז אריין געמישט יראת שמים (פרומקייט). איז גוט. ווערין בלייבען דיא תורה אונ מצות אויף עולם הבא ער זאל פאר זייא נעמען שכר. אונ אויב אין דיא תורה אונ מצות איז ניט אריין געמישט יראת שמים (פרומקייט). וועט פון זיינע תורה אונ מצות גאר ניט ווערין). דיא תלמידים פון רבי ישמעאל האבען גילערנט אמענטש מעג אפ מעסטין תבואה אכור ווייטיגער אקב. אונ אריך מישען אקב ערד: אונ ער מעג נעמען געלט פאר אגאנצען כור תבואה. אפילו עס פעלט אקב תבואה: ווארום דער קב ערד היט דעם גאנצען כור תבואה ער זאל ניט קאליע ווערין:

אמר רבה בר רב הונא הט גזאגט דער מענטש וואס איז אלמדן ער לערנט תורה אונ ניט פרום איז ער גליך צו אגבאי וואס מען האט איהם גיגעבין דיא שליסלען פון דיא

אדרך להם נכנסין לפנימים כך אם ירא שמים הוא נעשה מכד לשמור ולעשות טוב ואם לאו אינו חש להורתו : בהי עייל . באיזה פתח נכנס לפתוח את הפנימיים : אמינא לך אנא . כלומר אתה מיעטת בשבחו . הן יראת ה'. יחידה היא היראה בעולם :

מי שאכל שום וריחו נודף וכו'. פירושא הוא כלו' ה"ק קרא אם רשעת מעט אל תוסיף על רשעך דמי שאכל שום וריחו נודף כבר לחביריו כלום

לגזבר שמסרו לו מפתחות הפנימיות ומפתחות החיצוניות לא מסרו לו בהי עייל. מכריז רבי ינאי הכל על דלית ליה דרתא ותרעא לדרתא עביד. גם במסכת יומא פרק בא לו אמר רב יהודה לא ברא הקדוש ברוך הוא את עולמו אלא כדי שייראו מלפניו שנאמר (קהלת יג) והאלהים עשה שייראו מלפניו. רבי סימון ורבי (אליעזר) [אלעזר] הוו יתבי חליף ואזיל רבי יעקב בר אחא אמר ליה חד לחבריה ניקום מקמיה דגבר דחיל חטאין הוא. אמר ליה אידך ניקום מקמיה דגבר בר אורייז הוא. אמר ליה אמינא לך אנא דגבר דחיל חטאין הוא ואמרת לי את דגבר בר אוריין הוא תסתיים דרבי (אליעזר) [אלעזר] הוא דאמר דגבר דחיל חטאין הוא דאמר רבי יוחנן משום רבי (אליעזר) [אלעזר] אין לו להקב"ה בעולמו אלא יראת שמים בלבד שנאמר (דברים י) ועתה ישראל מה ה' אלהיך שואל מעמך כי אם ליראה וגו' וכתיב (איוב כח) ויאמר לאדם הן יראת ה' היא חכמה וגו'. שכן בלשון יוני קורין לאחת הן תסתיים:

(ע"ב) **כג דרש** רב עולא מאי דכתיב (קהלת ז) אל הרשע הרבה וגו' הרבה הוא דלא לרשע הא מעט לרשע. אלא מי שאכל שום וריחו נודף יחזור ויאכל שום אחר

אינווייניגסטע שטובען און דיא שריסלען פון די אויס וויינינגסטע שטובען האט מען איהם ניט געגעבען וויא אזוי וועט ער אריין גיין אין די אינווייניגסטע שטובען. רבי ינאי האט אויס גירופען וויי צו דעם מענטש וואס האט ניט קיין שטוב. און מאכט אטוער צוא א שטוב. רב יהודה האט גזאגט גאט האט נאר בשאפען דיא וועלט מען זאל מורא האבען פר איהם; אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט האט גימאכט די וועלט מען זאל פר איהם מורא האבען. רבי סימון און רבי אלעזר זענען גיזעסין איז פאר בייגיגאנגען רבי יעקב בר אחא. האט איינער גזאגט צו זיין חבר מיר דארפין אויף שטיין פר רבי יעקב בר אחא ווארום ער איז אמענטש וואס האט מורא צו טאהן אעבירה. האט דער אנדערער צו איהם גזאגט מיר דארפען אויף שטיין פר רבי יעקב בר אחא ווארום ער איז אמענטש וואס קען לערנען. האט זיין חבר צו איהם גזאגט איך זאג דיר אז ער איז אמענטש וואס האט מורא אעבירה צו טאהן. און דוא זאגסט צו מיר אז ער איז אמענטש וואס קען לערנען. איך האב דאך איהם מער גילויבט וויא דוא. זאגט דיא גמרא עס איז געווים אז דער וואס האט גזאגט אויף רבי יעקב בר אחא ער האט מורא צו טאהן אעבירה. איז דאס רבי אלעזר. ווארום רבי יוחנן האט גזאגט פון רבי אלעזרם וועגין גאט האט ניט מער אויף דיא וועלט. נאר מען זאל פר איהם מורא האבען. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ועתה ישראל מה ה' אלהיך שואל מעמך כי אם ליראה. און איצט ישראל וואס פאר לאנגט גאט פון דיר נאר מען זאל פר איהם מורא האבען. און נאך אפסוק זאגט ויאמר לאדם הן יראת ה' היא חכמה. ער האט גזאגט צום מענטש מורא האבען פאר גאט דאס איז איין חכמה. ווארום אויף דיא גריכישע שפראכע רופט מען אויף איינס הן. האב איך דיר געוויזען אז רבי אלעזר האט גזאגט אויף רבי יעקב בר אחא ער האט מורא צוא טאן עבירות:

כג דרש. רב עולא האט גידרשת וואס מיינט דער פסוק זאלסט ניט פיל זינדיגען. פיל זאל מען ניט זינדיגען אבער ווייניג מעג מען זינדיגען. אויב איינער האט גיגעסין קנאביל און עס שטינקט איהם פון מויל. וועט ער דען זאגין ווייל איך האב גיגעסין אביסל קנאביל און עס שטינקט נאר אביסל פון מויל. וועל איך עסין נאך פיל קנאביל עס זאל מער שטינקען; געווים וועט אמענטש ניט אזוי טאהן. אזוי מיינט שלמה המלך אויך. אויב דוא האסט

אחר ויהא ריחו נודף . דרש רבא בר רב עולא מאי דכתיב (תהלים עג) כי אין חרצובות למותם ובריא אולם אמר הקדוש ברוך הוא לא דיין לרשעים שאינן חרדין ועצבין מיום המיתה . אלא שלבם בריא להן כאולם . והיינו דאמר רבה מאי דכתיב (שם מט) זה דרכם כסל למו יודעין רשעים שדרכם למיתה ויש להם חלב על כסלם שמא תאמר שכוחה היא מהן תלמוד לומר (שם) ואחריהם בפיהם ירצו סלה :

כד **על** שלש עבירות נשים מתות בשעת לידתן על שאינן זהירות בנדה ובחלה ובהדלקת הנר :

גמ' . על שלש עבירות וכו' נדה מאי טעמא אמר רבי יצחק היא קלקלה בחדרי בטנה לפיכך תלקה בחדרי בטנה תינח נדה חלה והדלקת הנר מאי איכא למימר כדדרש ההוא גלילאה עליה דרב חסדא אמר הקב"ה רביעית דם נתתי בכם על עסקי דם הזהרתי אתכם (דף לב) ראשית קראתי את כם על עסקי ראשית הזהרתי אתכם

יחזור ויאכל עוד שום אחר ויהי נודף יותר מכנגד אביו : חרדין ועצבין. מטריקין דהרליבות: שלבנו. ספתהו פתוח ורחב : זה דרכם . לעיל מיניה כתיב קרבם בתימי לעולם דהייתי קבורה והדר כתיב זה דרכם כסל למו כלומר יודעים הם שזה דרכם אבל כסל למו כליותיהם מחופים בחלבם מהשיב אל כליותיהם מהשבת סיפם ושמא תאמר מ רמה הלב שכחו וכרי כה מוגגין תלמוד לומר ואחריהם את כעתיד לבא לנפשם אחרי אובדם בפיהם ירצו סלה ויספרו תמיד ועכ"ז אינם חוזרין :

מ"ג . בנדה מאי טעמא : בחדרי בטנה . מקור דמה: קלקלה . מרדה : רביעית דם . חיי אדם תלויין בה : ראשית קראתי אתכם . ראשית הנזכר עסקי ראשית . ראשית עריסותיכם : כריני מיסו נשמתכם . והאבד רביעית דמכם ויכבה נרכם ויבטל מס ראשיתכם ונשים נצטוו על כך כי אמריק בבראשית רבה היא איבדה הלהו של עולם בשל ידה נטרד אדם הראשון שנברא כהלה וכבתה נרו

געזינדיגט אביסול . זאלסטו דיך היטען דוא זאלסט ניט מער זינדיגען . דרש רבא בר רב עולא האט גידרשת וואס מיינט דער פסוק כי אין חרצובות למותם ובריא אולם . ואט זאגט ניט גינוג וואס די רשעים האבען ניט מורא אונ זענען ניט טרויעריג פר דעם טויט . נאר זייער הארץ איז זיי גיזונד אונ שטארק אונ בורייט אזוי ווי די טיר פון אולם . ודיא שטוב וואס פר דעם היכל הייסט אולם . דס איז דיא זעלביגע זאך וואס רבה האט גזאגט וואס מיינט דער פסוק זה דרכם כסל למו . דיא רשעים ווייסען אז זייער וועג איז צום שטארבען . פון דעסטוועגין האבען זייא פעטס אויף זייערע פלאנקען . ווייל זייא עסין אונ טרינקען אונ זארגין גאר ניט אויף דעם טויט . טאמער וועסטו זאגען זיי האבען פר געסין אז זייא דארפין שטארבען ; זאגט דער פסוק וויאס נאך זיי וועט זיין . אז זיי וועלין שטארבען אונ ווערין גישטראפט ווערין נאך דעם טויט . דאס ריידען זיי אייביג מיט זייער מויל . פון דעסטוועגין זינדיגען זייא :

כד **על** . אויף דריי עבירות שטארבען ווייבער ווען זייא גיבאדרין אקינד . ווייל זייא היטען ניט די דינים פון נדה . אונ ניט די דינים פון חלה . אונ זיי צינדען ליכט ערב שבת שפעט נאנט צו נאכט :

(גמרא על שלש עבירות וכו') . אז אאשה היט ניט די דינים פון נדה פר וואס שטארבט זיא ווען זיא גיבארט אקינד האט רבי יצחק גזאגט זיא האט געזינדיגט מיט דיא בלוט וואס איז איר בויך דריבער ווערט זיא גישטראפט מיט דעם קינד וואס אין איר בויך . פרעגט די גמרא דס איז רעכט אויף די עבירה פון נדה . אבער אז אאשה היט ניט דיא דינים פון חלה . אדער זי צינדט ליכט פרייטאג שפעט . וואס קענען מיר זאגין . פר וואס שטארבט זיא ווען זי גיבארט אקינד . ענפערט די גמרא אזוי ווי איינער פון גליל האט גידרשת פר רב חסדא . גאט דאט גזאגט איך האב גיגעבין אין אייך אקוואטירול בלוט ווארום אז אמענטש האט אין זיך ווייניגער ווי א אקוואטירול בלוט קען ער ניט לעבין) אונ איך האב אייך אן גזאגט וועגין בלוט . די דינים פון נדה . איך האב אייך גירופען איר זענט ביי מיר די ערשטע . וועגין חוה נעמען פון טייג דס ווערט גירופען דס ערשטע (ראשית עריכותיכם) האב איך צייך פר זאגט . די נשמה וואס איך האב גיגעבין אין אייך ווערט גירופען אריכט . וועגין ליכט צינדען ערב שבת פארין נאכט (ניט שפעט) האב איך אייך פר זאגט . אויב איר וועט מקיים זיין דיא דריי מצות . איך וועט אייך דער ווייטערין פון אייערע מאגען ווען איר וועט זיין גרות . אונ איר יעט נעמען

אתכם נשמה שנתתי בכם קרויה נר על עסקי נר הוהרתי אתכם אם אתם מקיימים אותם מוטב ואם לאו הריני נוטל נשמתכם מכם ומאי שנא בשעת לידתן אמר רבה נפל תורא חדד לסכינא אביי אמר תפוש תירוש אמתא בחד מחטרא ליהוי רב חסדא אמר שבקיה לרויא דמנפשיה נפל מר עוקבא אמר רעיא חגרא ועיזי ריהטן אבב חוטרא מילי ואבי דרי חושבנא , רב פפא אמר אבב חנואתא נפישי אחי ומרחמי אבב בזיוני לא אחי ולא מרחמי וגברי היכא מיבדקי אמר ריש לקיש

של עולם ונפשכם דמו ועוד שאני כבית תלויין בה: נפל תורא. נתרעע שהוא עומד לשחיטה הכל אומרים חדדו לסכינא עד שלא יקום ויברח בורח להבריחו כך כושל ואיתרע מזלה מזומנת פורענותה לבא: תפוש תירוש אמתא. הרבה פשעים השפחה וכיון לקה בחטא אחת: תפוש. הרבה: תירוש. פשע והרבה: מחטרא. בחטרא בלע"ז כלומר אשה עומדת ליסורי לידה על עונשה של חוה ומצטרפין לה עונשין הרבה לאותה מלקות: שבקיה לרויא. לשכור אינו צריך לדחפו שהוא יפול מאליו כך האשה עומדת לילד משהתעברה והיא צריכה לבקש להקדוש ברוך הוא לפתוח רחמה והיא נמנעת והיא מתה מאליה כל הני מתלי הדיוט נינהו: רעיא חגרא ועיזי ריהטן. קלה לרוץ ואינו יכול לבגיעה ולהלקותה על סרחונה: אבב חוטרא מילי. כשהיא באה לפני גדרות צאן שם הוא מדבר עמה להלקותה על פשעה: ואבי דרי. לבית הדיר של צאן באין לחשבון גדרות שלא מתרגמינן חושבנא דעו כלומר כשאשה כשהיא בבריאותה פעמים שזכיותיה תולין ואין כח במקטרג להזכיר עונה אבל משמגיעה לשעת סכנה וצריכה לנסים שם מזכירין עונותיה ומעשיה אם ראויה היא לנס אם לאו: אבב חנואתא נפישי אחי ומרחמי. כפתח החנות שמחלקים בו מזונות יש שם עושר הרבה אחים והרבה אוהבים יש הכל נעשים אוהבים: רחמי. אוהבים: אבב בזיוני, במקום שיש הפסד ועוני: לא אחי ולא מרחמי. כך בשעת הסכנה כורע מזלה וחשבונותיה ומדלו פרקליטין כלה: וגברי היכא

חלה פון טייג. אונ איר וועט צינדען ליכט פרייטאג פארין נאכט ניט שפעט. איז גוט. אונ אויב איר וועט ניט האלטען די דריי מצות. וועל איך צו נעמען פון אייך אייערע נשמות. פאר וואס שטארבען זייא ווען זייא געבארין אקינד. ניט אין איין אנדער צייט. האט רבה געזאגט אאקס וואס מען דארף איהם שעכטען. אונ ער איז גיפאלען. זאל מען געשווינט שארפען דעם מעסער אונ מען זאל איהם שעכטען. איידער ער הייבט זיך אויף. ווארום דער נאך וועט שווער זיין מען זאל איהם אומווארפען. אזוי וויא ביי דיא אשה ווייל זיא איז אין אסכנה ביי דעם קינד געבארין. איז גרינג אז דורך די עבירות זאל זיא שטארבען. אביי זאגט דיא וועלט זאגט זאל דיא דינסט מערין זינד. זאל זיא זינדיגען וויא פיל זיא וויל. מיט איין שטעקין נאר איין קלאפ) וועט מען איר שלאגין אויף אלע זינד. אזוי ביי דיא אשה ווייל מען שלאגט איר שוין מיט יסורים ביי דעם קינד האבען. גיט מען איר נאך אקלאפ (שטארקערע יסורים) אויף דיא עבירות אויך. אונ דורך דיא שטארקערע יסורים שטארבט זיא. רב חסדא זאגט אז אשכור גייט אין גאס דארף מען איהם ניט אומווארפען. נאר מען זאל איהם לאזין גיין. אונ ער וועט שוין אליין פאלען. אזוי די אשה וואס איז מעוברת אונ זיא גייט ארום מיט עבירות. דארף מען איר ניט אומווארפען זיא זאל קראנק ווערין אונ שטארבען. זיא וועט אליין אומפאלען ביי דעם קינד געבארין. אונ גאט וועט איר גאר ניט העלפען. וועט זיא שוין שטארבען. מר עוקבא זאגט אויב דער פאסטוך איז לאם (הינקעדיג). אונ דיא ציגען לויפען. דער פאסטוך קען זייא ניט חאפען ער זאל זייא שלאגען אויף זייערע זינד. אז דיא ציגען קומען ביי די טיר פון שטאל. דארט רעט דער פאסטוך מיט זייא אונ ער שלאגט זייא אויף זייערע זינד. אז דיא ציגען קומען ביי די טיר פון שטאל. דארט האט דער פאסטוך ארעכענונג מיט זיי אויף זייערע זינד. אזוי ביי די אשה ווען זיא איז געזונד האט ניט קיין כח דער מקטרג צוא דער מאנען אירע עבירות מען זאל זיא קראנק מאכען זיא זאל שטארבען. אבער אז זיא דארף געבאהרין דאס קינד. ווייל זיא איז שוין אין אסכנה. אונ זיא דארף מען זאל איר טאהן אנס. דא טרעפט שוין דער מקטרג צו זאגען אירע עבירות. אז זיא איז ניט ווערט מען זאל איהר טאהן אנס. אונ אז מען טוהט איהר ניט קיין נס שטארבט זיא. רב פפא זאגט ביי אקראם וואס מען טיילט דארטען שפייז (דאס מיינט מען בייא אדייכען מענטשן) זענען דא פיל ברידער אונ פיל גוטע פריינד. וואו עס איז ארעם (ביי דעם ארעמאן) איז ניטא קיין ברידער אונ ניט קיין גוטע פריינד. אזוי ביי די אשה ווען זיא איז געזונד. האט זיא פיל מלאכים גוטע פריינד וואס זיי זוכען פאר איר אזכות זי זאל נאך לעבין. אונ אז זי קומט צו געבארין אקינד וואס זיא איז אין אסכנה,

לקיש בשעה שעוברים על הגשר גשר ותו לא איכא בעין גשר. רב לא עבר במברא דאית ביה עובד כוכבים אמר דילמא מיפקד ליה דינא עליה ומתפיסנא בהדיה שמואל לא עבר אלא במברא דאית ביה עובד כוכבים אמר שטנא בתרי אומי לא שליט רבי ינאי בדיק ועבר רבי ינאי לטעמיה דאמר לעולם אל יעמוד אדם במקום סכנה לומר שעושין לו נס שמא אין עושין לו נס ואם עושין לו נס מנכין לו מזכיותיו אמר רבי חנין מ"ק (בראשית לב) קטנתי מכל החסדים ומכל האמת אשר עשית את עבדך רבי זירא ביומא דשותא לא נפיק לביני דיקלי. ת"ר על שלש עבירות נשים מתות יולדות ר"א אומר נשים מתות ילדות. רבי אחא אומר בעון שמכבסות צואת בניהן בשבת. וי"א על שקורין לארון הקדש ארנא. תניא רבי ישמעאל בן אלעזר אומר בעון שני דברים עמי הארץ מתים על שקורין לארון הקודש ארנא ועל שקורין לבה"ה בית עם. תניא רבי יוסי אומר שלשה בדקי מיתה נבראו באשה ואמרי לה

שלשה

היכא מהדרי. מפשפשים אחריהם להזכיר עונם וזכותם: בעין גשר. כל מקום סכנה כגון. קיר נטוי ויוצא לדרך: דילמא מיפקיד. נוכרי כוכבים דינא על חטאיו ומתפיסנא בהדיה: (אמר הכותב כתוי לפרש שהטא בבנא קייב אחת מז' מצות בני נח שנצטוו עליהם ע"כ): מברא. ספינה שעוברין בה את הנהר: בדיק. הספינה שלא יהא בה נקב: מנכין. פוחתין: קטנתי. הוקטנו ונתמעטו זכיותי בשביל החסדים אשר עשית וגו': יומא דשותא. בתקופת בן הרוח דרומית חזקה המפלת חומות ומעקרת האילנות: לביני דיקלי. שלא יפיל הרוח דקל עליו: יולדות. בשעת לידתן: בשם עבירה. הנך דמתניתין: ילדות. בחורות ואפילו שלא בשעת לידה: רבי אחא אומר. הילדות מתות על עון שמכבסות: ארנא. כך היו קורין מגדלות בלשון: בית עם. לשון ביזוי שמתקבצין בו הכל: בדק. עומות שבודקין אותן כבן בשעת סכנה כרבק

איז שוין ניטא קיין גוטער פריינד וואס זאל זוכען פאר איר א זכות. קען זיא שטארבען. אונ ווען זוכט מען די עבירות פון דיא מאנען (זכרים). האט ריש לקיש געזאגט ווען זייא גייען אויף אבריק. פרעגט דיא גמרא נאר ביי אבריק זוכט מען זייערע עבירות. אונ ביי קיין אנדער ארט ניט. ענפערט די גמרא מען מיינט אויף אלע ערטער וואו עס איז א סכנה אזוי וויא אויף אבריק. דארט זוכט מען נאך זיינע עבירות. רב פלעגט זיך ניט שיפען אין אשיף וואס דארט איז דא אשטערין דינער. רב האט געזאגט טאמער ווערט מען גידיינקען זיינע עבירות אונ מען ווערט איהם משפטין ער זאל דער טרונקען ווערין קען איך אויך דער טרונקען ווערין דורך איהם. שמואל האט זיך אנדערש ניט געשיפט נאר אין אזוי אשיף ווס אין איר איז דא אשטערין דינער. ער האט געזאגט דער שטן געוועלטיגט ניט אויף צוויא אומות מיט איין מאהל. או רבי ינאי האט בדארפט גיין אין אשיף אויף אטייך. האט ער פריער ארום געזעהן דיא שיף אויב זיא איז גאנץ. רבי ינאי האט זיין טעם ביי דער זאך: ווארום רבי ינאי זאגט אמענטש זאל קיין מאהל ניט שטיין אויף א ארט ווס עס איז אסכנה. אונ ער זאל ניט זאגין מען ווערט איהם טאהן אנס. טאמער ווערט מען איהם ניט טאהן אנס. אונ אויב מען ווערט איהם טאהן אנס. ווערט מען אים אפ רעכענען פון דעם שכר ווס ער האט פאר זיינע מצות. האט רבי חנין געזאגט פון וועלכין פסוק ווייסען מיר דאס. ענפערט דיא גמרא ווייל מיר געפינען יעקב אבינו האט געזאגט פר גאט איך בין קליין געווארין פון מיין שכר דורך דיא חסדים וואס דוא האסט געטאהן מיט דיין קנעכט. אין דעם טאג וואס איז געווען אשטארקער שטורעם ווינד פון דרום זייט איז רבי זירא ניט גיגאנגען צווישען בוימער. טאמער ווערט דער ווינט אומווארפען אבוים אויף איהם. דיא רבנן האבען גילערונט אויף דריי עבירות שטארבען ווייבער ווען זייא גיבארין אקינד (אזוי וויא עס שטייט פריער). רבי אלעזר זאגט אויף די דריי עבירות שטארבען ווייבער ווען זייא זענען יונג. אפילו ניט ווען זייא גיבארין אקינד. רבי אחא זאגט ווייבער שטארבען יונג פאר א עבירה ווס זייא וואשען דיא צואה פון זייערע קינדער אום שבת. אונ אנדערע זאגין דריבער שטארבען די ווייבער יונג. ווייל זיי רופען דעם ארון קודש ארנא. מיר האבין גילערונט רבי ישמעאל בן אלעזר האט געזאגט פר צוויי עבירות שטארבען די עמי הארצים. ווייל זייא רופען דעם ארון קודש ארנא אונ ווייל זיי רופען די שוהל ווס מען דאווינט אין איר בית עם די שטיב ווס דיא פאלק (ווידען) הערין דארט פאר זאמלט. מיר האבען גילערונט דרייא

שלשה דבקי מיתה נדה חלה והדלקת הנר חדא כרבי אליעזר וחדא כרבנן :

כה אמר רב יצחק בריה דרב יהודה לעולם יבקש אדם רחמים שלא יחלה שאם יחלה אומרים לו הבא זכות והפטר. אמר מר עוקבא מאי קראה (דברים כב) כי יפיל הנופל ממנו. ממנו להביא ראיה. תני דבי רבי ישמעאל כי יפול הנופל ממנו ראוי זה ליפול מששת ימי בראשית שהרי לא נפל והכתוב קראו נופל אלא שמגלגלין זכות על ידי זכאי וחובה על ידי חייב. תנו רבנן מי שחלה ונטה למות אומרים לו התודה שכן כל המומתין מתודין אדם יוצא לשוק יהי דומה בעיניו כמי שנמסר לסרדיוט חש בראשו יהי דומה בעיניו כמי שנתנוהו בקולר עלה למטה ונפל יהי דומה בעיניו

פירוש

דאמרי יולדות : דבקי. שמדבקין ומקרבין מיתתה לפני זמנה כמאן דאמר דתני ילדות : ממנו להביא ראיה. מאחר שהוא נופל צריך למצוא ממנו ומתעשי' ראיה לזכות : מששת ימי בראשית דכתיב קורא הדורות מראש שמגלגל לפניו הדורות ומעשיהם וזמן פורענותם שהרי בבראשית הורה שעדיין לא נפל זה והכתוב קראו נופל: ע"י חייב. בעל הבית זה שלא קיים מצות מעקה: הומביה כעומדים שם: שכן דרך כל המומתים מתודין. כדתנן בסנהדרין שכל המתודין יש להן חלק לעוה"ב שכן מצינו בעכן שאמר לו יהושע וכו' בפרק נגמר הדין : לשוק. מצויין שם בעלי מריבה ובעלי דין עובדי כוכבים וישראלים : כמי שנמסר לסרדיוט. להוליכו לפני השופט : חש בראשו. שהוא בעלמא מיחוש קל : שנתנוהו בקולר. הוי יותר ממי שנמסר לסרדיוט וגרוע מעולה לגרדום שאין דנין שם אלא להריגה ועל כרחך תמור וצריך לשר קליטין גדולים: עלה למטה. שחלה הרבה שצריך

זאכען איז דא ביי אַ אשה. אויב די אשה איז זיי ניט מקיים. אַז זיא קומט צו אַ סכנה. ווען זיא דארף געבאָרין אַ קינד. ווערין דיא עבירות נאך געזוכט זיא זאל דורך זיי שטארבען. אונ אנדערע זאגין די דריי עבירות בהעפטין זיך אָן דיא אשה זי זאל שטארבען יונג. די דריי עבירות ווענען נדה חלה והדלקת הנר איינער זאגט אַזוי וויא רבי אליעזר אַז פאר דיא דריא עבירות שטארבען וייבער יונג ודאס איז דבקי מיתה. אונ איינער זאגט אַזוי וויא דיא רבנן אַז פאר דיא דרייא עבירות שטארבען ווייבער ווען זייא געבאָרין אַ קינד ודאס איז דבקי מיתה :

כה רב יצחק בריה דרב יהודה האט געזאגט אַ מענטש דארף אייביג מתפלל זיין ער זאל ניט קראנק ווערין ווארום אַז ער וועט קראנק ווערין זאגט מען צוא איהם ברענג דיינע מצות אונ מעשים טובים וואס דו האסט געטאהן וועסטו געזונד ווערין. מר עוקבא האט געזאגט פון וועלכין פסוק ווייסען מיר דאס. עס שטייט אין פסוק כי יפול הנופל אַז איינער וועט פאלען אין אַ קראנקייט. דארף מען פון איהם האבען אַ בעווייזונג אַז ער האט געטאהן מצות אונ מעשים טובים וועט ער געזונד ווערין. דבי רבי ישמעאל האבען געלערנט עס שטייט אין פסוק כי יפול הנופל ממנו ווארום עס וועט פאלען דער געפאלענער פון איהם (פון דאך) . דער מענטש איז אָן געברייט געוועזען ער זאל אראפ פאלען פון דאך. נאך איידער דיא וועלט איז בשאפען געווארין. ווארום ווען די תורה איז געגעבין געווארין איז דאך דער מענטש נאך ניט געפאלען אונ די תורה זאגט דער געפאלענער. איז דאך דיא קשיא אויב דער מענטש האט געדארפט פאלען. פאר וואס זאל דער בעל הבית פון דאך געשטראפט ווערין. נאר דורך אַ פרומען מענטש ווערט געטאהן אַגוטע זאך. אונ דורך אַשלעכטין מענטש ווערט געטאהן אַשלעכטע זאך. אונ ווייל דער בעל הבית האט ניט געוואלט טאהן די מצוה צו מאכען אַ וואנט אויף זיין דאך. דריבער איז דער מענטש אַראפ געפאלען פון זיין דאך :

תנו רבנן. די רבנן האבען געלערנט ווען איינער איז קראנק אונ מען זעהט אַז ער חלעט שטארבען. זאגט מען צו איהם ער זאל זאגען ווידוי. ווארום אפילו דיא מענטשין וואס ווערין געהרגעט פון בית דין פאר זייערע עבירות. זאגען אויך ווידוי פאר זייער טויט. אונ זייא האבען עולם הבא. אַז אַ מענטש גייט ארויס אין גאס זאל ביי איהם גלייך זיין וויא מען האלט איהם געפירט צום משפט. ווארום אַ מענטש ווייס ניט וואס עס קען איהם טרעפען אין גאס. אַז אַ מענטשין טוהט וויי דער קאפ זאל ביי איהם גלייך זיין ווי מען האלט איהם געבונדען מיט קייטען. אַז איינער ווערט קראנק אונ מוז ליגען אויף דעם בעט. זאל ביי איהם גלייך

בעיניו כמי שהעלוהו לגרדום לידון שכל העולה לגרדום לידון אם יש לו פרקליטין גדולים נצול ואם לאו אינו נצול . ואלו הן פרקליטין של אדם תשובה ומע"ט ואפי' תתקצ"ט מלמדים עליו חובה וא' מלמד עליו זכות נצול שנאמר (איוב לג) אם יש עליו מלאך מליץ אחד מני אלף להגיד לאדם ישרו ויחננו ויאמר פדעהו מרדת שחת וגו' . רבי אליעזר בנו של רבי יוסי הגלילי אומר אפילו תשע מאות ותשעים ותשעה באותו מלאך לחובה ואחד לזכות נצול שנא' אחד מני אלף :

כו תניא רבן שמעון בן גמליאל אומר הלכות הקדש תרומות ומעשרות הן הן גופי תורה ונמסרו לעמי הארץ . תניא רבי נתן אומר בעון נדרים מתה אשתו של אדם שנאמר (משלי כב) אם אין לך לשלם למה יקח משכבך מתחתיך . רבי אומר בעון נדרים בנים מתים כשהן קטנים שנאמר (קהלת ה) אל תתן את פיך להחטיא את בשרך וגו' למה יקצוף האלהים על קולך וחבל

לטלוה וליפול למשכב : ואלו הן פרקליטין . שום רצוי לב"ד כל מעלה התשובה ומעשים טובים : בהיות מלאך . במליץ עליו זכות והוא אחד מני אלף אפילו הוא עצמו מעיד עליו חובה ניצול באחד כל זכות : שנאמר מליץ אחד מני אלף . במליצתו של מלאך אין אלא אחד מני אלף להגיד ישרו ומשמע נמי שהמלאך המליץ הוא אחד מני אלף דהא מלאך כתיב מכלל דהשאר מגידים עליו חובה מדלא כתיב אם יש עליו מליץ מלאך אחד מני אלף איכא למידרש יש רמלאך והמליצה :

ונמסרו לעמי הארץ. שלא נמסרו לב"ד למנות שומרים לדבר והאמינה תורה את כל אדם עליהן :

והן הן גופי תורה . , שחברים אוכלין מהן וסומכין שנטלו ממנו חלה ותרומה ומעשרות והקדש נמי מסור לכל אדם להקדיש ואל הקדש ע"פ כל אדם והן גופי תורה שהיינו צריכים לחוש במטלטלין שמא הקדישו וחזר בו ואע"ג דתיקון רבנן דמהי מ"מ תורה האמינתו : אם אין לך לשלם . עולה והקדשות שהדור : משכבך . אשתך : אל תתן את פיך . בנדרי לחטיא את בשרך . לחייב את בניך : לפני המלאך. גזבר של הקדש : כי שגגה . כשוגג קטנתי לגדור

זיין וויא מען וואלט איהם געפירט צום משפט מען זאל איהם הרגנן . ווארום דער מענטש וואס מען פירט איהם צום משפט מען זאל איהם הרגנן : אויב ער האט גרויסע מליצים ווערט ער פריי פון טויט . אונ אויב ער האט ניט קיין גרויסע מליצים ווערט ער ניט פריי פון טויט . דאס זענען די מליצים פון מענטשין זייא זאגען איהם גיזונד מאכען פון זיין קרענק . תשובה אונ מעשים טובים . אונ אפילו ניין הונדערט ניין אונ ניינציג מלאכים זאגען זיינע עבירות אז ער דארף שטארבען . אונ איין מלאך זאגט זיינע מצות אז ער דארף לעבין . בלייבט ער לעבין : אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אויב עס איז דא א מלאך אפילו ער איז איינער פון טויזענד אונ ער זאגט דיא מצות פון דעם מענטש . אונ ער בעט מען זאל דעם מענטש אויס לייזען פון טויט . בלייבט דער מענטש לעבין . רבי אליעזר בנו של רבי יוסי הגלילי זאגט אפילו דער איין מלאך זאגט אויך אויף דעם מענטש ניין הונדערט ניין אונ ניינציג עבירות אונ איין מצוה . פון דעסטוועגין בלייבט ער לעבין . ווארום עס שטייט אין פסוק איינער פון טויזענד . מיינט מען איין מלאך פון טויזענד מלאכים זאגט גוטעס אויף דעם מענטש . אונ דיא ניין הונדערט ניין אונ ניינציג זאגען אויף איהם שלעכטס . אונ דער איין מלאך וואס זאגט אויף איהם גוטעס . זאגט אויך אויף איהם ניין הונדערט ניין אונ ניינציג מאהל שלעכט אונ איין מאהל גוטס :

כו מיר האבען גילערנט רבן שמעון בן גמליאל זאגט די דינים פון די זאכען וואס מען היילינט צום בית המקדש . אונ דיא דינים פון תרומה אונ פון מעשר דיא דינים שטייען אין די תורה אונ מען האט אויף זיי גיגלויבט אלע מענטשין אפילו דיא וואס קענען ניט לערנען אויך : מיר האבען גילערנט רבי נתן זאגט אז איינער טוהט א נדר אונ איז איהם ניט מקיים . שטארבט ביי איהם זיין ווייב . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אויב דוא האסט ניט צו בצאהלען דעם נדר . פאר וואס האסטו א נדר גיטאהן מען זאל דארפען צו נעמען דיין גילעגער (דיין ווייב) פון אונטער דיר . רבי זאגט אז איינער איז ניט מקיים זיין נדר . שטארבען זיינע קליינע קינדער . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דוא זאלסט ניט געבין דיין מויל וצו ריידען א נדר דורך דעם זאלסטו מאכען פעלין דיינע קינדער וואס זיי זענען דיין פלייש . פר וואס זאל גאט זיין אין בעס אויף דיין קול (וואס דו האסט גירעט דעם נדר אונ האסט איהם ניט מקיים גיוועזן) . אונ ער וועט פאר דארבען די מעשים פון דיינע הענט וואס דו האסט בשאפען אויף דער וועלט :

ולא אבלם: על קולך. ... קרי נדריך: לשוא הכיתי. בתמיה וכי בחנם הכיתים אינו אלא בשביל שמוסר דכיים תוכה: לא לקחו. לא נמנו לשון לקח: על עסקי שוא. שפקרו בנדריהם דדמי לשבועה: יהא בעון נדרים. אמר בברייתא קמייתא ומשני הכיא קמייתא בתר הך איתמר דמעיקרא אמר בעון בטול תורה ובתר דשמע מר"א דשמע מרבי שמעון אבוה דהוה רביה דרבי בעון נדרים אמר איהו נמי הכי: מקרא נדרש. למען ירבו ימיכם וימי בניכם נדרש לפניו קאי אקרא דלקמיה דמכתבי במזוזה: ולא לפני פניו. ולמדתם אותם את בניכם: ולפני פניו. ואף בעון ביטול

וחבל את מעשה ידיך אי זה הן מעשה ידיו של אדם הוי אומר בניו ובנותיו של אדם:

תנו רבנן בעון נדרים בנים מתים דברי רבי אליעזר בר"ש רבי יהודה הנשיא אומר בעון ביטול תורה מאי קראה דכתיב (ירמיה ב) לשוא הכיתי את בניכם מוסר לא לקחו רב נחמן בר יצחק אמר למאן דאמר בעון נדרים נמי מהכא לשוא הכיתי את בניכם על עסקי שוא. סברי רבי יהודה הנשיא היינו רבי ורבי בעון נדרים קאמר בתר דשמעה כרבי אליעזר ברבי שמעון. פליגי בה רבי חייא בר אבא ורבי יוסי חד אמר בעון מזוזה וחד אמר בעון ביטול תורה למאן דאמר בעון מזוזה מקרא נדרש לפניו ולא לפני פניו ולמאן דאמר בעון ביטול תורה מקרא נדרש לפניו ולפני פניו. פליגי בה רבי יהודה ורבי מאיר חד אמר בעון מזוזה והד

דאס זענען די זיהן אונ די טעכטער פון מענטש:

תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערנט פאר די עבירה וואס מען איז ניט מקיים א נדר שטארבען די קינדער. אזוי זאגט רבי אליעזר ברבי שמעון. רבי יהודה הנשיא זאגט פאר דיא עבירה וואס מען לערנט ניט די תורה שטארבען די קינדער. פרעגט די גמרא דער וואס זאגט אז פאר די זינד פון נדרים שטארבען קינדער. ווייס ער פון דעם פסוק פון קהלת. וויא עס שטייט פריער. נאר דער וואס זאגט אז פאר די עבירה פון ניט לערנען תורה שטארבען דיא קינדער. פון וועלכען פסוק ווייס ער דאס. ווארום עס שטייט אין פסוק. האב איך דען אומזיסט גישלאגען אייערע קינדער. ווייל די פאטערס האבען ניט גילערנט תורה. דריבער האב איך גישלאגען זייערע קינדער. רב נחמן בר יצחק זאגט דער וואס זאגט אז פאר די זינד פון נדרים שטארבען די קינדער. לערנט ער אויך אפ פון דעם פסוק פון וועגין פאלשקייט. ווייל זיי האבען ניט מקיים גיוועזן זייערע נדרים. דריבער האב איך גישלאגען זייערע קינדער. פרעגט דיא גמרא רבי יהודה הנשיא איז דאך רבי: אונ רבי זאגט אין יענע ברייתא אז קינדער שטארבען פאר נדרים. אונ אין די ברייתא זאגט ער אז קינדער שטארבען פאר תורה: ענטפערט די גמרא פריער האט רבי גזאגט אז קינדער שטארבען פאר תורה דער נאך וויא רבי האט גיהערט פון רבי אליעזר אז ער זאגט קינדער שטארבען וועגין נדרים. האט ער חרטה גיהאט פון זיינע רייד אונ ער זאגט אויך אז קינדער שטארבען וועגין נדרים. אונ די ברייתא פון רבי נתן איז גילערנט גיווארין שפעטער וויא די ברייתא פון רבי אליעזר ברבי שמעון. אין די זאך קריגען רבי חייא בר אבא אונ רבי יוסי. איינער זאגט ווייל מען מאכט ניט א מזוזה שטארבען דיא קינדער. אונ איינער זאגט די קינדער שטארבען פאר די עבירה וואס מען לערנט ניט תורה: דער וואס זאגט אז קינדער שטארבען ווייל מען מאכט ניט א מזוזה. האלט ער. דער פסוק למען ירבו ימיכם וימי בניכם ווערט גידרשת אויף די זאך וואס שטייט פריער ווס איז אויף מזוזה: אויב איר וועט מאכען א מזוזה וועלין אייערע קינדער לאנג לעבין: אבער אז איר וועט ניט מאכען א מזוזה וועלין דיא קינדער ניט לאנג לעבין. אונ דער פסוק למען ירבו ווערט ניט גידרשת אויף דעם פסוק וואס שטייט נאך פריער (וואס איז אויף תורה לערנען). אונ דער וואס זאגט אז קינדער שטארבען ווייל מען לערנט ניט די תורה. האלט ער דער פסוק למען ירבו ווערט גידרשת אויף דיא זאך וואס שטייט פריער (וואס איז מזוזה). אונ אויף די זאך וואס שטייט נאך פריער (וואס איז אויף תורה לערנען). אויב איר וועט מאכען א מזוזה אונ לערנען תורה וועלין דיא קינדער לאנג לעבין, אונ אויב איר וועט ניט מאכען א מזוזה. אדער איר וועט ניט לערנען תורה, וועלין דיא קינדער ניט לאנג לעבין. אין די זאך קריגען רבי יהודה אונ רבי מאיר. איינער זאגט די קינדער

וחד אמר בעון ציצית בשלמא למאן דאמר בעון מזוזה דכתיב (דברים יא) וכתבתם על מזוזות ביתך וכתיב בתריה (שם) למען ירבו ימיכם וימי בניכם אלא למ"ד בעון ציצית מאי טעמא א"ר כהנא (ואיתימא שילא מרי) דכתיב (ירמיה ב) גם בכנפיך נמצאו דם נפשות אביונים נקיים לא במחתרת מצאתים רב נחמן בר יצחק אמר למ"ד בעון מזוזה נמי מהכא שעשו פתחים במחתרת: אמר ריש לקיש כל הזהיר בציצית זוכה ומשמשין לו ב' אלפים ות"ת עבדים שנאמר (זכריה ח) כה אמר ה' (צבאות) בימים ההמה אשר יחזיקו עשרה אנשים מכל לשונות הגוים (והחזיקו) בכנף איש יהודי לאמר נלכה עמכם וגו' תניא רבי נחמיה אומר בעון שנאת חנם מריבה רבה בתוך ביתו של אדם ואשתו מפלת נפלים ובניו ובנותיו של אדם מתים כשהם קטנים. ר"א (אלעזר בר יהודה) אומר בעון חלה אין ברכה בכנוס ומארה משתלחת בשערים וזורעין זרעים ואחרים אוכלין שנא' (ויקרא כו) אף אני אעשה זאת

תורה קאמר: גם בכנפיך. בשביל כנפין שבטלו מצותם נמצא עליך חובת דם נפשות: אביונים נקיים. בנים קטנים שלא חטאו: במחתרת חיפוש לא פשפשתי וה"ק קרא לא במחתרת פשפשתיה מצאתים שלמים נמצאתי כי על כל אלה בניהם זכא ק"ה כי לשוא הכיתי את בניכם כתיב: בכנף איש יהודי. בשכר שכנף יחזיקו בכנף ציצית. מכל לשון הרי שבע אומות לשבעים לשון ולד' כנפות יש לו הרי אלפים ושמונה מאות: שנאת חנם. שלא ראה בו דבר עבירה שיהא מותר לשנאותו ושנאו: מריבה רבה. מדה כנגד מדה: ובניו קטנים מתים. השכחו ניטלת ממנו היינו כמי נמדה: במכונס. באוצרות יין ושמן ומתוך כך באים

שטארבען ווייל מען מאכט ניט א מזוזה אונ איינער זאגט די קינדער שטארבען ווייל מען גייט ניט מיט ציצית. פרעגט די גמרא דם איז רעכט דער וואס זאגט אז די קינדער שטארבען ווייל מען מאכט ניט א מזוזה. לערונט ער פון דעם פסוק. ווארום עס שטייט אין פסוק איר זאלט שרייבען מזוזות אויף די טירען פון דיין שטוב. דער נאך שטייט פון וועגין עס זאל גימערט ווערין אייערע טעג אונ די טעג פון אייערע קינדער. ווייסען מיר אבער אז מען מאכט ניט א מזוזה שטארבען די קינדער. נאר דער וואס זאגט אז דיא קינדער שטארבען ווייל מען גייט ניט מיט ציצית. אונ פון וואנען ווייס ער אז עס איז אזוי. האט רב כהנא גזאגט ווארום עס שטייט אין פסוק וועגין דיינע העקין קליידער וואס דו האסט ניט גימאכט אין זייא ציצית. איז גיפונען גיווארין די בלוט פון די קליינע קינדער וואס זענען גישטארבען ארעם פון מצות אונ ריין פון עבירות. איך האב ניט גיפונען דיא קינדער בעהאלטען אין קעלערס. נאר זייא זענען גיוועזען טייערע קינדער ביי זייערע פאטערס. רב נחמן בר יצחק זאגט דער וואס זאגט אז קינדער שטארבע ווייל מען מאכט ניט א מזוזה. לערונט ער אויך אפ פון דעם פסוק ווייל זיי האבען גימאכט די טירען אין קעלערס זיי זאלען ניט דארפין מאכען קיין מזוזה. דריבער זענען גישטארבען זייערע קינדער. ריש לקיש האט גזאגט דער וואס איז נעהיט צו גיין מיט כשרה ציצית וועט ער זוכה זיין עס זאלען איהם בדינען צוויי טויזענד מיט אכט הונדערט קנעכט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אזוי האט גאט גזאגט. אין די טעג ווען משיח וועט קימען. וועלין אן נעמען צעהן מענטשין פון יעדער אומה דעם עק קלייד פון איוד. אונ זייא וועלין זאגין צו איהם מיר וועלין גיין מיט אייך אונ מיר וועלין אייך בדינען: אונ עס זענען דא זיבעציג אומות. צעהן מאהל זיבעציג. איז זיבען הונדערט. אונ עס איז דא פיר עקין צו פיר ציצית. פיר מאהל זיבען הונדערט. איז צוויי טויזענד מיט אכט הונדערט:

מיר האבען גילערונט רבי נחמיה זאגט פר די עבירה וואס ער האט פיינט מענטשין אומזיסט איז פיל קריג ביי איהם אין שטוב. אונ זיין ווייב איז מפיל אירע קינדער. אונ זיינע זיהן אונ זיינע טעכטער שטארבען ווען זייא זענען קליין. רבי אליעזר בר יהודה זאגט פר די עבירה וואס מען נעמט ניט חלה פון טייג איז ניטא קיין ברכה אין די שפייכלערס תבואה. אונ אויף דעם מארק וואו מען פר קויפט די תבואה איז אקללה. ווייל מען פר קויפט טייער. אז מען פאר זייט אין פעלד. אונ די תבואה וואקסט אויף. קומען פרעמדע אונ עסין דיא תבואה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט זאגט אונ איך וועל אייך דם טאה. וה קרתי עליכם בהלה איך וועל אייך

מאחר שמונעין נויקר : בהלה . בטון תלא : והפקדתי . כמו ולא נפקד ממנו איש אמטט את זה שעליכם בכניסתם ככר : השמים נעצרים . ומתוך שאין גשמים היוקר הוה : והשכר אבד . שכר ריוח : ציה גם חום . ציה כמו נווי דברים שאויהי אתכם בשעת החום היינו תרומות ומעשרות : דאכלן ולא עבדן . ונמצאת הגזולה את בעליהן ועוד יסוף שמלומדות במאכל ובמשתה גורמות לבעלים לגזול : וכתיב . בההוא פרשה בנבואת עמוס הכיתי

זאת לכם והפקדתי עליכם בהלה את השחפת ואת הקדחת מכלות עינים ומדיבות נפש וזרעתם לריק זרעכם ואכלוהו אויביכם אל תקרי בהלה אלא בחלה וא׳ נותנין מתברכין שנאמר (יחזקאל מד) ראשית עריסותיכם תתנו לכהן להניח ברכה אל ביתך . בעון ביטול הרומות ומעשרות שמים נעצרים מלהוריד טל ומטר והיוקר הווה והשכר אבד ובני אדם רצין אחר פרנסתן ואין מגיעים שנאמר (איוב כד) ציה גם חום יגזלו מימי שלג שאול חטאו . מאי משמע תנא דבי רבי ישמעאל בשביל דברים שצויתי אתכם בימות החמה ולא עשיתם יגזלו מכם מימי שלג בימות הגשמים . ואם נותנין מתברכין שנאמר (מלאכי ג) הביאו את כל המעשר אל בית האוצר ויהי טרף בביתי ובחנוני נא בזאת אמר ה׳ צבאות אם לא אפתח לכם את ארובות השמים והריקותי לכם ברכה עד בלי די מאי עד בלי די אמר רמי בר רב (רבא בר חמא) אמר רב עד שיבלו שפתותיכם מלומר די . בעון גזל הגובאי עולה והרעב הווה ובני אדם אוכלין בשר בניהם שנאמר (עמוס ד) שמעו הדבר הזה פרות הבשן אשר בהרי שומרון העושקות דלים הרוצצות אביונים אמר רבא כגון הני נשי דמחוזא (דף לג) דאכלן ולא עבדן וכתיב הכיתי אתכם בשדפון

מאכען פעלין וואס איר האט איין געזאמלט . אונ איר וועט געשוואלען ווערין . אונ איר וועט האבען אהיין קראנקייט . עס וועט פר לענדין אייערע אויגען . אונ איר וועט האבען שמערצין . אונ איר וועט פאר זייען אומזיסט . ווארום ווס עס וועט אויף וואקסען וועלין אייערע פיינד אויף עסין . זאלסט ניט לייענען בהלה . נאר בחלה . דער שטראף וועט אויף אייך קומען ווייל איר נעמט ניט חלה פון אייער טייג . אונ אויב מען גיט חלה פון טייג . ווערט מען געבענשט . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דיא ערשטע פון אייערע טייג זאלט איר געבין צום כהן וועט רוהען דיא ברכה אין דיין שטוב . פאר דיא עבירה וואס מען גיט ניט תרומה מיט מעשר ווערין די הימעל אויף געהאלטען אונ געבען ניט טאוי אונ רעגין . אונ תבואה ווערט טייער . אונ דיא פאר דינסט ווערט פאר לארין . מענטשין פאר דינען ניט . אונ מענטשין לויפען נאך פרנסה . אונ בעקומען ניט ; אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ציה גם חום יגזלו מימי שלג שאול חטאו . פרעגט די גמרא וואס ווייסען מיר פון דעם פסוק . דיא תלמידים פון רבי ישמעאל האבען געלערנט . אזוי מיינט דער פסוק ציה גם חום ווס איך האב געבאטען זומער וועגין די זאכין ווס איך האב אייך געבאטען איר זאלט טאהן זומער . איר זאלט געבין תרומה אונ מעשר . אונ איר האט ניט געגעבין . וועט פון אייך אוועק גענומען ווערין דער רעגין אין די צייט ווען מען וועט דארפין דעם רעגין . אונ אויב מען גיט יא תרומה אונ מעשר ווערט מען געבענשט . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ברייננט אלע מעשרות אין דעם שפייכלער פון גאט . אין מיין שטוב זאל זיין שפייז פר די כהנים אונ לוים . גאט זאגט פרובט מיך מיט דיא זאך (מיט דעם מעשר) . וועט איר זעהן אויב איך וועל ניט עפענען פון אייערט וועגין דיא פענסטער פון הימעל . אונ איך וועל ארויף גיסען אויף אייך ברכות ביז בלי די ; פרעגט די גמרא וואס מיינט מען ביז בלי די . האט רמי בר רב גזאגט פון רבם וועגין ביז אייערע לעפצין וועלין מיד ווערין צו זאגען מיר האבען שוין גינוג ברכות . פאר די עבירה פון גזלה קומט אהיישעריק אונ עסט אויף דיא תבואה פון פעלד אונ עס ווערט אהונגער אונ מענטשין ווערין עסין די פלייש פון זייערע קינדער . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק הערט די זאך איר קיה פון בשן (די שטארקע מענטשין פון בשן) . ווס זענען אויף די בערג פון שומרון . ווס זיי גזלנען ארעמע לייט . אונ צו ברעכין זייא . רבא האט גזאגט דיא ווייבער פון מחוזא זייא עסין ביי זייערע מאנען אונ ארבעטין ניט . הייסען זיי אויך גזלנים . זיי גזלנען זייערע מאנען . אונ עס שטייט אין פסוק גאט זאגט עייל

בשדפון ובירקון (וגו׳) תאניכם וזיתיכם יאכל הגזם . (יואל א) יתר הגזם אכל הארבה ויתר הארבה אכל הילק ויתר הילק אכל החסיל . וכתיב (ישעיה ט) ויגזר על ימין ורעב ויאכל על שמאל ולא שבעו איש בשר זרועו יאכלו אל תקרי בשר זרועו אלא בשר זרעו . בעון עינוי הדין ועוות הדין וקלקול הדין וביטול תורה חרב וביזה רבה ודבר ובצורת בא ובני אדם אוכלין ואינן שבעים ואוכלין לחמם במשקל דכתיב (ויקרא כו) והבאתי עליכם חרב נוקמת נקם ברית וכתיב (שם) בשברי לכם מטה לחם ואפו עשר נשים וגו׳ . ואין ברית אלא תורה שנאמר (ירמיה לג) אם לא בריתי יומם ולילה וגו׳ . וכתיב (ויקרא כו) יען (וביען) במשפטי מאסו . בעון שבועות שוא ושבועות

אתכם בשדפון וסיפא דקרא כרמיכם וזיתיכם יאכל הגזם וכתיב ביואל יתר הגזם דמשמע שהגזם א׳ מן הנ׳ אלא תחילת מכה ואחריה באים ארבה והם ג׳ אומות גובאי עולה בעון גזל וכיון דתני גובאי עולים רעב הוה וכיון דרעב הוה כתיב בישעיה ויגזור על ימין ורעב וגומר וסיפיה דקרא איש בשר זרועו יאכלו : עינוי הדין. שמאחרין הדיינין לדונו ולא לשם שמים אלא לאחר שהוברר להם הדין מעכבין אותו : עוות הדין . שמעוותים אותו מזידין : קלקול הדין . שלא היו מתונים בדין לעיין כל צרכן ונתקלקל מאליו : חרב וביזה רבה דכתיב נקם ברית . ואין ברית אלא תורה דכתיב אם לא בריתי יומם ולילה חוקות שמים וארץ לא שמתי וכתיב והגית בו יומם ולילה וכתיב חרב ועל ידי חרב דהיינו מפולת גירוי מלחמה הביזה באה וכתיב ושלחתי דבר בתוככם הרי דבר וכתיב בשברי לכם מטה לחם הרי בצורת וכתיב בסוף כל הקללות יען וביען במשפטי מאסו הרי עינוי וקלקול ועוות בכלל : שבועת

איר גזלת . דריבער וועל איך אייך שלאגין · אז דיא תבואה אייערע וועט אוים גיקלאפט ווערין ג׳ יא קערנער ווערין ארויס פאלען פון די זאנגען · אונ זייא וועלין געל ווערין · אייערע פייגען אונ איילבירטען וועט אויף עסין דער היישעריק וואס הייסט גזם . אונ נאך שטייט אין פסוק ווס דער היישעריק גזם וועט ניט אויף עסין · וועט אויף עסין דער היישעריק וואס הייסט ארבה . אונ וואס דער היישעריק ארבה וועט ניט אויף עסין · וועט אויף עסין דער היישעריס ווס הייסט ילק · אונ וואס דער היישעריק ילק וועט ניט אויף עסין ׃ וועט אויף עסין דער היישעריק וואס הייסט חסיל · אונ עס שטייט אין פסוק ער וועט פאר שניידין דיא פיינט וואס זענען אויף זיין רעכטע זייט . אונ ער וועט זיין הונגעריג · אונ ער וועט עסין די פיינט וואס זענען אויף זיין לינקע זייט . אונ ער וועט ניט זאט ווערין · יעדער מענטש וועט עסין דיא פלייש פון זרועו · זאלסט ניט לייענען דיא פלייש פון זרועו . נאר דיא פלייש פון זרעו ׃ יעדער וועט עסין דיא פלייש פון זיינע קינדער · ווייל עס וועט זיין אגרויסער הונגער . פר די עבירה ווס גען פייניגט דעם דין · דס מיינט מען אויב צוויי מענטשין האבען אדין תורה . אונ די דיינים ווייסען שוין דעם דין וועד עס איז גירעכט . אונ זייא וויקען ניט זאגין . אונ אויב דיא דיינים ווייסען דעם דין אונ זייא פסקען פאלש . אונ אויב דיא דיינים האבען ניט גיוואלט קלערין דעם דין . האבען זיי ניט גיוואוסט וויא דער דין איז . אונ דורך דעם האבען זייא פאלש גיפסקת , אונ ווייל מען לערונט ניט תורה . אויף דיא אלע עבירות קומט אשווערד אונ פיל רויב אונ עס קומט אמגפה אונ אהונגער אונ מענטשין עסין אונ ווערין ניט זאט אונ זייא עסין זייער ברויט מיט דיא וואג . ווארום עס שטייט אין פסוק איך וועל אויף אייך ברייגגען אשווערד . וואס זיא וועט אייך שטראפין פאר וואס איר האלט ניט דעם ברית . אונ די פיינט וואס וועלין אויף אייך קומען מיט דיא שווערד . וועלין רויבין אייער פאר מעגין . אונ נאך שטייט אין פסוק ושלחתי דבר בתוככם איך וועל שיקען אמגפה ׃ אונ נאך שטייט אין פסוק איך וועל צו ברעכין אייערע שטיצונג פון ברויט . אונ צעהן ווייבער וועלין באקין זייער ברויט אין איין הויבין . אונ וועלין צו טיילען דיא ברויט מיט דיא וואג · אונ ברית מיינט מען דיא תורה . מען וועט אייך שטראפין פאר וואס איר לערונט ניט דיא תורה . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ווען ניט דיא תורה וואס מען לערונט טאג אונ נאכט . וואלט איך דיא וועלט ניט בשאפען · אונ עס שטייט אין פסוק ווייל איר האט פאר מיאוסט מיינע דינים . אונ איר האט ניט גיפסקת וויא דיא תורה הייסט · דריבער וועט אויף אייך קומען דער שטראף פון די קללות :

בעון · פאר דיא עבירה פון אומזיסטן שבועות . אונ פאלשע שבועות . אונ אז מען פא־

ושבועות שקר וחלול השם וחלול שבת חיה רעה רבה ובהמה כלה ובני אדם מתמעטין והדרכים משתוממין שנאמר (שם) ואם באלה לא תוסרו לי אל תקרי באלה אלא באלה וכתיב (שם) והשלחתי בכם את חית השדה וגו׳ . וכתיב בשבועת שקר (שם יט) ולא תשבעו בשמי לשקר וחללת את שם אלהיך ובחלול השם כתיב (שם כב) ולא תחללו את שם קדשי ובחלול שבת כתיב (שמות לא) מחלליה מות יומת ויליף חלול חלול משבועת שקר .

מא . כל המשנה את הדיבור נכון על אדם שאלה חבה : שבועת שקר . שאין בדבורו ניכר ומאמין שקר לבריות : והדרכים משתוממין . מאין עובר : אלא באלה . ויש במשמעה בין שוא בין שקר וכתיב בשבועת שקר וחללת ובשבת ובחילול השם כתיב חלול וגמרינן משבועה : חלול השם . אדם גדול שבני אדם למדין הימנו ואינו נזהר במעשיו ומגלה בקטנים מחללים התורה על ידו ואומרים זה מכין שאין ממש בתורה ובמצות ונמצא השם מתחלל ונפשו דבריו חולין : אין אני שוכן . תרגם כבים בתשמע שאין משכני בתוכם: כי את כל התועבות.

בעון שפיכות דמים בית המקדש חרב ושכינה מסתלקת מישראל שנאמר (במדבר לה) ולא תחניפו וגו׳ ולא תטמאו את הארץ אשר אתם יושבים בה אשר אני שוכן בתוכה הא אם אתם מטמאין אותה אינכם יושבים בה ואיני שוכן בתוכה . בעון גלוי עריות ועבודת כוכבים והשמטת שמיטין ויובלות גלות בא לעולם ומגלין אותם ובאין אחרים ויושבין במקומן שנאמר (ויקרא יח) כי את כל התועבות האל עשו אנשי הארץ וגו׳ . וכתיב ותטמא הארץ ואפקוד עונה עליה וגו׳ . וכתיב (שם) ולא תקיא הארץ

שעמט דעם נאמען פון גאט . און אז מען טוהט אמלאכה אום שבת קומען פיל שלעכטע חיות און דיא בהמות ווערין פאר לענדט און מענטשין ווערין ווייניג. ווארום דיא שלעכטע חיות הרגנן דיא בהמות מיט דיא מענטשין . און דיא וועגין ווערין וויסט . ווייל מענטשין האבען מורא צו גיין אין וועג דורך דיא שלעכטע חיות . ווארום עם שטייט אין פסוק ואם באלה לא תוסרו לי זאלסט ניט לייענען באלה. נאר באלה . אלה איז טייטש פאלשע שבועות. זאגט דער פסוק אויב איר וועט ניט נעמען אמוסר איר זאלט ניט שווערין פאלשע שבועות . שטייט אין פסוק איך וועל שיקען אויף אייך דיא חיות פון פעלד און ביי פאלשע שבועות שטייט איר זאלט ניט שווערין פאלש ביי מיין נאמען . ווארום דוא וועסט פאר שעמען דעם נאמען פון גאט . און ביי פאר שעמען דעם נאמען פון גאט שטייט אין פסוק איר זאלט ניט פאר שעמען מיין היילינגען נאמען . און אז מען פאר שעמט שבת (מען טוהט אמלאכה אום שבת) שטייט אין פסוק ווער עם וועט פאר שעמען שבת ווער וועט טאהן אמלאכה אום שבת) קומט איהם מיתה . לערנען מיר אפ דעם פאר שעמונג פון דעם נאמען פון גאט און דעם פאר שעמונג פון שבת . פון פאלשע שבועות . אזוי וויא אויף דיא עבירה פון פאלשע שבועות קומען חיות רעות אויף מענטשין און אויף בהמות . אזוי אויף דיא עבירה פון חלול השם און פון חלול שבת קומען אויך חיות רעות אויף מענטשין און אויף בהמות . פאר די עבירה וואס מען הרגנט אונשולדיגע מענטשין . איז דער בית המקדש חרוב געווארין און דיא שכינה איז אפ גיטאהן געווארין פון דיא יודין . אזוי וויא עם שטייט אין פסוק איר זאלט ניט פר גיסען קיין בלוט (איר זאלט ניט הרגנן קיין מענטש) . און איר זאלט ניט מטמא זיין דיא לאנד וואס איר זיצט אין איר . וואס איך רוה אין איר ; אבער אז איר וועט מטמא זיין דיא לאנד . (איר וועט הרגנן אומשולדיגע מענטשין) וועט איר ניט זיצען אין אייער לאנד און איך וועל ניט רוהען אין די לאנד :

בעון . פאר דיא עבירה פון זנות . און עבודה זרה . און ווייל מען האלט ניט די דינים פון שמטה און פון יובל קומט גלות אויף דיא יודין ; און מען פאר טרייבט זייא פון זייער לאנד און אנדערע אומות קומען און זיצען אין זייער לאנד . אזוי וויא עם שטייט אין פסוק די אלע מיאוסע זאכען האבען גיטאהן דיא מענטשין פון דיא לאנד . נאך אפסוק שטייט דיא לאנד איז טמא געווארין (פון דעם זנות) האב איך בפעלט אויף איר איר זינד . נאך אפסוק שטייט איר זאלט זעהן דיא לאנד זאל אייך אויך ניט אוים שפייען (ארוים טרייבין) אז איר וועט איר מטמא זיי זעהי מיר אז דורך דיא עבירה פון זנות ווערט מען פאר טריבען פון ארץ ישראל . ביי

הארץ אתכם בטמאכם אותה בעבודת כוכבים כתיב (שם כו) ונתתי את פגריכם וגו' וכתיב (שם) והשמותי את מקדשיכם וגו' ואתכם אזרה בגוים ובשמיטין וביובלות כתיב (שם) אז תרצה הארץ את שבתותיה כל ימי השמה ואתם בארץ אויביכם וגו' וכתיב כל ימי השמה תשבות:

כז בעון נבלות הפה צרות רבות וגזרות קשות מתחדשות ובחורי שונאי ישראל מתים ויתומים ואלמנות צועקים ואינם נענים שנאמר (ישעיה ט) על כן על בחוריו לא ישמח ה' ואת יתומיו ואת אלמנותיו לא ירחם כי כלו חנף ומרע וכל פה דובר נבלה בכל זאת לא שב אפו ועוד ידו נטויה מאי ועוד ידו נטויה אמר רב חנין בר רבא הכל יודעין כלה למה נכנסה לחופה אלא כל המנבל פיו אפי' חותמין עליו גזר דין של שבעים שנה לטובה הופכין עליו לרעה. אמר רבה בר שילא אמר רב חסדא כל המנבל [את] פיו מעמיקין לו גיהנם שנאמר (משלי כב) שוחה עמוקה פי זרות. רב נחמן בר יצחק אמר אף השומע ושותק שנאמר (שם) זעום ה' יפל שם. אמר רבי אושעיא כל המטרק את עצמו לעבירה חבורות ופצעים יוצאין בו שנא' (שם כ) חבורות פצע תמרוק

כש את עריות כתיב: ונתתי את פגריכם על פגרי גלוליכם. דהיינו עבודת כוכבים וכתיב בתריה ואתכם אזרה בגוים וכתיב ושממו עליה אויביכם היושבים בה הרי שהם גולין והאויבים יושבים במקומם: (שבתותיה. שמיטין: ואתם בארץ אויביכם. ולעיל מיניה כתיב ושממו עליה אויביכם):

לא ישמח. הרי צרות וגזרות: ואת יתומיו ואת אלמנותיו לא ירחם. הרי צועקין ואין נענין בעון מה כי כלו חנף ומרע וכל פה דובר נבלה: ועוד לשון ועד כל שנותיו של אדם שהן ע' שנה יד הדין נטויה עליו לבטל זכיותיו בעון זה: הכל יודעין כו'. ואין צריך לאדם לפרש למה נכנסה והמנבל פיו בכך אפילו וכו': שוחה עמוקה. מוכנת לפי זרות. למי שפיו זר: זעום ה' יפל שם. זעם של הקב"ה היא מוכן גם אצל פי זרות היושב אצלו ושומע קרוי זעמו של הקב"ה: המטרק עצמו. נוהג נבו לכך ממרק עצמו מאחר עסקיו להתעסק בעבירות: תמרוק ברע. הממרק ברע:

עבודה זרה שטייט איך וועל געבין אייערע טויטע קערפער אויף די טויטע בילדער וואס איר דינט צו זיי. און עס שטייט אין פסוק איך וועל וויסט מאכען אייער בית המקדש און אייך וועל איך פאר שפרייטען צווישען די פעלקער. ביי שמטה און ביי יובל שטייט דאמאלס וועט די ערד באוויליגען אירע שמטות אלע טאג וואס זיא וועט זיין וויסט און איר וועט זיין אין די לאנד פון אייערע פיינד און עס שטייט אין פסוק אלע טעג וואס די לאנד וועט זיין וויסט וועט זי רוהען שמטה און יובל:

כז בעון. פאר די עבירה וואס מען רעט מיאוסע רייד. קומען פיל צרות. און שלעכטע גזרות. און מענטשען שטארבען יונג. יתומים און אלמנות שרייען און מען ענטפערט זיי ניט. אזוי וויא ישעיה הנביא האט געזאגט. גאט וועט זיך ניט פרייען מיט די יונגע לייט. אויף די יתומים מיט די אלמנות וועט ער ניט רחמנות האבען. ווייל אלע זענען שמייכלער און שלעכטע. און אלע מייל רעדען מיאוסע רייד. פון דעסטוועגען איז נאך ניט געשטילט געווארין דער כעס פון גאט. און זיין האנט איז נאך גרייט ווייטער צו שטראפין. פרעגט די גמרא אויף וועלכע זאכען וועט גאט ווייטער שטראפין. האט רב חנין בר רבא געזאגט אלע ווייסען צו וואס א כלה גייט צו די חופה. נאר דער וואס פאר מיאוסט זיין מויל. און רעט מיאוסע רייד. אפילו עס איז געווען געחתמת אין הימעל אויף איהם צו גוטען אויף די גאנצע זיבעציג יאהר. פאר קערט מען דאס צו שלעכטין. רבה בר שילא האט געזאגט פון רב חסדאס וועגין. דער וואס פאר מיאוסט זיין מויל צו רעדין מיאוסע רייד. קומט ער אריין אין טיפען גיהנם. אזוי וויא שלמה המלך האט געזאגט דער וואס רעט פרעמדע רייד וועט ער קומען אין טיפען גיהנם. רב נחמן בר יצחק זאגט אפילו דער וואס הערט די מיאוסע רייד און שווייגט. קומט אויך אין גיהנם. אזוי וויא שלמה המלך האט געזאגט דער כעס פון גאט וועט רוהען דארט אויף דעם ארט וואו מען רעט מיאוסע רייד. רבי אושעיא זאגט דער מענטש וואס קערט זיך אפ פון אלע געשעפטין ער זאל טאהן עבירות. שטראפט איהם גאט מיט מכות און מיט קראנקייט. אזוי וויא שלמה המלך האט געזאגט וואונדין מיט מכות וועט קומען אויף דעם מענטש וואס קערט אפ פון זיינע געשעפטין ער זאל טאהן עבירות. און ער ווערט נאך געשטראפט מיט די

תסרוק ברע ולא עוד אלא שנדון בהדרוקן שנאמר (שם) ומכות חדרי בטן אמר ר"נ בר יצחק סימן לעבירה הדרוקן :

(ע"ב) **כח תנו** רבנן ג' מיני הדרוקן הן של עבירה עבה ושל רעב תפוח ושל כשפים דק שמואל הקטן חש ביה אמר רבונו של עולם מי מפיס איתסי אביי חש ביה אמר רבה (רבא) ידענא ביה בנחמני דמכפין נפשיה . רבא חש ביה והא רבא הוא דאמר נפישי קטילי קדר מנ פיחי כפן . שאני רבא דאנסי ליה רבנן בעידניה בעל כרחיה . תנו רבנן ד' סימנין הן . סימן לעבירה הדרוקן . סימן לשנאת חנם ירקון סימן לגסות הרוח עניות סימן ללשון הרע אסכרה . ת"ר אסכרה בא לעולם על המעשר (ע"ב) ר"א ברבי יוסי אומר על לה"ר אמר רבה (רבא) ואיתימא ריב"ל מאי קראה

הדרוקן. חולי הוא : של עבירה. הבאה בשביל עבירה : עבה. בשרו מתקשה ועב ונפוח בעיני : תפוח. סימו"ש שפה עורו על בשרו ומים בינתיים נראים [ונראה] כזכוכית : דק. בשרו דק וכחוש : מי מפיס. מי מטיל גורל להבחין ולהודיעו שאינו של עבירה שבשיו יאמרו עלי דעבדתי על דת ואין הכל יודעים הג' סימנים שאמרנו ופעמים שמשתנין : ידענא ביה. שמחמת רעב בא לו ואין צריך לחפדו : והא רבא דאמר. כלומר למה חש בו הא לא הרעיב את עצמו מדקאמר ידענא ביה בנחמני מכלל דהרעיב עצמו רע בעיניו ואי משום שהיה מעכב נקביו ואמרינן [בבכורות דף מד] נוחה רבה הדרוקן רבה שעל שהיית נקבים הוא בא : הא איהו אמר נפישי קטילי קדר. : כפן הרוגי נקבים ממוסי הדרוקן של רעב : קדר. גאון קדרה על שם שגוסף בקדרה : דאנסי ליה רבנן בעדניה. התלמידים הקובעים להם עת לפניו אונסים אותו להשהות נקביו : סימן לגסות הרוח עניות. בפרק כהן מקדש מפרש מאי עניות עניות דתורה : אסכרה. [חולי] המתחיל במעיים וגומר בגרון שקורין בינמל"ץ : על המעשר. האוכל פירותיו

קראנקייט וואס הייסט הדרוקן . דאס איז אזוי א קראנקייט אין בויך . רב נחמן בר יצחק זאגט אז איינער איז מזנה ווערט ער אויך גישטראפט מיט די קריינק הדרוקן :

כח תנו רבנן . דיא רבנן האבען גיזאגט דריי ערליי מינים הדרוקן איז דא . דיא קראנקייט הדרוקן וואס קומט פאר זנות . ווערט דאס פלייש פון לייב הארט אונ גראב אונ גישוואלין . אונ דיא קראנקייט הדרוקן וואס קומט פון הונגער . ווערט די הויט אויף גיבלאזין אונ אונטער דיא הויט איז וואסער . אונ דיא הויט זעהט אויס וויא גלאז : אונ דיא קראנקייט הדרוקן וואס קומט פון כישוף . ווערט דער מענטש דין אונ מאגער . שמואל הקטן איז קראנק גיווארין אויף דיא קריינק הדרוקן . האט ער גזאגט רבונו של עולם ווער וועט ווארפען גורל ער זאל וויסען פון וואס דיא קראנקייט איז צו מיר גיקומען . טאמער וועט מען זאגין איך האב גיטאהן א עבירה . ווייל ניט אלע מענטשין ווייסען דיא סימנים פון דיא קראנקייט וויא פריער שטייט) . איז שמואל הקטן גיזונד גיווארין . אביי איז קראנק גיווארין אויף הדרוקן האט רבא גזאגט איך ווייס אז דאס איז איהם גיקומען פון הונגער . רבא איז קראנק גיווארין אויף הדרוקן . פרעגט דיא גמרא פון וואס איז רבא קראנק גיווארין . פון הונגער קען ניט זיין . ווארום רבא אליין האט דאך גיזעהן אז אביי איז קראנק גיווארין פון הונגער . מען זאל זאגין ער איז קראנק גיווארין ווייל ער פלעגט ניט ארויס גיין צו דער צייט . קען אויך ניט זיין . ווארום רבא אליין זאגט דאך מען ווערט מער קראנק ווייל מען גייט ניט ארויס צוא דער צייט . וויא מען ווערט קראנק פון הונגער . געווים האט זיך דאך רבא גהיט פון ביידע זאכען . ענטפערט דיא גמרא רבא איז טאקי קראנק גיווארין ווייל ער איז ניט ארויס גיגאנגען צו דער צייט ווען ער האט גיברויכט ארויס צו גיין . ווארום דיא תלמידים זיינע פלעגין אים נייטין צום לערנען מיט זיי . פלעגט ער ניט קענען ארויס גיין צו דער צייט :

תנו רבנן . די רבנן האבען גילערנט פיר צייכונס זענען דא אויף פיר ערליי עבירות . אז איינער איז מזנה ווערט ער קראנק דיא קריינק וואס הייסט הדרוקן . אז איינער האט פיינט מענטשין אומזיסט . ווערט איהם געל זיין פנים אז איינער איז גרויס ביי זיך . ווערט ער ארעם פון דיא תורה . אז איינער רעט לשון הרע ווערט ער קראנק די קריינק וואס הייסט אסכרה . תנו רבנן . דיא רבנן האבען גילערנט אסכרה קומט אויף דיא מענטשין וואס עסין תבואה אונ פירות וואס מען האט ניט גיגעבין פון זייא מעשר . רבי אליעזר ברבי יוסי זאגט אסכרה קומט אויף דיא מענטשין וואס ריידין לשון הרע . רבה אדער רבי יהושע בן לוי זאגט פון

קראה (תהלים סג) והמלך ישמח באלהים יתהלל כל הנשבע בו כי יסכר פי דוברי שקר. איבעיא להו ר"א ברבי יוסי על לשון הרע קאמר או דילמא אף על לשון הרע נמי קאמר. ת"ש כשנכנסו רבותינו לכרם ביבנה היו שם רבי יהודה ור"א ברבי יוסי ור"ש נשאלה שאלה זו בפניהם מכה זו מפני מה מתחלת בבני מעים וגומרת בפה נענה רבי יהודה בר אלעאי ראש המדברים בכל מקום ואמר אף על פי שכליות יועצות ולב מבין ולשון מחתך פה גומר נענה ר"א ברבי יוסי ואמר מפני שאוכלין בה דברים טמאים. (דברים) טמאים ס"ד אלא שאוכלין בה דברים שאינן מתוקנים נענה רבי שמעון ואמר בעון ביטול תורה אמרו לו נשים יוכיחו שמבטלות את בעליהן עובדי כוכבים יוכיחו שמבטלין את ישראל תינוקות יוכיחו שמבטלים את אביהם. תינוקות של

בית

תהלים והוא במיתה בידי שמים וזהו מיתתו מתוך במדה שדרך גרונו נכנס במעיו: יסכר. אסכרה: לכרם. זה ב"ה שיושבין שורות שורות ככרם כך מפורש בירושלמי [בברכות]: מכה זו. אסכרה: ראש המדברים. במלות מלך (אדם) שמם עליו לדבר תחלה בכל מקום כדלקמן: פה גומר. לשון הרע והיא בלה על כך לפיכך מתחיל במעים ומסיים בפה שהלב מבין לספר לשון הרע ובודה הדברים מלבו: פה גומר. הקול יוצא מן הגרון: דברים טמאים ס"ד. ולי עונשן מיתה דבשלמא לשון הרע עונשו מיתה דכתיב מלשני בסתר רעהו אותו אצמית: מתוקנין. מעושרים שהטבל במיתה בידי שמים כדיליף באלו הן הנשרפים: בעון ביטול תורה. דעונש נמי מיתה כדאמרינן מקרא נדרש לפני פניו למען ירבו ימיכם הא אם לא תלמדו יתמעטו: נשים יוכיחו. שאינם מצווה על דברי תורה דכתיב ולמדתם אותם את בניכם ולא בנותיכם ומתות באסכרה אמר להם אף הן מבטלות את בעליהן: תינוקות. שאינם בני לימוד: אמר להם. אף הם בעון שמבטלים את אביהם לשוליכם לאמה וגו' ולפייסם בלמודים: של בית

וועלכין פסוק ווייזען מיר דאס. אין תהלים שטייט דער מלך וועט זיך פרייען מיט גאט. דער וואס העט שווערין ביא גאט וועט ווערין גילויבט. אונ דיא מויל וואס וועט ריידען פאלשקייט וועט פאר מאכט ווערין דורך אסכרה. האבען דיא תלמידים גיפרעגט וויא הט רבי אלעזר ברבי יוסי גזאגט. נאר אויף לשון הרע קומט אסכרה: אבער אז מען עסט אומגימעשרת קומט ניט אסכרה. אדער ער האט גזאגט אויף לשון הרע קומט אויך אסכרה: אונ אז מען עסט אומגימעשרת קומט אויך אסכרה. זאגט די גמרא ווען דיא רבנן זענען אריין גיגאנגען אין וויין גארטין ואין בית המדרש] אין דיא שטאט יבנה. איז דארט גיוועזען רבי יהודה אונ רבי אלעזר ברבי יוסי אונ רבי שמעון: הט מען פאר זייא גיפרעגט די שאלה. דיא מכה אסכרה פאר וואס איז איר אנהייב אין דיא גידערים אונ צום סוף איז זיא אין מויל. הט גיענפערט רבי יהודה בר אלעאי ווס ער איז אויף יעדער ארט דער ערשטער צום ריידין. אונ ער האט גזאגט. ווייל דיא נירען גיבען דיא עצה צו ריידען לשון הרע. אונ דיא הארץ פאר שטייט וואס צו ריידין. אונ דער צונג רעט דיא לשון הרע. אונ דיא לשון הרע גייט ארויס פון מויל. דריבער הייבט זיך אן דיא אסכרה אין בויך אין די נירען. אונ פון דיא נירען קומט זי אין הארץ. אונ פון הארץ קומט זיא אין מויל: אונ דער מענטש שטארבט. רבי אלעזר ברבי יוסי הט גיענפערט ווייל מען עסט אזעלכע עסין וואס זענען טמא. דריבער קומט אסכרה. פרעגט דיא גמרא אז מען עסט אזעלכע עסין וואס זענען טמא קומט דאך ניט קיין מיתה. ענפערט די גמרא אזוי מיינט מען. אז מען עסט אזעלכע עסין וואס מען האט ניט גינומען פון זייא תרומה אונ מעשר. קומט אסכרה. אזוי וויא דאס עסין איז גיקומען אין מויל אונ פון מויל אין בויך. אזוי קומט אסכרה אין בויך אונ פון בויך אין מויל. אונ דער מענטש שטארבט. רבי שמעון הט גיענפערט אסכרה קומט ווייל מען לערנט ניט די תורה. האבין זייא גזאגט צו רבי שמעון פאר וואס שטארבען ווייבער דורך אסכרה. זיי זענען דאך ניט פאר באטין צו לערנען תורה. הט רבי שמעון גיענפערט. ווייל זייא לאזין ניט דיא מאנען זאלען לערנען תורה. האבען זייא גיפרעגט פאר וואס שטארבען גוים דורך אסכרה. הט רבי שמעון גיענפערט. ווייל זייא לאזין ניט דיא יודין זאלין לערנען תורה: האבען זייא גיפרעגט פאר וואס שטארבען קינדער דורך אסכרה. הט רבי שמעון גיענפערט: ווייל זייא לאזין ניט דיא פאטערס זאלין לערנען תורה. האבען צי גיפרעגט דיא קינדער וואס גייען אין חדר אונ

רבן. לא בטלים ולא מבטלים: אם לא תדעי לך. לשמור מצותי צאי לך ובקש רחמים בזכות עקבי הצאן אבות הראשונים שהיו רגלי הצאן ותחזק ורעי בזכותן את גדיותיך תינוקות שלך שלא יתפסו על משכנות הרועים רועי הדור ופרנסיו: ש"מ אף על לשון הרע. ולא פליג במעשר דהא קאמר הכא בהם אוכלים דברים שאינם מתוקנים: בן גרים. בן גר וגיורת היה: של אומה זו. ארמיים: שווקים. סדר מושב שווקי עיירות וחוצותיהם: וסיפר דבריהם. לתלמידיהם או לאביו ואמו ולא להשמיע למלכות ונשמעו על ידו למלכות: יתעלה. להיות ראש המדברים: איברי

בית רבן יוכיחו התם כדרבי גוריון דאמר רבי גוריון ואיתימא רב יוסף בר שמעיה בזמן שהצדיקים בדור צדיקים נתפסים על הדור אין צדיקים בדור תינוקות של בית רבן נתפסים על הדור. אמר ר' יצחק בר זעירי ואמרי לה אמר רבי שמעון בר נזירא מאי קראה (שיר א) אם לא תדעי לך היפה בנשים צאי לך בעקבי הצאן וגו' ואמרינן גדיים המטושכנים על הרועים. שמע מינה אף על לשון הרע קאמר שמע מינה. ואמאי קרו ליה ראש המדברים בכל מקום דיתבי רבי יהודה ורבי יוסי ורבי שמעון ויתיב יהודה בן גרים גביהו פתח רבי יהודה ואמר כמה נאים מעשיהם של אומה זו תקנו שווקים תקנו גשרים תקנו מרחצאות רבי יוסי שתק. נענה רבי שמעון (בן יוחאי) ואמר כל מה שתקנו לא תקנו אלא לצורך עצמן תקנו שווקים להושיב בהם זונות. מרחצאות לעדן בהם עצמן. גשרים ליטול מהם מכסים. הלך יהודה בן גרים וספר (דברים) [דבריהם] ונשמעו למלכות אמרו יהודה שעילה יתעלה. יוסי ששתק יגלה לצפורי. שמעון שגינה יהרג אזל הוא ובריה טשו בי מדרשא. כל יומא הוות מיתי להו רביתהו ריפתא

דערנען הורה. פאר וואס שטארבען זייא פון אסברה. ענטפערט דיא גמרא רבי גוריון אדער רבי יוסף בר שמעיה האט גזאגט אז דיא יודין זענען זינדיג. אויב עס איז דא צדיקים. שטארבען דיא צדיקים. אונ אויב עס איז ניטא קיין צדיקים. שטארבען דיא קליינע קינדער ווס גייען אין חדר. רבי יצחק בר זעירי אדער רבי שמעון בר נזירא זאגט פון וועלכין פסוק ווייסען מיר דאס. ווארום שלמה המלך האט גזאגט דו שענסטע פון די ווייבער. אויב דוא ווייסט ניט צוא פיטערין דיינע שעפסין. גיי אין דיא טריט פון דיא שעפסין אונ פיטער דיינע יונגע שעפסין ביי דיא רוהונג פון דיא פאסטוכער (שלמה המלך מיינט דיא יודין ווס זענען דיא שענסטע פון אלע פעלקער. אויב זייא ווייסען ניט צו היטען דיא תורה אונ מצות. זאלין זייא פיטערין זייערע קינדער אין דעם זכות פון דיא אבות (זייא זאלין בעטין ביי גאט אז דיא קינדער זאלען לעבין אין דעם זכות פון דיא אבות) אונ גאט זאל זייא ניט נעמען אמשכון פאר דיא זינד פון דיא גרויסע מענטשין. זעהן מיר אז רבי אלעזר ברבי יוסי מיינט אפילו אויף לשון הרע קומט אויך אסברה. אונ אז כען עסט אומגימעשרתע קומט אויך אסברה. פאר וואס האט מען גירופען רבי יהודה איז דער ערשטער צום ריידין אויף יעדער ארט. זאגט די גמרא ווארום אמאהל איז גיזעסין רבי יהודה אונ רבי יוסי אונ רבי שמעון. אונ יהודה בן גרים איז אויך גיזעסין געבין זייא. האט רבי יהודה גזאגט וואס פר אשיינע זאכען האט דיא אומה (דיא רומים) גיטאהן. זייא האבין גימאכט גאסען. בריקען אויף דיא טייכען. זייא האבין גימאכט בעדער. רבי יוסי האט געשוויגען. האט רבי שמעון גיענטפערט: אלין וואס זייא האבין גימאכט האבין זייא נאר גימאכט פר זיך. זייא האבען גימאכט גאסען. דארט זאלין זיצען זונות. זייא האבען גימאכט בעדער. זייא זאלין האבען פערגעניגען. זייא האבען גימאכט בריקען. זייא זאלען נעמען פון זייא פאראטקעס. איז גיגאנגען יהודה בן גרים אונ האט דער ציילט זייערע רייד פאר אנדערע מענטשין. אונ דיא רייד איז דער ציילט גיווארין צום מלך. האט מען אזוי גזאגט. יהודה ווס ער האט גילויבט דיא רומים. זאל ער גרויס ווערין. אונ ער זאל זיין אויף יעדער ארט דער ערשטער צום ריידין. יוסי וואס ער האט געשוויגען. זאל ער פר טריבען ווערין אין דיא שטאט צפורי. שמעון וואס ער האט פר מיאוסט דיא רומים. זאל ער גיהרגת ווערין. איז גיגאנגען רבי שמעון מיט זיין זוהן אונ האבען זיך בעהאלטין אין בית המדרש. אלע טאג פלעגט דיא ווייב פון רבי שמעון זייא ברייננגע ברויט מיט אקריגעל וואסער אונ

ריפתא וכחא דמיא וכרכי . כי תקיף גזירתא א"ל לבריה נשים דעתן קלה עליהם דילמא מצערי לה ומגליא לן אזלו טשו במערתא אתרחיש ניסא איברי להו חרובא ועינא דמיא (והוו יתבי) והוו משלחי מנייהו והוו יתבי עד צואריהו בחלא כולי יומא גרסי בעידן צלויי לבשו מיכסו ומצלו והדר משלחי מנייהו כי היכי דלא ליבלו . איתיבו תריסר שני במערתא אתא אליהו וקם אפתחא דמערתא אמר מאן לודעיה לבר יוחאי דמית קיסר ובטיל גזירתיה נפקו חזו אינשי דקא כרבי וזרעי אמר מניחין חיי עולם ועוסקין בחיי שעה כ"ם שנותנין עיניהם מיד נשרף יצתה בת קול ואמרה להם להחריב עולמי יצאתם חזרו למערתכם הדור אזול איתיבו תריסר ירחי שתא אמרי משפט רשעים בגיהנם י"ב חדש יצתה בת קול ואמרה צאו ממערתכם נפקו כל היכא דהוה מחי רבי אלעזר הוי מסי רבי שמעון א"ל בני די לעולם אני ואתה בהדי פניא דמעלי שבתא חזו החוא סבא דהוה נקיט תרי מדאני אסא ורהיט בין השמשות אמרו ליה הני למה לך אמר להו לכבוד שבת ותסגי לך בחד חד כנגד זכור וחד כנגד שמור אמר ליה לבריה חזי כמה חביבין

מצות

להו חרובא. לאכול פירותיו : ועינא דמיא. לשתות : בחלא . בחול שהיו פושטין בגדיהם שלא יבלו ומכסין ערומן בחול : כרבי . חורשים : ועוסקין בחיי שעה. דאפשר על ידי עובדי כוכבים וקב"ה מחלק מזון וריוח לעושי רצונו : משפט רשעים בגיהנם י"ב חודש . שנאמר והיה לא תכלה וכיום מדי חודש בחדשו ומדי שבת בשבתו יבא כל בשר אף הנידונין בו במשמע ומה שבתות למנוי שלהם אף חדשים למנוי שלהם ואלו ודאי כפושעי ישראל משתעי דכתיב לעיל מינים ויצאו וראו בפגרי האנשים הפושעים בי הכי פני לא נס"ע : די לעולם . בעוסקי תורה אני ואתה : הרי מדאני .

זייא האבין גיגעסין . אז דיא גזרה האט זיך גישטארקט . מען זאל זוכען וואו רבי שמעון איז . האט רבי שמעון גזאגט צו זיין זוהן . ווייבער האבען אגרינגען שכל . טאמער וועט מען איר פייניגען וועט זיא זאגין וואו מיר זענען . זענען זייא גיגאנגען אונ האבען זיך בעהאלטען אין א קעלער . איז גיווארין א נס אונ עס איז בשאפען גיווארין אין קעלער א בוים מיט באקסין אונ א קוואל וואסער . אונ זייא האבען אראפ גינומען פון זיך זייערע קליידער . אונ זייא זענען גיזעסין אין זאמד ביז צום האלדז . אנאנדצין טאג האבין זייא גילערנט . אז עס איז גיקומען דיא צייט צום דאווענען . האבען זיי אן גיטאהן זייערע קליידער אונ האבין גידאווינט . נאך דעם דאווענען האבען זיי אראפ גינומען פון זיך זייערע קליידער אונ האבין זייא אוועק גילייגט . דיא קליידער זאלין ניט צוריסען ווערין . צוועלף יאהר זענען זייא גיזעסין אין דעם קעלער . נאך דיא צוועלף יאהר איז גיקומען אליהו הנביא אונ האט זיך גישטעלט ביי די טיר פון קעלער . אונ האט גזאגט . ווער וועט זאגין צו רבי שמעון דער זוהן פון יוחאי אז דער קיסר איז גישטארבין . אונ זיין גזרה איז בטל גיווארין . אונ רבי שמעון מיט זיין זוהן זענען ארויס גיגאנגען פון דעם קעלער . אונ זייא האבען גיזעהן מענטשין האקערין אונ זייען . האט רבי שמעון גזאגט דיא מענטשין לאזין אוועק דאס אייביגע לעבין . אונ זיי ארבעטין פאר אזוי אלעבין וואס איז נאר אויף אקורצע צייט . די אלע ערטער וואו רבי שמעון מיט זיין זוהן האבען אקוק גיטאהן . זענען זייא באלד פאר ברענט גיווארין . איז ארויס גיגאנגען אקול פון הימעל . אונ האט גזאגט צוא זייא . איר זענט ארויס גיגאנגען וויסט צו מאכען מיין וועלט . גייט אריין צוריק אין אייער קעלער : זענען זייא צוריק אריין גיגאנגען אין קעלער . אונ זענען דארט גיזעסען צוועלף חדשים . אונ זיי האבען גזאגט רשעים אין גיהנם זיצען אויך נאר צוועלף חדשים : איז ארויס גיגאנגען אקול פון הימעל . אונ האט גזאגט צו זייא . גייט ארויס פון אייער קעלער . זענען זיי ארויס גיגאנגען . ווען רבי אלעזר האט גשלאגין . האט רבי שמעון גיהיילט . האט רבי שמעון גזאגט צו זיין זוהן . עס איז גנוג פאר די וועלט איך אונ דו . אז מיר ביידע וועלין לערנען תורה . וועט דיא גאנצע וועלט קענען גישפייזט ווערין אין אונזער זכות . ערב שבת פארין נאכט האבין זייא גיזעהן אז אאלטער מאן האלט צוויי הדסים אונ לויפט מיט זייא . האבען זייא גזאגט צו איהם וואס דארפסטו די הדסים . האט דער אלטער גזאגט צו זייא . דיא הדסים טראג איך אויף שבת . האבין זייא גזאגט צוא איהם . דוא האסט דאך גינוג איין הדס . האט דער אלטער גזאגט . איין הדס איז געגין זכור

מצות על ישראל יתיב דעתייהו. שמע רבי פנחס בן יאיר חתניה נפק לאפיה עייליה לבי בני' הוה קא אריך ליה לבישריה חזא דהוו ביה פילי בגופיה הוה קא בכי וקא נתרן דמעת עיניה וקמצווח ליה. אמר ליה אוי לי שראיתיך בכך אמר ליה אשריך שראיתני בכך שאלמלא לא ראיתני בכך לא מצאת בי כך. דמעיקרא כי הוה מקשי רבי שמעון בן יוחאי קושיא הוה מפרק ליה רבי פנחס בן יאיר תריסר פירוקי. לסוף כי מקשי רבי פנחס בן יאיר קושיא הוה מפרק ליה רשב"י כ"ד פירוקי אמר הואיל ואתרחיש ניסא איזיל אתקין מילתא דכתיב (בראשית לג) ויבא יעקב שלם וא"ר שלם בגופו שלם בממונו שלם בתורתו (שם) ויחן את פני העיר א"ר מטבע תקן להם ושמואל אמר שווקים תקן להם ורי"א מרחצאות תקן להם אמר איכא מילתא דבעי לתקוני א"ל איכא דוכתא דאית ביה ספק טומאה (דף לד) ואית להו צערא לכהני לאקופי אמר איכא איניש דידע דאתחזק הכא טהרה. אמר ליה ההוא סבא כאן קצץ בן זכאי תורמסי תרומה עבד איהו נמי הכי כל היכא דהוה קשי טהריה

הבילות של הדם ונרית בשבת: מדאני. כמו מעדנות כימה: ארין. מתקן ומחליק: פילי. בקעים ובדקים מחמת החולי· וקמצוות ליה. לר"ש שהדמעות מלוחין ומכאיבין את המכה בתחלתן: אתקין מלתא. כדרך שעשה יעקב כשניצל מיד עשו: שלם בגופו. שנתרפא מצלעתו: שלם בתורתו. שלא שכח תלמודו מפני טורח הדרך: תקן להם. דבר חן והנייה ולי נראה מויקן את חלקת השדה נשון היקון: ואית להו צערא לאקופי. שהיה אותו שוק שהספק בו מקום מעבר העיר לרבים והכהנים לא היו יכולים ליכנס שם מפני טומאה וצריך להקיף דרך אחר ארוך: איכא דידע דאתחזק טהרה. בההוא שוק מימיו שלא היה בית הקברות גמור ולא ניתן לפנותו: כאן קיצץ בן זכאי. שהלך ועקרן לאחר גידולן: תורמסי תרומה. הצריכות לשומרם בטהרה וגם הוא היה כהן: עבד איהו נמי הכי. היה מקצץ תורמסים ומשליכן שם ונעשה גם ונף המת במקום שהוא שם ואינו במקום שקבר

אונ איין הדם איז געגין שמד· הט רבי שמעון גזאגט צו זיין זוהן זעה וויא יודין האבען ליב די מצות. איז געשטילט געווארין זייער דעה· רבי פינחס בן יאיר דער איידים פון רבי שמעון. הט געהערט אז זיין שוועהר איז ארויס גיגאנגען פון דעם קעלער. איז ער איהם גיגאנגען אנטקעגין. אונ הט איהם געבראכט אין באד· אונ ער הט איהם גיוואשען דס לייב· האט רבי פינחס גיזעהן אז דס לייב פון רבי שמעון איז צו שפאלטען· האט רבי פינחס גיוויינט. אונ דיא טרערין פון זיינע אויגין זענען גיפאלען אויף דס לייב פון רבי שמעון· הט רבי שמעון גיהאט שמערצין· הט רבי פינחס גזאגט צו רבי שמעון ווייא צו מיר אז איך זעה דיך אזוי. האט רבי שמעון גזאגט צו רבי פינחס וואוהל צו דיר ווס דוא זעהסט מיך אזוי. ווען דוא וואלסט מיך ניט גיזעהן אזוי. וואלסטו אין מיר ניט גיפונען אזוי· פריער פלעגט זיין אז רבי שמעון בן יוחאי הט גיפרעגט אקשיא. הט רבי פינחס בן יאיר גיענטפערט אויף די קשיא צוועלף תירוצים. דער נאך וויא רבי שמעון איז ארויס גיגאנגען פון דעם קעלער. אז רבי פנחס בן יאיר האט גיפרעגט אקשיא. הט רבי שמעון בן יוחאי גיענטפערט אויף דיא קשיא פיר אונ צוואנציג תירוצים. הט רבי שמעון גזאגט ווייל מיר האט גיטראפין אנס· וועל איך גיין עפעס פאריכטין אין שטאט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ויבא יעקב שלם. יעקב אבינו איז גיקומען גאנץ. הט רב גזאגט· זיין גוף איז גיוועזן גאנץ. זיין פוס איז גיהיילט געווארין; זיין געלט איז גיוועזן אין גאנצין. עס איז ניט גענומענט געווארין דורך דיא הוצאה פון וועג. זיין תורה איז גיוועזן אין גאנצען. ער הט ניט פר געסין זיין לערנען. דער פסוק זאגט יעקב הט גירוהט פאר די שטאט שכם. רב זאגט ער הט זייא גילערנט דיא חכמה זייא זאלין מאכען מטבעות. אונ שמואל זאגט ער הט זייא גילערנט זייא זאלין מאכען גאסען. רב יהודה זאגט ער הט זייא גילערנט זייא זאלען מאכען בעדער. האט רבי שמעון בן יוחאי אויך גיפרעגט טאמער באדף מען דא אויך מאכען אפארבעסערונג אין דיא שטאט. האבען זייא גזאגט צו רבי שמעון עס איז דא אארט ווס מען ווייס ניט אויב ער איז טמא אדער טהור. אונ די כהנים האבען צער אוים צו מיידין דעם ארט אונ צו גיין ארום; הט רבי שמעון גזאגט טאמער איז דא אמענטש וואס ווייס אז דער ארט איז אמאהל גיוועזן גאר טהור· הט איין אלטער מאן גזאגט צו רבי שמעון איך גידיינק אז בן זכאי וואס ער איז גיוועזן אכהן הט גיפלאנצט אויף דעם ארט

מהריה וכל היכא דהוה רפי צייניה. אמר ההוא סבא טיהר בן יוחאי בית הקברות אמר ליה (אלמלא) [אלמלי] לא היית עמנו ואפילו היית עמנו ולא נמנית עמנו יפה אתה אומר עכשיו שהיית עמנו ונמנית עמנו יאמרו זונות ספרכסות זו את זו ת"ח לא כל שכן יהב ביה עיניה ונח נפשיה נפק לשוקא חזיא ליהודה בן גרים אמר עדיין יש לזה בעולם נתן בו עיניו ועשאו גל (של) עצמות:

הכי מפרש בפסיקתא דפרשת העומר ובסדר זרעים ירושלמי: היית. כמעמד: ונמנית. הסכמת לדעתנו להיות מן המנין: מפרכסות זו את זו. את שער חברתה להיות נאה: גל של עצמות. כמת שנרקב בשרו ונפל מזמן הרבה: עם חשיכה. כאדם ימהר להזכירם מבעוד יום ישמעו ויאמרו עדיין יש שהות:

כט שלשה דברים צריך אדם לומר בתוך ביתו ערב שבת עם חשיכה וכו'. מנה"מ אריב"ל (אמר קרא) (איוב ה) וידעת כי שלום אהלך ופקדת נוך ולא תחטא:

ל אמר רבה בר רב הונא אע"ג דאמור רבנן שלשה דברים צריך אדם לומר וכו' צריך למימרינהו בניחותא כי היכי דליקבלינהו מיניה א"ר אשי אנא לא שמיע לי הא דאמר רבה בר ר"ה וקיימתיה מסברא:

איזהו

תורמסים פון תרומה. אונ אז זייא זענען אויף גיוואקסען האט ער זייא אויס גערייסען. איז דאך געוויס אז דער ארט איז אמאהל גיוועזן טהור. הט רבי שמעון אויך אזוי גיטאהן. ער האט אפ גיהאקט תורמוסים אונ האט זייא גיווארפען אויף דעם ארט וואו דער ספק איז גיוועזן. איז גיווארין אנגם אונ דער מת איז ארויף גיקומען: אונ דיא אלע ערטער וואס דיא ערד איז גיוועזן הארט. הט רבי שמעון גזאגט זייא זענען טהור. ווייל זייא גיהערין ניט צום קבר. אונ די אלע ערטער וואס דיא ערד איז גיוועזן ווייך: הט רבי שמעון גזאגט זייא זענען טמא. אונ ער האט זייא בעצייכונט אז אכהן זאל ניט גיין אויף דיא ערטער. דער נאך הט דער אלטער מאן גזאגט. דער זוהן פון יוחאי הט גימאכט טהור אבית הקברות: הט רבי שמעון בן יוחאי גזאגט צו דעם אלטין מאן. ווען דוא וואלסט דא ניט גיוועזן מיט אונז: אונ אפילו ווען דוא וואלסט יא גיוועזן: נאר דוא וואלסט דיך ניט גיציילט מיט אונז (דוא וואלסט ניט גיהאלפען מטהר צו זיין דיא ערטער וואס מיר האבען מטהר גיוועזן) וואלסטו טאקי גיקענט זאגין אז מיר האבען שלעכט גיטאהן: אבער איצט אז דוא ביסט גיוועזן מיט אונז. אונ דוא האסט דיך גיציילט מיט אונז (דוא האסט אונז גיהאלפען מטהר צו זיין דעם ארט) וויא אזוי קענסטו איצט קריגען אויף אונז. אונ זאגין אז מיר האבען מטהר גיוועזן וואס עס איז טמא. מען וועט דאך זאגין זונות צירען איינע די אנדערע דארפען דאך תלמידי חכמים געוויס בשיינען איינער דעם אנדערין. אונ דוא פאר שעמסט אונז אונ זאגסט אז מיר האבען שלעכט מטהר גיוועזן. האט רבי שמעון אקוק גיטאהן אויף דעם אלטען מאן: איז ער באלד גישטארבען: דער נאך איז רבי שמעון גיגאנגען אין גאס. האט ער גיזעהן דעם יהודה בן גרים. האט רבי שמעון גזאגט דער מענטש איז נאך דא אויף דער וועלט. הט רבי שמעון אקוק גיטאהן אויף איהם. איז פון אים גיווארען אבארג ביינער:

כט שלשה דברים: דריי זאכען דארף אמענטש זאגין צוא זיינע שטוב מענטשין ערב שבת פארין נאכט. ער זאל זייא פרעגין אויב זייא האבען גיגעבין מעשר פון די זאכען וואס זייא ווילין עסין שבת. אונ אויב זייא האבען גימאכט אעירוב. אונ זייא זאלין צינדען ליכט: פרעגט דיא גמרא פון וואנען ווייסען מיר אז מען דארף אזוי זאגען. הט רבי יהושע בן לוי גזאגט עס שטייט אין פסוק דוא וועסט וויסען אז עס איז שלום אין דיין גיצעלט. עס זאל ניט זיין פינסטער. אונ דוא וועסט דער מאנען דיא מענטשין פון דיין וואוהנונג צו מאכין עירובי חצרות. אונ דוא וועסט ניט זינדיגען צו עסין אומגימעשרת:

ל רבה בר רב הונא זאגט די דריי זאכען וואס די רבנן האבען גזאגט אז אמענטש דארף זייא זאגין צו זיינע שטוב מענטשין. דארף ער זייא זאגען רוהיג. ניט גיבייזערט. די שטוב

(ע״ב) **לא** **איזהו** בין השמשות משתשקע החמה וכל זמן שפני מזרח מאדימין. הכסיף התחתון ולא הכסיף העליון בין השמשות הכסיף העליון והשוה לתחתון זהו לילה דברי רבי יהודה רבי נחמיה אומר כדי שיהלך אדם משתשקע החמה חצי מיל רבי יוסי אומר בין השמשות כהרף עין זה נכנס וזה יוצא ואי אפשר לעמוד עליו:

(דף לה) **לב** **אמר** רבי חייא הרוצה לראות בארה של מרים יעלה לראש הכרמל ויצפה ויראה כמין כברה בים וזו היא בארה של מרים. אמר רב מעין המיטלטל טהור וזו היא בארה של מרים:

לג **אמר** רבי יוסי (בן) [בר] זבידא העושה מלאכה בשני בין השמשות חייב חטאת ממה נפשך

א״ל

מאדימין. שנראה אדמומית חמה נשקעת: הכסיף. השחיר: התחתון. התחתון של כיפת הרקיע השמוכה לארץ: עליון. גובהה של כיפה אינה ממהרת להכסיף ולקמן פריך [מאי קאמר] דקאי אסיפא דרישא: חצי מיל. זהו שיעור אורך בין השמשות ולאחר חצי מיל הוי לילה: כהרף עין. כשיעור קריצת עין בריפיון ולא בחוזקה: זה נכנס. הלילה נכנס והיום יוצא יציאת זה עם כניסת זה כשאין מתפרשין קצי בין השמשות וכל דמקמי הכי הוי יום מעליא:

כמין כברה. סלע עגול ועשוי ככברה: זהו בארה של מרים. שהיה מתגלגל עם ישראל [במדבר] בזכותה של מרים דכתיב ותמת שם מרים וסמיך ליה ולא היה מים לעדה: טהור. מלקבל טומאה ומטבלין בו ולאו ככלי דמי להיות המים כמוכנים ממנו כשאובין ואין לך מעין מיטלטל אלא בארה של מרים:

בשני בין השמשות. ע״ש ומוצאי שבת בהעלם א׳ ואין כאן עוד אשם תלוי אלא חטאת: ממה נפשך. אי ליליא הוא חייב על ע״ש ושל מוצאי שבת אינו כלום ואי יממא הוא חייב על

מענטשין ואלען אן געמען זיינע רייד אונ זאגען אים פאלגין. רב אשי זאגט איך האב דאס ניט גיהערט פון רבה בר רב הונא. נאר מיט מיין שכל האב איך אזוי גיטאהן. אונ פרעג מיך ניט ביי ווערין אויף מיינע שטוב מענטשין. נאר איך פרעג מיט זייא ריידען גאנץ שטיל אונ רוהיג:

לא **איזהו**. וועלכע צייט הייסט בין השמשות [צווישען טאג אונ נאכט]. זאגט די גמרא אז דיא זוהן גייט אונטער. אונ דער הימעל וואס אין מזרח זייט איז רויט פון דיא זוהן. איז נאך טאג. אונ אז דער הימעל וואס איז אראפ גיבויגען נאנט צו דיא ערד איז שוין שווארץ [פינסטער] אונ דער הימעל וואס איז הויך פון דיא ערד איז נאך ניט שווארץ [פינסטער] דאס איז בין השמשות [צווישען טאג אונ נאכט]. אונ אז דער הימעל וואס איז הויך פון דיא ערד איז אויך שווארץ [פינסטער] אזוי וויא דיא אונטערשטע הימעל. דאס איז נאכט. אזוי זאגט רבי יהודה. רבי נחמיה זאגט פון די מנוט וואס די זוהן גייט אונטער ביז מען קען גיין אהאלבין תחום שבת [מעשר צו גיין אהאלבין תחום שבת דארערט אפערטיל שעה. דיא פערטיל שעה פון נאך די זוהן אונטער גאנגן] דאס הייסט בין השמשות. אונ נאך דיא פערטיל שעה הייסט שוין נאכט. רבי יוסי זאגט בין השמשות דארערט אזוי וויא מען גיט אמאך מיט דיא אויג. די נאכט גייט אריין אונ דער טאג גייט ארויס. אונ ביז דיא זוהן גייט ארויס הייסט טאג. אונ וויא דיא נאכט גייט נאר אריין הייסט שוין נאכט אונ דיא סעקונדע וואס זייא שיידין זיך אפ איינער פון אנדערין דס הייסט בין השמשות. אונ מען קען גאר ניט במערקין ווען דס איז:

לב **אמר**. רבי חייא הט גזאגט דער וואס וויל זעהן דעם ברונען פון מרים ודס איז דער שטיין וואס דיא יודין האבען פון איהם גיטרונקען וואסער אין דער מדבר. זאל ער ארויף גיין אויף דעם בארג כרמל. אונ ער זאל קוקען אויף דעם ים. וועט ער זעהן עס שווימט אין ים אקיילכדיקער שטיין אונ ער זעהט אויס אזוי וויא אזיפ. דאס איז דער ברונען פון מרים. רב זאגט אקוואל וואסער וואס מען קען איהם טראגין פון איין ארט צום אנדערין. ווערט ער ניט טמא. אונ מען מעג אין איהם טובל זיין. וועלכין קוואל וואסער קען מען טראגין פון איין ארט צום אנדערין. דאס איז דער ברונען פון מרים:

לג **אמר**. רבי יוסי בר זבידא הט גזאגט אז איינער האט גיטאהן אמלאכה [אארבעט] פרייטאג פארין נאכט בין השמשות. אונ שבת צו נאכט בין השמשות. [אונ ער האט ניט גיוואוסט אז מען טאר ניט טאהן די ארבעט. ביז נאך די ארבעט פון שבת צו נאכט] מוז ער ברייגגן אקרבן חטאת. ווארום אוב בין השמשות איז טאג. דארף ער ברייגגען אחטאת פר

א"ל רבא לשמעיה אתון דלא קים לכו בשיעורא דרבנן אדשימשא אריש דיקלי אתלו שרגא ביום המעונן (מאי) במתי חזי תרנגולא בדברא חזי עורבא אי נמי אראני :

כירה פרק שלישי

(דף מא) **א רבי** זירא הוה משתמיט מרב יהודה דבעי למיסק לארעא דישראל דאמר רב יהודה כל העולה מבבל לא"י עובר בעשה שנאמר (ירמיה כז) בבלה יובאו ושמה יהיו עד יום פקדי וגו' :

ב תניא אכל ולא שתה אכילתו דם וזהו תחלת חולי מעים אכל ולא הלך ארבע אמות אכילתו מרקבת וזהו תחלת ריח רע הנצרך לנקביו ואכל דומה להנור שהסיקוהו ע"ג אפרו וזהו תחלת ריח זוהמא רחץ בחמין

מ"ש ואין שם ע"ש כלום וכגון דעבד ליה כל בין השמשות דלא אתא לספוקי להאי בתחלתו ולהאי בסופו : בשיעורא דרבנן. בין השמשות : אתלו : הדליקו את הנר מבע"י : חזי תרנגולים. היושבים על הקורות מבע"י וכן העורבים (בשדה) : אראני. עשב הקרוי אחלוו"ש ועלין שלו נוטין נגד החמה שחרית כפופין למזרח ובחצי היום זקופין ולערב כפופין אחר למערב :

משתמיט. היה ירא ליראות לו משום דהיה בעי רבי זירא למיסק לארעא דישראל ורב יהודה לא ס"ל והיה ירא פן יגזור עליו מליך. ורבי זירא סבירא ליה דהאי קרא בכלי שרת כתיב כדאמרינן בכתובות : (ולא הלך ד' אמות קודם שישן) :

מרקבת. אינה מתעכלת לעשות זבל : ריח רע. ריח הפה : ריח זוהמא. כל גופו מזוהם

דִי אַרְבֶּעט פוּן דֶעם בֵּין הַשְּׁמָשׁוֹת פוּן שַׁבָּת צוּ נַאכְט . אוּנ אוֹיבּ בֵּין הַשְּׁמָשׁוֹת אִיז נַאכְט דַארְף עֶר בְּרֵיינְגֶען אַחַטָּאת פַר דִי אַרְבֶּעט פוּן דֶעם בֵּין הַשְּׁמָשׁוֹת פוּן פְרַייטָאג פַארִין נַאכְט . רָבָא הָט גְזָאגְט צוּ זַיין דִינֶער . ווייל אִיר ווייסְט נִיט ווֶען עֶס אִיז בֵּין הַשְּׁמָשׁוֹת . אַז דִיא זוּהן ווֶעט זַיין פְרַייטָאג פַארִין נַאכְט אוֹיף דִי שְׁפִּיץ בּוֹימֶער . זָאלְט אִיר צִינְדֶען לִיכְט . אוּנ אַז פְרַייטָאג ווֶעט זַיין אַוָואלְקֶענְדִיגֶער טָאג ווִיא אַזוֹי ווֶעט מֶען ווִיסֶען ווֶען מֶען זָאל צִינְדֶען לִיכְט . הָט רָבָא גְזָאגְט דִי מֶענְטְשִׁין ווָס וואוֹהנֶען אִין שְׁטָאט אַז מֶען ווֶעט זֶעהן דִי הִינֶער זֶעצִין זִיךְ אִין דִי הֵייךְ אוֹיף דִי בֶּעלְקֶעס . זָאל מֶען צִינְדֶען לִיכְט . אוּנ דִיא מֶענְטְשִׁין ווָס וואוֹהנֶען אִין פֶעלְד . אַז מֶען ווֶעט זֶעהן דִי קְרָאהֶען זֶעצִין זִיךְ אוֹיף דִיא הוֹיכֶע אֶרְטֶער . אָדֶער מֶען ווֶעט זֶעהן דִי בְּלֶעטֶער ווָס הֵייסֶען אַדָאנִי זֶענֶען שְׁטַארְק פַר בּוֹיגִין צוּא מַעֲרָב זַייט . זָאל מֶען צִינְדֶען לִיכְט וַוִי בְּלֶעטֶער ווָס הֵייסֶען אַדָאנִי אִין דֶער פְרִיה זֶענֶען זֵיי פַר בּוֹיגִין צוּ מִזְרַח זַייט . הַאלְבִּין טָאג שְׁטֵייעֶן זֵיי גְלַייךְ . אוּנ פַארִין נַאכְט זֶענֶען זֵיי פַאר בּוֹיגִין צוּ מַעֲרָב זַייט . ווייל דִי בְּלֶעטֶער צִיהֶען זִיךְ צוּ דֶי זוּהן :

פרק שלישי

א רַבִּי זֵירָא פְלֶעגְט זִיךְ בֶּעהַאלְטֶען פַר רַב יְהוּדָה . ווָארוּם רַבִּי זֵירָא הָאט גִיוָואלְט גֵיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל . אוּנ רַב יְהוּדָה הָט גְזָאגְט ווֶער עֶס גֵייט פוּן בָּבֶל אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל . אִיז עֶר נִיט מְקַיֵּים דִיא מִצְוַת עֲשֵׂה . אַזוֹי ווִיא יִרְמְיָה הַנָּבִיא הָט גְזָאגְט . זֵיי ווֶעלִין קוּמֶען אִין בָּבֶל אוּנ דָארְט זָאלֶען זֵייא זַיין בִּיז אִיךְ ווֶעל זֵייא גִידֵיינְקֶען . הָאט רַבִּי זֵירָא מוֹרָא גִיהַאט טָאמֶער ווֶעט רַב יְהוּדָה אוֹיף אִיהם גוֹזֵר זַיין עֶר זָאל נִיט גֵיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל . ווָארוּם רַבִּי זֵירָא זָאגְט אַז יִרְמְיָה הָט נִיט גִימֵיינְט אוֹיף דִי יוּדִין . נָאר אוֹיף דִי כֵּלִים פוּן בֵּית הַמִקְדָּשׁ . אַז דִי כֵּלִים זָאלֶען נִיט גִיבְּרַאכְט ווֶערִין פוּן בָּבֶל צוּרִיק אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל . בִּיז גָאט ווֶעט הֵייסֶען זֵיי צוּרִיק בְּרֵיינְגֶען . אָבֶּער מֶענְטְשִׁין מֶעגִין צוּרִיק גֵיין ווֶען זֵייא ווִילֶען :

ב תַּנְיָא . מִיר הָאבֶּען גִילֶערְנְט אַז מֶען עֶסְט אוּנ מֶען טְרִינְקְט נִיט נָאךְ דֶעם עֶסִין . ווֶערְט פוּן דֶעם עֶסִין בְּלוּט . אוּנ פוּן דֶעם הֵייבִּין אָן קְרַאנְק צוּ ווֶערִין דִי גִידֶערִים . אַז אֵיינֶער הָאט גִיגֶעסֶען . אוּנ עֶר אִיז נִיט גִינַאנְגֶען נָאךְ דֶעם עֶסִין פִיר אֵיילֶען . נָאר עֶר אִיז בַּאלְד גִישְׁלָאפֶען . ווֶערְט דָס עֶסִין פַר פוֹילְט אִין בּוֹיךְ . אוּנ פוּן דֶעם הֵייבְּט אָן צוּא גֵיין אַשְׁלֶעכְטֶער רֵיחַ פוּן מוֹיל . אַז אֵיינֶער דַארְף אַרוֹיס גֵיין אוּנ עֶר עֶסְט . אִיז גְלַייךְ ווִי מֶען הֵייצְט אִין אַהוֹבִין אוֹיף דִיא אַשׁ . קֶען נִיט בְּרֶענֶען אוּנ עֶס ווֶערְט נִיט וַוארֶעם ; אוּנ פוּן דֶעם הֵייבְּט אָן צוּא

בחמין ולא שתה בהם דומה להנור שהסיקוהו מבחוץ ולא הסיקוהו מבפנים . רחץ בחמין ולא נשתטף בצונן דומה לברזל שהכניסוהו לאור ולא הכניסוהו לצונן רחץ ולא סך דומה למים ע"ג חבית :

במה טומנין פרק רביעי

(דף מט) **א אמר** רבי ינאי תפילין צריכין גוף נקי כאלישע בעל כנפים וכו' ואמאי קרי ליה בעל כנפים שפעם אחת גזרה מלכות ארם וכו'.

מיעט תפיד : ולא הסיקוהו מבפנים . שאינו נוטיג לפנים : ולא הכניסוהו לצונן . שהם מחזקים את הברזל : למים ע"ג חבית . על שוליו ולדדיו שאינם נכנסים לתוכו :

כנגד מי . דהרבה מלאכות יש דדמיין להדדי והוי לן למחשבינהו כלן כאחד כדפריך (בפרק כלל גדול) היינו זורה היינו בורר וכו' ומשום חלוק מועט שביניהם לא הוו מחלקים להו אי לאו דקים להו דל"ט מלאכות כנגד שום דבר לכך בעי כנגד מי : כנגד עבודות המשכן . אותן המנויות שם בפרק כלל גדול היו צריכין למשכן ופ' שבת נסמכה לפ' מלאכת המשכן ללמוד הימנה: שבתורה . שכתובים

יתיב רבי יונתן בן עכינאי ורבי יונתן וכו' וקמבעיא להו הא דתנן (פ"ג) אבות מלאכות ארבעים חסר אחת כנגד מי א"ל רבי חנינא בר חמא כנגד עבודות המשכן . א"ל רבי יונתן ברבי אלעזר כך אמר ר"ש ברבי יוסי בן לקוניא כנגד מלאכה מלאכות ומלאכתו שבתורה ארבעים

גיין אשלעכטער ריח פון גאנצען גוף . אז איינער האט זיך גיוואשען ואין אבאד אדער אין אוואנגע] מיט ווארעמע וואסער אונ ער הט ניט גיטרונקען קיין ווארעמע וואסער . איז גלייך ווי מען וואלט גיהייצט אהויבין אויסוויינדיג אונ ניט אינוויינדיג . אז איינער האט זיך גיוואשען מיט ווארעמע וואסער . אונ ער הט זיך ניט אפ גישווענקט מיט קאלטע וואסער . איז גלייך ווי מען ברענט אאייזין אין פייער . אונ מען בגיסט איהם ניט מיט קאלטע וואסער . ווארום דיא קאלטע וואסער שטארקין דעם הייסען אייזין אונ דעם ווארעמען גוף . אז איינער הט זיך גיוואשען ואין אבאד אדער אין אוואנגע] . אונ הט ניט גשמירט דם לייב מיט בוימאייל . איז גלייך וויא מען גיסט וואסער אויף דעם דעק פון אפאס אונ אויף דיא ווענט פון פאס אויס ווייניג . אונ די וואסער קומט ניט אריין אינוויינדיג ; אזוי קומט ניט אריין דיא וואסער אין לייב אויב ער הט ניט געשמירט דם לייב מיט בוימאייל נאך דעם וואשען

פרק רביעי

א רבי ינאי זאגט ווען אמענטש גייט מיט תפילין מוז זיין גוף זיין ריין : אזוי ווי ריין עס איז גיוועזן דער גוף פון אלישע בעל כנפים . פר וואס הט מען איהם גירופען אלישע בעל כנפים . ווארום אמאהל איז גיוועזן אגזירה אז יודען זאלען ניט לייגען תפילין . אונ אלישע הט גילייגט תפילין . הט אשר גיזעהן וויא אלישע גייט מיט תפילין . איז אלישע אנטלאפען אונ הט אראפ גינומען דיא תפילין פון קאפ אונ פון האנט אונ הט זיי גיהאלטען אין האנט . ווי דער שר הט נאך גיאגט אלישע אונ הט איהם גיחאפט . פרעגט דער שר ביי אלישע וואס ער האלט אין האנט . ענפערט אלישע ער הט אין האנט טויבען מיט פליגעל . איז גיווארין אנס אז פון די תפילין איז גיווארין טויבען מיט פליגעל . דריבער הט מען גירופען אלישען בעל כנפים די טויבען פליגעל :

ב רבי יונתן בן עכינאי אונ רבי יונתן זענען גיזעסען אין ביי זיי גיוועזן אספק מען הט גילערונט אז ביי שבת איז אסור ניין אונ דרייסיג מלאכות . געגין וואס איז דער חשבון פון ניין אונ דרייסיג . הט רבי חנינא בר חמא גזאגט געגין די ארבעט וואס איז גיוועזן אין משכן . ווייל שבת שטייט אין די תורה נעבין משכן . די מלאכות וואס זענען גיוועזן אין משכן זענען אסור צו טאהן אום שבת . אונ אין משכן איז גיוועזן ניין אונ דרייסיג מלאכות . דיא ניין אונ דרייסיג מלאכות זענען אסור צו טאהן אום שבת ; רבי יונתן ברבי אלעזר הט גזאגט אזוי האט גזאגט רבי שמעון ברבי יוסי בן לקוניא ווייל אין די תורה שטייט מלאכה אונ מלאכוה אונ מלאכתו . ניין אונ דרייסיג מאהל . דריבער האבען די רבנן גיציילט מלאכות אום שבת אויך ביז ניין אונ

ארבעים חסר אחת בעי רב יוסף (נרלאית לס) ויבא הביתה לעשות מלאכתו ממנינא הוא או לא א"ל אביי וליתי ס"ת ולימני מי לא (אמר רבה בר בר חנה) א"ר יוחנן לא זזו משם עד שהביאו ס"ת ומנאום. א"ל כי קא מספקא לי משום דכתיב (שמות לו) והמלאכה היתה דים ממנינא הוא והא כמ"ד לעשות צרכיו נכנס או דילמא ויבא הביתה לעשות מלאכתו ממנינא הוא והאי והמלאכה היתה דים ה"ק דשלים ליה עבידתא תיקו: (דף י ע"ב) **ב אמימר** ומר זוטרא ורב אשי הוו יתבי בסעודה איתו לקמיהו ברדא אמימר ורב אשי משו ידייהו מר זוטרא לא משי ידית אמרי ליה לא סבר לה מר להא דאמר רב ששת ברדא שרי אמר ליה (להו) רב מרדכי בי מיניה דמר דאפילו בחול

בכל התורה וה"ק קרא לא תעשה כל מלאכה כמנין כל מלאכה שבתורה: לא זזו משם וכו'. קדושין פ"ק א' לענין ויו"ד דגחון: והמלאכה היתה דים ממנינא הוא. ואי מנינן לתרוייהו הוו ארבעין ומדתנן אבות מלאכות מ' חסר אחת איכא חד דלא למנינא ובהני תרי (חד) דאיכא למימר דלאו מלאכה נינהו ולא ידענא הי מינייהו נפקא והכי קא מיבעיא ליה והמלאכה היתה דים ממנינא היא ומלאכה ממש היא כגון רדודי טסין לצפוי הין מרדדין אותם כפי דים לא פחות מן הצורך ולא יותר. והאי לעשות מלאכתו הוא דמפיק ומסייע למאן דאמר במסכת סוטה: לעשות צרכיו נכנס. לשכב עמה אלא שנראתה לו דמות אביו וכו' או האי מלאכתו ממש הוא ומסייע לה לאידך. והאי והמלאכה היתה דים לאו מלאכה היא אלא כדמשמע קרא בסבלת נדבה: דשלים עבידתא. וכל מידי דרמי עליה אלינים קרי ליה עבידתא כדאמרינן בסוטה בטלית עבידתא דאמר שלמה לאיתויי להיכלא ואינו אלא לבא מלחמה להקריב (להחריב) ע"כ:

ברדא: לרחוץ פניו ובוא הלהא אהלא שם עשב ותלתא אכא הדס ותלתא סיגלי ויש בו ג' עלין וקורין לה ויאולי"ס: מבו. כתלו: ליפוה

דרייסיג. האט רב יוסף גיפרעגט עס שטייט אין פסוק ויבא הביתה לעשות מלאכתו. אויב מיט דעם מלאכתו איז ניין אונ דרייסיג. אדער אן דעם מלאכתו איז ניין אונ דרייסיג. האט אביי גזאגט צו רב יוסף זאל מען ברייננגען א ספר תורה אונ מען זאל ציילען ווי פיל מאהל עס שטייט מלאכה אונ מלאכות אונ מלאכתו. וועט מען זעהן אויב מיט דעם מלאכתו איז ניין אונ דרייסיג. אדער אן דעם מלאכתו איז ניין אונ דרייסיג. האט דען רבה בר בר חנה ניט גזאגט פון רבי יוחנן וועגין עס הט שוין אמאהל גיטראפען אז מען הט ניט געוואוסט אזאך. הט מען זיך ניט גערירט פון דארט ביז מען הט גיבראכט א ספר תורה אונ מען האט גיציילט. זאל מען איצט אויך אזוי טאהן: הט רב יוסף גזאגט ווייל עס שטייט אין פסוק והמלאכה היתה דים: אונ אז מען וועט ציילען דעם מלאכתו פון ויבא הביתה. אונ דעם והמלאכה היתה דים. וועט זיין פערציג. איז מיר נאר א ספק. וועלכין מען זאל ציילען אונ וועלכין ניט אויב דער והמלאכה היתה דים איז פון די ניין אונ דרייסיג. אונ דער מלאכתו פון ויבא הביתה מיינט מען ניט מלאכתו זיין ארבעט. נאר מען מיינט וויא דער וואס זאגט אז יוסף איז אריין גיקומען אין שטוב מזנה זיין מיט פוטיפרס ווייב. דריבער איז דער מלאכתו ניט פון דיא ניין אונ דרייסיג. אדער פארקערט. טאמער איז דער מלאכתו פון ויבא הביתה פון דיא ניין אונ דרייסיג. ווארום מען מיינט יוסף איז אריין גיקומען טאהן זיין ארבעט. אונ דער והמלאכה היתה דים איז ניט פון דיא ניין אונ דרייסיג. ווארום מען מיינט ניט דיא ארבעט פון משכן האט מען גיארבעט ביז גענוג. נאר מען מיינט דיא נדבות בריינגען האט זיך אויס גילאזט. מען הט אויף גיהערט צו בריינגען נדבות ווייל עס איז שוין גיוועזען גינוג:

ב אמימר אונ מר זוטרא אונ רב אשי זענען גיזעסען ביי א סעודה אום שבת האט מען גיבראכט פאר זיי ברדא דאס איז אזוי א וואסער וואס מען הט אין איר גיווייקט דרייא ערליי מינים בשמים ואהלא אונ הדס אונ סיגלין. אונ די וואסער שמעקט. אמימר אונ רב אשי האבען גיוואשען זייערע הענט מיט די וואסער. אונ מר זוטרא האט ניט גיוואלט וואשען זיינע הענט מיט ד וואסער. הט אמימר אונ רב אשי גזאגט צו מר זוטרא האלט דען ניט הער רבי וואס רב ששת הט גזאגט אז מען מעג וואשען דיא הענט אום שבת מיט ברדא. האט רב מרדכי גזאגט צו זיי. דער רבי מר זוטרא אפילו אום דער וואכען וואשט ער אויך ניט די הענט מיט ברדא. ווייל ער האלט ווי דער תנא. ווארום מיר האבען גילערנט א מענטש מעג אפ רייבע

בתול נמי לא ס"ל דסבר לה כי האי תנא דתניא מגרד אדם גלדי צואה וגלדי מכה מעל בשרו בשביל צערו ואם בשביל ליפות עצמו אסור ואינהו כמאן סברוה כי הא דתניא רוחץ אדם פניו ידיו ורגליו בכל יום בשביל כבוד קונו משום שנאמר (משלי טז) כל פעל ה' למענהו: (דף נא) אמר ר"ה אמר רבי אסור להטמין את הצונן והתנן רבי התיר להטמין את הצונן לא קשיא הא מקמי דלשמעיה מרבי ישמעאל ברבי יוסי הא לבתר דלשמעיה כי הא דרבי אמר אסור להטמין את הצונן אמר לפניו רבי ישמעאל ברבי יוסי אבא התיר להטמין את הצונן אמר כבר הורה זקן. אמר רב פפא בא וראה כמה מחבבין זה את זה שאילו רבי יוסי קיים היה כפוף ויושב לפני רבי דהא רבי ישמעאל ברבי יוסי ממלא מקום אבותיו הוה וכפוף ויושב לפני רבי וקאמר כבר הורה זקן א"ל ר"נ לדרי עבדיה אטמין לי צונן ואייתי לי מיא דאחים קפילא ארמאה שמע רבי אמי איקפד

א"ר

ליפות עצמו אסור. משום דלא ילבש גבר שמלת אשה: בשביל כבוד קונו. דכתיב כי בצלם אלהים עשה את האדם ועוד דכתיב בריות נאות אומר ברוך שככה לו בעולמו: כל פעל. הכל ברא לכבודו: מותר להטמין את הצונן. מפני החמה שלא יחמו ולא גזרינן הטו הטמנה כדי שיחמו: זקן. רבי יוסי: ממלא מקום אבותיו. גדול כאביו: היה כפוף ויושב לפני רבי. מפני כבוד הנשיאות ולא היה מורה לפניו ואע"פ שגדול הימנו: כבר הורה זקן. גדלו וכבדו עליו: אטמין לי צונן. בשבת: ואייתי לי מיא וכו'. שהחם נחתום עובד כוכבים ובחול והשמעינן דאין בהם משום בישולי עובד כוכבים:

פון זיין ליב די פֿאַר טריקענטע מאטעריע פון אַמַכָּה. אויב ער האט צער אז זיי זענען אן גיקלעבט צום ליב. אָבער אז ער מיינט זיך שיין צו מאכען. טאר מען ניט. וואָרום אַזָכָר טאר זיך ניט צירען. אונ אַמֵימר מיט רב אַשי האלטען אַזוי וויא מיר האָבען גילערונט. אַמענטש דארף וואשען אַלע טאג זיין פָּנים מיט זיינע הענט אונ זיינע פיס. ער זאל זיין שיין פאר גאט. אַזוי ווי עס שטייט אין פָּסוק אַלץ האט גאט גיטאהן פון זיין כָּבוד וועגין. אונ אז אַמענטש זעהט אויס שיין איז אַכָּבוד פר גאט:

רב הונא האט גזאגט רבי זאגט מען טאר ניט שבת בעהאלטען קאלטע עסין זייא זאלען ניט ווארעם ווערין פון די זוהן. פרעגט די גמרא מיר האבען דאך גילערונט אז רבי זאגט מען מעג שבת בעהאלטען קאלטע עסין זיי זאלען ניט ווארעם ווערין פון די זוהן. ענטפערט די גמרא עס איז ניט קיין קשיא. איידער רבי האט גיהערט פון רבי ישמעאל ברבי יוסי. האט ער גזאגט מען טאר ניט. דער נאך ווי ער האט גיהערט פון רבי ישמעאל ברבי יוסי. זאגט ער מען מעג. וואָרום מיר האבען גילערונט. רבי זאגט מען טאר ניט שבת בעהאלטען קאלטע עסין זיי זאלען ניט ווארעם ווערין פון דיא זוהן. האט רבי ישמעאל ברבי יוסי גזאגט פר רבי מיין פאטער (רבי יוסי) האט גזאגט מען מעג שבת בעהאלטען קאלטע עסין זיי זאלען ניט ווארעם ווערין פון די זוהן. האט רבי גזאגט אז דער אלטער זאגט מען מעג. וועל איך ניט זאגען מען טאר ניט. פון דער צייט אן זאגט רבי אויך מען מעג. האט רב פפא גזאגט זעה ווי ליב די חכמים האבען איינער דעם אנדערין. ווען רבי יוסי וואלט גילעבט וואלט ער גיוועסען איינגיבויגען (אונטערטעניג) פר רבי. ווייל רבי איז גיוועזען גרעסער וויא רבי יוסי. וואָרום רבי ישמעאל דער זוהן פון רבי יוסי האט דער פילט דעם ארט פון זיין פאטער (רבי ישמעאל איז גיוועזען גרויס אין לערנען אזוי וויא זיין פאטער רבי יוסי) אונ רבי ישמעאל איז גיזעסען איינגיבויגען (אונטערטעניג) פר רבי. וואלט דאך רבי יוסי אויך גיזעסען אונטערטעניג פאר רבי. פון דעסטוועגין האט רבי גזאגט אויף רבי יוסי ווייל דער אלטער האט אזוי גיפסקנט וועל איך ניט פסקנען אנדערש. רב נחמן האט גזאגט צו זיין קנעכט דרי דו מעגסט שבת בעהאלטען די קאלטע עסין זיי זאלין ניט ווארעם ווערין פון דיא זוהן. אונ אום דער וואכען מעגסטו מיר ברייגגען ווארעמע וואסער וואס אַקוּכֵאר אגוי האט גיווארעמט. וויא רבי אמי האט דם גיהערט איז ער אין כעס גיווארין אויף רב נחמן. האט רב יוסף גזאגט צו רבי אמי פר וואס ביסטו אין כעס. רב נחמן האט גיטאהן אזוי ווי צוויי גרויסע לייט. איינס האט ער גיטאן אזוי וויא רב. אונ איינס אזוי ווי שמואל. וואָרום שמואל זאגט מען מעג שבת בעהאלטען קאלטע עסין זיי זאלען ניט ווארעם ווערין פון די זוהן.

אונ

א"ר יוסף מ"ט איקפד כרבוותא עבד חדא כרב וחדא כשמואל דאמר (רב יהודה אדר) שמואל מותר להטמין את הצונן וכרב דאמר (רב שמואל בר רב יצחק אמר רב) כל שהוא נאכל כמ"ת שהוא חי אין בו משום בשולי עובדי כוכבים והוא סבר אדם חשוב שאני :

כרבוותא. כרבנן: אדם חשוב שאני. שהרואה אותו שהוא מיקל עומד ומיקל יותר: שמואל קרי אריוך ע"ש שהיה בקי בדינים ושופט כמלך השופט על הארץ לשון ריכא מ"ך: והא רב נמי אמ"ה דליון דהוי בטרסקל כ"ש (נמי) מרדעת: שנשתנו עליו. ולא זכה ליפתח לו שערי

במה בהמה פרק חמישי

(דף נג) א כי סליק רבי זירא אשכחיה לרבי בנימין בר יפת דיתיב וקאמר ליה משמיה דרבי יוחנן נותנים מרדעת ע"ג חמור בשבת אמר ליה יישר וכן תרגמה אריוך בבבל אריוך מנו שמואל והא רב נמי אמרו אלא שמעיה דהוה כסיים ביה ואין תולין טרסקל בשבת א"ל יישר וכן תרגמה אריוך בבבל :

(ע"ב) ב תנו רבנן מעשה באחד שמתה אשתו והניחה בן לינק ולא היה לו שכר מניקת ליתן ונעשה לו נס ונפתחו לו דדין כב' דדי אשה והניק את בנו א"ר יוסף בא וראה כמה גדול אדם זה שנעשה לו נס כזה אמר ליה אביי אדרבה כמה גרוע אדם זה שנשתנו לו סדרי (מעשה) בראשית אמר רב יהודה בא וראה כמה קשין מזונותיו של אדם שנשתנו עליו

אונ רב זאגט די זאך וואס ווערט גיגעסן רוי : אונ אגוי האט איר גיקאכט. איז דיא זאך ניט אסור ווייל דער גוי האט איר גיקאכט. אונ וואסער טרינקט מען דאך רוי. אונ רבי אמי זאגט אלפרן דארף ניט אזוי טאהן. ווייל איינר וועט זעהן אז רב נחמן טרינקט וואסער וואס אגוי האט גיקאכט. וועט ער מיינען אז אלץ וואס אגוי קאכט מעג מען עסין. אונ ער וועט ניט וויסען דעם אונטערשייד פון די זאך וואס ווערט גיגעסין רוי. צו די זאך וואס ווערט ניט גיגעסין רוי. ער וועט מיינען אלץ מעג מען :

פרק חמישי

א כי סליק רבי זירא. אז רבי זירא איז גיקומען אין ארץ ישראל האט ער גיפונען רבי בנימין בר יפת זיצט אונ זאגט אדין פון רבי יוחנן ווענין מען מעג שבת ארויף לייגען אזאטיל אויף אאייזיל. האט רבי זירא גיזאגט צו רבי בנימין דער דין איז ריכטיג אזוי. אונ אזוי האט אריוך גיזאגט אין בבל. פרעגט די גמרא אריוך איז דאך שמואל. רב זאגט דאך אויך אזוי: ענטפערט די גמרא רבי זירא האט גיהערט אז רבי בנימין זאגט אויס אבער אקארב מיט עסין טאר מען ניט אויף איינגען אויף דעם אייזיל אום שבת. האט רבי זירא גיזאגט דער דין איז ריכטיג. אונ אזוי זאגט אריוך (שמואל) אין בבל. אבער רב האלט ניט אזוי. ווארום רב זאגט אז אקארב מיט עסין מעג מען אויך אויף איינגען אויף אאייזיל אום שבת :

ב תנו רבנן. עס איז אמאהל גישטארבען אוויב ביי אמאן אונ זיא האט גילאזין אקינד וואס האט נאך גידארפט זייגין. אונ דער מאן האט ניט גיהאט קיין געלט צוא בצאהלען פר דעם זייגין. איז גיווארין אנס עס האבען זיך גיעפינט ביי איהם צוויי בריסט אזוי ווי ביא אנקבה אונ ער האט גיזייגט זיין קינד. האט רב יוסף גיזאגט מיר קענען זעהן ווי גרויס דער מענטש איז אז גאט האט איהם גיטאהן אזוי אגרויסען נס. האט אביי גיזאגט צו רב יוסף פאר קערט וויא שלעכט איז דער מענטש אז מען האט גיענדערט ביי דעם מענטש די נאטור וואס איז בשאפען גיווארין אין דיא ערשטע זעקס טעג פון דער וועלט. אונ ער האט ניט זוכה גיוועין ער זאל פר דינגען ער זאל קענען צאהלען אאשה זיא זאל זייגין דם קינד: האט רב יהודה גיזאגט זעה ווי שווער עס איז צו געבין אמענטשין זיין שפייז. עס איז גיענדערט גיווארין ביי דעם מענטש די נאטור וואס איז בשאפען גיווארין אין די ערשטע זעקס טעג פון דער וועלט.

עליו סדרי בראשית. אמר רב נחמן תדע דמתרחיש ניסא ולא איברי מזוני. ת"ר מעשה באדם אחד שנשא אשה גדמת ולא הכיר בה עד יום מותה א"ר יוסף בא וראה כמה צנועה אשה זו שלא הכיר בה בעלה א"ל רבי חייא זו דרכה בכך אלא כמה צנוע אדם זה שלא הכיר באשתו:

(דף נד) **ג הרחלים** יוצאות כבולות מאי כבילות שמכבלים אליה שלהן למטה כדי שלא יעלו הזכרים על הנקבות מאי משמע דהאי כבול לישנא דלא עביד פרי הוה דכתיב (מלכים א ט) מה הערים האלה אשר נתת לי אחי ויקרא להם ארץ כבול עד היום הזה מאי ארץ כבול שהיו בה בני אדם שמכובלין בכסף ובזהב. א"ל רבא א"ה היינו דכתיב (שם) ולא ישרו בעיניו מפני שמכובלים בכסף וזהב לא ישרו בעיניו א"ל אין כיון דעתירי (ומפנקי) לא עבדי עבידתא ר"נ בר יצחק אמר ארץ חומטין היתה ואמאי קרו לה כבול דמשתרגא בה כרעא עד כבלא ואמרי אינשי ארעא מכבלא דלא עביד פירי:

פירוש

שכר: תדע. דקשין: דמתרחיש ניסא. מן השמים לעשות הצלות לנפשות אדם: ולא איברי מזוני. אין נס זה רגיל שיבראו מזונות לצדיקים בביתם שימצאו חטין גדלים באוצרותיהם: גדמת. ידה קטועה: דרכה בכך. נכסות כל אשה עצמה וכ"ש זו שהיתה צריכה לכך ע"כ: שמכבלין. לשון כבלי ברזל שקושרין: ויקרא להן. כב"ב עיר שנתן שלמה לחירם משתעי קרא: שמכובלין. מעוטפין ומקושרין: עבידתא. אגריא של מלך: חומטין. מלחה ומתבקעת: דמשתרגת בה כרעא. טובעת בה הרגל: עד כבלא. פרק התחתון שקורין קויל"א:

פרתו

און מען האט איהם ניט גיגעבין ער זאל פר דינגען צו שפייזן זיין קינד דורך איין אשה זי זאל איהם זייגין. אזוי וויא די גאנצע וועלט טוהט. רב נחמן זאגט מיר זעהן אז עס איז שווער די שפייז ביי אמענטשין. ווארום ווי פיל נסים עס טרעפט צו מענטשין. און דער גם טרעפט ניט אז עס זאל בשאפען ווערין שפייז ביי דעם צדיק אין שטוב:

תנו רבנן. די רבנן האבען גילערונט עס האט אמאהל גיטראפען איינער האט גענומען א ווייב וואס זי האט גיהאט נאר איין האנט. די אנדערע האנט איז גיוועזן אפ גיהאקט. און דער מאן האט גיט געוואוסט אז איר פעלט אהאנט. ביז זי איז גישטארבען. האט רב יוסף גזאגט זעה ווי פרום דיא ווייב איז גיוועזן אז דער מאן האט ניט געוואוסט אז איר פעלט אהאנט. האט רבי חייא גזאגט צו רב יוסף. דאס איז נאר ניט קיין בעווייזונג אז זי איז גיוועזן פרום. ווארום זי האט גימוזט אזוי טאהן זיא זאל זיך פר דעקין פר איר מאן. ער זאל ניט זעהן אז איר פעלט אהאנט. נאר ווי פרום איז דער מאן גיוועזן און ווי ווייניג האט ער גיקוקט אפילו אויף זיין אייגענע ווייב אז ער האט ניט געוואוסט אז איר פעלט אהאנט:

ג הרחלים יוצאות כבולות. שעפסין נקבות מעגין ארויס גיין שבת כבולות. וואס איז כבולות. זאגט די גמרא מען ציהט אראפ זייער וויידיל צו די פיס. און מען בינדט אים צו די פיס. דיא שעפסין זכרים זאלען ניט מזנה זיין מיט די שעפסין נקבות. זיי זאלען ניט מעוברות ווערין. פרעגט די גמרא פון וואנען ווייסען מיר אז אזוי אזאך וואס פון איר וועט ניט זיין קיין פירות [אדער קינדער] הייסט כבול. ענטפערט די גמרא ווארום עס שטייט אין פסוק חירם דער מלך פון צור האט גזאגט צו שלמה המלך וואס זענען די שטעט וואס דוא האסט מיר גיגעבין מיין ברודער. און ער האט גירופען די שטעט ביז היינטיגען טאג ארץ כבול. פרעגט די גמרא וואס מיינט מען ארץ כבול. זאגט דיא גמרא ווייל דיא מענטשין פון דיא שטעט זענען גיוועזן בדעקט מיט זילבער און גאלד. האט רבא גיפרעגט פר וואס שטייט אין פסוק אז דיא שטעט זענען ניט גיפעלין צו חירם. ווייל דיא מענטשין זענען גיוועזן בדעקט מיט זילבער און גאלד דריבער זענען זיי איהם ניט גיפעלין. זאגט די גמרא יא עס איז אזוי. ווייל זיי זענען גיוועזן רייך און איידיל האבען זיי ניט גיוואלט ארבעטין די פעלדער און ניט די קעניגליכע ארבעט. רב נחמן בר יצחק זאגט די ערד פון די שטעט איז גיוועזן גיזאלצען און ליים. און פאר וואס רופט מען די ערד כבול. ווייל אז מען האט גיטרעטין אויף די ערד פלעגט די פוס אריין אין

(פ"ב) ד **משנה** פיתו של רבי אלעזר בן עזריה היתה יוצאת ברצועה שבין קרניה שלא ברצון חכמים : **גמ'** וחדא פרה הוה ליה והא אמר רב יהודה אמר רב תריסר אלפי עגלי הוה מעשר רבי אלעזר בן עזריה מעדריה כל שתא ושתא תנא לא שלו היתה אלא של שכנתו היתה ומתוך שלא מיחה בה נקראת על שמו . רב ורבי חנינא ורבי יוחנן ורב חביבא מתנו בכולי סדר מועד כל כי האי זוגא חלופי רבי יוחנן ומעיילי רבי יונתן כל (מי) שאפשר למחות באנשי ביתו ולא מיחה נתפס על אנשי ביתו באנשי עירו נתפס על אנשי עירו בכל העולם (כולו) נתפס על כל העולם כולו אמר רב פפא והני דבי ריש גלותא נתפסים על כולי עלמא (אמר) [כי הא דאמר] רבי חנינא מאי דכתיב (ישעיה ג) ה' במשפט יבא עם זקני עמו ושריו אם שרים חטאו (דף נה) זקנים מה חטאו אלא אימא על זקנים שלא מיחו בשרים . רב יהודה הוה יתיב קמיה דשמואל אתאי ההיא אתתא קא צווחת קמיה ולא הוה משגח בה אמר ליה לא סבר ליה מר (משלי כא) אוטם אזנו מזעקת דל גם הוא יקרא ולא יענה אמר ליה שיננא רישך בקרירי רישא דרישך בחמימי הא יתיב

מתנו בכולי סדר מועד כל כי האי זוגא . הלכתא יחד : חלופי רבי יוחנן . יב שמחלפים רבי יוחנן ומעיילי רבי יונתן : נתפס . נענש על עבירות שבידו : בכל העולם . אכל ישראל כגון במלך ונשיא שאפשר לו למחות שיראין מפניו ומקיימין דבריו : זקנים . סנהדרין : רישך בקרירי.

די ערד ביז די קניא . אונ מענטשין פלעגין רופען די ערד ארעא מבבלא אערד וואס עס וואקסט ניט פון איר קיין פירות :

ד משנה די קוה פון רבי אלעזר בן עזריה פלעגט ארויס גיין שבת מיט אפאס פאר פלאכטען צווישען די הערנער . דס איז גיוועזן ניט מיט דעם ווילען פון דיא חכמים ; וואָרום די חכמים זאגען אז א בהמה טאר ניט אזוי גיין אום שבת . פרעגט דיא גמרא האט דען רבי אלעזר בן עזריה גיהאט נאר איין קוה ? רב האט דאך גזאגט צוועלף טויזענד קעלבער פלעגט רבי אלעזר בן עזריה געבין מעשר פון זיינע סטאדעס יעדער יאהר . ענפערט די גמרא די קוה איז ניט גיוועזן פון רבי אלעזר בן עזריה נאר פון זיין שכנה . אונ ווייל רבי אלעזר בן עזריה האט איר ניט גישטערט , ווערט גירופען די קוה אויף זיין נאמען :

רב אונ רבי חנינא אונ רבי יוחנן אונ רב חביבא האבין גילערנט (דיא זאך וואס שטייט ווייטער) . זאגט דיא גמרא אין דעם גאנצען סדר מועד וואו עס שטייט דיא פאר , נעמט מען ארויס רבי יוחנן . אונ מען שטעלט אריין רבי יונתן . וואס האבין זייא גילערנט ; ווער עס קען שטערין זיינע שטוב מענטשין זייא זאלין ניט טאהן קיין עבירות . אונ ער שטערט זייא ניט , ווערט ער גישטראפט פאר די עבירות וואס זיינע שטוב מענטשין טוהען : אונ דער וואס קען שטערין דיא מענטשין פון זיין גאנצע שטאט זייא זאלין ניט טאהן קיין עבירות . אונ ער שטערט זיי ניט . ווערט ער גישטראפט פאר דיא עבירות פון דיא גאנצע שטאט . אונ דער וואס קען שטערין די מענטשין פון די גאנצע וועלט זייא זאלין ניט טאהן קיין עבירות . אונ ער שטערט זייא ניט . ווערט ער גישטראפט פאר דיא עבירות פון דיא גאנצע וועלט . רב פפא זאגט דיא מענטשין פון ריש גלותא ווערין גישטראפט ווערין פאר דיא עבירות פון דיא גאנצע וועלט פון אלע יודען . רבי חנינא זאגט וואס מיינט דער פסוק גאט וועט האבין א משפט מיט דיא אלטע לייט פון זיין פאלק אונ מיט די שרים . אויב דיא שרים האבין געזינדיגט וואס האבין געזינדיגט זייא אלטע לייט . נאר דיא אלטע לייט האבין געזינדיגט פאר וואס זייא האבין ניט גישטראפט די שרים זייא זאלען ניט זינדיגען : רב יהודה איז גיזעסין פאר שמואל איז גיקומען א אשה אונ האט געשריגען פאר אים . אונ ער האט ניט גיוואלט הערין וואס זיא שרייט . האט רב יהודה גיזאגט צו שמואל האלסטו דען ניט דעם פסוק אז איינער פארמאכט זיין אויער ער זאל ניט הערין די געשרייא פון ארעם מאן . אז ער וועט רופין צוא גאט . וועט גאט אים אויך ניט ענפערין . האט שמואל גיזאגט צוא רב יהודה . דוא למדן . דיין רבי וועט ניט אפ געבריט

יתיב מר עוקבא אב בית דין דכתיב (ירמיה כא) בית דוד כה אמר ה' דינו לבקר משפט והצילו וגו' אמר ליה רבי זירא לרבי סימון לוכחינהו מר להני דבי ריש גלותא אמר ליה לא מקבלי מינאי. אמר ליה אף על גב דלא מקבלי לוכחינהו מר דאמר רבי אחא ברבי חנינא מעולם לא יצתה מדה טובה מפי הקב"ה וחזר בה לרעה חוץ מדבר זה דכתיב (יחזקאל ט) ויאמר ה' אלי עבור בתוך העיר והתוית תיו על מצחות האנשים הנאנחים והנאנקים על כל התועבות הנעשות וגו' אמר לו הקב"ה לגבריאל לך ורשום על מצחן של צדיקים תיו של דיו שלא ישלטו בהם מלאכי חבלה ועל מצחם של רשעים תיו של דם כדי שישלטו בהם מלאכי חבלה אמרה מדת הדין לפני הקב"ה רבונו של עולם מה נשתנו אלו מאלו אמר לה הללו צדיקים גמורים והללו רשעים גמורים. אמרה לפניו רבונו של עולם היה בידם למחות ולא מיחו. אמר לה גלוי וידוע לפני שאם מיחו בהם לא יקבלו מהם. אמרה לפניו רבונו של עולם אם לפניך גלוי להם

אני שאני רבך איני נכוה אבל מר עוקבא שאינו רבם לי ולך ואב ב"ד יכוה בחמין: דכתיב בית דוד וגו'. לא עשה אלא מי שבידו לשפוט: חוץ מדבר זה. שנאמר במקרא זה שהוציא דבר לטובה ומפי עוכה הוכחה חזר בו: והתוית תיו על מצחות האנשים הנאנחים והנאנקים על כל התועבות הנעשות בתוכה. אלו צדיקים: שלא ישלטו בהם מלאכי חבלה. שאני רוצה לכלות בעיר: כיום דכתיב. מעיקרא ועל כל איש אשר עליו התיו אל

יֶערִין. אַזוֹי וִויא מֶען וֶוערְט נִיט אָפּ גֶעבְּרִיט פוּן קאַלְטֶע וַואסֶר. אָבֶּער דֶער רֶבִּי פוּן דַיין רֶבִּי וֶועט אָפּ גֶעבְּרִיט וֶוערֶען אַזוֹי וִויא מֶען וֶוערְט אָפּ גֶעבְּרִיט פוּן הֵייסֶע וַואסֶער. דָאס מֵיינְט מֶען אִיךְ וֶועל נִיט גִישְׁטְרָאפְט וֶוערִין. נָאר מַיין רֶבִּי וֶועט יָא גִישְׁטְרָאפְט וֶוערִין. מַיין רֶבִּי מַר עוּקְבָא וָואס עֶר אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער פוּן בֵּית דִין זִיצְט דָאךְ אוֹיךְ דָא. אוּנ עֶר הֶערְט וִויא דִיא אִשָּׁה שְׁרַייט. פַאר וָואס עֶנְפֶערְט עֶר אִיר נִיט. אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק. גָאט הָאט גִיזָאגְט צוּ דִי מִשְׁפָּחָה פוּן דָוִד הַמֶּלֶךְ אַלֶע פְרִיה מָארְגֶען זָאלְט אִיר מִשְׁפָּטִין דָאס פָאלְק. הָאט גָאט נָאר גִיבָּאטִין אוֹיף דֶעם מִשְׁפָּט צוּ דִיא גְרוֹיסֶע דַייָנִים. אָבֶּער נִיט צוּ דִי קְלֵיינֶע דַייָנִים: רַבִּי זֵירָא הָאט גִיזָאגְט צוּא רַבִּי סִימוֹן עֶר זָאל שְׁטְרָאפֶען דִיא מֶענְטְשִׁין פוּן רֵישׁ גָלוּתָא. הָאט רַבִּי סִימוֹן גִיזָאגְט זֵייא וֶועלֶען נִיט אָן נֶעמֶען מַיינֶע שְׁטְרָאפוּנְג. הָאט רַבִּי זֵירָא גִיזָאגְט אֲפִילוּ זֵייא וֶועלֶען נִיט אָן נֶעמֶען דִיא שְׁטְרָאפוּנְג פוּן דֶעסְט וֶועגֶען זָאלְסְטוּ זֵייא שְׁטְרָאפֶען. וָוארוּם רַבִּי אַחָא בְּרַבִּי חֲנִינָא הָאט גִיזָאגְט עֶס הָאט קֵיין מָאהל נִיט גִיטְרָאפֶען אַז גָאט זָאל צוּא זָאגִין אֵיינֶעם גוּטְס צוּ טָאהן. אוּנ דֶער נָאךְ זָאל עֶר חֲרָטָה הָאבִּין אוּנ עֶר זָאל אִים שְׁלֶעכְטְס טָאהן. נָאר אוֹיף דִי עֲבֵירָה וָואס אֵיינֶער שְׁטְרָאפְט נִיט דֶעם אַנְדֶערִין. אֲפִילוּ גָאט הָאט דֶעם מֶענְטְשִׁין צוּ גִיזָאגְט גוּטְס צוּ טָאהן. הָאט גָאט חֲרָטָה אוּנ עֶר טוּהְט אִים שְׁלֶעכְטְס; וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק. גָאט הָאט גִיזָאגְט צוּ מִיר גֵייא דוּרְךְ אִין דִיא שְׁטָאט אוּנ זָאלְסְט מַאכֶען אַצֵייכֶען אוֹיף דִיא שְׁטֶערִינְס פוּן דִיא מֶענְטְשֶׁען וָואס זִיפְצֶען אוּנ שְׁרַייעֶן אוֹיף דִיא אַלֶע מִיאוּסֶה זַאכִין וָואס עֶס וֶוערְט גִיטָאהן. גָאט הָאט גִיזָאגְט צוּם מַלְאָךְ גַבְרִיאֵל גֵייא אוּנ שְׁרַייבּ אַצֵייכֶען אוֹיף דִי שְׁטֶערִינְס פוּן דִיא צַדִיקִים. אַתָּיו מִיט טִינְט. אַז דִיא מַלְאֲכֵי חַבָּלָה זָאלִין נִיט גִיוָועלְטִיגֶען אוֹיף זֵייא צוּא שְׁטְרָאפֶען זֵייא; אוּנ אוֹיף דִיא שְׁטֶערִינְס פוּן דִיא רְשָׁעִים זָאל עֶר שְׁרַייבִּין אַתָּיו מִיט בְּלוּט. דִי מַלְאֲכֵי חַבָּלָה זָאלֶען אוֹיף זֵייא יָא גִיוָועלְטֶעגֶען צוּ שְׁטְרָאפֶען זֵייא. הָאט דֶער מִדַּת הַדִין גִיזָאגְט פַאר גָאט. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם פַאר וָואס זָאלֶען זַיין גִיעֶנְדֶערְט דִי מֶענְטְשִׁין פוּן דִי מֶענְטְשִׁין. פַאר וָואס זָאלִין דִיא מֶענְטְשִׁין גִישְׁטְרָאפְט וֶוערִין אוּנ דִי מֶענְטְשִׁין זָאלִין נִיט גִישְׁטְרָאפְט וֶוערִין. הָאט גָאט גִיזָאגְט צוּא דֶעם מִדַּת הַדִין. דִיא זֶענֶען רִיכְטִיגֶע צַדִיקִים. אוּנ דִי זֶענֶען רִיכְטִיגֶע רְשָׁעִים. הָאט דֶער מִדַּת הַדִין גִיזָאגְט פַאר גָאט. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם. הַאר פוּן דִיא גַאנְצֶע וועלט. דִיא צַדִיקִים הָאבִּין גִידַארְפְט שְׁטְרָאפִין דִיא רְשָׁעִים. אוּנ זֵייא הָאבִּין נִיט גִישְׁטְרָאפְט. הָאט גָאט גִיזָאגְט צוּם מִדַּת הַדִין אִיךְ וֵוייס אַז אֲפִילוּ דִיא צַדִיקִים וָואלְטִין זֵייא גִישְׁטְרָאפְט. וָואלְטִין זֵייא נִיט אָן גִינוּמֶען דִיא שְׁטְרָאף. אוּנ זֵייא וָואלְטֶען נִיט בֶּעסֶר גִיוָוארֶען. הָאט דֶער מִדַּת הַדִין גִיזָאגְט פַאר גָאט. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם. דוּא וֵוייסְט טַאקִי אַז דִיא רְשָׁעִים וָואלְטֶען נִיט

להם מי גלוי והיינו דכתיב (שם) זקן בחור ובתולה טף ונשים תהרגו למשחית ועל כל איש אשר עליו הת״ו אל תגשו ומםקדשי תחלו וכתיב (שם) ויחלו באנשים הזקנים אשר לפני הבית תני רב יוסף אל תקרי ממקדשי אלא ממקודשי. אלו בני אדם שקיימו את התורה מאל״ף ועד תי״ו ומיד והנה ששה אנשים באים מדרך (שער) העליון אשר מפנה צפונה ואיש כלי מפצו בידו ואיש אחד בתוכם לבוש הבדים וקסת הסופר במתניו ויבאו ויעמדו אצל מזבח הנחשת. מזבח הנחשת מי הוה אמר לו הקב״ה התחילו ממקום שאומרים שירה לפני. ומאן נינהו ששה אנשים אמר רב חסדא קצף אף וחמה ומשחית ומשבר ומכלה ומאי שנא תיו (א״ר) תיו תחיה תיו תמות ושמואל אמר תמה זכות אבות ורבי יוחנן אמר תחון זכות אבות. ור״ל אמר תיו סוף חותמו של הקב״ה דאמר רבי חנינא חותמו של הקב״ה אמת (אמר) רבי שמואל בר נחמני אלו בני אדם שקיימו כל התורה כולה מאל״ף ועד תי״ו. כאימתי תמה זכות אבות. אמר רב מימות הושע בן בארי. שנאמר (הושע ב) אגלה

הגשו ולבסוף וממקדשי תחלו: ממקודשי. שאותם לקטרוג מדת הדין וחזר בו מן הטוב: מי הוה. מזבח הנחשת בימי יחזקאל והלא שלמה גנזו ועשה מזבח האבנים של כ״ב אמה דכתיב כי מזבח הנחשת אשר לפני ה׳ קטן מהכיל כאדם שאומר לחברו ננס פלוני ופסול לעבודה: ממקום שאומרים שירה. מן הלוים שאומרים שיר בכלי נחשת: תי״ו המות לרשעים: חותמו של הקב״ה אמת. אמצעית לאותיות וראש; ואחרון על שם אני ראשון ואני אחרון ואני הוא: אלו בני אדם וכו׳. שתי״ו סימן להם שקיימו

אָן גינוּמען דיא שְׁטְרָאף פוּן דיא צַדִיקִים. אָבֶּער דיא צַדִיקִים ווייסין דָאס נִיט. האבין זייא גידַארְפְט טָאהן וואס צוּ זייא גיהֶער אוּנ שְׁטְרָאפֶען. אִיצְט אִיז רֶעכְט וואס אִין פָּסוּק שְׁטֵייט צַאַלְטִין אוּנ איוּנְגְען אוּנ אַבְּתוּלָה אוּנ קְלֵיינֶע קִינְדֶר אוּנ ווייבֶּער אַלֶע זָאלְט אִיר הַרְגְנֶען צוּם פַארְדַארְבִּין. אוּנ דיא אַלֶע מֶענְטְשִׁין וואס אוֹיף זייא אִיז דֶער צייכין (פוּן לֶעבֶּען) צוּ זייא זָאלְט אִיר נִיט גִינֶענֶען. זייא זָאלְט אִיר נִיט הַרְגְנֶען. וָדאס אִיז גיוועזען פְרִיעֶר אֵיידֶער דֶער מִדַת הַדִין האט מְקַטְרֵג גיוועזען. דֶער נָאך שְׁטֵייט אִין פָּסוּק וּמִמִקְדָשִׁי תָּחֵלוּ. נָאך שְׁטֵייט אִין פָּסוּק זייא האבֶּען אָן גיהויבֶּען צוּ הַרְגְנֶען דִיא אַלְטֶע מֶענְטְשִׁין וואס זֶענֶען גישְׁטַאנֶען פַאר דֶעם בֵּית הַמִקְדָשׁ. אוּנ רַב יוֹסֵף האט גילֶערוּנְט זָאלְסְט נִיט לֵייעֶנֶען ״מִמִקְדָשִׁי תָּחֵלוּ״ נָאר זָאלְסְט לֵייעֶנֶען מִמְקוּדָשַׁי תָּחֵלוּ. פוּן מַיינֶע הֵיילִיגֶע זָאלְט אִיר אָן הֵייבֶּען צוּ הַרְגְנֶען. דָאס מֵיינְט מֶען דִי מֶענְטְשִׁין וואס האבֶּען מְקַיֵים גיוועזען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה פוּן אַלֶף בִּיז תָּיו. אוּנ בַּאלְד זֶענֶען גיקוּמֶען זֶעקְס מֶענְטְשִׁין פוּן דִי וועג וואס מֶען גֵייט צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטֶען טוֹיעֶר וואס עֶר אִיז אִין צְפוֹן זַייט. אוּנ יֶעדֶער מענטש (פוּן דִי זֶעקְס מֶענְטְשִׁין) האט גיהַאלְטֶען אִין האנְט כֵּלִים צוּם הַרְגְנֶען. אוּנ אֵיין מֶענְטְשׁ אִיז גיוועזען צְווִישֶׁען זייא גִיקְלֵיידֶעט אִין לֵיינְוַואנְדֶענֶע קְלֵיידֶער. אוּנ אַפֶּעדֶער פוּן אַשְׁרַייבֶּער האט גישְׁטֶעקְט אִין זַיינֶע לֶענְדֶען. אוּנ זייא זֶענֶען גיקוּמֶען אוּנ האבֶּען זִיך גישְׁטֶעלְט בַּייא דֶעם קוּפֶּערְנֶעם מִזְבֵּחַ. פְרֶעגְט דִי גְמָרָא אִין דִי צַייט פוּן יְחֶזְקֵאל הַנָבִיא אִיז דָאך נִיט גיוועזען קֵיין קוּפֶּערְנֶער מִזְבֵּחַ. עֶנְטְפֶערְט דיא גְמָרָא גָאט האט גיזָאגְט צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ אִיר זָאלְט אָנְהֵייבִּין הַרְגְנֶען פוּן דִיא מֶענְטְשִׁין וואס שְׁטֵייעֶן אוֹיף דֶעם אָרְט וואס מֶען זָאגְט פַאר מִיר שִׁירָה (וואס מֶען שְׁפִּילְט) מִיט קוּפֶּערְנֶע כֵּלִים. זָאגְט דִי גְמָרָא ווער זֶענֶען דִי זֶעקְס מֶענְטְשִׁין. האט רַב חִסְדָא גיזָאגְט דָאס זֶענֶען זייא. קֶצֶף אַף חֵמָה מַשְׁחִית מְשַׁבֵּר מְכַלֶה. דֶער כַּעַס פוּן גָאט וואס עֶר פַארְדַארְבְּט אוּנ צוּבְּרֶעכְט אוּנ פַארְלֶענְדְט. פְרֶעגְט דיא גְמָרָא פַאר וואס האט מֶען גֶעשְׁרִיבֶּען צַדִיק. האט רַב גיזָאגְט ת מַאכְט תְּחְיֶה. אוּנ ת מַאכְט תָּמוּת. אוּנ שְׁמוּאֵל זָאגְט ת מַאכְט ״תַּמָה זְכוּת אָבוֹת״. זְכוּת אָבוֹת האט זִיך אוֹסְגֶעלָאזְט. אוּנ רַבִּי יוֹחָנָן זָאגְט ת מַאכְט ״תָּחוֹן זְכוּת אָבוֹת״ גָאט וועט אוֹיף אַייך רַחֲמָנוּת האבֶּען דוּרְך דֶעם זְכוּת פוּן דיא אָבוֹת. אוּנ רֵישׁ לָקִישׁ זָאגְט דֶער לֶעצְטֶער אוֹת פוּן דיא חֲתִימָה פוּן גָאט. אִיז אַתָּיו. ווארוּם רַבִּי חֲנִינָא האט גיזָאגְט דיא חֲתִימָה פוּן גָאט אִיז. אֱמֶת. רַבִּי שְׁמוּאֵל בַּר נַחְמָנִי זָאגְט דֶער ת אִיז אַסִימָן אַז דיא מֶענְטְשִׁין האבְּען מְקַיֵים גיוועזען דיא גַאנְצֶע תּוֹרָה פוּן א בִּיז ת. פְרֶעגְט דיא גְמָרָא ווען האט זִיך אוֹיס גילָאזְט דֶער זְכוּת פוּן דִי אָבוֹת. רַב זָאגְט אִין דִי צַייט פוּן הוֹשֵׁעַ בֶּן בְּאֵרִי. אַזוֹי וויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק.

אגלה את נבלותה לעיני מאהביה ואיש לא יצילנה מידי. ושמואל אמר מימי חזאל שנאמר (מלכים ב יג) וחזאל מלך ארם לחץ את ישראל כל ימי יהואחז וכתיב (שם) ויחן ה' אותם וירחמם ויפן אליהם למען בריתו את אברהם יצחק ויעקב ולא אבה השחיתם ולא השליכם מעל פניו עד עתה ור"י בן לוי אמר מימי אליהו שנאמר (שם א יח) ויהי בעלות המנחה ויגש אליהו הנביא ויאמר ה' אלהי אברהם יצחק וישראל היום יודע וגו'. ורבי יוחנן אמר מימי חזקיהו שנאמר למרבה המשרה ולשלום אין קץ על כסא דוד ועל ממלכתו להכין אותה ולסעדה במשפט ובצדקה מעתה ועד עולם קנאת ה' צבאות תעשה זאת (ישעיה ט):

אמר רבי אמי אין מיתה בלא חטא ואין יסורין בלא עון. אין מיתה בלא חטא דכתיב (יחזקאל יח) הנפש החוטאת היא תמות. אין יסורין בלא עון דכתיב (תהלים פט) ופקדתי בשבט פשעם ובנגעים עונם

אלא בשורה מרחם ועד סוף: ואיש לא יצילנה. שאין עוד זכות לאבות שאכלום: ויפן אליהם למען בריתו את אברהם וגו'. ולא השליכם מעל פניו עד עתה. אבל מכאן והילך השליכם ולא פנה אל זכות ברית אבות: אלהי אברהם יצחק וישראל היום יודע. שאתה זוכר ברית אברהם יצחק וישראל מדקאמר היום יודע והו לא מכלל דהאידנא וע"י תמיהם הוזכרה להם בימי אחאב: בימי חזקיהו. דכתיב מעתה ועד עולם קנאת ה' לבדה תעשה זאת ולא זכות אבות:

בלא חטא. החטא של אדם גורם לו מיתה: בשבט ובנגעים. היינו יסורין וקאמר שאין באין אלא

גאט זאגט: איך וועל אויפדעקן איר שאנד פאר די אויגען פון די מענטשין וואס זיא האט זייא ליב גיהאט: אונ קיין מענטש (אפילו די אבות) וועלין איר ניט מציל זיין פון מיין האנט. אונ שמואל זאגט אין די צייט פון חזאל האט זיך אויס גילאזין דער זכות פון די אבות. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק: חזאל דער מלך פון ארם האט צו גענדריקט די יודען אין די גאנצע צייט ווען יהואחז איז גיוועזן א מלך. אונ נאך שטייט אין פסוק גאט האט רחמנות גיהאט אויף די יודען. אונ ער האט זיך גיקערט צו זיי. פון וועגין דעם ברית (דעם פערבינדונג) וואס ער האט גיהאט מיט אברהם אונ יצחק אונ יעקב. אונ ער האט זיי ניט גיוואלט פארדארבען: אונ ער האט זיי ניט אוועק גיווארפען פון זיך ביז איצט. (אבער פון איצט אונ ווייטער האט זיך אויס גילאזט דער זכות פון די אבות. אונ ער וועט זיי יא אוועק ווארפען. ביז זייא וועלין האבען זייער אייגענעם זכות). רבי יהושע בן לוי זאגט אין די צייט פון אליהו הנביא האט זיך אויס גילאזין דער זכות פון די אבות. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק: אז דיא מנחה איז אויף גיגאנגען האט אליהו הנביא גיגענט אונ האט גזאגט גאט פון אברהם אונ יצחק אונ יעקב היינט זאל דער וואוסט ווערין אז דוא ביסט אגאט ביי דיא יודען (ווייל ער האט גיבעטין היינט זאל דער וואוסט ווערין. פאר שטייט מען אז דער זכות אבות האט זיך שוין אויס גילאזט. נאר אליהו הנביא האט תפלה גיטאהן אז דאס איינע מאהל זאל נאך גאט דער מאנען דעם זכות פון דיא אבות): רבי יוחנן זאגט אין דיא צייט פון חזקיהו המלך האט זיך אויס גילאזט דער זכות פון די אבות. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק. צו מערין דיא גיוועלטיגקייט אונ דעם שלום אן אסוף. אויף דיא שטוהל פון דוד אונ אויף זיין קעניגרייך. אז צו בפעסטיגען זיא אונ צו שטיצען איר מיט משפט אונ מיט צדקה. פון איצט ביז אייביג וועט דאס טאהן דיא קנאה פון גאט. אבער ניט דער זכות פון דיא אבות. ווארום דער זכות פון דיא אבות האט זיך שוין אויס גילאזין):

ה רבי אמי זאגט אמענטש שטארבט ניט אז ער האט ניט קיין חטא. אונ עס קומט ניט יסורים אויף אמענטש אז ער האט ניט קיין עון (אז מען טוהט אעבירה אומגעריכט. הייסט חטא. אונ אז מען טוהט אעבירה מיט דעם גאנצען ווילען. הייסט עון): פון וואנען ווייסען מיר אז מען שטארבט ניט אן אחטא. ווארום עס שטייט אין פסוק די נשמה וואס וועט האבען אחטא. זיא וועט זינדיגען בשוגג (אומגעריכט) זיא וועט שטארבען. (אבער אז זיא וועט ניט זינדיגען וועט זי ניט שטארבען): אונ פון וואנען ווייסען מיר אז עס קומט ניט יסורים אן אעון. ווארום עס שטייט אין פסוק איך וועל זיי שטראפען מיט א רוט אויף זייערע פשעים. אונ וועל זייא

עונם (פ״נ) מיתיבי אמרו מלאכי השרת לפני הקב״ה רבש״ע מפני מה קנסת מיתה על אדם הראשון אמר להם מצוה קלה צויתיו ועבר עליה. (אמרו ליה) והלא משה ואהרן שקיימו כל התורה כולה ומתו אמר להם (קהלת ט) מקרה אחד לצדיק ולרשע לטוב וגו׳. הוא דאמר כי האי תנא דתניא ר״ש בן אלעזר אומר אף משה ואהרן בחטאם מתו שנאמר (במדבר כ) יען לא האמנתם בי דא האמנתם בי עדיין לא הגיע זמנכם ליפטר מן העולם מיתיבי ד׳ מתו בעטיו של נחש ואלו הן בנימין בן יעקב ועמרם אבי משה וישי אבי דוד וכלאב בן דוד וכלהו גמרא לבר מישי אבי דוד דמפרש ביה קראי דכתיב (שמואל ב׳ ט) ואת עמשא שם אבשלום תחת יואב על הצבא ועמשא בן איש ושמו יתרא הישראלי אשר בא אל אביגיל בת נחש אחות צרויה אם יואב וכי בת נחש הואי והלא בת ישי הואי דכתיב (ד״ה ב) ואחיותיהם צרויה ואביגיל אלא בת מי שמת בעטיו של נחש מני אילימא תנא דמלאכי השרת והלא איכא משה ואהרן. אלא

מת״ם פקידת עון: בעטיו של נחש. בעצתו של נחש שהשיאה לחוה ולא בחטא אחרת שלא חטאו. כמו עיטא וטעם: ואחיותיהם. בבני ישי

שטראפען מיט נגעים אויף זייערע עונות (ווארום מיט נגעים מיינט מען יסורים). אבער אז מען וועט ניט האבען קיין פשעים מיט עונות. וועט מען ניט האבען קיין יסורים. פרעגט די גמרא מיר האבען דאך געלערנט. די מלאכים האבען געזאגט פאר גאט. רבונו של עולם פאר וואס האסטו געקנסת מיתה אויף אדם הראשון. האט גאט געזאגט צו די מלאכים איך האב אים געבאטען א גרינגע מצוה. אונ ער האט ניט געהאלטען די מצוה. האבען די מלאכים געזאגט פאר גאט משה אונ אהרן האבען דאך מקיים געווען די גאנצע תורה. פאר וואס זענען זיי געשטארבען. האט גאט געזאגט צו די מלאכים. עס איז איין טרעפונג צום צדיק אונ צום רשע. ביידע מיזען שטארבען. זעהן מיר דאך אז אן א חטא שטארבט מען אויך. איז דאך א קשיא אויף רבי אמי. ענטפערט די גמרא רבי אמי זאגט וויא דער תנא. ווארום מיר האבען געלערנט רבי שמעון בן אלעזר זאגט משה אונ אהרן זענען אויך געשטארבען פאר זייער חטא. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ווייל איר האט מיר ניט געגלויבט צו הייליגען מיך ביי די וואסער. דריבער וועט איר שטארבען אבער אז איר וואלט מיר יא געגלויבט וואלט נאך ניט געקומען אייער צייט איר זאלט אוועק גיין פון דער וועלט. פרעגט די גמרא מיר האבען דאך געלערנט פיר מענטשין זענען געשטארבען אן אעבירה. נאר דורך די עצה פון שלאנג וואס ער האט אן גירעט חוה זיא זאל עסין פון עץ הדעת. האט גאט גוזר געווען אויף אלע מענטשין זיי זאלען שטארבען. דאס זענען די פיר מענטשין בנימין בן יעקב. אונ עמרם דער פאטער פון משה רבינו. אונ ישי דער פאטער פון דוד המלך. אונ כלאב דער זוהן פון דוד המלך. די אלע דריי מענטשין האבען מיר געלערנט אויס ווייניג אז זיי זענען געשטארבען אן אעבירה. אויסער ישי דער פאטער פון דוד שטייט אין פסוק אז ער איז געשטארבען אן אעבירה. ווארום עס שטייט אין פסוק אבשלום האט געמאכט עמשא זאל זיין אעלצטער איבער דעם חיל. אויף דעם ארט פון יואב אונ עמשא איז געווען דער זוהן פון א מענטש וואס האט געהייסען יתרא הישראלי וואס ער איז געווען ביי אביגיל די טאכטער פון נחש די שוועסטער פון צרויה די מוטער פון יואב. פרעגט די גמרא איז דען אביגיל געווען די טאכטער פון נחש. זיא איז דאך געווען די טאכטער פון ישי. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק די שוועסטער (די טעכטער פון ישי) זענען געווען צרויה אונ אביגיל. נאר אזוי מיינט מען אביגיל איז געווען די טאכטער פון דעם מענטש וואס ער איז געשטארבען דורך די עצה פון נחש. פרעגט די גמרא ווער האט געלערנט די ברייתא וואס פיר זענען געשטארבען אן אעבירה). זאלען מיר זאגען דער תנא וואס האט געלערנט די רייד פון די מלאכים (וויא פריער שטייט). דער תנא זאגט דאך אז משה אונ אהרן זענען אוך געשטארבען אן אעבירה. באדף מען דאך רעכענען זעקס מענטשין זענען געשטארבען אן

אלא לאו רבי שמעון בן אלעזר היא וש"מ יש מיתה בלא חטא ויש יסורין בלא עון ותיובתא דרבי אמי תיובתא:

ו **אמר** רבי שמואל בר נחמני אמר רבי יונתן כל האומר ראובן חטא אינו אלא טועה שנאמר (בראשית לה) ויהיו בני יעקב שנים עשר מלמד ששקולים כאחד אלא מה אני מקיים (שם) וישכב את בלהה פילגש אביו מלמד שבלבל מצעו של אביו ומעלה עליו הכתוב כאילו שכב את בלהה. תני רשב"א אומר מוצל אותו צדיק מאותו עון ולא בא מעשה זה לידו אפשר עתיד זרעו לעמוד על הר עיבל ולומר (דברים כז) ארור שוכב עם אשת אביו ויבא חטא זה לידו אלא מה אני מקיים וישכב את בלהה פילגש אביו עלבון אמו תבע אמר אם אחות אמי היתה צרה לאמי שפחת אחות אמי תהא צרה לאמי עמד ובלבל את מצעה. אחרים אומרים ב' מצעות בלבל אחד (אחת) של שכינה וא' (ואחת) של אביו. והיינו דכתיב (שם מט) אז חללת יצועי עלה א"ת יצועי

תשובתא: אלא לאו רבי שמעון בן אלעזר. דאמר משה ואהרן בחטאם מתו ומודה נמי: כל האומר ראובן חטא. במעשה בלהה: דכתיב. בההוא קרא ויהיו בני יעקב וגו' להודיע מלבך שלא החבדנו: ויבא חטא זה לידו. ויגזור הקב"ה שיהיו בניו מן המקללים. כוון הרב לדקדק עליו אמיתי: אחת של שכינה. כך היה יעקב עושה בכל אהלי נשיו מעמיד מטה לשכינה ובמותו אהל שהיה רואה בו שכינה בזה בא ולן אותו הלילה: אחלת. אותו גם שעלה על יצועי דהיינו שכינה מדלא כתיב יצועי עלית. טעם אחר עד בלא נכנס אבי:

אַעֲבֵירָה. נָאר גֶעווִיס הָט דָם גֶיקְלֶערוּנְט רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן אֶלְעָזָר ווָס עֶר זָאגְט אַז משֶׁה אוּנ אַהֲרֹן זֶענֶען אויך גֶישְׁטָארְבֶּען פַר אַעֲבֵירָה. אָבֶּער דִיא פִיר זֶענֶע גֶעווִיס גֶישְׁטָארְבֶּען אָן אַעֲבֵירָה. זֶעהְן מִיר דָאךְ אַז אָן אַחֵטְא שְׁטַארְבְּט מֶען אויך. אוּנ אָן אַעָוֹן קוּמְט אויך יִסוּרִים. אִיז דָאךְ אַקַשְׁיָא אויף רַבִּי אַמִי. בְּלַייבְּט אַקַשְׁיָא:

ו רַבִּי שְׁמוּאֵל בַּר נַחֲמָנִי הָט גֶזָאגְט פוּן רַבִּי יוֹנָתָן ווֶעגִין דֶער ווָאס זָאגְט רְאוּבֵן הָאט גֶעזִינְדִיגְט מִיט בִּלְהָה הָט עֶר אַטָעוּת. ווָארוּם אִין פָּסוּק שְׁטֵייט דִיא קִינְדֶער פוּן יַעֲקֹב זֶענֶען גֶיוֶועְן צְווֶעלְף. דֶער פָּסוּק לֶערוּנְט אוּנְז אַז אַלֶע קִינְדֶער זֶענֶען גֶיוֶועְן גְלַייךְ. אַלֶע הָאבֶּען נִיט גֶעזִינְדִיגְט. נָאר ווָס דֶען שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אויף רְאוּבֵן אַז עֶר אִיז גֶילֶעגִין מִיט בִּלְהָה דִי פִילֶגֶשׁ פוּן זַיין פָאטֶער. מֶען מֵיינְט עֶר הָט צוּ מִישְׁט דֶעם גֶילֶעגֶער פוּן זַיין פָאטֶער ווָארוּם דִי בֶּעט פוּן יַעֲקֹב אִיז אֵייבִּיג גֶישְׁטַאנֶען אִין דֶעם גֶיצֶעלְט פוּן רָחֵל. אוּנ אַז רָחֵל אִיז גֶישְׁטָארְבֶּען הָט יַעֲקֹב גֶישְׁטֶעלְט זַיין בֶּעט אִין דֶעם גֶיצֶעלְט פוּן בִּלְהָה. הָט רְאוּבֵן גֶזָאגְט דִי דִינְסְט פוּן מַיין מוּטֶערְס שְׁוֶועסְטֶער זָאל זַיין בֶּעסֶער ווִיא מַיין מוּטֶער. הָט עֶר גֶענוּמֶען דִי בֶּעט פוּן יַעֲקֹב אוּנ הָט אִיר גֶישְׁטֶעלְט אִין דֶעם גֶיצֶעלְט פוּן זַיין מוּטֶער לֵאָה. רֶעכֶנְט אִיהם דֶער פָּסוּק אַז דִיא עֲבֵירָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס גְלַייךְ ווִיא עֶר הָאלְט גֶילֶעגִין מִיט בִּלְהָה. מִיר הָאבֶּען גֶילֶערוּנְט רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן אֶלְעָזָר זָאגְט דֶער צַדִיק (רְאוּבֵן) אִיז רֵיין פוּן דִיא עֲבֵירָה. אוּנ דִיא מַעֲשֶׂה אִיז גָאר נִיט גִיקוּמֶען צוּ אִיהם. ווָארוּם אִיז דֶען מֶעגְלִיךְ זַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען גֶיוֶועְן אָן גִיבְּרֵייט צוּ שְׁטֵיין אויף דֶעם בַּארְג עֵיבָל אוּנ זָאגֶען פַר פְלוּכְט זָאל זַיין דֶער ווָס ווֶעט לִיגֶען מִיט זַיין פָאטֶערְס ווַייבּ. ווֶעט עֶר טָאהְן אַזוֹי אַעֲבֵירָה. נָאר ווָאס דֶען שְׁטֵייט אִין פָּסוּק עֶר אִיז גֶילֶעגִין מִיט בִּלְהָה דִיא פִילֶגֶשׁ פוּן זַיין פָאטֶער. נָאר מֶען מֵיינְט עֶר הָט גִימָאנְט דִיא חֶרְפָּה פוּן זַיין מוּטֶער. אוּנ עֶר הָט גֶזָאגְט אוֹיבּ דִי שְׁוֶועסְטֶער פוּן מַיין מוּטֶער אִיז גֶיוֶועְן אַצָרָה צוּ מַיין מוּטֶער. דִיא דִינְסְט פוּן מַיין מוּטֶערְס שְׁוֶועסְטֶער זָאל אויךְ זַיין אַצָרָה צוּ מַיין מוּטֶער. אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען אוּנ הָט צוּ מִישְׁט דִי גֶילֶעגֶערְס וְעֶר הָט אַרַיין גֶישְׁטֶעלְט דִיא בֶּעט פוּן יַעֲקֹב אִין דֶעם גִיצֶעלְט פוּן זַיין מוּטֶער לֵאָה. אַנְדֶערֶע זָאגֶען צְווֵיי בֶּעטִין הָט רְאוּבֵן פַר מִישְׁט אֵיין בֶּעט פוּן דִי שְׁכִינָה. אוּנ אֵיין בֶּעט פוּן זַיין פָאטֶער ווָארוּם. יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט גִיהַאט פִיר גִיצֶעלְטִין צוּ זַיינֶע פִיר ווַייבֶּער. אוּנ אִין יֶעדֶער גִיצֶעלְט הָט עֶר גִישְׁטֶעלְט אַבֶּעט פַאר דִיא שְׁכִינָה. אוּנ אִין דֶעם גִיצֶעלְט ווָס עֶר הָט גִיזֶעהְן דִיא שְׁכִינָה אויף דֶעם בֶּעט. אִין דֶעם גִיצֶעלְט הָאט עֶר גִינֶעכְטִיגְט (דִיא נַאכְט). דְרִיבֶּער אִיז רֶעכְט ווָאס עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דוּא הָאסְט פַאר שֶׁעמְט יְצוּעִי עָלָה. גֶעאַרְטְ נִיט לֵייעֶנֶען יְצוּעִי. מַיין בֶּעט. נָאר זָאלְסְט לֵייעֶנֶען יְצוּעַי. מַיינֶע צְווֵיי בֶּעטִין. דִי בֶּעט פוּן

יצועי אלא יצועיי. כתנאי (שם) פחז כמים אל תותר ר"א אומר פזת חבת זלת. ר' יהושע אומר פסעת על דת חטאת זנית ר"ג אומר פללת חלת זרחה תפלתך. אר"ג עדיין צריכין אנו למודעי ר"א המודעי אומר הפוך את התיבה ודורשה זעזעת הרתעת פרחה חטא ממך רבא אמר ואמרי לה רבי ירמיה בר אבא זכרת עונשו של דבר חלית עצמך חולי גדול פירשת מלחטוא:

ואמר ר' שמואל בר נחמני א"ר יונתן כל האומר בני עלי חטאו אינו אלא טועה שנאמר (שמואל א א) ושם שני בני עלי חפני ופנחס כהנים לה'. סבר לה כרב דאמר פנחס לא חטא מקיש חפני לפנחס מה פנחס לא חטא אף חפני לא חטא. אלא מה אני מקיים (שם ב) אשר ישכבון את הנשים. מתוך ששהו את קיניהן שלא הלכו אצל בעליהן מעלה עליהם הכתוב כאילו שכבום. גופא אמר רב פנחס לא חטא שנאמר (שם יד) ואחיה בן אחיטוב אחי אי כבוד בן פנחס בן עלי כהן ה' וגו' אפשר חטא

בא

מיעוט ביאה שכינה מצויה באהלו לניקיון: פחז. נוטריקון: פזת. לשון עמא פזיזא: פסעת. פסעת בעצמך וחטאת: זלת. זלזלת: פללת. להתפלל מן החטא: חלת. (כמו) ויחל משה: זעזעת. יראת לחטא לר"א ורבי יהושע חטא לרבן גמליאל ולמודעי נקט להביא ולא חטא: חלית חולי גדול. להתאפק לכפות (לכבוש) יצרך:

כל האומר בני עלי חטאו. באשת איש: אינו אלא טועה. ומיהו בבזיון קדשים חטאו: דאמר רב. לקמן במתניתין פנחס לא חטא ויליף לה מקרא ורבי יונתן יליף לה לחפני מהאי קרא דמקיש חפני לפנחס: ששהו את קיניהן. שהיו מסרבין להקריב בום קרבן אלא בקישוי וכשבאות הזבות והיולדות להקריב את קיניהן והם היו משהין מלהקריבם והנשים לא היו יכולות לסמוך עליהם שיקריבום והיו שוהות שם ולא היו חוזרות אצל בעליהן עד (שהרגו) [שראו] קיניהן קרבין והיו טהורות לקדשים וליכנס לעזרה לפיכך מעלה עליהם כאילו שכבום שהיו מונעין אותן מפריה ורביה: פנחס לא חטא. באשת איש דאשר ישכבון את הנשים אינו אלא חפני לבדו: ואחיה בן אחיטוב ונומר כהן ה'. בשילה נושא אפוד הרי שמייחסו לשבח ומזכיר עליו שם פנחס אבי אביו: אפשר בא

די שכינה אונ די בעט פון יעקב. זאגט דיא גמרא תנאים קריגען אין די זאך. עס שטייט אין פסוק פחז כמים אל תותר. רבי אלעזר זאגט דער ווארט פחז מאכט פזת דוא האסט גיאיילט חבת דוא האסט פר שולדיגט זלת דוא האסט פאר שעמט. רבי יהושע זאגט דער ווארט פחז מאכט פסעת על דת דוא האסט איבער גיטרעטין דעם דין חטאת האסט געזינדיגט זנית דוא האסט מזנה גיוועזן. רבן גמליאל זאגט דער ווארט פחז מאכט פללת דוא האסט גיטראכט דוא זאלסט אפ געהיט ווערין פון דיא עבירה חלת דוא האסט גימאהי תפלה צוא גאט זרחה תפלתך דיין תפלה הט גישיינט. זיא איז אן גינומען גיווארין. רבן גמליאל הט גזאגט מיר דארפין נאך הערין וואס רבי אלעזר המודעי זאגט. רבי אלעזר המודעי זאגט דעם ווארט פחז זאלסטו דרשנען פאר קערט. פריער די ז. דער נאך דיא ח. דער נאך דיא פ. זעזעת הרתעת: דו האסט געציטערט צו טאהן א עבירה פרחה חטא ממך איז אוועק גיפלויגען דיא עבירה פון דיר: רבא הט גזאגט. אונ אנדערע זאגען רבי ירמיה בר אבא הט גזאגט דער ווארט פחז מאכט זכרת עונשו של דבר דוא האסט דיך דער מאנט דעם שטראף פון דיא עבירה חלית עצמך חולי גדול האסטו דיך שטארק קראנק גימאכט איין צו האלטען דעם יצר הרע פירשת מלחטוא אונ דוא האסט דיך אפ גישיידט פון צו זינדיגען:

ר' שמואל בר נחמני האט גזאגט פון רבי יונתן'ס וועגין דער וואס זאגט די קינדער פון עלי האבען געזינדיגט האט ער אטעות. ווארום עס שטייט אין פסוק דארט זענען גיוועזן דיא צווייא קינדער פון עלי חפני אונ פינחס זייא זענען גיוועזן כהנים צו גאט. אונ ער האלט אזוי וויא רב. וואס רב זאגט פינחס הט ניט געזינדיגט. אונ מיר גלייכען חפני צו פינחס. אזוי ווי פינחס הט ניט געזינדיגט. אזו האט חפני אויך ניט געזינדיגט. פרעגט דיא גמרא אין פסוק שטייט דאך אז זייא פלעגין ליגען מיט די ווייבער וואס פלעגין ברייגגען זייערע קרבנות אין משכן. ענטפערט דיא גמרא ווייל זיי פלעגין אויף האלטען די קרבנות וואס די ווייבער האבען גיבראכט. אונ זייא האבען דיא קרבנות ניט מקריב גיוועזן דעם זעלבינגען טאג. נאר אויף מארגין. דער ווייל האבען דיא ווייבער ניט גיקענט גיין די נאכט צו זייערע מאנען. רעכינט אויף זיי דער פסוק די עבירה גליך וויא זייא וואלטען גילעגין מיט די ווייבער. זאגט דיא גמרא פריער איז גישטאנען רב זאגט פינחס הט ניט געזינדיגט. ווארום עס שטייט אין פסוק ואחיה בן אחיטוב אחי אי כבוד בן

בא לידו והכתוב מיחסו והלא כבר נאמר (מלאכי ב) יכרית ה' לאיש אשר יעשנה (וגו' לא יהיה לו) ער ועונה מאהלי יעקב ומגיש מנחה לה' צבאות אם ישראל הוא לא יהיה לו ער בחכמים ולא עונה בתלמידים ואם כהן הוא לא יהיה לו בן מגיש מנחה. אלא לאו ש"מ פנחס לא חטא אלא הא כתיב (שמואל א ב) אשר ישכבון ישכבן כתיב. והכתיב (שם) אל בני כי לא טובה השמועה. אמר ר"נ בר יצחק בני כתיב. והכתיב מעבירים. א"ר הונא בריה דרב יהושע מעבירם כתיב. והכתיב (שם) בני עלי בני בליעל מתוך שהיה לו לפנחס למחות בחפני ולא מיחה מעלה עליו הכתוב כאילו חטא:

(דף נו) **א"ר** ר"ש בר נחמני אמר רבי יונתן כל האומר בני שמואל חטאו אינו אלא טועה שנאמר (שמואל א ח) ויהי כאשר זקן שמואל וגו' ולא

הלכו

הטא לידו והכתוב מיחסו. לשנה ואת בן כנו מיחסו אחריו: והכתיב גבי עבירה דנואפים: יכרת ה' לאיש וגו'. והאי קרא בבא על הכותים ועל הזונה משתעי כדדרשינן ליה באלו הן הנשרפים דכתיב לעיל מיניה כי חלל יהודה קדש ה' אשר אהב ובעל בת אל נכר ודרשינן כי חלל יהודה קדש ה' זו זונה וכן הוא אומר לא תהיה קדשה וגו': ער. הריף להבין ולהורות בין החכמים כדאמרינן בערובין אהבינת ארמית: ואם כהן הוא וכו'. וכאן מיחס כהן מגיש מנחה אחר פנחס: והכתיב אל בני כי לא טובה השמועה אשר אנכי שומע מעבירים עם ה'. אביהם היה מוכיחם: והא כתיב מעבירים אמר רב הונא בריה דרב יהושע מעבירם כתיב. קשה בעיני שם התכם הנזכר כאן כי אומר אני שטעות גדול הוא ולא גרס לה לאי מילתא שהרי בספרים מוגהים כתיב מעבירים גם במסורה הגדולה במקום שמנוין שם כל הסיבות (שכתוב בהן יו"ד דלא קריין) [דלא כתיב בהן יו"ד וקרין] ולא נמנה זה וכם מנויין על פי התשבון וזו אינה קושיא דהאי מעבירם לאו לשון עבירה היא אלא מלשון ויעבירו קול במחנה והכי קאמר להו לא טובה השמועה אשר אנכי שומע את עם ה' מעבירין ומכריזין וקובלים עליכם והאי מעבירין לשון רבים הוא ואעם ה' קאי ולא אמר עלי שהרי הם היו עוברים ולא היו מעבירים את האחרים:

בני שמואל הטאו. בשקה שוחד והטיית דין:

למציסם

פנחס בן עלי כהן ה'. אויב פינחס האט געזינדיגט וואלט דער פסוק ניט גירעכנט פינחס אין דעם יחוס פון אחיטוב. ווארום עס שטייט אין פסוק גאט וועט פאר שניידען צו דעם מענטש וואס ער וועט מזנה זיין. אז ער וועט ניט האבען קיין ער ועונה אין די געצעלטין פון יעקב. אונ ער וועט ניט האבען ווער עס זאל מקריב זיין אמנחה צו גאט. אויב דער וואס האט מזנה געוועזן איז אישראל וועט ער ניט האבען קיין ער ווער וועט זיין קיין חריף צו פסקנן דינים צווישען די חכמים. אונ ער וועט ניט האבען קיין צייט צוא לערנען מיט תלמידים. אונ אויב ער איז אכהן וועט ער ניט האבען קיין זוהן זאל מקריב זיין קרבנות פאר גאט. אונ אז מיר וועלין זאגען אז פינחס האט מזנה געוועזן. וואלט דאך פון איהם ניט ארויס גיקומען אחיטוב ער זאל טראגען אאפוד אונ זאל מקריב זיין קרבנות פאר גאט. נאר עס איז געווים אז פינחס האט ניט געזינדיגט. פרעגט דיא גמרא עס שטייט דאך אין פסוק אשר ישכבון. וואס זייא פלעגין ליגען מיט דיא ווייבער. מיינט מען דאך חפני אונ פינחס. ענטפערט דיא גמרא ישכבן כתיב. ער פלעגט ליגען שטייט. מיינט מען נאר חפני. אבער ניט פינחס. פרעגט די גמרא עס שטייט דאך אין פסוק אל בני כי לא טובה השמועה. עלי האט גזאגט ניט מיינע קינדער עס איז ניט גוט די הערונג וואס איך הער אויף אייך. אז ער האט גזאגט מיינע קינדער. האט ער דאך גימיינט ביידע חפני אונ פינחס. האבען דאך ביידע געזינדיגט. האט רב נחמן בר יצחק גזאגט בני כתיב. מיין קינד שטייט. צו איינעם האט עלי אזוי גזאגט. נאר צו חפני אבער ניט צו פינחס. פרעגט די גמרא עס שטייט דאך אין פסוק מעבירים. זייא טוהען עבירות. מיינט מען דאך ביידע. חפני אונ פינחס. האט רב הונא בריה דרב יהושע גזאגט מעבירם כתיב. ער טוהט עבירות. איינער. נאר חפני ניט פינחס (עיין רש"י). פרעגט דיא גמרא עס שטייט דאך בני עלי בני בליעל. דיא קינדער פון עלי זענען געוועזן שלעכטע. מיינט מען דאך ביידע קינדער חפני אונ פינחס. ענטפערט די גמרא ווייל פינחס האט גידארפט שטראפין צו חפני. אונ ער האט איהם ניט גישטראפט. רעכנט אויף איהם דער פסוק גלייך ווי ער אליין וואלט אויך גיטאהן די זעלביגע עבירות וואס חפני האט גיטאהן:

ר' רבי שמואל בר נחמני זאגט פון רבי יונתן ווער וואס זאגט דיא קינדער פון שמואל הנביא האבען געזינדיגט. האט ער אטעות. ווארום עס שטייט אין פסוק אז שמואל

הלכו בניו בדרכיו הוא דלא הלכו מחטא נמי לא חטאו אלא מה אני מקיים (שם) ויטו אחרי הבצע שלא עשו כמעשה אביהם שהיה שמואל הצדיק מחזר בכל מקומות ישראל ודן אותם בעריהם שנאמר (שם ז) והלך מדי שנה בשנה וסבב בית אל והגלגל והמצפה ושפט את ישראל והם לא עשו כן אלא ישבו בעריהם כדי להרבות שכר לחזניהם ולסופריהם. כתנאי ויטו אחרי הבצע ר"מ אומר חלקם שאלו בפיהם רבי יהודה אומר מלאי הטילו על בעלי בתים רבי עקיבא אומר קופה יתירה של מעשר נטלו בזרוע ר' יוסי אומר מתנות נטלו בזרוע:

לחזניהם. שמשיהם ששוכרין אותם לילך ולהזמין את הנקראים לדין: ולסופריהם. לכ' ט"י בוררים ולאגרות שום: מלאי הטילו על בעלי בתים. נותנים להם פרקמטיא לעסוק בה ולתת להם השכר ומתוך כך היה נוטה לבם להטות דין כשבאים לפניהם לדון והיינו חטאו: חלקם שאלו בפיהם. מעשר ראשון הראוי להם (שלוים היו) היו שואלים בפיהם ומתוך שהיו גדולי הדור ושופטים לא היו מונעים מהם ושאר לוים עניים מלעשרים לרבי מאיר לא חטאו בהטיית משפט: קופה יתירה. יותר מן הראוי: מתנות. זרוע לחיים וקיבה והם לא היו כהנים. נ"א מתנות לויה כגון מעשר וקרא כתיב ונתן לכהן ודרשינן ולא שיטול מעצמו בשחיטת חולין פ' הזרוע והוא הדין לכל מתנות כהונה ולויה: דוד חטא. בנם שבע קודם שקבלה גט וגו'.

ט אמר רבי שמואל בר נחמני אמר ר' יונתן כל האומר דוד חטא אינו אלא טועה שנאמר (שמואל א יח) ויהי דוד לכל דרכיו משכיל וה' עמו אפשר חטא בא לידו ושכינה עמו אלא מה אני מקיים (שם ב יב) מדוע בזית

איז אלט געווארן זענען זיינע קינדער ניט געגאנגען אין זיינע וועגן. אין די וועגן פון זייער פאטער זענען זייא ניט געגאנגען. זייא זענען ניט געווען אזוי פרום וויא זייער פאטער שמואל הנביא איז געווען. אבער געזינדיגט האבען זייא אויך ניט. פרעגט דיא גמרא עס שטייט דאך אין פסוק זייא האבען גענייגט נאך געלט. ענטפערט דיא גמרא אזוי מיינט מען. זייא האבען ניט געטאהן וויא זייער פאטער פלעגט טאהן: זייער פאטער שמואל הצדיק פלעגט גיין אין אלע שטעט וואו יודען האבען געוואוהנט. אונ דארט אין זייערע שטעט האט ער זיי געשפט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק שמואל פלעגט גיין פון יאהר צו יאהר אין בית אל אונ אין גלגל אונ אין מצפה אונ אז צווייא מענטשין פלעגין האבען קריג צווישען זיך. פלעגט ער זייא משפטין. אונ זיינע קינדער האבען ניט געטאהן אזוי. נאר זייא זענען געזעסען אין זייערע שטעט. אונ ווער עס האט געהאט א משפט פלעגט קומען צו זייא. ווייל זייא האבען געוואלט דיא שמשים אונ דיא שרייבערס זאלען פאר דינען. זאגט די גמרא תנאים קריגען אין דיא זאך. עס שטייט אין פסוק דיא קינדער פון שמואל האבען גענייגט נאך געלט. רבי מאיר זאגט זייא פלעגין ריידען מיט זייער מויל מען זאל זייא געבין מעשר ווארום זייא זענען געווען לוים. פלעגין זייא צו נעמען אלע מעשר. אונ אנדערע ארעמע לוים פלעגין ניט האבען קיין מעשר. דאס איז געווען זייער עבירה. רבי יהודה זאגט זייא פלעגין געבין סחורה צו בעלי בתים. דיא בעלי בתים זאלען האנדלען פון זייערט וועגין. אונ דער פאר דינסט זאל געהערין צוא זייא. אונ אז דיא בעלי בתים האבען געהאט א משפט מיט איינעם פאר דיא קינדער פון שמואל. פלעגט שוין נייגין זייער הארץ אז דיא בעלי בתים זאלען געווינען דעם משפט. דאס איז געווען זייער עבירה. רבי עקיבא זאגט זיי פלעגין נעמען מעשר מעהר וויא א צעהנטיל. אונ אז מען האט זייא ניט געוואלט געבין מיט דעם גוטען ווילען האבען זייא גענייט יענעם מען זאל זייא געבין. רבי יוסי זאגט זייא האבען גענייט דיא מענטשין מען זאל זייא געבין די מתנות (אז מען שעכט א בהמה גיט מען צום כהן איין פאדערשטע פוס אונ דיא באקין אונ דעם מאגין: דם הייסט מתנות) אונ זיי זענען ניט געווען קיין כהנים אונ זיי האבען גענייט מען זאל זיי געבין די מתנות. האבען זייא גיגזלת דיא כהנים:

ט רבי שמואל בר נחמני האט געזאגט פון רבי יונתן וועגין דער וואס זאגט דוד האט געזינדיגט האט ער א טעות. ווארום עס שטייט אין פסוק דוד האט בגליקט אין זיינע אלע וועגין אונ גאט איז געווען מיט איהם. איז דאס מעגליך דוד זאל האבען געזינדיגט אונ דיא שכינה זאל זיין מיט איהם איז געוויס אז דוד האט ניט געזינדיגט. נאר פאר וואס רעדן שטייט אין פסוק

בזית את דבר ה' לעשות הרע שביקש לעשות ול"ע עשה אמר רב רבי דאתי מדוד מהפך ודריש בזכותיה דדוד מדוע בזית את דבר ה' לעשות הרע רבי אומר משונה רעה זו מכל רעות שבתורה שכל רעות שבתורת כתיב בהו ויעש וכאן כתיב לעשות שביקש לעשות ולא עשה (שם) את אוריה החתי הכית בחרב שהיה לך לדונו בסנהדרין ולא דנתו ואת אשתו לקחת לך לאשה לקוחין יש לך בה דא"ר שמואל בר נחמני א"ר יונתן כל היוצא למלחמת ב"ד כותב ספר כריתות לאשתו וכו'. ואותו הרגת בחרב בני עמון מה חרב בני עמון אי אתה נענש עליו אף אוריה החתי אי אתה נענש עליו מ"ט מורד במלכות הוה דא"ל (שם יא) ואדוני יואב ועבדי ארוני על פני השדה חונים א"ר כי מעיינת ביה בדוד לא משכחת ביה בר מדאוריה דכתיב (מלכים א טו) רק בדבר אוריה החתי אביי קשישא רמי דרב אדרב מי א"ר הכי והא"ר קבל דוד להר"ר קשיא גופא א"ר קבל דוד לה"ר דכתיב (שמואל ב ט) ויאמר לו המלך איפוא הוא ויאמר ציבא אל המלך הנה הוא בית מכיר

כתוב בפירוש בכתובות (דף ט) : שבקש. לכתוב עמה קודם שגלה גט בסיס בעלה שולח לה מן המלחמה שאם ימות לא תיזקק ליבום או שמא ישבה ואין מעיד עליו ותתעגן אשתו או שמא יבא שבוי כדאמרינן לקמן כל היוצא למלחמת בית דוד וכו' : משונה רעה א. בכתיבתה ובלשונה : שהיה לך לדונו. על שמרד במלכות כדלקמן : לקוחין יש לך בה. קדושין תופסין בה שאינה אשת איש כדשמואל כו' : גט כריתות. על תנאי שאם ימות תהא מגורשת מעכשיו ופעמים שהוא עכוד כל אתו ובאו מן המלחמה : בחרב בני עמון. כאותם שהורגים בני עמון שלא מדעתם : ואדוני יואב. לא הורה הרעה לקבל עליו מרות אחרים בפני המלך : רק בדבר אוריה. מקרא כתוב רק בדבר אוריה שגרם לו שיהרג אבל בבת שבע לא חטא :

נתן הנביא האט גזאגט צוא דוד ווארום האסטו פאר שעמט דיא רייד פון גאט צוא טאהן שלעכטס. ענטפערט דיא גמרא ער האט געוואלט טאהן אעבירה אבער ער האט ניט געטאהן. רב זאגט רבי וואס ער קומט ארויס פון דוד זוכט ער צו דרשנן דעם זכות פון דוד. אין פסוק שטייט ווארום האסטו פר שעמט דיא רייד פון גאט צו טאהן שלעכטס רבי זאגט די שלעכטס איז גיענדערט פון אלע שלעכטס וואס שטייט אין דיא תורה. אלע שלעכטס וואס שטייט אין דיא תורה. שטייט ביא זייא ויעש ער האט געטאהן. אונ דא שטייט לעשות צו טאהן. צוא ווייזען ער האט געוואלט טאהן שלעכטס. אבער ער האט ניט געטאהן. אין פסוק שטייט אוריה החתי האסטו געשלאגען מיט דעם שווערד. האט דאך דוד געטאהן אעבירה. ענטפערט דיא גמרא דוד האט בדארפט משפטין אוריה דורך דיא סנהדרין. אונ ער האט איהם אליין געמשפט אן סנהדרין. דאס איז געוועזן דיא עבירה. אבער הרגנן אוריה האט מען גידארפט. אין פסוק שטייט דיא ווייב פון אוריה האסטו דיר גענומען פאר אווייב. האסטו איר גימעגט נעמען. ווארום רבי שמואל בר נחמני האט גזאגט פון רבי יונתן וועגין דיא אלע מענטשין וואס זענען גיגאנגען אין דיא מלחמות פון דוד. פלעגין זייא פריער געבן זייערע ווייבער. אין פסוק שטייט איהם [אוריה] האסטו גיהרגת מיט דעם שווערד בני עמון. אזוי וויא דוא ועסט ניט גישטראפט ווערין אויף דעם שווערד וואס דוא האסט מיט איהם גיהרגת דיא בני עמון. אזוי וועסטו ניט גישטראפט ווערין אויף דעם וואס דו האסט גיהרגת אוריה החתי. ווארום ער הט ניט גענומען אויף זיך דיא מלוכה פון דוד. ווארום אוריה האט גזאגט צו דוד מיין העער יואב אונ דיא קנעכט פון מיין העער רוהען אויף דעם פעלד. פאר דעם מלך דוד הט ער ניט גיבארפט זאגען אויף קיין אנדערין מיין העער. ווארום אלע זענען קנעכט צום מלך. רב זאגט אז דוא וועסט נאך קלערין די זאכען פון דוד וועסטו ניט געפינען ביי איהם קיין עבירה. נאר דיא עבירה פון אוריה החתי. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק נאר אין די זאך פון אוריה החתי האסטו גיזינדיגט. אביי קשישא הט גיפרעגט אקשיא פון רב אויף רב. האט הען רב אזוי גזאגט אז דוד הט נים מער געזינדיגט נאר מיט אוריה החתי. רב האט דאך גזאגט דוד הט פאר נומען לשון הרע. בלייבט אקשיא פון רב אויף רב. זאגט דיא גמרא מיר האבען גילערנט רב הט גזאגט דוד הט פר נומען לשון הרע. ווארום עס שטייט אין פסוק דער מלך [דוד] האט גזאגט צו ציבא וואו איז ער [מפיבושת] האט ציבא גזאגט

מכיר בן עמיאל בלא (בלו) דבר וכתיב (שם ט) וישלח המלך דוד ויקחהו מבית מכיר בן עמיאל מלא (מלו) דבר מכדי חזייה דשקרא הוא כי הדר אלשין עליה מ"ט קבלה מיניה דכתיב (שם טז) ויאמר המלך אל ציבא ואיה בן ארוניך ויאמר ציבא אל המלך הנה יושב בירושלים וגו'. מנ"ל דקבל מיניה דכתיב (שם) ויאמר המלך לציבא הנה לך כל אשר למפיבושת ויאמר ציבא השתחויתי אמצא חן בעיניך אדוני המלך ושמואל אמר לא קבל דוד לשון הרע דברים הניכרים חזא ביה דכתיב (שם יט) ומפיבושת בן שאול ירד לקראת המלך לא עשה רגליו ולא עשה שפמו ואת בגדיו לא כבס וגו' וכתיב ויהי כי בא ירושלים לקראת המלך ויאמר לו המלך למה לא הלכת עמי מפיבושת ויאמר אדוני המלך עבדי רמני כי אמר עבדך אחבשה לי החמור וארכב עליה ואלך את המלך כי פסח (ע"ב) עבדך וירגל בעבדך אל אדוני המלך ואדוני המלך כמלאך האלהים ועשה הטוב בעיניך וגו' ויאמר לו המלך למה תדבר עוד דבריך אמרתי אתה וציבא תחלקו את השדה ויאמר מפיבושת אל המלך גם את הכל

לשון הרע. לקמן מפרש: בלא דבר. אינו חכם בתורה והוא מנאו מלא דבר וחכם בתורה: חזייה דשקרא הוא. תחלה מלאו שקרן בכך: כי הדר אלשין עליה. ציבא על מפיבושת כשהיה דוד בורח מפני אבשלום מ"ט קביל מיניה: ואיה בן אדוניך ויאמר הנה יושב בירושלים. כי אמר היום ישיבו לי (בית ישראל) את ממלכת אבי: דברים הניכרים חזא ביה. במפיבושת כשנהרג אבשלום וחזר דוד למלכותו ובא לפניו: לא עשה רגליו ולא עשה שפמו. כשהלך דוד שניכרים דברי ציבא שנצטער על שהלך דוד ולא קשט עצמו ועוד היה מצפה שכשיושיבוהו במלכות יתנאה ויסתפר לכך לא קבל דבריו ואמר לו אתה וציבא תחלקו את השדה והוא השיבו קשה אין לי לצעוק אלא על פי שהביאך שלום הנה שמצטער על שובו ואם לא שראה בו דברים הניכרים היה חוזר בו ממה שאמר הנה לך כל אשר למפיבושת ואע"פ שמיסר ואמר לו מתחלה הנה לך כל אשר למפיבשת אין

צום מלך. ער איז אין שטוב פון מכיר בן עמיאל. אונ ער איז בלא דבר אן אזאך ווער איז ניט קיין חכם אין דיא תורה. אונ עס שטייט אין פסוק דער מלך דוד האט געשיקט אונ מען האט איהם (מפיבושת) גענומען פון דיא שטוב פון מכיר בן עמיאל. אונ ער איז געוועזען מלא דבר פול אין דיא זאך. (ער איז געוועזען א חכם אין די תורה). פרעגט דיא גמרא אז דוד האט געזעהן ציבא איז א ליגנער. אז ציבא האט נאך אמאהל גימסרת אויף מפיבושת. פאר וואס האט דאס דוד פאר נומען. ווארום עס שטייט אין פסוק דער מלך (דוד) האט גזאגט צו ציבא) וואו איז דער זוהן פון דיין הער (פון שאול). האט ציבא גזאגט צום מלך ער זיצט אין ירושלים (אונ ער זאגט היינט וועט מען מיר געבין דיא מלוכה פון דיא יודען). אונ פון וואנע ווייסען מיר אז דוד האט גיגלייבט צו ציבא אז מפיבושת הט אזוי גזאגט. ווארום עס שטייט אין פסוק דער מלך האט גזאגט צו ציבא צו דיר זאל גיהערין דאס פאר מעגין פון מפיבושת. האט ציבא גזאגט איך בוק מיך פאר דיר (אונ איך דאנק דיר) איך וויל געפינען חן אין דיינע אויגען מיין הער קעניג. שמואל זאגט דוד האט ניט פאר נומען לשון הרע. נאר ער הט גיזעהן אויף מפיבושת קענטליכע זאכען אז עס איז אמת וואס ציבא האט גזאגט. ווארום עס שטייט אין פסוק מפיבושת דער זוהן פון שאול האט גענידערט געגין קעניג דוד. אונ ער הט ניט ריין גימאכט זיינע פיס. אונ ער האט ניט ריין נימאכט זיין בארד. אונ ער האט ניט גיוואשען זיינע קליידער (האט דוד גיזעהן אז מפיבושת האט צער פאר וואס דוד קומט צוריק צו זיין מלוכה. דריבער האט ער זיך ניט גיוואלט צירען). אונ עס שטייט אין פסוק אונ עס איז גיוועזען אז מפיבושת איז גיקומען אין ירושלים געגין דעם מלך דוד. האט דער מלך גזאגט צו איהם. מפיבושת פאר וואס ביסטו ניט גיגאנגען מיט מיר. האט מפיבושת גזאגט מיין הער קעניג מיין קנעכט האט מיך גינארט. ווארום דיין קנעכט האט גזאגט איך וועל זאטלען מיין אייזיל אונ איך וועל רייטען אויף איר צום קעניג. ווארום דיין קנעכט איז לאם (הינקעדיג) אונ ער קען ניט גיין. אונ ציבא הט גזאגט רכילות אויף דיין קנעכט צו מיין הער קעניג אונ מיין הער קעניג איז קלוג אזוי וויא א מלאך פון גאט. אונ טוה וואס עס איז גוט אין דיינע אויגען. האט דער מלך גזאגט צו מפיבושת. ווארום זאגסטו נאך היידען דיינע רייד. איך האב איין מאהל גזאגט אז דוא מיט ציבא זאלט איר צו טיילען דיא פעלד. דוא זאגסט נעמען אהאלבע

הכל יקח אחרי אשר בא אדוני המלך בשלום אל ביתו א"ל אני אמרתי מתי תבא בשלום ואתה עושה לי כך לא עליך יש לי תרעומות אלא על מי שהביאך בשלום היינו דכתיב (ד"ה א ט) ובן יהונתן מריב בעל וכי מריב בעל שמו והלא מפיבושת שמו אלא מתוך שעשה מריבה עם בעליו יצתה בת קול ואמרה לו נצא בר נצא. נצא הא דאמרן. בר נצא דכתיב (שמואל א טו) ויבא שאול עד עיר עמלק וירב בנחל. אמר רבי מני על עסקי נחל. אמר רב יהודה אמר (שמואל) [רב] בשעה שאמר דוד למפיבושת אתה וציבא תחלקו את השדה יצתה בת קול ואמרה לו רחבעם וירבעם יחלקו את המלוכה אמר רב יהודה אמר רב אלמלי לא קבל דוד לשון הרע לא נחלקה מלכות בית דוד ולא עבדו ישראל עכו"ם ולא גלינו מארצנו:

ז אמר ר' שמואל בר נחמני אמר ר' יונתן כל האומר שלמה חטא אינו אלא טועה שנאמר (מלכים א יא) ולא היה לבבו שלם עם ה' אלהיו כלבב דוד אביו. כלבב דוד אביו הוא דלא הוה כחטא נמי לא חטא אלא מה אני מקיים (שם) ויהי לעת זקנת שלמה

ו קבלה כי כל זמן שלא היה דוד שב למלכותו יודע היה שאין מתנתו מתנה ולא אמר לו אלא על תנאי אם יהיה אמת בדבריו: על עסקי נחל. זמה על נפש אחת אמרה תורה הבא עגלה ערופה בנחל נפשות הללו על אחת כמה וכמה אם גדולים חטאו קטנים מה חטאו: ולא עבדו ישראל עבודת כוכבים. שעל ידי שנחלקה המלוכה העמיד ירבעם עגלים שלא יעלו ישראל לירושלים למעשלהו כל רחבעם:

פערד. אונ ציבא זאל נעמען אהאלבע פערד. האט מפיבושת געזאגט צום מלך זאל ציבא נעמען די גאנצע פעלד. ווייל מיין הער קעניג איז געקומען מיט פרידען צו זיין היים. מפיבושת האט געזאגט צו דוד איך האב געזאגט ווען וועסטו קומען בשלום אהיים. אונ דו טוהסט מיר אזוי. ניט אויף דיר פאר דריסט מיך. נאר מיך פאר דריסט אויף דעם וואס האט דיך געבראכט מיט שלום אהיים. זאגט די גמרא איצט איז רעכט וואס עס שטייט אין פסוק דער זוהן פון יהונתן האט געהייסען מריב בעל. איז דאך א קשיא האט ער דען געהייסען מריב בעל. ער האט דאך געהייסען מפיבושת. נאר ווייל ער האט געקריגט מיט זיין בעל הבית. מיט דוד. דריבער האט מען איהם גירופען מריב בעל. איז ארויס גיגאנגען א קול פון הימעל אונ האט געזאגט צוא מפיבושת קריגער דער זוהן פון א קריגער. מפיבושת הייסט קריגער. אזוי וויא מיר האבען דא געזאגט. אונ ער איז דער זוהן פון א קריגער. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק שאול איז גיקומען צוא דיא שטאט פון עמלק אונ ער האט געקריגט אין טאהל. האט רבי מני געזאגט פון וועגען טאהל [ביראך אז מען געפינט איין מענטש א גיהרגעטין דארף מען ברענגען א עגלה ערופה אין א טאהל [אזוי וויא עס שטייט אין דיא סדרה שופטים] וויא אזוי מעג מען הרגענען אזוי פיל מענטשין אונ קליינע קינדער וואס האבען גאר ניט געזינדיגט] רב יהודה האט געזאגט פון רבם וועגין ווען דוד האט געזאגט צו מפיבושת דוא אונ ציבא זאלט איר צו טיילען דיא פעלד. איז ארויס גיגאנגען א קול פון הימעל אונ האט געזאגט צו דוד. רחבעם אונ ירבעם וועלען צוא טיילען דיא מלוכה. רב יהודה האט געזאגט פון רבם וועגין ווען דוד וואלט ניט פאר נומען דיא לשון הרע פון ציבא. וואלט ניט צו טיילט געווארען דיא מלוכה פון דוד. אונ די יודען וואלטען ניט געדינט עבודה זרה. אונ מיר וואלטען ניט פאר טריבען געווארין פון אונזער לאנד:

ז רבי שמואל בר נחמני האט געזאגט פון רבי יונתנ'ס וועגין: דער וואס זאגט שלמה המלך האט געזינדיגט. האט ער א טעות. ווארום עס שטייט אין פסוק דיא הארץ פון שלמה איז ניט געווען גאנץ מיט גאט אזוי וויא דיא הארץ פון זיין פאטער דוד. אזוי וויא דיא הארץ פון זיין פאטער דוד איז ער ניט געווען. אבער געזינדיגט האט ער אויך ניט. פרעגט די גמרא נאר וואס דען שטייט אין פסוק אז עס איז געווען צו דיא צייט וואס שלמה איז אלט געווארין. האבען זיינע ווייבער אפ גינייגט זיין הארץ צו גיין נאך פרעמדע געטער. ענטפערט די גמרא דאס איז אזוי וויא רבי נתן זאגט. ווארום רבי נתן האט גיפרעגט. עס שטייט אין פסוק ווען שלמה איז אלט געווארין האבען זיינע ווייבער אפ גינייגט זיין הארץ. אונ עס שטייט אין פסוק

שלמה נשיו הטו את לבבו ההיא כרבי נתן דר' נתן רמי כתיב ויהי לעת זקנת שלמה נשיו הטו וגו' והכתיב כלבב דוד אביו הוא דלא הוה מחטא נמי לא חטא. ה"ק ויהי לעת זקנת שלמה נשיו הטו את לבבו ללכת אחרי אלהים אחרים ולא הלך. והכתיב (שם) אז יבנה שלמה במה לכמוש שקץ מואב שבקש לבנות ולא בנה אלא מעתה (יהושע ח) אז יבנה יהושע מזבח לה' שבקש לבנות ולא בנה אלא דבנה ה"נ דבנה אלא כדתניא רבי יוסי אומר (מלכים ב כג) ואת הבמות אשר על פני ירושלים אשר מימין להר המשחית אשר בנה שלמה מלך ישראל לעשתרות שקוץ צדונים וגו' אפשר בא אסא ולא ביערם יהושפט ולא ביערם עד שבא יאשיה וביערם הלא כל עבודות כוכבים שבארץ ישראל אסא ויהושפט ביערום אלא מקיש ראשונים לאחרונים מה אחרונים לא עשו ותלה בהן לשבח אף ראשונים לא עשו ותלה בהן לגנאי והכתיב (שם א יא) ויעש שלמה הרע בעיני ה' אלא מפני שהיה לו למחות בנשיו ולא מיחה מעלה עליו הכתוב כאילו חטא

שלמה חטא. בעבודת כוכבים: כרבי נתן. דשמי קרא הטו ללכת והוא לא הלך: הטא נמי דבנה. קושיא היא: אלא מעתה. תיוף דלא בנה כדתניא רבי יוסי אומר כו': להר המשחית לשון כמן דמתרגמינן משחא והוא הר הזיתים: מקיש ראשונים. מקיש את בנינו של שלמה לביעורו של יאשיהו מה יאשיהו לא עשה ביעור זה והלא כו מן הבמים לשבח הואיל וביער השאר שנעשו מבמים יהושפט אף שלמה לא עשה בנין זה ותלו בו לגנות

אז דיא הארץ פון שלמה איז גיט גיוועזן וויא דיא הארץ פון זיין פאטער דוד. וויא דיא הארץ פון זיין פאטער איז ער גיט געוועזן. אבער געזינדיגט האט ער אויך ניט. נאר אזוי מיינט דער פסוק ווען שלמה איז אלט גיווארין האבען זיינע ווייבער אפ גינייגט זיין הארץ ער זאל גיין נאך פרעמדע געטער. ער איז אבער ניט גיגאנגען. פרעגט דיא גמרא עס שטייט דאך אין פסוק שלמה וועט בויען אבמה צו כמוש דיא עבודה זרה פון מואב. ענטפערט די גמרא ער האט גיוואלט בויען. ער האט אבער ניט געבויט. פרעגט דיא גמרא עס שטייט אין פסוק יהושע וועט בויען אמזבח צו גאט. וועסטו אויך זאגען אז מען מיינט ער האט גיוואלט בויען. אונ ער הט ניט געבויט. נאר ער האט טאקי גיבאהט. אזוי ביא שלמה מיינט מען אויך ער הט גיבאהט. האט דאך שלמה געזינדיגט. זאגט דיא גמרא נאר דער תירוץ איז אזוי וויא מיר האבען גילערנט. רבי יוסי זאגט עס שטייט אין פסוק דיא במות וואס זענען גיוועזן פאר ירושלים אין דיא רעכטע זייט פון הר המשחה וואס שלמה מלך ישראל הט גיבאהט צו עשתרות דיא עבודה זרה פון דיא צדונים. האט זייא יאשיהו אויס גיראהמט אונ פאר ברענט. פרעגט דיא גמרא איז דאס מעגליך דער מלך אסא האט ניט אויס גיראמט דיא במות. אונ דער מלך יהושפט האט גיט אויס גיראמט דיא במות. ביז דער מלך יאשיהו איז גיקומען אונ האט זיי אויס גיראמט. אלע עבודות זרות פון גאנץ ארץ ישראל האט אסא אונ יהושפט אויס גיראמט פאר וואס האבען זייא ניט אויס גיראמט דיא במות. נאר מיר גליכען דיא ערשטע מענטשין (שלמה המלך) צו דיא שפעטערדיגע מענטשין (יאשיהו המלך). אזוי ווי דיא שפעטערדיגע מענטשין (יאשיהו המלך) האט ניט גיטאהן דיא זאך ווער האט ניט אויס גיראמט דיא במות פון שלמה) אונ דער פסוק איינגט אן דיא לויב אויף איהם. ער הט זייא אויס גיראמט. ווייל זיין הארץ איז גיוועזן גוט צוא גאט. אז ער וואלט געפינען דיא במות האלט ער זייא אויס גיראמט. אזוי דיא ערשטע מענטשין (שלמה המלך) ער האט ניט גיטאהן דיא זאך ווער האט ניט גיבאהט די במות) אונ דער פסוק איינגט אן דיא שאנד אויף איהם: ער האט זייא גיבאהט. ווייל ער האט ניט גישטערט דיא ווייבער זיינע. אונ ער האט זייא גילאזט באהען דיא במות. פרעגט דיא גמרא עס שטייט דאך אין פסוק שלמה הט גיטאן וואס עס איז שלעכט אין דיא אויגען פון גאט. האט דאך שלמה געזינדיגט. ענטפערט די גמרא שלמה אליין האט גיט געזינדיגט. נאר ווייל ער האט גידארפט שטערין זיינע ווייבער זיי זאלען אויך גיט זינדיגען. אונ ער האט זייא ניט גישטערט. רעכנט אויף איהם דער פסוק גלייך ווי

חטא . אמר ר"י אמר שמואל נוח לו לאותו צדיק שיהא שמש לדבר אחר ולא יכתב בו ויעש הרע בעיני ה' . אמר רב יהודה אמר שמואל בשעה שנשא שלמה את בת פרעה הכניסה לו אלף מיני זמר ואמרה ליה כך עושין לעבודת כוכבים פלונית וכך עושין לעבודת כוכבים פלונית ולא מיחה בה . א"ר יהודה אמר שמואל בשעה שנשא שלמה את בת פרעה ירד גבריאל ונעץ קנה בים ועלה בו שרטון ועליו נבנה כרך גדול . במתניתא תנא אותו היום שהכניס ירבעם שני עגלי זהב אחד בבית אל ואחד בדן נבנה צריף אחד וזהו איטליאה של יון . אמר ר' שמואל בר נחמני אמר רבי יונתן כל האומר יאשיהו חטא אינו אלא טועה שנאמר (מ"ב כג) ויעש הישר בעיני ה' וילך בכל דרך דוד אביו אלא מה אני מקיים (שם כג) וכמוהו לא היה לפניו מלך אשר שב וגו' שכל דין שדן מבן ח' עד י"ח החזירן להם שמא תאמר נטל מזה ונתן לזה תלמוד לומר בכל מאודו שנתן להם

פירוש: מיחוי שלא מיחה בנשיו : שמש . לחטוב עצים ולשאוב מים בשביל לעבודת כוכבים : ואל יכתב בו דבר זה . ללמדך שקשה ההוכחה כמי שבידו למחות : מיני זמר . כלי שיר : נעץ קנה . ושרטון נדובק בו עד שנוסף והולך וגדל שרטון חול ורפש וטיט שהים גורש : כרך גדול . שהוא מיצר לישראל וזהו איטליאה של יון במסכת מגילה : ביום שהעמיד ירבעם את העגלים . נבנה צריף אחד בהותו שרטון כגדל שם בימי שלמה : צריף . כוך קטן מליידין שעושין מן קנים ומן ערבה ומאז נתוספו בהים של בתים : איטליאה שם העיר והיא ממדינת יון וכשנפלה הרה מלכות יון לכלותו ונהפך להם : יאשיהו חטא . דכתיב אשר שב אל ה' משמע דחטא מעיקרא : מבן ח' . שישב על כסא מלכותו דכתיב בן ח' וגו' : עד בן י"ח . שמצא חלקיה את הספר ועיין ודקדק בתורה (ועדיניס) [ובדינים] בכתב ובעל פה והבין שמא טעה בדינא : נטל מזה . ממי שנתן לו תחלה . ה"ג ואמרי לה אחת אתוה דאגת

ער אליין וואלט געזינדיגט . רב יהודה האט געזאגט פון שמואלס וועגין . עס וואלט בעסער געוועזן דעם צדיק (שלמה) ער זאל זיין אבדינער צו די עבודה זרה . אונ עס זאל ניט געשריבען ווערין אויף איהם ער האט געטאהן וואס עס איז שלעכט אין דיא אויגען פון גאט . רב יהודה האט געזאגט פון שמואלס וועגין ווען שלמה האט חתונה געהאט מיט דיא טאכטער פון פרעה . האט זיא געבראכט צו איהם טויזענד ערלייא כלים צו שפילען אויף זייא . אונ זיא האט געזאגט צו שלמה אזוי שפילט מען צו דיא עבודה זרה . אונ אזוי שפילט מען צו די עבודה זרה . אונ ער האט איר ניט געשטערט . רב יהודה האט געזאגט פון שמואלס וועגין ווען שלמה האט חתונה געהאט מיט דיא טאכטער פון פרעה . איז דער מלאך גבריאל אראפ געגאנגען פון הימעל אונ האט אריין געשטעקט אשטעקין אין ים . אונ ביי דעם שטעקין איז צוא געקלעבט געווארין זאמד אונ בלאטע ביז עס איז געווארין אאינזיל . אונ אויף דעם אינזיל איז געבאהט געווארין אגרויסע שטאט . וואס זיא האט חרוב געמאכט דעם בית המקדש :

במתניתא תנא . אין אברייתא האבען מיר געלערנט אין דעם טאג ווען ירבעם האט געבראכט דיא צוויי גאלדענע קעלבער איינעם אין בית אל אונ איינעם אין דן . איז געבאהט געווארען אביהעל אויף דעם אינזיל (וואס פריער שטייט) . דער נאך איז געבאהט געווארען אשטוב נעבין אשטוב . ביז עס איז געבאהט געווארין דיא שטאט איטליאה וואס זיא געהער צוא דיא יונים :

יא רבי שמואל בר נחמני האט געזאגט פון רבי יונתנס וועגין : דער וואס זאגט דער מלך יאשיהו האט געזינדיגט האט ער אטעות . ווארום עס שטייט אין פסוק ער האט געטאהן וואס עס איז גוט געווען אין דיא אויגען פון גאט : אונ ער איז געגאנגען אין דיא אלע וועגין פון זיין פאטער דוד . פרעגט די גמרא עס שטייט דאך אין פסוק אזוי וויא יאשיהו איז ניט געווען אמלך וואס ער האט תשובה געטאהן מיט זיין גאנצען הארץ : אז מען זאגט יאשיהו האט תשובה געטאהן . האט ער דאך פריער געזינדיגט . נאר דיא אלע דינים וואס ער האט געמשפט פון אכט יאהר (וואס ער איז געווארען אמלך) ביז אכטצעהן יאהר . וועמען ער האט פריער פאר שולדיגט ער זאל בצאהלען . האט ער איהם היינט צוריק געגעבען זיין געלט . טאמער וועסטו זאגען יאשיהו האט צוריק גענומען דיא געלט פון וועמען ער האט פריער געגעבען . אונ האט צוריק געגעבען פון וועמען ער האט גענומען . שטייט אין פסוק מיט זיין געלט . וועמען ער האט פריער געגעבען

להם כשלו ופליגא דרב דאמר רב אין לך גדול בבעלי תשובה יותר מיאשיהו בדורו ואחד בדורנו ומנו אבא אבוה דרבי ירמיה בר אבא ואמרי לה אחא אחוה דאבא אבוה דרב ירמיה בר אבא דאמר מר אבא ואחא אחי הוו אמר רב יוסף ועוד אחד בדורנו ומנו עוקבן בר נחמיה ריש גלותא והיינו נתן דצוציתא אמר רב יוסף הוה יתיבנא בפירקא והוה קא מנמנם וחזאי בחלמא דקא פשט ידיה וקבליה :

במה אשה פרק ששי

(דף נט) **א ולא** בעיר של זהב . מאי בעיר של זהב ירושלים דדהבא כדעבד ליה ר"ע לדביתהו :

(ע"ב) **ב אמרו** ליה לרב אתא גברא רבה אריכא לנהרדעא ומטלע ודרש כלילא שרי . אמר מאן גברא רבה אריכא לוי ש"מ נח נפשיה דרבי אפס ויתיב רבי חנינא ברישא ולא הוה ליה איניש ללוי למיתב גביה וקאתי להכא . ודלמא נח נפשיה דר"ח ורבי אפס כדקאי קאי ולא הוה ליה איניש ללוי למיתב גביה וקאתי להכא . אם איתא דר"ח שכב לוי לרבי

אבוה דרב ירמיה בר אבא : נתן דצוציתא . של שם ציצית דנור שהמלאך פשט את ידו וקבל תשובתו . נ"א על שאחזו כמלאך בציציה : אתו : (תוספות) ור"ת אומר דאמרי' במדרש שהיה נר דולק על ראשו :
כדעבד ליה רבי עקיבא לדביתהו . במסכת נדרים : גברא רבה אריכא ומטלע . לוי איטלע דנהוי קידה קמיה דרבי : נח נפשיה דרבי אפס. במסכת כתובות בהגוזא אמרינן דכי שכיב רבי אמר חנינא בר חמא ישב בראש ולא קבל עליו רבי חנינא שהיה רבי אפס גדול ממנו ב' שנים ויתיב רבי אפס ברישא ומתוך שהיה רבי חנינא חשוב לא נכנס לבית מדרשו והיה יושב בחוץ ומשום כבוד ישב לוי אצלו : וקאתי להכא . שלא היה רבי חנינא גדול ממנו לא בתורה וגם בשנים ולא מיקף ליה

ביי דעם איז דאס געלט געבליבען . נאר ער האט גינעבען זיין געלט צו די טענטשין וואס זיא האבען פריער בצאהלט . ווייל ער הט מורא גיהאט טאמער הט ער שלעכט גיפסקנת . אונ ער האט גיהייסען בצאהלען געלט אומזיסט . דאס איז גיוועזען די תשובה פון יאשיהו המלך . זאגט די גמרא רבי שמואל בר נחמני קריגט אויף רב . וואררום רב הט גזאגט עס איז ניטא קיין גרעסערע בעלי תשובות מער וויא יאשיהו אין זיין צייט אונ איינער אין אונזער צייט : ווער איז דער איינער . אבא דער פאטער פון רבי ירמיה בר אבא . אונ אנדערע זאגען דאס איז אחא דער ברודער פון אבא דער פאטער פון רב ירמיה בר אבא : ווארום דער רבי הט גזאגט אבא אונ אחא זענען גיוועזען ברידער . רב יוסף זאגט נאך אבער תשובה איז דא אין אונזער צייט . דאס איז עוקבן בר נחמיה ריש גלותא . דאס איז נתן דצוציתא . רב יוסף זאגט איך בין אמאהל גיזעסען אונ גילערנט אונ איך בין אנטשלאפען גיווארען האב איך גיזעהן אין חלום וויא אמלאך האט אויס גיצייגען זיין האנט אונ האט צוא גענומען די תשובה פון נתן דצוציתא :

פרק ששי

א ולא בעיר של זהב . אאשה טאר ניט ארויס גיין שבת נאך שמוב איז נאס זאס מען טאר ניט טראגען) מיט אשטאט פון גאלד . פרעגט די גמרא וואס מיינט מען אשטאט פון גאלד . זאגט די גמרא אויף אשטיק גאלד איז גיוועזען גימאכט די שטאט ירושלים : און דאס טראגען ווייבער פאר אצירונג . אזוי וויא רבי עקיבא האט געמאכט פאר זיין ווייב :

ב אמרו ליה לרב . מען האט גיזאגט צוא רב עס איז גיקומען אגרויסער למדן אין נהרדעא . ער איז אלאנגער אונ איז לאם גיהינקעדיג . אונ ער הט גידרשנת אז אאשה מעג ארויס גיין פון שטוב אין גאס מיט דעם צירונג וואס הייסט כלילא . האט רב גזאגט ווער איז אגרויסער למדן אונ אלאנגער . געוויס לוי . איז געוויס אז רבי אפס איז גישטארבען . אונ רבי חנינא איז גיווארען ראש ישיבה : האט ניט לוי געבין וועמען צו זיצען . איז ער גיקומען אין נהרדעא . פרעגט די גמרא טאמער איז רבי חנינא גישטארבען . אונ רבי אפס איז אראש ישיבה אזוי וויא ער איז גיוועזען . האט ניט לוי געבין וועמען צו זיצען איז ער גיקומען אין

לרבי אפס מיכף הוה כייף ליה ותו דר"ח לא סגי דלא מליך דכי הוה קא ניחא נפשיה דרבי אמר חנינא בר חמא יתיב בראש וכתיב בהו בצדיקים (איוב כב) ותגזר אומר ויקם לך וגו׳ :

(דף ס) ג סנדל המסומר מ"ט אמר שמואל שלפי השמד היו והיו נחבאים במערות אמרו הנכנס יכנס והיוצא אל יצא נהפך סנדלו של א׳ מהם כסבורים הם א׳ מהן יצא וראוהו אויבים ועכשיו באין עליהם דחקו זה בזה והרגו זה את זה יותר ממה שהרגו בהם האויבים ר׳ אילעאי בר אלעזר אומר במערה היו יושבין ושמעו קול מעל גבי המערה (כסבורין היו שבאו עליהם אויבים) דחקו זה בזה והרגו זה את זה יותר ממה שהרגו בהן האויבים רמי בר יחזקאל אמר בבית המדרש היו יושבין ושמעו קול מאחורי בה"מ כסבורים היו שבאו עליהם אויבים דחקו זה בזה והרגו זה את זה יותר

אי והא לכאן : אי גברי אפס מיקף הוה כייף ליה. שהרי זקן ממנו :
בלפי השמד היו. בני אדם שנשמדים מן השמד היו : הנכנס יכנס. הרוצה ליכנס יכנס שהנכנס יראה תחלה שאין אדם רואה : והיוצא אל יצא. שמא יש אויבים מבחוץ והוא לא ידע ויראוהו אויבים שבאו כאן : נהפך סנדלו. שיש לו שתי פיות יכול לנועלו מב׳ צדדים אבל ניכר מי הוא לפנים ומי הוא לאחור וכשנעלו זה הפוך נראה הנכנס כאילו הוא יוצא וניכר מקומו בקרקע : והרגו זה את זה. בדחיקתם והיו סנדליהן מסומרים כעין אותם שעושים לרגלי הסוסים להכביד עבים :

גְּהַרְדָעא. זָאגְט דיא גְמָרא אוֹיבּ רַבִּי חֲנִינָא וָואלְט גִישְׁטָארְבֶּען וָואלְט לֵוִי גִיזֶעסֶען בַּיי דִי יְשִׁיבָה פוּן רַבִּי אָפֶּס . אוּנ נָאךְ אַבֶּעוֶועזוּנְג אִיז אַז רַבִּי אָפֶּס אִיז גִישְׁטָארְבֶּען אוּנ רַבִּי חֲנִינָא אִיז אַראשׁ יְשִׁיבָה גִיוָוארֶען . וָוארוּם עֶס קֶען נִיט זַיין אַז רַבִּי חֲנִינָא זָאל נִיט זַיין אַראשׁ יְשִׁיבָה . וָוארוּם אֵיידֶער רֶבִּי אִיז גִישְׁטָארְבֶּען הָאט עֶר גִיזָאגְט חֲנִינָא בַּר חָמָא זָאל זַיין אַראשׁ יְשִׁיבָה . אוּנ עֶס שְׁטֵייט בַּייא דִיא צַדִיקִים אַז דוּא וֶועסְט עֶפֶּעס גוֹזֵר זַיין וֶועט גָאט מְקַיֵים זַיין דַיינֶע רֵייד :

ג סַנְדָל הַמְסוּמָר מַאי טַעְמָא . פַר וָואס טָאר מֶען נִיט גֵיין שַׁבָּת אִין שִׁיךְ מִיט טְשְׁוֶועקֶעס . הָאט שְׁמוּאֵל גִיזָאגְט . עֶס זֶענֶען גִיוֶוען מֶענְטְשֶׁין וָואס זֶענֶען אַנְטְלָאפֶען פוּן שְׁמַד . מֶען הָאט זַייא גִיוָואלְט שְׁמַדִין . הָאבֶּען זַייא זִיךְ בֶּעהַאלְטֶען אִין קֶעלֶערְס . אוּנ זַייא הָאבֶּען גִיזָאגְט וֶוער עֶס וִויל אַרַיין גֵיין אִין דֶעם קֶעלֶער מֶעג אַרַיין גֵיין . וָוארוּם עֶר וֶועט אַכְטוּנְג גֶעבֶּען קֵיינֶער זָאל אִיהם נִיט זֶעהן אַרַיין גֵייעֶנְדִיג . אָבֶּער אַרוֹיס גֵיין זָאל קֵיינֶער נִיט פוּן דֶעם קֶעלֶער . וָוארוּם עֶס קֶען זַיין אֵיינֶער פוּן דִיא גוֹיִם וֶועט אִיהם זֶעהן אַרוֹיס גֵייעֶנְדִיג פוּן קֶעלֶער . וֶועט עֶר וִויסֶען אַז אִין דֶעם קֶעלֶער זֶענֶען בֶּעהַאלְטֶען יוּדֶען . אַמָאהל הָט גִיטְרָאפֶען אַז עֶס אִיז פַאר דְרֵייט גִיוָוארִין דֶער שׁוּךְ פוּן אֵיינֶעם . וָוארוּם דִיא שִׁיךְ פְלֶעגְט מֶען קֶענֶען אָן טָאהן פוּן בֵּיידֶע זַייטֶען . פוּן פָארוּנְט אוֹיף אִינְטֶען אוּנ פוּן אִינְטֶען אוֹיף פָארִינְט . נָאר מֶען הָאט דֶער קֶענְט וֶועלְכֶע זַייט אִיז פָארוּנְט אוּנ וֶועלְכֶע זַייט אִיז אִינְטֶען . אוּנ אַז עֶר הָט אָן גִיטָאהן דֶעם שׁוּךְ פוּן פָארוּנְט אוֹיף אִינְטֶען . אוּנ עֶר אִיז אַרַיין גִיגַאנְגֶען אִין קֶעלֶער . הָט אוֹיס גִיזֶעהן דֶער טְרִיט אִין זַאמְד אַזוֹי וִויא מֶען וָואלְט אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען . הָאבֶּען זַייא גִימֵיינְט אֵיינֶער פוּן זַייא אִיז אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען . אוּנ דִי גוֹיִם הָאבֶּען אִיהם גִיזֶעהן . אוּנ זַייא וֶועלֶען גֶעווִיס קוּמֶען צוּא אוּנְז אִין דֶעם קֶעלֶער . הָאבֶּען זַייא גִישְׁטוּיסֶען אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערִין . אוּנ זַייא הָאבֶּען גִיהַרְגֶת אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערִין מֶער וִויא דִיא גוֹיִם הָאבֶּען פוּן זַיי גִיהַרְגֶת . רַבִּי אִילְעָאִי בַּר אֶלְעָזָר זָאגְט אַזוֹי אִיז גִיוֶוען דִיא מַעֲשֶׂה . דִיא יוּדֶען זֶענֶען גִיזֶעסֶען אִין אַקֶעלֶער . אוּנ זַיי הָאבֶּען גִיהֶערְט אַגִישְׁרֵייא אוֹיף דֶעם קֶעלֶער . הָאבֶּען זַייא גִימֵיינְט דִיא גוֹיִם קוּמֶען צוּ זַייא . הָאבֶּען זַייא גִשְׁטוּסֶען אֵיינֶר דֶעם אַנְדֶערִין אוּנ זַיי הָאבֶּען גִיהַרְגֶת אֵיינֶר דֶעם אַנְדֶערִין מֶער וִוי דִי גוֹיִם הָאבֶּען פוּן זַיי גִיהַרְגֶת . רָמִי בַּר יְחֶזְקֵאל זָאגְט . זַייא זֶענֶען גִיזֶעסֶען אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ . אוּנ זַיי הָאבֶּען גִיהֶערְט אַגִישְׁרֵיי אִינְטֶער דֶעם בֵּית הַמֶדְרָשׁ . הָאבֶּען זַיי גִימֵיינְט דִי גוֹיִם קוּמֶען צוּ זַיי . הָאבֶּען זַיי גִישְׁטוּיסֶען אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערִין . אוּנ זַייא הָאבֶּען גִיהַרְגֶת אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערִין מֶער וִויא דִיא גוֹיִם הָאבֶּען פוּן זַייא גִיהַרְגֶת . אוּנ ווַייל זַיי הָאבֶּען גִיהַרְגֶת אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערִין מִיט אַזֶעלְכֶע

יותר ממה שהרגו בהם אויבים באותה שעה אמרו אל יצא אדם בסנדל המסומר אי הכי בחול נמי ליתסר מעשה כי הוה בשבת הוה :

(דף סא) **ד** **ת"ר** כשהוא נועל נועל של ימין ואח"כ נועל של שמאל וכשהוא חולץ חולץ של שמאל ואח"כ חולץ של ימין כשהוא רוחץ רוחץ של ימין ואח"כ של שמאל כשהוא סך סך של ימין ואחר כך של שמאל והרוצה לסוך כל גופו סך ראשו תחלה מפני שהוא מלך על כל איבריו :

אל יצא אדם. בשבת כדמפרש לקמיה דבשבת הוה מעשה וכעין במאורע אסרו :
הולך של שמאל. דזהו כבודו של ימין כבולא גרסי' של ימין בריתא אין פה לן :
כתם משום שי"ן. שעשוי מעור ההינון עצמו קומט בו ג' קמטים כעין שי"ן של שדי וכדל"ת וביו"ד עשוים בקשר שקושר הרצועה אחת לצפון ואחת למזרח ורצועה קטנה הלויה בה ואין בה אלא כפיפה כמין יו"ד וכופלה בעוד העור לח והיא כפופה לעולם :

(דף סב) **ה** **הרי** תפילין דמחופה עור ותניא הנכנס לבית הכסא חולץ תפילין ברחוק ד' אמות ונכנס התם משום שי"ן דאמר אביי ש' של תפילין הלכה למשה מסיני ואמר אביי ד' של תפילין הלכה למשה מסיני ואמר אביי יו"ד של תפילין הלכה למשה מסיני :

(פ"ג) **ו** **השוכבים** על מטות שן וסרוחים על ערשותם (עמוס ו) אמר רבי יוסי בר חנינא מלמד שהיו משתינים מים בפני מטותיהן ערומים מגדף בה רבי אבהו אי הכי היינו דכתיב (שם) לכן עתה יגלו בראש גולים משום דמשתינין מים בפני מטותיהן

שׁיך וָואס אִין זֵיי אִיז גִיוֶוען טְשְׁוֶועקֶעס. דְרִיבֶּער הָאט מֶען גִזָאגְט אַיוּד זָאל נִיט גֵיין אִין שִׁיך מִיט טְשְׁוֶועקִים. פְרֶעגְט דִי גְמָרָא אוֹיבּ אַזוֹי אִיז. זָאל מֶען אוּם דֶער וָואכֶען אוֹיך נִיט טָארִין גֵיין אִין שִׁיך מִיט טְשְׁוֶועקִים. עֶנְטְפֶערְט דִי גְמָרָא וַוייל דִי מַעֲשֶׂה אִיז גִיוֶוען אוּם שַׁבָּת. דְרִיבֶּער הָאט מֶען נָאר גִיאַסֶרְת אוּם שַׁבָּת :

ד תָּנוּ רַבָּנָן. דִי רַבָּנָן הָאבֶּען גִילֶערוּנְט אַז מֶען טוּהט אָן דִיא שִׁיך. זָאל מֶען פְרִיֶער אָן טָאהן אוֹיף דִיא רֶעכְטֶע פוּס. דֶער נָאך זָאל מֶען אָן טָאהן אוֹיף דִיא לִינְקֶע פוּס. אוּנ אַז מֶען טוּהט אוֹיס דִיא שִׁיך. זָאל מֶען פְרִיֶער אוֹיס טָאהן פוּן דִיא לִינְקֶע פוּס. דֶער נָאך זָאל מֶען אוֹיס טָאהן פוּן דִיא רֶעכְטֶע פוּס. אוּנ אַז מֶען וַואשְׁט דִיא הֶענְט. זָאל מֶען פְרִיֶער וַואשֶׁען דִיא רֶעכְטֶע הַאנְט. דֶער נָאך זָאל מֶען וַואשֶׁען דִיא לִינְקֶע הַאנְט. אוּנ אַז מֶען שְׁמִירְט דִיא הֶענְט מִיט בּוֹימֶאייל. זָאל מֶען פְרִיֶער שְׁמִירֶען דִיא רֶעכְטֶע הַאנְט; דֶער נָאך זָאל מֶען שְׁמִירֶען דִי לִינְקֶע הַאנְט. אוּנ אַז מֶען ווִיל שְׁמִירֶען דָאס גַאנְצֶע לַייבּ. זָאל מֶען פְרִיֶער שְׁמִירֶען דֶעם קָאפּ. וַוייל עֶר אִיז דֶער מֶלֶךְ אוֹיף אַלֶע גְלִידֶער :

ה הֲרֵי תְּפִילִין דִמְחוּפֶּה עוֹר; דִיא פַּרְשִׁיּוֹת פוּן תְּפִילִין זֶענֶען דָאךְ בַּדֶעקְט מִיט אֶפֶּעל; אוּנ מִיר הָאבֶּען גִילֶערוּנְט אַז אֵיינֶער דַארְף אַרַיין גֵיין אִין בֵּית הַכִּסֵא. זָאל עֶר אוֹיס טָאהן דִיא תְּפִילִין פִיר אֵיילֶען ווַייט פוּן בֵּית הַכִּסֵא אוּנ עֶר גֵייט אַרַיין אִין בֵּית הַכִּסֵא; זָאגְט דִיא גְמָרָא דְרִיבֶּער טָאר מֶען נִיט אַרַיין גֵיין מִיט תְּפִילִין אִין בֵּית הַכִּסֵא. ווַייל אוֹיף דִי תְּפִילִין אִיז דָא אַשִׁיי"ן. ווָארוּם אַבַּיֵי הָאט גִזָאגְט דֶער שִׁי"ן פוּן תְּפִילִין אִיז גִזָאגְט גִיוָוארֶען צוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוֹיף דֶעם בַּארְג סִינַי; נָאךְ הָט אַבַּיֵי גִזָאגְט דֶער ד פוּן תְּפִילִין אִיז גִזָאגְט גִיוָוארֶען צוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוֹיף דֶעם בַּארְג סִינַי; נָאךְ הָט אַבַּיֵי גִזָאגְט דֶער יו"ד פוּן תְּפִילִין אִיז גִזָאגְט גִיוָוארֶען צוּא מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוֹיף דֶעם בַּארְג סִינַי :

ו הַשּׁוֹכְבִים עַל מִטּוֹת שֵׁן. אִין פָּסוּק שְׁטֵייט דֶער נָבִיא הָאט גִישְׁטְרָאפְט דִיא יוּדֶען. דִיא לִיגֶען אוֹיף בֶּעטִין פוּן עֶלְפַאנְדבֵּיין אוּנ זֵייא שְׁטִינְקֶען אוֹיף זֵייעֶרֶע בֶּעטִין. הָט רַבִּי יוֹסֵי בַּר חֲנִינָא גִזָאגְט דֶער פָּסוּק לֶערוּנְט אוּנְז זֵייא פְלֶעגִין מַשְׁתִּין זַיין נַאקֶעט כַּאר זֵייעֶרֶע בֶּעטִין. הָט רַבִּי אֲבָהוּ גִילַאכְט דֶער פוּן. אוֹיבּ אַזוֹי מֵיינְט דֶער פָּסוּק. פַאר וָואס שְׁטֵייט אִין אַנְדֶערִין פָּסוּק דְרִיבֶּער וֶועלִין זֵייא אִיצְט פַאר טְרִיבֶּען וֶוערִין דִיא עֶרְשְׁטֶע אִין גָלוּת. ווַייל זֵייא זָענֶען

מטותירן ערומים יגלו בראש גולים . אלא א"ר אבהו אלו בני אדם שהיו אוכלים ושותים זה עם זה ודובקין מטותיהן זו בזו ומחלפין נשותיהן זה עם זה ומסריחין ערסותיהם בשכבת זרע שאינו שלהם אמר ר' אבהו ואמרי לה במתניתא תנא שלשה דברים מביאין את האדם לידי עניות ואלו הן המשתין מים בפני מטתו ערום והמזלזל בנטילת ידים ושאשתו מקללתו בפניו המשתין מים בפני מטתו ערום אמר רבא לא אמרן אלא דמהדר אפיה לפוריא אבל לבראי לית לן בה ומהדר אפיה לפוריא נמי לא אמרן אלא בארעא אבל במנא לית לן בה ומזלזל בנטילת ידים לא אמרן אלא דלא משא ידיה כלל אבל משא ולא משא לית לן בה ולאו מילתא היא דאמר רב חסדא אנא משאי מלא חפנאי מיא ויהבו לי מלא חפנאי טיבותא . ושאשתו מקללתו בפניו אמר רבא על עסקי תכשיטיה וה"מ הוא דאית ליה ולא עביד :

פירוש

משתינין דייק מכרומים : לידי עניות . דאמ"יק (נכל סכשר) [בע"פ קי"ה] כל הטניות נגיל שמיה ונגיל קרי ליה והוכב מקום מיאוס ומשתין מים בפני מליתו היינו מיאוס : ערום . אורחא דמילתא נקט דהוך שהוא ערום אינו יוצא לחוץ להשתין דטורח הוא ללבוש ולצאת : אבל לבראי לית לן בה . בהקילות ארוך וניהז למרחוק : משא ולא משא . שאינו רוחץ ומשפשף יפה אלא מעט מים כמו רביעית מלימלם : על עסקי תכשיטים . שאינו רוצה לקנות לה :

גבהו . היינו קומה זקופה : ותלכנה נטויות גרון שהיו הולכות עקב בצד גודל . למעט בהלוכן כיהו מסתכלין בה והיא שוכה בפסיעותיה ודרך נוטים גרון לילך בנחת לפי שאינו רואה לרגליו : ומשקרות עיניה דמלין כוחלא לשון סיקרא : מרמזין . את הבחורים סקור לשון הבט : הלוך וטפוף שהיו מהלכות ארוכה בצד קצרה . שתראה לפם על ראש הכרתה וכוה טי לה ונשואות כיו

ז דר"ש רבה (רבא) בריה דרב עילאי מאי דכתיב (ישעיה ג) ויאמר ה' יען כי גבהו בנות ציון שהיו מהלכות בקומה זקופה ותלכנה נטויות גרון שהיו מהלכות עקב בצד גודל ומשקרות עינים דהוו מלאן כוחלא לעינייהו ומרמזן (שס) הלוך וטפוף תלכנה שהיו מהלכות

משתין נאקעט פאר זייערע בעטין . דריבער ווערין זייא גיין דיא ערשטע אין גלות . אז מען איז משתין נאקעט פארין בעט איז גאר ניט אזוי אגרויסע עבירה . נאר רבי אבהו זאגט דער פסוק מיינט דיא מענטשין וואס זייא פלעגין עסין , און טרינקען איינער מיט דעם אנדערין . און זייא פלעגין בהעפטין זייערע בעטין איינע נעבין דיא אנדערע . און זייא פלעגין מאהשין זייערע ווייבער איינער מיט דעם אנדערין . און זייא פלעגין פאר שטינקען זייערע בעטין מיט שכבת זרע וואס ניט זייערע . רבי אבהו האט גזאגט און אנדערע זאגען מיר האבען אזוי גילערנט אין אברייתא . דרייא זאכען ברענגען דעם מענטשין צו ארעמקייט . און דס זענען דיא דריי זאכען . אז איינער איז משתין נאקעט פאר זיין בעט . און אז איינער וואשט זיינע הענט מיט ווייניג וואסער צום עסין . און אז זיין ווייב פלוכט איהם און ער הערט . זאגט די גמרא אז איינער איז משתין נאקעט פאר זיין בעט קומט ער צו ארעמקייט . האט רבא גזאגט דאס איז נאר גזאגט גיווארען אז ער שטייט מיט דעם פנים צום בעט און איז משתין . ווערט ער ארעם . אבער אז ער שטייט מיט דעם פנים צום שטוב און איז משתין נעבין בעט . וועט ער ניט ארעם ווערין . און אז ער שטייט מיט דעם פנים צום בעט און איז משתין אין אכלי . וועט ער ניט ארעם ווערין . און דער וואס וואשט ניט די הענט צום עסין ווערט ער ארעם . דאס איז נאר אז ער הט גאר ניט גיוואשען . אבער אז ער וואשט און וואשט ניט , ער וואשט מיט אביסול וואסער ווערט ער ניט ארעם זאגט דיא גמרא עס איז ניט אזוי , נאר אז ער וואשט דיא הענט מיט ווייניג וואסער ווערט ער אויך ארעם , ווארום רב חסדא הט גזאגט איך האב גיוואשען מיינע הענט מיט פיל וואסער האט מען מיר גיגעבען פיל גוטץ . און אז דיא ווייב פלוכט איהם און ער הערט . ווערט ער ארעם . הט רבא גזאגט דס איז נאר אז זיא פלוכט אים ער זאל איר קויפען צירונג און ער וויל ניט קויפען . און נאר אז ער קען קויפען און ער וויל ניט . ווערט ער ארעם :

ז דרש רבה בריה דרב עילאי . רבה דער זוהן פון רב עילאי הט גידרשת : עס שטייט אין פסוק גאט האט גזאגט ווייל דיא טעכטער פון ציון זענען גרויס ביי זיך . וואס מיינט מען

מהלכות ארוכה בצד קצרה (שם) וברגליהם תעכסנה אמר רבי יצחק דבי רבי אמי מלמד שמטילות מור ואפרסמון במנעליהן ומהלכות בשוקי ירושלים וכיון שמגיעות אצל בחורי ישראל בועטות בקרקע ומתיזות עליהם ומכניסות יצה"ר בהם כארס בכעוס מאי פורענותהון כדדריש רבא (רבה) בר עולא (שם) והיה תחת בושם מק יהיה מקום שהיו מתבשמות בו נעשה נמקים נמקים ותחת חגורה נקפה מקום שהיו חגורות בצלצול נעשה נקפים נקפים (שם) ותחת מעשה מקשה קרחה מקום שהיו מתקשטות בו נעשה קרחים קרחים ותחת פתיגיל מחגורת שק פתחים המביאים לידי גילה יהיו למחגורת שק. כי תחת יופי אמר רבא היינו דאמרי אינשי חלופ שופרא כיבא. (שם) ושפח ה' קדקד בנות ציון א"ר יוסי ב"ח מלמד שפרחה בהן צרעת; כתיב הכא ושפח וכתיב התם (ויקרא יד) ולשאת ולספחת. וה' פתהן יערה רב ושמואל חד אמר שנשפכו כקיתון וחד

לפיכך מספר בגנותן : וטפיף . כמו על הטפף; מטפיק : תעכסנה . כמו וכעכס אל מוסר אויל והוא ארס של נחש וקרי ליה עכס ע"ש שאינו ממיתו אלא על ידי כעס : בכעוס . נחש כעוס : נמקים . כגון המק בשרו : גלגל . בגדי"ל נא"ה : נקפים . חבורות לשון המנקף רגליו וניקף סבכי היער : מתקשטות . היינו מעשה מקשה : ומתכרכסות : מתקשטות דומה למקשה כעין נוטריקן : פתיגיל . נוטריקן פתח גילה אותו מקום : כי תחת יופי . כי כל אלה יבאו לך תחת יפיך : כיבא . קוטרא ליהוי כמו שיהא וכיכי דקרוסין דפלימו : פשק . כמו פתחיהן : שנשפכו כקיתון שופכות דם

זייא זענען גיגאנגען אויף גישטעלט דעם גוף) אונ זייא זענען גיגאנגען אויס גינייגט די האלדז אונ אויף גיהויבען דעם קאפ (דאס מיינט מען זיי זענען גיגאנגען פאמעלאך ; אטריט בייא אטריט די זכרים זאלען קענען קוקען אויף זיין) . אונ זיי האבען געווינקט מיט זייערע אויגען (זייא פלעגין פארבען די אויגען אונ פלעגין ווינקען צו דיא זכרים) זיי זענען גיגאנגען אונ האבען גישוועבט (דאס מיינט מען זיי זענען גיגאנגען אהויכע מיט אנידעריגע בעזאמען . האט אויס גיזעהן דיא הויכע וויא זיא שוועבט איבער די נידעריגען) אונ אויף זייערע פיס איז גיוועזען גיפט האט רבי יצחק גזאגט די תלמידים פון רבי אמי האבען גילערנט זיי פלעגין אריין לייגען אין זייערע שיך בשמים מיט שמעקידיקע בוימאייל . אונ זענען גיגאנגען אין די גאסען פון ירושלים . אז זייא פלעגין קומען נעבין איונגען מאן האבען זייא אטרעט גיטאהן מיט דעם פוס אויף די ערד . פלעגט די בוימאייל אשפריץ טאהן אויף דעם יונגען מאן . אונ זייא פלעגין אריין ברייננגען דעם יצר הרע אין דעם יונגען מאן אונ ער פלעגט ברענען אין איהם . אזוי וויא דער גיפט אין אשלאנג וואס איז בייז . פרעגט דיא גמרא וואס הט זייא גאט בצאהלט פאר דיא עבירות . ענטפערט דיא גמרא אזוי וויא רבה בר עולא האט גידרשת . עס שטייט אין פסוק אונטער דיא בשמים וועט זיין פאר פוילט . (אויף די ערטער וואס זיי פלעגין שמירען זייער לייב מיט בשמים . וועט זיין פאר פוילט) . אונטער דעם גארטיל וועט זיין צו שניטען (אויף דעם ארט וואס זיי זענען גיוועזען גיגארטעלט מיט אברייטין גארטעל . וועט זיין די לייב צו האקט מיט וואונדען אונ מכות) אונטער די פאר גלעטע האר וועט זיין גאל (די ערטער פון קאפ וואס זייא פלעגין צירען אונ קעמען די האר זאל זיין גלאט אונ שיין . וועט זיין גאל . די האר וועט ארוס פאלען) אונ אונטער דעם פתיגיל וועט זיין אזאק (דאס ווארט פתיגיל איז טייטש גלייך וויא עס וואלט גישטאנען פתח גילה די טיר פון פרייד . דאס מיינט מען די ערוה . זאגט דער פסוק דיא טירען וואס פלעגין ברייננגען צו פרייד . די ערוה . וועט זיין ארומגיגארטעלט מיט אזאק . מען וועט זייא טרייבען נאקעט אין גלות) . דאס אלץ וועט אויף דיר קומען פאר דיין שיינקייט . וואס דוא האסט דיך שיין גימאכט צו מזנה זיין) . רבא זאגט דאס איז וואס מענטשין זאגען אויף דעם ארט פון שיינקייט קומט מכות (אז איינער וויל זיך שיין מאכען צו מזנה זיין . שיקט אט אויף איהם מכות ער זאל פאר מיאוסט ווערין) . אין פסוק שטייט ושפח ה' קדקד בנות ציון . הט רבי יוסי בר חנינא גזאגט דער פסוק לערונט אונז . אז זייערע קעפ זענען בעוואקסין גיווארין מיט קרעץ . דא שטייט דער ווארט ושפח . אונ דארט שטייט ולשאת ולספחת . אזוי וויא ספחת איז טייטש קרעץ ; אזוי ושפח מיינט מען אויך קרעץ . אין פסוק שטייט וה' פתהן

וחד אמר שנעשו פתחיהן כיער אמ׳ רב יהודה אמר רב אנשי ירושלים אנשי שחץ היו. אדם אומר לחבירו במה סעדת היום וכו׳:

(דף ס.) **ח אמר** רחבה אמר רב יהודה עצי ירושלים של קנמון היו ובשעה שהיו מסיקין מהן ריחן נודף בכל ארץ ישראל ומשחרבה ירושלים נגנזו ולא נשתייר אלא כשעורה ומשתכח בגזאי דצמצמאי מלכתא:

פירוש

יער: יפיה. כיער ותער כדס: אנשי שחץ. מדברים בלשון גאוה ולשון פסה: סעדה. הכמים ודברי ניוול דומים לגלה ולא תשבתי לכתכם כלן: מלכתא. כך שמה: זכאי חרבותם. וזי תכשיטין ניהו לא יכו בעלים לפסיד: ברגא בטיהרא. נר כלגרים מתוך בלים צריך אינו נאה אבל בזמן סס שהוא עת מלחמות תכשיט הוא: ופליגא. הא דקתני בטלין לימות המשיח פליג אדשמואל דאמר אין בטלין

ט משנה לא יצא האיש לא בסייף ולא בקשת יכו׳ ר׳ אליעזר אומר תכשיטין הן לו וחכמים אומרים אינן אלא לגנאי שנא׳ (מיכה ד) וכתתו חרבותם לאתים וחניתותיהם למזמרות וגו׳ ולא ילמדו עוד מלחמה: גמ׳ תניא אמרו לו לרבי אליעזר וכי מאחר דתכשיטין הן לו כפני מה הן בטלים לימות המשיח אמר להם לפי שאינן צריכין שנאמר (כס) לא ישא גוי אל גוי חרב. ותיהוי לנוי בעלמא. אמר אביי מידי דהוה אשרגא בטיהרא. ופליגא דשמואל

נערה. רב און שמואל קריגען איינער זאגט עס האט זיך גיזאגט פון זייא גלוט אזוי וויא פון אקרוג ופתהן. איז טייטש אזוי וויא פתהן. זייער טיר. זייער ערוה. און יערה. איז טייטש גיסען). און איינער זאגט זייערע טירען זייער ערוה איז בעוואקסען גיווארין מיט האר אזוי וויא אוואלד. זייא זאלען פאר מיאוסט ווערין ניערה איז טייטש אזוי וויא יער. אוואלדן: רב יהודה האט גזאגט פון רבס וועגין דיא מענטשין פון ירושלים זענען בייא זיך גרויס גיוועזן. איינער האט גיפרעגט דעם אנדערין מיט וואס האסטו היינט גיגעסען ומיט וועלכע אשה האסטו היינט מזנה גיוועזן:

ח אמר רחבה אמר רבי יהודה. רחבה האט גזאגט פון רבי יהודהס וועגין. דיא האלץ פון ירושלים זענען גיוועזן קנמון (בשמים האלץ). און אז מען פלעגט הייצען מיט דיא האלץ. האט דער ריח גישמעקט אין גאנץ ארץ ישראל. און אז ירושלים איז חרוב גיווארין איז דיא האלץ בעהאלטען גיווארין. און עס איז ניט מער געבליבען פון דיא האלץ; נאר איין שטיקל גרויס וויא אגערשט; און דאס ווערט גיפונען אין דיא אוצרות פון דיא קעניגין צמצמאי:

ט משנה לא יצא האיש. אמענטש טאר ניט ארויס גיין אום שבת מיט אשווערד. און ניט מיט אפיילע בויגען. רבי אליעזר זאגט גיווער איז בייא אמענטשין אצירונג. און די חכמים זאגען גיווער איז בייא אמענטשין אשענדליכע זאך. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק. אז משיח וועט קומען וועלין זיי צו שטויסען זייערע שווערדין צו האקערין מיט זיי. און פון זייערע שפיזען וועלין זייא מאכען מעסערס צו שניידען תבואה. און מען וועט שוין ניט לערנען וויא אזוי צו פירען אמלחמה. אז די גיווער וואלט גיוועזן אצירונג וואלט מען דאך דס ניט צו ברעכין אפילו ווען משיח וועט קומען:

גמרא תניא. מיר האבען גילערנט די חכמים האבען גזאגט צו רבי אליעזר אז גיווער איז אצירונג צו אמענטשין. פר וואס וועט דס בטל ווערין ווען משיח וועט קומען. האט רבי אליעזר גזאגט צו די חכמים ווייל מען וועט זיי ניט בארפען. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק איין פאלק צום אנדערין פאלק וועט ניט אויף הייבען קיין שווערד. פרעגט די גמרא זאל זיין די גיווער צו שיינקייט. פר אצירונג. האט אביי גזאגט אזוי ווי אליכט אין מיטען טאג. ווייל מען בארף זיא ניט איז דס ניט שיין ואבער בייא נאכט ווען מען בארף די ליכט איז זיא שיין). אזוי דס גיווער איז נאר שיין ווען מען בארף זיי. ווען עס איז מלחמות. אבער אז משיח וועט קומען און מלחמות וועט ניט זיין. איז דיא גיווער ניט שיין. און דער תנא וואס זאגט אז אלע גיווער

רשמואל דאמר שמואל אין בין העולם הזה לימות המשיח אלא שעבוד גליות בלבד שנאמר (דברים טו) כי לא יחדל אביון מקרב הארץ. מסייע ליה לרבי חייא בר אבא דאמר רבי חייא בר אבא כל הנביאים לא נתנבאו אלא לימות המשיח אבל לעוה"ב (ישעיה סד) עין לא ראתה אלהים זולתך ואיכא דאמרי אמרו ליה לר"א וכי מאחר דתכשיטין הן לו מפני מה הן בטלים לימות המשיח א"ל אף לימות המשיח אינן בטלים היינו דשמואל ופליגא דרבי חייא בר אבא א"ל אביי לרב דימי ואמרי לה לרב אויא (ואמרי לה רב יוסף לרב דימי ואמרי לה לרב אויא ואמרי לה אביי לרב יוסף) מ"ט דר"א דאמר תכשיטין הן לו. דכתיב (תהלים מה) חגור חרבך על ירך גבור הודך והדרך. א"ל רב כהנא למר בריה דרבינא האי בדברי תורה כתיב. א"ל אין מקרא יוצא מידי פשוטו לעולם:

אמר

לימות המשיח: לא יחדל. משמע לעולם אלמא יש עניות ש"מ נחמות שנתנבאו הנביאים ולא יהיה כנעני עוד לא לימות המשיח נתנבאו שכן מן העולם הזה שאם כן חדל לך אביון: מסייע ליה. בברייתא דקתני בטלים לימות המשיח לר' חייא בר אבא: לא נתנבאו. דברי נחמות שלהן: עין לא ראתה. עין של כל נביאים לא שלטו לראותם: בדברי תורה כתיב. הוי זהיר לחזור על משנתך שתהא מזומנת לך בשעת הדין להביא ראיה כחרב על ירך גבור נאה במלחמה והוא הודך והדרך:

וועלין בטל ווערין ווען משיח וועט קומען. קריגט ער אויף שמואל. ווארום שמואל האט גזאגט צווישען דיא וועלט און די צייט ווען משיח וועט קומען איז ניט מער קיין אונטערשייד נאר אין דעם גלות, הײנט איז מען אין גלות. און אז משיח וועט קומען וועט מען אונז גילייזט ווערין פון גלות. ווארום עס שטייט אין פסוק עס וועט ניט פאר מיטען ווערין קיין ארעם מאן פון דער וועלט. אפילו ווען משיח וועט קומען וועלין אויך זיין ארעמע לייט. און עס וועט זיין מלחמות. וועט מען דארפין גיווער שווערדין און ביקסען. פון דעם תנא וואס זאגט אז אלע גיווער וועלין בטל ווערין ווען משיח וועט קומען. וועט זיין א ראיה צו רבי חייא בר אבא. ווארום רבי חייא בר אבא האט גזאגט אלע נביאים האבען נאר נביאות גזאגט אויף דיא צייט ווען משיח וועט קומען. אבער וואס צו עולם הבא וועט זיין האט קיין אויג ניט גיזעהן. נאר גאט אליין ווייס. זעהן מיר דאך אז צו דיא צייט ווען משיח וועט קומען וועט שוין מקוים ווערין אלע טובות וואס די נביאים האבען גזאגט. עס וועט שוין ניט זיין קיין ארעם מאן און עס וועט ניט זיין קיין מלחמות און מען וועט ניט דארפין קיין גיווער. אנדערע זאגען די חכמים האבען גזאגט צו רבי אליעזר אז גיווער איז א צירונג צו א מענטשין. פאר וואס וועט דאס בטל ווערין ווען משיח וועט קומען. האט רבי אליעזר גזאגט צו די חכמים: זייא וועלען טאקי ניט בטל ווערין אפילו ווען משיח וועט קומען. און דאס איז אזוי וויא שמואל האט גזאגט. אז ווען משיח וועט קומען וועט אויך זיין מלחמות. און רבי אליעזר קריגט אויף רבי חייא בר אבא וואס ער זאגט אז ווען משיח וועט קומען וועט שוין ניט זיין קיין מלחמות אזוי וויא פריער שטייט. אביי האט גזאגט צו רב דימי. און אנדערע זאגען אביי האט גזאגט צו רב אויא. פון וואנען ווייס רבי אליעזר צו זאגען אז גיווער איז א צירונג צו א מענטשין. ווארום עס שטייט אין פסוק דוא שטארקער העלד ביגר אן דיין שווערד אויף דיין זייט. דס איז דיין שיינקייט. האט רב כהנא גזאגט צו מר בריה דרבינא דער פסוק שמועסט נאר פון דיא תורה. דיא תורה זאל זיין אן גיבונדען אין דיין הארץ. ווען מען וועט דיר פרעגין א דין זאלסטו שוין וויסען צו ענטפערין. אזוי וויא עס איז אן גיבונדען דער שווערד ביי א גבור אויף זיין זייט ווען ער דארף מלחמה האלטען האט ער שוין דעם שווערד נעבין זיך. און דאס איז דיין שיינקייט. האט מר בריה דרבינא גזאגט צו רב כהנא דער פסוק גייט קיין מאהל ניט ארויס פון זיין פראסטען פשט. דער פסוק מיינט ביידע זאכען. דער שווערד איז ביי דעם גבור זיין צירונג. און דער פסוק מיינט דיא תורה אויך. דיא תורה זאל זיין אן גיבונדען אין דיא הארץ פון א מענטש. אזוי וויא דער שווערד איז אן גיבונדען אויף די זייט פון דעם גבור ווי פריער שטייט:

דליגמר אינש, ליגרוס שמעתא מרביה ואע"ג דלא ידע לכולהו טעמי: והדר ליסבר. טעמי דהוה קשה לרב כהנא ולא הוה ידע להאי טעמא והלומדים הוה קים ליה מדהוה בר תמני כרי: שמתחדדים. שואלין ומשיבין ולא לקפח אלא להתחדד: והדרך. כמו והדרך: ותורך. ותלמדך: למיימינים. של תורה שמפשפשין טעמיהן בדיוקין וכשרין כימין המיומנת למלאכה: עושר וכבוד ליכא. בתמיה: דאיכא אורך ימים כ"ש עושר וכבוד: למשמאילים בה. שאין יגעין בה כל צרכן א"נ

י **אמר** רב כהנא כד הוינא בר תמני סרי שנין הות גמירנא ליה לכולי גמרא ולא הוה ידענא דאין מקרא יוצא מידי פשוטו עד השתא מאי קא משמע לן דליגמר איניש והדר ליסבר. אמר רבי ירמיה אמר ר' אלעזר שני ת"ח המחדדין ז' לזה בהלכה הקב"ה מצליח להם שנאמר (תהלים מה) והדרך אל תקרי והדרך אלא וחדדך ולא עוד אלא שעולין לגדולה שנאמר (שם) צלח רכב יכול אפילו שלא לשמה ת"ל על דבר אמת. יכול אם הגים דעתו ת"ל וענוה צדק. ואם עושים כן זוכין לתורה שניתנה בימין שנאמר ותורך נוראות ימינך. רב נחמן בר יצחק אמר זוכין לדברים שנאמר בימינה של תורה דאמר רבא בר שילא ואמרי לה אמר רב יוסף בר חמא אמר רב ששת מאי דכתיב (משלי ג) אורך ימים בימינה בשמאלה עושר וכבוד אלא בימינה אורך ימים איכא עושר וכבוד ליכא אלא למיימינים בה אורך ימים איכא וכל שכן עושר וכבוד למשמאילים

י אמר רב כהנא. רב כהנא האט געזאגט ווען איך בין אלט געווען אכטצעהן יאהר האב איך שוין געהאט אויס געלערנט די גאנצע גמרא. אונ איך האב ניט געוואוסט אז דער פסוק גייט ניט ארויס פון זיין פראסטען פשט. ביז איצט וואס מר בריה דרבינא האט מיר געזאגט. פרעגט די גמרא וואס דער ציילט אונז רב כהנא. ענטפערט די גמרא מען זאל וויסען אז פריער זאל א מענטש לערנען די גאנצע תורה אונ די גאנצע גמרא מיט דעם פראסטען פשט. דער נאך וועט ער לערנען דעם דרש פון די חכמים. רבי ירמיה האט געזאגט פון רבי אלעזר ווען צוויי תלמידי חכמים וואס פרעגען קשיות איינער דעם אנדערין. אונ זייא מיינען ניט צוא דער צערנען איינער דעם אנדערין. נאר זייא מיינען צו שארפען דעם שכל מען זאל בעסער פאר שטיין דיא תורה. איז זייא גאט מצליח זייא זאלען קענען גוט פאר שטיין דיא תורה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק והדרך. זאלסט ניט לייענען והדרך. נאר וחדדך. דיא זאלסט דיר שארפען דיין שכל אין דיא תורה. נאך מער זענען זייא זוכה. זייא ווערין גרויסע לייט אויף דער וועלט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דוא וועסט בגליקען אונ וועסט גרויס ווערין. איך וואלט וועלין מיינען אפילו זייא לערנען ניט צום אמת פון דיא תורה. זענען זייא אויך מצליח. שטייט אין פסוק על דבר אמת. אויב זיי לערנען פון וועגין דעם אמת ווייל גאט האט געהייסען תורה לערנען בגליקען זיי. אבער אז זיי לערנען ניט צום אמת פון דיא תורה בגליקען זיי ניט. איך וואלט וועלין מיינען אפילו ער איז גרויס ביי זיך מיט זיין לערנען, איז ער אויך מצליח. שטייט אין פסוק וענוה צדק. ער זאל זיין ביי זיך נידעריג אונ פרום. אונ אויב זייא טוהען אזוי זענען זיי זוכה צוא קענען די חכמה פון דיא תורה וואס זיא איז געגעבען געווארין פון דיא רעכטע האנט פון גאט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ותורך נוראות ימינך. דיא תורה וואס איז געגעבען געווארין פון דיא רעכטע האנט פון גאט. וועט דיך לערנען פורכטבארע זאכען. רב נחמן בר יצחק זאגט זיי זענען זוכה צו דיא זאכען וואס זענען געזאגט געווארין אין דיא רעכטע האנט פון דיא תורה. וואריום רבא בר שילא האט געזאגט אין פסוק שטייט לאנגע טעג (לאנג לעבין) איז אין דיא רעכטע האנט פון דיא תורה. אונ אין די לינקע האנט פון דיא תורה איז דא רייכקייט אונ כבוד. איז דאך דיא קשיא אין דיא רעכטע האנט פון דיא תורה איז נאר דא לאנגע טעג (לאנג לעבין) אבער רייכקייט אונ כבוד איז ניטא. נאר אזוי מיינט דער פסוק די מענטשין וואס דיא תורה איז ביי זיי דער עיקר. אזוי וויא די רעכטע האנט איז ביי א מענטשין דער עיקר צו זיין ארבעט. וועט ער לאנג לעבין אונ רייכקייט מיט כבוד וועט ער געוויס אויך האבען. אבער דיא מענטשין וואס די תורה איז ביי זיי ניט דער עיקר. די תורה

למשמאילים בה עושר וכבוד איכא אורך ימים ליכא. אמר רבי ירמיה אר"ש בן לקיש שני תלמידי חכמים הנוחים זה לזה בהלכה הקב"ה מקשיב להם שנאמר (מלאכי ג) אז נדברו יראי ה' איש אל רעהו וגו'. אין דבור אלא נחת שנאמר (תהלים מז) ידבר עמים תחתינו מאי ולחושבי שמו אמר רבי אסי (אמי) אפילו חישב לעשות מצוה ונאנס ולא עשאה מעלה עליו הכתוב כאילו עשאה.

מיימינים בה פוסקים לשמה משמאילין שלא לשמה: הנוחין זה לזה. נושאין ונותנין בה בנחת רוח ומתעסקים כדי שילמדו זה מזה: ידבר עמים תחתינו. ישפילם וכל שפלות בנחת. לשון אחר הנוחין מנהיגים זה את זה להבנתה של הלכה כמו לך נחה. ידבר תרגום של ינהג: ומי יאמר לו מה תעשה. שומר מצוה יכול לומר לו: המקשיבים. מלמדים זה את זה ומבינים זה מזה ולישנא דקרא נקט: בגנים. בתי מדרשות: חברים מקשיבים.

אמר רב חיננא (בר אידי) כל העושה מצוה כמאמרה אין מבשרין אותו בשורות רעות שנאמר (קהלת ח) שומר מצוה לא ידע דבר רע אמר רבי אמי ואיתימא רבי חנינא אפילו הקב"ה גוזר גזרה הוא מבטלה שנא' (קהלת ח) באשר דבר מלך שלטון ומי יאמר לו מה תעשה יסמיך ליה שומר מצוה לא ידע דבר רע. אמר רבי אבא אר"ש בן לקיש ב' ת"ח המקשיבים זה לזה בהלכה הקב"ה שומע לקולם שנאמר (שיר ח) היושבת בגנים חברים מקשיבים לקולך השמיעני ואם אין עושין כן גורמין לשכינה שתסתלק מישראל שנאמר (שם) ברח דודי

איז ביי זיי נאר אזוי ווי די לינקע האנט ביי א מענטשין. ווערט ער נאר האבען רייכקייט אונ כבוד. אבער לאנג לעבען ניט. רבי ירמיה האט געזאגט פון רבי שמעון בן לקיש ווען צוויי תלמידי חכמים וואס לערנען צו זאמען די דינים פון די תורה. אונ זיי דער צערענען ניט איינער דעם אנדערין. נאר דער נעמט אן די רייד פון דעם; אונ דער נעמט אן די רייד פון דעם. פר נעמט גאט זייערע רייד. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אז נדברו יראי ה' איש אל רעהו ויקשב ה' וישמע. אז די מענטשין וואס האבען מורא פאר גאט האבען גירעדט איינער צום אנדערין די דינים פון די תורה האט גאט פאר נומען זייערע רייד; איין דבור אלא נחת: דעם ווארט דבור מיינט מען אז מען רעט פאמעליך מיט אנידעריגע שטימע. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק. ידבר עמים תחתינו. גאט וועט נידעריג מאכען די פעלקער אז זיי וועלין ריידען צו אונז פאמעליך אונ מיט אנידעריגע שטימע. וואס מיינט דער פסוק ולחושבי שמו. די וואס טראכטען זיין נאמען. האט רבי אסי געזאגט אויב איינער האט גיטראכט צו טאהן א מצוה. אונ עס האט איהם גיטראפען א סבה. אונ ער האט ניט גיקענט טאהן די מצוה. רעכנט איהם דער פסוק גלייך וויא ער וואלט די מצוה גיטאהן. רב חיננא בר אידי זאגט דער וואס טוהט א מצוה אזוי וויא זיא איז גזאגט גיווארין אין די תורה. וועט מען איהם קיין מאהל ניט זאגען קיין שלעכטע בשורה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער וואס היט די מצות וועט ניט וויסען פון קיין שלעכטע זאך. רבי אסי האט גזאגט. אונ אנדערע זאגען רבי חנינא האט גזאגט אפילו גאט איז גוזר א שלעכטע גזרה. קען ער מבטל זיין די גזרה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק די רייד פון מלך איז די גיוועלטיקייט וואס גאט דער מלך פון דער וועלט איז גוזר ווערט מקוים. אונ ווער קען זאגען צו איהם וואס טוהסטו. באלד דער נאך זאגט דער פסוק אבער דער וואס היט די מצות וועט ניט וויסען פון קיין שלעכטע זאך. ווייל ער קען מבטל זיין די שלעכטע גזרות. רבי אבא האט געזאגט פון רבי שמעון בן לקיש ווען צוויי תלמידי חכמים וואס פר נעמען איינער פון אנדערין די דינים פון די תורה. הערט גאט דעם קול פון זייער לערנען; אזוי וויא עס שטייט אין פסוק היושבת בגנים די תלמידי חכמים וואס זיצען אין דיא גערטנער (אין בית המדרש) חברים מקשיבים. אונ זייא זענען חברים וואס פר נעמען איינער פון אנדערין די דינים פון די תורה. זאגט גאט צו זיי לקולך השמיעני מאך מיך הערין דיין קול פון דיין תורה לערנען. אונ אויב זייא טוהען ניט אזוי. זייא ווילען ניט פאר נעמען איינער פון דעם אנדערין די רייד פון דיא תורה. ברען זאגען זיי דער צו. אז דיא שכינה זאל אפ גיטאהן ווערין פון דיא יודען. אזוי וויא עס

דודי וגו'. אמר רבי אבא אמר רבי שמעון בן לקיש ב' ת"ח המרגילין זה לזה בהלכה הקב"ה אוהבן שנאמר (שם) ודגלו עלי אהבה אמר רבא והוא דידעי צורתא דשמעתא והוא דלית להו רבה במתא למגמר מיניה:

יא ואמר רבי אבא אמר רשב"ל גדול המלוה יותר מן העושה צדקה ומטיל בכיס יותר מכולם

אמר ר"א ארשב"ל אם ת"ח נוקם ונוטר כנחש הוא חגרהו על מתניך אם עם הארץ הוא חסיד אל תדור בשכונתו אמר רב כהנא (אמר רבי שמעון בן לקיש ואמרי לה אמר רב אסי אמר רשב"ל) ואמרי לה א"ר אבא אר"ש בן לקיש כל המגדל כלב בתוך ביתו מונע חסד מתוך ביתו שנאמר (איוב ו) למס מרעהו חסד

שכן בלשון יונית קורין לכלב למס. ורב נחמן בר יצחק אמר אף פורק כמנו יראת שמים שנאמר (שם) ויראת שדי יעזוב. ההיא אתתא דעיילא להההוא ביתא למיפא נבח בה כלבא איתעקר ולדה א"ל מרא דביתא לא תדחלי

רש"י: שני תלמידי חכמים שמרגילין זה לזה כו': בית דודי. כתרים כתיב: המרגילים. שאוהבין זה את זה ואומרים בא ונלמוד (בא) ונכין בין שניהם כוהל ואין לנו רב ללמדנו: צורתא. שורש הדבר קצת למדו מרבם:

גדול המלוה. לפי שאין העני בוש בדבר: ומטיל לכיס. מעות ומלאי להשתכר בהם למחצית השכר והיינו דאיירי רבי אבא אר"ל נקט כל הני מילי דאגדתא דאמר להו רבי אבא משמיה: חוגרהו. הדבק בו שסופך ליהנות מתלמודו: אל הדור בשכונתו. שאינו יודע בדקדוקי מצות ואין הסידותו כלום וסופך ללמוד ממנו: מונע חסד. שאינו מניח העניים לבא לפתחו: למס. דהיינו כלב: מרעהו מונע חסד ואע"ג דלא כתיב מונע מרילא משמע שכל היכא שבלשה מ"ס משמשת נטילה היא כמו ויקח מידם אבנו גוי מהלגו: למיפא. לאפות עיסה שהשאילה ב"ה התנור:

* * *

שטייט אין פסוק בית דודי אנטלויף מיין פריינד. רבי אבא האט געזאגט פון רבי שמעון בן לקיש וועגן צוויי תלמידי חכמים וואס פערזאמלען איינער דעם אנדערין. זייא זאלען גיין בייד לערנען דיא דינים פון דיא תורה. האט זייא גאט ליב. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ודגלו עלי אהבה דיא פערזאמלונג פון דיא תלמידי חכמים איז ביי מיר ליב. האט רבא געזאגט דאס איז נאר אז זייא ווייסען וויא צוא לערנען. אונ נאר אז זייא האבען גיט קיין רבי אין שטאט צוא לערנען פון איהם. אבער אז זייא האבען א רבי טוען זייא גיין צום רבי צו לערנען פון איהם:

יא ואמר רבי אבא. נאך האט רבי אבא געזאגט פון רבי שמעון בן לקיש וועגן דער וואס פאר בארגט געלט צו אארעם מאן. איז מער מצוה וויא ער גיט איהם צדקה. ווייל דער ארעם מאן שעמט זיך נים צו נעמען. אונ דער וואס פאר בארגט געלט ארער סחורה צוא אארעם מאן ער זאל האנדלען מיט זייא. איז די מצוה נאך גרעסער פון דיא אלע זאכען. רבי אלעזר האט געזאגט פון רבי שמעון בן לקיש וועגן אפילו אתלמיד חכם וואס ער איז אבעסן אונ אז איינער טוהט איהם שלעכץ זוכט ער צו האבען אנקמה פון איהם אונ ער היט די פיינדשאפט ביי זיך אין הארץ אזוי וויא אשלאנג. פון דעסטוועגין זאלסטו איהם אן גורטען אויף דיינע לענדין אונ דוא זאלסט דיך בהעפטין מיט איהם. ווארום דער סוף וועט זיין דו וועסט הנאה האבען פון זיין תורה. אויב אעם הארץ איז אחסיד זאלסטו ניט וואוהנען נאנט פון איהם. רב כהנא האט געזאגט אונ אנדערע זאגען רבי אבא האט געזאגט פון רבי שמעון בן לקיש וועגן דער וואס האלט אהונט ביי זיך אין שטוב. פאר מיידט ער חסד פון זיין שטוב. ווארום ארעמע לייט האבען מורא אריין צו גיין אין שטוב פאר דעם הונט. דער ווייל גיט ער גיט קיין צדקה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק למס מרעהו חסד. אונ אויף גריכיש רופט מען אהונט למס. זאגט דער פסוק ווער עס האט אין שטוב למס. אהונט. פאר מיידט ער פון זיין חבר חסד. אונ רב נחמן בר יצחק זאגט דער מענטש נעמט אראפ פון זיך די מורא פון גאט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ער פאר לאזט די מורא פון גאט. עס האט אמאהל גיטראפען אאשה איז אריין גיגאנגען אין אשטוב צו אבעקער באקען איר טייג. ואונ דיא אשה איז געוועזען מעוברת האט דער הונט פון שטוב אגישריי גיטאהן אויף די אשה. איז די אשה דער שראקען גיווארין. אונ דאס קינד וואס ביי איר אין בויך איז איר געריסען גיווארין פון זיין ארט. האט דער בעל הבית פון שטוב גזאגט צו דיא אשה זאלסט ניט מורא האבען פאר דעם הונט.

ווארום

תדהלי דעקירי ניביה ושקילין טופריה . אמרה ליה שקילא טיבותיך ושדיא את זרי כבר נר ולד , אמר רב הונא מאי דכתיב (קהלת יא) שמח בחור בילדותך וטיבך וגו' יביאך האלהים במשפט ע"כ דברי יצר הרע מכאן ואילך דברי יצר הטוב ר"ל אמר ע"כ לדברי תורה מכאן ואילך למעשים טובים :

(פ"ג) יב תניא ציץ כמין טס של זהב ורחבו שתי אצבעות מוקף מאוזן לאוזן וכתוב עליו בב' שיטין יו"ד ה"א מלמעלה וקדש למ"ד למטה אמר רבי אליעזר בר' יוסי אני ראיתיו ברומי וכתוב קדש לה' בשיטה אחת :

(דף סד) יג ונקרב את קרבן ה' איש וגו' טבעת עגיל וכומז (במדבר לא) א"ר אלעזר עגול זה דפוס של דדין . כומז זה דפוס של בית הרחם אמר רב יוסף אי הכי היינו דמתרגמינן מחוך דבר המביא לידי גיחוך אמר ליה רבא מגופיה דקרא שמע מינה כומז כאן מקום זמה . (שם) ויקצוף משה על פקודי החיל אמר ר"נ

סקילי ניביה . כשולה ד' אינו שבוה מובך כבם ועתה שינים קרי ניבי כדאמרינן במ"ו פרק ה' בגת ניבי הית ליה: שקילי טופריה . נטלה לשונה מלסרוט: שקילא. נטולה טיבותך ומוטלת על הקומים שיבותיך טיבות הגלות נהנותך כמו ע זיק טובה גורי"ה בלע"ז : ע"כ . עד ודע כי על כל אלה וגו': ע"כ לתורה . שמח בתלמודך למוד ונשמחת ומטוב לב והלך בדרכי לבך להבין מה בלבך לפי ראות עיניך : מכאן ואילך למעשים טובים . ודע כי על כל אלה. על כל מה שלמדת סופך ליתן את הדין אם לא תקיים :

יו"ד ה"א של מעלה קדש למ"ד מלמטה . כלומר השם שלם בשטה עליונה וקדש למ"ד בשטה תחתונה שלא להקדים שאר אותיות מלמעלה מן השם מאחר שב' שיטין היו וכגון הלוי שוה קדש מלמטה (לה' מלמעלה) והוא היה : אני ראיתיו ברומי . שנכנס לאוצר המלך ליטול מה שירצה כמסכת מעילה דף טז כמעשה בן תלמיון :

דפוס של דדין . שמונחים בו דדין : גיחוך . ליצנות:

וואָרום מען האט אַרויס גינומען זיינע פאָדערשטע צֵיין ער זאָל ניט קענען בייסען . אונ מען האט אַראָפּ גינומען זיינע נעגיל . האט דיא אִשָּׁה גזאָגט צום בעל הַבַּיִת נעם דיין טוֹבָה אונ וואַרף זיא אויף די דערנער . דאָס קינד האט זיך שוין געריכט פון זיין אָרט . רב הונא זאָגט וואָס מיינט דער פָּסוּק וואָס ער זאָגט דו בָּחוּר זאָלסט דיך פרייען אין דיין יוגענד . אונ דוא זאָלסט בגיטיגען דיין הארץ אין דיין יוגענד . ודע אונ ווייס אַז אויף די אַלע זאַכען וועט גאט דיך ברייינגען צום מִשְׁפָּט . ביז ודע זאָגט דער יֵצֶר הָרָע . ער הייסט דעם מענטשין ער זאָל פרייליך לעבען . אונ פון ודע אונ ווייטער זאָגט דער יֵצֶר טוֹב . דוא זאָלסט ניט פרייליך לעבען נאָר זאָלסט זאָרגין פאַר דעם מִשְׁפָּט פון גאט . רֵישׁ לָקִישׁ זאָגט ביז ודע מיינט מען צו די תּוֹרָה . דוא זאָלסט אין דיין יוגענד לערנען תּוֹרָה מיט שִׂמְחָה . אונ מיט דיין גוטען הארץ . אונ פון ודע אונ ווייטער מיינט מען צו גוטע מַעֲשִׂים . דוא זאָלסט מְקַיֵּים זיין וואָס דוא האָסט גילערנט . וואָרום אַז דוא וועסט ניט מְקַיֵּים זיין וועט דיך גאט שטראָפין :

יב תַּנְיָא . מיר האבען גילערנט דער ציץ פון כֹּהֵן גָּדוֹל איז גיוועזן אַזוי וויא אַגאָלדענע בלעך . ער איז גיוועזן ברייט וויא צוויי פינגער . אונ ער איז גילעגין אויף דעם גאַנצען שטערין פון איין אויער צום אַנדערין אויער . אונ אויף איהם איז גיוועזן געשריבען צוויי שורות אין דיא אויבערשטע שורה איז גיוועזן געשריבען דער שם יו"ד ה"א . אונ אין די אונטערשטע שורה איז גיוועזן געשריבען קֹדֶשׁ למ"ד . רבי אֱלִיעֶזֶר ברבי יוסי זאָגט איך האב גיזעהן דעם ציץ אין רוים איז גיוועזן אויף איהם געשריבען קֹדֶשׁ לה אין איין שורה :

יג וַנַּקְרֵב אֶת קָרְבַּן ה' . דיא יודען וואָס זענען גיקומען פון דיא מִלְחָמָה פון מִדְיָן האָבען גזאָגט מיר האבען גיבראַכט אַקָרְבָּן צו גאט . יעדער מענטש וואָס ער האט גיפונען ביי זיך צירונג טַבַּעַת עָגִיל וְכוּמָז . האט רבי אֶלְעָזָר גזאָגט עָגִיל איז גיוועזן אַגאָלדענער פאַרעם וואָס די בריסט פון דיא אִשָּׁה איז גילעגין אינוויינג . כּוּמָז איז גיוועזן אַפאַרעם צו דיא עֶרְוָה : האט רב יוֹסֵף גזאָגט דריבער איז רעכט וואָס דער תַּרְגוּם טייטשט כּוּמָז . מְחוֹךְ . וואָרום מְחוֹךְ איז טייטש לאַכען . ווייל דער כּוּמָז איז גיוועזן אַצירונג צו אזוי אַזאַך וואָס עס ברייינגט דעם מענטש צום לאַכען . האט רָבָא גזאָגט צו רב יוסף פון פָּסוּק אַליין קאָן [מען] דעם תַּרְגוּם ווייסען מיר אויך וואָס כּוּמָז איז . וואָרום כּוּמָז איז דריי ווערטער כַּאן מְקוֹם זִמָּה דאָ איז דער אָרט פון זְנוּת . אין פָּסוּק

ר"נ אמר רבה בר אבוה אמר (לו) [להן] משה לישראל שמא חזרתם לקלקולכם הראשון אמרו לא נפקד ממנו איש אמר להם א"כ כפרה למה א"ל אם מידי עבירה יצאנו מידי הרהור לא יצאנו מיד ונקרב את קרבן ה'. תנא דבי רבי ישמעאל מפני מה הוצרכו ישראל שבאותו הדור כפרה מפני שזנו עיניהם מן הערוה. אמר רב ששת מפני מה מנה הכתוב תכשיטין שבחוץ עם תכשיטין שבפנים. לומר לך כל המסתכל באצבע קטנה של אשה כאילו מסתכל במקום התורפה. א"ר יהודה אמר רב כל מקום שאסרו הכמים מפני מראית העין אפילו בחדרי חדרים אסור. תנן ולא בזוג אע"פ שפקוק ותניא אידך פוקק לה זוג בצוארה ומטייל עמה בחצר תנאי היא וכו'.

אמר

לקלקולכם. כל מעשה שטים לזנות אל בנות מואב שמא כך עשיתם במדין לכך אתם צריכין קרבן: לא נפקד. לא נחסר מדת יהודית: שזנו. לשון מזון שנהנו במראית העין: תכשיטין שבחוץ. טבעת: תכשיטין שבפנים. כומז: לומר לך כמסתכל באצבע. בהוא מקום טבעת כמסתכל במקום כומז (שהרי כפרה זו על שנסתכלו בה): ולא בזוג אע"פ שהוא פקוק. ואינו מוליד קול לא תצא בהמה בו וטעמא פרישנא בפ' במה בהמה משום דמיחזי כאזיל לחינגא: מטייל עמה בחצר. שהוא מכוסה מן הרבים שלא כדברי רב והיינו תנאי היא:

שטייט משה האט גיצערנט אויף די עלצטע פון דעם חיל. האט רב נחמן גזאגט פון רבה בר אבוהם וועגין משה רבינו האט גזאגט צו די יודען טאמער האט איר אייך אומגיקערט צוא אייער ערשטע עבירה פון זנות. האבען די יודען גזאגט צו משה עס פעלט ניט פון אונז איין מענטש. מיר זענען אלע פרומע יודען. האט משה גזאגט צו די יודען אויב איר זענט אלע פרום צו וואס ווילט איר ברייננען אקרבן. האבען די יודען גזאגט צו משה אמת מיר האבען ניט גיטאהן קיין עבירה. אבער טאמער האבען מיר גיטראכט פון אעבירה. באלד נאך דיא רייד האבען זייא מקריב גיוועןאקרבן צו גאט. דיא תלמידים פון רבי ישמעאל האבען גילערנט פר וואס האבען דיא יודען פון דעם דור וואס זענען גיוועןאין די מלחמה פון מדין נידארפט ברייננען אקרבן בכפ' צו זיין אויף זייא. ענטפערט דיא גמרא. ווייל זייא האבען גישפייזט זייערע אויגען פון דיא זונות וואס זייא האבען גיקוקט מיט זייערע אויגען אויף דיא נקבות פון מדין). רב ששת זאגט פר וואס רעכנט דער פסוק דיא אויסווייניגסטע צירונג ווי פינגערלאך. וואס מען גייט אויף דיא פינגער] צו זאמען מיט דיא אינווייניגסטע צירונג ווי דעם כומז וואס ער איז אויף דיא ערוה]. צו זאגען דיר דער וואס קוקט אפילו אויף דעם קליינעם פינגער פון אאשה. איז גלייך וויא ער קוקט אויף דיא ערוה פון אאשה. דריבער האבען זיי גיבראכט דיא פינגערלאך מיט דעם כומז פאר אקרבן. ווייל זייא האבען גיקוקט אויף דיא פינגערלאך מיט דיא פינגער פון דיא נקבות. אונ דיא עבירה איז גלייך מיט דיא עבירה וואס זייא האבען גיקוקט אויף דעם כומז מיט די ערוה:

אמר רב יהודה אמר רב. רב יהודה האט גזאגט פון רבס וועגין אזוי אזאך וואס אין אמת מעג מען איר טאהן. נאר דיא חכמים האבען גיאסרת דיא זאך צו טאהן ווייל אז מען וועט זעהן וועט מען מיינען ער טוהט אעבירה טאר מען שוין גיט טאהן די זאך אפילו אין אשטוב וואו קיינער זעהט ניט. פרעגט דיא גמרא מיר האבען דאך גילערנט אבהמה טאר ניט ארויס גיין מיט אגלעקיל אויף איר האלדז. אפילו דער גלעקיל איז פאר שטאפט אונ ער קען ניט קלינגען. ווייל דער וואס וועט זעהן וועט זאגען מען פירט דיא בהמה צום פר קויפען. אונ נאך אין אברייתא האבען מיר גילערנט מען מעג אויף איינגען אגלעקיל ביי אבהמה אויף איר האלדז. נאר דער גלעקיל זאל זיין פאר שטאפט עס זאל ניט קלינגען. אונ מען מעג ארום גייך מיט די בהמה אין הויף. ווייל אין הויף זעהט קיינער ניט. וועט מען ניט זאגען ער פירט דיא בהמה צום פאר קויפען. זעהן מיר דאך אז די זאך וואס אין אמת איז זיא מותר. אונ דיא חכמים האבען גיאסרת ווייל מען וועט זעהן וועט מען מיינען ער טוהט אעבירה. אבער אז קיינער זעהט ניט מעג מען טאהן דיא זאך. ענטפערט דיא גמרא תנאים קריגען אין דעם דין:

(ס"ב) **יד אמר** עולא כדי שלא תתגנה על בעלה כדתניא (ויקרא טו) והדוה בנדתה זקנים הראשונים אמרו שלא תכחול ולא תפקוס ולא תתקשט בבגדי צבעונין עד שבא רבי עקיבא ולימד אם כן אתה מגנה על בעלה ונמצא בעלה מגרשה ואלא מת"ל והדוה בנדתה. בנדתה תהא עד שתבא במים:

(דף סז) **טו אמר** ר' יוחנן לאישתא צמירתא לשקול סכינא דכולא פרזלא וליזיל להיכא דאיכא וורדינא וליקטר ביה נירא ברקא יומא קמא ליחדוק ביה פורתא ולימא (שמות ג) וירא מלאך ה' אליו וגו'. למחר ליחדוק ביה פורתא ולימא (שם) ויאמר משה אסורה נא ואראה. למחר ליחדוק ביה פורתא ולימא (שם) **וירא ה' כי סר** לראות וגו' אמר ליה רב אחא בריה (דרב אשי) [דרבא לרב אשי] ולימא **ויאמר אל תקרב** הלום וגו'. אלא ליומא קמא לימא וירא מלאך ה' ויאמר משה. למחר לימא (ויאמר משה) **וירא** ה' כי סר לראות. למחר ויאמר (ה') אל תקרב הלום. **וכי פסקת ליה** ליתתיה

כדי שלא תתגנה. התירו לה קצת קישוטים נאים: כדתניא. דהשתא רבנן להכי: בנדתה. היו דורשים הראשונים כמשמעו כדבר האמור (והרחקום) [ומרחיקה] מבעלה: שלא תכחול עיניה, ולא תפקוס. סרק על פניה מינפא"ב בלע"ז והוא אודם: תהא בנדתה. בטומאתה: עד שתבא במים, תטביל ואע"פ שעברו ז' שלה ופסק מעיינה: לאישתא צמירתא. חולי שמחממת וקודחת את הגוף: ורדינא. סנה: ליחדוק. אישקרני"ר כמו דמיבלע מידקייהו דאלו טרפות: ויאמר משה. משום ש פיה מחזע לא יבער הסנה: כי סר. שיסור החולי: אל תקרב הלום. שלא יקרב החולי

יד אָמַר עוּלָא. עוּלָא זָאגְט מֶען הָט מַתִּיר גִיוֶוען אַאִשָּׁה זָאל גֵיין אִין אַבִּיסֶל צִירוּנְג אוּם שַׁבָּת. זִיא זָאל נִיט פַאר מְיאוּסְת וֶוערִין אוֹיף אִיר מַאן. אַזוֹי וְוִיא מִיר הָאבֶּען גִילֶערוּנְט. עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק וְהַדָּוָה בְּנִדָּתָהּ. דִיא עֶרְשְׁטֶע זְקֵנִים הָאבֶּען גְזָאגְט וּמֶען מֵיינְט אַנִדָּה זָאל זַיין דֶער וַוייטֶערְט פוּן אִיר מַאן. זִיא זָאל נִיט פַארבֶּען אִירֶע אוֹיגֶען. זִיא זָאל נִיט קֶעמֶען אִירֶע הָאר. אוּנ זִי זָאל זִיךְ נִיט צִירֶען מִיט גִיפַארבְּטֶע קְלֵיידֶער. בִּיז רַבִּי עֲקִיבָא אִיז גִיקוּמֶען אוּנ הָט גִילֶערוּנְט. אוֹיבּ עֶס וֶועט אַזוֹי זַיין. וֶועסְטוּ דָאךְ פַאר מְיאוּסֶען דִי וַוייבּ אוֹיף אִיר מַאן. אוּנ דֶער מַאן וֶועט אִיר גְטִין. נָאר וְוִיא דֶען מֵיינְט מֶען וְהַדָּוָה בְּנִדָּתָהּ. זִיא זָאל זַיין אַנִדָּה בִּיז זִיא וֶועט זִיךְ טוֹבֵל זַיין אִין מִקְוָה:

טו אָמַר רַבִּי יוֹחָנָן. רַבִּי יוֹחָנָן הָאט גְזָאגְט אַז אֵיינֶער הָאט אַהִיץ קְרַאנְקְהַייט. זָאל עֶר נֶעמֶען אַמֶעסֶער וָוס עֶר אִיז אִין גַאנְצֶען פוּן אַייזֶין. אוּנ עֶר זָאל גֵיין מִיט דֶעם מֶעסֶער צוּ אַדָארְין. אוּנ עֶר זָאל אָן בִּינְדֶען אוֹיף דֶעם דָארְין אַשְׁטִיקוּל קָארֶע. דֶעם עֶרְשְׁטִין טָאג זָאל עֶר אַיין שְׁנַיידֶען אַבִּיסוּל אִין דֶעם דָארְין. אוּנ זָאל זָאגֶען דֶעם פָּסוּק וַיֵּרָא מַלְאַךְ ה' אֵלָיו וגו'. אוֹיף מָארְגִין וֶועט אַנְדֶערִין טָאג זָאל עֶר אוֹיךְ אַיין שְׁנַיידֶען אַבִּיסוּל אִין דֶעם בּוֹים. אוּנ זָאל זָאגִין דֶעם פָּסוּק וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה אָסוּרָה נָא וְאֶרְאֶה. אוֹיף מָארְגֶען וֶועם דְרִיטֶען טָאג זָאל עֶר אוֹיךְ אַיין שְׁנַיידֶען אַבִּיסוּל אִין דֶעם בּוֹים. אוּנ זָאל זָאגֶען דֶעם פָּסוּק וַיַּרְא ה' כִּי סָר לִרְאוֹת וגו'. רַב אַחָא בְּרֵיהּ דְּרָבָא הָט גְזָאגְט צוּ רַב אַשִׁי זָאל עֶר זָאגֶען דֶעם פָּסוּק וַיֹּאמֶר אַל תִּקְרַב הֲלוֹם וגו'. נָאר אַזוֹי זָאל זַיין. דֶעם עֶרְשְׁטִין טָאג זָאל עֶר זָאגֶען דֶעם פָּסוּק וַיֵּרָא מַלְאַךְ ה' וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה. אוֹיף מָארְגִין וֶועם אַנְדֶערִין טָאג זָאל עֶר זָאגֶען דֶעם פָּסוּק וַיַּרְא ה' כִּי סָר לִרְאוֹת. אוֹיף מָארְגִין וֶועם דְרִיטֶען טָאג זָאל עֶר זָאגֶען דֶעם פָּסוּק וַיֹּאמֶר אַל תִּקְרַב הֲלוֹם. אוּנ אַז דוּא וֶועסְט אָפּ הַאקְין דֶעם דָארִין. זָאלְסְטוּ אִיהם אָפּ הַאקִין בִּיז צוּ דִיא עֶרְד. אוּנ עֶר זָאל אַזוֹי זָאגִין. דָארִין דָארִין נִיט וַוייל דוּא בִּיסְט הֶעכֶער וְוִי אַלֶע בּוֹימֶער הָט גָאט גִימַאכְט רוּהֶען זַיין שְׁכִינָה אוֹיף דִיר. נָאר וַוייל דוּא בִּיסְט נִידֶערִיגֶער פוּן אַלֶע בּוֹימֶער הָאט גָאט גִימַאכְט רוּהֶען זַיין שְׁכִינָה אוֹיף דִיר. אוּנ אַזוֹי וְוִיא דֶער פַייֶער הָאט דֶער זֶעהְן דִיא דְרַיי מֶענְטְשִׁין חֲנַנְיָה מִישָׁאֵל וַעֲזַרְיָה אִיז עֶר אַנְטְלָאפֶען פַאר זֵיי. אַזוֹי אַז דֶער פַייֶער וֶועט דֶער זֶעהְן דֶעם מֶענְטְשִׁין דֶער זוּהְן פוּן דִי אִשָּׁה וֶוער זָאל אַרוֹיס רֵיידֶען זַייעֶרֶע נֶעמֶען זָאל עֶר אַנְטְלוֹיפֶען פַאר אִיהם. אַז אֵיינֶער הָאט שְׁחִין זָאל עֶר אַזוֹי זָאגֶען בַּזְבְּזִיָּה מַסְמַסְיָה כַּסְכַּסְיָה שַׂרְלַאי וְאַמַרְלַאי. דָאס זֶענֶען דִיא מַלְאָכִים וָואס זֶענֶען גֶעשִׁיקְט גִיוָוארִין פוּן דִי לַאנְד סְדוֹם צוּ הֵיילִין דִי שְׁמֶערְצִין פוּן דֶעם שְׁחִין

ליתיה וליפסקיה. וליפסקיה: סמוך לעיקרו דליתיה. ויפסיל: דמייכת. שאתה נפל: דהגביהת אגבא. שכינתיה עלך: לסימטא. בחוץ קדו"ב בלע"ז: בזבוייה מסמסייה כסכסייה. בשמות המלאכים ע"ש שקורעין וממסמסין ומכסכסים אותו: בו. לבוך בזעת: מארעא דסדום. כך כוס בלתם ולא אסרוס בהו: בוך בזיך. אין לו משמעות אלא כך כותבים: עיניך ביך. מהלך בך שלא תראה יותר: אתריך ביך. שלא תתחיל: כקלוט. שקלט זרעו בבירי נטעו שלא יוליד: שיש בו משום רפואה. בנגלית רפואתו כגון שתיית כוס ותחבושת מכה: ופרכינן. כא אין בו. כגון לחש שאין ניכר שיהא רפואה: יש בו משום דרכי האמורי. בהמיה דליכחוש חיליה. שעל ידי שכואת שמן וכחו רב פירותיו נושרין: דליחזיוה אינשי. ולסימנא עבדי ליה לאודועי דמשיר פירותיו: טמא טמא. כלו עצמו אומר טמא רחקו מעלי:

ליתיה וליפסקיה. ולימא הכי הסנה הכנה לאו משום דגביהת מכל אילני אשרי הקב"ה שכינתיה עלך אלא משום דמייכת מכל אילני אשרי הקב"ה שכינתיה עלך. וכי היכי דחמיתיה אישתא לחנניה מישאל ועזריה ועריקת מן קדמוהי כן תהמיניה אישתא לפלוני בר פלונית ותיערוק מן קדמוהי. לסימטא לימא הכי בזבזייה מסמסייה כסכסייה שרלאי ואמרלאי אלין מלאכי דאשתלחו מארעא דסדום לאסאה שחינא כאיבין בוך בוך בזביך מסמסמך כמון כמין עייניך ביך עיינוך ביך אתריך ביך זרעיך כקלוט וכפרדה דלא פרה ולא רביא כך לא תפרה ולא תרבה בגופיה דפלוני בר פלונית. (ועוד דברים ולחישות אחרים לחלאים ולא חששתי להעתיקם). אביי ורבא דאמרי תרוייהו כל דבר שיש בו משום רפואה אין בו משום דרכי האמורי הא אין בו משום רפואה יש בו משום דרכי האמורי והתניא אילן שמשיר פירותיו סוקרו וצובע אותו בסיקרא וטוענו באבנים בשלמא טוענו באבנים כי היכי דליכחוש חיליה אלא סוקרו בסיקרא מאי רפואה קעביד. כי היכי דליחזיוה אינשי וליבעי עליה רחמי כדתניא (ויקרא יג) וטמא טמא יקרא צריך להודיע צערו לרבים ורבים יבקשו עליו רחמים:

האומר

אונ נאך זאל ער זאגן. בוך בזיך בזביך מסמסמיך כמון כמין. עייניך ביך עיינך ביך ודער קאלאר זאל אזוי בלייבען. עס זאל ניט רויטער ווערין) אחריך ביך (דיין ארט זאל אזוי בלייבען. עס זאל ניט גרעסער ווערין) זרעיך כקלוט וכפרדה דלא פרה ולא רביא (אזוי וויא דיא בהמה וואס אירע זרע איז איין גיזאפט אין אירע גלידער אונ אזוי וויא דיא פרדה. וואס זיי קענען ניט פרוכטבארין אונ קענען ניט גימערט ווערין). אזוי זאל זיך ניט פרוכטבארין אונ ניט מערין דער שחין אין דעם גוף פון דעם מענטשין דער זוהן פון דיא אשה (ער זאל ארויס רעדען זייערע נעמען). אביי אונ רבא זאגין ביידע אלע זאכען וואס עס איז א רפואה (מען זעהט אז מען ווערט גיהיילט פון די זאך. אזוי ווי אמעדיצין) אפילו די אמוריים היילין זיך אויך מיט די זאך. פון דעסטוועגין מעג איוד אויך אזוי טאהן. פרעגט דיא גמרא אבער די זאכען וואס מען זעהט ניט דיא רפואה (אזוי וויא אקמיע). וואס מען דער קענט ניט אז דאס איז א רפואה) אונ דיא אמוריים טוהען אויך אזוי. טאר ניט א איוד אזוי טאהן. מיר האבען דאך אגדערש גילערונט. אז איינער האט א בוים וואס די פירות פאלען אראפ פון איהם פאר דיא צייט. איידער זייא ווערין צייטיג. מעג מען איהם באשמירען מיט פארב. אונ מען לייגט ארויף שטיינער אויף די ווארצלען (אונ די אמוריים טוהען אויך אזוי). פרעגט די גמרא ארויף לייגען שטיינער אויף דיא ווארצלען איז רעכט וואס מען מעג. ווייל די רפואה זעהט מען. דער בוים ווערט מאגער ווערין וועלין זיך האלטען אויף איהם די פירות (ווארום אויף א פעטין בוים קענען זיך ניט האלטען די פירות) אבער אז מען באשמירט דעם בוים מיט פארב. וואס פאר א רפואה איז דאס. זעהט מען דאך ניט דיא רפואה. אונ די אמוריים טוהען אויך אזוי. דארף דאך א איוד ניט טארין אזוי טאהן. ענטפערט די גמרא דאס טוהט מען ניט פון וועגין א רפואה. נאר פון וועגין א סימן. מענטשין זאלין זעהן דעם שארין פון דעם בעל הבית וועלין זיי מתפלל זיין פון זיינעט וועגין אז דער בוים זאל געבין זיין פרוכט אין דער צייט. אזוי וויא מיר האבען גילערונט. עס שטייט אין פסוק דער מצורע זאל רופען אויף זיך אז ער איז טמא. ער זאל מאכען וויסען זיין צער צו פיל מענטשין. זיי זאלען מתפלל זיין פון זיינעט וועגין ער זאל געזונד ווערין:

(ע"ג) **טז האומר** גד גדי וסנוק לא אשכי ובושכי יש בו משום דרכי האמורי. רבי יהודה אומר גד אינו אלא לשון עבודת כוכבים שנאמר (ישעיה סה) העורכים לגד שלחן. הוא בשמה והיא בשמו יש בו משום דרכי האמורי. דוני דני יש בו מד"ה. רבי יהודה אומר אין דן אלא לשון עבודת כוכבים שנאמר (עמוס ח) הנשבעים באשמת שומרון ואמרו חי אלהיך דן. האומר לעורב שרק ולעורבת שריקי והחזיר לי זנביך לטובה יש בו מד"ה. האומר שחטו תרנגול זה שקרא ערבית ותרנגולת שקראה גברית יש בו מד"ה. האומר אשתה ואותיר יש בו מד"ה. המבקעת ביצים בכותל והטח בפני האפרוחים יש בו מד"ה. והכונס בפני האפרוחים יש בו מד"ה. המרקדת והמונה ע"א אפרוחים בשביל שלא ימותו יש בו מד"ה. המרקדת לכותח והמשתקת

האומר גד גדי. השמזל שלי: וסנוק לא. ע"ד אל תהי: אשכי ובושכי. יום ולילה יש בו משום דרכי האמורי וכן כולם עד סוף הפרק גרסינן הני זה מדרכי האמורי וה"נ בתוס': הוא בשמה והיא בשמו. הוא ואשתו מחליפין שמותיהן זה בזה בלילה משום ניחוש: דוני דני. התחזקו חביותי: דן. אינו חוק האמורי אלא עבודת כוכבים ממש וחייב משום קורא בשם עבודת כוכבים: האומר לעורב שרק. כשהוא קורא אומר לו כן מפני שהוא מבשר בשורות ולוחש לו לחש זה: שקרא ערבית. איחר יותר מחביריו ול"נ שקרא כעורב: שקראה גברית. כתרנגול כמו קרא גברא: אשתה ואותיר. כדי שתהיה ברכה מצויה ביינו: המבקעת ביצים בכותל. אה"ת דגרסי (ביצים) מקבעת לאחר שיצאו האפרוחים מחזרת הקליפות במקל וקובעתן בכותל לפניהם וזהו לחש שלא ימותו: המרקדת לכותח. כשעושה כותח מרקדת לפניו והוא ניחוש שיתחזק: המשתקת לעדשים. כשמבשלם בקדרה משתקת את

יז האומר. אז איינער זאגט גד גדי. מיין מזל זאל זיך מזכן. און ער זאל ניט מיד ווערין טאג און נאכט. דאס זענען דיא וועגין פון די אמוריים. די אמוריים זאגען אויך אזוי. און איוד טאר ניט אזוי זאגען; רבי יהודה זאגט גד איז אנאמען פון עבודה זרה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק העורכים לגד שלחן. זיי ברייטען פאר אטיש מיט עסין צו די עבודה זרה גד. און מען טאר ניט דער מאנען דעם נאמען פון אעבודה זרה. אויב אמאן מיט אווייב האבען גיטאהשט זייערע נעמען. זיא זאל איהם רופען (למשל) רחל. און ער זאל זיא רופען (למשל) שמואל. דאס זענען די וועגין פון די אמוריים. די אמוריים טוהען אזוי. און איוד טאר ניט אזוי טאהן; אז איינער זאגט דוני דני. מיינע פעסער זאלין גישטארקט ווערין. טאר מען ניט. ווייל די אמוריים זאגין אזוי. רבי יהודה זאגט דן איז אנאמען פון אעבודה זרה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק זיי שווערין ביי די עבודה זרה פון שומרון און זיי זאגען אזוי וויא עס לעבט דער גאט דן. און מען טאר ניט דער מאנען דעם נאמען פון אעבודה זרה. אז איינער זאגט צו אקרא אזכר שרק. און צו אקרא אנקבה זאגט ער שריקי. און קער אום דיין וויידיל צו מיר צו גוטען ואז אקרא שרייט מאכט ער שרק שרקו; טאר מען ניט. ווייל די אמוריים זאגין אזוי. אז איינער זאגט מען זאל שעכטין דעם האן ווייל ער האט גיקרייעט אזוי וויא אקרא. אדער ער זאגט מען זאל שעכטין דיא הון ווייל זי האט גיקרייעט אזוי וויא אהאן. טאר מען ניט. ווייל די אמוריים זאגען אזוי. אז איינער זאגט איך וועל טרינקען דעם כוס ווין און וועל אביסול איבער לאזין; ווייל דורך דעם וועט זיין אברכה אין מיינע ווייין. טאר מען ניט. ווייל די אמוריים זאגין אזוי. אז איינער האט גיהאט אייער אוים גיזעסענע וואס פון זיי איז ארוים גיגאנגען הינדלאך. האט ער דער נאך גינומען די שאלאכין פון די אייער און האט זיי גיווארפען אין די וואנט. אדער ער ווארפט די שאלאכין אויף דיא ערד פאר דיא יונגע הינדלאך. דאס טאר מען ניט. ווייל דיא אמוריים טוהען אזוי. אז איינער מישט דיא שאלאכין פון די אייער פאר די יונגע הינדלאך. דאס טאר מען ניט. ווייל דיא אמוריים טוהען אזוי. אז איינער שפרינגט פאר די יונגע הינדלאך. אדער ער ציילט איין און זיבעציג הינדלאך. דס איז אזוי אכישוף די הינדלאך זאלען ניט פייגערין. דס טאר מען ניט טאהן. ווייל די אמוריים טוהען אויך אזוי. אז אאשה מאכט כותח און זיא שפרינגט פאר דעם כותח. אדער ווען זיא גיסט אריין לינדזען אין אטאפ צום קאכען. הייסט זיא אלע מענטשין וואס זענען אין די שטוב זאלען זיין שטיל. אדער ווען זיא קאכט גריסין הייסט זיא אלע מענטשין וואס זענען אין

והמשתקת לערשים והמצוותת לגריסין יש בו משום דרכי האמורי. המשתנת בפני קדרתה כדי שתתבשל מהרה יש בו משום דרכי האמורי:

יז (תנו רבנן) [אבל] נותנים קיסם של הות ושברי זכוכית בקדרה כדי שתתבשל מהרה וחכמים אוסרים בשברי זכוכית מפני הסכנה. ת״ר נותנים בול של מלח לתוך הנר בשביל שתאיר ותדליק ונותנים טיט וחרסית תחת הנר בשביל שתמתין ותדליק. אמר מר זוטרא האי מאן דמכסי שרגא דמשחא ומגלי נפטא קעבר משום בל תשחית:

יח מעשה בר״ע שעשה משתה לבנו ועל כל כוס וכוס שהביא אמר חמרא וחיי לפום רבני חיי וחמרא לפום רבנן ולפום תלמידיהון:

כלל גדול פרק שביעי

(דף סט ע״ב) **א אמר** רב הונא היה מהלך בדרך או במדבר ואינו יודע אימתי שבת סונה ששה ימים ומשמר יום אחד. חייא בר רב אמר משמר יום אחד

פירוש

על העומדים כדי שיסכבלו ולגריכין מלוות: הכי גרסינן. אבל נותנין קיסם של תות. מורי״ל שהוק הוא כהומן ומועיל לבשל ואין זה לניחוש: הכי גרסינן אבל אסרו חכמים בשברי זכוכית אע״פ שמשום דרכי האמורי אין בו אסרו חכמים מפני הסכנה שלא יבלעו: בול של מלח. (מלא) אגרוף מלח בשביל שתאיר ותדליק שאין זה ניחוש אלא מסייע ממש שהמלח לולא את השמן וימשך אחר הפתילה: טיט וחרסית. מכנין (מגנין) את השמן ואינו דולק מהר: דמכסי שרגא דמשחא. שעושה לו כבוי לנעלהוממהר לידלק: נפטא. כשמגלין אותו כאור נמשך והולך אליו ומבעיר:

חמרא וחיי. כשמוזגין ומתנין כוס אומר כן לברכה בעלמא:

סונה ששה. מיום שעם אל לבו שכחתו ומשמר הז׳: משמר יום אחד ומונה ו׳ ימים. וכל שעה אל לבו אינו משמר דשנא עשה מלאכה

שטוב זאָלען שרייען. די אַלע דריי זאַכען טאָר מען ניט. ווייל די אֶמוֹרִיים טוּהען אויך אַזוי.

אויב אַ אִשָׁה האָט גישטעלט אַ טאָפּ עסין צום קאָכען. און זיא איז משתין פאַר דעם טאָפּ. עס זאָל גיכער (גֶעשווינד) קאָכען. טאָר מען ניט. ווייל די אֶמוֹרִיים טוּהען אויך אַזוי. אָבער זי מעג אַריין לייגען אין טאָפּ אַשפּענדיל פון אַהאָלץ וואָס הייסט תּות. ווייל דער האָלץ איז שטאַרק וואָהער קאָכט דער טאָפּ געשווינד. און זיא מעג אַריין לייגען אין טאָפּ שטיקער גלאָז. דער טאָפּ זאָל געשווינד קאָכען. און די חכמים זאָגען מען טאָר ניט אַריין לייגען אין אַטאָפּ שטיקער גלאָז. ווייל עס איז אַסכּנה. טאָמער וועט בּלייבען אַשטיקול גלאָז אין דיא עסין. און מע וועט אַראָפּ שלינגען:

תּנו רבּנן. דיא רבּנן האָבען גילערנט מען מעג אַריין שיטען אַפוּלע האַנט זאַלץ אין אַלאָמפּ מיט אייל. עס זאָל ליכטיגער ברענען. און מען מעג געבּין ליים און שאַרבּינס אונטער אַלאָמפּ עס זאָל פּאַמעלאַך ברענען. מר זוטרא זאָגט דער וואָס דעקט צו אַלאָמפּ מיט אייל. און ער דעקט אָפּ אַלאָמפּ מיט נאַפט: איז ער עובר אויף אַלאַו בּל תּשחית. זאָלסט ניט פאַר דאַרבּען. זאָלסט ניט קאַליִיע מאַכען. און אַז מען דעקט צו אַלאָמפּ מיט אייל. פלאַמט אויס די אייל. און אַז מען דעקט אָפּ אַלאָמפּ מיט נאַפט. פלאַמט אויס די נאַפט:

מַעֲשֶׂה. רבּי עקיבא האָט אַמאָהל גימאַכט אַסעוּדה פאַר זיין זוהן. צו יעדער כּוס ווין וואָס מען האָט גיבּראַכט פאַר איהם ער זאָל טרינקען. האָט ער גזאָגט ווין און לעבּין זאָל זיין צו דיא רבּנן. לעבּין און ווין זאָל זיין צו די רבּנן און צו זייערע תּלמידים:

פרק שביעי

א אָמַר רַב הוּנָא. רב הונא האָט גזאָגט אַז איינער איז גיגאַנגען אין וועג אָדער אין דער מדבּר. און ער ווייס ניט ווען עס איז שבּת: זאָל ער ציילען פון דעם טאָג וואָס ער האָט זיך דער מאָנט. זעקס טעג. און דעם זיבּעטין טאָג זאָל ער היטען אַזוי וויא שבּת. דער נאָך זאָל ער ווייטער ציילען זעקס טעג. און דער זיבּעטער טאָג זאָל בּיי איהם זיין שבּת. און אַזוי זאָל ער טאָהן בּיז ער וועט קומען אין אַשטאָט און ער וועט וויסען ווען דער אֶמֶתֶר שבּת איז וועט ער היטען שבּת מיט אַלע יודין. חייא בּר רב אגט דעם טאָג וואָס ער האָט זיך דער מאָנט

ומונה ו' ימים במאי קמיפלגי מר סבר כברייתו של עולם ומר סבר כאדם הראשון :

(דף עד) **ב** כי אתא רב דימי אמר שבתא דרב ביבי הואי ואיקלעו רבי אמי ורבי אסי שדא קמייהו כלכלה דפירי ולא ידענא אי משום דסבר אוכל מתוך פסולת אסור אי משום עין יפה הוא דמכוין :

(ע"ב) **ג הקושר** והמתיר קשירה במשכן היכא הואי אמר רבא שכן קושרים ביתדות אהלים (אמר ליה אביי קושרים) ההוא קשר על מנת להתיר הוא אלא אמר אביי שכן אורגי יריעות שנפסק להם נימא קושרין אותה אמר ליה רבא תירצת קושר מתיר

אבל יום השבת מאחר : כברייתו של עולם . ימי חול ממנו תחלה : כאדם הראשון . שנברא בערב שבת ויום ראשון למנינו שבת הוה : שבתא דרב ביבי הואי . הגיע יומו להיות עומד ומשמש על התלמידים : ושדא קמייהו : ולא רצה לברור מתוך האוכל (הפסולת) ולתת לפני כל א' וא' אלא שפכן והם נוטלים ואוכלים ובשעה זו נברר האוכל מאליו : ביתדות אהלים . נועצים יתדות בקרקע כדכתיב יתדות המשכן וקושרים היריעות בהן במיתריהן : קושר ע"מ להתיר הוא. וכי האי גוונא שרינן ליה לקמן דתנן כל קשר שאינו של

זָאל עֶר טָאהן אַמְלָאכָה בִּיז נַאכְט . אוּנ דִי נַאכְט מִיט מָארְגֶענְדִיגֶען טָאג זָאל עֶר רוּהֶען עֲווי זְוִי שַׁבָּת . דֶער נָאךְ זָאל עֶר צֵיילֶען זֶעקְס טֶעג. אוּנ דֶער זִיבֶּעטֶער טָאג זָאל בַּייא אִיהם זַיין שַׁבָּת . אוּנ אַזוֹי זָאל עֶר טָאהן בִּיז עֶר וֶועט ווִיסֶען וֶוען דֶער אֶמֶתֶר שַׁבָּת אִיז . פְרֶעגְט דִי גְמָרָא אִין וָוס קְרִיגֶען זַיי . עֶנְפֶערְט דִי גְמָרָא רַב הוּנָא הַאלְט מֶען דַארְף טָאהן אַזוֹי וִויא דִיא בַּשַׁאפוּנְג פוּן דִי וֶועלְט אִיז גִיוֶועןְ . פְרִיעֶר הָט מֶען גִיצֵיילְט זֶעקְס טֶעג דֶער נָאךְ אִיז גִיוֶוען שַׁבָּת . אוּנ חִיָּיא בַּר רַב הַאלְט מֶען דַארְף טָאהן אַזוֹי וִויא אָדָם הָרִאשׁוֹן הָאט גִיטָאהן . פְרִיעֶר הָאט עֶר גֶעהִיט שַׁבָּת . דֶער נָאךְ הָאט עֶר גִיצֵיילְט זֶעקְס טֶעג . ווָארוּם עֶר אִיז בַּשַׁאפֶען גִיוָוארִין פְרַייטָאג :

ב כִּי אָתָא רַב דִימִי אָמַר : אַז רַב דִימִי אִיז גִיקוּמֶען הָאט עֶר גִזָאגְט עֶס אִיז גִיוֶוען דֶער שַׁבָּת פוּן רַב בִּיבִי רַב בִּיבִי הָאט בַּדַארְפְט בֶּעדִינֶען דֶעם שַׁבָּת דִיא תַּלְמִידִים . אוּנ עֶס הָט גִיטְרָאפֶען אַז רַבִּי אַמִי אוּנ רַבִּי אַסִי זֶענֶען גִיקוּמֶען אוֹיף דֶעם שַׁבָּת אִין שְׁטָאט . הָאט רַבִּי בִּיבִי זַיי אוֹיךְ בַּדַארְפְט בֶּעדִינֶען . אוּנ עֶס אִיז גִיוֶוען אַקָארְב מִיט פֵּירוֹת . אוּנ צְווִישֶׁען דִיא פֵּירוֹת אִיז גִיוֶוען בְּלֶעטֶער . הָט רַב בִּיבִי אוֹיס גִישָׁאטֶען פַאר זַיי דִי פֵּירוֹת פוּן קָארְב מִיט דִי בְּלֶעטֶער . הָט רַב דִימִי גִזָאגְט אוּנ אִיךְ ווֵייס נִיט פַר וָוס רַב בִּיבִי הָאט אַזוֹי גִיטָאהן : אוֹיב ווייל עֶר הַאלְט מֶען טָאר נִיט אוֹיס קְלַייבֶּען אוֹם שַׁבָּת עֶסִינְוַוארְג פוּן פְּסוֹלֶת . דְרִיבֶּער הָאט עֶר נִיט גִיוָואלְט אַרוֹיס נֶעמֶען דִי פֵּירוֹת פוּן דִי בְּלֶעטֶער . נָאר עֶר הָאט אוֹיס גִישָׁאטֶען אִין גַאנְצֶען : אוּנ אַרוֹיס פַאלִינְדִיג . זֶענֶען גִיוָוארִין דִיא פֵּירוֹת בַּזוּנְדֶער אוּנ דִיא בְּלֶעטֶער בַּזוּנְדֶער : אָדֶער ווייל עֶר הָאט זַייא גִיוָאלְט גֶעבִּין מִיט אַגוּטֶע אוֹיג . זַיי זָאלִין עֶסִין וִויא פִיל זַיי ווִילֶען :

ג הַקּוֹשֵׁר וְהַמַּתִּיר . מֶען טָאר נִיט פַאר קְנִיפֶּען אוּנ מֶען טָאר נִיט אוֹיף קְנִיפֶּען אוֹם שַׁבָּת . ווייל דִי מְלָאכָה וָוס מֶען הָט גִיטָאהן אִין מִשְׁכָּן טָאר מֶען נִיט טָאהן אוֹם שַׁבָּת . פְרֶעגְט דִי גְמָרָא וואו אִיז גִיוֶוען אִין מִשְׁכָּן דִיא מְלָאכָה פוּן צוּ קְנִיפֶּען . הָט רָבָא גִזָאגְט אַרוֹם מִשְׁכָּן אִין דִי עֶרְד הָט גִישְׁטֶעקְט פְלֶעקֶער : אוּנ אִין דִי יְרִיעוֹת וָואס הָט גִיהָאנְגֶען אוֹיף דִיא וֶוענְט פוּן מִשְׁכָּן אִיז גִיוֶוען אוּנְטֶען אָן גִיבּוּנְדֶען שְׁטְרִיקְלַאךְ . אוּנ דִי שְׁטְרִיקְלַאךְ הָט מֶען צוּ גֶעקְנִיפְּט צוּ דִי פְלֶעקֶער . דִיא יְרִיעוֹת זָאלֶען זִיךְ נִיט שָׁאקְלֶען פוּן ווִינְט . פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא דִיא קְנִיפּ זֶענֶען דָאךְ צוּ גֶעקְנִיפְּט גִיוָוארִין נִיט אוֹיף אֵייבִּיג . נָאר מֶען זָאל זַייא אוֹיף קְנִיפֶּען וֶוען מֶען וֶועט צוּ נֶעמֶען דֶעם מִשְׁכָּן . אוּנ אַקְנִיפּ וָוס עֶר אִיז נִיט אוֹיף אֵייבִּיג . אִיז מֶען נִיט חַיָּיב סְקִילָה אוּנ נִיט אַקָרְבָּן . הָט אַבַּיֵי גִזָאגְט נָאךְ עֶרְלַיי קְנִיפּ זֶענֶען גִיוֶוען אִין מִשְׁכָּן . דִיא וָואס הָאבֶּען גִיוֶועבְּט דִי יְרִיעוֹת אוֹיב אַפָאדִים אִיז אִיבֶּער גֶעריסֶען גִיוָוארִין הָט מֶען אִיהם צוּ גֶעקְנִיפְּט . דֶער קְנִיפּ אִיז שׁוֹין גִיוֶוען אוֹיף אֵייבִּיג . הָט רָבָא גִזָאגְט צוּ אַבַּיֵי דוּ הָאסְט שׁוֹין פַאר ע

מתיר מאי איכא למימר וכי תימא דאי מתרמי ליה תרי חוטי קשרי בהדי הדדי שרי חד וקטר חד השתא לפני מלך בשר ודם אין עושים כן לפני מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא עושים אלא אמר רבא ואיתימא רבי אלעאי שכן צדי חלזון קושרים ומתירים:

(דף עה) **אמר** רב זוטרא בר טוביה אמר רב המותח חוט של תפירה בשבת חייב חטאת והלומד דבר אחד מן האמגוש חייב מיתה והיודע לחשוב תקופות ומזלות ואינו חושב אסור לספר הימנו. מגושתא (אמגושא) רב ושמואל חד אמר חרשי וחד אמר גדופי תסתיים דרב אמר גדופי דאמר רב זוטרא בר טוביה אמר רב הלומד דבר אחד מן האמגוש חייב מיתה דאי סלקא דעתך חרשי והכתיב (דברים יח) לא תלמד

קיימא אין חוזבין עליו : בהדי הדדי. בבני היטן בי אלא זה : שרי חד . לאחר הגיגתן מתיר הא' תפר בבולסים וגראים : וקטר הד . כלומר הניח שמי שבות : ספקא וכו' אין עושין . כשמתירים מירוס כנקב בירישה בהוטיה סיו כפ ליס בבה וכיו גסיב ומתחלה סיו זריזין בכך וכי מתרמי נכי תרי קיטרי קושרין הא' ומתקן בחוט הב' מלנים ולמעלה ומפסיקין (ומספקין) בחוט ארוך וקושרין למעלה ולמטה ואין בה שני קשרים במוכים : צדי חלזון . לצבוע התכלת בדמו והוא במין דג קטן ועולה אחד לע' שנה : קושרין ומתירין. שבל רשתות פעמים קשרים קשרים וכן קשרים קיימים ופעמים צריך ליטול חוטין מרשת זו ולהוסיף על זו ומתיר מכאן וקושר מכאן :
המותח חוט של תפירה . נגד התפור ועומד והניח כמוט הרוך ונתפרדו שתי חתיכות בבגד זו מזו במקלת והוט התפירות נמשכין ומותח לא כלה החוט להדק ולחבר זו הוא תפירתו וחייב :
והלומד דבר אחד מן האמגוש . מין המסיתו לעבודת כוכבים . אפי' דבר תורה אסור ללמוד ממנו : והיודע וכו'. בפי הלא משפחה שמפיטו מר (רב) זוטרא מרב כי כדדי וגרסינהו : אמגושא . דאמרי' בכל דוכתא רב ושמואל פליגי ביה : ח"א חרשי . מכשף : וחד אמר גדופי . מין המדוק בעבודת כוכבים ומגדף תמיד את השם ומכים לגבים לעבודת כוכבים : דהי כ"ד הרבי . וטעם חבוב דכתיב לא ימצא בך וגומר וקא חייב מכשף : והא כתיב . לעיל מיניה : לא תלמד לעשות . כדי בהעשה

צו קניפען . אז אין משכן איז געוועזן אזעלכע קניפ וואס מען האט זיי צו געקניפט אויף איביג . וואס וועסטו זאגען אויך אפ קניפען . וואו געפינט מען אין משכן אז מען האט אויף געקניפט . וועסטו אפשר וועלין זאגין אויב עס האט גיטראפען מען האט גיזעהן נאך דעם ווען אז צוויא פעדים זענען פאר קניפט איינער נעבין אנדערין . האט מען איינעם אויף געקניפט . און איינעם האט מען גיקאזין ער זאל בלייבען פאר קניפט . דאס קען ניט זיין . ווארום מאראך פר אבעך וואס ער איז נאר אמענטש טוהט מען ניט אזוי . ווארום אז מען רייסט אפ אקנופ פון איריעה נאך דעם וועבין . ווערט דאך אלאך אין די יריעה , וועט מען פאר גאט געווים ניט אזוי טאהן . נאר רבא און אנדערע זאגען רבי אלעאי האבען אזוי גיענטפערט די מענטשין וואס האבען גיפאנגען דעם חלזון מיט אנעץ גיפלאכטען פון פעדים . אמאהל פלעגין זיי בארפען צו קניפען די פעדים . און אמאהל פלעגין זיי דארפין אויף קניפען די פעדים . ודער חלזון זעהט אויס אזו וויא אקליינער פיש . און מיט זיין בלוט האט מען גיפארבט דעם תכלת . און איין מאהל אין זיבעציג יאהר געפינט מען אים אין ים :

ד אמר רב זוטרא בר טוביה אמר רב אויב איינער האט אגיניייטע קלייד און דיא נעט האבען זיך אפ גיצויגען . און עס איז גיהאנגען אשטיקול פאדים , האט ער אן גינומען דעם עק פאדים און האט צו גיצויגען די נעט אום שבת . איז גלייך וויא ער וואלט דאס גינייט אום שבת . און אויב ער האט ניט געוואוסט אז מען טאר ניט . דארף ער ברייגגען אקרבן חטאת . נאך אדין האט רב זוטרא גזאגט אז מען לערנט פון אמגוש . אפילו נאר איין זאך . און אפילו די זאך איז תורה , קומט איהם מיתה . נאך אזאך האט רב זוטרא גזאגט דער וואס ווייס צו רעכענען די תקופות און דיא מזלות . און ער רעכנט ניט . טאר מען ניט שמועסין פון דעם מענטש . זאגט דיא גמרא וואס איז אמגוש . וואס מען טאר ניט לערנען פון איהם . אין דעם קריגט רב און שמואל . איינער זאגט מגוש מיינט מען אמכשף . און איינער זאגט מגוש מיינט מען אאפיקורוס וואס ער לעסטערט גאט און רעט אן מענטשין זייא זאלען דינען עבודה זרה . זאגט די גמרא עס איז געווים אז רב זאגט מגוש איז אאפיקורוס . ווארום רב זוטרא בר טוביה האט גזאגט פון רבס וועגין אז מען לערנט איין זאך פון אמגוש איז מען חייב מיתה . אז מען וועט זאגען אמגוש איז אמכשף עס שטייט דאך . אין פסוק דוא זאלסט ניט לערנען כישוף דו זאלסט טאהן כישוף . אבער דוא מעגסט לערנען כישוף דוא זאלסט וויסען וואס איז

הלמוד לעשות אבל אתה למד להבין ולהורות תסתיים: **ה אמר** רבי שמעון בן פזי אמר רבי יהושע בן לוי משום בר קפרא כל היודע לחשוב בתקופות ומזלות ואינו חושב עליו הכתוב אומר (ישעיה ה) ואת פועל ה' לא יביטו ומעשה ידיו לא ראו. א"ר שמואל בר נחמני (אמר רבי יונתן) מנין שמצוה על אדם לחשב תקופות ומזלות שנאמר (דברים ד) ושמרתם ועשיתם כי היא חכמתכם ובינתכם לעיני העמים אי זו היא חכמה ובינה שהיא לעיני העמים הוי אומר זה חישוב תקופות ומזלות:

המוציא פרק שמיני

(דף פז ע"ב) **א אמר** רב יהודה אמר רב כל מה שברא הקדוש ברוך הוא בעולמו לא ברא דבר אחד לבטלה ברא שבלול לכתיתא ברא זבוב לצרעא יהוש לנחש ונחש לחספית וסממית לעקרב היכי עביד ליה מייתי חדא אוכמא ותרא חיורא ושלקי ליה ושייפי ליה:

שתעשה: להבין. שתוכל לעמוד בהם ולא יטעו: כגון אם שקר לפניך שתבין שהוא מכזב: תסתיים. דנראה שהוא הולך כל דבריו אמת ותסתלק מעליו שלא יסתייע:

לעיני העמים. שהחכמה הניכרת היא במראה להם סימן לדבריו כהילוך החמה והמזלות שמעידין כדבריו שאומר שנה זו גשומה והיא כן שנה זו שחונה והיא כן שכל העתים לפי (הילוך) החמה במזלותיה ומולדותיה במזל (תלוי) והכל לפי השעה המתחלת לשמש בכניסת החמה באותו מזל. (ואין זה צריך בחשבון הלבנה שאינו אלא לקביעת המועד יש אלא כפי' רש"י שאומר שנה זו כו' שזה תלוי לפי סימני ד' תקופות ומזלות ויליף מקרא דכתיב לעיל יביטו וראו כי תלוי בראיה שכלית גם בראיית העין בכלים מיוחדים שעושים התוכניים לראות ע"י מהלך החמה והמזלות. ואמר חכמה ובינה לעיני העמים שאין גם הכמת התורה רק חכמה זו יודעים ובחכמה זו נאמר לשון בינה שנאמר יודעי בינה לעתים. מהרש"א):

שבלול. לימצ"א: לכתיתא. מכיתה עליו: זבוב לצרעה. למי שעקצו צרעה כותש זבוב ומניחה עליו: לחספית. מין שחין: סממית. לייזרד"א בלע"ז: לעקרב. עקיצת עקרב כותש סממית ומניחה עליו: ושייף. ומושח:

כישוף. דו זאלסט קענען פסקנן דעם דין פון אמכשף. זעהן מיר דאך אז מען מעג לערנען פון אמכשף: פר וואס דען זאגט רב אז מען טאר ניט לערנען פון אמגוש. נאר אמגוש איז ניט אמכשף נאר אאפיקורוס:

ה אמר רבי שמעון בן פזי. אמר רבי יהושע בן לוי משום בר קפרא. דער וואס ווייס צוא רעכענען די תקופות אונ די מזלות: אונ ער רעכונט ניט. אויף איהם זאגט דער פסוק ואת פועל ה' לא יביטו ומעשה ידיו לא ראו נאויף די ווערק פון גאט וועלן זייא ניט קוקען. אונ וואס די הענט פון גאט האבען גימאכט ווילען זייא ניט זעהן. רבי שמואל בר נחמני זאגט פון וואנען ווייסען מיר אז עס איז אמצוה אויף אמענטשין ער זאל רעכענען דיא תקופות אונ דיא מזלות: ווארום עס שטייט אין פסוק איר זאלט היטען אונ איר זאלט טאהן ווארום דס איז אייער חכמה אונ אייער פארשטאנד פר די אויגען פון דיא פעלקער. וועלכע חכמה אונ פאר שטאנדיגקייט קען מען ווייזען פאר די אויגען פון די פעלקער. די פעלקער זאגען טורה זיין אז דאס איז אחכמה. דס איז נאר אז מען קען רעכענען דיא תקופות אונ מזלות. אונ מען ווייס צו זאגען פאר אוים וואס פאר אוואדר עס וועט זיין:

פרק שמיני

א אמר רב יהודה אמר רב. אלץ וואס גאט הט בשאפען אויף דער וועלט. הט ער ניט בשאפען איין זאך אומזיסט. נאר אלץ דארף מען. ער האט בשאפען דעם שבלול. דארף מען איהם צו ארפואה. אז אקעמיל הט אמכה. צו שטויסט מען דעם שבלול אונ מען לייגט אים אויף די מכה. ווערט דער קעמיל גיזונד. ער הט בשאפען די פליג. דארף מען איהם אויך צו ארפואה. אז אצרעה הט געביסען אמענטשין. צו שטויסט מען אפליג אונ מען לייגט אים אויף די מכה. ווערט מען גיזונד. אז אשלאנג הט געביסען אמענטשין. צו שטויסט מען איתוש אונ מען לייגט איהם אויף די מכה ווערט מען גיזונד. אז איינער הט שחין (אפארך). לייגט מען אמויטען שלאנג אויף דעם שחין. ווערט גיהיילט דער שחין. אז אעקדיש הט געביסען אמענטשין היילט מען דס מיט אסממית. ווי אזוי היילט מען דאס מען ברייגנט איין סממית אשווארצין אונ

תנו רבנן חמשה אימות הן אימת הלש על גבור. אימת מפגיע על ארי. אימת יתוש על הפיל. אימת ססמית על עקרב. אימת סנונית על הנשר. אימת כילבית על לויתן. אמר רב יהודה אמר רב מאי קראה (עמוס ה) המבליג שוד על עז. רבי זירא אשכח לרב יהודה דהוה קאי אפיתחא דבי חמוה וחזיה דהוה בדיחא דעתיה ואי בעי מיניה כל חללי עלמא הוה א"ל. א"ל מ"ט עזי מסגן ברישא והדר אימרי. אמר ליה כברייתו של עולם דברישא חשוכא והדר נהורא. מ"ט הני מיכסיין והני מיגליין הני דמכסיין (דמכסינן) מינייהו מכסיין והני דלא מכסיין (מכסינן) מינייהו מיגליין. מ"ט גמלא זוטרא גנובתיה משום דאכל כיסי מאי טעמא הורא אריכא גנובתיה משום דדייר באגמי ובעי לכרכושי בקי. מאי טעמא קרנא דקכצא רכיכא משום דדיירא בחילפי

מפגיע. הגה קטנה וקולה גדול וכומע ויראה שהוא כ״ה גדולה ובורחת: יתוש. נכנס לפיל בחוטמו וכן כממית לעקרב נכנס לו באזנו: סנונית. אהונדייל נכנס תחת כנפי הנשר ומעכבו מפריסת כנפיו: כילבית. שרץ קטן ונכנס לדג גדול באזנו: המבליג שוד על עז. המחזיק שדוד על הגבור: כל חללי עלמא. פירוש דברים הנעשים בכל חלל העולם: מסגיין ברישא. מהלכות בראש העדר: ברישא חשוכא. שהם עזים שחורות שהם כחלות לבנות: מיכסיין. בזנב: והני מיגליין. העזים אין להם אליה: הני דמכסינהו מינייהו. רחלים שאנחנו מתכסים מצמרן גם הם מכוסים: דאכלה כיסי. קוצים לפיכך זנבו קצר כדי שלא ידבקו בו הקוצים: ובעי לכרכושי בקי. להכרית היתושים: קמצא. ארבה ול״נ קמצא שבגלל [נמלה]:

אײן סַמָמִית אַנװײסען. אונ מען קאבט זײ אונ מען בַּשמירט מיט די צװײ סַמָמִית אויף דיא מַכָּה װערט גיהײלט די מַכָּה:

תָּנוּ רַבָּנָן. דיא רַבָּנָן האבען גילערונט פינף ערלײ מוֹרָאס זענען דא. װאס דער שטארקער הט מוֹרָא פאר דעם שװאכען: דער לײב הט מוֹרָא פאר דעם מַפְגִיעַ ודער מַפְגִיעַ איז אַקלײנע חַיָּה. אונ זיא שרײט זײער שטארק. אַז דער לײב הערט איר קול דער שרעקט ער) . דער עלפאנד הט מוֹרָא פר דעם יַתּוּשׁ. װײל דער יַתּוּשׁ גײט אַרײן צו איהם אין נאז. דער ענדעם הט מוֹרָא פר דעם סַמָמִית. װײל דער סַמָמִית גײט אַרײן צו איהם אין אוער. דער אדלער האט מוֹרָא פר דעם סְנוּנִית. װײל דער סְנוּנִית גײט אַרײן צום אדלער אונטער דיא פליגעל. קען ער ניט פליהען. דער לִוְיָתָן הט מוֹרָא פר דעם כִּילְבִית: װײל דער כִּילְבִית גײט אַרײן צוא איהם אין אוער. רַב יְהוּדָה זאגט פון רַבס װעגין פון װעלכין פָּסוּק װײסען מיר אַז עס איז אַזױ. עס שטײט הַמַּבְלִיג שׁוֹד עַל עָז. גאט הט גישטארקט דעם גירױבטען אויף דעם שטארקין. רַבִּי זֵירָא הט גיטראפען רַב יְהוּדָה װען ער איז גישטאנען בײ די טיר פון זײן שװער. אונ רַבִּי זֵירָא הט גיזעהן אַז רַב יְהוּדָה איז פרײליך. אונ אַז ער װאלט פון איהם גיפרעגט אויף אַלע זאכען װאס אין דער װעלט איז. װאלט ער איהם גזאגט. הט רַבִּי זֵירָא גזאגט צו רַב יְהוּדָה. פר װאס אַז עס גײען אַסטאדע ציגען מיט שעפסין. גײען פריער די ציגען אונ אינטער זײ גײען די שעפסין. הט רַב יְהוּדָה גזאגט צו רַבִּי זֵירָא. אַזױ װיא די בַּשַׁאפוּנג פון דער װעלט איז גיװעזן. פריער פינסטער דער נאך ליכטיג: אונ די מערסטע ציגען זענען שװארץ. אונ דיא מערסטע שעפסין זענען װײס. גײען פריער דיא ציגען װאס זײא זענען שװארצע דער נאך די שעפסין װס זײא זענען װײסע. נאך הט רַבִּי זֵירָא גיפרעגט צו רַב יְהוּדָה פר װס די עֶרְוָה פון אַשעפס איז צוא גידעקט מיט דעם װײדול. אונ די עֶרְוָה פון אַציג איז אויף גידעקט. װײל אַציג הט ניט קײן װײדול) הט רַב יְהוּדָה גזאגט צו רַבִּי זֵירָא דיא שעפסין װײל מיר דעקין אונז צו מיט זײערע װאל. איז זײער עֶרְוָה צו גידעקט. אונ דיא ציגען װאס מיר דעקין אונז ניט צוא מיט זײערע װאל. איז זײער עֶרְוָה אויף גידעקט. נאך הט רַבִּי זֵירָא גיפרעגט צו רַב יְהוּדָה פר װס הט אַקעמיל אַקלײנעם װײדול. הט רַב יְהוּדָה גיענפערט װײל ער עסט דערנער. מוז ער גײן צװישען די דערנער. אַז דער װײדול װאלט גיװעזן לאנג װאלט ער פאר טשעפעט גיװארין צװישען די דערנער. נאך האט רַבִּי זֵירָא גיפרעגט צו רַב יְהוּדָה פר װס הט אַאָקס אַלאנגען װײדיל. האט רַב יְהוּדָה גיענפערט װײל דער אָקס איז אַגאנצען טאג אויף דעם גראז. קומען אויף איהם פליגען אונ בײסען איהם. דארף ער האבען אַלאנגען װײדול ער זאל מיט איהם אַראפ טרײבען די פליגען. נאך האט רַבִּי זֵירָא גיפרעגט

בחילפי ואי קשיא נדייה ומהעורא דאמר שמואל האי מאן דבעי לסמיה לקמצא לשלפינהו לקרנא. מ"ט האי תימרא דתרנגולא מדלי לעילא דדיירי אדפי. ואי עייל קטרא מתעוורא. דשא דרך שם. דרגא דרך גג. מתכולתא אימתי (מתי) תכלה דא. ביתא בא ואיתיב (בהו) [בה]. ביקתא בי עקתא. כופתא כוף ותיב. לבני, לבני בני. הוצא חציצה. חצבא שחוצב מים מן הנהר. כוזא כזה. שוטיתא שטותא. משיכלא מאשי כולא

הילפי. ערבה: ואי קשיא נדייה ומהעורא. ואם הייתה קשה הג"ד ותעקר כשהכה בעלים. ומתעוורא יסתמו עיניה שמרתיה עיניה הלויה נה כד־מוהל: תימרא דתרנגולא מדלי לעילא. ריש של עץ התחתון כשעולה עיניו עולה למעלה מן הכליון ובשאר כל בריות העליון רוכב על התחתון: משום דדיירי אדפי. בעולה בלילות על הקרשים והקורות צריך שיעלה התחתון על העליון מפני העשן שלא יכנס בעיניו: מתכולתא. דבר שמטבילין בו כגון כותח או שאר ליפתן: מהי תכלה דא. לכשיכלה מה נאכל ול"נ מתי תכלה דא לפי שאינה כלה עד זמן ארוך שאינו נאכל אלא מעט מעט: ביתא בא ואיתיב. שדרך ליישב בבית: בקתא. בית צר וקטן: בי עקתא. בית צר: כופתא. מכתשת ל"א מדה לחטין ול"נ כמין גולם עץ עשוי לישיבה כדתניא בפסחים (כופת שאור שיחדה לישיבה). כוף תיב כסוף אותו ושב עליו: לבני לבני בני. מתקיים לדורות הרבה: הוצא. גדר קוצים או עצים: מחיצה. אינו דבר קיימא אלא מחיצה בעלמא: כוזא. כלי חרס קטן: כזה. כלומר דבר מועט וקל כמות זה מכו תבוב נמלאותו לי מייך במתנה: שוטיתא. בד של הדס שמרקדין בו לפני הכלה: בטותא. נראה המרקד כשוטה: משיכלא. ספל גדול שהכל רוחצים ידיהם ונכנסים ממנו: מאשי כולא

צו רב יהודה פר וואס זעגען די הערנער פון אייזשעריק וייך. האט רב יהודה גיענטפערט ווייל זייא וואהנען צווישען ריטער. אז דיא הערנער וואלטען געווען הארט וואלטען דיא הערנער פאר טשעפעט געווארין צווישען די ריטער אונד זיי וואלטען ארויס גיצויגען געווארין וואלטען זיי בלינד געווארין. וואריום שמואל האט געזאגט דער וואס וויל בלינד מאכען אייזשעריק. זאל ער ארויס ציהען זיינע הערנער פון קאפ וועט ער בלינד ווערין. נאך האט רבי זירא גיפרעגט צו רב יהודה פר וואס אז אהון פר מאכט די אויגען פאר דעקט דיא אונטערשטע ברעם אויף דיא אובערשטע. האט רב יהודה גיענטפערט ווייל די הינער זיצען ביי נאכט אויף די הויכע ארטער אויף ברעטער אדער אויף אנדערע זאכען וואס אין שטוב אז עס וועט זיין ארויך וועט ארין גיין דער רויך אין זייערע אויגען וועלין זיי בלינד ווערין. דריבער פר דעקט דיא אונטערשטע ברעם דער רויך זאל ניט אריין קומען אין די אויגען. נאך האט רבי זירא גיפרעגט צו רב יהודה עטליכע זאכען. פר וואס רופט מען א טיר דשא. ווייל דס מאכט דרך שם. דארט איז די וועג אריין צו גיין אין שטוב. פר וואס רופט מען א לייטער דרגא. ווייל דאס מאכט דרך גג. דורך דעם לייטער גייט מען ארויף אויפען דאך. פר וואס רופט מען די משקה וואס מען טונקט איין אין איר מתכולתא. ווייל דס מאכט מתי תכלה דא. ווען וועט זיך דס אויס לאזין. ווייל די משקה איז גימאכט געווארין נאר מען זאל אין איר איין טונקען. דארט אלאנגע צייט ביז מען טונקט אויס די גאנצע משקה. פר וואס רופט מען א שטוב ביתא. ווייל דאס מאכט בא ואיתיב בה. קום זיץ אין איר. פר וואס רופט מען אקליינע שטוב ביקתא. ווייל דס מאכט בי עקתא. אהיינגע שטוב. פר וואס רופט מען אהילצערנעם שטויס (אסטעמפע) כופתא ווייל דס מאכט כוף ותיב. בייג דס איין מיט דעם מויל אראפ וועט מען זיצען אויף דעם. פאר וואס רופט מען ציגעל לבני. ווייל דס מאכט לבני בני. צוא קינדערס קינדער. אז מען מאכט א שטוב פון ציגעל שטייט די שטוב אויף לאנגע יאהרין צו קינדערס קינדער. פר וואס רופט מען דיא וואנט וואס איז גימאכט פון ריטער אדער פון דינע ברעטער הוצא. ווייל דאס איז ניט קיין וואנט נאר חציצה. אפארשטעלונג. פר וואס רופט מען אקרוג חצבא. שחוצב מים מן הנהר. ווייל ער האקט אויס (ער שעפט אויס) דיא וואסער פון טייך. פאר וואס רופט מען אקליינעם קרינעל כוזא. ווייל דס מאכט כזה. אזוי אקליינעם קרינגל ווין ווי דער איז. דארף ביי דיר גאר ניט זיין גירעכונט. שיינק דס מיר. פר וואס רופט מען דעם הדס וואס מען טאנצט מיט איהם פר אכלה. שוטיתא. ווייל דס מאכט שטותא. נארעשקייט. דער וואס טאנצט מיט דעם הדס פר אכלה. זעהט ער אויס ווי א נאר. פר וואס רופט מען אבעקין משיכלא. ווייל דאס מאכט מאשי כולה. אלע וואשען זיך אין דעם בעקין. פר וואס רופט מען אקליינעם

כולא . משכילתא משיא כלתא . אסיתא חסירתא . בוכנא בא ואבנה . לבושא לא בושה . גלימא שנעשה בו כגולם . גלתא גלי ואתיב . פוריא שפרין ורבין עליה . בור זנקיא בור זה נקי . סודרא סוד ה' ליראיו . אפדנא אפיתחא דין . ת"ר ג' כ"ז שמוסיפין גבורה ואלו הן דג ונחש וחזיר :

(דף סח) ב רבי שמעון בן אלעזר אומר דם כדי לכחול עין אחת שכן כוחלין לברקית ומאי ניהו דמא דתרנגולא ברא רשב"ג אומר דם כדי לכחול בו עין אחת שכן כוחלין ליארוד ומאי ניהו דמא דכרושתינא

דולא . רוחן אל הכל : משכילתא . ספל קטן ונאה : משיא כלתא . מיוחד לחשובים כמו כלה והבא חשובה לרחוץ ממנו : אסיתא . מורטיי"ר : הסירתא . שחסר הקיקה מבפנים : בוכנא . עלי שכותשין בו : לבושא . הלוק שפלין בקודלאין שרוק לא בושה . למנוע הבושה שמתכסה כל החלוקים התחתונים הקרועים ורעים : בגולם . בשק לו חמוק איברים : גולתא . מקטורין והוא (תרגום של בגד גלהא רוצה לומר בגד חשוב) : גלי וסיב . כשהוא יושב מגלה עצמו שלא ישב עליו שלא ילכלכו ולא ימושנו בקרקע ויסיר שערו ויקרע ויבלה : בור זינקא . בור שיכבו מימיו קורין כך : נקי . תכר מימיו : סודרא . דרך תלמיד חכם לעטוף סודר : אפדנא . טרקלין של מלכים : אפיתחא . אל פתח זה יבאו הכל אם למשפט אם לשרת המלך : שבן כוחלין לברקית . מייל"א שבולטת בעין : ומאי ניהו . מאיזה דם כוחלין אותו : ליארוד :

בעקין אשיינעם משכילתא . ווייל דם מאכט משיא כלתא . צכלה וואשט זיך אין דעם בעקין פר ווס רופט מען אמערזער [אסטעמפע] אסיתא . ווייל דאס מאכט חסירתא . עס פעלט פון איבווייניג . פר ווס רופט מען דעם הארץ אדער דעם אייזין ווס מען שטויסט מיט אים בוכנא . ווייל דאס מאכט בא ואבנה . קום איך וועל שלאגין מיט איר . פר ווס רופט מען אקלייד לבושא . ווייל דם מאכט לא בושה . די קלייד טוהט אפ די שאנד פון מענטשין . פר וואס רופט מען אאובערשטין מאנטיל ווס אן ארבעל גלימא . שנעשה בו כגולם . ווייל מען זעהט אויס אזוי ווי אגולם . אמענטש אן גלידער . פאר ווס רופט מען אשיינע קלייד גולתא . ווייל דם מאכט גלי ואתיב . דעק אפ די קלייד אונ זיץ . מען זיצט ניט אויף דיא קלייד מען זאל איר ניט צו קנייטשין . פאר ווס רופט מען אבעט פוריא . שפרין ורבין עליה . מענטשין פרוכטבארין אונ מערין זיך אויף די בעט . ווייל מען איז משמש המטה אויף איר . פאר ווס רופט מען אליידיגען ברונען בור זינקא . ווייל דם מאכט בור זה נקי . דער ברונען איז ריין . ליידיג אן וואסער . פר ווס רופט מען דעם מאנטיל פון אתלמיד חכם סודרא . ווייל דם מאכט סוד ה' ליראיו . גאט זאגט אויס זיינע סודות צו די מענטשין ווס האבען מורא פאר איהם . פר ווס רופט מען דעם פאלאץ פון אמלך אפדנא . ווייל דם מאכט אפיתחא דין . צו דער טיר קומט מען צום משפט פאר דעם מלך :

תנו רבנן : די רבנן האבען גילערונט דריי זאכען זענען דא אז זייא ווערין עלטער ווערין זיי שטארקער . אונ דם זענען זיי . אפיש אונ אשלאנג אונ אחזיר :

ב רבי שמעון בן אלעזר זאגט אז מען טראגט ארויס אום שבת בלוט . אפילו נאר צו בשמירען מיט דעם בלוט איין אויג ניט מער . איז מען חייב אחטאת אדער כרת . ווארום אז איינער האט אברקית אויף אאויג בשמירט מען מיט די בלוט איז ארפואה . זאגט דיא גמרא וועלכע בלוט איז ארפואה צו אברקית ווס מען זאל חייב זיין אז מען טראגט ארויס אום שבת אביסיל בלוט ווס נאר גינוג צו איין אויג . דם איז די בלוט פון אווילדען האן . רבן שמעון בן גמליאל זאגט אז מען טראגט ארויס אום שבת בלוט . אפילו נאר צו בשמירען מיט דעם בלוט איין אויג ניט מער . איז מען חייב אחטאת אדער כרת . ווארום אז איינער האט איארוד אויף אאויג בשמירט מען מיט דיא בלוט איז ארפואה . זאגט די גמרא וועלכע בלוט איז ארפואה צו איארוד ווס מען זאל חייב זיין אז מען טראגט ארויס אום שבת אביסול בלוט ווס נאר גינוג צו איין אויג . דם איז די בלוט פון [אכרושתינא] אפלעדער מויז . דער סימן איז איבווייניג צו אינווייניג . דיא בלוט פון אפלעדער מויז וואס זיא אדערוועט זיך אינווייניג אין שטאט צווישען מענטשין . איז ארפואה צום יארוד . ווס דם איז אפעלער אינווייניג אין אויג . אונ אוים ווייניג צוא אויסווייניג : דיא בלוט פון אווילדען האן וואס ער אדערוועט זיך

דברושתינא וסימניך גוא לגוא וברא לברא:

(דף פ ע"ב) **גסיד** כדי לסוד תנא כדי לסוד אצבע קטנה שבבנות.. אמר רב יהודה אמר רב בנות ישראל שהגיעו לפרקן ולא הגיעו לשנים בנות עניים טופלות אותן בסיד . בנות עשירים טופלות אותן בסולת . בנות מלכים טופלות אותן בשמן המור שנאמר (אסתר ב) ששה חדשים בשמן המור . מאי שמן המור . רב הונא בר חייא אמר סטכת רב ירמיה בר אבא אמר שמן זית שלא הביאה שליש . תניא ר"י אומר אנפיקנון שמן זית שלא הביאה שליש ולמה סכין אותו שמשיר את השער ומעדן את הבשר . רב ביבי הוה ליה ברתא טפלה אבר אבר שקל בה ד' מאות זוזי הוה ההוא עובד כוכבים בשבבותיה הויא ליה ברתא טפלת בחד זימנא ומתה אמר קטל רב ביבי לברתי . אמר רב נחמן רב ביבי דשתא שיכרא בעיין בנתיה

הכלול ונתיסי' רבי זו למיזוד והם מיסות דקות של לובן הנולדות כעין דהקן בבכורות גבי מומין: דתבל דכלוה זוגא. עטלף בקורין פלמ"א: גוא. כרושתינא מצוי בתוך סיסוב הבוא ליארוד שטאל שוקע בתוך העין: ברא. דמה דתרגומא ברא: לברא. לברקית שהיא בולטת:
אצבע קטנה. דרכן לסוד את כל הגוף להאדים: שהגיעו לפרקן ולא הגיעו לשנים. שהביאו ב' שערות ולא באו לכלל שנים שראויות לכך ומספיקי בדבר: טופלות. מושחות: אנפיקנון. דספר במנחות אין מביאין אנפיקנון הוא שמן זית שלא הביא שליש: ולמה סכין אותו. שהיא שמן המור: טפלה בסיד. שקל בה ארבע מאות זוזי שנכנסים זה וקפצו עליה שמהוגנין לה ונשא (לבי)

אוים ווייניג אויסער די שטאט. איז ארפואה צום ברקית וואס דאס איז אפעקער אוים ווייניג אויף דעם אויג:

ג סיד כדי לסוד. אז איינער טראגט ארוים קאפגע אום שבת. אויב מען קען מיט דיא וואפגע בשמירען. וועסען בשמירען. זאגט די גמרא מיר האבען גילערנט אויב מען קען מיט די וואפגע בשמירען דעם קלענסטען פינגער פון אקליינע מיידיל. איז מען חייב אחטאת אדער כרת. רב יהודה האט גזאגט פון רבס וועגין די יודישע טעכטער וואס זענען נאך יונגע. און זיי האבען בעקומען האר אויף די ערוה. פאר די צייט. עס איז נאך ניט זייערע יאהרין צו. און זיי שעמען זיך. די ארעמע טעכטער בשמירען מיט וואפגע די האר זאל אראפ פאלען. און די רייכע טעכטער בשמירען מיט פיינע ווייצין מעהל. און קעניגליכע טעכטער בשמירען מיט שמן המור. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק. דיא ווייבער פון אחשורוש האבען זיך געשמירט זעקס חדשים מיט שמן המור. פרעגט די גמרא וואס איז שמן המור. רב הונא בר חייא זאגט סטכת. דאס איז אזוי אמין בוימאייל. רב ירמיה בר אבא זאגט בוימאייל וואס זענען גימאכט פון אומצייטיגע איילבירטען וואס זענען נאך ניט אויף גיוואקסען אדריטעל ווי זיי דארפען וואקסען. דיא בוימאייל הייסט שמן המור. מיר האבען גילערנט רבי יהודה זאגט בוימאייל וואס זענען גימאכט פון אומצייטיגע איילבירטען וואס זענען נאך ניט אויף גיוואקסען אדריטעל וויא זיי דארפען וואקסען. די בוימאייל הייסט אנפיקנין. צו וואס שמירט מען דאס לייב מיט די בוימאייל (שמן המור) ווייל די בוימאייל ווארפט אראפ די האר פון לייב. און זי מאכט איידיל דאס לייב. רב ביבי האט גיהאט אטאכטער האט ער איר בשמירט מיט וואפגע גלידער ווייז. אמאהל אהאנט אמאהל אפוס. האט רב ביבי פאר איר גינומען פיר הונדערט גילדין. וואוסער דעם נדן וואס מען האט איר גיגעבין. ווייל זיא איז זייער שיין גיווארין. אגוי האט גיוואוינט נאנט פון רבי ביבי. און ער האט גיזעהן אז רב ביבים טאכטער האט גינומען אזוי פיל נדן. און רב ביבי אליין האט אויך גינומען פיר הונדערט גילדין ווייל זי איז שיין גיווארין פון דעם וואפגע. ער האט אבער ניט געוואוסט אז רב ביבי האט איר געשמירט ביסלאכווייז. און ער האט אויך גיהאט אטאכטער האט ער איר בשמירט מיט דעם וואפגע אין גאנצען מיט איין מאהל. איז זיא געשטארבען. האט דער גוי גזאגט רב ביבי האט גיהרגת מיין טאכטער: רב נחמן זאגט ווייל רב ביבי האט גיטרונקען פיל ביר. זענען זיינע קינדער גיוועזן שווארץ. דארפין זיינע טעכטער שמירען זייער לייב מיט וואפגע זייא זאלין ווייס ווערין. אבער מיר טרינקען ניט קיין ביר.

[ג'] תמון : מסכר . מפחיד ומרכס נער : מרשיתא . גרעה : בלאנדיפי . פדחתו : מן דיליה דא ליה . מידו היתה זאת לו שלא היה לו לדרוש במרכבה :
זלגלגא . עוף קטן :
החתוניות . פול"ם : לולבי גפנים . הותם פיטולים בנ"לים בגפן וקורין וודילא"ם : מוריגי בהמה . כל בשר שיש בבהמה הפנוי כמורג שאת פגום והרוקה כמורג הרוק חדש (כלומר) כל מקום באין הבשר חלק כגון קליפת הלבן וכגון כחיך ביש בו כמין קולים (וכפגימות בית) [וכפגימות צנים] ככוכות : בקינח בו הבירו . הכיד והחרסית נמי קאי : בתולה . שאינו יושב :

בנתיה טפלא אנן דלא שתינן שיכרא לא בעיין בנתן טפלא :

ד כי הא דההוא בר גלילא דאמרו ליה קום דרוש לנו במעשה מרכבה אמר להו אידרוש לכו כדדרש רבי נחמיה להבריה ונפקת ערעיתא מן כותלא מחתיה באנדיפי (ומית) אמר ליה מן דיליה דא ליה :

ה אמר ליה מר בריה דרבינא לבריה מי שמיע לך ביצה קלה מאי היא אמר ליה ביעתא דצלצלא מאי טעמא משום דזוטרא . אימא דציפרתא אישתיק א"ל מידי שמיע לך בהא (א"ל הכי) אמר רב ששת ביצת תרנגולת ואמאי קרו לה ביצה קלה . שיערו חכמים אין לך ביצה קלה לבשל יותר מביצת תרנגולת :

(דף פא) ו עשרה דברים מביאין את האדם לידי החתוניות ואלו הן האוכל עלי קנים ועלי גפנים ולולבי גפנים ומוריגי בהמה בלא מלח ושדרו של דג ודג מליח שלא בישל כל צרכו והשותה שמרי יין והמקנח בסיד ובחרסית . (והמקנח) ובצרור שקנח בו חבירו וי"א אף התולה עצמו בבית הכסא :

רב

דארפן ניט אונזערע טעכטער שמירען זייער לייב מיט וואפנע , זיא זענען אן וואפנע אויך שיין :

ד כי הא דההוא בר גלילא . מען האט אמאהל געזאגט צוא איינעם פון גליל זאג אונז אדרשה פון מעשה מרכבה . האט דער מענטש פון גליל געענטפערט איך וועל פאר אייך דרשנן אזוי וויא רבי נחמיה האט גידרשת פר זיין חבר . איז ארוים גיגאנגען אצרעה פון וואנט אונ האט איהם גיגעבין אקלאפ אין שטערין ; איז ער געשטארבין . האט מען געזאגט פון איהם איז דס איהם גיקומען . ער האט אליין גיבראכט אויף זיך דעם טויט . ער האט ניט גידארפט דרשנן מעשה מרכבה :

ה אמר ליה . מר דער זוהן פון רבינא האט געזאגט צו זיין זוהן ; טאמער האסטו גיהערט וואס מיינט מען אגרינגע איי . האט דער זוהן געזאגט צום פאטער . די איי פון דעם פויגיל וואס הייסט צלצלא . איז אגרינגע איי . ווייל זי איז קליין . האט דער פאטער געזאגט צום זוהן טאמער מיינט מען די איי פון דעם פויגיל וואס הייסט צפרתא . זיא איז נאך קלענער . האט דער זוהן געשוויגען . האט דער זוהן געזאגט צום פאטער . טאמער ווייסטו וואס מיינט מען אגרינגע איי . האט דער פאטער געזאגט . אזוי האט געזאגט רב ששת . אגרינגע איי מיינט מען אאיי פון אהון . פר וואס הייסט זי אגרינגע איי ; ווייל די חכמים האבען בערעכונט עס איז נישטא קיין גרינגערע איי צום קאכין ווי די איי פון אהון :

ו עשרה דברים . צעהן זאכען ברייגען דעם מענטשין צו דיא מרידען קראנקייט . אונ דס זענען די צעהן זאכען : אז מען עסט בלעטער פון די ראר שטעקלאך . אדער בלעטער פון וויין שטאקין . אדער די לאנגע בלעטער פון דיא וויין שטאקין . אדער מען עסט פלייש פון אבהמה אזעלכע וואס זענען ניט גלאט . דהיינו ער עסט דיא הויט פון צונג אדער דעם גומען און זאלץ . אדער ער עסט דעם רוקען פון אפיש . אדער ער עסט אגיזאלצענעם פיש וואס די פלייש פון איהם איז נאך רוי . אדער ער טרינקט הייזון פון וויין . אדער ער ווישט אפ דעם ארט (נאך זיין ארוים גיין) מיט וואפנע אדער מיט אשארבין אדער מיט אשטיקול האלץ . וואס זיין חבר האט זיך אפ געווישט פריער מיט דיא זעלבינע זאך ; אונ אנדערע זאגין אז מען זיצט ניט אויף דעם ברעטיל פון בית הכסא אזוי וויא מען זיצט אויף אשטוהל . בעקומט מען מערידען :

(ע"ב) ז רב חסדא ורבה בר רב הונא הוו קאזלי בארבא אמרה להו ההוא מטרוניתא אותבן בהדייכו ולא אותבוה אמרה איהי מילתא אסרתה לארבא אמרו אינהו מילתא שריוה. אמרה להו מאי אעביד לכו דלא מקנח לכו בחספא ולא קטיל לכו כנה אמנייכו ולא שליף לכו ירקא ואכיל לכו מכישא דאסיר גינאה:

(דף סג) ח א"ל רב הונא לרבא (לרבה) בריה מ"ט לא שכיחת קמיה דרב חסדא דמחדדן שמעתיה אמר ליה מאי איזיל לגביה דכי אזילנא לגביה מותיב לי במילי דעלמא אמר לי מאן דעייל לבית הכסא לא ליתיב בהדיא ולא ליטרח טפי דהאי ברכשתא אתלת שיני יתיב דלמא משמטי שיני דברכשתא ואתא לידי סכנה אמר ליה הוא עסיק בחיי דברייתא ואת אמרת במילי דעלמא כ"ש זיל לגביה:

מטרוניתא. ארמית היתה: אמרה מילתא. דכשפים: ואסרתה לארבא. ולא זזה ממקומה: אמרי אינהו מלתא. על ידי שם טהרה: דלא מקנחינו בחספא. שאוכל לעשות לכם כשפים: ולא קטיל לכו וכו'. ואין אתם הורגים כנה בבגדיכם: ולא אכיל לכו ירקא מכישא דאסיר גינאה. אין אתם מוליאים שום וכרישה וכלל מאגודה כאוגדים הגננים והולכים אלא אתם מתירין האגודה תחלה ע"מ כן שכי קשה לכשפים:

מותיב לי במילי דעלמא. מושיבני לפניו בדברי חנם שאינם של תורה: לא ליתיב בהדיא. במהרה במוזק לפי שנפתח הנקב במוזקה וניתוקין שיני הכרכשתא ויוצאת: ולא ליטרח טפי. פדייטנר"א בלע"ז:

א"ר עקיבא מנין וכו'. משום דבעי למיתני בסדייתא מנין שמרחולין את המילה כייל נמי להך דדמיין לה: במשא. אדם כנושאה: שהרס כמו

רבי עקיבא פרק תשיעי

א מתני' אמר רבי עקיבא מנין לעבודת כוכבים שמטמאה במשא כנדה שנאמר (ישעיה ל) תזרם כמו דוה צא תאמר לו מה נדה מטמאה במשא אף עבודת כוכבים

ז רַב חִסְדָא אוּנ רַבָּה בַּר רַב הוּנָא זֶענֶען גִּיצָאנְגֶען אִין אַשִׁיף. הָט אַגוֹיָה גְזָאגְט צוּ זֵייא אִיךְ וִויל אוֹיךְ זִיצֶען אִין דִי שִׁיף מִיט אַייךְ. הָאבֶּען זֵיי נִיט גִיוָואלְט. הָט דִי גוֹיָה גְזָאגְט עֶטְלִיכֶע וֶוערְטֶער כִּישׁוּף. הָט זִיא גִיבּוּנְדֶען דִי שִׁיף זִיא זָאל נִיט קֶענֶען אַוֶועק גֵייִן פוּן דֶעם אָרְט. הָאבֶּן זֵיי גְזָאגְט עֶטְלִיכֶע הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער. הָאבֶּען זֵיי אוֹיף גִיבּוּנְדֶען דִיא שִׁיף. הָט דִיא גוֹיָה גְזָאגְט צוּ זֵייא. וָואס קֶען אִיךְ אַייךְ טָאהְן. אַז אִיר ווִישְׁט נִיט אָפּ דֶעם אָרְט מִיט קֵיין שֶׁארְבִּין. אוּנ אִיר הַרְגֶעט נִיט קֵיין כִּנָה אוֹיף אַייעֶרֶע קְלֵיידֶער. אוּנ אַז אִיר קוֹיפְט אַבִּינְטוּל יָרֶק (גְרֶעטֶעכְלַאךְ. צִיבֶּעלֶע. אָדֶער אַנְדֶערֶע זַאכֶען) וָואס דֶער גֶערְטְנֶער הָט דָם פַּר בּוּנְדֶען. צִיהְט אִיר נִיט אַרוֹיס דִיא יָרֶק אֵיינְצִיג וַוייז פוּן בִּינְטוּל אוּנ עֶסְט. נָאר פְרִיעֶר בִּינְט אִיר אוֹיף דֶעם בִּינְטוּל; דֶער נָאךְ עֶסְט אִיר. ווייל אִיר טוּהט נִיט דִיא דְרַייא זַאכֶען קֶען מֶען אַייךְ נִיט טָאהְן קֵיין כִּישׁוּף:

ח אָמַר לֵיהּ. רַב הוּנָא הָט גְזָאגְט צוּ זַיין זוּהְן רַבָּה פַּר וָואס גֵייסְט דוּא נִיט עֶפְּטֶערְס צוּ רַב חִסְדָא. לֶערְנֶען פוּן אִיהם. זַיינֶע דִינִים וֶוערִין דָאךְ גִילֶערְנְט מִיט אַשַׁארְפִין שֵׂכֶל. הָט רַבָּה גְזָאגְט צוּ זַיין פָאטֶער. וָוס זָאל אִיךְ גֵייִן צוּ אִיהם; אַז אִיךְ קוּם צוּא אִיהם פְרֶעגְט עֶר מִיךְ נִיט תּוֹרָה נָאר וֶועלְטְלִיכֶע זַאכֶען; עֶר זָאגְט צוּ מִיר וֶוער עֶס גֵייט אַרַיין אִין אַבֵּית הַכִּסֵּא. זָאל עֶר זִיךְ נִיט זֶעצִין גֶעשְׁווִינְט; אוּנ עֶר זָאל זִיךְ נִיט קְוֶועטְשִׁין צוּ פִיל. ווָארוּם דִיא קִישְׁקֶע אַיינְגְט אוֹיף דְרַיי רִינְגֶע שְׁטִיקְלַאךְ פְלֵייש. אַזוֹי וִויא אוֹיף דְרַייא צֵיין. אַז מֶען וֶועט זִיךְ שְׁטַארְק קְוֶועטְשִׁין קֶענֶען דִיא צֵיין אָפּ גֶערִיסֶען וֶוערִין. אִיז מֶען אִין אַסַכָּנָה צוּ שְׁטַארְבֶּען. הָט רַב הוּנָא גְזָאגְט צוּ זַיין זוּהן. רַב חִסְדָא לֶערוּנְט דֶעם מֶענְטְשִׁין וִוי אַזוֹי עֶר זָאל לֶעבִּין. אוּנ דוּ זָאגְסְט עֶר שְׁמוּעֶסְט וֶועלְטְלִיכֶע זַאכֶען; אוֹיב אַזוֹי בַּארְפְסְטוּ גֶעווִיס גֵייִן צוּ אִים:

פרק תשיעי

א אָמַר רַבִּי עֲקִיבָא. רַבִּי עֲקִיבָא הָט גְזָאגְט פוּן ווָאנֶען ווַייסֶען מִיר אַז מֶען טְרָאגְט אַעֲבוֹדָה זָרָה וַאֲפִילוּ עֶר רִירְט נִיט אָן דִיא עֲבוֹדָה זָרָה; דְהַיְינוּ עֶר טְרָאגְט אִיר אוֹיף אַשְׁטִיק

כוכבים מטמאה במשא [גמרא] אמר רבא (רבה) תזרם כמו דוה דאמר קרא נכרינהו מינך כזר צא תאמר לו הכנס אל תאמר לו :

(דף פג ע״ב) **ב הנינן** (שופטים ח) וישימו להם בעל ברית לאלהים זה זבוב בעל עקרון מלמד שכל אחד ואחד עושה דמות יראתו ומניחה בתוך כיסו כיון שזוכרה מוציאה מתוך כיסו ומחבקה ומנשקה . אמר רבי חנינא בן עקביא מפני מה אמרו ספינת הירדן טמאה מפני שטוענין אותה כיבשה ומורידין אותה למים . אמר רב יהודה אמר רב לעולם אל ימנע אדם את עצמו מבית המדרש אפילו שעה אחת שהרי כמה שנים נשנית משנה זו בבית המדרש ולא נתגלה טעמה עד שבא רבי חנינא בן עקביא ופירשה . אמר רבי יונתן לעולם אל ימנע אדם את עצמו מבית המדרש ומדברי תורה ואפילו בשעת מיתה שנאמר (במדבר יט) זאת התורה אדם כי ימות באהל אפילו בשעת מיתה תהא עוסק בתורה אמר ר״ל אין דברי תורה מתקיימין אלא במי שממית עצמו עליה שנאמר זאת התורה

פירוש

דוה וגו' בעבודת כוכבים משתעי : ומחבקה ומנשקה. וזה לשון ברית לחבה וחבה : נשנית משנה זו של מסכת כלים דתנית כה ספינת הירדן טמאה ולא נתגלה הטעם למה :

האלץ . וואס די שטיק האלץ ווערט ניט טמא . פון דעסטוועגן] ווערט דער מענטש טמא . אזוי וויא דער דין איז ביי אנדה . ווארום עס שטייט אין פסוק ביי א עבודה זרה . דוא זאלסט זייא דער ווייטערין אזוי ווי אנדה . דו זאלסט זאגין צו די עבודה זרה גיי ארויס פון מיר : אזוי וויא אנדה איז מטמא אז מען טראגט איר . אפילו מען רירט איר ניט אן . דהיינו וויא זיצט אויף אשטיק האלץ . אזוי איז דיא עבודה זרה אויך מטמא אז מען טראגט איר . אפילו מען רירט איר ניט אן . דהיינו זי זיצט אויף אשטיק האלץ [אזוי וויא פריער] . רבא זאגט וואס דער פסוק זאגט מען זאל דיא עבודה זרה דער ווייטערין אזוי וויא אנדה . מיינט מען ניט זיא איז מטמא אזוי וויא אנדה . נאר מען מיינט דיא עבודה זרה זאל זיין פרעמד פון דיר . דו זאלסט איר ניט דינען . אזוי וויא מען איז דער ווייטערט פון אנדה ; זאל מען זיין דער ווייטערט פון עבודה זרה ; דו זאלסט זאגין צו די עבודה זרה גיי ארויס פון מיר . אונ דו זאלסט ניט זאגין צו דיא עבודה זרה גיי אריין צו מיר :

ב תנינן . מיר האבען גילערנט . עס שטייט אין פסוק **וישימו להם בעל ברית לאלהים** דיא יודען האבען גימאכט אעבודה זרה פר אגאט . דאס מיינט מען די פליג וואס זיא איז גיוועזן די עבודה זרה פון עקרון . דער פסוק דער ציילט אונז אז יעדער יוד האט גימאכט אפליג פון זילבער אדער פון גאלד אדער פון אנדערע זאכען] אזוי וויא זיין גאט האט אים גיזעהן . אונ ער האט אריין גילייגט די פליג אין זיין בייטול . ווען ער האט זיך דער מאנט אן איר . האט ער איר ארויס גינומען פון בייטיל . אונ האט איר ארום גינומען אונ גיקושט :

רבי חנינא בן עקביא האט גזאגט פר וואס האט מען גזאגט די שיף וואס שווימט אויף דעם טייך ירדן קען טמא ווערין . ווייל מען לייגט אין איר אריין סחורה ווען זי איז נאך אויף דיא טריקעניש . דער נאך שטויסט מען איר אויף דעם וואסער . האט רב יהודה גזאגט פון רבס וועגין אמענטש זאל זיך ניט פאר מיידין פון בית המדרש אפילו איין שעה . ווארום די משנה וספינת הירדן טמאה] איז שוין גילערנט גיווארין אין בית המדרש פיל יאהרין . אונ מען האט ניט גיוואוסט דעם טעם פון דער זאך . פאר וואס זאל דיא שיף וואס שווימט אויף דעם ירדן קענען טמא ווערין . ביז רבי חנינא בן עקביא איז גיקומען אונ האט גזאגט דעם טעם פון די זאך . רבי יונתן האט גזאגט אמענטש זאל זיך קיין מאהל ניט פאר מיידין פון בית המדרש אונ ניט פון לערנען . אפילו ער איז שוין נאנט צום שטארבען אזוי וויא עס שטייט אין פסוק **זאת התורה אדם כי ימות באוהל** . דיא תורה זאל דער מענטש לערנען . אפילו ער איז שוין נאנט צום שטארבען . ריש לקיש האט גזאגט די תורה האט ניט מער אקיום נאר ביי דעם מענטש וואס לאזט זיך הרגנן פר איר . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק **זאת התורה אדם כי ימות באוהל** .

התורה אדם כי ימות באהל :

(דף כח) ג **אמר** רבי חייא בר אבא אמר רבי יוחנן מאי דכתיב (דברים יט) לא תסיג גבול רעך (אשר גבלו ראשונים) . גבול שגבלו ראשונים לא תסיג . מאי גבלו ראשונים אמר רבי שמואל בר נחמני אמר רבי יונתן (יוחנן) מאי דכתיב (בראשית לו) אלה בני שעיר החורי יושבי הארץ . אטו כולי עלמא יושבי רקיע נינהו אלא שהיו בקיאים בישובה של ארץ שהיו אומרים מלא קנה זה לזית מלא קנה זה לגפנים מלא קנה זה לתאנה . וחורי שמריחין את הארץ . וחוי אמר רב פפא שהיו טועמים את הארץ כחויא . רב אחא בר יעקב אמר חורי שנעשו בני חורין מנכסיהן :

(דף פו) ד **מתני'** מנין לפולטת ש"ז ביום השלישי שהיא טמאה שנאמר (שמות יט) היו נכונים

גבול רעך . ליסא סמיך למילי להכותים קרקע כשיעור אשר גבלו הראשונים ומי הם הראשונים אמוריים וחוים שהיו בקיאים בכך כדאמרינן בגמ' שעיר : מלא קנה זה . קנה המדה שבו מודדין קרקע : לזית . ראוי לגדל זיתים וזה לתאנה והיו יודעין לגבולים את הארץ בין קנה לקנה בריחא וטעמא היכן לזיתים והיכן היא לגפנים ושמינה דבקיאים היו בשיעור יניקה : שמריחין . הרי את התיבה ודורשה : חוי . למה נקרא חוי שטועמים את הארץ לאיזה דבר ידוע ראויה :
כחויא . כנחש שאוכלו עפר : שנעשו חורין מנכסיהם . שנסרדו מנחלתם ולא סוגרו לעבוד אדמתן כדכתיב ובני עשו יירשום :
שהיא טמאה ביום הג' אלמא לא מסרחת שכבת זרע ורחוייה לקלוט ולהיות ולד סגר סימנה וקרים מ"ז הראויה להזריע : לג' ימים . דהקפיד ססכות

ביי וועמען איז די תורה . ביי דעם מענטש וואס וויל שטארבען פון איהעט וועגען . און וויל ניט אוועק גיין פון דעם גיצעלט (פון דעם בית המדרש) וואס מען לערנט דארט תורה :

ג אמר . רבי חייא בר אבא האט גזאגט פון רבי יוחנן'ס וועגען . וואס מיינט דער פסוק לא תסיג גבול רעך אשר גבלו ראשונים . דער גרענעץ וואס דיא ערשטע האבען גימאכט . זאלסטו ניט אפ רוקען . וואס פאר אגרענעץ האבען דיא ערשטע גימאכט . האט רבי שמואל בר נחמני גזאגט פון רבי יונתן'ס וועגען . וואס מיינט דער פסוק אלה בני שעיר החורי יושבי הארץ דאס זענען דיא קינדער פון שעיר החורי דיא זיצער פון דער ערד . איז דאך אקשיא צו וואס זאגט דער פסוק זייא זענען גיזעסען אויף דיא ערד . ווארום די גאנצע וועלט זיצען אויף דעם הימעל . נאר אזוי מיינט מען . זייא האבען גיוואוסט די בזיצונג פון דיא ערד . זייא פלעגין חיסען צוא זאגין . אויף דיא שטיק ערד איז גוט צו פלאנצין איילבירטען . אויף דיא שטיק ערד איז גוט צו פלאנצין ווין שטאקין . אויף די שטיק ערד איז גוט צו פלאנצין פייגען . פר וואס האט מען זיי גירופען חורי . ווייל זיי האבען גישמעקט דעם ריח פון דיא ערד . האבען זיי געוואוסט וואס מען זאל זייען אדער פלאנצען אויף דעם ארט ; און פאר וואס האט מען זייא גירופען חוי . האט רב פפא גזאגט ווייל זייא האבען גינומען אשטיקל ערד אין מויל האבען זיי גיוואוסט דעם טעם פון דיא ערד . אזוי וויא דער שלאנג חיים אטעם פון דיא ערד . אזוי האבען זייא גיוואוסט דעם טעם פון דיא ערד . דריבער האבען זייא גיוואוסט אויף יעדער ארט וואס צוא פאר זייען ; און זיי האבען גיוואוסט וויא ווייט יעדער פאר זייהונג מאכט מאגער דיא ערד . און אז זייא האבען גזאגט א מענטש דארף מאכען אגרענעץ צווישען זיין פעלד און זיין חברם פעלד . ער זאל אפ רוקען די פר זייהונג פון זיין פעלד פון זיין חברם פעלד ; אזוי ווייט . טאר מען ניט נענטער מאכען די פאר זייהונג . ער זאל ניט מאגער מאכען זיין חברם פעלד) . רב אחא בר יעקב זאגט פר וואס האט מען זיי גירופען חורי . ווייל זיי זענען פריי גיווארין פון זייערע פעלדער . מען האט זיי פאר טריבען פון זייער לאנד :

ד מתניתין . פון וואנען ווייסען מיר אז עס גייט ארויס פון אאשה שכבת זרע אפילו דעם דריטען טאג וויא דער מאן איז גיוועזן ביי איר . ווערט די אשה טמא . ווארום עס שטייט אין פסוק ווען גאט האט גיגעבין די תורה צו די יודען . האט מען זיי אן גזאגט איר זאלט זיין אן גיברייט אויף דריי טאג . איר זאלט ניט גינעגען צו קיין אשה דריי טעג . ווארום טאמער וועט ארויס גיין דיא זרע צוריק פון דיא אשה אפילו דעם דריטען טאג . וועט זיא זיין טמא . וועט זיא ניט קענען שטיין ביי דעם בארג סיני . פרעגט דיא משנה פון וואנען

נכונים לשלשת ימים. מנין שמרחיצין את המילה ביום השלישי שחל להיות בשבת שנאמר (בראשית לד) ויהי ביום השלישי בהיותם כואבים. מנין שקושרין לשון של זהורית בראש שעיר המשתלח שנאמר (ישעיה א) אם יהיו חטאיכם כשנים כשלג ילבינו. מנין לסיכה שהיא כשתיה ביוה"כ אע"פ שאין ראיה לדבר זכר לדבר שנאמר (תהלים קט) ותבא כמים בקרבו וכשמן בעצמותיו:

על טומאת קרי במהן סורה: מנין שמרחיצין. אלף ביום כג מסוכן הוא: כמים בקרבו וכשמן בעצמותיו. מקיש סיכה לשתיה:
כבשי בהדה. דהא דכתיב ויכסהו הענן ששת ימים ויקרא אל משה ביום השביעי סבירא לכו כרבי יוסי הגלילי דאמר בפרק קמא דיומא זה היה משהם אחר עשרת הדברות. ורבי יוסי סבירא ליה דמשה וכל ישראל עומדין לקבל עשרת הדברות אלא בא הכתוב הזה לחלוק כבוד למשה: כתיב

(פ"ג) **ה אמר** רב אדא בר אהבה משה בהשכמה עלה ובהשכמה ירד. בהשכמה עלה דכתיב (שמות לד) וישכם משה בבקר ויעל אל הר סיני. בהשכמה ירד דכתיב (שם יט) לך רד ועלית אתה ואהרן עמך. מקיש ירידה לעליה מה עליה בהשכמה אף ירידה בהשכמה. ת"ר בו' בחדש ניתנו עשרת הדברות לישראל רבי יוסי אומר בז' בו אמר רבא דכ"ע בר"ח אתו למדבר סיני כתיב הכא (שם) ביום הזה באו מדבר סיני וכתיב התם (שם יב) החדש הזה לכם ראש חדשים מה להלן ראש חדש אף כאן ראש חדש ודכ"ע בשבת ניתנה תורה לישראל כתיב הכא (שם כ) זכור את יום השבת

ווייסען מיר אז מען מעג אפ וואשען די מילה פון אקינד דעם דריטען טאג פון מל זיין אויב עס איז שבת. ווארום עס שטייט אין פסוק ביי די מענטשין פון שכם ווען זיי האבען זיך מל גיוועזן אונ עס איז גיוועזן אין דעם דריטען טאג ווען זייא זענען גיוועזן קראנק. פרעגט די משנה פון וואנען ווייסען מיר אז מען בינדט אן אשטיקול רויטע וואל אויס גיבארשטין לאנג אונ שמאל אזוי וויא אצונג אויף דעם קאפ פון שעיר המשתלח. ווארום עס שטייט אין פסוק. אויב אייערע זינד וועלין זיין רויט אזוי וויא רויטע פאדים. וועלין זייא ווייס ווערין אזוי וויא שניי. פרעגט דיא משנה פון וואנען ווייסען מיר אז שמירען דעם גוף מיט בוימאייל אום יום כפור איז גלייך וויא טרינקען אום יום כפור. ענטפערט דיא גמרא אפילו עס איז ניטא קיין ריכטיגע בעווייזונג צו דער זאך. פון דעסטוועגין ווערט די זאך דער מאנט אין פסוק אז שמירען איז גלייך צו טרינקען. ווארום עס שטייט אין פסוק עס איז גיקומען אזוי וויא וואסער אין איהם. אונ אזוי וויא אייל אין זיינע ביינער. זעהן מיר אז דיא אייל וואס ער האט געשמירט זיינע ביינער איז גלייך וויא דיא וואסער וואס ער האט גיטרונקען אין זיך:

ה אמר. רב אדא בר אהבה הט גזאגט. ווען משה איז ארויף גיגאנגען אויף דעם בארג סיני. איז ער ארויף גיגאנגען גאנץ פריא. אונ ווען ער איז אראפ גיגאנגען פון בארג סיני. איז ער אראפ גיגאנגען גאנץ פריא. פון וואנען ווייסען מיר אז ער איז ארויף גיגאנגען גאנץ פריא: ווארום עס שטייט אין פסוק. משה הט זיך גיפעדערט אין דער פריא אונ איז ארויף גיגאנגען אויף דעם בארג סיני. אונ פון וואנען ווייסען מיר אז ער איז אראפ גיגאנגען פון בארג אין דער פריא. ווארום עס שטייט אין פסוק גאט הט גזאגט צו משה. גיי נידער אונ זאלסט אויף גיין דו אונ אהרן מיט דיר. גלייכען מיר דעם אראפ גיין צוא דעם ארויף גיין: אזוי ווי דס ארויף גיין איז גיוועזן גאנץ פריא. אזוי דס אראפ גיין איז אויך גיוועזן גאנץ פריא:

תנו רבנן. די רבנן האבען גילערנט דעם זעקסטין טאג אין חודש סיון איז גיגעבין גיווארין די עשרת הדברות צו די יודען. רבי יוסי זאגט דעם זיבעטין טאג אין חדש סיון איז גיגעבן גיווארין די עשרת הדברות צוא דיא יודען. רבא זאגט אלע אלטען אז אום ראש חודש סיון זענען דיא יודען גיקומען צום מדבר סיני. ווארום דא שטייט ביום הזה באו מדבר סיני. אין דעם טאג זענען דיא יודען גיקומען צום מדבר סיני. אונ עס שטייט ניט אין וועלכין טאג. אונ דארט שטייט החודש הזה לכם ראש חדשים. גאט הט גזאגט צו משה אונ אהרן דער חודש זאל זיין ביי אייך דער ערשטער פון אלע חדשים. אזוי וויא דארטין איז דער החודש הזה גזאגט גיווארין

לקרשו וכתיב התם (שם יג) ויאמר משה אל העם זכור את היום וגו' מה להלן בעצומו של יום אף כאן בעצומו של יום . כי פליגי בקביעא דירחא רבי יוסי סבר בחד בשבא איקבע ירחא ובחד בשבא לא אמר להו ולא מידי משום חולשא דאורחא בתרי בשבא א"ל (שם יפ) ואתם תהיו לי ממלכת כהנים (דף סז) בתלתא (בשבא) אמר להו מצות הגבלה בד' עבוד פרישה . ורבנן סברי בתרי בשבא איקבע ירחא בתרי בשבא לא אמר להו ולא מידי משום חולשא דאורחא ובתלתא אמר להו ואתם תהיו לי בד' א"ל מצות הגבלה בה' עבוד פרישה .

מיתיבי

ככא . הזה בזה לגזרה שוה: מה להלן . זכור את היום הזה: בעצמו של יום . הזכירה דיציאת מצרים נאמר להו כדכתיב הזה: אף כאן בעצמו של יום . הזכירה דשבת נאמר לכן זכור את יום וגו': בקביעא דירחא. באיזה יום הוקבע החדש: משום חולשא דאורחא . גרסינן: בתרי בשבא אמר להו ואתם תהיו לי . ומשה עלה ויקרא אליו כל הענין עד אלה הדברים אשר תדבר וגו' הדברים האלה נאמרו לו למחרת ביאתם כדאמרי' כל עליותיו בהשכמה היו ואפילו למאן דלית ליה בהשכמה ירד דלא אקים אית ליה בהשכמה עלה דהא בהדיא כתיב קרא: בתלתא א"ל מצות הגבלה . בהדברים שנאמרו לו בב' ירד לערב ואמרן לישראל דכתיב ויבא משה ויקרא וגומר ולמחרת השכים ועלה וישב משה את דברי העם וגומר כדאמרינן כל עליותיו בהשכמה היו ובו ביום נאמר לו הנה אנכי בא אליך וגומר ומצות הגבלה דהשמרו לכם עלות בהר אע"פ שהיא כתובה אחר וקדשתם היום ומחר שה"ה מצות פרישה קודם לכן נאמרה דכתיב בההיא עליה בעלה בשניה להשיב להקב"ה דברי העם דנעשה ונשמע הנה אנכי בא וגומר וסיפא דקרא ויגד משה את דברי העם וכי מה דברי העם יש כאן אלא מצות הגבלה נאמר לו בו ביום ולקמן תניא לה הכי ובערב אמרה לישראל ולמחרת בד' השכים ועלה והגיד שקבלו עליהם מצות הגבלה ונאמר לו מצות פרישה וקדשתם היום ומחר ואע"פ שיש עוד שלשה ימים עד יום השבת הא אמרינן לקמן לרבי יוסי דמשה הוסיף יום אחד מדעתו: היום ומחר . משמע בב'

אום ראש חודש . אזוי דא מיינט מען ביום הזה אום ראש חודש . אונ אלע האלטען אז דיא תורה איז גיגעבין גיווארין צו די יודען אום שבת . ווארום דא שטייט זכור את יום השבת לקדשו דוא זאלסט גידיינקין דעם טאג שבת צו הייליגען איהם . אונ דארטין שטייט משה הט גזאגט צום פאלק זכור את היום דוא זאלסט גידיינקין דעם טאג וואס דוא ביסט אין איהם ארויס גיגאנגען פון מצרים . אזוי וויא דארטין איז דאך דער זכור את היום גזאגט גיווארין דעם זעלביגען טאג וואס זיי זענען ארויס גיגאנגען פון מצרים . דעם ערשטין טאג פסח . אזוי איז דער זכור את יום השבת אויך גזאגט גיווארין אום שבת ; נאר רבי יוסי מיט דיא רבנן קריגען אין וועלכין טאג איז יענעם יאהר גיוועזען ראש חודש סיון . רבי יוסי האלט זונטאג איז גיוועזען ראש חודש סיון . אונ זונטאג הט משה גאר ניט גירעט מיט דיא יודען פון דיא תורה חייל זייא זענען גיוועזען מיד פון וועג . מאנטאג הט משה גזאגט צו דיא יודען דעם פסוק ואתם תהיו לי ממלכת כהנים . דינסטאג הט משה גזאגט צו די יודען זיי זאהלען ניט צוא גיין צום בארג ; מיטוואך הט משה גזאגט צו די יודען זיי זאלען זיך אפ שיידין פון זייערע ווייבער . אונ דיא רבנן האלטען מאנטאג איז גיוועזען ראש חודש סיון . אונ מאנטאג הט משה גאר ניט גירעט מיט דיא יודען פון די תורה ווייל זיי זענען גיוועזען מיד פון וועג ; דינסטאג האט משה גזאגט צו די יודען דעם פסוק ואתם תהיו לי ממלכת כהנים . מיטוואך הט משה גזאגט צו דיא יודען זיי זאלין ניט צו גיין צום בארג . דאנערשטאג האט משה גזאגט צו די יודען זיי זאלען זיך אפ שיידען פון זייערע ווייבער . זאגט די גמרא איך וועל דיך אק שיא פרעגין . עס שטייט אין פסוק נאט הט גזאגט צו משה וקדשתם היום ומחר דוא זאלסט הייליגען דיא יודען היינט אונ מארגין ; דס איז אזוי וויא דיא רבנן זאגין מען הט זיי גזאגט דאנערשטאג זייא זאלען זיך אפ שיידין פון זייערע ווייבער . היינט אונ מארגין ; דאנערשטאג אונ פרייטאג . אונ שבת האט מען גיגעבין די תורה . איז דאך אקשיא אוף רבי יוסי . וואס רבי יוסי זאגט מיטוואך הט מען זיי גיהייליגט זייא זאלען זיך אפ שיידין פון זייערע ווייבער . הט מען זיי דאך גיהייליגט אויף דריי טאג . מיטוואך דאנערשטאג פרייטאג . ענטפערט די גמרא רבי יוסי חעט דיר זאגען ; נאט האט נאר גיהייסען מען זאל זיך אפ שיידין פון די ווייבער צוויי טאג . אונ משה הט צו גיגעבין נאך אטאג . ווארום מיר האבען גילערונט דריי זאכען האט משה גיטאהן מיט זיין דעה . אונ גאט הט איינגעוויליגט צו דיא דריי זאכען . איין זאך איז דא . וואס ער הט צו גיגעבין אטאג . אונ משה אליין הט זיך אפ גישיידט פון זיין ווייב . אונ ער הט צו בראכען די לוחות . זאגט די גמרא וואס הט משה נידרשת וואס ער הט צו גיגעבין אטאג . גאט האט גזאגט מען זאל זיין

מיתיבי (שם יט) וקדשתם היום ומחר קשיא לרבי יוסי אמר לך ר"י יום א' הוסיף משה מדעתו דתניא ג' דברים עשה משה מדעתו והסכים הקב"ה עמו הוסיף יום אחד מדעתו ופירש מן האשה ושבר את הלוחות. הוסיף יום אחד מדעתו מאי דרש היום ומחר היום כמחר מה למחר לילו עמו אף היום לילו עמו ולילה דהאידנא נפק ליה ש"מ תרי יומי לבר מהאידנא ומנא לן דהסכים הקב"ה עמו דלא שריא שכינה עד צפרא דשבתא פירש מן האשה מאי דרש נשא ק"ו בעצמו אמר ומה ישראל שלא דברה שכינה עמהם אלא שעה אחת וקבע להם זמן אמרה תורה אל תגשו אל אשה אני שכל שעה ושעה שכינה מדברת עמי ואינו קובע די זמן על אחת כמה וכמה. ומנא לן דהסכים הקב"ה על ידו דכתיב (דברים ה) לך אמור להם שובו לכם לאהליכם וכתיב בתריה ואתה פה עמוד עמדי. ואית דאמרי (במדבר יב) פה אל פה אדבר בו. שבר את הלוחות מאי דרש. אמר ומה פסח שהוא אחד מתרי"ג מצות אמרה תורה כל בן נכר לא יאכל בו התורה כולה (כאן) וישראל מומרים עאכ"ו ומנא לן דהסכים הקב"ה ע"י שנאמר אשר שברת

ג"ה נאמר לו לפרוש כ' וו': אמר לך רבי יוסי. לעולם בד' נאמר לו לפרוש ד' וה'. והוא הוסיף יום אחד והסכים הקב"ה לדעתו: ופירש מן האשה. לגמרי לאחר מתן תורה מיד משפירש עם הבריו שוב לא חזר להשמיש: אף היום. צריך להיות לילו עמו ופה לא הפסר: וקבע להם זמן. אימתי ידבר עמהם: אמרה תורה והיו נכונים וגו'. פרשו מנשותיכן: ולא קבע לי זמן. לדבורו שאוכל לפרוש קודם לכן: לאהליכם. נהתיר נשותיכם להשמיש שאסירתן לכם: בן נכר. מומר שנתנכרו מעשיו לאביו שבשמים: התורה כולה. הלויה בלוחות אלנו: וישראל מומרים. עאכ"ו שאינם כדי לה: אשר. אישור שאישרו וכחו על שבירתן. ה"ג והיו נכונים ליום השלישי ול"ג היו נכונים לשלשת ימים:

הייליג היינט אונ מארגן. האט משה געלערנט אז היינט זאל זיין אזוי וויא מארגן. ביידע טעג זאלין זיין גלייך; אזוי וויא מארגן וועט זיין די נאכט צום טאג וויא וועלין זיין ביי נאכט אויך הייליג אזוי דארף זיין היינט אויך די נאכט צום טאג. אונ דיא היינטיגע נאכט איז דאך שוין אוועק גינאנגען ניט הייליג. איז געוויס אז גאט האט גימיינט צוויי טאג אויסער דעם היינטיגען טאג. אונ פון וואנען ווייסען מיר אז גאט האט איינגעווילינגט צו משה. ווארום גאט איז ניט גיקומען אויף דעם בארג סיני ביז שבת פריא. פרעגט די גמרא וואס האט משה גידרשת וואס ער האט זיך אפ גישיידט פון זיין ווייב. ענטפערט די גמרא ער האט גילערנט אקל וחומר אויף זיך אליין. ער האט אזוי גיזאגט. בעדאך די יודען וואס זייער הייליגקייט איז גיוועזן גרינג. ווארום די שכינה האט מיט זיי ניט מער גירעדט נאר איין שעה. אונ מען האט זייא אויס גיזעצט אצייט ווען מען וועט מיט זייא ריידען. פון דעסטוועגין האט די תורה גיזאגט צו זייא איר זאלט ניט גינעגען צו קיין ווייב מיט דריי טעג פריער. איך. וואס מיין הייליגקייט איז שווערער. ווייל גאט רעט מיט מיר אלע צייטען. אונ גאט זעצט מיר ניט אויס קיין צייט ווען ער וועט מיט מיר ריידען. איז דאך געוויס אז איך דארף זיין אפ גישייט פון מיין ווייב. פרעגט די גמרא פון וואנען ווייסען מיר אז גאט האט אויך אזוי גיוואלט. ווארום עס שטייט אין פסוק גאט האט גיזאגט צו משה גיי זאג צו דיא יודען קערט אייך יעדערער צו זיין גיצעלט. צו זיין ווייב. דער נאך האט גאט גיזאגט צו משה אונ דוא זאלסט דא שטיין מיט מיר. דס מיינט מען דוא זאלסט ניט גיין צו דיין ווייב (ועיין בתוספות). אונ אנדערע זאגען אין פסוק שטייט גאט האט גיזאגט צו אהרן אונ מרים פה אל פה אדבר בו. איך האב אליין גירעדט צו משה ער זאל זיין אפ גישיידט פון זיין ווייב (ועיין מהרש"א). פרעגט די גמרא וואס האט משה גידרשת וואס ער האט צו בראכען דיא לוחות. ענטפערט די גמרא. אזוי האט משה גיזאגט; מאדאך דער קרבן פסח וואס עס איז איין מצוה פון דיא תרי"ג מצות. האט דיא תורה גיזאגט אז דער מענטש וואס איז פרעמד גיווארין צו גאט. ער דינט עבודה זרה. טאר ניט עסין פון איהם. דא איז דיא גאנצע תורה אונ דיא יודען זענען פרעמד גיווארין צו גאט. זייא דינען צום עגל. איז דאך געוויס אז איך טאר זיי ניט געבין די תורה. האט ער צו בראכען די לוחות. זאגט די גמרא פון וואנען ווייסען מיר אז גאט האט אויך אזוי גיוואלט. ווארום עס שטייט אין פסוק גאט האט גיזאגט צו משה אשר שברת. האט ריש לקיש גיזאגט מען מיינט יישר כחך דוא זאלסט זיין גילויבט ששברת

שבית ואמר ר"ל יישר כחך ששברת. ת"ש (שם יט) והיו נכונים ליום השלישי קשיא לרבי יוסי הא אמרינן יום א' הוסיף משה מדעתו:

תניא (שמות יט) וישב משה את דברי העם אל ה' וכתיב ויגד משה את דברי העם אל ה' מה אמר ליה הקב"ה למשה ומה אמר משה לישראל ומה אמרו ישראל למשה וכה השיב משה לפני הגבורה זו מצות הגבלה דברי ר' יוסי בר יהודה רבי אומר בתחלה פירש עונשה דכתיב (שם) וישב משה דברים שמשבבין דעתו של אדם ולבסוף פירש מתן שכרה דכתיב ויגד משה דברים שמושכין לבו של אדם כאגדה ואיכא דאמרי בתחלה פירש מתן שכרן דכתיב וישב משה דברים שמשיבין דעתו של אדם ולבסוף פירש עונשה דכתיב ויגד משה דברים שקשין לאדם כגידין ת"ש ששי ששי בחודש ששי בשבת קשיא לרבנן הא נמי ר' יוסי היא

הא אמרי' יום אחד הוסיף. והאי קרא דהיו נכונים ליום הג' הקב"ה א"ל ומשה א"ל היו נכונים לשלשת ימים ולא אמר ליום השלישי אלא פרשו ג' ימים וקרא דכתיב ויהי ביום השלישי בהיות הבקר שלישי לימים שלמים שלילן עמהם קאמר:
מה אמר הקב"ה למשה. כיון וישב משה דמשמע ונשמע ויגד משה שיאמר להם לישראל ומה אמרו ישראל למשה על כך שהוצרך משה להגיד למקום והלא לא נאמר בינתים אלא כה תאמר כו' וגו':
זו מצות הגבלה. שאע"פ שכתובה אחר מצות פרישה בג' נאמר לו והוצרך להשיב שקבלו עליהם עונשה של תורה: משבבין. כמו וילך שובב שמונעים מלקבל שאם יקבלו יענשו הדברים הללו משבבין את לבם מן המקום ואע"פ כן קבלו עליהם: כגידין. ירק מר: ששי ששי בחדש וכו'. לקמן בעי ששי קמא למאי דהכא ליכא למימר שבת נאמרו דברים דבשלמא שלישי דברייתא דלעיל איכא למימר דאיירי בהו דהא כל ג' ימים היה משה מדבר אותן הדברים דע"כ ויגד משה בד' כתיב דברים שקיבלו בג': קשיא לרבנן. דמשמע באחד בשבת איקבע ירחא:

ווייל דוא האסט צו בראכען דיא לוחות. זאגט דיא גמרא איך וועל דיר אקשיא פרעגין. עס שטייט אין פסוק גאט האט גזאגט צו משה דיא יודען זאלען זיין אן גיברייט וצו די תורה אויף דעם דריטען טאג. ווען מיר דאך אז מען האט זייא נאר גיהייליגט צוויי טאג. דאנערשטאג אונ פרייטאג. איז דאך אקשיא אויף רבי יוסי. ענטפערט דיא גמרא מיר האבען דאך שוין גזאגט אז משה האט צוא גיגעבין איין טאג מיט זיין וויסען:

תניא. מיר האבען גילערנט אין איין, פסוק שטייט וישב משה את דברי העם אל ה'. משה האט צוריק גיקערט די רייד פון פאלק צו גאט. נאך איין פסוק שטייט ויגד משה את דברי העם אל ה' משה האט גזאגט די רייד פון פאלק צו גאט: וואס האט דען גאט גזאגט צוא משה. אונ וואס האט משה גזאגט צו די יודען. אונ וואס האבען דיא יודען גזאגט צו משה. אונ וואס האט משה גיענטפערט צו גאט. דאס איז דיא מצוה פון בגרענעצין דעם בארג. די יודען זאלען ניט גיין צום בארג סיני. אזוי זאגט רבי יוסי בר יהודה. רבי זאגט אין אנהייב האט גאט גזאגט דעם שטראף וואס זייא וועלין האבען אז זייא וועלין ניט היטען דיא תורה: ווארום עס שטייט אין פסוק וישב משה. וישב איז טייטש ווילד: משה האט גזאגט צו דיא יודען אזעלכע רייד וואס זייא מאכען ווילד דעם שכל פון מענטשין. דער מענטש זאל ניט וועלען נעמען אויף זיך אזעלכע זאכען. דער נאך האט גאט גזאגט דעם שכר וואס זייא וועלין האבען אז זיי וועלין היטען דיא תורה. ווארום עס שטייט אין פסוק ויגד משה. ויגד איז טייטש ציהען. משה האט גזאגט צו דיא יודען אזעלכע רייד וואס זייא ציהען די הארץ פון מענטשין אזוי וויא צוא אדערציילונג. אונ אנדערע זאגען פאר קערט איז גיוועזען אין אנהייב האט גאט גזאגט דעם שכר וואס זייא וועלין האבען אז זייא וועלין היטען די תורה. ווארום עס שטייט אין פסוק וישב משה. וישב איז טייטש ברוהיגען: משה האט גזאגט צו דיא יודען אזעלכע רייד וואס זייא ברוהיגען דעם שכל פון מענטשין. דער נאך האט גאט גזאגט דעם שטראף וואס זייא וועלין האבען אויב זייא וועלין ניט היטען דיא תורה: ווארום עס שטייט אין פסוק ויגד משה. משה האט גזאגט צו די יודען אזעלכע רייד וואס זענען שלעכט אונ ביטער אזוי וויא ביטערע גראז. זאגט דיא גמרא תא שמע איך וועל דיך אקשיא פרעגין ששי דער זעקסטער. דער זעקסטער טאג אין חודש אונ דער זעקסטער טאג אין וואך. איז דאך אקשיא אויף דיא רבנן. זייא זאגען מאנטאג איז גיוועזען ראש חודש סיון איז דאך דער זעקסטער טאג אין חודש שבת ניט פרייטאג. ענטפערט דיא גמרא

היא ששי למאי רבא אמר לחנייתן רב אחא בר יעקב אמר למסען וקא מיפלגי בשבת דמרה דכתיב (דברים ה) כאשר צוך ה' אלהיך ואמר רב יהודה א"ר כאשר צוך במרה מר סבר אשבת איפקוד אתחומין לא איפקוד ומר סבר אתחומין נמי איפקוד:

(ע"ב) ז תא שמע ניסן שבו יצאו ישראל ממצרים בי"ד שחטו פסחיהם ובט"ו יצאו ולערב לקו בכורים לערב ס"ד אלא סבערב לקו בכורות ואותו היום ה' בשבת היה. מדחמיסר בניסן ה' בשבת ריש ירחא דאייר שבתא וריש ירחא דסיון חד בשבת קשיא לרבנן. אמרי לך רבנן אייר דההיא שתא עבורי עברוה. ת"ש (שמות מ) ויהי בחדש הראשון בשנה השנית באחד לחדש הוקם המשכן תנא אותו היום נטל י' עטרות.

פירוש

לחנייתן. דסבר בר"ח חנו וה"ק בשני לחנייתן הוה ששי בחודש הוה ששי בשבת: למסען. אף למסען שביעי שבאו למדבר סיני נסעו מרפידים: וקמיפלגי. רב אחא ורבא במצות שבת שנאמר להם במרה אם נצטוו על התחומין בו ביום או לא דכתיב בדברות האחרונות שמור את יום השבת לקדשו כאשר צוך ה"מ קודם הדברות נצטוו בה ואמר רב יהודה במרה דכתיב שם שם לו חק ומשפט: אתחומין לא איפקוד. הלכך כשנסעו מרפידים נסעו בשבת שלא הוזהרו לילך יותר מאלפים אמה:

לערב. משמע לערב שבא: ריש ירחא דאייר שבתא. דסבר ניסן מלא הוה לעולם וריש ירחא דסיון בחד בשבת: עשרה עטרות. ראשון למעשה בראשית ראשון לבריאת עולם שאחד בשבת

דם זאגט טאקי רבי יוסי וואס ער זאגט זונטאג איז געוועו ראש חודש סיון]. פרעגט דיא גמרא אין דער ברייתא שטייט דער זעקסטער. צו וועלכע זאך איז ער דער זעקסטער. רבא זאגט ער איז דער זעקסטער צו זייער רוהונג. ראש חודש סיון [זונטאג] האבען די יודען זיך געשטעלט רוהען. ווייל דעם נאנצען טאג שבת האבען זייא געצויגען פון רפידים ביז זונטאג]. רב אחא בר יעקב זאגט, דם איז דער זעקסטער פון זייער ציהונג. ווארום זייא האבען געצויגען זונטאג פון רפידים צום בארג סיני. אונ דאס איז דער זעקסטער טאג פון זייער רוהונג אויך ווארום דעם זעלביגען טאג האבען זייא זיך געשטעלט רוהען. אינ רבא מיט רב אחא בר יעקב קריגען אין דעם שבת פון מרה. ווארום עם שטייט אין פסוק אין דיא עשרת הדברות דוא זאלסט היטען שבת אזוי וויא גאט האט דיך געבאטען. זעהן מיר אז גאט האט געבאטען אויף שבת נאך פאר דיא עשרת הדברות. האט רב יהודה געזאגט פון רבם ווענין ווען דיא יודען זענען געוועו אין מרה האט גאט געבאטען אויף שבת. רבא האלט גאט האט נאר געבאטען אין מרה אויף שבת מען זאל ניט ארבעטין אום שבת. אבער ער האט ניט געבאטען מען זאל ניט גיין אין וועג מער וויא צוויא טויזענד איילין אום שבת. דריבער זענען דיא יודען געגאנגען אום שבת פון רפידים צום בארג סיני. אונ רב אחא האלט גאט האט געבאטען אין מרה מען זאל ניט גיין אום שבת אין וועג מער צוויי טויזענד איילין. דריבער זענען דיא יודען געגאנגען זונטאג פון רפידים צום בארג סיני:

ז תא שמע. איך וועל דיך אקשיא פרעגין. מיר האבען געלערנט דער חודש ניסן וואס דיא יודען זענען אין איהם ארויס געגאנגען פון מצרים. איז אזוי געוועו דעם פערצעהנטין טאג אין ניסן האבען זייא געשאכטען זייערע קרבנות פסחים. אונ דעם פופצעהנטין טאג זענען זייא ארויס געגאנגען פון מצרים: אונ צוא דער נאכט האט מען געשלאגען דיא בכורים. פרעגט דיא גמרא. צו דער נאכט מיינט מען. צו דער נאכט ווס וועט זיין נאך דעם פופצעהנטין טאג. וויא אזוי קען דאס זיין. נאר אזוי זאג: פון דער נאכט וואס איז געוועו פאר דעם פופצעהנטין טאג האט מען געשלאגין די בכורים. אונ דער טאג איז געוועו דאנערשטאג. אונ אז דער פופצעהנטער טאג אין ניסן איז געוועו דאנערשטאג. איז געוועו ראש חודש אייר שבת. אונ ראש חודש סיון איז געוועו זונטאג. איז דאך אקשיא אויף די רבנן וואס זייא זאגין אז ראש חודש סיון איז געוועו מאנטאג. ענפערט די גמרא די רבנן וועלין דיר זאגען. דער חודש אייר פון דעם יאהר איז געוועו דרייסיג טעג. איז געוועו ראש חודש סיון מאנטאג. זאגט די גמרא איך וועל דיר אקשיא פרעגין. עם שטייט אין פסוק עם איז געוועו דעם ערשטין חודש [ניסן] דעם אנדערין יאהר [וויא די יודען זענען ארויס געגאנגען פון מצרים] דעם ערשטין

ראשון למעשה בראשית . ראשון לנשיאים . ראשון לכהונה . ראשון לעבודה . ראשון לירידת האש . ראשון לאכילת קדשים . ראשון לשכון שכינה . ראשון לברך את ישראל . ראשון לאיסור הבמות . ראשון לחדשים . ומדריש ירחא דניסן דהאי שתא חד בשבתא דאשתכח ד' בשבא דתניא אחרים אומרים אין בין עצרת לעצרת ואין בין ראש השנה לר"ה אלא ד' ימים בלבד ואם היתה שנה מעוברת ה' . ה"ל ריש ירחא דאייר מעלי שבתא וריש ירחא דסיון שבתא . קשיא בין לרבי יוסי בין

היה : ראשון לנשיאים . להקרבת נשיאים לחנוכת הבית : ראשון לכהונה . אותו היום שמיני למילואים ועבודתו באהרן ובניו ועד עכשיו היה בבכורות : ראשון לעבודה . לסדר עבודת צבור תמידין ויתר קרבנות של תרומת הלשכה : לירידת אש . ותצא אש מלפני ה' ותאכל על המזבח וגו' : לאכילת קדשים . מתחילה ועד עכשיו היו נאכלין בכל מקום : לשכון שכינה . שכינה שרתה בם כדכתיב ושכנתי בתוכם מכלל דעד השתא לא שרתה וכן לברך ברכת כהנים כדכתיב וישא אהרן את ידיו וגו' : לאיסור הבמות . מעכשיו נאסרו שהוא ראוי לפתח אהל מועד כדכתיב ואל פתח אהל מועד לא הביאו : דהאי שתא . שנה זו ליציאתם הוקם המשכן : ד' ימים . כשאתה קובע כל החדשים כסדרן אחד מלא ואחד חסר הוו ד' ימים בין תחלת שנה לתחלת שנה אחרת במנין חדשי השנה (לבנה) כסדרן שנ"ד ימים כלם שבועים חוץ מד' ימים : ואם היתה שנה מעוברת ה' . דקסבר ב' החדשים שבזמן חסרין ופסח דהוי יום אחד לקמיה : ז' חסרין שבוע . ולא הוי אלא ג' בין פסח לפסח הילכך דאיתקד בה' בשבת

טאג אין ח'רש איז אויף געשטעלט געווארין דער משכן . אונ מיר האבען גיהערונט דער טאג האט גינומען צעהן קרוינען . (צעהן גרויסע זאכען איז גיטאהן גיווארין אין דעם טאג . דאס איז זונטאג) . ער איז גיוועזען דער ערשטער פון דיא וועלט בשאפונג זונטאג האט מען אן גיהויבען בשאפען דיא וועלט . ער איז גיוועזען דער ערשטער צו די נשיאים . זונטאג האבען דיא נשיאים אן גיהויבען צו ברייגנגען זייערע קרבנות . ער איז גיוועזען דער ערשטער צו דיא כהנים . זונטאג האבען די כהנים אן גיהויבען מקריב צו זיין קרבנות אין משכן . ער איז גיוועזען דער ערשטער צו די עבודה . זונטאג האט מען אן גיהויבען מקריב צו זיין קרבנות פאר אלע יודינם וועגין . (דס מיינט מען די תמידים) . ער איז גיוועזען דער ערשטער צום פייער אראפ ניידערונג . זונטאג האט אראפ גענידערט דס ערשטע מאהל דער פייאר פון הימעל אויף דעם מזבח צום פאר ברענען דיא קרבנות . ער איז גיוועזען דער ערשטער צום עסין קרבנות . זונטאג האבען אן גיהויבען די כהנים דס ערשטע מאהל צו עסין קרבנות . ער איז גיוועזען דער ערשטער צום רוהען דיא שכינה . זונטאג האט אן גיהויבען דס ערשטע מאהל דיא שכינה צו רוהען אויף דיא יודען . ער איז גיוועזען דער ערשטער צו בענטשין דיא יודען . זונטאג האבען דיא כהנים אן גיהויבען דס ערשטע מאהל צוא בענטשין די יודען (מיט דיא פסוקים יברכך) . ער איז גיוועזען דער ערשטער צו אסרין די במות . זונטאג איז גיוועזען דס ערשטע מאהל וויא עס איז אסור גיווארין מקריב צו זיין קרבנות אויף אבמה . ער איז גיוועזען דער ערשטער צו חדשים . דער ערשטער ראש חודש איז גיוועזען זונטאג . אז ראש חודש ניסן פון דעם יאהר איז גיוועזען זונטאג . איז גיוועזען פאר איאהרין ראש חודש ניסן מיטוואך . ווארום מיר האבען גילערונט אנדערע זאגען פון איין שבועות צום אנדערין שבועות אונ פון איין ראש השנה צום אנדערין ראש השנה : איז דער ווייטערט מיט פיר טעג . אונ אויב דער יאהר איז גיוועזען מעוברת (צוויי מאהל אדר) איז דער ווייטערט מיט פינף טעג (למשל אז דער שבועות אדער דער ראש השנה איז גיוועזען מיטוואך . וועט זיין איבער איאהר שבועות אדער ראש השנה זונטאג . אונ אויב דער יאהר וועט זיין צוויי מאהל אדר . וועט זיך דער ווייטערין נאך אטאג שפעטער . וועט זיין מאנטאג) . איז דאך גיוועזען פאר איאהרין ראש חודש אייר פרייטאג . אונ ראש חודש סיון איז גיוועזען שבת . איז דאך אקשיא אויף רבי יוסי , וואס ער זאגט ראש חודש סיון איז גיוועזען זונטאג . אונ עס איז אקשיא אויף דיא רבנן וואס זייא זאגען ראש חודש סיון איז גיוועזען מאנטאג . ענטפערט דיא גמרא רבי יוסי וועט זאגין אז דעם יאהר האט מען גימאכט זיבען חדשים צו ניין אונ צוואנציג טעג . דאס זיך דער ווייטערט היינטיגער פסח פון פר איאהרין פסח נאר מיט דריי טעג . אז דער ערשטער טאג פסח איז גיוועזין זונטאג . איז גיוועזען פר איאהרין דער ערשטער טאג פסח דאנערשטאג : איז גיוועזען ראש חודש אייר פרייטאג אונ שבת

בין לרבנן . לרבי יוסי ו' חסרין עבוד . לרבנן ח' חסרין עבוד :

(דף פח) **ח דרש** ההוא גלילאה עליה דרב חסדא בריך רחמנא דיהב אוריין תליתאי לעם תליתאי ע"י תליתאי ביום תליתאי בירחא תליתאי . כמאן כרבנן . (שמות יט) ויתיצבו בתחתית ההר אמר רבי אבדימי בר חמא (חסא) מלמד שכפה הקב"ה עליהם את ההר כגיגית ואמר להם אם אתם מקבלים התורה מוטב ואם לאו שם תהא קבורתכם . א"ר אחא בר יעקב מכאן מודעה רבה לאורייתא אמר רבא אע"פ כן הדור קבלוה בימי אחשורוש דכתיב (אסתר ט) קימו וקבלו היהודים קימו מה שקבלו כבר :

ט אמר חזקיה מאי דכתיב (תהלים עו) משמים השמעת דין ארץ יראה ושקטה . אם יראה למה שקטה . ואם

שבתא ולית ליה דאמרינן אין מעברין ואין מחסרין שום חודש לעולם אלא לעולם אחד מלא אחד חסר : לרבנן ח' חסרים עביד . ולא היו בין פסח דאשתקד לפסח דהאידנא אלא בני ימים ומילא דאשתקד כע"ש :
גליה דרב חסדא . לפני רב חסדא לפני שרב חסדא יושב והדרשן עומד קאמר עליה דדומה כמי שעומד למעלה מן היושב : אוריין תליתאי . תורה נביאים וכתובים : לעם תליתאי . כהנים לוים וישראלים : ע"י תליתאי . (משה) תליתאי לבטן : מרים אהרן ומשה : ביום תליתאי . לפרישה : בתחתית ההר . תחת ההר ממש : גיגית . קובא (קובה) שמטילין בה שכר : מודעא רבה . שאם יזמינם לדין למה לא קיימתם מה שקבלתם עליכם יש להם תשובה שקבלוה באונס : בימי אחשורוש . מאהבת הנס שנעשה להם :
ושקטה . קודם שאמרו ישראל נעשה ונשמע : יראה . שמא לא יקבלום ויחזיר העולם לתוהו ובהו

און ראש חודש סיון זונטאג . און דיא רבנן זאגין דעם יאהר האט מען גימאכט אכט חדשים ט ניין און צוואנציג טעג . האט זיך דער ווייטערט היינטיגער פסח פון פר איהרין פסח נאר מיט צוויי טעג . אז דער ערשטער טאג פסח איז גיוועזן זונטאג . איז גיוועזן פר איאהרין דער ערשטער טאג פסח פרייטאג . איז גיוועזן ראש חודש אייר שבת און זונטאג . און ראש חודש סיון מאנטאג :

ח דרש . איינער פון גליל האט גידרשת פר רב חסדא . גילויבט איז גאט וואס ער האט גיגעבין אגעדריטעלטע תורה (תורה נביאים כתובים) . צוא אגעדריטעלטע פאלק (כהנים לוים ישראלים) . דורך אגעדריטעלטען מענטש וואס ער איז גיבארין גיווארין דער דריטער . (מרים אהרן משה) . אין אגעדריטעלטין טאג (דעם דריטען טאג פון זייער אפ שיידונג פון זייערע ווייבער) . און אגעדריטעלטין חודש (ניסן אייר סיון) דאס איז אזוי וויא דיא רבנן וואס זייא זאגען דיא יודען האבען גיהויבען אפ צו שיידען פון די ייערע ווייבער דאנערשטאג . און שבת איז גיגעבין גיווארין דיא תורה . איז דאס דער דריטער טאג פון זייער אפ שיידונג . אין פסוק שטייט די יודען האבען זיך גישטעלט אונטער דעם בארג . האט רבי אבדימי בר חמא גזאגט דער פסוק לערונט אונז אז גאט האט אריבער גידעקט דעם בארג איבער די יודען אזוי ווי אפאס . און ער האט גזאגט צו זייא אויב איר וועט נעמען דיא תורה איז גוט . און אויב ניט וועט איר בגראבען ווערין אונטער דעם בארג . רב אחא בר יעקב זאגט פון דאנען קענען מיר תרעמה האבען פון דער תורה : ווייל מען האט אונז גינייט . רבא זאגט פון דעסטוועגין האבען דיא יודען אן גינומען דיא תורה מיט זייער גוטען ווילען אין דיא צייטען פון אחשורוש . ווארום עס שטייט אין פסוק קימו וקבלו היהודים דיא יודען האבען מקיים גיוועזן וואס זייא האבען שוין לאנג אן גינומען :

ט אמר חזקיה . חזקיה האט גזאגט וואס מיינט דער פסוק משמים השמעת דין ארץ יראה ושקטה פון הימעל האסטו גימאכט הערין די תורה האט דיא ערד מורא גיהאט און איז שטיל גיוועזן . אויב זיא האט מורא גיהאט פר וואס איז זיא שטיל גיוועזן . און אויב זיא איז שטיל גיוועזן פר וואס האט זיא מורא גיהאט . נאר אין אנהייב איידער דיא יודען האבען גזאגט נעשה ונשמע ומיר ווערין טאהן וואס גאט הייסט און מיר וועלין הערין) . האט דיא ערד מורא גיהאט . דער נאך אז דיא יודען האבען אן גינומען די תורה איז דיא ערד שטיל גיווארין . פרעגט דיא גמרא וואס . האט די ערד מורא גיהאט אז די יודען וועלין ניט נעמען די תורה . זאגט די גמרא

ואם שקטה למה יראה. אלא בתחלה יראה ולבסוף שקטה. ולמה יראה כדריש לקיש דאמר ר"ל מאי דכתיב (בראשית א) ויהי ערב ויהי בקר יום הששי ה"א יתירה למה לי מלמד שהתנה הקב"ה עם מעשה בראשית ואמר להם אם ישראל מקבלין את התורה אתם מתקיימין ואם לאו אני מחזיר אתכם לתוהו ובוהו:

ז דרש ר' סימאי בשעה שהקדימו ישראל נעשה לנשמע באו ששים רבוא של מלאכי השרת לכל אחד ואחד מישראל וקשרו לו ב' כתרים אחד כנגד נעשה ואחד כנגד נשמע וכיון שחטאו ישראל ירדו ק"כ רבוא מלאכי חבלה ופרקום שנאמר (שמות לג) ויתנצלו בני ישראל את עדים מהר חורב א"ר חמא בר חנינא בחורב טענו ובחורב פרקו בחורב טענו כדאמרינן בחורב פרקו דכתיב ויתנצלו בני ישראל וגו' א"ר יוחנן וכולן זכה משה ונטלן דסמיך ליה ומשה יקח את האהל אמר ר"ל ועתיד הקב"ה להחזירן לנו שנאמר (ישעיה לה) ופדויי ה' ישובון ובאו ציון ברנה ושמחת עולם על ראשם (ששון ושמחה ישיגו ונסו יגון ואנחה) שמחה שמעולם על ראשם. אמר ר"א בשעה שהקדימו ישראל. נעשה

כדר"ל: ולבסוף. כשקבלוה: יום הששי. מאי שנא דכתיב ה' ביום גמר מעשה בראשית: מלמד שהתנה כו'. הששי משמע הששי המיוחד במקום אחר כדאמרינן בעלמא סיון המיוחדת שבירך הא כאן ויהי ערב ויהי בקר של גמר בראשית תלוי ביום הששי והוא ו' בסיון שנתנה בו תורה מרבויא דה' דר"ה בי"ו נמי הא:

שני כתרים. מזיו השכינה: ק"כ. כל אחד נטל כתרו: טענו. הכתרים וזכי משמע את עדים שהיו להם מהר חורב: בחורב פרקו. דמשמע נמי ויתנצלו את עדים מהר חורב: ומשה יקח. אותו עדי: ל"א את האהל לשון נטלו גמו והוא

אַזוֹי וויא רֵיש לָקִיש הָט גֶזאָגְט. וָוארוּם רֵיש לָקִיש הָט גֶזאָגְט וָוס מֵיינְט דֶער פָּסוּק וַיְהִי עֶרֶב וַיְהִי בוֹקֶר יוֹם הַשִּׁשִּׁי. פַאר וָוס שְׁטֵייט נִיט יוֹם שִׁשִּׁי. אִיז דָאךְ דֶער ה אִיבֶּערִיג. נָאר דֶער פָּסוּק לֶערְנְט אוּנְז אַז גָאט הָט גֶזאָגְט צוּ דִיא אַלֶע זַאכֶען וָואס זֶענֶען בַּשַׁאפֶען גִיוָוארִין אִין דִיא עֶרְשְׁטֶע זֶעקְס טֶעג. אוֹיבּ דִיא יוּדֶען וָועלִין גֶעמֶען דִיא תּוֹרָה וֶועט אִיר בְּלַייבֶּען אוֹיף דֶער וֶועלְט. אוּנ אוֹיבּ דִיא יוּדֶען וֶועלֶען נִיט גֶעמֶען דִיא תּוֹרָה וֶועט אִיר אַלֶע וֶוערִין וִויסְט. וְדֶער וָוארְט הַשִּׁשִּׁי וֶוערְט צוּ טַייטְשְׁט. ה אִיז פִינְף. דִיא פִינְף סְפָרִים פוּן דִיא תּוֹרָה. שִׁשִּׁי מֵיינְט מֶען דֶעם זֶעקְסְטִין טָאג אִין סִיוָן. אוֹיבּ דִיא יוּדֶען וֶועלִין נֶעמֶען דִיא פִינְף סְפָרִים פוּן דִיא תּוֹרָה. דֶעם זֶעקְסְטִין טָאג אִין סִיוָן. וֶועט דִיא וֶועלְט בְּלַייבֶּען שְׁטֵיין; דָאס הָאט דִיא עֶרְד מוֹרָא גִיהַאט טָאמֶער וֶועלִין דִי יוּדֶען נִיט נֶעמֶען דִי תּוֹרָה. וֶועט דִי וֶועלְט וֶוערִין וִויסְט:

ז דָרַשׁ. רַבִּי סִימָאִי הָאט גִידַרְשֶׁנְט וֶוען דִיא יוּדֶען הָאבֶּען גֶזאָגְט נַעֲשֶׂה פַאר נִשְׁמַע. זֶענֶען גִיקוּמֶען זֶעקְס מָאהל הוּנְדֶערְט טוֹיזֶענְד מַלְאָכִים. אוּנ זֵייא הָאבֶּען אָן גִיבּוּנְדֶען צוּ יֶעדֶער יוּד צְווייא קְרוֹנֶען. אֵיין קְרוֹין פַאר וָואס עֶר הָאט גֶזאָגְט נַעֲשֶׂה מִיר וֶועלֶען טָאהן וָואס גָאט הֵייסְט. אוּנ אֵיין קְרוֹין פַר וָואס עֶר הָט גֶזאָגְט נִשְׁמַע מִיר וֶועלֶען הֶערִין וָואס גָאט וֶועט זָאגֶען. אוּנ אַז דִיא יוּדֶען הָאבֶּען גֶעזִינְדִיגְט זֶענֶען אַרָאפּ גִיקוּמֶען צְוֶועלְף מָאהל הוּנְדֶערְט טוֹיזֶענְר שְׁלֶעכְטֶע מַלְאָכִים אוּנ הָאבֶּען צוּ גֶענוּמֶען דִיא קְרוֹינֶען. יֶעדֶער מַלְאָךְ הָאט גֶענוּמֶען אֵיין קְרוֹין. אַזוֹי וויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דִיא יוּדֶען הָאבֶּען אַרָאפּ גֶענוּמֶען פוּן זִיךְ זֵייעֶר צִירוּנְג פוּן הַר הוֹרֵב. הָאט רַב חָמָא בַּר חֲנִינָא גֶזאָגְט בַּייא דֶעם בַּארְג סִינַי הָאבֶּען זֵייא אָן גִיטָאהן דִיא צִירוּנְג (דִיא צְווייא קְרוֹנֶען) אוּנ בַּיי דֶעם בַּארְג סִינַי הָאבֶּען זֵייא אוֹיס גִיטָאהן דִיא צִירוּנְג (דִיא צְווייא קְרוֹנֶען). רַבִּי יוֹחָנָן הָט גֶזאָגְט משֶׁה הָט זוֹכֶה גִיוֶוען אוּנ הָט צוּ גֶענוּמֶען אַלֶע קְרוֹנֶען. וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אוּנ משֶׁה זָאל נֶעמֶען דֶעם אֹהֶל. אֹהֶל אִיז טַייטְשׁ בַּלֵייכְטוּנְג. פוּן דִיא קְרוֹנֶען הָאט גִילוֹיכְטֶען דֶער פְּנִים פוּן משֶׁה. רֵישׁ לָקִישׁ זָאגְט אַז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט גָאט אוּנְז צוּרִיק גֶעבִּין דִיא קְרוֹנֶען. וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דִיא מֶענְטְשִׁין וָואס גָאט וֶועט זֵייא אוֹיס לֵייזִין פוּן גָלוּת וֶועלִין צוּרִיק גֵיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. אוּנ זֵייא וֶועלִין קוּמֶען אִין צִיוֹן מִיט גִיזַאנְג וְשִׂמְחַת עוֹלָם עַל רֹאשָׁם אוּנ דִי שִׂמְחָה וָוס זֵיי הָאבֶּען אַמָאהל גִיהַאט וֶועט צוּרִיק זַיין אוֹיף זֵייעֶר קָאפּ. רַבִּי אֶלְעָזָר זָאגְט וֶוען דִי יוּדֶען הָאבֶּען גֶזאָגְט נַעֲשֶׂה וְנִשְׁמַע. פְרִיעֶר נַעֲשֶׂה מִיר וֶועלֶען טָאן דֶר נָאךְ נִשְׁמַע. מִיר וֶועלֶן הֶערִין אִיז אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען אַקוֹל פוּן הִימֶל אוּנ הָט גֶזאָגְט צוּא זֵיי.

נעשה לנשמע יצתה בת קול ואמרה להם מי גילה לבני רז זה שמה"ש משתמשין בו דכתיב (תהלים קג) ברכו ה' מלאכיו גבורי כח עושי דברו לשמוע בקול דברו ברישא עושי והדר לשמוע:

יא אמר רבי חמא ברבי חנינא מ"ד (שיר ב) כתפוח בעצי היער וגו' למה נמשלו ישראל לתפוח לומר לך מה תפוח זה פריו קודם לעליו אף ישראל הקדימו נעשה לנשמע. ההוא מינא דחזייה לרבא דקא מעיין בשמעתא ויתבא אצבעתא דידיה תותי כרעיה וקמייץ בהו וקא מבעין אצבעתיה דמא א"ל עמא (פחיזא) [פזיזא] דקדמיתו פומיכו לאודניכו אכתי בפחזותיכו קיימיתו ברישא איבעי לכו למשמע אי מציתו קבליתו ואי לא לא קבליתו. א"ל אנן דסגינן בשלמותא כתיב בן (משלי יא) תומת ישרים תנחם. הנך אינשי דסגן בעלילותא כתיב בהו (שם) וסלף בוגדים ישדם:

(ג"ג) **יב אמר** רבי שמואל בר נחמני אמר רבי יונתן מאי דכתיב (שיר ד) לבבתני אחותי כלה לבבתני באחת מעיניך בתחלה באחת מעיניך לכשתעשי בשתי עיניך אמר ע:לא עלובה כלה מזנה בתוך

פירוש

היה קירון עור פניו: עושי דברו במוע. מוכנים לעבות קודם שישמעו ולא כדרך שאר עבדים שבומעין, שמלה את הדבר לידע אם יכולין לקבל עליהם אם לאו:

פריו קודם לעליו. כך דרכו והלוק משאר אילנות הגמת פירותיו קודם לעליו: אלבעתא דידיה. אלבעות ידיו: וקא מיין בהו. והיה ממעבן ברגליו ואינו מבין מתוך טרדא: עמא פחיזא. נמהר: דקדמיתו פומייכו לאודנייכו. קודם בשמעתם אותה היאך היא קשה ואם תוכלו לעמוד בה קבלתם עליכם לקיימה: דסגיק בשלמותא. התהלכנו עמו בתום לב כדרך העושים מאהבה סמכנו עליו שלא יטעננו בדבר שלא נוכל לעמוד בה:

בתחלה. בקבלה שקבלתם אחת היא אצלכם ולבסוף בשקיימתם שתים יש: לבבתני. קרבתני: עלובה. הלוסה דעולבנא ליסנא דתולפא (הלא) [סוא] והכי אמרינן במסכת גיטין: מזנה בתוך

ווער הָט גְזָאגְט צוּ מַיינֶע קִינְדֶער דֶעם סוֹד · וְדִי בֶּעהַאלטֶענֶע זַאךְ) וָוס דִי מַלְאָכִים נִיצֶען מִיט דֶעם סוֹד · אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֶייט אִין פָּסוּק לױבְּט גָאט אִיר מַלְאָכִים וואָס אִיר זֶענְט שְׁטַארְק מִיט כֹּחַ · זֵיי טוּהֶען דִי רֵייד פוּן גָאט צוּא הֶערִין דֶעם קוֹל פוּן זַיינֶע רֵייד · פְרִיעֶר צוּ טָאהן דֶער נָאךְ צוּ הֶערִין:

יא אָמַר · רַבִּי חָמָא בְּרַבִּי חֲנִינָא הָט גְזָאגְט · וָוס מֵיינְט דֶער פָּסוּק אַזוֹי וִוי דֶער עֶפִּיל בַּיים צְווִישֶׁען דִי בּוֹימֶער פוּן וַואלְד · צוּ וָוס זֶענֶען דִי יוּדֶען גֶעגְלִיכֶען גִיוָוארִין צוּ אַעֶפִּיל בּוֹים · צוּ זָאגֶען דִיר · אַזוֹי וִוי אַעֶפִּיל בּוֹים בְּלִיהֶען דִי פֵּירוֹת פַּר דִי בְּלֶעטֶער · אַזוֹי הָאבֶּען דִי יוּדֶען גְזָאגְט נַעֲשֶׂה פַּר נִשְׁמַע · אַאַפִּיקוֹרוֹס הָט גֶיזֶעהן ווִיא רָבָא קֶעֶרְט אִין אַדִין · אוּנ עֶר הַאלְט דֶעם פִינְגֶער פוּן זַיין הַאנְט אוּנְטֶער זַיין פוּס · אוּנ עֶר רֵייבְּט דִיא פוּס אוֹיף דֶעם פִינְגֶער · אוּנ פוּן פִינְגֶער רִינְט בְּלוּט · אוּנ רָבָא וֵויים נָאר נִיט · הָט דֶער אַפִּיקוֹרוֹס גְזָאגְט צוּא רָבָא אִיר יַעוֹם אַאִיבֶּערגִיהַייטְטֶע פָאלְק · אִיר הָט גְזָאגְט מִיט אַייעֶר מוֹיל פְרִיעֶר וִוי אַייעֶרֶע אוֹיעֶרִין: הָאבֶּען גִיהֶערְט וְאִיר הָאט גְזָאגְט מִיר וֶועלִין טָאהן · אַיידֶער אִיר הָט גִיהֶערְט וָוס אִיר זָאלְט טָאהן · טָאמֶער וֶועט אִיר נָאר נִיט קֶענֶען טָאהן · אוּנ אִיר זֶענְט נָאךְ הַיינְט אוֹיךְ אִיבֶּערגִיהַייטְט · פְרִיעֶר הָט אִיר גִיבַארְפְט הֶערִין · אוֹיבּ אִיר וֶועט קֶענֶען נֶעמֶען דִיא תּוֹרָה זָאלְט אִיר גֶעמֶען · אוּנ אוֹיבּ אִיר וֶועט נִיט קֶענֶען נֶעמֶען · זָאלְט אִיר נִיט נֶעמֶען · הָט רָבָא גְזָאגְט צוּם אַפִּיקוֹרוֹס ווייל מִיר גֵייעֶן מִיט גַאנְצְקַייט אוּנ מִיר הָאבֶּען אוּנְז פַאר לָאזִין אוֹיף גָאט אַז עֶר וֶועט אוּנְז נִיט גֶעבִּין אַזוֹי אַזַאךְ וָוס מִיר וֶועלִין נִיט קֶענֶען טָאהן שְׁטֶייט בַּיי אוּנְז דִי גַאנְצְקַייט פוּן דִיא פְרוּמֶע וֶועט זֵייא פִירֶען · אָבֶּער דִי מֶענְטְשִׁין וָוס גֵייעֶן מִיט בִּקְבוּלִים שְׁטֶייט בַּיי זֵייא דִי פַאר קְרִימוּנְג פוּן דִי פַאלְשֶׁע בְּרוֹיבְּט זֵיי:

יב אָמַר · רַבִּי שְׁמוּאֵל בַּר נַחֲמָנִי הָט גְזָאגְט פוּן רַבִּי יוֹנָתָן וֶועגִין וָוס מֵיינְט דֶער פָּסוּק דוּא הָאסְט מִיךְ בֶּעהַארְצְט מַיין שְׁוֶועסְטֶער דִי כַּלָּה · דוּא הָאסְט מִיךְ בֶּעהַארְצְט מִיט אֵיינֶע פוּן דַיינֶע אוֹיגֶען · אִין אָנְהֵייבּ וֶוען דוּ הָאסְט נָאר גֶענוּמֶען דִי תּוֹרָה · הָאסְט דוּא אוֹיף מִיר גִיקוּקְט מִיט אֵיין אוֹיג · אַז דוּ וֶועסְט מְקַיֵּים זַיין דִיא תּוֹרָה וֶועסְטוּ אוֹיף מִיר קוּקֶען מִיט בֵּיידֶע אוֹיגֶען · עוּלָא זאגט וִוי פַּר שֶׁעמְט אִיז דִי כַּלָּה אַז זִי אִיז מְזַנָּה אוּנְטֶער דִי חוּפָּה וֶוען דִיא יוּדֶען

בתוך חופתה. אמר רב מרי ברה דבת שמואל מאי קראה עד שהמלך במסבו וגו' אמר (רב) [רבא] ועדיין חביבותא היא גבן דכתיב (שם) נתן ולא כתיב הסריח:

יג תנו רבנן הנעלבים ואינם עולבים שומעים חרפתם ואינם משיבים עושים מאהבה ושמחים ביסורים עליהם הכתוב אומר (שופטים ה) ואוהביו כצאת השמש בגבורתו. אמר רבי יוחנן מאי דכתיב (תהלים סח) ה' יתן אומר המבשרות צבא רב כל דבור ודבור שיצא מפי הגבורה נחלק לשבעים לשונות. תנא דבי רבי ישמעאל (ירמיה כג) וכפטיש יפוצץ סלע מה פטיש זה נחלק לכמה ניצוצות אף כל דבור ודבור שיצא מפי הקב"ה נחלק לשבעים לשונות. אמר רב חננאל בר פפא מאי דכתיב (משלי ח) שמעו כי נגידים אדבר למה נמשלו דברי תורה כנגיד לומר לך מה נגיד זה יש בו להמית ולהחיות אף דברי תורה יש בו להמית ולהחיות והיינו דאמר רבא למיימינים בה סמא דחיי למשמאילים בה סמא

חופתה. כשישראל בעמדו בסיני עשו העגל: במסבו. בחופתו: נתן. עזב ריחו כתיב לאחרים: ועדיין חביבותא היא גבן. אף על פי שהמקרא מספר בגנותנו כתבו לנו לשון חבה מדלא כתיב הסריח: (לכשתעשי וכו'. נ"ל שיש לאדם ראיה חובייה וראיה זכאית וכן הן בב' עינים נראה שיש לנך שלש באחת מעיניך היינו ראיה זכאית באומרם נעשה ונשמע ולכשתקיים והעשי יפיה לנך שלש שתי בב' עינים גם בראיה חובית במופל כו לבן עגיה. מהרש"א): הנעלבים ואינן עולבים. אחרים באים עליהם בחוצפה ולא הם על אחרים: עושים מאהבה. המקום: ושמחים ביסורין. על עליהם הבאה עליהם: צבא רב. כל העובדי כוכבים: מה פטיש. מהלך הסלע על ידו לכמה ניצוצות: למיימינים. עוסקים בכל כחם ומרודים לדעת סודה כאדם המשתמש ביד ימינו שהיא עיקר:

זענען נאך געשטאנען ביי דעם בארג סיני האבען זיי שוין געמאכט דעם עגל. רב מרי דער זוהן פון שמואלס טאכטער האט געזאגט וואו שטייט דס אין פסוק. עד שהמלך במסבו ווען דער מלך [הקדוש ברוך הוא] איז נאך געזעסען אונטער זיין חופה. האט מיין בשמים אוועק געגעבען זיין גוטען ריח. האט רבא געזאגט דס איז נאך ביי אונז אליבשאפט. ווארום עס שטייט ער האט אוועק געגעבען זיין ריח. אונ עס שטייט ניט ער איז פר שטונקען געווארין:

יג תנו רבנן. די רבנן האבען געלערנט דיא מענטשין וואס ווערין פאר שעמט פון אנדערע וואס פר שעמען זייא אונ זייא פר שעמען ניט קיין אנדערין. זייא הערין זייער חרפה אונ ענטפערין ניט צוריק. אפילו זיי קענען יענעם אויך זאגין זיין חרפה. אונ זייא שווייגען אונ זאגען ניט. אונ זיי דינען גאט ווייל זייא האבען איהם ליב. אונ אז גאט שיקט אויף זייא יסורים. פרייען זיי זיך. ווייל זייא גלויבען אז גאט שטראפט זייא אויף דיא וועלט. זייא זאלען האבען מער שכר אויף עולם הבא. אויף די מענטשין זאגט דער פסוק. די מענטשין וואס האבען ליב גאט ווערלן לייכטען אזוי וויא דיא זונה לייכט ווען זיא גייט ארויס מיט איר שטארקייט. רבי יוחנן האט געזאגט וואס מיינט דער פסוק גאט האט געגעבען אזאג וואס דאס האט אן גזאגט פיל פאלק. יעדערווארט וואס איז ארויס גיגאנגען פון גאטס מויל איז צוא טיילט געווארין אויף זיבעציג שפראכין. אלע זיבעציג פעלקער זאלען הערין אונ וויסען וואס גאט האט געזאגט. די תלמידים פון רבי ישמעאל האבען געלערנט עס שטייט אין פסוק אזוי וויא דער האמער צוא קלאפט דעם שטיין. אזוי וויא דער האמער צוא קלאפט דעם שטיין אויף זייער פיל קליינע שטיקלאך. אזוי יעדער ווארט וואס איז ארויס גיגאנגען פון גאט איז צוא טיילט געווארין אויף זיבעציג שפראכין. רב חננאל בר פפא האט געזאגט וואס מיינט דער פסוק שמעו כי נגידים אדבר. איר זאלט הערין ווארום איך וועל ריידען נגידים. פאר וואס איז געגליכען די רייד פון דיא תורה צו נגידים [צו מלכים]. צו זאגען דיר. אזוי וויא דער נגיד [דער מלך] קען הרגנן א מענטשין אונ קען איהם לאזין לעבין. אזוי זענען די רייד פון די תורה. זייא קענען הרגנן א מענטשין אונ קענען איהם לעבעדיג מאכען. דס איז דאס זעלביגע וואס רבא האט געזאגט די מענטשין וואס די תורה איז ביי זייא דער עיקר אזוי וויא דיא רעכטע האנט ביי דעם מענטשין. איז די תורה צו זייא אסם פון לעבין. אונ דיא מענטשין וואס דיא תורה איז ניט ביי זייא דער עיקר. נאר זיא איז ביי זיי אזוי וויא די לינקע האנט ביי דעם מענטשין. איז דיא תורה

סמא דמותא . חבר אחר נגידים כל דבור ודבור שיצא מפי הקב"ה קושרים לו שני כתרים . אמר רבי יהושע בן לוי מ"ד (שיר א) צרור המור דודי לי בין שדי ילין אמרה כנסת ישראל לפני הקב"ה רבש"ע אע"פ שמיצר ומימר לי דודי בין שדי ילין . (שם) אשכול הכפר דודי לי בכרמי עין גדי מי שהכל שלו מכפר לי על עון גדי שכרמתי לי מאי משמע דהאי כרמי לישנא דמיכנש הוא אמר מר זוטרא בריה דרב נחמן כדתנן כסא של כובס שכורמין עליו את הכלים . ואמר רבי יהושע בן לוי מאי דכתיב (שם ה) לחייו כערוגת הבשם כל דבור ודבור שיצא מפי הקב"ה נתמלא כל העולם כולו בשמים וכיון שמדבור ראשון נתמלא דבור שני להיכן הלך הוציא הקדוש ב"ה רוח מאוצרותיו והיה מעביר ראשון ראשון שנאמר (שם) שפתותיו שושנים נוטפות מור עובר אל תקרי שושנים אלא ששונים . ואמר רבי יב"ל כל דביר ודבור שיצא מפי הקדוש ב"ה יצתה נשמתן של ישראל שנאמר (שם) נפשי יצאה בדברו . ומאחר שמדבור ראשון יצאת נשמתן דבור שני היאך קבלו . הוריד טל שעתיד להחיות

קושרים לו שני כתרים . לדבור שהיה בו מתן שכרו כדכתיב רואים את הקולות : אע"פ שמיצר ומימר לי דודי . כעגל שאמר הורד עדיך : בין שדי ילין . אמר מיד לעשות לו משכן ושלא שכינתו בין שני הבדים שבולטו במקדש בארון כנ' שדים חוקקן ובולטין בפרוכת כנגד הפתח : עין גדי . עין עגל שהוא מין בהמה . לשון אחר לשון עבודת כוכבים העורכים לגד שולחן : שכרמתי . שאספתי לכשאת אלוהות הרבה כדכתיב אלה אלהיך ישראל : שכורמין עליו . שמאספין עליו את הבגדים והיא דף ארוכה ומנוקבת נקבים הרבה ומניח המוגמר תחתיה והכלים מתגמרים דרך הנקבים . ליבנא ותיכנס גרסיק . מעביר לאשון לגן עדן . מור

צו דיא אסם פון טויט . נאך אמאל איז פאר וואס ווערין גירופען די עשרת הדברות נגידים . ווייל צו יעדער ווארט וואס איז ארויס גיגאנגען פון דיא מויל פון גאט . האט מען אן גיבונדען צוויי קרוינען . זענען די ווערטער גיוועזען אזוי ווי מלכים מיט קרוינען . רבי יהושע בן לוי האט גיזאגט וואס מיינט דער פסוק צרור המור דודי לי בין שדי ילין דיא יודען האבען גיזאגט פאר גאט רבונו של עולם אפילו ווען מיין פריינד (גאט) האט מיר גיגעבען צרות און האט מיר פר ביטערט מיין לעבין . פון דעסטוועגין האט ער דאך גינעכטיגט צווישען מיינע בריסט . ער האט דאך גיהייסען מאכען א משכן און די שכינה האט גירוהט אויף דעם ארון צווישען דיא כרובים : אין פסוק שטייט אשכול הכופר דודי לי בכרמי עין גדי . דער וואס אלץ איז זיינע . האט מיר מוחל גיוועזען אויף די עבירה פון דעם עגל וואס איך האב מיר פאר זאמעלט . פון וואנען ווייסען מיר אז כרמי איז טייטש פאר זאמלען . האט מר זוטרא דער זוהן פון רב נחמן גיזאגט אזוי וויא מיר האבען גילערנט כסא של כובס דער שטוהל פון דיא וועשערס שכורמין עליו את הכלים וואס מען פאר זאמעלט אויף איהם דיא קליידער צום וואשען . נאך האט רבי יהושע בן לוי גיזאגט וואס מיינט דער פסוק לחייו כערוגת הבושם זיינע באקען זענען אזוי וויא בייטין (וואגאנעס) מיט בשמים . יעדער ווארט וואס איז ארויס גיגאנגען פון דיא מויל פון גאט איז פול גיווארען דיא גאנצע וועלט מיט בשמים . פרעגט די גמרא אז פון דעם ערשטין ווארט איז פול גיווארען די גאנצע וועלט מיט בשמים . וואו הין איז גיגאנגען דער אנדערער ווארט . ענפערט די גמרא גאט האט ארויס גענומען א ווינט פון זיינע אוצרות און דער ווינט האט ארויס גיבלאזען דיא בשמים פון ערשטין ווארט אין גן עדן : דער נאך איז גיקומען די בשמים פון אנדערין ווארט . איז ווידער גיקומען א ווינט און האט ארויס גיבלאזען די בשמים פון אנדערין ווארט . אויך אין גן עדן . און אזוי איז גיוועזען צו יעדער ווארט . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק שפתותיו שושנים נוטפות מור עובר זאלסט ניט לייענען שושנים רויזין נאר ששונים זיי לערנען . זאגט דער פסוק דיא לעפצין וואס האבען גילערנט האבען גימאכט רינען בשמים . און די בשמים איז אלע מאהל אוועק גיגאנגען : און זענען גיקומען אנדערע (אזוי ווי פריער) . נאך האט רבי יהושע בן לוי גיזאגט יעדער ווארט וואס איז ארויס גיגאנגען פון די מויל פון גאט . איז ארויס גיגאנגען די נשמות פון די יודען . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק מיין נשמה איז ארויס גיגאנגען ווען ער האט גירעט . פרעגט די גמרא אז ביי דעם ערשטין ווארט איז ארויס גיגאנגען זייערע נשמות און זייא זענען

להיות בו מתים והחיה אותם שנאמר (תהלים סח) גשם נדבות תניף אלהים נחלתך ונלאה אתה כוננתה · ואמר רבי יהושע בן לוי כל דבור ודבור שיצא מפי הקב"ה חזרו ישראל לאחוריהם י"ב מיל והיו מלאכי השרת מדדין אותם שנאמר (שם) מלכי צבאות ידודון ידודון אל תקרי ידודון אלא ידדון:

יד **ואמר** רבי יהושע בן לוי בשעה שעלה משה למרום אמרו מלאכי השרת לפני הקב"ה רבונו של עולם מה לילוד אשה בינינו אמר להם לקבל התורה בא אמרו לפניו חמדה (גנוזה) [שגנוזה] לך (מששת ימי בראשית) התקע"ד דורות קודם שנברא העולם אתה מבקש ליתנה לבשר ודם (תהלים ח) מה אנוש כי תזכרנו ובן אדם כי תפקדנו (שם) ה' אדונינו מה אדיר שמך בכל הארץ אשר תנה הודך על השמים אמר לו הקדוש ב"ה למשה החזר להם תשובה אמר לפניו רבש"ע מתיירא אני שמא ישרפוני בהבל שבפיהם א"ל אחוז בכסא כבודי והחזר להם תשובה שנאמר (איוב כו) מאחז פני כסא פרשז עליו עננו וא"ר תנחום (נחום) מלמד שפירש שדי מזיו שכינתו ועננו עליו אמר לפניו רבש"ע תורה שאתה נותן לי מה כתיב בה (שמות כ) אנכי

שוכב. על השעבילה: גשם נדבות. גבי מתן תורה כתיב בספר תהלים: י"ב מיל. זו היא מדת מחניהם והיו הקרובים לדבור חוזרים מפחד הקול עד קצה המחנה: מדדין אותם. מסייעין אותם להתקרב מעט מעט כדרך אומנת שמדדה את הנער בתחלת הלוכו: ידודון. משמע הם עצמם ידודון: ידדון. מדדין אחרים:
תתקע"ד דורות. באלפים שנה שקדמה תורה לעולם היו עתידים דורות הללו להבראות שנאמר (דברי' ז) לאלף דור וראה הקב"ה שאין העולם מתקיים בלא תורה כ"כ והעבירן ולא בראן ונתנה לכ"ו דורות הרי שחסרו התתקע"ד מאלף: מה אדיר שמך. אדיר הוא כשהיא בארץ ואין ראוי לך ליתן הודך שם כי אם על השמים: פירש שדי

גישטארבען · ווי אזוי האבען זיי גיהערט דעם אנדערין ווארט. ענטפערט די גמרא נאט האט ארא גענידערט די טוי וואס ער וועט מיט איהר לעבעדיג מאכען דיא מתים ווען משיח וועט קומען · אונ ער האט מיט די טוי לעבעדיג גימאכט די יודען איצט ווען די תורה איז גיגעבען גיווארין · אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גשם נדבות תניף אלהים נחלתך ונלאה אתה כוננתה. דעם בווילינגטען רעגין האסטו נאט אויף גיהויבען · די יודען וואס זענען גיוועזן מיד. האסטו גיפעסטיגט. נאך האט רבי יהושע בן לוי גזאגט יעדער ווארט וואס איז ארויס גיגאנגען פון די מויל פון נאט · האבען זיך דיא יודען אפ גירוקט צוריק אינטער זיך צוועלף תחום שבת · אונ דיא מלאכים האבען זייא גיהאלפען זייא זאלען צוריק צוא שפרינגען צוא זייער ארט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק מלכי צבאות ידודון ידודון. דיא מלאכים זענען גישפרונגען · זאלסט ניט ליינען ידודון דיא זענען גישפרונגען · נאר זאלסט ליינען ידדון זייא האבען גימאכט שפרינגען דיא יודען:

יד **ואמר** · נאך האט רבי יהושע בן לוי גזאגט · ווען משה רבינו איז ארויף גיגאנגען אויף דעם הימעל · האבין דיא מלאכים גזאגט פאר גאט רבונו של עולם וואס טוהט צווישען אונז אזעלכער וואס איז גיבארין פון אשה · האט גאט גיזאגט צו דיא מלאכים דער מענטש איז גיקומען נעמען דיא תורה · האבין דיא מלאכים גזאגט פאר גאט דיא גלוסטיגע זאך וואס זיא איז בעהאלטין אין דיינע אוצרות ניין הונדערט פיר אונ זיבעציג דורות איידער דיא וועלט איז בשאפין גיווארין. ווילסטו זיא געבין צו אמענשין וואס ער איז בלוט אונ פלייש · וואס איז דער מענטש אז דו זאלסט אים גידיינקען. אונ וואס איז דער מענטש דו זאלסט אויף אים אכטונג געבין · גאט אונזער האר וויא שטארק איז דיין נאמען אויף דיא גאנצע וועלט. גיב דיין שיינקייט אויף דעם הימעל. האט גאט גזאגט צו משה ענטפער דיא מלאכים · האט משה גזאגט פאר גאט רבונו של עולם איך האב מורא טאמער וועלין זייא מיך פארברענען מיט דיא היץ פון זייער מויל · האט גאט גזאגט צו משה נעם דיך אן אין מיין שטוהל אונ ענטפער זיי. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק מאחז פני כסא פרשז עליו עננו. ער האט אן גינומען דיא שטוהל. אונ ער האט פארשפרייט אויף אים זיין וואלקין. האט רבי תנחום גזאגט דער פסוק לערונט אונז אז גאט האט פארשפרייט אויף משה דיא שיינקייט פון זיין

אנכי ה' אלהיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים. אמר להם למצרים ירדתם לפרעה השתעבדתם תורה למה תהא לכם שוב מה כתיב בה לא יהיה לך אלהים אחרים בין העובדי כוכבים אתם שרויים שעובדין כוכבים שוב מה כתיב בה זכור את יום השבת לקדשו כלום אתם עושים מלאכה שאתם צריכין שבות שוב מה כתיב בה לא תשא משא ומתן יש ביניכם. שוב מה כתיב בה כבד את אביך ואת אמך אב ואם יש לכם. שוב מה כתיב בה לא תרצח לא תנאף לא תגנוב קנאה יש ביניכם יצה"ר יש ביניכם מיד הודו לו להקב"ה שנאמ' (תהלים ח) ה' אדונינו מה אדיר וגו' ואילו תנה הודך על השמים לא כתיב. מיד כל אחד ואחד נעשה לו אוהב ומסר לו דבר שנאמר (שם סח) עלית למרום שבית שבי לקחת מתנות באדם בשכר שקראוך אדם לקחת מתנות. ואף מלאך המות מסר לו דבר שנאמר (במדבר יז) ויתן את הקטרת ויכפר על העם ואומר (שם) ויעמוד בין המתים ובין החיים וגו' אי לאו דאמר ליה מנא הוה ידע:

מדו. נוטריקון של פרשו: קנאה יש ביניכם. שאתם באים על ידה לידי רציחה: מסר לו. למדו: באדם. בשכר שחרפוך וקראוך אדם מולד אשה נבון בפלות: מסר לו סודו. להקטיר מההוא קטורת בשעת מגפה ולעמוד בין המתים ובין החיים ואי לאו דאמר ליה מלאך המות מנא ידע שלא בתורה לא נכתב:

(דף פט) **מו ואמר** ריב"ל בשעה שירד משה מלפני הקב"ה בא שטן ואמר לפניו רבונו של

שכינה אונ ער האט בדעקט אויף אים. האט משה גזאגט פאר גאט רבונו של עולם די תורה וואס דו גיבסט מיר וואס שטייט אין איר. איך בין דיין גאט וואס איך האב דיך אויס גיצויגן פון לאנד מצרים. האט משה גזאגט צוא די מלאכים. האט איר דען געניגערט אין מצרים. האט איר דען גיארבעט ביי פרעה. צוא וואס דארפט איר די תורה. וואס נאך שטייט אין די תורה. דוא זאלסט ניט האבין קיין אנדערע געטער. וואהנט איר דען צווישען גוים וואס דינען עבודה זרה. וואס נאך שטייט אין די תורה. דוא זאלסט גידיינקען צוא היילינגען דעם טאג שבת. ארבעט איהר דען אגאנצע וואך וואס איר דארפט שבת רוהען. וואס נאך שטייט אין די תורה. דו זאלסט ניט שווערין. האנדילט איר דען וואס איר זאלט בארפין שווערין. וואס נאך שטייט אין די תורה. דו זאלסט געבין כבוד צו דיין פאטער אונ מוטער. האט איר דען אפאטער אונ אמוטער. וואס נאך שטייט אין די תורה. דו זאלסט ניט הרגנן. דו זאלסט ניט מזנה זיין. דו זאלסט ניט גנבנן. איז דען דא ביי אייך קנאה וואס איר זאלט גנבנן אדער הרגנן. איז דען דא ביי אייך איצר הרע איר זאלט מזנה זיין. האבין די מלאכים באלד מודה גיוועזן צו גאט אז די תורה גיהער ניט צו זייא. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק. די מלאכים האבין גיזאגט גאט אונזער האר וויא שטארק איז דיין נאמען אויף די גאנצע וועלט. אונ זייא האבין שוין ניט גזאגט גיב דיין שיינקייט (די תורה) אויף דעם הימעל. באלד נאך דיא רייד האט יעדער מלאך ליב גיהאט משהן. אונ יעדער מלאך האט אים אויס גילערונט אזאך. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק. דוא ביסט ארויף גיגאנגען אין הימעל אונ דו האסט גיפאנגען דיין פאנג (די תורה) אונ דוא האסט גינומען מתנות וועגין אדם. דאס מיינט מען ווייל מען האט דיך פארשעמט אונ מען האט דיך גירופין אדם מענטש. האט מען דיר גיגעבין מתנות. אונ דער מלאך המות האט אויך אויס גילערונט משהן אזאך. אז עס וועט זיין אמגפה זאל מען נעמען אפייער פאן מיט קטרת. אונ מען זאל שטיין צווישען די לעבעדיגע אונ די טויטע. וועט אויף הערין די מגפה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק. ער האט גינעבין די קטרת אונ ער האט מכפר גיוועזן אויף דעם פאלק. נאך שטייט אין פסוק. ער האט זיך גישטעלט צווישען די טויטע אונ צווישען די לעבעדיגע. האט אויפגיהערט די מגפה. אז דער מלאך המות וואלט אים דאס ניט גזאגט. פון וואנען וואלט ער דאס גיוואסט אז קטרת שטערט די מגפה:

מו ואמר. נאך האט רבי יהושע בן לוי גזאגט ווען משה רבינו איז אראפ גיגאנגען פאר

של עולם תורה היכן היא א"ל נתתיה לארץ הלך אצל ארץ א"ל תורה היכן היא א"ל (איוב כח) אלהים הבין דרכה וגו' הלך אצל ים ואמר ליה אין עמדי . הלך אצל תהום וא"ל אין בי שנאמר (שם) תהום אמר לא בי היא וים אמר אין עמדי . אבדון ומות אמרו באזנינו שמענו שמעה חזר ואמר לפני הקב"ה רבש"ע חפשתיה בכל הארץ ולא מצאתיה . א"ל לך אצל בן עמרם הלך אצל משה ואמר ליה תורה שנתן לך הקב"ה היכן היא אמר ליה וכי מה אני שנתן לי הקב"ה תורה א"ל הקב"ה למשה משה בדאי אתה אמר לפניו רבש"ע חמדה גנוזה יש לך שאתה משתעשע בה בכל יום אני אחזיק טובה לעצמי אמר ליה הקב"ה למשה הואיל ומיעטת עצמך תקרא על שמך שנאמר (מלאכי ג) זכרו תורת משה עבדי וגו' . ואמר ריב"ל בשעה שעלה משה למרום מצאו להקב"ה שהיה קושר כתרים לאותיות א"ל משה אין שלום בעירך אמר לפניו כלום יש עבד שנותן שלום לרבו א"ל היה לך לעזרני מיד א"ל (במדבר יד) ועתה יגדל נא כח ה' כאשר דברת :

ואמר

כדאי אתה . בתמיה : קושר כתרים . כגון (תגי') דאמרינן בפרק הבונה תגא דקו"ף לגבי רי"ש וכן שעטנ"ז ג"ץ שצריכים כל אות ג' זיינין כדאמ' במנחות ראש הזי"ן נמתח לימין ולשמאל בגגו מעט וכן ראש הני"ן שבמתני' וכן כל תגי ז' אותיות הללו בכל מקום שהם : אין שלום בעירך . אין דרך ליתן שלום במקומך : לעזרני . (לומר) תגלת מלאכתך : מיד . בעליה אחרת אמר ליה יגדל נא כח ה' : בא שטן . הוא יצה"ר המחטיא את האדם הוא השונה ומשטין והוא מדת הדין (והאומר דהוא מדת הדין אין הגון בעיני) : כשעלה משה להר אמר להם נסוף ארבעים יום אני בא בתוך שש שעות . הם סבורים שאותו יום שעלה בו מן המנין והוא אמר להם ארבעים יום שלמים יום ולילו עמו ויום עלייתו אין לילו עמו שהרי בז' בסיון עלה נמצא יום ארבעים בי"ז בתמוז היה בט"ז בא שטן וערבב את העולם והראה דמות חשך ואפלה דמות ענן וערפל וערבוביא לומר ודאי מת משה שהרי בא כבר ו' ולא בא ואי אפשר לומר שלא טעו אלא ביום המעונן בין קודם חצות לאחר חצות שהרי לא ירד משה עד יום המחרת שנאמר וישכימו ממחרת וגו' : באו שש . שהגיע לבא :

פאר גאט ; איז געקומען דער שטן אונ האט געזאגט פאר גאט רבונו של עולם וואו איז דיא תורה . האט גאט געזאגט צום שטן איך האב איר געגעבין צו דיא ערד . איז דער שטן געגאנגען צו דיא ערד . אונ ער האט געזאגט צו איר וואו איז דיא תורה ; האט דיא ערד געזאגט צום שטן גאט פאר שטייט איר וועג [וואו זיא איז געגאנגען] . איז דער שטן געגאנגען צום ים : האט דער ים געזאגט דיא תורה איז ניט מיט מיר . איז דער שטן געגאנגען צום תהום אבגרונד ; האט דער תהום געזאגט דיא תורה איז ניט אין מיר ; אזוי וויא עס שטייט אין פסוק . דער תהום האט געזאגט דיא תורה איז ניט אין מיר . אונ דער ים האט געזאגט דיא תורה איז ניט מיט מיר . דער גיהנם אונ דער טויט האבין געזאגט מיט אונזערע אויערין האבין מיר געהערט איר הערונג [וואו זיא איז ווייסין מיר ניט] . איז דער שטן צוריק געקומען פאר גאט אונ האט געזאגט רבונו של עולם איך האב געזוכט דיא תורה אין דיא גאנצע וועלט אונ איך האב איר ניט געפונען . האט גאט געזאגט צום שטן גיי צו עמרם'ס זוהן . איז דער שטן געגאנגען צו משה אונ ער האט געזאגט צו אים דיא תורה וואס גאט האט דיר געגעבין וואו איז זיא . האט משה געזאגט צום שטן . וואס בין איך דען אז גאט זאל מיר געבין אתורה ; האט גאט געזאגט צו משה . משה דו ביסט אליגנער . האט משה געזאגט פאר גאט רבונו של עולם דוא האסט אגלוסטיגע זאך וואס זיא איז בעהאלטין אין דיינע אוצרות . אונ דו פרייסט דיך מיט איר אלע טאג . וועל איך זאגין אז דיא גוטע זאך איז בייא מיר . אז איך בין חערט דו וואלסט זיא מיר געבין . האט גאט געזאגט צוא משה ווייל דו האסט דיך קליין געמאכט וועט זיא גירופין ווערין אויף דיין נאמען . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק געדיינקט די תורה פון מיין קנעכט משה . נאך האט רבי יהושע בן לוי געזאגט ווען משה איז ארויף געגאנגען אויף דעם הימעל . האט ער געטראפין גאט מאכט קרוינען צו דיא אותיות . האט גאט געזאגט צו משה . משה אין דיין שטאט זאגט מען ניט שלום אז איינער קומט צום אנדערין . האט משה געזאגט פאר גאט זאגט דען אקנעכט שלום צו זיין האר . האט גאט געזאגט צו משה האסטו מיר געדארפט העלפין . דו האסט גידארפט זאגין דיין ארבעט זאל זיין מיט גליק . באלד ווען משה איז נאך אמאהל ארויף געקומען אויף דעם הימעל . האט ער געזאגט צו גאט . איצט זאל געגרייסט ווערין דער כח פון גאט אזוי וויא דו האסט גירעט :

שנאה לעובדי כוכבים . שלא קבלו בו תורה : שפרו ורבו . דכל אחד נתעברה אשתו וכל במלים כולו נכס לאהליהם ולא ידענא היכא כמ"זא :

טז ואמר רבי יהושע בן לוי מאי דכתיב (שמות לב) ויرא העם כי בשש משה אל תקרי בשש אלא בא שש . בשעה שעלה משה למרום אמר להם לישראל לסוף ארבעים יום בתחלת שש אני בא . לסוף ארבעים יום בא שטן וערבב את העולם אמר להם משה רבכם היכן הוא אמרו לו עלה למרום . אמר להם באו שש ולא השגיחו עליו מת ולא השגיחו עליו הראה להם דמות מטתו והיינו דקאמרי ליה לאהרן כי זה משה האיש וגו' :

יז אמר ליה ההוא מרבנן לרב כהנא מי שמיע לך מאי הר סיני . אמר ליה הר שנעשו בו נסים לישראל הר ניסאי מיבעי' ליה אלא הר שנעשה בו סימן טוב לישראל הר סימנאי מיבעי' ליה א"ל מאי טעמא לא שכיחת קמיה דרב פפא ורב הונא בריה דרב יהושע דמעייני באגדתא דרב חסדא ורבא [ורבה] בריה דרב הונא דאמרי תרווייהו מאי הר סיני הר שירדה שנאה לעובדי כוכבים עליו והיינו דאמר רבי יוסי בר חנינא חמשה שמות יש לו . מדבר צין שנצטוו ישראל עליו . מדבר קדש שנתקדשו ישראל עליו . מדבר קדמות שנתנה קדומה עליו . מדבר פארן שפרו ורבו עליו ישראל . מדבר סיני שירדה שנאה

טז אמר . נאך האט רבי יהושע בן לוי גזאגט וואס מיינט דער פסוק ויַרא העם בי בשש משה] . זאלסט ניט לייענען בשש . נאר זאלכט לייענען [באו שש] עס איז שוין גיקומען זעקס שעה אויף דעם טאג . וואררום ווען משה איז ארויף גיגאנגען אויף דעם הימעל . האט ער גיזאגט צו דיא יודין אין אויסגאנג פון פערציג טעג אין אנהייב זעקסטע שעה וועל איך קומען צוריק צו אייך . צום סוף פערציג טעג איז גיקומען דער שטן אונ האט צו מישט דיא וועלט אונ ער האט גזאגט צו דיא יודין ווא איז אייער רבי משה . האבין דיא יודין גזאגט צום שטן משה איז ארויף גיגאנגען אויף דעם הימעל . האט דער שטן גזאגט צו דיא יודין עס איז שוין גיקומען דיא זעקסטע שעה אונ משה איז נאך ניט גיקומען . האבין דיא יודין ניט גיקוקט אויף דיא רייד פון שטן . דר נאך הט דר שטן גיזאגט צו די יודין משה איז גישטארבין . האבין די יודין אוך ניט גקוקט אויף די רייד פון שטן . דר נאך הט דר שטן גוויזען ווי משה ליגט גשטארבן אין אבעט אונ ער שוועבט מיט דיא בעט אונטער דעם הימעל . דאס איז וואס דיא יודין האבין גזאגט צוא אהרן דאס איז דער מענטש משה . זייא האבין געוויזען צו אהרן וויא משה ליגט גישטארבין :

יז אמר ליה : איינער פון דיא רבנן האט גזאגט צו רב כהנא מאמער האסטו גיהערט פאר וואס רופט מען דעם בארג סיני . האט רב כהנא גזאגט ווייל אויף דעם בארג איז גיטאהן גיווארין נסים צו דיא יודין . פרעגט דער תלמיד האט מען דאך גידארפט רופען דעם בארג ניסא . נאר ווייל דער בארג איז גיוועזן אגוטער סימן צו דיא יודין . הדיבער רופט מען אים סיני . פרעגט דער תלמיד האט מען דאך גידארפט רופען דעם בארג סימנא . האט רב כהנא גזאגט צום תלמיד פאר וואס גייסט דו ניט צו רב פפא אונ צו רב הונא דער זוהן פון רבי יהושע זיי לערנען אגדתות . ווארום רב חסדא אונ רבא דער זוהן פון רב הונא זיי ביידע זאגין פאר וואס רופט מען דעם בארג סיני . ווייל דורך דעם בארג איז גיקומען אשנאה . אפיינדשאפט צו די פעלקער וואס האבין ניט גיוואלט נעמען די תורה . אונ דאס איז דיא זעלביגע זאך וואס רבי יוסי בר חנינא הט גזאגט . דער בארג הט פינף נעמען . ער הייסט מדבר צין . ווייל אויף דעם בארג וואס אין דעם מדבר זענען די יודין גיבאטין גיווארין אויף תורה אונ מצות . אונ ער הייסט מדבר קדש . ווייל אויף דעם בארג וואס אין דעם מדבר זענען די יודין גיהייליגט גיווארין . אונ ער הייסט מדבר קדמות . ווייל אויף דעם בארג ווס אין דעם מדבר איז גיגעבין גיווארין די תורה וואס זי הייסט קדומה די פריערדיגע ווייל זי איז בשאפין גיווארין פריער איידער די וועלט איז בשאפין גיווארין . אונ ער הייסט מדבר פארן

לעובדי כוכבים עליו. ומה שמו חורב שמו. ופליגא דרבי אבהו דאמר רבי אבהו הר סיני שמו ולמה נקרא הר חורב שירדה חורבה לעובדי כוכבים עליו:

כסף מיכתפי' ליה. דומיא: כשלג דלא כתיב כשלגים: לגד עמך. אמלך גם עלה כלל רמז ד' גליות גם רבויא כול: יאמר כ'. לכו:

(ס"ג) **יח משנה** מנין שקושרין לשון של זהורית בראש שעיר המשתלח שנאמר (ישעיה א) אם יהיו חטאיכם כשנים וגו': **גמ'** כשנים כשני מיבעי' ליה אמר רבי יצחק אמר הקב"ה לישראל אם יהיו חטאיכם כשנים הללו שסדורות ובאות מששת ימי בראשית ועד עכשיו כשלג ילבינו:

דרש רבא מאי דכתיב (שם) לכו נא ונוכחה יאמר ה' לכו נא בואו נא מיבעיא ליה יאמר ה' אמר ה' מבעי' ליה לעתיד לבא יאמר להם הקב"ה לישראל לכו נא אצל אבותיכם ויוכיחו אתכם ויאמרו לפניו רבש"ע אצל מי נלך אצל אברהם שאמרת לו (בראשית יה כז) ידוע תדע ולא בקש רחמים עלינו אצל יצחק שברך את עשו (שם כז) והיה כאשר תריד ולא בקש רחמים עלינו אצל יעקב שאמרת לו (שם מו) אנכי ארד עמך מצרימה ולא בקש רחמים עלינו אצל מי נלך עכשיו יאמר ה' א"ל הקב"ה הואיל ותליתם עצמכם בי אם יהיו חטאיכם כשנים כשלג ילבינו. אמר רבי שמואל בר נחמני א"ר יונתן

ווייל ביי דעם בארג וואס אין דעם מדבר האבין זיך די יודין גיפרוכטבארט אונ גימערט. אונ ער הייסט מדבר סיני, ווייל דורך דעם בארג ווס אין דעם מדבר איז גיקומען אשנאה אפיינדשאפט צו די פעלקער ווס האבין ניט גיוואלט נעמען די תורה. אונ ווי איז דער נאמען פון דעם בארג: זיין נאמען איז חורב. אונ רבי יוסי קריגט אויף רבי אבהו. ווארום רבי אבהו הט גזאגט דער נאמען פון דעם בארג איז סיני אונ פר ווס רופט מען אים חורב. ווייל דורך דעם בארג איז גיקומען אפרוויסטונג אויף דיא פעלקער וואס האבין ניט גיוואלט נעמען די תורה:

יח משנה. פון וואנען ווייסין מיר אז מען בינדט אן אשטיקיל רויטע וואל אויסגיבארשטיק באנג אונ שמאל אזוי ווי א צונג אויף דעם קאפ פון שעיר המשתלח. ווארום עס שטייט אין פסוק אם יהיו חטאיכם כשנים אויב אייערע זינד וועלין זיין רויט אזוי ווי רויטע פאדים. פרעגט די גמרא פר ווס שטייט כשנים, עס דארף דאך שטיין כשני. ווארום כשנים איז טייטש אזוי ווי יאהרין. אונ כשני איז טייטש אזוי ווי פאדים. הט רבי יצחק גזאגט אזוי מיינט דער פסוק גאט הט גזאגט צו די יודין אפילו אייערע זינד וועלין זיין אזוי פיל ווי די יאהרין ווס זענען פון דער צייט ווס די וועלט איז בשאפין גיווארין ביז איצט. פון דעסטוועגין וועלין זיי ווייס ווערין אזוי ווי שניי (הריף בע"ין) • רבא הט גידרשת ווס מיינט דער פסוק לכו נא ונוכחה יאמר ה'. פר ווס שטייט לכו נא גייט נאר, עס דארף דאך שטיין בואו נא קומט נאר. אונ פר ווס שטייט יאמר ה' גאט וועט זאגין, עס דארף דאך שטיין אמר ה' גאט הט גזאגט. נאר אזוי מיינט דער פסוק, אז משיח וועט קומען וועט גאט זאגין צו די יודין גייט צו אייערע עלטערין וועלען זיי אייך שטראפען: וועלען די יודען זאגען פר גאט רבונו של עולם צו וועמען זאלען מיר גיין. מיר זאלען גיין צו אברהם קענען מיר ניט. ווארום דו האסט גזאגט צו אברהם דוא זאלסט וויסען אז דיינע קינדער וועלען זיין אין מצרים. אונ ער האט ניט גיבעטען פר אונזערט וועגין דוא זאלסט מבטל זיין די גזרה. מיר זאלען גיין צו יצחק קענען מיר ניט. ווארום יצחק הט גיבענטשט זיין זוהן עשו אז ער וועט גיוועלטיגען. אונ ער האט ניט גיבעטען קיין רחמנות אויף אונז. מיר זאלען גיין צו יעקב קענען מיר ניט. ווארום דו האסט גזאגט צו יעקב איך וועל גיהערין מיט דיר אין מצרים. אונ ער הט ניט גיבעטין קיין רחמנות אויף אונז. צו וועמען זאלען מיר גיין. איצט וועט גאט זאגען ווייל איר פאר לאזט אייך גאר אויף מיר. אויב אייערע זינד וועלין זיין רויט אזוי וויא רויטע פאדים וועלין זייא ווייס ווערין אזוי וויא שניי: רבי שמואל בר נחמני הט גזאגט פון רבי יונתנס וועגין וואס מיינט דער פסוק דוא

אגור בסיכהה וכן אנו הולין: ימחו: כואיל ש סאו ויתקדש שמך בעולם כשתעשה דין בעוברין על דבריך: קראת להם בני בכורי ישראל. שהיה גלוי לפניך שהם עתידין לומר לפניך נעשה ונשמע לקבל עליך מאהבה כבנים: דל כ' דלא ענשת. שכן מצינו בדור המדבר שלא ענש הקב"ה אלא מכ' שנה ומעלה דכתיב במדבר הזה יפלו פגריכם וגו' מבן עשרים שנה ומעלה אשר הלינותם עלי: כי אתה אבינו. כנגד יצחק אמרו והוא אמר להם שראו כנגד הקדוש ברוך הוא שהוא אביכם: בשלשלאות של ברזל. כדרך הגולים שהרי ע"פ גזרת

יונתן מאי דכתיב (ישעיה סג) כי אתה אבינו כי אברהם לא ידענו וישראל לא יכירנו אתה ה' אבינו גואלנו וגו' לע"ל אומר לו הקב"ה לאברהם בניך חטאו (לי) אומר לפניו רבש"ע ימחו על קדושת שמך. אמר איזמא ליה ליעקב דהוה ליה צער גידול בנים אפשר דבעי רחמי עלייהו א"ל בניך חטאו אמר לפניו רבש"ע ימחו על קדושת שמך. אמר לא בסבי טעמא ולא בדרדקי עצה. א"ל ליצחק בניך חטאו אמר לפניו רבש"ע בני ולא בניך בשעה שהקדימו לפניך נעשה לנשמע קראת להם (שמות ד) בני בכורי עכשיו בני ולא בניך ועוד כמה חטאו כמה שנותיו של אדם שבעים שנה דל עשרים דלא ענשת עלייהו פשו להו חמשים דל כ"ה דלילותא פשו להו כ"ה דל תרתי סרי ופלגא דצלויי ומיכל ודבית הכסא פשו להו תרתי סרי ופלגא אם אתה סובל את כולם מוטב ואם לאו פלגא עלי ופלגא עלך וא"ת כולהו עלי הא קריבית נפשי קמך פתחו ואמרו כי אתה אבינו אומר להם יצחק עד שאתם מקלסין לי קלסו להקב"ה ומחוי להו יצחק קב"ה בעינייהו מיד נושאים עיניהם למרום ואומרים (ישעיה סג) אתה ה' אבינו גואלנו מעולם שמך. א"ר חייא בר אבא א"ר יוחנן ראוי היה יעקב אבינו לירד למצרים בשלשלאות של

ביסט אונזער פאטער. ווארום אברהם ווייס אונז ניט. יעקב דער קענט אונז ניט דו גאט ביסט אונזער פאטער און אונזער אויס לייזער. ווארום אז משיח וועט קומען וועט גאט זאגן צו אברהם דיינע קינדער האבען געזינדיגט. וועט אברהם זאגען פאר גאט רבונו של עולם זאלען זייא אפ גימעקט ווערין פאר דיין היילינען נאמען. וועט גאט זאגען איך וועל זאגען צו יעקב וואס ער האט גיהאט צער ביז ער האט דער צויגען זיינע קינדער. טאמער וועט ער בעטין ביי מיר רחמנות פון זייערטוועגין. האט גאט גזאגט צו יעקב דיינע קינדער האבען געזינדיגט. וועט יעקב זאגען פר גאט רבונו של עולם זאלען זייא אפ גימעקט ווערין פאר דיין היילינען נאמען. האט גאט גזאגט די רייד פון די אלטע מענטשין האבען ניט קיין טעם. און דיא יונגע מענטשין קענען ניט געבין קיין עצה. האט גאט גזאגט צו יצחק דיינע קינדער האבען געזינדיגט. וועט יעקב זאגען פר גאט רבונו של עולם זיי זענען מיינע קינדער און ניט דיינע קינדער. ווען דיא יודען האבען גזאגט נעשה פאר נשמע מיר וועלין טאהן די תורה און מיר וועלין הערין האסטו זייא גירופען מיין זוהן מיין בכור. איצט זענען זייא גיווארין מיינע זיהן און ניט דיינע זיהן. נאך וועל איך דיר זאגין. וויא פיל האבען זיי דען געזינדיגט. וויא פיל זענען די יאהרין פון א מענטשין. זיבעציג יאהר. נעם אראפ די ערשטע צוואנציג יאהר פון מענטשינס לעבין ווס דוא שטראפסט ניט אויף זיי. בלייבט פופציג יאהר. נעם אראפ פינף און צוואנציג יאר פון נעכט. ביי נאכט אז א מענטש שלאפט זינדיגט ער דאך ניט. בלייבט נאר פינף און צוואנציג יאהר. נעם אראפ צוועלף מיט א האלב יאהר פון דאווענען און עסין און בית הכסא. אין די צייט זינדיגט מען ניט. בלייבט צוועלף מיט א האלב יאהר. אויב דוא וועקסט טראגען אין גאנצען. איז גוט: און אויב ניט. וועל איך טראגען העלפט און דו העלפט. און אויב דוא וועסט זאגען די גאנצע צוועלף מיט א האלב יאהרין זאלען זיין אויף מיר: איך האב מיך דאך מקריב גיווען פאר דיר. פר דעם זכות זאלסטו זייא מוחל זיין זייערע עבירות. האבען די יודען אן גיהויבען צו זאגען צו יצחק דו ביסט אונזער פאטער: האט יצחק גזאגט צו דיא יודען. אידער איר לויבט מיך לויבט בעסער צו גאט. האט יצחק זייא געוויזען דיא זאלען זעהן גאט מיט זייערע אויגען. האבען די יודען באלד אויף גיהויבען זייערע אויגען צו גאט און זיי האבען גזאגט. דוא ביסט אונזער פאטער און אונזער אויס לייזער. דיין נאמען איז פון אייביג. רבי חייא בר אבא האט גזאגט פון רבי יוחנן ווענין יעקב אבינו האט גידארפט זיין

מיט

ברזל אלא שזכותו גרמה לו דכתיב (הושע יא) בחבלי אדם אמשכם בעבותות אהבה ואהי להם כמרימי עול על לחיהם ואט אליו אוכיל:

(דף נ׳) ית ת״ר הרי עלי ברזל אחרים אומרים לא יפחות מאמה על אמה לכאי חזא אמר רב יוסף לכליא עורב ואיכא דאמרי אחרים אומרים לא יפחות מכליא עורב וכמה א״ר יוסף אמה על אמה:

המצניע פרק עשירי

(דף צב) **א אמר** רבי אלעזר המוציא משאוי למעלה מעשרה טפחים חייב שכן משא בני קהת ומשא בני קהת מנ״ל דכתיב (במדבר ג) על המשכן ועל המזבח סביב מקיש מזבח למשכן מה משכן עשר אמות אף מזבח עשר אמות ומשכן ג׳ פיה מנלן

גנות ירד נכס: בחבלי אדם. בחבל רז: (היינה) אדם מכהיס למוליך בחבלים ולא בבנאלות: כמרימי עול על לחייהם. כאדם הכובל ומכייע לבהמתו להרים עולה מעל לוחרה בלווייין ובמלייר: ואט אליו אוכיל. הסיתי להם כ. להכיל את עבודת הפרך:

הרי עלי ברזל. לבדק הבית: לכליא עורב. טבלאות היו עושים של אמה וכן חדין ככבין כבינוהיכם ומכמרין חדין בכולן ומחפים בהם גגו של היכל למנוע את העורבים מליטב:

כמוליא משאוי למעלה מי׳ ט׳. מעבירו בהויל כ׳ דו ואינו על כתפו: גבוה מן הארץ קאמר דאי במונח על כתפו מתניתין היא והא דהגן כזורק ד׳ אמות בכוהל למעלה מי׳ כזורק באויר אלמא אין למעלה מי׳ רשות הרבים דוקא זורק אבל מעביר חייב דיליף מבני קהת במשכן: אשר על המשכן וגו׳. בקיעי הלל מהתעי אף מזבח גבהו עשר אמות וסולדך לסובב וקלעים של פסה (י׳) רוחב ומה אני מקיים ובלש אמות קומתו משפת סובב ולמעלה ומה אני מקיים וקומה ה׳ אמות בקלבים משפה מזבח למעלה כך מפורש בזבחים בפ״ה

מיט אייזערנע קייטען אין מצרים ׃ נאר זיין פרומקייט האט איהם מציל געוועזען. ער זאל גיין אין מצרים מיט כבוד. ווארום עס שטייט אין פסוק איך האב אייך גיצויגען אין מצרים מיט שטריקלאך וויא מען ציהט אמענטשען. מיט שטריקלאך פון ליבשאפט ווייל יעקב האט ליב גיהאט זיין זוהן יוסף. דריבער האט ער גיצויגען צו איהם אין מצרים] • איך בין גיוועזען צו זיי אזוי ווי מען הייבט אויף דעם יאך פון דיא באקין פון דיא בהמה דיא זאל קענען עסין. אונ מען דער לאנגט איר דאס עסין. ווייל מען האט רחמנות אויף דיא בהמה. אזוי האב איך רחמנות גיהאט אויף יעקב מיט זיינע קינדער. אונ איך האב זיי גיהאלפען אויס האלטען די שווערע ארבעט אין מצרים:

ית תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערנט אז איינער זאגט איך נעם אויף מיר איך זאל געבין אייזין צום בית המקדש. אנדערע זאגען ער מוז ברענגען אשטיק אייזין וואס איז אאייל די לענג אונ אאייל די ברייט. ניט ווייניגער. צו וואס דארף מען די אייזין. האט רב יוסף גזאגט צו פאר מיידען די קראען זיי זאלען ניט שטיין אויף דעם דאך פון בית המקדש. אונ אנדערע זאגען אזוי איז גילערנט גיווארען. אנדערע זאגען ער מוז ברענגען אשטיק אייזין זאל זיין אזוי גרויס צוא פאר מיידען דיא קראען. ניט ווייניגער. וויא גרויס איז דיא שטיק אייזין זאגט רב יוסף אאייל די ברייט אונ אאייל די לענג [אויף דעם דאך פון בית המקדש איז גילעגין טאוולען אייזין. אין דיא טאוולען האט גישטעקט שארפע שפיציגע טשוועקים. די קראען זאלען ניט קענען שטיין אויף דעם דאך]:

פרק עשירי

א אמר. רבי אלעזר האט גיזאגט אז איינער טראגט אמשא מיט דיא האנט אין נאם העכער ווי צעהן טפחים פון די ערד. איז ער חייב. ווארום די בני קהת האבין אויך אזוי גיטראגין. פרעגט די גמרא פון וואנען ווייסען מיר אז די בני קהת האבען אויך אזוי גיטראגין. ווארום עס שטייט אין פסוק ארום דעם משכן אונ ארום דעם מזבח. גלייכען מיר דעם מזבח צו דעם משכן. אזוי ווי דער משכן איז גיוועזען הויך צעהן איילין. אזוי דער מזבח איז אויך גיוועזען הויך צעהן איילען. אונ פון וואנען ווייסען מיר אז דער משכן איז גיוועזען הויך צעהן איילען. ווארום עס שטייט אין פסוק צעהן איילען איז גיוועזען די לענג פון אברעט. אונ די לענג פון ווי ברעט

מנלן דכתיב (שמות כ) עשר אמות אורך הקרש וגו' וכתיב (שם מ) ויפרוש את האהל על המשכן ואמר רב משה רבינו פ"שו מכאן אתה למד גבהן של לוים י' אמות וגמירי דכל טונא דמידלי במוטות תלתא מלעיל ותרי תלתי מלתחת אשתכח דהוה מידלי טובא. ואי בעית אימא מארון דאמר מר ארון תשעה וכפרת טפח הרי כאן עשרה וגמירי דכל טונא דמידלי במוטות תלתא מלעיל ותרי תלתי מלרע אשתכח דלמעלה מעשרה הוה [קאי]:

ב אין השכינה שורה אלא על חכם גבור ועשיר ובעל קומה חכם דכתיב (משלי כא) עיר גבורים עלה חכם ויורד עוז מבטחה גבור ובעל קומה דאמר רב מרע"ה עשר אמות היתה קומתו שנאמר (שמות מ) ויפרוש את האהל על המשכן. עשיר דכתיב (שם לד) פסל לך משלך:

וקלעים ט"ו אמות: מכאן אתה למד. ודקא ס"ד דאפילו בתר הלוים נמי גביהי כמשה:. תלתא מלעיל. וכיון דמזבח י' אמות והוא נושא בכתף דכתיב ולבני קהת לא נתן עגלות והלוים י' אמות כי מדלי ליה תלתא מלמעלה מרחשיבן או מכתפא במלא גבוה מן הארץ קרוב לשלים של עשר אמות דהוי טובא טפי מי' טפחים: ואיבעית אימא. לא גביהי לוים ולא ממזבח גמרינן דשמא לוים לא גביהי אלא ז' אמות ואין מביא דמזבח גבוה מן הארץ אלא ב' או ג' טפחים ומארון גמר לה רבי אליעזר: אשתכח דלמעלה מעשרה קאי. סוכה אפילו אין גובהן של לוים אלא ג' אמות (כרוס) [כמוגו] הכי י"ח טפחים וארון אינו תלוי לאטה מכתפיהן אלא ד' טפחים וב' שליש טפח אשתכח דגבוה עשרה ויותר:

את

איז די הייך פון משכן. אונ עס שטייט אין פסוק ער האט פארשפרייט דעם געצעלט (די יריעות) אויף דעם משכן. אונ רב האט געזאגט אז משה רבינו האט זיי פאר שפרייט. ווארום משה רבינו איז געוועזן הויך צעהן איילען. פון דאנען לערנען מיר אז די הייך פון די לוים איז אויך געוועזן צעהן איילען. אונ מיר האבען געלערנט די משא וואס מען טראגט איהר מיט שטעקענס אויף דעם אקסיל. טראגט מען א דריטול איבער דעם אקסיל. אונ צוויי דריטול אונטער דעם אקסיל. (משל די רינגען פון מזבח וואו מען האט אריין געשטעקט דיא שטעקענס. זענען געוועזן צוויי דריטול הויך פון אונטען. דער מזבח איז געוועזן הויך צעהן איילען. איז געוועזן פון אויבען ביז צו די רינגען דריי איילען מיט א דריטול. אונ פון אונטען ביז צו די רינגען איז געוועזן זעקס איילען מיט צוויי דריטול). אונ אז דער לוי וואס איז געוועזן הויך צעהן איילען האט געטראגען דעם מזבח מיט שטעקענס אויף דעם אקסיל. איז דאך דער מזבח געוועזן הויך פון דיא ערד פיל העכער ווי צעהן טפחים. אונ אז דוא ווילסט וועל איך דיר זאגען מיר לערנען אפ פון ארון. ווארום מיר האבען געלערנט די הייך פון ארון איז געוועזן ניין טפחים אונ דיא גרעב פון כפרת איז געוועזן איין טפח. צו זאמען איז געוועזן הויך צעהן טפחים. אונ מיר האבען געלערנט דיא משא וואס מען טראגט איהר מיט שטעקענס אויף דעם אקסיל. טראגט מען א דריטול איבער דעם אקסיל. אונ צוויי דריטול אונטער דעם אקסיל. איז דאך דער ארון געטראגען געווארען העכער ווי צעהן טפחים פון די ערד:

ב אין. די שכינה רוהט ניט אויף קיין אנדער מענטש. נאר אויף אזעלכין וואס ער איז קלוג אונ שטארק אונ רייך אונ הויך. פון וואנען ווייסען מיר אז ער באדארף זיין קלוג. ווארום עס שטייט אין פסוק אין די שטאט פון גבורים איז ארויף גיגאנגען דער חכם אונ ער האט אראפ גענידערט דיא שטארקע פאר זיכערונג. דאס מיינט מען משה רבינו וואס ער איז געוועזן א חכם איז ער ארויף גיגאנגען אויף דעם הימעל וואס דאס איז א שטאט מיט שטארקע. (מיט מלאכים). אונ ער האט אראפ גענידערט די תורה. פון וואנען ווייסען מיר אז ער דארף זיין שטארק אונ הויך. ווארום רב האט גיזאגט משה רבינו איז הויך געוועזן צעהן איילען. ווארום עס שטייט אין פסוק ער האט פאר שפרייט דעם געצעלט (די יריעות) אויף דעם משכן. אונ דער משכן איז געוועזן הויך צעהן איילען. אונ אז משה אליין האט געקענט פאר שפרייטען די יריעות אויף דעם משכן. איז ער דאך געוועזן שטארק. אונ פון וואנען ווייסען מיר אז ער דארף זיין רייך אויך. ווארום עס שטייט אין פסוק גאט האט געזאגט צו משה פסל לך דוא זאלסט דיר אויס האקן

צוויי

(דף צ"ד) ג משנה את החי במטה פטור אף על המטה. גמרא. לימא מתניתין ר' נתן היא ולא רבנן דתניא] המוציא בהמה חיה ועוף לר"ה בין חיין בין שחוטין חייב. רבי נתן אומר על שחוטין חייב על חיין פטור שהחי נושא את עצמו. אמר רבה [רבא] אפי' תימא רבנן ע"כ לא פליגי רבנן עליה דרבי נתן אלא בבהמה חיה ועוף דמשרבטי נפשייהו אבל אדם חי דנושא את עצמו אפי' רבנן מודו:

ד אמר רבי יוחנן ומודה רבי נתן בכפות א"ל רב אדא בר מתנא לאביי והא הני פרסאי דכמאן דכפיתי דמו ואמר רבי יוחנן בן בתירא ורבי נתן אמרו דבר אחד התם רמות רוחא הוא דנקיט להו דההוא פרדשכא דרתח

דמשרבטי נפשייהו. משמטין לנפשי משא ומכבידין עצמם לבהמה מרד הנושאם:
בכפות. בין עוף בין אדם: בכמאן דכפיתי דמי. פרוכבין מעוטפין בבגדים רחבים וגם הם עצמם מעונגים מהלך על הארץ: ואמר רבי יוחנן בן בתירא ורבי נתן אמרו דבר אחד. והא אמרת מודה רבי נתן בכפות ואי משום דאוקמינן בסוס המיוחד לעופות משום רבנן אוקמינן דפליגי עליה ולמימר דאילו באדם בניהם מודים לפטור ואי בכפות מודה רבי נתן הכי מיתוקמא דבן בתירא כרבי נתן משום דהחי נושא את עצמו הא בן בתירא מתיר אפילו למכור לפרסיים דכמאן דכפיתי דמו דכל העובדי כוכבים קרי להו כך ושבר דכפיתי נושא את עצמו: רמות רוחא. גסות הוא דלא מסגי בכרעיה גסות הוא: פרדשכא. סרדיוט:

צוויי שטיינערנע טאוולען. צו וואס שטייט דער ווארט לך צו דיר. נאר גאט האט געמיינט אז די שטיינער זאל זיין משה'ס אייגענע. אונ אז משה האט געהאט אזעלכע צוויי טייערע שטיינער. איז ער דאך רייך געוועזן (ועיין נדרים דף לח):

ג משנה. אז אלעבעדיגער מענטש ליגט אין א בעט אונ מען טראגט ארויס אום שבת די בעט מיט דעם מענטש פון שטוב אין גאס. איז מען פטור אפילו אויף די בעט אויך. זאגט די גמרא וועלין מיר זאגין אז די משנה איז אזוי ווי רבי נתן ניט אזוי וויא די חכמים. ווארום מיר האבען געלערנט אז איינער טראגט ארויס פון שטוב אין גאס אום שבת א בהמה אדער א חיה אדער איין עוף סיי לעבעדיגע אונ סיי געשאכטענע איז ער חייב. רבי נתן זאגט אז ער טראגט ארויס געשאכטענע איז ער חייב. אונ אז ער טראגט ארויס לעבעדיגע איז ער פטור. ווארום דער לעבעדיגער טראגט זיך אליין. האט רבה געזאגט די משנה קען געלערנט ווערין אפילו ווי די רבנן: ווען קריגען די רבנן אויף רבי נתן נאר ביי א בהמה אדער ביי א חיה אדער ביי א עוף. ווייל זיי ווערפין זיך ארויס אויף דעם מענטשין אונ מאכען זיך שווער. אבער א מענטש א לעבעדיגער טראגט זיך אליין. אונ ער מאכט זיך גרינג אויף דעם מענטש וואס טראגט איהם. זענען דיא רבנן אויך מודה אז מען טראגט אום שבת א לעבעדיגען מענטש פון שטוב אין גאס איז מען פטור.

ד אמר. רבי יוחנן זאגט רבי נתן איז מודה אויב דער לעבעדיגער מענטש אדער איין בהמה אונ א חיה אונ א עוף לעבעדיגע. זענען געבונדען. אונ מען טראגט זיי אום שבת פון שטוב אין גאס איז מען חייב. האט רב אדא בר מתנא געזאגט צו אביי די מענטשין פון פרסיא ווען זיי רייטען אויף די פערד זענען זיי אזוי ווי געבונדין. ווייל זיי גייען פר וויקולט אין ברייטע קליידער. אונ רבי יוחנן האט געזאגט אז בן בתירה אונ רבי נתן האבין געזאגט איין זאך. זייא האלטין ביידע גלייך. בן בתירה האלט אזוי ווי רבי נתן אז א לעבעדיגער טראגט זיך אליין דריבער זאגט בן בתירא מען מעג פר קויפען א פערד צו א גוי. אונ מען האט ניט מורא טאמער וועט דער גוי רייטען אויף דעם פערד אום שבת טוהט דאך דיא בהמה א מלאכה אום שבת. ווארום א לעבעדיגער מאכט זיך גרינג. אונ בן בתירה זאגט אז אפילו צו א גוי פון פערסיא מעג מען אויך פאר קויפען א פערד. ווייל דער פערסיאנער מאכט זיך אויך גרינג אויף דעם פערד אפילו ער איז אזוי וויא געבונדען. אונ רבי נתן האלט דאך אויך אזוי וויא בן בתירה. ווארום זאגט דא רבי יוחנן אז ביי א געבונדענעם האלט רבי נתן אז מען איז חייב אז מען טראגט איהם ארויס אום שבת. האט אביי געענטפערט דער פערסיאנער איז גאר ניט ווי געבונדען. נאר וואס מיר זעהן ער גייט ניט אראפ פון פערד. איז ניט ווייל ער קען ניט אראפ גיין דורך דיינע קליידער. נאר ער וויל ניט גיין מיט דיא פיס ווייל ער איז גרויס ביי זיך. ווארום עס

ה"ר ואלא הא גמיר ג"ש . וא"כ לא כסתו התורה הא: לא במפורש ומפני ר' יהודה בן בתירה לא גמרה ואין אדם דן גזרה שוה מעצמו : ואלא. אבי יפרוך מהיכן הוא באיזה חטא מת דכתיב כי בחטאו מת : ממעפילים . ויעפילו לעלות וגומר

דרתח מלכא עלויה ורהיט תלתא פרסי בברעיה : (דף לג) הגודלת ופוקסת משום בונה וכי דרך בנין בכך אין כדדריש ר"ש בן מנסיא (בראשית ב) ויבן ה' אלהים את הצלע מלמד שקילעה הקב"ה לחוה והביאה אצל אדם שכן בכרכי הים קורין לקלעיתא בניתא :

הזורק פרק אחד עשר

(דף צו ע"ב) **א תנו** רבנן מקושש זה צלפחד וכן הוא אומר (במדבר טו) ויהיו בני ישראל במדבר וגו' ולהלן הוא אומר (שם כז) אבינו מת במדבר מה להלן צלפחד אף כאן צלפחד דברי רבי עקיבא אמר ליה רבי יהודה בן בתירא עקיבא בין כך ובין כך אתה עתיד ליתן את הדין אם כדבריך התורה כסתו ואתה מגלה אותו ואם לאו אתה מוציא לעז על אותו צדיק (דף מ) ואלא הא גמר גזירה שוה ג"ש לא גמיר אלא מהיכא הוה (שם יד) מויעפילו הוה כיוצא בדבר אתה אומר (שם יב) ויחר אף ה' בם וילך מלמד שאף

איז אמאהל געוועז דער מלך איז אין כעס געווארען אויף אעלצטין אונ האט איהם געהייסען אראפ ניין פון פערד . איז ער געלאפען אין די קליידער דריי מייל מיט די פיס . אבער דער מענטש וואס איז טאקי געבונדען . זיצט ער שווער אויף דעם וואס טראגט אים . אונ אז מען טראגט איהם ארויס פון שטוב אין גאס אום שבת . איז מען טאקי חייב :

ה גודלת ופוקסת . אז מען פלעכט די האר אום שבת . אדער מען צו טיילט די האר אום שבת . איין העלפט האר צו די רעכטע זייט אונ איין העלפט האר צו די לינקע זייט אונ אין מיטען א שרונד : איז מען חייב וויל מען באהט אום שבת . פרעגט די גמרא הייסט דען דס ניבאהט . ענפערט די גמרא יא . דס הייסט גיבאהט . אזוי ווי רבי שמעון בן מנסיא האט ניבדרשת . עס שטייט אין פסוק ויבן ה' אלהים את הצלע גאט האט גיבאהט די ריפ וואס ער האט גענומען פון אדם הראשון אונ האט געמאכט פון איר די ווייב חוה . דער פסוק לערונט אונז אז גאט האט פר פלאכטען די האר פון חוה אונ ער האט איר גיבראכט פר אדם הראשון . ווארום אין די שטעט פון ים רופט מען אויף פלעכטין באהען :

פרק אחד עשר

א תנו רבנן . די רבנן האבען גלערונט דער וואס האט געקליבען די האלץ אום שבת (אזוי וויא עס שטייט אין די סדרה שלח) דס איז געוועז צלפחד . אונ אזוי שטייט אין פסוק די יודען זענען געוועז אין דער מדבר . אונ דארט זאגט דער פסוק די סעכטער פון צלפחד האבען גזאגט אונזער פאטער איז געשטארבען אין דער מדבר . אזוי וויא דארט מיינט מען צלפחד . אזוי דא מיינט מען אויך צלפחד . אזוי זאגט רבי עקיבא . האט רבי יהודה בן בתירה גזאגט צו רבי עקיבא . עקיבא סיי אזוי אונ סיי אזוי ביסטו אן גיבריט צו געשטראפט ווערין . אויב עס איז וויא דיינע רייד אז דס איז צלפחד . האסטו ניט גידארפט זאגען . ווארום די תורה האט אים צו גידעקט אונ זאגט ניט ווער דס איז געוועז . אונ דוא דעקסט אויף . אונ דער ציילסט פאר אלע מענטשין אז דס איז געוועזן צלפחד . אונ אויב עס איז ניט ווי דוא זאגסט . דאס איז ניט צלפחד . ציהסט דו דאך אויס שלעכטע רייד אויף דעם צדיק . פרעגט די גמרא רבי עקיבא לערונט דאך א גזירה שוה . איז דאך גלייך וויא עס וואלט געשטאנען אין די תורה בפירוש אז דס איז געוועזן צלפחד . ענפערט די גמרא רבי יהודה בן בתירה האט ניט גילערונט די גזירה שוה פון זיין רבי . אונ אליין טאר מען ניט לערנען א גזירה שוה . פרעגט די גמרא וואס זאגט רבי יהודה . וואס איז געוועז דער זינד פון צלפחד וואס ער איז געשטארבען אין דער מדבר

שלא כרשע כל קך כמיגול ככח : הסגה מג׳מיוז. אקדם וההרפא : והנה ידו מצורעת . חיים לוקה בגופו : ויוציאה והנה ידו . אחר שהוציאה מצורעת

אף אהרן נצטרע דברי רבי עקיבא אמר ליה רבי יהודה בן בתירא עקיבא בין כך ובין כך אתה עתיד ליתן את הדין אם כדבריך התורה כסתו ואתה מגלה אותו ואם לאו אתה מוציא לעז על אותו צדיק. ואלא הא כתיב בם ההוא בנזיפה בעלמא. תניא כמאן דאמר אף אהרן נצטרע דכתיב ויפן אהרן אל מרים והנה מצורעת תנא שפנה מצרעתו. אמר ריש לקיש החושד בכשרים לוקה בגופו דכתיב (שמות ד) והן לא יאמינו לי וגו׳ וגליא קמיה דקב״ה דמהימני ישראל אמר אלו הן מאמינים בני מאמינים ואתה אין סופך להאמין הם מאמינים דכתיב ויאמן העם בני מאמינים (בראשית טו) והאמן בה׳ אתה אין סופך להאמין שנאמר (במדבר כ) יען לא האמנתם בי וגו׳ ממאי דלקה דכתיב (שמות ד) ויאמר ה׳ לו עוד הבא נא ידך בחיקך וגו׳. אמר רבא ואיתימא רבי יוסי ברבי חנינא מדה טובה ממהרת לבא ממדת פורענות דאילו במדת פורענות כתיב (שם) ויוציאה והנה ידו מצורעת כשלג ואילו במדה טובה כתיב (שם) ויוציאה מחיקו והנה שבה כבשרו

ענפערט די גמרא צלפחד איז גיוועזן פון די מענטשין וואס האבען זיך גישטארקט ארויף צוא גיין אויף דעם בארג (נאך די מעשה פון די מרגלים אזוי וויא עס שטייט אין די סדרה שלח · נאך אזוי אנגזייכען האבען מיר געלערנט. עס שטייט אין פסוק דער כעס פון גאט האט געברענט אין זיי אונ ער איז אוועק גיגאנגען. דער פסוק לערנט אונז אז אהרן איז אויך גיווארען מצורע (קרעציג) · אזוי זאגט רבי עקיבא. האט רבי יהודה בן בתירה גיזאגט צו רבי עקיבא. עקיבא סיי אזוי אונ סיי אזוי ביסטו אן גיברייט גישטראפט צו ווערין. אויב עס איז ווי דיינע רייד אז אהרן איז אויך מצורע גיווארען. האסטו ניט גיבארפט זאגען. ווארום די תורה האט איהם צו גידעקט אונ זאגט ניט אז אהרן איז מצורע גיווארען. אונ דוא דעקסט אויף. אונ דער ציילסט פאר אלע מענטשין אז אהרן איז מצורע גיווארען. אונ אויב עס איז ניט ווי דו זאגסט. אהרן איז ניט מצורע גיווארען. ציהסט דו דאך אויס שלעכטע רייד אויף דעם צדיק · פרעגט די גמרא עס שטייט דאך אין פסוק בם אין זיי. גאט איז אין כעס גיווארען אויף ביידע · אויף מרים אונ אהרן. איז דאך אזוי ווי רבי עקיבא. ענפערט די גמרא געשריגען האט גאט אויף ביידע, אבער מצורע איז נאר גיווארין מרים ניט אהרן. זאגט די גמרא מיר האבען גילערנט אזוי ווי דער וואס זאגט אז אהרן איז אויך גיווארען מצורע. ווארום עס שטייט אין פסוק אהרן האט זיך גיקערט צו מרים אונ זיא איז מצורע. מיר האבען גילערנט אזוי מיינט דער פסוק. אהרן האט זיך אפ גיקערט (גיהיילט גיווארען) פון זיין צרעת האט ער גיזעהן אז מרים איז גיווארען מצורע. ריש לקיש זאגט אז איינער איז חושד אפרומען מענטש. ווערט זיין גוף גישלאגען · ווארום עס שטייט אין פסוק משה רבינו האט גיזאגט אויף דיא יודען זייא וועלען מיר ניט גלויבען. אונ גאט האט געוואוסט אז די יודען וועלען יא גלויבען. האט גאט גיזאגט די יודען גלויבען. אונ זיי זענען קינדער פון אזעלכע מענטשין וואס גלויבען · דוא וועסט ניט גלויבען. דיא יודען גלויבען. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דם פאלק האט גיגלויבט. זיי זענען קינדער פון אזעלכע מענטשין וואס גלויבען. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אברהם אבינו האט גיגלויבט אין גאט. אבער דוא וועסט ניט גלויבען. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט האט גיזאגט צוא משה אונ אהרן. ווייל איר האט ניט גיגלויבט אין מיר. פון וואנען ווייסען מיר אז משה איז גישלאגען גיווארען ווייל ער האט גיזאגט דיא יודען וועלען ניט גלויבען. ווארום עס שטייט אין פסוק גאט האט גיזאגט צו משה ברייננ דיין האנט אין דיין שויס: איז די האנט גיווארן קרעציג. רבא האט גיזאגט אונ אנדערע זאגען רבי יוסי ברבי חנינא האט גיזאגט. אגוטע זאך קומט געשווינטער ווי אשלעכטע זאך. ביי די שלעכטע זאך (ווען די האנט פון משה האט גידארפט קרעציג ווערין) שטייט אין פסוק משה האט ארויס גענומען דיא האנט פון שויס: דער נאך אז

בבשרו מחיקו הוא (שם ז) שבה בבשרו (שם ז) ויבלע מטה אהרן את מטותם אמר רבי אלעזר נס בתוך נס:

(דף לז ע"ב) ב תניא רבי אומר דברים הדברים (שמות לה) אלה הדברים אלו ל"ט מלאכות שנאמרו למשה בסיני:

(דף לח) ג כתיב במשנה המושיט חייב והזורק פטור שכך היתה עבודת הלוים וכו' אגב זה מפרש בגמרא מעשה המשכן וכתוב בסוף מאמר זה נראין קרסין בלולאות ככוכבים ברקיע. (דף לט) ת"ר יריעות התחתונות של תכלת ושל ארגמן ושל תולעת שני ושל שש ועליונות של מעשה עזים וגדולה חכמה שנאמרה בעליונות יותר ממה שנאמרה בתחתונות דאילו בתחתונות כתיב (שמות לה) וכל אשה חכמת לב בידיה טוו ואילו בעליונות כתיב (שם) וכל הנשים אשר נשא לבן אותנה בחכמה טוו את העזים ותניא משום רבי נחמיה שטוף בעזים וטוו מן העזים:

תניא

בבלע זומתה פונה כתיב מחיקו וכמה שבה: מם צעוק נם. לאחר שחזר ונעשה מטה בלעו ולא כשבולת הנין דלא כתיב ויבלע תנין אהרן:

דברים הדברים אלה הדברים. גבי שבת כתיב ויקהל אלה הדברים אשר צוה וגו' דברים משמע תרין ה"א מרבי חד הא תלת אלה בגמטרי' תלתין והם אלו ל"ט וכו':

נראין קרסין בלולאות. שהי מחברות היו היריעות כל אחת ואחת ה' יריעות תפורות זו עם זו ונותן על פני כל הרכן ובאמצע היה מחבר בקרסים מחברת עם מחברת שהיו (לו) לולאות בשפת היריעה של כל מחברת באמצע גג המשכן אלו כנגד אלו (כדכתיב) מקבילות הלולאות וגו': גבה לב. יתירות בחכמה משמע:

זיא גיוואָרען גרעסער ווייס וויא שניי. אונ ביי דיא גוטע זאך ווען דיא האנט האט גיבארפט גיהיילט ווערין שטייט אין פסוק. ער האט ארויס גענומען די האנט פון שוים אונ זי איז גיוואָרין ריין אזוי וויא זיין לייב. פון שוים ארויס גענומען איז זיא שוין ריין גיוואָרען. אין פסוק שטייט דער שטעקין פון אהרן האט איין געשלונגען זייערע שטעקינס. האט רבי אלעזר גיזאגט דאָ איז גיווען אנס אין אנס. אז אשלאנג וואלט איין גישלונגען דיא אלע שלאנגען. וואלט דאך אויך גיווען אנס. אונ אז אשטעקין האט איין גישלונגען שטעקינס איז דאך אגרעסערער נס:

ב תניא. מיר האבען גילערנט רבי זאגט אז אין דיא תורה וואלט גישטאנען דברים וואלט מען מיינען צוויי זאכען. אז עס שטייט הדברים. מיט אה. מיינט מען נאך איינס. איז דריי זאכין. אז עס שטייט אלה הדברים. דער ווארט אלה בטרעפט זעקס אונ דרייסיג. זעקס אונ דרייסיג אונ דרייא. איז ניין אונ דרייסיג. דאס זענען די ניין אונ דרייסיג מלאכות וואס איז גיזאגט גיוואָרין צוא משה אויף דעם בארג סיני אז מען טאר זייא ניט טאהן אום שבת:

ג תנו רבנן. די רבנן האבין גילערנט דיא אונטערשטע יריעות וואס זענען גיווען אין משכן זענען גיווען פון תכלת אונ פון ארגמן אונ פון תולעת שני אונ פון שש. אונ דיא אויבערשטע יריעות זענען גיווען פון האר פון ציגען. אונ די חכמה וואס איז גיזאגט גיוואָרין ביי די אויבערשטע יריעות. איז גיווען גרעסער וויא די חכמה וואס איז גיזאגט גיוואָרין ביי די אונטערשטע יריעות. ווארום ביי די אונטערשטע יריעות שטייט אין פסוק אלע קלוגע ווייבער האבין גישפונען מיט זייערע הענט. אונ ביי די אויבערשטע יריעות שטייט אין פסוק אלע ווייבער וואס זייער הארץ איז גיווען דער הויבין מיט חכמה וואס זענען גיווען די גרעכטע חכמות צו די ארבעט האבין זיי גישפונען די האר פון ציגען. אונ מיר האבין גילערנט פון רבי נחמיה ווען מען האט גיוואשין די האר ווען זיי זענען נאך גיווען בהעפט צו די ציגען. אונ מען האט זיי גישפונען פון די ציגען:

הבונה פרק שנים עשר

(דף קג) **א תניא** ר"י בן בתירא אומר נאמר בשני ונסכיהם בששי ונסכיה בשביעי כמשפטם הרי מ"ם יו"ד מ"ם מים מכאן רמז לניסוך מים מן התורה :

(ע"ב) **ב הנני** צריך לכתוב קצת לשון סוגית הגמרא לכתיבת מאמרים רשומים וז"ל . ומדפתות ועשאו סתום כשר סתום נמי ועשאו פתוח כשר מי דמי פתוח ועשאו סתום (דף קד) עלויי קמעלי ליה דאמר רב חסדא מ"ם וסמ"ך שבלוחות בנס היו עומדים אלא סתום ועשאו פתוח גרועי קא מגרע ליה דאמר רבי ירמיה ואי תימא רבי חייא בר אבא מנצפ"ך צופים אמרום ותסברא והא כתיב (במדבר לו) אלה המצות שאין נביא רשאי לחדש דבר מעתה . אלא מיהוה הוה מידע לא הוה ידעינן הי באמצע תיבה והי בסוף תיבה ואתו צופים תקנינהו . ואכתי אלה המצות

מכאן רמז כו' . כלומר מ"ם דנסכיהם דריש ליה בפתוחה (ב"מ) דפתוח ועשאו סתום כשר : ומדפתוח ועשאו סתום כשר . הוא הדין נמי סתום ועשאו פתוח . כגון שם משמעון וכשר להפקיים במקום שם . וזה היוכר בגמרא לענין שבת הכותב שם קטן משם גדול כגון שם משמעון : עלויי קא מעלי ליה . שהיא מ"ם סתומה כלומר אבל מ"ם פתוחה לא היתה בלוחות כדמפרש : מנצפ"ך צפים אמרום . וכיון דאמר רב חסדא מ"ם וסמ"ך בבלוחות בנס היו עומדים לא אפשר לאוקמיה אלא בסתומה דוקא והכתב היה נראה משני עבריהם היה לה ליפול אם לא שבנס היה עומד אבל פתוחה אין בה נס ע"כ מנצפ"ך דרבי ירמיה דאמר צופים אמרום בפתוחות קאמר : יש שמקשים קושיא זו על קושיא דאמרינן במגילה דרמי' הא דרבי ירמיה אהא דרב חסדא אלמא תרוייהו בסתומות . ואין זו קושיא שכן דרך הגמרא האקשה מהפך כאן הסברא כדי שיקשה ובמקום אחר מהפכינן לפי הקושיא ואי הוה בעיא התם לתרוצי כי איתמר דרב חסדא בסתומים ודרבי ירמיה בפתוחין הוה מתרץ ליה אלא תירוצא מעליא אמי ליה התם והכא נמי : מיהוה הוה . תרוייהו ולא ידעי הי באמצע תיבה וכו' : ונקרא מבחוץ . כאותיות הפוכות והתיבה הפוכה ולא משמעינן אלא שהיה סתום נוקב את כל הלוח ולפיכך היה מ"ם וסמ"ך

פרק שנים עשר

א תַּנְיָא . מיר האָבען גילערונט רַבִּי יְהוּדָה בֶּן בְּתֵירָה זאָגט בַּיי דעם אַנדערין טאָג סוּכּוֹת שטייט וְנִסְכֵּיהֶם . איז די מ״ם איבעריג . בַּיי דעם זעקסטין טאָג סוכות שטייט וּנְסָכֶיהָ . איז די יוּ״ד איבעריג . בַּיי דעם זיבעטין טאָג סוכות שטייט כְּמִשְׁפָּטָם . איז אויך די מ״ם איבעריג . איז דא איבעריגע מ י ם . דס מאכט מַיִם . פון דאנען ווייסען מיר אַז מען דארף גיסען וואסער אויף דעם מִזְבֵּחַ אום סוכות ; זאָגט די גְמָרָא אַז מען האט גידארפט מאכין איין אָפענע מ . און מען האט גימאכט אפרמאכטע ם איז כָּשֵׁר ומַיִם דארף דאך זיין די ערשטע ם אָפענע . און אין די תּוֹרָה שטייט אפרמאכטע ם . וואָרום די ם פון וְנִסְכֵּיהֶם איז דאך אפרמאכטע ם ; און עס איז כָּשֵׁר) . ווייסען מיר אַז מען האט גידארפט מאכען אפרמאכטע ם און מען האט גימאכט אָפענע מ איז אויך כָּשֵׁר . פרעגט די גְמָרָא עס איז דאך ניט גלייך איינס צו דאס אנדערע . אַז מען האט גידארפט מאכען אָפענע מ און מען האט גימאכט אפרמאכטע ם . האט מען נאך בעסער גימאכט . וואָרום רב חִסְדָּא האט גיזאגט דער פרמאכטער ם און דער ס וואס איז גיוועזען אין די לוחות זענען גיוועזען דורך אַנֵס (וואָרום אפרמאכטע ם און א ס זענען דאך ארום געשניטען פון אלע פיר זייטען . וויא אזוי האט זיך גיהאלטען די מיטעלסטע שטיק . געווים דורך אַנֵס) . אָבער אַז ער האט גידארפט מאכען אפרמאכטע ם און ער האט גימאכט אָפענע מ ; האט ער דאך נאך ערגער גימאכט . וואָרום רַבִּי יִרְמְיָה און אַנדערע זאָגין רַבִּי חִיָּיא בַּר אַבָּא האט גיזאגט די פינף אותיות מ נ צ פ ך האבען די נביאים גיזאגט . ואון אָפענע מ איז גאר ניט גיוועזען אין די לוחות) ; פרעגט די גְמָרָא ווי פרשטייסטו אַז די נביאים האבען אונז גילערונט די פינף אותיות ; עס שטייט דאך אין פסוק אֵלֶּה הַמִּצְוֹת דס זענען די מִצְוֹת . און אַנָבִיא טאָר ניט מאכען קיין נייע זאך . נאר די פינף אותיות זענען אויך גיוועזען פון נאָך . נאר מען האט ניט געוואוסט וועלכען מען זאל שטעלען אין מיטען ואָדער אין אָנהייבּ ווארט . און וועלכען מען זאל שטעלען אין סוף ווארט . זענען גיקומען די נביאים און האבען גיזאגט . פרעגט די גְמָרָא איז דאך ווייטער די קַשְׁיָא אין פסוק שטייט דאך אֵלֶּה הַמִּצְוֹת דס זענען די מִצְוֹת . און

המצות שאין נביא רשאי לחדש דבר מעתה אלא שכחום וחזרו ויסדום. גופא אמר רב חסדא מ"ם וסמ"ך וכו' ואמר רב חסדא כתב שבלוחות נקרא מבפנים ונקרא מבחוץ כגון נבוב בובן. רהב בהר. סרו ורס. אמרי ליה רבנן לרבי יהושע בן לוי אתו דרדקי האידנא לבי מדרשא ואמרו מילי דאפילו בימי יהושע בן נון לא אתמר כוותייהו. אלף בית אלף בינה גימל דלת גמול דלים. מאי טעמא פשיט כרעיה דגימל לגבי דלת. שכן דרכו של גומל חסדים לרוץ אחרי דלים. ומאי טעמא פשיט כרעיה דדלת לגבי גימל. דלימצי' ליה נפשיה (ולא לצטערן). ומ"ט מהדר אפיה דדלת מגימל. דליתן ליה בצנעא כי היכי דלא ליכסוף מיניה. ה"ו זה שמו של הקב"ה. ז"ח ט"י כ"ל אם אתה עושה כן הקב"ה זן אותך וחן אותך ומטיב לך ונותן לך ירושה וקושר לך כתר לעה"ב. מ"ם פתוחה מ"ם סתומה. מאמר פתוח מאמר סתום. נון כפופה נון פשוטה. נאמן כפוף נאמן פשוט. סמ"ך עיי"ן סמוך עניים לשון אחר סימנין עשה בתורה וקנה אותה פ"א כפופה פ"א פשוטה. פי פתוח פי סתום. צד"י כפופה וצד"י פשוטה צדיק כפוף

נ"ם: נבוב בסר סכו. לא סיו בלוחות אלא תיבות בעלמא נקט: אל"ף בינה. למד תורה: מ"ט פשיט כרעיה דגימ"ל לגבי דל"ת. ולא לגבי בי"ת: מ"ט פשיט פרעיה דדל"ת לגבי גימ"ל. ולא לגבי ה"א במושכת קלת לגד גימ"ל: דלימליה. עמי לנפשיה ולא יטריחנו לבעל הבית לרוץ אחריו: ה"ו. כמו אני והו שמות הם: ומטיב לך. היינו ט"ת: ירושה. היינו יו"ד: כתר. היינו כ': לע לז הבא. היינו למ"ד: מאמר סתום מאמר פתוח. יש דברים שניתן רשות לדורשן ויש שאסור מלווה לסותמן כגון מעשה מרכבה: נאמן כפוף. אדם כשר צריך להיות כפוף ועניו וכותו להיות פשוט וזקוף לעולם הבא: סימנין. של סדר משניות דהגה או תמורת בגירסא דלא תשכח אחת מהן כגון אלו שבתלמוד: פה פתוח. בשעת כשנכנסים פול: פה סתום. בשעת

אַנָבִיא טָאר נִיט מַאכֶען קֵיין נַייֶע זַאךְ. נָאר אַזוֹי אִיז גִיוֶועְן. מֶען הָאט דָס אוֹיךְ גֶעוואוּסְט וֶועלְכֶער מֶם עֶס דַארְף זַיין אִין אָנְהֵייבּ אוּנ אִין מִיטֶען וָוארְט; אוּנ וֶועלְכֶער מֶם עֶס דַארְף זַיין אִין סוֹף וָוארְט; נָאר מֶען הָאט פַאר גֶעסֶען. זֶענֶען גֶעקוּמֶען דִיא נְבִיאִים אוּנ הָאבֶּען אוּנְז דֶער מָאנְט. נָאךְ הָאט רַב חִסְדָא גִזָאגְט דָס גֶעשְׁרִיפְט פוּן דִיא לוּחוֹת הָאט מֶען גִיקֶענְט לֵייעֶנֶען פוּן אִינְוֶוייניג אוּנ פוּן אוֹיס וֶוייניג; נָאר פוּן אֵיין זַייט הָאט מֶען גִילֵייעֶנְט פַר קֶערְט וִוי פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט. לְמָשָׁל אַז פוּן אֵיין זַייט הָאט מֶען גִילֵייעֶנְט נְבוּב. הָאט מֶען פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט גִילֵייעֶנְט בּוּבָן. רַהַב. הָאט מֶען גִילֵייעֶנְט בְּהַר. סָרוּ. הָאט מֶען גִילֵייעֶנְט וָרָס; דִי רַבָּנָן הָאבֶּען גְזָאגְט צוּ רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען אִיצְט גֶעקוּמֶען אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ אוּנ הָאבֶּען גְזָאגְט אַזֶעלְכֶע זַאכֶען וָואס אֲפִילוּ אִין דִיא צֵייטֶען פוּן יְהוֹשֻׁעַ בִּן נוּן אִיז נִיט גִילֶערְנְט גִיוָוארֶען וִויא דִיא קִינְדֶער הָאבֶּען גְזָאגְט. זֵייא הָאבֶּען אַזוֹי גִיזָאגְט אַלֶף בֵּית אִיז טַייטְשׁ אֱלַף בִּינָה. לֶערְין פַר שְׁטַאנְד. לֶערְין תּוֹרָה. גִימֶל דַלֶת אִיז טַייטְשׁ גְמוֹל דַלִים טוּה טוֹבוֹת צוּ אָרֶעמֶע מֶענְטְשֶׁין; פַר וָוס אִיז דִי פוּס פוּן ג גִצוֹיגֶן צוּם ד. וַוייל דֶער שְׁטַייגֶער פוּן דִי גוּטֶע מֶענְטְשִׁין אִיז צוּ לוֹיפֶען צוּ דִי אָרֶעמֶע לַייט עֶר זָאל זֵיי טָאהְן טוֹבוֹת; פַר וָואס אִיז דִיא פוּס פוּן דלת גִיצוֹיגֶן צוּ דִי גִימל. דֶער אָרֶעמַאן זָאל קוּמֶען צוּם רַייכִין נֶעמֶען זַיין צְדָקָה. אוּנ עֶר זָאל נִיט מַטְרִיחַ זַיין דֶעם רַייכִין עֶר זָאל אִים דַארְפִין גֵיין זוּכֶען. אוּנ פַאר וָואס אִיז דֶער פָּנִים פוּן דלת אַוֶועק גִיקֶערְט פוּן דִי גִימל. דֶער רַייכֶער זָאל גֶעבִּין דֶעם אָרֶעמַען זַיין צְדָקָה אִין דֶער שְׁטִיל. עֶס זָאל קֵיינֶער נִיט וִויסֶען. דֶער אָרֶעמַאן זָאל נִיט פַרְשֶׁעמְט וֶוערִין. ה' ו' אִיז דֶער נָאמֶען פוּן גָאט. ז ח ט י כ ל. דִי זֶעכְס אוֹתִיוֹת מֵיינְט מֶען אַזוֹי; אַז דוּ וֶועסְט אַזוֹי טָאהְן וּדוּ וֶועסְט לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּנ גֶעבִּין צְדָקָה. וֶועט דִיךְ גָאט שְׁפֵּייזִין. אוּנ וֶועט דִיר גֶעבִּין חֵן. אוּנ וֶועט דִיר טָאהְן גוּטֶס; אוּנ וֶועט דִיר גֶעבִּין יְרוּשָׁה. אוּנ וֶועט דִיר מַאכִין אַקְרוֹין צוּ עוֹלָם הַבָּא וֶוער ז מַאכְט זָן. דֶער ח מַאכְט חֵן. דֶער ט מַאכְט טוֹבוֹת. דֶער י מַאכְט יְרוּשָׁה. דֶער כ מַאכְט כֶּתֶר. דֶער ל מַאכְט לְעוֹלָם הַבָּא. פַר וָואס שְׁטֵייט אַאָפֶענֶע מ"ם אוּנ אַפַארְמַאכְטֶע מ"ם. דֶער אָפֶענֶער מ"ם מַאכְט מַאמַר פָּתוּחַ אַאָפֶענֶע זָאג. וָוס אַלֶע מֶענְטְשִׁין מֶעגִין דָאס לֶערְנֶען; דֶער פַרְמַאכְטֶער מ"ם מַאכְט מַאמַר סָתוּם אַפַארְמַאכְטֶע זָאג. וָוס נִיט אַלֶע מֶענְטְשִׁין מֶעגִין דָאס לֶערְנֶען. פַר וָוס שְׁטֵייט אַאַיינְגֶעבּוֹיגֶענֶער נוּן אוּנ אַגְלַייכֶער נוּן. דֶער אַיינְגִיבּוֹיגֶענֶער נוּן

בפוף צדיק פשוט היינו נאמן כפוף פש"ט הוסיף לך הכתוב כפיפה על כפיפתי מכאן שנתנה התורה במנוד ראש. קו"ף קדוש רי"ש רשע מאי טעמא מהדר אפיה דקו"ף מרי"ש שאמר הקב"ה אין אני יכול להסתכל ברשע ומאי טעמא מהדר תגיה דקוף לגבי ריש אמר הקב"ה אם חוזר בו אני קושר לו כתר כמותי. ומ"ט כרעיה דקו"ף תלויה אי הדר ביה ליעול. וליעול בהך. מסייע ליה לריש לקיש דאמר ריש לקיש מאי דכתיב (משלי ג) אם ללצים הוא יליץ ולענוים יתן חן בא ליטמא פותחין לו בא ליטהר מסייעין אותו. שי"ן שקר תי"ו אמת מאי טעמא שקר מקרבן מיליה אמת מרחקא מיליה. שקרא שכיח קושטא לא שכיח. ומ"ט שקרא

במצורין כגם אם יש גדול ממך: כמנוד ראש. ברתת ובעיה יתירה: מ"ט מהדר אפיה דקו"ף מרי"ש. ליפנא מעליא הוא שאחוריו של רי"ש לגבי קו"ף שאין הקב"ה רוצה להסתכל בפני רשע: תגא דקו"ף. כמין זיי"ן שעושין בגופו של גג קו"ף: כרעיה דקו"ף תלויה. שאינה נדבקה עם הגג: ליעול בהך. יקף תחת רגלו של קו"ף ויכנס בפתח של ימין: מסייעין אותו. ומכינים לו פתח: הוא יליץ. מעצמו יליץ לא יסייעוהו ולא ימנעוהו ולא לענוים ולמדה טובה הוא נמשך: יתן חן. יסייעוהו מן השמים: מקרבן מליה. אותיותיו קרובות שלשתן קרובות בסדרן של אל"ף בי"ת: אמת מרחק

ווייזט אז א בגלויבטער מענטש א צדיק. דארף זיין איינגעבויגען. אונ נידעריג ביי זיך. אונ דער גלייכער נון ווייזט אז דער סוף זיינער וועט זיין גלייך אונ אויף געשטעלט אונ גרוים אויף עולם הבא. סמ"ך עיי"ן מאכט סמוך עניים. לענד אונטער אונ העלף די ארעמע לייט. אדער סמ"ך עיי"ן מאכט סימנין עשה. דו זאלסט דיר מאכין צייכונס אין די תורה ווען איר קויפין. וועסטו איר ניט פארגעסין (אזעלכע סימנים וויא אין די גמרא שטייטן). פר וואס שטייט א איינגעבויגענער פ. אונ א גלייכער ף. דאס לערענט אונז אז די מויל זאל זיין א מאהל אפין. אונ א מאהל פר מאכט. צו תורה לערנען אונ דאווענען זאל זיין די מויל אפין. אונ דיין מויל זאל זיין פארמאכט ניט צו ריידין שלעכטע רייד. פר וואס שטייט א איינגעבויגענער צ אונ א גלייכער ץ. דער איינגעבויגענער צ ווייזט אז א צדיק דארף זיין איינגעבויגין. אונ נידעריג בייא זיך. אונ דער גלייכער ץ ווייזט אז דער סוף זיינער וועט זיין גלייך אונ אויף געשטעלט אונ גרוים אויף עולם הבא. פרעגט די גמרא איז דאך דאס די זעלביגע וואס פריער שטייט ביי נאמן כפוף אונ נאמן פשוט. ענטפערט די גמרא דער פסוק האט גימערט צו זאגין ער זאל זיין נאך מער איינגעבויגין וויא ער איז געוועןאיינגעבויגין. פון דאנען ווייסין מיר אז די תורה איז געגעבין געווארין צו דעם וואס האט א איינגעבויגענעם קאפ. אונ וואס נידעריגער דער מענטש איז ביי זיך איז ער מער זוכה צו די תורה. קוף מאכט קדוש. רי"ש מאכט רשע. פר וואס איז דער פנים פון קוף אוועק געקערט פון די רי"ש. ווייל גאט זאגט איך קען ניט קוקען אויף דעם רשע. אונ פאר וואס קערט זיך די קריין פון קוף צו די רי"ש. ווייל גאט זאגט אויב דער רשע וועט חרטה האבין פון זיינע שלעכטע מעשים. וועל איך אים מאכין אקרוין אזוי וויא איך האב. אונ פר וואס איינגט די פוס פון קוף. וויא איז ניט בהעפט ביז ארויף. צו זאגין אויב דער רשע וועט חרטה האבין אונ וועט תשובה טאהן זאל ער אריין גיין דורך דער זייט. פון הויבען. פון דאנען איז א ראיה (אבעווייזונג) צו ריש לקיש. וואס ריש לקיש האט גזאגט וואס מיינט דער פסוק אם ללצים הוא יליץ ולענוים יתן חן. אויב דער מענטש וויל גיין צו די רשעים לאזט מען איהם גיין. מען העלפט איהם ניט. אונ מען פאר מיידט איהם ניט. אונ אויב א מענטש וויל גיין מיט פרומע. העלפט מען איהם פרום צו זיין. דס מיינט מען אז דער מענטש וויל טמא ווערין עפינט מען איהם: מען לאזט איהם טמא ווערין. אונ אז א מענטש וויל ריין ווערין פון זיינע עבירות. העלפט מען איהם ריין צו ווערין. ש מאכט שקר. ת מאכט אמת. פאר וואס זענען דיא דריי אותיות פון שקר נאנט איינע צו די אנדערע קרש. אונ דיא דריי אותיות פון אמת זענען וייט איינע פון די אנדערע. דער א איז אין אנהייב אלף בית. דער ם איז אין מיטען אלף בית. דער ת איז אין סוף אלף בית. ווייל פאלשקייט איז נאנט צוא בעקומען אונ אמת איז וייט צו בעקומען. פר וואס דיא אותיות שקר שטייט יעדער אות אויף

שקרא אחרא כרעיה קאי ואמת מלבן לבוני קושטא קאי שקרא לא קאי. א"ת ב"ש אותי תעב אתאוה לו. ב"ש בי לא חשק שכי יחול עליו. ג"ר גופו טימא ארחם עליו. ד"ק דלתותי נעל קרנוהי לא אגרע. ע"כ מדת רשעים אבל מדת צדיקים א"ת ב"ש אם אתה בוש ג"ר ד"ק ה"ץ ו"ף אם אתה עושה כן גור בדוק חציצה הוי בינך לבין אף. ז"ע ח"ס ט"ן ואין אתה כזדעזע מן השטן. י"ם כ"ל אמר שר של גיהנם לפני הקב"ה רבש"ע לים כל אמר הקב"ה אח"ס בט"ע גי"ף אני חס עליהם מפני שבעטו בגי"ף. דכ"ץ דכים הם כנים הם צדיקים הם. הל"ק אין לך חלק בהם. ומר"ז ש"ת אמר גיהנם לפניו רבש"ע מרי זניני מזרעו של שת. א"ל א"ל ב"ם ג"ן ד"ס. להיכן אוליכם לגן הדם. ה"ע ו"ף אמר גיהנם לפני הקב"ה רבש"ע עיף אנכי. ז"ץ ח"ק הללו זרעו של יצחק. ט"ר י"ש כ"ת ט"ר יש לי כתות כתות של עובדי כוכבים שאני נותן

תליב. או בתחלת אל"ף בי"ת וזו באמצע וזו בסוף: ושד כרעא. כל אות ואות שבו עומדת על רגל אחד: אמת מלבן לבוני. מושכבין תחת [התחתיהן] אותיותיו כמין לבנה דאל"ף הרי יש לה שתי רגלים ומושכב: טוב ורגל בשני רתב: אתאוה לו. בהמיה וכן בוגם: ע"כ מדת הרשעים. כן באה מדת אגל רשעים: אם אתה בוש. מגלחפות: ג"ר ד"ק גור בדוק. נשכך תשא לזורה תחת כשהי הוק במים: י"ם כ"ל. גיהנם קרוי ים כל לפי שרחב כולפים שם אמר שר של גיהנם ליס שלי תן לה כל העולם ואפי' ישראל: אח"ס בט"ע גי"ף. אמפא ביתא סוף אגל א"ת ב"ש ג"ר ד"ק וכולן סדורות בספר יצירה: אני חום עליהם על שבעטו בגיף. בניאוף: דכ"ן. נוטריקון דכים בנים צדיקים: אין לך. גיהנם: חלק בהם. בישראל: ומר"ז ש"ת אמר שר של גיהנם וזני מן זרעו של שת. כל העובדי כוכבים וישראל: א"ל ב"ם ג"ן ד"ס. אמר הקב"ה לא יהיה לך חלק בהם: אוליכם לגן הדם. לגן עדן: ה"ע ו"ף אמר גיהנם בשני שיף. כרעב: ז"ן ח"ק הללו זרעו של יצחק הם. ונא אתנם לך: ט"ר י"ש כ"ת. בעור לי

איין פוס. אונ אויף אשפיציגען פוס. דער ש איז אונטען שפיציג. דער ר איז אונטען שפיציג דער קוף איז אונטען שפיציג. אונ די אותיות אמת זיצען אויף שטארקע פיס אזוי וויא מען מאהערט מיט ציגעל: דער א האט אונטען צוויי פיס. דער מם האט אונטען אברייטען פוס. דער ת האט אונטען צוויי פיס. ווייל אמת שטייט אויף אייביג. אונ פאלשקייט קען ניט שטיין. דער אלף בית א"ת ב"ש מאכט אזוי. דער א"ת מאכט אותי תעב גאט זאגט מיך האט ער פאר מיאוסט. זאל איך גלוסטען צו איהם. דער ב"ש מאכט בי לא חשק ער גלוסט ניט צוא מיר שכי יחול עליו זאל מיין נאמען רוהען אויף איהם. דער ג"ר מאכט: גופו טימא ארחם עליו אז ער האט זיין גוף מטמא געוועזן זאל איך אויף אים רחמנות האבען. דער ד"ק מאכט. דלתותי נעל קרנוהי לא אגדע. אז ער האט מיינע טירען פאר שלאסען. זאל איך ניט פאר שניידען זיינע שטארקייט: אזוי ווערט געלייענט פאר רשעים. פאר צדיקים ווערט אנדערש גילייענט. א"ת ב"ש מאכט אם אתה בוש. אויב דוא שעמסט דיך פר גאט צו זינדיגען. ג"ר ד"ק מאכט. גור בדוק וועסטו וואוהנען אין הימעל. ה"ץ ו"ף מאכט. חציצה הוי בינך לבין אף: אפאר שיידלונג וועט זיין צווישען דיר אונ דעם כעס. דער כעס פון גאט וועט ניט צו קומען צו דיר. ז"ע ח"ס ט"ן מאכט. ואין אתה מזדעזע מן השטן דוא וועסט ניט ציטערין פאר דעם שטן. י"ם כ"ל מאכט. דער שר פון גיהנם האט גזאגט פאר גאט רבונו של עולם גיב אלץ אין מיין ים. אפילו יודען אויך אין מיין גיהנם וואס ער איז אזוי וויא אים. רט גאט גזאגט אח"ס בט"ע גיף. אני חס עליהם מפני שבעטו בגיף איך וועל אויף זייא רחמנות האבען ווייל זייא האבען ניט גיוואלט מזנה זיין. דכ"ץ מאכט דכים הם כנים הם צדיקים הם. זייא זענען ריין. אונ זיי זענען גירעכט. אונ זייא זענען צדיקים. הל"ק מאכט אין לך חלק בהם. גאט זאגט צום גיהנם דוא האסט ניט קיין חלק אין די יודען. מרז"ן ש"ת מאכט. דער גיהנם זאגט פר גאט רבונו של עולם מרי זניני מזרעו של שית מיין האר שפייז מיך פון דיא קינדער פון שת: דאס מיינט מען פון אלע מענשין. פון יודען אונ אלע פעלקער. האט גאט גזאגט צום גיהנם א"ל ב"ם ג"ן ד"ס. דוא האסט ניט קיין חלק אין דיא יודען. איך וועל זייא פירען אין גן עדן. ה"ע ו"ף מאכט. דער גיהנם האט גזאגט פאר גאט רבונו של עולם איך בין מיד פון הונגער. האט גאט גזאגט צו אים. ז"ץ ח"ק. דס זענען דיא קינדער פון יצחק. זייא וועל איך דיר ניט געבין: נאך האט גאט גזאגט צום גיהנם ט"ר י"ש כ"ת. ווארט איך האב פיל שטערין דינערס איך וועל זייא דיר

נותן לך: (דף קה) אמר רבי (יהודה) יוחנן משום רבי יוסי בן זמרא מנין ללשון נוטריקון מן התורה שנאמר (בראשית יז) כי אב המון גוים נתתיך אב נתתיך לעובדי כוכבים בחור נתתיך בעובדי כוכבים המו' חביב נתתיך בעובדי כוכבים מלך נתתיך לעובדי כוכבים ותיק נתתיך בעובדי כוכבים נאמן נהתיך לעובדי כוכבים רבי יוחנן דידיה אמר אנכי נוטריקון אנא נפשי כתבית יהבית רבנן אמרי אמירה נעימה כתיבה יהיבה איכא דאמרי אנכי למפרע יהיבה כתיבה נאמנין אמריה. דבי רבי נתן אמרי (במדבר כב) כי ירט הדרך לנגדי יראה ראתה נטתה דבי רבי ישמעאל תנא (ויקרא ב) כרמל כר מלא רב אחא בר יעקב אמר (מלכים א ב) קללה נמרצת נוטריקון נואף הוא מואבי הוא רוצח הוא צורר הוא תועבה הוא רב נחמן בר יצחק אמר (בראשית מד) מה נדבר ומה נצטדק נכונים אנחנו צדיקים אנחנו טהורים אנחנו דכים אנחנו קדושים אנחנו:

ותיק. יש לי כתות אחרות: מלך נתתיך. כתות אנשים אחד: אנכי. מדלא אמר אני: הגא כתבי. הני נעימי. אמירה. שהיא נעימה: כרמל. גבי מנחת העומר כתיב גרש כרמל שמביאה כשהיא לחה כעוד בהזרע נפוה והכי של קן מלא סימנו:

תניא

געבין. רבי יוחנן האט געזאגט פון רבי יוסי בן זמרא וועגן פון וואנען ווייסען מיר אז אין די תורה דרשת מען פון איין ווארט עטליכע ווערטער: יעדער אות זאל זיין א ווארט. ווארום עס שטייט אין פסוק גאט האט געזאגט צו אברהם כי אב המון גוים נתתיך. דער ווארט א"ב איז צוויי ווערטער. דער א מאכט אב נתתיך לעובדי כוכבים איך האב דיך געגעבן צוא א פאטער צו אלע פעלקער. דער ב מאכט בחור נתתיך בעובדי כוכבים איך האב דיך געגעבן דער בעסטער פון אלע פעלקער. דער ווארט המון מאכט חביב נתתיך בעכו"ם איך האב דיך ליב געמאכט ביי אלע פעלקער (א ה' אונ א ח' ווערין פאר טאהשט). דער מ מאכט מלך נתתיך לעובדי כוכבים איך האב דיך געמאכט פאר א מלך צו אלע פעלקער. דער ו מאכט ותיק נתתיך בעכו"ם. איך האב דיך געמאכט דער פרומסטער פון אלע פעלקער. דער נ מאכט נאמן נתתיך בעכו"ם איך האב דיך געמאכט פאר א בגלויבטער ביי אלע פעלקער. רבי יוחנן פון זיינעט וועגין זאגט דער ווארט אנכי איז פיר ווערטער. אנא נפשי כתבית יהבית. איך האב מיך אליין געשריבען אונ בין געגעבען געווארין. די רבנן זאגין אזוי זענען די פיר ווערטער. אמירה נעימה כתיבה יהיבה. א זיסע זאג (זיסע רייד) איז געשריבען אונ געגעבין געווארין. אנדערע זאגען דעם ווארט אנכי לייענט מען צוריק. יהיבה כתיבה נאמנין אמריה. זיא איז געגעבען געווארין אונ געשריבען געווארין איהרע רייד זענען בגלויבט. דבי רבי נתן זאגען אין פסוק שטייט כי ירט הדרך לנגדי. דער ווארט ירט איז דריי ווערטער. יראה ראתה נטתה. זי האט געזעהן האט זיא מורא געהאט אונ האט אוועק גענייגט פון וועג ווס שטייט ביי דעם אייזיל פון בלעם. דבי רבי ישמעאל האבען גילערנט עס שטייט אין פסוק כרמל. דער ווארט איז צוויי ווערטער כר מלא. די תבואה וואס מען האט גענומען צום עומר זענען די קערנער געווען פייכט, אונ דער זאנג איז געווען פול מיט קערנער אונ גראב וויא אקישעלע. רב אחא בר יעקב זאגט אין פסוק שטייט מען האט גישאלטען דוד קללה נמרצת. דער ווארט נמרצת איז פינף ווערטער. נואף הוא מואבי הוא רוצח הוא צורר הוא תועבה הוא. מען האט געזאגט אויף דוד. ער האט מזנה געווען. אונ ער איז פון מואב. אונ ער איז ארוצח. אונ ער איז א שונא. אונ ער איז פאר מיאוסט ביי גאט. רב נחמן בר יצחק זאגט אין פסוק שטייט דיא ברידער האבען געזאגט צו יוסף מה נדבר ומה נצטדק. דער ווארט נצטדק איז פינף ווערטער. נכונים אנחנו. צדיקים אנחנו. טהורים אנחנו דכים אנחנו קדושים אנחנו. מיר זענען ריכטיגע. אונ מיר זענען צדיקים. אונ מיר זענען ריינע. אונ מיר זענען כשרה. אונ מיר זענען הייליגע:

האורג פרק שלשה עשר

(ע"ב) **א תניא** רשב"א אומר משום (חילפא בר אגרא שאמר משום) רבי יוחנן בן (גוריא) [נורי] המקרע בגדיו בחמתו והמשבר כליו בחמתו והמפזר מעותיו בחמתו יהא בעיניך כעובד כוכבים שכך אומנתו של יצה"ר היום אומר לו עשה כך למחר אומר לו עשה כך עד שאומר לו עבוד עבודת כוכבים והולך ועובדה אמר רבי אבין מאי קראה (תהלים פא) לא יהיה בך אל זר ולא תשתחוה לאל נכר איזהו אל זר שיש בגופו של אדם הוי אומר זה יצה"ר ואי עבד למרמא אימתא אאינשי ביתיה שרי כי הא דרבי יהודה שליף מצבייתא רב אחא בר יעקב תבר מני תבירי רב ששת רמי ליה לאמתיה מוניני ארישא רבי אבא (מיתבר) ותבר נכתמא:

ב אמר רבי יהושע [ר"ש] בן פזי אמר ריב"ל משום בר קפרא כל המוריד דמעות על אדם כשר הקב"ה סופרן ומניחן בבית גנזיו שנא' (תהלים נו) נודי ספרתה אתה שימה דמעתי בנאדך הלא בספרתך. אמר רב יהודה אמר רב כל המתעצל בהספדו של חכם

רש"י כוכבים. במלמד ומרגיל את יצרו לבא עליו: כך. משמע נקרנך באדם כיס כך תשתחוה לאל נכר לבסוף: שליף מצבייתא. מן בנגד דהמתי להראות בהוא כועס ויגורו מפניו: נבהרא' כסוי הכד: מוניני. ניר של דגים קטנים: מדי כפיה אתה. לבון לנוד לו: ויקברו אותו. ביהושע כתיב: בגעש [פרגם] עליכן ככל

פרק שלשה עשר

א תַּנְיָא. מִיר הָאבֶּען גֶילֶערְנְט רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן אֶלְעָזָר זָאגְט פוּן רַבִּי יוֹחָנָן בֶּן נוּרִים הֶערְין אַז אֵיינֶער צוּ רַייסְט זַיינֶע קְלֵיידֶער מִיט כַּעַס. אָדֶער עֶר צוּ בְּרֶעכְט זַיינֶע כֵּלִים מִיט כַּעַס. אָדֶער עֶר הָט פַר שָׁאטֶען זַיין גֶעלְט מִיט כַּעַס, אִיז גְלַייךְ וִויא עֶר וָואלְט גֶעדִינְט עֲבוֹדָה זָרָה. אַזוֹי טוּהט דֶער יֵצֶר הָרָע עֶר רֶעט נִיט אָן דֶעם מֶענְטְשִׁין מִיט אֵיין מָאהל צוּ אַגְרוֹיסֶע עֲבֵירָה. נָאר הַיינְט זָאגְט עֶר צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ טוּה אַזוֹי. מָארְגֶען זָאגְט עֶר צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ טוּה אַזוֹי. בִּיז עֶר זָאגְט צוּ אִיהם גֵיי דִין עֲבוֹדָה זָרָה. אוּן עֶר דִינְט טַאקִי עֲבוֹדָה זָרָה. רַבִּי אָבִין זָאגְט פוּן וֶועלכִין פָּסוּק וַוייסֶען מִיר דָס. עֶס שְׁטֵייט אִין תְּהִלִּים עֶס זָאל נִיט זַיין אִין דִיר קַיין פְרֶעמְדֶער גָאט אוּן דוּ זָאלְסְט דִיךְ נִיט בּוֹקֶען צוּ אַפְרֶעמְדֶען גָאט. וֶועלכֶער פְרֶעמְדֶער גָאט אִיז אִין דֶעם מֶענְטְשִׁין. דָאס אִיז דֶער יֵצֶר הָרָע. אוּן אוֹיבּ אֵיינֶער צוּא רַייסְט זַיינֶע קְלֵיידֶער אָדֶער עֶר צוּ בְּרֶעכְט כֵּלִים מִיט כַּעַס. וַוייל עֶר וִויל זַיינֶע שְׁטוּבּ מֶענְטְשִׁין זָאלֶען זֶעהְן אַז עֶר אִיז צַכַּעַסְן וֶועלִין זֵיי פַר אִיהם מוֹרָא הָאבֶּען. מֶעג מֶען. אַזוֹי וִויא רַבִּי יְהוּדָה הָט אַרוֹיס גִיצוֹיגֶען דִי פָאדֶעם פוּן זַיינֶע קְלֵיידֶער מִיט כַּעַס. דִיא שְׁטוּבּ מֶענְטְשִׁין זָאלֶען זֶעהְן אַז עֶר אִיז אַכַּעַסְן וֶועלִין זַייא פַאר אִיהם מוֹרָא הָאבֶּען. רַב אַחָא בַּר יַעֲקֹב הָט צוּא בְּרָאכֶען צוּ בְּרָאכֶענֶע כֵּלִים מִיט כַּעַס. רַב שֵׁשֶׁת הָאט גִיוָוארְפֶען זַיין דִינְסְט אַשִׁיסוּל מִיט קְלֵיינֶע פִישַׁלַאךְ אוֹיפֶען קָאפּ מִיט כַּעַס. רַבִּי אַבָּא הָט צוּ בְּרָאכֶען דֶעם צוּ דֶעק פוּן אַקְרוּג מִיט כַּעַס. דָס הָאבֶּען זֵיי גִיטָאהן דִיא שְׁטוּבּ מֶענְטְשִׁין זָאלֶען זֶעהְן אַז זַייא זֶענֶען כַּעַסָנִים וֶועט מֶען פַר זֵיי מוֹרָא הָאבֶּען:

ב אָמַר. רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן פַּזִי הָאט גִיזָאגְט רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי הָט גִיזָאגְט פוּן בַּר קַפָּרָאס וֶועגִין. דֶער מֶענְטְשׁ וָוס וֵויינְט מִיט טְרֶערִין אוֹיף אַפְרוּמֶען מֶענְטְשׁ וָוס אִיז גִישְׁטָארְבִּין. צֵיילְט גָאט דִי טְרֶערִין אוּן עֶר לֵייגְט זֵיי אַבַּיין אִין זַיינֶע אוֹצְרוֹת. אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק נוֹדִי סָפַרְתָּה אָתָּה שִׂימָה דִמְעָתִי בְנֹאדֶךָ וגו'. מַיין שָׁאקְלֶען מִיט דֶעם קָאפּ דִי טְרֶערִין זָאלִין אַרָאפּ פַאלִין. הָאסְטוּ גִיצֵיילְט. דוּא הָאסְט נִיטָאהן מַיינֶע טְרֶערִין אִין דַיינֶע לָאגְלֶען אוּן הָאסְט זֵייא גִילֵייגְט אִין דַיינֶע אוֹצְרוֹת. זֵיי זֶענֶען פַארְשְׁרִיבֶּען אִין דַיין בּוּךְ: רַב יְהוּדָה הָט גִיזָאגְט פוּן רַבְס וֶועגִין דֶער מֶענְטְשׁ וָוס אִיז פוֹיל מַסְפִּיד צוּ זַיין אַתַּלְמִיד חָכָם וָוס אִיז גִישְׁטָארְבִּין. אִיז עֶר וֶוערְט מֶען זָאל אִיהם בַּגְרָאבִּין לֶעבֶּעדִיג וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָסוּק בַּיי יְהוֹשֻׁעַ בִּן נוּן. מֶע הָט אִיהם

חכם ראוי לקוברו בחייו שנאמר (יהושע כד) ויקברו אותו בגבול נחלתו בתמנת סרח [אשר] בהר אפרים מצפון להר געש מלמד שגעש [שרגש] עליהן ההר להרגן. תניא מפני מה בניו ובנותיו של אדם מתים כשהם קטנים כדי שיבכה ויתאבל על אדם כשר כדי שיבכה ערבונא שקלי מיניה אלא מפני שלא בכה והתאבל על אדם כשר שכל הבוכה ומתאבל על אדם כשר מוחלים לו על כל עונותיו בשביל כבוד שעשה (פירש"י ערבונא שקלי קודם שיחטא נטלו משכונו). א"ר חייא בר אבא אמר רבי יוחנן כל המתעצל בהספדו של חכם אינו מאריך ימים מדה כנגד מדה שנא' (ישעיה כז) בסאסאה בשלחה תריבנה איתיביה ר' חייא בר אבא לר"י (שופטים ב) ויעבדו העם את ה' כל ימי יהושע וכל ימי הזקנים אשר האריכו ימים אחרי יהושע א"ל בבלאי ימים האריכו שנים לא האריכו אלא מעתה (דברים יא) למען ירבו ימיכם וימי בניכם ימים ולא שנים ברכה שאני. ואמר רבי חייא בר אבא אמר רבי יוחנן אחד מן האחים

להורגן. שלא הספידוהו כראוי: מדה כנגד מדה. הוא לא נתאבל על שנתקצרו ימי החכם אף לחייו לא יחושו מן השמים: בבלאי. דמבבל סליק: ימים האריכו. שבלו ימיהם בטוב דמשמע אריכות ימים כדאמרינן בסדר יומא כי אורך ימים ושנות חיים ושלום יוסיפו לך וכי יש שנים של חיים ושנים שאינם של חיים אמר רבי אלעזר אלו שנותיו של אדם שמתהפכות עליו מרעה לטובה:

בעגראָבען אין זיין פעלד אין די שטאָט תִּמְנַת סֶרַח וואָס זיא איז אויף דעם בארג וואָס גיהער צו אֶפְרַיִם. פון צפון זייט פון הַר גָעַשׁ. פר וואָס רופט מען דעם בארג הַר גָעַשׁ. ווייל דער בארג האָט געשטורעמט אויף די יודען ניי צו הרגנן ווייל זייא האָבען ניט מספיד געוועזען יהושע בן נון אזוי ווי מען האָט איהם גידארפט מספיד זיין:

תַּנְיָא. מיר האָבען גילערונט פר וואָס שטארבען דיא זיהן אונ די טעכטער פון א מענטשין ווען זיי זענען קליין. ער זאָל וויינען אונ טרויערין אויף א פרומען יודין אז ער וועט שטארבען. פרעגט די גמרא ער זאָל וויינען. נעמט מען דען ביי איהם אמשכון פאראוים די קליינע קינדער ער זאָל וויינען אז עס וועט שטארבען א פרומער יוד: זאָגט די גמרא אזוי מיינט מען די קליינע קינדער שטארבען ווייל ער האָט ניט גיוויינט אונ האָט ניט גיטרויערט אויף א פרומען יוד וואָס איז גישטאָרבען. וואָרום דער וואָס וויינט אונ טרויערט אויף א פרומען יוד וואָס איז גישטאָרבען. איז מען איהם מוחל זיינע אלע עבירות. פאר דעם כבוד וואָס ער האָט גיטאָהן דעם מת. רבי חייא בר אבא האָט גיזאָגט פון רבי יוחנן'ס וועגען דער וואָס איז פויל מספיד צו זיין א תלמיד חכם. וועט ער ניט לאנג לעבען. איין מדה גענין די אנדערע מדה. ווייל ער זאָרגט ניט וואָס עס איז אָפּ געקירצט גיוואָרין דאָס לעבען פון תלמיד חכם: וועט מען ניט זאָרגין פון הימעל אויף זיין לעבען. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק בסאסאה בשלחה תריבנה גאָט קריגט מיט דעם מענטשין מיט דיא זעלבינע מאָס וואָס דער מענטש טוהט. אזוי טוהט גאָט מיט איהם. רבי חייא בר אבא האָט א קשיא גיפרעגט צו רבי יוחנן. עס שטייט אין פסוק דאָס פאָלק האָבען געדינט גאָט אלע טעג וואָס יהושע האָט גילעבט. אונ אלע טעג וואָס די אלטע לייט האָבען גילעבט וואָס זייא האָבען דער לייגערט טעג נאָך יהושע; זעהן מיר דאָך אז דיא יודין האָבען לאנג גילעבט אונ זענען ניט גישטראָפט גיוואָרין פאר דעם הספד פון יהושע זייא זאָלען אויך באלד שטארבין. האָט רבי יוחנן גיזאָגט צו רבי חייא וואָס ער איז גיווען פון בבל. טעג האָבען זיי יאָ לייגערט נאָך יהושע. זיי האָבען גילעבט נאָך יהושע פיל טעג גוטע. אָבער יאָהרין האָבען זיי ניט דער לייגערט. זיי האָבען ניט גילעבט פיל יאָהרין נאָך יהושע. נאר ווייניג. ווייל זייא האָבען ניט מספיד גיווען יהושע וויא מען האָט איהם גידארפט מספיד זיין. האָט רבי חייא גיפרעגט אז עס שטייט אין פסוק עס זאָל גימערט ווערין אייערע טעג אונ די טעג פון אייערע קינדער. וועסטו אויך זאָגין אז נאר טעג וועלין גימערט ווערין אָבער ניט יאָהרין. האָט רבי יוחנן גיענטפערט ביי א ברכה איז אנדערש. ביי א ברכה מיינט מען ניט ימים טעג. נאר מען מיינט יאָהרין ועיין במהרש"א ובריי"ף). נאָך האָט רבי חייא בר אבא גיזאָגט פון רבי יוחנן'ס וועגין. אז איינער פון

האחים שמת (דף קו) ידאנו כל דאחים כולן אחד מבני חבורה שמת תדאג כל החבורה כולה אמרי לה דמת גדול ואמרי לה דמת קטן:

(ע"ב) ג אמר רבה בר רב הונא הכא בצפור דרור עסקינן לפי שאינה מקבלת מרות.

ידאגו. יירא מן המיתה: דמת גדול. יש לדאג כולן ושלטה מדת הדין נראה סבית: ואמרי לה: דמת קטן. בקללה מתחילין מן הקטן: בצפור דרור. מתני' דקתני צפור לבית לא בצפור דרור עסקינן שדרכה לדור בבתים וכשמטה מזוית זו לזוית זו: ביצי כנים. קס"ד כנים קטנים כשיוצאין מביציהן:

תנא דבי רבי ישמעאל למה נקראת צפור דרור שדרה בבית כבשדה:

שמונה שרצים פרק יד

(דף קז) א אמר רב יהודה אמר רב י"ב שעות הוי היום שלשה שעות ראשונות יושב הקב"ה ועוסק בתורה. שניות יושב ודן את כל העולם כולו וכו'. שלישית יושב הקב"ה וזן את כל העולם כולו מקרני ראמים ועד ביצי כנים ע"כ ובמקום הזה לענין דינא דההורג כנה בשבת אמר רב יוסף דאינה פרה ורבה. וא"ל אביי וכנת אין פרה ורבה והאמר מר יושב הקב"ה וזן מקרני ראמים ועד ביצי כנים. מינא הוא דמיקרי ביצי כנים:

(דף קח) ב שמואל וקרנא הוו יתבי אגודא דנהר מלכא חזינהו למיא דקא דלו ועכירי

די ברידער איז געשטארבן. זאלין זארגען אלע ברידער. אז איינער פון א חברה איז געשטארבן. זאלין זארגין אלע מענטשין פון די חברה. אנדערע זאגין דם מיינט מען אז דער עלצטער ברודער איז געשטארבן אדער דער עלצטער פון די חברה איז געשטארבן. זאלען אלע זארגין: און אנדערע זאגין דאס מיינט מען אז דער יינגסטער ברודער איז געשטארבן. אדער דער יינגסטער פון די חברה איז געשטארבן. זאלען אלע זארגין:

ג אמר. רבה בר רב הונא האט געזאגט וואס עס שטייט אין די משנה אז מען פאנגט אום שבת אפויגיל פון דאס אין שטוב. הייסט דם ניט געפאנגען. דאס שמועסט פון א פויגיל וואס הייסט דרור. ווייל זיא נעמט ניט אן קיין הערשאפט. זיא האט ניט מורא פאר מענטשין. רבי ישמעאל האבן געלערנט פאר וואס רופט מען איהר צפור דרור. ווייל זיא וואהנט אין שטוב אזוי ווי אין פעלד: אזוי ווי מען קען איהר ניט חאפין אין פעלד. אזוי קען מען איהר ניט חאפין אין שטוב. איז זיא דאך נאך גאר ניט געפאנגען געווארין דער מיט וואס מען האט איהר געפאנגען פון דאס אין שטוב. דריבער איז מען ניט חייב:

פרק ארבעה עשר

א אמר. רב יהודה האט געזאגט פון רבס וועגין צוועלף שעה איז דער טאג. די ערשטע דריי שעה זיצט גאט און לערנט תורה. די אנדערע דרייא שעה זיצט גאט און משפט דיא גאנצע וועלט. די דריטע דריי שעה זיצט גאט און שפייזט די גאנצע וועלט: פון דעם ראם ווען וויזעל ווס דאס איז די גרעסטע בשעפעניש. ביז ביצי כנים ווס דאס איז די קלענסטע בשעפעניש: רב יוסף זאגט עכנה [אלויז] האט ניט קיין קינדער. האט אביי געזאגט צו רב יוסף חיא אזוי זאגסט דוא אז אכנה האט ניט קיין קינדער. דער תנא האט דאך געזאגט אז גאט שפייזט פון קרני ראמים ביז ביצי כנים. ביצי כנים איז דאך דער טייטש דיא אייער פון די כנים. און אז די כנים ליגין אייער האבין זיי דאך קינדער. האט רב יוסף געענטפערט ביצי כנים איז ניט דער טייטש דיא אייער פון דיא כנים. נאר עס איז דא אזוי אקליינע בשעפעניש וואס זיא הייסט ביצי כנים:

ב שמואל און קרנא זענען אמאהל געזעסין אויף דעם ברעג פון דעם טייך וואס הייסט מלכא. האבין זיי געזעהן אז די וואלין פון דעם וואסער הייבין זיך אויף גאנץ הויך. און דיא

ועכירי אמר ליה שמואל לקרנא גברא רבה קאתי ממערבא וחייש במעיה וקא דלו מיא לאקבולי אפיה קמיה זיל תהי ליה אקנקניה אזל אשכחיה לרב אמר ליה מנין שאין כותבין תפילין אלא על גבי עור בהמה טהורה אמר ליה דכתיב (שמות יג) למען תהיה תורת ה' בפיך מן המותר בפיך:

ג מנין לדם שהוא אדום שנאמר (מלכים ב ג) ויראו מואב כנגד את המים אדומים כדם. מנין למילה שבאותו מקום נאמר כאן ערלתו ונאמר להלן ערלתו מה להלן דבר שעושה פרי אף כאן דבר שעושה פרי אימא לבו דכתיב (דברים י) ומלתם את ערלת לבבכם אימא אזנו דכתיב (ירמיה ו) הנה ערלה אזנם דנין ערלתו תמה מערלתו תמה ואין דנין ערלתו תמה מערלתו שאינה תמה. אמר ליה מה שמך קרנא אמר ליה יהא רעוא

דמי דלו. גליון מגביהין: לאקבולי אפיה. לעשות מחיצה סביביו כשהוא נפנה על דופני הספינה שלא יראה גלויו. ע"א לקנה: ועכירי. ענין נער משום נערו שאף הוא עכור ומפני שלא היה הכוס מנשבת והאה המים נעשים גלים כבך שלכבוד אדם גדול הוא והנהר היה מושך מא"י לבבל: תהי. הריח לו בקנקנו אם יין הוא או חמיץ. כמו נח תיהא דאמר גבי יין נסך כלומר בדקהו אם חכם הוא אם לאו: מנין לדם שהוא אדום. לגבי נדה דם כתיב והנך חמשה דמים יש באשה טמאים וכולן משום דמראיהן אדומה אע"ג דם זר תנא בהא [כא] אמרינן שחור אדום הוא אלא שלקה: ונאמר להלן ערלתו. גבי נטיעה: תמה. באותיותיה ערלתו: ואין דנין ערלתו מערלה. דאין זו אמירה תמה שאין מפורשת בתוך התיבה

וואסער איז מאנטשע (ניט קלאר). האט שמואל געזאגט צו קרנא אגרויסער תלמיד חכם קומט פון ארץ ישראל אין אשיף אויף דעם טייך. אונ ער איז קראנק אויף זיינע גידערים ועס פירט איהם אפו: היינט זיך אויף די וואסער אונ זענען ניט ריין צו פארשטעלין פאר איהם מען זאל ניט זעהן זיין אויס גאנג ווי ער גייט ארויס פון די שיף אין וואסער. ער זאל גיט פאר שעמט ווערין. גיי אונ שמעק דעם קרוג אויב איינוויינינג איז דא ויין אדער עסיג, דאס מיינט מען גיי זעה אויב ער איז טאקי אגרויסער מען אדער ניין. איז קרנא געגאנגען אונ ער האט געזעהן אז דאס איז רב. האט קרנא געזאגט צו רב פון וואנען ווייסען מיר אז מען טאר גיט שרייבען תפילין נאר אויף אפעל פון אבהמה וואס מען מעג איהר עסין. האט רב געזאגט צו קרנא ווארום עס שטייט אין פסוק ביי תפילין עס זאל זיין די לערנונג פון גאט אין דיין מויל. אזוי מיינט דער פסוק די לערנונג פון גאט זאל זיין געשריבען אויף אזוי איין זאך וואס דו מעגסט דאס נעמען אין מויל:

ג מנין. פון וואנען ווייסען מיר אז בלוט איז רויט. (אונ אז עס איז ניט רויט איז דאס ניט קיין בלוט. דעם דין בארף מען ווימען געגען אנדה) האט רב געענטפערט עס שטייט אין פסוק מואב האט געזעהן פון ווייטען די וואסער איז רויט אזוי וויא בלוט. זעהן מיר אז בלוט איז רויט. אונ וואס עס איז ניט רויט איז ניט בלוט נאר איין אנדער זאך. פון וואנען ווייסען מיר אז מען דארף מל זיין אויף דעם ארט (וואס מיר זענען מל). טאמער מיינט די תורה מיט דעם ווארט מילה איין אנדער זאך. האט רב געענטפערט דא שטייט ערלתו ומען זאל מל זיין די ערלה. אונ דארט (אין די סדרה קדושים) ביי א בוים שטייט אויך ערלתו. אזוי וויא דארט מיינט מען דאך די זאך וואס וואקסט פון איר פירות. אזוי דא ביי מל זיין. מיינט מען אויך מען זאל מל זיין די זאך וואס פון איר קומט פירות (קינדער). האט קרנא געפרעגט טאמער מיינט מען מען זאל מל זיין די הארץ. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ומלתם את ערלת לבבכם איר זאלט מל זיין דיא פאר שטאפונג פון אייער הארץ. אונ טאמער מיינט מען מען זאל מל זיין דעם אויער. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק. זייער אויער איז פאר שטאפט. האט רב געענטפערט מיר לערנען אפ אגאנצען ווארט ערלתו פון אגאנצען ווארט ערלתו. אונ מיר לערנען ניט אפ אגאנצען ווארט ערלתו פון אווארט ערלתו וואס ער איז ניט גאנץ. ביי מילה שטייט ערלתו. אונ ביי א בוים שטייט אויך ערלתו. לערנען מיר אפ איינס פון דם אנדערע. אבער ביי דיא הארץ שטייט ערלת. אונ ביי דעם אויער שטייט ערלה. לערנען מיר ניט אפ ערלתו פון ערלת. אונ ניט פון ערלה. האט רב געזאגט צו קרנא. וויא איז דיין נאמען. האט ער געענטפערט מיין נאמען איז קרנא. האט רב געזאגט. עס זאל זיין דער ווילען פון גאט. עס זאל איהם ארויס וואקסן

רעוא דתיפוק ליה קרנא בעיניה לסוף עייליה שמואל לביתיה אוכליה נהמא דשערי וכסא הרסנא ואשקייה שכרא ולא אחוי ליה בית הכסא כי היכי דלישתלשל לייט (רב) ואמר מאן דמצערן לא לוקמיה ליה בני וכן הוה :

ד **שאל** ביתוסי אחד את רבי יהושע הגרסי מנין שאין כותבין תפילין ע"ג עור בהמה טמאה דכתיב למען תהיה תורת ה' בפיך מן המותר בפיך אלא מעתה על גבי (עור) נבילות וטרפות אל יכתבו א"ל אמשול לך משל למה הוא דומה לב' בני אדם שנתחייבו הריגה למלכות אחד הרגו מלך ואחר הרגו אבפקליטור איזה מהם משובח הוי אומר זה שהרגו מלך . אלא מעתה יאכלו א"ל התורה אמרה (דברים יד) לא תאכלו כל נבלה ואתה אמרת יאכל אמר ליה קאלום :

(פ"ב) ה **תני** ר' יהודה בר חביבא אתרוג צנון וביצה אלמלא קליפתן דחיצונה אינם יוצאים מבני מעים לעולם כי אתא רב דימי אמר מעולם לא טבע גברא בימא דסדום אמר רב יוסף הפוכה סדום והפוכה

ה"ד מה: דיפוק ליה קרנא בעיניה. סבין בו ליבוהו בה: אוכליה נהמא דשערה. כדי לשלשל ויזיפא ביה שמואל: ולא אחוי ליה בית הכסא. אבסר קר מתכסף ומתבלבל הזבל במעיו ומתמוגג כולו :
אבפקליטור. שר הטבחים בלשון עובדי כוכבים : זה שהרגו מלך. והלא נקי על ידי כורתן : קאלוס. משיבת טעם זה :
איכא חיצונה. דבילה הוא ההלבון אלא אידי דתני בבדי אתרוג וצנון [קליפה] נקט בה נמי לשון קליפה : אין יוצאין מבני מעים. שמתקשרים בתקסים ונעצרים : לא טבע גברא וכו'. מפני

אַהֲארִין אין אויג . דער נאך איז געקומען שמואל און האט געבראכט רב צו זיך אין שטוב . און ער האט איהם געגעבען עסין גערשטענע ברויט . און די פעטס פון קליינע פישלאך . און ער האט איהם געגעבען טרינקען ביר . און ער האט איהם ניט געוויזען קיין בית הכסא . דס עסין זאל גוט גיקאכט ווערין אין דיא גידערעם . וועט איהם אפ פירען מיט איין מאהל . וועט ער ניט האבען קיין צער אלע מנוט ארויס צו גיין . רב האט אבער ניט געוואוסט וואס שמואל מיינט . האט רב גישאלטען און ער האט גזאגט ווער עס איז מיך מצער זאל ניט האבען קיין קינדער . און אזוי איז גיוועז . שמואל האט ניט אויף גיצויגען קיין קינדער :

ד שאל . א ביתוסי האט גיפרעגט צוא רבי יהושע הגרסי פון וואנען ווייסען מיר אז מען טאר ניט שרייבען תפילין אויף א פעל פון א בהמה וואס מען טאר איר ניט עסין . האט רבי יהושע גיענטפערט עס שטייט אין פסוק דיא לערנונג פון גאט זאל זיין אין דיין מויל . דער פסוק מיינט דיא לערנונג פון גאט זאל זיין געשריבען אויף א פעל פון אזוי א בהמה וואס מען מעג איר עסין . האט דער ביתוסי גיפרעגט דארף מען דאך ניט מאהרען שרייבען תפילין אויף א פעל פון א נבלה אדער פון א טרפה . האט רבי יהושע גזאגט צוא דעם ביתוסי איך וועל דיר זאגען א משל צו וואס דיא זאך איז גלייך . צוויי מענטשין זענען פאר שולדיגט גיווארען צום טויט מען זאל זיי הרגענען . איינעם האט דער מלך אליין גיהרגעט . און איינעם האט דער שר פון מלך גיהרגעט . וועלכער מענטש איז גיוועזען גרעסער . געוויס דער וואס דער מלך אליין האט איהם גיהרגעט . און דיא בהמה וואס איז גיפייגערט האט דאך גאט אליין איר גיהרגעט . דריבער מעג מען אויף איר פעל שרייבען תפילין . האט דער ביתוסי גזאגט צוא רבי יהושע : דארף מען דאך מעגין עסין א נבלה . האט רבי יהושע גזאגט צום ביתוסי דיא תורה האט גזאגט מען זאל ניט עסין קיין נבלה . און דוא זאגסט מען זאל עסין א נבלה . האט דער ביתוסי גילויבט אז רבי יהושע האט גוט גזאגט :

ה תני . רבי יהודה בר חביבא האט גילערנט אתרוג און רעטאך און אייער (אז מען עסט זייא) ווען ניט דיא אויסווייניגסטע שאלאכין וואלטין זייא קיין מאהל ניט ארויס גיגאנגען פון די גידערים . (דיא אויס ווייניגסטע שאלאכין פון אאיי מיינט מען דיא ווייסיל) . רב דימי האט גזאגט עס איז קיין מאהל קיין מענטש ניט דער טרונקען גיווארין אין דעם ים פון סדום . ווייל דיא וואסער איז גיזאלצען קען ניט דער מענטש אראפ צום גרונד . האט רב יוסף גזאגט אזוי

והפוכה מיליה גברא הוא דלא טבע כשורא טבע . אמר ליה אביי לא מיבעיא קאמר לא מיבעיא כשורא שאפילו בכל מימות שבעולם לא טבע אלא אפילו גברא דטבע בכל מימות שבעולם בימא דסדום לא טבע :

ו שלח ליה רבי ינאי למר עוקבא לישדר לן מר מהנך קילורין דמר שמואל שלח ליה שדורי משדרנא לך דלא תימא צר עין אנא אלא הכי אמר שמואל טובה טפת צונן שחרית ורחיצת ידים ורגלים (בחמין) ערבית מכל קילורין שבעולם :

תניא נמי הכי אמר רבי מונא משום רב יהודה טובה טפת צונן שחרית ורחיצת ידים ורגלים ערבית מכל קילורין שבעולם הוא היה אומר יד לעין תקצץ

שהמים מלוחים וכח מליחתן מעכבו מלטבוע : והפוכה מליה . דברים כאמורים בה הפוכים : כשורא טבע . בהמים :

מר עוקבא הוה שכיח גבי מר שמואל . ואב בית דין היה בימיו : טפת צונן . לאחר בשחרית ורחיצת ידים ורגליה (בימין) ערבית נמי מחילה את העינים :

הוא היה אומר . רב מונא : יד לעין . שחרית קודם נטילת ידיו : הקצץ . נוח לו שתקצץ פרות רעה פורה על הידים ומכאבו וכן כולם : לחסודה . ריבדא דכוסילתא פלימא"ס בלע"ז : לפי טבעת . נקב הרעי בעגול כטבעת : הקצץ . ולא תגע שום בעין או באזן קודם נטילה : נגינית . שמטילין בה שכר : הקצץ . ולא תיגע קודם נטילה שחרית : יד . לעין מסמא קודם נטילה : יד .

וויא סְדוֹם אִיז פַאר קֶערְט גִיוָוארֶען . אַזוֹי דִיא רֵייד וָואס מֶען רֶעדְט פוּן אִיר זֶענֶען אוֹיךְ פַרְקֶערְט פוּן רַב דִימִים רֵייד זֶעהט אוֹיס אַמֶענְטְשׁ אִיז נִיט דֶער טְרוּנְקֶען גִיוָוארִין אִין יַם פוּן סְדוֹם . אָבֶּער אַבֶּעלְקֶע אִיז יָא דֶער טְרוּנְקֶען גִיוָוארִין . וויא אַזוֹי קֶען דָאס זַיין . הָאט אַבַּיֵי גִזָאגְט צוּא רַב יוֹסֵף אַזוֹי מֵיינְט רַב דִימִי אִין דֶעם יַם פוּן סְדוֹם אִיז גֶעוֶוים קֵיין מָאהל נִיט דֶער טְרוּנְקֶען גִיוָוארִין קֵיין בֶּעלְקֶע . וָוארוּם אֲפִילוּ אִין אַלֶע וַואסֶערִין פוּן דֶער וֶועלְט קֶען אוֹיךְ נִיט דֶער טְרוּנְקֶען וֶוערִין קֵיין בֶּעלְקֶע . אוּנ אִין יַם פוּן סְדוֹם גֶעוִוים נִיט . וַוייל עֶר אִיז גִיזַאלְצֶען . נָאר אֲפִילוּ אַמֶענְטְשׁ וָוס אִין אַלֶע וַואסֶערִין פוּן דֶער וֶועלְט קֶען עֶר דֶער טְרוּנְקֶען וֶוערִין . אוּנ אִין דֶעם יַם פוּן סְדוֹם אִיז קֵיין מָאהל קֵיין מֶענְטְשׁ נִיט דֶער טְרוּנְקֶען גִיוָוארִין :

ו שָׁלַח . רַבִּי יַנַאי הָט גֶעשִׁיקְט צוּ מַר עוּקְבָא זָאל אוּנז דֶער רַבִּי שִׁיקֶען אַבִּיסוּל מֶעדִיצִין פוּן מַר שְׁמוּאֵל . וָואס עֶס מַאכְט גִיזוּנְד דִיא אוֹיגֶען . הָט מַר עוּקְבָא גֶעשִׁיקְט זָאגֶען צוּ רַבִּי יַנַאי אִיךְ וֶועל דִיר שִׁיקֶען . דוּא זָאלְסְט נִיט זָאגֶען אִיךְ בִּין אַשְׁלֶעכְטֶער . נָאר אַזוֹי הָאט שְׁמוּאֵל גִזָאגְט אַז מֶען זָאל גֶעבִּין אַלֶע פְרִיא אַבִּיסוּל קַאלְטֶע וַואסֶער אִין דִיא אוֹיגֶען . אוּנ פַארִין נַאכְט זָאל מֶען וַואשֶׁען דִיא הֶענְט מִיט דִי פִים מִיט וַוארֶעמֶע וַואסֶער . אִיז דָס גוּט צוּ דִי אוֹיגֶען בֶּעסֶער וויא אַלֶע מֶעדִיצִין :

תַּנְיָא . מִיר הָאבֶּען אוֹיךְ אַזוֹי גִילֶערְנְט רַבִּי מוֹנָא הָט גִזָאגְט פוּן רַב יְהוּדָה'ס וֶועגִין מֶען זָאל גֶעבִּין אַלֶע פְרִיא אַבִּיסוּל קַאלְטֶע וַואסֶער אִין דִי אוֹיגֶען . אוּנ פַארִין נַאכְט זָאל מֶען וַואשֶׁען דִיא הֶענְט מִיט דִי פִים מִיט וַוארֶעמֶע וַואסֶער . אִיז דָאס גוּט צוּ דִיא אוֹיגֶען בֶּעסֶער וויא אַלֶע מֶעדִיצִינֶען . נָאךְ הָט רַבִּי מוֹנָא גִזָאגְט אַז מֶען רִירְט אָן דִיא הַאנְט צוּם אוֹיג אִין דֶער פְרִיא אֵיידֶער מֶען הָט גִיוַואשֶׁען דִי הֶענְט . וָואלְט בֶּעסֶער גִיוֶועזְן דִי הַאנְט וָואלְט פְרִיעֶר אָפּ גִיהַאקְט גִיוָוארִין אוּנ זִיא וָואלְט נִיט אָן גֶערִירְט דִי אוֹיג . וָוארוּם דִי אוֹיג וֶוערְט בְּלִינְד . אַז מֶען רִירְט אָן דִי הַאנְט צוּם נָאז אָדֶער צוּם מוֹיל אָדֶער צוּם אוֹיעֶר אִין דֶער פְרִיא אֵיידֶער מֶען הָאט גִיוַואשֶׁען דִי הֶענְט . וָואלְט בֶּעסֶער גִיוֶועזְן דִי הַאנְט וָואלְט פְרִיעֶר אָפּ גִיהַאקְט גִיוָוארִין אוּנ זִיא וָואלְט נִיט אָן גֶערִירְט דֶעם נָאז אוּנ נִיט דִיא מוֹיל אוּנ נִיט דֶעם אוֹיעֶר . אוּנ אַז מֶען רִירְט אָן דִי הַאנְט צוּ אַגִיעֶפִּינְטֶען אָדֶער . אוּנ אַז מֶען רִירְט אָן דִי הַאנְט צוּ דֶעם גְלִיד וָואס מֶען אִיז מַשְׁתִּין . אוּנ אַז מֶען רִירְט אָן דִיא הַאנְט צוּא דֶעם אָרְט וואוּ דִיא צוּאָה גֵייט אַרוֹיס אָדֶער מֶען רִירְט אָן דִי הַאנְט צוּ אַפַאס וָוס מֶען מַאכְט אִין אִיר בִּיר . אִין דֶער פְרִיא אֵיידֶער מֶען הָט גִיוַואשֶׁען דִי הֶענְט . וָואלְט בֶּעסֶער גִיוֶועזְן דִי הַאנְט וָואלְט פְרִיעֶר אָפּ גִיהַאקְט גִיוָוארֶען אוּנ זִיא וָואלְט נִיט אָנגֶערִירְט דִי אַלֶע זַאכֶען . וָוארוּם דִי הַאנְט אִין דֶער פְרִיא אוּמגִיוַואשְׁען אַז זִיא רִירְט אָן דֶעם אוֹיג . וֶוערְט דֶער אוֹיג בְּלִינְד . אוּנ אַז זִיא רִירְט אָן דֶעם אוֹיעֶר . וֶוערְט

תקצץ יד לחוטם תקצץ יד לפה תקצץ יד לאזן תקצץ יד לחסודה תקצץ יד לאמה תקצץ יד לפי טבעת תקצץ (דף קט) יד לגיגית תקצץ יד מסמא יד מחרשת יד מעלה פוליפוס . תניא רבי נתן אומר בת חורין היא זו ומקפדת עד שירחוץ ידיו ג' פעמים א"ר יוחנן פוך מעביר בת מלך ופוסק את הדמעה ומרבה שער בעפעפים :

(ק"י) **ז ההוא** בר קשא דפומבדיתא דטרקיה חויא הוה תליסר חמרי חיורתא בפומבדיתא קרעינהו לכולהו אשתכחו טריפה הואי חדא בההוא גיסא דפומבדיתא עד דאזלי מיתי לה אכלה אריא . אמר ליה אביי דילמא חויא דרבנן טרקיה דלית ליה אסותא דכתיב (קהלת י) ופורץ גדר ישכנו נחש אמר ליה אין רבי דבי

לאזן מתרבה : יד . לפה או לחוטם : מעלה פוליפוס . ריח החוטם והפה : ול"נ דיד לאמה לאו לענין נטילת שחרית נקט לה אלא משום דמביא לידי קרי ובמסכת נדה אמרינן תקצץ משום האי שמאה ומשום דהכי כה נמי לנוטאה דתקצץ תני נמי הני גבי הקך וכן יד לפי טבעת למשמש בה מדיר ומביאתו לידי התחוניות : בת חורין היא . כרוח בכורה על הידים לפני נטילה ומקפדת בנטילתו לנוטלו יפה עד ביבפוך מים יפה בלבה פעמים על ידיו : פוך . אם נותנו (בין עיניו) [בעיניו] מעביר הבת מלך אם הזיקה לעיניו :

בר קשא . ממונה למלך ויבראל כיה : דילמא הויא דרבנן . בעבר על נדוי חכמים וכחש הנושכת על כך אין לו רפואה לפיכך לא נמצא לו רפואה :

דער אויער מויב . אונ אז זיא רירט אן דיא מויל אדער דעם נאז . גייט ארויס א שלעכטער ריח פון מויל אונ פון דעם נאז . אונ אז זיא רירט אן דעם אויפגעפינטען אדער : איז א סכנה דער רוח רעה פון די האנט זאל ניט אריין גיין אין די אדער . ואונ אז מען רירט אן מיט דיא האנט דעם ארט וויא די צואה גייט ארויס . אפילו מיט א גיוואשענע האנט . בעקומט מען עמארידען . אונ אז מען רירט אן מיט דיא האנט דעם גליד וואס איז משתין . אפילו מיט א גיוואשענע האנט איז אויך א עבירה טאמער וועט ארויס גיין זרע . אונ אז מען רירט אן אין דער פריא מיט א אומגיוואשענע האנט אפאס ביר וועט די ביר קאליע ווערין :

תניא . מיר האבען גילערונט רבי נתן זאגט דער שלעכטער גייסט וואס רוהט אויף דיא הענט פון מענטשין אין דער פריא איידער מען הט זיי גיוואשען . ער הייסט בת חורין א פרייער גייסט . אונ ער גייט ניט אראפ פון דיא הענט . ביז מען וואשט דיא הענט : יעדער האנט דריי מאהל . רבי יוחנן זאגט אויב מען הט אן גערירט דעם אויג מיט אומגיוואשענע הענט . איז דאך דער שלעכטער גייסט גיקומען אויף די אויג אונ האט איר בלינד גימאכט (אזוי וויא פריער שטייט) . זאל מען בשמירען דעם אויג מיט אזוי א פארב וואס הייסט פוך וועט דיא אויג גיזונד ווערין . אונ עס וועט אויף הערין צו גיין טרערין פון די אויגען . אונ אויף דיא ברעמען וואקסט פיל האר :

ז ההוא . דער ערצטער פון די שטאט פומבדיתא האט איהם א בים גיטאהן א שלאנג . אונ אין פומבדיתא איז גיוועזן דרייצעהן ווייסע אייזלען וואס זענען גיוועזן מעוברת הט מען אלע צעריסען . אונ מען הט גיזעהן אז אלע אייזלען האבען גיהאט אינווייניגסטע פעלערס וואס זייא וואלטען ניט גיקענט לעבין . אונ אויף דיא אנדערע זייט פומבדיתא איז גיוועזן נאך א ווייבער אייזיל . וואס איז גיוועזן מעוברת איידער מען איז איר גיגאנגען ברייגען הט איר אויף גיגעסין א לייב . איז ניט גיוועזן מיט וואס צוא היילען דעם בים פון שלאנג (ווארום אז מען צעררייסט א לעבעדיגען אייזיל א גיזונטען וואס איז מעוברת , אונ מען נעמט ארויס פון איר דם קינד אונ מען צערייסט דם קינד אונ מען לייגט די פלייש פון קינד אויף דעם ארט וואו דער שלאנג הט געביסען . ווערט פאר היילט דער ארט אונ דער מענטש ווערט גיזונד . אבער אז דיא מוטער איז א קראנקע העלפט דס ניט) . הט אביי גיזאגט צוא דעם ערצטין טאמער האט דיך געביסען דער שלאנג ווייל דו האסט א עבירה . דו האסט עובר גיוועזן א חרם וואס דיא רבנן האבען מחרים גיוועזן . דריבער געפינט מען ניט פר דיר קיין רפואה . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק רער וואס ברעכט אויף דעם צאם וואס די רבנן האבען פר צאמט . וועט איהם בייסען א שלאנג . הט דער ערצטער גיזאגט צו אביי רבי עס איז אמת איך האב טאקי עובר גיוועזן אחרם וואס

דכי נח נפשיה דרב גזר רב יצחק בר (ביזנא) [ביסנא] דליכא דלימטיא אסא וגדמי לבי הילולא וטבלא ואזל איהו אמטי אסא וגרמי לבי הילולא וטבלא טרקיה חויא ומית :

ואלו קשרים פרק טו

(דף קיג) **א וכבדתו** מעשות דרכיך וגו'. וכבדתו שלא יהא מלבושך של שבת כמלבושך של חול וכי הא דרבי יוחנן קרי למאניה מכבדותי : גם בב"ק פרק החובל (יסעי"ה נח) מעשות דרכיך שלא יהא הלוכך של שבת כהלוכך של חול ממצוא חפצך חפציך אסורים חפצי שמים מותרים ודבר דבר שלא יהא דבורך של שבת כדבורך של חול. דבור אסור הרהור מותר. בשלמא כולהו לחיי אלא שלא יהא הלוכך של שבת כהלוכך של חול מאי היא כדבעא מיניה [רבי] מרבי ישמעאל ברבי יוסי מהו לפסיע פסיעה גסה בשבת א"ל וכי בחול מי הותרה שאני אומר פסיעה גסה נוטלת א' מת"ק ממאור עיניו

אין רבי. אין רצונו כך היה : דכי נח נפשיה דרב גזר רב יצחק. שיהיו ממעטין בשמחה אותה שנה ולא יהא אדם מביא אסא וגידמי להילולא וטבלא שהיו רגילין להביא הדס ועושי דקלים לשמוח לפני החתן והכלה וכשמביאין אותם לפניהם מקשקשין לפניהם בשוק בכוחם כתופים וזגים : טבלא : איסקליט"א וגזר שלא יקשקשו לפניהם עוד עכ"ל רש"י. ומ"ש בתחלת המאמר הוא תליסר אמרי חיורתא וכו' ואישתכחו טרפה הוא קשור עם מאי דאיתמר לעיל בגמרא האי מאן דטרקיה חויא ליתי עוברא דחמרא חיורתא וליקרעיה ולותביה עילויה פירוש עובר שנמצא במעי חמורה לבנה. וס"ש דלא אשתכח האם טרפה. ובעבור זה אמר כי קים מקרה רע להוא בר קשא שנמצאו טריפות כל תליסר חמרי דפומבדיתא ולזה לא הועילו לרפואתו. ואחרת שהיתה בההוא גיסא אכלה אריה ובזה הכיר אביי כי מה' היתה לו להענישו על שדבר על נדוי חכמים :

מכבדותי. שמכבדין בעליהן : ממצוא חפצך. כי הא דאמרינן בעירובין לא יטייל אדם בסוף שדהו בשבת לראות מה היא צריכה (אחר השבת) : חפצי שמים מותרין. כגון פוסקים צדקה ומשדכין על התינוקת ליארס : שלא יהא דבורך של שבת כו'. כגון מקח וממכר וחשבונות : הרהור מותר. להרהר בלבו כך וכך יעלה אני צריך להוציא על שדה זו : מהו לפסוע פסיעה גסה. מי שרי משום מעשות דרכיך. פסיעה גסה יותר

די רבנן האבען מתרים געוועזן. ווארום ווען רב איז געשטארבען האט רב יצחק בר ביסנא גוזר געוועזן מען זאל ניט ברייגנען קיין הדסים אונ ניט קיין צווייגין פון בוימער אונ מען זאל ניט שפילען אויף קיין חתונה אגאנצין יאהר. איז דער עלצטער פון די שטאט פומבדיתא גגאנגען אונ האט געבראכט הדסים אונ צווייגין פון בוימער צו א חתונה אונ מען האט געשפילט. האט איהם א שלאנג געטאהן א ביס אונ ער איז געשטארבען :

פרק חמשה עשר

א וכבדתו מעשות דרכיך. דו זאלסט הערליך האלטען שבת, דייגע קליידער פון שבת זאלען ניט זיין אזוי ווי דייגע וואכעדיגע קליידער. רבי יוחנן פלעגט רופען זייגע קליידער דם איז מיין כבוד. אין פסוק שטייט מעשות דרכיך דו זאלסט ניט טאהן דייגע וועגין. דאס מיינט מען דוא זאלסט ניט גיין אום שבת אזוי וויא דו גייסט אום דער וואכין. אין פסוק שטייט ממצוא חפצך פון צו געפינען דייגע בדערפעניש. דייגע בדערפעניש טארסטו ניט טאהן אום שבת. אבער די הימעלשע בדערפעניש וצדקה צו זאגין. שדוכים צו טאהן, אקינד אן דינגען צו אמלמד. אדער צו אבעל מלאכה מעג מען טאהן אום שבת. אין פסוק שטייט ודבר דבר צו ריידין רייד. דו זאלסט ניט ריידין אום שבת. אזוי ווי דוא רעדסט אום דער וואכין. דוא זאלסט ניט ריידין אום שבת פון קיין האנדיל. אבער נאר ריידין טאר מען ניט אום שבת פון א האנדיל. טראכטין פון האנדיל מעג מען אום שבת. זאגט די גמרא אלע זאכען ווייסען מיר וואס דער פסוק מיינט, נאר וואס דער פסוק זאגט דו זאלסט ניט גיין אום שבת אזוי ווי דוא גייסט אום דער וואכין. ווייסען מיר ניט וואס דער פסוק מיינט. ענטפערט די גמרא דם איז אזוי ווי רבי האט געפרעגט ביי רבי ישמעאל ברבי יוסי אויב מען מעג גיין גרויסע טריט אום שבת (א גרויסער טריט הייסט אשפרייז מער ווי אאייל). האט רבי ישמעאל געזאגט צו רבי ווארום אום דער וואכין מעג מען גיין גרויסע טריט. ווארום איך זאג אז א גרויסער טריט נעמט צו א פינף הונדערט חלק פון די לעכטיגקייט פון די אויגין פון מענטש. אונ די ליכטיגקייט קען צוריק

עיניו של אדם ומהדר ליה בקדושא דבי שמשי. אמר רבי אמי האוכל מעפ"ה של בבל כאילו אוכל מבשר אבותיו וי"א כאילו אוכל שקצים ורמשים דכתיב (בראשית ז) וימח את כל היקום וגו'. אמר ריש לקיש למה נקרא שמה שנער שכל מתי מבול ננערו לשם (אמר רבי יוחנן) ולמה נקרא שמה מצולה שכל מתי עולם נצללו לשם (רות ג) ורחצת וסכת (ושמת שמלותיך) וגו' אמר רבי אלעזר אלו בגדים של שבת:

(ע"ב) **בתן** לחכם ויחכם עוד (משלי ט) אמר רבי אלעזר זו רות המואביה ושמואל הרמתי. רות דאילו נעמי קאמר לה (רות ג) ורחצת וסכת וגו' וירדת הגורן ואלו בדידה כתיב ותרד הגורן והדר ותעש בכל אשר צותה חמותה. שמואל דאילו עלי קא"ל (שמואל א ג) שכב והיה אם יקרא אליך ואמרת דבר ה' כי שומע עבדך ואילו בדידיה כתיב ויבא ה' ויתיצב ויקרא כפעם בפעם שמואל שמואל ויאמר שמואל דבר כי שומע עבדך ולא אמר דבר ה'. (רות ב) ותלך ותבא ותלקט בשדה אמר רבי אלעזר שהלכה ובאתה הלכה ובאתה עד שמצאה

בני

מלאה פסיעה בינונית אחת: קידושא דבי שמשי. כשותה מיין של קידוש בלילי שבתות: מבשר אבותיו. שמתו שם בגולה: שקצים ורמשים. אמרו בגמרא דודאי אתמחויי אתמחו ולא נעשו עפר והאוכל עפר אינו כאוכל שקץ מתורת דינא אלא מגזירת חכמים לפי שהעפר מוליד תולי גזור בה משום אוכל שקצים ורמשים: שמלותיך. וכי ערומה היתה אלא שמלות מיוחדות והיינו דשבת:

ותרד הגורן והדר ותעש. שם רחצה ולבשה שמלות נאות שלא יפגעו בה כשהיא מקושטת ויאמרו זונה היא: שמואל. שהיתה שכינה קוראה לו מתוך ההיכל ולא היה יודע מי קורא לו. וכתיב התם ויבן עלי כי ה' קורא לנער ויאמר לו לך שכב והיה אם יקרא אליך ואמרת דבר ה' כי שומע עבדך והוא לא רצה להזכיר ה' שמא אין זו שכינה:

קומען אז ער טרינקט וויין פון קידוש שבת ביי נאכט. רבי אמי זאגט אז איינער עסט די ערד פון בבל. איז גלייך ווי ער וואלט גיגעסין די פלייש פון זיינע עלטערין. ווייל אונזערע טויטע עלטערין זענען געבליבען אין די ערד פון בבל נאך דעם מבול. אונ אנדערע זאגין אז מען עסט די ערד פון בבל איז גלייך וויא מען וואלט גיגעסין אלע מיאוסע גיפיינערטע זאכין וואס קריכט אויף די ערד. ווארום עס שטייט אין פסוק דער מבול האט אפ גימעקט דאס גאנצע באשטאנד פון די ערד. אלץ וואס עס איז נאר געפונען גיווארין אויף דיא ערד האט דער מבול פאר פלייצט אונ עס איז גיפיינערט אונ עס איז אריין אין דיא ערד. ריש לקיש זאגט פאר וואס רופט מען בבל שנער. ווייל אלע גישטארבענע פון מבול זענען דארט איין גיזונקען גיווארען. אין פסוק שטייט נעמי האט גיזאגט צו רות דוא זאלסט דיך וואשען אונ שמירען מיט בוימאייל אונ זאלסט אן טאהן דיינע קליידער. וועלכע קליידער. האט רבי אלעזר גיזאגט די קליידער פון שבת:

ב תן לחכם ויחכם עוד. שלמה האט גיזאגט גיב אביסול חכמה צום חכם וועט ער נאך קליגער זיין. האט רבי אלעזר גיזאגט דאס מיינט מען רות המואביה אונ שמואל הרמתי. ווארום נעמי האט גיזאגט צו רות דוא זאלסט דיך וואשען אונ שמירען אונ אן טאהן שיינע קליידער דער נאך זאלסטו גיין אין שייער צו בועז. אונ רות האט ניט אזוי גיטאהן: פריער איז זי גיקומען אין שייער. אונ דארט האט זי גיטאהן אזוי ווי איהר שווינגער האט איהר גיהייסען: אין שייער האט זי זיך גיוואשען אונ געשמירט אונ אן גיטאהן אנדערע קליידער. ווארום זי האט מורא גיהאט טאמער וועט איהר איינער טרעפין ווי זי גייט אויס גיצירט וועט מען איהר חושד זיין אז זי גייט כזונה זיין: ביי שמואל איז אזוי גיוועזן. עלי האט גיזאגט צו שמואל ליג אונ אז מען וועט דיך רופען זאלסטו זאגין רייד גאט ווארום דיין קנעכט הערט. אונ ביי שמואל שטייט אזוי. גאט איז גיקומען אונ ער האט זיך גישטעלט אונ ער האט גירופען אזוי וויא אלע מאהל שמואל שמואל. האט שמואל גיזאגט רייד ווארום דיין קנעכט הערט. אונ ער האט ניט גיזאגט רייד גאט. ווארום ער האט מורא גיהאט צו דערמאנען דעם נאמען גאט. טאמער איז דאס ניט גאט. ביי רות שטייט זיא איז גיגאנגען אונ גיקומען אונ האט געקליבען אין

בני אדם ההגונים לילך עמהם ויאמר בועז וגו' למי הנערה הזאת וכי דרכו של בועז לשאול בנערה אמר רבי אליעזר (אלעזר) דבר חכמה ראה בה ב' שבלים לקטה שלשה שבלים אינה לקטה במתניתא תנא דבר צניעות ראה בה עומדות מעומד נופלות מיושב וכה הדבקין עם נערותי וכי דרכו של בועז לדבק עם הנשים אמר רבי אלעזר כיון דחזא (שם א) ותשק ערפה לחמותה ורות דבקה בה אמר שרי לארבוקי בה. (שם ב) ויאמר לה בועז לעת האוכל גשי הלום אמר רבי אלעזר רמז רמז לה עתידה מלכות בית דוד לצאת ממנה דכתיב ביה הלום שנ' (שמואל ב) ויבא המלך דוד וישב לפני ה' ויאמר מי אנכי ה' אלהים ומי ביתי כי הביאתני עד הלום. (רות ב) וטבלת פתך בחומץ אמר רבי אלעזר מכאן שחומץ יפה לשרב רבי שמואל בר נחמני אמר רמז לה עתיד בן לצאת ממך שמעשיו קשים כחומץ ומנו מנשה. ותשב מצד הקוצרים אמר רבי אלעזר מצד הקוצרים ולא בתוך הקוצרים רמז רמז לה

בני אדם ההגונים. שבקוצרים ללך עמהם: לשאול בנערה. כל נערות שרואה היה דרכו לשאול בהן א"כ מסתכל בהן היה: ב' שבלים לקטה. כשהיתה רואה ב' שבלים שנפלו מן הקוצרים ליקטתן אבל ג' שוכבות יחד אינה לוקטת דהכי היא מתני' ב' שבלים לקט ג' אינו לקט: עומדות. שבלים שעומדות שכחת בועז לוקטת מעומד דשכחת קמה נמי הוה שכחה: נופלות. אותן של לקט שנשרו מן הקציר לוקטת מיושב ואינה שוחה ליטלן משום צניעות: רמז רמז לה. רוה"ק נזרקה בו: מצד הקוצרים. כל הקוצרים הפסיקו בינו לבינה ולא הושיבה בתוכן או אצלו רוה"ק נזרקה בו ונרמז למלכות בית דוד

פעלד. פריער האט זי דען געקליבען דער נאך איז זי געקומען. האט רבי אלעזר געזאגט זי איז געגאנגען אין פעלד אונ האט ניט געקליבען אונ איז געקומען אהיים. אונ זי איז נאך אמאהל געגאנגען אין א פעלד אונ האט ניט געקליבען אונ איז געקומען אהיים; ווייל זי האט ניט געפונען אין די פעלדער קיין פרומע מענטשען. ביז זי איז געקומען אין די פעלד פון בועז דארט האט זיא געפונען פרומע מענטשען וואס מען מעג גיין מיט זיי. אין די פעלד האט זי שוין געקליבען די זאנגען. אין פסוק שטייט בועז האט געפרעגט צו וועמען געהער די נערה. פרעגט דיא גמרא פאסט דאס פאר בועז ער זאל פרעגען אויף א אשה ווער זי איז. האט רבי אלעזר געזאגט בועז האט געזעהן אז זי איז קלוג. זי ווייס די דינים. אז זי האט געזעהן ליגען צוויי זאנגען בעזאמען. האט זי זיי גענומען. אונ אז דריי זאנגען זענען געלעגען בעזאמען. האט זיא זיי ניט גענומען. אין א ברייתא האבין מיר געלערנט בועז האט געזעהן זי איז פרום. די שטייענדיגע זאנגען וואס זענען פאר געסין געווארען אפ צו שניידען. האט זיא גענומען שטייענדיג. אונ די זאנגען וואס זענען געלעגען אויף די ערד האט זיא זייא גענומען זיצענדיג. אונ האט זיך ניט איינגעבויגען. אין פסוק שטייט בועז האט געזאגט צו רות אונ אזוי זאלסטו דיך בעהעפטען מיט מיינע יונגפרויען; פרעגט די גמרא פאסט דען פאר בועז ער זאל זיך בעהעפטען מיט ווייבער ועיין מהרש"א ורי"ף. האט רבי אלעזר געזאגט ווייל בועז האט געזעהן אז ערפה האט געקושט איהר שוויגער נעמי אונ איז אוועק געגאנגען פון איהר. אונ רות האט זיך בעהעפט צו איהר שוויגער אונ איז מיט איהר מיט געגאנגען. האט בועז געזאגט מיט איהר מעג מען זיך בעהעפטען. אין פסוק שטייט בועז האט געזאגט צו רות אז עס וועט זיין די צייט פון עסין זאלסטו גיין הלום צו דעם ארט. האט רבי אלעזר געזאגט בועז האט געוויזען צו רות אז די מלוכה פון דוד איז אן געבריית ארוים צו גיין פון איהר. ווארום ביי דעם מלך דוד שטייט אויך דער ווארט הלום. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער מלך דוד איז געקומען אונ האט זיך געזעצט פאר גאט. אונ האט געזאגט. גאט. ווער בין איך. אונ ווער איז מיין שטוב. וואס דו האסט מיך געבראכט ביז הלום. ביז צו דעם ארט. ביז צו די מלוכה. אין פסוק שטייט בועז האט געזאגט צו רות דו זאלסט איינטונקען דיין ברויט אין עסיג. האט רבי אלעזר געזאגט פון דאנען ווייסען מיר אז אין אהייסען טאג איז גוט צו טרינקען עסיג. רבי שמואל בר נחמני זאגט בועז האט געוויזען צוא רות אז פון איהר וועט געבאהרין ווערין א זוהן וואס זיינע מעשים וועלין זיין זאהער ווי עסיג. ער וועט זיין א רשע. דאס מיינט מען מנשה דער מלך. אין פסוק שטייט רות האט זיך געזעצט ביי דער זייט פון דיא

לה עתידה מלכות בית דוד שתתחלק. ויצבט לה קלי ותאכל וגו' אמר רבי אלעזר ותאכל בימי דוד ותשבע בימי שלמה ותותר בימי חזקיה ואיכא דאמרי ותאכל בימי דוד ובימי שלמה ותשבע בימי חזקיה ותותר בימי רבי דאמר מר אהוריריה דרבי הוה עתיר משבור מלכא במתניתא תנא ותאכל בעה"ז ותשבע לימות המשיח ותותר לעתיד לבא:

(ישעיה י) ג **ותחת** כבודו יקד יקוד כיקוד אש אמר רבי יוחנן ותחת כבודו ולא כבודו ממש רבי יוחנן לטעמיה דקרי למאניה מכבדותי רבי אלעזר אומר ותחת כבודו תחת כבודו ממש רשב"נ אמר תחת כבודו כשריפת בני אהרן מה להלן שריפת נשמה וגוף קיים אף כאן שריפת נשמה וגוף קיים.

אמר

כי לא מסיים עתידה ליחלק דאילו ישבה בתוכה לא היה זה רומז בפסקא בין בתים: ותאכל ותשבע. לשון עושר הוא דוד ושלמה וחזקיהו כתיב בהם עושר שהיו מביאין להם כל מלכי ארץ מנחה:

אהוריריה. ממונה על סוסים ופרדות שלו:

רבי. גרסינן: רבי יוחנן אומר תחת כבודו ולא כבודו ממש רבי יוחנן לטעמיה כו'. ככתוב בגמרא וה"פ בין לרבי יוחנן בין לרבי אלעזר גופו נשרף אלא רבי יוחנן משמע ליה תחת כבודו כמו תחת רגליו לשון תחתית וכבודו היינו בגדיו וה"ק תחת בגדיהם של חיילותיו של סנחריב יקד יקוד ולא בגדיהם נשרפו ורבי אלעזר משמע ליה תחת לשון חליפין כמו ישלם תחת השור מפני דרבי אלעזר לא קרי למאניה מכבדותיה הילכך ע"כ כבודו היינו גופו וה"ק כבודו ממש נשרף ותחתיו יצא האפר ושרפה כיקוד אש. ורבי שמואל משמע ליה תחת כרבי יוחנן וכבודו כרבי אלעזר הילכך קרא כרבי יוחנן מדרש ותחת כבודו נשרף ולא כבודו ממש והאי כבודו גופו הוא והילכך כשריפת בני אהרן שריפת נשמה וגוף קיים כדאמרינן בסנהדרין:

שניטערס. די אלע מענטשין וואס האבען געשניטען די תבואה זענען גיזעסען צווישען בועז און רות. האט רבי אלעזר גזאגט. ווייל זיא איז גיזעסען ביא דער זייט פון אלע שניטערס. און זיא איז ניט גיזעסען צווישען די שניטערס. דאס האט מען איהר געוויזען אזוי ווי זיא איז אפ גיטיילט פון בועז; אזוי וועט די מלוכה פון דוד צו טיילט ווערין. צו רחבעם און צו ירבעם. אין פסוק שטייט בועז האט געגעבין צו רות גטריקונטע זאנגען און זיא האט גיגעסין און איז זאט געווארען; און האט איבער גלאזען. האט רבי אלעזר גזאגט. אזוי מיינט מען. זיא האט גגעסין אין די צייט פון דוד. און זיא איז זאט געווארען אין די צייט פון שלמה. און זיא האט איבער גלאזען אין די צייט פון חזקיה. און אנדערע זאגען אזוי. זיא האט גגעסין אין די צייט פון דוד און אין די צייט פון שלמה. און זיא איז זאט געווארען אין דיא צייט פון חזקיה. און זיא האט איבער גילאזען אין די צייט פון רבי ועסין ווייזט אויף רייכקייט. זאט זיין ווייזט אויף גרעסערע רייכקייט. און איבערלאזען ווייזט אויף גאנץ גרויסע רייכקייט. און דער תנא האט גזאגט דער וואס האט אכטונג געגעבן אויף דיא פערד פון רבי איז געווען רייכער וויא דער מלך פון פרס. אין אברייתא האבען מיר געלערנט. זיא האט גגעסין אויף דער וועלט; און זיא איז זאט געווען אין דיא צייט פון משיח. און זיא האט איבער גלאזען אויף די צייט וואס עס וועט קומען. ומען האט איהר געוויזען אז איהר וועט גוט זיין אין אלע דריי צייטין:

ג ותחת כבודו יקד יקוד כיקוד אש. ביי די חיל פון סנחריב שטייט דער פסוק: רבי יוחנן זאגט אונטער זיין כבוד האט גיברענט. אבער זיין כבוד האט ניט גברענט. ווארום רבי יוחנן רופט זיינע קליידער דאס איז מיין כבוד. מיינט דער פסוק דער גוף פון די חיל פון סנחריב האט גברענט אבער די קליידער זייערע האבען ניט גברענט. און רבי יוחנן טייטשט דעם וארט תחת אונטען. און כבוד מיינט מען קליידער. רבי אלעזר זאגט תחת כבודו מיינט מען דעם גוף. כבוד ווערט גירופען דער גוף. און תחת איז טייטש אום גיטאהשט. מיינט דער פסוק דיא קערפער פון אלע חיל פון סנחריב זענען פאר ברענט גיווארען; און דיא קערפער זענען אום גיטאהשט גיווארען אויף אש; און די קליידער זייערע איז געבליבען. רבי שמואל בר נחמני זאגט תחת מיינט מען אונטען. און כבודו מיינט מען דעם גוף. זאגט דר פסוק די חיל פון סנחריב זענען פאר ברענט גיווארען אונטער דעם גוף אזוי וויא די קינדער פון אהרן נדב ואביהוא זענען פאר ברענט גיווארען. אזוי וויא זייערע נשמות זענען פאר ברענט גיווארען און זייערע קערפערס זענען געבליבען. ביא דעם חיל פון סנחריב איז אויך אזוי גיוועזן. זייערע נשמה זענען פאר

אמר רב אחא בר אדא [אבא] אמר רבי יוחנן (דף קיד) מנין לשינוי בגדים מן התורה שנאמר (ויקרא ו) ופשט את בגדיו ולבש בגדים אחרים. ותנא דבי רבי ישמעאל לימדה תורה דרך ארץ בגדים שבישל בהן קדירה לרבו אל ימזוג בהם כוס לרבו. אמר רבי חייא בר אבא א"ר יוחנן גנאי הוא לת"ח שיצא במנעלים המטולאים לשוק. א"ר חייא בר אבא אמר רבי יוחנן כל תלמיד חכם שנמצא רבב על בגדיו חייב מיתה שנאמר (משלי ח) כל משנאי אהבו מות אל תקרי משנאי אלא משניאי רבינא אמר רבד [איתמר] (שנא' (שם ז) מרבדים רבדתי ערשי) ולא פליגי הא בגלימא הא בלבושא. א"ר חייא בר אבא א"ר יוחנן מ"ד (ישעיה כ) כאשר הלך עבדי ישעיהו ערום ויחף ערום בבגדים

אהבו מיתות ע"כ: מנין לשנוי בגדים. שהוא דרך כבוד לפני המקום: ולבש בגדים אחרים והוציא את הדשן בזקיקו כבתוב ללבוש בגדים פחותים בשעת הוצאת הדשן שאינה עבודה חשובה כדי שלא ימאסו בגדיו החשובים שעובד בהן עבודת אכילה והקטרה כגון קטור ונסוך: ותנא דבי רבי ישמעאל. כדרשה דמאי קרא: בגדים שבישל בהם קדרה לרבו. דומיא דהוצאת הדשן אל ימזוג בהן כוס לרבו לפיכך הוזקק ללבוש בגדים פחותים: רבב. שומן וחלב: חייב מיתה. שצריך להיות הטוב והגון לכבוד תורתו: משניאי. שממאיסין עצמן בעיני הבריות והבריות אומרים אוי להם ללומדי התורה שהם מאוסים ומגונים נמצא זה משניא את התורה: רבד איתמר. שכבת זרע לשון מרבדים רבדתי ערשי רפדתיו וקשטתיו בבגדים ודינים המכניסים תאוה והזקק לי: בגלימא. שהוא עליון אפילו רבב: בלבושא. שהוא תחתון רבד

בְּרֶענְט גִיוָוארִין אוּנ זַייעֶרע קֶערפֶּערְס זֶענֶען גֶעבְּלִיבֶּען׃ רַב אַחָא בַּר אַדָּא הָאט גִזָאגְט פוּן רַבִּי יוֹחָנָן וֶוענְן וואו שְׁטֵייט אִין דִיא תּוֹרָה אַז עֶס אִיז אַכָּבוֹד פַר גָאט מֶען זָאל עֶנְדֶערִין דִי קְלֵיידֶר פוּן מִיאוּסֶה אוֹיף שֶׁענֶערֶע׃ וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דֶער כֹּהֵן וָוס גֵייט אַרָאפּ נֶעמֶען דִיא אַשׁ פוּן מִזְבֵּחַ. זָאל עֶר אוֹיס טָאהְן דִיא שֵׁיינֶע קְלֵיידֶער אוּנ זָאל אָנְטָאהְן אַנְדֶערֶע קְלֵיידֶער פְּרָאסְטֶערֶע. וַוייל דִי קְלֵיידֶער וֶועלִין פַאר שְׁטוּיבְּט וֶוערִין מִיט אַשׁ. אוּן אִיז נִיט שֵׁיין עֶר זָאל גֵיין טָאהְן דִיא עֲבוֹדָה מַקְרִיב זַיין קָרְבָּנוֹת מִיט פַר שְׁטוּיבְּטֶע קְלֵיידֶער׃ אוּנ רַבִּי רַבִּי יִשְׁמָעֵאל הָאבִּין גִילֶערוּנְט דִיא תּוֹרָה לֶערוּנְט אוּנְז דֶרֶךְ אֶרֶץ דִיא קְלֵיידֶער וָואס דֶער קְנֶעכְט גֵייט אִין גִיטָאהְן וֶוען עֶר קָאכְט דֶעם טָאפּ עֶסִין פַאר זַיין בַּעַל הַבַּיִת. זָאל עֶר נִיט גֵיין אִין זֵייא וֶוען עֶר דֶער לַאנְגְט אַכּוֹס צוּם בַּעַל הַבַּיִת צוּם טְרִינְקֶען. נָאר עֶר זָאל אָן טָאהְן אַנְדֶערֶע קְלֵיידֶער שֶׁענֶערֶע. בַּיי שַׁבָּת אִיז אוֹיךְ אַזוֹי. עֶר זָאל נִיט גֵיין אוּם שַׁבָּת אִין דִי וָואכֶעדִיגֶע קְלֵיידֶער. נָאר עֶר זָאל הָאבִּין אוֹיף שַׁבָּת בַּזוּנְדֶערֶע קְלֵיידֶער שֶׁענֶערֶע. רַבִּי חִיָּיא בַּר אַבָּא הָאט גִזָאגְט פוּן רַבִּי יוֹחָנָן וֶוענְן עֶס אִיז נִיט שֵׁיין פַאר אַתַּלְמִיד חָכָם עֶר זָאל אַרוֹיס גֵיין אִין גַאס מִיט גִילַאטֶעטֶע שִׁיךְ. רַבִּי חִיָּיא בַּר אַבָּא הָאט גִזָאגְט פוּן רַבִּי יוֹחָנָן וֶוענְן אַז עֶס וֶוערְט גִיפוּנֶען אַשְׁטִיקוּל פֶעטְס אוֹיף אַקְלֵייד פוּן אַתַּלְמִיד חָכָם. אִיז עֶר וֶוערְט מֶען זָאל אִיהם הַרְגֶנֶען וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק כָּל מְשַׂנְאַי אָהֲבוּ מָוֶת זָאלְסְט נִיט לֵייעֶנֶען מְשַׂנְאַי דִיא וָואס הָאבִּין מִיךְ פֵיינְט. נָאר זָאלְסְט לֵייעֶנֶען מַשְׂנִיאַי דִי וָוס מַאכֶען מֶענְטְשִׁין זָאלֶען מִיךְ פַיינְט הָאבִּן. וָוארוּם אַז אַתַּלְמִיד חָכָם גֵייט אַרוֹיס אִין גַאס מִיט מִיאוּסֶה קְלֵיידֶער. זָאגְט מֶען וַוייא פַאר מִיאוּסְט זֶענֶען דִי מֶענְטְשִׁין וָוס לֶערְנֶען תּוֹרָה. הָט מֶען פֵיינְט דִיא תּוֹרָה. דִיא תַּלְמִידֵי חֲכָמִים הָאבִּין לִיבּ דֶעם טוּיט. זֵיי זֶענֶען וֶוערְט מֶען זָאל זֵיי הַרְגֶנֶען. רַבִינָא זָאגְט מִיר הָאבִּין נִיט גִילֶערוּנְט רֶבֶב פֶעטְס. נָאר מִיר הָאבִּין גִילֶערוּנְט רֶבֶד שִׁכְבַת זֶרַע. אַז מֶען גֶעפִינְט אוֹיף אַקְלֵייד פוּן אַתַּלְמִיד חָכָם שִׁכְבַת זֶרַע אִיז עֶר וֶוערְט מֶען זָאל אִיהם הַרְגֶנֶען. אָבֶּער אַז מֶען גֶעפִינְט אַשְׁטִיקוּל פֶעטְס אוֹיף זַיינֶע קְלֵיידֶער קוּמְט אִיהם נִיט מֶען זָאל אִיהם הַרְגֶנֶען. זָאגְט דִי גְמָרָא רַבִּי חִיָּיא אוּנ רַבִינָא קְרִיגֶען נִיט. דִי אוֹיבֶּערְשְׁטֶע קְלֵייד אֲפִילוּ עֶס וֶוערְט נָאר גִיפוּנֶען אוֹיף אִיר אַשְׁטִיקוּל פֶעטְס. אִיז עֶר אוֹיךְ וֶוערְט מֶען זָאל אִיהם הַרְגֶנֶען. אוּנ אַז עֶס וֶוערְט גִיפוּנֶען אַשְׁטִיקוּל פֶעטְס אוֹיף דִי אוּנְטֶערְשְׁטֶע קְלֵיידֶער. קוּמְט אִיהם נִיט מֶען זָאל אִיהם הַרְגֶנֶען. אָבֶּער אַז עֶס וֶוערְט גִיפוּנֶען שִׁכְבַת זֶרַע אֲפִילוּ אוֹיף דִי אוּנְטֶערְשְׁטֶע קְלֵיידֶער אִיז עֶר אוֹיךְ וֶוערְט מֶען זָאל אִיהם הַרְגֶנֶען. רַבִּי חִיָּיא בַּר אַבָּא הָט גִזָאגְט פוּן רַבִּי יוֹחָנָן וֶוענְן וָוס מֵיינְט דֶער פָּסוּק אַזוֹי וִוי מַיין קְנֶעכְט יְשַׁעְיָהוּ אִיז גִיגַאנְגֶען נַאקֶעט אוּנ בָּארוּוֶעס. קֶען הֶען זַיין אַז יְשַׁעְיָהוּ הַנָּבִיא אִיז גִיגַאנְגֶען נַאקֶעט אוּנ

בבגדים בלואים ויתף במנעלים המטולאים. א"ר יוחנן תלמידי חכמים נקראים בנאין מפני שעוסקים בבנינו של עולם כל ימיהם ואמר רבי יוחנן איזהו ת"ח שמחזירין לו אבדה בטביעת העין זה המקפיד על חלוקו להפכו. ואמר רבי יוחנן איזהו תלמיד חכם שממנין אותו פרנס על הצבור זה ששואלין אותו דבר הלכה בכל מקום ואומרה ואפי' במסכת כלה. ואמר רבי יוחנן איזהו ת"ח שבני עירו מצווין לעשות לו מלאכתו זה שמניח חפציו ועוסק בחפצי שמים וה"מ למטרח בריפתיה. וא"ר יוחנן איזהו תלמיד חכם כל ששואלין אותו הלכה בכל מקום ואומרה למאי נפקא מינה למנוייה פרנס על הצבור אי בחדא מסכת באתריה אי בכוליה תנוייה בריש מתיבתא:

אין רבב לא: (ת"ח נקראין בנאין): שמחזירין לו אבידה בטביעת עין. כיון שאמר אני מכירה אף על פי שאינו נותן בה סימן: המקפיד על חלוקו להפכו. אם לבשה כשהיא הפוכה מקפיד עליו והופכו שמקפיד עליו שלא יראו התפירות המגונות ואימרי החלוק: בכל מקום. בכל הגמרא: ואפי' במסכת כלה. דלא רגילי בה אינשי וזה נתן לבו וגרסה. מסכת כלה ברייתא היא כלה בלא ברכה אסורה לבעלה כנדה: לעשות מלאכתו. כדאמרינן בפ"ק דיומא כתוב אחד אומר ועשית לך ארון עץ וכתוב א' אומר ועשו ארון וגו': למטרח בריפתיה. דבר שאינו יכול לטרוח בו והיינו הלוויין בו: אי בחדא וכו'. אם יודע להשיב במסכת שהוא עוסק בה ממנין אותו פרנס באתריה: ואי בכוליה ש"ס. דקאי בכלה מסכת ומסדר במסכת אחריתי:

(דף קטו) **ד אמר** רבי חייא בר אבא אמר רבי יוחנן יום כפור שחל להיות בחול מפצעין באגוזים ומפרכסים ברמונים מן המנחה ולמעלה מפני עגמת נפש

דבי

בָּארוּוֶעס. קֶען דֶען זַיין אַז יְשַׁעְיָהוּ הַנָּבִיא אִיז גִינַאנְגֶען נַאקֶעט אוּנ בָּארוּוֶעס אִין גַאס. נָאר נַאקֶעט מֵיינְט מֶען אִין אַלְטֶע קְלֵיידֶער. אוּנ בָּארוּוֶעס מֵיינְט מֶען אִין גִילַאטֶעטֶע שִׁיךְ. רַבִּי יוֹחָנָן זָאגְט תַּלְמִידֵי חֲכָמִים וֶוערִין גִירוּפֶען בָּאהֶערִם. זֵיי בָּאהֶען. וַוייל דִי גַאנְצֶע צַייט וָוס זֵייא לֶעבִּין בַּשֶׁעפְטִיגֶען זֵיי זִיךְ אוֹיף צוּ בָּאהֶען דִי וֶועלְט. וָוארוּם אַז זֵייא וָואלְטֶען נִיט גִילֶערְנְט דִיא תּוֹרָה וָואלְט דִיא וֶועלְט חָרוּב גִיוָוארִין. נָאךְ הָאט רַבִּי יוֹחָנָן גִזָאגְט דֶער תַּלְמִיד חָכָם וָואס גִיט אַכְטוּנְג עֶר זָאל נִיט גֵיין פַר קֶערְט אִין דִי הֶעמְד מִיט דִי נֶעט אוֹיס וֶוייניג: אוּנ אַז עֶר זֶעהט עֶר הָאט אָן גִיטָאהן דִי הֶעמְד פַאר קֶערְט. טוּהט עֶר זִיא אוֹיס. עֶר זָאל אִיר צוּרִיק גוּט אָן טָאהן. אַז מֶען גֶעפִינְט אַזַאךְ אוּנ עֶר זָאגְט דָס אִיז מַיינֶע. אֲפִילוּ עֶר וֵוייס נִיט צוּא זָאגִין אַסִימָן: נָאר עֶר זָאגְט אִיךְ דֶער קֶען אַז דִי זַאךְ אִיז מַיינֶע. גִיט מֶען אִיהם אַוֶועק דִי זַאךְ. אוּנ מִיר הָאבֶּען נִיט מוֹרָא מָאמֶער הָאט עֶר אַטְעוּת. וַוייל מִיר זֶעהן אַז דֶער תַּלְמִיד חָכָם קוּקְט גוּט אוֹיף אַזַאךְ. וָוארוּם עֶר קוּקְט דָאךְ אוֹיף זַיין הֶעמְד אוֹיךְ צוּ וִויסֶען אוֹיף וֶועלְכֶע זַייט עֶר גֵייט אִיר אָן גִיטָאהן. גֶעווִיס הָט עֶר אוֹיף דִי זַאךְ אוֹיךְ גוּט גִיקוּקְט אוּנ עֶר דֶער קֶענְט זִי אַז דָס אִיז זַיינֶע. נָאךְ הָט רַבִּי יוֹחָנָן גִזָאגְט וֶועלְכִין תַּלְמִיד חָכָם נֶעמְט מֶען אוֹיף עֶר זָאל פִירֶען דִיא שְׁטָאט. אַז עֶר וֵוייס צוּ זָאגִין אַדִין אוֹיף וֶועלְכִין אָרְט מֶען וֶועט אִיהם פְרֶעגִין. אֲפִילוּ אִין דִי מַסֶכְתָּא כַּלָּה. נָאךְ הָט רַבִּי יוֹחָנָן גְזָאגְט דֶער תַּלְמִיד חָכָם וָואס לֵיינְט אַוֶועק זַיינֶע זַאכֶען אוּנ אַרְבֶּעט נָאר הִימֶעלְשֶׁע זַאכֶען. עֶר לֶערְנְט טָאג אוּנ נַאכְט. אוּנ אַרְבֶּעט נִיט קֵיין מְלָאכָה אוּנ הַאנְדִילְט נִיט. זֶענֶען דִי מֶענְטְשִׁין פַאר בָּאטֶען זֵיי זָאלֶען אַרְבֶּעטִין פוּן זַיינֶעט וֶועגִין אוּנ אִיהם גֶעבִּין צוּ עֶסִין. אָבֶּער נָאר בְּרוֹיט דַארְפִין זֵיי אִיהם גֶעבִּין. אוּנ אַנְדֶערֶע נֵייטִיגֶע לֶעבֶּענְס זַאכֶען. נִיט מֶער. נָאךְ הָט רַבִּי יוֹחָנָן גְזָאגְט וֶוער הֵייסְט אַתַּלְמִיד חָכָם. אַז עֶר וֵוייס צוּ זָאגִין אַדִין אוֹיף וֶועלְכִין אָרְט מֶען וֶועט אִיהם פְרֶעגִין. וָוס אִיז דֶען אַז עֶר אִיז אַתַּלְמִיד חָכָם. מֶען זָאל אִיהם מֶעגִין מַאכֶען פַאר אַרָב. אוֹיבּ עֶר וֵוייס נָאר צוּא פְרֶעגִין אוּנ עֶנְטְפֶערִין אִין דִיא מַסֶכְתָּא וָוס עֶר לֶערְנְט אִיצְט. מֶעג עֶר זַיין אַרָב אִין זַיין שְׁטָאט. אוּנ אוֹיבּ עֶר וֵוייס צוּ פְרֶעגִין אוּנ עֶנְטְפֶערִין אִין גַאנְץ ש"ס. מֶעג עֶר זַיין אַראשׁ יְשִׁיבָה:

ד אָמַר. רַבִּי חִיָּיא בַּר אַבָּא הָט גְזָאגְט פוּן רַבִּי יוֹחָנָן וֶועגִין אַז יוֹם כִּפּוּר גִיפַאלְט אוּם דֶער וָואכֶען. נָאךְ מִנְחָה מֶעג מֶען צוּ קְלַאפֶּען נִיס אוּנ אָפּ שֵׁיילֶען מִילְגְרוֹיסֶען. עֶר זָאל הָאבִּין

דבי רב יהודה ימקנבי כרבא דבי רבא (רבה) גרדי קארי ביון דחזי דהוו קא מחרפי א"ל אתא איגרתא ממערבא משמיה דרבי יוחנן דאסור:

כל כתבי פרק טז

א כל כתבי הקדש מצילין אותן מפני הדליקה בין שקורין בהם ובין שאין קורין בהם ואף על פי שכתובין בכל לשון טעונין גניזה ומפני מה אין קורין בהם מפני בטול בית המדרש:

ב אמר ר' יוסי מעשה באבא חלפתא שהלך אצל ר"ג ברבי לטבריא ומצאו שהיה יושב על שלחנו של יוחנן הנזוף ובידו ספר איוב תרגום והיה קורא בו אמר ליה זכור אני בר"ג אבי אביך שהיה עומד על גב מעלה בהר הבית והביאו לפניו ספר איוב תרגום ואמר לבנאי שקעהו תחת הנדבך אף הוא צוה עליו וגנזו:

תנו

כיון דחזי דהוו קא מחרפי. מקדימים לפני המנחה דשמא לאו עגמת נפש הוא: א"ל. נאיכפי ביהיה: אתא וכו'. כי היכי דליקבלו מיניה: כל כתבי הקדש. כגון תורה נביאים וכתובים ולא תימא תורה לחוד הוא דצריך למטרח ולאצולי ולא שאר ספרים: מצילין אותם. כדקתני לקמן למבוי שאינו מפולש וטרחא בעלמא הוא דשרי בה בחסרון עירוב כדמפרש בגמרא: בין שקורין בהן. כגון נביאים שמפטירין בהן בבית הכנסת בשבת: בין שאין קורין בהן. כגון כתובים. ורבינו הלוי אמר דאפילו יחידים אין קורין בהן כדקתני טעמא משום בטול בה"מ דמשכי לבא ובשבת היו דורשים דרשה לבעלי בתים שעסוקים במלאכה כל ימי החול ובתוך הדרשה היו מורים להם הלכות איסור והיתר וטוב להם לשמוע מלקרות בכתובים: ואע"פ שכתובים בכל לשון. ואיכא למאן דאמר לקמן לא ניתנו לקרות בהן מצילין אותם: טעונין גניזה. אסור להניחם במקום הפקר ובגמרא מתרץ לה ורבותי פירשו דהאי בכל לשון דקאמר אכתובים קאי ולא אנביאים ומדומה אני מפני שמצינו ביונתן בן עוזיאל שאמרו תרגום הם מפרשים כך ואני אומר אף בנביאים אם אמר יונתן לא כתבו ולא נתנו ליכתב והכי מפרש במסכת מגילה דמאן דאסר בכולהו אסור בר מס"ת יונית משום מעשה דתלמי המלך ולא מפליג שהם בין נביאים לכתובים: מפני ביטול בה"מ. שהיה קבוע בשבת כדפרישית:

צַעַר. עֶר הַאלְט עֶסִינְוַוארְג אִין הַאנְט אוּנ קֶען זַייא נִיט עֶסִין: דִּיא שְׁטוּבּ מֶענְטְשִׁין פוּן רַב יְהוּדָה פְלֶעגִין שְׁנַייְדֶען קְרוֹיט. דִּי שְׁטוּבּ מֶענְטְשִׁין פוּן רָבָא פְלֶעגִין שְׁנַייְדֶען פְּלוֹצֶערִין. אַז רַב יְהוּדָה אוּנ רָבָא הָאבֶּען גִיזֶעהֶן זַיי שְׁנַייְדֶען צוּ פְרִיא אִין מִיטֶען טָאג. וֶוען זַייא הָאבִּין נָאךְ נִיט קַיין צַעַר פוּן הוּנְגֶער. הָאבֶּען זַייא גְזָאגְט צוּא זַייעֶרֶע שְׁטוּבּ מֶענְטְשִׁין עֶס אִיז גִיקוּמֶען אַבְּרִיף פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל פוּן רַבִּי יוֹחָנָן וֶועגִין אַז מֶען טָאר נִיט שְׁנַיידִין קַיין עֶסִינְוַוארְג אוּם יוֹם כִּפּוּר. אֲפִילוּ נָאךְ מִנְחָה אוֹיךְ נִיט:

פרק ששה עשר

א כָּל כִּתְבֵי הַקּוֹדֶשׁ. אַלֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים. תּוֹרָה נְבִיאִים כְּתוּבִים: מֶעג מֶען אַרוֹיס נֶעמֶען אוּם שַׁבָּת פוּן דֶעם אָרְט וָוס עֶס בְּרֶענְט אוּנ אַרַיין טְרָאגֶען אִין אַנְדֶערִין הוֹיף. אֲפִילוּ דִיא בֵּיידֶע הוֹיפִין הָאבֶּען נִיט גִיקַייגְט צוּ זַאמֶען קַיין עֵירוּב. סַיי נְבִיאִים וָואס מֶען לֵייעֶנְט אִין זַיי מַפְטִיר אוּם שַׁבָּת. אוּנ סַיי כְּתוּבִים וָואס מֶען לֵייעֶנְט נִיט אִין זַיי אוּם שַׁבָּת. אוּנ אֲפִילוּ זַיי וֶוענֶען גֶעשְׁרִיבֶּען אוֹיף אַנְדֶערֶע שְׁפְּרַאכִין נִיט אוֹיף לָשׁוֹן הַקּוֹדֶשׁ. אוּנ מֶען דַארְף זַיי בֶּעהַאלְטֶען זַיי זָאלֶען נִיט לִיגֶען אוֹיף מְיאוּסֶה אֶרְטֶער. פַר וָואס טָאר מֶען נִיט לֵייעֶנֶען כְּתוּבִים אוּם שַׁבָּת. מֶען זָאל נִיט זִיצֶען אִין שְׁטוּבּ לֵייעֶנֶען כְּתוּבִים נָאר מֶען זָאל קוּמֶען אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ הֶערִין דִי דְרָשָׁה:

ב אָמַר. רַבִּי יוֹסִי הָט גְזָאגְט מַיין פָאטֶער חֲלַפְתָּא אִיז אַמָאהל גִיגַאנְגֶען אִין טְבֶרְיָא צוּ רַבָּן גַּמְלִיאֵל בְּרַבִּי. הָט עֶר גִיטְרָאפִין רַבָּן גַּמְלִיאֵל זִיצְט בַּייא דֶעם טִישׁ פוּן יוֹחָנָן הַנְּזוּף. אוּנ עֶר הַאלְט אִין הַאנְט אַסֵפֶר אִיוֹב גֶעשְׁרִיבֶּען אוֹיף תַּרְגוּם לָשׁוֹן אוּנ עֶר לֵייעֶנְט אִין אִיהם. הָט מַיין פָאטֶער גְזָאגְט צוּ רַבָּן גַּמְלִיאֵל אִיךְ גִידֵיינְק אַז דַיין זֵיידֶע רַבָּן גַּמְלִיאֵל אִיז גִישְׁטַאנֶען אוֹיף אַטְרֶעפּ פוּן דֶעם בַּארְג וָוס דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז אוֹיף אִיהם גִישְׁטַאנֶען. הָאט מֶען גִיבְּרַאכְט פַאר אִיהם אַסֵפֶר אִיוֹב גֶעשְׁרִיבֶּען אוֹיף תַּרְגוּם לָשׁוֹן. הָאט עֶר גְזָאגְט צוּא דֶעם וָואס הָט גִימָאהֶערְט לֵייגְ אִיהם אַרַיין צְווִישֶׁען דִי צִיגֶעל: הָט דֶער רַבָּן גַּמְלִיאֵל אוֹיךְ גִיהֵייסֶען מֶען זָאל אִיהם בֶּעהַאלְטִין:

(ע"ב) ג תנו רבנן הברכות והקמיעין אע"פ שיש בהן אותיות של שם ומענינות הרבה שבתורה אין מצילין אותן מפני הדליקה אלא נשרפין במקומן (הן ואזכרותיהן) מכאן אמרו כותבי ברכות כשורפי תורה. מעשה באחד שהיה כותב בצידן באו והודיעו לרבי ישמעאל והלך לבדקו כשהיה עולה בסולם הרגישו בו ונטל טומוס של ברכות ושקען בספל של מים ובלשון הזה א"ל רבי ישמעאל גדול העונש האחרון מן הראשון:

ד תנו רבנן (במדבר י) ויהי בנסוע הארון ויאמר משה פרשה זו עשה לה (הקב"ה) סימניות מלמעלה ומלמטה לומר שאין זו מקומה (קט"ז) רבי אומר לא מן השם הוא זה אלא מפני שספר חשוב הוא בפני עצמו. כמאן אזלא הא דאמר רבי שמואל בר נחמן (נחמני) א"ר יוחנן (יונתן) (משלי ט) חצבה עמודיה שבעה אלו שבעה ס"ת כמאן כרבי מאן תנא דפליג עליה דרבי רשב"ג היא דתניא רבי שמעון ב"ג אומר עתידה

פירוש

אבא חלפתא. אביו של רבי יוסי חלפתא שמו: ר"ג ברבי. לא שהיה בנו של רבי אלא אדם גדול קרי ברבי: בר"ג אבי אביך. הוא ר"ג הזקן שהיה בדורו של חלפתא וזהו אבי אביו של רבינו הקדוש: על גבי מעלה. שנבנה הבית היו מעלות כשהוא הולך וגבוה כדתנן במסכת מדות: נדבך. שורת אבני הבנין:

בברכות. מטבע הברכות שטבעו חכמים כגון י"ח ושאר ברכות: ומעינות הרבה. מפרשיות שהיו כותבין בקמיעין פסוקים ללחש כגון כל המחלה וכגון לא תירא מפחד לילה: נשרפין במקומם. אם נפלה דליקה בשבת: כשורפי תורה. שהרי לא יצילום בשבת: לבודקו: אם אמת היה הדבר: טומוס. קבוצת קונטרסים היו כותבין תורה נביאים וכתובים:

עשה לה סימניות מלמעלה ומלמטה. להבדילה מן הסמוכות לה: מלמעלה ומלמטה. בתחלה ובסוף ויהי בנסוע הארון: שאין זה מקומה. שאינה ראויה לכאן דלאו בהלכות מסעות משתעי לעיל מיניה אלא בדגלים וראויה ליכתב בפרשת במדבר סיני: לא מן השם הוא זה. לא זה השם של טעמי הסימניות דמקומה הוא בפרשה זו בתחלת מסעות שנסעו מהר סיני דאיירי לעיל מיניה ויהי בחדש השני וגו' נעלה הענן: ז' ספרי תורה.

ג תנו רבנן: די רבנן האבען גילערנט אז אויף אפאפיר איז געשריבען דיא ברכות שמונה עשרה אדער אנדערע ברכות. אדער אקמיע איז געשריבען. אפילו עס איז דא אין זיי אותיות פון שם (למשל י ה ו). אונ עס איז דא אין זייא פיל ענינים פון דיא תורה. (דיא פסוקים כל המחלה אשר שמתי במצרים אדער אנדערע פסוקים). פון דעסטוועגין טאר מען זיי ניט מציל זיין פון אפייער אום שבת נאר זייא ווערין פאר ברענט אויף דעם ארט וואו זייא ליגען. זיי מיט דיא שמות. פון דאנען האט מען גיזאגט דיא וואס שרייבין ברכות איז גלייך דיא זיי וואלטין פאר ברענט אספר תורה. עס האט גיטראפין אין דיא שטאט צידן האט איינר געשריבען ברכות אויף פאפיר. איז מען גיקומען צו רבי ישמעאל אונ מען האט דס איהם גזאגט. איז רבי ישמעאל גיגאנגען זעהן אויב דס איז אמת: אז רבי ישמעאל איז גיגאנגען אויף דעם לייטער. האט דער שרייבער גיהערט וויא מען גייט: האט ער גינומען אפעקיל פאפיר געשריבענע ברכות אונ האט זיי אריין גילייגט אין אבעקין וואסער. מיט דעם לשון האט רבי ישמעאל צוא איהם גזאגט. דער שטראף פון די אנדערע זאך וואס דו האסט גילייגט די פאפירען אין וואסער, איז גרעסער פון די ערשטע זאך וואס דו האסט זיי געשריבען:

ד תנו רבנן. די רבנן האבין גלערנט די פרשה ויהי בנסוע הארון ויאמר משה האט מען גימאכט צו איר צייכונס פון אנהייב אונ צום סוף. פון אנהייב אפארקערטע נון אונ צום סוף אפארקערטע נון. צו זאגין אונז אז דא איז ניט דער ארט פון די פרשה. דיא פרשה דארף שטיין אויף איין אנדער ארט. אין די סדרה במדבר. רבי זאגט ניט דס איז דער טעם פון די פאר קערטע נונין. די פרשה ויהי בנסוע דארף טאקי דא שטיין: נאר וייל די פרשה ויהי בנסוע ווערט גירעכונט אבזונדער ספר. דריבער האט מען גימאכט צייכונס פר קערטע נונין פון אנהייב אונ צום סוף: אפ צו טיילען די פרשה פון פריער אונ פון שפעטער. זאגט דיא גמרא וואס רבי שמואל בר נחמני האט גזאגט פון רבי יונתן וועגין אז דער פסוק חצבה עמודיה שבעה (די תורה האט אוים גיהאקט זיבען זיילען) דס מיינט מען דיא זיבען ספרים פון דיא תורה. דאס איז אזוי וויא רבי. וואס ער זאגט אז ויהי בנסוע איז אבזונדער ספר. וועלכער תנא קריגט אויף רבי: דס איז רבן שמעון בן גמליאל. ווארום מיר האבען גילערנט רבן שמעון בן גמליאל האט

עתידה פרשה זו שתעקר מכאן ותכתב במקומה ולמה נכתבה כאן כדי להפסיק בין פירענות ראשונה לפורענות שניה פורענות שניה מאי היא (במדבר יא) ויהי העם כמתאוננים פורענות ראשונה ויסעו מהר ה' ואמר רבי חמא בר חנינא שסרו מאחרי ה' והיכן מקומה אמר רב אשי בדגלים:

ה **תניא** הגליונין וספרי צדוקים אין מצילין אותם מפני הדליקה ר' יוסי אומר בחול קודר את האזכרות שבהן וגונזן והשאר שורפן אמר רבי טרפון אקפח את בני שאם יבאו לידי שאני אשרוף אותן ואת האזכרות שבהן שאפילו אדם רודף אחריו להרגו ונחש רץ להכישו נכנס לבית עבודת כוכבים ואין נכנס לבתיהם של אלו שהללו מכירין וכופרים והללו אין מכירין וכופרין ועליהם הכתוב אומר (ישעיה נז) ואחר הדלת והמזוזה שמת זכרונך. א"ר ישמעאל ק"ו ומה לעשות שלום בין איש לאשתו אמרה תורה שמי שנכתב בקדושה ימחה על המים הללו שמטילים קנאה ואיבה ותחרות בין ישראל לאביהם שבשמים עאכ"ו

דפרשה זו כספר לעצמו נמצא של מעלה ספר לעצמו ושל מטה ספר לעצמו הוא וזה מקומה ונמצא ספר וידבר נחלק לג' ספרים: עתידה פרשה זו. לעתיד שיהו כל הפורענויות בטלים ולא ידלגו לפורענות ויה"ר בטל: מאחרי ה'. בתוך שלשה ימים למסעם התאוו האספסוף תאוה להתרעם על הבשר כדי למרוד בהקב"ה:

הגליונים. קלפים חלקים ונראה מסוגיא דגמרא דה"ק ספרי צדוקים כרי הן כגליונים כקלפים חלקים שלא נכתב בהם מעולם: ספרי צדוקים. שכתבו להן תורה נביאים כתובים כתב אשורית ולשון הקודש: קודר את האזכרות. חותך תחיבות הקלף מקום השם: שאפילו רודף אדם להרגו. על עצמו קאמר: שהללו. עובדי כוכבים העובדים עבודת כוכבים אינם מכירים שסרי בכך גדלו וכך למדום אבותם: אחר הדלת והמזוזה שמת זכרונך. זכרון הוא כידך ואינם שכחם לך אלא

גמרא די פרשה ויהי בנסע וועט אמאהל צו גינומען ווערין פון דעם ארט. אונ זיא וועט גישריבן ווערין אויף דעם ארט וואו זיא באדף שטיין געשריבען. אונ פר וואס איז דיא פרשה ויהי בנסע ביז איצט איז געשריבען. מפסיק צו זיין (אפ צו טיילען) צווישען די פורענות אונ די אנדערע פורענות. וואס איז גיוועזן די אנדערע פורענות. ויהי העם כמתאוננים. איז אראפ גיקומען אפייער פון הימעל אונ האט פר ברענט פיל מענטשין. אונ וואס איז גיוועזן דיא ערשטע פורענות. ויסעו מהר ה'. האט רבי חמא בר חנינא גזאגט זיי האבען אפ גיקערט פון גאט. אונ וואו איז דער ארט פון דיא פרשה ויהי בנסע. האט רב אשי גזאגט ביי דיא דגלים אין דיא סדרה במדבר:

ה **תניא**. מיר האבען גילערנט דיא תורה נביאים כתובים וואס דיא אפקורסים האבען געשריבען אויף לשון קודש אונ יודישע אותיות. פון דעסטוועגין זענען זייא גלייך וויא גלאטע ליידיגע פאפיר. אונ מען. טאר זיי ניט מציל זיין פון אשרפה אום שבת. רבי יוסי זאגט אום דער וואכען זאל מען אויס שניידען דיא שטיקלאך פאפיר וואס אויף זייא זענען די שמות געשריבען: אונ מען זאל זייא בעהאלטען. אונ דם איבעריגע זאל מען פאר ברענען. רבי טרפון האט גזאגט איך זאל פאר שניידען מיינע קינדער אויב איך וועל ניט אזוי טאהן. אויב עס וועט קומען אין מיינע הענט אתורה נביאים כתובים פון די אפקורסים. וועל איך פאר ברענען זייא מיט די שמות זייערע וואורום אפילו אמענטש וואלט מיך נאך יאגין צו הרגנן. אדער אשלאנג וואלט מיך נאך יאגין צו בייסען. וואלט איך בעסער אריין גיגאנגען אין אשטוב פון אעבודה זרה. אונ וואלט ניט אריין גיגאנגען אין דיא שטוב צו די אפקורסים. ווארום דיא אפקורסים קענען גאט זייא ווייסען איהם אונ לייקענען איהם. אונ דיא וואס דינען עבודה זרה לייקענען גאט ווייל זייא קענען איהם ניט. אונ אויף די אפקורסים זאגט דער פסוק אינטער די טיר אונ אינטער דיא מזוזה האסטו גיטאהן דיין גידיינקין. דם מיינט מען דוא גידיינקסט אן גאט. אונ ווייסט איהם. נאר דו האסט איהם אוועק געווארפען אזוי וויא מען ווארפט אוועק אזאך אונטער די טיר. רבי ישמעאל זאגט מאראך צו מאכען שלום צווישען מאן אונ ווייב האט דיא תורה גיזאגט מיין נאמען וואס איז געשריבען געווארען מיט הייליגקייט זאל ער אפ גימעקט ווערען אויף דיא וואסער. דיא אפקורסים וואס זייא מאכען אפיינטשאפט צווישען דיא יודין אונ זייער פאטער וואס אין הימעל. איז גיוויס אז מען מעג אפ מעקין זייערע ספרים מיט זייערע שמות. אויף

שסכלכת אותי אחרי כדלת: כך אין מצילין אותם. אפי' בחול:
דבי אבידן. ספרים שכתבו להם הצדוקים לספוכה פס ישראל ומקום שהיו הצדוקים מתוכחים שם קרי ליה בי אבידן: אין ולאו. זימנין א"ל אין וזימנין א"ל לא: לבי נצרפי. כך שמה: וקשי לי. שהרבה נפשו גבשוסית ולדחותן בקש נח: אמרי ליה נעקריה קשי לי דוכתיה. שהוא שם גומא. אי נמי נסיתיו וקשה לי ריהו וכל זה שהיו מתיראין רב ורבא מלבוא לבי אבידן שמא מתוך שיהוכחו יעמדו עליהם ויהרגום: מינייהו אנא. מכירי הם: פילוסופא. צדוקי (והתוכפות בלשון יון פילוסופוס אוהב חכמה): דהוה שקיל שמא כו'.

עאכ"ו. ועליהם אמר דוד (תהלים קלט) הלא משנאיך ה' אשנא וגו' תכלית שנאה וגו' וכשם שאין מצילים אותם מפני הדליקה כך אין מצילין אותם לא מן המפולת ולא מן המים ולא מדבר המאבדן:

ן בעא מיניה יוסף בר חנין מר' אבהו הני ספרי דבי אבידן מצילין אותן מפני הדליקה או אין מצילין אין ולאו ורפיא בידיה. רב אזיל לבי אבידן וכ"ש לבי נצרפי שמואל לבי נצרפי לא אזיל לבי אבידן אזיל. אמרו ליה לרבא מ"ט לא אתית לבי אבידן אמר להו דיקלא פלניא איכא באורחא וקשי לי ונעקריה דוכתיה קשי לי מר בר יוסף אמר אנא מינייהו אנא ולא מסתפינא מינייהו זימנא חדא אזיל בעו לסכוניה אימא שלום דביתהו דרבי אלעזר (אליעזר) אחתיה דרבן גמליאל הואי הוה ההוא פילוסופא בשבבותיה דהוה שקיל שמא דלא מ-כל שוחדא בעו לאחוכי ביה עיילא ליה שרגא דדהבא אזלא לקמיה אמרה ליה בעינא דנפלגי לי בנכסי דבי נשא אמר להו פלוגו אמר ליה כתיב לן במקום ברא ברתא לא תירות אמר ליה

מן

דיא אפקורסים האט דוד המלך געזאגט דיינע פיינט האב איך אויך פיינט. איך האב זייא פיינט אין טיפען הארצען; אונ אזוי וויא מען איז ניט מציל דיא תורה נביאים כתובים פון דיא אפקורסים פון אפייער. אזוי איז מען זייא ניט מציל אויב אוואנט איז אויף זייא ארויף געפאלען. אונ מען איז זייא ניט מציל פון וואסער. אונ מען איז זייא ניט מציל פון אנדערע זאכען וואס זיי ווערין דארט פר לארין. נאר מען לאזט זיי ליגען זיי זאלין פר לארין ווערין:

ן בעא. יוסף בר חנין הט געפרעגט ביי רבי אבהו די ספרים פון בי אבידן ודיא שטוב וואס דארטין פלעגין צו זאמען קומען די יודען מיט די אפקורסים צו שמועסין פון די אמונה. הט געהייסען בי אבידן. אונ דארט פלעגט ליגען די ספרים וואס די אפקורסים פלעגין שרייבען די קשיות מיט די תירוצים פון זיי אונ פון די יודען. מעג מען זיי מציל זיין פון אפייער אדער ניט. אמאהל האט רבי אבהו געזאגט יא. מען מעג זיי מציל זיין. אונ אמאהל האט ער געזאגט ניין. מען טאר זיי ניט מציל זיין. ער האט אליין ניט געוואוסט דעם דין: רב פלעגט גיין לבי אבידן. אונ לבי נצרפי אויך. שמואל איז לבי נצרפי ניט גיגאנגען. לבי אבידן פלעגט ער גיין. ואין בי נצרפי פלעגין אויך זיין אפקורסים): די אפקורסים האבען אמאהל געזאגט צו רבא פר וואס קומסטו ניט לבי אבידן. הט רבא געזאגט צו זיי אין וועג שטייט א בוים אונ איך קען ניט ליידען זיין ריח. האבען די אפקורסים געזאגט מיר וועלין אויסרייסען דעם בוים. הט רבא געזאגט עס וועט מיר שווער זיין צוא גיין אויף דעם ארט ווא דער בוים איז געשטאנען. ווארום עס וועט זיין א גרוב. מר בר יוסף הט געזאגט איך בין פון זיי, איך קען מיך מיט די אפקורסים: אונ איך האב ניט מורא פאר זיי. אמאהל איז מר בר יוסף געגאנגען צו זיי, איז ער געווען אין סכנה. אימא שלום די ווייב פון רבי אליעזר די שוועסטער פון רבן גמליאל. האט געוואהנט א פילוסוף (אאפיקורוס) נאנט פון זיי. אונ דער אפיקורוס האט געמאכט אויף זיך א נאמען אז ער נעמט ניט קיין שוחד אז מען קומט פאר איהם צום משפט. אונ אין אמת פלעגט ער נעמען שוחד אונ פלעגט פאלש פסקנן. נאר אין דער שטיל קיינער זאל ניט וויסען. האבען זייא געוואלט לאכען פון איהם אונ ווייזען אז ער נעמט שוחד. די ווייב פון רבי אליעזר הט געגעבין דעם אפיקורוס א גאלדענעם לייכטער. אונ זיא האט געזאגט צו איהם איך וויל מיין ברודער זאל מיר געבין א חלק אין מיין פאטערס ירושה. האט דער אפיקורוס געזאגט צו רבן גמליאל ער זאל איהר געבין א גלייכען חלק פון די ירושה: האט רבן גמליאל געזאגט צו דעם אפיקורוס עס שטייט

מו יומא דגליתון מארעכון אתנטלית אורייתא דמשה ואתיהיבת אורייתא אחריתא וכתיב ביה ברא וברתא כחדא ירתון למחר הדר עייל ליה איהו חמרא לובא אמר להו שפילית לסיפיה דספרא וכתיב ביה אנא לא למיפק מאורייתא דמשה אתיתי (אלא) [ולא] לאוספי על אורייתא דמשה אתיתי וכתיב ביה במקום ברא ברתא לא תירות אמרה ליה נהיר נהוריך כשרגא א"ל ר"ג אתא חמרא ובטש לשרגא:

(דף קיז ע"ב) ז אמר רב חסדא לעולם ישכים אדם להוצאת שבת שנא' (שמות יז) והיה ביום הששי והכינו את אשר יביאו לאלתר אמר רבי אבא בשבת חייב אדם לבצוע על ב' ככרות דכתיב לחם משנה אמר רב אשי חזינא לרב כהנא דנקט תרתי ובצע חדא אמר לקטו כתיב. ר' זירא הוה בצע אכולה שירותיה א"ל רב כהנא לרב אשי והא מיחזי כרעבתנותא כיון דכל יומא לא עביד והאידנא הוא דעביד לא מיחזי כרעבתנותא:

ח תנו רבנן כמה סעודות חייב אדם לאכול בשבת שלש רבי חידקא אומר ארבע אמר ר"י ושניהם

היה מוליך עליו שם שאינו מקבל שוחד מבעלי דינין הבאין לפניו והיה מקבלו בסתר: אמר ליה. פילוסופא לרבן גמליאל מיומא דגליתון וכו': שפילית. כל סוף הדבר הוא תחתית שלו ושייך למימר שפילית לסיפיה: נהור נהוריך כשרגא. כנהר אורך כהרגא למזה שנתנה לו מנורה בשוחד: א"ל. ר"ג: אתא חמרא ובטש. דחפשו לארץ כלומר אני נלחתי בשוחד [גי' רש"ל והכל כדי שישמעו המתאספים נבלותו ומי הוא]:

ישכים אדם. ערב שבת לטרוח ולזמן הוצאת שבת: והכינו את אשר יביאו לאלתר. בשעת הבאה הכנה והבאה בהשכמה הוא דכתיב [וילקטו אותו] בבקר בבקר: לבצוע. ברכת המוציא: נקיט תרתי. אוחזן בידו: לקטו (כתיב). דמשמע אחת אבל בציעה לא כתיב משנה: בצע אכולה שירותיה. פרוסה גדולה ודי לו בה לאותה סעודה ולכבוד שבת ונראה דמתחזי סעודת שבת להתחזק ולאכול הרבה:

אין אונזער תורה אז עס איז דא אזוהן ירשת נית-קיין טאכטער. האט דער אפיקורוס געזאגט צו-רבן גמליאל פון דער צייט וואס איהר זענט פערטריבען געווארען פון אייער לאנד. איז צו גינומען געווארען די תורה פון משה. און עס איז גיגעבין געווארען איין אנדער תורה. און עס שטייט אין איהר אז א טאכטער ירשת גלייך מיט אזוהן. אויף מארגין איז גיגאנגען רבן גמליאל צום אפיקורוס און האט איהם גיגעבין א מתנה איין אייזיל פון לוב. און רבן גמליאל מיט דיא שוועסטער זענען נאך אמאהל גיקומען פאר דעם אפיקורוס צום משפט וועגין די ירושה. האט דער אפיקורוס צו זיי געזאגט זעהט נאר וואס עס שטייט אין סוף פון דעם ספר. און דארט איז אזוי געווען געשריבען. איך בין ניט גיקומען אוים צו ציהען פון די תורה פון משה. און ניט צו מערין אויף דער תורה פון משה. און עס שטייט ווא עס איז דא אזוהן זאל א טאכטער ניט ירשענן. הט אימא שלום געזאגט צום אפיקורוס דיין ליכטיגקייט זאל לייכטען אזוי ווי די ליכט. האט רבן גמליאל געזאגט איין אייזיל איז גיקומען און האט צו טרעטין דיין לייכטער. דער ווייל דאבען אלע מענטשין גיהערט אז ער הט גינומען שוחד ביי זיי ביידע:

ז אמר. רב חסדא הט געזאגט יעדער מענטש זאל זיין פרייטאג גאנץ פריא קויפען אויף שבת (עיין רש"י). רבי אבא הט גיזאגט א מענטש דארף מאכען המוציא אום שבת אויף צוויי חלות. ווארום עס שטייט אין פסוק לחם משנה טאפעלע ברויט. צווייא ברויט. רב אשי האט גיזאגט איך האב גיזעהן רב כהנא הט גיהאלטען אין האנט צווייא חלות ווען ער הט גיזאגט די ברכה המוציא און ער האט צו שניטען נאר איין חלה. און ער הט גיזאגט אין פסוק שטייט מען זאל קלויבען [נעמען] טאפעלע ברויט. אבער עסין זאל מען צו יעדער סעודה נאר איין ברויט. רבי זירא ווען ער האט גימאכט המוציא הט ער אפ געשניטען פון די חלה א גרויסע שטיק: צו ווייזען אז ער האט ליב די סעודה פון שבת און ער וויל פיל עסין פון דיא סעודה. האט רב כהנא גיזאגט צו רב אשי ער האט דאך אויס גיזעהן וויא א פרעסער. האט רב אשי גיענטפערט ווייל אלע טאג הט ער ניט גיטאהן אזוי. נאר שבת הט ער אזוי גיטאהן. הט ער ניט אויס גיזעהן ווי א פרעסער:

ח תנו רבנן. די רבנן האבען גילערונט ווי פיל סעודות דארף א מענטש עסין אום שבת.

תלתא ביום. למנין ג' סעודות בא (ולאשמעינן ר"י דלא נאמר דרבנן סברי שלש סעודות ביום ערבי חידקא סבר ד' לנ"א תלתא היום כתיבי ורבנן סברי בהדי דאורתא איירי קרא ור"ח סבר לא איירי קרא בדאורתא. סרי"ק): חבלו של משיח. כשאמרינן בכתובות דור שבן דוד בא בו קטיגוריא נמצא שנאמר ועוד בה עשיריה: חבלו. לשון חבלי יולדה:

בלא מצרים. כלומר אין להם קץ: אז תתענג על ה'. בתר וקראת לשבת עונג כתיב: נחלת יעקב. ולא נחלת אברהם ויצחק: לארכה ולרחבה.

ושניהם מקרא אחד דרשו (שמות טז) ויאמר משה אכלוהו היום כי שבת היום לה' היום לא תמצאוהו בשדה ר' חידקא סבר הני תלתא היום לבר מאורתא ורבנן סברי בהדי דאורתא. (ד' קיח) א"ר שמעון בן פזי א"ר יהושע בן לוי משום בר קפרא כל המקיים שלש סעודות בשבת ניצול משלש פורעניות מחבלו של משיח ומדינה של גיהנם וממלחמת גוג ומגוג מחבלו של משיח כתיב הכא יום וכתיב התם (מלאכי ג) הנה אנכי שולח לכם את אליה הנביא לפני בוא יום ה' וגו'. מדינה של גיהנם כתיב הכא יום וכתיב התם (צפניה א) יום עברה היום ההוא. ממלחמת גוג ומגוג כתיב הכא יום וכתיב התם (יחזקאל לח) ביום בוא גוג:

ט **אמר** רבי יוחנן משום רבי יוסי כל המענג את השבת נותנין לו נחלה בלא מצרים שנאמר (ישעיה נח) אז התענג על ה' וגו' והאכלתיך (ע"ב) נחלת יעקב אביך וגו' לא כאברהם שכתוב בו (בראשית יג) קום התהלך בארץ לארכה ולרחבה ולא כיצחק שכתוב

דריא. רבי חידקא זאגט פיר. רבי יוחנן זאגט ביידע דרשנן איין פסוק, עס שטייט אין פסוק ויאמר משה אכלוהו היום (משה האט געזאגט איר זאלט עסין דעם מן היינט) כי שבת היום לה' (ווארום היינט איז שבת צו גאט) היום לא תמצאוהו בשדה (היינט ווערט איר ניט געפינען דעם מן אין פעלד). רבי חידקא האלט די דריי מאהל היום וואס ווייזט אז מען דארף עסין דריי סעודות אום שבת; די דריי סעודות דארפין זיין שבת ביי טאג אויסער די סעודה פון שבת ביי נאכט. צו זאמען איז פיר סעודות. אונ די רבנן האלטין מיט די סעודה פון שבת ביי נאכט איז דריי סעודות. איינע ביי נאכט אונ צוויי ביי טאג. רבי שמעון בן פזי האט געזאגט רבי יהושע בן לוי האט געזאגט פון בר קפראס וועגין דער וואס האלט די מצוה צו עסין דריי סעודות שבת ווערט ער בשערעמט ווערין פון דריי צרות: פון די צרות וואס עס וועט זיין אין די צייט ווען משיח וועט קומען. אונ פון די יסורים פון גיהנם. אונ פון די מלחמה פון גוג אונ מגוג. פון וואנען ווייסין מיר אז ער וועט בשערעמט ווערין פון די צרות וואס עס וועט זיין אין די צייט ווען משיח וועט קומען. ווארום דא שטייט יום (מען זאל עסין א סעודה היינט אום שבת). אונ דארט ביי משיח שטייט איך וועל שיקען צו אייך אליה הנביא איידער עס וועט קומען יום ה'. דער טאג פון גאט. דער יום פון די סעודה פון שבת בשערעמט פון די צרות פון דעם יום וואס עס וועט זיין ווען משיח וועט קומען. אונ פון וואנען ווייסין מיר אז ער וועט בשערעמט ווערין פון די יסורים פון גיהנם. ווארום דא שטייט יום (מען זאל עסין א סעודה היינט אום שבת). אונ דארט ביי דעם גיהנם שטייט יום עברה היום ההוא דער טאג איז א טאג פון צארין. דער יום פון די סעודה פון שבת בשערעמט פון דעם צארין פון דעם יום פון גיהנם. אונ פון וואנען ווייסין מיר אז ער וועט בשערעמט ווערין פון די מלחמה פון גוג אונ מגוג. ווארום דא שטייט יום (מען זאל עסין א סעודה היינט אום שבת) אונ דארט ביי די מלחמה פון גוג אונ מגוג שטייט ביום בוא גוג אין דעם טאג וואס גוג אונ מגוג וועט קומען. דער יום פון די סעודה פון שבת בשערעמט פון דעם יום וואס די מלחמה פון גוג אונ מגוג וועט זיין:

ט אמר. רבי יוחנן האט געזאגט פון רבי יוסים וועגין דער וואס האט פארגעניגען שבת פון עסין אונ טרינקען אונ נאך אנדערע זאכין. וועט אים גאט געבין א נחלה אן אגרענעץ. אן א סוף. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אז דו וועסט האבין פערגעניגען (פון דעם שבת וואס גאט האט גיבאטין. וועט מען דיר געבין עסין די נחלה פון דיין פאטער יעקב. ניט אזוי וויא אברהם וואס ביי אים שטייט שטיי אויף אונ גיי אין דיא לאנד דיא לייגנ אונ דיא בוייט. האט מען

שכתוב בו (שם יג) כי לך ולזרעך אתן את כל הארצות האל אלא כיעקב שכתוב בו (שם כח) ופרצת ימה וקדמה וצפונה ונגבה רב נחמן בר יצחק אמר ניצול משיעבוד עובדי כוכבים כתיב הכא והרכבתיך על במתי ארץ וכתיב התם (דברים לג) ואתה על במותימו תדרוך. ואמר רב יהודה אמר רב כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו שנאמר (תהלים לז) והתענג על ה' ויתן לך משאלות לבך עונג זה איני יודע מה הוא כשהוא אומר (ישעיה נח) וקראת לשבת עונג הוי אומר זה עונג שבת. אמר רבי חייא בר אבא אמר רבי יוחנן כל המשמר שבת כהלכתו אפילו עובד כוכבים (כדור) אנוש מוחלין לו שנאמר (שם נו) אשרי אנוש יעשה זאת וגו' מחללו אל תקרי מחללו אלא מחול לו. א"ר יהודה אמר רב אלמלי שמרו ישראל שבת ראשונה לא שלטה בהם אומה ולשון שנאמר (שמות טז) ויהי ביום השביעי יצאו מן העם ללקוט ולא מצאו וכתיב בתריה ויבא עמלק. א"ר יוחנן משום רבי שמעון בן יוחאי אלמלי משמרים ישראל ב' שבתות כהלכתן מיד נגאלים שנאמר (ישעיה נו) כה אמר ה' לסריסים אשר ישמרו את שבתותי וכתיב בתריה והביאותים אל הר קדשי וגו'
אמר

הלכך זו ולא יותר: כהלכות כולו. וזו לא: כדור אנוש. דור אנוש שהחילו לעבוד עבודת כוכבים דכתיב אז הוחל וגו': בתריה. בתר הכא פרשתא :

אים נאר צו געזאגט דיא לאנד. ניט מער. אונ ניט אזוי וויא יצחק וואס בייא אים שטייט צוא דיר אונ צוא דיינע קינדער וועל איך געבין די אלע לענדער. ניט מער. נאר אזוי וויא יעקב וואס ביי איהם שטייט דו וועסט דיך שטארקין אין מערב זייט: אונ אין מזרח זייט. אונ אין צפון זייט. אונ אין דרום זייט. רב נחמן בר יצחק זאגט דער וואס איז מקיים די מצוה צו עסין דריי סעודות אום שבת וועט ער בשערעמט ווערין ער זאל ניט בארפין דינגען צו דיא שטערין דינגער. ווארום דא ביי שבת שטייט נאך זאגט איך וועל דיך מאכען טרעטין אויף די הייך פון די ערד. אונ דארטין ביי די שטערין דינגער שטייט דו וועסט טרעטין אויף זיינע הייך. דער וואס היט שבת וועט טרעטין אויף די געצין דינגער. נאך האט רב יהודה געזאגט פון רבס וועגין דער וואס האט פערגעניגען פון שבת. גיט מען איהם אלץ וואס זיין הארץ פערלאנגט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אז דו וועסט האבען פערגעניגען ווייל גאט האט געהייסען. וועט דיר גאט געבין וואס דיין הארץ וועט פערלאנגען. איך ווייס אבער ניט וועלכין פערגעניגען דער פסוק מיינט. אז דער פסוק זאגט דו זאלסט רופען פערגעניגען צו שבת. ווייסען מיר אז דער פסוק שמועסט פון דעם שבתדיגען פערגעניגען. רבי חייא בר אבא האט געזאגט פון רבי יוחנןס וועגין דער וואס היט שבת אזוי ווי דער דין איז אפילו ער האט געדינט עבודה זרה אזוי ווי דער דור אנוש. איז מען איהם מוחל. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק וואוהל דעם מענטש וואס ער טוהט די זאך. ער היט שבת. מחללו. זאלסט ניט לייענען מחללו. נאר מחול לו. מען שיינקט איהם אלע עבירות. רב יהודה האט געזאגט פון רבס וועגין ווען די יודען וואלטען געהיט דעם ערשטין שבת. וואלט קיין פאלק ניט געוועלטיגט אויף זיי. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אונ עס איז געווען דעם זיבעטין טאג. שבת. זענען ארויס געגאנגען יודען פון דעם פאלק קלויבען מן אונ זייא האבען ניט געפונען. האבען זיי ניט געוואלט היטען שבת. שטייט דער נאך עמלק איז געקומען מיט זיי מלחמה האלטען. אבער אז זיי וואלטען געהיט שבת וואלט עמלק ניט געקומען. רבי יוחנן האט געזאגט פון רבי שמעון בן יוחאיס וועגין ווען די יודען זאלען היטען צוויי שבתים ווי דער דין איז וואלטען זיי באלד אויס געלייזט געווארין. ווארום עס שטייט אין פסוק אזוי האט גאט געזאגט צו די סריסים וואס וועלין היטען מיינע שבתים. דער נאך שטייט איך וועל זיי ברייגגען צוא מיין הייליגען בארג צום בית המקדש. אז דער פסוק זאגט זייא וועלין היטען שבתים בייגם מען צוויי. וועט מען זייא באלד אויס לייזען אונ ברייגגען אין ארץ ישראל צום בית המקדש:

(ע"ב) י **אמר** רבי יוסי יהא חלקי מאוכלי שלשה סעודות בשבת וא"ר יוסי יהא חלקי מגומרי הלל בכל יום. איני והאמר מר הקורא הלל בכל יום הרי זה מחרף ומגדף כי קאמרינן בפסוקי דזמרה. ואמר רבי יוסי יהא חלקי מהמתפללין עם דמדומי חמה. (אמר רבי חייא בר אבא) אמר רבי יוחנן מצוה להתפלל עם דמדומי חמה אמר רבי זירא מאי קראה (תהלים עב) ייראוך עם שמש ולפני ירח דור דורים. א"ר יוסי יהא חלקי ממתים בחולי מעים דאמר מר רובן של צדיקים מתים בחולי מעים. ואמר רבי יוסי יהא חלקי ממתים בדרך מצוה. ואמר רבי יוסי יהא חלקי ממכניסי שבת בטבריא וממוציאי שבת בצפורי. וא"ר יוסי יהא חלקי ממושבי בית המדרש ולא ממעמידי בית המדרש. וא"ר יוסי יהא חלקי מגבאי צדקה

הרי זה מחרף ומגדף. שנביאים הראשונים קבעום לומר לפרקים לשבח ולהודאה כדאיתא בערבי פסחים וזה הקורא תמיד בלא עתו אינו אלא כזומר שיר ומתלוצץ: בפסוקי דזמרה. שני מזמורים של הלולים הללו את ה' מן השמים הללו אל בקדשו: דמדומי חמה. כשהיא אדומה שחרית אחר הנץ מיד היא אדומה וערבית סמוך לשקיעתה: עם שמש. (עם) זריחתה: ולפני ירח. קודם אור הירח בעוד השמש לא שקעה: ממתים בחולי מעים. שמעיסרין ביסורים ומתמרקין עונותיהם. וכתבו בתוספות ר"י אומר כי יש יתרון למרק אכילה מן המעיים להיותם נקיים כשורים כמלאכי השרת: ממכניסי שבת בטבריא. שאני שהיא עמוקה ומתחשכה מבעוד יום וסבורים שחשכה: וממוציאי שבת בצפורי. שיושבת בראש הר ובמקום שהחמה שוקעת נראית שם אור גדול מאחרין לצאת: ממושבי בהמ"ד. חזנים מאספים תלמידים בכל יום [לבא] לב"ה: ממעמידי

י אָמַר. רַבִּי יוֹסֵי הָט גְזָאגְט הַלְוַאי וָואלְט אִיךְ גִיהַאט אַזוֹי אַ טייל אויף עוֹלָם הַבָּא וִויא דִי וָואס עֶסְן דְרַיי סְעוּדוֹת אוּם שַׁבָּת. נָאךְ הָט רַבִּי יוֹסֵי גְזָאגְט הַלְוַאי וָואלְט אִיךְ גִיהַאט אַזוֹי אַ טייל אויף עוֹלָם הַבָּא. וִויא דִי וָואס זָאגֶען אַלֶע טָאג גַאנְץ הַלֵּל. פְרֶעגְט דִי גְמָרָא עֶס אִיז דָאךְ נִיט אַזוֹי דֶער תַּנָּא הָט דָאךְ גְזָאגְט דֶער וָואס זָאגְט הַלֵּל אַלֶע טָאג לֶעסְטֶערְט עֶר גָאט. ענְטְפֶערְט דִי גְמָרָא רַבִּי יוֹסֵי מֵיינְט נִיט הַלֵּל. נָאר הַלְלוּיָהּ: דֶער וָואס זָאגְט הַלְלוּיָהּ אַלֶע טָאג הָט עֶר עוֹלָם הַבָּא. נָאךְ הָט רַבִּי יוֹסֵי גְזָאגְט הַלְוַאי וָואלְט אִיךְ גִיהַאט אַזוֹי אַ טייל אויף עוֹלָם הַבָּא וִוי דִי וָואס דַאוְונֶען וֶוען דִי זוּהן אִיז רוֹיט. שַׁחֲרִית דַאוְונֶען זֵיי בַּאלְד וִויא דִי זוּהן קוּמְט אַרוֹיס וֶוען זִיא אִיז נָאךְ רוֹיט. אוּנ פַאר'ן נַאכְט דַאוְונֶען זֵיי וֶוען דִי זוּהן אִיז רוֹיט נָאנְט צוּם אוּנְטֶער גֵיין. רַבִּי יוֹחָנָן זָאגְט עֶס אִיז אַ מִצְוָה צוּא דַאוְונֶען וֶוען דִיא זוּהן אִיז רוֹיט. רַבִּי זֵירָא זָאגְט פוּן וֶועלְכִין פָּסוּק וֵוייסֶען מִיר דִי מִצְוָה. דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גְזָאגְט יִירָאוּךְ עִם שָׁמֶשׁ. זַייא גֶעמֶען אויף זִיךְ דַיין מוֹרָא אוּנ זֶענֶען מִתְפַּלֵּל פַאר דִיר גְלַייךְ וֶוען דִי זוּהן שַׁיינְט אויף. וְלִפְנֵי יָרֵחַ דוֹר דוֹרִים. אוּנ וֶוען דִי זוּהן גֵייט אוּנְטֶער אֵיידֶער דִי לְבָנָה קוּמְט אויף זֶענֶען זֵיי אויךְ מִתְפַּלֵּל פַאר דִיר. הָט רַבִּי יוֹסֵי גְזָאגְט הַלְוַאי וָואלְט אִיךְ גִיהַאט אַזוֹי אַ טייל אויף עוֹלָם הַבָּא. וִויא דִי וָואס שְׁטַארְבֶּען פוּן אַ מָאגִין קְרַאנְקְהַייט. וָוארוּם דֶער תַּנָּא הָאט גְזָאגְט דָאס מֶערְסְטֶע צַדִּיקִים שְׁטַארְבֶּען פוּן אַ מָאגִין קְרַאנְקְהַייט. זֵיי זָאלֶען קוּמֶען אויף עוֹלָם הַבָּא מִיט אַרֵיינֶעם מָאגִין. נָאךְ הָט רַבִּי יוֹסֵי גְזָאגְט הַלְוַאי וָואלְט אִיךְ גִיהַאט אַזוֹי אַ טייל אויף עוֹלָם הַבָּא וִויא דִיא וָואס שְׁטַארְבֶּען אִין וֶועג וֶוען זֵיי גֵייעֶן טָאהְן אַ מִצְוָה. נָאךְ הָאט רַבִּי יוֹסֵי גְזָאגְט הַלְוַאי וָואלְט אִיךְ גִיהַאט אַזוֹי אַ טייל אויף עוֹלָם הַבָּא וִויא דִי וָואס נֶעמֶען צוּ שַׁבָּת אִין טְבֶרְיָא. אוּנ וִויא דִי וָואס לָאזֶען אוֹיס שַׁבָּת אִין צִיפּוֹרִי וַוייל טְבֶרְיָא אִיז אִין אַ טָאהל וֶוערְט פְרַייטָאג פַאר'ן נַאכְט פְרִיא פִינְסְטֶער, גֶעמְט מֶען צוּ פְרִיא שַׁבָּת אוּנ צִפּוֹרִי אִיז גִיוֶוען אוֹיף אַ בַּארְג. וֶוערְט שַׁבָּת פַאר'ן נַאכְט שְׁפֶּעט פִינְסְטֶער, גֵייט מֶען שְׁפֶּעט אַרוֹיס פוּן שַׁבָּת) נָאךְ הָט רַבִּי יוֹסֵי גְזָאגְט הַלְוַאי וָואלְט אִיךְ גִיהַאט אַזוֹי אַ טייל אויף עוֹלָם הַבָּא וִוי דִי מֶענְטְשֶׁען וָואס פַאר זַאמְלֶען תַּלְמִידִים זַייא זָאלֶען קוּמֶען אַלֶע טָאג אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ לֶערְנֶען. אוּנ נִיט וִויא דִי מֶענְטְשֶׁען וָואס זָאגֶען צוּ דִי תַּלְמִידִים שְׁטֵייט אויף פוּן לֶערְנֶען עֶס אִיז גִיקוּמֶען דִי צַייט צוּ גֵיין עֶסְן. נָאךְ הָאט רַבִּי יוֹסֵי גְזָאגְט מַיין חֵלֶק זָאל זַיין אויף עוֹלָם הַבָּא וִויא דִי מֶענְטְשֶׁען וָואס נֶעמֶען צוּ זַאמֶען גֶעלְט אויף צְדָקָה. אוּנ נִיט וִויא דִי מֶענְטְשֶׁען וָואס צוּ טֵיילֶען דִי צְדָקָה צוּ דִיא אָרֶעמֶע לַייט. וָוארוּם אַמָאהל הָאבֶּען זֵיי אַטְעוּת דֶעם אָרֶעמֶען מַאן וָואס מֶען דַארְף גֶעבֶּען פִיל, גִיבֶּען זֵיי. איהם וֵוינִיג, גִיבֶּען זֵיי דָאךְ

צדקה ולא ממחלקי צדקה. וא"ר יוסי יהא חלקי ממי שחושדין אותו ואין בו אמר רב פפא לדידי חשדן ולא הוה בי. ואמר רבי יוסי מימי לא נסתכלתי במילה שלי איני והאמרו ליה לרבי מ"ט קרי לך רבינו הקדוש אמר להם מימי לא נסתכלתי במילה שלי רבי מילתא אחרית הוה ביה שלא הכנים ידו תחת אבנטו. ואמר ר' יוסי מימי לא ראו קורות ביתי אימרי חלוקי. ואמר רבי יוסי מימי לא עברתי על (דעת) ודברין חברי יודע אני בעצמי שאיני כהן ואם אומרים לי חברי עלה לדוכן אני עולה. וא"ר יוסי מימי לא אמרתי דבר וחזרתי לאחורי :

יא אמר רב נחמן תיתי לי דקיימית ג' סעודות בשבת וא"ר יהודה תיתי לי דקיימית עיון תפלה אמר רב הונא בריה דרב יהושע תיתי לי דלא מסגינא ד' אמות בגלוי הראש. אמר רב ששת תיתי לי דקיימית מצות תפילין ואמר רב נחמן תיתי לי דקיימית מצות ציצית. אמר ליה רב יוסף לרב יוסף בריה דרבא אבוך במאי זהיר טפי אמר ליה בציצית

יומא

ממונים לפת האוכל לומר הגיע עת לעמוד ולאכול : ממחלקי. לעניים צדקה דאמרינן פ"ק (דב"ב:) דגבאי צדקה נגבית בב' ומתחלקת בשלשה והמחלקים אותה עליהם לבדוק לפי הצריך לכל אחד ואחד ופעמים שקרובה דעתם לרחם על זה לחלק יותר מן הצורך שאומרים לו עברתם ואומרים את חברו נשאתם : לא נסתכלתי וכו'. מרוב צניעות : והאמרו ליה וכו'. והא"ל לר' יוסי מפי כ"ל למקרייה רבינו הקדוש : תחת אבנטו. מן אבנט ולמטה : לא ראו קורות וכו'. כשפשט חלוקו (לא היה פושטו מרוב צניעות כשפושטו) שפשטו כמו שהיה לובשו דרך ראשו מכסה את עצמו תחלה משום צניעות בסדינו (מתחת) ויושב במטתו : אלו היו חברי אומרים עלה. וכתבו בתוספות לא ידע ר"י מה איסור יש בזר העולה לדוכן אם לא משום ברכה לבטלה שבכהנים אמרה תורה לברך את ישראל עד כאן : לא אמרתי דבר וחזרתי לאחורי. אם בא מי שאמרתי עליו דבר ושאל אם אמרתי (כן) עליו לא חזרתי בי לומר איני כדברי לפי שמתחלה אמת אמרתי וקסבר כל מילתא דמתאמרא באפי תלתא לית בה משום לישנא בישא וכן מפרש במסכת ערכין :
דקיימית מצות תפילין. שלא סגי ד' אמות בלא

דעם אָרעם מאַן. נאָך האָט רבי יוסי געזאָגט מיין חלק זאָל זיין אויף עולם הבא וויא דער מענטש וואָס מען איז איהם חושד. און עס איז ליגען. רב פפא האָט געזאָגט מיך האָט מען חושד געווען. און עס איז געווען ליגען. נאָך האָט רבי יוסי געזאָגט אַזוי לאַנג וויא איך לעב האָב איך ניט געקוקט אויף מיין מילה. פרעגט די גמרא עס איז דאָך ניט אַזוי. ווארום מען האָט געפרעגט ביי רבי פאַר וואָס רופט מען דיך רבינו הקדוש. האָט רבי געזאָגט ווייל אַזוי לאַנג וויא איך לעב האָב איך ניט געקוקט אויף מיין מילה. אַז מיר הערין זאָגען רבי יוסי האָט אויך אַזוי געטאָהן. האָט מען דאָך איהם אויך געדאַרפט רופען רבי יוסי הקדוש. זאָגט די גמרא רבי האָט געהאט נאָך אַמעלה. ער האָט ניט געהאַלטען די האַנט נידעריגער ווי דער גאַרטיל. דריבער האָט מען איהם גערופען רבינו הקדוש. נאָך האָט רבי יוסי געזאָגט אַזוי לאַנג וויא איך לעב האָבען די בעלקעס פון מיין שטוב ניט געזעהן דעם זוים פון מיין העמד. נאָך האָט רבי יוסי געזאָגט אַזוי לאַנג ווי איך לעב בין איך ניט אַריבער געגאַנגען מיין חברים רייד. איך ווייס ביי מיר אַז איך בין ניט קיין כהן און אויב מיינע חברים וואָלטען צו מיר געזאָגט גיי דוכנען. וואָלט איך געגאַנגען דוכנען. נאָך האָט רבי יוסי געזאָגט אַזוי לאַנג וויא איך לעב האָב איך ניט געזאָגט אַזוי אַזאַך איך זאָל דאַרפען דער נאָך חרטה האָבען און זאָגען איך האָב ניט אַזוי געזאָגט. נאָר איך האָב אייביג געזאָגט דעם אמת. אַז מען האָט מיך געפרעגט צו איך האָב אַזוי געזאָגט האָב איך געזאָגט יאָ :

יא אמר. רב נחמן האָט געזאָגט זאָל מיר ביי שטיין דער זכות פון די מצוה וואָס איך האָב מקיים געווען צו עסין דריי סעודות אום שבת. רבי יהודה האָט געזאָגט מיר זאָל ביי שטיין דער זכות וואָס איך דאַווין פרום. רב הונא דער זוהן פון רב יהושע האָט געזאָגט מיר זאָל ביי שטיין דער זכות פון דיא מצוה וואָס איך בין קיין מאָהל ניט געגאַנגען פיר איילען מיט דעם בלויזען קאָפּ. רב ששת האָט געזאָגט מיר זאָל ביי שטיין דער זכות וואָס איך האָב מקיים געווען די מצוה פון תפילין. איך בין ניט געגאַנגען פיר איילען אָן תפילין. רב נחמן האָט געזאָגט מיר זאָל ביי שטיין דער זכות וואָס איך האָב מקיים געווען די מצוה פון ציצית. איך בין ניט געגאַנגען פיר איילען אָן ציצית. רב יוסף האָט געזאָגט צו רב יוסף דער זוהן פון רבא אין וועלכע מצוה איז דיין

יומא חד הוה קא סליק בדרגא איפסיק ליה חוטא ולא נחית ואתא כמה דלא רמייה. ואמר אביי תיתי לי דכי חזינא צורבא מרבנן דשלים מסכתיה (דף קיט) עבידנא יומא טבא לרבנן. אמר רבא תיתי לי דכי אתא צורבא מרבנן לקמאי לדינא לא מזיגנא רישא אבי סדיא כמה דלא מהפיכנא בזכותיה אמר מר בר רב אשי פסילנא ליה לצורבא מרבנן לדינא מ"ט דחביב עלי כגופאי ואין אדם רואה חובה לעצמו ר' חנינא מיעטף וקאי בפניא דמעלי שבתא אמר בואו ונצא לקראת שבת מלכתא. ומאמרים אחרים במצות כבוד שבת ע"כ:

יב רבי ינאי לביש מאניה מעלי שבתא ואמר בואי כלה בואי כלה רבה בר רב הונא איקלע לבי רבה בר רב נחמן קריב ליה תלת סאוי טחיי א"ל מי הוה ידעיתון דאתינא א"ל מי עדיפת לן מינה (דכתיב וקראת לשבת עונג). רבי אבא זבן בתליסר אסתירא פשיטי בשרא מתליסר טבחי ומשלים להו אצינורא דדשא ואומר להם אשור הייא אשור הייא רבי אבהו הוה

בסילון וכן לענין ליליא: עד דרמיה. שתקה וזה לשון תליית ליליא כדאמרינן בעלמא לא דמי תופין: דשלים מסכתיה. שגומרה: עבידנא יומא טבא לרבנן. לתלמידים ראש ישיבה היה: תיתי לי. ישולם שכרי: דכי אתא צורבא דרבנן כו'. שמחבבים ת"ח עלי: דלא מזיגנא רישא אבי סדיא. איני מניח ראשי על הכר: כמה דלא מהפיכנא ליה בזכותיה. עד שאראה אם יש בדבריו לזכותו: מעטף. בבגדים נאים:

אמר כלה. שהי קרי ליה לשבת שבת מתוך חביבות: טחיי. רקיקים טחים פניהם בשומן אליה או בשמן: מי עדיפת לן מינה. כלום אתה חשוב לנו מן השבת לכבוד שבת הכנתים ולא היינו יודעים שתבא: מתליסר טבחי. לטעום בשבת מן המובחר: אסתרי. סלעים: איסתרי פשיטי. בגמי מדינה והם אחד מח' בסלע צורי והיינו חצי דינר: ומשלים להו אצינורא דדשא. לפני בואה לביתו לו כבשר היה מזומן להם מעותם על פתחו: ואומר להם אשור הייא. התאשרו והתקינו הבשר בתמחויכם למהר ולחזור ולמכור ולהתעסק בצרכי שבת ולי נראה ומשלים להו אצינורא כשהיה פרנסת ראש העיר היה נותנה לשמשים המכינים סעודתו אל פתח ביתו ולא היה נכנס אלא ממהר לחזור לביתו למהר ואמר להם לשמשים אשור הייא,

פאטער געוועזען מער געהיט. האט ער איהם געגעבען פערט. אין ציצית. אמאהל איז מיין פאטער ארויף געגאנגען אויף א לייטער. איז אפ געריסען געווארען אפאדעם פון א ציצה. האט ער ניט געוואלט אראפ גיין פון לייטער. ביז מען האט איהם געגעבען אנייע ציצה אונ ער האט איר איין געבונדען אין קלייד אזוי וויא דער דין איז. אביי האט געזאגט מיר זאל ביי שטיין דער זכות פון די מצוה אז איך זעה אלמדן לערענט אוים אמסכת. מאך איך איום טוב פאר דיא רבנן. רבא האט געזאגט מיר זאל ביי שטיין דער זכות פון דיא מצוה אז אלמדן קומט פאר מיר צו אדין תורה. לייג איך ניט מיין קאפ אויף אקישען. ביז איך זוך אונ זעה טאמער וועל איך געפינען פאר איהם אזכות. איהם גירעכט צו מאכען. מר בר רב אשי האט געזאגט איך בין פסול צו זיצען ביי אדין תורה פון אלמדן. ווייל איך האב ליב דעם למדן אזוי וויא זיך: אונ אזוי וויא אמענטש קען זיך ניט שולדיג מאכען אזוי קען איך ניט שולדיג מאכען דעם למדן. רבי חנינא פלעגט זיך איין וויקלען אין שיינע קליידער ערב שבת פארין נאכט. אונ ער האט געזאגט צו דיא תלמידים קומט מיר וועלען ארויס גיין געגין שבת המלכה:

יב רבי ינאי פלעגט אן טאהן זיינע שבת קליידער ערב שבת פארין נאכט אונ ער פלעגט זאגען צום שבת קום כלה קום כלה. רבה בר רב הונא איז אמאהל געקומען אויף שבת צו רבה בר רב נחמן. ווען מען האט געגעסען די סעודה פון שבת האט מען געבריינגט צום טיש דריי מאס קיכלאך בשמירט פון הויבען מיט בומאייל אדער מיט שמאלץ. האט רבה בר רב הונא געפרעגט צו רבה בר רב נחמן פון וואנען האט איר געוואוסט אז איך וועל קומען וואס איר האט אזוי פיל אן געטרייט. האט רבה בר רב נחמן געענטפערט ביסטו דען בעסער ביי אונז ווי שבת. מיר האבען נים געוואוסט אז דו וועסט קימען. אונ די קיכלאך האט מען אן געגרייט אויף שבת: רבי אבא האט גיקויפט פלייש אויף שבת פאר דרייצעהן אסתירים (דאס איז אזוי אמטבע) פון דרייצעהן קצבים. ער זאל האבען אויף שבת די בעסטע פלייש. אונ איידער דיא קצבים פלעגען קומען מיט די פלייש. פלעגט ער שוין אן גרייטען דאס געלט ביי די טיר. אונ אז דיא קצבים זענען געקומען. פלעגט ער זאגען צו זייא געשווינד פאר קויפט אייערע פלייש. איר זאלט ניט

מהה יתיב אתכתקא דשינא ומושיף נורא רב ענן לביש גונדא דתנא דבי רבי ישמעאל בגדים שבשל בהם קדרה לרבו אל ימזוג בהם כוס לרבו רב ספרא מחריך רישא רבא מלח שיבוטא רב הונא מדליק שרגי רב פפא גדיל פתילתא רב חסדא פרים סלקא רבה ורב יוסף מצלחי ציבי רבי זירא מצתת צתותי רב נחמן בר יצחק מכתף ועייל מכתף ונפיק אמר אילו מקלעין לי ר' אמי ורבי אסי לא מכתפינן קמייהו ואיכא דאמרי רבי אמי ורבי אסי מכתפי ועיילי מכתפי ונפקי אמרו אילו מקלע לן ר' יוחנן מי לא מכתפינן קמיה:

יג יוסף מוקיר שבי הוה ההוא עובד כוכבים בשבבותיה דהוו נפישי נכסיה טובא אמרו ליה כלדאי כולהו נכסי יוסף מוקיר שבי אכיל להו אזיל זבנינהו לכולהו נכסי זבן בהו מרגניתא אותבה

כשאמרו מהר לסכין את זו כשיד שאלך לגביה את זו: אתכתכא דשינא. פלכטאר"ו של עץ שהשוב כיס ועשיר: ומושיף נורא. נופח מעט מלח לכבוד שבת: ורבינו כלי גריס אתכתקא דשנאה פרבאי: לביש גונדא. כלי שחור להודיע שהיום אינו כראוי להתענג בתשובות מלהפסק בתבשילי שבת ולא יטנף בגדיו בבישול קדרות: דתנא דבי רבי ישמעאל וכו'. דבשול קדרה מטנף בגדים: מחריך רישא. אם היה שם ראש בהמה לחרוך מחרכו הוא בעצמו: פרים. לשון פרומים מחתך: מצלח ציבי. מלית כהור בעצים דקים: מכתף ועייל מכתף ונפיק. בע"ש יוצא ונכנס נהביא תמיד משאות כלי תשמיש ובגדי הופש ומגדים כאדם שמקבל את רבו בביתו ומראה לו שהוא חשוב עליו וחרד לכבודו לטרוח ולהרבות בשבילו:

מוקיר שבי. מכבד שבתות: א"ל כלדאי. לההוא עובד כוכבים. כלדאי הוזים בכוכבים: אכיל להו. סופם ליפול בידו: אותביה בסייניה. עשה לו כובע של לבד ושכח במסבלת של שבב

אויף האלטען קיין מענטשן. מען זאל ניט מכבד שבת זיין. רבי אבהו פלעגט זיצן פרייטאג אויף אשטוהל פון עלפאנדביין ווייל ער איז געווען רייך) אונ פלעגט בלאזען דעם פייער. דאס עסין וואס אויף שבת זאל געשווינד פערטיג ווערין. מען זאל ניט מכבד שבת זיין. רב ענן פלעגט אן טאהן פרייטאג אפראסטע קלייד. צוא ווייזען אז היינט דארף ער זיין בשעפטיגט ביי דעם קוימען צו קאכען דס עסין אויף שבת. אונ דבי רבי ישמעאל האבען גילערונט די קליידער וואס מען קאכט מיט זייא אטאפ פאר אבעל הבית. זאל ער ניט דער לאנגען אכוס צוא זיין בעל הבית ווייל ביי דעם קאכען ווערין בעשמוצט די קליידער. דריבער האט רבי ינאי אן גיטאהן פרייטאג פראסטע קליידער צו קאכען מיט זיי. רב ספרא אז ער האט גיהאט אויף שבת אקאפ פון אבהמה. האט ער אליין אפ גיזענגט די האר פון קאפ. רבא האט גיזאלצען דיא פיש אויף שבת. רב הונא האט אן גיצונדען די ליכט אויף שבת. רב פפא האט גיפלאכטען קנייטלאך אן צו צינדען אויף שבת. רב חסדא האט גיבראקט קרויט אויף שבת: רבה אונ רב יוסף פלעגין שפאלטען האלץ אויף שבת. רבי זירא פלעגט אן צינדען פרייטאג פייאר צו קאכען אויף שבת: רב נחמן בר יצחק פלעגט פרייטאג אריין טראגען אין שטוב אלע זאכען וואס מען דארף אויף שבת. אונ אלע וואכעדיגע זאכען פלעגט ער ארויס טראגען פון שטוב. רב נחמן האט גזאגט ווען רבי אמי אונ רבי אסי וואלטען גיקומען צו מיר וואלט איך דען ניט גיראמט די שטוב פון זייערטוועגין. פון שבת וועגין דארף איך געוויס ראמען די שטוב. אנדערע זאגען רבי אמי אונ רבי אסי פלעגין פרייטאג אריין טראגען אין שטוב אלע זאכען וואס מען דארף אויף שבת. אונ אלע וואכעדיגע זאכען פלעגין זיי ארויס טראגען פון שטוב. זיי האבען גזאגט ווען צו אונז וואלט גיקומען רבי יוחנן וואלטען מיר דען ניט גיראמט די שטוב פון זיינעטוועגין. פון שבת וועגין דארפען מיר געוויס ראמען די שטוב:

יג יוסף מוקיר שבי. עס איז געווען איינער יוסף וואס שבת איז געווען ביי איהם טייער. אונ ער פלעגט געבין גרויס כבוד צו דעם טאג שבת מיט אלע פערגעניגענס וואס ער האט נאר גיקענט: דריבער האט מען איהם גירופען יוסף מוקיר שבי ווייל ער האט טייער שבתו. נעבין איהם האט גיוואהנט אגוי וואס ער איז געווען זייער רייך. האבען די שטערנזעהר גזאגט צו דעם גוי. דיין גאנץ פרמעגין וועט אויף עסין יוסף מוקיר שבי. דיין גאנץ פארמעגין וועט קומען צו דעם יוסף מוקיר שבי: איז דער גוי גיגאנגען אונ האט פרקויפט זיין גאנץ פארמעגין. אונ ער האט גיקויפט פאר דעם געלט איין פעריל אטייערין אונ ער האט בעהאלטין דען

וקבע בו מרגליות וקבע את זו עמהן : כייניס . שובע . ורבינו הלוי גרים בסדינין בכודרו ובאמון הגון לי והוא לשון רבינו יצחק ברבי יהודה : תליסר עיליתא . עליות מלאות דינרי זהב ונוזמא בעלמא הוא כלומר כון עסק מאד כך פי' רבינו הלוי וכן בכל מקום כגון תליסר גמלי ספיקי טריפתא וכן תליסר טבחי דלעיל : במה הם זוכים . לעושר גדול כזה : לה' הארץ . דאין אנו רשאים ליהנות עד שנברך כמו בברכת הלחם : והארץ נתן לבני אדם .

אותבה בסייניה בהדי דקא עבר מברא אפרחיה זיקא שדייה בימא [במיא] בלעיה כוורא אסקוה איתוה אפניא דמעלי שבתא אמרי מאן זבין כי השתא א"ל זילו אמטיוהו לגבי יוסף מוקיר שבי דרגיל דזבין אמטיוה ניהליה זבניה קרעיה אשכח ביה מרגניתא זבניה בתליסר עיליתא דדינרי דדהבא פגע ביה ההוא סבא אמר מאן דיזיף שבתא פרעיה שבתא. בעי מיניה רבי מרבי ישמעאל ברבי יוסי עשירים שבארץ ישראל במה הם זוכים אמר ליה בשביל שמעשרין שנאמר (דברים יד) עשר תעשר עשר בשביל שתתעשר שבבבל במה הן זוכין א"ל בשביל שמכבדין את התורה. ושבשאר ארצות במה הן זוכין אמר ליה בשביל שמכבדים את השבת. דאמר רבי חייא בר אבא פעם אחת נתארחתי אצל ב"ה בלודקיא והביאו לפניו שלחן של זהב משוי ט"ז בני אדם וט"ז שלשלאות של כסף קבועות בו וקערות וכוסות וקיתוניות וצלוחיות קבועות בו ועליו כל מיני מאכל וכל מיני מגדים ובשמים וכשמניחין אותו אומרים (תהלים כד) לה' הארץ ומלואה וגו' וכשמסלקים אומרים (שם קטו) השמים שמים לה' והארץ נתן לבני אדם אמרתי לו בני במה זכית לכך א"ל

פעריל אין זיין היטיל. אמאהל איז דער גוי געפארין אויף אשיף. איז גיקומען אווינט אונ האט אראפ גיבלאזין דיא היטעל אין וואסער. איז געקומען אגרויסער פיש אונ האט איין געשלונגען דעם פעריל וואס איז געוועזען אין דיא היטיל. אמאהל פרייטיג פארין נאכט האבין פישערס גיפאנגען דעם פיש; האבין דיא פישערס גיזאגט איצט אזוי שפעט פארין נאכט. וואס אלע האבין שוין פיש אויף שבת. ווער וועט קויפין דעם פיש. האט איין פישער גיזאגט גייט טראגט אוועק דעם פיש צו יוסף מוקיר שבי; אונ ער האט אים גיקויפט. וויא ער האט אויף גישניטין דעם בויך פון פיש. האט ער גיפונען אינוויינינג דעם פעריל. האט ער פארקויפט דעם פעריל פאר דרייצעהן בוידימס פול מיט געלט. אמאהל האט איין אלטער מאן בעגעגינט דעם יוסף מוקיר שבי. האט ער גיזאגט צוא אים. דער וואס פאר בארגט דעם שבת. בצאהלט איהם שבת. רבי האט גיפרעגט ביי רבי ישמעאל ברבי יוסי דיא רייכע מענטשין פון ארץ ישראל מיט וואס האבין זייא זוכה גיוועזען צו זייער עשירות. האט רבי ישמעאל גיזאגט צו רבי ווייל זייא גיבען מעשר. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק עשר תעשר. צוויי מאהל דער ווארט מעשר. נאר דער פסוק מיינט דוא זאלסט געבין מעשר. דוא זאלסט רייך ווערין. אונ דיא רייכע מענטשין פון בבל מיט וואס האבין זייא זוכה גיוועזען צוא זייער עשירות. האט רבי ישמעאל גיזאגט צו רבי. ווייל זייא גיבען כבוד צו די תורה. אונ דיא רייכע מענטשין פון אנדערע לענדער מיט וואס האבען זייא זוכה גיוועזען צו זייער עשירות. האט רבי ישמעאל גיזאגט צו רבי. ווייל זייא גיבען גרויס כבוד צום שבת. ווארום רבי חייא בר אבא האט דערציילט אמאהל בין איך גיוועזען אגאסט ביי אבעל הבית אין דיא שטאט לודקיא. האט מען גיבראכט פאר אים אגאלדענעם טיש. זעכצעהן מענטשין האבען אים געטראגען. ביי דעם טיש איז געוועזען זעכצעהן זילבערנע קייטין. אונ אויף דעם טיש איז געשטאנען שיסלען אונ כוסות גרויסע קריג אונ קליינע קריג. פון זילבער אונ פון גאלד. אונ אויף דעם טיש איז גישטאנען אלע ערליי שפייזין. אונ צלע ערליי גוטע פירות. אונ בשמים. אז מען האט געשטעלט דעם טיש האט מען געזאגט דעם פסוק לה' הארץ ומלואה. אונ אז מען האט צוא גענומען דעם טיש נאך דעם עסין. האט מען גיזאגט דעם פסוק השמים שמים לה' והארץ נתן לבני אדם: דער ציילט רבי חייא איך האב גיזאגט צוא דעם בעל הבית מיין זון מיט וואס האסטו זוכה געוועזען צו אזוי אריינקיט. האט דער בעל הבית צוא מיר געזאגט איך בין גיוועזען אקצב. אונ

א"ל קצב הייתי וכל בהמה שהיתה נאה אמרתי תהא לשבת אמרתי לו [אשריך שזכית] וברוך המקום שזיכך לכך. א"ל קיסר לרבי יהושע בן חנניא מפני מה תבשיל של שבת ריחו נודף א"ל תבלין אחד יש לנו ושבת שמו שאנו מטילין לתוכו וריחו נודף א"ל תן לנו הימנו. א"ל כל המשמר את השבת מועיל לו ושאינו משמר את השבת אינו מועיל לו:

יד אמר ליה ריש גלותא לרב הבנונא מאי דכתיב (ישעיה נח) ולקדוש ה' מכובד א"ל זה יום הכפורים שאין בו לא אכילה ולא שתיה אמרה תורה כבדהו בכסות נקיה. וכבדתו רב אמר להקדים ושמואל אמר לאחר. א"ל בני רב פפא בר אבא לרב פפא כגון אנן דשכיח לן בישרא וחמרא כל יומא במאי נשנייה א"ל אי רגיליתו לאקדומי אחרוה אי רגיליתו לאחרוה אקדמוה רב ששת בקייטא מותיב להו לרבנן היכא דמטיא שמשא בסיתוא מותיב להו לרבנן היכא דמטיא טולא כי היכי דליקומו הייא:

ע"י מתנתו נהניתו נעשה זאת: מאי דכתיב ולקדוש ה' מכובד. מדכתיב וקראת לשבת עונג מכלל דלקדוש ה' לאו אשבת קאי: וכבדתו. אשבת מהדר דאי ביו"כ הא כתיב מכובד: ל קדים. זמן סעודת שבת לזמן סעודת חול וזהו כבודו: לאחר. וזהו כבודו שבאה מתאוה לאכול: במאי נשניה. משאר הימים: אי רגיליתו לאקדומי. כסעודתכם בבקר אחרוה: רב ששת. סגי נהור היה ואינו רואה את האכילה וכשבוה דורש בשבת מושיב התלמידים במקום שבגיע שם החמה כדי שילטערו וימהרו לקום: דמטי טולא. שינטנו: צית. מצר:

גאר אז איך האב געהאט אשיינע בהמה צום שעכטין. האב איך גיזאגט דיא בהמה זאל זיין אויף שבת: דער ציילט רבי חייא. האב איך געזאגט צוא דעם קצב. וואול צוא דיר אז דוא האסט זוכה גיוועזן צו אזו ארייכקייט. אונ גילויבט איז גאט וואס ער האט געמאכט דו זאלסט זוכה זיין צו די רייכקייט. דער קיסר האט אמאל גיזאגט צו רבי יהושע בן חנניא פאר וואס שמעקט דאס עסין פון שבת. האט רבי יהושע גיזאגט צום קיסר מיר האבין אזוי אמין בשמים וואס דאס הייסט שבת לייגן מיר אריין די בשמים אין דעם עסין. שמעקט דאס עסין. האט דער קיסר גזאגט צו רבי יהושע גיב מיר אויך אביסול פון דיא בשמים. האט רבי יהושע גיזאגט צום קיסר. דער ווס היט שבת העלפט די בשמים דס עסין זאל גוט שמעקין. אונ דער וואס היט ניט שבת העלפען ניט די בשמים צו זיינע עסין:

יד אמר. דער ריש גלותא האט גזאגט צו רב המנונא וואס מיינט דער פסוק ולקדוש ה מכובד דעם הייליגען טאג פון גאט זאלט איר געבין כבוד. האט רב המנונא גזאגט דס מיינט מען דעם הייליגען טאג יום כפור. מען עסט ניט אונ מען טרינקט ניט דעם טאג. האט די תורה גזאגט מען זאל געבין כבוד דעם טאג מיט שיינע קליידער. אין פסוק שטייט ביי שבת וכבדתו מען זאל געבין כבוד צום טאג שבת. רב זאגט מען זאל עסין שבת פריער ווי מען עסט אום דער וואכען. שמואל זאגט מען זאל עסין שבת שפעטער וויא מען עסט אום דער וואכען. ער זאל זיין מער הונגעריג. די קינדער פון רב פפא בר אבא האבען גזאגט צוא רב פפא. אזעלכע מענטשין וויא מיר זענען וואס מיר עסין אלע טאג פלייש אונ מיר טרינקען וויין. מיט וואס קענען מיר שבת פאר ענדערין פון אלע טאג: האט רב פפא צוא זייא גזאגט אויב איר זענט גיוואוהנט צו עסין אלע טאג פריא. זאלט איר שבת עסין שפעט: אונ אויב איר זענט גיוואוהנט צו עסין אלע טאג שפעט. זאלט איר עסין שבת פריא. רב ששת איז גיוועזן בלינד האט ער נים גיזעהן אויף די זוהן ווען איז צייט צו גיין עסין שבת. אז ער האט גזאגט שבת פריא אדרשה. פלעגט ער אזוי טאהן. זומער האט ער גיהייסען די תלמידים זיי זאלען זיצען אויף דעם ארט וואו די זוהן וועט צו קומען ווען עס וועט זיין די צייט פון עסין. ווייל די זוהן וועט זיי ברענען וועלין זיי מיר זאגען איך זאל אויף הערין די דרשה. ווינטער האט ער גיהייסען די תלמידים די זאלען זיצען אויף דעם ארט וואו דער שאטען וועט צו קומען ווען עס וועט זיין די צייט פון עסין וועט זיי קאלט ווערין וועלין זיי מיר זאגען איך זאל אויף הערין דיא דרשה. אונ זייא וועלין גשווינד אויף שטיין אונ וועלין גיין עסין:

ויכלו. פנ"ס וזה כסיפר בשבחו כל מקום שבשבת בשבת ע"כ : (ע"ב) **מן אמר** רב המנונא כל המתפלל בערב שבת ואומר ויכלו מעלה עליו הכתוב כאי׳ נעשה שותף להקב"ה במעשה בראשית שנא׳ ויכלו אל תקרי ויכולו אלא ויכלו. א"ר (אלעזר) [אליעזר] מנין שהדבור כמעשה שנאמר (תהלים לג) בדבר ה׳ שמים נעשו. א"ר חסדא אמר מר עוקבא כל המתפלל בערב שבת ואומר ויכלו שני מלאכי השרת המלוין לו לאדם מניחין ידיהם על ראשו ואומרים לו (ישעיה ו) וסר עונך וחטאתך תכופר. תניא ר׳ יוסי בר׳ יהודה אומר שני מלאכי השרת מלוין לו לאדם בערב שבת מבית הכנסת לביתו אחד טוב ואחד רע וכשבא לביתו ומצא נר דלוק ושלחן ערוך ומטתו מוצעת מלאך טוב אומר יהי רצון שתהא לשבת אחרת כך ומלאך רע עונה אמן בע"כ . ואם לאו מלאך רע אומר יהי רצון שתהא לשבת אחרת כך ומלאך טוב עונה אמן בע"כ. ראוי לחבר אל זה מאמר אחד המזכיר ג"כ ענין מלאכים המלוין לו לאדם והוא בב"ר על אודות מלאכי יעקב אבינו עליו השלום וז"ל. א"ר מאיר עשה אדם מצוה אחת נותנין לו מלאך אחד. שתי מצות נותנין לו שני מלאכים . מצות הרבה נותנין לו מלאכים הרבה שנאמר (תהלים צא) כי מלאכיו יצוה לך ולמה כדי לשמרו מן המזיקים שנאמר יפול מצדך אלף וגו׳. אמר רבי יצחק למה מן הימין רבבה ומן השמאל אלף אלא שהשמאל אינה צריכה מלאכים הרבה לפי ששמו של הקב"ה כתוב בתפילין שנתונין בשמאל א"ר חנינא

מן אָמַר . רב המנונא האט געזאגט דער וואס דאווינט שבת ביי נאכט אונ ער זאגט ויכלו. רעכנט אויף איהם דער פסוק גלייך וויא ער וואלט געווען אשותף צו גאט אין דיא בשאפונג פון דער וועלט ; ווארום עס שטייט אין פסוק ויכלו . אן אוא"ו . וזאלסטו ניט לייענען ויכלו. נאר זאלסט לייענען ויכלו . זיי האבען פאר ענדיגט . גאט מיט דעם מענטשין וואס גלויבט אז גאט האט בשאפען די וועלט . ואיז גלייך וויא ביידע צו זאמען האבען די וועלט בשאפען אונ האבען איר פאר ענדיגט פרייטאג פארין נאכט ; רבי אלעזר זאגט פון וואנען ווייסען מיר אז ריידען איז גלייך ווי טאהן ; ווארום עס שטייט אין פסוק מיט דיא רייד פון גאט זענען דיא הימלען גימאכט גיווארין. רב חסדא האט גזאגט פון מר עוקבאס וועגין דער וואס דאווינט שבת ביי נאכט אונ ער זאגט ויכלו די צוויי מלאכים וואס בגלייטען אלע מאהל דעם מענטשין לייגען זייערע הענט אויף זיין קאפ אונ זאגען צו איהם דיינע זינד וואס דו האסט גיטאהן במזיד וועלען אפ גיטאהן ווערין . אונ דיינע זינד וואס דו האסט גיטאהן בשוגג וועלען פאר געבין ווערין . מיר האבען גילערנט רבי יוסי ברבי יהודה זאגט צוויי מלאכים בגלייטען דעם מענטשין שבת ביי נאכט ווען ער גייט פון שוהל אהיים . איינער אגוטער אונ איינער אשלעכטער : אונ אז דער מענטש קומט אהיים אונ ער געפינט ליכט ברענען . אונ דער טיש איז גיגרייט צום עסין . אונ דיא בעט איז שיין פאר דעקט . זאגט דער גוטער מלאך דער ווילען פון גאט זאל זיין אז דעם אנדערין שבת זאל אויך אזוי זיין . אונ דער שלעכטער מלאך מוז ענטפערין אמן . אונ אויב דער מענטש קומט אהיים אונ ער געפינט ניט קיין ליכט ברענען . אונ דער טיש איז ניט גיגרייט צום עסין. אונ די בעט איז ניט ריין בדעקט. זאגט דער שלעכטער מלאך דער ווילען פון גאט זאל זיין אז דעם אנדערין שבת זאל אויך אזוי זיין . אונ דער גוטער מלאך מוז ענטפערין אמן . רבי מאיר זאגט אז א מענטש האט גיטאהן איין מצוה גיט מען איהם איין מלאך . אז ער האט גיטאהן צוויי מצות גיט מען איהם צוויי מלאכים : אז ער הט גיטאהן פיל מצות גיט מען איהם פיל מלאכים. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט וועט געביטען דיינע מלאכים זיי זאלען זיין מיט דיר. צו וואס דארף דער מענטש די מלאכים . זיי זאלען איהם היטען פון מזיקים. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק עס וועט פאלען פון דיין זייט טויזענד מזיקים . רבי יצחק זאגט פר וואס אין די רעכטע זייט וועט זיין צעהן טויזענד מלאכים אונ אין די לינקע זייט טויזענד מלאכים . נאר די לינקע זייט דארף ניט אזוי פיל מלאכים . ווייל דער נאמען פון גאט איז געשריבען אין דיא תפילין וואס אויף די לינקע האנט אונ דאס

ע"י ח"א . י

היט

לא כתיב יהא מצדך אלף אלא יפול . שמאל שאינה פשוטה במצות שאינה שולטת אלא במצות תפילין לבד אינה מפלת אלא אלף מזיקין אבל ימין שהיא שולטת בכל המצות מפלת רבוא מזיקין :

טז אמר רבי אלעזר לעולם יסדר אדם שולחנו בערב שבת אף על פי שאינו צריך אלא לכזית ואר"ח חנינא לעולם יסדר אדם שלחנו במוצאי שבת אע"פ שאינו צריך אלא לכזית . חמין במוצאי שבת מלוגמא פת חמה במוצאי שבת מלוגמא . רבי אבהו הוו עבדין ליה באפוקי שבתות עיגלא תילתא הוה אכיל מיניה כוליתא כי גדיל אבימי בריה א"ל לכה לך לאפסודי כולי האי נשבוק כוליתא ממעלי שבתא שבקוה ואתא ארי אכ יה :

יז אמר רבי יהושע בן לוי כל העונה אמן יהא שמיה רבא מברך בכל כחו קורעים לו גזר דינו שנא' (שופטים ה) בפרוע פרעות בישראל בהתנדב עם ברכו ה' . מה טעם בפרוע פרעות משום דברכו ה' . רבי חייא בר אבא א"ר יוחנן אפילו יש בו שמץ של עבודת כוכבים מוחלים לו כתיב הכא בפרוע פרעות וכתיב התם (שמות לב) כי פרוע הוא .

אמר

יסדר אדם שלחנו בע"ש . נאה לשבת : במ"ש . משום כבוד שבת ללותו ביציאתו דרך כבוד כאדם המלוה את המלך בצאתו מן העיר : חמין . לשתות ולרחוץ : מלוגמא . רפואה : אכליה אריה . נעגל הראוי לשחטו :

בכל כחו . בכל כוונתו : בפרוע פרעות . ביטול פורעניות כגון פרוע דמתרגמינן בטיל : בהתנדב עם ברכו . כשמתנדבין ישראל לברך את בוראם : כי פרוע . הוא עבודת כוכבים וס"ק

היט דעם מענטשין אין זיין לינקע זייט . רבי חנינא זאגט עס שטייט ניט אין פסוק עס וועט זיין אין דיין זייט בוועגד מלאכים . נאר עס שטייט עס וועט פאלען פון דיין זייט טויזענד . מיינט מען טויזענד מזיקים וועלען פאלען פון דיין לינקע זייט . אונ צעהן טויזענד מזיקים וועלען פאלען פון דיין רעכטע זייט) . די לינקע האנט וויל זי טוהט ניט קיין מצות . זי טוהט ניט מעהר נאר די מצוה פון תפלין אליין . קען זי ניט מאכען פאלען נאר טויזענד מזיקין . אבער די רעכטע האנט וויל זיא טוהט אלע מצות . קען זי מאכען פאלען צעהן טויזענד מזיקין :

טז אמר . רבי אליעזר זאגט אמענטש זאל גרייטען זיין טיש ערב שבת אויף שבת ביי נאכט . אפילו ער וועט ביי נאכט ניט מעהר עסין נאר אזוי גרויס וויא אאיילבירט . רבי חנינא האט גזאגט אמענטש זאל גרייטען זיין טיש שבת צו נאכט . צו דער סעודה מלוה מלכא . אפילו ער וועט ניט מעהר עסין נאר אזוי גרויס וויא אאיילבירט . צו טרינקען ווארעמס וואס קאווע) שבת צו נאכט איז ארפואה . צו עסין ווארעמע ברויט שבת צו נאכט איז ארפואה . רבי אבהו פלעגט מען מאכען (שעכטען) פון זיינעט וועגין שבת צו נאכט אקאלב דיא דריטע פון געבורט . אונ רבי אבהו פלעגט נאר עסין פון די קאלב איין ניר אונ איין קישקע אקליינע . אז אבימי דער זוהן פון רבי אבהו איז גרויס געווארין . האט ער געזאגט צום פאטער צו וואס זאלסטו שאדין מאכען אגאנצע קאלב . מען וועט פאר דיר איבער לאזען אקליינע קישקעלע פון ערב שבת אויף שבת צו נאכט . האט מען אזוי געטאהן אונ מען האט דיא קאלב גילאזען . אונ מען האט איר ניט גישאכטען שבת צו נאכט . איז גיקומען אלייב אונ האט אויף גיגעסען דיא קאלב :

יז אמר . רבי יהושע בן לוי זאגט דער וואס ענטפערט אמן יהא שמיה רבא מברך מיט כוונה . צו רייסט מען זיין שלעכטען גזר דין . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק בפרוע פרעות בישראל בהתנדב עם ברכו ה . פר וואס איז גאט מבטל די פורענות פון יודען . וויל דאס פאלק בווילינגט צו לויבען גאט . רבי חייא בר אבא האט גזאגט פון רבי יוחנן וועגין אפילו דער מענטש האט אביסול גינגלויבט אין עבודה זרה . אז ער ענטפערט אמן יהא שמיה רבא מברך מיט כוונה . איז מען איהם מוחל . ווארום דא שטייט בפרוע פרעות . אונ דארט ביי דעם עגל שטייט כי פרוע הוא . אזוי וויא פרוע הוא מיינט מען ער דינט עבודה זרה . דעם עגל . אזוי בפרוע פרעות

אר"ל כל העונה אמן בכל כחו פותחין לו שערי גן עדן שנא' (ישעיה כו) פתחו שערים ויבא גוי צדיק שומר אמונים אל תקרי שומר אמונים אלא שאומרים אמן. מאי אמן א"ר חנינא אל מלך נאמן:

יח אמר רב יהודה בריה דרב שמואל משמיה דרב אין הדליקה מצויה אלא במקום שיש הילול שבת שנאמר (ירמיה יז) ואם לא תשמעו אלי לקדש את יום השבת ולבלתי שאת משא וגו' והצתי אש בשעריה ואכלה ארמנות ירושלים ולא תכבה. מאי ולא תכבה אמר רב נחמן בר יצחק בשעה שאין בני אדם מצויין לכבותה. אמר אביי לא חרבה ירושלים אלא בשביל שחללו בו את השבת שנאמר (יחזקאל כב) ומשבתותי העלימו עיניהם ואחל בתוכם. א"ר אבהו לא חרבה ירושלים אלא בשביל שבטלו ק"ש שחרית וערבית שנאמר (ישעיה ה) הוי משכימי בבקר שכר ירדפו (וגו') וכתיב והיה כנור ונבל תוף וחליל ויין משתיהם ואת פעל ה' לא יביטו וכתיב לכן גלה עמי מבלי דעת. א"ר (כהנא) המנונא לא חרבה ירושלים אלא בשביל שביטלו בה תינוקות של בית רבן שנא' (ירמיה ו) שפוך על עולל בחוץ מה טעם שפוך

פירוש

שמבטל פרעות עבודת אלילים שמחקקת ונחתכת אלא יזכר עונה מבוא הקנדב עב הוא: אל מלך נאמן. קן מעידים על בוראן שהוא אל מלך נאמן. ע"כ:

שאין בני אדם מצויין לכבותה. בשבת: בבקר. בזמן ק"ש וכן מאחרי בנשף: והיה כנור ונבל. וסיפיה דקרא ואת פעל ה' לא יביטו לא שמו לב ליהר שמו על בריותיו: שפוך על עולל. סיפיה דקרא ואת חמת ה' מלאתי נלאיתי הכיל שפוך על עולל בחוץ שפוך החמה בנקמה בשביל שעולל בחוץ בטלים מבית רבן:

מֵיינְט מֶען אויךְ עֶר דִינְט עֲבוֹדָה זָרָה. זָאגְט דֶער פָּסוּק וֶוען וֶועט גָאט מְבַטֵל זַיין דִיא עֲבֵירָה פוּן עֲבוֹדָה זָרָה. עֶר זָאל נִיט שְׁטְרָאפֶען אוֹיף דִי עֲבֵירָה. אַז עֶר וֶועט בַּוויילִיגֶען צוּ לוֹיבֶּען גָאט מִיט כַּוָונָה. רֵישׁ לָקִישׁ הָט גְזָאגְט דֶער וָוס עֶנְטְפֶערְט אָמֵן מִיט כַּוָונָה עֶפִינְט מֶען פַאר אִים דִיא טִירֶען פוּן גַן עֵדֶן. אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק עֶפִינְט דִי טוֹיעֶרִין זָאל אַרַיין קוּמֶען דִיא פְרוּמֶע פָאלְק שׁוֹמֵר אֱמוּנִים. זָאלְסְט נִיט לֵייעֶנֶע שׁוֹמֵר אֱמוּנִים. נָאר שֶׁאוֹמְרִים אָמֵן. וָוס זֵיי זָאגֶען אָמֵן. וָואס אִיז טַייטְשׁ דֶער וָוארְט אָמֵן. הָאט רַבִּי חֲנִינָא גְזָאגְט אָמֵן אִיז דְרַייא וֶוערְטֶער אֵל מֶלֶךְ נֶאֱמָן:

יח אָמַר. רַב יְהוּדָה דֶער זוּהן פוּן רַב שְׁמוּאֵל הָט גְזָאגְט פוּן רַבְּס וֶועגִין עֶס בְּרֶענְט גִיט אִין קֵיין אַנְדֶער אָרְט נָאר אִין דֶעם אָרְט וָוס מֶען אִיז מְחַלֵל שַׁבָּת. אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק גָאט הָט גְזָאגְט אוֹיב אִיר וֶועט נִיט הֶערִין מַיינֶע רֵייד צוּ הֵיילִיגֶען דֶעם טָאג שַׁבָּת אִיר זָאלְט נִיט טְרָאגֶען קֵיין מַשָׂא אוּם שַׁבָּת. וֶועל אִיךְ אָן צִינְדֶען אַפַייעֶר אִין אִירֶע טוֹיעֶרִין אוּנ דָ וֶועט פַר בְּרֶענֶען דִי גְרוֹיסֶע הַייזֶער פוּן יְרוּשָׁלַיִם אוּנ זִי וֶועט נִיט פַר לָאשֶׁען וֶוערִין. וָוס מֵיינְט קֶען זִי וֶועט נִיט פַר לָאשֶׁען וֶוערִין. הָט רַב נַחְמָן בַּר יִצְחָק גְזָאגְט מֶען מֵיינְט דֶער פַייעֶר וֶועט זַיין אִין אַזוֹי אַצַייט וָוס מֶען גֶעפִינְט נִיט קֵיין מֶענְטְשִׁין צוּם פַאר לֶעשִׁין. דָס אִיז שַׁבָּת בַּיי נַאכְט. וֶוענְן אַלֶע מֶענְטְשִׁין אִין זֵייעֶרֶע הַייזֶער אוּנ מֶען גֵייט נִיט אִין גַאס. אַבַּיֵי הָט גְזָאגְט יְרוּשָׁלַיִם אִיז חָרוּב גִיוָוארִין נָאר וַוייל מֶען הָט אִין אִיר מְחַלֵל שַׁבָּת גִיוֶוען. אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק גָאט הָט גְזָאגְט פוּן מַיינֶע שַׁבָּתִים הָאבֶּען זֵיי פַר הוֹלֶען זֵייעֶרֶע אוֹיגֶען. הָאט מַיין הֵיילִיגְקֵייט אוֹיף גִיהֶערְט בַּיי זֵיי. דֶער בֵּית הַמִקְדָשׁ אוּנ יְרוּשָׁלַיִם זֶענֶען חָרוּב גִיוָוארִין. רַבִּי אֲבָהוּ הָאט גְזָאגְט יְרוּשָׁלַיִם אִיז חָרוּב גִיוָוארִין נָאר וַוייל מֶען הָט נִיט גִילֵייעֶנְט קְרִיאַת שְׁמַע. נִיט אִין דֶער פְרִיא אוּנ נִיט בַּיי נַאכְט. אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דֶער נָבִיא זָאגְט זֵייא שְׁטֵייעֶן אוֹיף פְרִיא אוּנ זוּכֶען וואו מֶען בֶּעקוּמְט שְׁטַארְקִין וַויין. אוּנ זֵיי זִיצֶען שְׁפֶעט בַּיי נַאכְט בִּיז דֶער וַויין בְּרֶענְט אִין זֵיי. אוּנ זֵיי שְׁפִּילְעֶן אוֹיף אַפִּידוּל אוּנ אַהַארְף אוּנ אַפּוּיק אוּנ אַפַּייפוּל אוּנ זֵייא טְרִינְקֶען וויין. אוּנ אוֹיף דִי וֶוערְק פוּן גָאט קוּקְעֶן זֵיי נִיט. זֵיי לוֹיבֶּען נִיט גָאט אוּנ זָאגֶען נִיט אַז גָאט אִיז אֵיינֶער אוּנ עֶר הָט אַלֶץ בַּשַׁאפֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט. וְדָס מֵיינְט מֶען זֵיי לֵייעֶנֶען נִיט קְרִיאַת שְׁמַע זָאגְט דֶער פָּסוּק דְרִיבֶּער וֶועט מַיין פָאלְק פַאר טְרִיבְּען וֶוערִין וַוייל זֵייא וֵוייסֶען מִיךְ נִיט. רַב הַמְנוּנָא זָאגְט יְרוּשָׁלַיִם אִיז חָרוּב גִיוָוארִין נָאר וַוייל קִינְדֶער זֶענֶען נִיט גִיגַאנְגֶען

שפוך משום דעולל בחוץ :

יט אמר עולא לא חרבה ירושלים אלא בשביל שלא היה להם בושת פנים זה מזה שנא' (ירמיה ו) הובישו כי תועבה עשו גם בוש לא יבושו וגו'. אמר רבי יצחק לא חרבה ירושלים אלא בשביל שהשוו קטן וגדול שנאמר (ישעיה כד) והיה כעם ככהן וכתיב בתריה (שם) הבוק תבוק הארץ. א"ר עמרם בריה דר"ש בר אבא אמר ר"ש בר אבא א"ר חנינא לא חרבה ירושלים אלא בשביל שלא הוכיחו זה את זה שנאמר (איכה א) היו שריה כאילים לא מצאו מרעה מה איל זה ראשו של זה בצד זנבו של זה אף ישראל שבאותו הדור כבשו פניהם בקרקע ולא הוכיחו זה את זה. א"ר יהודה לא חרבה ירושלים אלא בשביל שביזו בה תלמידי חכמים שנא' (דה"ב ל) ויהיו מלעיבים במלאכי אלהים ובוזים דבריו ומתעתעים בנביאיו עד עלות חמת ה' בעמו עד (אין) [לאין] מרפא מאי עד (אין) (לאין) מרפא אמר רב יהודה (אמר רב) כל המבזה ת"ח אין לו רפואה למכתו. א"ר יהודה א"ר מאי דכתיב (תהלים קה) אל תגעו במשיחי ובנביאי אל תרעו אל תגעו במשיחי אלו תינוקות של בית רבן ובנביאי אל תרעו אלו תלמידי חכמים. אמר ריש לקיש משום רבי יהודה נשיאה אין העולם מתקיים אלא בשביל הבל תינוקות של בית רבן. א"ל רב פפא לאביי דידי ודידך מאי. אמר ליה אינו דומה הבל שיש בו חטא להבל שאין בו חטא. ואמר ר"ל משום רבי יהודה נשיאה

הובישו כי תועבה וגו'. סיפא דקרא גם בוש לא יבושו: במשיחי אלו תינוקות של בית רבן. שדרך תינוקות למשחן כשמן: ובנביאי אלו תלמידי

אין חדר לערנען ביי זייער רבי. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק שפוך על עולל בחוץ. פאר דעם האט גאט אויס גיגאסען זיין כעס אויף ירושלים. ווייל דיא קליינע קינדער זענען גיוועזען אין גאס. אונ זענען ניט גיוועזען אין חדר לערנען תורה :

יט אמר. עולא האט גזאגט ירושלים איז חרוב גיווארין נאר ווייל זייא האבען זיך ניט גישעמט איינער פר דעם אנדערין צו טאהן עבירות. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק. זיי האבען זיך דאך גידארפט שעמען מיט זייערע עבירות וואס זייא האבען גיטאהן. אונ זיי האבען זיך ניט גישעמט. רבי יצחק האט גזאגט ירושלים איז חרוב גיווארין נאר ווייל ביי זייא איז גיוועזען קיין מיט גרויס גלייך. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דאס פאלק מיט דעם כהן זענען גיוועזען גלייך. דער נאך זאגט דער פסוק פר דער זינד וועט וויסט ווערין די לאנד. רב עמרם דער זוהן פון רבי שמעון בר אבא האט גזאגט. רבי שמעון בר אבא האט גזאגט פון רבי חנינאס וועגין ירושלים איז חרוב גיווארין נאר ווייל זיי האבען ניט גישטראפט איינער דעם אנדערין. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אירע גרויסע לייט זענען גיוועזען אזוי ווי די הינדען [דאס איז אזוי אחיה] ואס האבען ניט געפונען קיין פיטערונג. אזוי וויא די הינדען אז זיי שטייען עטליכע בעזאמען שטייען זייא איינער אינטער דעם אנדערין. דער קאפ פון דעם שטייט ביי דעם וויידיל פון דעם. אזוי די יודען פון דעם דור האבען בעהאלטען זייער פנים אין די ערד אונ האבען ניט גישטראפט אי נער דעם אנדערין. רב יהודה זאגט ירושלים איז חרוב גיווארין נאר ווייל זיי האבען פאר שעמט די תלמידי חכמים. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק זיי האבען פאר שעמט דיא מלאכים פון גאט [די תלמידי חכמים]. אונ האבען פאר שעמט זיינע רייד. אונ האבען גילאכט פון זיינע נביאים. ביז עס איז אויף גיגאנגען דער כעס פון גאט אויף זיין פאלק ניט צו היילען. וואס מיינט מען ניט צו היילען. האט רב יהודה גזאגט דער וואס פאר שעמט א תלמיד חכם וועט ער אזוי גישלאגען ווערין פון גאט. אז עס וועט ניט זיין קיין היילונג צוא זיינע שלעק. רב יהודה האט גזאגט פון רבס וועגין וואס מיינט דער פסוק איר זאלט ניט אן רירען מיינע גיזאלבטע. מיינע נביאים זאלט איר ניט טאהן קיין שלעכץ. איר זאלט ניט אן רירען מיינע גיזאלבטע. ווער זענען די גיזאלבטע. דאס מיינט מען די קינדער וואס גייען אין חדר אונ לערנען תורה בייא זייער רבי. אונ מיינע נביאים זאלט איר ניט טאהן קיין שלעכץ. דאס מיינט מען תלמידי חכמים. ריש לקיש

נשיאה אין מבטלין תינוקות של בית רבן אפילו לבנין בית המקדש. ואמר ליה ר"ל לר' יהודה נשיאה בך מקובלני מאבותי ואמרי לה מאבותיך כל עיר שאין בה תינוקות של בית רבן מחריבין אותה רבינא אמר מחרימין אותה. ואמר רבא לא חרבה ירושלים אלא בשביל שפסקו ממנה אנשי אמנה שנאמר (ירמיה ה) שוטטו בחוצות ירושלים (ודעו נא וראו) [וראו נא ודעו וגו'] אם יש עושה משפט מבקש אמונה וגו'. איני והאמר רב קטינא אפילו בשעת כשלונה של ירושלים לא פסקו ממנה אנשי אמנה שנאמר (ישעיה ג) כי יתפש איש באחיו בית אביו שמלה לכה קצין תהיה לנו דברים שבני אדם מתכסין בהם כשמלה ישנן תחת ידך. (שם) והמכשלה הזאת תחת ידך (דף קכ) דברים שאין בני אדם עומדין עליהם אלא אם כן נכשלים בהם ישנן תחת ידך קצין תהיה לנו ישא ביום ההוא לאמר לא אהיה חובש וגו' אין ישא אלא לשון שבועה וכן הוא אומר (שמות כ) לא תשא את שם ה' לא אהיה

חכמים. כנה' וגזילה לגבי חכמים: מחריבין. אותה בי"ד: מחרימין. ליכא ביזה: מתכסין בהם כשמלה. כששואלין אותם טעמי תורה הללו עליהן שאין כמעלימים את דבריהם מפני שאינן יודעין לסביב: יהיו בידך. אע"פ נקי לפיכך קצין תהיה לנו והלמדנו תכ"ס: דברים שאין אדם עומד בהן. על בוריין לאומרן כהלכתן: אא"כ נכשל בהן. עד שאומרן ב' וג' פעמים בבית דהיינו טעמי תורה במסורין: לא אהיה חובש. איני רגיל להיות

דומש

האט געזאגט פון רבי יהודה נשיאהס וועגן. די וועלט שטייט ניט מער נאר וועגן דעם ווארט וואס גייט ארויס פון די מיילער פון די קליינע קינדער ווען זיי לערנען תורה ביי זייער רבי: רב פפא האט געזאגט צו אביי דער ווארט פון מיין מויל און פון דיין מויל ווען מיר לערנען תורה איז אויך אזוי מייער ביי גאט. האט אביי געזאגט צו רב פפא עס איז ניט גלייך דער ווארט פון מויל פון דעם מענטשין וואס האט געזינדיגט: צו דעם ווארט פון מויל פון דיא קינדער וואס זייא האבען נאך ניט געזינדיגט. נאך האט געזאגט ריש לקיש פון רבי יהודה נשיאהס וועגן דיא קינדער וואס לערנען אין חדר ביי זייער רבי טאר מען זיי ניט שטערין פון זייער לערנען אפילו צוא העלפען באהעין דעם בית המקדש. ריש לקיש האט געזאגט צו רבי יהודה נשיאה אזוי האט מען מיר דער ציילט פון מיינע עלטערין. און אנדערע זאגען אזוי האט ריש לקיש געזאגט צו רבי יהודה מען האט מיר דער ציילט פון דיינע עלטערין. די שטאט וואס די קליינע קינדער גייען ניט אין חדר צו לערנען תורה. וועט די שטאט חרוב ווערן. עס וועט פון איר בלייבן נאר אביסול רבינא זאגט די שטאט וועט וויכט ווערין. עס וועט פון איר גאר ניט בלייבען. נאך האט רבא געזאגט ירושלים איז חרוב געווארין נאר ווייל עס האט אויף געהערט צו זיין אין איר בגלויבטע מענטשין. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק איר זאלט שוועבין אין די גאסען פון ירושלים זעהט און ווייסט אויב עס איז דא א מענטש וואס זאל טאהן משפט און ער זאל באגערין דעם אמת פרעגט די גמרא עס איז דאך ניט אזוי געוועזן. רב קטינא האט דאך געזאגט אפילו ווען ירושלים איז געשטרויכעלט ותרובו געווארין פון דעסטוועגין האבען ניט אויף געהערט צו זיין אין איר אמתה מענטשין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק עס וועט אן נעמען א מענטש זיין ברודער פון זיין פאטערס הויז געזינד איין מענטש דעם אנדערין. און ער וועט זאגען צו איהם דוא האסט א שיינע קלייד. דוא וועסט זיין אונזער האר. דיא זאכען וואס מענטשין בדעקין זיך מיט זיי אזוי וויא מיט א קלייד. זענען דא אונטער דיין האנט ואז מען פרעגט איינעם ער זאל זאגען א זאך אין די תורה בעהאלט ער זיך אין זיין קלייד. ווייל ער ווייס ניט צו ענטפערין. און דו באדעקסט דיך ניט בעהאלטען. ווייל דוא קענסט לערנען תורה. די שטרויכלונג איז אונטער דיין האנט. דיא זאכען וואס מענטשין ווייסען זייא ניט נאר סיידין זיי ווערין געשטרויכלט אויף זיי. זענען זיי דא אונטער דיין האנט. דאס מיינט מען דיא דינים פון די תורה וואס א מענטש קען זיי ניט זאגען ריכטיג סיידין ער זאגט פריער צוויי דרייא מאהל שלעכט. אבער דו ווייסט זיי צו זאגען ריכטיג אזוי וויא דער דין איז. דריבער וועסטו זיין א האר ביי אונז. ישא ביום ההוא לאמר לא אהיה חובש. ישא איז טייטש שווערין. אזוי

חובש לא אהיה מחובשי עצמן בבית המדרש ובביתי אין לחם ואין שמלה שאין בידי לא מק"א ולא משנה ולא גמרא. ממאי דילמא שאני הת"ם דאי אמר להו גמרינא אמרי ליה אימא לן הוה ליה למימר גמר ושכח מאי לא אהיה חובש כו' ל"ק כאן בד"ת כאן במשא ובמתן:

(דף קכ"א) כ ת"ר מעשה ונפלה דליקה בחצרו של יוסף בן סימאי בשאן ובאו אנשי גסטרא של צפורי לכבותה מפני שאפוטרופוס של מלך היה ולא הניחן מפני כבוד השבת ונעשה לו נס וירדו גשמים וכבו. לערב שגר לכל א' מהם ב' סילעין ולאפרכוס שבהם נ' וכששמעו חכמים בדבר אמרו לא היה צריך לכך שהרי שנינו עובד כוכבים שבא לכבות אין אומרין לו כבה ואל תכבה מפני שאין שביתתו עליהם:

(ע"ב) כא אבא בר מרתא דהוא אבא [בר] מניומי הוו מסקי ביה דבי ריש גלותא זוזי אייתוהו

חובש הבוש בבית המדרש: אהיה. מוגלתי כמו שחוק לרעהו אהיה אני כווה: וממאי. דמשום דיש בהם אמנה היא דילמא ע"כ צריכין שיודו האמת דאי א"ל גמרינא מינך טעמי תורה אמרי ליה שואלין אימא לן. ומשני הו"ל גמר ושכח: מאי לא אהיה חובש. מודה הוא על האמת שלא ידע בתורה: בדברי תורה. היו נאמנין ואין מתכללין על שקר:

גסטרא. שלטון: אפוטרופוס. ממונה על ממונו: אין אומרין לו כבה. דבכן גזור על אמירה לעובד כוכבים משום שבות: ולא תכבה. אין צריך למחות בידו אלא יניחנו ויכבה: שאין שביתתו. של עובדי כוכבים עליהם דישראל אינו מוזהר על שביתתו של עובד כוכבים כאלו עבדו:

ווי עס שטייט אין פסוק לא תשא את שם ה': דו זאלסט ניט שווערין ביא דעם נאמען פון גאט. לא אהיה חובש מיינט מען. איך בין קיין מאהל ניט גיוועזן פון דיא מענטשין וואס האלטען זיך אויף אין בית המדרש אונ לערנען. אין מיין שטוב איז ניטא קיין ברויט אונ ניט קיין קלייד. דס מיינט מען איך קען ניט לערנען תנ"ך אונ ניט משניות אונ ניט גמרא. וועהן מיר דאך אז יענער מענטש הט גזאגט דעם אמת. ענטפערט די גמרא פון וואנען ווייסען מיר אז ער הט אזוי גזאגט ווייל ער האט גיוואלט זאגען דעם אמת. טאמער איז נאר ווייל ער הט גימוזט זאגען דעם אמת. ווארום אז ער וואלט זאגען איך האב גילערנט. וואלט מען זאגען צו איהם זאג אונז וואס דו האסט גילערנט. ענטפערט די גמרא ניין. צו ער וואלט וועלין זאגען ליגען. וואלט ער זאגען איך האב גילערנט: אונ אז מען וואלט זאגען צו איהם ער זאל זאגען וואס ער הט גילערנט. וואלט ער גיקענט זאגען ער הט פר געסין. צו וואס האט ער גזאגט ער הט גאר ניט גילערנט: איז געוויס ווייל ער האט גיוואלט זאגין דעם אמת. וועהן מיר דאך אז די מענטשין פון ירושלים זענען גיוועזן מענטשין מיט אמת איז דאך אקשיא אויף רבא. ענטפערט די גמרא עס איז ניט קיין קשיא ביי די זאכען פון דער תורה פרעגין זייא זאגען דעם אמת. אז איינער הט ניט גיקענט לערנען. הט ער גזאגט דעם אמת איך קען ניט. אבער אין האנדיל פרעגין זיי זאגין ליגען:

כ תנו רבנן. די רבנן האבין גילערנט. עס האט אמאהל גיטראפין עס האט גיברענט אום שבת אין דעם הויף פון יוסף בן סימאי אין די שטאט שאן. זענען גיקומען דער חיל פון צפורי פארלעשין דעם פייער. ווייל דער יוסף איז גיוועזן אשר אויף די אוצרות פון מלך. נאר יוסף ניט גילאזין דעם חיל זיי זאלין פארלעשין. ווייל עס איז שבת. איז גיווארין אנס אונ עס האט גיגאסין ארעגין. אונ דער רעגין האט פארלאשין דעם פייער ביי נאכט נאך שבת האט ער גיגעבין צו יעדער זעלנער צוויי טאלער אונ דעם עלצטין האט ער גיגעבין דריי טאלער. אז די חכמים האבין גיהערט די זאך. האבין זיי גזאגט יוסף האט ניט גידארפט ווארטין אויף דעם נס. ווארום מיר האבין גילערנט אז אגוי קומט פאר לעשין אפייער אליין. טאר מען ניט זאגין צו אים פארלעש. אונ מען דארף ניט זאגין פארלעש ניט: ווייל דער יוד איז ניט פארבאטין דער גוי זאל רוהען שבת. סיידין דער גוי איז אקנעכט ביי דעם יוד. מוז דער יוד היטען דעם גוי ער זאל ניט ארבעטין שבת (ועיין בש"ע):

כא אבא בר מרתא דאס איז אבא בר מניומי האבין די מענטשין פון ריש גלותא גמאנט

פוק שדי רוקא. היה רוק מוטל לפניהם וכסהו היפה: רוק דורסו. באין מתכוין למרח ולאשוויי גומות דאף על גב דממילא ממרח הוא כי לא מיכוין שרי משום מאיסותא:
בהשכמת בית המדרש. מדמשוי להו במתניתין כי הדדי: מהשכמת בה"מ. דתנא דידן אקדמיה ברישא: אל נא תעבור. וכגיהו והלך

אייתוהו קא מצערי ליה הוה שדי רוקא א"ל ריש גלותא אייתו טנא סחיפו עליה. א"ל לא צריכיתו הכי אמר רב יהודה רוק דורסו לפי תומו א"ל צורבא מרבנן הוא שבקוהו:

מפנין פרק שמונה עשר

(דף קכז) א אמר רבי יוחנן גדולה הכנסת אורחים כהשכמת בית המדרש דקתני מפני האורחים ומפני ביטול בית המדרש. ורב דימי מנהרדעא אמר יותר מהשכמת בית המדרש דקתני מפני האורחים והדר מפני ביטול ב"ה. אמר רב יהודה א"ר גדולה הכנסת אורחים כהקבלת פני השכינה דכתיב (בראשית יח) ויאמר אדני אם נא מצאתי חן בעיניך אל נא תעבור וגו'. אמר רבי אלעזר בוא וראה שלא כמדת הקב"ה מדת בשר ודם מדת בשר ודם אין קטן יכול לומר לגדול המתן עד שאבא אצלך ואילו בהקב"ה כתיב

ביי אים געלט. אונ מען האט אים גיבראכט צום ריש גלותא אונ מען האט אים מצער גיוועזן. דאס איז גיוועזן אום שבת. אונ עס איז גיוועזן שפייאכץ אויף די ערד. האט דער ריש גלותא גיזאגט בריינגט אכלי אונ דעקט אריבער די שפייאכץ: האט אבא בר מרתא גזאגט איר דארפט ניט בריינגען קיין כלי. ווארום רב יהודה האט גזאגט אז עס ליגט שפייאכץ אויף דיא ערד אום שבת מעג מען גייענדיג פארטרעטין די שפייאכץ. האט דער ריש גלותא גזאגט וויל ער איז אלמדן לאזט אים גיין אהיים. אונ איר זאלט אים ניט מצער זיין:

פרק שמונה עשר

א אמר. רבי יוחנן האט גזאגט אז מען נעמט אפרעמדין מענטש צו זיך אהיים אונ מען גיט אים עסין איז דיא מצוה אזוי גרויס גלייך וויא מען גייט פריא אין בית המדרש לערנען. ווארום עס שטייט אין דער משנה מען מעג אפראמען אום שבת דיא בינטלאך תבואה אויב מען דארף דעם ארט צו זעצין פרעמדע מענטשין צום עסין. אדער צו זעצין תלמידים צום לערנען. זעהן מיר אז פרעמדע מענטשין געבין עסין אונ תורה לערנען זענען ביידע גלייך. רב דימי פון נהרדעא זאגט דיא מצוה צו געבין אפרעמדין מענטשין עסין איז גרעסער וויא די מצוה צו גיין פריא אין בית המדרש לערנען. ווארום דער תנא לערנט מען מעג אפ ראמען אום שבת די בינטלאך תבואה פאר פרעמדע מענטשין צום עסין. אדער פר תלמידים צום לערנען. פריער זאגט דער תנא פרעמדע מענטשין. דער נאך זאגט ער צום לערנען. דאס מיינט מען פאר פרעמדע מענטשין מעג מען געווים אפ ראמען. נאר אפילו צום לערנען מעג מען אויך. זעהן מיר דאך אז די מצוה פון פרעמדע מענטשין געבין עסין איז גרעסער וויא די מצוה פון לערנען. רב יהודה האט גיזאגט פון רבס וועגין פרעמדע מענשין צו געבין עסין. איז גרעסער וויא צו פאר נעמען דעם כבוד פון גאט. ווארום עס שטייט אין פסוק אברהם אבינו האט גיזאגט צו גאט אויב איך האב גיפונען חן אין דיינע אויגין בעט איך דיך דו זאלסט ניט אוועק גיין פון דיין קנעכט (פון מיר) איך וועל נאר לויפין בריינגען דיא דריי פרעמדע מענטשין צו מיר אין שטוב. האט אברהם אבינו פארלאזין גאט אונ איז גילאפין צו דיא פרעמדע מענטשין. רבי אלעזר האט גיזאגט קום זעה אז דיא מדה פון גאט איז ניט וויא די מדה פון אמענטשין. די מדה פון אמענשין איז ניט אז אקלענערער זאל זאגין צו אגרעסערין ווארט ביז איך וועל קומען צו דיר. אונ ביי גאט שטייט אין פסוק אברהם האט גז.גט צו

כתיב ויאמר אדני אם נא מצאתי חן בעיניך וגו' (אמר רב יהודה בר שילא) אמר רב אסי (אמר רבי יוחנן) ששה דברים אוכל אדם פירותיהם בעולם הזה והקרן קיימת לו לעולם הבא ואלו הן הכנסת אורחים ובקור חולים ועיון תפלה והשכמת בית המדרש והמגדל בניו לתלמוד תורה והדן את חבירו לכף זכות. איני והתנן אלו דברים שאדם עושה אותן אוכל פירותיהם בעולם הזה והקרן קיימת לו לעולם הבא ואלו הן כבוד אב ואם וגמילות חסדים והבאת שלום בין אדם לחבירו ותלמוד תורה כנגד כולם (הני אין מידי אחרינא לא) הני נמי ובגמילות חסדים שייכי ל"א הני) בהני שייכי.

לקבל האורחים: ועיון תפלה. לכוין בתפלתו: ה"ג הני נמי בהני שייכי: הכנסת אורחים ובקור חולים. היינו גמילות חסדים ועיון תפלה בכלל גמילות חסדים דכתיב גומל נפשו איש חסד והשכמת בית המדרש וגידול בנים לתלמוד תורה היינו ת"ת והדן את חבירו לכף זכות בכלל הבאת שלום דמתוך שהוא מכריעו לזכות ואומר לא חטא לי בזאת אנוס היה או לטובה נתכוין יש שלום ביניהם. ורבי יוחנן לפרש לן אתא דבכלל ג' דמתניתין איתנהו לסך ו' והיכא נמי לכבוד אב ואם ורבי יוחנן לא פליג עליה: וכתבו בתוס' „ויאמר אדני" וגו' קסבר כמ"ד בשבועות דהאי פס קדש דאיכא מ"ד כתם שהוא חול שלמלאכים היה מדבר שהיו מזומנים: אוכל מפירותיהם בעולם הזה. בפרק קמא דקדושין מפרש דהיינו אם היה שקול מכרעת דבכר מצות

(ע"ב) תנו רבנן הדן את חבירו לכף זכות דנין אותו לזכות. ומעשה באדם אחד שירד מגליל העליון ונשכר אצל ב"ה אחד בדרום ג' שנים. ערב י"ה אמר ליה תן לי שכרי ואלך

גאט אויב איך האב גיפונען חן אין דיינע אויגין זאלסטו ניט אוועק גיין פון דיין קנעכט (פון מיר) ביז איך וועל צוריק קומען מיט דיא דריי פרעמדע מענטשין. רב אסי האט גיזאגט זעקס מצות זענען דא אז א מענטש איז זייא מקיים עסט ער זייערע פירות (עס איז אים גוט) אויף דער וועלט אונ דער קרן (דער שכר) בלייבט אין גאנצין אויף עולם הבא. דאס זענען דיא זעקס מצות. הכנסת אורחים אריין צו ברייננגען פרעמדע מענטשין צוא זיך אין שטוב אונ זייא געבין עסין. וביקור חולים אונ גיין צו קראנקע מענטשין זעהן וואס זיי פעלט. טאמער קען ער זיי עפעס העלפין צו דער וועלט אדער צו יענע וועלט. ועיון תפלה אונ ווען ער דאווינט זאל ער אין זינען האבין יעדער ווארט וואס ער רעט. אונ ער זאל שטיין פאר גאט מיט מורא. והשכמת בית המדרש אונ ער זאל גיין אלע טאג פריא אין בית המדרש לערנען תורה. והמגדל בניו לתלמוד תורה אונ ער זאל דער ציהען זיינע קינדער צו תורה לערנען. והדן את חברו לכף זכות אונ אויב ער וועט זעהן פון זיין חבר א עולה. זאל ער אויף אים לערנען א זכות. אז ער איז גירעכט אדער ער האט א טעות גיהאט, פרעגט די גמרא עס איז דאך ניט אזוי. ווארום מיר האבין גילערונט. דיא זאכין אז א מענטש טוהט זיי עסט ער זייערע פירות (עס איז אים גוט) אויף דער וועלט אונ דער קרן (דער שכר) בלייבט אין גאנצין אויף עולם הבא. אונ דאס זענען דיא זאכין. כיבוד אב ואם מען זאל געבין כבוד צוא פאטער אונ מוטער. וגמלות חסדים מען זאל טאהן טובות צו מענטשין. והבאת שלום בין אדם לחברו מען זאל מאבין שלום צווישען מענטשין וואס האבין זיך געקריגט. ותלמוד תורה כנגד כולם אונ תורה לערנען איז נעגין אלע זאכין. ענטפערט די גמרא די דריי זאכין זענען די זעלביגע וואס די זעקס זאכין. נאר איינס קומט צו אניים. מען זאל געבין כבוד צו פאטער אונ מוטער. ווארום הכנסת אורחים אונ בקור חולים איז גמלות חסדים צו איין אנדערין. אונ עיון תפלה איז גמלות חסדים צו זיך אליין. הדן את חברו לכף זכות איז הבאת שלום. השכמת בית המדרש אונ מגדל בניו לתלמוד תורה. איז תלמוד תורה:

תנו רבנן. דיא רבנן האבין גילערונט אז איינער משפט זיין חבר אז ער איז גירעכט. משפט מען אים פון הימעל אויך אז ער איז גירעכט. עס האט אמאהל גיטראפין א מענטש האט גענידערט פון אובערשטין גליל (עס זענען גיוועזן צוויי שטעט וואס האבין גיהייסין גליל. איינע איז גישטאנען אויף א בארג. דאס האט גיהייסין דער אובערשטער גליל: אונ איינע איז גישטאנען אין א טאהל. דאס האט גיהייסין דער אונטערשטער גליל) אונ ער האט זיך פארדונגען צום ארבעטין ביי א בעל הבית אין דרום מיט דריי יאהר. ערב יום כפור האבין זיך אויסגילאזט די דריי יאהר. האט ער גיזאגט צום בעל הבית גיב מיר מיין לוין געלט וועל איך גיין אהיים

כהלי עלמא ליכא ע"כ : בפהי נפש . כדאמרן נפש : חוהכלם . שמא.ה ל..כרו כבך וכך כורים נבנה . כל כיכא דלאגרינן מעבא כהסיד אחד או ר"י בן

ואלך ואזון את אשתי ובני אמר לו אין לי מעות אמר ליה תן לי פירות אמר ליה אין לי תן לי קרקע אין לי תן לי בהמה אין לי תן לי כרים וכסתות אין לי הפשיל כליו לאחוריו והלך לביתו בפחי נפש . לאחר הרגל נטל ב"ה שכרו בידו ועמו משוי ג' חמורים אחד של מאכל ואחד של משתה ואחד של מיני מגדים והלך לו לביתו אחר שאכלו ושתו נתן לו שכרו . אמ' ליה בשעה שאמרת לי תן לי שכרי ואמ' אין לי מעות במה חשדתני אמרתי שמא פרקמטיא בזול נזדמן לך ולקחת מהן ובשעה שאמרת לי תן לי בהמה ואמרתי אין לי בהמה במה חשדתני אמרתי שמא מושכרת ביד אחרים . בשעה שאמרת לי תן לי קרקע ואמרתי לך אין לי קרקע במה חשדתני אמרתי שמא מוחכרת ביד אחרים ובשעה שאמרתי לך אין לי פירות במה חשדתני אמרתי שמא אינן מעושרין . ובשעה שאמרתי לך אין לי כרים וכסתות במה חשדתני אמרתי שמא הקדיש כל נכסיו לשמים . אמר ליה העבודה כך היה הדרתי כל נכסי בשביל הורקנוס בני שלא עסק בתורה

ובשבאתי

שפייזן מיין ווייב אונ קינדער . האט דער בעל הבית גיזאגט צו אים . איך האב ניט קיין געלט האט ער גיזאגט צום בעל הבית גיב מיר פירות . האט דער בעל הבית גיזאגט צו אים איך האב ניט קיין פירות . האט ער גיזאגט צום בעל הבית גיב מיר אשטיקל פעלד . האט דער בעל הבית גיזאגט איך האב ניט קיין פעלד . האט ער גיזאגט צום בעל הבית גיב מיר אבהמה . האט דער בעל הבית גיזאגט איך האב ניט קיין בהמה . האט ער גיזאגט צום בעל הבית גיב מיר בעטגיוואנט . האט דער בעל הבית גיזאגט איך האב ניט קיין בעט גיוואנט . האט ער גינומען זיינע כלים אויף די פלייצעס אונ איז גיגאנגען אהיים טרויעריג . נאך יום טוב האט דער בעל הבית גינומען זיין לוין געלט אונ ער האט מיט זיך גינומען דריי אייזלען בלאדענע איינעם מיט עסנווארג . אונ איינעם מיט משקה . אונ איינעם מיט זיסע שפייזן . אונ ער איז גיגאנגען מיט דיא אייזלען צו דעם ארבעטער אהיים . דער נאך וויא זיי האבן גיגעסן אונ גיטרונקען . האט ער אים גיגעבן זיין לוין געלט . האט דער בעל הבית גיזאגט צום ארבעטער . ווען דו האסט גיזאגט צו מיר גיב מיר מיין לוין געלט . אונ איך האב גזאגט איך האב ניט קיין געלט . וואס האסטו מיך חושד גיוועזן . האט דער ארבעטער גיזאגט איך האב גימיינט טאמער האט זיך דיר גיטראפין סחורה וואלוול צו קויפין . האסטו איינגעקויפט דיין גאנצע געלט אויף דיא סחורה . האט דער בעל הבית גזאגט צום ארבעטער אונ ווען דו האסט גזאגט צו מיר גיב מיר אבהמה . אונ איך האב גזאגט איך האב ניט קיין בהמה . וואס האסטו מיך חושד גיוועזן . האט דער ארבעטער גזאגט איך האב גימיינט טאמער האסטו פאר דונגען דיינע בהמות צוא אנדערע מענטשין . האט דער בעל הבית גזאגט צום ארבעטער . ווען דו האסט גזאגט צו מיר גיב מיר אשטיקל פעלד . אונ איך האב גזאגט צו דיר איך האב ניט קיין פעלד . וואס האסטו מיך חושד גיוועזן . האט דער ארבעטער גזאגט איך האב גימיינט טאמער האסטו פאר דונגען דיינע פעלדער צו אנדערע מענטשין . האט דער בעל הבית גזאגט צום ארבעטער . ווען דוא האסט גזאגט צו מיר גיב מיר פירות . אונ איך האב גזאגט צו דיר איך האב ניט קיין פירות . וואס האסטו מיך חושד גיוועזן . האט דער ארבעטער גזאגט . איך האב גימיינט טאמער וועגען די פירות ניט גימעשרת . האט דער בעל הבית גזאגט צום ארבעטער . ווען דוא האסט גזאגט צו מיר גיב מיר בעטגיוואנט . אונ איך האב גזאגט צו דיר איך האב ניט קיין בעטגיוואנט . וואס האסטו מיך חושד גיוועזן . האט דער ארבעטער גזאגט . איך האב גימיינט טאמער האסטו גיהייליגט דיין גאנץ פאר מעגין צו גאט . האט דער בעל הבית גזאגט צום ארבעטער . איך שווער אז אזוי איז גיוועזן . איך האב גיהייליגט מיין גאנץ פאר מעגין צו גאט . מיין זוהן הורקנוס זאל ניט הנאה האבין פון מיין פארמעגין . ווייל ער האט ניט גיוואלט לערנען תורה . אונ אז איך

וכשבאתי אצל חבירי בדרום התירו לי כל נדרי ואתה כשם שדנתני לזכות כך המקום ידין אותך לזכות. תנו רבנן מעשה בחסיד אחד שפדה ריבה אחת בת ישראל ולמלון השכיבה תחת מרגלותיו למחר ירד וטבל ושנה לתלמידיו אמר להו בשעה שהשכבתיה תחת מרגלותי במה חשדתוני. אמרנו שמא יש בנו תלמיד שאינו בדוק לרבי. בשעה שירדתי וטבלתי במה חשדתוני אמרנו שמא כפני טורח הדרך אירע קרי לרבי. אמר להן העבודה כך היה ואתם כשם שדנתוני לכף זכות כך המקום ידין אתכם לכף זכות. תנו רבנן פעם אחת הוצרך דבר אחד לתלמידי חכמים אצל מטרוניתא אחת שכל גדולי רומי מצויין אצלה אמרו מי ילך אמר להם רבי יהושע אני אלך. הלך רבי יהושע ותלמידיו כיון שהגיע לפתח ביתה חלץ תפיליו ברחוק ד' אמות ונכנס ונעל הדלת בפניהם אחר שיצא ירד וטבל ושנה לתלמידיו ואמר להם בשעה שחלצתי תפילין במה חשדתוני אמרנו כסבור רבי אל יכנסו דברי קדושה במקום טומאה בשעה שנעלתי במה חשדתוני אמרנו שמא דבר מלכות יש בינו לבינה בשעה שירדתי וטבלתי במה חשדתוני אמרנו שמא ניתזה צנורא מפיה על בגדיו

חבירי. ר"י בר אלעאי: ריבה. נערה: שאינו בדוק לר'. שאיני מכיר במדותיו לסמוך עליו ולהכניסה אצלנו: מטרוניתא. מטרונה: דבר מלכות. וצריך להעלימו: צנורא. רוק ויגזרו על תלמידי חכמים שיהיו בזויים לכל רואיהם:

בין גיקומען צו מיינע חברים וואס וואוהנען אין דרום זייט האבען זיי מתיר גיוועזען מיינע אלע נדרים. אונ אזוי וויא דוא האסט מיך געמשפט גירעכט צוא מאכען. אזוי זאל גאט דיך אויך משפטין גירעכט צו מאכען:

תנו רבנן. די רבנן האבין גילערונט עס האט אמאהל גיטראפען אחסיד האט אויס גילייזט איודישע מיידיל פון גיפיינקענים. ביי נאכט ווען זיי זענען גיוועזען אין גאסט הויז. האט דער חסיד גיזאגט צו די מיידיל זי זאל ליגען נעבין זיינע פיס. מארגין פריא האט זיך דער חסיד טובל גיוועזען. דער נאך האט ער גילערונט מיט זיינע תלמידים אין דער פריה ווען זייא זענען אויף גישטאנען האט דער חסיד גיזאגט צוא זיינע תלמידים ווען איך האב גילייגט די מיידיל נעבין מיינע פיס וואס האט איר מיך חושד גיוועזען. האבין די תלמידים גזאגט. מיר האבען גימיינט טאמער איז דא צווישען אונז אתלמיד וואס דער רבי האט איהם נאך ניט גיפרובט צוא ער איז פרום. דריבער האט דער רבי גענומען די מיידיל נעבין זיך. האט דער חסיד גזאגט צו די תלמידים ווען איך האב מיך טובל גיוועזען. וואס האט איר מיך חושד גיוועזען. האבען דיא תלמידים גזאגט. מיר האבען גימיינט טאמער ווייל דוא ביסט גיוועזען אפ גימאטערט פון וועג האסטו גיזעהן קרי. האט דער חסיד גזאגט צו זיינע תלמידים איך שווער אז אזוי איז גיוועזען. אונ אזוי וויא איר האט מיך געמשפט גירעכט צוא מאכען. אזוי זאל גאט אייך אויך משפטין גירעכט צוא מאכען:

תנו רבנן. די רבנן האבען גילערונט אמאהל האבען דיא רבנן גיבארפט אזאך בייא אפירשטין וואס די גרעסטע מענטשין פון רוים פלעגין צו איר קומען. האבען די רבנן גזאגט ווער פון אונז וועט גיין צו איר. האט רבי יהושע גזאגט איך וועל גיין. איז גיגאנגען רבי יהושע מיט זיינע תלמידים. ווי ער איז גיקומען ווייט פון איר טיר פיר איילען. האט ער אויס גיטאהן די תפלין אונ איז אריין גיגאנגען צו איר. אונ ער האט פר שלאסען די טיר. אונ רבי יהושע מיט דיא פירשטין זענען געבליבען אליין אין שטוב. דער נאך וויא רבי יהושע איז ארויס גיגאנגען האט ער זיך טובל גיוועזען אונ האט גילערונט מיט די תלמידים. האט רבי יהושע גזאגט צו די תלמידים. ווען איך האב אויס גיטאהן די תפלין. וואס האט איר מיך חושד גיוועזען. האבען די תלמידים גזאגט: מיר האבען גיטראכט דער רבי וויל ניט אריין גיין מיט אהייליגע זאך אין אאומריינעם ארט. אונ ווען איך האב פאר שלאסען די טיר. וואס האט איר מיך חושד גיוועזען. האבען די תלמידים גזאגט מיר האבען גיטראכט טאמער האסטו צו שמועסין מיט איר אקענ נייגע

ביומא מי הוי טבא. יום השמש שבוא הקזה לאדם כלום מטיב לו:
אכל ועמד. מיהר לעמוד פתאום אחר אכלו שבעו:
פורסא דדמא. זמן הקזה כמו פרסא דפסחא: בין הפרקים. פרקי שנותיו כגון לאחר ארבעים שנה ימעט בהקזה לא יקיז בכל חודש אלא מג' חדשים לג' חדשים: ובין הפרקים יחזור וימעט. לאחר כ' יקיז לג' חדשים לפי שאין כחו עליו ואין

בגדיו של רבי. אמר להם העבודה כך היה ואתם כשם שדנתוני לזכות כך המקום ידין אתכם לזכות:

(דף קכט) **ב אבלט** אשכחיה לשמואל דגני בשמשא אמר ליה חכימא דיהודאי בישא מי הוה טבא אמר ליה יומא דהקזה הוא. ולא היא אלא איכא (יומא) דמעלי בה שמשא בכולי שתא יומא דנפלה ביה תקופת תמוז (ס"א שבתא) וסבר לא איגלי ליה. רב ושמואל דאמרי תרוייהו כל המיקל בסעודת הקזת דם מקילין לו מזונותיו מן השמים ואומרים הוא על חייו לא חס אני אחוס עליו:

ג אמר מר ה' דברים קרובים למיתה יותר מן החיים ואלו הן אכל ועמד שתה ועמד ישן ועמד הקיז דם ועמד שימש מטתו ועמד:

ד אמר שמואל פורסא דדמא כל תלתין יומין בין הפרקים ימעט ובין הפרקים יחזור וימעט וא"ש פורסא דדמא חד בשבא ארבעה ומעלי שבתא אבל שני וחמישי לא דא"מ מי שיש לו זכות

זאך וואס קיינער מאר ניט ווייסען. אונ ווען איך האב מיך טובל גיוועזען. וואס האט איר מיך חושד גיוועזען. האבען די תלמידים גזאגט מיר האבען גיטראכט טאמער האט אשפיריץ גימאכען שפייאכץ פון איר טויל אויף די קליידער פון רבי. האט רבי יהושע גזאגט צו דיא תלמידים איך שווער אז אזוי איז גיוועזען. אונ אזוי ווי איר הט מיך געמשפט גירעכט צו מאכען. אזוי זאל גאט אייך אויך משפטין גירעכט צו מאכען:

ב אבלט הט גיטראפען שמואל איז גישלאפען אויף די זוהן. האט אבלט גזאגט צוא שמואל. דו ביסט דאך דער קלוגער פון די יודען: וואס שלעכט איז קען ווערין גוט. קען דען די היץ פון די זוהן זיין גוט צו אמענטשין. האט שמואל גזאגט צו אבלט דעם טאג (היינט) האב איך מיר גילאזין בלוט פון אאדער. איז מיר קאלט גיווארין. דריבער האב איך מיך גילייגט אויף די זוהן. זאגט די גמרא עס איז ניט אזוי גיוועזען. שמואל הט ניט גילאזען בלוט פון אאדער דעם טאג. נאר פאר וואס דען איז ער גישלאפען אויף די זוהן. נאר עס איז דא איין טאג אין גאנצען יאהר. וואס די זוהן איז גוט דעם טאג. דער טאג וואס אין איהם גיפאלט דיא תקופה פון תמוז. דעם טאג איז שמואל גישלאפען אויף די זוהן אונ שמואל האט גיטראכט איך וויל דאס ניט זאגען פאר אבלט. דריבער הט שמואל גזאגט ער האט גילאזען בלוט פון אאדער. רב אונ שמואל זאגען ביידע אז איינער האט גילאזען בלוט פון אאדער. אונ דיא ערשטע סעודה וואס ער עסט דער נאך. זאלעוועט ער צוא עסין אגוטע סעודה. אזוי וויא ער האלט גרינג די סעודה, אזוי מאכט מען איהם גרינג זיין פרנסה פון הימעל. מען שיקט איהם צו ווייניג פרנסה. גאט זאגט אז דער מענטש הט ניט רחמנות אויף זיין לעבין. זאל איך אויף איהם רחמנות האבען:

ג אמר מר. דער רבי האט גזאגט פינף זאכען ברייגען דעם מענטשין נענטער צום טויט ווי צום לעבין. דס זענען די פינף זאכען. אז ער הט גיגעסען צו זעט. אונ האט זיך באלד נאך דעם עסין גישטעלט. ער האט גיטרונקען צוא זעט אונ האט זיך באלד נאך דעם טרינקען גישטעלט. ער איז גישלאפען: אונ וויא ער האט זיך נאר אויף גיוואכט הט ער זיך באלד גישטעלט. מען הט איהם גילאזען בלוט פון אאדער אונ ער האט זיך באלד גישטעלט. ער הט משמש המטה גיוועזען אונ ער האט זיך באלד גישטעלט:

ד אמר. שמואל הט גזאגט די צייט פון בלוט לאזען איז איין מאל אין דרייסיג טעג. אונ אז ער איז עלטער וויא פערציג יאהר. זאל ער ווייניגער בלוט לאזען. איין מאהל אין צווי חדשים. אונ אז ער איז עלטער וויא זעכציג יאהר. זאל ער נאך ווייניגער בלוט לאזען, איין מאהל אין דריי חדשים. נאך האט שמואל גזאגט דיא צייט פון בלוט לאזען איז זונטאג. אדער מיטוואך אדער פרייטאג. אבער מאנטאג אונ דאנערשטאג ניט. ווארום דער רבי הט גזאגט

אבות יקיז דם בשני ובחמישי שבית דין של מעלה ושל מטה שוין כאחד. בתלתא בשבא מאי טעמא לא משום דקיימא (לן) מאדים בזווי. מעלי שבתא נמי קימא בזווי כיון דדשו ביה רבים (תהלים קיז) שומר פתאים ה'. אמר שמואל ד' דהוא ארבע דהוא ארביסר ד' דהוא כ"ד ד' דליכא ד' בתריה סכנתא. ר"ח ושני לו חולשא ג' לו סכנתא מעלי יומא טבא חולשא. מעלי יומא טבא דעצרתא סכנתא וגזרו רבנן אכולהו מעלי יומא טבא משום מעלי יומא טבא דעצרתא דנפק ביה זיקא ושמיה טבוח דאי לא קבלו ישראל תורה הוה טבח להו לבשרייהו ולדמייהו:

אמר

דמו חם וגופו מלטנן כשמחסר דמו: שבית דין של מעלה ושל מטה שוין. אדם נדון בכל יום ובה"ר יושבים בעיירות בב' וה' מהקנת עזרא והילך וכיון דיום הדין ופקידה הוא עונותיו נזכרים: דקיימא מאדים בזווי. במזל מאדים משמש בו בשעה זוגות ומזל מאדים ממונה על החרב ועל הדבר וכל הפורעניות והזוגות קשין שהן רשות לשדים כדאיתא בפסחים והפורעניות מיכנים. פל"ס הנכ"ל כסדר השעות כשנתלו המאורות והמזלות בשעה א' של ד' בשבת שמש שבתאי ובשניה צדק ואחריו מאדים ואחריו חמה והאריו נוגה ואחריו כוכב ואחריו לבנה נמצאו ז' המזלות לז' שעות וחוזרים חלילה נמצא בסדר זה לעולם סימני מזלות מתמשים בתחלת ליל השבוע כלנ"ם הל"ה מולאי שבת שעה א' שלו כוכב התחלת ליל שני צדק וכן כסדר הזה וסדר התחלת סימני הימים הל"ס כלנ"ם שעה א' של א' בשבת חמה ושל שני בשבת לבנה ושל ג' בשבת מאדים נמצא מאדים חוזר בו הלילה בשעה ח' ביום וזוהא זוגות אבל שאר ימים אין מאדים בזוגות שלהם גם לא בלילה ובלילה אין דרך להקיז: מעלי שבתא נמי קיימא מאדים בזווי. שהרי בשעה א' של יום מנגה לפי כסדר של תל"ס כלנ"ם התחלת הימים וכיון שהתחלתו נגה וסדר הנינתם של"ס הנכ"ל נמצאו שהתחילים נהזור הלילה בשעה ד' נמצא מאדים בשעה ו': כיון דדשו ביה רבים. הורגלו בו מפני דוחקן שיהיו קרובים לסעודת שבת והמרגן בפרקין דלעיל דגדול כבוד שבת בדגים גדולים ונמצאת עבודת כוכבים המריקן שני לדם דג: ארבע דהוא ד'. ד' בשבת שהוא ד' לחדש או ארביסר לחדש: או כ"ד. לחדש כלהו קשיב להקזה: ד' דליכא ד' בתריה. שאין ד' ימים עד סוף החדש ואיכא דאמרי דליכא ד' בשבת בתריה נאותו חדש ואינו כן. ר"ג ושני לו חולשא שליסי לו סכנתא:

ווער עס האט זכות אבות ווער עס האט גיהאט עלטערין גרויסע צדיקים וואס זייער זכות קען אויף איהם בשיצען דער מעג עפענען אדער צום בלוט לאזין. מאנטאג אדער דאנערשטאג. אבער קיין אנדער מענטש ניט. ווייל מאנטאג אונ דאנערשטאג משפט דער בית דין פון הימעל. אונ דער בית דין וואס אויף דער ערד. אונ ווייל דאס איז טעג פון משפט. דארף ניט דער מענטש זיך ברייננגען אין אסכנה דיא טעג. פאר וואס טאר מען ניט לאזען אדער דינסטאג. ווייל דער מזל מאדים איז דינסטאג אין די שעה ווס איז זוגות והער מזל מאדים קומט אוים דינסטאג ביי טאג שעה צוויי. אונ צוויי איז זוגות) אונ דער מזל מאדים ווייזט אויף שלעכט. אונ זוגות איז אויך שלעכט. אז מען לאזט אדער אין די שעה איז אסכנה. דריבער דארף מען ניט לאזין אדער דעם גאנצען טאג דינסטאג. מאמער וועט מען פאר געסין אונ מען וועט לאזען אדער די שעה. פרעגט די גמרא פרייטאג איז דאך אויך דער מזל מאדים אין דיא שעה ווס איז זוגות (דער מזל מאדים קומט אוים פרייטאג ביי טאג שעה זעקס). ענטפערט דיא גמרא ווייל פיל מענטשין זענען גיוואוהנט צוא לאזין אדער פרייטאג. ווייל עס איז נאנט צוא שבת וועלין זיי האבען אגוטע סעודה נאך דעם אדער לאזין. אונ זייא וועלין אפ רוהען פון זייער ארבעט. היט שוין גאט די נארין. עס זאל זיי ניט טרעפין קיין שאדין דורך דעם מזל מאדים. שמואל האט גזאגט דער פערטער טאג אין וואך (מיטוואך) אויב ער איז דער פערטער טאג אין חודש. אדער מיטוואך איז דער פערצעהנטער טאג אין חודש. אדער מיטוואך איז דער פיר אונ צוואנציגסטער טאג אין חודש. אדער פון מיטוואך ביז צום סוף חודש איז שוין ניטא קיין פיר טאג, די אלע מיטוואכין זענען אסכנה צו לאזין בלוט פון אאדער. אז מען לאזט בלוט פון אאדער אום ראש חודש. אדער דעם אנדערין טאג אין חודש. ווערט מען שוואך. דעם דריטען טאג אין חודש איז אסכנה. אז מען לאזט בלוט פון אאדער ערב יום טוב. ווערט מען שוואך. ערב יום טוב פון שבועות איז אסכנה אונ דיא רבנן האבען גוזר גיווען אויף אלע ערב יום טוב מען זאל ניט לאזין בלוט פון אאדער. טאמער וועט מען ערב יום טוב פון שבועות אויך לאזין אדער. אונ ערב יום טוב פון שבועות איז ארויס גיגאנגען אווינט. זיין נאמען איז טבוח שעכטין. ווען די יודען וואלטען ניט גענומען דיא תורה וואלט דער ווינט גישאכטען זייער פלייש אונ בלוט. אונ דער ווינט איז דא אלע ערב שבועות. דריבער איז ערב שבועות אסכנה צו לאזין בלוט:

ה אמר רב נחמן (בר יצחק) אמר רבה בר אבוה אמר רב כל האמור בפרשת תוכחה עושין לחיה בשבת שנאמר (יחזקאל טז) ומולדותיך ביום הולדת אותך לא כרת שרך ובמים לא רחצת למשעי והמלח לא המלחת והחתל לא חותלת ומולדותיך ביום הולדת מכאן שמילדין את הולד בשבת. לא כרת שרך מכאן שחותכין הטבור בשבת. ובמים לא רחצת למשעי מכאן שרוחצין הולד בשבת. והמלח לא המלחת מכאן שמולחין הולד בשבת. והחתל לא חותלת מכאן שמלפפין הולד בשבת:

ר"א דמילה פרק יט

(דף קל) **א משנה** רבי אליעזר אומר אם לא הביא כלי מע"ש מביאו בשבת מגולה ובסכנה מכסהו על פי עדים: **גמ'** א"ר יצחק עיר אחת היתה בארץ ישראל שהיו עושים כרבי אליעזר והיו מתים בזמנם ולא עוד אלא שפעם אחת גזרה

בפרשת תוכחה. שהוכיח יחזקאל לישראל את חסדי הקב"ה עמהן. תוכחה. לשון לכו נא ונוכחה להוכיח ולהודיע מי הוא שחטא על שכנגדו: למשעי. לטוח ולהחליק בשרו: המלחת. ובשרו מתקשה: מלפפין. אגמליו"ן בלעז ולאו היינו אגודי ימקא דאמרן לעיל פרק כל הכלים דהא שמעינן ליה לרב נחמן דאסר אלא לפופי בעלמא כמו שעושים בתגורית וספיקלות:

רא"א אם לא הביא כלי. איזמל למול את התינוק וקאי אמתני' דפרקין דלעיל דפליג עליה וכל צרכי מילה עושין בשבת: מגולה. בגמרא מפרש אמאי מצריך ליה לגלויי דאיבעי' להו אי משום חבובי מצוה או דילמא משום חשדא פירוש משום חשדא שלא יחשדוהו שהוא נושא תחת כנפיו וסיפא דמתני' דקתני ובסכנה מכסהו ע"פ עדים ואי משום חשדא הוא אלא רישא מיבעיא לן דוקא מגולה קאמר אבל מכוסה ע"פ עדים שלא בשעת הסכנה לא ומשום חבוב מצוה או לאו דוקא מגולה דשפתא משום חשדא וה"ה למכוסה ע"פ עדים ואתסיפא דלא אמר ר"א אלא לחבובי מצוה: ובסכנה. שגזרו עובדי כוכבים על המילה: מכסהו ע"פ עדים. שיעידו שאיזמל של מילה הוא מביא

ה אמר . רב נחמן האט געזאגט רבה בר אבוה האט געזאגט פון רבס וועגין אלץ וואס עס שטייט אין דעם קאפיטל וואס יחזקאל הנביא האט געשטראפט די יודין . אונ ער האט זיי דער מאנט די אלע טובות וואס גאט האט מיט זיי געטאהן . די טובות מעג מען טאהן צו אגעווינערין אום שבת. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דיא וואס האבען דיך געבארין . אין דעם טאג וואס דוא ביזט געבארין געווארען . האט מען ניט אפגעשניטען דיין נאפיל . אונ מען האט דיך ניט געוואשין מיט וואסער דו זאלכט ריין ווערן. אונ מען האט דיך ניט בעזאלצין. אונ מען האט דיך ניט געוויקעלט. ווייל עס שטייט די וואס האבען דיך געבאהרין . אין דעם טאג וואס דו ביזט געבארין געווארין . פון דאנען ווייסן מיר אז מען מעג העלפן אום שבת דס קינד צו געבארן. אונ ווייל עס שטייט מען האט ניט אפ געשניטען דעם נאפל. ווייסן מיר אז מען מעג אפ שניידען דעם נאפל אום שבת אונ ווייל עס שטייט מען האט דיך ניט געוואשען מיט וואסער דוא זאלכט ריין ווערין . פון דאנען ווייסען מיר אז מען מעג אפ וואשען אקינד וואס איז געבארען געווארען אום שבת . אונ ווייל עס שטייט מען האט דיך ניט בעזאלצין. פון דאנען ווייסען מיר אז מען מעג בעזאלצין אקינד אום שבת. אונ ווייל עס שטייט מען האט דיך ניט געוויקעלט. פון דאנען ווייסען מיר אז מען מעג וויקלען אקינד אום שבת ועיין בשלחן ערוך :

פרק תשעה עשר

א משנה . רבי אליעזר זאגט אויב מען האט ניט געבראכט דעם מוהל מעסער ערב שבת . מעג מען איהם ברייננגען אום שבת : אויף גידעקט . אלע זאלען זעהן אז ער טראגט איין מוהל מעסער . מען זאל איהם ניט חושד זיין אז ער טראגט איין אנדער זאך ודא שמועסט ווא עס איז ניטא קיין עירוב אונ מען טאר ניט טראגין שבתו . אונ ווען עס איז אסכנה צו טראגין אמוהל מעסער . ווי פרצייטען איז געווען דער מלך האט גוזר געווען מען זאל ניט מל זיין) זאל ער צו דעקין דער מוהל מעסער . נאר עדות זאלען זעהן אז ער טראגט איין מוהל מעסער . מען זאל אידם ניט חושד זיין אז ער טראגט איין אנדער זאך :

אמר . רבי יצחק דט געזאגט עס איז געווען איין שטאט אין ארץ ישראל וואס זיי פלעגין טאהן אזוי ווי רבי אליעזר אונ זיי פלעגין שטארבין צו זייער צייט ; אז זיי זענען אלט געווארין . אונ

המלכות גוזרה על ישראל על המילה ועל] אותה. העיר לא גזרה. תניא רשב"ג אומר כל מצוה שקבלו ישראל עליהם בשמחה כגון מילה דכתיב (תהלים קיט) שש אנכי על אמרתך וגו' עדיין עושין אותה בשמחה וכל מצוה שקבלו עליהם בקטטה כגון עריות דכתיב (במדבר יא) וישמע משה את העם בכה למשפחותיו על עסקי משפחותיו עדיין עושין אותה בקטטה דליכא כתובה דלא רמו בה תיגרא:

ב תניא רבי שמעון בן אלעזר אומר כל מצוה שמסרו ישראל עצמן עליה למיתה בשעת הגזרה כגון עבודת כוכבים ומילה עדיין היא מוחזקת בידם וכל מצוה שלא מסרו ישראל עצמן עליה למיתה כגון תפילין עדיין היא מרופה בידם. דאמר רבי ינאי תפילין צריכין גוף נקי כאלישע בעל כנפים מאי היא (אמר אביי) שלא יפיח בהם רבא אמר שלא יישן בהם ואמאי קרו ליה אלישע בעל כנפים שפעם אחת גזרה המלכות גזרה על ישראל שכל המניח תפילין על ראשו יקרו את מוחו והיה אלישע מניח תפילין ויצא לשוק וראהו קסדור אחד ורץ מלפניו ורץ אחריו כיון שהגיע אצלו

ולא יתפרדוהו: שש אנכי על אמרתך. אמירה ימינה בקדמה לשאר אמירות היא מילה שישראל עושין ושש עליה דכל שאר מצות אינה מוכיחות כל שעה כגון תפילין ומזוזה וציצית אינה כשהוא בבית ועדום בבית המרחץ אבל זו מעידה עליהם לעולם כדאמרינן במנחות כדוד שראה עצמו ערום בבית המרחץ ונצטער ואמר אוי לי שאני ערום מכל מצות כיון (כשנסתכל) [שנזכר] במילה נתישבה דעתו בשמחה. שעושין מתם: על עסקי משפחותיו. שנאסר להם קרובות:

מרופה. רפיה: דאמר רבי ינאי תפילין צריכין גוף נקי. שלא יפיח אלמא לא זהירי בהו וממעיט מינה דלא מסרו עליה אלא אלישע לבדו: יקרו. נקבו. לשון יקרוהו עורבי נחל ולשון תנקר עין נעלה: את מוחו. שכנגד תפילין: קסדור.

מער איז געוועז. אמאהל האט אמלך גוזר געוועז אגזרה אויף די יודען זיי זאלען ניט מל זיין זייערע קינדער. אונ אויף די יודען פון די שטאט האט ער ניט גוזר געוועז:

תניא. מיר האבען געלערנט רבן שמעון בן גמליאל זאגט אלע מצות וואס די יודען האבען זיי אן גענומען מיט שמחה. אזוי וויא מילה. ווי עס שטייט אין פסוק דוד המלך האט געזאגט איך פריי מיך אויף דיין זאג [אויף דיין ערשטע געבאט. דאס איז מילה]. טוהען נאך די יודען היינט אויך די מצוה מיט שמחה. אז מען איז מל אקינד פרייען זיך אלע. אונ דיא אלע מצות וואס די יודען האבען זיי אן גענומען מיט קריג. אזו וויא אחתונה ווי עס שטייט אין פסוק משה הט געהערט דס פאלק וויינט צו זייערע משפחות. פון וועגן זייערע משפחות. ווייל משה הט זיי געאסרט חתונה צו האבען מיט זייערע פריינד. [אשוועסטער מיט אברודער; אדער מיט איין מומע אדער מיט די איבעריגע פריינד וואס שטייט אין דיא סדרה אחרי מות]. זיי מוזען גאר חתונה האבען מיט פרעמדע. מאכט מען נאך היינט אויך אחתונה מיט קריג - ווארום עס איז ניטא קיין כתובה [קיין חתונה] עס זאל ניט זיין ביי איהר אקריג:

ב תניא. מיר האבען געלערנט רבי שמעון בן אלעזר זאגט אלע מצות וואס דיא יודען האבען זיך געלאזט הרגנן ווען עס איז געוועזן אגזרה מען זאל ניט טאהן דיא מצוה. אזוי וויא עבודה זרה אונ מילה. אז עס איז געוועזן אגזרה מען זאל ניט מל זיין. אדער מען זאל דינען עבודה זרה. האבען דיא יודען זיך געלאזט הרגנן אונ האבען ניט געדינט עבודה זרה. אונ האבען זיך געבראכט אין סכנות נפשות אונ האבען מל געוועזן זייערע קינדער. איז נאך היינט אויך שטארק די מצוה ביי די יודען. אונ די אלע מצות וואס דיא יודען האבען זיך ניט געלאזט הרגנן פון זייערטוועגין. אזוי ווי תפילין. די מצות האלטען ניט די יודען שטארק פון זיי ווארום רבי ינאי הט געזאגט דער מענטש וואס הט תפלין אויף זיין האנט אונ אויף זיין קאפ. דארף ער האבען אריינעם גוף אזוי ווי אלישע בעל כנפים הט געהאט. וואס מיינט מען אריינעם גוף. אביי זאגט ער זאל זיך היטען עס זאל ניט ארויס גיין פון איהם אשלעכטער ריח פון אינטען. רבא זאגט ער זאל ניט שלאפען אין דיא תפלין. פאר וואס האט מען איהם גירופען אלישע בעל כנפים. אמאהל הט אמלך גוזר גוועזן אגזרה אויף יודען. דער וואס וועט לייגען תפלין אויף זיין קאפ זאל מען איהם לעכערין זיין מוח אונ אלישע האט געלייגט תפלין אונ איז ארויס געגאנגען אין גאס. האט איהם געזעהן אקסדור [איינער פון דיא פאליציע]. איז אלישע אנטלאפען פאר

 איהם

אצלו נטלם מראשו ואחזן בידו אמר ליה מה בידך א"ל כנפי יונה פשט את ידו ונמצאו בה כנפי יונה לפיכך היו קורין אותו אלישע בעל כנפים ומ"ש כנפי יונה רא"ל ולא א"ל שאר עופות משום דדמיא כנסת ישראל ליונה שנאמר (תהלים סח) כנפי יונה נחפה בכסף ואברותיה בירקרק חרוץ מה יונה זו כנפיה מגינות עליה אף ישראל מצות מגינות עליהם:

מגינות: מגינות עליה. אינה נלחמת בחרטומה אלא בכנפיה ע"כ:
הוי דומה לו. ולשון ואנוהו אני והוא אעשה עצמי כמותו לדבק בדרכיו (ועי"ל דה"פ ואנוהו שהנאה לפניו במעשים מהכש"ח):
בי מינאי תרבא. ז' מינות של חלב: והדא קירא. שעוה: קירא וקלבא רישינא. והוא זפת של עץ שמילי"ן ממנו בלא ע"י האור והיא לבנה: קרעינהו למנייהו. שהספיד לבס לגלות רפואה זו: בנקה

(דף קלג ע"ב) **ג תניא** (שמות טו) זה אלי ואנוהו התנאה לפניו במצות עשה לפניו סוכה נאה ולולב נאה ושופר נאה ציצית נאה ס"ת נאה וכתוב (ס"ת) (בו) לשמו בדיו נאה בקולמוס נאה בלבלר אומן וכורכה בשיראין נאין אבא שאול אומר ואנוהו הוי דומה לו כה הוא חנון ורחום אף אתה היה חנון ורחום:

ד אמר אביי אמרה לי אם אספלניתא דכולהו כיבי שב מינאי תרבא והדא קירא רבא אמר קירא וקלבא (רישינא) דרשה רבה בכחוזא קרעינהו בני מניומי אסיא למנייהו א"ל שבקי לכו חדא דאכר שמואל האי מאן דמשי אפיה ולא נגיב טובא נקטרו ליה

איהם. אונ דער קסדור איז געלאפען אינטער איהם. ווי דער קסדור איז געקומען ביי צו אלישע׳ האט אלישע אראפ גענומען די תפלין פון קאפ אונ האט זיי געהאלטען אין האנט. האט דער קסדור געזאגט צוא אלישע וואס האסטו אין דיין האנט. האט אלישע געזאגט צום קסדור איך האב אין זיין האנט פליגעל פון אטויב. האט אלישע אויף געמאכט זיין האנט האט מען געפונען אין האנט פליגעל פון אטויב. דריבער פלעגט מען איהם רופען אלישע בעל כנפים. אונ פר וואס האט אלישע געזאגט צום קסדור ער האט אין האנט פליגעל פון טויבען. אונ ער האט ניט געזאגט אנדערע עופות. ווייל די יודען זענען געגליכען צו אטויב. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק די יודען ווערען אזוי שיין זיין ווי די פריגעל פון אטויב וואס זענען בדעקט מיט זילבער. אונ וויא דיא פליגעל וואס זענען בדעקט מיט גרין גאלד. אזוי וויא אטויב בשיצען אויף איהר איהרע פליגעל. אזוי די יודען בשיצען אויף זיי די מצות:

ג תניא. מיר האבען גילערונט עס שטייט אין פסוק דיא יודען האבען געזאגט זה אלי ואנוהו. דער איז מיין גאט אונ איך וועל איהם בשיינען. דוא זאלסט מאכען פאר איהם שיינע מצות. דוא זאלסט מאכען אשיינע סוכה. אשיינעם לולב. אשיינעם שופר. שיינע ציצית. איין שיינע ספר תורה. אונ זיא זאל זיין געשריבען מיט שיינע טינט מיט אשיינע פעדער. אונ דער סופר זאל זיין דער בעסטער שרייבער. די אותיות זאלען זיין שיין געשריבען. אונ ער זאל איין וויקלען דיא ספר תורה מיט שיינע זיידינס. ואזיידענע מפה. אונ איין זיידענע מענטעלע. אבא שאול זאגט ואנוהו איז צוויא ווערטער. אני והוא. איך אונ ער. דער מענטש זאל גלייכען זיינע מדות צו דיא מדות פון גאט. אזוי ווי גאט האט רחמנות אויף אלע בשעפעניש. זאל דער מענטש אויך האבען רחמנות אויף אלע בשעפעניש:

ד אמר. אביי האט געזאגט מיין מוטער האט מיר געזאגט דער פלאסטער וואס היילט אלע שמערצין. זאל מען נעמען זיבען חלקים חלב אונ איין חלק וואקס. אונ צו-מישען צו זאמען אונ בשמירען אויף אטיכול. דאס היילט אלע וואונדען. רבא זאגט מען זאל נעמען וואקס אונ נייסע זיוויצע פון אבוים. אונ מען זאל אויסמישען צו זאמען אונ בשמירען אויף אטיכול. דאס היילט אלע וואונדען. רבה האט געזאגט אדרשה אין מחוזא. אין דער דרשה האט ער געזאגט דיא רפואה. האבען דיא קינדער פון דעם דאקטאר מניומי צעריסען זייערע קליידער. ווייל מען האט אויס געזאגט דיא רפואה. וועלין זייא דאך האבען שאדען פרנסה. האט רבה צו זייא געזאגט איך האב נאך גילאזען איין רפואה וואס איך האב ניט געזאגט. ווארום שמואל

ליה חספניתא מאי תקנתיה לימשי טובא במיא דסילקא :

(דף קלד) **ה תניא** אין טורפין יין ושמן להולה בשבת . אמר רבי שמעון בן אלעזר משום רבי מאיר אף טורפין יין ושמן . אמר רבי שמעון בן אלעזר פעם אחת חש רבי מאיר במעיים ובקשנו לטרוף לו יין ושמן ולא הנחנו אמרנו לו דבריך יבטלו בחייך אמר לן אע"פ שאני אומר כך וחבירי אומרים כך מימי לא מלאני לבי לעבור על דברי חבירי . הוא ניהו דאחמיר אנפשיה אבל לכ"ע שרי :

ו ואמר אביי אמרה לי אם האי ינוקא דלא מייץ מיקר הוא דקר פומיה מאי תקנתיה ליתי כסא גומרי ולינקטיה ליה להדי פומיה דהיים פומיה ומייץ . ואמר אביי אמרה לי אם האי ינוקא דלא מינשתי' לינפפיה בנפוותא ומנשתי' . **ואמר** אביי (אמרה לי אם) האי ינוקא דלא מעוי לייתי שלייתא דאימיה ולשרקיה עלויה ומעוי . ואמר אביי אמרה לי אם האי ינוקא דקטין

שהקא לבו חלה . שלא גליתי : חספניתא . פניו מתבקעות ואני אומר שהוא מין שחין שקורין אינבר"א והוא [בגרב ובחרס] שכתוב בתורה ותספניתא הוא תרגום של חרס : במיא דסילקא . מרק תרדין : לחולה . שאין בו סכנה ולכ"ע שרי ר"מ ולעצמו החמיר :

דלא מייץ . שלא יכול לינק : מיקר הוא דקר פומיה . נצטננו שפתיו ואין בו כח למייץ בהם : ליתי כסא דגומרי . (משטח) גחלים על דף או על כלי : ולנקטיה להדי פומיה . ויעמיד עד פיו אצל פיו : דחיים פומיה . שיתחמם פיו : ומייץ . ויינק : דלא מנשתי' . שאין נשמה ניכרת בו שאין דופק כנגד לבו כדרך כל אדם : לינפפיה בנפוותא . יניפו עליו בנפה שקורין ווא"ן : דלא מעוי . אין רוחו נכנס ויוצא יפה אליינ"א בלעז : שלייתא דאמיה . שליא שנולדה עמו : ולישרקה עליה . יחליקנה על בשרו כמו אישתרקו אישתריקו

האט געזאגט דער וואס וואשט זיין פנים און ער האט ניט אפ געווישט . בעקומט ער אזעלכע קרעץ אויף זיין פנים . מיט וואס היילט מען די קרעץ . ער זאל וואשען דעם פנים פיל מאהל מיט די וואסער וואס מען האט אין זיי געמאכט תרדין :

ה תניא : מיר האבען געלערנט מען טאר ניט צו מישען וויין מיט בוימאייל אום שבת פאר אקראנקין . מען זאל אריין גיסען אין אבלי וויין מיט בוימאייל . און מיט אלעפיל : אדער מיט איין אנדער כלי . גוט צו קלאפען די וויין מיט די בוימאייל זאל ווערין איין משקה . דאס טאר מען ניט אום שבת . רבי שמעון בן אלעזר הט געזאגט פון רבי מאירס וועגין מען מעג צו קלאפען וויין מיט בומאייל אום שבת פאר אקראנקין . רבי שמעון בן אלעזר האט געזאגט אמאהל אום שבת הט רבי מאיר געזאגט די גידערעם שמערצין איהם . האבען מיר געוואלט אויס מישען וויין מיט בוימאייל און צו קלאפען ער זאל דאס טרינקען . הט רבי מאיר אונז ניט געלאזט אזו טאהן . האבען מיר געזאגט צו רבי מאיר דיינע רייד זאלען בטל ווערין ווען דוא לעבסט . דוא האסט דאך אליין געזאגט אז מען מעג צו קלאפען וויין מיט בוימאייל אום שבת פר אקראנקין . הט רבי מאיר צו אונז געזאגט . איך זאג מען מעג . נאר מיינע חברים זאגען מען טאר ניט . און מיין הארץ לאזט מיך ניט צו טאהן אנדערש ווי מיינע חברים זאגען . זאגט די גמרא רבי מאיר הט נאר שווער געמאכט פר זיך . אבער פר אלע מענטשין הט ער געזאגט מען מעג צו קלאפען וויין מיט בוימאייל פר אקראנקין אום שבת :

ו ואמר . נאך הט אביי געזאגט מיין מוטער הט מיר געזאגט אקינד וואס קען ניט זייגין . דס איז ווייל די לעפצין (די ליפפען) זיינע זענען קאלט . האט ער ניט קיין כח צו ציהען מיט זייא . וואס זאל מען טאהן . זאל מען נעמען הייסע קוילען אויף אברעטיל אדער אויף אכלי און מען זאל דס האלטען נעבין מויל . וועלען די ליפען ווארעם ווערין וועט ער קענען זייגין . נאך הט אביי געזאגט מיין מוטער האט מיר געזאגט דער קינד וואס מען דער קענט ניט אין איהם אלעבעדיגען אטעם . זאל מען פאכען אויף איהם מיט אפאכער . וועט ער בעקומען דעם אטעם . נאך הט אביי געזאגט מיין מוטער הט מיר געזאגט דער קינד וואס ציהט ניט גוט דעם אטעם . זאל מען ברענגען די שליא פון זיין מוטער . (די בייטול וואס דאס קינד איז אין איר געלעגען אין דער מוטערס בויך און איז מיט איר געבוירען געווארין) . און מען זאל מיט דיא שליא גלעטין דס גאנצע לייב פון קינד . וועט ער ציהען דעם אטעם . נאך הט אביי געזאגט מיין מוטער הט

דקטין לייתו לשלייתא דאימיה ולשרקיה עלויה מקוטנא לאולמא ואי אלים מאולמא לקוטנא :

ז **ואמר** אביי אמרה לי אם האי ינוקא דסומק דאכתי לא איבלע ביה דמא ליתרחו ליה עד דאיבלע ביה דמא (וליטהליה) דירוק דאכתי לא נפל ביה דמא ליתרחו עד דנפל ביה דמא ולימהליה דתניא אמר רבי נתן פעם אחת הלכתי לכרכי הים ובאתה אשה אחת לפני שמלה בנה ראשון ומת שני ומת שלישי הביאתו לפני ראיתיו שהוא אדום אמרתי לה המתיני לו עד שיבלע בו דמו (המתינה לו עד שנבלע בו דמו) ומלת אותו וחיה והיו קורין אותו נתן הבבלי על שמי. שוב פעם אחת הלכתי למדינת קפוטקיא ובאתה אשה אחת לפני שמלח בנה ראשון ומת שני ומת שלישי הביאתו לפני ראיתיו שהוא ירוק הצצתי בו ולא ראיתי בו דם ברית אמרתי לה המתיני לו עד שיפול בו דמו והמתינה לו ומלה אותו וחיה

אשאילדי"ר : דקטין . שהוא דק : מקוטנא לאולמא . השליא כשהיא אחת קצר וראשה אחת רחב ויחליקוה עליו מצד הקצר יתחילו וימשכו לצד הרחב כלומר כן ירחיב זה ויתפשט : ואי אלים . ולא מחמת בריאות אלא נפוח לישרקיה עליה מאולמא לקוטנא : [דסומק כל בשרו אדום : לא איבלע ביה דמיה . בבשרו דעכשיו כל דמו מצוי בין עור לבשר וכשמוהלין אותו יוצא כל דמו : ליתרחו ליה : ימתינו למולו] : לא נפיל ביה דמא . [לא בא בו דם] ומתוך כך חלש הוא ואין בו כח וממהר לחלוש ולמות : לכרכי הים . הכי גרסינן ראיתיו שהיה ירוק הצצתי בו ולא היה בו דם ברית תרתי לריעותא חדא דאי מהיל ליה לא נפיק מיניה דמא והטפת דם ברית מצוה כדכתיב גם את בדם בריתך ועוד דמסוכן הוא מחמת חולשא . שלא נוצר בו עדיין דם :

מיר גזאגט. א קינד וואס איז דין זאל מען ברייננגען די שליא פון זיין מוטער ; ודי בייטיל וואס דס קינד איז אין איר געלעגין אין דער מוטערס בויך אונ איז מיט איר געבארען געווארין. אונ מען זאל גלעטין מיט די שליא דס גאנצע לייב פון קינד. פון די דינע זייט זאל מען אנהייבען. אונ מען זאל ציהען צו די גראבע זייט ; וועט דס קינד גראב ווערין ווארום די שליא איז איין עק שמאל אונ איין עק ברייט) ; אונ אויב דאס קינד איז גראב. ווייל ער איז אן געבלאזען. זאל מען ציהען די שליא אויף דס לייב פון קינד פון די גראבע זייט צו די דינע זייט :

ז ואמר. נאך הט אביי גזאגט מיין מוטער הט מיר גזאגט דער קינד וואס איז רויט (זיין גאנצע לייב איז רויט) ; דס איז ווייל די בלוט זיינע איז נאך ניט איין געזאפט געווארען אין זיין לייב. די בלוהט איז אונטער די הויט. אונ אז מען וועט איהם מל זיין וועט ארויס גיין די גאנצע בלוט. קען דס קינד שטארבען ; זאל מען ווארטען ביז דיא בלוט וועט איינגעזאפט ווערין אין די פלייש. דער נאך וועט מען איהם מל זיין. אונ אויב דער קינד זעהט אויס גרין אדער געל. דס איז ווייל ער הט נאך ניט קיין בלוט אין זיך. אונ אז מען וועט איהם מל זיין וועט ער פר חלשות ווערין אונ וועט שטארבען ווייל ער הט נאך ניט קיין כח ; זאל מען ווארטען ביז ער וועט בעקומען בלוט אין זיך ; דער נאך וועט מען איהם מל זיין. ווארום מיר האבען געלערנט רבי נתן האט גזאגט איך בין אמאהל גיגאנגען אין דיא שטעט פון ים איז גיקומען פר מיר א אשה וואס מען הט גימלת איר ערשטין קינד אונ ער איז געשטארבען. אונ מען הט גימלת דעם אנדערין קינד אונ ער איז אויך געשטארבען ; דעם דריטען קינד האט זיא גיבראכט פאר מיר. אונ איך האב גיזעהן אז דער קינד איז רויט. האב איך גזאגט צוא איר ווארט ביז די בלוט וועט אין איהם איינגעזאפט ווערין. הט זיא גיווארט ביז דיא בלוט איז איין געזאפט געווארען אין דעם קינד. אונ מען הט איהם מל געווען. אונ ער האט גילעבט. האט מען גירופען דעם קינד נתן הבבלי אויף מיין נאמען. נאך אמאהל הט גיטראפען איך בין גיגאנגען אין די מדינה קפוטקיא. איז גיקומען פר מיר א אשה וואס מען הט גימלת איר ערשטין קינד אונ ער איז געשטארבען. אונ מען הט גימלת דעם אנדערין קינד אונ ער איז אויך געשטארבען. דעם דריטען קינד הט זי גיבראכט פר מיר. אונ איך האב גיזעהן אז דער קינד איז געל אונ איך האב גוט געקוקט אויף דעם קינד האב איך גיזעהן אז מען וועט איהם מל זיין וועט ניט גיין קיין בלוט. האב איך גזאגט צו די אשה ווארט ביז ער וועט בעקומען בלוט אין זיך ; האט זיא

וחיה והיו קורין אותו נתן הבבלי על שמי:

(דף קלה) **ח אמר** רבי שמעון בן אלעזר לא נחלקו בית שמאי ובית הלל על נולד כשהוא מהול שצריך להטיף ממנו דם ברית מפני שערלה כבושה היא על מה נחלקו על מי שנתגייר כשהוא מהול שבית שמאי אומרים צריך להטיף ממנו דם ברית ובית הלל אומרים אינו צריך להטיף ממנו דם ברית:

שצריך להטיף. חיישינן שמא ערלה כבושה היא: על שנתגייר כשהוא מהול. דליכא שום ספק ערלה כגון ערבי מהול:

(דף קלז ע"ב) **ט המל** את הגרים אומר ברוך אתה ה' אלהינו מלך העולם אשר קדשנו במצותיו וצונו על המילה והמברך אומר אשר קדשנו במצותיו וצונו למול את הגרים ולהטיף מהם דם ברית שאלמלא דם ברית לא נתקיימו שמים וארץ שנאמר (ירמיה ל) אם לא בריתי יומם ולילה חקות שמים וארץ לא שמתי. ברוך אתה ה' כורת הברית. המל את העבדים אומר אשר קדשנו במצותיו וצונו על המילה. והמברך אומר אשר קדשנו במצותיו וצונו למול את העבדים ולהטיף מהם דם ברית. שאלמלא דם ברית לא נתקיימו שמים וארץ שנאמר אם לא בריתי יומם ולילה חקות שמים וארץ לא שמתי. ברוך אתה ה' כורת הברית:

אמר

געוואָרט אונ מען האָט איהם מל געוועזן אונ ער האָט געלעבט. האָט מען גערופען דעם קינד נָתָן הַבַּבְלִי אויף מיין נאָמען:

ח אָמַר. רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן אֶלְעָזָר האָט געזאָגט בֵּית שַׁמַּאי מיט בֵּית הִלֵּל קריגען ניט אויף דעם קינד וואָס איז געבאָרען געוואָרען גימָהֶלת אַז מען דאַרף עפּענען דיא הויט פון דיא מִילָה עס זאָל אַרויס גיין פון איהם אַבִּיסוּל בְּלוּט. ווייל מיר זאָגען דיא עָרְלָה איז באַהאַלטען. איז ער נאָך גאָר ניט גימָהֶלת געוואָרען. דריבער מוז אַרויס גיין פון דעם קינד אַבִּיסוּל בְּלוּט פון דיא מִילָה. אויף וואָס דען קריגען זיי אַז אַגוֹי איז געוועזען גימָהֶלת (אַזוי ווי די טערקין וואָס זיי זענען גימָהֶלת) אונ ער האָט זיך מְגַיֵּיר געוועזן: בֵּית שַׁמַּאי זאָגען מען דאַרף עפּענען די הויט פון די מִילָה עס זאָל אַרויס גיין אַבִּיסוּל בְּלוּט. אונ בֵּית הִלֵּל זאָגען מען דאַרף ניט עפּענען די הויט פון די מִילָה עס זאָל אַרוס גיין אַבִּיסוּל בְּלוּט:

ט הַמָּל. אַז מען מַלְת הַגֵּר זאָל מען זאָגען בָּרוּךְ אַתָּה ה' אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו וְצִוָּנוּ עַל הַמִּילָה. אונ דער וואָס זאָגט די בְּרָכָה זאָל זאָגען אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו וְצִוָּנוּ לָמוּל אֶת הַגֵּרִים וּלְהַטִּיף מֵהֶם דַּם בְּרִית. ער האָט אונז געהייליגט מיט זיינע מִצְוֹת אונ ער האָט אונז געבאָטען מען זאָל מַל זיין די מענטשין וואָס זענען זיך מְגַיֵּיר. אונ עס זאָל גיין בְּלוּט פון די הויט וואָס אויף די מִילָה. שֶׁאִלְמָלֵא דַּם בְּרִית לא נִתְקַיְימוּ שָׁמַיִם וָאָרֶץ. וואָרום ווען ניט די בְּלוּט פון די מִילָה וואָלט די הימעל מיט די ערד ניט געבליבען שטיין. שֶׁנֶּאֱמַר אִם לא בְרִיתִי יוֹמָם וָלָיְלָה חֻקּוֹת שָׁמַיִם וָאָרֶץ לא שָׂמְתִּי. וואָרום עס שטייט אין פָּסוּק ווען ניט דער בְּרִית (מִילָה) וואָס די יודען זענען מְקַיֵּים טאָג אונ נאַכט. וואָלט איך דיא הימעל מיט דיא ערד ניט געמאַכט. בָּרוּךְ אַתָּה ה' כּוֹרֵת הַבְּרִית. דער וואָס איז מַל אַעֶבֶד כְּנַעֲנִי זאָל ער זאָגען אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו וְצִוָּנוּ עַל הַמִּילָה. אונ דער וואָס זאָגט די בְּרָכָה זאָל זאָגען אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו וְצִוָּנוּ לָמוּל אֶת הָעֲבָדִים לְהַטִּיף מֵהֶם דַּם בְּרִית שֶׁאִלְמָלֵא דַּם בְּרִית לא נִתְקַיְימוּ שָׁמַיִם וָאָרֶץ שֶׁנֶּאֱמַר אִם לא בְרִיתִי יוֹמָם וָלָיְלָה חֻקּוֹת שָׁמַיִם וָאָרֶץ לא שַׂמְתִּי בָּרוּךְ אַתָּה ה' כּוֹרֵת הַבְּרִית (דער טייטש פון די ווערטער שטייט שוין פריער):

הפלא ופלא. כיפל דעה ואבדה חכמת חכמיו:
לכרם. על שם שהיו יושבים שורות שורות ככרם: זו הלכה. דכתיב ויגד לעם [להגיד לכם] את דבר ה' דהיינו תורה: זו נבואה. דכתיב דבר ה' אשר היה אל הושע וגומר: זה הקץ. לא ידעתי מהיכא. וכתבו בתוספות „זה הקץ" דכתיב גבי גלות שבעים לכלות דבר ה' מפי ירמיה. ע"כ: בהדיא כתיב. ותורה שבכתב הרי כתובה ומונחת

תולין פרק עשרים

א אמר רב עתידה תורה שתשתכח מישראל שנאמר (דברים כ) והפלא ה' את מכותך הפלאה זו איני יודע מה הוא כשהוא אומר (ישעיה כט) לכן הנני יוסיף להפליא את העם הזה הפלא ופלא ואבדה חכמת חכמיו ובינת נבוניו תסתתר הוי אומר הפלאה זו תורה:

(דף קלח) תנו רבנן כשנכנסו רבותינו לכרם ביבנה אמרו עתידה תורה שתשתכח מישראל שנאמר (עמוס ח) הנה ימים באים נאם ה' והשלחתי רעב בארץ לא רעב ללחם ולא צמא למים כי אם לשמוע את דבר ה'. וכתיב (שם) ונעו מים עד ים (מסזרח וממערב) [ומצפון ועד מזרח] ישוטטו לבקש את דבר ה' ולא ימצאוהו. דבר ה' זו הלכה דבר ה' זה הקץ דבר ה' זו נבואה. ומאי ישוטטו לבקש את דבר ה' אמרו עתידה אשה שתטול ככר של תרומה ותחזור בבתי כנסיות ובבתי מדרשות לידע אם טמאה היא אם טהורה היא ואין מבין. אם טמאה היא אם טהורה היא בהדיא כתיב ביה (ויקרא יא) מכל האוכל אשר

פרק עשרים

א אָמַר. רַב הָט גְזָאגְט דִי תּוֹרָה וֶועט אַמָאהל פַר גֶעסִין וֶוערִין פוּן דִי יוּדֶען: וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק וְהִפְלָא ה' אֶת מַכּוֹתְךָ גָאט וֶועט ווּאוּנְדֶער מַאכֶען דַיינֶע מַכּוֹת. אוּנ אִיךְ ווֵייס נִיט וֶועלכֶע מַכָּה הֵייסְט ווּאוּנְדֶערלִיךְ. אַז עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק לָכֵן הִנְנִי יוֹסִף לְהַפְלִיא אֶת הָעָם הַזֶּה הַפְלֵא וָפֶלֶא וְאָבְדָה חָכְמַת חֲכָמָיו וּבִינַת נְבוֹנָיו תִּסְתַּתָּר. דְרִיבֶּער וֶועל אִיךְ מֶערִין צוּ מַאכֶען ווּאוּנְדֶערִין דֶעם פָאלְק אַגְרוֹיסֶען ווּאוּנְדֶער אוּנ דִיא חָכְמָה פוּן זַיינֶע חֲכָמִים וֶועט פַאר לָארִין וֶוערִין. אוּנ דֶער פַאר שְׁטַאנְד פוּן זַיינֶע פֶערְשְׁטַאנְדִיגֶע וֶועט פַאר בָּארְגְן וֶוערִין. ווֵייסֶען מִיר אַז דִי ווּאוּנְדֶערלִיכֶע מַכָּה וֶועט זַיין וָוס דִי תּוֹרָה וֶועט פַר גֶעסִין וֶוערִין:

תָּנוּ רַבָּנָן. דִי רַבָּנָן הָאבֶּען גִילֶערְנְט אַז דִי רַבָּנָן זֶענֶען אַרַיין גִינַאנְגֶן אִין תַּיין גָארְטֶען [אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ] אִין דִי שְׁטָאט יַבְנֶה. הָאבֶּען זֵייא גְזָאגְט דִיא תּוֹרָה וֶועט אַמָאהל פַאר גֶעסִין וֶוערִין פוּן דִי יוּדֶען. וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק גָאט זָאגְט עֶס וֶועלֶען אַמָאהל קוּמֶען טֶעג אוּנ אִיךְ וֶועל שִׁיקֶען אַהוּנְגֶער אִין דֶער וֶועלְט, מֶען וֶועט נִיט זַיין הוּנְגֶערִיג צוּ בְּרוֹיט. אוּנ מֶען וֶועט נִיט זַיין דָארְשְׁטִיג צוּ וַואסֶער. נָאר צוּ הֶערִין דִי רֵייד פוּן גָאט. נָאךְ אַפָּסוּק שְׁטֵייט מֶען וֶועט גֵיין פוּן אֵיין יַם צוּם אַנְדֶערִין יַם אוּנ מֶען וֶועט שְׁוֶועבִּין פוּן צָפוֹן זַייט בִּיז צוּא מִזְרַח זַייט צוּ זוּכֶען דִי רֵייד פוּן גָאט אוּנ מֶען וֶועט נִיט גֶעפִינֶען. דִיא רֵייד פוּן גָאט מֵיינְט מֶען אַדִין [מֶען וֶועט וֶועלִין ווִיסֶען אַדִין אוּנ מֶען וֶועט נִיט גֶעפִינֶען: קֵיינֶער וֶועט גִיט ווִיסֶען] דִי רֵייד פוּן גָאט מֵיינְט מֶען דֶעם סוֹף [מֶען וועט וֶועלִין ווִיסֶען וֶוען עֶס וֶועט זַיין דֶער סוֹף פוּן דֶעם גָלוּת אוּנ מֶען וֶועט נִיט ווִיסֶען]. דִי רֵייד פוּן גָאט מֵיינְט מֶען נְבוּאָה. [מֶען וֶועט וֶועלִין הֶערִין אַנְבוּאָה פוּן גָאט אוּנ עֶס וֶועט נִיט זַיין קֵיין נְבוּאָה]. וָואס מֵיינְט דֶער פָּסוּק מֶען וֶועט שְׁוֶועבִּין זוּכֶען דִי רֵייד פוּן גָאט. דִי חֲכָמִים זָאגֶען עֶס וֶועט אַמָאהל זַיין אַאִשָּׁה וֶועט נֶעמֶען אַבְּרוֹיט פוּן תְּרוּמָה אוּנ זִיא וֶועט גֵיין מִיט דֶעם בְּרוֹיט אִין דִי שוּלֶען אוּנ אִין דִי בָּתֵּי מִדְרָשִׁים אוּנ זִיא וֶועט וֶועלִין ווִיסֶען וָוס דֶער בְּרוֹיט אִיז. טָמֵא אָדֶער טָהוֹר. אוּנ קֵיינֶער וֶועט נִיט ווִיסֶען אִיר צוּ עֶנְטְפֶערִין. פְרֶעגְט דִי גְמָרָא טָמֵא אוּנ טָהוֹר שְׁטֵייט דָאךְ אִין פָּסוּק. אַלֶע עֶסִינְוַוארְג וָוס וֶוערִין גִינֶעסִין אַז זֵיי רִירֶען אָן אַטוּמְאָה וֶוערִין זֵייא טָמֵא. נָאר אַזוֹי מֵיינְט מֶען: דִיא אִשָּׁה וֶועט וֶועלֶען ווִיסֶען אוֹיבּ דֶער בְּרוֹיט אִיז דֶער עֶרְשְׁטֶער פוּן דִיא טוּמְאָה אָדֶער דֶער אַנְדֶערֶער פוּן דִיא טוּמְאָה.

אשר יאכל. אלא לידע אם ראשונה היא ואם שניה היא זאין מבין. הא נמי מתניתין היא וכו'. תניא רבי שמעון בן יוחאי אומר חס ושלום שתשתכח תורה מישראל שנאמר (דברים לא) כי לא תשכח מפי זרעו. אלא מה אני מקיים ישוטטו לבקש את דבר ה' ולא ימצאו. שלא ימצאו (דף קלט) הלכה ברורה ומשנה ברורה במקום אחד:

יקראו ויראו: הלכה ברורה. בטעמים שלא יהא בה מחלוקת עד כאן: שלשה עבירות. בכוהד ישפטו במהיר יורו ונביאיה בכסף יקסומו: שלש פורעניות. שדה תחרש עיים תהיה ולבמות יער: וייועציך כבתחלה. ותחר

ב **תניא** רבי יוסי בן אלישע אומר אם ראית דור שצרות רבות באות עליו צא ובדוק בדייני ישראל שכל פורענות שבאה לעולם לא בא אלא בשביל דייני ישראל שנאמר (מיכה ג) שמעו נא זאת ראשי בית יעקב וקציני בית ישראל המתעבים משפט ואת כל הישרה יעקשו וכתיב (שם) בונה ציון בדמים גו' ראשיה בשחד ישפוטו וכהניה במחיר יורו ונביאיה בכסף יקסומו (ועל ה' ישענו וגו') רשעים הם אלא שתלו בטחונם במי שאמר והיה העולם. לפיכך מביא הקב"ה עליהם שלשה פורעניות כנגד שלש עבירות שבידם שנאמר (שם) לכן בגללכם ציון שדה תחרש וירושלים עיין תהיה והר הבית לבמות יער ואין הקב"ה משרה שכינתו על ישראל עד שכלו שופטים ושוטרים רעים מישראל שנאמר (ישעיה א) ואשיבה ידי עליך ואצרוף כבור סיגיך וגו' ואשיבה שופטיך כבראשונה ויועציך כבתחלה

אונ דאס וועט קיינער ניט וויסען איר צוא זאגען. פרעגט דיא גמרא דאס שטייט דאך אויף אין א משנה:

תניא. מיר האבען גילערונט רבי שמעון בן יוחאי זאגט חס ושלום די תורה וועט ניט פאר געסין ווערין פון די יודען. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק זיא וועט ניט פר געסין ווערין פון זיינע קינדערס מויל. נאר וואס דען מיינט דער פסוק מען וועט שוועבין צו זוכען די רייד פון גאט אונ מען וועט ניט געפינען. מען וועט ניט געפינען אקלארען דין אונ אקלארע משנה אויף איין ארט. דס מיינט מען אין יעדער משנה אונ אין יעדער דין וועט מען קריגען. איינער וועט זאגען אזוי דער אנדערער וועט זאגען אנדערש:

ב תניא. מיר האבען גילערונט רבי יוסי בן אלישע זאגט אויב דו זעהסט פיל צרות קומען אויף יודען. זאלסטו גיין זוכען עבירות ביי די דיינים פון די יודען. ווארום אלע צרות וואס קומט אויף דער וועלט קומט ניט מער נאר פון וועגין די יודישע דיינים. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק הערט נאר אויס איר קעפ פון יעקב אונ איר גרעסטע פון דיא יודען וואס זיי פר מיאוסען דעם משפט. אלע גלייכע זאכען פאר קרימען זיי. נאך שטייט אין פסוק אירע עלצטע משפטין פר שוחד. ווער עס גיט זיי געלט דעם מאכען זייא גירעכט. אירע כהנים פסקנען דינים פר געלט. אונ אז מען גיט זיי ניט קיין געלט ווילען זייא ניט פסקנען קיין דין: אונ אירע נביאים מאכען כישוף פאר געלט. אונ זיי לענען זיך אן אויף גאט. זיי זענען רשעים נאר זיי איינגען אן זייער פאר זיכערונג אויף גאט וואס ער האט בשאפען די וועלט. דריבער וועט גאט אויף זיי ברענגען דריי ערליי צרות געגין די דריי ערליי עבירות וואס זייא טוהען. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דריבער פון אייערט וועגין וועט ציון צוא האקערט ווערין אזוי ווי א פעלד. פון ירושלים וועט זיין בערג. אונ דער בארג וואס דער בית המקדש שטייט אויף איהם וועט ווערין א וואלד. אונ גאט וועט ניט מאכען רוהען זיין שכינה אויף די יודען ביז עס וועלין פר לענד ווערין די שלעכטע שופטים אונ די שלעכטע שוטרים פון די יודען ושופטים זענען דיינים. שוטרים זענען די מענטשין וואס נייטען מען זאל האלטען דעם דין וואס דער דיין האט גיפסקנט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט זאגט איך וועל צוריק קערין מיין האנט אויף דיר אונ איך וועל ארויס נעמען פון דיר דיין צוא מישונג. אזוי וויא מען נעמט ארויס אפּעק פון אקלייד מיט זייף. אונ איך וועל צוריק קערין דיינע דיינים אזוי וויא עס איז גיוועז

בבתחלה. אמר עולא אין ירושלים (ישראל) נפדה אלא בצדקה שנאמר ציון במשפט תפדה ושביה בצדקה (שם) אמר רב פפא אי בטלי יהירי בטלי אמגושי דכתיב ואצרוף כבור סיגיך וגו' אי בטלי דייני בטלי גזירפטי דכתיב (צפניה ג) הסיר ה' משפטיך פנה אויבך. אמר רבי מלאי משום רבי אלעזר ברבי שמעון מאי דכתיב (ישעיה יד) שבר ה' מטה רשעים שבט מושלים שבר ה' מטה רשעים אלו הדיינים שנעשו מקל לחזניהם שבט מושלים אלו תלמידי חכמים שבמשפחות הדיינים. מר זוטרא אמר אלו תלמידי חכמים שמלמדים הלכות צבור לדייני בור. אמר רבי אלעזר בן מלאי משום ריש לקיש מאי דכתיב (שם נט) כי כפיכם נגואלו בדם ואצבעותיכם בעון שפתותיכם דברו שקר לשונכם עולה תהגה. כי כפיכם נגואלו בדם אלו הדיינים. ואצבעותיכם בעון אלו

סופרי

ן יקרא לך עיר הצדק לשרים כל שכינו : אי בטלי יהירי. ישראל המתייהרים בגלות ובמלכותן זכיות כפרסים כללו : בטלי אמגושי. יבטלו המינין המשניאים : סיגיך. הם גסי הרוח המגדלין עצמן לבון ישנא מהן ואח"כ ואסירה כל בדיליך אלו האפיקורסים המבדילין בוגדי ישראל מן הקב"ה בשקריהם ובפתזותם : בטלי דייני. רשעים מישראל שמטין דין : בטלי. מעל ישראל : שנעשו מקל לחזניהם. לשמשיהם נותנין יד והוין להם לחזק לומר לא אביא בלית ולזמין את פלוני לבית דין אם לא הרבה שכר ואחר פסק דין לא ארדנו ליכנס למשכנו : שבט מושלים. מקל אגרופים של מושלים היינו דיינים רשעים שה"א שבמשפחותם להם למקל ולאגרוף שעל ידיהם הין מעמידים אותם ומחפין עליהם ועושים סניגרון לדבריהם : לדייני בור. שברשעתם אותן ה"ת מעמידים דייני בור לדון את כל הבא והרבה דינין שאין עולכין בהם ומטין אותם : כפיכם נגואלו בדם אלו הדיינים. שכפיהם פשוטים לקבל שוחד ומטין את הדין ונוטלים ממון מן הבעלים שלא כדין ונותנין לשכנגדו והרי הוא כמטל נשמתו : סופרי הדיינים. שכותבים שטרות

צום ערשטין מאהל. אונ דיינע עצה געבערס וועלין זיין אזוי וויא עס איז געוועזן אין אנהייב. אלע וועלין זיין צדיקים אונ וועלען דיך פירען אין גוטען וועג. עולא האט געזאגט דיא יודען וועלען אנדערש ניט אויס געלייזט ווערין פון גלות נאר אז זייא וועלין געבין צדקה. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ציון וועט אויס געלייזט ווערין אז זיי וועלין טאהן וויא דער דין איז. אונ אירע זיצער וועלען אויס געלייזט ווערין אז זיי וועלען געבין צדקה. רב פפא האט געזאגט אויב דיא יודען וועלען ניט זיין גרויס ביי זיך. זיי וועלען זיך ניט גלייכען צו די אומות. וועלען זיי ניט האבען קיין פיינד. ווארום עס שטייט אין פסוק נאט האט געזאגט ואצרוף כבור סיגיך וגו'. פריער וועל איך ארויס נעמען פון אייך די מענטשין וואס זענען גרויס ביי זיך. דער נאך וועל איך אפ טאהן פון אייך די אפיקורסים וואס שיידען אייך אפ פון גאט. אויב דיא שלעכטע דיינים וואס פסקנן פאלשע דינים וועלין אפ גיטאהן ווערין פון די יודען. וועלען אויך אפ גיטאהן ווערין די שונאים פון דיא יודען. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אז גאט וועט האבען אפ גיטאהן דיא פאלשע דינים. וועלין אפ גיטאהן ווערין דיינע פיינד. רבי מלאי הט געזאגט פון רבי אלעזר ברבי שמעון'ס וועגין וואס מיינט דער פסוק גאט הט צוא בראכען דיא שטיצונג פון דיא רשעים. די רוט פון גיוועלטיגקייט. וועלכע שטיצונג פון רשעים הט גאט צו בראכען. דס זענען די פאלשע דיינים. דיא דיינים זענען אשטעקין [אשטיצונג] צו זייערע שמשים [בדינטע]. די דיינים העלפען זייערע בדינטע זייא זאלען גזלנן ביי דעם פאלק. וואס מיינט מען די רוט פון גיוועלטיגקייט. דס זענען די תלמידי חכמים וואס זענען קרובים צוא די פאלשע דיינים. אונ זיי מאכען גירעכט די דיינים. אונ דורך די תלמידי חכמים גיוועלטיגען די דיינים אויף דעם פאלק. וועט גאט צו ברעכין די תלמידי חכמים. מר זוטרא הט געזאגט דס מיינט מען די תלמידי חכמים וואס לערנען אויס די דינים וואס עס קען טרעפין אין שטאט צו פראסטע מענטשין אונ מען מאכט די פראסטע מענטשין פר דיינים. רבי אלעזר בן מלאי האט געזאגט פון ריש לקיש'ס וועגין וואס מיינט דער פסוק אייערע הענט זענען פאר מיאוסט מיט בלוט. אייערע פינגער זענען מיט זינד. אייערע לעפצין רעדען ליגען. אייער צונג רעדט אומרעכטע רייד. אייערע הענט זענען פאר מיאוסת מיט בלוט. דס מיינט מען די פאלשע דיינים. זייא ציהען אויס די הענט מען זאל זייא עפעס געבין. אונ ווער עס גיט זייא דער ווערט גירעכט אונ מען נעמט ביי דעם אנדערין געלט ניט וויא דער דין איז. אונ דס איז גלייך וויא מען וואלט ביי איהם גענומען דיא נשמה. אייערע פינגער זענען מיט זינד דס מיינט מען דיא שרייבערס פון די דיינים. וואס זייא שרייבען פאלשע הענקסען.

אייערע

סופרי הדיינין. שפתותיכם דברו שקר אלו עורכי הדיינין. ולשונכם עולה תהגה אלו בעלי דינין:

ג ואמר רבי מלאי משום רבי יצחק מגדלאה מיום שפירש יוסף מאחיו לא טעם טעם יין דכתיב (בראשית מט) ולקדקד נזיר אחיו. רבי יוסי בר חנינא אומר אף הם לא טעמו טעם יין דכתיב (שם מג) וישתו וישכרו עמו מכלל דעד האידנא לא הוה שכרות. ואידך שכרות הוא דלא הוה שתיה מיהא הוה. ואמר רבי מלאי בשכר (שמות ד) וראך ושמח בלבו זכה לחשן המשפט על לבו:

(דף קמ ע״ב) ד אמר רב חסדא לא ליכול בר בי רב ירקא משום דגריר לבא. ואמר רב חסדא אנא לא בעניותי אכלי ירקא ולא בעתירותי אכלי ירקא בעניותי משום דגריר בעתירותי דאכינא היכא דעייל ירקא ליעול בשרא וכוורי. ואמר רב חסדא האי מאן דאפשר ליה למיכל נהמא דשערי ואכל חיטי קעבר משום בל תשחית. ואמר ר״פ האי מאן דאפשר

של רמ״ה: עורכי הדיינין. מלמדין את בעלי דינין לטעון. עד כאן:
עמו. מכלל דעד השתא לא: זכה לחושן המשפט. שכעד הלב שהיה גדול ממנו וקודם למכה מגילת שכינה על אהרן כדכתיב הנגלה נגליתי אל בית אביך ונאמרה לו נבואה של מצרים שכהונה ביחזקאל עד ויאמרו כי ואף על פי כן לא נתקנא בו בזאת. עד כאן:
לא ליכול ירקא. ירק חי כרישים וכרתי״ל ובצליים: משום דגריר לבא. ומאכילו לחם הרבה ואין לו:

אייערע לעפצין ריידעו ליגען דס מיינט מען די אדוואקאטין וואס לערנען די מענטשין וואס קומען צום דין תורה פאלשע טענות. אייער צונג רעדט אומרעכטע רייד דאס זענען די מענטשין וואס האבען דיא דין תורה. יעדער זאגט דיא פאלשע טענות וואס מען האט איהם אויס גילערונט:

ג ואמר. נאך הט רבי מלאי גזאגט פון רבי יצחק מגדלאהס וועגין פון דעם טאג וואס יוסף האט זיך אפ גישיידט פון זיינע ברידער האט ער ניט פאר זוכט קיין וויין. ווארום עס שטייט אין פסוק ווען יעקב האט גיבענשט זיין זוהן יוסף האט ער גזאגט ולקדקוד נזיר אחיו צו דעם קאפ פון דעם מענטש וואס ער איז גיוועזן אנזיר פון זיינע ברידער. אונ אנזיר טרינקט ניט קיין וויין: רבי יוסי בר חנינא זאגט דיא ברידער פון יוסף האבען אויך ניט פאר זוכט קיין וויין פון דעם טאג וואס יוסף איז פון זייא אוועק גיגאנגען. ווארום עס שטייט אין פסוק זייא האבען גיטרונקען אונ זענען שיכור גיווארין מיט איהם (מיט יוסף). אבער ביז איצט זענען זייא ניט שיכור גיוועזן. (אונ האבען ניט גיטרונקען קיין וויין). אונ רבי מלאי זאגט שיכור זענען זיי ניט גיוועזן ביז איצט. אבער גיטרונקען וויין האבען זיי יא. נאך האט רבי שמלאי גזאגט ווייל ווען אהרן הט גיזעהן זיין ברודער משה גייט אויס לייזען די יודען פון מצרים. הט ער זיך גיפרייט אין הארצען. אונ האט אים ניט מקנא גיוועזן אויף זיין גרויסקייט. אונ איז ניט אין בעם גיוועזן פר וואס גאט הט איהם ניט געשיקט: דריבער הט אהרן זוכה גיוועזן ער זאל טראגען דעם חשן המשפט אויף זיין הארץ:

ד אמר: רב חסדא האט גזאגט דער ארעמאן וואס זיצט אין בית המדרש אונ לערנט זאל ער ניט עסין קיין רויע ירק וגרינוואר"ג וואס וואקסט אין גארטין אזוי וויא כרישים אדער שחליות. ווייל די זאכען מאכען אפעטיט צום עסין. אונ ער הט ניט וואס צום עסין. נאך הט רב חסדא גזאגט ווען איך בין ארעם גיוועזן האב איך ניט גיגעסען קיין ירק. אונ ווען איך בין רייך גיווארען האב איך ניט גיגעסען קיין ירק. ווען איך בין ארעם גיוועזן האב איך ניט גיגעסען קיין ירק ווייל דס מאכט אפעטיט צום עסין אונ איך האב ניט גיהאט וואס צום עסין. אונ ווען איך בין רייך גיווארען האב איך ניט גיגעסען קיין ירק ווארום איך האב גזאגט וואו עס זאל אריין גיין ירק זאל בעסער אריין גיין פלייש אונ פיש. נאך הט רב חסדא גזאגט דער וואס קען עסין ברויט פון גערשטענע מעהל. אונ ער עסט ברויט פון ווייצענע מעהל. איז ער עובר אויף דעם לאו בל תשחית זאלסט ניט פר דארבען. ער מאכט שאדין געלט. רב פפא הט גזאגט דער וואס קען טרינקען ביר אונ ער טרינקט וויין. איז עובר אויף דעם

דאפשר למשתי שיכרא ושתה חמרא עובר משום בל תשחית. ולא היא בל תשחית דגופיה עדיף. עוד מסוף לזה כאמרי רב חסדא בדרך עצה בדברים קלים לא ראיתי לכותבם וגם מה שהיה מצוה לבנותיו דברים רבים ומהם לקטתי ב' מוסרים חשובים כתבתים כאן. אמר להו רב חסדא לבנתיה תיהוי צניעתן באפי גברייכו לא תיכלון נהמא באפי גברייכו לא תיכלון ירקא בליליא לא תיכלון תמרי בליליא ולא תשתון שכרא בליליא ולא תפנון היכא דמפני גברייכו וכי קא קרי אבבא איניש לא תימרון מנו אלא מני נקיט מרגניתא וכו' עיין בגמרא:

לא תיכלון נהמא באפי גברייכו. שמא תאכל הרבה ותתגנה עליו: לא תיכלון ירקא בליליא. מפני ריח הפה: שיכרא ותמרי. מבלבלין ומביאין לידי הפחה: היכא דמפני גברייכו. בגילוי בפניהם נשרות ואפילו שלא בפניהם שמכיר מקומו ומקומה ונמאסה לו בזוכרו: לא תימרון מנו. מי הוא לבון אבל לא תרגילו לשונכם לדבר עם זכרים: אלא מני. מי היא:

מפני מה עופות שבבבל שמנים. משל א"י: כלך. נכה לך אלא שקילר סלבון: למדבר עזה. ובוא מארץ ישראל: מועדים שבבבל שמחים. רגילין לשמוח במועדים יותר מא"י: מפני שהן עניים. וכל השנה אין להם שמחה במאכל ומשתה ואין להם ברגוע ממלאכה לפיכך במועדים כל שמחתם: חליינין. מלויין עצמן בלבושים נאים: מצויינין.

הביות פרק שנים ועשרים

(דף קמה ע"ב) **א יתיב** רבי חייא בר אבא ורבי אסי קמיה דרבי יוחנן ויתיב רבי יוחנן וקא מנמנם אמר ליה רבי חייא בר אבא לרבי אסי מפני מה עופות שבבבל שמנים אמר ליה כלך למדבר עזה ואראך שמנים מהם מפני מה מועדים שבבבל שמחים מפני שהם עניים מפני מה תלמידי חכמים שבבבל מצויינים לפי שאינן בני תורה

מפני

באו בל תשחית זאלסט ניט פאר דארבען, ער מאכט שאדין געלט. זאגט די גמרא, עס איז ניט אזוי וויא זיי זאגען. דס ווס ער פאר דארבט זיין גוף איז ערגער. אונ אויב ער קען עסין ווייצען ברויט אונ טרינקען וויין, מעג ער נאר פר זיין איינענע געלט אויב ער פרדינט אזוי פיל. רב חסדא האט געזאגט צוא זיינע טעכטער איר זאלט זיין געהיט פאר אייערע מאנען איר זאלט ניט עסין ברויט (אדער עסינווארג) פאר אייערע מאגען (מאסער ווערט איר זיין הונגעריג אונ איר וועט פיל עסין וועט דער מאן מיינען זיא איז אפרעסערין). איר זאלט ניט עסין ביי נאכט אזעלכע זאכען וואס עס גיט אשלעכטען ריח פון מויל. איר זאלט ניט עסין טייטלען ביי נאכט. איר זאלט ניט טרינקען ביר ביי נאכט. ווארום טייטלען אונ ביר מאכען שלאף דעם מאגען. וועלען זיי דארפין ביי נאכט ארויס צו גיין דם מענשליכע געברויך. וועלען זיי פאר מיאוסט ווערין ביי זייערע מאנען). איר זאלט ניט גיין טאהן דאס מענשליכע געברויך אויף דעם ארט וואו אייערע מאנען גייען זייער געברויך צו טאהן. ודאס איז נאר געווען פאר צייטען וואס מען פלעגט ארויס גיין אויף דעם פעלד). אונ אז אמענטש וועט רופען ביי די טיר. אדער ער וועט אן קלאפען ביי די טיר. מען זאל איהם עפענען. זאלט איר ניט פרעגען ווער איז ער. נאר איר זאלט פרעגען ווער איז זי:

פרק שנים ועשרים

א יתיב. רבי חייא בר אבא אונ רבי אסי זענען געזעסען פאר רבי יוחנן אונ רבי יוחנן איז געזעסען אונ האט געדרימלט. (אביסעל געשלאפען). האט רבי חייא בר אבא געזאגט צו רבי אסי פאר וואס זענען דיא עופות וואס אין בבל פעטער וויא אין אנדערע ערטער. האט רבי אסי געזאגט גיי אין מדבר עזה וועל איך דיר ווייזען פעטערע עופות וויא די עופות פון בבל. נאך האט רבי חייא געפרעגט פאר וואס זענען די ימים טובים אין בבל פריילעכער וויא אין ארץ ישראל. האט רבי אסי געענטפערט ווייל אין בבל זענען זיי ארעמע לייט. אונ אגאנץ יאהר האבין זייא ניט קיין שמחה אונ האבין ניט קיין רוה פון זייער ארבעט. דריבער איז זייער גאנצע שמחה נאר יום טוב. נאך האט רבי חייא געפרעגט פאר וואס גייען דיא

מפני מה בבליים (עכו"ם) מזוהמים מפני שאוכלים שקצים ורמשים. איתער בהו רבי יוחנן אמר להו דרדקי לא כך אמרתי לכם (משלי ז) אמור לחכמה אחותי את אם ברור לך הדבר כאחותך שהיא אסורה לך אמרהו ואם לאו אל תאמרהו. אמרי ליה וליסא לן (מר) איזה מהם מפני מה עופות שבבבל שמנים מפני שלא גלו שנאמר (ירמיה מח) שאנן מואב מנעוריו ושקט הוא אל שמריו ובגולה לא הלך והכא מגלן דגלו דתניא רבי יהודה אומר נ"ב שנה לא עבר איש ביהודה שנאמר (שם ט) על ההרים אשא בכי ונהי וגו' (שם) מעוף השמים ועד בהמה נדדו הלכו בהמה בגימטריא נ"ב אמר רבי יעקב א"ר יוחנן כולם חזרו חוץ מקוליים האיספנין דאמר רב הני מדרי דבבל מהדרי מיא לעין עיטם והאי כיון דל'א שריר שרריה

שקוצים: שאינן בני תורה. כל כך לכבוד בני א"י מחמת תורתם ומכבדים אותם מחמת לבושיהן שנראין חשובין: דרדקי. נמורים שלא הגיעו להוראה: מפני שלא גלו. העופות כמו אותן של א"י כדאמרינן לקמן: שאנן מואב וגו'. סיפא דקרא ע"כ עמד טעמו בו אלמא הגולין משנין טעמן וטמן: נ"ב שנה. משגלו בימי צדקיהו בחרבות ירושלים עד שנפקדו בימי כורש ואז עלו מהם ליסד את הבית י"ח שנה קודם גמר הבנין שהיה בסוף ע' שנה בשנת שתים לדריוש כדאמרינן במגילה: וכולן חזרו. הבהמות והעופות ואף הדגים: חוץ מן קוליים האספנין. כולם חזרו דהא עד בהמה כתיב מכלל דמכאן ואילך הדור חוץ מקוליים כדמפרש: הני מדרי דבבל מהדרי מיא לעין עיטם. מדרונות שבבבל מחזירין מים הנשפכים בהם לעין עיטם שהוא מקום גבוה שבא"י שאותו מעיין מביא מים לבית טבילת כהן גדול ביוה"כ המתוקן בחומת עזרה ע"ג שער המים כדאמרינן בסדר יומא עין עיטם גבוה מקרקע העזרה כ"ג אמות והילך מחזירין שיש בפרת סילונות וסולמות למטה מן הים ודרך אותן סולמות הולכין המים לארץ ישראל וחוזרין ונובעין במעיינות והדגים הלכו דרך אותן סולמות שמתחין לבעטהן יותר מדרך פרת עצמו: והאי. קוליים האספנין: כיון דלא שריר

תלמידי חכמים פון בבל אין שיינע קליידער. האט רבי אסי געענטפערט ווייל זיי זענען ניט קיין גרויסע לומדים; פאר זייער קלײדער אליין וועט מען זיי ניט געבען קיין כבוד. נאר אז זיי גייען אין שיינע קליידער און זיי זעהען אויס ווי רייכע מענטשן אויך. וועט מען זיי געבען כבוד. אבער די תלמידי חכמים פון ארץ ישראל ווייל זיי זענען גרויסע לומדים גיט מען זיי כבוד פאר זייער לערנען אליין אפילו זיי גייען ניט אין שיינע קליידער און זיי זעהען אויס ווי ארעמע לייט. נאך האט רבי חייא געפרעגט פאר וואס זענען די גוים פון בבל פאר מיאוסת. האט רבי אסי געענטפערט ווייל זיי עסן אלע מיאוסע זאכען וואס קריכט אויף די ערד. דער ווייל איז רבי יוחנן אויף געוועקט געווארען פון זיין שלאף. האט ער צו זיי געזאגט קינדער האב איך דען אייך ניט געזאגט עס שטייט אין פסוק זאג צו די חכמה דו ביסט מיין שוועסטער. דער פסוק מיינט אזוי אויב די זאך וואס דו ווילסט זאגען איז ביי דיר אזוי געווים. אזוי ווי עס איז געווים אז דיינע אשוועסטער איז אסור צו זיין דיין ווייב. זאלסטו דיא זאך זאגען. און אויב עס איז דיר ניט געווים זאלסטו ניט זאגען. האבין זיי געזאגט צו רבי יוחנן. זאל דער רבי אונז זאגען עטליכע זאכען. פאר וואס זענען די עופות פון בבל פעט. האט רבי יוחנן געזאגט ווייל די עופות פון בבל זענען ניט פארטריבען געווארען. און מיר געפינען אז די וואס ווערען ניט פארטריבען זענען פעט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק מואב איז געזעסען רוהיג אויף זיין ארט פון זיין יוגענד; אזוי ווי ויין וואס שטייט רוהיג אויף זיינע הייוון און מען מישט אים ניט. און אין גלות איז מואב ניט געגאנגען. דריבער איז געבליבען ביי מואב זיין געשמאק. זיין געזונד און זיין חכמה און זיין רייכקייט. און פון וואגען ווייסען מיר אז די עופות פון ארץ ישראל זענען פארטריבען געווארען ווארום מיר האבען געלערנט רבי יהודה זאגט צוויי און פופציג יאהר איז קיין מענטש ניט געגאנגען דורך די לאנד יהודה. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק. ירמיהו הנביא האט געזאגט אויף די בערג הייב איך אויף אגיוויין און אקלאג. ווייל די פייגלען וואס פליהען אונטער דעם הימל און די בהמות זענען אלע אוועק געגאנגען פון דעם לאנד. דער ווארט בהמה בטרעפט צוויי און פופציג. ווייל צוויי און פופציג יאהר זענען זייא ניט געוועזען אין דעם לאנד. רבי יעקב האט געזאגט פון רבי יוחנן וועגין אלע בהמות און עופות און פיש זענען צוריק געקומען אין ארץ ישראל. נאר דער פיש וואס הייסט קוליים האיספנין איז ניט צוריק געקומען. ווארום רב האט געזאגט אין טייך פרת איז דא טאהלען און בערג. און די וואסער גייט אראפ און ארויף. און די וואסער גייט פון בבל אין ארץ

שרריה לא מצי סליק . מפני מה מועדים שבבבל שמחים מפני שלא היו באותה קללה דכתיב (הושע ב) והשבתי כל משושה חגה חדשה ושבתה וכל מועדה וכתיב (ישעיה א) חדשיכם ומועדיכם שנאה נפשי היו עלי לטורח. מאי היו עלי לטורח אמר רבי אלעזר אמר הקב"ה לא דיין לישראל שחוטאין לפני אלא שמטריחין אותי לידע איזו נזרה קשה אביא עליהן . אמר רבי יצחק אין לך כל רגל ורגל שלא באתה בולשת לציפורי . ואמר רבי חנינא אין לך כל רגל ורגל שלא בא לטבריא הגמון וקסטון ובעל זמורה . מפני מה תלמידי חכמים שבבבל מצויינין לפי שאינן בני מקומן דאמרי אינשי במתא שמאי בלא מתא תותבאי :

(ישעיה כז) **ב הבאים** ישרש יעקב יציץ ופרח ישראל . תנא רב יוסף אלו תלמידי חכמים שבבבל שעושין ציצין ופרחין לתורה. מפני מה בבליים מזוהמין מפני שלא עמדו על הר סיני שבשעה (דף קמו) שבא נחש על חוה הטיל בה זוהמא. ישראל שעמדו

דריה. אין קשה שדרה בלו: לטבריא. נכוו ולהטיל עליהם עול ולא שמתכוונין לנפלם משמחת הרגל אבל הקללה גרמה לכך: קסטון. לשון לעז הוא שלטון : בולשת. חיל המלך : שאינן במקומן . שמא"י גלו להם וגולה למקום נכרי מצוין עצמו במלבושים שיהא חשוב : במתא שמאי . בעירי איני צריך להתכבד אלא בשמי שאני מכר בה : בלא מתא . במקום שאינה עירי : תותבאי. כבודי תלוי בשמלתי שמלתו מתרגמינן תותביה :

ציץ : ממתין : הבאים . אותם של יעקב שיבאו לבבל ישרשו ויעשו ציצין ופרחין לתורה וסיפא אסיפא לרבי יוחנן דטעמא דמצויינין לאו לפי שאינן בני תורה כדרבי אסי אלא לפי שאינן במקומן : שבא נחש על חוה . כשנתן לה עצה לאכול מן העץ בא עליה דכתיב הנחש השיאני

ישראל ביז אויף דעם ארט עין עיטם ; אונ די פיש וואס זענען צוריק גיגאנגען פון בבל אין ארץ ישראל זענען אויך גיגאנגען דורך די טאהלין אונ בערג וואס זענען גיוועזן אין דעם וואסער. אונ אלע פיש האבין גיקענט אהין גיין. נאר דער קוליים האט איינגעפאנגען וויל זיין רוקען איז ווייך האט ער ניט גיקענט קומען אין ארץ ישראל. נאך האבין זייא גיפרעגט בייא רבי יוחנן פאר וואס זענען די ימים טובים אין בבל פרייליכער וויא אין ארץ ישראל. האט רבי יוחנן גיענטפערט ווייל זייא זענען ניט גיוועזן אין די קללה וואס עס שטייט אין פסוק נאט האט גיזאגט איך וועל פארשטערין אלע פרייד איר יום טוב איר חדש איר שבת אונ אירע אלע ימים טובים. אונ נאך שטייט אין פסוק. גאט האט גיזאגט אייערע חדשים אונ אייערע ימים טובים האב איך פיינדט. זייא זענין מיך מטריח. וואס זענין זייא מיך מטריח. האט רבי אלעזר גיזאגט גאט האט גיזאגט צו הושע הנביא ניט גינוג וואס די יודין זינדיגען פאר מיר. זענין זייא מיך נאך מטריח איך זאל טראכטין וועלכע שלעכטע גזרה איך זאל ברייגגען אויף זייא. רבי יצחק האט גיזאגט עס איז גיטא קיין יום טוב וואס עס איז ניט גיקומען קיין חיל אין צפורי צו פארשטערין דעם יום טוב ; רבי חנינא האט גיזאגט עס איז ניטא קיין יום טוב וואס עס איז ניט גיקומען אין טבריא א הגמון אדער א קסטון אדער א בעל זמורה צו פארשטערין דעם יום טוב ודי דרייא געמען הגמון. קסטון. בעל זמורה. דאס זענען אזעלכע שרים פירשטען]. נאך האבין זיי גיפרעגט ביי רבי יוחנן פאר וואס גייען די תלמידי חכמים פון בבל אין שיינע קליידער. האט רבי יוחנן גיענטפערט ווייל זייא זענען ניט פון בבל. נאר זיי זענען גיקומען פון ארץ ישראל לערנען אין בבל. אונ מענטשין זאגין אין מיין שטאט גיט מען מיר כבוד ווייל מען קען מיין נאמען ; אונ אז איך בין אין א פרעמדע שטאט וואס מען קען ניט מיין נאמען. גיט מען מיר כבוד ווייל מען זעהט איך גיי אין שיינע קליידער :

ב הבאים ישרש יעקב יציץ ופרח ישראל [אזוי שטייט אין פסוק]. האט רב יוסף גילערנט דאס מיינט מען די תלמידי חכמים פון בבל וואס זייא מאכין שיינע בלומען [זיי לערנען שיינע חכמות] צו די תורה. [דער פסוק מיינט אזוי. די קינדער פון יעקב וואס זיי וועלין קומען פון ארץ ישראל אונ וועלין זיך איין ווארצלען אין בבל וועלין זייא מאכען שיינע בלומען צו די תורה] . נאך האבין זייא גיפרעגט ביי רבי יוחנן פאר וואס זענען די גוים פון בבל פאר מיאוסט. האט רבי יוחנן גיענטפערט ווייל זיי זענען ניט געשטאנען אויף דעם בארג סיני. ווארום

שעמדו על הר סיני פסקה זוהמתן בבליים שלא עמדו על הר סיני לא פסקה זוהמתן. אמר ליה רב אחא בריה דרבא לרב אשי גרים מאי. אמר ליה אף על גב דאינהו לא הוו מזלייהו הוה דכתיב (דברים כט) את אשר ישנו פה עמנו עומד היום וגו' ואת אשר איננו פה וגו' ופליגא דרבי אבא בר כהנא דאמר רבי אבא בר כהנא עד שלשה דורות לא פסקה זוהמא מאבותינו אברהם הוליד את ישמעאל יצחק הוליד את עשו יעקב הוליד את י"ב שבטים שלא היה בהם שום דופי:

(דף קמז ע"ב) ג **אמר** רבי חלבו חמרא דפרוגיתא ומיא דדיומסית קפחו עשרת השבטים מישראל רבי אלעזר בן ערך איקלע להתם אימשיך בתרייהו איעקר תלמודיה כי הדר אתא קם למקרי בסיפרא בעא למקרי החדש הזה לכם אמר החרש היה לבם. בעו רבנן רחמי עליה והדר תלמודיה. והיינו דתנן רבי נהוראי אומר הוי גולה למקום תורה ואל תאמר שהיא

לשון כבוחין: גרים מאי. בלא הוו על הר סיני מהיכן פסקה זוהמתם: מזלייהו הוה. בסיני ופל שעמדו על הר סיני נתקדשו ונטהרו ונתרחקו מכל מום ואף עורים ופסחים שהיו בישראל כדתניא בספרי: ופליגא. הא דאמרן דלא פסקה זוהמא עד סיני:

חמרא דפרוגיתא. שם מדינה שיינה משובח: ומיא דדיומסית. שם נהר שמימיו מלוחין ואמרי בגמרא במעמלא ומרפא פי' מחממת ומרפא שהטיט מלוח: קפחו עשרת השבטים. שהיו בעלי הנאה ועסוקים בכך ולא היו עסוקים בתורה ויצאו לתרבות רעה: להתם. לפרוגיתא ודיומסית: אימשיך בתרייהו. אחר היין והרחיצה: איעקר תלמודיה. נעקר תלמודו ושכחו: הוי גולה למקום תורה. אם ת"ח אתה אל תשב אלא במקום ת"ת הרבה

ווייל דער שלאנג האט מזנה געוועזן מיט חוה. האט ער איר פארמיאוסט. נאר די יודען ווייל זיי זענען געשטאנען אויף דעם בארג סיני האט אויפגעהערט זייער מיאוסקייט. אונ די גוים פון בבל וואס זיי זענען נים געשטאנען אויף דעם בארג סיני. האט ניט אויפגעהערט זייער מיאוסקייט. רב אחא דער זוהן פון רבא האט געזאגט צו רב אשי. וויא אזוי האט אויפגעהערט די מיאוסקייט פון די גרים. זיי זענען דאך אויך ניט געשטאנען אויף דעם בארג סיני: האט רב אשי געזאגט אפילו זיי זענען ניט געוועזן אויף דעם בארג סיני. אבער זייער מזל פייערע נשמותו זענען געוועזן אויף דעם בארג סיני. ווארום עס שטייט אין פסוק משה רבינו האט געזאגט די שבועה פון גאט איז מיט די מענטשין וואס שטייען דא היינט מיט אונז: און מיט די מענטשין וואס זענען ניטא מיט אונז. וואס זיי זענען נאך ניט געבארין געווארין. און רבי יוחנן וואס ער זאגט אז די מיאוסקייט פון שלאנג האט געדויערט ביז די יודען זענען געקומען צום בארג סיני קריגט ער אויף רבי אבא בר כהנא. ווארום רבי אבא בר כהנא זאגט ביז דרייא דורות האט ניט אויפגעהערט די מיאוסקייט פון שלאנג פון אונזערע עלטערין. אברהם האט געבארין ישמעאל. יצחק האט געבארין עשו וישמעאל אונ עשו זענען געוועזן פון די מיאוסקייט פון שלאנג. אבער יעקב האט געבארין די צוועלף שבטים. וואס אין זיי איז ניט געוועזן קיין שלעכץ. זיי זענען אלע געוועזן צדיקים:

ג אמר. רבי חלבו האט געזאגט די ויין פון די מדינה פרוגיתא און די וואסער פון טייך דיומסית האבין פארשניטען די צעהן שבטים פון די יודען: ווייל זייא פלעגין זוכען פאר גענינענס און פלעגין טרינקען דעם גוטען ויין פון די מדינה פרוגיתא און די וואסער פון טייך דיומסית וואס די וואסער דער ווארעמט און מאכט געזונד דעם מענטשין. דריבער האבין זיי ניט געלערנט תורה און זייא זענען פארטריבען געווארין אין גלות. רבי אלעזר בן ערך איז אמאהל געקומען אין די מדינה פרוגיתא. האט ער אויך געזוכט דעם פערגניגען צו טרינקען פיל ויין און וואסער פון דיומסית. דער ווייל האט ער ניט געלערנט. און ער האט פארגעסין וואס ער האט געלערנט. אז ער איז צוריק געקומען אהיים און האט זיך געשטעלט לייענען אין דיא ספר תורה. האט ער בעדארפט זאגען החדש הזה לכם. האט ער געזאגט החרש היה לבם: ער האט פארגעסין די אותיות. האבען די רבנן געבעטין ביי גאט פון זיינעטוועגין. איז אים צוריק געקומען דאס לערנען. דאס איז וואס מיר האבען געלערנט רבי נהוראי זאגט א תלמיד חכם דארף צוועק גיין פון זיין היים און זאל נאר גיין צו דעם ארט וואו עס איז דא נאך תלמידי חכמים. און

שיהיא תבא אחריך שחביריך יקיימוה בידך (משלי ג) ואל בינתך אל תשען. תנא לא רבי נהוראי שמו אלא רבי נחמיה שמו ואמרי לה רבי אלעזר בן ערך שמו ולמה נקרא שמו רבי נהוראי שמנהיר עיני חכמים בהלכה:

(דף קמח) ד רבה בר בר חנה אקלע לפומבדיתא לא על לפירקיה דרב יהודה שדריה לאדא דיילא אמר ליה זיל גרביה אזל גרביה אתא אשכחיה דקא דריש אין מחזירין את השבר אמר ליה הכי אמר רב חנא בגדתאה אמר שמואל הלכה מחזירין את השבר אמר ליה הא חנא דידן והא שמואל דידן ולא שמיע לי (א"ל) לאו בדינא גרבתיך:

אלא הי"ט: תלמידים הם יבואו אלי ודי לך בכך למ"הוי גולה: שחבריך יקיימוה בידך. שתהא רגיל אצלם וכשתשנה מסכת אחת והם אחרת השמענה ותהא סדורה בפיך ואל תסתכל סימנה: ואל בינתך אל תשען. לומר הכם גדול אני וזכרן וכשאחזור פרק זה או מסכת זו לא תסתכל תנרתה ממני: אדא דיילא. מנסטר"ל ממונה: גרביה. קח נגדו עד שיבא: אתא. רבה: אשכחיה. לרב יהודה וגו': הא חנא דידן. ממקומנו הוא ולא במענו זאת מפיו עד הנה: לאו בדינא גרבתיך. בחמים שאילו לא באת לא למדנו:

כתב המהלך תחת הצורה ותחת הדיוקנאות. כגון בני אדם הצרים בכותל חיות משונות או דיוקנאות של בני אדם של מעשים כגון מלחמות דוד וגלית וכותבים תחתיה זו צורת חיה פלונית או דיוקנית פלונית: אסור לקרותה בשבת. שמא

שואל פרק שלשה ועשרים

(דף קמט) א תנו רבנן כתב המהלך תחת הצורה ותחת הדיוקנאות אסור לקרותה בשבת ודיוקנא עצמה אף בחול אסור להסתכל בה משום שנאמר (ויקרא יט) אל תפנו

זאלסט ניט זאגען עס איז גינוג פאר מיר וואס מיינע תלמידים קומען צו מיר. אונ איך לערין מיט זייא וועל איך אויך ניט פארגעסין דאס לערנען. ווארום נאר דיינע חברים וועלין דערהאלטען ביי דיר די תורה מעהר וויא דיינע תלמידים. אונ דו זאלסט דיך ניט אן לעגען אויף דיין פארשטאנד צו זאגען אז מיינע חברים וועל איך אויך קענען לערנען אונ וועל ניט פאר געסין. מיר האבען גילערונט זיין נאמען איז ניט גיוועז רבי נהוראי. נאר רבי נחמיה. אונ אנדערע זאגין זיין נאמען איז גיוועזן רבי אלעזר בן ערך. נאר פאר וואס האט מען איהם גערופען רבי נהוראי. ווייל ער האט געמאכט לייכטען די אויגען פון די חכמים אין דינים (נהורא איז טייטש אלייכטונג):

ד רבה בר בר חנה איז אמאהל געקומען אין פומבדיתא. אונ ער איז ניט געגאנגען צו די דרשה פון רב יהודה. האט רב יהודה געשיקט אעלצטין אונ ער האט גיזאגט צו אים גייא נעם אמשכון ביי רבה בר בר חנה. איז דער עלצטער געגאנגען אונ האט גענומען בייא אים אמשכון. איז רבה געקומען צו רב יהודה פרעגין פאר וואס האט מען ביי אים גינומען אמשכון: האט רבה געטראפען וויא רב יהודה האט גילערונט דעם דין אז איינער האט צובראכען אהאנט אדער אפוס טאר מען ניט צוזאמען שטעלען דעם בראך אום שבת. האט רבה גיזאגט צו רב יהודה אזוי האט גיזאגט רב חנא בגדתאה שמואל זאגט דער דין איז מען מעג צוזאמען שטעלען דעם בראך אום שבת. האט רב יהודה גיזאגט צו רבה חנא וואהנט אין אונזער שטאט. שמואל וואהנט אויך אין אונזער שטאט. אונ איך האב קיין מאהל ניט גיהערט פון זיי דעם דין: בין איך דען ניט גירעכט גיוועזן וואס איך האב גינומען ביי דיר אמשכון. ביסטו געקומען אף נעמען דעם משכון. האב איך גיהערט פון דיר דעם דין:

פרק שלשה ועשרים

א תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערונט. מען טאר ניט לייענען אום שבת דיא געשריפט וואס איז געשריבען אונטער דיא פאטרעטין מען זאל וויסען וועלכע מענטשין אדער וועלכע חיות עס זענען גימאלט אויף דעם פאטרעט. אונ אפילו אום דער וואכין טאר מען ניט קוקען אויף די מענטשין וואס זענען גימאלט אויף אוואנט אדער אויף אפאטרעט. ווארום עס שטייט אין פסוק אל תפנו אל האלילים איר זאלט אייך ניט קערין צו דיא אלילים. וואס

תפנו אל האלילים מאי תלמודא אמר רבי חנין אל תפנו אל מדעתכם:

(ע"ב) ב אמר רבי יעקב ברה דבת יעקב כל שחברו נענש על ידו אין מכניסין אותו במחיצתו של הקדוש ברוך הוא מנ"ל אילימא משום דכתיב (מלכים א כב) ויאמר ה' מי יפתה את אחאב ויעל ויפול ברמות גלעד ויאמר זה בכה וזה אומר בכה ויצא הרוח ויעמוד לפני ה' ויאמר אני אפתנו וגו' ויאמר אצא והייתי רוח שקר בפי כל נביאיו ויאמר תפתה וגם תוכל צא ועשה כן ואמרינן מאי רוח אמר רבי יוחנן זה רוח של נבות ומאי צא אמר רב צא ממחיצתי. ודלמא התם היינו טעמא דכתיב (תהלים קא) דובר שקרים לא יכון לנגד עיני. אלא מהכא (חבקוק ב) שבעת קלון מכבוד שתה גם אתה והערל וגו' שבעת קלון מכבוד זה נבוכדנצר שתה גם אתה והערל זה צדקיהו. חדא דכוליה קרא בנבוכדנצר כתיב. ועוד צדקיהו צדיקא מאי הוי ליה למעבד ליה דאמר רב יהודה אמר רב בשעה שבקש נבוכדנצר

יקרא בספרי הדיוטות: אל מדעתכם. אל תפנו אחר עובדים מדעת לבבכם והלל שלהם: אלילים. מלשון חללים:

זה בכה. אני אפתנו בכה: שבעת קלון. נבוכדנצר מתחלה היה רגיל משכב זכור על המלכים וכשהגיע יומו של צדקיהו נמשכה ערלתו ג' מאות וזהו שבעת קלון: הדא דכוליה קרא בנבוכדנצר כתיב. בתמיה להוקמי כוליה בנבוכדנצר והכי קאמר שתה גם אתה כאותם שהיית משקה אותן: והערל. והתערל והתגנה: בשעה שבקש לו אותו רשע וכו'. (לקמן) מדקאמר לצדקיהו צדיק ש"מ אמת

מיינט מען אֱלִילִים. הָט רַבִּי חָנִין גְזָאגְט דֶער פָּסוּק מֵיינְט איר זָאלְט אַייךְ נִיט קֶערִין צוּ דִי צוּרוֹת וָוס איר וֶועט מָאלִין פוּן אַייֶערֶע גִידַאנְקֶען:

ב אָמַר: רַבִּי יַעֲקֹב דֶער זוּהן פוּן בַּת יַעֲקֹב הָאט גְזָאגְט דֶער מֶענְטְשׁ וָואס זַיין חָבֵר וֶוערְט גִישְׁטְרָאפְט דוּרְךְ אִיהם. לָאזְט מֶען אִיהם נִיט אַרַיין גַיין פַאר גָאט. פְרֶעגְט דִי גְמָרָא פוּן וַואנֶען וַויסֶען מִיר דָאס. זָאלֶען מִיר זָאגִין וַוייל עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק גָאט הָאט גְזָאגְט וֶוער וֶועט אִיבֶּער רֶעדִין דֶעם מֶלֶךְ אַחְאָב עֶר זָאל אוֹיף גַיין אִין רָמוֹת גִלְעָד אוּנ זָאל דָארְט פַאלִין דֶער הָאט גְזָאגְט אִיךְ וֶועל אִים אִיבֶּער רֶעדִין. אוּנ דֶער הָט גְזָאגְט אִיךְ וֶועל אִים אִיבֶּער רֶעדִין. אִיז אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען אַנְשָׁמָה אוּנ הָאט זִיךְ גִישְׁטֶעלְט פַאר גָאט. אוּנ הָאט גְזָאגְט אִיךְ וֶועל אִיהם אִיבֶּער רֶעדִין. דִיא נְשָׁמָה הָאט אַזוֹי גְזָאגְט אִיךְ וֶועל אַרוֹיס גַיין אוּנ וֶועל זַיין אַפַאלְשֶׁע נְבִיאָה אִין דִיא מוֹיל פוּן זַיינֶע אַלֶע נְבִיאִים. זַייא זָאלֶען אַלֶע זָאגִין פַאלְשֶׁע נְבִיאוֹת. הָאט גָאט גְזָאגְט רֵייד אִיזְהם אִיבֶּער וִויא דוּ זָאגְסְט. אוּנ דוּא וֶועסְט קֶענֶען אוֹיס פִירֶען: גֵיי אַרוֹיס אוּנ טוּה אַזוֹי. וֶוער אִיז גִיוֶועזֶען דִיא נְשָׁמָה. הָאט רַבִּי יוֹחָנָן גְזָאגְט דָאס אִיז גִיוֶועזֶען דִיא נְשָׁמָה פוּן נָבוֹת (מלכים א כא) אוּנ וָואס הָאט גָאט גִימֵיינְט גֵיי אַרוֹיס. הָט רַב גְזָאגְט גָאט הָאט גִימֵיינְט גֵיי אַרוֹיס פוּן מַיין אָרְט. וַוייל דִיא נְשָׁמָה גֵייט שְׁטְרָאפִין אַמֶענְטְשִׁין דְרִיבֶּער טָאר זִיא נִיט זַיין נָאנְט פוּן גָאט. אַזוֹי וִויא רַבִּי יַעֲקֹב הָאט גְזָאגְט. זָאגְט דִיא גְמָרָא טָאמֶער אִיז גָאר אַיין אַנְדֶער זַאךְ פַאר וָואס גָאט הָאט גִיהֵייסֶען דִיא נְשָׁמָה זָאל אַרוֹיס גַיין. וַוייל עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דֶער וָואס רֶעדְט פַאלְשֶׁע רֵייד טָאר עֶר נִיט זַיין פַאר מַיינֶע אוֹיגֶען. אוּנ דִיא נְשָׁמָה פוּן נָבוֹת אִיז דָאךְ גִיגַאנְגֶען זָאגֶען פַאלְשֶׁע נְבִיאוֹת. אָבֶּער עֶס קֶען זַיין אַז אֵיינֶער וֶוערְט גִישְׁטְרָאפְט דוּרְךְ דֶעם אַנְדֶערִין מֶעג עֶר פוּן דֶעסְטְוֶועגִין זַיין פַאר גָאט. אוּנ נִיט וִוי רַבִּי יַעֲקֹב זָאגְט. עֶנְטְפֶערְט דִי גְמָרָא פוּן דַאנֶען וַוייס רַבִּי יַעֲקֹב. עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דוּ בִּיסְט זַאט מִיט שַׁאנְד מֶער וִויא מִיט כָּבוֹד. טְרִינְק דוּא אוֹיךְ אוּנ וֶוער פַאר מִיאוּסְט. דוּא בִּיסְט זַאט מִיט שַׁאנְד מֶער וִויא מִיט כָּבוֹד דָם מֵיינְט מֶען נְבוּכַדְנֶצַר. טְרִינְק דוּא אוֹיךְ אוּנ וֶוער פַאר מִיאוּסְט דָם מֵיינְט מֶען צִדְקִיָהוּ. אִיז דָאךְ דִיא קַשְׁיָא פַאר וָואס זָאל צִדְקִיָהוּ פַאר מִיאוּסְט וֶוערִין. גְעוִוים וַוייל נְבוּכַדְנֶצַר אִיז דוּרְךְ אִיהם גִישְׁטְרָאפְט גִיוָוארִין. עֶנְטְפֶערְט דִיא גְמָרָא צְוֵויי תֵּירוּצִים: אֵיין מָאהל דֶער גַאנְצֶער פָּסוּק שְׁמוּעֶסְט פוּן נְבוּכַדְנֶצַר. אוּנ צִדְקִיָהוּ אִיז דָא גָאר נִיט דֶער מָאנְט עֶר זָאל גִישְׁטְרָאפְט וֶוערִין. אוּנ דָאס אַנְדֶערֶע דֶער צַדִיק צִדְקִיָהוּ וָוס הָט עֶר גִיזָאלְט טָאהן אַז נְבוּכַדְנֶצַר הָט גִיוָואלְט מִיט אִיהם מְזַנֶה זַיין. וָוארוּם רַב יְהוּדָה הָאט

נבוכדנצר לעשות לאותו צדיק כך נמשכה ערלתו שלש מאות אמה. אלא מהכא (משלי יז) גם ענוש לצדיק לא טוב אין לא טוב אלא רע וכתיב (תהלים ה) כי לא אל חפץ רשע אתה לא יגורך רע צדיק אתה ה' לא יגור במגורך רע. (בב"ב סימן ל"ז מאמר מקושר עם זה) מאי דכתיב (ישעיה יד) איך נפלת משמים הילל וגו' חולש על גוים. אמר רבה בר רב הונא שהיה מטיל פור על גדולי מלכות לידע אי זה בן יומו של משכב זכור וכתיב (שם) כל מלכי גוים כולם שכבו בכבוד איש בביתו. אמר רבי יוחנן שנחו ממשכב זכור. ואמר רבי יוחנן כל ימיו של נבוכדנצר לא נמצא שחוק בפי כל בריה שנאמר (שם) נחה שקטה כל הארץ פצחו רנה מכלל דעד השתא לא הוה רנה. ואמר רבי יצחק אמר רבי יוחנן אסור לעמוד בביתו של נבוכדנצר שנאמר (שם יג) ושעירים ירקדו שם. אמר רב יהודה אמר רב בשעה שבקש נבוכדנצר לעשות לאותו צדיק כך נמשכה ערלתו שלש מאות אמה והיתה מהזרת על כל המסיבה בולה שנאמר (חבקוק ב) שבעת קלון מכבוד שתה גם אתה והערל. ערל בגימטריא שלש מאות הוו. ואמר רב יהודה אמר רב בשעה שירד נבוכדנצר לגיהנם רעשו כל יורדי גיהנם אמרו שמא למשול עלינו (עליהם)

הוא

ענוש לצדיק לא טוב: וכיון דלאו טוב הרי זה רע וכתיב לא יגורך רע אלמא אינו נכנס בתחומו: חולש על גוים. נבוכדנצר כתיב: ושעירים ירקדו שם. ולא אנשים ובשביל שבריות שסלקין המזיקין ומלא מבטל גזרת המלך: המסבה.

געזאגט פון רבם ווענין ווען נבוכדנצר האט געוואלט מזנה זיין מיט דעם צדיק צדקיהו. איז זיין ערלה געווארין לאנג דריי הונדערט איילין. אבער צדקיהו איז ניט געשטראפט געווארין. נאר זאגט דיא גמרא פון דאנען לערונט אפ רבי יעקב. עס שטייט אין פסוק אז אצדיק שטראפט איז ער ניט גוט. אז מען איז ניט גוט איז מען שלעכט. אז אצדיק שטראפט הייסט ער שלעכט. אונ עס שטייט אין פסוק דוד המלך האט געזאגט צו גאט דוא ביסט אגאט וואס דוא ווילסט ניט קיין שלעכץ. מיט דיר וואוהנט ניט קיין שלעכץ. גאט וויל דוא ביסט אצדיק דריבער ווערט ניט וואוהנען אין דיין וואוהנונג קיין שלעכטער: אין פסוק שטייט ישעיה הנביא האט געזאגט אויף נבוכדנצר וויא אזוי ביסטו אראפ געפאלען פון אזוי הויך וויא פון הימעל. דו. וואס דוא האסט געלויכטען וויא דער מארגינשטערין. דוא האסט געווארפען גורל אויף דיא פעלקער. רבה בר רב הונא האט געזאגט ער פלעגט ווארפען גורל אויף דיא גרעסטע קיניגען וועלכין טאג ער זאל מיט דעם מזנה זיין: אונ וועלכין טאג מיט דעם אנדערין. אזוי פלעגט זיין איטע טאג. דער נאך אז נבוכדנצר איז געשטארבען זאגט דער פסוק אלע קיניגען פון די פעלקער זענען אלע געלעגין מיט כבוד יעדער אין זיין שטוב. זאגט רבי יוחנן זיי האבען גערוהט פון דעם זנות וואס נבוכדנצר פלעגט מיט זיי מזנה זיין. נאך האט רבי יוחנן געזאגט דיא גאנצע צייט וואס נבוכדנצר האט געלעבט איז ניט געפונען געווארען קיין געלעכטער אין דיא מויל פון קיין מענטשין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אז נבוכדנצר איז געשטארבען האט גערוהט די גאנצע וועלט זיי האבען געעפינט די מיילער מיט געזאנג. אבער ביז איצט ווען נבוכדנצר האט געלעבט האט קיינער ניט געזונגען. נאך האט רבי יצחק געזאגט פון רבי יוחנן וועגין מען טאר ניט שטיין אין דיא שטוב וואו נבוכדנצר האט געוואוהנט. ווארום עס שטייט אין פסוק שדים וועלין שפרינגען אין זיין שטוב. אבער ניט מענטשין. רב יהודה האט געזאגט פון רבם וועגין ווען נבוכדנצר האט געוואלט מזנה זיין מיט דעם צדיק צדקיהו. איז זיין ערלה אויס געצויגען געווארין אויף דריי הונדערט איילין דיא לייגג. אונ דיא ערלה איז ארום געגאנגען צווא אלע קיניגען וואס זענען דארטין געזעסען. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דוא ביסט זאט געווארין מיט שאנד מער וויא כבוד. טרינק דוא אויך. והערל. אונ ווערסט פאר מיאוסט ווערין. דער ווארט ערל בטרעפט דריי הונדערט. ווייל דיא ערלה זיינע איז געווארין לאנג דריי הונדערט איילין. נאך האט רב יהודה געזאגט פון רבם וועגין ווען נבוכדנצר איז אראפ געקומען אין גיהנם. האבען אלע רשעים פון גיהנם געציטערט. זייא האבען געזאגט טאמער איז ער געקומען

הוא בא או ליחלש (ליחלות) כמותם הוא בא שנאמר (ישעיה יד) גם אתה חולית כמונו אלינו נמשלת. יצתה בת קול ואמרה (יחזקאל לב) ממי נעמת רדה והשכבה את ערלים. (ישעיה יד) איך שבת נוגש שבתה מדהבה אמר רב יהודה אמר רב שבתה אומה זאת שאמרה מדוד והבא. איכא דאמרי שאמרה מאד מאד הבא בלא מדה (דניאל ד) ורבו יתירה הוספת לי אמר רב יהודה אמר רב ירמיה בר אבא מלמד שרכב על ארי זכר וקשר תנין בראשו לקיים מה שנאמר (ירמיה כז) וגם את חית השדה נתתי לו לעבדו:

מלכים שהיו מסובין ויושבין לפניו: גם אתה חולית וכו'. ביורדי גיהנם כתיב דכתיב לעיל מיניה שאול מתחת רגזה לך לקראת בואך וגו': חולית כמונו אלינו נמשלת. לבין ממשלה: נעמת. סכור אתה להיות כטועם מן האחרים: מדוד: מעות ודינרי זהב והבא: ורבו יתירה הוספת לי. לאחר שבע שנים בבהמה וחזר למלכותו היה משתכח כן ופשט התוספת שקשר תנין גדול בראשו על ארי כפין אמר:

(דף קנ) ג ודבור מי אסיר והא רב חסדא ורב המנונא דאמרי תרוייהו חשבונות של מצוה מותר לחשבן בשבת ואמר רבי אלעזר פוסקים צדקה לעניים בשבת ואמר רבי יעקב בר אידי אמר רבי יוחנן מפקחין פקוח נפש ופקוח רבים בשבת והולכין לבתי כנסיות לפקח על עסקי רבים בשבת ואמר רבי שמואל בר נחמני אמר רבי יונתן הולכים לטרטראות ולקרקסאות ולבסילקאות לפקח על עסקי רבים בשבת ותנא דבי מנשיא משדכין על התינוקות ליארס בשבת ועל התינוק ללמדו

ודבור מי אסיר והא רב חסדא וכו'. וכל כמי דבור הוא: פיקוח נפש. בדבר שיש בו סכנה: פיקוח. דיקומבימונ"ש: ופיקוח רבים. כגון לרשות: טרטראות וקרקסאות ובסילקאות.

גיוועלטיגען אויף אונז. אָדער ער איז גיקומען צו זיין אין גיהנם אזוי וויא מיר זענען. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דוא ביסט אויך קראנק גיווארין אזוי וויא מיר זענען. אונ דוא וועסט זיין אין גיהנם גלייך מיט אונז. אדער דוא ביסט גיקומען גיוועלטיגען אויף אונז. איז ארויס גיגאנגען א קול פון הימעל אונ האט גזאגט צו נבוכדנצר פר וועמען ביסטו זיסער (בעסער) נידער אין גיהנם אונ בלייב ליגען מיט אלע ערלים (רשעים). אלע קעבעדיגע מענטשין האבן גזאגט וויא איז פאר שטערט גיווארען דער בעצווינגער עס איז פאר שטערט גיווארען מדהבה. וואס מיינט מען מדהבה. האט רב יהודה גזאגט פון רבס וועגין עס איז פאר שטערט גיווארען דיא פאלק וואס האט גזאגט מען זאל מעסטין געלט מיט אמאס אונ מען זאל צו איר ברייינגען: אנדערע זאגען אזוי האט זיא גזאגט זייער פיל געלט זאלסטו ברייינגען ניט גימאסטען. אין פסוק שטייט נבוכדנצר האט גזאגט אונ פיל גרויסקייט האסטו מיר גימערט: וואס איז גיוועזן דיא גרויסקייט. האט רב יהודה גזאגט רבי ירמיה בר אבא האט גזאגט דער פסוק לערנט אונז אז נבוכדנצר האט גערייטען אויף א לייב א זכר אונ ער האט אן גיבונדען א שלאנג אויף דעם קאפ פון לייב פר א צאם. צו מקיים זיין דעם פסוק דיא חיות פון פעלד האב איך גיגעבען צו נבוכדנצר זיי זאלען איהם דינען:

ג ודבור. פרעגט דיא גמרא טאר מען דען ניט ריידען אום שבת. רב חסדא אונ רב המנונא זאגען דאך ביידע מען מעג רעכענען אום שבת ארעכענונג וואס איז א מצוה. אונ רבי אלעזר זאגט מען מעג צו זאגען צדקה צו ארעמע לייט אום שבת. אונ רבי יעקב בר אידי האט גזאגט פון רבי יוחנן וועגין אז איינער איז אין א סכנה מעג מען איהם ראטעווען אום שבת. אונ אז פיל מענטשין זענען אין א סכנה מעג מען גיין צוא א שר אום שבת בעטין פון זייערט וועגין אונ מען מעג גיין אין שוהל אום שבת מאכען אן אסיפה (א פאר זאמלונג) צו האלטען א עצה וואס מען זאל טאהן וויא אזוי מען זאל ראטעווען דיא מענטשין וואס זענען אין א סכנה. אונ רבי שמואל בר נחמני האט גזאגט פון רבי יונתן וועגין מען מעג גיין אום שבת אין טרטראות אונ אין קרקסאות אונ אין בסילקאות (דאס זענען אזעלכע ערטער וואס דארט ווערין פר זאמעלט פיל מענטשין) צו האלטען. א עצה וואס מען זאל טאהן וויא אזוי מען זאל ראטעווען דיא מענטשין וואס זענען אין א סכנה. דבי מנשיא האבען גילערנט מען מעג ריידין שדוכים אום שבת. אונ מען מעג אן דינגען א קינד ביי א מלמד אדער ביי א בעל מלאכה אום שבת. מעג

ללמדו ספר וללמדו אומנות אמר קרא (ישעיה נח) ממצוא חפצך ודבר דבר חפצך אסורים וחפצי שמים מותרים:

(ע"ב) **ד תנו** רבנן מעשה בחסיד אחד שנפרצה לו פרצה בתוך שדהו ונמלך עליה לגודרה ונזכר ששבת היתה ונמנע אותו חסיד ולא גדרה ונעשה לו נס ועלתה בו צלף וממנה היתה פרנסתו ופרנסת אנשי ביתו:

(דף קנא ע"ב) **ה עד** אשר לא ירתק חבל הכסף (קהלת יב) זה חוט השדרה ותרוץ גלת הזהב זה אמה ותשבר כד על המבוע זה הכרס ונרוץ הגלגל אל הבור זה פרש וכה"א (מלאכי ב) וזריתי פרש על פניכם פרש חגיכם אמר רב הונא (ואמרי לה אמר רב הגא) אלו בני אדם שמניחין דברי תורה ועושים כל ימיהם כחגים. אמר רבי לוי אמר רבי פפי אמר רבי יהושע לאחר שלשה ימים כרסו נבקעת ונופלת לו על פניו ואומרת לו טול מה שנתת בי. תניא רבי שמעון בן אלעזר אומר עשה עד שאתה מוצא ומצוי לך ועודך בידך: ואף שלמה אמר בחכמתו (קהלת יב) וזכור את בוראך בימי בחורותיך עד אשר לא יבאו ימי הרעה אלו ימי

מיני פלמין שהם יאספו לבית הועד: ללמדו אומנות. דהא כמי מצוה היא דכל שאינו מלמדו אומנות מלמדו לסטות ומהיכא ילפינן מקרא בקדושין בכתובה:

צלף. אילן גדול הוא ובעל ענפים הרבה וג' מיני אוכל יש בפירותיו אביונות קפריסין ולולבין: זה חוט השדרה. שהוא כמין חבל ולבן ככסף: זו אמה. שהוא מעין של תולדה כמו גולות: הכרס: זה פרש. וגלגל לשון גלל: אל הבור. שנופל לתוך פיך: כחגים. בתענוגים: עשה. צדקה: עד שאתה מוצא. למי לעשות: ומצוי. לך ממון: ועודך בידך. עודך ברשותך קודם שתמות:

מען דארף רעדען אום שבת. ענטפערט די גמרא דער פסוק זאגט פון צו געפינען דיינע זאכען און רעדען רייד: דיינע זאכען און דיינע רייד וואס דו דארפסט פאר זיך טארסטו ניט טאהן און ניט רעדען אום שבת: אבער די רייד וואס וועגען אמצוה מעג מען רעדען אום שבת:

ד תנו רבנן. די רבנן האבין גילערנט עס האט אמאהל געטראפען ביי א חסיד אז א וואנט פון זיין פעלד איז צו בראכען געווארין אום שבת: האט ער גיהויבען אוואסער אריין צו גיין אין פעלד. האט ער געוואלט נעמען פאריכטען די וואנט. האט ער זיך דער מאנט אז היינט איז שבת. האט ער ניט פאריכט. איז פאר פלייצט געווארין די פעלד. איז איהם גיטאהן געווארין א נס און עס איז ארויס געוואקסען פון די ערד א בוים וואס הייסט צלף. און פון די פירות פון דעם בוים האט ער גישפייזט זיך און זיין ווייב מיט די קינדער:

ה שלמה המלך האט גזאגט זאלסט גידיינקען גאט איידער דער זילבערנער שטריק וועט צו ריסען ווערין דאס מיינט מען דעם פאדים וואס אין די שדרה און די שדרה פון א מענטש און פון אבהמה און פון אעוף איז דא אשנירול ווייס וויא זילבער. אז דער שנירול ווערט צו ריסען קען מען ניט לעבין. און איידער עס וועט צו בראכען ווערין דער גאלדענער קוואל. דאס מיינט מען דער גליד וואס איז משתין. און איידער עס וועט צוא בראכען ווערין דער קרוג וואס אויף דעם קוואל. דאס מיינט מען דעם בויך. און איידער עס וועט צוא בראכען ווערין די קישקע פון ברונען. דאס מיינט מען די קישקע וואס דארט ליגט די מיסט וויא צואהו פון מענטשין. און אזוי שטייט אין פסוק איך וועל פאר שפרייטין די מיסט אויף אייערע פנים די מיסט פון אייער יום טוב. האט רב הונא גזאגט דאס מיינט מען די מענטשין וואס זייא ליגען אוועק די רייד פון די תורה און זייא מאכען זייערע אלע טעג אזוי וויא יום טוב. רבי לוי און רב פפי און רבי יהושע האבען גזאגט נאך דריי טעג וויא דער מענטש איז גישטארבען ווערט צוא שפאלטין זיין בויך און די קישקעס פאלען אויף זיין פנים און זייא זאגען צו איהם נעם דיר צוריק וואס דוא האסט אונז גיגעבין. מיר האבען גילערנט רבי שמעון בן אלעזר זאגט טוה צדקה ווען דוא געפינסט נאך וועמען צו געבין צדקה. און דוא האסט נאך געלט. און דוא לעבסט נאך. און שלמה המלך מיט זיין חכמה האט אויך אזוי געזאגט. גידיינק דיין בשעפער אין די טעג פון דיין יוגענד איידער די שלעכטע טעג וועלין

ימי הזקנה והגיעו שנים אשר תאמר אין לי בהם חפץ אלו ימי המשיח שאין בהם לא זכות ולא חובה ופליגא דשמואל דאמר שמואל אין בין העולם הזה לימות המשיח אלא שעבוד עובדי כוכבים בלבד שנאמר (דברים טו) כי לא יחדל אביון מקרב הארץ:

• **תניא** רבי אלעזר הקפר אומר לעולם יבקש אדם רחמים על מדה זו שאם הוא לא בא בא בנו ואם בנו לא בא בא בן בנו שנאמר (שם) כי בגלל הדבר הזה תנא דבי רבי ישמעאל גלגל הוא שחוזר בעולם. אמר רב יוסף נקטינן האי צורבא מרבנן לא מיעני. והא קא חזינא דמיעני אם איתא דמיעני אהדורי אפתחא לא מיהדר. אמר ליה רבי חייא לדביתהו כי אתא עניא אקדים ליה ריפתא כי היכי דלקדמו לבניך אמרה ליה מילט קא לייטת להו אמר לה קרא כתיב כי בגלל הדבר הזה ותנא דבי רבי ישמעאל גלגל הוא שחוזר בעולם. תניא רבן גמליאל ברבי אומר (שם יג) ונתן לך רחמים ורחמך והרבך כל המרחם על הבריות מרחמין

לא זכות. לא דבר לזכות בו שכולם עשירים: ולא חובה. לאמץ לב ולקפוץ יד: (עשה עד שלאתה מולא כו'. דהיינו שלאתה מולא עני ולך תמי ולאפוקי ימות המשיח דלאין אתה מולא עני: ושונך בידך. ר"ל בכחך לעשות ולאפוקי ימי הזקנה וה"ש ולאף שלמה כו' ורש"י פי' בע"א ודו"ק. מהרש"א): על מדה זו. שלא יבא לידי עניות דהכי כמוש סוא לבא או עליו או על בנו או על בן בנו: ונתן לך רחמים. שתרחם על הבריות:

קומען. דאס מיינט מען דיא טעג פון דער עלטער. אונ עס וועלען קומען יאהרין וואס דוא וועסט זאגען איך קען אין זייא גאר ניט טאהן. דאס מיינט מען דיא טעג ווען משיח וועט קומען. אין דיא צייטען וועט מען ניט קענען טאהן קיין מצות אונ ניט קיין עבירות, אונ רבי שמעון בן אלעזר קריגט אויף שמואל. ווארום שמואל האט גזאגט פון דיא צייט וואס איז איצט. צו דיא צייט ווען משיח וועט קומען איז ניט מער קיין אונטער שייד. נאר אין דעם גלות. היינט זענען מיר אין גלות אונ אז משיח וועט קומען וועט מען אונז גילייזט ווערין פון גלות. אבער אין אלע איבעריגע זאכען וועלען דיא צייטען זיין גליך. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק עס וועט ניט פאר מיטען ווערין קיין ארעם מאן פון די וועלט. וועט מען דאך קענען טאהן די מצות צדקה:

תניא. מיר האבען גילערנט רבי אלעזר הקפר זאגט א מענטש דארף אייביג בעטין פאר גאט ער זאל אויף איהם רחמנות האבען ער זאל ניט קומען צו ארעמקייט, ווארום די ארעמקייט איז אייביג אן גיבריים צו קומען אויף דעם מענטשין. אונ אויב ער איז ניט גיקומען צו ארעמקייט. וועט זיין זוהן קומען צו ארעמקייט. אונ אויב דער זוהן איז ניט גיקומען צו ארעמקייט; וועט דעם זוהנס אייניקעל קומען צו ארעמקייט. ווארום עס שטייט אין פסוק כי בגלל הדבר הזה. האט רבי ישמעאל גילערנט בגלל איז טייטש אראד גליך ווייא עס וואלט גישפאנען גלגל אראד; דיא ארעמקייט דרייט זיך אויף דיא וועלט אזוי ווי אראד אמאהל קומט זיא צו דעם מענטש. אונ אמאהל קומט זיא צו דעם מענטש. רב יוסף האט גזאגט עס איז געווים אז תלמידי חכמים ווערט ניט ארעם. פרעגט דיא גמרא מיר זעהן דאך אז תלמידי חכמים ווערט יא ארעם. ענטפערט דיא גמרא אויב ער ווערט ארעם אבער גיין אין די הייזער בעטין. גייט ער ניט. גאט שיקט איהם זיין ארעמע פרנסה אין שטוב אריין. ער זאל ניט בארפין פאר שעמט ווערין. רבי חייא האט גזאגט צו זיין ווייב אז ארעם מאן וועט קומען אין שטוב. זאלסטו איהם געשווינט געבין אשטיקול ברויט. מען זאל דיינע קינדער אויך געשווינט געבין אשטיקול ברויט. אז זייא וועלין גיין בעטין ברויט. האט די ווייב גזאגט צו רבי חייא דוא פלוכסט אונזערע קינדער. האט רבי חייא צו איר גזאגט עס שטייט אין פסוק כי בגלל הדבר הזה. אונ דבי רבי ישמעאל האבען גילערנט אז דער ווארט בגלל איז גליך ווי עס וואלט גישפאנען גלגל. אראד. די ארעמקייט גייט ארום אין דיא וועלט אונ קייקעלט זיך אזוי ווייא אראד. פון איין מענטשין גייט זיא אוועק אונ צום אנדערין קומט זיא:

תניא. מיר האבען גילערנט רבן גמליאל ברבי זאגט עס שטייט אין פסוק נאט וועט

והתכם . לבון הייתכם : הריה אבי תרי לא נפיל . נהורנו כדכתיב ומוראכם תרי וכתיב על כל חית הארץ ואפילו ארי : כדרמי בר אבא . דנקנסה עליהם מיתה ונדמין לאריה כבהמה: נמשל. מי שהיה מובלת בו בידוע שכבהמה נדמה. ע"כ : פדחת . המלח שהוא תנק ומגביה יותר מכל כפ:ליף : והחוטם . שהוא הואר פני אדם : זה

מרחמין עליו מן השמים וכל שאינו מרחם על הבריות אין מרחמין עליו מן השמים :

ז תניא רבן שמעון בן גמליאל אומר תינוק בן יומו חי מחללין עליו את השבת אמרה תורה חלל עליו שבת אחד כדי שישמור שבתות הרבה דוד מלך ישראל מת אין מחללין עליו כיון שמת אדם בטל מן המצות והיינו דאמר רבי יוחנן (תהלים פח) במתים חפשי כיון שמת אדם נעשה חפשי מן המצות . ותניא ר"ש בן אלעזר אומר תינוק בן יומו חי אין צריך לשומרו מן החולדה ומן העכברים שנאמר (בראשית ט) ומוראכם וחתכם יהיה כל זמן שאדם חי אימתו מוטלת על הבריות כיון שמת בטלה אימתו . אמר רב פפא נקטינן אריה אבי תרי לא נפיל הא קא חזינן דנפיל ההוא כדרמי בר אבא דאמר רמי בר אבא אין חיה שולטת באדם עד שנדמה לו כבהמה שנאמר (תהלים מט) אדם ביקר בל ילין נמשל כבהמות נדמו . א"ר חנינא אסור לישן בבית יחידי וכל הישן בבית יחידי אחזתו לילית :

ח עד (קהלת יב) אשר לא תחשך השמש והאור זו פדחת והחוטם והירח זו נשמה והכוכבים

דיר געבין רחמנות אונ ער וועט אויף דיר רחמנות האבען אונ ער וועט דיך טעהין. דער וואס האט רחמנות אויף דיא בשעפעניש פון גאט. האט גאט אויף איהם רחמנות אונ דער וואס הט ניט קיין רחמנות אויף דיא בשעפעניש פון גאט. האט גאט אויף איהם אויך ניט קיין רחמנות :

ז תניא. מיר האבען גילערנט רבן שמעון בן גמליאל זאגט אקינד וואס איז נאר אלט איין טאג אז ער לעבט. מעג מען פון זיינעט וועגין מחלל שבת זיין. ווארום דיא תורה האט גזאגט מען זאל מחלל זיין פון זיינעטוועגין איין שבת. ער זאל לעבין וועט ער היטען פיל שבתים. אבער אז דוד דער מלך פון יודען איז גישטארבען איז מען פון זיינעטוועגין ניט מחלל שבת. ווארום אז אמענטש שטארבט דארף ער שוין ניט טאהן קיין מצות. דאס איז וואס רבי יוחנן הט גזאגט עס שטייט אין פסוק במתים חפשי: דיא טויטע זענען פריי. אז אמענטש שטארבט ווערט ער פריי פון מצות. נאך האבען מיר גילערנט רבי שמעון בן אלעזר זאגט אקינד וואס איז אלט איין טאג אז ער לעבט דארף מען איהם ניט היטען פון קעץ אונ פון מייז. אבער עוג מלך הבשן אז ער איז טויט דארף מען איהם היטען פון קעץ אונ פון מייז זייא זאלען איהם ניט עסין : אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ומוראכם וחתכם יהיה. אזוי לאנג וויא דער מענטש לעבט איז זיין מורא אויף אלע בשעפעניש. וחתכם איז טייטש אייער לעבין) . אונ אז דער מענטש שטארבט הערט אויף זיין מורא. רב פפא האט גזאגט מיר ווייסען אז אלייב (אונ אלע אנדערע חיות) פאלען ניט ארויף אויף צווייא מענטשין מיט איין מאהל. פרעגט דיא גמרא מיר זעהן דאך אז אלייב פאלט יא אפילו אויף צוויי מענטשין אויך. ענטפערט די גמרא דאס איז אזוי וויא רמי בר אבא האט גזאגט. אחיה פאלט ניט ארויף אויף אמענטשין איהם צו הרגנן סיידין דער מענטש זעהט ביי איר אוים וויא אבהמה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק נמשל כבהמות נדמו. ווען גיוועלטיגט אחיה אויף אמענטשין צוא הרגנן איהם. אז ער זעהט בייא איר אוים וויא אבהמה. רבי חנינא זאגט אמענטש טאר ניט שלאפען אליין אין אשטוב. אונ דער וואס שלאפט אליין אין אשטוב קומט צו איהם די ווייב פון דיא שדים וואס זיא הייסט לילית :

ח שלמה המלך האט גזאגט אמענטש זאל טאהן תשובה איידער עס ווערט פינסטער די זוהן אונ דיא ליכטיגקייט. דאס מיינט מען דעם שטערין אונ דיא נאז. זייא זענען דיא ליכטיגקייט אונ דיא שיינקייט פון פנים. דיא לבנה מיינט מען דיא נשמה. די שטערין מיינט

זהב כבים אלו הלסתות ושבו העבים אחר הגשם זו מאור עיניו של אדם שהולך אחר הבכי אמר שמואל האי דמעתא עד ארבעין שנין הדרא מכאן ואילך לא הדרא. ואמר רב נחמן האי כוחלא עד ארבעין שנין מרווח מכאן ואילך אפילו מליא כאביסנא דגירדאי אוקומי מוקים ארווחי לא מרווח. רבי חנינא שכיבא ליה ברתיה לא הוה קא בכי עילוה. אמרה ליה דביתהו תרנגולתא אפקת מביתך אמר לה תרתי תיכלא ועוירא סבר לה כי הא דאמר רבי יוחנן משום רבי יוסי בן קצרתה שש דמעות הן שלשה יפות ושלשה רעות של עשן ושל בכי (דף קנג) ושל בית הכסא רעות של סם ושל שחוק ושל פירות יפות. (סס) ביום שיזועו שומרי הבית והתעותו וגו' שומרי הבית אלו הכסלים והצלעות. והתעותו אנשי החיל אלו שוקים. ובטלו הטוחנות אלו שינים וחשכו הרואות בארובות אלו עינים. אמר ליה קיסר לרבי יהושע בן חנניה מ"ט לא אתית לבי אבידן אמר ליה טור תלג סחרנוהי גלידין כלבוהי לא נבהין טחנוהי

נשמה. כדכתיב נר אלהים נשמת אדם: הלסתות. לחיים: ושבו העבים. חשכיות עינים יבא ויכהה המאור אחר שירבה בבכיה כשקנתו מהמת תשות כחו ולחות רבות עליו: מרווח. מאיר עינים: אפילו מליא. כחלא בעינים כמכחול גדול: כאביסנא. של גרדאי כוכב של גרדיים: אוקומי מוקים. המאור מוקים שלא יהא (יותר) ממה שהוא: תיכלא ועוירא. שיכול בנים ועורון בדמעם של בכי מתוך אבל וצרה: של בית הכסא. מתוך יכורין: של פירות. כגון ריח חרדל: הכסלים. פלנקים: והצלעות. שהם שומרים כמו נמצאים ותיותו של אדם וסוגרים בעדם: אלו שוקים. שהם של אדם נסמך עליהם: טור תלג. ההר נעשה שלג כלומר ראשו לבן: סחרנוהי גלידין. סביבותיו של הר מלא קרח כלומר כפתי וזקני הלבינו: כלבוהי לא נבהין. קולי אינו נשמע: טחנוהי.

מען דיא באקן. דיא וואלקינס וועלין צוריק קערין נאך דעם רעגין. דאס מיינט מען דיא ליכטיגקייט פון דעם מענשינס אויגען וואס זייא גייען אוועק פון איהם נאך דעם פיל וויינען וואס ער וויינט אויף דער עלטער פון שוואכקייט אונ פון צרות. שמואל זאגט דיא טרערין וואס גייט ארויס פון דיא אויגען. אז דער מענטש איז אלט פאר פערציג יאהר קומט צוריק דיא ליכטיגקייט אין דיא אויגען. אונ אז דער מענטש איז עלטער וויא פערציג יאהר קומט ניט צוריק דיא ליכטיגקייט. רב נחמן זאגט אז מען שיט אריין כוחלא אין דיא אויגען וכוחלא איז ארער ביים אזוי אפארב וואס מאכט ליכטיג דיא אויגען. אז מען איז אלט פאר פערציג יאהר. ווערין די אויגען ליכטיגער. אונ אז מען איז אלטער וויא פערציג יאהר. אפילו ער וועט אריין שיטען אין די אויגען פארב פון אפוגע דער וואס איז גרויס וויא דער קלאץ פון די וועבערס. וועט דאס נאר העלפין דיא אויגען זאלען ניט טינקעלער ווערין. אבער ליכטיגער וועלין זייא ניט ווערין. ביי רבי חנינא איז געשטארבען א טאכטער. האט רבי חנינא ניט גיוויינט אויף איר. האט די ווייב גזאגט צו רבי חנינא אהין איז אוועק גיגאנגען פון דיין שטוב. ווס דוא וויינסט נים. האט רבי חנינא גזאגט צום ווייב צווייא זאכען זאל זיין קיין קינד ניט האבען אונ בלינד ווערין; ווארום רבי חנינא האלט אזוי וויא רבי יוחנן האט גזאגט פון רבי יוסי בן קצרתה זעקס ערליי טרערין זענען דא. דריי ערליי טרערין זענען גוט. אונ דריי ערליי טרערין זענען שלעכט. די טרערין וואס גייט פון רויך אונ פון וויינען אונ פון בית הכסא זענען שלעכט. אונ דיא טרערין וואס גייט פון די אויגען פון דעם פארב וואס מען האט אריין גישאטען אין דיא אויגען ואזוי וויא פריער שטייט) אונ פון גילעכטער. אונ פון דעם ריח פון פירות דיא טרערין זענען גוט. שלמה המלך הט גזאגט אין דעם טאג וואס וועלין ציטערין די ווס היטען די שטוב. אונ עס וועלין פאר קרימט ווערין די זעלנער. די וואס היטען די שטוב מיינט מען די פלאנקען אות דיא ריפען. זיי היטען דיא גידערים וואס דאס איז דער לעבין פון מענטשין. אונ עס וועלין פאר קרימט ווערין דיא זעלנער דאס מיינט מען די פים. אונ דיא וואס מאלען וועלען בטל ווערין. דאס מיינט מען דיא ציין וואס מאלען דאס עסין וועלין ארויס פאלען. עס וועלען פינסטער ווערין דיא וואס זעהן דורך דיא פענסטער. דאס מיינט מען דיא אויגין וועלען טונקעל ווערין. דער קיסר הט גזאגט צו רבי יהושע בן חנניא פאר ווס קומסטו ניט צום בי אבידן ועיין גרע בכ"י כתבי סימן ו). האט רבי יהושע גזאגט צום קיסר דער בארג איז ווייס ודיא האר פון

טחנוהי לא טחנין. דבי רב אמרי ארלא אבידנא בחישנא. תניא רבי יוסי בן קיסמא אומר טבא תרי מתלת ווי לה לחדא דאזלא ולא אתיא מאי היא אמר רב חסדא ינקותא כי אתא רב דימי אמר ינקותא כלילא דוורדא סיבותא כלילא דחילפי תנא משמיה דר' מאיר דוק בככי ותשכח בנגרי שנאמר (ירמיה מד) ונשבע לחם ונהיה טובים ורעה לא ראינו אמר ליה שמואל לרבי יהושע (יהודה) שיננא שרי שקיך ועייל לחמא עד ארבעין שנין מיכלא מעלי מכאן ואילך משתי מעלי. אמר ליה האי גוזאה לרבי יהושע בן קרחה מהכא לקרחינאה כמה הוה אמר ליה כמהכא לגוזניא אמר ליה מינאי ברחא קרחא בארבע אמר ליה עיקרא שליפא בתכניא. חזייה דלא סיים מסאניה אמר ליה דעל סוס מלך דעל חמור בן חורין ודמנעלי ברגלוהי בר איניש דלא הא ולא הא דחפיר וקביר טב מיניה. אמר ליה גוזא גוזא תלת אמרת לי תלת אמרי לך. הדרת פנים זקן

פירוש

בטינים: אדלא אבידנא בחישנא. אמר מה שלא נאבד ממני אני מפשפש מרוב זקנה אני הולך בשחוח ומנענע וכאלו כמו שמבקש דבר הנאבד לי: טבא תרי מתלת. טובים ב' הרגלים של ימי הבחרות מג' של זקנה שצריך משענת עם רגליו: ווי לה. הכל עליה כלומר יש לי להתאונן ולצעוק ווי ההולכת ואינה חוזרת: כלילא דוורדא. נזר. של ורד: חילפי. אורדינא"ש: דוק בככי ותשכח בנגרי. אכול הרבה ותמלא בפסיעות סיחוק כהך: דוק. כמו אכלה מדקה לשון כותש: שרי שקיך. פתח פיך ואכול פת הרבה: גוזא. הרים וננס היה: מהכא לקרחינאה כמה הוי. כמה מהלך יש מכאן עד הקרח להקניטו על קרחתו נתכוין: כמהכא לגוזניא. כמה שמכאן עד הסרים: ה"ל מינאי ברחא קרחא בד'. שהקרח לקוח בד': ברחא קרחא. הוא עז על שם שאינו מלובש בשער כרחל קורהו קרח: ואמר ליה. רבי יהושע: עיקרא שליפא. שם בגליו עקורין והוקין לוקחין בת' זוזים: חזייה.

קאפ איז ווייס וויא שנייא. ארום דעם בארג איז אייז ודיא בארד אונ דיא וואנסעם זענען ווייס וויא אייז. דיא הינט בילען ניט. מען הערט ניט וואס איך רייד. דיא מילגער מאגען ניט. דיא ציין קענען ניט קייען. דבי רב זאגען איך האב ניט פאר לארין. אונ איך זוך. איך גיי איינגיבויגען פון אלטער זעהט אוים וויא איך וואלט עפעס גיזוכט. מיר האבען גילערנט רבי יוסי בן קיסמא זאגט עס איז בעסער צוויא וויא דרייא ודיא צווייא פים פון דער יוגענד איז בעסער וויא דיא דרייא פים פון דער עלטער. די דריטע פוס איז דער שטעקין. עס איז וויי אויף איין זאך וואס זיא גייט אוועק אונ זיא וועט ניט צוריק קומען. וואס איז די זאך. האט רב חסדא גיזאגט דאס איז די יוגענד. רב דימי זאגט די יוגענד איז וויא א קרוין פון רויזין: די עלטער איז וויא א קרוין פון דערנער. מיר האבין גילערנט פון רבי מאירס וועגין מאל מיט די ציין וועסטו געפינען אין די טריט. עס פיל וועסטו האבין כח צו גיין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק מיר וועלין זיין זאט מיט ברויט וועלין מיר זיין גוט אונ מיר וועלין ניט זעהן קיין שלעכץ. שמואל האט גיזאגט צו רב יהודה דו למדן בינד אויף דיין זאק אונ לייג אריין דיין ברויט. העפין אויף דיין מויל אונ עס ברויט. ביז פערציג יאהר איז גוט מען זאל פיל עסין. אונ פון פערציג יאהר אונ ווייטער איז גוט מען זאל פיל וויין טרינקען. אמענטש וואס האט ניט גיהאט קיין קינדער (דער הייסט אסריס) האט גיזאגט צו רבי יהושע בן קרחה. ווי וייט איז פון מיר ביז צו דעם גאלין קאפ. ורבי יהושע האט גיהאט א גאלין קאפ. האט רבי יהושע צו איהם גיזאגט אזוי וייט וויא עס איז פון מיר ביז צו דעם סרים. האט דער סרים וואס ער איז גיוועזן א אפיקורוס גיזאגט צו רבי יהושע דער שעפס וואס איז גאל ער האט גיט קיין וואהל אויף זיך דאס מיינט מען אקאזע וואס זיא האט ניט קיין וואל נאר האר. דער ווערט פארקויפט וואלויל פאר פיר גילדין. האט רבי יהושע גיזאגט צום סרים דער שעפס וואס זיינע אייער זענען אויסגעריסען. ער קען ניט האבין קינדער. קויפט מען אים פאר אכט גילדין. דער וייל האט דער סרים גיזעהן אז רבי יהושע גייט אן שיך האט ער גיזאגט צו רבי יהושע דער וואס רייט אויף אפערד איז א מלך. דער וואס רייט אויף א אייזיל איז א פרייער מענטש. דער וואס האט שיך אויף די פים איז א מענטש. דער וואס האט ניט די אלע דרייא זאכין. דער וואס איז באגראבין איז אים בעסער פון דעם לעבעדיגען. האט רבי יהושע גיזאגט צו אים. סרים סרים. דריי זאכין האסטו מיר גיזאגט. דריי זאכין וועל איך דיר זאגן.

זקן שנחת לב אשה נחלת ה' בנים ברוך המקום שמנעו לאותו האיש מכולם אמר ליה קרחא מציינא אמר ליה עיקרא שליפא תוכחה. אמר ליה רבי לרבי שמעון בן חלפתא מפני מה לא הקבלנו פניך ברגל כדרך שהקבילו אבותי לאבותיך אמר ליה סלעים קטנים נעשו גבוהים קרובים נעשו רחוקים משתים נעשו שלשה משים שלום בבית בטל. (קהלת יב) וסוגרו דלתים בשוק אלו נקביו של אדם. בשפל קול הטחנה בשביל קורקבן שאינו טוחן. ויקם לקול הצפור שאפילו צפור מנערתו משנתו. וישחו כל בנות השיר שאפילו קול שרים ושרות דומות עליו כשוחה. ואף ברזילי הגלעדי אמר לדוד (שמואל ב יט) בן שמונים שנה אנכי היום האדע בין טוב לרע מכאן שדעתן של זקנים משתנות. אם יטעם עבדך את אשר אוכל ואת אשר אשתה מכאן ששפתותיהם של זקנים מתרפטות. (שם) אם אשמע עוד (קול שירים ושירות) [בקול שרים ושרות] מכאן שאזניהם של זקנים מתכבדות

מינה לרבי יהושע דלא הייה מסתייע: קרחא מציינא. אתה הקרח במריבה אתה בא עמדי בתמיה: א"ל. רבי יהושע: עיקרא שליפא תוכחה. אתם הסרים לסקיפה ולהתוכח עמי באת: לא הקבלנו פניך. לא הקבלת פני ודרך ענוה קאמר ליה: סלעים קטנים נעשו לי גבוהים. בזקנתי: קרובים נדמו לי כרחוקים: משתים נעשו לי שלשה. שלשה אמי משענת: משים שלום בבית. אבר תשמיש. ל"א קרובים נעשו רחוקים מרוב חלשות של אדם כשמזקין צריך להרחיק רגליו זה מזה: שאינו טוחן שאין בני מעיו טוחנין אכילתו: קורקבן. המסס שקורין ציגס"ל: כל בנות השיר. כל קולות של שיר דומין לו כשוחה: שדעתן של זקנים משתנים. דכתיב האדע בין טוב לרע ובזקנה מרובה קאמר: מתרפטות. מתבקעות כמו מגעל המרופס: מתכבדות.

די שיינקייט פון פנים איז אפארד: די פרייד פון הארץ איז א ווייב. אפארמעגען פון גאט זענען קינדער. געלויבט איז גאט וואס ער האט פאר מיטען דעם מענטשין [דעם סריס] פון די אלע דריי זאכין. האט דער סרים געזאגט צו רבי יהושע גאלער קאפ ווילסט דיך קריגען מיט מיר. האט רבי יהושע געזאגט צום סרים דו אויסגעריסענע אייער ווילסט מיך דערצערענען. רבי האט געזאגט צו רבי שמעון בן חלפתא פאר וואס זענען מיר ניט געקומען זעהן דיין פנים אום יום טוב. אזוי וויא מיינע עלטערין פלעגין קומען צו דיינע עלטערין. [אין אמת האט רבי געמיינט פאר קערט. ער האט געוואלט וויסען פאר וואס קומט ניט שמעון בן חלפתא צו אים אום יום טוב. אזוי וויא די עלטערין פון רבי שמעון בן חלפתא פלעגין קומען צו די עלטערין פון רבין] האט רבי שמעון בן חלפתא געענטפערט די קליינע שטיינער זענען געווארין הויכע בערג. וואס ביי מיר איז אמאהל געווען נאהענט איז היינט ווייט. ווייל איך בין אלט איז מיר יעדער ארט צו הויך. אונז יעדער ארט צו ווייט. פון צוויי פיס איז געווארין דרייא פיס. איך מוז האבין א שטעקין. דער וואס מאכט שלום צווישען מאן אונז ווייב איז שוין ניטא. איך קען שוין ניט משמש המטה זיין. שלמה המלך האט געזאגט עס וועט קומען א צייט אויף א מענטשין וואס די טירען פון גאס וועלין פאר שלאסען ווערין. דאס מיינט מען פון אלטער וועט ער ניט קענען ארויס גיין דאס מענשליכע ארויס גאנג. דאס אינווייניגסטע קראפט וואס שטויסט ארויס די השתנה אונז די צואה וועט שוואך ווערין. עס וועט נידעריג ווערין דער קול פון דעם מאלין. דאס מיינט מען דער פופעק מיט די קישקעס וועלין שוין ניט מאהלין דאס עסין. פון אלטער ווערין זיי שוין ניט האבין קיין כח צו פארדייען דאס עסין. ער וועט אויף שטיין צום קול פון אפויגיל. אפילו אפויגיל מיט איר שוואכער שטימע וועט אים אויף וועקין פון זיין שלאף. עס וועלין איינגעבויגין ווערין אלע טעכטער וואס זינגען. דאס מיינט מען אלע קולות פון דיא זינגער אונז פון די זינגערינס וועלין ביי אים זיין איינגעבויגין. פון אלטער וועט ער זיין טויב אז דאס גרעסטע געשרייא וועט ער קוים שטיל הערין. ברזילי הגלעדי האט אויך אזוי געזאגט צו דוד המלך. איך בין היינט אלט אכציג יאהר וויים איך דען פון גוט צו שלעכט. זעהן מיר אז דער שכל פון דעם מענטש ווערט פארענדערט אויף דער עלטער. נאך האט ברזילי געזאגט צו דוד האט דען דיין קנעכט א געשמאק אין דעם וואס ער עסט אונז טרינקט. פון דאנען זעהן מיר אז די לעפצין פון די אלטע לייט ווערין צו שפאלטין. נאך האט ברזילי געזאגט צו דוד וועל איך דען נאך הערין דעם קול פון די זינגער אונז פון די זינגערינס. פון דאנען ווייסין מיר אז דיא אויערין

מתכברות. אמר רב ברזילי הגלעדי שקרא הוה דההיא אמתא דהואי בי רבי בת תשעים ותרתין שנין והות טעמא קידרא. רבא אמר ברזילי הגלעדי שטוף בזמה הוה וכל השטוף בזמה זקנה קופצת עליו:

ט **תניא** רבי ישמעאל ברבי יוסי אומר תלמידי חכמים כל זמן שמזקינין חכמה נתוספת בהם שנאמר (איוב יב) בישישים חכמה ואורך ימים תבונה ועמי הארץ כל זמן שמזקינין טפשות נתוספת בהם שנאמר (שם) מסיר שפה לנאמנים וטעם זקנים יקח. גם מגבוה ייראו שאפילו גבשושית קטנה דומה עליו כהרי הרים. וחתחתים בדרך בשעה שמהלך בדרך נעשה לבו (לו) תוהים. וינאץ השקד זו קליבוסת ויסתבל החגב אלו עגבות ותפר האביונה זו חמדה. רב כהנא הוי פסיק סידרא קמיה דרב כי מטא להאי קרא נגיד ואיתנח אמר ש"מ בטיל ליה חמדיה דרבי אמר רב כהנא מאי דכתיב (תהלים נג) כי הוא אמר ויהי זו אשה היא

טעמו ולחמיו ככנד: בטיף. כמו כשוס שוטף במלחמה לשוס אחר דבר ורודף:
טעם זקנים יקח. וע"כ מדקה קראי אהדדי חד מיתוקם בחכמים וחד בזקני העם: מגבוה ייראו. יראים הם הזקנים מגבשושית שבדרכים ותולים גבוהים הם: תוהים. פחדים: וינאץ כשקד. אילן של שקדים ינץ ויהיו פורחין נאי אלו: זו קליבוסת. עלם של אנקא שכירך הקוע בו בולט ויוצא מרוב תשות כחו: ויסתבל החגב. דומה עליו (כמשא) [כסובל משא] כנד: ותפר האביונה. תבטל התאוה חמדת נשים: פסיק סדרא. מסדר קריאות של פסוקים: נגיד ואיתנח. רב: חמדיה. חמדתו: זו אשה. הם לא ע"פ גזירת המלך לא היתה ראויה להתאות לה שהיא כתמת מלאה מיאוס והכל רצין אחריה. ע"כ:

איינען פון די אלטע מענטשין ווערין שוואך. מען ווערט טויב אויף דער עלטער. רב זאגט ברזילי הגלעדי איז געווען א ליגנער. ווארום ביי רבי איז געווען א דינסט זיא איז אלט געווען צוויי אונ ניינציג יאהר אונ זיא פלעגט נאך פאר זוכען דעם טאם עסין צו וויסען אויב דאס עסין האט אנגעטען געשמאק אדער ניין. אונ וועלכע בשמים מען דארף געבין אין דאס עסין צו פארבעסערין דעם געשמאק פון עסין. רבא זאגט ברזילי הגלעדי האט זייער פיל משמש המטה געוועזען. אונ דער מענטש וואס איז פיל משמש המטה קומט אויף אים די עלטער פאר דער צייט:

ט תניא. מיר האבען געלערנט רבי ישמעאל ברבי יוסי זאגט תלמידי חכמים וואס עלטער זיי ווערין קלוגער ווערין זיי. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק איוב האט געזאגט ביי די אלטע תלמידי חכמים איז דא חכמה אונ וואס לייגער זייא לעבין מער פאר שטאנד האבען זיי. אבער די עמי הארצים (די פראסטע מענטשין) וואס עלטער זייא ווערין נארישער ווערין זיי. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ער טוהט אפ די לעפצין פון די בגלויבטע מענטשין (דאס זיי זענען עמי הארצים האבען זיי ניט קיין שכל וואס צו ריידין). אונ די עצה פון די אלטע לייט נעמט ער אוועק. די אלטע עמי הארצים האבען שוין ניט קיין שכל צו געבין א עצה. שלמה המלך האט געזאגט פאר אהויכע זאך האבען זיי מורא. אפילו א קליינער בארג זעהט אויס ביי דעם אלטען מאן וויא עס וואלט געווען עטליכע גרויסע בערג איינער אויף דעם אנדערין. אפילו אויף א קליינעם בערגיל איז איהם שוועהר ארויף צו גיין. ער האט שרעק אין וועג. ווען דער אלטער מאן גייט אין וועג שרעקט איהם זיין הארץ. עס זאל איהם ניט טרעפין קיין אומגליק. עס וועט בליהען דער מאנדלען בוים. אונ די בלאסקין וועט ארויס גיין אין דיא זייטע פון בוים. דאס מיינט מען די ביינער פון דעם אלטען מאן זעהט מען ארויס ווייל ער גייט איינגיבויגין. דער חגב וועט זיין א משא. דאס מיינט מען ביי דעם אלטען מאן זענען דיא פיס א משא. עס איז איהם שווער צו שלעפין זיינע אייגענע פיס. דיא גלוסטונג וועט געשטערט ווערין. ער וועט שוין ניט גלוסטען צוא ווייבער. רב כהנא האט אמאהל געלייענט פסוקים פאר רב. אז רב כהנא איז געקומען צו דעם פסוק ותפר האביונה. דיא גלוסטונג וועט פאר שטערט ווערין. האט רב א זיפץ געטאהן. האט רב כהנא געזאגט איצט וויים איך אז ביי דעם רבי האט שוין אויף געהערט די גלוסטונג פון ווייב. רב כהנא האט געזאגט וואס מיינט דער פסוק גאט האט געזאגט אונ ס איז געווארין. דאס מיינט מען א אשה. גאט האט געבאטען אונ עס איז אזוי געבליבען. דס מיינט מען קינדער. ווארום דער מענטש מיט זיין שכל וואלט נים

הוא צהה ויעמוד אלו בנים הנא אשה חכת מלא צואה ופיה מלא דם והכל רצין אחריה :

(קהלת יב) י כי הולך האדם אל בית עולמו . אמר רבי יצחק מלמד שכל צדיק וצדיק (עושים) [נותנין] לו מדור לפי כבודו . משל למלך בשר ודם שנכנס הוא ועבדיו לעיר כשהם נכנסין כולם בשער אחד נכנסין כשהן לנין כל אחד ואחד נותנין לו מדור לפי כבודו . ואמר רבי יצחק מאי דכתיב (שם יא) כי הילדות והשחרות הבל דברים שאדם עושה בילדותו משחירים פניו לעת זקנתו . ואמר רבי יצחק קשה רמה למת כמחט בבשר החי שנאמר (איוב יד) אך בשרו עליו יכאב . אמר רב חסדא נפשו של אדם מתאבלת עליו כל שבעה שנאמר (שם) ונפשו עליו תאבל וכתיב (בראשית נ) ויעש לאביו אבל שבעת ימים . א"ר יהודה מת שאין לו מנחמין הולכים עשרה בני אדם ויושבים במקומו . ההוא דשכיב בשכבותיה דרב יהודה לא היה ליה מנחמין (ע"ב) כל יומא הוה דבר רב יהודה בי עשרה ויתבי בדוכתיה (לאחר שבעת ימים) אתחזי ליה בחלמיה דרב יהודה ·

מדור לפי כבודו . מדלא כתיב אל בית עולמם ש"מ כל אחד ואחד לפי סמוכן לו : כבשר חי . אף כאן סכל מתים בענין אחד : שאדם עושה בילדותו . רוב השמים : מבחירים פניו א' נואים כחו : שאין לו מנחמין . אין לו אבלים שיהיו מניכין לנחמו : במקומו . במקום שמת שם : כל יומא . ל'

גענומען קיין ווייב אונ וואלט ניט וועלען האבען קינדער . ווארום צו וואס דארף ער טראגע אויף זיך די לאסט צו שפייזען ווייב אונ קינדער ; נאר ווייל גאט האט אזוי געוואלט דריבער האט ער געשטארקט די תאוה פון מענטשען צו אווייב מער וויא צו אלע פערגעניגונגס . אונ ער האט געשטארקט די ליבשאפט פון פאטער אונ מוטער צו זייערע קינדער . זייא זאלען ליב האבען זייערע קינדער מער וויא זייער אייגענעם לעבין . מיר האבען געלערנט די אשה איז פאס פול מיט צואה . אונ איר מויל איז פול מיט בלוט . אונ אלע מענטשען לויפען נאך איר אונ וילען האבען איר פערגעניגען :

י שלמה המלך האט געזאגט דער מענטש גייט צו זיין וועלט . וואס מיינט מען זיין וועלט האט רבי יצחק געזאגט דער פסוק לערנט אונז אז מען גיט אין גן עדן צו יעדער צדיק אבזונדער וואוהנונג אזוי וויא זיין כבוד דארף זיין . האט יעדער מענטש זיין וועלט אזוי וויא ער איז ווערט . דאס איז גליך צו א מלך מיט זיינע קנעכט וואס זענען אריין געקומען אין א שטאט . ווען זייא גייען אריין אין שטאט גייען אלע אריין דורך איין טויער ; אבער אז זייא נעכטיגען אין שטאט ניט מען יעדען אבזונדער וואוהנונג אזוי וויא זיין כבוד איז . אזוי אלע צדיקים גייען אריין אין גן עדן דורך איין טויער . אבער אין גן עדן גיט מען צו יעדער צדיק אבזונדער וואוהנונג אזוי וויא זיין כבוד איז . נאך האט רבי יצחק געזאגט וואס מיינט דער פסוק די יוגענד אונ די שווארצקייט איז נארעש . דיא זאכען וואס דער מענטש טוהט אין זיין יוגענד . אז עס גייט ארויס פון איהם פיל רעה אין דער יוגענד ; דאס מאכט שווארץ זיין פנים אויף דער עלטער . ווייל אויף דער עלטער האט ער ניט קיין כח . נאך האט רבי יצחק געזאגט אז דער ווארעם בייסט דעם טויטען אין קבר . איז איהם אזוי שלעכט . וויא שלעכט עס איז דעם לעבעדיגען אז מען שטעכט איהם מיט א נאדיל . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק זיין פלייש שמערצט איהם . רב חסדא זאגט די נשמה טרויערט אויף דעם גוף זיבען טאג . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק זיין נפש טרויערט אויף איהם . נאך שטייט אין פסוק יוסף האט געמאכט א טרויער אויף זיין פאטער זיבען טאג . רב יהודה זאגט דער טויטער וואס האט ניט וועמען מען זאל טרייסטען . ער האט ניט געלאזען קיין קינדער . איז א מצוה צעהן מענטשען זאלען זיין אין די שטוב וואס ער איז געשטארבען . אונ זייא זאלען דארט זיצען די גאנצע זיבען טאג פון נאך זיין שטארבען . איינער האט געוואוינט נאנט פון רב יהודה אונ ער איז געשטארבען . אונ עס איז ניט געבליבען וועמען מען זאל טרייסטען ; אלע טאג האט רב יהודה געפירט צעהן מענטשען אונ זיי זענען געזעסען דארט אין שטוב . אזוי האט רב יהודה געטאהן זיבען טאג ; נאך די זיבען טאג איז דער

סעו/טש

מי מלגו : גולל. הוא כיסוי שנותנים על ארונו : נפשו עליו תאבל. כ"ז שיש לו בשר יש לו נפש לו היות להבין : וישוב העפר. גופו קרוי עפר ומשנשב אל הארץ כשהיה מיד והרוח תשוב שאין בו רוח עוד : אשר נתנה. קרא יתירא הוא לדרש כוי זכור שהשיבנה אליו כמו שנתנה לך נקיה בלי עון: כלים יתנו לאוצר. להצניע אף זו תנתן תחת כסא הכבוד : לכביסה. ללבן אף זו לגיהנם נמסרת שם:

יהודה ואמר ליה תנוח דעתך שהנחת את דעתי, אמר רבי אבהו כל שאומרים בפני המת יודע עד שיסתם הגולל פליגי בה רבי חייא ורבי שמעון בר אבא (ברבי) חד אמר עד שיסתם הגולל וחד אמר עד שיתעכל הבשר מ"ד עד שיתעכל הבשר דכתיב (איוב יד) אך בשרו עליו יכאב גו' מ"ד עד שיסתם הגולל דכתיב (קהלת יב) וישוב העפר על הארץ כשהיה:

תנו רבנן והרוח תשוב אל האלהים אשר נתנה תנה לו כאשר נתנה לך בטהרה אף אתה בטהרה משל למלך בשר ודם שחלק בגדי מלכות לעבדיו פקחים שבהם קפלום והניחום בקופסא טפשים שבהם הלכו ועשו בהם מלאכה לימים בקש המלך את כליו פקחים שבהם החזירום לו כשהם מגוהצים טפשים שבהם החזירום לו כשהם מלוכלכין שמח המלך לקראת פקחים וכעס לקראת טפשים על הפקחים אמר ינתנו כלים לאוצר והם ילכו לבתיהם לשלום ועל הטפשים אמר כלים ינתנו לכביסה והם יתחבשו בבית האסורים אף הקב"ה על גופם של צדיקים אומר (ישעיה נז) יבא שלום ינוחו על משכבותם ועל נשמתם הוא אומר

מענטש גיזעהן גיוואָרין אין חלום צו רב יהודה. אונ ער האט גיזאגט צו איהם דו זאלסט זיין ברוהיגט ווייל דוא האסט מיך ברוהיגט. רבי אבהו זאגט אלץ וואס מען זאגט פאר דעם מת. ווייס דער מת. ביז מען שיט ארויף אויף איהם די ערד. רבי חייא אונ רבי שמעון ברבי קריגען. איינער זאגט דער מת הערט ביז מען שיט ארויף אויף איהם דיא ערד. אונ איינער זאגט דער מת הערט ביז דיא פלייש זיינע ווערט פר פוילט. דער וואס זאגט דער מת הערט ביז דיא פלייש זיינע ווערט פאר פוילט. ווארום עס שטייט אין פסוק זיין פלייש שמערצט אים. אזוי לאנג וויא ער האט פלייש הערט ער וואס מען טוהט מיט איהם. אונ דער וואס זאגט דער מת הערט ביז מען שיט ארויף אויף איהם ערד; ווארום עס שטייט אין פסוק דיא ערד ודער גוף וואסיער איז ערד] ווערט זיך קערין צוא ערד. [צוא דיא ערד וואס מען בגראבט איהם]. אונ באלד וויא די ביידע ערד קומען צו זאמען גייט שוין פון איהם אוועק די נשמה אין גאנצן. אונ ער איז שוין אמתה ערד:

תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערנט עס שטייט אין פסוק דיא נשמה וועט צוריק קערין צו גאט וואס ער האט איר גיגעבין. גיב צוריק די נשמה צו גאט אזוי וויא ער האט דיר גיגעבין אריינע נשמה זאלסטו איהם צוריק געבין אריינע נשמה. דאס איז גליך צוא אמלך וואס ער האט גיטיילט קיניגליכע קליידער צו זיינע קנעכט זייא זאלין דאס היטען. דיא קלוגע קנעכט האבין איין גיוויקילט די קליידער אונ האבין זייא אריין גילייגט אין אקאסטין. די נארישע קנעכט האבין אן גיטאהן די קליידער אונ האבין גיארבעט זייער ארבעט. אין אצייט לאנג האט דער מלך גיזאגט מען זאל אים צוריק געבין זיינע קליידער. די קלוגע קנעכט האבין צוריק גיגעבין די קליידער אונ זיי האבין גיגלאנצט אזוי וויא מען האט זייא גיגעבין. די נארישע קנעכט האבין צוריק גיגעבין בשמוצטע קליידער. האט זיך דער מלך גיפרייט געגין די קלוגע קנעכט אונ איז אין כעס גיוועזן געגין די נארישע קנעכט. אויף די קלוגע קנעכט האט דער מלך גיזאגט די קליידער זאל מען אריין לייגן אין קאסטין. אונ זייא זאלין גיין לשלום אהיים. אויף די נארישע קנעכט האט דער מלך גיזאגט די קליידער זאל מען געבין וואשין אונ זיי זאל מען האלטין אין גיפיינקענעס. גאט טוהט אויך אזוי. אויף דעם גוף פון די צדיקים זאגט ער אזוי וויא ישעיה הנביא האט גיזאגט. דער גוף זאל קומען בשלום אונ זאל רוהען אויף זייי גילעגער. אונ אויף זייערע נשמות זאגט ער. אזוי וויא אביגיל האט גיזאגט צו דוד די נשמה פון מיין האר וועט זיין פארבונדען מיט דאס לעבעדיגע פאר בינדונג מיט גאט. אויף

אומר (ש"א כה) והיתה נפש אדני צרורה בצרור החיים. על גופן של רשעים הוא אומר (ישעיה מח) אין שלום אמר ה' לרשעים ועל נשמתן הוא אומר (שמואל א כה) ואת נפש אויביך יקלענה בתוך כף הקלע. תניא רבי אליעזר אומר נשמתן של צדיקים גנוזות תחת כסא הכבוד שנא' והיתה נפש אדוני צרורה בצרור החיים. ושל רשעים זוממות והולכות שנאמר ואת נפש אויביך יקלענה בתוך כף הקלע. אמר ליה (רבא) [רבה] לרב נחמן של בינונים מאי, אמר ליה איכא שכיבנא לא אמרי לכו האי מילתא הכי אמר שמואל אלו ואלו לדומה נמסרים. הללו יש להם מנוחה והללו אין להם מנוחה. אמר ליה רב מרי עתידין צדיקים דהוו עפרא דכתיב (קהלת יב) וישוב העפר (אל) [על] הארץ כשהיה. הנהו קפולאי דהוו קפלי בארעא דרב נחמן נחר בהו רבי אחאי בר יאשיה אתו ואמרי ליה לרב נחמן נחר בן גברא אתא ואמר ליה מאן ניהו מר אמר ליה אנא אחאי בר יאשיה. אמר ליה ולאו אמר רב מרי עתידי צדיקי דהוו עפרא א"ל ומנו מרי דלא ידענא ליה א"ל והא קרא כתיב וישוב

בגים האסורין. כחשך בלא אורה ושלום: כף הקלע. רוחב הקלועה שמוחן האבן לתוכה לקלע עשויים כעין כף: בצרור החיים את ה' אלהיך. שמו בכבודו: זוממות. כמו בזממא דפרזלא תכוסות בגים הסוהר: לאלו ולאלו. רשעים ובינונים: לדומה. מלאך הממונה על הרוחות: דהוו עפרא. אפילו צדיקים נרקבים ונעשים עפר: קפולאי. הופרים: נחר בהו. גער בהו: רב אחאי שהיה נקבר שם: דלא

דעם גוף פון די רשעים זאגט ער. אזוי וויא ישעיה הנביא האט געזאגט. גאט האט געזאגט עס וועט ניט זיין קיין שלום צו די רשעים: אונ אויף זייערע נשמות זאגט ער. אזוי ווי אביגיל האט געזאגט צו דוד די נשמות פון דיינע פיינד וועט מען ווארפן אזו ווי מען ווארפט שטיינער וועס איז גימאכט אפרייטער פאס אונ איינווייניג איז דא אזוי וויא א לעפיל. אין דעם לעפיל לייגט מען אריין דעם שטיין צום ווארפען אים. דאס הייסט כף הקלע די קעפיל פון ווארפען:

תניא. מיר האבן געלערנט רבי אליעזר זאגט די נשמות פון די צדיקים זענען בעהאלטען אונטער דעם כסא הכבוד. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אביגיל האט געזאגט צו דוד די נשמה פון מיין האר וועט זיין פארבונדען מיט דאס לעבעדיגע פארבינדונג מיט גאט. [אונטער זיין שטוהל]. אונ די נשמות פון די רשעים ווערין אלע מאהל מעהר פארשלאסין אין גיהנם. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אביגיל האט געזאגט צו דוד די נשמות פון דיינע פיינט וועט מען ווארפין אזוי [וויא מען ווארפט שטיינער וויא פריער שטייט]: רבא האט געזאגט צו רב נחמן; וואו זענען די נשמות פון די מיטעלע מענטשין: וואס זענען ניט צדיקים אונ ניט רשעים. האט רב נחמן געזאגט ווען איך וואלט געשטארבין וואלט איך דאך אייך ניט געזאגט דיא זאך. אזוי האט שמואל געזאגט די נשמות פון די רשעים אונ די נשמות פון די מיטעלע מענטשין ווערין געגעבין צום מלאך דומה. די נשמות פון די מיטעלע מענטשין האבין רוה. אונ דיא נשמות פון די רשעים האבין ניט קיין רוה. רב מרי האט געזאגט די צדיקים וועלין ווערין ערד [זיי וועלין ווערין פארפוילט ווערין אין קבר אונ זיי וועלין ווערין ערד]. ווארום עס שטייט אין פסוק די ערד וועט זיך צוריק קערין צו די ערד אזוי וויא עס איז גיוועזן דער גוף וואס ער איז גימאכט גיווארין פון ערד. וועט ער צוריק ווערען ערד]. גרעבער האבין אמאהל גיגראבין די ערד אין די פעלד פון רב נחמן. אונ אין די פעלד איז גיוועזן באגראבין רבי אחאי בר יאשיה. האט ער גישריגען פון קבר אויף די גרעבער זייא זאלין ניט גראבין. זענען די גרעבער גילאפען צו רב נחמן אונ האבין געזאגט אמענטש האט אויף אונז גישריגען פון קבר מיר זאלין ניט גראבין. איז רב נחמן געקומען אין פעלד צום קבר. אונ האט געזאגט רבי זאג ווער דו ביזט. האט ער געזאגט איך בין אחאי בר יאשיה. האט רב נחמן געזאגט צו רבי אחאי רב מרי האט דאך געזאגט אפילו צדיקים וועלען אויך פארפוילט ווערען אין קבר אונ זייא וועלען ווערען ערד. האט רבי אחאי געזאגט ווער איז דער רב מרי איך ווייס גאר ניט פון אים. האט רב נחמן געזאגט עס שטייט דאך אזוי אין פסוק דער גוף וואס ער איז געמאכט געווארען פון ערד וועט ער צוריק קערין

דאקרייך ליה. ואיני חס בדבריו: מי שיש לו קנאה. והתאוה על חברו: עצמותיו מרקיבין. ועליו נאמר וישוב אל העפר כמו שהיה: ליקום מר לגויה דביתא. יבא לתוך ביתו: בפתחי ובהעלותי. עד שיעלנו מקברותינו אין לנו רשות לעלות: והכתיב ואל עפר תשוב. והאי ליכא למימר ברשעים דהוריינו דכל קללותיו של אדם הראשון כל דורותיו שוין בהם:

אובא טמיא. בעל אוב המשמש בעצמות. טמיא בלשון ארמי עצמות וכן פירש רב האי בפירושו של טהרות בית הבית מלא טמיא מלא עצמות: בנגידא. כך קורין למכשפות של אוב בלשון ארמי: אם בן העוה"ב הוא. שאם כשר היה הכל מוכין

וישוב העפר (אל) [על] הארץ כשהיה אמר ליה דאקרייך קהלת לא אקרייך משלי דכתיב (משלי יד) ורקב עצמות קנאה כל מי שיש לו קנאה בלבו עצמותיו מרקיבין | כל שאין לו קנאה בלבו אין עצמותיו מרקיבין. גששיה חזייה דאית ביה משישא אמר ליה ליקום מר לגוית דביתא אמר ליה גלית אדעתיך דאפילו נביאי לא קרית דכתיב (יחזקאל לז) וידעתם כי אני ה' בפתחי את קברותיכם ובהעלותי אתכם מקברותיכם עמי (אמר ליה) והכתיב (בראשית ג) כי עפר אתה ואל עפר תשוב. אמר ליה ההוא שעה אחת קודם תחיית המתים:

יא אמר ליה ההוא מינאה לרבי אבהו אמריתו נשמתן של צדיקים גנוזות תחת כסא הכבוד אובא טמיא היכי אסקיה לשמואל בנגידא אמר ליה התם בתוך י"ב חודש הוה דתניא כל י"ב חודש גופו קיים ונשמתו עולה ויורדת לאחר י"ב חודש הגוף בטל (דף קנג) ונשמתו עולה ושוב אינה יורדת. אמר רב יהודה בריה דרב שמואל בר שילת משמיה דרב מהספדו של אדם ניכר אם בן העה"ב הוא אם לאו. איני והאמר

קערין צו די ערד אזוי וויא ער איז געוועזן. האט רבי אחאי געזאגט צו רב נחמן דער וואס האט דיר געזאגט דעם פסוק פון קהלת האט דיר ניט געזאגט דעם פסוק פון משלי; ווארום אין משלי שטייט פון קנאה פוילען די ביינער. דער וואס איז מקנא זיין חבר ואז ער זעהט מענטשן זענען רייכער פון אים פאר דריסט אים. ער וואלט געוועזן קליינער זאל ניט האבען נאר ער). וועלען זיינע ביינער פארפוילט ווערין אין קבר. און דער וואס איז ניט מקנא וועלען זיינע ביינער ניט פארפוילט ווערען אין קבר. דער נאך האט רב נחמן אן געטאפט דעם גוף פון רבי אחאי האט ער געזעהן אז זיין גוף איז גאנץ אזוי ווי ער האט געלעבט. האט רב נחמן געזאגט צו רבי אחאי זאל דער רבי אויף שטיין און גיין אהיים. האט רבי אחאי געזאגט צו רב נחמן דו האסט געוויזען אז אפילו נביאים האסטו אויך ניט געלייענט. ווארום עס שטייט אין פסוק איהר זאלט וויסען אז איך בין גאט איך וועל עפענען אייערע קברים און איך וועל אויף ברייננען אייך מיין פאלק פון אייערע קברים. האט רב נחמן געזאגט צו רבי אחאי עס שטייט דאך אין פסוק דו ביסט באשאפען געווארען פון ערד און דו וועסט צוריק קערען צו ערד. האט רבי אחאי געזאגט צו רב נחמן דאס איז איין שעה פאר תחיית המתים: איין שעה פריער איידער די טויטע וועלען לעבעדיג ווערען. וועט פון אלע טויטע ווערען ערד. דער נאך וועלען זייא לעבעדיג ווערען:

יא אמר. א אפיקורוס האט געזאגט צו רבי אבהו איהר זאגט אז די נשמות פון די צדיקים זענען באהאלטען אונטער דעם כסא הכבוד. וויא אזוי האט געקענט א כישוף מאכער אויף ברייננען די נשמה פון שמואל הנביא מיט כישוף. האט רבי אבהו געזאגט צו דעם אפיקורוס דאס איז געוועזן אין די צוועלף חדשים פון שמואלס שטארבען. ווארום מיר האבען געלערנט גאנצע צוועלף חדשים נאך דעם מענטשינס שטארבין איז דער גוף אין גאנצען און די נשמה גייט ארויף אין הימל און קומט אראפ אין קבר צום גוף וקען מען זיא ברייננען אויף דער וועלט מיט כישוף. נאך די צוועלף חדשים ווערט דער גוף פארפוילט און די נשמה גייט ארויף אין הימעל און זיא קומט שוין ניט מעהר צום גוף. רב יהודה בריה דרב שמואל בר שילת האט געזאגט פון רבס וועגין פון דעם הספד וואס מען מאכט אויף דעם מת קען מען וויסען אויב דער מת וועט האבען עולם הבא אדער ניין. אויב אלע וויינען בייא זיין הספד איז א סימן אז ער איז געוועזן א פרומער יוד און ער וועט האבין עולם הבא און אויב מען וויינט ניט וועט ער ניט האבען עולם הבא. פרעגט די גמרא עס איז דאך ניט אזוי. ווארום רב האט געזאגט צו רב שמואל בר שילת אז איך

ליה רב לרב שמואל בר שילת אחים הספדאי דהתם קאימנא לא קשיא הא דמחמו ליה ואחים הא דמחמו ליה ולא אחים אמר ליה אביי לרבה כגון מר דסנו ליה כולהו פומבדיתאי מאן אחים הספדיה א״ל מיסתאי את ורבה בר רב חנן. בעא מיניה רבי אלעזר מרב איזהו בן העולם הבא אמר ליה (ישעיה ל) ואזניך תשמענה דבר מאחריך לאמר זה הדרך (תלכו) [לכו] בו. רבי חנינא אמר כל שדעת רבותיו נוחה הימנו (קהלת יב) וסבבו בשוק הסופדים בני גלילאה אמרי עשה דברים לפני מטתך בני יהודה אמרי עשה דברים לאחר מטתך ולא פליגי מר כי אתריה ומר כי אתריה:

יב תנן התם רבי אליעזר אומר שוב יום אחד לפני מיתתך שאלו תלמידיו את רבי אליעזר וכי אדם יודע איזה יום ימות. אמר ליה וכל שכן ישוב היום שמא ימות למחר ונמצא כל ימיו בתשובה ואף שלמה

עליו ומורידין דמעות ומכבדין אותו: אחים הספדאי דהתם קאימנא. בשעת מיתתי תספדוני בהספד כדי שיתחממו ויבכו להיות כעומדים שם ויבכו. דהתם קאימנא בשעת הספד ואשמע. איך מתחממים אמאי אילטריך גרב לאחוריה הספדיה וכיון דרב גברא רבה ובן העוה״ב למה ליה לאחוריה הא אמר מהספדו ניכר: הא דמחמו ליה. בהספד: ואחים כו׳. לעולם המומי נעיק שאין בני אדם נכמרים כ״כ על זקן ומיהו לאדם חסיד כי מתחממי בהספדא מחממי ובכו כולהו ואמי שאינו חסיד כ״כ מחממו ליה ולא מחממי: דסנו ליה כולהו פומבדיתאי. משום דמוכח להו במילי דאמית ובר פומבדיתאי דאמרין הכי כדאמרינן בפסחים אולין פומבדיתאי לוייך שני אושפיזך: ואזניך תשמענה דבר מאחריך לאמר זה הדרך לכו בו. מאחרי מעתך כשהמות הצמח כשיאמרו זה הדרך שהלך בה זה לכו בה מובטח לו שהוא בן העוה״ב: נוחה הימנו. דעתם נוחה עליהם מתה שבומעין עליו ורוצין בו: עשה דברים. שיאמרו לפני מטתך בהספדך: לאחר מטתך. שלא היה אלא שבגליל היו הספדנין לפני המטה וביהודה לאחר המטה: וכל שכן. מפני שאינו יודע זה איזה יום ימות ושוב בתשובה יום אחד לפני מיתתו נמצא של

וועל שטארבין זאלסטו זאגען אשטארקען הספד אז אלע מענטשין וואס וועלען דארט זיין ביי דעם הכבוד זאלין דער ווארעמט ווערען אונ זאלען וויינען אויף מיין שטארבין. ווארום איך וועל אויך זיין ביי דעם הספד אונ וועל הערין ווי דו וועסט דער ווארימען די אלע מענטשין. אונ רב איז דאך געווים געוועזען פרום אונ האט גיהאט עולם הבא. האט מען דאך גדארפט פון זיך אליין וויינען אויף זיין הספד. צו וואס הט ער גיבעטין רב שמואל בר שילת זאל דער ווארעמען דעם הספד. זאגט די גמרא עס איז ניט קיין קשיא. דער ווארעמען דעם הספד מוז מען אייביג נאר אויב דער מת איז גיוועזען פרום אז מען דער ווארעמט דעם הספד וויינט מען. אונ אז דער מת איז ניט פרום גיוועזען אפילו מען דער ווארעמט וויינט מען אויך ניט. אביי האט גיזאגט צו רבה דעם רבי האבין פיינט אלע מענטשין פון פומבדיתא. ווער וועט וויינען ביי דיין הספד. האט רבה גיזאגט צו אביי עס איז גינוג אז דו מיט רבה בר רב חנן וועלין וויינען. רבי אלעזר האט גיפרעגט פון רב ווי אזוי קען מען וויסען וועלכער מת וועט האבין עולם הבא. האט רב גיזאגט צו רבי אלעזר אז ביידע אויערן וועלין הערין מען זאגט אויף דעם מת אין די וועג וואס דער מענטש איז געגאנגען ווען ער האט גילעבט דארפין אלע גיין. זאל מען וויסען אז דער מענטש וועט האבען עולם הבא. אונ אז דו וועסט שטארבין אונ דו וועסט הערין מען וועט אזוי זאגין אויף דיר. וועסטו וויסען אז דו וועסט האבין עולם הבא. רבי חנינא זאגט די תלמידים וואס זייער רבי האט נחת פון זיי ווייל זיי גייען אין גוטען וועג. די תלמידים וועלין האבין עולם הבא. שלמה המלך האט גיזאגט די ספדנים וואס זאגין הספדים וועלין ארום גיין אין די גאסן מספיד צו זיין. די מענטשין פון גליל האבין גיזאגט מענטשין זאלין טאהן גוטע מעשים מען זאל זיי קענען לויבין אין דעם הספד וואס מען וועט זאגין פאר זייער מטה. די מענטשין פון יהודה האבין גיזאגט מענטשין זאלין טאהן גוטע מעשים מען זאל זייא קענען לויבין אין דעם הספד וואס מען וועט זאגין נאך זייער מטה. אונ די מענטשין פון גליל קריגען ניט מיט די מענטשין פון יהודה. אין גליל פלעגען גיין די ספדנים פאר דער מטה. אונ אין יהודה פלעגען גיין די ספדנים נאך דער מטה:

יב תנן. מיר האבין גילערענט רבי אליעזר זאגט דו זאלסט טאהן תשובה איין טאג פאר דיין שטארבין. האבין די תלמידים גיפרעגט ביי רבי אליעזר ווייסט דען א מענטש ווען ער וועט שטארבין. האט רבי אליעזר גיזאגט צו די תלמידים איז נאך בעסער וועט ער יעדעס ...

ימיו יהיה בתשובה: בגדיך לבנים: נשמתך טהורה נקיה: כלום חסר לבית המלך. בהמיה ככל מוכן ישמח יכבילנו לבא פתאום ואנו צריכין להכנס לסעודה מקושטין: כלום יש סעודה בלא טורח. עדיין יתערכו נטורח לצרכי סעודה של בית המלך ויש לנו שהות הרבה להתקשט: יעמדו ויראו. ואף לעולם הבא צדיקים יושבין ואוכלין ורשעים עומדין ורואין ר"מ אומר אין עומדין ורואין אא"כ אף הם כיון נראין מן הקרואים ולשמש שכן דרך המשרתים

שלמה אמר בחכמתו (קהלת ט) בכל עת יהיו בגדיך לבנים ושמן על ראשך אל יחסר. אמר רבן יוחנן בן זכאי משל למלך שזימן את עבדיו לסעודה ולא קבע להם זמן פקחים שבהם קשטו את עצמן וישבו על פתח בית המלך אמרו כלום חסר לבית המלך טפשין שבהם הלכו למלאכתן אמרו כלום יש סעודה בלא טורח. פתאום בקש המלך את עבדיו פקחים שבהם נכנסו לפני המלך כשהו מקושטים והטפשין שבהן נכנסו לפניו כשהן מלוכלכין שמח המלך לקראת פקחין וכעס לקראת טפשים אמר הללו שקשטו את עצמן לסעודה ישבו ויאכלו וישתו הללו שלא קשטו את עצמן לסעודה יעמדו ויראו. חתנו של רבי מאיר היה אומר משום רבי מאיר והלואי שיהיו הללו עומדין ונראין כמשמשין אלא אלו ואלו יושבין הללו אוכלין והללו רעבים הללו שותים והללו צמאים שנאמר (ישעיה סה) כה אמר ה' הנה עבדי יאכלו ואתם תרעבו הנה עבדי ישתו ואתם תצמאו הנה עבדי ירונו כטוב לב ואתם תצעקו מכאב לב דבר אחר בכל עת יהיו בגדיך לבנים אלו

טאהן היינט טאמער וועט ער מארגען שטארבען; וועט ער אלע טאג תשובה טאהן. אונ שלמה המלך מיט זיין חכמה האט אויך אזוי געזאגט אלע צייטען זאלין זיין דיינע קליידער ווייס (דיין נשמה זאל זיין אייביג ריין) אונ בויםאייל אויף דיין קאפ זאל ניט פעלין. רבן יוחנן בן זכאי האט געזאגט דאס א גלייך ווי א מלך האט אמאהל געזאגט צו זיינע קנעכט איר זאלט זיין אנגעבריים צו קומען צו מיר אויף א סעודה; אונ ער האט ניט געזאגט ווען די סעודה וועט זיין. די קלוגע קנעכט האבין זיך שיין אן געקליידט אונ האבין זיך געזעצט ביי די טיר פון מלך. זיי האבין געזאגט פעלט דען עפעס ביי דעם מלך; דער מלך קען מאכין די גרעסטע סעודה אין איין טאג. טאמיר וועט מאכי זיין היינט די סעודה. אונ מען וועט אונז קומען רופען פלוצלונג צו די סעודה אונ מען וועט אונז הייסין מיר זאלין שוין גיין. מוזין מיר זיין אנגעברייט אונ אן געקליידט מיט שיינע קליידער מען זאל שוין קענען גיין ווען מען וועט אונז רופין. די נארישע קנעכט זענען געגאנגען צו זייער ארבעט. ווארום זיי האבין געזאגט קען מען דען מאכין א סעודה מען זאל ניט ארבעטין ביי איר. האבין מיר נאך צייט צו ארבעטין אונזער ארבעט אונ שפעטיר אן צו קליידען אויף די סעודה. פלוצלונג האט דער מלך געזאגט אלע קנעכט זאלין קומען צו די סעודה. די קלוגע זענען באלד אריין געגאנגען פאר דעם מלך אן געצירט אין שיינע קליידער. די נארין האבין ניט צייט געהאט אן צו טאהן אנדערע קליידער. ווייל דער מלך האט געאיילט צו די סעודה. זענען זיי געקומען אין שמוציגע קליידער. האט זיך דער מלך געפרייט געגען די קלוגע אונ איז אין כעס געווען געגען די נארין. האט דער מלך געזאגט די וואס זענען אריין געקומען צו די סעודה אין שיינע קליידער זאלען זיצען אונ עסין אונ טרינקען. די וואס זענען געקומען צו די סעודה אין בעשמוצטע קליידער זאלין שטיין אונ זעהן ווי די עסין. דער איידים פון רבי מאיר האט געזאגט פון רבי מאירס וועגין הלוואי וואלט אזוי געווען אז די נארין זאלין שטיין. וואלט אוים געזעהן ווי זיי באדינען. נאר אלע וועלין זיצען די קלוגע וועלין עסין אונ די נארען וועלין זיין הונגעריג. די קלוגע וועלין טרינקען אונ די נארין וועלין זיין דארשטיג. אויף עולם הבא וועט אויך אזוי זיין די צדיקים וועלין זיצען אונ עסין אונ טרינקען. אונ די רשעים וועלין זיצען אונ וועלין זיין הונגעריג אונ דארשטיג. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אזוי האט גאט געזאגט מיינע קנעכט וועלין עסין אונ איר וועט זיין הונגעריג. מיינע קנעכט וועלין טרינקען אונ איר וועט זיין דארשטיג. מיינע קנעכט וועלין זינגען פון זייער גוט הארץ. אונ איר וועט שרייען פון הארץ שמערצין. נאך אזאך קען מען זאגין וואס שלמה

אלו ציצית ושמן על ראשך אל יחסר אלו תפילין:

מי שהחשיך פרק כד

(פ"נ) א מי שהחשיך (לו) בדרך נותן כיסו לנכרי ואם אין עמו נכרי מניחו על החמור. **ושאלו** בגמרא על משנה זו אין שם לא נכרי ולא חמור ולא חרש שוטה וקטן מאי אמר רבי יצחק עוד אחרת היתה ולא רצו חכמים לגלותה. מאי עוד אחרת היתה. מוליכו פחות מארבע אמות. אמאי לא רצו חכמים לגלותה משום (משלי כה) כבוד אלהים הסתר דבר וכבוד מלכים חקור דבר והכא מאי כבוד אלהים איכא דילמא אתי לאתויי ד' אמות ברשות הרבים. תניא רבי אליעזר אומר בו ביום גדשו סאה. רבי יהושע אומר בו ביום מחקו סאה. תניא משל דרבי אליעזר למה הדבר דומה לקופה מלאה קישואין ודלועין אדם נותן

עומדין ואין כאן כוסה: אלו ציצית. שמלובן בבגדיו אלו תפילין. שהם שם משמן טוב דכתיב וראו כל עמי הארץ כי שם ה' נקרא עליך וגו' והניא רבי אליעזר הגדול אומר אלו תפילין שבראש:
עוד אחרת היתה. הקנה לכים לגלותו: ולמאי לא רצו לגלותה. להעלים דברי תורה: כבוד אלהים הסתר דבר. מותר להסתיר דבר תורה לכבוד שמים: וכבוד מלכים חקור דבר. אין להסתיר לכבוד עושר אדם והשיבותו אלא שב ותחקרהו: בו ביום גדשו סאה. ביום שעלו לעליית חנניה בן חזקיה וגזרו י"ח דברים וזו אחת מהן היתה כדאמרינן בפ"ק נותן כיסו לעובד כוכבים בו ביום גזרו שלא יוליכנו פחות מד' אמות אם יש עובד כוכבים אוהו יום הרבו סייג לתורה במדה גדושה ויפה מדדו להרבות גדר בישראל: מחקו סאה. במדה מחוקה מדדו בו ביום שהרבו לגזור יותר מדאי ואין יכולין לעמוד בגזירתם ומתוך כך עוברים על דברי תורה כמגלה מדתם מחוקה

המלך הט גיזאגט אלע צייט זאלין זיין דיינע קליידער ווייס. דאס מיינט מען ציצית. אייל אויף דיין קאפ זאל ניט פעלין. דאס מיינט מען תפלין:

פרק ארבעה ועשרים

א מי. ווען איינער איז גיגאנגען ערב שבת אין וועג. אונ עס איז שפעט גיווארין. עס ווערט שוין שבת. זאל ער געבין זיין בייטיל געלט צו דעם גוי וואס גייט מיט איהם. אונ אויב קיט איהם גייט ניט קיין גוי. זאל ער לייגען דיא געלט אויף זיין אייזיל. אונ אויב מיט איהם איז ניטא קיין גוי אונ ניט קיין אייזיל אונ ניט קיין טויבער. אונ ניט קיין משוגענער. אונ ניט קיין קינד וואס זאל ער טאהן מיט זיין געלט. האט רבי יצחק גזאגט נאך איין איז דא מציל צו זיין דם געלט. נאר דיא חכמים האבען ניט גיוואלט אויס זאגען. וואס איז דער דין. ער זאל טראגען דם געלט וויינ'גער ווי פיר איילען אונ זאל זיך שטעלין. דער נאך זאל ער ווייטער גיין מיט דעם געלט וויינ'גער וויא פיר איילען אונ זאל זיך שטעלין. אונ אזוי זאל ער טאהן ביז ער וועט קומען אהיים פאר וואס האבען דיא חכמים ניט גיוואלט אויס זאגען דעם דין. ווייל עס איז אכבוד פר גאט צו פאר בארגין אונ ניט אויס צו זאגין אלע זאכען וואס מען מעג. אונ פר אמלך איז אכבוד אויס צו זאגין פר אלע מענטשין זיין שטארקייט אונ זיין רייכקייט. וואס פאר אכבוד איז דא אז מען וועט פר בארגין דעם דין. ווייל מען הט מורא טאמער וועט ער פר געסין אונ וועט טראגין אין גאס פיר איילין:

תניא. מיר האבען גילערנט רבי אליעזר זאגט אין דעם טאג וואס מען האט גזאגט אז ער האט אגוי זאל ער ניט טראגען אליין דיא געלט וויינ'גער ווי פיר איילין. נאר ער זאל געבין דעם גוי. הט מען גוט גמאסטן. מען הט גוט גזאגט. עס איז גלייכער דר גוי זאל טראגן איידר ער זאל אליין טראגן ווייניגר ווי פיר איילין. טאמער וועט ער פאר געסין אונ וועט טראגין מיט איין מאהל מער וויא פיר איילין. רבי יהושע זאגט דעם טאג האט מען אפ גימעקט דיא מאס. מען האט נאך ערגער גימאכט. ווארום טאמער וועט ער ניט האבען קיין גוי וועט ער אליין טראגין מיט איין מאהל ווי פיל ער וועט קענען:

תניא. מיר האבען גילערנט דיא רייד פון רבי אליעזר צוא וואס איז גלייך. צוא אקארב וואס אין איר ליגט גרויסע פירות. אז מען שיט אריין אין דיא קארב אביסול ווענעפט. בלייבט דאס אין דיא קארב ווארום דיא קערנער פאלען אריין צווישען דיא פירות. אזוי דער דין וואס

נותן לתוכה הרדל והיא מהזקת . משל דרבי יהושע למה"ד לעריבה מלאה דבש נתן לתוכה רמונים ואגוזים והיא מקיאה :

(דף קנ"ה ע"ב) ב דרש רבי יונה אפתחא דבי נשיאה מאי דכתיב (משלי כט) יודע צדיק דין דלים יודע הקב"ה בכלב שמזונותיו מועטים לפיכך שוהה אכילתו במעיו שלשה ימים כדתנן כמה תשהה אכילתו במעיו ויהא טמא בכלב שלשה ימים מעת לעת ובעופות ובדגים כדי שתפול לאור ותשרף אמר רב המנונא שמע מינה אורח ארעא למשדא אומצא לכלבא וכמה אמר רב מרי משח אורניה ותוטרא אבתריה הני מילי בדברא אבל במתא לא דאתא למסרך . אמר רב פפא לית דעני מכלבא ולית דעתיר מחזירא :

(דף קנו) ג כתוב אפינקסיה דרבי יהושע בן לוי האי מאן דבחד בשבא יהא גבר ולא

אצביעה זמוך היה להם לעשות מדותם טפופה ולא הבאה לידי מחק מרוב נדבה : והיא מחזקת . את הבדל שמפיל חרדל בין הקשואים אף כאן יפה תקנו והוסיפו דבר המתקיים : והיא מקיאה . את הדבש כך היה בה ראשון אף אלו ע"י גזרתם גרמו לעבור דבאת לא יאמין את העובד כוכבים והם לא הביאו להולי כך פחות פחות מד' ואדם אינו מעמיד עצמו על ממונו ואתי לאיתויי ד' אמות . ע"כ : שמזונותיו מועטים . שאין אדם הס עליו לתת לו מזונות הרבה : כמה תשהה במעיו . בכלב שאכל בשר מת ומת הכלב בבית תוך שלשה ימים מטמא באהל אבל בחיין לא מטמא דטומאה בלועה בבעלי חיים לא מיטמאה כדאמרינן בבהמה המקשה : ש"מ . מדקאמר שהקפיד הקב"ה על מזונותיו : משח אורניה . מעט כמו אזנו (מדה מתרגמינן משחתא) : ותוטרא אבתריה . יכנו במקל מיד שלא יהא מרגילו אצלו : אבל במתא לא . ליהיב ליה מידי אי לאו דידיה הוא : משום דאתי למסרך . בתריה ויפסידו : ולית דעתיר מחזירא . בכל מאכל ראוי לו ומוצא לאכול ואף מאכילין לו הרבה :

פינקסיה . לוחות קשורות זו עם זו כאותם של כותבים : האי מאן דבחד בשבא .

מען האט גזאגט דער גוי זאל טראגען אונ מען זאל ניט אליין טראגן ווייניגער ווי פיר איילען בכייבמ דער דין צווישען אלע דינים . די רייד פון רבי יהושע צו וואס איז גלייך , צו אמולטער פול מיט האניג . אז מען לייגט אריין אין די האניג מילגרוימען אדער ניס גייט ארויס דיא האניג פון דיא מולטער . אזוי דורך דעם דין וועט מען טאהן אגרויסע עבירה . מען וועט אליין טראגען אין גאס מער ווי פיר איילין מיט איין מאהל :

ב דרש . רבי יונה איז גישטאנען ביי דיא טיר פון נשיא אונ האט גידרשת . וואס מיינט דער פסוק דער צדיק ווייס דעם משפט פון די ארעמע לייט . ווייל גאט ווייס אז דער הונט גיט מען ווייניג עסין . דריבער ליגט דס עסין בייא דעם הונט אין בויך דריי טעג . אזוי ווייא מיר האבען גילערנט אויב אהונט הט גיגעסין אשטיקול פלייש פון אטויטען מענטש . אונ דער הונט איז אריין גיגאנגען אין אשטוב אונ איז גיפייגערט . וויא לאנג זאל זיין דס עסין אין זיינע גידערים אונ ער זאל מטמא זיין אלץ וואס אין שטוב . זאגט די גמרא דרייא מעת לעת . אויב דער הונט איז גיפייגערט אין די דריי מעת לעת פון זיין עסין . איז ער מטמא אלץ וואס אין שטוב . אבער אז ער איז גיפייגערט נאך דריי מעת לעת . איז ער ניט מטמא . אונ אויב אעוף אדער אפיש האבען איין גישלונגען אשטיקול פלייש פון אמת . אויב עס האט גידויערט אזוי לאנג ווען די שטיקול פלייש פון מת וואלט אריין גיפאלען אין פייער וואלט זיא פאר ברענט גיווארין . דער נאך איז דער עוף אדער דער פיש גיפייגערט . איז ניט טמא . אבער אז דער עוף אדער דער פיש וואלטין גיפייגערט דיא מנוט וויא זייא האבען נאר אריי גישלונגען די שטיקול פלייש פון מת . וואלט אלץ וואס אין שטוב גיווען טמא . רב המנונא הט גזאגט ווייל מיר זעהן אז גאט האט רחמנות אויף דעם הונט . דארף אמענטש אויך רחמנות האבען אויף איהם . אונ ער זאל איהם ווארפען אשטיקול פלייש . וויא פיל פלייש . הט רב מרי גזאגט אשטיקול אזער . אונ ער זאל איהם באלד שלאגען מיט אשטעקין . ער זאל אוועק גיין פון איהם . ער זאל איהם ניט נאך לויפען . דס איז נאר אין פעלד . אבער אין שטאט זאל ער איהם גאר ניט געבין . ווארום טאמער וועט דער הונט ניט וועלען אוועק גיין פון איהם אונ ער וועט איהם נאך גיין . רב פפא זאגט עס איז ניטא ארעמער וויא אהונט איז . ווייל זיין עסין איז פלייש אונ דאס געפינט ער ניט אויף יעדער ארט . אונ עס איז ניטא רייכער וי אחזיר . ווייל ער עסט אלץ וואס ער געפינט :

ג כתוב . עס איז גיוועז געשריבען אויף דעם בוך פון רבי יהושע בן לוי דער מענטש

וואס

חדא ביה מאי (ולא חדא ביה) אילימא ולא הדא לטיבותא והאמר רב אשי אנא בהד בשבא הואי אלא לא הדא לבישו והאמר רב אשי אנא ודימי בר קוזיתא (בר קקיזתא) הויין בהד בשבא אנא מלך והוא הוה ריש גנבי . אלא או כוליה לטיבו או כוליה לבישו . (מ"ט דאיברו ביה אור וחשך) האי מאן דבתרי בשבא יהא גבר רגזן מ"ט משום דאפליגו ביה מיא האי מאן דבתלתא בשבא יהא גבר עתיר וזנאי יהא מ"ט משום דאיברו ביה עשבים האי מאן דבד' בשבא יהא גבר הכים ונהיר מ"ט דאיתלו ביה מאורות . האי מאן דבה' בשבא יהא גבר גומל חסדים מאי טעמא משום דאיברו ביה דגים ועופות האי מאן דבמעלי שבתא יהא גבר הזרן . אמר רב נחמן בר יצחק חזרן במצות . האי מאן דבשבתא בשבתא ימות על דאחילו עלוהי יומא רבה דשבתא אמר רבא בר רב שילא וקרישא רבא יתקרי אמר להו רבי חנינא פוקו אמרו ליה לבר ליואי לא מזל יום גורם אלא מזל שעה גורם , האי מאן דבחמה יהא גבר זיותן יהא אכיל מדיליה ושתי מדיליה ורזוהי גליין . אי

הנולד באחד בשבת : יהא גבר ולא חדא ביה . יהא אדם שלם במדה אחת ולא אחת בו ממדה אחרת לקמן מפרש לה ואזיל : והוא הוה ריש גנבי . דמאן דבחד בשבא יהא ראש כמו שסיום ראש למעשה בראשית מיהו ש"מ דמולדים בו צדיקים ורשעים : דאפליגו מיא . כך הוא יבדל מכל אדם : וזנאי . מ"ף : דאיברו ביה עשבים . דכתיב תדשא הארץ והוא דבר שפרה ורבה מאד וממהר לגדל ולצמוח דהוא ענין פריצות אבויימ"א בלע"ז דלא כתיב למיניהו בעשבים בצוויים (ועוד) שיוצאים בערבוביא ויונקים זו מזו : נהיר . זיותן : דאיתלו ביה מאורות . וכתיב ותורה אור : דאיברו ביה דגים ועופות . שאין טורחין לאוכלין אלא ניזונין בחסדו של הקדוש ב"ה : הזרן . מחזר אחר מצות : חזרן במצות . שכך דרך ערב שבת לחזר אחר מצות שבת : וקדישא רבה יתקרי . שיהא פרוש וקדוש שנאמר ויקדשהו : אמר להו רבי חנינא . לתלמידים שקבלו פנקסו של רבי יהושע : מזל שעה . ז' מזלות הן המשמשין את השעות (שצ"ם) חנכ"ל (שצ"ם) : חמה . סיים חמה חמה והוא אחד מן המזלות וכן הלבנה והשאר כוכבים : זיותן . כשמש המאיר : אכיל

וואס ווערט געבארין זונטאג . ווערט ער זיין א מענטש וואס וועט אין איהם איין מדה ניט זיין . זאגט די גמרא וואס מיינט מען איין מדה וועט ניט זיין אין איהם ואלעו מיר זאגין מען מיינט עס וועט אין איהם ניט זיין איין גוטע מדה . רב אשי האט דאך גזאגט איך בין געבארען געווארין זונטאג . אונ רב אשי איז דאך געוועזן א צדיק . וועלען מיר זאגין מען מיינט עס וועט אין איהם ניט זיין איין שלעכטע מדה . רב אשי האט דאך גזאגט איך אונ דימי בר קוזיתא זענען מיר געבארען געווארין זונטאג . איך בין געווארין א ראש ישיבה . אונ ער איז געווארין א עלצטער ביי גנבים . נאר אזוי מיינט מען ער וועט נאר האבען איין נאטור אדער אין גאנצען גוט אדער אין גאנצען שלעכט . ווייל זונטאג איז באשאפען געווארין די ליכטיגקייט אונ דיא פינסטערניש . דער וואס ווערט געבארין מאנטאג . וועט ער זיין א כעסן . ווייל מאנטאג איז אפ געטיילט געווארין דיא אויבערשטע וואסער פון דיא אונטערשטע וואסער . אזוי וועט דער מענטש אויך זיין אפ געטיילט פון אלע מענטשין דורך זיין כעס . דער וואס ווערט געבארען דינסטאג . וועט ער זיין רייך אונ ער וועט פיל מזנה זיין . ווייל דינסטאג זענען באשאפען געווארין די גראז . אונ גראז וואקסט זייער פיל אונ געשווינד אונ אויס געמישט אלע מינים צו זאמען . דער וואס ווערט געבארין מיטוואך . וועט ער זיין קלוג אונ שיין : ווייל מיטוואך זענען געווארין אין הימעל די זוהן מיט דיא לבנה . דער וואס ווערט געבארען דאנערשטאג . וועט ער זיין א גוטער מענטש צו טאהן טובות צו אלע מענטשין . ווייל דאנערשטאג זענען באשאפען געווארען דיא פיש אונ דיא עופות . אונ זיי ארבעטין ניט אויף זייער שפייז נאר זייא ווערין געשפייזט פון דעם חסד וואס גאט טוהט מיט זיי . דער וואס ווערט געבארען פרייטאג . וועט ער זוכען . וואס הייסט ער זוכען . האט רב נחמן בר יצחק גזאגט ער וועט זוכען צו טאהן מצות . דער וואס ווערט געבארען שבת . וועט ער שטארבען שבת . ווייל מען האט פון זיינעט וועגין מחלל שבת געוועזן ווען ער איז געבארען געווארען . רבא בר רב שילא זאגט דער וואס ווערט געבארען שבת וועט ער זיין א הייליגער מענטש :

אמר . רבי חנינא האט גזאגט צו זיינע תלמידים וואס האבען געלייענט דעם בוך פון רבי יהושע בן לוי . גייט זאגט צו לוים זוהן . צו רבי יהושע . נישט דער מזל פון טאג ניט דיא נאטור אין מענטשין נאר דער מזל פון די שעה וואס דער מענטש ווערט אין איר געבארען . גיט

אי גניב לא מצלח . האי מאן דבכוכב נוגה יהא גבר עתיר וזנאי יהא מ"ט משום דאיתלי ביה נורא . האי מאן דבכוכב יהא גבר נהיר וחכים משום דספרא דחמה הוא . האי מאן דבלבנה יהא גבר סביל מרעין בנאי וסתיר סתיר ובנאי אכיל דלא דיליה ושתי דלא דיליה ורזוהי כסיין אם גנב מצלח האי מאן דבשבתאי יהא גבר מחשבתיה בטלין . ואית דאמרי כל דמחשבין עלוהי בטלין . האי מאן דבצדק יהא גבר צדקן . אמר רב נחמן בר יצחק צדקן במצות . האי מאן דבמאדים יהא גבר אשיד דמא . אמר רב אשי אי טבחא אי אומנא אי גנבא אי מוהלא . אמר רבה אנא במאדים הואי אמר אביי מר נמי עניש וקטיל . איתמר רבי חנינא אומר מזל מחכים מזל מעשיר ויש מזל לישראל . רבי יוחנן אמר

מדיליה . כחמה שאינה מסגת גבול רעהו ומאיר בלילה : ורזוהי גליין . אין לו רשות לכסות סודיו ומסתרותיו אלא כחמה הזו שהיא פומבי לכל : דתלי ביה נורא . אם הלוי באותו מזל ויצר כל השמים בוער כתנור : מזל כוכב . הוא סופר של מזל חמה לכתוב דרך הלוכו ותקופותיו ומלוי אצלו תמיד : סבל מרעין . כלבנה זו שמתענה (שמתגוונה) והולכת : בנאי וסתיר . כלבנה זו שגדילה ומתמעטת : אכיל דלא דיליה . כלבנה המסגת גבול כחמה למזול אף ביום : ורזוהי כסיין . כלבנה שאינה מאירה : דבשבתאי . מזל שעה (כוכב) ששמו שבתאי : בטלין . כמו לא ישבותו : צדקן . במצות צדקה לעניים דקרי ליה מצוה בכל לשון אגדה : גנבא . לסטים הורג נפשות : אומנא . מקיז דם : עניש . בני אדם שעוברים על דבריך : מזל מחכים . לפי (במזל) [המזל] היא החכמה כדאמרינן דבחמה נהיר וחכים : ויש מזל לישראל . שאין תפלה וצדקה משנה את המזל : אין מזל לישראל . דע"י תפלה וצדקה וזכות משתנה מזלו לטובה :

די נאטור אין דעם מענטשין . זאין הימעל זענען דא זיבען מזלות . שבתאי . צדק . מאדים . חמה . נוגה כוכב . לבנה . יעדער שעה איז איין אנדער מזלו דער וואס ווערט געבארען אין מזל חמה . וועט ער זיין שיין . ער וועט עסין פון זיין אייגענע געלט . אונ וועט טרינקען פון זיין אייגענע געלט . אונ זיינע סודות ובעהאלטענע זאכען וועלין דער וואוסט ווערין צו אנדערע מענטשין . אויב ער וועט גנבענען וועט ער ניט בגליקען ; דער וואס ווערט געבארין אין מזל נוגה . וועט ער זיין רייך אונ וועט מזנה זיין . ווייל דער פייער איינגט אין דעם מזל נוגה . דריבער וועט אין איהם ברענען דער יצר הרע צו זנות . דער וואס ווערט געבארין אין מזל כוכב . וועט ער זיין שיין אונ קלוג . ווייל דער מזל כוכב איז דער שרייבער פון דיא זוהן ; ער בצייכונט דיא ארטער וואו די זוהן זאל גיין . אונ ער איז אייביג נעבין דיא זוהן . דער וואס ווערט געבארין אין מזל לבנה , וועט ער ליידין פיל קראנקייט . ער וועט באהען אונ צו ווארפען . צו ווארפען אונ באהען . ער וועט עסין ניט זיינע . ער וועט טרינקען ניט זיינע ; זיינע סודות וועלין בעהאלטענע זאכען וועלען זיין צו גידעקט . קיינער וועט ניט וויסען ; אויב ער וועט גנבענען וועט ער בגליקען ; דער וואס ווערט געבארין אין מזל שבתאי . וואס ער וועט טראכטען צו טאהן . וועט פון זיין טראכטען גאר ניט ווערין . אנדערע זאגין אזוי מיינט מען וואס אנדערע מענטשין וועלין טראכטען אויף איהם . איהם צו טאהן . וועט פון זייער טראכטען גאר ניט ווערין . דער וואס ווערט געבארין אין מזל צדק . וועט ער זיין א צדקן ; האט רב נחמן בר יצחק גזאגט ער וועט געבין פיל צדקה . דער וואס ווערט געבארען אין מזל מאדים . וועט ער פאר גיסען בלוט . רב אשי זאגט ער וועט זיין אדער א שוחט ; אדער ער וועט אפ ציהען בלוט פון קראנקע . דורך פיאווקעס . אדערין עפענען . אדער ער וועט זיין א גנב . ער וועט הרגנן מענטשין אונ וועט נעמען זייער פאר מעגין . אדער ער וועט זיין א מוהל . רבה האט גזאגט איך בין דאך געבארין געווארין אין מזל מאדים אונ בין ניט איינער פון דיא זאכין . איך פאר גיס גאר ניט קיין בלוט . האט אביי גזאגט צוא רבה דער רבי שטראפט אויך דיא מענטשין וואס פאלגין איהם ניט אונ הרגת זייא :

איתמר . מיר האבין גילערונט רבי חנינא זאגט דער מזל (כוכב) מאכט קלוג דעם מענטש וואס ווערט אין איהם געבארין ; אונ דער מזל (נוגה) מאכט רייך דעם מענטש דאס ווערט אין איהם געבארין . אונ די יודין זענען אויך אונטער דעם מזל . יעדער יוד אין וועלכין מזל ער ווערט געבארין . אזוי בלייבט ער . אונ אפילו מיט תפלה אונ מיט צדקה קען מען אויך ניט ענדערין דעם מזל . רבי יוחנן זאגט עס איז ניטא קיין מזל ביי יודין . מיט תפלה אונ מיט צדקה קען מען

אמר אין מזל לישראל ואזדא רבי יוחנן לטעמיה דאמר רבי יוחנן מנין שאין מזל לישראל שנאמר (ירמיה י) כה אמר ה' אל דרך הגוים אל תלמדו ומאותות השמים אל תחתו כי יחתו הגוים מהמה עובדי כוכבים יחתו ולא ישראל. (אמר רב) [ואף רב סבר] אין מזל לישראל דאמר רב יהודה אמר רב מנין שאין מזל לישראל שנא' (בראשית טו) ויוצא אותו החוצה אמר אברהם לפני הקב"ה רבש"ע (שם) בן ביתי יורש אותי אמר לו לאו כי אם אשר יצא ממעיך. אמר לפניו רבש"ע נסתכלתי באיצטגנינות שלי ואיני ראוי להוליד בן. אמר לו צא מאיצטגנינות שלך שאין מזל לישראל מאי דעתיך (ע"כ) דקאי צדק במערב מהדרנא ומוקמינא ליה במזרח והיינו דכתיב (ישעיה מא) מי העיר ממזרח צדק יקראהו לרגלו. ומדשמואל נמי אין מזל לישראל דשמואל ואבלט הוו יתבי והוו קאזלן הנך אינשי לאגמא. אמר ליה אבלט לשמואל האי גברא אזיל ולא אתי דטריק ליה חויא ומית אמר ליה שמואל אי בר ישראל הוא אזיל ואתי. אדיתבי אזיל ואתי. וקם אבלט שרי לטוניה אשכח ביה חויא

איצטגנינות. חכמת המזלות: צא מאיצטגנינות שלך. היינו דכתיב ויוצא אותו החוצה מאיצטגנינותיו: דקאי צדק. שהוא מזל שלך: במערב. שאין (מקום) מעכב ואין ראוי להוליד. כך מצאתי בגמרא רבינו הלוי: במזרחו. שהוא מקום חום: צדק. הקדוש ב"ה: יקראהו. להביא למזרח: לרגלו. בשבילו: אבלט. שם חכם עובד כוכבים היה וחוזה בכוכבים: אזיל ואתי. דאין מזל לישראל ויועיל לו תפלה:

ענדערין דעם מזל פון שלעכט צו גוטין. ווארום רבי יוחנן האט געזאגט פון וואנען ווייסען מיר אז ביי יודין איז ניטא קיין מזל. ווארום עס שטייט אין פסוק ירמיה הנביא האט געזאגט. אזוי האט גאט געזאגט איר זאלט אייך ניט לערנען דעם וועג (דעם פירונג) פון די פעלקער: וועט איר ניט דארפין מורא האבין פאר די צייכונגס פון הימעל. די פעלקער האבין מורא פאר די צייכונגס פון הימעל. נאר די וואס דינען צוא שטערין דארפין מורא האבין פאר די צייכונגס (מזלות) פון הימעל. אבער די יודין דארפין ניט מורא האבין פאר די צייכונגס (מזלות) פון הימעל ווארום מיט זייערע תפלות אונ צדקות קענען זייא ענדערין דעם מזל פון שלעכט צו גוטין. אונ רב האלט אויך אז די יודין זענען ניט אונטער דעם מזל. ווארום רב יהודה האט געזאגט פון רבס וועגין פון וואנען ווייסען מיר אז די יודען זענען ניט אונטער דעם מזל. ווארום עס שטייט אין פסוק גאט האט אויס גיצויגען אברהם פון דעם ארט וואו ער איז גיוועזן. אברהם האט געזאגט פאר גאט רבונו של עולם מיין הויז מענטש וועט מיך ירשענען. ודאס מיינט מען מיין קנעכט אליעזר) האט גאט געזאגט צו אברהם. ניין. נאר דער וואס וועט ארויס גיין פון דיינע גידערים. (דיין קינד וואס וועט פון דיר געבארין ווערין וועט דיך ירשענען) האט אברהם געזאגט פאר גאט רבונו של עולם איך האב גיקוקט אין די שטערין אונ איך האב גיזעהן אז איך וועל ניט געבארין קיין קינד. האט גאט געזאגט צו איהם גיי ארויס פון דיינע שטערין זעהערס. ווארום די יודען שטייען ניט אונטער די שטערינס. (די מזלות): וואס מיינסטו פאר וואס וועסטו ניט האבין קיין קינדער ווייל דער מזל צדק שטייט אין מערב זייט. אונ דוא ביסט געבארין אין מזל צדק. אונ מערב זייט איז א קאלטער ארט. דריבער קענסטו ניט געבארין קיין קינדער. איך וועל אומקערין דעם מזל צדק אונ וועל איהם שטעלין אין מזרח זייט. דארט איז ווארעם. וועסטו שוין קענען האבען קינדער. דאס מיינט דער פסוק ווער האט דער וועקט פון מזרח זייט. דעם מזל צדק האט גאט גירופען פון מערב ער זאל קומען אין מזרח. פון אברהמס וועגין. זאגט די גמרא אונ פון שמואל ווייסען מיר אויך אז די יודען זענען ניט אונטער דעם מזל. ווארום שמואל אונ אבלט זענען אמאהל גיזעסין. האבען זיי גיזעהן ווי מענטשין גייען אויף דעם גראז. האט אבלט געזאגט צו שמואל דער מענטש גייט אונ ער וועט ניט צוריק קומען. ווארום א שלאנג וועט איהם אביס געבין אונ ער וועט שטארבין. האט שמואל געזאגט צו אבלט אויב דער מענטש איז א יוד וועט ער צוריק קומען. ווי זייא זענען אזוי גיזעסען איז דער מענטש צוריק גיקומען. איז אבלט אויף גישטאנען אונ האט אויף געבונדען די משא וואס דער מענטש האט גיטראגען אונ ער האט גיפונען איינוויניג דעם שלאנג צוא האקט אויף

בתרתי גובי: בב׳ מחיצות שקלנו עם הקני׳ בלא (ידוע): מרמיק בהדדי. מטילין פת (לס) לכל המבורר כאחת ואוכלין יחד והאחד גובה מכולם: אנא קאימנא ומרמינא. אגבה ואשים סלי: שואי נפשאי כמאן דשקלי מיניה. עשיתי עצמי כגובה כימנו ונתתי משלי הלקי: לא ממיתה רעה. ומיתה מיתה משונה ימות אלא ממיתה עצמה מצלת ונותנת חיים: כלדאי. חוזה בכוכבים: (דלתא. גתבהם): למכבנתא. מבקא של זהב שים בו סם בראשה: דיסתנאי. אמנכטריימון: ובעי

הויא דפסיק ושדי בתרתי גובי. אמר ליה שמואל מאי עבדת אמר ליה כל יומא הוי מרמינן ריפתא בהדי הדדי ואכלינן האידנא הוה איכא חד מינן דלא הות ריפתא בהדיה והוה קא מכסיף אמינא להו אנא קאימנא ומרמינא. כי מטאי לגביה שואי נפשאי כמאן דשקילי מיניה כי היכי דלא ליכסף. אמר ליה מצוה עבדת נפק שמואל ודרש (משלי יא) וצדקה תציל ממות. ולא ממיתה משונה אלא ממיתה עצמה. ומדרבי עקיבא נמי אין מזל לישראל דרבי עקיבא הויה ליה ברתא אמרי ליה כלדאי ההוא יומא דעיילא לבי גננא טריק לה חויא ומיתא. הוה דאיגא (מילתא) [אמילתא] טובא ההוא יומא שקלתה למכבנתא דצתא בגודא איתרמי איתיב בעיניה דחויא. לצפרא כי קא שקלה לה הוה קא סריך ואתי חויא בתרה אמר לה אבוה מאי עבדת אמרה ליה בפניא אתא עניא קרא אבבא והוו טרידי כולי עלמא בסעודתא וליכא דשמעיה קאימנא שקלתי דיסתנאי דיהבית לי יהבתיה ניהליה. אמר לה מצוה קעבדת נפק רבי עקיבא ודרש וצדקה תציל ממות ולא ממיתה

---

* צווייטער. אזוי וויא ער האט גיהאקט דיא האלץ האט ער צו האקט דעם שלאנג. אונ ער האט אליין ניט גיוואוסט. האט שמואל גזאגט צו דעם מענטש וואס פאר א מצוה האסטו איצט גיטאהן. האט דער מענטש גזאגט צו שמואל אלע טאג גייט איינער פון אונז אונ נעמט צוא זאמען פון יעדען אשטיקל ברויט אונ מען לייגט אריין דיא ברויט אין איין קארב אונ מיר עסין אלע צו זאמען. איצט איז גיוועזן איינער פון אונז וואס ער האט ניט גיהאט קיין ברויט. אונ איך האב גיוואוסט אז ער האט ניט קיין ברויט. אונ ער וואלט גיוויס פאר שעמט גיווארין. האב איך גזאגט איך וועל גיין צו זאמען נעמען די ברויט. אז איך בין גיקומען צו דעם מענטש וועם האט ניט גיהאט קיין ברויט. האב איך מיך גימאכט גלייך ווי איך נעם פון איהם ברויט אונ איך האב גיגעבין פון מיין ברויט זיין חלק אויך. ער זאל ניט פאר שעמט ווערין. האט שמואל גזאגט צו דעם מענטש ווייל דוא האסט גיטאהן א מצוה דריבער האט דיך גאט מציל גיוועזן פון דעם שלאנג. איז שמואל ארויס גיגאנגען אונ האט גידרשנט עס שטייט אין פסוק צדקה איז מציל פון טויט. ניט נאר פון א מיתה משונה (פון א אום נאטירליכען טויט) איז צדקה מציל. נאר אפילו פון א נאטירליכען טויט איז אויך צדקה מציל. אונ אז מען גיט צדקה לעבט מען לאנג. זאגט די גמרא פון רבי עקיבא ווייסען מיר אויך אז יודין זענען ניט אונטער דעם מזל. ווארום רבי עקיבא האט גיהאט א טאכטער. דיא שטערין זעהער האבין גזאגט צו רבי עקיבא דעם טאג וואס דיין טאכטער וועט גיין צו דיא חופה וועט איר ביישען א שלאנג אונ זי וועט שטארבען. האט רבי עקיבא שטארק גיזארגט אויף דער זאך. דעם טאג פון איר חופה האט זי גינומען איר גאלדענע בעקל פון איר קאפ אונ האט אריין גישטעקט אין וואנט. האט זיך גיטראפען זיא האט אריין גישטעקט דיא בעקל אין דעם אויג פון א שלאנג. אין דער פריה ווייא זיא האט ארויס גינומען די בעקל פון וואנט. האט זיך נאך גישלעפט דער שלאנג נאך איר. האט דער פאטער רבי עקיבא גזאגט צוא זיין טאכטער. וואס פאר א מצוה האסטו גיטאהן וואס גאט האט דיך מציל גיוועזן פון דעם שלאנג. האט זיא גזאגט צום פאטער פארין נאכט איז גיקומען א ארעם מאן אונ האט גירופען ביי דיא טיר מען זאל איהם עפענען. אונ אלע מענטשין פון שטוב זענען גיוועזן באשעפטיגט מיט דער סעודה. אונ קיינער האט ניט גיהערט ווייא דער ארעם מאן האט גירופען. בין איך אויף גישטאנען אונ האב גינומען מיין חלק עסין וואס דוא האסט מיר גיגעבין אונ האב דאס גיגעבין דעם ארעם מאן. האט רבי עקיבא גזאגט צו זיין טאכטער ווייל דוא האסט גיטאהן א מצוה דריבער האט דיך גאט מציל גיוועזן פון ד..ב

סמיתה משונה אלא ממיתה עצכה. ומדרב נחמן בר יצחק נמי אין מזל לישראל: דאימיה דרב נחמן בר יצחק אמרי לה כלדאי בריך גנבא הוה. לא שבקתיה גלויי רישיה אמרה ליה כסי רישיך כי היכי דתיהוי עלך אימתא דשמיא ובעי רחמי. לא הוה ידע אמאי קאמרה ליה. יומא חד יתיב קא גריס תותי דיקלא נפל גלימא מעילוי רישיה דלי עיניה חזייה לדיקלא אלמיה יצריה סליק פסקיה לקיבורא בשיניה:

רחמי. בקש רחמים שלא ישלוט בו יצר הרע: קיבורא. אשכול תמרים והדקל לא היה שלו. פ״י:

סליק מסכת שבת

שְׁלַאנְג. אִיז רַבִּי עֲקִיבָא אַרוֹיס גִינַאנְגֶען אוּנ הָאט גִידַרְשֶׁת עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק צְדָקָה אִיז מַצִיל פוּן טוֹיט. נִיט נָאר פוּן אַמִיתָה מְשׁוּנָה (פוּן אַאוּמ-נַאטִירְלִיכֶען טוֹיט) אִיז צְדָקָה מַצִיל. נָאר אַפִילוּ פוּן אַנִיטַיינְלִיכֶען טוֹיט אִיז אוֹיךְ צְדָקָה מַצִיל. אוּנ אַז מֶען גִיט צְדָקָה לֶעבְּט מֶען לַאנְג. זָאגְט דִיא גְמָרָא פוּן רַב נַחְמָן בַּר יִצְחָק וַוייסֶען מִיר אוֹיךְ אַז יוּדִין זֶענֶען נִיט אוּנְטֶער דֶעם מַזָל. וָוארוּם דִיא שְׁטֶערִין זֶעהֶער הָאבִּין גִזָאגְט צוּא דִיא מוּטֶער פוּן רַב נַחְמָן בַּר יִצְחָק דַיין זוּהְן וֶועט זַיין אַגַנָב. הָאט דִי מוּטֶער נִיט גִילָאזִין רַב נַחְמָן זָאל גֵיין אוֹיף גִידֶעקְט דֶעם קָאפּ. דִיא מוּטֶער פְּלֶעגְט אָלֶע מָאל זָאגֶען צוּ רַב נַחְמָן דֶעק צוּ דַיין קָאפּ דִיא מוֹרָא פוּן גָאט זָאל זַיין אוֹיף דִיר. אוּנ זָאלְסְט בֶּעטִין בַּיי גָאט דֶער יֵצֶר הָרָע זָאל נִיט גִיוָועלְטִיגֶען אוֹיף דִיר. רַב נַחְמָן פְּלֶעגְט נִיט ווִיסֶען פַאר וָואס דִיא מוּטֶער זָאגְט אַזוֹי צוּ אִיהם. עֶר הָאט אַמָאהל גִיטְרָאפִין אַטָאג אִיז רַב נַחְמָן גִיזֶעסִין אוּנְטֶער אַטֵייטֶל בּוֹים אוּנ הָאט גִילֶערוּנְט. אִיז אַרָאפּ גִיפַאלֶען דִיא קְלֵייד (וַויין הִיטֶעל) פוּן זַיין קָאפּ. הָאט רַב נַחְמָן אוֹיף גִיהוֹיבִּין זַיינֶע אוֹיגִין אוּנ הָאט גִיזֶעהְן דֶעם טֵייטֶל בּוֹים מִיט דִיא טֵייטְלֶען. הָאט דֶער יֵצֶר הָרָע זִיךְ גִישְׁטַארְקְט אוֹיף אִיהם אוּנ עֶר אִיז אַרוֹיף גִינַאנְגֶען אוֹיף דֶעם בּוֹים אוּנ הָאט אָפּ גֶערִיסֶען אַצְווַייגִיל טֵייטְלֶען מִיט דִיא צֵיין. אוּנ דֶער בּוֹים אִיז גִיוֶוען אַפְרֶעמְדֶער. אִיז מְקוּיָם גִיוָוארִין דִי רֵייד פוּן דִי שְׁטֶערִין זֶעהֶער אַז רַב נַחְמָן וֶועט זַיין אַגַנָב:

הושע ו . אלא יהיה אלא לפי דבריו: ואתנה מטר. משמע דהטל היה יורד כבר כדרכו : זיק . לשון היזק : נרתקו . כלי שמניח הרופא

א אמר רבי יהושע בן לוי אם עשו שפתותיו של אדם תנובה מבושר שנשמעת תפלתו שנאמר (ישעיה נז) בורא ניב שפתים וגו'. כשם שתחיית המתים חיים הם לעולם כך ירידת גשמים חיים לעולם . רבי חייא שמע לה מן הדא (הושע ו) יחיינו מיומים וגו' וסמיך ליה ונדעה נרדפה לדעת את ה' וכתיב (שם) ויבא כגשם וגו' מכאן ראיה . כתיב (מלכים א יז) ויאמר אליהו התשבי מתושבי הגלעד אל אחאב חי ה' אלהי ישראל אשר עמדתי לפניו אם יהיה השנים האלה טל ומטר כי אם לפי דברי רבי ברכיה ורבנן חד אמר על המטר נשמע לו ועל הטל לא נשמע לו וחד אמר בין על הטל בין על המטר נשמע לו מאן דאמר על המטר נשמע לו על הטל לא נשמע לו מן הדא (שם יח) לך הראה וגו' ואתנה מטר וגו'. ומ"ד בין על הטל ובין על המטר נשמע לו איכן הותר נדרו של טל אמר רבי תנחומא אדעתיה סבורין לומר נדר שהותר מקצתו הותר כולו . ואי בעית איםא בבנה של צרפית שנאמר (שם יז) ויקרא אל ה' וגו' הגם על האלמנה אשר אני וגו' אמר רבי יונה לאחד שגנב נרתקו של רופא עד שהוא יוצא נפצע בנו חזר אצלו ואמר ליה אדוני הרופא רפא את בני אמר

א אָמַר רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי אויב דִי לֶעפְּצֶען פוּן מֶענְטְשִׁין רֵיידִין דִי תְּפִלָּה בְּהֵדֶר און עֶר הָאט נִיט קֵיין טָעוּת אִיז עֶר אָנְגִיזָאגְט אַז זַיין תְּפִלָּה אִיז גִיהֶערְט גֶעוָוארֶען וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק גָאט הָאט בַּשַׁאפֶען דִי רֵייד פוּן מֶענְטְשִׁין . אַז עֶר רֶעט אָן אַטָעוּת . זָאל עֶר וִויסֶען אַז עֶס אִיז שָׁלוֹם. אַזוֹי וִוי אַז דִי מֵתִים וֶועלֶען לֶעבֶּעדִיג וֶוערֶען . אִיז דָאךְ דָאס לֶעבִּין אוֹיף דִי וֶועלְט. אַזוֹי אַז עֶס נִידֶערְט רֶעגִין . אִיז דָאס לֶעבֶּען אוֹיף דִי וֶועלְט . רַבִּי חִיָּיא וֵוייס דָאס פוּן דֶעם פָּסוּק . הוֹשֵׁעַ הַנָּבִיא הָאט גְזָאגְט עֶר זָאל אוּנְז לָאזֶען לֶעבֶּען פוּן צְוֵויי טֶעג נָאהֶענְט צוּ דֶעם פָּסוּק שְׁטֵייט נָאךְ אַפָּסוּק מִיר וֶועלִין וִויסֶען מִיר וֶועלֶען נָאךְ יָאגִין צוּ וִויסֶען גָאט אוּן נָאךְ שְׁטֵייט אִין פָּסוּק עֶר וֶועט קוּמֶען צוּ אוּנְז אַזוֹי וִויא אַרֶעגִין. פוּן דַאנֶען וֵוייסֶען מִיר אַז רֶעגִין אִיז גְלַייךְ מִיט לֶעבֶּען . ווייל עֶס שְׁטֵייט יְחַיֵּינוּ מִיוֹמַיִם וְיָבֹא כַגֶּשֶׁם. עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אֵלִיָּהוּ הַתִּשְׁבִּי וְדָאס אִיז אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא) פוּן דִי אַיינְוואֹהנֶער פוּן גִלְעָד הָאט גְזָאגְט צוּ אַחְאָב אַזוֹי וִויא גָאט לֶעבְּט . וָואס אִיךְ בִּין גֶעשְׁטַאנֶען פַאר אִים אויב אִין דִי יָאהְרִין וֶועט זַיין טָאה אוּן רֶעגִין . נָאר אַז אִיךְ וֶועל זָאגֶען עֶס זָאל זַיין רֶעגִין . וֶועט זַיין רֶעגִין . רַבִּי בְּרַכְיָה וְרַבָּנָן קְרִיגֶען אֵיינֶער זָאגְט אוֹיף רֶעגִין הָאט מֶען גִיפָאלְגְט אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא . אוּן עֶס אִיז נִיט גִיוֶועןקֵיין רֶעגִין . אוּן אוֹיף טָאה הָאט מֶען אִים נִיט גִיפָאלְגְט ; נָאר טָאה אִיז יָא גִיוֶוען . אוּן אֵיינֶער זָאגְט סַיי אוֹיף טָאה אוּן סַיי אוֹיף רֶעגִין הָאט מֶען אִים גֶעפָאלְגְט. אוּן עֶס אִיז נִיט גִיוֶועןקֵיין טָאה אוּן נִיטקֵיין רֶעגִין . דֶר וָואס זָאגְט אוֹיף רֶעגִין הָאט מֶען אִים גִיפָאלְגְט אוּן אוֹיף טָאה הָאט מֶען אִים נִישְׁט גִיפָאלְגְט וֵוייס עֶר פוּן דֶעם פָּסוּק ווייל גָאט הָאט גִיזָאגְט צוּ אֵלִיָּהוּ . גֵיי וֶוער גִיזֶעהֶן צוּ אַחְאָב . וֶועל אִיךְ גֶעבִּין רֶעגִין . אוּן גָאט הָאט נִיט גְזָאגְט רֶעגִין אוּן טָאה . ווייל טָאה הָאט נִיט אוֹיפְגִיהֶערְט צוּ גֵיין . אוּן דֶער וָואס זָאגְט סַיי אוֹיף טָאה אוּן סַייא אוֹיף רֶעגִין הָאט מֶען אִים גֶעפָאלְגְט וָוא הָאט מֶען אִים מַתִּיר גִיוֶוען דֶעם נֶדֶר פוּן טָאה הָאט רַבִּי תַּנְחוּמָא גְזָאגְט נָאךְ דֶעם תַּנָא וֶועלִין מִיר מוּזִין זָאגֶען אנדר וָואס מֶען הָאט מַתִּיר גִיוֶוען אַבִּיסֶעל פוּן אִים . אִיז עֶר מוּתָּר גֶעוָוארֶען אִין גַאנְצֶען . ווייל מֶען הָאט מַתִּיר גִיוֶוען רֶעגִין . אִיז שׁוֹין טָאה אוֹיךְ מוּתָּר גֶעוָוארֶען . אויב דוּ ווילְסְט וֶועל אִיךְ דִיר זָאגֶען אַיין אַנְדֶער תֵּירוּץ וֶוען אֵלִיָּהוּ הָאט גִיוָואלְט לֶעבֶּעדִיג מַאכְען דֶעם זוּהְן פוּן דִי צָרְפִית. הָאט מֶען אִים מַתִּיר גִיוֶוען דֶעם נֶדֶר פוּן טָאה. וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אֵלִיָּהוּ הָאט גֶערוּפֶען צוּ גָאט אוֹיף דִי אַלְמָנָה וָואס אִיךְ וואֹהן מִיט אִיר הָאסְטוּ אוֹיךְ שְׁלֶעכְטֶס גִיטָאהן צוּ טֵייטֶען אִיר זוּהְן : הָט רַבִּי יוֹנָה גְזָאגְט דָאס אִיז גְלַייךְ אֵיינֶער הָאט גִינְבֵבְתּ אַקֶעסְטִיל מִיט מֶעדִיצִין פוּן אַדאקְטָאר . וִוי דֶר גַנָּב אִיז נָאר אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען מִיט דִי קֶעסְטֶעל מֶעדִיצִין הָאט דֶער זוּהְן פוּן גַנָּב בֶּעקוּמֶען אַמַּכָּה אִיז דֶער גַנָּב אַרַיין גֶעגַאנְגֶען צוּם דָאקְטָאר אוּן זָאגְט צוּם דאקְטָאר

כלי אומנתו לתוכו: ככל. עניני עוה"ז שככם נתונים תחת כוכבים ומזלות אבל זרע אברהם

ליה לך והחזר את הנרתק שכל מיני רפואות נתונין שם ואני מרפא את בנך כך אמר הקב"ה לאליהו לך והתר גדרו של טל שאין המתים חיים אלא בטללין ואני מחיה בנה של צרפית. ומנין שאין המתים חיים אלא בטללין דכתיב (ישעיה כו) יחיו מתיך נבלתי יקומון וגו' כי טל אורות טלך. אמר רבי יעקב דכפר חנין בשעה שעשה אברהם זקנך רצוני נשבעתי לו שאיני מזיז טל מבניו לעולם מ"ט (תהלים קי) לך טל ילדותך וכתיב בתריה נשבע ה' ולא ינחם ואין ילדותך אלא עולם של הבל כמה דאת אמרת (קהלת יא) כי הילדות והשחרות הבל ואף על פי כן לך טל ילדותך. אמר רבי יהודה בן פזי נתתיו לאברהם מתנה דכתיב (בראשית כז) ויתן לך האלהים כטל השמים וגו'. אמר רבי שמואל בשעה שישראל באין לידי עבירות ומעשים רעים הגשמים נעצרים והם מביאין זקן אחד כגון רבי יוסי הגלילי והוא מפגיע בעדם והגשמים יורדים אבל הטל אינו יורד בזכות בריה לעולם ומאי טעמא (מיכה ה) כטל מאת ה' גו' אשר לא יקוה לאיש ולא ייחל לבני אדם. אמר רבי יוחנן ברית כרותה הלומד הגדה מתוך הספר לא במהרה הוא משכחה. רבי תנחומא אמר הסובר תלמודו לא במהרה הוא משכח ומאי טעמא (דברים ד) פן תשכח את הדברים אשר ראו עיניך וגו'

אמר

מיין האר דאָקטאָר היילט מיין זוהן. זאָגט דער דאָקטאָר צום גנב גיב מיר צוריק די קעסטיל וואָס אַלע ערליא מעדיצינען ליגען דאָרט וועל איך היילין דיין זוהן. אָבער אַז דו האָסט צו גענומען די מעדיצינען מיט וואָס וועל איך היילין דיין זוהן. אַזוי האָט גאָט געזאָגט צו אֵלִיָהוּ דו האָסט אַנדער גיטאָהן עס זאָל ניט זיין קיין טאָה. אונד דו ווילסט איך זאָל לעבעדיג מאַכין דאָס קינד גיי זיי מתיר דעם נדר פון טאָה וואָרום מתים קענען אַנדערש ניט לעבעדיג ווערין נאָר מיט טאָה וועל איך לעבעדיג מאַכען דעם זוהן פון די צָרְפִית. אונ פון וואַנען ווייסען מיר אַז די מתים ווערען אַנדערש ניט לעבעדיג נאָר מיט טאָה וואָרום עס שטייט אין פסוק דיינע מתים וועלין לעבען די טויטע וועלין אויף שטיין. וואָרום אַטאָה פון ליכטיגקייט איז דיין טאָה. רַבִּי יַעֲקֹב פון דאָרף חָנִין האָט געזאָגט גאָט האָט געזאָגט צו אֵלִיָהוּ ווען דיין זיידע אַבְרָהָם האָט גיטאָהן מיין ווילען האָב איך געשוואָרען צו אים אַז איך וועל קיין מאָהל ניט אַוועק נעמען טאָה פון זיינע קינדער. וואָס איז דער טעם. פון וואַנען ווייסען מיר אַז עס איז אַזוֹ. ענטפערט דער יְרוּשַׁלְמִי. ווייל דָוִד הַמֶּלֶךְ האָט געזאָגט. גאָט האָט געזאָגט צו אַבְרָהָם צו דיר וועט זיין דער טאָה פון דיין יוגענד. דער נאָך שטייט אין פסוק גאָט האָט געשוואָרין אונ ער וועט ניט חֲרָטָה האָבען. דיין יוגענד מיינט מען דיא וועלט. וואָס זיא איז אין גאַנצען נאַרעש אַזוי ווי שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ האָט געזאָגט די יונגע אונ די פריהע יאָהרען זענען נאַרעש פון דעסטוועגען אפילו זיי זענען נאַרעש צו דיר וועט זיין דער טאָה פון דיין יוגענד. דער טאָה פון די וועלט וועט אייביג זיין ביי דיינע קינדער איך וועל זיי געבין די וועלט די נאַרעשע אויך. רַבִּי יְהוּדָה בֶּן פַּזִי האָט געזאָגט גאָט זאָגט דעם טאָה האָב איך גיגעבען אַמַתָּנָה צו אַבְרָהָם אַזוי ווי עס שטייט אין פסוק גאָט וועט דיר געבין דיא טאָה פון הימל. רַבִּי שְׁמוּאֵל האָט געזאָגט ווען יודען קומען צו עבירות אונ צו שלעכטע מַעֲשִׂים ווערען די רעגין אויף געהאַלטען אונ זיי ברייגען אַ אַלטען מאַן. אַזוי ווי רַבִּי יוֹסֵי הַגְלִילִי אונ ער בעט פון זייערטוועגען נידערט רעגין. אָבער טאָה נידערט ניט אין דעם זְכוּת פון אַמענטש קיין מאָל. פאַר וואָס. ווייל אין פסוק שטייט אַזוי. אַזוי ווי טאָה וואָס עס קומט נאָר פון גאָט. וואָס דער טאָה האָפט ניט אויף אַמענטש. אונ וואַרט ניט אַז אַמענטש זאָל בעטען פון זיינעטוועגען ער זאָל קומען. רַבִּי יוֹחָנָן האָט געזאָגט גאָט האָט כּוֹרֵת בְּרִית געווען. ער האָט צו געזאָגט ווער עס לערונט אַגדתות פון אַספר. ניט אויסוויינג. ניט געשווינד וועט ער פאַרגעסען. רַבִּי תַּנְחוּמָא זאָגט דער וואָס לערונט אונ פאַר שטייט גוט וואָס ער לערונט וועט ער ניט געשווינד פאַרגעסען. פאַר וואָס. אַזוי וויא עס שטייט אין פסוק טאָמער וועסטו פאַרגעסין די זאַכען וואָס דיינע

אמר רבי יוחנן כל המציע תלמודו בצנעא לא במהרה הוא משכח שנאמר (משלי יא) ואת צנועים חכמה. ריש לקיש מהגי באורייתא סגיא הוה נפיק ליה לבר מן תחומא דשבתא ולא ידע לקיים מה שנאמר (שם ה) באהבתה תשגה תמיד. רבי יודן ברבי ישמעאל הוה מהגי באורייתא סגיא הוה נפיק וגולתיה שרעא מיניה והוא לא ידע לקיים מה שנאמר באהבתה תשגה תמיד:

בקל"ה בפלמו מבגית עליהם: וגולהא פרעא מניה. לבוש שהיה מתגולל בו נפל היפנו ולא היה מבגית בו:

סליק סדר שבת

אוֹיגֶען הָאבֶּען גִיזֶעהֶן. דְרִיבֶּער טוּז דֶער מֶענְטְשׁ טָאהְן אַזֶעלְכֶע זַאכֶען אַז דִי תּוֹרָה זָאל פוּן אִיהְם נִיט פַארְגֶעסֶען וֶוערֶען. רַבִּי יוֹחָנָן הָאט גֶזָאגְט דֶער וָואס פַארְשְׁפְּרֵייט זַיין לֶערְנֶען וֶוער לֶערוּנְטֶן אִין אַבֶּעהַאלְטֶענֶעם אָרְט. קֵיינֶער זָאל נִיט ווִיסֶען. וֶועט עֶר נִיט גֶעשְׁווִינְד פַרְגֶעסֶען. אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דִי חָכְמָה אִיז מִיט דִי בֶּעהַאלְטֶענֶע. רֵישׁ לָקִישׁ אִיז אַמָאהְל גֶעוֶועזְן שְׁטַארְק פַאר טְרַאכְט אִין דֶער תּוֹרָה. אוּנ דָאס אִיז גִיוֶוען אוּם שַׁבָּת אִיז עֶר אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען פוּן שְׁטָאט ווַייטֶער ווִיא אַתְּחוּם שַׁבָּת אוּנ עֶר הָט נִיט גֶעווּאסְט. צוּ מְקַיֵים זַיין וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק. דוֹרָה אִיר לִיבְשַׁאפְט (פוּן דִי תּוֹרָה) זָאלְסְטוּ זַיין פַאר אִירְט. זָאלְסְט אַלֶע מָאהְל זַיין פַארְטְרַאכְט אִין דִי תּוֹרָה אַז דוּ זָאלְסְט הָאבֶּען אַטָעוּת אִין אַנְדֶערֶע זַאכֶען. רַבִּי יוּדָן בְּרַבִּי יִשְׁמָעאֵל אִיז אַמָאהְל גִיוֶוען שְׁטַארְק פַארְטְרַאכְט אִין דֶער תּוֹרָה עֶר אִיז אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען אִין גַאס אוּנ זַיין מַאנְטִיל אִיז פוּן אִים אַרָאפּ גֶעפַאלֶען אוּנ עֶר הָט נִיט גֶעווּאסְט. צוּ מְקַיֵים זַיין. וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אִין דִי לִיבְשַׁאפְט פוּן דִי תּוֹרָה זָאלְסְטוּ אַלֶע מָאל טְרַאכְטֶען. אַז דוּ זָאלְסְט אֲפִילוּ אוֹיסְזֶעהְן ווִי אַשׁוֹטֶה. דֶער מַאנְטִיל זָאל פוּן אִים אַרָאפּ פַאלֶען אִין גַאס. אוּנ עֶר זָאל גָ־ נִיט ווִיסֶען:

הספר הזה שייך
לר' שלמה משה בן יהודה רבינאוויץ
[illegible] נורט קורלינע

Mr. S. M. Rabinowitz
High Point N.C.

[illegible]

[illegible]

Mr. J. M. Rabinowitz

High Point N.C.